STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00985

Y.M. VAYSENBERG

Pearl Weissenberg-Akselrod

Permanent preservation of this book was made possible by
Emmanuel Farber
in memory of
Ruth Wilma Farber

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מ. ווייסענבערג

זיין לעבן און שאַפן

ב י אָ ג ר אַ פ י ע

י. מ. ווייסענבערג

זיין לעבן און שאַפן

1878־1938

פון

פערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד

אַרויסגעגעבן פון י. מ. ווייסענבערג בוכפאָנד

מאָנטרעאָל, 1986

I. M. WEISSENBERG
ZEIN LEBN UN SHAFN
(HIS LIFE AND WORKS)
1878-1938

by

Pearl Weissenberg-Akselrod

Copyright © 1986 by
P. Weissenberg-Akselrod
Montreal, Que., Canada

Photocomposition by
EMPIRE PRESS
550 EMPIRE BLVD. • BROOKLYN, N.Y. • (718) 756-1473

Printed by

ADLER PRINTING REG. MONTREAL • 735-6577

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון סובסידיעס פון

דער ייִדישער פונדאַציע פון גרעיטער מאָנטרעאָל
און
דער ייִדישער פונדאַציע פון מאַניטאָבאַ.

ד אַ נ ק ז אָ ג ו נ ג

מיין טיפע דאַנקבאַרקייט — וואָס דער דאָזיקער דאַנקאויסדרוק קאָן קוים דעקן — אַלע פריינד, חברים און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אויף פאַרשידענע אופנים זיך מיטבאַטייליקט אינעם דערשיינען פון דעם בוך: —

דעם קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס,
דער קאַנאַדער פונדאַציע פאַר ייִדישער קולטור, טאָראָנטאָ,
דער פינחס און חיה הובערמאַן פונדאַציע, וואַנקווּוער,

פאַר זייערע סובסידיעס; —

דעם **י. מ. ווייסענבערג בוכפאָנד־קאָמיטעט,** און ספּעציעל דעם אויספיר־

קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל, בראש מיט שיינדל עלבערג, וואָס אַ דאַנק איר איניציאַטיוו איז דאָס דערשיינען פון דער ביאָגראַפיע געוואָרן אַ רעאַליטעט; —

בערל פּאָפּעלים, פאַר זיין מיטהילף ביים אָרגאַניזירן די אונטערנעמונג; —

דעם דערציִער און שרייבער יעקב זיפּער ע״ה, פאַר זיינע באַמיִונגען און אַרויסגעוויזענעם אינטערעס אינעם דערשיינען פון דעם בוך; —

ליבע שיינבלום און רבקה פּאָפּעלים, פאַר זייער טעכנישער הילף; —

דעם דערציִער און איבערזעצער שלמה וויסמאַן ע״ה, פאַר די וואָגיקע קריטישע באַמערקונגען; —

דעם דיכטער און לערער משה־מרדכי שאַפּיר, פאַר זיין אומדערמידלעכקייט און אַרויסגעוויזענער פיינער באַציִונג ביים לייענען דעם מאַנוסקריפּט, און פאַר אַ צאָל ערנסטע קאָרעקציעס; —

ד״ר רות וויס, פּראָגראַם פאַר ייִדישע לימודים, מעקגיל אוניווערסיטעט, מאָנטרעאָל, פאַר אַן עצה טובה; —

יעקב באָום וואָס האָט ״אומאָפיציעל״, אָבער מיט זעלטענעם אינטערעס און איבערגעגעבנקייט, געזען דעם בוכפאַנד צו שטאַרקן; —

אַלעקס ראַבין ע״ה, פאַר זיינע באַמיִונגען אין לאָס־אַנזשעלעס, פאַר דעם זעלביקן צוועק; —

דעם דיכטער שׂמחה סימכאָוויטש, פאַר זיין איניציאַטיוו צו שאַפן אַ בוכפאַנד אין טאָראָנטאָ; —

שׂרהן ראָזענפעלד וואָס אַ דאַנק אירע באַמיִונגען איז דאָס בוך סוף־סוף אַרויס; —

דער ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק, מאָנטרעאָל, פאַר אַדמיניסטרירן דעם י. מ. וויסענבערג בוכפאָנד, און פאַר לאָזן מיך נאָכאַנאַנדיק אַריינקוקן אינעם עפּע־מיראָל; —

דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייִוואָ, פאַרן דערמיגלעכן מיר נאָכצוקוקן די נייטיקע מאַטעריאַלן, און פאַר לאָזן מיך באַניצן זיך מיט דער וויסענבערג־קאָרעספּאָנדענץ; —

דעם בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי, ירושלים, פאַר געבן מיר דעם צוטריט צו די נייטיקע מאַטעריאַלן פאַר דעם בוך; —

און אחרון אחרון, דעם עסייִסט יצחק גאָלדקאָרן, פאַר זיין ״וואָרט פאָרויס״.

Acknowledgments

I wish to express my thanks to Mr. David Rome, historian with the National Archives, Canadian Jewish Congress, Montreal; Mr. Brad Sabin Hill, qurator, Hebraic Section, The Jacob M. Lowy Collection, National Library of Canada; Professor Peter McNally, Graduate School of Library Science, McGill University; and the Reference Department of the same University for their methodical advise in compiling this bibliography.

אינהאַלט

א וואָרט פֿאָרויס / xi

אַריינפֿיר / xxiii

1 קינדהייט און יוגנט / 1

2 דער לאַנגיאָריקער ראָמאַנס און ענדלעכער נצחון / 12

3 מיר ציִען זיך איבער קיין וואַרשע / 22

4 אָנהייב פֿון ווייסענבערגס פֿאַרלעגערישער טעטיקייט / 34

5 די נסיעה קיין אַמעריקע / 42

6 עלעקטאָראַלנע 14 / 66

7 "אינזער האָפֿענונג" / 89

8 ווייסענבערגס צוגאַנג צו ליטעראַרישע ווערטן / 116

9 ווייסענבערגס בליק אויף אַנדערע קונסטגעביטן / 140

10 די זאָרג פֿאַרן יונגן טאַלאַנט / 162

11 אין קאַמף מיט גראַפֿאָמאַניע / 175

12 י. מ. ווייסענבערגס ווערק / 185

13 טלאָמאַצקע 13 / 226

14 די אַטוואַצקער „ליניע" / 239

15 צוריק אין וואַרשע / 257

16 קונסט אַקעגן חשבון / 269

17 ערב דער קאַטאַסטראָפֿע / 285

18 לעגיאָנאָוואָ, די לעצטע סטאַנציע / 300

הוספֿה **א:** אָפּקלײב פֿון י. מ. ווייסענבערגס קאָרעספּאָנדענץ / 312

הוספֿה **ב:** י. מ. ווייסענבערג אין שפּיגל פֿון דער קריטיק / 324

ראשי־תּיבֿות און קירצונגען / 387

הערות:

I. קאַפּיטלען 1־18 / 388

II. הוספֿה **א** 398

III. הוספֿה **ב** 399

ביבליאָגראַפֿיע:

I. י. מ. (א. מ.) ווייסענבערגס ווערק / 401

II. ציטירטע קאָרעספּאָנדענץ / 420

III. ציטירטע ווערק / 420

זוכצעטל פֿון נעמען / 427

אילוסטראַציעס

צווישן זייטן 68 און 69

דאָס הויז וווּ ווייסענבערג איז געבוירן געוואָרן
ווייסענבערג אין דער יוגנט
ווייסענבערג אין עלטער פון פינף און צוואַנציק און דרייסיק יאָר
י. מ. ווייסענבערג־עקסליבריס אויף פּאָסטקאַרטל
י. מ. ווייסענבערג־עקסליבריס
דאָס הויז אויף זשרודלאַנע־גאַס וווּ ווייסענבערג האָט געוווינט
נאָטיץ וועגן גאַס אויף ווייסענבערגס נאָמען
י. מ. ווייסענבערג, לאה און פּישל בימקאָ
ווייסענבערג, צייכענונג פון חנוך גליצענשטיין
אַ גרופּע שרייבערס אין די צוואַנציקער יאָרן אין וואַרשע
ש. אַנ—סקי לייענט דעם דבוק פאַר אַקטיאָרן און שרייבערס

צווישן זייטן 115 און 116

ווייסענבערג מיט אַ גרופּע שרייבערס אין ניו־יאָרק
ווייסענבערג, צייכענונג פון הענרי בר־לעווי
ווייסענבערג, פונעם איילבילד פון נ. קאָזשען
ליטעראַרישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס וואָס ווייסענבערג האָט אַרויסגעגעבן
ווייסענבערג, זיין פרוי, זיינע תּלמידים און פריינד
דריי פּראָמינענטע שרייבערס פון איין תּקופה
י. מ. ווייסענבערג־עקסליבריס
ווייסענבערג אין 1936 און 1937

צווישן זייטן 238 און 239

גנענדל, ווייסענבערגס עלטערע טאָכטער און איר מאַן יחיאל־פּייוול ראָטשטיין
די ראָטשטיין־משפּחה אין שוועדן
זעליק אַקסעלראָד, פּערל ווייסענבערגס מאַן
זעליק און פּערל אַקסעלראָד
פּערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה
גנענדל ווייסענבערג־ראָטשטיין אין טרויער נאָך איר מאַן
ווייסענבערגס טעכטער און אייניקלעך
פּערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד און יהודיתל ראָטשטיין, ווייסענבערגס אייניקל

צווישן זייטן 311 און 312

גנענדל ווייסענבערג ביי איר פֿאָטערס פֿרישן קבר

די אַנטהילונג פֿון דער מצבֿה אויפֿן קבר פֿון י.מ. ווייסענבערג

דאָס פּרעזידיום פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די יידן אין פּוילן

די דעלעגאַציע פֿון דער רעדאַקציע פֿאָלקס־שטימע

קרענץ פֿון פֿאַרשידענע דעלעגאַציעס צו דער אַנטהילונג פֿון דער מצבֿה

צו ווייסענבערגס צוואַנציקסטן יאָרצייט אויפֿן גענשער בית־עולם

ביי ווייסענבערגס קבר

ווייסענבערגס מצבֿה לויטן פּראָיעקט פֿון חיים האַנפֿט

„ער איז געקומען פֿון פֿאָלק און געשריבן פֿאַרן פֿאָלק" — אויפֿשריפֿט אויף דער מאַרמער־פּליטע.

אַ וואָרט פאַרויס

יצחק־מאיר ווייסענבערג — דער קינסטלער און דער מענטש

י. מ. ווייסענבערג געהערט צו דעם זעלטענעם טיפּ קינסטלערס, וועמעס שעפערישקייט און פּערזענלעכקייט זענען היינו־הך, וועמעס טאַלאַנט איז נישט סתם קיין צופעליק „שיין קול״, נאָר איז געקנופּט און געבונדן דורך אינטימע פעדעם מיטן מענטש גופא.

ווי אַ לעגענדע איז אויפגעגאַנגען, און וועט זיך טראָגן איבער דורות דער נאָמען פון דעם שרייבער פון דעם שטעטל זשעלעכאָוו, וואָס האָט אויפגעשיינט אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט אין דער אויפגייענדיקער ייִדישער ליטעראַטור מיט זיינע מייסטערהאַפטע ווערק, און וואָס האָט שפּעטער געפירט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַרן ערלעכן, לויטערן קינסטלערישן וואָרט, אַן דעם „שעטנז״ פון ליטעראַרישער פּאָליטיק און פּאָליטיזירטער ליטעראַטור, באַזונדערס קעגן קליינלעכער פּאָליטיק.

ביאָגראַפיעס פון שרייבערס פון אַ גרויסן פאָרנעם זענען בכלל זייער וויכטיק; באַזונדערס איז דאָס וויכטיק ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ שרייבער ווי ווייסענבערג, וועמעס לעבן, שאַפן און ליטעראַריש־קולטורעלע מלחמות זענען אַ פּירוש אויף דעם קינסטלער — און פאַרקערט. איז טאַקע אַ וויכטיקע קולטור־עובדה דאָס ביאָגראַפישע ווערק פון ווייסענבערגס טאַלאַנטירטער טאָכטער, פּערל אַקסעלראָד, וואָס האָט מיט אַ סך פּיעטעט און פלייס אויפגעשטעלט דעם ליטעראַטור־היסטאָרישן מאָנומענט נאָך איר גרויסן פאָטער.

ווי אַ קינסטלער־דערציילער איז י. מ. ווייסענבערג אומפאַרגלייכלעך אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זיין שאַרפן חוש־הראיה, מיט זיין גבורה פון אויסקריצן פון דעם רעאַליטעט־חומר פיגורן, וואָס זענען מאָנומענטאַל אין דער שלימות פון זייער אויסדריקלעכקייט, אויב נישט לויט זייער כּמותדיקן פאָרנעם: אין דער לעבעדיקייט פון יעדן שטריך, וואָס איז נישט קיין קאָפּיע, קיין רעאַליסטישע פאָטאָגראַפיע, נאָר לעבעדיקער, קאָנצענטרירטער ווי לעבן. פאַראַן אין זיינע איכותדיק־גרויסע ווערק אַ דאָסטאָיעווסקישע שאַרפקייט פון קאָנטורן אין די שילדערונגען פון די פאַרשיידענע דערנידעריקטע און באַליידיקטע פון גורל, פון מענטשלעכער ברוטאַלקייט, אָדער קאָנווענציעס פון אַ באַשטימטער סביבה („קריינדעלע״, „די משוגענע אין דאָרף״, „פון רבינס הויף״, „דער אָרעמער יונג״ און אַנדערע). ס׳איז אויך פאַראַן די ענלעכקייט צווישן אים און דעם רוסישן גאון אין די שילדערונגען פון דעם געראַנגל צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן איידלקייט און גראָבקייט, הגם די איידלקייט ווערט אָפט אין זיינע ווערק פאַרקרעפּערט גראָד אין פּראָסטע טיפן, פון וועלכע עס שיינען אַרויס ניצוצות פון מענטשלעכקייט און איידלקייט, אין קעגנזאַץ צו „פיינע לייט״, ביי וועלכע די פיינקייט איז אַ מין „פאַ־

קאַסט״, וואָס פאַרדעקט דעם דזשאַנגל פון זייערע רויע אינסטינקטן און כאַראַקטער־מיאוסקייט.

ווען מע לייענט ווייסענבערגס ווערק ווערט מען מיטגעריסן מיט דעם נאַטירלעכן שטראָם; מע ווערט פאַרכאַפּט פון זיין רייכער געשטאַלטיקונג פון נשמהדיקער טיפקייט, פון דער פּראָבלעמאַטישקייט פון מענטש, פון לעבן, אויף אַ דירעקטן, אוממיטלבאַרן וועג, און נישט דורך פּראָבלעמאַטישע מעדיטאַציעס. די דינאַמישקייט, די קוועקזילבערדיקע רירעוודיקייט פון די העלדן פון זיינע דער־ציילונגען איז ממש ווונדערלעך. יעדעס בילד, יעדער דיאַלאָג איז אָריגינעל, זאַפטיק און אָנגעמאָסטן פּסיכאָלאָגיש פאַר דעם געשילדערטן טיפּ. אַפילו זיינע פשוט־רעאַליסטישע דערציילונגען, ווי „אַ טאַטע מיט בנים״, צייכענען זיך אויס מיט אַן אומבאַשרייבלעכן חן, אייגנאַרטיקן קאָלאָריט און קינסטלערישן רעליעף. נאָך מער זענען דאָס זיינע שילדערונגען פון אומגעצוימטע עמאָציעס — ליבע, ליידנ־שאַפט, אייפערזוכט און שׂנאה — אין אַזעלכע קורצע דערציילונגען, ווי „געברענגט אַ סוד״, „אין דער שטיל״, „אָפּגעשטויסן״, „אַ שלעכטע פרוי״ און אַנדערע, וואָס פאַרמאָגן אַן אומגעהויערן דראַמאַטישן „אויפרייסשטאָף״, אַן אָנגעגליטע אַטמאָספער.

ווייסענבערגס פּערסאָנאַזשן זענען געשילדערט אויפן הינטערגרונט פון אַ לעבעדיקער נאַטירלעכער און סאָציאַלער אַטמאָספער. זייערע האַנדלונגען און דראַמאַטישע פינאַלן ווערן האַרמאָניזירט דורך שילדערונגען פון דער אַרומיקער נאַטור, וואָס באַקומט פאַרב, טאָן און לעבן דורך דעם גרויסן קינסטלער. ווי אַ טיפער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה, פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, ברענגט ער אַרויס דאָס אייביקע — די אומצייליקע וואַריאַציעס פון דעם טראַגישן און קאָמישן, וואָס קאָנען באַצייכנט ווערן ווי די מענטשלעכע טראַגיקאָמעדיע. ער איז דער שילדערער פון דעם גורל, פון די „גורל־ביינדלעך״, וואָס פאַלן אויס אין פאַרשידענע פּערזענלעכקייט־קאָמבינאַציעס, האַנדלונגען און סיטואַציעס. — דער גריכישער פילאָסאָף העראַקליטוס האָט געהאַלטן, אַז דעם מענטשנס כאַראַקטער איז זיין גורל. (אין דעם ענדגילטיקן אַנאַליז איז דאָס אפשר בלויז אַ האַלבער אמת, ווייל דער מענטשלעכער כאַראַקטער־גורל איז דאָך אַליין באַשטימט דורך דעם גורל — צי פון אַטאָמען, צי פון דער השגחה העליונה.) ווייסענבערגס ווערק זענען קינסטלערישע באַלייכטונגען פון דעם מענטשנס טונקעלן גורל־כאַראַקטער, פון דעם דראַמאַטישן געראַנגל פון דעם יחיד מיט די פיינטלעכע כוחות אין דער פאָרעם פון ברוטאַלע, רשעותדיקע טיפּן, אָדער אַן אומגינסטיקער סביבה. דער מחבר פון „אַ טאַטע מיט בנים״, „דור הולך ודור בא״ און אַ שטעטל איז נישט בלויז אַ שאַרפער רעאַליסט, נאָר אַ סופער־רעאַליסט. ער גיט אונדז נישט בלויז קיין אייגנאַרטיק בילד מיט פיינע ניואַנסן פון דער מענטשלעכער פיזיאָנאָמיע, נאָר אויך — פאַקטיש דער עיקר — אַ „רענטגען״־בילד, וואָס ווייזט דעם מענטש מיט די ביינער — זיין אינערלעכן פּסיכישן מעכאַניזם, זיין כאַראַקטער און מענטאַליטעט. כאַראַקטעריסטיש פאַר ווייסענבערגן דעם וועגווייזער פון די מענטשלעכע נשמה־לאַבירינטן, זענען שוין בלויז די נעמען פון זיינע דערציילונגען און ביכער:

גורלות, וואָס לאָכן; „ווי דער גורל פירט", „אַ רעטעניש" און אַזוי ווייטער. אין זיי און אין אַנדערע האָט ער אונדז געגעבן אַ קינסטלערישע אַנדייטונג צו דעם גרויסן „רעבוס" מענטש, צו דער „שאַראַדע" וועלט.

די פאַרשידענע ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע קוואַליפיקאַציעס און עטיקעטן אויף ליטעראַרישע ווערק, ווי רעאַליזם, ראָמאַנטיציזם, נאַטוראַליזם, סורעאַליזם, און אַפילו אַזעלכע עלעמענטאַרע דיפערענצירונגען, ווי פּאָעזיע און פּראָזע, זענען נישט צוטרעפלעך אין דעם פאַל פון אַזאַ אָריגינעלן שרייבער ווי ווייסענבערג. די „עטיקעטן" זענען נישט פּאַסיק, ווייל זיינע ווערק פאַרמאָגן גלייכצייטיק פאַרשידענע שיכטן און מדרגות. זיינע ווערק זענען באַזירט אויף דעם רעאַלן באָדן; אָבער, ווי יעקבֿס לייטער זענען זיי „וראשו מגיע השמימה". זיינע סאָמע — פּראָזאַישע שילדערונגען פאַרמאָגן אָן אונטערטאָן פון ראָמאַנטיק און אַפילו פון סימבאָליזם, ווי דאָס איז זיין קלאַסישע קורצע דערציילונג „אַ פּאָמניק", אין וועלכער מען פילט ממש אַ הויך פון אייביקייט אויפן הינטערגרונט פון אַ דאָרפישער פּאַנאָראַמע. ווייסענבערג, דער פּראָזאַיִקער פּאַר עקסעלאַנס, איז גלייכצייטיק אַ גרויסער נאַטור־פּאָעט. דער סקולפּטאָר פון ערדישע פיגורן איז אין דער זעלבער צייט אַ גרויסער ליריקער און באַזינגער פון צאַרטקייטן און איידעלער ראָמאַנטיק. ער איז דער מאָלער פון אַ רעמבראַנדטיש־בין־השמשותדיקן „העל־טונקל", פון אַן אינטויִטיוו־מיסטעריעזער אַטמאָספער, וואָס הילט אַרום דעם מענטש און די נאַטור. ער איז דער זעלבער מייסטער אין די שילדערונגען פון יחידים, ווי פון מענטשן־מאַסן, און אַפילו פון דער „טויטער" נאַטור, וואָס ווערן גאַלוואַניזירט מיט זיין קינסטלערישער דינאַמיק און שפּאַנונג. אַוודאי, מיר זעען אָפט אין זיינע דערציילונגען ווילד־יונגערישקייט, און אַפילו גוואַלדטאַטן און פיזישע ברוטאַלקייט, ווי, למשל, אין די ווערק פון דעם פראַנצויזן פּראָספּער מערימעי, דעם רומענער פּאַנאַיִט איסטראַטי און דעם קאָלאָמביאַנער גאַבריעל גאַרסיאַ מאַרקעז. אָבער ביי ווייסענבערגן איז דאָס אַ סך געמילדערט („יידישע גזלנישקייט"). ס'קומט זעלטן צו מאָרד און זעלבסטמאָרד, ווי אין זיין „אין דער שטיל" און „אָפּגעשטויסן"; און זיכער נישט צו די סאַדיסטישע אויסברוכן ווי ביי די אויבן דערמאָנטע שרייבערס (מיטן אויסנעם פון דער מאַקאַברישער סצענע אין דעם פינאַל פון זיין דראַמע דער לוין פון ליבע).

ס'זענען געווען (און ס'זענען פאַראַן) טייל קריטיקערס, וואָס האָבן אַראָפּגעדונגען פון ווייסענבערגס גרויסקייט מיטן מאָטיוו, וואָס ער האָט כּלומרשט נישט געשאַפן קיין „פאַרנעמיקע" ווערק, קיין „ברייטע לייוונטן", ווי אויך צוליב דעם וואָס ער האָט געשאַפן וואָכעדיקע, פּרימיטיווע געשטאַלטן און איז, דעריבער, געווען „פּראָווינציעל". די בעל־טענהס האָבן קענטיק נישט באַגריפן, אַז גייסטיקע און קינסטלערישע גרויסקייט קאָן נישט געמאָסטן ווערן מיטן מעטער; אַז טשעכאָווס קורצע נאָוועלן זענען קינסטלעריש גרעסער ווי גאָרקיס גרויסע ראָמאַנען — צו נעמען בלויז איין ביישפּיל; און אַז פּראָווינציעלקייט איז נישט אָפּהענגיק פון דעם ווינאָרט. מ'קאָן זיין קאָסמאָפּאָליטיש־אוניווערסאַל אין אַ דאָרף, און פּראָווינציעל אין אַ גרויסער מעטראָפּאָליע.

אַגב, וואָס שייך דער אומגערעכטער טענה, אַז ווייסענבערג האָט נישט געגעבן קיין „ברייטע קאַנוועס", איז זי אויך אומבאַגרינדעט פון דעם שטאַנדפונקט. די טענה ווערט אָפּגעלייקנט דורך זיין ברייט — און טיף — פאַרמאָסטן ווערק אין דער טיפער אייביקייט. אין דעם גרויסן ווערק, פון וועלכן עס זענען אַרויס בלויז די ערשטע 2 בענד, ווערן אין אַן אַלעגאָרישער פאָרעם געשילדערט מענטשן און חיות — די גאַנצע טראַגיקאָמעדיע פון אונדזער עקסיסטענץ. ווייסענבערג, דער טיפער פּסיכאָלאָג און דענקער, באַווייזט דאָרט אויף אַ קינסטלערישן אופן, איבער־צייגנדיקער ווי אַלע פילאָסאָפיעס, אַז די פּראָבלעמען פון מענטש און וועלט בלייבן אַן אייביקע „תיקו"; אַז נישט בלויז איז, צוליב דער ספּעציפישער אייגנאַרט פון דעם מענטשנס אינערלעכער קאָנסטרוקציע, זייער ווייט די געהאָפטע פולשטענדיקע דערלייזונג, נאָר אַפילו די צייטלעכע לייזונג פון גרונטפּראָבלעמען. דאָס צעשטערט ווערן פון די מאַנוסקריפּטן פון די ווייטערדיקע בענד בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע אין סעפּטעמבער 1939 — און אַוודאי ווייסענבערגס פּריצייטיקער טויט אין 1938 — איז אַן איבערגעריסן ליד, אַ ריזיקער פאַרלוסט פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

ווייסענבערג, וואָס באַוועגט זיך פלינק אין דעם נשמה־לאַבירינט אַ דאַנק זיין אינטויִטיווער ריכטשנור, איז באַזונדערס אַנטפּלעקנדיק ווי אַ פאָרשער און אויספאָרשער פון דער פאַרבאָרגענער סטראַטעגיע אויפן פראָנט פון ליבע, אויפן שלאַכטפעלד פון עראָס, אויף וועלכע ס'קומען כסדר פאָר קאַמפן, מיט געפאַלענע, פאַרוווּנדעטע, געפאַנגענע און פאַרלוירענע. ער מאָלט אַ ניואַנסן־ און קאָנטראַסטן־רייכע פּאַנאָראַמע, אַנהייבנדיק פון אַזעלכע אָפּשטויסנדיקע פּרא־אדמס, ווי דער געלער און שוואַרצער בעטלער מיט זייער חיהשער „ליבע" אין „קריינדעלע" — ביז צום סאַמע לויטערן שיר־השירים אין „אַ וואַלד־מיידל". די פּסיכאָלאָגישע זיגזאַגן פון די פאַרליבטע און די מיסטעריע פון ליבע ווערן אַרויסגעברענגט מיט שאַרפע שטריכן אין אַזעלכע דערציילונגען, ווי „אַ רעטעניש", „ווי דער גורל פירט", „אייפער און געוויסן" און אַנדערע.

ווייסענבערג איז אַ גרויסער מייסטער פון הומאָר און סאַטירע, וואָס גיבן צו לעבן און דינאַמיק דעם כאַראַקטער־פּאָרטרעט פון זיינע פּערסאָנאַזשן, אַ שטייגער די באַשרייבונג פון יצחקלס מוטער אין „פון רבינס הויף":

...קומט די האַלבע נאַכט, זיצט זי ביי אַ האַלב־גראַשנדיק ליכטעלע און ציילט שטיל און קלינגט שטיל. און איר אויער פאַרנעמט דעמאָלט אַזוינע זיסע קלאַנגען פון דעם געלטעניו... פון דעם געלטעניו... אַז קיין בעסערע שירה דאַרף מען שוין אין הימל פון די מלאכים נישט הערן, ווי זי הערט דאָ אויף דער ערד. און נישט איינמאָל טראַכט זי, שוין ליגנדיק אויפן געלעגער, נאָך דעם ווי זי האָט שוין דאָס ליכטעלע פאַרלאָשן, און נישט געלאָזט עס ברענען קיין איבעריקע רגע נאָך די שמאַטקעלעך צוריק איינפּאַקן, אַז ווען מען זאָל זי פרעגן אויף יענער וועלט, וואָס פאַר אַ גן־עדן ווילסט דו? וואָלט זי געזאָגט: זיצן און ציילן געלט. מער נישט ווי די צוויי ווערטער. דערביי פאַלט איר איין: אויב ס'איז אמת, ווי מען זאָגט, אַז אין גן־עדן זענען פאַראַנען געפלאַסטערטע ווענט, טאַ ווּהין וועט זי אירע שמאַטקעלעך קענען

פאַרשטעקן? און זי קלערט זיך באַלד איבער, אַז זי וועט זיך אויסבעטן אויף מען זאָל איר געבן צוריק דאָס שטיבל פון דער וועלט: וואָס טויגן מיר געפּלאָסטערטע ווענט... — וועט זי מכלומרשט זאָגן אין אַ געלעכטערל — געפּלאָסטערטע ווענט זענען פאַר די ווייבער, וואָס האָבן מאַנען...

נישט זעלטן איז די בליציקע סאַטירע אַ פובליציסטיש־טענדענציעזע דיגרעסיע, אַריינגעפּלאָכטן אין אַ דערציילונג, וואָס הגם זי איז נישט קינסטלעריש נויטווענדיק, איז זי אָבער מלא־חן, ווי די סאַטירע אין דער דערציילונג „אייפּער און געוויסן" וועגן „ד"ר שפּרינגזאָן, ד"ר מעקלערזאָן און ד"ר טענצער אויף אַלע חתונות־זאָן". ער זאָגט דאָרט אַז אַ געוויסע אינסטיטוציע עקסיסטירט ווי די רוסישע דעפּאַרטעמענטן, כדי עס זאָלן זיין טשינאָווניקעס, אָבער דער אָביעקט פאַר דעם דעפּאַרטעמענט פעלט. מיר ווייסן נישט אויף וויפל די סאַטירע אין דעם באַזונדערן פאַל שטימט: זי איז אָבער ווי אָנגעמאָסטן אויף פאַרשידענע געביטן פון לעבן, ווו ס'פירן די „גרענדע" די ד"ר כאַפּזאָנס, ד"ר עגאָזאָנס און ד"ר האַקט־אַ־טשייניקזאָנס. און דעם אמת וועגן דעם אוניווערסאַלן בלאָף האָט שוין אויסגעדריקט שעקספּיר אין זיין סאָנעט „דהי ווירלדס וועי" און מיטן מויל פון זיין העלד באַסאַניאָ (אין דהי מערטשאַנט אָף ווענים): „דהי ווירלד איז דיסיווד וויד אָרנאַמענט" („די וועלט איז אָפּגענאַרט דורך אויסערלעכן גלאַנץ"). ווייסענבערגס סאַטירע פאַרמאָגט די פּיקאַנטקייט, די דורכדרינגלעכע שאַרפקייט פון די קאַריקאַטורן פון אַ גאָיאַ און דאָמיע. ער האַמערט אויס זיינע נעגאַטיווע פיגורן, די ענגהאַרציקע און קליינע מענטשעלעך, מיט שאַרפע פּראָפילן, וועמעס שטריכן זענען קאַרבירט מיט זיין געניאַלן קינסטלערישן „זויערס". ער שילדערט זיינע ווולגאַרע געשטאַלטן מיט אַזאַ פּיקאַנטן חן, וואָס שטעלט זיי אַוועק אין איין ריי מיט אַזאַ מייסטערווערק, ווי דאָמיעס „די דריי מאַטלערינס".

* * *

ווייסענבערג איז אויך אָן אויסערגעוויינטלעכע דערשיינונג ווי אַ פּערזענלעכקייט. אַוודאי, עס זענען פאַראַן אויבן־אויפיקע סתירות אין זיין שאַפן און פּערזענלעכקייט, און צווישן זיי גופא. אין תוך, אָבער, איז דאָס אַ סינטעז פון פּאָלאַריטעטן, אַ קאָמפּליצירטע אייניקייט פון דעם מענטש און דעם קינסטלער, פון דעם שרייבער און דעם ווערק. די נשמהדיקע „באַשטאַנדטיילן" פון דעם ווייסענבערג־פענאָמען זענען: נאַטור־סטיכיע און שיינקייט, העלדישער מוט, בונטאַרישקייט און ערלעכקייט אין דער ליטעראַטור און אין לעבן.

אַליין געקומען פון די אָרעמע פּאָלקסשיכטן — און אַזוי יחידיש־אַריסטאָקראַטיש אין פאַרשידענע אַספּעקטן פון כאַראַקטער, אַזוי דורכדרינגלעך סיי אין זיין אַנאַליז פון דעם ווולגאַרן געשמאַק פון דעם מאַסנמענטש און סיי אין זיין אַריינבליק אין דער דערהויבענער ספערע פון דעם סובטילן יחיד; אַליין אַ שילדערער (אין זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד) פון פּרימיטיווע און „רויע" טיפּן — און גלייכצייטיק אַ הומאַניסט אין בעסטן זין פונעם וואָרט, אַ מענטש וואָס האָט געשטרעבט צו עכטקייט, ערלעכקייט און איידלקייט אויף אַלע געביטן פון לעבן און

קונסט; אַליין געווען נישט בלויז דער וועגווייזער — פאַר אַנדערע — נאָר אויך דער וועגגייער. ס'וואָלט געפּאַסט צו באַניצן דאָס וואָרט „אידעאַליסט", אָבער די באַצייכענונג איז געוואָרן אַזוי אויסגעליידיקט פון יעדן אינהאַלט, און אַפילו פאַר־שמוציקט דורך טייל „באַניצערס", אַז מען דאַרף, אַנשטאָט דעם, פּשוט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ זוכער פון — און אַ קעמפער פאַר — אמת און שיינקייט.

ער, וואָס איז געווען איינער פון די וועלטלעכסטע און „פּראָזאַיִשסטע" יידישע שרייבערס, איז אין תוך געווען אַ גרויסער פּאָעט, וואָס האָט געדינט דער קונסט מיט אַ רעליגיעזן פײַער, און האָט זי דערהויבן צו אַ רעליגיעזער קאַטעגאָריע פון אַ „הויכן אוניווערסום".

אין זיינע פּאָלעמישע שריפטן, בעל־פּה און אין דיגרעסיעס אין זיינע קינסטלערישע ווערק, האָט ווייסענבערג דעמאַסקירט און אַטאַקירט אָרגאַניזירטע צביעות, אינדיווידועלן אָפּאָרטוניזם און אַנשטעל. ער האָט געקעמפט ווי אַ דאָן קיכאָט — נישט מיט ווינטמילן, נאָר מיט די מאָדערנע „מילן", געטריבענע דורך אַזוי פיל ענערגיע, וואָס האָבן געאַרבעט און אַרבעטן — נישט כּדי צו פּראָדוצירן מעל, נאָר כּדי די רעדער און רעדלעך אַרום זיי זאָלן זיך דרייען. נישטאָ קיין ווייץ, קיין קאָרן, און אַפילו נישט קיין קלײַען, אָבער די מילן רוישן און טומלען, און די רעדער דרייען זיך.

ווייסענבערגס גאַנצע שעפערישקייט איז דראַמאַטיש; אָבער די גרעסטע דראַמע איז געווען זיין לעבן. ער איז געווען דער טראַגישער דראַמעהעלד, וואָס האָט געפירט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַר זיינע פּרינציפּן און אידעעס, פאַר וועלכע ער האָט זיך מקריב געווען.

די גאַנצע אינטעלעקטועל־מאָראַלישע פּוסטקייט פון די עטיקעטן־מאַכערס, און פון די וואָס רעכענען זיך מיט זיי, קומט צום אויסדרוק אין דעם עטיקעט פון אַן אומגעבילדעטן, פּראָסטן מענטש, וואָס טייל אויבערפלעכלעכע אינטעליגענטן האָבן צו אים „צוגעטשעפּעט".

ס'איז באמת קאָמיש: קליינע מענטשעלעך, וואָס האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ הויכן פּלאַץ, באַצייכענען דעם ריז ווי אַ קאַרליק. ער האָט, כּלומרשט, געהאַט באַגרענעצטע האָריזאָנטן, וכדומה. אמת, ער איז אפשר נישט געווען אַזאַ פלינקער פּיעכאָטניק ווי זיי, אָבער ער האָט געקענט פליִען ווי אַן אָדלער. ער האָט נישט אָפּערירט, ווי טייל אַנדערע שרייבערס, מיט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „אידעאַל", „עסטעטיק", און ווייניק מיט „מאָראַל"; אָבער זיין לעבן און זיינע שריפטן זענען דורכגעזאַפּט און קאָלירט מיט די פיינע גייסטיקע שטאָפן.

ווייסענבערג איז געווען אַ זוכער, מאַנער און וועגווייזער, וואָס האָט נישט געפירט קיין „טיש" און „שטאָט". ער האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין פּערזענלעכע קאַריערע און פּראָווען וועלטלעכע „רביסטווע". ער האָט נישט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון שרייבער איז צו ציילן מעדאַלן און פּרעמיעס ווי אַ קרעמער זיינע גראָשנס. ער האָט, ווי אַ נביא, געשליידערט זיינע וואָרטבליצן אויף די כּהנים פון פאַרשידענע ליטעראַרישע עבודה־זרהס, אויף די נביאי־הבעל פון דער ביליקער רעקלאַמע, פּאָליטישער קאַקעטעריע און פאַרקויפטקייט צום געשמאַק פון דער

גאַס. בנוגע דעם גייסטיקן אַריסטאָקראַט און כאַראַקטער־נאָבלמאַן, און די וואָס האָבן אים פאַרשריגן, איבערדרעשנדיק אַלטע שטרוי־אַרגומענטן, קאָן מען אָנווענדן די שיינע אַלעגאָריע פון מדרש: „ניצוץ אחד יצא ממפוח שלך ויכלה אותו". איין פונק פון ווייסענבערגס מאַכטיקן טאַלאַנט — און דאָס גאַנצע ביסל אינטעלעקטועלע פלאַקס פון די קרעמערלעך ווערט פאַרברענט.

דער פיל פון אמת איז אָפט אַ הארבער און ביטערער, און ער ווערט געוויינטלעך געגעבן אין אַ זיסער שאָל. ווייסענבערג האָט אויסגעטיילט זיינע הארב־ביטערע אמת־פילן אָן שאָלן, אָן „פּאַרזיסונגען" — און ס'איז געווען זייער שווער און פיינלעך זיי אַראָפּצושלינגען.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַטאַקירטע און אַרונטערגעריסענע האָבן נישט געקאָנט אים באַצאָלן מיט קאָמפּלימענטן: מענטשלעכע, פאַרשטענדלעכע פניות. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז עס זענען אויך געווען אַזעלכע, פון אים קריטיקירטע, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גרויסקייט פון כאַראַקטער און ערלעכקייט (בראָדערזאָן, י. מ. ניימאַן) און האָבן שפּעטער געשריבן וועגן אים מיט דער העכסטער לויב.

אין זיין ענטפער אויף אַן אַנקעטע פון די וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער אין די 30ער יאָרן לערך, צווישן יידישע שרייבערס, ווער ס'זענען די גרעסטע (אָדער זייערע באַליבסטע) יידישע פּראָזאַיִקערס און פּאָעטן, האָט בראָדערזאָן אַרויסגעהויבן י. מ. ווייסענבערגן פון די פּראָזע־שרייבערס און משה־לייב האַלפּערן פון די דיכטערס.

אין ווייסענבערגס פּאָלעמיק, וואָס ער האָט געפירט יאָרן לאַנג — הויפּטזאַכלעך אין די צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן — איז געקומען צום אויסדרוק זיין אייביקער געראַנגל קעגן דעם ליטעראַרישן מאַרק און ליטעראַריש־קולטורעלע מאַרק־הענדלערס. דער „מאַרק" האָט געוואָרעמט מיט „קולטור", „אידעען" און „קונסט". אָבער פון רעדן וועגן בראָנפן ווערט מען נאָך נישט שיכור; און רעדן וועגן קולטור און קונסט איז נאָך נישט קיין קולטור און קונסט. ער האָט אָבער אויך קריטיקירט שאַפערישע שרייבערס, און אַפילו דעם סאַמעראָדנע שלום אַש, פאַר זיין פּאָליטיק פון רעקלאַמע און געיעג נאָך פּאָפּולערקייט.

„אַש, וואָס טוסטו?" איז געווען ווייסענבערגס כאַראַקטעריסטישער אַרויסרוף און פאַרוואורף צו דעם באַרימטן פּראָזאַיִקער, וועמעס גרויסער חסרון איז געווען דאָס „קוקן צום עולם אין זאַל", דאָס רעכענען זיך מיט דעם אָפּרוף פון דער „גאַלעריע" און פון „דרויסן". ער האָט געשטראָפט אַשן פאַר זיין פלירט מיטן „פּאַליק", פאַר זיין אָנשטעל, וואָס איז אים, ווייסענבערגן, געווען אָרגאַניש פרעמד. ער האָט געהאַלטן, אַז כבוד־פּאָליטיק, ביליקע „פּובליסיטי" און רעקלאַמע־געיעג זענען שטאָפן וואָס פאַרזשאַווערן אַפילו אַזאַ איידל מעטאַל, ווי ליטעראַטור.

ווייסענבערגס פּאָלעמיק איז געווען אַ מלחמה מיט די אָרגאַניזירטע קולטור־קרעמלעך, וואָס פלעגן צוטיילן קאַלאַריעס־אָרעמע קולטור־פּאַרציעס. ער האָט געקעמפט קעגן אַ דערשיינונג, וואָס איז באַזונדערס אָנזעעוודיק אין יידישן לעבן — די גרופּעס און יחידים, וואָס האָבן די קולטור און ליטעראַטור אין „אַרענדע". און אַט קעגן די מאָדערנע „בעלי־טאַקסע", די קולטור־ און ליטעראַטור־

אַרענדאַרן, וואָס „פאַנעווען" אין אונדזער סביבה, האָט ווייסענבערג, דער פּלינקער גיבור ואיש־מלחמה, געקעמפט מיט זיין פאַלעמישן פּיילנבויגן. אין זיין רובריק „ביכער און מענטשן", אין אינזער האָפענונג, האָט ער געשריבן, אַז „אין אַ ליטעראַטור... זענען דאָ מעקלערס ווי ביי אַלע אַנדערע בראַנזשעס. און פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע סחורות איז דער אָפּזעצער [צושטעלער] אָפּהענגיק אַן דער רעקלאַמע, וועלכע ליגט אויסשליסלעך ביי די מעקלערס אין די הענט...‚ אַזוי דאָ אויך — אין דער ליטעראַטור". ער באַטאָנט אָבער, אַז „שאני הכא" אַזאַ צושטאַנד טאָר נישט הערשן אין די ליטעראַרישע געמאַרקן:

> ווי איז אָבער מיט די געשמאַק־זאַכן פון דער נשמה? דאָס איז אויך געוואָרן אַ בראַנזשע און דאָ זענען אויך פאַראַן מעקלערס אַזוי גוט ווי אין אַלע אַנדערע בראַנזשעס? פאַרשטייט זיך, אַז דער טרעגער פון גייסטיקער שפּייז דאַרף זיין דער ערשטער וואָס זאָל רעאַגירן קעגן אַזאַ צושטאַנד, ווייל אויב נישט, שטייט ער אַליין און קוקט ווי מען פאַרברוטאַליזירט, פאַרגוואַלדיקט זיין מיסיע, פון וועלכער נישט נאָר עס בלייבט נישט קיין זכר, נאָר ער איז נאָך די סיבה און דער גורם צו פאַרזייען דאָס, וואָס זיין באַרוף איז צו זיין קעגן.

אויף ווייסענבערגן, ווי אויף יעדן גרויסן קינסטלער, קאָן מען זאָגן, אַז גאָרנישט מענטשלעכס איז אים פרעמד, באַזונדערס אין די פּערזענלעכע אַטאַקעס אין זיינע פאַלעמישע שריפטן, וואָס זענען טייל מאָל פיינלעך צוליב אַ וווּלגאַרן אויסדרוק, אָדער עובר זיין אויף פּובליציסטישע קאָנווענציעס. אין אַלגעמיין אָבער זענען די אַרטיקלען און עסייען געקומען פון אַ דערהויבענעם גייסטיקן קלימאַט. זיי זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער סטיכיש פון אַן־פּשרותדיקער גערעכטיקייט, פון עכטקייט און שיינקייט. די אַרטיקלען זענען באַזונדערס געווען באַטעמט צוליב זייער צוגעווירצטקייט מיט פאָלקלאָר־מעשהלעך, אַנעקדאָטן און משלים. דאָס זענען אָפט געווען פייערדיק־נביאישע שטראָפרייד אויך אויפן סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן געביט, ווי זיין עסיי „די זאָרג פאַרן פאָלק". ליטעראַרישע פּערל און אבנים־טובות זענען אויך ווייסענבערגס עסייען און ליטעראַטור־קרעדאָס, ווי „וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?" „קונסט און סוביעקטיוויטעט", „אַ שמועס מיט די ליטעראַטור פיאָנערן וועגן זייער אויפגאַבע" און אַנדערע.

אין „אַ שמועס מיט די ליטעראַטור פיאָנערן וועגן זייער אויפגאַבע" זאָגט ווייסענבערג אַרויס דעם איבערראַשנדיקן געדאַנק (מיט 50 יאָר צוריק), אַז „אַפילו מען זאָל איין אַטאָם אויפברעכן וועט די גאַנצע וועלט אויפגעבראַכן ווערן...", און אַזאַ הויכן אמת: „די קונסט איז פּראַלעטאַריש, ווען זי איז עס נישט..." אין דעם זעלבן עסיי ווייזט ער אָן אויף דעם, ווי פרעמד עס איז דעם עצם פון דער קונסט די אַריינגעפּירטע טענדענציעזקייט און אַז שיינע אידעאַלן זענען אָרגאַניש פאַראַן אין איר. ער זאָגט דאָרט, אַז די פאַרשידענע טענדענצן נעמען אַראָפּ די קרוין פון מענטשלעכער גרויסקייט, געטלעכקייט, און אַז „דאָס קענען אין תוך נאָר די, וואָס האָבן נישט פאַרזוכט דעם אָטעמהויך פון יענעם הויכן אוניווערסום, פון וועלכן די קונסט קומט, און זיי זענען דעריבער נאָר ׳שמשים׳ פון אַ בלינדער צייט..."

איצט, אין דער נאָך־אוישוויץ־עפּאָכע, נאָך די שמוציקע „ריניקונגען" פון דעם

„גולאַג־אַרכיטעקט", סטאַלין — טראָגן „קונסט" און „קינסטלער" נישט זעלטן דעם קיז־צייכן פון „נייטראַליטעט" און אַפילו פון דירעקטער אָדער אומדירעקטער מיטהילף צו די גרויליקסטע פאַרברעכנס. ס׳וועט דעריבער זיין אויפן אָרט צו באַטאָנען, אַז ווייסענבערגס קאַמף פאַר דער אויטאָנאָמיע פון קונסט און קינסטלער האָט נישט געמיינט, אַז זיי זאָלן זיך איזאָלירן אין אַ „העלפאַנדביין־טורעם". דאָס הייסט נישט, אַז ליטעראַטור און קונסט קאָנען ווערן אַן עיר־מיקלט פאַר „נייטראַלע" און שותפים צו די ערגסטע פאַרברעכנס אין נאָמען פון פאַרשידענע „איזמען"־געצן, אָדער אַז אַן „אידעאָלאָגישער" אויסוווּרף קאָן זיך מאָראַליש ראַטעווען על קרנות המזבח פון דער ליטעראַטור. ווייסענבערג האָט געהאַלטן, אַז די ליטעראַטור דאַרף זיין אומאָפּהענגיק פון פּאַרטיי־דיקטאַטן, און אַוודאי פון דיקטאַטורן און דיקטאַטאָרן. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ער האָט זי באַטראַכט ווי אַ „הייליקע קו", אַז דער שרייבער און קינסטלער איז איבער יעדער סאָציאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און כּלל־אינטערעס. פאַקטיש האָט ער פּאָלעמיזירט מיט די, וואָס האָבן געוואָלט איינשפּאַנען דעם פּאָעטישן „פּעגאַז" אין דעם פּאָליטיש־פּאַרטייאישן רייטוואָגן און טרייבן אים מיט דער בייטש פון מאַרקלאָזונגען. סוּווערענע קונסט הייסט נישט — באַפרייונג פון יעדן מאָראַלישן עול; פאַרקערט, גראָד דער פאַרראַט פון שרייבערס און קינסטלערס און זייער אויפטרעטן אין דער ראָל פון כּהנים פון פאַרשידענע פּאָליטישע „מולכס" איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרראַט פון זייער הויכן באַרוף, פון אויפגעבן די גייסטיקע סוּווערעניטעט פון ליטעראַטור און קונסט מחמת קליינלעכע, ענגהאַרציקע מאָטיוון, אָדער מורא.

אין זיינע ליטעראַרישע „אני־מאמינס" האָט ווייסענבערג קלאָר אַרויסגעברענגט דעם געדאַנק, אַז די קונסט, וואָס דאַרף זיין פריי פון יעדן אויסערלעכן צוואַנג און דרוק, האָט אַן אינערלעכע דיסציפּלין; אַז דאָס שיינע האָט אַ שייכות צום גוטן און איידעלן.

אין זיינע עסייען און פּאָלעמישע אַרטיקלען האָט ווייסענבערג אַטאַקירט די יעניקע, וואָס האָבן פאַרביליקט דאָס שעפערישע וואָרט און פאַרטומלט די ליטעראַרישע געמאַרקן מיטן „לעצטן געשריי" פון דער מאָדע; די וואָס האָבן פאַרוואַסערט די ליטעראַטור מיט פּאַרטיקע „רעצעפּטן". וואָס שייך דער דעפיניציע פון ליטעראַטור און קונסט, האָט ער בכלל אָפּגעוואָרפן די פּרוּוון פון אומשעפערישע מוחות צו אַנאַליזירן שעפערישקייט מיט דער הילף פון אַבסטראַקציעס, ווי די כעלעמער, וואָס האָבן געפּרוּווט אַריינצוכאַפּן דיַ לבנה אין אַ פאַס. גערטע, ווי ס׳האָט געשריבן עקערמאַן, דער פאַרצייכענער פון זיינע „טיש־שמועסן", האָט געלאַכט פון די עסטעטן, וואָס ברעכן זיך די קעפּ, כּדי מיט דער הילף פון אַבסטראַקטע ווערטער צו רעדוצירן צו אַ קאָנצעפּציע די אומאויסדריקלעכע זאַך, וואָס מיר באַצייכענען ווי שיינקייט. געטע האָט געהאַלטן, אַז די שיינקייט, וואָס איז אַן „אורשפּרינגלעכער פענאָמען", דערשיינט קיין מאָל נישט אַליין, נאָר איז אַן אָפּשפּיגלונג וואָס איז צו זען אין טויזנט פאַרשידענע אויסדרוקן פון שעפערישן גייסט, און איז אַזוי פאַרשידנאַרטיק ווי די נאַטור גופא. ווייסענבערג, ווי געטע און אַנדערע גרויסע „אינעווייניקסטע" אין דער קונסט־מיסטעריע, האָט אַרויסגעהויבן דעם

אינטויִטיוון און ספּאָנטאַנעם כאַראַקטער פון דער קונסט. ער האָט באַזונדערס קריטיקירט די ליטעראַטור ווי אַ „פּאַך" און די שרייבערס ווי „פּאַכלייט", ווען דאָס שרייבן פליסט נישט פון אַן אינערלעכן „מוז", געטריבן ווי אַ באַרגשטראָם פון אַ הויכן ניוואָ און לויטערן אימפּעט. דעם בעסטן באַוויז, אַז ער, און אַנדערע וואָרענערס זענען געווען גערעכט, האָבן מיר אין דער אומגעזונטער „צעוואָקסנקייט" פון דעם געשריבענעם וואָרט אין אונדזערע טעג: אַ ליטעראַטור, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דער דיקטאַטור פון דעם מאַרק־געשמאַק און מאַרק־אינטערעסן.

ווייסענבערגס קינסטלערישע אינטויִציע איז געווען אַ מין „גייגער־ציילער" ביים אויסגעפינען ווערטפולן טאַלאַנט־מעטאַל אונטער אומקולטיווירטע זאַמדשיכטן. ער האָט אַרויסגעפירט אַ גרעסערע צאָל זייער טאַלאַנטירטע שרייבערס (מערסטנס יונג־פאַרשטאָרבענע אָדער אומגעקומענע אין דעם לעצטן חורבן): אַזאַ פּאָעט ווי יחיאל לערער וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין עפּישער פּאָעמע מיין היים, חיים פלאַקס, און יבדל לחיים, יוסף פּאַפּירניקאָוו און אַנדערע; נאָוועליסטן, ווי עוזר וואַרשאַווסקי, ש. האָראָנטשיק, יחזקאל קייטלמאַן, ש. ברייִנסקי, ח. שפּערקאָ און אַנדערע. אין אינזער האָפענונג איז די פּראָזע — דערציילונגען און עסייען — געווען אויף אַ גאָר באַדייטנדיקן ניוואָ, פריש און אָריגינעל. די פּאָעזיע איז שוין נישט געווען אויף אַזאַ הויכן ניוואָ. עס זענען טאַקע אין דעם זשורנאַל געדרוקט געוואָרן לידער פריש־גרינע, אין דעם זין פון פאַנטאַזיע און אינספּיראַציע. אין אַ סך פאַלן איז אָבער די גרינקייט געווען פון אומצייטיקע עפּל. אפשר האָט ווייסענבערג זיך טועה געווען דערפאַר, ווייל ער האָט שטענדיק געזוכט און אַרויסגעהויבן נאַטירלעכקייט און עכטקייט אויפן חשבון פון געקינצלטקייט, „געמאַכטקייט". דאָס גאָלד פון דער שעפערישקייט קומט אָבער נישט „ריין"; עס מוז האָבן דעם צומיש פון אַ ווייניקער ווערטפולן מעטאַל — אַרבעט, „פּאַכמענישקייט". ווי עס זאָל נישט זיין, דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז די מערסטע אָנהייבער־מחברים פון די שוואַכע לידער אין אינזער האָפענונג זענען אומגעקומען און עס איז מיגלעך, אַז ווייסענבערג, מיט זיין אינטויִטיוון חוש פאַר שעפערישקייט, האָט דאָך זיך נישט טועה געווען, און אַז די גרינע אָנפאַנגערס וואָלטן זיך אפשר אַנטוויקלט און ס'וואָלט געווען — פאַרקערט ווי אין שמשונס רעטעניש — „ממתוק יצא עז": פון דעם זיסלעך־סענטימענטאַלן וואָלטן געקומען שטאַרקע שאַפונגען.

* * *

צווישן די טענות קעגן ווייסענבערגן איז אַרויסגערוקט געוואָרן זיין ספּעציפישע „וויכע" פּויליש־יידישע אָרטאָגראַפיע, וואָס איז נישט אָנגענומען געוואָרן און בלייבט אַ קוריאָז, באַזונדערס נאָך דעם חורבן פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום. אַ פאַקט איז אָבער, אַז אין אַ העכערן זין איז זיין „אָרטאָגראַפיע" יאָ אָנגענומען געוואָרן — אין דעם זין פון רעכט שרייבן. די ווייסענבערגישע „אָרטאָגראַפיע" אין דעם אָריגינעל־ווערטלעכן זין פון „ריכטיק

שרייבן", איז געווען אַ סטימול און אַ וועגווייזער פאַר די יונגע טאַלאַנטן. זיין גערעאַנגל און לעבנסלאַנגער קאַמף, וואָס זענען טייל מאָל געווען יוצא־דופנדיק, נישט לויטן פאָרמעלן נימוס, זענען געווען דער שאור שבעיסה, די „הייוון", וואָס האָט אויפגעוירן דאָס שעפערישע „טייג".

אויב ביי אַ טייל גרויסע קינסטלערס איז זייער לעבן אַ פּירוש אויף זייער ווערק, און זייער ווערק אויף זייער לעבן — אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע ווי ביי אַ האַמסון אָדער ווערלען, אָדער דער „פּירוש" איז מטושטש, ווי ביי אַ טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי אָדער גאָגאָל, — איז ווייסענבערגס ווערק אַן אָפּ־שפּיגלונג פון זיין גוואַלדיקער פערזענלעכקייט, און זיין פערזענלעך לעבן, — זיין גרויסע העלדישקייט, ערלעכקייט און זעלבסט־קרבן — וואַרפט אַ פיל־קאָלירנ־דיקע שיין אויף זיין שעפערישקייט. אָט די שעפערישקייט דאַרף נאָך אַ סך געפאָרשט ווערן און — ווי זיין מאָנומענטאַלע פערזענלעכקייט — אַרויס־געשטעלט ווערן אויפן פּיעדעסטאַל פון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע.

ווייסענבערגס שטערן, וואָס איז מחמת פאַרשידענע טעמים געווען אין עקליפּס, וועט נאָך — אין דעם זענען מיר זיכער — אויפשיינען אין זיין פולן גלאַנץ אויף אונדזער ליטעראַרישן האָריזאָנט.

יצחק גאָלדקאָרן

אַרײַנפֿיר

דער מאַנוסקריפּט פֿון דער דאָזיקע ביאָגראַפֿיע איז צוגעגרייט געוואָרן צום 100סטן געבוירן־טאָג און 40סטן יאָרצייט פֿון יצחק־מאיר ווייסענבערג. די אָפֿיציעלע מקורות גיבן אָן, אַז ווייסענבערג איז געבוירן געוואָרן אין 1881, אָבער ווי ער אַליין האָט מיר איבערגעגעבן קורץ פֿאַר זײַן טויט, איז ער געבוירן געוואָרן אין 1878.

זכרונות האָבן מיר, מײַן שוועסטער גנענדל און איך, בדעה געהאַט צו שרײַבן מיט בשותּפֿותדיקע כּוחות. גנענדל האָט געדענקט אַ סך פּרטים וועגן אונדזער פֿאָטער, אָבער זי איז יונגערהייט אַוועק פֿון דער וועלט, און איין טראַגעדיע האָט אין איר משפּחה נאָכגעיאָגט די צווייטע, אַזוי אַז לײדער האָבן מיר דאָס נישט געטאָן אין צײַט. איצט, ווען גנענדל איז שוין נישטאָ, פֿאַלט די אחריות פֿון דער ווײַט נישט געוויינטלעכער טעמע — וואָס באַשטייט פֿון י. מ. ווייסענבערגס ביאָ־ביבליאָגראַפֿיע און אויך זכרונות — אויף מיר אַליין. איך טרייסט זיך אָבער מיטן יידישן אָפֿאָריזם: „לא עליך המלאכה לגמור״.

די געדאַנקען און מיינונגען, וואָס ווייסענבערג האָט אַרויסגעבראַכט אין זײַנע מאמרים און פֿעלעמישע שריפֿטן, האָט מען אים אָפֿט געקענט הערן קאָמענטירן אין פֿאַרשידענע וואַריאַציעס אין שטוב, וואָס כ׳וואָלט זיי גערן געוואָלט איבערגעבן אַזוי, ווי כ׳האָב זיי אים געהערט אַרויסזאָגן. לײדער מוז איך זיי אָפֿט ציטירן פֿון זײַנע שריפֿטלעכע אַרבעטן, ווײַל די ביאָגראַפֿיע שרײַב איך ערשט קרוב צו פֿערציק יאָר נאָך זײַן פּטירה. אַ סך פֿון זײַנע רייד און האַנדלונגען זענען, צום באַדויערן, פֿאַרווישט געוואָרן אינעם זכּרון אין משך פֿון אַזוי פֿיל יאָרן, מלחמה־שרעק און וואָגלענישן.

איך גיב אין דער ביאָגראַפֿיע לענגערע אויסצוגן פֿון פֿאַרשידענע עסייען און פּאָלעמישע שריפֿטן, אָפֿט נישט גראָד לויט אַ סדר, ווײַל כ׳וואָלט געדאַרפֿט געבן אין אַזאַ פֿאַל דעם גאַנצן חיבור. אויסער בין איך צו געבן בלויז דעם תּמצית, מיטן צוועק, די פּערזענלעכקייט ווייסענבערג זאָל זיך אַרויסזען כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן. די ציטאַטן, אויך די בריוו (חוץ די פֿאַקסטאַטן פֿון זײַנע בריוו) זענען צוליב טעכנישע שוועריקייטן, נישט געגעבן אין זײַן אייגענער אָרטאָגראַפֿיע.

אין זײַן פּאָלעמיק רופֿט ווייסענבערג אָן נעמען פֿון מענטשן וואָס ער טרעט קעגן זיי אַרויס אָפֿן און שאַרף. איך גיב (מיט קליינע אויסנעמען) בלויז די איניציאַלן פֿון די אָנגעגריפֿענע פֿיגורן, ווײַל כ׳בין נישט אויסן פּורש־בשמם צו זײַן. נישט דאָס איז מײַן כּוונה, ווײַל נישט יענע מענטשן זענען דאָ וויכטיק, נאָר ווייסענבערגס רעאַקציע אויף זייערע האַנדלונגען. עס גייט מיר בלויז אין געבן ווייסענבערגן אַ גאַנצן (לויט מײַנע מיגלעכקייטן) אין זײַנע אויפֿפֿאַסונגען; אין זײַן זען די מענטשן און אין זײַן אַרויסטרעטן פֿאַר, אָדער קעגן זיי.

אַנדערע וועלן אפֿשר זאָגן, אַז ביי היינט צו טאָג זענען שוין יענע פֿאַרגאַנגענע

פאַרדראָסן און אומרעכטן נישט וויכטיק; דער מבול האָט אַלץ פאַרשוועמט, אָפּגעמעקט און — געהיילט. עס איז אָבער יאָ וויכטיק, אויב מע וויל האָבן אַן אויפריכטיק בילד פון ווייסענבערגן ווי אַ קינסטלער, ווי אַ מענטש, און פון זיינע אידעאַלן, וואָס זענען אָפט געווען אין סתירה מיט די דערשיינונגען אַרום אים: ער האָט געוואָלט מיטנעמען די מענטשן צום „שפּיץ־באַרג", בשעת זיי האָבן „געצויגן אינעם טאָל אַריין". ווען איך טו דאָס נישט, וואָלט זיך נישט באַקומען ווייסענבערג דער אינדיוויד, די פּערזענלעכקייט, נײַערט נאָך איין שרייבער צווישן אַזוי פיל אַנדערע. נאָך איז דאָ ביי אונדז אַ טענדענץ פאַרצושטעלן אַ שרייבער־פּערזענלעכקייט אַזוי גלאַטיק און אָנגענעם אָנצונעמען, ווי נאָר מיגלעך: אים פאַר־צושטעלן אַזוי, אַז ער זאָל זיין „אי צו גאָט און אי צו לייט"; פאַרטושן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן, אומאָנגענעמע סיטואַציעס, שאַרפע, אויסדריקלעכע רייד און נאָך צוגעבן אַ ביסעלע שמן־זית, ס'זאָל זיך גלאַטיק אַראָפּגליטשן...

ווען איך וואָלט אַזוי קאָנווענציאָנעל באַהאַנדלט און פאַרגעשטעלט ווייסענבערגן — וואָלט איך נישט ווייסענבערגן און אויך נישט דעם לייענער, און אַוודאי נישט דעם צוקונפטיקן פאָרשער פון יידישער ליטעראַטור־געשיכטע פון יענער תקופה, געטאָן אַ טובה; וואָלט דאָס געווען נאָך איין סטאַנדאַרט־פיגור צווישן אַזוי פיל אַנדערע. און ער איז דאָך געווען אַזוי אַנדערש. און אויסן בין איך דאָך צו געבן ווייסענבערגן אַזאַ, ווי איך האָב אים געזען אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן; ווי אַ קינסטלער און זוכער פון אמת און יושר, וואָס לויט אים מוז דער קינסטלער גיין האַנט אין האַנט מיט דער קונסט. ווען איך וואָלט באַהאַלטן, פאַרווישט זיין דרך אין דער יידישער ליטעראַטור און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיין שטעלונג צו געוויסע דערשיינונגען — וואָלט איך אים געמוזט „דעווייסענ־בערגיזירן", און דאָס האָט דאָך קיינער נישט קיין רעכט צו טאָן.

וואָס שייך די ווערק ווייסענבערגס — רעכן איך אויס בלויז אַ טייל פון זיי און שטעל זיך אָפּ אויף נאָך ווייניקער, ווייל ס'איז אוממיגלעך אין די ראַמען פון אַזאַ אַרבעט אָנצווייזן אויף אַלע זיינע שאַפונגען, וואָס פאַרלאַנגען אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג. און נאָך וויכטיקער וואָלט געווען די ווערק צונויפצוזאַמלען פון זייער פאַרוואָרפנקייט און אַרויסגעבן אַ פולן קאָמפּלעט פון ווייסענבערגס שאַפונגען, איידער די בלעטער, וואָס קרישלען זיך שוין, ווערן אין גאַנצן נעלם.

ליידער האָט אויך אונדזער צייט פון וואָגל און אומקום אַ סך צוגעהאָלפן צו דעם אַ מצב. אַרום 18 בענד פון ווייסענבערגס נישט־פאַרעפנטלעכטע ווערק זענען אָפּגעמעקט געוואָרן אין העלישן פײַער, געצונדן דורך די באַרבאַרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען אָט דאָס גרויסע אומגליק מיט זיינע כתבים איז געשען, האָט מיך גנענדל געפּרוווט טרייסטן דערמיט וואָס מיטן טויט פונעם טאַטן האָבן מיר מער אָנגעוווירן.

די פּעריאָדישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, יודישע זאַמעלביכער, דער שטראָם, אינזער האָפענונג און דער קריטיקער, וואָס ווייסענבערג האָט אַרויסגעגעבן אין משך פון צוויי יאָרצענדלינגער, זענען כמעט נישט בנמצא. דאָס איז אַ צווייטע סיבה, פאַר וואָס איך גיב לענגערע ציטאַטן. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, זענען דאָ

איינצלנע (אָפט נישט קיין פולע) קאָמפּלעטן, וואָס זענען איינגעזאַמלט און אָפּ־געהיטן געוואָרן — אין די הויפּט־לערן־אַנשטאַלטן און ביבליאָטעקן.

אין דער ביבליאָטעק ביים יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע האָט זיך געפונען כמעט אַ גאַנצער קאָמפּלעט אינזער האָפענונג, וואָס די וואַרשעווער געטאָ־מאַרטירערס האָבן אין טויטשרעק אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער במשך פון גאַנצע זעקס יאָר. אַזוי זענען אויך אָפּגעהיטן געוואָרן אַ צאָל ביכער ווייסענבערגס. די יעניקע אָפּהיטערס פון יידישע הייליקייטן זענען אַליין אומגעקומען פון די פאַרטיליקערס פון אַלץ וואָס איז יידיש, אָבער דעם אינזער האָפענונג האָבן זיי אָפּגעהיטן פון אומקום.

אָט די פּעריאָדישע אויסגאַבע און נאָך טייל ווייסענבערגס ביכער זענען שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, ווען די היטערס אַליין זענען שוין נישט געווען.

און אַן אַנדער ביישפּיל פון מסירת־נפש: ווען די יידישע שרייבער־פּליטים האָבן זיך עוואַקויִרט אין די עשאַלאָנען טיפער אין רוסלאַנד, בשעת דער היטלעריסטי־שער שונא האָט נאָכגעיאָגט מיט פײַער — האָט זיך אויך משה בראָדערזאָן עוואַקויִרט אין אַזאַ סאָוועטישן עשאַלאָן. אינעם זעלבן עשאַלאָן־וואַגאָן האָט זיך געפונען גנענדל. זי האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, אַז זייער עשאַלאָן איז אויפן וועג שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן. בשעת די באָמבעס זענען געפאַלן פון דער הייך, האָט משה בראָדערזאָן זיך געלייגט איבער זיין ניי־געבוירן איייניקל, כדי מיט זיין קערפּער צו באַשיצן דאָס עופעלע, אויב אַ באָמבע וועט טרעפן זיין עשאַלאָן. דערביי האָט ער אין אַזאַ מאָמענט אין זינען געהאַט גנענדלען אָנצוזאָגן, אַז ווען זי וועט איבערלעבן די מלחמה, זאָל זי למען־השם לאָזן איבערזעצן אויף ענגליש ווייסענבערגס „אַ מעשה מיט אַ ציג״: „דער ענגלישער בעסערער לייענער וועט וויסן ווי אָפּצושאַצן דאָס דאָזיקע פּערלדיקע ווערק״, האָט בראָדערזאָן געזאָגט.

אין נאָרמאַלע צייטן בלייבן אַ סך פּרטים, דערמאָנונגען, אָנדענקען, וואָס ווייזן דעם קינסטלערס מיליע, זיינע מיטצייטלערס און זיין סביבה ווו ער האָט געווירקט. אין ווייסענבערגס פאַל (און נישט נאָר אין זיינעם) איז אַלץ אומגעקומען און אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. זיין דור איז מער נישטאָ, די עדות פון זיינע שיחת־חולין — אומגעבראַכט; די מענטשן, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט אַ מגע־משא — פאַרטיליקט; זיינע כתבים — פאַרניכט; זיינע ביכער האָט דער שונא־ישראל און שונא פון דער מענטשהייט פאַרברענט אויפן שייטער־הויפן; פון די אַן אַ שיעור בריוו וואָס ער האָט געשריבן אין משך פון אַ לעבן לאַנג, זענען בלויז אַ טייל געבליבן. און אַפילו די גרופּן־פאָטאָגראַפיעס און אַ סך פאָטאָגראַפיעס פון אים אַליין און זיין משפּחה זענען אויך פאַרלוירן געוואָרן אויף די וואָגלוועגן. זיין ייִנגערער ברודער יעקב ווייסענבערג אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט אָנגעשריבן זכרונות פון ווייסענבערגס קינדער־יאָרן. ווער קען וויסן, צי זיי זענען נאָך דאָ?

אַן אַנדער שוועריקייט איז דאָס זאַמלען מאַטעריאַל פאַר דער פאַרשאַרבעט, וואָס אַזאַ ביאָ־ביבליאָגראַפיע פאַרלאַנגט. דאָס איז שוין אַ ריין טעכנישע שוועריקייט, אָבער איך האָב זי געמוזט טאָן אויף די צווישנוועגן, „זיצנדיק אויפן

טשעמאַדאַן", וואָס דאָס האָט פאַרלאַנגט אַ קאָלאָסאַלע אַנשטרענגונג. די ביבליאָגראַפישע ידיעות וועלן אפשר צוליב דעם אין געציילטע שטעלן זיין נישט קאָמפּלעט.

אַחוץ דעם — און הויפּטזאַכלעך — איז די טעמע, ווי אויבן געזאָגט, אַ נישט־געוויינטלעכע, ווייל די פּערזענלעכקייט ווייסענבערג איז ווייט פון געוויינטלעכקייט. אויך איז זי אַרומגעשפּינט געוואָרן דורך די „טאַלאַנטן" — וואָס ער האָט אַנגעריירט — מיט אויסטראַכטענישן, מיט טענדענציעזע „באַלייכטונגען", וואָס זייער קערן איז נאָך פאַרזייט געוואָרן בשעתו, ווי אַן אַנטידאָט, ווי אַ מין אָפּווער קעגן ווייסענבערגס אָפן אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן אָט יענע צווייפלהאַפטע טאַלאַנטן. ביז היינט צו טאָג דערוועגן זיך נאָך טייל „שאַצערס" אונטערצוציִען סך־הכלען פון ווייסענבערגס שאַפן אויפן סמך פון יענעם פאַרזייטן „אָביעקטיוון" קערן. די אָפּשאַצונג פון ווייסענבערגס ווערק האָט בכלל אָפּט געליטן, ווייל זי איז געמאַכט געוואָרן בלויז אויפן סמך פון אַ טיילווייזער קענטשאַפט פון זיינע ווערק — און בעיקר מיינסטנס פון די ווערק פון זיין ערשטן פעריאָד שאַפן.

צוליב די אַלע טעמים איז שווער זיך צוצורירן צו אַזאַ טעמע בכלל, און בפרט איז נישט פּשוט צו געבן ווייסענבערגן אַזאַ, ווי ער איז געווען אין זיין גאַנצן פאַרנעם: אין זיין איין־און־איינציקער און איבער אַלץ שטייענדיקער שטרעבונג — צו דינען דער קונסט; זיין שטאַרקן ווילן און דראַנג צו לאָזן די מענטשן געניסן פון אָט דער שיינקייט, וואָס ער האָט פון איר געקענט געניסן אין אַ פולער מאָס.

אין בעסטן פאַל וועט עס נאָר זיין אַ מיניאַטור פונעם פענאָמען ווייסענבערג. אויב עס גייט אין שרייבן די ביאָגראַפיע פון ווייסענבערגן, וואָס ער איז געווען ווייט פון דורכשניט הן אין זיינע האַנדלונגען ווי אַ מענטש הן ווי אַ קינסטלער, און אויך דערפאַר, ווייל מע מוז אים קענען אויסשיילן פון די אַלע שקרדיקע אַנוווּקסן, וואָס מע וועבט און פאַרוועבט מיט זיי זיין פּערזאָן שוין יאָרצענדלינגער — איז דאָס ביז גאָר אַ קאָמפּליצירטע אויפגאַבע.

איך בעט דעריבער די השגחה, זי זאָל מיך אויסהיטן פון שטרויכלונגען: כ'זאָל נישט אָנווערן די מאָס, נישט נכשל ווערן ביי דער דאָזיקער אַרבעט.

כ'האָב געקענט אַ דאָקטאָר־כירורג אין ראָטן־פאַרבאַנד, וואָס איז נישט געווען קיין פרומער. (די סאָוועטישע דאָקטוירים זענען שוין פון לאַנג, ווי באַוווּסט, נישט פרום.) און דאָך האָט דער דאָזיקער דאָקטאָר פאַר יעדער אָפּעראַציע — בשעת ער האָט שוין געהאַט דעם קראַנקן אויפן אָפּעראַציע־טיש — פרום פאַרמאַכט די אויגן, רויִק שטיין געבליבן אַ רגע און, קאָנצענטרירט אויף איין הייליקער מחשבה, האָט ער געשעפּטשעט: — „גאָט זאָל זיין מיט מיר".

איך שטעל זיך אָפּ פאַר דער אַ אַרבעט און בעט די השגחה, זי זאָל שטיין ביי מיין זייט, בשעת איך שרייב די ביאָגראַפיע פון יצחק־מאיר ווייסענבערג.

פערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד

י. מ. ווייסענבערג

זיין לעבן און שאַפֿן

1938–1878

קינדהייט און יוגנט

ווי ווייט איך קען גרייכן מיטן זכרון, דערזע איך מיין טאַטן דאָס ערשטע מאָל אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט, טראָגן מיך אויף איין האַנט, און גנענדלען — מיין עלטערע שוועסטער, וואָס איז שוין אויך מער צווישן די לעבעדיקע נישטאָ — אויף דער אַנדערער האַנט.

ווו אַהין דער טאַטע האָט אונדז געטראָגן אין מיטן דער נאַכט — האָב איך דעמאָלט נישט געקענט וויסן, ווייל כ'בין מסתמא אַלט געווען אַ יאָר צוויי. שפּעטער, שוין דערוואַקסענערהייט, האָב איך אים געהערט דערציילן, אַז געטראָגן האָט ער אונדז פון פּאַליעניץ — אַ דאָטשע הינטער וואַרשע, ווו מיר האָבן דעמאָלט געוווינט — קיין זשעלעכאָוו, צו זיין מוטער, דער באָבע פּעסע. און געגאַנגען איז ער צו פוס, לענג־אויס די באַנרעלסן. דאָס איז געווען זומערצייט, נאָר ווייל ביי נאַכט איז די לופט קיל — האָט ער צעריסן זיינס אַ פּאָר וואַרעמע, לאַנגע אונטערוועש, גנענדלען אַריינגעזעצט אין איין הויז, מיך אין דעם אַנדערן, אונדז אַרומגעדעקט, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

גיין צו פוס, אויך ביי נאַכט, איז ביי אים נישט געווען קיין נייס, ווייל ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר און האָט זיך געלאָזט דאָס ערשטע מאָל פאָרן פון זשעלעכאָוו אין אַ צווייט שטעטל אַריין — איז אים אויך אויסגעקומען צו גיין צו פוס, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז דעמאָלט געפאָרן מיט דער באַן; על־פּי־טעות איז ער אָבער אויסגעשטיגן פון דער באַן איין סטאַנציע פריִער, עפּעס אויף אַ קליין אָרט, אין מיטן דער נאַכט. איידער ער האָט זיך באַוויזן אַרומצוקוקן, איז די באַן שוין געהאַט אָפּגעפאָרן און ער איז געבליבן שטיין אויף דער פּוסטער סטאַנציע איינער אַליין אין מיטן וועג, ווייל קיין לעבעדיק נפש איז דאָרט נישט געווען צו זען. אַן אַנדער צוועלף־יאָריק יִינגל אויף זיין אָרט וואָלט זיך אוודאי אָוועקגעזעצט אויף די רעלסן וויינען פון שרעק און פאַרלוירנקייט. איטשע־מאירל אָבער האָט גענומען זיין פּעקל אויף די פּלייצעס און געלאָזט זיך אין וועג אַריין צו פוס. געגאַנגען איז ער, ווי די באַנרעלסן האָבן געפירט, אַזוי לאַנג, ביז ער איז אָנגעקומען אינעם שטעטל ווו אַהין ער האָט געזאָלט פאַרפאָרן, אָבער ערשט אין דער פרי.

בכלל האָט ער נישט געוווסט, וואָס עס הייסט שרעק — וואָס דאָס איז אַ גרויסער חידוש, לויט דער דערציִונג, וואָס ער האָט באַקומען. קודם־כּל זענען ייִדישע יִינגלעך אין די קליינשטעטלדיקע חדרים צו יענער צייט דערצויגן געוואָרן אויף מעשה־נוראס, קען מען זאָגן, און דערצו נאָך האָט זיין מאַמע, טאַקע די באָבע פּעסע, געהאַט אַ טבע צו דערציילן כּל־המינים מעשיות פון שדים, מכשפות און מתים. זי האָט אויך אונדז ביידע, גנענדלען און מיך, געהאַדעוועט דערמיט. און ווייל זי האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערלעכן כּוח צו דערציילן בכלל, האָבן אויך די שרעקלעכע מעשיות אויסגעזען אַן אַן ערך שרעקלעכער, רייכער און באַפליגלטער אין פאַנטאַזיע, ווען זיי זענען געקומען פון דער באָבע פּעסעס מויל. מיר ביידע האָבן

זיך טאַקע אָנגעזאַפּט אין די קינדער־יאָרן מיט אַ שפּאַר ביסל שרעק, אַ דאַנק איר באַצויבערנדיק מאָלן די שרעקלעכע מעשיות, וואָס איר זון האָט אין די שפּעטער־דיקע יאָרן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט זיי אַרויסצוטרייבן פון אונדז, דער־ווייזנדיק מיט פאַקטן, ווי אָן אַ גרונט זיי זענען. דאָס איז אים נישט לייכט אָנגעקומען, ווייל מיר — פון אונדזער זייט — האָבן מער געגלייבט דער באָבע פּעסע...

איין מאָל בין איך אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין אַ פאַרציטערטע און געזאָגט דעם טאַטן, אַז ביים סוף פונעם לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר קעגן איבער אונדז, האָב איך געזען שטיין אַ שד מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס...

— יאָ? — האָט דער טאַטע געזאָגט — ווייז מיר אויך דעם שד, און אָנ־נעמענדיק מיך ביי דער האַנט, האָט ער מיך געהייסן אים פירן אַהין, וווּ כ׳האָב געזען דעם שד. ער וויל אים אויך זען.

כ׳האָב אים אַהינגעפירט, שוין דרייסטער, אַליין וואָלט איך אַהין זיך נישט דער־וועגט צו גיין מער. דאָרט האָט ער מיר דערוויזן, אַז קיין שד איז בכלל נישט געווען, און אַז דער אָנגעצונדערנער פּאַפּיראָס איז גאָר געווען דאָס לעכל פונעם שליסל; אין דער שטוב האָט געברענט דאָס ליכט און אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער, האָט מען דאָס פּײַערל אַרויסגעזען דורכן שליסללאָך.

אַ צווייט מאָל „האָב איך געזען" אויפן הויף אַ ווייסן מת, כ׳בין אַריינגעפאַלן אין שטוב און דאָס דערציילט דעם טאַטן. „קום, ווייז מיר דעם ווייסן מת". ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעקומען אויפן הויף, האָב איך שוין אַליין אויך געקענט זען, אַז דאָס איז געווען אַ „קלאַס", וואָס מיר האָבן מיט גנענדלען אַ טאָג פריִער אָנגעצייכנט מיט ווייסן קרייד, צו „שפּילן אין קלאַסן", נאָר שפּעטער פאַרגעסן, און אין דער בהלה דערזען „אַ מת"...

איטשע־מאירלס חברים, עלף—צוועלף־יאָריקע יִינגלעך, פלעגן רעדן צווישן זיך, צי עמעצער פון זיי וואָלט געקענט איבערנעכטיקן אַ נאַכט אויפן בית־הקברות. איטשע־מאירל האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט נישט קיין מורא געהאַט, און זיי האָבן זיך געוועט דערויף. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר עלף. גוט, מע האָט אָפּגערעדט, אַז ער דאַרף שלאָפן לעבן אַ קבר און זיי, די רעשט חברים, וועלן זען, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט, איז ער אין איינעם מיט זיינע חברים אַרויס אויפן „גוטן אָרט". ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אַ קבר; דאָ וועט ער נעכטיקן, און די חברים האָבן אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין, ווי אָפּגערעדט.

אַרום האַלבער נאַכט האָט ער דערזען, ווי פון דער ווייטנס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן פון צווישן דיביימער עפּעס ווייס׳ און אויסערגעוויינטלעך הויכס. ער האָט זיך אויפגעזעצט און זיך איינגעקוקט. און דערזען טאַקע וואָס אַמאָל בולטער און גרעסער, ווי אַ ווייסע געשטאַלט איז אָנגעקומען אויף אים אַלץ נענטער און נענטער...

ווען די געשטאַלט איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען צום ווייסן, הויכן „גייסט" און — אַ ריס אַראָפּ געטאָן פון

אים דאָס ווייסע ליילעך. דאָ האָט ער דערזען איינעם פון זיינע חברים אויף אַ פּאָר הויכע שטאָלצן, וואָס ער האָט זיך געהאַט אַרומגעוויקלט מיטן ליילעך.

פון דעמאָלט אָן האָט ער קיין מאָל מער נישט גערעדט מיט יענעם חבר, ווייל — האָט ער דערציילט אין די שפּעטערדיקע יאָרן — ווען דאָס וואָלט געטראָפן מיט אַ שוואַכערן כאַראַקטער, וואָלט אַזאַ יינגל, אויף מיין אָרט, געקענט קריגן אַ האַרצאַטאַק און אַוועקשטאַרבן אויפן אָרט פון בלויז שרעק. ער האָט דאָס דעריבער געהאַלטן פאַר אַ גרויסער געמיינקייט — אַזאַ שפּיצל אָפּצוטאָן.

דערפאַר איז ער געווען זייער צוגעבונדן צו אַן אַנדער יינגל. פון צווישן דער גאַנצער כאַפּטע חברים פון זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן האָט ער צום ליבסטן געהאַט משהלען, וואָס איז דער העלד פון זיין דערציילונג „צו הקפות" און איינער פון די הויפּטהעלדן אינעם ראָמאַן דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג. אים האָט אויך ווייסענבערג געווידמעט דעם זעלבן ראָמאַן:

צים אָנדענק מיין פריינט אין די קינדער־יאָרן,
משה אוזערפאַטער,
געשטאָרבן אין בוענאָס איירעס — 1928,
אויף זיין 47־טן לעהבנס־יאָר.

י. מ. ווייסענבערג *[1]

עס איז אים איבערגעבליבן אַ גרויסער צער נאָך דעם פיינפילנדיקן חבר, וואָס האָט שפּעטער עמיגרירט קיין אַרגענטינע און איז דאָרט יונגערהייט געשטאָרבן. ווייסענבערג פלעגט די דאָזיקע טרויעריקע געשעעניש אָפּט דערמאָנען מיט גרויס ווייטיק.

איטשע־מאירל, זייענדיק אַ קינד פון אַ יאָר פיר, ווען זיין טאַטע האָט אים נאָך געטראָגן אויף דער האַנט (ווי ער — אונדז, זיינע קינדער, שפּעטער) האָט ער געקוקט אויף אַלץ, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און דאָס מוחל האָט אויפגענומען, מיט פאַרווונדערונג, און האָט נאָכגעטראַכט און זיך פאַרגעשטעלט זאַכן, וואָס ער האָט קיין מאָל נאָך נישט געהאַט געזען און די פאַנטאַזיע האָט זיי פאַר אים געמאָלן בלויז אין די געאָנטע ווייטקייטן. אַזוי אויך שפּעטער, ווען ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זאַמלען דערפאַרונגען פונעם לעבן און פון דעם, וואָס ס'האָט אים אַרומ־

---

* דער ציטאַט איז דאָ געגעבן אַזוי ווי ווייסענבערג האָט געשריבן, ד"ה אין זיין אָרטאָגראַפיע, אָבער ווייטער וועלן אין טעקסט (מיט קליינע אָפּווייכונגען) אַלע ציטאַטן און טיטלען פון זיינע ווערק, חוץ די טיטלען פון די פאַריאָדישע אויסגאַבעס, געגעבן ווערן אינעם אָנגענומענעם אויסלייג. דאָס איז אויך נוגע די ציטאַטן פון אַנדערע שרייבערס. אויב דער לייענער וויל נאָכפאָלגן דעם אופן פון ווייסענבערגס שרייבן, וועט ער דאָס געפינען אין דער ביבליאָגראַפיע, וואָס איז — לויט די אָנגענומענע כללים — צונויפגעשטעלט אין ווייסענבערגס אָרטאָגראַפיע. דאָס איז אויך נוגע די ערשטע אויסגאַבעס פון זיינע ווערק מיטן אַלטן אויסלייג, וואָס מע האָט זיך מיט אים בכלל באַניצט ביז דער מאָדערניזירונג פון דער יידישער שפּראַך.

גערינגלט. צוגעהאָלפן האָט נאָך דאָס, וואָס דער טאַטע פלעגט אים דערציילן וועגן זיינע דערפאַרונגען אינעם מיליטער; וועגן סתם כאַראַקטעריסטישע אינצידענטן, געשעענישן און איבערלעבענישן מיט מענטשן, אָדער אַריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן ווייטן סיביר און די ווייסע בערן. היינט די מאַמע זיינע — האָט דאָך אַוודאי געקענט דערציילן אַ מעשה. אויך איז ער שוין דעמאָלט וואָך געווען אויף דעם, וואָס קומט פאָר אין דער שטוב. אַזוי, ווען ס'האָט זיך אַ שאָטן געלייגט אויף איר און די געמיטלעכקייט איז פאַרשטערט געוואָרן אויף אַ ווייל; אַ מאָל צוליב דאגות־פּרנסה, אַ מאָל צוליבן טאַטנס אָנגעריכטן שטאָלץ, ווען די מאַמע — הגם זי האָט גאָר קנאַפּ פאַרלאַנגט פאַר זיך — האָט בלויז אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן זיין פאַרזאָרגטקייט, און דערביי נישט פאַרגעסן צו לויבן „דעם וואָס לעבט אייביק, פאַרן חסד, וואָס דאָ איז נאָך דאָ חיונה אויף צום איבערקומען דעם ווינטער, אין דער צייט ווען אין אַנדערע שטיבער איז דאָס אויך נישטאָ". אָן אַנדערט מאָל פלעגט די מאַמע זיינע האָבן אַ טענה פאַר וואָס זי דאַרף ניצן „גאַנצע גאַרשטשן זאָלץ" פאַרן עסן. (דער טאַטע זיינער האָט ליב געהאַט שטאַרק געזאָלצענע און געפעפערטע עסנס.) אין די מיינסטע פאַלן אָבער האָט די מאַמע אַלץ באַשיינט און געגומען פאַר ליב און אַפּט געזען צו פאַרטרייבן מיט אַ גוט ווערטל די זאָרגן, אַז די מאָלצייטן זאָלן זיין געמיטלעכע און דער טאַטע האָט דאָס אָפּגעשאַצט.

אָט דאָס אַלץ איז נישט געפאַלן אויף קיין טויבע אויערן, ווייל איטשע־מאירל האָט אַ דאַנק זיין אויפנעם־פעיִקייט אַלץ אויפגעכאַפּט און איינגעזאַפּט אין זיך ווי אַ שוואָם. ער פלעגט צושפּינען ווייטער און אויסברייטערן די אָנגעזאַמלטע ידיעות און איינדרוקן, אַזוי אַז די נייגעריקייט האָט געגערט זיין פאַנטאַזיע צום גרויסן ווונדער, וואָס די וועלט שטעלט מיט זיך פאָר. ווי פּיצל ער איז נאָך געווען, פלעגט ער זיך שטאַרק פאַרטראַכטן איבער אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, געזען, דערפאַרן און שוין דעמאָלט האָט ער געאָנט עפּעס וועגן טרויער פון דער וועלט, וואָס ליגט אין די ווייטקייטן.

אין די זומערדיקע שבתים פלעגט ער אין דער פרי אַראָפּשפּרינגען פון בעט, אַריין אין די הייזלעך און אַרויס גלייך אין דרויסן. דער טאַטע איז שוין געווען אין שול, אין שטוב איז געווען שטיל, אויפגערוימט, די מאַמע האָט זיך ערגעץ געפּאָרעטביים צוגרייטן פאַרן טאַטן דאָס שבתדיקע עסן. דער מאַמעס בעט קעגן איבער איז געשטאַנען הויך־אויפגעבעט מיטן קלאָרן בעטגעוואַנט. און איטשע־מאירל איז שוין געשטאַנען אין דרויסן הינטער דער וואַנט, וווּ די „משוגענע קריגעלעך" זענען געוואַקסן, און געטראַכט פון דעם מלכס פאַרלאָזטן שלאָס, וואָס האָט זיך געפונען... דאָ נישט ווייט פון זיין שטוב, און דעם מלכס טאָכטער מיט די בלאָנדע, לאַנגע האָר, וואָס איז געפאַנגען און שטייט צוגעבונדן צו אַ וואַנט אינעווייניק, אינעם שלאָס. און, „וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?" — האָט געעקבערט די פראַגע אין איטשע־מאירלס קעפּל — צו באַפרייַען זי פון איר געפאַנגענשאַפט. וואָלט ער געהאַט אַ גאָלדענע שווערד ביי דער זייט, ווי יענער פּרינץ, וואָלט ער אין איין רגע די שטריק איבערגעהאַקט און וואָלט דעם מלכס טאָכטער באַפרייט און ער וואָלט זי אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערד און מיט איר אַוועקגאַלאָפּירט. אָבער אַזוי ווי

קיין שווערד האָט ער נישט, און קיין פערד אויך נישט, — איז: „וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?" — די פראַגע, וואָס לאָזט נישט רוען.

אויך וואָלט ער שטאַרק געוואָלט באַפרײַען זיין קליין שוועסטערל פייגעלע פונעם פאַרמאַכטן קברל, ווו זי מוז נעבעך ליגן אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע, איינינקע אַליין. און אַ גרויס רחמנות האָט געגאַגט זיין הערצל, ווייל זי בענקט צוריק אַהיים צו אירע עלטערן און ברודערל און פאַר וואָס קען זי נישט זיין מיט זיי צוזאַמען, נאָר זי מוז זיין פון זיי אָפּגעריסן?

אַזוי איז איטשע־מאירל אָפּגעשטאַנען שעהען און געטראַכט פון אַ סך זאַכן, וואָס זענען אים געקומען אין קעפּל אַריין, ביז דער טאַטע איז אַהיימגעקומען פון דאַוונען, אָפט מיט אַן אורח אָדער אַ קרוב. און אַבי מע האָט אים נאָר נישט געפרעגט: „ווו ביסטו געווען?" — איז איטשע־מאירל געווען צופרידן. וואָס וואָלט ער זיי געזאָגט — אַז ער האָט געטראַכט? די מאַמע האָט אים סיי ווי גערופן „דער בעל־חלומות" און דער טאַטע: „שטיל כאַמיקל" — „טשיכאַ וואָדאַ".*

דאָס לערנען אין חדר — די אַלע וווּנדערלעכע מעשהלעך אין חומש, און וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעהערט פונעם רבין,ביים שבתדיקן פּרק — דאָס אַלץ האָט ווידער געצויגן זיין אינטערעס צו די אַלע חידושים, אַלע אַנטפּלעקונגען. בשעת פאַר אַנדערע קינדער, זיינע חברים, איז דאָס חדר אָפט געווען אַ מוז, אַ לאַנג־ווייליקייט און אַן אָפּקומעניש — איז דאָס פאַר איטשע־מאירלען געווען אַ וועלט מיט אויסטערלישער פאַנטאַזיע. און ווייל ער האָט דאָס לערנען אויפגענומען באַהבה און מיט גרויס אינטערעס, האָט דאָס שרייבן זיינס אין חדר שטאַרק אויס־געגומעןביים רבין. דערפאַר ווען ס'איז אויסגעקומען צו שרייבן, האָט דער רבי אים געלאָזט זיצן ביי זיך אינעם אַלקער (נישט אינעם אַלגעמיינעם חדר, ווו אַלע יינגלעך זענען געזעסן).

דאָרט האָט ער ווידער געהאַט אויף ווען אַ בליק צו כאַפּן, ווען דעם רבינס טעכטערל האָט זיך אַדורכגעשאַרט דורכן אַלקער. די דאָזיקע ספּעציעלע פּריווילעגיע איז ווידער געווען אַ גרויס גליק. אַ מחיה איז געווען, וואָס די פירהענגלעך פלעגן זומערצייט פלאַטערן אינעם אָפענעם פענצטערל, ווען זון און שאָטן האָבן געשפּילט דערין. און, האָט עס ווידער געצויגן אַרויס, ווען דער דרויסן איז געווען פריש און זוניק און מע האָט געקענט אַ שטיף טאָן מיט חברה, ווי די יונגע לאַשיקלעך אויף דער לאַנקע — איז דאָך אוודאי געווען אַ מחיה.

אָבער דאָס לעבן איז נישט באַשטאַנען בלויז פון גליק און גוטע געפילן. געווען אויך אַ סך ביטערקייט דערין — און טאַקע פונעם שטיפן און אָנפירן מלחמות צוזאַמען מיט די יינגלעך הינטער דער שטאָט; ווייל די מלחמות האָט מען געהאַלטן אום שבת גראָד — נאָך דעם שבתדיקן פּרק — זענען אַרויסגעקומען די צרות. דער רבי האָט געשטראָפט דערפאַר, פאַר חילול־שבת, און די בושה האָט אַזוי געברענט, אַז איטשע־מאירל האָט זיך שוין נישט געקענט מער ווייזן אינעם חדר. אַזוי אומ־מיגלעך האָט עס אים, ווייניקסטנס, נאָכן קאַנטשיק און די אַראָפּגעלאָזטע הייזלעך,

---

* פּוילִיש — שטיל וואַסער (וואָס גראָבט טיף).

אויסגעזען. דאָס האָט ווידער געפּרעסט דאָס הערצל מיט אַ נאַגנדיקן ווייטיק — ווייל ער האָט אָנגעווירן די אַלע שיינע מעשהלעך, וואָס מע קען זיך דאָרט אָנהערן פון די ספרים און דעם רבין. און געגאָגט האָט דאָס אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אין דער גרעסטער צעשפּילטקייט מיט די לאַבוסעס אין דרויסן — ווען אַנדערע ייִנגלעך זענען טרויעריק געוואָרן ביים געדאַנק, אַז מאָרגן דאַרף מען ווידער גיין אין חדר — איז איטשע־מאירלען באַפאַלן נאָך אַ שטאַרקערער טרויער, וואָס ער האָט נישט געהאַט מער קיין חדר וווּ אַהין צו גיין.

אין אַ צייט אַרום אָבער האָט אים דער טאַטע זיינער אָנגעדונגען ביי אַן אַנדער רבין, נאָר נישט אַזאַ אינטערעסאַנטן, ווי דער ערשטער איז געווען. זיין יונגע נשמה איז אָבער קיין מאָל נישט געבליבן אָן גייסטיקער יניקה. ווי אַ קינד נאָך האָט ער זי געזוכט און געפונען אין יעדער קלייניקייט, און אַזוי איז דאָס מיט אים געוואַקסן אין דער יוגנט אַריין און באַגלייט דורך זיין גאַנץ דערוואַקסן לעבן.

שוין ווי אַ קינד האָט איטשע־מאירל זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פיזישער גבורה. ער איז תּמיד געווען דער בעסטער שווימער, לויפער, שפּרינגער, קלעטערער אויף ביימער, און ווינטערצייט האָט ער זיך צום בעסטן געקענט גליטשן אויפן פאַר־פרוירענעם טייך.

דאָ, אויפן פאַרפרוירענעם טייך, איז ער געווען מער בריה פאַרן רבין מיטן קאַנטשיק אין חדר... און איז ער געגאַנגען שווימען, האָט ער געקענט אַפּזיצן שעהען אינעם קאַלטן טייך און אויסשניצן זיך אַ פייפל. און איז אים איינגעפאַלן, האָט ער געקענט פאַרן רייטנדיק אין מיטן מאַרק אויף אַ חזיר, שטייענדיק אויף זיין רוקן.

ווען זיינער אַ חבר (אין די יוגנט־יאָרן) איז געהאַט אין אַ מאַרקטאָג אַרונטער־געפאַלן אונטער אַ דראַביניאַסטן * וואָגן און געבליבן ליגן אונטערן ראָד — האָט איטשע־מאיר, אונטערשפּאַרנדיק אַן אַקסל אונטער דעם וואָגן אים אונטערגעהויבן, אַזוי אַז מע זאָל קענען אַפּערשלעפּן דעם חבר פון אונטערן ראָד.

פערד האָט ער זייער ליב געהאַט. דאָס איז אַ סימפּאַטישע און אינטעליגענטע חיה — פלעגט ער זאָגן — און ער פלעגט זיך אָפּט אַרומדרייען צווישן זיינע ליבלינגען, די פערד. נישט איין מאָל האָט ער אַפילו אַריינגעכאַפּט אַ קאָפּע פון אַ פערד. דערפון איז אים פאַרבליבן אַ שראַם אויף דער רעכטער ברעם און דאָס קליינע פינגערל פון זיין רעכטער האַנט איז געבליבן אויף תּמיד איינגעבויגן. אָבער דאָס איז געווען כּדאַי, ווייל די ליבשאַפט צו פערד האָט פאַרנומען מער אָרט פאַר די אַלע קלייניקייטן...

נאָך האָט מען דערציילט, אַז ווען פויערים זענען אַ מאָל, אין אַ מאַרקטאָג, באַפאַלן אַ ייִדיש ייִנגל מיט קלעפּ און זידלערייען, האָט איטשע־מאיר נישט געקענט דאָס צוקוקן און וועלנדיק זיך אָננעמען פאַרן ייִנגל, האָט ער זיך אָנגעהויבן שלאָגן איינער אַליין מיט אַ כאַפּטע פויערים, און האָט זיי אַלע ביסלעכווייז גובר געווען. בכלל האָט ער זיך אַלע מאָל אָנגענומען פאַרן ייִדישן כּבוד — האָט געהערט צו דער

* פּויליש — שטעקן־לייטער־וואָגן.

יידישער זעלבשוץ־גרופע אין זשעלעכאָוו און דערלאַנגט שטאַרקע קלעפּ, ווען און וועמען מע האָט געדאַרפֿן.

שלמה שיינבערג, ווייסענבערגס אַ שפּעטערדיקער תּלמיד, האָט איבערגעגעבן אַנדערע עפּיזאָדן י. ראַפּאַפּאָרטן, וואָס האָט זיי באַשריבן:

...ווייסענבערג איז געווען איינער פֿון יענע פֿאַרשטייערס פֿון די . . . יידישע מאַסן, וואָס האָבן אויסגעפֿירט די ראָלע פֿון אַ רעטונגס־אַרמיי פֿאַר די יידישע שטעטלעך ביי יעדן צייכן פֿון אַ פּאָגראָם אָדער פֿון אַ פּאָגראָמעלע. ווייסענבערג איז געווען איינער פֿון יענע העלדישע שלעגערס, וועלכע שלום אַש האָט אַזוי ליב צו באַשרייבן אין זיינע ווערק פֿון ערשטן פּעריאָד. איר געדענקט דעם געשלעג בעתן מאַרק אין ר׳ שלמה נגיד? ווייסענבערג איז אין דער יוגנט תּמיד גרייט געווען אַריינצורייסן זיך מיט אַ דראַנג אין דער רעכטער געדיכטעניש פֿון אַ מאַרק־געשלעג, כּדי צו פֿאַר־טיידיקן יידיש לעבן, יידיש פֿאַרמעגן און יידישן כּבֿוד.[2]

דאָס קליינע שטעטל זשעלעכאָוו איז פֿאַר ווייסענבערגן געווען עפּעס, ווי אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל. וואָס ס׳האָט גענערט זיין רייכע פֿאַנטאַזיע און זיין וויזיע — ווייס איך נישט; צי איז דאָס שטעטל טאַקע געווען אַזוי פֿול מיט ווונדער, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט זיין קינסטלערישע נשמה, אָדער האָט ער, דער טראָגער פֿון וווּנ־דער, געטראָגן אין זיך אַזוי פֿיל פּאָטענציעלע שאַפֿערישע רחבֿותן, אַז ער האָט זיי געקענט אַריינשפּאַרן אין יעדער קלייניקייט, וואָס ער האָט באַמערקט.

דער סאָד, אַרום דעם ווייסן פּאַלאַץ אויף דער פּאַלאַץ־גאַס אין פּריץ אָרדענגאָס הויף, האָט געהאַט אַ שם מיט זיין שיינקייט און זיינע בעסטע פּרות. צוגענגלעך איז דער סאָד נישט געווען, ווייל צוויי גרויסע הינט האָבן געהיטן דעם אַריינגאַנג צום פּאַלאַץ.

אַחוץ דעם דאָזיקן סאָד איז אין זשעלעכאָוו אויך געווען אַ ליידיקער סאָד, ווו ס׳זענען געשטאַנען בלויז אומפּרוכטיקע ביימער און מי־יודע ווי אַלט זיי זענען שוין געווען. „דער פּוסטער סאָד״, ווי מע האָט אים גערופֿן, האָט געזאָלט זיין אַ פֿאַר־שאָלטענער. ווי די לעגענדע איז אַרומגעגאַנגען, האָט אים פֿאַרשאָלטן אַ גרויסער צדיק, ר׳ אָשרל. איין מאָל אין אַ סדר־נאַכט, האָבן אים קעגנערס — אין אַ מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים — אונטערגעלייגט צוקאָפּנס אונטערן קישן אַ שטיקל ברויט. ווען ר׳ אָשרל האָט געוואָלט אָפּעַרנעמען דעם אַפּיקומן פֿון אונטערן קישן, האָט ער געפֿונען דאָס ברויט. פֿון גרויס חרפּה האָט ער געמוזט אַנטלויפֿן אין דער סדר־נאַכט. ווען ער האָט זיך געוואָלט אַ קאַפּ אָפּרוען אין סאָד, וואָס האָט דעמאָלט געהערט דעם — דורך פֿאַרהילטע אין סודות — אויפֿגעקומענעם גביר, סרול גאַרבער, האָט אים דער גביר אַרויסגעיאָגט און דערביי זיך געחכמהט, אַז דער רבי וועט אים טריפֿה מאַכן דעם סאָד. פֿון דעמאָלט אָן האָט עס דעם גביר אָנגעהויבן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ און אויך דער סאָד האָט אָנגעהויבן דאַרן.

זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס וועגן דעם פֿאַרשאָלטענעם סאָד, אַז דאָרט האַלטן זיך אויף שדים און ספּעציעל איין שד, מיטן נאָמען „קראַפּינסקאַלע״

(קראַפּינסקי). דער קראַפּינסקעלע האָט געזאָלט זיין אַ פאַרשאָלטענער מלאך, וואָס האָט זיך אַ מאָל געטשעפּעט צום רבינס שיינער טאָכטער.

נו, נו, האָט ער זיך באַזעצט אין „פּוסטן סאָד" און אָפּגעטאָן מענטשן שפּיצלעך אויף וואָס די וועלט שטייט. אַ שטייגער: דער קאַרגער גביר, סרול גאַרבער, האָט נישט געוואָלט געבן קיין נדבה אַן אַרעמאַן. ער האָט געהאַט אויפגעהאַנגען אויף שטאַנגען אַ פולע קאַמער מיט שטיוול. איין מאָל, שפּעט ביי נאַכט, האָט ער דער־הערט עפּעס אַ רודערן אין קאַמער, האָט ער געכאַפּט אַ האַק און אַריינגעלאָפן אַהין, זען וואָס דאָרט טוט זיך. ווען ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון קאַמער — מיט אַ ליכט אין דער האַנט — האָט ער דערזען ליגן אַ מענטש מיט אַן אַרויסגעשטעקטער לאַנגער צונג. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די האַק און פאַרמאַסטן זיך די צונג צו געבן אַ האַק אָפּ, מאַכנדיק דערביי אַ גוואַלד. מענטשן זענען געקומען אָנצולויפן: וואָס איז געשען? זיי האָבן דאָרט דערזען דעם גביר ליגן אַ פאַרחלשטן, און אַלע שפּיצן פון די שטיוול — אָפּגעהאַקטע...

איז דאָך געוואָרן אַ גרויס געלעכטער. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קול:

— „אַז מע וויל נישט געבן יעקבן — גיט מען עשׂון!"

אויף דער „זדראַי" האָט פאַרנומען אַ שפּאַר אָרט אין דער פאַנטאַזיע פון די זשעלעכאָווער איינוווינערס. דאָס אָרט, פון וואַנען מע האָט געשעפּט וואַסער, האָט זיך געפונען הינטער אַ בוים, נאָענט פון אַ בערגל, וווּ ס'איז געשטאַנען די ווינטמיל. אין די זומערנעכט פלעגן די קריסטן, וואָס האָבן געוווינט לעבן זדראַי, אַרויסלאָזן זייערע בהמות, זיי זאָלן זיך דאָרט פּאַשען און אָנפּויען. איז אַ מאָל אַ ייִדענע אין אַ פאַרטאָג געגאַנגען צום זדראַי אָנשעפּן וואַסער אויף טיי. צוגעקומען צו דער קאָרעטע, האָט זי דערזען פון דער ווייטנס אויפן בערגל שטיין עפּעס אַ ווייסן נישט־גוטן, די צונג אַרויסגעהאָנגען, קוקן צו איר און האַלטן אין איין מעלה־גירהן. נישט־טויט, נישט־לעבעדיק האָט זיך די ייִדענע אָנגעהויבן הינטערווייַלעכץ אָוועקצורוקן און אָנגעהויבן אַן אָטעם צו לויפן. דאָ האָט זי דערהערט „מיט אירע אייגענע אויערן" עפּעס אַ לצנותדיק נאָכגעשריי. וואָס? האָט זי — פון צעמישטקייט און איבערגעשראָקנקייט — נישט געקענט באַנעמען.

צו מאָרגנס האָט גאַנץ זשעלעכאָוו געקלונגען, אַז קראַפּינסקאָלע, דער אומגעזעענער לץ, האָט אָפּגעוואַרט די ייִדענע, וואָס איז געגאַנגען צום זדראַי שעפּן וואַסער.

אין דער אמתן איז דאָס געווען חיים דרײַעקל פון ריקע, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט זיך אַראָפּכאַפּן קיין זשעלעכאָוו, אַרומבלאָנקען זיך אין דרויסן און אומעטום אויסוואַקסן, וווּ מ'האָט אים נישט געזייט, און לעגענדעס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן אים געוווּג.

איך דערמאָן זיך, ווי די באָבע פּעסע האָט צווישן אַן אַ שיעור אַנדערע פּאַסירונגען געהאַט דערציילט ווי אַ קריסטלעך מיידל, אַ לערעריין, וואָס האָט געוווינט אויף דער אַנדערער זייט זדראַי מיט אירע עלטערן, האָט איין מאָל, אַהיים־קומענדיק ביי נאַכט פון דער „שקאָלע", וווּ זי איז געווען לערעריין, דערזען אַ שוואַרצן שד שטיין ביים זדראַי — מיט אַ פאַרבויגענער פּאָלע פון זיין שוואַרצער

פעלערינע, וואָס האָט אָפּערגעוויזן די רויטע פּאַטשעווקע פון אינעוויינּיק. דער שד האָט זיך געשפּיגלט אין וואַסער.

זי איז קוים, אָן אָטעם, אַריבערגעלאָפן דאָס הילצערנע בריקל איבערן וואַסער, און אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין אָן איבערגעשראָקענע אויף טויט. צו מאָרגנס איז זי טאַקע געשטאָרבן, האָט מען דערציילט.

דער בית־מדרש האָט אויך מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע וועלט. דאָרט האָט מען זיך געקענט אָנהערן מעשיות פון כל־המינים, אי אויסטערלישע פאַנטאַזיעס, וואָס זענען דאָרט געשפּינט געוואָרן, אי וועגן געשעענישן פון טאָג־טעגלעכן, רעאַלן לעבן.

היינט דער זשעלעכאָוועער געדיכטער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף גאַנצע קילאָמעטערס, האָט אַוודאי נישט געלאָזט אָן רושם. איטשע־מאיר פלעגט אין זיין יוגנט דאָרט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג און וואָכן. מ׳האָט אים אָפט געהערט זאָגן, אַז דעם וואַלד קען ער ווי זיינע צען פינגער, נישט געקוקט אויף דעם אומ־געהײַערן שטח, וואָס ער פאַרנעמט.

בשעת זיין פאַרברענגען לאַנגע שעהען און טעג אינעם וואַלד, נאָענט צו די סודות פון דער נאַטור, זענען פאַר אים גאַנצע וועלטן אַנטפּלעקט געוואָרן. און וואָס ער איז דאָרט געוווּיר געוואָרן אַ דאַנק זיין פאַרליבטן אַריינדרינגען בלב־ונפש אין די טיפענישן פונעם וואַלד, האָט ער שפּעטער אָפט אויסגעניצט ווי אילוסטראַציעס און ביישפּילן פאַר דעם, וואָס ס׳האָט אים אַרומגערינגלט און וואָס ס׳איז אים אויס־געקומען זיך צו באַגעגענען דערמיט.

פונעם זשעלעכאָוועער וואַלד האָט ער אויך געקריגן זיין מבינות אויף שוואָמען. איך דערמאָן זיך אַ קוריאָזן פאַקט, ווען מיר האָבן אין די דרייסיקער יאָרן געוווינט אין ראַדאָשטש, אַ דאַטשעאָרט הינטער וואַרשע. דער טאַטע גנענדל און איך זענען געגאַנגען איין פרימאָרגן קלייבן שוואָמען. מיר האָבן געקענט די נעמען פון די פאַרשידנסטע סאָרטן זייערע, וואָס מיר האָבן געהאַט געלערנט פונעם טאַטן. האָבן מיר געקליבן מאַסליאַקעס, סיראָוואַטקעס, ליסיטשקעס — וואָס זענען דאָרט געוואַקסן גאַנצע מענגעס — טרופּליעס, פּיעטשאַריצעס און ווער שמועסט נאָך, אַז מ׳האָט אויך געפונען באָראָוויקעס, איז דאָך אַוודאי געווען אַ פרייד. די שוואָמען האָבן זיך גערעכנט פאַר די בעסטע. זיי פלעגט מען זען אין די שפּייזקראָמען געטריקנטע און אויפגעצויגן אויף שטריקלעך. מ׳האָט זיי דערקענט לויט די ווייסע אונטערדעקלעך.

אָבער דער טאַטע האָט געפרעגט, פאַר וואָס מיר קלייבן אויך נישט די שוואָמען מיט די פינטעלעך, וואָס מיר האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען ווילדע, אָדער די א״ג משוגענע שוואָמען, די „מוכאָמאָרעס״.

מיר האָבן דעם טאַטן אָנגעקוקט: צי איז ער נישט חסר־דעה געוואָרן, וואָס ער הייסט אונדז קלייבן אויך די „משוגענע״ שוואָמען, וואָס מע קען זיך סמען מיט זיי?

אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ניין, זיי זענען נישט קיין ווילדע, זיי זענען גוטע שוואָמען, נאָר ווייל זיי וואַקסן דאָ, אין ראַדאָשטש, אויף אַ זאַמדיקן באָדן, האָבן זיי אָנגענומען דעם זעלבן אויסזען, וואָס די ווילדע שוואָמען, והאַ־ראיה — די זעלביקע

שוואמען זעען אנדערש אויס, ווען זיי וואקסן אויף אן אנדער באדן, וואס ער האט געזען אין אנדערע קאנטן.

מיר האבן זיך צוגעהערט און נישט געגלייבט די אייגענע אויערן און האבן טאקע די שוואמען נ י ש ט געוואלט נעמען און האבן אפילו מורא געהאט זיך צו־צורירן צו זיי. אבער ער האט געזאגט, אז ער וועט עסן די שוואמען און אונדז ווייזן, אז ער ווייסט וואס ער רעדט.

מיר האבן זיך איבערגעקוקט מיט גנענדלען מיט צעמישטע בליקן: וואס הייסט ער וועט מאכן אזא ריזיקאלישן עקספערימענט אויף זיך אליין, כדי אונדז צו דער־ווייזן, אז ער איז גערעכט?!

נאר עס האט נישט געהאלפן קיין שום שרעקן זיך און קיין שום רעדן און אמפערן זיך מיט אים, ווייל ער האט טאקע אויף אן אמת אהיימגענומען עטלעכע שוועמלעך פון די „ווילדע", זיי ארומגעוואשן, באזאלצן, און ארויפגעלייגט אויף דער הייסער פליטע צום בראטן!

מיר זענען געשטאנען אין איין שרעק: אט, אט עסט ער אויף די פאר משוגענע שוועמלעך און מיר ווערן אן אין א פאר שעה ארום דעם טאטן!... און צוליב וואס לוינט זיך דאס, צוליב עטלעכע נישטיקע שוועמלעך?

אבער ער האט זיך רויִקערהייט אויפגעגעסן די שוועמלעך אונדז אין די אויגן און... איז לעבן געבליבן!

* * *

זייענדיק דער עלטסטער זון פון פיר קינדער, וואס זענען געבוירן געווארן ביי לייביש און פעסע ווייסענבערג, האט ער שוין ווי א יוגנטלעכער אנגעהויבן ארבעטן אין ווארשע און דער „איינציקער ליכטיקער שטראל" אין זיין טונקעלן און נישט גאר גוטן לעבן איז געווען — ווי ער דריקט זיך אליין אויס אין א בריוו צו ד״ר ישראל צינבערג פון 29סטן אויגוסט, 1909 — דאס, וואס ס'איז אים טייל מאל אריינגעפאלן אין דער האנט אריין א שיינע בעלעטריסטישע זאך צום לייענען. ער האט אפשר נישט אומזיסט געזאגט, אז אן ארבעטער גיט אוועק 75 פראצענט פון זיין לעבן און בלויז 25 פראצענט לעבט ער.

אפארבעטנדיק עטלעכע יאר אין ווארשע, איז ער צוריקגעפארן צו זיינע עלטערן קיין זשעלעכאוו און געארבעט דארט אין א ראזורע.

מיט יארן שפעטער האט ער געהאט דערציילט, פאר וואס ער האט געמוזט פארלאזן די שטעלע אין זשעלעכאוו:

די פרוי פונעם באלעבאס, דעם פריזירער, האט געהייסן אין יענע צייטן אן אינטעליגענטקע; זי האט געלייענט ביכער און גערעדט וועגן זיי. אליין האט זי געשטאמט פון שעדלעץ, וואס איז געווען א גוברניע־שטאט און במילא א גרעסערער קולטורעלער צענטער, און פלעגט, רעדנדיק וועגן שרייבערס און ביכער, „קלאפן מיטן גלאטיקן צינגל" שנעל, שנעל און לייכט, אויך וועגן דאסטאיעווסקין אזוי. האט אים עפעס שטארק געשטערט איר פלאך און פלינק פלוידערן וועגן דאסטאיעווסקין, וואס זיין טיפקייט האט ער שוין דעמאלט אנגע־הויבן באנעמען, און... און ער האט צוליב דעם פארלאזט זיין שטעלע.

ווייסענבערג האָט אָנגעהויבן שרייבן צו פינף און צוואָנציק יאָר. ער האָט מאָטיווירט זיין אָנהייבן שרייבן דערמיט, וואָס ער האָט געפילט אַ געוויסע באַפרידי־קונג אויסצוזאָגן זאַכן, וואָס ער האָט באַמערקט צווישן מענטשן. און ווייל עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז וואָס ער זעט איז עפּעס פאַרהוילנס און עפּעס אַנדערס פון דעם, וואָס מענטשן באַמערקן בכלל — און עס דאַכט זיך זיי דעריבער, אַז עס לעבט זיך אַזוי גלאַטיק אויף דער וועלט, ווי עס ווייזט זיך אויס — האָט ער פיינט געהאַט צו דערשטיקן אין זיך זאַכן, וואָס ער זעט יאָ און אַנדערע ווייסן נישט וועגן זיי.

מיט זיינע צוויי ערשטע אָנגעשריבענע דערציילונגען איז ער אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע און זיי איבערגעלאָזט ביי יעקב דינעזאָנען צום איבערלייענען.

ווען ער איז דאָס צווייטע מאָל געקומען נאָך תשובה, האָט אים דינעזאָן געזאָגט, אַז ער האָט די זאַכן געוויזן י. ל. פּרצן, און זיי זענען אים זייער געפעלן געוואָרן, און אַז פּרץ בעט אים, ווייסענבערגן, אַרויפצוקומען צו אים. ער האָט טאַקע ווייסענבערגן באַזונדערס וואַרעם מקרב געווען, און אין די יודישע ביבליאָטעק, וואָס פּרץ האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן, האָט ווייסענבערג דעביוטירט מיט זיין „דער קיטל" און „דור הולך ודור בא". דאָס איז געווען אין 1904. זיינע ערשטע דערציילונגען האָבן באַלד געמאַכט אַ רושם אין דער יודישער ליטעראַטור, ווייל אַ פרישער ווינט האָט אַ ווייע געטאָן מיט ווייסענבערגס דערשיינען אין איר. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אין פּרצעס שטוב, ווו עס האָבן זיך גרופּירט נאָך אַ גאַנצע ריי יונגע שרייבערס, ווי אַש, רייזען, נאָמבערג, קאַגאַנאָווסקי א"א. אין יענער צייט האָט ווייסענבערג אָנגעשריבן אַן אַ שיעור קלענערע און גרעסערע דערציילונגען. ער אַליין האָט אָבער געהאַלטן, אַז „דער קיטל", „אַ שׂרפה" און „פייגעלע" זענען „קליין און ניצלאָז סיי אין דער מאָס, סיי אינעם ווערט". אַזוי האָט ער געהאַט געשריבן אין אַ בריוו צו ניגערן, וואָס מיט אים האָט ער שוין צו יענער צייט געפירט אַ קאָרעספּאָדענץ פון זשעלעכאָוו נאָך:

וואַרשע, 8/VI

ליבער ה' ניגער,

איך שיק אייך צו אַ ביכל, וואָס איז איצט אַרויס פון דרוק ביי גיטלינען. איר וועט נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך האָב פון דאָרט אויסגעשניטן איין זאַך, וועלכע איך וויל נישט, אַז איר זאָלט זי לעזן. זי איז שלעכט. זי געפעלט מיר נישט. און איך רעכן, אַז יעדער מענטש האָט דאָס רעכט צו פאַרשטעלן זיינע מיאוסע זייטן, אַזוי גוט ווי פון כלל, אַזוי אויך פון אַן איינצל־פּערזאָן. און דאָס טאַקע וויל איך, הגם איר דאַרפט מיר דאַנקבאַר זיין, ווייל צו וואָס זאָלט איר פאַרלירן צייט און איך זאָל פייניקן אייער געפיל ביי אַ שלעכטער זאַך. אויב איר ווילט פאָלגן מיין עצה — לעזט נישט פון דאָרט נאָך אַ פּאָר שלעכטע זאַכן, אויף וועלכע איך ווייז אייך, צום ביישפּיל: „אַ שׂרפה", „דער קיטל", „פייגעלע" — קליין און ניצלאָז, סיי אין דער מאָס, סיי אינעם ווערט. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט, אַז עס גייט מיר נישט אין דעם, וואָס איר קענט וועגן מיר זאָגן אַ שלעכט וואָרט, נאָר פּשוט, מיט אַ שלעכטער זאַך שעם איך מיך.[3]

דער לאַנגיאָריקער ראָמאַנס און ענדלעכער נצחון

ווייסענבערג פלעגט אין יענע טעג גאַנץ אָפט אַריינפאָרן קיין וואַרשע צוליב שרייבערישע ענינים.

און פאָרנדיק מיט דער באַן איין מאָל, טאַקע קיין וואַרשע, האָט ער זיך צערעדט מיט איינעם אַ יונגען־מאַן, יצחק זילבערמאַן, וואָס איז אויך אַהין געפאָרן. אָט דער יונגער־מאַן איז שפּעטער געוואָרן ווייסענבערגס שוואָגער. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט, ווייל ס׳איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

איינער ביים אַנדערן האָט, ווייזט אויס, נושא־חן געווען און זילבערמאַן האָט אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים. דאָס איז געווען אַ שטוב פון פעלדשערס, די דעמאָלטדיקע האַלבע דאָקטוירים. די משפּחה זילבערמאַן איז באַשטאַנען פון פיר זין, דריי טעכטער און אַ מוטער, אַן אַלמנה. די זין האָבן אַלע איבערגענומען די פעלדשער־פּראָפעסיע פון זייער פאָטער און איינער פון זיי האָט אויך געהאַט אַ ראַזורע (די צוויי פאַכן זענען אין יענע צייטן אָפט געגאַנגען צוזאַמען).

ווייסענבערג האָט באַלד געוואָרפן אַן אויג אויף דער יינגסטער טאָכטער, מאַליע. ווי די מוזינקע איז זי געווען די געפּיעשטשעטע אין שטוב. פון איר האָט מען נישט פאַרלאַנגט זי זאָל עפּעס טון, אין דער צייט ווען די עלטערע שוועסטער חנה האָט אי געאַרבעט, אי געטאָן אין שטוב אַרום דער ווירטשאַפט. אויך איז מאַליע געווען באַשאָנקען מיט אַלע חנען פון אַ ייִדיש פאָלקסמיידל. זי איז טאַקע געווען שיין, מיט אַן אָליוו־קאָליר־הויט, גרויסע, שוואַרצע מאַנדל־אויגן, קראָ־שוואַרצע גלייכע האָר און אַ געטאָקט פיגורל. געווען איז זי אַ לעבעדיקע, אַ לאַכערקע, אַ שטיפערקע מיט אַן אמת פאָלקסטימלעכן הומאָר. פלעגט זי טאַקע אַ שפּאַר ביסל אָפּלאַכן און חוזק פון איר פאָרערער, ווייסענבערג; גערופן אים כינעזער (צוליב זיין מיזרח־פּנים מיט די ברייטע באַקנביינער). צו זיינער אַ פאָטאָגראַפיע האָט זי געהאַט צוגעמאָלן אַ לאַנגן צאָפּ, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין קאַרק, ווי ביי די כינעזער, און בכלל האָט זי געמאַכט פון אים „אַ תל״, אויך אים אין די אויגן.

ווייסענבערג איז אָבער נישט נתפּעל געוואָרן און איר נאָכגעגאַנגען און זיך איינגעבעטן ביי איר, זי זאָל כאָטש איין מאָל מיט אים מאַכן אַ „ראַנדעוווּ״, נאָר זי — בשום־אופן נישט. דער איינזייטיקער ראָמאַנס האָט זיך אַזוי געצויגן עטלעכע יאָר, און ווייל ווייסענבערג איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו די זילבערמאַנס אין שטוב — האָט מען דאָך אים געדאַרפט אויפנעמען אַ מאָל מיט אַ גלאָז טיי. דאָס איז אָבער נישט געווען מאַליעס דאגה. דאָס פלעגט טאָן איר עלטערע שוועסטער חנה. פון דעסט וועגן האָט איר ווייסענבערג איין מאָל געזאָגט:

— „חנה, איר נעמט מיך טאַקע אויף אַלע מאָל און זענט מיך מכבד, אין דער צייט ווען מאַליע דערלאַנגט מיר אָפּילו קיין גלאָז טיי נישט — נאָר ליב האָב איך מאַליען״.

דערמיט האָט ער אויסגעגליכן דעם ענין; טאָמער רעדט זיך יענע עפּעס איין צוליב איר אויפמערק צו אים — אין קעגנטייל צו איר שוועסטערס גרינגשאַצנ־דיקער באַציִונג — איז זאָל זי זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס, הייסט עס...

און אַזוי איז די צייט געגאַנגען און זיין „מערכה" האָט זיך גאָרנישט געביטן. צו קיין „ראַנדקע" האָט ער זי אַלץ נישט געקענט צורעדן. און ס'איז טאַקע אַ שווערער ענין געווען, ווייל גלייכצייטיק איז אַרויפגעקומען נאָך אַ „פּאַרערער", אַ געוויסער ד"ר קרופּ, און ז י י נ ע שאַנסן האָבן, פאַרשטייט זיך, איבערגעוויגן... פלעגט ווייסענבערגן איר מאַמע אויך זאָגן, אַז מאַליע איז נישטאָ אין דער היים, ווען ער פלעגט אַרויפקומען. נישט ווייל זי האָט געהאַט עפּעס קעגן אים, נאָר ווייל זי האָט געוווסט, אַז יידישע שרייבערס שטאַרבן „זיבן מאָל אין טאָג" פון הונגער און אַז אויב איר טאָכטער האָט נאָך „פּאַרערערס", פאַר וואָס זשע זאָל זי חתונה האָבן מיט איינעם, וואָס זי וועט ביי אים „גיין לעבן די שיך"?...

י. ל. פּרץ האָט אים אין יענע צייטן איין מאָל געהאַט געפרעגט:

— „ווייסענבערג, וואָס גייסטו עפּעס אַרום אַזוי צעטראָגן, און זעסט אויס שלעכט און אַרבעטסט נישט (שרייבט נישט) — ביסטו קראַנק?"

האָט ווייסענבערג געענטפערט: נישט פיזיש.

— וואָס דען איז עס?

איך האָב ליב אַ מיידל און דאָס מיידל זאָגט „ניין".

האָט זיך פּרץ צעלאַכט און געזאָגט, אַז מאָרגן וועט זי זאָגן „יאָ".

דערויף האָט ווייסענבערג געענטפערט: „דאָס מיידל זאָגט שוין זעקס יאָר „ניין".

דו וועסט זען, — האָט פּרץ געזאָגט — אַז אויפן זיבעטן יאָר וועט זי זאָגן „יאָ".

און אַזוי איז עס געווען.

נישט געקוקט אויף זיין טרויעריק אַרומגיין, איז ווייסענבערג אָבער דאָך געווען פון נאַטור אַ בעל־בטחון און איז נישט אָפּגעטרעטן אַזוי לייכט פון דעם, וואָס איז אים געווען צום האַרץ.

דערווייל האָט ער געהאַט אַ גוטן פריינד אין יצחקן, וואָס איז אים געווען צום סימפּאַטישסטן פון אַלע זילבערמאַן־ברידער. ער איז טאַקע געווען דער באַלעבאָס פון דער ראַזורע אויף גענשע־גאַס. פלעגט ווייסענבערג אים קומען זען אין דער היים (און נישט בלויז אים...) און איז אויך אַריינגעקומען אין דער ראַזורע. ער האָט זיך דאָרט געפילט גאַנץ היימיש און פלעגט זיך אַנבערענגען אַהין עסנוואַרג אַ פולן טיש — ווי מאַליע פלעגט חוזק מאַכן. ווען ער פלעגט נאָר האָבן געלט, פלעגט ער איינקויפן פון כל־המינים אויף אַ מאָל: וווּרשט, סאַרדין, קעז, פּוטער, כאַלווע, פרוכטן און דאָס אַלץ אויפעסן אין איינעם. ער איז טאַקע געווען אַ גרויסער עסער. האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין געלט — האָט ער צוגעהונגערט. פון קיין איינ־טיילן מיט אויסגערעכנטקייט, אַ ביסל אויף היינט און אַ ביסל אויף מאָרגן, האָט ער נישט געוואָלט וויסן. ער איז בכלל קיין בעל־תּכלית נישט געווען. אַ מאָל האָט ער — פּאָרנדיק מיט דער באַן — אַרויסגעוואָרפן אַ פּעקל ווייסע שטייפע קראַגנס, וואָס ס'איז נישט כּדאַי צו פירן און זיך באַלאַסטיקן מיט זיי...

איין מאָל — ווי עס האָט דערציילט די משפחה — איז ווייסענבערג געהאַט אריינגעקומען אין דער ראַזורע מיטאָגצייט אין אַ הייסן זומערטאָג. די לאַדנס זענען געווען צוגעלענט צוליב מיטאָג־איבעררייס און דער באַלעבאָס, יצחק, איז געהאַט אוועקגעגאַנגען עסן וואַרעמעס. אינעם הינטערשטן חדר האָט ווייסענבערג געזען ליגן — אַפּרוען זיך — אַ בילדשיין מיידל, אַ קרובה, וואָס איז ווייזט אויס געקומען פון דער פּראָווינץ קיין וואַרשע און די גרויסע שטאָט האָט זי מיד געמאַכט.

דערלעבן איז געזעסן אויף אַ שטול יצחק זילבערמאַנס אַ געזעלן און געשלאָפן.

ווי ווייסענבערג האָט דערזען אַזאַ מין בילד, האָט ער נישט לאַנג טראַכטנדיק, גענומען אַ שטעקן און אָנגעהויבן מיט אים דערלאַנגען דעם אַנגעשטעלטן.

ווען מ׳האָט אים שפּעטער געפרעגט: איטשע־מאיר, פאַר וואָס האָסטו עפּעס געשלאָגן דעם געזעלן? — האָט ער געענטפערט: „אויב ער קען זיצן און שלאָפן, ווען עס ליגט לעבן אים אַזאַ שיין מיידל — איז ער ווערט שטעקנעס — און דער־פאַר האָב איך אים טאַקע אָנגעקלאַפּט די ביינער״.

איין מאָל איז ווייסענבערגן יאָ געלונגען איינצורעדן מאַליען זי זאָל גיין מיט אים שפּאַצירן אין די „לאַזשענקעס״.* ער האָט איר געזאָגט, זי זאָל זיך מיטנעמען צען דעקאָ אויפשניט (וורשט) — וואָס ער האָט געוווסט, אַז זי האָט ליב געהאַט: זאָל זי דערווייל אויסלייגן דאָס געלט און זיך קויפן און ער וועט עס איר שפּעטער צוריקגעבן.

בשעת ער האָט מיט איר שפּאַצירט אין די „לאַזשענקעס״ און געשמועסט, האָט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט פון צווישן די קוסטן אַפּער פּרץ, וואָס איז דאָרט אַ פּנים געזעסן שוין פון פריִער.

ווייסענבערג האָט אים פאָרגעשטעלט „זיין מיידל״ און אַליין איז ער נאָך אַ שטיקל צייט פאַרבריינגען צוזאַמען — פאַרשווונדן...

פּרץ האָט דעמאָלט פאַרפירט אַ שמועס מיט איר און אָנגעהויבן איר אויסמאָלן, ווי גרויס און באַרימט ווייסענבערג וועט אַ מאָל זיין, ווייל ער איז — ווי עס ווייזט זיך שוין איצט — אַן אומגעהייערער טאַלאַנט און, אַז זי וועט ביי אים פאָרן אין קאַרעטן און נאָך, און נאָך.

די מאַמע האָט זיך אין די שפּעטערע יאָרן געחכמהט, אַז זי איז נישט נאָר אין קאַרעטן, נאָר אין קיין „טאַטשקעס״ אויך ביי אים נישט געפאָרן...

נאָר איבערצייגט האָט זי פּרץ יאָ מיט זיין גרויסער השפעה און באַרימטקייט, אַז זי דאַרף אָננעמען ווייסענבערגס קאַנדידאַטור פאַר אַ צוקונפטיקן מאַן, און זיי האָבן טאַקע פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן אַרויסגיין צוזאַמען און נאָך אַ שטיקל צייט אויך חתונה געהאַט.

ער האָט זי אויסערגעוויינטלעך ליב געהאַט. די מומע חנה פלעגט מיר דער־ציילן, אַז זיי זענען געהאַט אַרויסגעפאָרן אויף דאַטשע. איטשע־מאיר פלעגט אַריינ־פאָרן יעדן טאָג קיין וואַרשע און צוריקקומען צו מיטאָג; האָט ער אַ מאָל, ביים מיטאָג־עסן געהאַט געפרעגט אויף די זויערע אוגערקעס, וואָס ער האָט געוווסט, אַז

* „לאַזשענקי״ — אַ פּאַרק אין וואַרשע.

זיי זענען דאָ צום פּליישׂ. די מומע חנה האָט אים געענטפערט, אַז מאַליע האָט זיי אַלע אויפגעגעסן. זי איז דעמאָלט געווען שוואַנגער און מן־הסתם האָט איר זייער געשמעקט זויערס. דערפאַר — ווייל זי האָט יאָ אויפגעגעסן אַלע אוגערקעס — האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די פּלייצעס און, פאַר גרויס גדולה, אויסגעלאָפן מיט איר דעם גאַנצן וואַלד.

נאָך האָט מען דערציילט, אַז ווען זי האָט געקריגן די געבורט־ווייען, ווײנענדיק שוין צוריק אין וואַרשע, און האָט שוין געדאַרפט גיין אין שפּיטאָל אַריין און קיין דראָשקע האָט מען גראָד עפּעס דעמאָלט נישט געקענט באַקומען — האָט ער די מאַמע גענומען אויף ביידע הענט און אַוועקגעלאָזט זיך מיט איר גיין צו פוס איבער די וואַרשעווער גאַסן ביז צום „טשיסטע" שפּיטאָל. אויף דער גאַס האָבן אים מענטשן נאָכגעקוקט פאַרחידושט, ווייל עפּעס טראָגט ער אַ פרוי אויף די הענט, און נאָך דערצו אין „אַזאַ צושטאַנד", נאָר אים האָט דאָס קנאַפּ געאַרט און ער איז זיך געגאַנגען זיין וועגס.

די באַציִונג צו דער מאַמען איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע, און אין יענע יאָרן האָט ער איר אויך געווידמעט זיין גרעסערע דערציילונג „אַ וואַלד־מיידל":

מיין ליבע פרוי מאַליע,
איך ברענג דיר פאַר אַ געשאַנק
פון מיין אַרבעט דאָס דאָזיקע
קליינע ווערק. [4]

נאָך גנענדלס געבוירן ווערן האָבן די ווייסענבערגס ווידער, געוווינט אין זשעלעכאָוו אויף זשרודליאַנע־גאַס נומ׳ 2, אין אַ ווייס הויז, וואָס איז געשטאַנען (און שטייט נאָך היינט אויך) אין אַ סאָד און די צווייגן פונעם קאַרשנבוים האָבן דאָרט אַריינגעקוקט אין די פענצטער אַריין. דאָרט בין אויך איך געבוירן געוואָרן. די זשורדליאַנע־גאַס געפינט זיך לעבן דער בריק, וואָס פאַראייניקט דעם לוקאָווער וועג מיטן וואַרשעווער שאָסיי. דער באַלעבאָס האָט געהייסן טשערניעצקי. דאָרט האָבן מיר געוווינט עטלעכע יאָר. און גנענדל האָט דאָרט געהאַט אמת גוטע צייטן אין אירע ערשטע לעבנסטעג. ווי די מאַמע האָט דערציילט, האָט זי גנענדלען געבאָדן אין באַרזױערס, געקאַרמעט מיט טאַפּיאָקאַ און דער טאַטע האָט זי אַרויסגעהאַלטן נאַקעטערהייט דורכן אָפענעם פענצטער אונטער די מילדע זונשטראַלן. די נאַטור אַרום איז געווען פּראַכטפול, איז נישט קיין ווונדער, וואָס די מוזע אין אַזעלכע אַרומען האָט גענומען די אויבערהאַנט און ווייסענבערג פלעגט זיצן לאַנגע שעהען און שרייבן.

דאָרט האָט ער געשאַפן זיין 3־בענדיקע פּאָעמע אסתּר. דאָס איז געווען אין 1912.

ווען ווייסענבערג איז געזעסן ביים שרייבטיש — ווו ער האָט געפּורעמט זיינע געשטאַלטן — איז ער תמיד אין גאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין זיינע שילדערונגען. ער פלעגט פשוט נישט זיין מער ווו ער איז אייגנטלעך געווען מיטן גוף, נאָר ער האָט זיך אין גאַנצן אַריבערגעטראָגן צו זיינע העלדן און געשאַפענע סיטואַציעס.

כ׳גלייב, אַז ער האָט בשעתן שאַפן אפילו נישט געוווּסט, צי ס׳איז טאָג, צי נאַכט, שוין אָפּגערעדט פון דער צייט אין טאָג.

די מאַמע אָבער האָט געוווּסט אירס: ווען ס׳איז צייט צו עסן, דאַרף מען גיין עסן. און אַזוי, אַז ס׳איז געקומען די מיטאָג־שעה — האָט זי אים גערופן צום טיש. נאָר ער — ווי זיין טבע איז געווען בשעתן טראַנס פון שאַפן — האָט נישט אָנגעהויבן הערן איר רופן. זי אָבער האָט אים ווידער און ווידער אַ מאָל געמינטערט. און ווייל ער האָט אַלץ נישט געענטפערט — איז זי צוגעגאַנגען צו אים און מיט ליבשאַפט אַריינגעשטעלט די פינגער אין זיין געדיכט־געקרוויזלטער טשופּרינע, „ער זאָל זיך שוין אַ מאָל אויפהייבן פונעם שרייבטיש און גיין עסן מיטאָג״.

דעמאָלט איז אויסגעבראָכן דער ערשטער סקאַנדאַל: פאַר וואָס זי האָט אים אַרויסגעבראָכן פונעם גאַנצן אין מיטן טראַנס פון אַ געשילדערטער סיטואַציע. ער האָט זיך אַזוי צעשריגן, אַז זי איז געבליבן אַ דערשראָקענע אין איר תּמימות, נישט אַנהייבנדיק צו פאַרשטיין, פאַר וואָס עס קומט צו מאַכן אַזש אַזאַ סקאַנדאַל, ווען זי רופט אים עסן, און נאָך דערצו מיט אַזאַ צערטלעכקייט. גוואַלד, — האָט זי זיך געטראַכט — וואָס האָט זי דאָ דען אַזוינס געטאָן?!

און פאַר גרויס פאַרדראָס, וואָס ער האָט געקענט איר מאַכן אַ סקאַנדאַל — נאָך אַזוי פּיל יאָרן איר נאָכלויפן און זי ליב האָבן מיט אַזאַ שטאַרק געפיל — איז זי אַרויס פון שטוב, אַריבערגעוואָרפן זיך איבערן פלויט אויף דער אַנדערער זייט פונעם סאָד, וווּ ס׳איז געווען אַ גאָרטן — און געוויינט און געוויינט, שעהענווייז. אין דעם דאָזיקן פאַקט האָט זי אפשר געזען דעם סוף פון דער וועלט... — לכל־הפּחות — פון זיין ליבשאַפט צו איר. און אַזאַ פלוצעמדיקע ענדערונג האָט זי בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין און שלום מאַכן מיט איר.

ווען עס זענען אַריבער עטלעכע שעהען, און די מאַמע האָט זיך שוין געהאַט אַזוי אָנגעוויינט — ווי זי האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערציילט — אַז מער וואָלט זי שוין נישט געקענט, האָט זי זיך אַרומגעקוקט מיט די אָנגעשוואָלענע אויגן און דערזען דעם שטשאַוו וואַקסן אין גאָרטן. זי האָט זיך אָנגעגעסן מיט אים און צוריק אַריין אין שטוב, אָבער שוין אָן אָנגעברוגזטע.

דאָס איז געווען דער ערשטער ריס צווישן זיי, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרטיפן, ווייל די מאַמע האָט שוין די ענדערונג געהאַט גענומען גוט אין געדאַנק אַריין, כאָטש ביים טאַטן איז דאָס געווען בלויז אַ מאָמענטאַלער אויסבראָך, און ווען דער כּעס האָט זיך געהאַט ביי אים געשטילט — האָט ער געקענט זיין פּונקט אַזוי פאַרליבט און צופרידן, ווי פריִער.

בכלל איז דאָס עפּעס גאַרנישט געווען קיין ייִדישער טעמפּעראַמענט ביי אים. זיין כּעס איז געווען אַ שטורעמדיקער, זיין ליב־האָבן אַ ליידנשאַפטלעכס, זיין פרייד איז געווען אַ פולע און זיין טרויער — אַן עכטער. אַזוי איז ער געווען: עקסטרעם אין זיין ליב האָבן, עקסטרעם אין זיין פיינט האָבן.

ביי דער מאַמען אָבער האָט זיך שוין דער פאַרדראָס געהאַט גוט איינגעגעסן אין איר גאַנץ נפש און אַזוי פלעגט זי אויך האַנדלען קעגן אים. זיין שטוב האָט אָנגעהויבן אָנווערן די געמיטלעכקייט און די וואַרעמקייט. זי האָט נישט קיין סך

איינגעטענהט, נישט מער דערלאַנגט אים דאָס אָפּגעקאָכטע עסן, אויב ער קען מאַכן אַ סקאַנדאַל צוליב דעם, און זי איז אַרומגעגאַנגען אַן אַנגעברוגזטע.

דאָס האָט ווידער געפירט דערצו, ער זאָל גיין אַהין וווּ מע נעמט אים פריינד־לעכער אויף. די דאָזיקע פריינדלעכקייט האָט ער געפונען אין דער נאַדלער־שטוב. דאָס איז געווען אַ משפחה פון דריי זין, פינף טעכטער און זייער מוטער, אַן אַלמנה, די באַלעבאַסטע פון אַ רעסטאָראַן. איינע פון די מיידלעך מיטן נאָמען ביילטשע, האָט אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן באַזונדערן אויפמערק צו אים.

ווען די מאַמע איז נאָך דאָס אויך געוווּיר געוואָרן — איז גאָר געוואָרן תשעה־באָב אין שטוב. ער פלעגט זי אָפּט טרעפן מיט אַ נאַס טיכל אויפן קאָפּ, אַ פּאָר־וויינטע און שווייגנדיקע ליגן אויפן בעט. אַזאַ אומגעמיטלעכע אַטמאָספער האָט אים שוין גאָר אין גאַנצן פאַריאָגט און אַזוי האָט ער שוין אָנגעהויבן זיצן און שרייבן אין אַ ספּעציעל פאַר אים צוגעגרייטן צימער אינעם רעסטאָראַן ביי דער נאַדלער־משפחה.

ביסלעכווייז האָט ער אויך דאָרט אָנגעהויבן צו עסן און פאַרברענגען זיין פריי־צייט, אַזוי לאַנג, ביז ער האָט שוין געגומען רעדן פון אַ גט, און געענדיקט האָט עס זיך טאַקע מיט אַ גט.

די גרויסע פרייד פונעם לאַנג אויסגעחלומטן גליק האָט דעריבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל פאַרשטאַנען האָט אים די מאַמע אונדזערע נישט און אָפּט נישט געוווּסט, ווי אַזוי מיט אים צו האַנדלען.

דער רעסטאָראַן האָט געהאַט דעם אַריינגאַנג פון מאַרק. אויף דער אַנדערער זייט פונעם הויז איז געשטאַנען דער זשעלעכאָווער „קאָשטשאָל״ * אין זייער אַ ראָמאַנטיש, גרין ווינקל, מיטן הויפּט־אַריינגאַנג פונעם וואַרשעווער שאָסיי. פון דער הינטערשטער זייט קאָשטשאָל איז דאָס גראָז געוואַקסן, ווי אַ טיפגרינער טעפּעך. דער אַריינגאַנג אין ווייסענבערגס סטודיאָ איז געווען פון דער זייטיקער גאַס, וואָס צווישן דעם קאָשטשאָל און דעם מאַרק. דאָס הויז האָט אויך געהאַט אַ צווייטן שטאָק, וווּ עס האָבן זיך געפונען די שלאָפצימערן פון פרוי נאַדלער און אירע טעכטער.

נישט ווייט פון דאָרט, אויפן וואַרשעווער שאָסיי, האָט געוווינט חיסדאַ, אַ פּאָר־מעגלעכער פעטער ווייסענבערגס. ער האָט דאָרט געהאַט זיין גאַרבעריי, וווּ ווייסענבערגס פאָטער, דער זיידע לייביש מאָטעסעס, האָט געאַרבעט. די שיינע טאָכטער דעם פעטער חיסדאַס, ווייסענבערגס קוזינע, איז די העלדין פון זיין שפּעטערדיקער דראַמע אין דריי אַקטן, דער נייער מאַרגן, וואָס ער האָט געשאַפן אין די סוף 20ער יאָרן.

איין מאָל זענען אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן עטלעכע אָפיצירן, און נאָכן אויסטרינקען צו עטלעכע גלעזלעך, האָט מען זיך אָנגענומען מיט דרייסט־קייט און איינער פון זיי, אַ יונגער אָפיציר, האָט זיך פאַרנומען אַרויפצוגיין אין דער הייך, ווייל ער „האָט געהערט, אַז דאָרט זענען דאָ שיינע מיידלעך״.

---

* פּויליש — קלויסטער

ווייסענבערג איז גראַד געווען אין הויז, און ווי ער האָט דערהערט וועגן יונגן אָפיצירס פלאַן — עס איז דאָך געוואָרן אַ ביסל אַ גערודער דערביי — האָט ער זיך געשטעלט אין דער טיר, כּדי דעם אָפיציר צו פאַרשטעלן דעם וועג צו די שלאָפצימערן.

דער אָפיציר האָט דעמאָלט, נישט לאַנג טראַכטנדיק, אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער. עס האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז דער שכּור זאָל אויסשיסן און אַוועקלייגן זיין קעגנער אויפן אָרט! נאָר מאָדנע, ווייסענבערגן האָט דאָס נישט אָפּ־געשראָקן און ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון זיין שמירה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער טיר, אַזוי לאַנג, ביז דער אָפיציר מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט איז יאָ אָפּגעטרעטן.

וועלכער כּוח האָט דעם אָפיציר באַצוווּנגען? — האָבן זיך אַלע אין הויז דעמאָלט געחידושט. — קען זיין, אַז ווייסענבערגס אומדערשראָקענע און פעסטע האַלטונג.

די טויט־איבערגעשראָקענע מיידלעך אויבן האָבן פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן קוקן אויף ווייסענבערגן, ווי אויף זייערס אַ גואל. נאָר דאָס איז בלויז איין עפּיזאָד פון זיין לעבן, וואָס איז פול געווען מיט ביישפּילן פון זיין גייסטיקער און פיזישער גבורה צו גלייך. ער האָט טאַקע געהאַלטן, אַז ביי אַ קינסטלער מוז די פיזישע און גייסטיקע קראַפט זיין באַלאַנסירט. איינס מוז דערגאַנצן דאָס אַנדערע. „קונסט איז אַ גלייכע פּראָפּאָרציע פון גייסטיקייט און פיזישקייט, אויב נישט, וועט דאָס אַליין שוין זיין אַנטי־קונסט",[5] זאָגט ער אין זיין עסיי „קונסט און סוביעקטיוויטעט".

דער זשעלעכאָווער פעלדשער בערל וועצערמאַן איז געווען אַ פּערזענלעכער פריינד ווייסענבערגס און די נאַדלערס. וועצערמאַן האָט זיך פאַררעכנט צו דער אַריסטאָקראַטיע פון זשעלעכאָוו. זיין פרוי, פייגעלע, האָט גאָר געשמט פאַר אַ „געבילדעטער אַריסטאָקראַטקע". שפּעטער צו האָבן זיך די וועצערמאַנס אַריבער־געצויגן קיין פאַליעניץ — וואָס איז געווען נענטער צו וואַרשע — כּדי צו קענען געבן די פיר טעכטער זייערע, העליע, פראַניע, מאַניע און פאַליע, מער בילדונג. געצויגן האָט עס אָבער וועצערמאַנען צו זיין שטעטל זשעלעכאָוו. פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן אַהין פון צייט צו צייט, כּדי צו שטילן זיין בענקשאַפט. ווען ס'איז נאָר אַרויס דער קלאַנג, אַז בערל וועצערמאַן איז דאָ אין שטעטל — האָבן ייִדן, ווי אויך קריסטן אָנגעהויבן לויפן צו אים פון אַלע זייטן, ווי צו אַ גוטן־ייִד. פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפפאָרן מיט די פערד־און־וועגענער פון אומעטום. וועצערמאַן האָט זיי אין יענער צייט אויפגענומען ביי זיין שוועסטער, אַלטע־שׂרה אַלבערג אין דער ראַזורע, וואָס האָט זיך געפונען אין מאַרק, אינעם בשותפותדיקן הויז מיט בעריאַ גאָלדשטיין. די וואָרעמקייט און האַרציקייט, מיט וועלכער ער האָט די פויערים אויפגענומען — אָפט אָן געלט, ווייל אַ סך פון זיי האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן — איז נישט צו באַשרייבן.

די אַפּטייק, וואָס האָט געהערט צו ליפּיש אַלבערג, אַלטע־שׂרהס זון, האָט זיך אויך געפונען אין מאַרק. ווען וועצערמאַן איז אין זשעלעכאָוו נישט געווען, פלעגן פויערים געוויינטלעך, ווינטער, אין אַ גרויסן פראָסט — ווען זיי זענען זיך צונויפ־

געפֿאָרן פֿון די אַרומיקע דערפֿער אין אַ מאַרקטאָג — קומען אין דער ראַזורע זיך שטעלן באַנקעס קעגן אַ פֿאַרקילונג. ס'איז דאָרט געווען אַ גרויס צימער אינעם הויז און אַ צווייטס איז געווען אַ קליין שלאָפֿאַלקערל. פֿלעגט מען אין אַלקערל שטעלן די פּויערים די באַנקעס: אונטערגעלעגן אַ 15־20 מינוט, אַראָפּגענומען די באַנקעס — האָט זיך דער פּויער אָנגעטאָן זיין וואַטאָווע וועסטל, מיט אַ שווערער בורקע פֿון אויבן, און איז אַריין צו נתן שילמס, פֿייגעלע וועצערמאַנס אַ ברודער, אין הויז, וואָס איז אויך געווען אין מאַרק. דאָרט, האָבן די פּויערים געוווּסט, קען מען קריגן אַ גוט שנעפּסל, אַ גוט ביסל ווישניק, אַ געבראָטן גענדזל און שמאַלץ מיט אויסגעלאָזטע ברוינע גריוון.

* * *

ביים סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1918, האָט ווייסענבערג זיך געפֿונען אין אוקראַינע. ער איז אַהין געפֿאָרן מכּוח פֿאַרלאַג־ענינים. דעם „פּריזיוו" האָט ער געהאַט אויסגעמיטן, ווייל ער איז געווען פֿריי פֿון מיליטער־דינסט, ווי אַ „לגאָטניק",* נאָר צוליב דער מלחמה, וואָס האָט אים פֿאַרכאַפּט אין אַ פֿרעמד אָרט, איז ער געבליבן דאָרט שטעקן. ער האָט זיך געוואָלט צוריק אַריבער־קריגן קיין זשעלעכאָוו. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטער ענין אין אַזאַ צייט. האָט ער זיך איבערגעטאָן ווי אַ פּויער, געלאָזט זיך וואַקסן אַ באָרד, און דאָס פּאַפּירענע געלט, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, האָט ער איינגעוויקלט אין דינע רערלעך און אַריינגעשטופּט אין פּאַפּיראָסן־גילזן, כּדי מע זאָל עס אים נישט צונעמען ביי די גרענעצן, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

ווען ער איז נאָך לאַנגע וואַנדערונגען — מלחמה־צייט ביי דער רוסישער „אָרדענונג" — סוף־כּל־סוף אָנגעקומען אויף אָן אָרט, האָט ער זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז ביילטשע טראַכט אוודאי נישט אַנדערש, ווי נאָר אַז ער איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. האָט ער — כּדי זי נישט איבערצושרעקן מיט זיין פּלוצעמדיקן אַריינקומען, אַז זי זאָל נישט פֿאַלן אין חלשות פֿון איבערראַשונג — געשיקט אַ שליח, אַז עפּעס אַ מאַן האָט אַ גרוס פֿאַר איר פֿון איטשע־מאירן. נאָך דער צוגרייטונג איז ער אַליין אויך געקומען צו גיין. ביי ביילטשען איז די פֿרייד וואָס זי זעט אים אַ לעבעדיקן נאָך אַלץ געווען געמישט מיט טרערן — אָבער פֿאָרט איז דאָס קיין צו האַסטיקע איבערראַשונג פֿאַר איר נישט געווען.

די אַלע געשעענישן קען איך פֿון הערן דערציילן. איך אַליין דערמאָן זיך דעם טאַטן אין אָנהייב פֿון מיין לעבן נאָר אין קורצע מאָמענטן.

אָט זע איך אים באָדן אונדז, גנענדלען און מיך אין אַ גרויסער שיסל, ווען מיר זענען נאָך געווען פּיצלעך קינדער. קליינערהייט זענען מיר נישט אַלע מאָל געווען מיט אים, נאָר מיט דער מאַמען, דער באָבע פּעסע און צייטנווייז מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט צוגענומען כּדי אויף אונדז אַכטונג צו געבן. צוליב דעם פֿלעגט אונדז די באָבע רופֿן „די לעבעדיקע יתומים". דעם פּעטער יעקבס, זיין ייִנגסטן ברודערס,

---

* טייטש: איבער דער קוואָטע.

צערטלעכקייט און באַזאָרגטקייט האָבן זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון פון קליינערהייט אָן. אויך דער באָבע פעסעס געטריישאַפט איז געווען אַ זעלטענע, ביז זעלבסט־פאַרלייקענונג. די מילך און די פּוטער האָט זי נישט פאַרזוכט. דאָס האָט זי געהאַלטן פאַר די אייניקלעך. אַליין האָט זי געקענט לעבן אויף אַ שטיקל ברויט מיט אוגערקע, צי דאָס גלייכן, אָבער אירע הויך־אַרויסשטאַרצנדיקע בעקלעך זענען תּמיד געווען רויט. איר באַזאָרגטקייט פאַר אַנדערע איז נישט געווען באַגרענעצט בלויז צו איר משפּחה, אירע אייניקלעך. זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, ווען ס׳איז אויס־געקומען נישט צו שלאָפן אַ נאַכט און גיין וואַכן ביי אַ קראַנקן, צי ביי אַ געווינערין, אָדער ערב־פּסח, ווען זי האָט געהאַלטן פאַר אַ חוב צו גיין העלפן די זשעלעכאָווער באַלעבאָסטעס באַקן מצות.

וואָס שייך דעם מיידל, געדענק איך נישט, צי דער טאַטע האָט אונדז געברענגט צו איר אין שטוב אַריין, אָדער זי איז געקומען צו אונדז, ווו מיר האָבן געוווינט. כ׳געדענק בלויז איין נאַכט, ווען גנענדל איז געשלאָפן אין איין זייט בעט, איך אין דער צווייטער, און דאָס מיידל — אין דער מיט — צווישן אונדזביידע. ווען איך האָב זיך געוואָלט איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט, נאָכן אָפּליגן אַ שטיק צייט אויף איינער — האָט דאָס מיידל מיך נישט געלאָזט און איך בין געצוווּנגען געווען אָפּצוליגן אַ גאַנצע נאַכט בלויז אויף מיין רעכטער זייט, ווייל איר איז בעסער געפעלן איך זאָל ליגן מיטן פּנים צו איר און נישט פאַרקערט...

ווי אַזוי ס׳איז דאָרט געווען מיט גנענדלען „אויף יענער זייט באַרג״ („דאָס מיידל״ איז געווען אַ גאַנץ קאָרפּולענטע מויד און כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כ׳ליג לעבן אַ ריזיקן באַרג) — האָב איך נישט געקענט אַריבערקוקן, אַזוי אַז כ׳ווייס נישט, נאָר כ׳שטעל מיר פאָר, אַז גנענדל האָט געהאַט די זעלבע „באַ־קוועמלעכקייט״.

אַ מאָל — ווי כ׳געדענק — האָט דער טאַטע מיך אַריינגעזעצט אין אַ בריטשקע. דאָס האָט געמוזט זיין אויפן וועג קיין זשעלעכאָוו פון דער באַן, וואָס איז אָנגעקומען פון וואַרשע. מיר זענען געפאָרן זאַלבע דריט: דער טאַטע, ביילטשעס ברודער, אהרן, און איך. מיר זענען אַ פּנים געפאָרן פון דער סטאַנציע, ווייל כ׳געדענק מיך טראָגן אַ פּאַלטן און אַ קיילעכדיק קאַפּעלושל, אַ „פּיאַטרוש״, ווי מ׳האָט דעם פאַסאָן גערופן. ס׳איז געווען פרילינגצייט, ווען פון דער ווייכער ערד האָבן שוין אָנגעהויבן זיך אַרויסזען דינע, גרינע שפּראָצלעך. די לופט איז געווען פייכט, די ערד אויך. אויפן וועג האָב איך אַ ביסל אַריינגעהוסט אין אַ נאָזטיכל אַריין. דער טאַטע האָט גענומען פון מיר דאָס טיכל און איינגעקוקט זיך אין דעם לייכעץ. ער האָט אַ פּנים אין זינען געהאַט ביים מאַכן דעם אַנאַליז מיטן אויג, צו דערגיין, צי איז דאָס נישט אַ מאָל פון קיין אָנגערירטע לונגען.

נאָך געדענק איך דעם טאַטן, ווען ער האָט אונדז, גנענדלען און מיר, באַוויזן די נסים פון אַ קוועטש טאָן אַ קנעפּל אויף דער וואַנט, און ס׳זאָל זיך אָנצינדן אַ לאָמפּ אויפן סופיט און ווערן ליכטיק אין שטוב, אין וועלכער ער האָט אונדז געברענגט צו פירן. דאָס האָט אוודאי געמוזט זיין אין וואַרשע, ווייל אין זשעלעכאָוו איז נאָך צו יענער צייט קיין עלעקטריע נישט געווען.

אַ צווייט מאָל געדענק איך אים, ווען מיר זענען שוין געווען צו עטלעכע יאָר אַלט, ווי ער איז געקומען פון וואַרשע און אונדז געבראַכט עפּעס אויסטערליש גרויסע באַרנעס, וואָס זייער זאַפט האָט פאַרגאָסן דעם האַלדז. מיר זענען דעמאָלט געווען ביי דער באָבע פעסע, וואָס האָט געוווינט ביי איר טאָכטער חמה, אַן אַלמנה און אירע דריי קינדער, מאָטעס, גאָלדע און פייגעלע. די מומע חמה האָט געהאַט אַ סאָד, אַזוי אַז קיין באַרנעס, צי אַנדערע פּרוכטן זענען פאַר די קינדער אין שטוב נישט געווען קיין נאָווענע. דאָך האָט איר זון, מאָטעס, דער עלטסטער — וואָס איז נאָך געלעגן אין בעט, ווען אונדזער טאַטע איז אָנגעקומען צו פאָרן יענעם פרי־מאָרגן — געבעטן, אַז מיר זאָלן אים אָפּשניידן אַ קליין שטיקל פון אונדזערע גרויסע באַרנעס און ער וועט אונדז דערפאַר געבן אַ גאַנצע באַרנע פון עם סאָד. נאָר מיר האָבן אויף אַזאַ טויש בשום־אופן נישט געקענט באַשטיין, ווייל זיינע באַרנעס — וואָס וואַקסן דאָ אין סאָד — קומען נישט צו אונדזערע גרויסע, חשובע באַרנעס, און זענען אַפילו נישט ווערט צו ליגן לעבן זיי און נאָך דערצו, ווען עס האָט זיי געבראַכט דער טאַטעשי, אַזש פון וואַרשע...

אָבער נאָך אַ לענגערער צייט אַרומדרייען זיך מיט אַזעלכע יקר־המציאותן אין די הענט — גנענדל מיט איינס און איך מיט איינס — האָבן מיר ענדלעך ווען מ׳האָט שוין באַשלאָסן די באַרנעס אויפצועסן, יאָ אָפּגעשניטן צו שטיקלעך פאַר דער מומעס קינדער.

מיר ציִען זיך איבער קיין וואַרשע

קיין וואַרשע האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין 1920, נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט חתונה געהאַט מיטביילטשען. ער האָט דעמאָלט געדונגען אַ דירה אויף עלעקטאָראַלנע 14 וו. 65, אַראָפּצוגיין דריי טרעפּלעך אינעם קאָרידאָר (צוליב וואָס די דירה איז אָנגערופֿן געוואָרן „קעלער״ דורך טייל שרייבערס, וואָס האָבן זי דער־מאָנט אין זייערע באַשרייבונגען וועגן ווייסענבערגן). געווען איז עס אַ פּאַרטער אין אַ 4־שטאָקיקער געבײַדע פֿון אַ וואַרשעווער הויף. אונדזער וווינונג איז באַשטאַנען פֿון דריי צימערן.

ווען גנענדל און איך זענען געבראַנגט געוואָרן אין דער נײַער היים אַרײַן, האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפֿן ביילטשען (אַזוי האָבן מיר זי גערופֿן אַלע יאָרן). דאָס לעצטע צימער האָט געהאַט געמאַכטע פּאָליצעס אויף צוויי פֿון די ווענט און דאָרט זענען שוין געווען אויסגעשטעלט כּל־מיני ביכער, דערונטער אַ שפּאָרע צאָל רוסישע. אויך איז דאָרט געשטאַנען פּרצעס אַ ברוינער ביוסט אויסגעגאָסן פֿון גיפּס. אינעם קעלער אונטער אונדזער דירה, זענען געשטאַנען נאָך 40 די זעלבע קעפּ פֿון ווייסן גיפּס, וואָס ווייסענבערג האָט געלאָזט אויסגיסן פֿון ח. אייזענבערגס אַ סקולפּטור, באַלד נאָך פּרצעס טויט.

שרייבן פֿלעגט דער טאַטע אינעם מיטלסטן, גרויסן צימער ביי אַ גרויסן לאָמפּ, מיט אַ מילכווייסער שיין אויפֿן טיש.

רעגינע קאַגאַנאָווסקי פֿלעגט קומען צו אונדז סאָרטירן און קאַטאַלאָגירן די רוסישע ביכער. זי האָט געשטאַמט פֿון אָדעס און, כאָטש ביילטשע האָט דאָס געקענט אַליין טאָן (האָבנדיק פֿאַרענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע) האָט דער טאַטע דאָך רעגינען נישט אָפּגעזאָגט. זי איז שוין דעמאָלט געווען געגט פֿון קאַגאַנאָווסקין און האָט געדאַרפֿט אַליין זיך מפֿרנס זײַן.

צוזאַמען מיט אונדז איז אויך געווען ביילטשעס אַ ייִנגערע שוועסטער איטקע, אַ שיינקייט, מיט איר טעכטערל רוזשקע. דער טאַטע האָט מסכּים געווען אויף ביילטשעס בקשה צו לאָזן זיי וווינען מיט אונדז, ווייל איטקע איז זיך געהאַט צעגאַנגען מיט איר מאַן. דער שיינער איטקעס מאַן, שמעלקע מאַקוס, איז אַליין אויך געווען אַ בילד שיינער מאַנספּאַרשוין, וואָס דערמיט האָט ער געצויגן דעם אויפֿמערק פֿון פֿרויען און איטקע האָט דאָס נישט געוואָלט דולדן. ער האָט זיך אין איר געהאַט פֿאַרליבט, ווען זי איז אַלט געווען זעכצן יאָר. קומענדיק אַ מאָל קיין זשעלעכאָוו מיט סחורה, פּעסער פֿיש (ער איז געווען אַ הורט־סוחר פֿון פֿיש) האָט ער איטקען דערזען דורכן פֿענצטער פֿון רעסטאָראַן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין מאַרק אַרײַן.

פֿון יענעם טאָג אָן, ווען ער האָט זי דערזען, איז ער אָפֿט געקומען קיין זשעלעכאָוו מיט די שענסטע מתּנות פֿאַר איטקען און אויך פֿאַרן גאַנצן הויזגעזינד. אָבער נאָכן צעגיין זיך האָט זי נישט געהאַט ווו אַהין צו גיין מיטן קינד.

רוזשקען פלעגט דער טאַטע רופן „דזשייציק״ (פון פוילישן דזשעצקאָ).* ווען זי איז שוין אַלט געווען עטלעכע יאָר, פלעגט ער זי פרעגן רעטענישן, ווי למשל:

וואָס איז דאָס? — אַ באַנקע אויף אַ פיסל, אינעווייניק איז דאָ נאַפט. פון אויבן אַ גלעזל און אַ קנויט, וואָס ברענט — אַ לאָמפּ...

די קליינע פלעגט בלייבן שטיין מיט אַן אָפן מויל: סטייטש, וואָס האָט זי דאָ צו טרעפן, אַז ער האָט איר שוין אַליין אויסגעזאָגט דאָס רעטעניש?

און אַז ער פלעגט אונדז דערציילן אַ מעשׂה, האָט ער דאָס געטאָן אַזוי אַן ערך:

אַ מאָל איז געווען אַ באַטשאַן. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ לאָנקע זוכן עסן. ער איז געגאַנגען, געגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ זומפּ, ווו מע געפינט זשאַבעס. איז ער אַריין אינעם זומפּ מיטביידע פיס. ווען ער האָט געוואָלט צוריק אַרויסקריכן — האָט ער אויפגעהויבן איין פוס, אָבער געמוזט בלייבן שטעקן מיטן אַנדערן פוס אינעם זומפּ. און האָט ער אַרויסגעצויגן דעם אַנדערן פוס — איז ער געבליבן שטעקן מיטן ערשטן פוס.

אַזוי פיל דערציילט — איז דער טאַטע געבליבן שטיין. מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט אויפן המשך פון דער מעשׂה און געוואָלט שוין וויסן, וואָס ס׳איז דאָרט געוואָרן מיטן באַטשאַן. אָבער דער טאַטע האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און מער גאַרנישט געזאָגט. ער האָט אויך געוואַרט.

— נו, טאַטעשי, וואָס איז געוואָרן מיטן באַטשאַן? — האָבן מיר געפרעגט.

— ס׳האָט זייער לאַנג געדויערט, ביז ער האָט געקענט אַרויסקריכן מיט ביידע פיס פונעם זומפּ, און נישט בלויז מיט איינעם. ער האָט אַזוי לאַנג געביטן די פיס — איינעם, דעם אַנדערן; דעם אַנדערן, דעם ערשטן — ביז צו מאָרגנס. ביז ער וועט קענען אַרויס מיט ביידע פיס, דאַרף מען — הייסט עס — וואַרטן.. וועל איך צוליב דעם די רעשט פון דער מעשׂה דערציילן מאָרגן.

אָט אַזוי אַ פלעגט ער אונדז פּשוט די נשמה אַרויסציִען, ביז מע האָט שוין דערלעבט צו הערן דעם סוף פון אַ מעשׂה.

דאָס געפיל פון „העכערקייט״ און פון שטאָלצירן איז מיר אויסגעקומען צו האָבן נאָך מערערע מאָל אין די קינדער־יאָרן; וואָס אונדזער מויל־האַרמאָשקע, למשל, איז געווען שענער, גרעסער און עפּעס מער „יש״, ווי די געוויינטלעכע מויל־האַרמאָשקעס, וואָס די זשעלעכאָווער קינדער האָבן געהאַט אַד״גל.

ווען איך פלעג קומען מיטביילטשען אויף זומער־וווינונג קיין זשעלעכאָוו, האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, געוווינט אין די נאָדלערס הויז. איך פלעג זיך שפּילן מיט די קינדער אויף דער גאַס. איין מאָל איז אַרויסגעקומען קיילעלע גאָלדשטיין, גנענדלס און מיינע אַ חברטע, מיט אַ גרויסער פּיידע ברויט, אָנגעריבן מיט קנאָבל. איך האָב זי געפרעגט אַ פאַרחידושטע: „דו עסט קנאָבל?״ — האָט זי מיר געענטפערט: „ווען מיר וועלן רייך ווערן, וועל איך אויך מער נישט עסן קיין קנאָבל...״

---

* פויליש — קינד.

אַז מיר זענען „רייך״ געוואָרן, בין איך אַ פּנים געוואָרן געוואָרן פון קיילעלען, ווייל איך אַליין האָב דערפון נישט געוווסט, ליידער.

ביי קיילעלען איז פאַרבליבן אַ שטאַרקער האַרצוויייטיק נאָך אירע חברטעס, וואָס זענען אַוועק אין ווייטן וואַרשע. ווען זי האָט זיך פאַרבענקט, איז זי אַריינגעגאַנגען צו אַלטע־שׂרהן, וואָס ביי איר פלעגן מיר זיך שפּילן פריִערדיקע יאָרן צוזאַמען. קיילעלעס טאַטע, גאָלדשטיין, האָט געהאַט בשותפות דאָס הויז מיט אַלטע־שׂרהן. דאָרט פלעגט זי כּסדר נאָכפרעגן — „ווען ס׳וועלן שוין גנענדאַלע און פּעראַלע צוריקקומען פון וואַרשע״. (אין זשעלעכאָוו האָט מען די „פאַרצויגענע״ ווערטער, דימינוטיוון, אַרויסגערעדט מיט אַן „אַ״ אַנשטאָט אַן „ע״, ווי למשל, קראַפּינסקאַלע, לעפאַלע, גנענדאַלע אד״גל.)

גנענדל האָט אָבער ליבער געהאַט צו בלייבן אין וואַרשע, האָט זיך קיילעלע געפרייט לכל־הפּחות מיט מיין קומען. דער טאַטע פלעגט אויך זיך אַראָפּכאַפּן אַ מאָל קיין זשעלעכאָוו, בעת מיר זענען דאָרט געווען אויף זומער־וווינונג.

יחיאל לערערס יינגסטער ברודער, אַלוף מרדכי צדוק (לערער) ע״ה, וואָס האָט פאַרנומען אַ הויכע מיליטערישע פּאָזיציע אין מדינת־ישׂראל, איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד. ער האָט געהאַט אַ פּאָר הויכע שטאַלצן, האָט זיך דער טאַטע געלערנט יעדן אָוונט גיין אויף זיי און איז אַ סך מאָל אַראָפּגעפאַלן, אָבער האָט נישט אויפגעגעבן, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט גיין אויף די שטאַלצן. די געלעכטערס און די פרייד אין יענע אָוונטן פונעם לערער־געזינדל און פון אַלע פריינד, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען זען ווייסענבערגן ביי די לערערס אין שטוב — זענען געווען גרויס. אַנדערע האָבן אים געפרעגט: „איטשע־מאיר, וואָס טויג דיר צו גיין אויף שטאַלצן?״, האָט ער געענטפערט: „אַז מע גייט אַ ביסל אויף שטאַלצן, קען מען ערשט אָפּשאַצן, ווי גוט ס׳איז צו גיין אויף די אייגענע פיס...״

כ׳געדענק ווי מיר זענען אַהיימגעקומען אַ מאָל אַלע דריי, דער טאַטע, ביילטשע און איך, פון דער מומע חמהס סאַד, און איינע אַ פרוי, וואָס איז תּמיד געזעסן אויף אַ טרעפּל אין מאַרק — זי איז נישט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען — האָט זיך געוואָנדן צום טאַטן מיט די רייד: „דו שלייפסט דימענטן, וואָס זענען פיל טייערער פאַר געלט״. ביילטשע איז נשתּומם געבליבן; פון וואַנען זי, משוגענערהייט, ווייסט צו רעדן אַזעלכע רייד, אָבער דער טאַטע האָט דערפון נישט געמאַכט קיין צימעס.

אַ צווייט מאָל האָבן מיר זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג אין זשעלעכאָווער געדיכטן וואַלד אַריין. אַן אומגעהייערע שטילקייט האָט דאָרט געהערשט און מ׳האָט זיך שווערלעך געקענט באַוועגן צווישן די געדיכטעביימער און דיקן פּליושענעם מאָך, ווי אַ ווייכער, דיקער טעפּעך אונטער די פיס. ס׳האָט זיך פּלוצלינג אַ פויגל מיט אַ געפּילדער אויפגעהויבן פון צווישן די ביימער און אַוועקגעפּאַטשט מיט די גרויסע פליגלען אַן איבערגעשראָקענער, דערהערנדיק אויף איין מאָל מענטשלעכע קולות אין אַזאַ טיף־וואַלדיקער שטילקייט. האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז דער פויגל האָט אַוודאי געדרימלט און ווייל ער האָט זיך דערשראָקן צוליב אונדז — איז ער אַנטלאָפן מיט אַזאַ בהלה.

ביי אונדז אויפן הויף האָט מען געהאַט אַ מאָל פאַרראַכטן די קאַנאַליזאַציע און ס׳זענען צוליב דעם געשטאַנען אויפגעגראָבן טיפע גריבער. גנענדל און איך זענען אַרומגעלאָפן און געשפילט זיך מיט נאָך אַנדערע קינדער אין „יאַגעלעך״. גנענדל האָט געקענט אַ סך בעסער לויפן פאַר מיר און האָט אויסגעזען צו זיין אויך שטאַרקער און לעבעדיקער פאַר מיר. זי האָט מיך גערופן „יויז״, ווייל כ׳בין געווען אַ הויכע, אַ מאַגערע, אַ בלאַסע, מיט גלייכע בלאָנדע, כמעט ווייסע האָר. און אַריינ־געפאַלן אינעם אויפגעגראָבענעם גרוב בין טאַקע איך. כ׳האָב זיך דעמאָלט אָפּ־געשיילט דאָס גאַנצע פּנים ממש און פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין. ווען מ׳האָט מיך נאָך אַ לאַנגער ווייל דערמינטערט און כ׳האָב געעפנט די אויגן, האָב איך אויף מיין בעט דערזען זיצן דעם טאַטן. ער האָט דערציילט, אַז איך האָב גערעדט פון היץ: „נישט קיין גאַנדז, נאָר אַ קאַטשער; נישט קיין קאַטשקע, נאָר אַ גאַנער״. און געדאַרפן האָט עס זיין, האָט ער געזאָגט, פאַרקערט: נישט קיין גאַנדז, נאָר אַ גאַנער; נישט קיין קאַטשקע, נאָר אַ קאַטשער.

די גאַנצע צייט, ביז מיין געזונט ווערן, האָט ער אויף מיר אַליין אַכטונג געגעבן. ער האָט געהאַט אַ טבע צו טאָן וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק, לויט זיין אַבסערווירן די אַנטוויקלונג פון אַ קראַנקייט, און אַליין צופּאַסן היילמיטלען, לויט זיין איינזען. אַזוי האָט ער, למשל, דערציילט, אַז ווען גנענדל און איך זענען קליינערהייט קראַנק געוואָרן אויף שקאַרלאַטינע און דער דאָקטאָר אין יענע צייטן האָט אָנגעזאָגט צו האַלטן אונדז אויף אַ דיעטע און חס־וחלילה נישט געבן קיין פלייש צו עסן, האָט ער — זעענדיק, אַז עס האַלט שוין פאַרן קריזיס — צעמאָלן פלייש און פאַר יעדן פון אונדז געמאַכט גראָד אַ קאָטלעט און געגעבן אויפצועסן, כּדי מיר זאָלן האָבן כּוח גובר צו זיין די קראַנקייט.

ווען ער פלעגט אונדז נעמען אויף „ליאַדעס״, האָט ער אַלע מאָל באַשטעלט פאַר אונדז צו גלעזער סאָדע־וואַסער און געהייסן פאַרשלינגען יעדער שטיקל ליאַדע, וואָס מיר האָבן גענומען אין מויל אַריין, מיטן סאָדע־וואַסער. אַזוי, האָט ער געזאָגט, וועלן מיר נישט פאַרקילן די העלדזער.

דער פעטער פאַוועל, דער מאַמעס ברודער, וואָס איז געווען דער בעסטער מומחה אין פעלדשעריי פון אַלע זילבערמאַן־ברידער, איז מיך געקומען זען, ווען ער איז געוויר געוואָרן פון מיין אַריינפאַלן אין גרוב. דער טאַטע האָט אים פריינדלעך אויפגענומען, כאָטש ער האָט מיט אים קיין שום בשותפותדיקס נישט געהאַט. ער איז געווען אַן אַסימילירטער ייִד. דער טאַטע האָט אים גערופן „פאַוועליקל״ און „זומער־פייגעלע״. חתונה געהאַט האָט דער פעטער פאַוועל מיט אַ פרוי, וואָס האָט נישט געקענט קיין וואָרט יידיש און זייערע דריי קינדער האָט מען געגעבן לויטער פּוילישע נעמען: מאַרילאַ, סטוועק און יעזשיק. ווען אַ חתן, אויך אַן אַסימילירטער ייִד, און אפשר נאָך מער — ווייל ביים פעטער פאַוועל האָט מען באַהאַלטן די ייִדישקייט בשעת ווען דער חתן האָט שוין בכלל נישט געוווּסט פון איר — איז געקומען צו מאַרילאַן אין שטוב אַריין, האָט זי נעבעך אַלע מאָל געמוזט אַזוי מאַניפּולירן, אַז ער זאָל זיך נישט צונויפטרעפן מיט איר טאַטנס משפּחה, וואָס האָט

גערעדט יִדיש. דער מאַמעס משפחה האָט נישט אויסגעמאַכט, ווייל זיי האָבן אַלע גערעדט בלויז „פּאָפּאַליאַשו".

געלייענט האָט דער פעטער פּאווועל נאָך דעם נאַש פּזשעגלאָנד,* אַ יִדישע צייטונג וואָס איז אַרויס אין פּויליש. וועגן זיין געוועזענעם שוואָגערס קאַמף אין דער יִדישער ליטעראַטור, האָט ער געזאָגט דאָס פּוילישע ווערטל:

יאַק שען יעסט מיענדזי וראַני,
טאָ טזשעבאַ קראַקאַטש טאַק יאַק אָנע...**

איך דערמאָן זיך דעם טאַטן פירן אונדז יעדן טאָג אין יִדישן קינדער־גאָרטן אויף נאָוואָליפּקי־גאַס און קומען אונדז אָפּנעמען נאָך די קלאַסן.

איין מאָל איז ער נישט געקומען, ווייל עפּעס געשעפטלעכס האָט אים פאַרהאַלטן אין גאַס. מיר — די איינציקע צוויי קינדער און די לערערין שפרה קאַזדאַן — זענען געבליבן יענעם נאָכמיטאָג אין קינדער־גאָרטן. און אַזוי ווי דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין — און דעם טאַטן האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען — האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין וועג אַריין אַליין. מיר האָבן קיינעם אויף דער גאַס נישט געפרעגט און אינטויִטיוו געפונען דעם וועג אַהיים.

דער טאַטע איז קורץ נאָך דעם אָנגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטער און פאַרזאָרגטער ווייל ער האָט אונדז נישט געפונען אינעם קינדער־גאָרטן, וו ער איז שוין געהאַט געוועזן פאַרן אַהיימקומען. ער האָט געמיינט, אַז מיר וואַרטן נאָך אַלץ אויף אים; זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז מיר וועלן אַליין אַהיימגיין.

איך געדענק אויך דעם טאָג, ווען דער טאַטע האָט אונדז געפירט צום פאַרשרייבן זיך אין שול אַריין. דאָס איז געווען אַ ציִשאָ־שול, וואָס האָט זיך געפונען אויף קאַרמעליצקע־גאַס נומ׳ 29. מיר זענען שוין געהאַט יענעם פרימאָרגן אָפּגעגאַנגען עטלעכע גאַסן: אַ שטיקל עלעקטאָראַלנע, די אָרלע און איבערהאַקנדיק די לעשנע־גאַס — געפונען זיך שוין אויף קאַרמעליצקע — ווי דער טאַטע האָט ערשט זיך אַרומגעקוקט, אַז מיר האָבן נישט אָפּגעפּוצט די שיך.

אַזוי גאָר? גייען מיר צוריק אַהיים — האָט ער געזאָגט — זיי אָפּפּוצן. און אַזוי האָט מען טאַקע געמוזט טאָן, און ערשט דערנאָך, ווען דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, זענען מיר נאָך אַ מאָל צוריקגעגאַנגען זיך רעגיסטרירן.

עס האָט אונדז פאַרשריבן דער לערער גרשון־הענעך זאַלצמאַן, וואָס איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער שול.

גנענדל איז שפּעטער אַריבער אין אַ באָראָכאָוו־שול, אויף ד״ר זאַמענהאָף־גאַס.

איך האָב אין דעם אומפאַרגעסלעכן לערער און מיין קלאַסן־דערציִער, גרשון זאַלצמאַן, געפונען נאָך איין פאָטער. דאָס גאַנצע לעבן טראָג איך זיין אָנדענק, ווייל אין די שפּעטערדיקע שולן, וואָס כ׳האָב באַזוכט, האָב איך מער נישט באַגעגנט אַזאַ לערער־אידעאַליסט, מיט אַזוי פיל טאַקט, פיינקייט, שׂכל און גוטסקייט. דאָס אַלץ

---

* פּויליש — אונדזער איבערבליק.

** פּויליש — ווען מע געפינט זיך צווישן וואָראָנעס, דאַרף מען קראַקען פּונקט ווי זיי.

איז געווען פאַרקערפּערט אינעם לערער זאַלצמאַן, וואָס איז אין מיינע אויגן געבליבן דער סימבאָל פון אַן אידעאַלן פּעדאַגאָג.

אין שולע איז געווען אַ כאָר, וואָס דער לערער יעקב גלאַטשטיין, אַ קוזין פונעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין, האָט אָנגעפירט מיט אים. די כאָר־מיטגלידער פלעגן דאַרפן פון צייט צו צייט זיך באַשטײַערן פאַר די הוצאות, וואָס דער כאָר האָט געהאַט. האָט ביילטשע געזאָגט, אַז איך קען דאָך סיי ווי נישט זינגען, האָט דעריבער נישט קיין זינען מיין געהערן צום כאָר און במילא מיין באַשטײַערן זיך. אָבער דער טאַטע האָט איר געהייסן מיר געבן די 50 גראָשן, צי וויפל ס'האָט יעדעס מאָל אויסגעמאַכט: „צי פּערל קען יאָ זינגען, צי נישט — אויב אַלע באַשטײַערן זיך — דאַרף זי אויך געבן".

גנענדל האָט געקענט אַ סך בעסער זינגען פאַר מיר, כאָטש זי פלעגט יאָ אַ מאָל פעלשן אַ טאָן. זי האָט אָבער געהאַט אַ שטיקל קול, נישט קיין גרויס — און דער עיקר — זי האָט געזונגען מיט געפיל.

בכלל אָבער האָט דער טאַטע קיין מאָל זיך נישט באַמיט אונדז אַרויסצושטעלן מיט קיין באַרימערײַען, ווי אַנדערע עלטערן טוען דאָס אָפט. עס האָט אים שרעקלעך שאָקירט, ווען ער פלעגט זען, ווי עלטערן שטופּן אַלע מאָל פאַרויס זייערע קינדער: „פּאָוויעדז וויערשיק" * פאַר די געסט, צי: „זינג נאָר דאָס און דאָס לידעלע" אָדער זיי פלעגן איבערדערציילן זייער „ליטל דאַרלינגס" חכמות. און ווייל ער האָט דאָס פּשוט נישט געקענט פאַרטראָגן — האָט ער געטאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע און איז שוין געווען צו עקסטרעם אין זיין באַשיידנקייט. שפּעטער, ווען מיר זענען שוין געווען דערוואַקסענער — פלעגט ער אַרויסווייזן אַ סך חרטה דערויף און געוואָלט אונדז כּסדר אומעטום מיטנעמען.

דער לערער גלאַטשטיין האָט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אָנגעפירט מיט דעם ציש"אָ־שולן־כאָר. ער פלעגט איינרעפּעטירן מיט דריי שטימען פאַרשידענע לידער, פאַרזינגענדיק אַליין דעם טייל פאַר יעדער שטימע באַזונדער מיט זייער אַ מתיקותדיק־רויִק פליסנדיקן טענאָר, און אַקאָמפּאַנירן זיך דערביי אויף דער פּיאַנאָ.

איך געדענק: אַ מאָל, פאַר אַ שלום־עליכם־קאָנצערט, ווי ער האָט לאַנג אויסגעהערט צוויי סאָפּראַנאָ־זינגערינס אויף די רעפּעטיציעס, און לאַנג זיך נישט געקענט דעצידירן, וועלכע פון זיי ס'זאָל זינגען די סאָלאָ פאַר שלום־עליכמס וויגליד, ווייל ביידע האָבן אַזוי שיין געזונגען, אַז ס'איז שווער געווען זיך אָפּצוזאָגן אי פון איינער, אי פון דער צווייטער. איינע, מיט אַ זעלטן לירישן, געפילפולן סאָפּראַן (אויך געקענט זינגען אַלט) האָט פּראַכטיק געזונגען. די צווייטע סאָלאָיסטין האָט געהאַט גאָר אַ שטאַרקן, קלינגענדיקן סאָפּראַן און דער לערער גלאַטשטיין האָט, נאָך אַ לאַנגן יישובן זיך, אויסגעקליבן זי. צו דעם קאָנצערט איז דער טאַטע אויך געקומען און לאַנג זיך איינגעהערט אינעם געזאַנג. דערנאָך געשמועסט מיט די לערערס. דער לערער גלאַטשטיין האָט געהאַט זייער אַ פיין אויער. איך האָב נישט

* פּויליש — דעקלאַמיר אַ געדיכטל.

געקענט זינגען, און דאָך געהערט צום כאָר — כ׳גלייב, אַז צוליבן געהער. ער האָט מיך טאָלערירט, ווייל כ׳האָב אים נישט קאַליע געמאַכט מיט קיין פאַלשע טענער.

אונדזער שלאָפצימער איז געווען, ווייזט אויס, נישט קיין צו וואַרעמס, ווייל עס פלעגן מיר רויט ווערן די הענט, ווען כ׳פלעג זיצן שעהען און צייכענען — וואָס איך האָב עס זייער ליב געהאַט צו טאָן קליינערהייט. פאַר וואָס ס׳איז געווען קעלטער, ווי אין עסצימער — ווייס איך נישט, ווייל דער קאָכל־אויוון איז געשטאַנען צווישן דער וואַנט פון עסצימער און אונדזער שלאָפצימער. דאָך איז נאָר אין עסצימער געווען אָנגענעם וואַרעם.

דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז איך האָב פעיִקייטן צום צייכענען, נאָר אַז שפּעטער האָט מיר עס די שול קאַליע געמאַכט, ווייל איך האָב אָנגעווירן דעם אינטערעס דערפאַר. באַשולדיקט דערין האָט ער מיינע לערערס פאַר צייכענען. אַגב איז איינער פון מיינע לערערס געווען דער באַוווּסטער סקולפּטאָר פעליקס רובינליכט, אָבער נישט אים האָט ער געמיינט, פאַרשטייט זיך, נאָר די אַנדערע. דער טאַטע האָט אַלע מאָל איבערגעקוקט מיינע „געמעלן״. מיט איינעם פון זיי האָט ער זיך גאָר אַנטציקט. כ׳האָב געהאַט אָנגעצייכנט אַ גייענדיקן מענטש מיט דער פּלייצע צו אונדז און אַזוי אַוועקגעשטעלט זיין פוס, אַז פון דער זייט האָט מען געקענט זען דעם שפּיץ פון זיין שוך. האָט דער טאַטע געהאַלטן, אַז מע דאַרף האָבן זייער אַ גוט אויג, כּדי צו קענען אויפכאַפּן אַזאַ ריכטיקן דעטאַל. איין מאָל האָט ער אַליין אויך געהאַט אָנגעצייכנט אַ יונגן־מאַן. האָב איך נישט געקענט באַשטיין וואָס אַט דער יונגער־מאַן האָט אַ „בלויזן״ קאָפּ (דער באַבעס השפּעה) און כ׳האָב אים צוגעצייכנט אַ היטל, אַ יִידיש היטעלע, ווי די רעליגיעזע יִידן פלעגן טראָגן אין פּוילן. דער טאַטע האָט אין דעם דאָזיקן היטל אויך געזען טאַלאַנט. און ווייל ער האָט אַזוי געלויבט מיין צייכענען, האָב איך אים אַ מאָל אָפּגענאַרט, װעלנדיק אים נאָך מער איבערצייגן אין מיינע „פעיִקייטן״: כ׳האָב געהאַט אָנגעמאָלן מיט פאַרבן אַ האָן, האָט ער מיך געפרעגט, צי כ׳האָב עס אַליין געמאַכט אָדער קאָפּירט פון אַ בילדל. כ׳האָב געזאָגט, אַז אַליין. האָט ער אָבער שפּעטער געפונען דעם אָריגינעלן האָן אין מיין לערנביכל און האָט געזאָגט: „ניין, ס׳איז קאָפּירט״.

נאָך אַ מאָל האָב איך אים געהאַט געזאָגט אַ ליגנט, אָבער דאָס מאָל שוין פון מורא אויסצוזאָגן דעם שרעקלעכן אמת.

גנענדל און איך האָבן געמאַכט זייפבלאָזן. איינעם אַזאַ פאַרביקן בלאָז האָב איך אַריינגעבלאָזן אין די אויגן פון אונדזערס אַ חברטע, טויבע דיקשטיין, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף. כ׳בין דאָס נישט אויסן געווען צו טאָן ספּעציעל, אָבער אַזוי איז געשען. דאָס מיידעלע האָט, נאַטירלעך, אָנגעהויבן צו וויינען. דאָס זייף האָט געריסן אין די אויגן. איך האָב זי געפּרוּווט באַרויִקן: ס׳איז גאָרנישט, וועסט זען, ס׳וועט באַלד איבערגיין. אָבער דער טאַטע האָט דאָס געוויין דערהערט אין שטוב, דורכן פענצטער, און האָט אונדז באַלד געפרעגט, צי האָבן מיר אַ מאָל איר נישט אַריינגעלאָזט קיין זייפוואַסער אין די אויגן.

איך האָב עס אָפּגעלייקנט. כ׳בין אָבער גאָר נישט זיכער, צי ער האָט מיר שטאַרק געגלייבט...

כ׳האָב דערציילט דעם טאַטן וועגן מיינס אַ חלום, וואָס כ׳האָב געהאַט מיט אַ צייט שפּעטער, און וואָס האָט מיך זייער געפּייניקט: אַז כ׳האָב דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע אויף די אויגן פון מיינס אַ חברטע. כ׳האָב צוזאַמענגעמישט זאַלץ מיט עטלעכע טראָפּנס וואַסער, געמאַכט דערפון צוויי גאַלקעס, וואָס האָבן געזאָלט פאַרבייטן אירע אויגן־ווייסלען, וואָס האָבן נישט געטויגט. הכלל, כ׳האָב די זאַלץ־גאַלקעס איר אַריינגעשטעלט אין די אויגנלעכער און ערשט דערנאָך האָב איך זיך געהאַט געכאַפּט, וואָס כ׳האָב דאָ אָפּגעטאָן! ווי קענען זאַלצגאַלקעס פאַרבייטן לעבעדיקע אויגן?! און אַחוץ דעם וועט דאָך דאָס זאַלץ ברענען אין אירע אויגנלעכער!

הכלל, ס׳איז מיך נישט געווען מקנא צו זיין פאַר אַזאַ אויפטו אין מיין חלום, און כ׳בין פון אים געווען אַזוי דערשראָקן און באַאומנפּלוסט, אויך נאָכן אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, אַז כ׳האָב דעם ביזן חלום באַלד דערציילט דעם טאַטן, ער זאָל מיר אים אויסטייטשן. האָט ער געענטפערט גאַנץ געלאַסן, אַז דאָס מיינט, אַז מע דאַרף נישט צעשטערן דאָס פריִערדיקע, ביז מ׳איז נישט זיכער, אַז מ׳האָט עפּעס בעסערס אויף דעם אָרט. געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַזאַ רויִקייט אינעם טאָן, ווי ווען מיר וואָלטן דאָ גערעדט וועגן טאָג־טעגלעכע געשעענישן. דער טאָן אַליין האָט מיך מער באַרויִקט ווי דער פּתרון־חלום. כ׳האָב אים דאָס דערציילט בשעת מיר זענען איין ווינטער־אָוונט געזעסן אַלע דריי, דער טאַטע, גנענדל און איך, ביים קאַכלענעם אויוון. מיר האָבן הנאהדיק אַריינגעקוקט אין אָפענעם טירל, ווי די רויט־בלאָלעכע צונגען האָבן באַלעקט די ברענענדיקע שטשאַפּעס האָלץ.

דער טאַטע האָט צוגעוואָרפן צום ברענענדיקן פייער עפּעס אַ שטיקל וואַטע, וואָס ער האָט צופעליק געהאַלטן אין דער האַנט און אונדז געפרעגט: „וואָס איז דאָס?" מיר האָבן געענטפערט: „וואַטע". האָט ער געזאָגט: „אַ שוטה איז אייער טאַטע".

כ׳געדענק אַ מאָל דעם טאַטן זייער אַן אויפגערעגטן. כ׳ווייס נישט צוליב וואָס, נאָר ער איז עפּעס שטאַרק אין כּעס געוואָרן אויף ביילטשען. ער איז דעמאָלט געשטאַנען ביים טיש אַן אָנגעטוענער אין מאַנטל און הוט אויפן קאָפּ. ס׳איז געווען אין דער פרי, ווייל די „קייזערקעס" (זעמל) זענען נאָך געלעגן אויפן טיש צום פרישטיק, ווי ער האָט אָנגעהויבן האָבן צו איר טענות צוליב עפּעס, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעטאָן. דער כּעס איז אין אים געווען אַזוי גרויס, אַז בלויז טענות האָבן איז נישט געווען גענוג און ר׳האָט נאָך גענומען קלאַפּן מיט דער פויסט אויפן טיש אין אַ קייזערקע אַריין און, ווייל קייזערקעס האָבן געהאַט פיר שפּיצן אויבן — האָט ער זיך שנעל אָפּגעריבן די הויט פון דער זייט פויסט און ס׳האָט אָנגעהויבן גיין בלוט. דאָס האָט אים נישט אָפּגעשטעלט און ער האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט אין דעם זעמל אַריין מיט זיין צעקאַליעטשעטער פויסט. האָב איך מיך אונטערגעגנבעט אַזוי שטיל, ווי כ׳האָב געקענט און אים אָפּגעווישט כאַטש דאָס בלוט פון דער האַנט מיט אַ טיכל.

און — מאָדנע — ער האָט אַ שמייכל געטאָן און באַלד האָט זיך זיין כּעס געלאָשן.

ער האָט געהאַט אַ טבע, אַז אויב מ׳האָט אים אין אַ קאָנפליקט געענטפערט אַ וואָרט פון איבערצייגנדיקן אמת — האָט ער געקענט גלייך אָפּגעקילט ווערן פון זיין צעשפּילטן כּעס.

ס׳איז אַ מאָל געקומען ביילטשעס ברודער, דער לאַנגער אהרן, ווי מ׳האָט אים גערופן אין זשעלעכאָוו. ער האָט געמוזט פון דאָרט אַנטלויפן; איז ער פאָרפאָרן צו אונדז אין דער וואַרשעווער דירה, כּדי זיך אויסצובאַהאַלטן. ווען פוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף די, וואָס האָבן געהאַט וועלכע ס׳איז שייכות מיט די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן שוין געהאַט געהערשט דאָרט אַ שטיקל צייט, איידער די פּאָליאַקן האָבן איבער־גענומען די מאַכט. אהרן נאַדלער איז געווען אַ באַאַמטער אין זשעלעכאָווער מאַגיסטראַט, אין דער צייט פון די באָלשעוויקעס קורצער הערשאַפט דאָרט. אַזעלכן האָט די פּוילישע מאַכט געהאַלטן פאַר אַ פאַררעטער און ווען מע וואָלט אים געכאַפּט — וואָלט אים געדראָט טויט־שטראָף. אויך דעם, וואָס האָט אים אויס־באַהאַלטן וואָלט אפשר געדראָט דאָס זעלבע. אָבער דער טאַטע האָט איינ־שטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן — אהרנען אריינגענומען צו זיך אין שטוב, ווו ער איז אָפּגעווען זעקס וואָכן, ביז ס׳זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַר אים פּאַפּירן צו פאָרן קיין אַרגענטינע, ווו זיין עלטסטער ברודער אברהם האָט זיך געפונען שוין יאָרן לאַנג.

דער טאַטע האָט אהרנען געראָטן צו זיצן אויבנאָן ביים טיש, וואָס איז געשטאַנען צווישן, און נאָענט צו די צוויי פענצטער, אַזוי אַז מע זאָל אים נישט קענען זען, ווען מ׳קוקט אַריין דורך די פענצטער. געדענק איך, ווי ער, אַזאַ זעלטן הויכער יונג, איז נעבעך געזעסן איינגעקאָרטשעט, אין איין שרעק פאַרן מינדסטן שאָרך און בליק פון דרויסן.

ער איז לסוף און בשתיקה אָפּגעפאָרן קיין אַרגענטינע און אונדז אַלעמען אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרץ צוליב דער סכּנה אי פאַר זיין לעבן, אי פאַרן טאַטנס, אין פאַל ווען מ׳וואָלט אהרנען געכאַפּט ביי אונדז.

אין אַרגענטינע האָט ער, ווי אַן אימיגראַנט — נישט קענענדיק די שפּראַך — געמוזט אַרבעטן ווי אַ פאַרט־אַרבעטער. ער האָט דאָרט אָפּגעלעבט בסך־הכּל עטלעכע יאָר, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַ געזונטער, קרעפטיקער מאַן. ווי דער טאַטע האָט דאָס מיט באַדויער אויסגעטייטשט, איז דאָס געשען דערפאַר וואָס אהרנס קליינע ווייבעלע, פריידל, איז געווען אַ קאַרגע און וועלנדיק כּסדר שפּאָרן, האָט זי אים נישט געגעבן גענוג צו עסן לויט ווי דער אָרגאַניזם פון אַזאַ מאַן — און אויף אַזאַ שווערער פיזישער אַרבעט — וואָלט פאַרלאַנגט, האָט ער שנעל אָנגעווירן די כּוחות.

פריידלען האָט דער טאַטע נאָך געקענט פון זשעלעכאָוו, ווייל צווישן איר און אהרנען האָט זיך געצויגן אַ לאַנגיאָריקער ראָמאַנס. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען די העלפט גרייס פון אהרנען, איז זי געווען זייער דאָמינירנדיק איבער אים, דעם גרויסן מאַן אירן.

בכלל איז ווייסענבערגס טרויער געווען אַ טיפער נאָך יונג־פאַרשניטענע

לעבנס. ער פלעגט נישט רעדן קיין צו פיל רייד ביים דערמאָנען זיין טאַטנס טויט, דעם זיידן לייביש מאַטעסעס, ווי מ׳האָט אים גערופן אין זשעלעכאָוו. ער האָט דעם טאַטן זיינעם אויסערגעוויינטלעך ליב געהאַט, נישט בלויז ווי אַ זון האָט ליב אַ טאַטן, נאָר ווי אַ מענטש מיט כאַראַקטער, מיט אַן אומגעבויגענעם שטאָלץ, וואָס האָט נישט הכנעהדיק געשמייכלט צו זיין ברויטגעבער און צו קיינעם נישט. זיין פריער טויט פון אַ נירן־קראַנקייט, האָט זיין עלטסטן זון איבערגעלאָזט אַ טיפע ווונד אין האַרץ.

אויך פלעגט ער דערמאָנען מיט גרויס ווייטיק, אָבער איינגעהאַלטן, האַלב נישט־דעררעדט, זיין קליין שוועסטערל, פייגעלע, וואָס איז געשטאָרבן גאָר נאָך אַ קינד. אין די עטלעכע בצימצומדיקע באַדויער־ווערטער, וואָס ער פלעגט לאָזן פאַלן ווען איר פון צייט צו צייט — האָט זיך געפילט אַן אומבאַשרייבלעכע בענקשאַפט. מ׳האָט אים קיין מאָל נישט געהערט דערמאָנען פון וואָס, צי ווי אַזוי זי איז געשטאָרבן, ווי וועלנדיק פאַרשטיקן אין זיך די גרויסע עוולה, וואָס ער האָט געליטן מיט איר פאַרלאָזן די וועלט. אונדזער זיידן, זיין טאַטן, האָט ער יאָ געזאָגט, אַז ס׳איז געווען שפּעט אים צו ראַטעווען. לויט ווי די באָבע פעסע האָט אָפּגעמשלט זיין טויט — איז ער אַריינקומענדיק איין מאָל איבער דער שוועל אין שטוב אַריין, אַנידער־געפאַלן, און איז געבליבן זיצן אויף איין קני, ווי קני׳ענדיק.

* * *

כ׳דערמאָן זיך אַ סוף־ווינטערדיקן נאָכמיטאָג, ווען עמעצער האָט שטיל אָנגע־קלאַפּט אין דער טיר ביי אונדז אויף עלעקטאָראַלנע 14. ווען מ׳האָט געעפנט איז אומדרייסט אַריינגעקומען אַ הויכער, בלאָנדער יונגער־מאַן מיט אַ לענגלעך, זעלטן איידל פנים. דאָס איז געווען עוזר וואַרשאַווסקי. ווייסענבערג האָט מיט זיין פשטות אים באַלד געמאַכט זיך פילן היימיש. געקומען איז ער מיט זיינע שמוגלאַרס און געוואָלט דעם מאַנוסקריפּט פאַרלייענען פאַר ווייסענבערגן. ער איז באַלד אַנטציקט געוואָרן מיט דעם ראָמאַן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט דאָ אַן אוצר געפונען. וואַרשאַווסקי האָט אים נאָכ־געפאָלגט מיטן בליק און זעענדיק דעם אויסערגעוויינטלעכן רושם, וואָס זיין ווערק האָט געמאַכט אויף ווייסענבערגן, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, ווי מ׳האָט אין ליטעראַטן־פאַראיין חוזק געמאַכט: „יונגער־מאַן, איר האָט עפּעס אַ סך אַזאַ סחורה?...״

דאָס האָט ווייסענבערגן פאַרדראָסן ביז צום ביין, און ער האָט באַלד אָנגע־הויבן זיך אינטערעסירן און שאַפן מיטלען אַרויסצוגעבן די שמוגלאַרס. וואַר־שאַווסקי איז געוואָרן אַן אָפטער איינגייער ביי אונדז און איז גיך געוואָרן אַ היימי־שער מענטש אין שטוב.

איך האָב אים אַ מאָל נישט ווילנדיק און נישט וויסנדיק פאַרשעמט: ער האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער, זייער אַ גוטן דאַמען־שניידער. האָט זיך ביילטשע געלאָזט נייען ביי אים אַ ווינטער־מאַנטל מיט אַ ברוינעם פוטערנעם מאַלפּע־קאָלנער. דער מאַנטל איז געווען אַ טײַערער און, ווי פון אַזאַ גוטן שניידער, איז ער

אָפּגעשיקט געוואָרן צום קליענט אַהיים. געברענגט אים צו אונדז אָדער „אָפּגעטראָגן" — ווי עס פלעגט זיך רופן — האָט וואַרשאַווסקיס ייִנגערע שוועסטער, וואָס האָט געאַרבעט ביים ברודער, דעם שניידער. דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר גראָד געהאַט אַ שמחהלע פאַר געסט. דאָס פלעגט זיין אַן אָפטע זאַך ביי אונדז, ווייל דער טאַטע האָט זייער ליב געהאַט „ביבקעס" (פּאַרטיס). קלאָר, אַז עוזר וואַרשאַווסקי איז אויך געווען צווישן די געסט, בין איך צו אים צוגעגאַנגען, וועןּ ער איז געזעסן אויף דער סאָפע און געזאָגט: „איך האָב היינט געזען אייער שוועסטער".

וואַרשאַווסקי איז רויט געוואָרן איבער די אויערן, ווייל ער האָט באַלד פאַרשטאַנען ביי וואָס פאַר אַ געלעגנהייט איך האָב זי געקענט זען.

דער טאַטע האָט מיר שפּעטער געגעבן אַ פּסק דערפאַר. ער האָט מיך געפרעגט: „פאַרשטייסטו דען נישט, אַז ער וועט זיך שעמען, וואָס זיין שוועסטער איז אַ שיקמיידל?"

איך האָב דאָס טאַקע נישט פאַרשטאַנען אין מיין קינדערישן עלטער.

אויך יחיאל לערער איז ביי אונדז געוואָרן אַ היימישער מענטש, נאָך זיינע נישט גאָר הצלחהדיקע דערפאַרונגען מיט טלאָמאַצקע 13. ער האָט פריִער געשיקט זיין שוועסטער חנה־מלכּה מיט זיינע לידער צו ווייסענבערגן. דאָס איז געווען אין 1923. זי איז נאָך געווען זייער יונג, זיך געשעמט און געפילט זיך אומבאַקוועם, ווען ווייסענבערג האָט איר פאַרגעלייגט צו לייענען הויך און קלאָר איר ברודערס לידער. ער אַליין האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע. חנה־מלכּה האָט מיט אַ ציטער און מיט געפיל געלייענט; געוואָלט מסתּמא הערן אַ לויבוואָרט פון ווייסענבערגן פאַר איר גוטן לייענען. אָבער וואָרפנדיק אַ בליק אויף אים, האָט זי באַמערקט, אַז ער האַלט גאָר די אויגן פאַרמאַכט און זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער שלאָפט, האָט זי אויפגעהערט צו לייענען.

ער האָט זיך פּלוצעם געגעבן אַ זעץ אויף און זי געפרעגט פאַר וואָס זי לייענט נישט ווייטער און זי, אַ פאַרשעמטע, רויט ביז די האָרוואָרצלען, האָט אַרויסגעשעפּטשעט, אַז זי האָט געמיינט, אַז ער איז איינגעשלאָפן. דערויף האָט ער זיך דערנענטערט צום טיש, וווּ זי איז געזעסן און מיט זייער אַ וואַרעמער שטים איר איבערגעחזרט די לעצטע שורה פון דער סטראָפע, ביי וועלכער זי האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט, און גלייכצייטיק איר געזאָגט, אַז איר לייענען איז פול מיט געפיל. דאָס האָט איר זייער הנאה געטאָן און זי האָט ווייטער געלייענט ביז צום סוף. ווייסענבערג איז געווען אין זייער אַ געהויבענער שטימונג און זי געבעטן תּיכּף אָנצושרייבן יחיאלן, אַז ער זאָל קומען קיין וואַרשע.

נאָך דעם פלעגט יחיאל לערער קומען אָפט, נאָך אין דער חסידישער הלבשה, און פאָרלייענען פאַר ווייסענבערגן זיינע לידער, וואָס ער האָט געהאַט צו זיי אַ ספּעציעלן ניגון. ווייסענבערג איז באַלד פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייער רוח־הקודש, ספּעציעל פון לערערס תּהילים־לידער.

שלמה בריינסקי, לערערס אַ בן־עיר, באַשרייבט יענע צייטן:

...אַ שטיק צייט לעבט יחיאל לערער, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אין

מיליטער־עלטער, ווי אַ „באַהאַלטענער״. שפּעטער הייבט ער אָן זאָרגן פאַר אַ תּכלית. וויל איך דאָ נישט דערציילן וועגן די פאַרשידענע מלאָכות צו וועלכע ער האָט זיך געפּרוּווט נעמען, און אויך נישט וועגן זיינע אומצאָליקע רייזעס קיין וואַרשע, ווו ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די רוישיקע גאַסן, ווי אַ פאַרשעמט יינגל אויף אַן אומגעבעטענער חתונה — און צוריק אַהיים־געקומען. איך דערמאָן דאָס בלויז צוליב דעם, ווייל אין יענער צייט הייבט זיך אָן זיין אינטענסיווע ליטעראַרישע אַרבעט. זיין יידישע איבערזעצונג פון ביאַליקס „אל הצפור״ האָט ער געבראַכט צו פרישמאַנען און, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אויך צו הלל צייטלינען...[6]

אין יענע צייטן האָט יחיאל לערער געהערט וועגן ווייסענבערגן. פון די ערשטע אַנטדעקונגען ווייסענבערגס איז אָבער געווען שמעון האָראָנטשיק, דער דיכטער, אָבער נישט דער פּראָזאַיִקער. דאָס ערשטע איז האָראָנטשיק, דער פּראָזאַיִקער, געקומען צו אים מיט לידער, וואָס ווייסענבערג — אַחוץ וואָס ער האָט זיי פאַרעפנטלעכט אין די יודישע זאַמעלביכער — האָט ער שפּעטער אויך אַרויס־געגעבן פאַר זיין אייגן געלט. דאָס ביכל האָט געהייסן פעלדבלומען. איך געדענק נאָך די קאָלירפולע געבלימלטע זיידענע טאָוולען פונעם ביכל, וואָס איז אָנאָנסירט געוואָרן אין ווייסענבערגס אַ שפּעטערדיקער צייטשריפט, אינזער האָפענונג, אַז ס׳איז אַרויסגעגעבן אויף קאָקיל־פּאַפּיר און קאָסט 1 זלאָטע.

בכלל האָט ווייסענבערג זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם דיכטער־יישובמאַן, ווי ער האָט גערופן האָראָנטשיקן, וואָס האָט געלעבט אין באַדינגונגען פון נויט און דער דלות־ווינט האָט אַריינגעבלאָזן אין זיין כאַטקע, וואָס איז געשטאַנען עפּעס אויף אַ באַרג אין וואָלאַצלאַוועק.

אָנהייב פון ווייסענבערגס פאַרלעגערישער טעטיקייט

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ווייסענבערג קודם־כּל אָנגעהויבן אַרויסגעבן די יודישע זאַמעלביכער.

אין ערשטן נומער פון די יודישע זאַמעלביכער, וואָס איז אַרויסגעגעבן אין בוכ־פאָרעם און אין אייגענעם פאַרלאַג, איז דאָ אַ פאָרוואָרט פון ווייסענבערגן. אויך איז פאַראַן אַן אויפקלערונג פון ווייסענבערג־פאַרלאַג, וועגן דעם צוועק פון דער אויסגאַבע. דאָס פאָרוואָרט הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„מיר גרינדן צוזאַמען אַ באַזונדערע טריבונע פאַר קינסטלער — יודישע זאַמעלביכער. דערמיט מיינען מיר זיך אויסצוטיילן פון דער טעגלעכער פּרעסע".

און ווייטער קומט די אויפקלערונג פאַר דער גענייטיקייט פונעם אָפּטיילן זיך. צום סוף פונעם ערשטן בוך זענען דאָ די דערקלערונגען פונעם ווייסענבערג־פאַרלאַג:

> די יודישע זאַמעלביכער דינען אַלס אָרגאַן פון אומבאַשרענקטן און פרייען קינסטלערישן וואָרט, סיי פאַר באַוווסטע און סיי פאַר אָנפאַנגער טאַלאַנטן. . . .
>
> די יודישע זאַמעלביכער וועלן זיך די גרעסטע מי געבן די יידישע ליטעראַטור צו דערהויבן און באַרייכערן, זי זאָל אַריין אין דער פאַזע פון איר געהעריקן שאַפונגס־ און אַנטוויקלונגס־פּראָצעס — ווי אויך צו דערהויבן און עסטעטיזירן דעם לעזער־געשמאַק.
>
> די יודישע זאַמעלביכער שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אומפּאַרטיי־לעכקייט און אַלס אַזעלכע בלייבן זיי ריין־קינסטלעריש און האָבן אַ שייכות מיט אַלץ, וואָס באַרירט נאָר די קונסט.
>
> די יודישע זאַמעלביכער גיבן אויך אָפּ אַ געהעריקן פּלאַץ דער קריטיק איבער יידישער און אייראָפּעיִשער קולטור, אויך איבער טעאַטער — דאָס יידישע, ווי דאָס נישט־יידישע — מיט דער באַטייליקונג פון פאַכמענער אויף די זעלבע געביטן, ווי צום ביישפּיל: שריפטשטעלער — איבער ליטעראַטור, טעאַטער־פאַכמענער — איבער טעאַטער. . . .

און אַ באַמערקונג:

> . . . די אַלע, וואָס זיי האָט דאָס לעבן, אַזוי צו זאָגן, שוין אָפּגעריבן זייער באַרוועע, אָדער זענען געפאַנגען אין דער נעץ פון דער פּרעסע, אַפילו צוליב פּרנסה, ווי יענע בת־מלכּה צווישן שדים — האָבן ביי אונדז קיין פּלאַץ נישט. מיר זוכן נאָר פרייע און דרייסטע, נישט ברויט־פאַרקויפטע, וועלכע קענען נישט אונטערהאַלטן אונדזער אידעאַל.[7]

עס האָבן זיך באַלד ביים אַרויסגעבן די יודישע זאַמעלביכער אָנגעהויבן גרופּירן אַרום ווייסענבערגן אַ גאַנצע ריי שרייבערס: מאַקס עריק,* ד״ר י.ב. צפור,

---

* מאַקס עריק האָט דעביוטירט אין ווייסענבערגס יודישע זאַמעלביכער מיט די עסייען „דער נעאָראָ־מאַנטיזם" און „הוגאָ צוקערמאַן".

פּיליוס האַמיניס, ש. האַראַנטשיק, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, י. פּ. גרינבערג, פּ. בימקאָ, חיים פלאַקס, ש. י. לאַנדינסקי, אהרן איינהאָרן, שלמה שיינבערג, אַלעקסאַנדער פּאַרבאַ, י. אַפּענשלאַק, שלמה גילבערט, יהושע פּערלע, י. טענענבוים, הערשעלע, דוד גרינפּאַרב, ה. ל. זשיטניצקי, יהודה דן, ב. פרידמאַן, מרים אולינאָווער, י. גאָלדבערג, צבי קאַהן [כהן], פּ.ב. ראַוויצקי, שלמה ראָזענבערג, ש. האַנענבערג, אַ. צייטלין, ראָזאַ יאַקובאָוויטש, א. בירזאָווסקי, מ. י. שאַטאַן, ש. טשענסטאָכאָווסקאַ, מירל ערדבערג, אַ.נ. גנעסין, יעקב רייזפּעדער; די רעצענזענטן י.ג., ב.צ. און ס.וו.; י.מ. ווייסענבערג* און ד״ר י.ב. צפּור זענען געווען די רעדאַקטאָרן פון דער אויסגאַבע.

איך געדענק אַ זומערדיקן פאַרמיטאָג, ווען ס׳האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט ביי אונדז אין שטוב אַ גאַנצע גרופּע שרייבערס, אַ סך פון זיי ווייסענבערגס תּלמידים: שמעון האַראַנטשיק, עוזר וואַרשאַווסקי, מרים אולינאָווער, יהודה דן, שלמה שיינבערג (דער איבערזעצער פון טאָלסטאָיס מלחמה און שלום אויף ייִדיש), ב. פרידמאַן, חיים פלאַקס, שושנה טשענסטאָכאָווסקאַ און אַלעקסאַנדער פּאַרבאַ.

ווייסענבערג האָט זיך ראַזירט מיט אַ פול אַנגעזייפט פּנים ווען מע האָט זיך געהאַט אַריינגעלאָזט אין אַ ברייטן שמועס וועגן ליטעראַטור. ווייסענבערג האָט גאַנץ געמיטלעך געפירט דאָס ראַזיר־מעסערל איבערן פּנים און בשעת־מעשׂה אָוועקגעווישט די מולינעס אַרום די ליפּן און אונטערגעהויבן מיט צוויי פינגער די נאָז, כּדי צו קענען בעסער דערגרייכן צו די וואָנסעס. ער האָט אַריינגעקוקט מיט אַ געמיטלעכן בליק אין שפּיגל און גערעדט דערביי מיט באַוווּנדערונג וועגן קנוט האַמסונס פּאַן און וויקטאָריאַ; וועגן די „הימל־הויכע״ קאַפּיטלען פון איבסענס בראַנד און העדדאַ גאַבלער. אָזאַ פּערל ווי וויקטאָריאַ ווערט זעלטן געשאַפן אין אַ ליטעראַטור, האָט ער געזאָגט. שיינבערג האָט דערמאָנט קעלערמאַנען, דעם דייטשן שרייבער און זיין ווערק אינגעבאָרג, וואָס איז אין יענע צייטן אין אייראָפּע אָנגעגאַנגען ווי אַ צווייטע וויקטאָריאַ. ווייסענבערג האָט אָבער געזאָגט, אַז אינגעבאָרג איז אַ פּלאַגיאַט, אַ פּרווו נאָכצומאַכן וויקטאָריאַ, אָבער יענער מיליע, יענע לופט לאָזט זיך נישט נאָכמאַכן.

חיים פלאַקס האָט דערנאָך געפרעגט ווי ס׳קומט, וואָס איין שרייבער נעמט פון אַ צווייטן, האָט ווייסענבערג געענטפערט, אַז אויב אַ שרייבער האָט אייגנס, דאַרף ער פון קיין צווייטן נישט נעמען. און נאָר ווען ער האָט קיין אייגנס נישט, ווערט ער לייכט באַאיינפלוסט און גנבעט פון אַנדערע.

וואַרשאַווסקי האָט גאָר אַרויסגעוויזן ביטול צו די וועלט־באַרימטע אייראָפּעיִשע דייטש־שרייבנדיקע ייִדישע שרייבערס. ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז בעצם נישטאָ וואָס נתפּעל צו ווערן פון אַזעלכע נעמען, ווי סטעפאַן צווייג, יאַקאָב וואַסערמאַן, ווערפעל, פויכטוואַנגער א״א. ער זעט נישט קיין גאַנצקייט אין די מחברים און נישט אין זייערע ווערק, האָט ער געטענהט. זיי הענגען ערגעץ צווישן

* אַ רשימה פון ווייסענבערגס שאַפונגען אין די יודישע זאַמעלביכער איז אָנגעגעבן ווייטער, צוזאַמען מיט זיינע ווערק. זען ביבליאָגראַפיע I.

יאַ און ניין. דאָס איז עפּעס אַ געמיש פון אַלט־ייִדיש געוויסן און ניי־דייטשער, ניי־אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע. אָבער ביידע הינקען אונטער און דאָס איז, ווי דער דייטש אַליין וואָלט געזאָגט: „ניכטס האַלבעס, ניכטס גאַנצעס".

ס'איז אָנגעקומען קאַליאַ טעפּער, דער באַגאַבטער עסייִסט און קריטיקער, אַ קליין, דאַר מענטשעלע, אָבער ביז גאָר אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט.

דערזעענדיק, ווי פאַרקאַכט מ'איז דאָס אינעם שמועס, האָט ער אויסגערופן אַ פאַרחידושטער: „ליטעראַטור, שמיטעראַטור, איר וואָלט בעסער אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן דעם ליכטיקן דרויסן! אין אַזאַ פּראַכטיקן זומערטאָג ליגט מען אין שטוב און פּאָלעמיזירט איבער ליטעראַטור?"

דאָס האָט וויסענבערגן פאַרדראָסן, הגם פון שיינע זומערטעג האָט ער — אַזאַ גוואַלדיקער ליבהאָבער פון נאַטור — אויך געוווּסט ווי צו געניסן. דאָך איז אים נישט געפעלן אַזאַ גרינגשאַצעריש רעדן וועגן ליטעראַטור און ער האָט טעפּערן דערלאַנגט אַ פּסק דערפאַר. טעפּער האָט געבעטן אים מוחל צו זיין און האָט זיך געשווינד אָפּגעטראָגן.

דער טאַטע האָט מיך דערנאָך געשיקט געוויר ווערן, ווי שפּעט עס איז שוין. מסתּמא איז דער זייגער אויך שטיין געבליבן און מ'האָט אין די אומענדלעכע שמועסן וועגן ליטעראַטור ביי אונדז גאָר פון קיין צייט נישט געוווּסט.

איך בין צוריקגעקומען מיטן ענטפער: צוויי מינוט צו איינס (אַזוי האָט מיר געזאָגט אַן אַדורכגייער, וואָס האָט אַרויסגענומען זיין טאַשן־זייגערל אַ קוק צו טאָן).

דער טאַטע האָט אַ שמייכל געטאָן: וואָס טויגן דיר די צוויי מינוט? (צו איינס). וואָס שפּילן דען אַ ראָלע צוויי מינוט? און דערצו, ביז ביסט אַריינגעקומען פון גאַס, זענען שוין די צוויי מינוט אַריבער.

עס זענען אַריבערגעגאַנגען עטלעכע טעג און ס'זענען ראַפּטעם אָנגעקומען 150 דאָלאַר פון קאַליאַ טעפּער מיט אַ צושריפט:

„וויסענבערגן — פאַר דער יידישער ליטעראַטור".

אַט אַזוי האָט טעפּער אַרויסגעוויזן זיין חרטה פאַר די גרינגשאַצערישע ווערטער וועגן ליטעראַטור.

די 150 דאָלאַר האָבן טאַקע געהאָלפן גיכער אַרויסצוגעבן דעם ווייטערדיקן נומער יודישע זאַמעלביכער, ווייל ס'איז תּמיד געווען אַ מאַנגל אין געלט, ווען ס'איז געקומען צום אַרויסגעבן אַ פרישן נומער.

פון וואַנען ס'האָבן זיך דערנומען צו קאַליאַ טעפּער 150 דאָלאַר, איז דעמאָלט נישט קלאָר געווען. גנענדלען און מיר האָט טעפּער אויסגעזאָגן צו זיין פריי אין געלט, ווייל ער פלעגט אונדז אָפּט אַרויסנעמען אויפן „פּלאַץ מיראָווסקי־מאַרק", וואָס איז געווען איין קוואַרטאַל פון אונדזער וווינונג, און אונז איינקויפן נאַשוואַרג.

בשעת כ'בין געווען אין ניו־יאָרק מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער, איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקי וועגן דעם אָפּשטאַם פון די 150 דאָלאַר, וואָס קאַליאַ טעפּער האָט דעמאָלט געקריגן אַריינגעשיקט פון דער טאָג אויף אַ שיפסקאַרטע קיין אַמעריקע. ער האָט זיך געהאַט געוואָנדן אַהין מע זאָל אים אַרויספאָדערן. נו, אַרויספאָדערן אַליין איז דאָך נישט גענוג, האָט יודל שעליובסקי,

וואָס האָט געאַרבעט אין דער צירקולאַציע פון דער צייטונג, געשיקט אויך 150 דאָלאַר אויפן בילעט און אָנגעזאָגט טעפּערן, אַז ווען מ׳וועט אים רופן צום אַמעריקאַנער קאָנסול — זאָל ער וואָס ווייניקער רעדן.

מסתּמא האָט שוין קאַליאַ טעפּער געזען וואָס מער צו רעדן, און... מ׳האָט אים די וויזע אָפּגעזאָגט.

אָפּגעזאָגט? — וואָס זשע טוט מען אָבער מיט די 150 דאָלאַר? — האָט ער זיי געגעבן אַ שיק אַריין „פאַר דער יידישער ליטעראַטור" און אַליין — אויב מע לאָזט נישט פאָרן קיין אַמעריקע — איז ער אַוועקגעפאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד. עס זענען שפּעטער דערגאַנגען קלאַנגען, אַז גראָד דאָרט — ווו רעליגיע איז אונטערדריקט — איז קאַליאַ טעפּער געוואָרן אַ... גלח און אַ דיעקאָן פון אַ פּראַוואָסלאַוונער צערקווע. דאָס האָט ער געטאָן נאָר צוליב פּראָטעסט — ווייל ער איז בכלל נישט געווען רעליגיעז.

י. בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי], ווייסענבערגס אַ תּלמיד, שרייבט אין זיינע זכרונות צוו״אַ:

> ווייסענבערג האָט ליב געהאַט די יידישע ליטעראַטור לא על מנת לקבל פּרס. ער האָט געפילט, ווי די השגחה האָט אים איבערגעגעבן די מיסיע פון היטן דעם גאָרטן. ער איז ממש גליקלעך געווען, ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ נייע פלאַנץ, אַפילו אַן אָנפאַנגער — וואָס האָט נאָך קוים ריכטיק באַוויזן צו האַלטן אַ פּעדער אין דער האַנט, האָט ער מקרב געווען, אויב ער האָט נאָר ביי אים געזען אַ ניצוץ פון טאַלאַנט. ער האָט ווי אַ געטרייער גערטנער געטאָן אַלץ, אַז די פלאַנץ זאָל זיך אַנטוויקלען. ער האָט געהאָלפן מיט ראָט און טאַט, געוויזן ווי מען שרייבט ריכטיק אַ שורה, איבערגעשטעלט אַ וואָרט און געצייטערט, אַז דאָס אויפגייענדיקע זאָל ווערן אַ בר־קימא. זעט זיך אויס, אַז ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין קאָנקורענץ...
> און אַז מען האָט ווייסענבערגן פאָרגעוואָרפן, אַז ער לאָזט אַדורך שוואַכע זאַכן אין זשורנאַל, האָט ער געענטפערט: „וואָס זאָל איך טאָן, אַז איר זעט נאָר די געשריבענע שורות, אָבער איך זע אויך, וואָס עס טוט זיך הינטער זיי..."[8]

ווייסענבערג האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן, אַליין אַרויסצוגעבן זיינע אייגענע ווערק, ווי אויך די ווערק פון יונגע טאַלאַנטן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל זיי צו פאַרעפנטלעכן. ער האָט געשטרעבט צו באַפרייען דעם שרייבער פון עקספּלואַטאַציע מצד דעם פאַרלעגער און פון אָפּהענגיקייט פון יעדן צופעליקן רעדאַקטאָר. אין אַ טייל בריוו צו ש. ניגער האָט ער באַריהרט די דאָזיקע פראַגע. ער פלעגט שיקן קיין ניו־יאָרק אויף ניגערס אַדרעס ביכער, מיינסטנס רוסישע, אויך קלאַסישע ווערק אין אַנדערע שפּראַכן און האָט באַשטימט אַן אַגענט, משה מינקוס, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן ביכער־פאַרקויף. אין אַ צאָל בריוו פון דעם כאַראַקטער שרייבט ער ניגערן, אַז מיט דער דאָזיקער מיסחרישער טעטיקייט פאַרבינדט ער אַ גרעסערע אויפגאַבע, און אַז אַ קינסטלער דאַרף זיך קענען באַפרייען פון עול־פרנסה. ער ראָט אויך צוליב דעם ניגערן, צו באַפרייען זיך פון לעבן פון דער פען.

וואַרשע דעם 20/11, 920
No. 2

ליבער פריינד ניגער,

איך האָב אייך שוין געשריבן אין מיין ערשטן קאַרטל וועגן דעם, ווי איך האָב אייך אָנגעוואָרפן, אומגעפרעגט, אַ לאַסט דורך מיין שיקן ביכער אויף אייער אַדרעס. אָבער איך האָף, אַז עס וועט אייך נישט זיין דערווידער אין נאָמען פון פריינדשאַפט. ווי איר זעט, אַרבעט איך, טו, אום איך זאָל נישט דאַרפן פאַרקויפן מיין שרייבן און אום מיין שרייבן זאָל קאָנען זיין גאַנץ און זעלבסטשטענדיק, ווי איך האָב עס ליב און ווי אויב אַנדערש, קאָן מען פאַר קיין פאַל זיין „איך" נישט אַרויסזאָגן, נאָר מען מוז זיין אָפּהענגיק פון יעדן נאַרישן און אין בעסטן פאַל אומגעלומפּערטן רעדאַקטאָרל. אויסער דעם, האָב איך אַ גאַנץ גוטע כוונה דערביי, וועגן וועלכער איך וועל נישט פּראַזעווען, נאָר איך האָף ווען עס וועט קומען די צייט פון דערגרייכן וואָס איך מיין, וועלן מיר אַלע זען פאַרטיקערהייט.

אייער, ווייסענבערג [9]

וואַרשע דעם 27/11, 920
No. 7

ליבער פריינד ניגער,

ווי איך האָב אייך שוין געשריבן, שטרייך איך אונטער נאָך אַ מאָל, אַז וואָס איך באַניץ מיך מיט אייער אַדרעס, איז נאָר צוליב נויטוענדיקייט, ווי לאַנג איך האָב נישט פאַרזיכערט, אַז מינקוסעס אַדרעס איז גוט פאַר מיר. נאָר ווען איר זאָלט וויסן די ברייטערע אויפגאַבן מיינע, וועלכע איך פאַרבינד מיט דעם מסחרן — וואָלט איר, גלייב איך, געקוקט מיט אינטערעס אויף דער דאָזיקער סוחרישער טעטיקייט. איך האָב מיר געזאָגט, אַז אין אונדזער אָרעם וועלטל, מוז מען אויסזוכן און באַזייטיקן יעדע סיבה, וואָס מאַכט פאַרביטערט דעם קינסטלער דאָס לעבן און ער ווערט געהאַלטן אין שטענדיקער עקספּלו־אַטאַציע, וואָס דאָס רופט זיך אָפּ צעשמעטערנדיק אויף זיין שאַפונג און פריי־הייט. דאָס וואָס איך טו, דאַרף איך טון. בלייבט געזונט . . . [10]

די ווערק האָט ווייסענבערג געוואָלט אַרויסגעבן אין דער פּויליש־ייִדישער אָרטאָגראַפיע, אַנשטאָט דער אָנגענומענער ליטוויש־ייִדישער.

ראשית־כל האָט ער געזען, אַז עוזר וואַרשאַווסקיס ווערק שמוגלאַרס זאָל אָנ־קוקן די ליכטיקע שיין, און ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט, איז אין ווייסענבערג פאַרלאַג אין 1920, דאָס בוך טאַקע אַרויס. ער שרייבט צו ניגערן אין אַ בריוו, אַז „עוזר וואַרשאַווסקיס ראָמאַן שמוגלאַרס, איז אַ זעלטן בוך אין דער ליטעראַטור".[11]

דאָס בוך האָט געהאַט גרויס דערפאָלג, און דער ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטער אויטאָר איז מיט אַ מאָל מפורסם געוואָרן. דעמאָלט האָט אויך דער ליטעראַטן־פאַראיין געפונען פאַר נייטיק וואַרשאַווסקין צו אָנערקענען און אים איבערציִען אויף זיין צד. וואַרשאַווסקי האָט זיך געלאָזט איינמען מיט גוטן און אָנגעהויבן אַרויפקומען אין פאַראיין און באַגעגענען זיך מיט די אָנפירנדיקע ליטעראַרישע קרייזן, נישט געקוקט דערויף, וואָס די זעלבע האָבן פריִער פון זיין ווערק געחוזקט.

אין יאָר 1923 האָט וואַרשאַווסקי פאַרלאָזט וואַרשע. ער האָט באַזוכט בערלין, לאָנדאָן און לסוף זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, רעכענענדיק אויף גרעסערע מיגלעכקייטן, ווי ער האָט געהאַט ביי ווייסענבערגן.

און אָט ווי כיל אַראָנסאָן באַשרייבט יענע צייטן וואַרשאַווסקיס:

> ... מען דאַרף זיך דערמאָנען דעם גרויסן רושם, וואָס דער ראָמאַן שמוגלאַרס האָט געמאַכט בעתן דערשיינען אין 1920 אין ווייסענבערג־פאַרלאַג. מיט איין מאָל איז דער נאָמען פון יונגן שרייבער, נאָך נעכטן אין גאַנצן אומבאַקאַנט, אומעטום געוואָרן אָנערקענט און גערימט. אַפילו די סאַמע שטרענגסטע ליטעראַטור־קריטיקערס — און אַזעלכע האָבן נישט געפעלט אין וואַרשע — האָבן זיך אויסגעדריקט מיט התלהבות איבערן יונגן טאַלאַנט פונעם נאָוועליסט און דערקלערט, אַז אַ נייער שטערן האָט זיך באַוויזן. . . . מ'איז דאָך געווען איבערראַשט און פאַרווּנדערט גאָר באַזונדערס אין די וואַרשאַווער ליטעראַרישע קרייזן, אַז אַ יונגער שרייבער, וואָס האָט נאָך פאַר דעם ראָמאַן גאָרנישט געהאַט געדרוקט, זאָל מיט איין מאָל דערגרייכן אַזאַ פולקומענקייט. דעם גרעסטן פאַרדינסט, נאַטירלעך, פון אַנטדעקן דעם דאָזיקן טאַלאַנט האָט געהאַט אויסשליסלעך אונדזער גרויסער שרייבער י. מ. ווייסענבערג, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע מיט זיין פאַרלאַג, וואָס ער האָט געגרינדעט, צו פּראַטעזשירן, דערמוטיקן און אַנטפּלעקן נייע, געזונטע יונגע טאַלאַנטן.
> י. מ. ווייסענבערג, פונקט ווי י. ל. פּרץ, ווי דוד פרישמאַן, האָט געהאַט אַ פלאַמענדיקע ליבע פאַר דער יידישער ליטעראַטור און אַן אויפריכטיקע פרייד צו אַנטדעקן נייע טאַלאַנטן. עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו רעדן אויספירלעך איבער דער באַרימטער פּאָלעמיק פון י. מ. ווייסענבערג, איבער וועלכער מען האָט אַזוי פיל געשריבן און געליאַרעמט, איבערגעטריבן און נישט פאַרשטאַנען דעם ענין, דערביי אין גאַנצן פאַרגעסן דעם גרויסן מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור. אַזוי האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פון יידישן פּאַוויליאָן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין 1937 אין פּאַריז, אויף דער וואַנט מיט דער ליסטע פון גרויסע שרייבער נישט אָנגעגעבן דעם נאָמען פון י. מ. ווייסענבערג און דאָס גאַנץ באַוווּסטזיניק. אַזוי ווי שמעון האָראָנטשיק, איז אויך עוזר וואַרשאַווסקי אַ גייסטיק קינד פון י. מ. ווייסענבערג.[12]

אויך דערציילט אַראָנסאָן אין דער זעלבער אָפּהאַנדלונג, אַז ער, וואַרשאַווסקי,

> האָט דורכגעמאַכט אַ טיף אין דער נשמה פאַרבאָרגענע גייסטיקע דראַמע. דאָס איז געווען דער אומדערפאָלג פון זיין ראָמאַן שניטצייט, וועלכער האָט געלאָזן אויף זיך וואַרטן זיבן יאָר נאָך זיין מייסטערווערק די שמוגלאַרס, און דער סוף איז געווען נאָר אַן אַנטוישונג ביי די ליטעראַרישע מבינים. דער רעזולטאַט — פאַרבאָרגענער ערגער און פאַרביטערונג.[13]

וואַרשאַווסקי פלעגט אויך שיקן פון צייט צו צייט נאָוועלן פאַר אַ ליטעראַרישער צייטשריפט אין ניו־יאָרק. מ'האָט אים לאַנגע חדשים געלאָזט וואַרטן, ביז מ'האָט איינע אָפּגעדרוקט. דאָס האָט אויך צוגענומען ביי אים דעם חשק צו שיקן זיינע שאַפונגען, גיט איבער אַראָנסאָן.

די פאַרבאָרגענע דראַמע פון עוזר וואַרשאַווסקי איז געוואָרן זיין

אָפּגעזונדערטקייט, מען קען זאָגן, זיין איינזאַמקייט אין פּאַריז. ער איז נישט געווען קיין קעמפערישע נאַטור, להיפוך, אַ צאַרטער, עמפּינדלעכער קינסטלער, וואָס נישט געפינענדיק אַרום זיך קיין דערמוטיקונג, נאָר פאַרקערט, גלייכגילטיקייט, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.
דערפאַר קאָן מען איצט נאָך מער אָפּשאַצן דעם פאַרדינסט פון י. מ. ווייסענבערג, אַ דאַנק וועלכן עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער אָריגינעלער טאַלאַנט פון עוזר וואַרשאַווסקי.[14]

אין 1933 איז בנימין טייטלבוים געקומען פון ניו־יאָרק דורך פאַריז אויף באַזוך קיין וואַרשע. ער איז דעמאָלט געקומען צו אונדז זען ווייסענבערגן, און האָט איבערגעגעבן וועגן וואַרשאַווסקיס ביטערער מערכה. ער איז אַפילו געווען באַפריינדט מיט אַ סך קינסטלערס. מ'האָט אים תּמיד געקענט זען אויפן מאָנ־פּאַרנאַס אין די קאַפעען „קאַפּול", „דאָם", „ראָטאָנד". אַהין פלעגט אויך בשעתו קומען הערש־דוד נאָמבערג, וואָס האָט גוואַלדיק ליב געהאַט וואַרשאַווסקין. אַזוי האָט אויך איליאַ ערענבורג — וואָס איז אין פאַריז נישט געווען קיין פּנים־חדשות — אים שטאַרק ליב געהאַט און פאַרשטאַנען. פּרץ מאַרקיש איז אויך געווען גאָר באַפריינדט מיט וואַרשאַווסקין און מאַרק שאַגאַל, וואָס שמט פאַר אַ פּסיכאָלאָג, אַ מענטשן־קענער, האָט זיך גאָר שטאַרק דערנענטערט צו וואַרשאַווסקין, ווייל ער האָט דערשפּירט אַן אמת קינסטלערישע נאַטור. אויפן מאָנפּאַרנאַס האָט מען געקענט זען נאָך יידישע שרייבערס, ווי אַש, טשאַרני, ז. שניאור, דוד איינהאָרן. פון דעם קרייז האָט זיך אָבער וואַרשאַווסקי דערווייטערט. טייטלבוים האָט דערציילט, אַז שלום אַש האָט אַ מאָל וואַרשאַווסקין פאַרבעטן אויף מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן. אַש האָט אָנגעהויבן אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, אַז ער האָט נישט גוט באַהאַנדלט די יידישע שרייבערס און געבעטן וואַרשאַווסקין אים מוחל צו זיין. דערביי האָט ער אָנגעהויבן אַזוי צו וויינען, אַז זיין פרוי, מאַטילדע, האָט אים געמוזט אַרויספירן פונעם רעסטאָראַן, ער זאָל זיך באַרויקן.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט וואַרשאַווסקי זיך אין גאַנצן איזאָלירט פון די יידישע שרייבערס, אָבער זיך געחברט מיט די מאָנפּאַרנאַס־קינסטלערס, און ער פלעגט אָפּט מיט זיי „כאַפּן אַ טרונק", האָט טייטלבוים איבערגעגעבן. דאָרט, אין פאַריז, אין דעם אָנגעלויף פון ראַסעס און קולטורן — איז וואַרשאַווסקי געבליבן פרעמד, אַן מיטלען צום לעבן, אויסגעריסן פונעם אייגענעם באָדן און נישט פאַר־וואַרצלט אינעם ניַיעם, אָן זיין יידישער ליטעראַרישער סביבה, אָן מיגלעכקייטן ממשיך צו זיין די ליטעראַרישע טעטיקייט זיינע. ער האָט זיך דערפילט אָפּגענאַרט און אויסגעוואָרצלט. ערשט דעמאָלט האָט ער דערזען אין דער גאַנצער בולטקייט, וואָס פאַר אַ חטא ער איז באַגאַנגען לגבי ווייסענבערגן. ער האָט דאָ דערשפּירט, אַז „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי" — איז ווי אָנגעמאָסטן אויף ווייסענבערגן, און זיין, וואַרשאַווסקיס, האַנדלען קעגן אים. פון גרויס פאַרצווייפלונג און פּראָטעסט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צו די נידעריקסטע שיכטן, די סאַמע אויסגעגליטשטע און געפאַלענע. ער פלעגט אָפּזיצן גאַנצע טעג און נעכט אין די פאַריזער קאַפעען און נאַכטהייזער און האָט קיינעם נישט געוואָלט זען פון דער „בעסערער" וועלט, איינ־

זעענדיק, אַז אַט די „נישט־כּשרע" טיפּן, די געפאַלענע מענער און פרויען, פּאַר־מאָגן דאָך מער מאָראַל און זענען אַ סך ערלעכער און געוויסנדיקער איידער די, וואָס האַלטן זיך פאַר אַן אַן ערך חשובער פון זיי, ווי גאָרקי זאָגט אין אויפן אָפּגרונט. טייטלבוים האָט בשעת זיין באַזוך אין פּאַריז שטאַרק זיך באַמיט צו טרעפן זיך מיט וואַרשאַווסקין, און ער האָט עס געבערענגט די דאָזיקע בשורה. אָפּזיצנדיק מיט אים גאַנץ אָפּט ביי אַ טישל אין די מאָנפּאַרנאַס־קאַפעען, האָט וואַרשאַווסקי דערציילט, ווי אַזוי מע האָט אים אימפּאָנירט מיט פּאַריז, אים צוגעזאָגט אויסטערלישע גליקן אין זיין שרייבערישער קאַריערע; און ער האָט טייטלבוימען אַנפּאַרטרויט דעם סוד, אַז זיין איצטיקער אופן פון לעבן איז אַ מין תּשובה טאָן צוליב זיין פאַרראַטן ווייסענבערגן.

ווי די אַ ידיעה איז דערגאַנגען צו ווייסענבערגן, איז ער געוואָרן זייער גע־רירט. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פונעם מאמר „במקום שבעלי־תּשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד", ווייל אַז איינער טוט תּשובה — האָט ער געטענהט — גייט ער שוין אַדורך גענוג אינערלעכע פּייניקונגען. און, אַז אויב איינער שטראָפט זיך אַליין, שטראָפט ער זיך אַ סך האַרבער, ווי ווען אַן אַנדערער וואָלט אים געשטראָפט. דערפאַר שטייט דער בעל־תּשובה העכער פאַרן צדיק. און ווען ווייסענבערג האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין 10־בענדיק ווערק, אין דער טיפער אייביקייט אין 1937, האָט ער דעם ערשטן באַנד געווידמעט עוזר וואַרשאַווסקין, ווי אַ צייכן פון פאַרגעבונג.

ער האָט געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט וואַרשאַווסקין דורך קינסטלערס, וואָס זענען אַ מאָל געפאָרן קיין פּאַריז, צו לאָזן אים וויסן, אַז ער איז אים מוחל. אָבער וואַרשאַווסקי איז נעלם געוואָרן פונעם האָריזאָנט, פאַרפאַלן געוואָרן ביים ביטערן טראָפּן און אין יאוש.

אין 1941 איז ער אַוועק פון פּאַריז, — דערציילט אַראָנסאָן— און זיך געוואָל־גערט אין פאַרשידענע ערטער, כּדי נישט אַריינצופאַלן צו די נאַצי־רוצחים. אַזוי האָט ער זיך דערשלאָגן ביז רוים, ווו מ'האָט אים אַרעסטירט, גראָד אין די לעצטע טעג פאַר דער דייטשער מפּלה, און דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, ווו מ'האָט אים נאָך באַוויזן אומצוברענגען. אַלץ דאָס איז גראָד געשען ערב דער לאַנג אויסגע־חלומטער וועלט־באַפרײַונג!

די נסיעה קיין אַמעריקע

אין 1922 איז וויסענבערג אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער איז אַהין געפאָרן, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרדינען אויסצוקויפן זיינע ווערק, וואָס זענען שוין פון כּמה יאָרן געלעגן אין צענטראַל-פאַרלאַג און מ׳האָט זיי אים נישט געוואָלט צוריק־געבן אויף זיין פאַרלאַנג, ביז אַן ערנגעריכט האָט געפּסקנט, אַז וויסענבערג קען זיי אויסקויפן פון די פאַרלעגערס פאַר 500 רובל. פון אַ צווייטן פאַרלעגער, פאַרענבערג, אין ניו־יאָרק, האָט ער געוואָלט צוריקנעמען זיינע דריי בענד, וואָס פאַרענבערג האָט געהאַלטן ביים אַרויסגעבן אָן דעם מחברס הסכּמה.

פריִער האָט וויסענבערג געהאַט געשריבן צו דוד פּינסקי און דערנאָך צו ש. ניגער מכּוח שיקן אים אַן אַרויספאָדערונג פון אַן אַמעריקאַנער רעדאַקציע, אַז אויף דעם סמך זאָל ער קענען באַקומען אַ וויזע צו פאָרן אין „גאָלדענעם לאַנד". אינעם בריוו צו פּינסקין האָט ער אָנגעפרעגט, וואָס מ׳קען דאָרט טאָן כּדי צו שאַפן די נייטיקע סומע אויף אויסצוקויפן זיינע ווערק פון די פאַרלעגערס, וואָס צאָלן אים נישט קיין פּרוטה אין משך פון די פינף יאָר, וואָס זיי ליגן דאָרט אָפּ:

הויכגעשעצטער און געאַכטער ה׳ ד. פּינסקי!

איך האָב צו אייך זייער אַ גרויסע ביטע. איך האָב באַשלאָסן אין גיכן צו זיין אין אַמעריקע. די סיבה דערפון איז, וואָס מיינע ווערק געפינען זיך ביי די אייגנטימער פון „צענטראַל", לידסקי און נאָך אַנדערע, שוין עטלעכע יאָרן און איך האָב נישט פון זיי אַפילו, וואָס אַ גראָשן איז ווערט. איצט האָב איך דורך אַן ערן־געריכט צוריק געוווּנען די ווערק פאַר אַן אויסלייזונג פון 500 רובל. פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל פאָרן אין דעם „גאָלדענעם לאַנד" אַריין. בעט איך אייך, וואָס קען מען דאָרט טון, וואָס קען מען אויסניצן, אַז איך זאָל קענען שאַפן די דאָזיקע סומע? אויך צי וואָלט איך נישט געקענט באַקומען אַ שיפס־קאַרטע פון וועלכער אימיגראַנטן־געזעלשאַפט צוגעשיקט פון דאָרט, ווייל אַזאַ סומע וויפל אַ שיפס־קאַרטע קאָסט איז פאַר מיר אין גאַנצן אוממעגלעך צו האָבן.[15]

וואַרשע, דעם IV/27, 20

ליבער פריינד ש. ניגער,

איך האָב צו אייך אַ ביטע. מיינעם אַ מאַנוסקריפּט פון אַ ניי, גרעסער ווערק, וועלכן איך וועל אייך אין די נאָענטסטע טעג צושיקן דורך פּאָסט, גיב איך איבער צו אייער דיספּאָזיציע וואָס אַמבעלאַנגען דאָס פאַרקויפן אים אין אַ רעדאַקציע. איך גיב אים איבער אין אייער רשות און באַפולמעכטיק אייך אַליין צו באַדינגען דעם פּרייז און אויך דאָס געלט אָפּצונעמען, און מיר צושיקן עס פון אייער האַנט.

ווייטער בעט איך אייך, אויב איר קענט ווירקן, אַז איך זאָל באַקומען פון אַ ניו־יאָרקער רעדאַקציע אַ בריוו אויף ענגליש, אין וועלכן מען רופט מיך אַרויס דאָרט אַהין, וואָלט איך געקומען צוליב בוך־אינטערעסן און אויך כּדי צו דער־לידיקן מיט פאַרענבערגן, וועלכער האָט מיר אומזיסט און אומנישט צו־

גערויבט דריי בענדער, לויט ווי מע האָט מיר איבערגעגעבן, און ווי כ׳האָב געזען אַנאַנסירט אין די אַמעריקאַנער בלעטער. איך בעט פון אייך אַ באַלדיקן ענטפער.

אייער פריינד י. מ. ווייסענבערג

מיין אַדרעס פאַר געלט און בריוו:
Warszawa, Elektoralna 14/65, I. Weisenberg[16]

ווען דער טערמין פון זיין פאָרן האָט אָנגערוקט און מ׳האָט געקענט הערן רעדן דערוועגן גאַנץ אָפט אין שטוב, האָב איך געפרעגט: „וואָס וועט דער טאַטעשי טאָן, אויב די שיף וועט האַלטן ביי אונטערגיין?" דערויף האָט ער געענטפערט, אַז פאָרן אויפן וואַסער איז זיכערער, ווי פאָרן אויף דער יבשה; אויף דער יבשה, אַז ס׳טרעפט אַ קאַטאַסטראָפע — אַ באַן־צוזאַמענשטויס, צי אויטאָמאָביל־אַקצידענט — ווערט דער מענטש צעמאַרשטשעט אָדער קריגט אַ טויטקלאַפּ, בשעת ווען אויב אַ שיף האַלט ביים זינקען, בלייבט מען אויפן וואַסער און אויב מע קען שווימען, האָט מען נאָך אַ שאַנס געראַטעוועט צו ווערן. ער אַליין, למשל, וואָלט געקענט שווימען שעהען־לאַנג — האָט ער געזאָגט — און אויב ער וואָלט דערבליקט געוואָרן, אין פאַל ווען אַ שיף וואָלט גראָד זיך געפונען אין דער נאָענט, צי אַן עראָפּלאַן, וואָלט מען אים געראַטעוועט, נאָר אויב נישט, וואָלט ער זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות און וואָלט צוליב דעם סיי ווי אונטערגעגאַנגען.

געפאָרן איז ער מיטן דריטן קלאַס. ווען די שיף איז שוין אָנגעקומען צו די אַמעריקאַנער ברעגן, האָבן די אימיגראַציע־באַאַמטע ווייסענבערגן — צווישן אַנדערע אימיגראַנטן — געפרעגט פאַרשידענע פאָרמאַליטעט־פראַגעס. אויף דער פראַגע, וואָס זיין פּראָפעסיע איז — האָט ער געזאָגט: אַ שרייבער.

„אַ שרייבער?" — איז דאָס די אַמעריקאַנער אימיגראַציע־באַאַמטע געוואָרן עפּעס שטאַרק פאַרדאַכטיק, ווייל אויב אַ שרייבער — ווי זשע קומט דאָס, אַז ער זאָל פאָרן מיטן דריטן קלאַס?

איך ווייס נישט ווי אַזוי און מיט וואָס ווייסענבערג האָט דאָס געפּרוּווט דער־קלערן — דער עיקר — עס האָט נישט געהאָלפן און מ׳האָט, שוין נאָך אַלע מעדי־צינישע אונטערזוכונגען און אינספּעקציעס, דעם „לעטשטש" פאַרהאַלטן אויפן „טרערן־אינדזל" עליס איילאַנד.

אַזוי גאָר... — האָט ער זיך געטראַכט — איז עס דאָך גאָרנישט קיין געלעכ־טער. האָט ער דעמאָלט געהייסן אָנפרעגן אין ניו־יאָרקער שרייבער־פאַראיין און ערשט נאָך דעם, ווי דער אימיגראַציע־אַמט האָט באַקומען פון דאָרט די תשובה, אַז ער איז טאַקע אויף אַן אמת אַ שרייבער, האָט מען אים ערשט אַריינגעלאָזט אין די פ״שט.

נו, דעמאָלט זענען באַלד געקומען באַדייטיקע שרייבער־קאָלעגן אים מקבל־פּנים זיין ביים פּאָרט; געוואָלט אים אויפנעמען מיט גרויס פּאַראַד, מאַכן אַ באַנקעט — ווי מע איז זיך נוהג, ווען עס קומט אַן אָנגעזעענער שרייבער־גאַסט. אַב. קאַהאַן האָט אים געוואָלט מאַכן אַ באַנקעט אין קאַרנעגי־האַל, האָט ווייסענבערג זיך אָפּגע־

זאָגט. האָט קאַהאַן געפֿרעגט, צי אין מעדיסאָן־סקווער וועט יאָ גוט זיין, מיינענדיק, אַז קאַרנעגי־האַל איז אפֿשר נישט גענוג. האָט אָבער ווייסענבערג געזאָגט, אַז ער איז נישט געקומען קיין אַמעריקע, ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ סוחר און קיין באַנקעט וויל ער נישט.

וכך־הווה. קיין באַנקעט האָט ער זיך טאַקע בשום־אופֿן נישט געלאָזט מאַכן. זיין באַציִונג צום מין באַנקעטן, יובילייען איז געווען אַ נעגאַטיווע. ווען מע וואָלט זיי ביי אונדז געמאַכט עמעצן — ווי ער דריקט זיך אויס אין „אַ רייד וועגן יובילעומס״ — פֿאַר זיינע פּיליאַריקע לייסטונגען, ווייל מע שאַצט יענעמס מאָנומענטאַלע ווערק, וואָלט ער דאָס גענומען ערנסט. אָבער לויט אים, מאַכט מען ביי אונדז בלויז דריי קאַטעגאָריעס באַנקעטן, צי יובילייען:

ביזנעס יובילעומס, אַזעלכע ווי ש . . . (ב . . . . א . . .) פֿלעגט זיך לאָזן מאַכן . . . ווען ער האָט געדאַרפֿן צוטרעטן צו אַ נייער אונטערנעמונג — אַ „ביבליוטקה גדולה״,„ביבליוטקה קטנה״... ס׳איז פּשוט: אַ סיום הספר, אויפֿ־צורודערן קהל מיטן שטעטל, קריגט דערווייל די אונטערנעמונג די געהעריקע ביזנעס־רעקלאַמע, מען קוקט אויף איר נישט ווי אויף אַן אונטערנעמונג, נאָר אַן אויפֿגאַבע, אַ דבר קדושה . . ..און דער קורא הנכבד, פּונקט ווי משה . . ., קוקט מיט גרויסע אידעאַליסטישע אויגן: דאָס גאַנצע שמאַלץ פֿון עפּעס גאָר גרויסע זאַכן וועט זיך געפֿינען אין די דאָזיקע ביזנעס־ביכלעך... אויסן איז מען דאָ נישט צו לייזן... נאָר אַ „דבר קדושה״! און דער דאָזיקער משה . . ., וואָס איז בטבע שווער אויפֿן גראַשן, עפֿנט ס׳בייטעלע... און ב . . . . א . . . גיט אים דאָס מציאהלע...

דאָס איז איין כאַראַקטער פֿון אַ יובילעי: אויסנאַרן ביי די קליינע קינדער בייגל מיט מילך...

פֿאַראַן נאָך אַ סאָרט יובילעי, וואָס הייסט אין אַלע הינזיכטן:

„רחמנות־יובילעיו״

פֿרעגט מ . . . ן און דעם אָרעמען ס . . . ן וועלן זיי אייך זאָגן דעם באַשייד דערפֿון אין אַלע הינזיכטן...

דערנאָך איז פֿאַראַן נאָך אַ סאָרט יובילעומס, וואָס הייסט:

„בלאָף און בלענדעניש־יובילעי״.

צו דעם דאָזיקן גאַרטלען זיך שוין אונטער טוערס כלל־ און געזעלשאַפֿט־לעכע, מיט אַ ברייטן, אַ סטראַטעגישן פּאַרנעם, ווי מען האָט זיך געגרייט, למשל, צו מאַכן טאַרעסן, דעם פּאַרטיידיקער פֿון שוואַרצבאַרד־פּראָצעס, שרייבט ווייסענ־בערג.

פֿרעגט ז . . . ן, ל . . . ן און ע . . . ן, וואָס פֿאַר אַ גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע דאָס וואָלט געווען, . . . פֿאַר זייער מקריב זיין זיך פֿאַרן יידישן פֿאָלק, . . . ווען דער טאַרעס, . . . שניידט זיי נישט אָפּ דעם פֿאַדעם פֿון נאָפּל־שנור, וועלכער פֿאַרבינדט זיי מיטן גאַנצן פֿאָלק . . . [ווען דער דאָזיקער יובילײ וואָלט פֿאָרגעקומען].[17]

און אַזוי ווי ער, ווייסענבערג, געהערט נישט צו קיין איינער פֿון די דריי דאָ אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס, האָט ער זיך קיין באַנקעט נישט געלאָזט מאַכן.

ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט ער אָנגעהויבן שיקן ביילטשען רשימות פון ביכער, אויך רוסישע, זי זאָל גיין זיי איינקויפן אין די וואַרשעווער בוכ־געשעפטן, און זיי אים שיקן צום פאַרקויפן. אַזוי האָט ער געטראַכט צו מאַכן אַ געוויסע סומע געלט, עס זאָל זיין אויסצוקויפן זיינע ווערק פון די פאַרלעגערס, אויך אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל און זיינע, ווי אַנדערע יונגע שרייבערס ביכער, ד״ה צו קענען שאַפן אַן אייגענע טריבונע.

ביילטשע איז דעמאָלט געווען נאָך אַ שווערער קראַנקייט: גאַלשטיינער־אַטאַקן, נאָר ווייל זי איז שוין אַרומגעגאַנגען, פלעגט זי זיך צושפּאַצירן יעדן טאָג — מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט זיך אָנצולענען — אויף שוויענטאָקזשיסקע־גאַס, ווו עס זענען געווען אַ סך בוכגעשעפטן און איינקויפן, ווי זי האָט געקענט, לויט זיינע אָנווייזונגען אין די בריוו.

חוץ די ביכער, האָט ער איר איין מאָל געשריבן זי זאָל איינקויפן שופרות און זיי אים אַרויסשיקן, אַזוי אַז זיי זאָלן נאָך אָנקומען פאַר ראש־השנה. זי האָט אַזוי געטאָן. נאָר איין קלייניקייט איז געשען: די שופרות זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע בלויז איין־און־איינציקן טאָג נאָך ראש־השנה...

אין ניו־יאָרק האָט וויסענבערג זיך מער באַפריינדט מיט ד״ר שמואל פאַקס, אַ דענטיסט־באַהעם, וואָס ער האָט אים געקענט פון פריִער, בשעת ער איז געהאַט געקומען קיין וואַרשע. די דענטיסטיק איז אים ווייניקער אָנגעגאַנגען, ווי די וועלט פון קונסט. ער האָט וויסענבערגן אַרומגעפירט איבער ניו־יאָרק און וויסענבערג איז געוואָרן אַן אָפטער איינגייער אין הויז פון דער פאַקס־משפחה. געוווינט האָט ער אין אַ האָטעל.

וויסענבערג האָט דאָרט אָנגעשריבן עטלעכע זאַכן, וואָס ער האָט איבער־געלאָזט אין דער שטוב פון ד״ר פאַקס * צוזאַמען מיט אַ טייל פונעם ראָמאַן דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג, וואָס ער האָט געשאַפן אין אָנהייב פון די 20ער יאָרן.

אויך האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט אַ רעפערענץ־בריוו פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין, וואָס ער האָט אים נישט אויסגעניצט אין ניו־יאָרק.

סוף סעפּטעמבער איז וויסענבערג צוריקגעפאָרן אַהיים.

אויף צוריקוועגס קיין אייראָפּע האָט ער אָנגעשריבן פון דער שיף** אַ בריוו צו ד״ר פאַקס.

דעם טאַטנס צוריקקומען פון אַמעריקע איז פאַר מיר געווען אַ פריידיקע איבערלעבונג. אין אַ שיינעם זוניקן נאָכמיטאָג — הגם ס'איז שוין געווען סוכות־צייט — בין איך אַהיימגעקומען פון ערגעץ און דערזען פלוצעם דעם טאַטן ווידער

---

* די אַלמנה פון ד״ר פאַקס, אסתר פאַקס, האָט די מאַנוסקריפּטן אָפּגעהיטן אַלע די יאָרן און זיי מיר איבערגעגעבן ערשט לעצטנס, בשעת מיין באַזוכן ניו־יאָרק. זיי זענען אויסגערעכנט ווייטער, צוזאַמען מיט דער רשימה פון וויסענבערגס ווערק. זען ביבליאָגראַפיע I.

** זען בריוו צו ד״ר פאַקס פון 22/IX, 922[1], הוספה א.

אין שטוב. געוווּסט האָב איך, אַז ער דאַרף שוין צו יענער צייט קומען צו פאַרן, אָבער נישט געוווּסט געגוי דעם טאָג. איז דאָס דערזען אים אויף איין מאָל שטיין אין מיטן שטוב, געווען פאַר מיר זייער אַ גרויסע איבערלעבעניש. אַנקומענדיק פון קאָרידאָר, האָב איך אים דערזען שטיין אין עסצימער. כ׳בין צוגעגאַנגען, באַגריסט זיך מיט אים און באַלד אָפּגעגאַנגען ווייטער צו אונדזער שלאָפצימער, מאַכנדיק זיך זוכן עפּעס אויף דער אַנדערער זייט קליאַמקע פון דער טיר . . . די טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן און כ׳האָב נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען. כ׳האָב נישט געוואָלט, ער זאָל דאָס באַמערקן.

דער טאַטע האָט מיר נאָכגעקוקט פאַרחידושט צוליב אַזאַ „קאַלטער" באַגריסונג, אָבער באַלד האָט ער דערטאַפּט מיט זיין פאַרשנדיק אויג, וואָס מיט מיר קומט אייגנטלעך פאָר — און ער האָט מיך צו רו געלאָזט.

פון דעמאָלט אָן פלעג איך אַלע מאָל שטיין ביי זיין זייט, ווען ער איז נאָר געזעסן ביים טיש, און אַלע ווילע אַרויפלייגן אַ קוש אויף זיין באַק. ער האָט מיר נישט געשטערט דאָס צו טאָן, אַפילו ווען ער האָט געהאַלטן אין שרייבן. ביילטשען האָט עס אָבער יאָ אַ ביסל געשטערט. זי האָט אויך אַ מאָל געמאַכט אַ גרעבלעכע באַמערקונג, און איך האָב זיך געפילט באַליידיקט. איך גלייב, אַז כ׳האָב נאָך דעם אויפגעהערט צו שטיין כסדר ביים טאַטנס זייט און אוודאי אים אויפגעהערט צו קושן.

פאַר ביילטשען און איטקען האָט ער אָנגעברענגט מתּנות פון די שטאָטן. פאַר גנענדלען און מיר, אויך רוזשקען, האָט דער טאַטע געגעבן ביילטשען געלט, זי זאָל גיין קויפן פאַר אונדז זאַכן אויף אָן אָרט, אין וואַרשע, ווייל ער האָט נישט געוווּסט די מאָסן אונדזערע, כּדי דאָרט צו קויפן. האָט ביילטשע אונדז גענומען אין די וואַרשעווער געשעפטן און געקויפט שיינע קליידלעך און שיך. און ווייל דאָס זענען גראָד געווען נײַע קליידער אויף סוכּות, איז דאָס אוודאי געווען גאָר אָנגעלייגט ביי אונדז, קינדער.

ווען דער טאַטע איז צוריקגעקומען פון ניו־יאָרק, האָט ער מיטגעפירט מיט זיך אַמעריקאַנער לאַקירטע דאַמענשיך, וואָס האָבן טאַקע אויסגעזען אַנדערש, ווי די פּוילישע שיך, נאָר קיין גרויס נחת האָט ער ביים פאַרקויפן זיי נישט געהאַט.

צוליב די אַלע „סוחרישע אויפטוען" זיינע איז אין ליטעראַטן־פאַראיין אַרומ־געגאַנגען יענע צייטן אַ וויץ, אַז ווייסענבערג האָט מיטגעבראַכט פון אַמעריקע אַ גאַנצן וואַגאָן שיך אויף איין פוס.

אויך האָט ד״ר ש. יוריס פאַרפאַסט גראָד צו יענער צייט אַ פּאַראָדיע אויף אַלע קינסטלערס: שרייבערס, מאָלערס, סקולפּטאָרן, מעטאַל־פּלאַסטיקערס, ווייל ער האָט קיינעם נישט געשאַנעוועט. די עטלעכע סטראָפעס, וואָס כ׳האָב פאַר־געדענקט, האָבן אַזוי געקלונגען, אַן ערך:

איטשע־מאיר
האַנדלט מיט אייער —
בים, באַם!

נאָמבערג שרייבער,
טאַנצט מיט ווייבער —
בים, באַם!

רעפריין: סעגאַלאָוויטש זייען
האַלט אין איין שרייען:
„לאַפּיטוטן,
שפּילט אין קאָרטן!״
אוי, וויי, קליסקעלעך
מיט באַבי!

גרינבוים איציק,
האַלט דעם סמיטשיק —
בים, באַם!

דאָקטאָר שיפּער,
אונטערשטיפּער —
בים, באַם!

רעפריין: סעגאַלאָוויטש זייען
האַלט אין איין שרייען:
„לאַפּיטוטן,
שפּילט אין קאָרטן!״
אוי, וויי, קליסקעלעך
מיט באַבי!

ער ליבט אַהין,
ער ליבט אַהער,
בּיס: ער בעט זיך
און ער חלשט
און ער קאָן נישט מער —
פּאַ קאַגאַנאָווסקאָמו.

און נאָך און נאָך. די סטראָפעס האָבן זיך געצויגן אָן אַן עק, ווייל אויך די פּאָעטן האָבן צוגעלייגט סטראָפעס, נאָר איך געדענק זיי, ליידער, נישט מער. צו יעדן איינעם האָט מען צוגעטשעפּעט עפּעס כאַראַקטעריסטיש־לעכערלעכס. מיט נאָמבערגן, למשל, האָט מען געטשעפּעט, ווי אַ טענצער, ווייל ער פלעגט זיך אַלע מאָל פלייסן צו טאַנצן „שימי״ און ווי ער איז שוין אַליין נישט געווען קיין יונגער־מאַנטשיק, מיט אַ היפּשלעך געבויגענער פּלייצע און אויסגעדאַרט — האָט ער תּמיד פאַרבעטן צום טאַנצן יונגע, שיינע מיידלעך.

אויך זענען אויף די ווענט פון ליטעראַטן־פאַראיין געהאָנגען אַ סך בילדער און קאַריקאַטורן פון די קינסטלער־מיטגלידער, געצייכנט פון די מאַלערס. איז דאָרט געווען אַ קאַריקאַטור פון וויסענבערגן ווי ער שלעפּט זיך מיט דער ליטעראַטור; גאַנצע פּעק מאַנוסקריפּטן, פּאַפּירן און בלעטער, וואָס ער קען זיי קוים דערטראָגן. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ קיילעכדיקן קאַפּעליוש, ווי מע פלעגט אין יענע צייטן טראָגן.

אָגב האָט ער זיך טאַקע אַרומגעטראָגן מיט דער ליטעראַטור — זיינע און אַנדערע שרייבערס מאַנוסקריפּטן — פון אָרט צו אָרט. אַזוי איז אים פאַרלוירן געגאַנגען דער מאַנוסקריפּט פון זיין גרעסערער דערציילונג „קריינדעלע״. אַ מערכה וואָס נאָמבערג האָט זי געהאַט איבערגעזעצט פון ייִדיש אויף העברעיִש, באַלד ווי וויסענבערג האָט זי געהאַט אָנגעשריבן. שפּעטער, ווען דער אָריגינאַל איז אים פאַרלוירן געגאַנגען, האָט וויסענבערג זיך ערשט גענומען איבערזעצן „קריינדעלע״ פון העברעיִש צוריק אויף ייִדיש, און ער איז געבליבן זייער אומ־צופרידן פון דער דערציילונג אַזוי ווי זי איז היינט, ווייל עס קומט נישט — האָט ער געטענהט — צו דעם אָריגינאַל, וואָס ער האָט לכתּחילה געשאַפן. און הגם דאָס איז באמת אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס נישט קיין סך זענען דאָ אַזעלכע אַפילו אין

אַנדערע ליטעראַטורן, האָט ער כּסדר נאָר געזאָגט, אַז ער קען, אין פאַרגלייך צו דעם וואָס דער אָריגינאַל איז געווען, נישט קוקן אויף „קריינדעלע״.

אין ליטעראַטן־פאַראיין זענען אַחוץ ווייסענבערגס קאַריקאַטור, געהאָנגען נאָך אַנדערע קאַריקאַטורן אינעם בופעט־צימער. אינעם גרויסן זאַל איז געהאָנגען אויבנאָן פּרעצעס אַ גרויס איילבילד. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ פּאַטערלעך אויג איבערן שרייבער־געזינדל. אויף אַ צווייטער וואַנט איז געהאָנגען סעגאַלאָוויטשעס אַ בילד מיט דער פּייקע אין מויל, וואָס ער האָט זיך קיין מאָל נישט געשיידט מיט איר, אַ הוט אויפן קאָפּ און דעם גאַנצן ערנסט אויפן פּנים.

מיט מיסחר האָט ווייסענבערג זיך באַמיט צו פאַרנעמען אויך נאָך זיין צוריק־קומען פון אַמעריקע. ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט ד״ר פאַקס און אַנגעוויזן אויף די סיבּות פון זיין סוחרישן שלימזל. אַזוי ווי קיין סך נחת האָט ער נישט געהאַט פון די אַגענטן — וואָס האָבן זיך בלויז טיילווייז פאַרנומען מיטן ביכער־פאַרקויף, ווייל זיי האָבן געאַרבעט אויף שטעלעס — האָט ער אויך דעם ד״ר פאַקס פאַרגעלייגט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם דאָזיקן מיסחר און איבערצונעמען די פאַרטרעטערשאַפט פונעם ביכער־פאַרקויף אין ניו־יאָרק:

רעדאַקציע „יודישע זאַמעלביכער״	**Redakcja "Jüdische Sammelbücher"**
ווייסענבערג־פערלאַג	Wydawnictwo Wajsenberga
וואַרשע, עלעקטאָראַלנאַ 14	Warszawa, Elektoralna 14

20/XI 1922

ליבער פאַקס,

אייער בריוו פון 30/x דערהאַלטן. איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער מיט־טיילן מיר וועגן מיין סחורה, אַז זי איז שוין אָנגעקומען און אויך פאַר דעם, וואָס אייער הויזגעזינד מאַכט. אויף אייער שווער האָב איך גערעכנט, אַז ער איז אַ געזונטער מענטש. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די דיקקייט זיינע איז שוין געווען פאַרדעכטיק, כאָטש צו קיין לונגען־אָנצינדונג האָט עס גאָר נישט. ער איז געווען צו פיל איבערגעפּילט מיט בלוט, בשעת אין אַמעריקע איז נאָר געזונט דער, ווענענס בלוט עס איז אָן אָפּגעצערטס, אָן אָפּגעבלייכטס און דאָס פּנים איז אַ ביסל פאַרמעטעוואַטע. עס מאַכט נישט אויס, אַז איר וועט זיך נישט שטיצן אויף מיינע „אויספירונגען״, נאָר וואָס קען עס שאַטן, אַז איך מיין אַזוי? און איצט גייען מיר צוריק צו מיינע געשעפטן. נאָר צום ערשטן גיב איך אייך אָפּ אַ באַריכט וועגן מיין און מיין פרויס געזונט. קיין אַנאַליז נאָך אַ מאָל האָב איך נאָך נישט געמאַכט, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז עפּעס בין איך צוריק געזונט, כאָטש אייער דיעטע היט איך שטרענג אָפּ ביז היינטיקן טאָג, ווייל אין דער היים איז גלאַט גוט צו האַלטן פון דיעטעס. מיין פרוי ווידער איז געווען אַמתדיק געפערלעך אויף די לעבער און אויף גאַלשטיינער. איצט גייט זי אַרום, פּילט נאָך צייטנווייז עטוואָס ווייטיק, אָבער זי טרינקט קאַרלסבאַדער וואַסער און איז נערוועז. די געשעפטן האָט זי מיר געפירט אַזוי גוט אויך דערפאַר. זי ווערט נערוועז, צעטראָגן דורך דער קלענסטער קלייניקייט און פאַרזעט

דאַדורך די גרעסטע אומגליקן, וואָס מען טוט איר אָפּ, איר אין די אויגן. מיט איין וואָרט — אַ פרוי. אַט דאָס האָט געמאַכט מיין רייזע אַזוי אומפּרוכטבאַר.

איצט, ליבער פּאַקס, איך דאַנק אייך באמת פון האַרץ פאַר אייער איבער־געבן מיר אַ גרוס, אַז מיין סחורה איז אָנגעקומען. וואָס איר פרעגט צי בין איך צופרידן מיט מיין שותּף? ווי אַזוי, אַז . . . איך האָב נאָך נישט דערהאַלטן נאָך אַלעם אַפילו איין סענט. איז דאָס אַליין שוין אַ טרויעריקער רעזולטאַט. דער האַנדל שטייט. וואָס דאָרט איז, ווייס איך נישט. פאַר אומערלעך האַלט איך אים נישט. מעגלעך, אַז ער נאַרט מיך דערמיט, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט אָוועקצולייגן זיין אַרבעט ביי וועלכער ער פאַרדינט 15־10$ אַ וואָך, און אַפּהיטנדיק זיין אַרבעט איז שוין במילא שלים שלימזל אין אַלע הינזיכטן אין אונדזער אונטערנעמונג. עס קען זיין, ווייל דער מענטש איז קיין מאָל קיין סוחר נישט געווען. בשעת אַ סוחר ווייסט, אַז אין אַ האַנדל פאַרדינען דאָס ערשטע מאָל נאָר בידנע 20$ אין אַ גאַנצער טראַנזאַקציע, קען עס זיין אַן אָנזאָג אויף צו פאַרדינען טויזנטער, ווייסט דאָס קיין אַרבעטער נישט. . . . ווי איר זעט, גייט עס מיר אומעטום מיט מיינע פאַרבינדטע מיט דער פּוטער אַראָפּ, כאָטש די געשעפטן קענען זיין גוט און גרויס, אַפילו זאָמד מען זאָל שיקן. . . . מיר טוט גריילעך לייד, וואָס איך האָב מיך מיט אים פאַרבונדן, נאָר אין דעם, ליבער פּאַקס, בין איך נישט שולדיק. איך האָב נאָר געוווּסט, אַז מיין געשעפט און מיין צייט ווערט חרוב און, אַז איך מוז קריגן אַ פאַרבינדעטן און וואָס שנעלער אַהיימפאָרן, און ווען איך האָב אייך פּראָפּאָנירט און איר זענט געווען פאַרטאָן עטלעכע טעג אין אייערע עסקים און האָט מיר קיין ענטפער נישט געגעבן, האָב איך ווי איינער, וואָס האָט שוין געהאַט דערפאַרונגען אין אַזעלכע פאַלן, ווען איך האָב געדאַרפן צו איינענען, געזען אין דעם אַ שטומען אָפּזאָג, אַלנפאַלס אַ נישט פאַראינטערעסירטע באַציִונג. און כאָטש איך האָב שוין געהאַלטן מיט יענעם אין אונטערהאַנדלען וועגן דעם, האָב איך אַלץ נאָך געוואַרט 3 טעג און אויפן 4טן, האָב איך געזען, אַז ס׳איז אין ברירה, האָב איך געשלאָסן דעם קאָנטראַקט. ערשט דערנאָך, ווען ס׳איז שוין שפּעט געווען, האָט איר מיר געזאָגט, אַז איר האָט די זאַך אין זינען. איצט אָבער וויל איך סיי ווי סיי מיט אייך זיך פאַרבינדן. . . .

איך גריס אייך, אייער פרוי און דעם קליינעם עמנואל, וועלכער לעבט אין נישט איינשטימיקייט מיט דער גאַנצער גאַס קינדער און קריגט נעבעך דערפאַר זיין ערלעך „אויסקומעניש״ אין זיינע העלדישע שלאַכטן, און רוט נאָר אָפּ ביי דעם שיסעלע, ווען די מאַמע דערציילט אים פון די שעפּסעלעך. איך קוש אים.[18]

וויסענבערג האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גאַנצער סוחר. ער האָט מיך איין מאָל געהאַט געשיקט מיט יאָרן שפּעטער אויף ד״ר זאַמענהאָף־גאַס, ווו עס האָבן זיך געדרוקט זיינע ביכער, מיט עפּעס אַ פּראָפּאָזיציע, וואָס האָט מיר אויס־געזען צו זיין נישט אַזוי רעאַל. כ׳געדענק שוין נישט גענוי וואָס דאָס איז געווען, צי אַז דער דרוקער זאָל דערוויילז קויפן פּאַפּיר און ער וועט אים אויסשטעלן וועקסלען, צי עפּעס ענלעכס — גענוג, איך האָב אים געזאָגט, אַז יענער וועט דערויף נישט מסכּים זיין, האָט ער געזאָגט:

— „מעגסט גיין, מעגסט גיין, צווישן סוחרים פירט זיך אַזוי״.

וואָלטער האָט זיך אויך גענומען צו מיסחר, אָבער מיט הצלחה. אויב מע פלעגט

ווייסענבערגן זאָגן, אַז ער איז אַ שלעכטער סוחר, פלעגט ער ווערן בייז, נאָר טאָמער מ'האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ שלעכטער שרייבער — פלעגט ער לאַכן.

ווען דער טאַטע איז געווען אין אַמעריקע, האָב איך אים געהאָט אָנגעשריבן, אַז גנענדל מאַכט זיך אירע ספּודניצעס אַזוי שמאָל, אַז זי קען קוים שטעלן אַ טריט ביים גיין. אויך האָב איך אים אָנגעוויזן דערויף, אַז זי הענגט זיך נאָך אויף דראַשקעס פון הינטן (דער דראַשקאַזש זאָל זי נישט זען) פונקט ווי אַ יונג. האָט ער זי — צו מיין גרויסער פאַרווּנדערונג — נישט געמוסרט דערפאַר, און מיין האָפענונג, אַז ער וועט זי וואַרענען פאַר שלעכטע קאָנסעקווענצן, איז צערונען געוואָרן. ערשט נאָכן צוריקקומען האָט דער טאַטע געהאַלטן גנענדלען אַ לעקציע, ווי אַזוי די שמאָלע ספּודניצעס שטערן ביים אַריבערגיין די גאַס; טאָמער ס'וועט גראָד אָנקומען אַן אויטאָ, צי אַ טראַמוויי און זי וועט דאַרפן מאַכן אַ שנעלערן, צי אַ ברייטערן שפּרייז — וועט זי מוזן פאַלן. וועגן די דראַשקעס האָט ער איר גאַרנישט געזאָגט, וואָס לויט מיר, האָט דערין געשטעקט אַ גרעסערע סכנה.

וואָס שייך אַריבערגיין די גאַס, פלעגט ער אונדז אַלע מאָל אָנזאָגן נישט צו לויפן, ווען מע זעט אַן אויטאָמאָביל אָנקומען, ווייל ווען מע לויפט, שווינדלט דעם שאָפער פאַר די אויגן און ער ווייסט נישט, ווי אויסצומיידן דעם פוסגייער און קען אים דעריבער נישט ווילנדיק איבערפאָרן. אין מיינע אויגן האָבן די אַלע באַוואָרע־נישן זיינע דעמאָלט אויסגעזען עפּעס נישט אַזוי, ווי ס'דאַרף צו זיין. אַז מע לויפט, האָב איך געטראַכט — איז מען דאָך שנעלער אויפן טראָטואַר . . . צי דעסט גלייכן, ווען גנענדל האָט מיר, למשל, אַ מאָל עפּעס אַ שטאַרקן שטופּ געגעבן און כ'בין אומגעפאַלן, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז כ'האָב געדאַרפן — זעענדיק, אַז זי גייט מיך שטופן — אַ רוק איבער געבן די פּיס הינטערווייַלעכץ, וואָלט דער קערפּער אויטאָמאַטיש זיך אַ בויג געטאָן אויף צוריק, צו אַ ווערטיקאַלער פּאָזיציע און איך וואָלט נישט געפאַלן. איך האָב געזאָגט: גוט, נאָר געטראַכט האָב איך מיר: צו וואָס זאָל איך נאָך אַליין אויך מיך שטופן אויף צוריק, ווען מ'שטופּט מיך צוריק?

אויך קלעטערן אויף בערג האָט דער טאַטע מיך געלערנט, ווען כ'בין איין זומער געפאָרן מיט דער שול אויף קאָלאָניע קיין קוזמיר און בין דאָרט געווען אַ חודש צייט. דעם לעצטן טאָג — ווען מיר האָבן שוין געזאָלט צוריקפאָרן קיין וואַרשע — איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון טאַטן, מיט אָנווייזונגען ווי אַזוי מע דאַרף קלעטערן אויף בערג. קוזמיר איז אַ באַרגיקע געגנט, האָט ער מיך געלערנט ווי אַזוי מ'גייט אַרויף און אַראָפּ פון בערג: אַז מ'טאָר נישט לויפן באַרג־אַראָפּ, נאָר גיין פּאַמעלעך וכדומה.

דער לערער זאַלצמאַן האָט ביי מיר געבעטן דערלויבעניש צו לייענען דעם בריוו. ער האָט עס נישט געטאָן אין אַנדערע פאַלן, נאָר ווייל ס'איז געווען אַ בריוו פון ווייסענבערגן, איז אים געווען אינטערעסאַנט צו זען, וואָס ער שרייבט. ער האָט געשאָקלט אַ ביסל סקעפּטיש מיטן קאָפּ בשעתן לייענען, ווייל די עצות וואָלטן געווען אויפן אָרט אין אָנהייב חודש, בשעת מיין קומען קיין קוזמיר, אָבער נישט ווען איך פאָר שוין אַהיים. ווייל כ'האָב אָבער געקענט מיין טאַטן, האָב איך געוווּסט, אַז די כוונה איז געווען אַ גוטע און אַז ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן

געדאַנק מיר צו שרייבן באַלד פון אָנהייב פון מיין אוועקפאָרן. האָט ער אָבער אָנגע־ ווירן דעם רעכענונג פון צייט און ביז ער האָט זיך אוועקגעזעצט אָנשרייבן, איז שוין דער בריוו נישט געווען מער אַקטועל, עלעהיי ווי די שופרות, וואָס זענען אָנגעקומען בלויז איין טאָג נאָך שופר־בלאָזן — ווי דער לייענער געדענקט מסתּמא — אויך אפשר צוליב ווייסענבערגס פאַרשפּעטיקטער באַשטעלונג...

אגב, האָב איך — נאָך מיין צוריקקומען פון קוזמיר — אויף אַ מאָל אָנגעהויבן צו ווענדן זיך צום טאַטן אויף „דו". כ'ווייס נישט פאַר וואָס, ווייל ס'איז עפּעס געקומען אַליין, פון זיך. דער פריִערדיקער אופן ווי מיר, גנענדל און איך, פלעגן זיך ווענדן צו אים — אין דער דריטער פּערזאָן, למשל: „וואָס זאָגט דער טאַטעשי?" — האָט זיך עפּעס נישט מער געלייגט אויף די ליפּן.

באַמערקנדיק אַליין ווי איך דוץ אים, האָט עס מיך באַוויגן זיך צו אַנטשולדיקן פאַר אים. אָבער ער האָט געזאָגט, אַז וואָס איז דער נפקא־מינה, ווי מע ווענדט זיך צו עמעצן „דו", צי „איר" איז דאָס זעלבע. פון פאָרמאַליטעטן האָט ער נישט געמאַכט קיין צימעס, אָבער ער האָט דערציילט אַ מאָל, בשעת ער איז אַריינ־ געקומען פון גאַס, אַז ער האָט געטראָפן ד"ר י. שיפּער. ער האָט געוואַרט ביז ווייסענבערג וועט זיך גריסן צו אים, האָט ער זיך אויך נישט געגריסט. אין שטוב האָט ער געזאָגט: „ביי מיר שפּילט נישט קיין ראָלע ווער עס גריסט דער ערשטער און איך קען אַפילו גריסן אַ קינד פריִער, אָבער אויב מ'וואַרט, אַז איך זאָל זיין דער ערשטער — טו איך דאָס נישט. האָבן מיר זיךביידע אָנגעקוקט און קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געגריסט".

נאָך דעם טאַטנס צוריקקומען פון אַמעריקע, איז פאָרגעקומען עפּעס אַ שטיקל רעוואָלוציע אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, נישט געקוקט דערויף, וואָס נישט אַלץ איז אים דאָרט געפעלן. פון זיינע אַמעריקאַנער איינדרוקן פלעגט ער אָפט איבערגעבן צוו"א, אַז אויפן הויף ווו דער פּאַרוועדטס געפינט זיך, שטייט איין בוים, וואָס פאַרמאָגט בלויז איין איבערגעלאָזטע צווייג, ווו ס'שטעלט זיך אַ מאָל אַ סומנע פייגעלע.

נאָך האָט ער געזאָגט:

אַז דו קומסט קיין ניו־יאָרק, דו פילסט דיך דאָרט, ווי צווישן הינדוסן, באַשע־ באַזשוקעס, אָדער רויטע אינדיאַנער: אויף דיינע אַלע פלענער, וואָס דו האָסט דיר געמאַכט אַריינפאָרנדיק, קוקסטו שוין איצט מיט דעם בליק פון אַ קאַפּיטאַן אויף זיין צעשלאָגענער שיף, און מוזסט זיך ראַטעווען כאַטש אויף אַ ברעט — זאָלסטו אויסקלייבן מנחמען [צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך אַ הלוואה].

און אַז:

אין אַמעריקע ווערט מען אויסגעקליבן פאַר פּרעזידענט פאַר אַזעלכע זאַכן, ווי פאָטאָגראַפירן זיך מיטן ווייב, מיטן זון, ווי אַש מיטן שרייב־טיש, כּדי אויס־ צונעמען ביי משה . . . .

און באמת מאַכט עס טאַקע אַ מאָדנעם איינדרוק צו זען הענגען אין יעדן

דאָקטאָרס אָפּיס די „פּיקטשעס" (פאָטאָגראַפיעס) פון אַלע זיינע קינדערלעך, אַ מאָל פונעם ווייב אויך. אָט דער סימן־מובהק פון אַ דאָקטאָרס „לייטישקייט", אויב ער איז אַ פאַמיליע־מענטש, מוז אַרויסרופן אַ שמייכל.

דאָס אַמעריקאַנער עסן איז אים נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך מיינסטנס געגערט מיט פרישע פּרוכטן אין משך פון די עטלעכע חדשים, וואָס ער איז דאָרט געווען. נאָר אַנדערע אַמעריקאַנער געוווינהייטן האָט ער יאָ איבער־גענומען. יעדן פרימאָרגן, פאַרן פרישטיק, פלעגט ער מאַכן גימנאַסטיק, די „פּוש־אַפּס" און אַנדערע גימנאַסטישע איבונגען. גנענדלען האָט ער צוגערעדט, זי זאָל זיך לאָזן אָפּשערן די האָר „אַלאַ גאַרסאָן", ווי מיידלעך האָבן געטראָגן אין אַמעריקע צו יענער צייט. זי האָט אָפילו לאַנג נאָכגעטראַכט, צי זאָל זי נאָכגעבן, אָבער האָט ענדלעך מסכּים געווען. האָט דער טאַטע זיך גענומען צו דער מלאָכה, ווי אַ פאַכמאַן; אַרומגעהאַנגען זי מיט אַ נאַקידקע און גענומען דאָס שערל און קעמל צו דער עבודה.

ער האָט אָפילו געמאַכט אַ גאַנץ גוטן „דזשאָב", אָבער ווען גנענדל האָט אַ קוק געגעבן אין שפּיגל און דערזען וויפל האָר ער האָט איר אַראָפּגענומען — האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד, אַז ער האָט זי אָפּגעשוירן, ווי אַ ייִנגל, נישט ווי קיין מיידל, און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַז ס'איז געווען „הימל עפן זיך".

דער טאַטע, אַז ער האָט דאָס דערזען, האָט זי געוואָלט איינגעמען און איר געגעבן 2,000 פּוילישע מאַרקן ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר דער עוולה, „זי זאָל זיי אָבער באַהאַלטן, אַז פּערל זאָל נישט זען, אויב נישט, וועט ער איר אויך דאַרפן געבן, און זי האָט ער דאָך נישט אָפּגעשוירן".

„גוט", זי האָט זיי אַריינגעשטופּט אין דער טאַליע פון דער בלוזקע, וואָס איז געווען אַ לויזע אין דעם אָרט, פאַרענדיקט מיט אַ גומעלע און איבערגעוואָרפן, ווי קינדער פלעגן טראָגן, און האָט זיך געטראַכט, אַז די צוויי טויזנטערס וועלן זיך דאָרט ליגן און דאָס גומעלע וועט זיי נישט לאָזן אַרויספאַלן, און ס'איז טאַקע אַזוי געווען. נאָר ווייל זי האָט זיך עפּעס געפּאַרעט און אַלע מינוט געקוקט אויף איר טאַליע (צי די צוויי טויזנטערס פאַלן טאַקע נישט אַרויס) האָט מיר דאָס אויסגעזען נישט גלאַטיק און כ'האָב בלויז צוגעלייגט אַ האַנט און דערטאַפּט די ממתּקים!

אַהאַ! האָב איך אויך געמאַכט אַ גוואַלד — גנענדל קריגט אַזוי פיל געלט און איך נישט — וויל איך אויך!

הכּלל, דער טאַטע האָט געמוזט, ווילנדיק נישט ווילנדיק, מיר אויך געבן צוויי טויזנטערס און אַזוי האָט אים די נײַע דערפינדונג, וואָס ער האָט מיטגעבראַנגט פון אַמעריקע, אַ ביסל צו טײַער געקאָסט...

און ווי ער האָט מיך נישט אָפּגעשוירן, האָב איך מיר אַלע מאָל געוווּנטשן, אַז מיין טאַטע זאָל זיין אָדער אַ פריזירער, אָדער אַ דראָשקאָזש, וואָלט ער מיר געקענט יעדעס מאָל אונטערשערן די פּאָלקע — אין ערשטן פאַל — אָדער מיך אַרומפירן מיט דער דראָשקע איבער גאַנץ וואַרשע, אין צווייטן פאַל.

נאָמבערג פלעגט אָפט קומען צו אונדז אויף מיטאָג. ער האָט זייער ליב געהאַט ביילטשעס קאָכן: אירע קאַלבסקאָטלעטן, סאַלאַטן — היינט די גרינע אַרבעסזופּ

מיט געקנאַבלטע סוכאַרעס — האָט ער גאָר נישט געוווּסט, ווי אָפּצולויבן. פלעגט ער זיך גאַנץ אָפּט אָפּילו אַליין פאַרבעטן אויף מיטאָג.

דערזעענדיק אין יענע צייטן ביים מיטאָג־עסן גנענדלען מיטן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, האָט ער געפרעגט: „איטשע־מאיר, ווי קומט עפּעס צו דיר אַ נעגער?" גרויסע, שוואַרצע אויגן האָט גנענדל געהאַט, אַ פול מויל אויך און די געקרייזלטע האָר — וואָס האָבן קורצערהייט זיך נאָך מער געקרייזלט אויף איר קאָפּ — האָבן נאָמבערגן דערמאָנט אין אַ נעגער.

עסן פלעגט נאָמבערג מיט די הענט, ווי אַ חסיד און די גאָפּל־מעסער זיינע אויפן ווייס־געדעקטן טיש זענען אין גאַנצן איגנאָרירט געוואָרן. ער האָט אָבער יאָ גענומען מיטן גאָפּל פון דער אַלגעמיינער כּלי אַ שטיקל הערינג, למשל, צי פליש. אָבער אַזוי שנעל, ווי ס'איז שוין געווען זיינס (און נישט אין דער אַלגעמיינער כּלי) האָט ער דאָס אַראָפּגענומען מיט די פינגער און אַזוי געגעסן.

דער באַלעבאָסטע,ביילטשען, פלעגט ער פאַרויס שיקן — איידער ער אַליין איז נאָך געקומען צום מיטאָג — די שענסטע בלומען אָדער אַ פלאַש טײַערן וויין. איין מאָל, געדענק איך, איז אָנגעקומען פון אים ווינטערצייט גראַד, אַ גאַנצער בוים ווייסער בעז אין אַ גרויסן בלומענטאָפּ. דאָס האָט טאַקע באַשיינט און פאַרשמעקט די שטוב און ביילטשע האָט גאָר אַנגעקוואָלן פון אַזאַ אויפמערק און ברייטער האַנט. אַ צווייט מאָל פלעגט ער שיקן טולפּן, אָדער היאַצינטן א״א בלומען. דער שמועס ביים טיש איז געווען, פאַרשטייט זיך, וועגן ליטעראַטור. ווייסענבערג האָט געוואָלט נאָמבערגן צוציִען צום קאַמף קעגן די אַלע אומרעכטן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט אין דער יִדישער ליטעראַטור אַריינגעכאַפּט. אָבער נאָמבערג איז פון נאַטור קיין קעמפער נישט געווען און געוווּסט האָט ער, אַז מע דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן אַנטקעגנצושטעלן זיך דער פּרעסע, דעם ליטעראַטן־פאַראיין, די געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס וכו׳.

צוליב דער דאָזיקער נישט קעמפערישער נאַטור זיינער האָט ווייסענבערג וועגן אים געזאָגט, אַז:

> נאָמבערג פאַרשטייט נאָר איין זייט פון לעבן. . . . ער האָט אין זיך אַ ביסל איינגעבוירענע פיינקייט און געשמאַק ווי דער יידיש בעל־הבתישער אַריסטאָ־קראַט צו אַ ביסעלע וווּל שמעקעדיקן זיסן וויין. אַ, ס'איז אַ מחיה... און ווייטער גייט עס נישט. און זייער מעגלעך, אַז אויפן געביט פון פילאָזאָפיע איז ער ברייטער, ווי אויפן געביט פון קונסט.

ווען ווייסענבערג איז שוין געלעגן מיט יאָרן שפּעטער קראַנק — האָט ער נאָך אַ מאָל דערמאָנט זיין פאַרדראָס צוליב דעם, און האָט געזאָגט, אַז „נאָמבערג האָט קיין קעמפער נישט געקענט זיין, ווייל ער האָט קיין גרויסע ליידנשאַפטן נישט פאַרמאָגט".

אָבער געשטיצט ווייסענבערגס אידעע האָט נאָמבערג יאָ. ווען ווייסענבערג האָט אַרויסגעגעבן זיינע קעמפערישע ליטעראַרישע זשורנאַלן, ווי אַ קעגנווירקונג צו גראַפאָמאַניע — מיט אַלע אירע באַגלייט־דערשיינונגען — האָט נאָמבערג

אינקאָגניטאָ זיך באַשטייערט מיט שפּאָרע סומעס, נישט וועלנדיק, אַז דער ליטעראַטן־פאַראיין זאָל וויסן דערוועגן.

נישט לייכט איז אָנגעקומען אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל. און דאָס אַרויסגעבן פון יעדן בוך איז אַוודאי אָנגעקומען מיט שוועריקייטן און איז אָפט באַלייט געווען מיט עגמת־נפש.

שלמה שיינבערג, זיינער אַ תלמיד, איז געווען אַ זעצער פון פאַך. איז ער געקומען נאָך ווייסענבערגס צוריקקומען פון אַמעריקע מיט אַ פאָרשלאָג, אַרויס־צוגעבן ווייסענבערגס אַ באַנד שריפטן פאַר דעם ביסל געלט, וואָס אים איז געלונגען צו ברענגען פון אַמעריקע. שיינבערג האָט געהאַט צו יענער צייט געעפנט אַ דרוקעריי אין פולאַווו און געמאַכט אַ פּלאַן פאַרן געלט צו קויפן שריפט, דאָס בוך אויסזעצן און מאַכן מאַטריצן. איז ער אָבער אין אַ צייט אַרום געקומען און דערציילט, אַז די מאַטריצן זענען אים צעשמאָלצן געוואָרן פון צו גרויסער היץ און אַזוי איז פונעם אַרויסגעבן דאָס געפּלאַנטע בוך ווייסענבערגס, גאָרנישט געוואָרן; אַזוי איז דאָס גאַנצע אַריינגעלייגטע „דאַברע מזל" אויך צעשמאָלצן געוואָרן. וויי־סענבערג האָט געהאַט יענע טעג גרויס האַרצווייטיק פון אַזאַ „געשעפט". ער האָט נישט געקענט לייכט שלום מאַכן מיט אַזאַ דערקלערונג. אי ער האָט אָנגעווירן דאָס אַזוי שווער אָנגעקומענע ביסל געלט, אי קיין בוך איז נישט אַרויס.

קורץ נאָך ווייסענבערגס צוריקקומען פון אַמעריקע, איז ער געוווירער געוואָרן, אַז האָראָנטשיק האָט אין משך פון אָט דער צייט אָנגעשריבן אַ ניי פּראָזעווערק אַ"נ פאַרפלאָנטערטע וועגן, וואָס איז נישט אָנגענומען געוואָרן דורך דער „קולטור־ליגע", אויך נישט דורך דעם פאַרלעגער ש. וואַיטשיקעוויטש. ווי דער פאַרלעגער און אויך יהושע פּערלע האָבן דערציילט — זידלט האָראָנטשיק אין דעם ווערק דעם ליטעראַטן־פאַראיין. ווי נאָר האָראָנטשיק האָט דערהערט, אַז ווייסענבערג איז דאָ צוריק פון די פּ"שט — איז ער צו אים באַלד געקומען מיט זיין גאַנץ פּראָזעווערק פאַרפלאָנטערטע וועגן. ווייסענבערג איז געווען איבעראַשט דערפון, ווייל ער האָט פריִער נישט געוווּסט, אַז האָראָנטשיק שרייבט אויך פּראָזע. האָראָנטשיק האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט צוליב דעם ווערק געהאַט אויסצושטיין פונעם ליטעראַטן־פאַראיין אין משך פון דער צייט. ער האָט, ווייזט אויס, אָנגעהויבן אַריינקומען אין פאַראיין פון די שרייבערס האָבנדיק שוין אַרויסגעגעבן, ווי אויבן געזאָגט, אַ ביכל לידער. אָבער עס איז אים נישט געלונגען איבערצוציייגן די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן, אַז ער האָט טאַלאַנט. האָראָנטשיקס באַקלאָגן זיך פאַר ווייסענבערגן וועגן זיין עוולה, איז ביי ווייסענבערגן געוואָרן אויך זיין אייגענע עוולה, וואָס איז אין גאַנצן אין הסכּם מיט זיינעם אַן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק אין דער אויבן דערמאָנטער עסיי „קונסט און סוביעקטיוויטעט", געשריבן אין 1917:

„קונסט פאַרשטייט דער, וועמענס האַרץ עס האָט . . . געשפּירט אַן עוולה, יענעמס אַזוי גוט, ווי זיינע, . . ." [19]

און ווירקלעך באַוועגט אים דאָס זיך צו פאַרנעמען מיט דעם יונגן טאַלאַנט, האָראָנטשיק, פּונקט ווי אַ טאַטע מיט זיין אומבאַהאָלפן קינד, ווען עס הייבט אַן שטעלן די ערשטע, וואַקלדיקע טריט.

צו יענער צייט, אין 1924, האָט ווייסענבערג אָנגעהויבן אַרויסגעבן די וואָכנ־שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק, קינאָ, הומאָר און סאַטירע א״נ דער שטראָם, רעדאַקטירט פון אים.

אין דער שטראָם האָבן זיך באַטייליקט פאָלגנדיקע שרייבערס: ה. ד. נאָמבערג, י. מ. ווייסענבערג *, יחיאל לערער, עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק, מאַקס ווײַנרײַך, י. פּ. גרינבערג, יוסף פּאַפּערניקאָוו, א. בעקערמאַן, ד״ר א. אַברבנאל, ד״ר מילשטיין, דער ערנסטער, שלמה מענדעלסאָן, שלמה קאָרנבלום, חיים פּלאַקס, שלמה שיינבערג, נ. וואָלפּאָוויטש, דוד גרינפּאַרב, ר. גאָלדבערג, שׂרה דאָבזשינסקאַ, בייניש זילבערשטיין, י. ח. אייזענבערג, י. ברוין, א. אייזענבערג, אפרים קליינמאַן; אין איבערזעצונג — ב־ן, אָ. ל. ד׳אַר, יוליאַן אייסמאָנד א״א.

חוץ דער פּעריאָדישער אויסגאַבע דער שטראָם האָט ווייסענבערג, ווי שוין אויבן געזאָגט, אויך געזען ווי ווייט מיגלעך, אַז אַ בוך פון די יונגע זאָל דערשיינען, און האָראָנטשיקס בוך האָט צוליב דער גרויסער ווערט, וואָס ווייסענבערג האָט דערין געזען, געקריגן פּריאָריטעט. נאָכן איבערלייענען די פאַרפּלאָנטערטע וועגן, שרייבט ער: „איך בין געווען אַן אַנטציקטער דערפון און האָב חדשים־לאַנג זיך געגערט מיט דער פרייד פון דעם דאָזיקן ווערק״.[20] ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע געשעעניש אין אונדזער ליטעראַטור, און האָט געזען צו שאַפן האָראָנטשיקן אַ פאַרלעגער. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. און כאָטש די שוועריקייטן זענען געווען גרויס, איז אָבער ווייסענבערגס זאָרג, אַז האָראָנטשיקס ווערק זאָל באַקומען אַ תּיקון, געווען גרעסער. אָט זענען אַ טייל פון די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו האָראָנטשיקן אין יענער צייט. זיי זענען אַ גוטע אילוסטראַציע פון זיין זאָרג פאַרן יונגן טאַלאַנט:

וואַרשע דעם 25/7, 923

ליבער האָראָנטשיק,

איך האָב ערשט דערהאַלטן אייער קאַרטל. איך ווייס, אַז ס׳איז אייך שלעכט. איר דאַרפט אָבער גאָרנישט צווייפלען, אַז אייער קאַריערע איז געמאַכט. איר וועט האָבן פון וואָס צו לעבן און זייט רויִק. אויב דערוויל איז שלעכט, איז עס נאָר איין אויגנבליק. נאָך אין 2 וואָכן אַרום, ווען אייער בוך וועט שוין זיין דערשינען, וועט אייך שוין נישט פעלן. נאָך די היינטיקע וואָך, אפשר מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן וועל איך זען, אַז דער פאַרלעגער זאָל אייך אַרויסשיקן אַ ביסל געלט. וואָס אַמבעלאַנגט אַב. קאַהאַן פון פאָרווערטס, איז ער פּלוצלינג אַרויסגעפאָרן אין קאַרלסבאַד צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. זיין פרוי איז דאָרט. ווען ער וועט קומען, קען איך נישט וויסן. פאַר אַ לעצטן פאַל שיק איך היינט־מאָרגן אַוועק עטלעכע אָפּשניטן פון אייער ראָמאַן קיין ניו־יאָרק צו ליעסינען, וואָס גיט אַרויס אַ וואָכן־זשורנאַל און איר וועט באַקומען אַ ביסל געלט פון דאָרט.

מיט פריינדלעכן, האַרציקן גרוס,

י. מ. ווייסענבערג[21]

* אַ רשימה פון ווייסענבערגס אַרבעטן אין דער שטראָם איז אָנגעגעבן ווייטער, צוזאַמען מיט זיינע ווערק. זען ביבליאָגראַפיע I.

וואַרשע דעם 5/XI, 23

ליבער האַראַנטשיק,

אויב איר קענט, קומט שוין צו פאָרן, ווייל דאָס בוך גייט אַריין אין דרוק נאָך אין 3 טעג אַרום, און אויב איר קענט נישט — שרייבט מיר באַלד. קיין געלט האָב איך ביי דעם פאַרלעגער נישט גענומען פאַר אייך. ער האָט מיר ערשטנס צוגעזאָגט, נאָר געוויינטלעך נישט געהאַלטן קיין וואָרט. צווייטנס האָב איך אים אַליין שוין נישט געמאָנט, מורא האָבנדיק, אַז רעכענענדיק פון אויסנווייניק די פרייזן פון דעם בוך, ווען דאָס בוך איז נאָך נישט פאַרטיק, וועט ער עס נישט רעכענען, וויפל עס דאַרף שטיין געהעריק, נאָר גלאַט. מאַכן אַ פרייז, וואָס דאָס וואָלט אייך געקענט צו טייער קאָסטן... אַלזאָ, איך האָב באַשלאָסן צו לאָזן געמאַך, ביז איר וועט זיין און זיך רעכענען און באַקומען דאָס געלט. אויב עס איז מעגלעך, קומט אין זעלבן טאָג, ווען איר דערהאַלט דעם בריוו. אויב איך וועל קענען, וועל איך אייך מאָרגן שיקן אַ האַלבן מיליאָן מאַרק אויף רייזע.

אייער פריינד י. מ. ווייסענבערג.[22]

ליבער האַראַנטשיק,

אייער דראַמע האָב איך ערהאַלטן. היינט וועל איך זי איבערגעבן דעם טעאַטער־דירעקטאָר. שרייבט, ווי איר פילט זיך, מיינע ביכער דרוקן זיך ערשט היינט.

איך גריס אייך, אייער פרוי האַרצלעך.

י. מ. ווייסענבערג[23]

דאָ קומען אין אַ בייגעלייגט בריוול ווייסענבערגס אָנווייזונגען, ווי אַזוי האַ־ראַנטשיק זאָל זיך ווענדן צו אב. קאַהאַן מיט אַ בקשה, און אַז ער זאָל זי מצרף זיין צו ווייסענבערגס אַ בריוו צו קאַהאַנען.

אויך שרייבט ער אין אַ בריוו צו ניגערן וועגן זיין פּלאַן אַרויסצוגעבן האַראַנ־טשיקן, אויב ס'וועט אים געלונגען צו שאַפן געלט דערויף, אַז האַראַנטשיק זאָל קענען אַליין פאַרקויפן זיינע ביכער און זיי נישט דאַרפן אָוועקגעבן דעם פאַרלעגער.

נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען און לאַנגע פאַרהאַנדלונגען מיטן פאַרלעגער ש. גאָלדפאַרב, איז שמעון האַראַנטשיקס ווערק פאַרפלאָנטערטע וועגן סוף־כּל־סוף אַרויס. דאָס בוך איז רעדאַקטירט געוואָרן פון ווייסענבערגן און פאַרזאָרגט מיט זיינס אַ פאָרוואָרט.

אין דעם פאָרוואָרט, אָדער „אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט", ווי ווייסענבערג רופט עס אָן, באַשרייבט ער דעם גורל פון ייִדישן בוך און רופט אָן אַ ריי יונגע שרייבערס, אין דער ערשטער ריי חיים פלאַקסן וואָס „האָט 10 אָדער 15 זאַכעלעך, וועלכע וועלן אַרויסשיינען, ווי דימענטלעך פון אונדזער ליטעראַטור, ווען זיי וועלן אַריין אין איר (ביז היינטיקן טאָג — נאָך נישט אַריין...)", הגם ער האָט אָנגעהויבן שרייבן מיט 20־25 יאָר צוריק. און ווייסענבערג שרייבט, אַז דאָס איז איין „פאַרדינסט" אונדזערער. ער רעכנט דאָרט אויס נאָך צוויי טאַלענטירטע שרייבערס, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, ווייל קיינער האָט זיך נישט

אומגעקוקט אויף זיי און זיי אַליין האָבן נישט קיין „עלנבויגנס" און זייער וואָרט קען צוליב דעם נישט דערהערט ווערן. דאָס זענען שוין דריי „פּאַרדינסטן".

דאָס פּערטע וואָלט געווען אויך עוזר וואַרשאַווסקיס שמוגלאַרס און אַ פּיפּטס: שמעון האַראָנטשיקס דאַזיקע ווערק [פּאַרפּלאָנטערטע וועגן].
. . . קיינער האָט נישט געוואָלט אין דער האַנט אַריין נעמען זייערע שריפטן, ווי איך האָב שוין איבן דערמאָנט וועגן שמעון האַראָנטשיקס ווערק, * וואָס עס האָט אויך אומגעפּער אַזוי פּאַסירט מיט די שמוגלאַרס.
נאָר דער צופאַל, אַ ריינער צופאַל האָט געוואָלט, אַז די דאַזיקע צוויי ווערק זאָלן נישט פאַרשוויגן ווערן.
. . . די צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור, אויב עס זאָל אַזוי גיין כּסדר, ווי איצט — איז נישט שווער צו טרעפן.
נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די יידישע ליטעראַטור גייט האַנט ביי האַנט מיט דעם קוואַל פון לעבן, שפּראָצן אַלע מאָל אַרויס נייע און נייע כּוחות, אַזוי אַז ס'איז פון זיי שווער אָפּצושניידן דעם וועג. אָבער אַפילו מאַן, וואָס אַז מען זייט אים איין מאָל, וואַקסט ער זיבן מאָל אומגעזייט, אויב אַז מען שניידט אים נאָך איידער ער צעבליט זיך, ווערט ער אויך פּאַרטיליקט. פרעגט זיך: ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס פאַר די זעלבע צוויי ווערק, וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ, און אויך די אַלע אַנדערע, האָט מען נישט אָפּן געמאַכט דעם וועג, אַז זיי זאָלן קומען צום וואָרט?[24]

וועגן די פּאַרפּלאָנטערטע וועגן דערציילט ווייסענבערג אין זיין פאָרוואָרט, ווי דער מאַנוסקריפּט איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט; פון די פאַרשידענע פאַרלאַגן, קולטור־אינסטאַנצן און איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון יעדער האַנט, וואָס דאָס באַוועגט אים צו שרייבן אינעם פאָרוואָרט „נישט אַזוי וועגן דעם בוך גופא, ווי אַרום דעם בוך". און ער זאָגט דאָרט: „גאַליליייס 'די ערד דרייט זיך פאָרט' איז נישט אַזוי אָפּגעשטויסן געוואָרן, ווי דאָס בוך איבער וועלכן מיר רעדן".

נאָכן דערשיינען פונעם בוך מיט אַזאַ פאָרוואָרט, איז געוואָרן אַ גרויס גערודער אין די ליטעראַרישע קרייזן. אַרום צוועלף, און אפשר מער שרייבערס זענען אַרויסגעטרעטן מיט אַרטיקלען א"נ „סקאַנדאַל־ליטעראַטור" און „ליטע־ראַרישער סקאַנדאַל", נישט נאָר קעגן דעם אַרויסגעבער און פאָרוואָרט־שרייבער, נאָר אויך קעגן דעם מחבר און זיין ווערק פּאַרפּלאָנטערטע וועגן. צווישן זיי איז אויך געווען ש. ניגער, וואָס האָט אין גאַנצן אַרונטערגעריסן דאָס ווערק און, פאַרשטייט זיך, דעם פאָרוואָרט־שרייבער און אַרויסגעבער, ווייסענבערגן. זיין קריטיק שרייבט ניגער אין דער טאָג אונטערן קעפּל: „דאָס גרויסע געווינס" און זאָגט, אַז אַזאַ בוך איז גאָר אין גאַנצן נישט נייטיק געווען.

דאָס אַרטיקל, ווי אַנדערע קעגנערישע אַרטיקלען האָט ווייסענבערג פריִער אין גאַנצן איבערגעדרוקט אין דער שטראָם, ווי ער האָט זיך בכלל נוהג געווען צו טון. דערנאָך איז ערשט געקומען זיין ענטפער. די גאַנצע סעריע אַרטיקלען גייט אין דער שטראָם א"נ „די מלחמה איבער אַ בוך". ווייסענבערג האָט געדרוקט זיינע ענטפערס א"נ „צום 'ליטעראַרישן סקאַנדאַל'", לויטן קעפּל פון טייל אַנפאַלערישע

* דאָס „אויבן דערמאָנטע" פון ווייסענבערגן איז דאָ געגעבן ווייטער, טיילווייז.

אַרטיקלען.* אין שייכות מיט דעם ענין איז דאָ אַן ענטפער פון י. פ. גרינבערג אין דער שעדלעצער וואָך א״נ „ווו איז דער אמת?״ [25] ווו ס׳ווערן דערוויזן די היפּאָ־קריטישע רייד פון איינעם אַזאַ „אמת־זוכער״. דאָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער שטראַם. אויף ש. ניגערס „דאָס גרויסע געווינס״ און אויף זיינס אַ פּריערדיק אַרטיקל א״נ „אַ צלם אין קאָפּ״ ענטפערט אַ. בעקערמאַן אין דער שטראַם א״נ „די אָביעקטיוויטעט פונעם קריטיקער״:

I

דאָס בוך פאַרפלאַנטערטע וועגן האָט — ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן — אויפגעוועקט פון שלאָף אונדזער ליטעראַריש וועלטל אויף ביידע זייטן ים. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל צווישן די אַלע, וועלכע האָבן זיך דירעקט אָדער אומדירעקט געפילט אָנגעטרעטן אויף די „הינער־אויגן״ — די מלחמה וועגן די אמתן, וואָס ווערן אין דערמאָנטן בוך אַרויסגעזאָגט האָט זיך צעפלאַקערט און איז ערשט אין רעכטן גאַנג. אָבער אין אַלגעמיין האָט ביי די, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דעם בוך ביז איצט געפעלט איין שטים: די שטים פון דער קריטיק. און ווען איך זאָג קריטיק, מיין איך יענע קריטיק, וועלכע דאַרף זיין פריי פון אַלע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך אַרום בוך געשאַפן און דאַרף זיך פאַרנעמען מיט אָפּשאַצן די אייגנטלעכע ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערט פונעם בוך.

און אָט האָט זיך די דאָזיקע שטים געלאָזט הערן אין דער פּערזאָן פון ה׳ ש. ניגער.

איך האָב נישט קיין גרונט און קיין מיין זיך אַריינצומישן אין די אייגנטלעכע פאַקטן, אַרום וועלכע די מלחמה פירט זיך; אויף וויפל דער אָדער יענער צד איז גערעכט אָדער נישט. מיר פאַלט אויך נישט איין צו פאַרטיידיקן דעם מחבר, אָדער רעדאַקטאָר פונעם בוך. מיך אינטערעסירט עס פּערזענלעך ווייניק. וואָס אָבער מיך אינטערעסירט יאָ, איז אָט די פראַגע: ווי אַזוי וועט זיך דער אָביעקטיווער קריטיקער באַציִען צום בוך גופא? וועט ער קענען איינהאַלטן די נויטיקע מאָס קריטישע אָביעקטיוויטעט, וואָס פאָדערט זיך אומ־באַדינגט ביים אָפּשאַצן אַ ווערק? אָדער — די פּערזענלעכע געקרענקטע געפילן וועלן גובר זיין די אָביעקטיוויטעט און ס׳וועט זיך באַקומען אַ פאַבריצירטע קריטיק, וועלכע שרייט: „איך וועל דיר ווייזן!...״ און אָט איז עס געקומען: ה׳ ניגער האָט גענומען דאָס וואָרט.

זיין ערשטער אַרויסטריט: „אַ צלם אין קאָפּ״ האָט שוין געקענט באַווייזן וואָס מען קען שפּעטער דערוואַרטן פון דער קריטיק איבערן בוך גופא. ווייל אויב מען פאַרוואַנדלט די שטרייטפראַגע פון וועלכע ס׳איז פּערזענלעכע באַליידי־קונגען אין אַ... פּרינציפּיעלן קאַמף צווישן פּוילישיזם און ליטוואַקיזם, האָט עס שוין מיט קריטיק נישט צו טון. דאָך פון אַ קריטיקער ווי ה׳ ניגער האָט מען געקענט דערוואַרטן, אַז קיין שום מאָטיוון וועלן אים נישט קענען אַראָפּשלאָגן פון די געזעצן, וועלכע פאַרפליכטן אַ קריטיקער צו זיין אָביעקטיוו. און ס׳איז פאַרגעשטאַנען איינס פון די ביידע: אָדער דאָס בוך אין גאַנצן פאַרשוויַיגן, ווי נישט עקזיסטירט, אָדער רעדן וועגן דעם, וואָס דאַרף גערעדט ווערן. נאָר

---

*) אַ רשימה איז אָנגעגעבן ווייטער, צוזאַמען מיט ווייסענבערגס ווערק. זען ביבליאָגראַפיע I.

ה׳ ניגערס דערוואַרטער אַרויסטריט: „דאָס גרויסע געווינס״ האָט קלאָר און בולט באַוויזן אויף ווי ווייט אַ קריטיקער קען זיך לאָזן באַאײַנפלוסן פון זײַטיקע געפילן און זאָגן דאָס, וואָס דאַרף נישט געזאָגט ווערן. און פון ה׳ ניגערס אַרויסטריט ווערט קודם־כל קלאָר: מען רעכנט זיך אָפּ מיטן בוך שוין פאַרן רעדאַקטאָר אויך. פריִער, הייסט עס, האָב איך זיך אָפּגערעכנט מיטן חוצפּה־דיקן רעדאַקטאָר, איצט וועל איך דאָס בוך צעממיתן און פּטור אַן עסק! און גלייכצייטיק נאָיִוו פרעגן: „צו וואָס האָט געטויגט דער גאַנצער טאַראַראַם מיטן בוך?״... מען דאַרף אָבער נישט לאַנג טראַכטן אויף צו דערטראַכטן זיך, אַז אַזאַ „קריטיק״ האָט מיט קריטיק נישט צו טון. און אַז בלויז פּערזענלעך געקרענקטע געפילן דיקטירן אַזאַ קריטיק. און ס׳ווילט זיך אויך אַזוי פרעגן: צי איז עס נישט מצד אַ פאַראַנטוואָרטלעכן קריטיקער עטוואָס אַריבערגעכאַפּט די מאָס?... צי ווירקלעך ביי אַנדערע אומשטאַנדן און נישט אַזאַ היציקע אַטמאָספערע וואָלט אויך די קריטיק איבערן בוך אַזוי אויסגעזען?... קענענדיק ה׳ ניגערס באַציִונג צו קריטיק ווילט זיך עס נישט גלויבן.

II

ה׳ ניגער זעט נישט אין פאַרפלאָנטערטע וועגן קיין שום באַזונדערס, וואָס זאָל עס באַרעכטיקן אי צו דרוקן, אי צו רימען עס. מילא, זען איז אַ זאַך פון פּערזענלעכן געשמאַק און מען קען נישט זען, ווען מען וויל נישט זען. אָבער ביי אַ ביסל ווילן קען מען עפּעס יאָ זען אינעם בוך. און פּרוּווט מען זיך נאָך אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין די ערטער פונעם בוך, וועלכע פאַרשאַפן אַזוי פיל בייז בלוט, — קען מען אין בוך מער ווי „עפּעס״ געפינען. און קודם־כל דער פאַרגלייך מיט די שמוגלאַרס: אמת איז טאַקע, אַזביידע ביכער זענען געבויט אויפן זעלבן מאַטעריאַל פון דער שמוגל־עפּאָכע אין אונדזער לעבן. אָבער דער דאָזיקער פאַרגלייך איז דאָך נאָר אַן אויסערלעכער. אינערלעך איז דער טיפער אונטערשיד אין דער סובטעלער אויפפאַסונג פונעם פּראָבלעם דורך ביידע שרייבערס. ביידע טאַקע זענען קינדער פון דער צייט, וועלכע האָבן געהאַט געפיל און פאַרשטענדעניש יענע עפּאָכע — דעם „שמוגל־קולט״ — מיט זיינע פאַטאַלע פאָלגן אין אונדזער לעבן צו פאַרקערפּערן אין דער ליטעראַטור. אָבער ווי אייגנאַרטיק דאָס איז מצד ביידע שרייבערס געמאַכט געוואָרן! די שמוגלאַרס גיבן אונדז נאָר די סאָציאַלע געשטאַלטונג פון דער עפּאָכע, די עקאָנאָמישע צעבראָכנקייט פונעם שטעטל, וועלכע בילדעט אויס ביי דער מאַסע אַ הפקר־פּסיכאָלאָגיע, אַז קיין גייסטיק לעבן ביי די שמוגלער זעט מען נישט. אַלץ איז אַזוי פּראָסט און פאַרשטענדלעך, גלייך אַזוי איז געוועזן פון שטענדיק אָן. דערפאַר אין די פאַרפלאָנטערטע וועגן האָבן מיר די צווייטע זייט פון מעדאַל: די אינערלעכע גייסטיק־מאָראַלישע צעבראָכנקייט פון יידישן לעבן, דער אייגנטלעכער טיפער חורבן פונעם שטעטל, די חרוב־געוואָרענע ספּעציפיש יידישע אידיליע פון אַשס שטעטל. און דער שרייבער ווייזט אַרויס פאַרשטענדעניש פאַר די ליידן, וואָס דער חורבן פאַרשאַפט זיינע העלדן. שוין אין דער פּערזאָן פון שרהלען איז פאַרקערפּערט יענער שטריך, וואָס אונטער־שיידט עס פון די שמוגלאַרס — די נשמות, וועלכע האָבן נישט לייכט שלום געמאַכט מיט די אומשטענדן, דאַרך וועלכע זיי זענען געטריבן געוואָרן אין אָפּגרונט, אַזוי אַז ס׳האָט געווירקט אויף זייער פּסיכיק ביז צו משוגעת — צי האָבן מיר עס אויך אין די שמוגלאַרס? אויך אין צוויקן זעען מיר געוויס ליידנס־פולע מאָמענטן, וועלכע די אומשטענדן פאַרשאַפן אים. אָבער דאָס, וואָס אויף

אים ווירקט עס נישט, ווי אויף שרהלען באַווייזט זיין דויערהאַפטיקייט צום קאַמף. און נאָך עפּעס: ה׳ ניגער מיינט, אַז ס׳איז נישט נויטיק צוויק זאָל זיין אַ שרייבער (אַנדערע קעגנער מיינען, אַז ס׳איז נישט שיין צו זיין אַ שרייבער און ... אַ שמוגלאַר.) איך מיין פאַרקערט: צוויק דער פּיינפּילנדיקער זעט ווי אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן שטייט פאַר אים און בעט זיך עס צו פאַרקערפּערן און אַז זיין שמוגלעריי שטערט אים אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט נישט, איז עס גאַנץ שיין און אָריגינעל. און אַפילו אַזאַ טיפּ, ווי פּישל ווינקלער איז אויך פּסיכאָלאָגיש (ה׳ ניגער קען נישט פאַרבייגיין אָן אַ שטיקל זכות, זאָגט ער כאַטש „טיילווייז פּסיכאָלאָגיש״...) שיין. זיין אונטערטעניקייט צו זיין פרוי, זיין גרייטקייט צו פאַרדעקן אַלע קלאַנגען און אמתן וועגן איר — געלונגען. און אין אַלגעמיין דער לירישער סטיל, מיט וועלכן דאָס בוך איז דאַרכגעדרונגען. עפּעס הויכט עס מיט אַזאַ צאַרט און גלייכצייטיק ווייטיקדיק געפיל אויפן לייענער, אַז מען קען עס אָן אינערלעכער אויפרעגונג נישט פאַרבייגיין. הייַנט פרעגט זיך: וווּ איז דאָ דער פאַרגלייך — „וואַריאַנט״ — ווי ניגער באַצייכנט עס — מיט די שמוגלאַרס?

נאָר די מעשה איז פּראָסט: אַ קריטיקער איז אויך נאָר אַ מענטש מיט געפילן, וועלכע קענען זיך לאָזן באַאיינפלוסן פון פאַקטן — נאָר ווען ה׳ ניגער מיט אַ לייכט האַרץ פּסקנט אָפּ: „נישטאָ וואָס צו זען״ — מוז מען נישט ווילנדיק קומען צום באַשלוס: נישטאָ קיין „פאַר וואָס״? אָן אַ „פאַר דאָס״. און דער „פאַר וואָס״ פון ה׳ ניגערס האַנדלונג איז — פּערזענלעכע חשבונות...[26]

האַראַנטישקס עוולה האָט אויך באַוויגן ווייסענבערגן צו שרייבן וועגן דער מערכה פון אַ יונגן טאַלאַנט, אַן אַנפאַנגער, און זי פאַרגלייכן צו דער לאַגע פון דעם יִינגל אין מאַין רידס דערציילונג „אַ שפּיל מיטן טויט״, וואָס פאַרט אויף דער אונטערדעק פון אַ שיף און זיין קאַמף, וואָס ער האָט דאָרט אויסצושטיין מיט די מחנות שטשורעס אין משך פון זיין גאַנצער געשמוגלטער רייזע.

ווייסענבערג רופט אָן זיין פּאַמפלעט: „אַ שפּיל מיטן טויט אָדער די מעשה האַראַנטשיק״.

ער שרייבט אין דער צווייוועכנטלעכער ליטעראַרישער אויסגאַבע אינזער האָפענונג, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן מיט צוויי יאָר שפּעטער, צוו״א:

> זיי [די שרייבערס] האָבן זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז געקומען אַ „יִשובמאַן״, אַ „יענגאָלקע״ אין שטאָט אַריין און וויל „אויך״ דרוקן אַ „בוך״... און פון צרות צוליב דעם, האָט זיך אומגעקערט האַראַנטשיק דעמאָלט צוריק אַהיים, אַזוי פאַרצווייפלט, ווי עס לעזט זיך דאָרט אין יענעם ערשטן בוך זיינעם, פאַרפּלאָנטערטע וועגן, ווי אַזוי צוויק, דער הויפּט־העלד פון בוך, פאָרט צוריק אַהיים.

די גאַנצע „מעשה האַראַנטשיק״ פלעכט זיך איבער מיט די באַשריבענע ליידן פון מאַין רידס יִינגל אויף דער שיף. ווייסענבערג דערציילט דאָרט:

> ...האַראַנטשיק איז געקומען קיין וואַרשע. ער האָט געקריגן אַ ידיעה, אַז איך בין דאָ צוריק אין דער היים, און ער האָט זיך צו מיר געוואַנדן. איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז איצט וועל איך שרייבן שורות, וואָס וועלן דאַרפן בלייבן פאַר אַ דאָקומענט אין דער ייִד. ליטעראַטור, וואָס פאַר אַ מאַרטירערוועג עס האָט אויסצושטיין אַ טאַלאַנט צווישן נישט טאַלאַנטן. . . .

איך האָב אַפילו געוווּסט, אַז דאָס איז אַ געזעץ אין דער נאַטור צווישן טאַלאַנט און נישט טאַלאַנט. האַראַנטשיק אָבער איז געווען צו עמפּינדלעך צו די ליידן און איבערגעשראָקן, ווי צווישן אַ מחנה זשוזשענדיקע פליגן אַן איינזיקער זשרעבאָק. און אין אמתן האָט ער געהאַט אַ ביטערע דערפאַרונג. אַזוינס, מוז זיין, דאַרף שפּירן אַ יונגער בוים, ווען וועלכע עס איז שטערונגען לאָזן אים נישט קיין הימל איבערן קאָפּ, אַז ער זאָל זיך קענען אַרויסרייסן און אַרויפשיסן הויך אין דער לופט אַריין. ביי אונדז ווייס איך נישט גענוי, צי איז דאָס געווען צוליב אייפערדיקייט. איך האָב אַנדערע סיבות דערצו, וואָס זענען גיכער צו דער האַנט אַנצונעמען. דאָס איז די „נענדזע", די אָרעמקייט און די אומפאַרשעמטע באַציִונגסלאָזיקייט, וואָס נעסטן אַזוי שטאַרק צווישן מענטשן אַן טאַלאַנט, במילא אָן ליבע, אָן באַוווּנדערונג. אויף דעם אָרט דערפון: ביליקע חכמהלעך פון אויבערפלעכלעכע קליינע הנאהלעך, . . . אויסצולאַכן, אַפּצושפּעטן און אין איין וועגס צו האַלטן זיך פּאַר פּיפּיק, שפּיציק, שאַרפזיניק. דאָס איז די אייגנשאַפט פון איינגעבוירענער אויבערפלעכלעכקייט, וואָס וויל אויספּרובירן דעם מוח מיט שאַרפזיניקייט. אָט דאָס איז די נישט־באַציִונג, וואָס שטייט אין קעגנזאַץ צו דער ערנסטקייט, וואָס אַ יונגער טאַלאַנט דאַרף אַנטרעפן אין זיינע ערשטע טריט. איך אַליין, דער שרייבער פון די שורות, האָב אויך די ערשטע צייטן פון מיין שרייבן אַנגעטראָפן אַזוינס אין באַצוג צו מיר פון דער סביבה. זי האָט זיך שוין דעמאָלט אייגנטלעך געבויט אַזעלכע און געהאַט געלאָזט צו יענער צייט שוין גאָר טיפע וואָרצלען אַרום און אַרום פּרצעס גבול. כאָטש פּרץ אַליין איז געווען דער היפוך פון אָט אַזאַ סביבה און פון דעסט וועגן האָט זי זיך שוין דעמאָלט געשאַפן אַרום, זייטיק. אָבער דאָרטן איז עס נאָר געווען לייכטזיניקייט, נאָר נישט קיין קליינקעפּלדיקייט און טאַלאַנטלאָזיקייט, ווי דאָס האָט האַראַנטשיקן געטראָפן.

נאָך אַ סיבה איז דאָ, וואָס זי איז נישט אַזאַ גאַנץ רעאַלע, אָבער דאָך פּסיכאָלאָגיש־באַגרינדעטע. . . .

ווען האַראַנטשיק קומט צו גיין אַ באַהאַנגענער מיט „ציוויליזאַציע": מיט אַ שיינעם קראַוואַט, אַ ברייטן ראַנד־הוט אויפן קאָפּ, מיט אַ הילצערן פּייקעלע אין מויל, מיט דער ליידיקער פּראַזע אויף די ליפּן, נאָר מיטן גרויסשטעטישן זשעסט פון אַ קולטורעלן מענטש און וואָס באַהעמע־גייסט איז אים אויך נישט פרעמד — וואָלט די קליינקעפּלדיקייט, מיט וועלכער אים איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען, געשרומפּן אין זיין קעגנוואַרט, געקאַרטשעט זיך — טאָמער איז ער מער „כּישוף־מאַכער" טאַקע אין די ליידיקע זשעסטן בלויז, אין די ליידיקע פּראַזן, ווי זיי, די „באַהעמע"־מענטשן זענען. אַזוי אָבער, אַזוי ווי ער איז געקומען, ווי אַ יישוב־מאַן אין שטאָט אַריין אויף ראש־השנה, דאַכט זיך, אַז אין אַ סוקמאַנע און אין אַ פּאָר שווערע שטיוול געוויס — איז נישט נאָר, וואָס ער איז ביי זיי געוואָרן דאָס געלעכטער אין די אויגן, ווי פון איינקאָרטשען זיך מיט אַפּשיי פאַר אים איז שוין גאָר אינגאַנצן אָפּגערעדט — נאָר זיי האָבן נאָך געזען אין אים אַ פאַרשוועכונג צו זייער באַרוף... —

. . . „אויב אַ פויער אין גרויסע שטיוול איז אַ טאַלאַנט, מיט וואָס האָט אַ זייערער זיך איבערצונעמען קעגן דער גאָס, . . ." און אפשר אויך צוליב דעם טאַקע האָט אַזאַ שטייגער פאַרלוירן דעם צוטרוי: האַראַנטשיק מיט טאַלאַנט?... וואָס, אַזאַ שטייגער זעט דען מער, אָדער ווייטער, ווי ביז די קנעפּלעך פון דער קאַפּאָטע? ווען ער זאָל זען ווייטער, וואָלט ער דאָך אַליין געהאַט טאַלאַנט. ווען ער זאָל קאָנען זיך קענען אויף אַן אויג, אויף אַ טאָן, אויף אַ וואָקל טון זיך פון יענעמס געדאַנק, טייל מאָל אין רעדן, און צוליב וואָס פּאַר

אַן אינערלעכער תּנועה, ווײַלכע ער וויל באַהאַלטן, וואָלט ער דאָך אַליין געוואָלט טאַלאַנט. . . . נאָר דער גרעסטער אַבסורד איז צו גיין מיט אַ ווערק, אָדער אַ טאַלאַנט זאָל גאָר זיך דערנענטערן צו דעם סוחרל מ . . . , וואָס דער יידישער ליטעראַטור וועט נאָך אויסקומען אַזוי לאַנג שאַדן צו ליידן, ווי לאַנג ער וועט זיך נאָר דרייען אַרום איר, ווי אַ בית־עולם־יידל אַרום אַ צדיקס אָן אוהל, גרייט אונטערצוזאָגן פּסוקים פאַר די צוויי זעקסערס פון יעדן באַזוכער. ער איז געקומען צו אונדז פון אוקראַינע אַזש „דערהייבן" די מאַסן דאָ אויפן אָרט. דער צער און עלנט פון אונדזערע מאַסן צוליב דער פינצטערניש, אין וועלכער זיי לעבן, האָט אים געטריבן, ווי אַ פאַרצייטישן גוטן־ייִד, גלות אָפּרעכטן צוזאַמען מיט אונדזערע „מאַסן", פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע בעט, נאָר דאָ ליידן, ביז וואַנען ער וועט די „מאַסן" נישט מתקן זיין.[27]

אין דער ווײַטערדיקער טייל פון דעם פּאַמפלעט דערציילט נאָך ווייסענבערג, ווי פאַרזיכטיק ער איז געווען ביים איבערגעבן האַראַנטשיקס מאַנוסקריפּט צום פאַרלעגער ש. גאָלדפאַרב, לאָזנדיק ביי זיך אַ קאָפּיע, און ערשט ווען דאָס בוך איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער צוריק איבערגעגעבן דעם אָריגינאַל, ד"ה דעם כּתב־יד האַראַנטשיקן אין דער האַנט אַריין.

ווייטער זאָגט ער:

פון אָט דעם וועט די קומענדיקע טאַלאַנטן זיין אַ סך גרינגער דער וועג, ווען זלידנע פליגן וועלן זיך צו זיי צוזעצן, ווי זיי טוען דאָס אין אַלע דורות, כּדי צו פאַרלייגן זיי דעם וועג מיט שטיינער אויף צו ברעכן די פּיס, אָדער גאָר מיט נעצן פון וועלף־גריבער, ווו נישט איין יונגער טאַלאַנט ווערט פלוצלינג פאַר־זונקען אין אַ מיטן העלן טאָג. . .[28]

אין יענער צייט, ווייל האַראַנטשיק האָט „געזידלט" דעם פאַראיין, האָט מען אים פון דאָרט אויסגעשלאָסן. אַרום ווייסענבערגן, דעם אַרויסגעבער און הקדמה־שרייבער פון האַראַנטשיקס בוך, וואָס „זידלט דעם פאַראיין", האָט זיך געקאָכט און געררודערט, אַז מען וועט אים אויך אויסשליסן. דערויף האָט ער געזאָגט: „אויב איך גיי אַוועק פונעם ליטעראַטן־פאַראיין — גייט מיט מיר מיט די ליטעראַטור".

אין אַ צייט אַרום איז אַרויס האַראַנטשיקס אַ צווייט בוך פּראָזע א"נ דער זומפּ, און דעמאָלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פון דאָס ניי אַ געקאָך אין דער ליטעראַטור. נאָכן דערשיינען פונעם בוך האָט זיך באַוויזן אַ רעצענזיע אין די ליטעראַרישע בלעטער, וואָס האָט דאָס בוך אַרונטערגעריסן. ווי ווייסענבערג האָט דאָס אויס־געטייטש, איז די סיבה ווידער די אייגענע: „טאַלאַנט עליך — די פלישתּים גייען אויף דיר. . .", זאָגט ער אין „אַ שפּיל מיטן טויט אָדער די מעשה האַראַנטשיק". האַראַנטשיק, זעענדיק אַז ער איז אַ פאַרשפּילטער, ווייל דאָ האָט מען געדאַרפן זיין אָנגעגורט מיט כּוחות אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד קעגן דעם טאַלאַנט — האָט ער, ווי אַ שוואַכע נאַטור, וואָס בלייבט פאַרצווייפלט, ווען זי זעט זיך אַ פאַרשפּילטע — אויסגעטרונקען אַ פלעשעלע יאָד אין דער רעדאַקציע פון די ליטעראַרישע בלעטער, שרייבט ווייסענבערג. די מאַסגעבנדיקע אינסטאַנצן אין דער ליטעראַרישער וועלט האָבן

נישט געוואָלט, אָדער ס׳איז נישט געלעגן אין זייערע אינטערעסן צו זען דעם אמתן מקור פון אַזאַ לאַנגזאַמער, פּסיכיש־געזעצלעכער אַנטוויקלונג פון דעם דאַזיקן אַקט...
האַראַנטשיק האָט אָבער נישט געקענט שטיין מיטן פּנים צו די דאָזיקע ווינטן, וואָס אויף אים האָט זייער בלאָזן געווירקט אַזוי שרעקלעך, אַז ער איז גרייט געווען אויף דעם, וואָס ער האָט געטאָן.
אַפילו אַ פֿאָלק האָט נישט געקענט האַנדלען אַנדערש, נאָר ס׳איז געשפּרונגען אין וואַסער אַרייַן, ווען דער שונא האָט געיאָגט פֿון הינטן.
איך מיין דאָ נישט צו מאַכן קיין טראַגעדיע פֿון האַראַנטשיקס זעלטענעם גורל, אָבער די גערעכטיקייט ביי אַן איינציקן ליידט אַזוי גוט, ווי די גערעכטיקייט ביי אַ גאַנץ פֿאָלק.
ווען דער שליח (דער סימבאָל פֿון גערעכטיקייט), איז געגאַנגען איבערקערן סדום, טייטשן נישט די מפורשים הכּצעקתה, דאָס געשריי פֿון דער שטאָט, אָדער פֿון דער געגנט איז געקומען צו מיר, נאָר דאָס קול פֿון אַן איין־איינציק מיידל... [29]

האַראַנטשיק איז פֿון דעם אויסגעטרונקענעם יאַד לעבן געבליבן. ער האָט שפּעטער, אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטאַנדן, ווידער אַ מאָל זיך גענומען דאָס לעבן — זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז אין אַ שטאַל, הינטער וואַרשע, סעפּטעמבער 1939, בשעת ער איז מיט אַ גרופּע ייִדישע פּליטים־שרייבערס געלאָפֿן פֿון היטלערן. דאָס איז, הייסט עס, געווען אונטערן נאַצישן יאָך.
אין די אויבן דערמאָנטע צייטן אָבער איז האַראַנטשיק, ווי געזאָגט, אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און אין אַ צייט אַרום איז שטיל געוואָרן אַרום דעם גאַנצן ענין, ווייל פֿון די שפּאַלטן פֿון דער טעגלעכער צייטונג היינט האָט זיך דערהערט אַ רוף צו שלום צווישן די צדדים און אַן אויסניכטערונג־קול, וואָס האָט

...זייער אַ סך געשמועסט וועגן „פֿאַרנונפֿט" און וועגן „דעגראַדירונג": פֿאַר וואָס זאָלן זיך אַזעלכע לייטישע מענטשן „דעגראַדירן" אַליין דערמיט, וואָס זיי קריגן זיך.
און געמיינט האָט דאָס דאָזיקע קול צו זאָגן אַזוי:
אונדזערע חכמים האָבן זיך געקריגט, האָט דאָס זיי געפּאַסט, ווייל זיי האָבן זיך געקריגט איבער אַ הלכה, איבער דער ניץ פֿון זייער צייט, . . . [30]

אָבער אַזאַ סאָרט קריג טראָגט אַן אַנדער כאַראַקטער, שרייבט ווייסענבערג. דער דאָזיקער רוף האָט טאַקע געהאָלפֿן. מער האָט מען נישט געהערט וועגן דעם אַ סיכסוך. און האַראַנטשיק האָט, ווייזט אויס, אַנגעהויבן זיך איבערצולייגן דאָס עסק, אַז יענע, דער צד־שכנגד, זענען פֿאַרט מאַכטיקער און פֿאַרשטייט זיך, הצלחה־דיקער אין אַלע אונטערנעמונגען, סיי אין פּראַקטישן זינען און סיי אויב ס׳גייט אין פּאָפּולאַריטעט.
געדענק איך אַ ווינטער־אָוונט ביי אונדז אין דער שטוב, ווי האַראַנטשיק איז געקומען צו גיין, כּדי צו פֿאַרפֿירן מיט ווייסענבערגן אַ שמועס און פּרוּוון אים איבערצייגן, אַז ס׳איז נישט כּדאַי איינצורייסן מיט די מאַכטיקע. ער איז געזעסן קעגן איבער ווייסענבערגן, רויט אין פּנים, מיט אַ פֿיאַלעטער רויטקייט, און מיט אַ פֿאַרשולדיקטן בליק געפּרוּווט אים אויסטייטשן זיין שטאַנדפּונקט, און אים געוואָלט

איבערצייגן, אַז אויך ער, ווייסענבערג אַליין, דאַרף אויפגעבן זיין קאַמף און גיין מיטן שטראָם. והאַ־ראיה — האָט ער נאָך געוואָלט באַפּעסטיקן זיין מיינונג: מ. אַליין האָט ביי אַ געלעגנהייט אַרויסגעוויזן אַ ווירקליכע אַריינצונעמען אים, האַראַנטשיקן, אינעם שרייבערישן קרייז.

האָט אים ווייסענבערג געפרעגט:

— און איר אים האָט אויך גאָרנישט אַרויסגעוויזן קיין פאַראַכטונג?

— ניין, ער האָט דאָך מיך אויך שוין מער נישט געטשעפּעט — האָט האַראַנטשיק געענטפערט.

דאָ האָט אים ווייסענבערג דערציילט, אַז אַ יונגער קאַזאַק איז אַ מאָל אַרויס־געפאָרן אויפן שליאַך צו באַגעגענען דעם שונא. ווען ער האָט זיך צוריק אומ־געקערט אַהיים, האָט ער זיין טאַטן, דעם אַלטן קאַזאַק, דערציילט, אַז ער האָט דעם שׂונא געזען פאַרביירייטן, ווו עס קרייצן זיך די וועגן.

— און, האָט דער שׂונא דיך אויך געזען? — האָט זיין טאַטע צוריק געפרעגט

— יאָ, האָט געענפערט דער זון.

— און דו האָסט אים געלאָזט פאַרבייפאָרן און אים גאָרנישט געטאָן? — האָט דער אַלטער, אַנגיסנדיק זיך מיט כּעס און חידוש, געפרעגט.

— ניין — האָט דער זון געענטפערט — ווייל דער שׂונא האָט דאָך מיך אויך שוין מער נישט געטשעפּעט.

דערויף האָט דער אַלטער קאַזאַק געענטפערט:

— אויב דו האָסט געזען פאַרביירייטן דעם שׂונא און נישט אַריינגעשטאָכן אין אים דיין שווערד און זי נישט איבערגעדרייט אין זיינע געדערעם — ביסטו קיין קאַזאַקס קיין זון נישט!

דאָס האָט ווייסענבערג האַראַנטשיקן געענטפערט און אָפּגעקערט זיך צו אים מיט דער פּלייצע, נישט זאָגנדיק שוין מער גאָרנישט.

און אַפילו דעם אויבן דערמאָנטן פּאַמפלעט, „אַ שפּיל מיטן טויט אָדער די מעשה האַראַנטשיק״, האָט שוין ווייסענבערג אויך נישט פאַרענדיקט.

אינעם נאָענטסטן נומער אינזער האָפענונג (25) ווו דער פּאַמפלעט האָט זיך געדרוקט אין המשכים, איז געווען בלויז די דאָזיקע שורה:

„מעשה־האַראַנטשיק איז דערווייל געענדיקט״.

* * *

אין 26סטן יאָר איז פון אַמעריקע געקומען קיין וואַרשע ד״ר א. קאַראַלניק. האָט דער שרייבער־פאַראיין אים דעמאָלט איינגעאָרדנט אַן אָוונט. דער גאַסט האָט ביי דער געלעגנהייט געזאָגט, אַז „דאָ הי, ווי אין אַמעריקע, האָט דער שרייבערקרייז קיין באַציִונג נישט צו יִידישער קולטור״.

נאָמבערג, דער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פונעם פאַראיין פון די יִידישע שרייבערס, האָט, נעמענדיק דאָס וואָרט, פאַרענטפערט די דאָזיקע דערשיינונג מיט דער אָרעמקייט און דער נויט אין וואַרשע, און פאַרגלייכט, אַז ניו־יאָרק זאָל איבערנעמען די אַפּוטרופּסות איבער דער יִידישער ליטעראַטור דאָ, ווי דאָרט.

דערויף איז געקומען ווייסענבערגס „אָפענער בריוו״[31] אין אינזער האָפענונג, ווי ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז אין װאַרשע איז יאָ דאָ אַ גרופּע ייִדישע שרייבערס מיט באַציִונג צו ייִדישער ליטעראַטור, ייִדישער קולטור, נאָר די דאָזיקע גרופּע קען נישט אָנקומען צום געדרוקטן וואָרט און קען נישט דערהערט ווערן צוליב געלטמאַנגל.

דער „אָפענער בריוו״ איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין װאַרשעווער עקספּרעס, אָבער מיט ענדערונגען אינעם טעקסט.

עלעקטאַראַלנע 14

אויף עלעקטאַראַלנע־גאַס זענען געווען אונדזערע בעסטע צייטן. דאָס זענען אויך געווען אונדזערע פרײַלעכסטע צייטן, הגם נישט אַלע מאָל פרײַ פון זאָרגן. דאָס איז געווען אַ הויז, ווי אַ סך מענטשן, מײַנסטנס קינסטלערס זענען אַרײַנגעקומען. אָפט זענען דאָס געווען גאָר אינטערעסאַנטע טיפּן.

מיר האָבן אויך אין משך פון עטלעכע יאָר געהאַט אַ מיידל צו שטובאַרבעט. ביילטשע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מומחה אין אומגיין זיך מיט שטוב־אַרבעטערינס. אַזוי אויך איטקע. זי האָט דערציילט, אַז יהושע פּערלעס פרוי האָט געהאַט אַ מאָל צוגענומען אַ מיידל צו שטובאַרבעט, און די מאַדאַם האָט די דינסט גערופן „פּאַני". איטקע, וואָס איז גראָד געווען דערביי, האָט זי געפרעגט: וואָס דאַרפסטו זי רופן „פּאַני"? — דערויף האָט איר פרוי פּערלע געענטפערט, אַז נאָר בשעתן אינטערוויו רופט זי זי אַזוי, אָבער שפּעטער — אויב זי נעמט זי צו צו דער אַרבעט — זאָגט זי איר שוין „דו". האָט איר איטקע געזאָגט: דאַרפסט זי נישט רופן פריִער „פּאַני" און דערנאָך „דו". מע רופט זי באַלד ביים ערשטן נאָמען און מע רעדט צו איר אין דער דריטער פּערזאָן. אויב זי הייסט, למשל, פעלאַ, זאָגט מען איר: „ניעך פעלאַ ספּזשאַנטניע" * אד"גל. אויך ביילטשע פלעגט אַזוי זיך ווענדן צו אַ שטובמיידל. עסן פלעגט זי איר געבן גענוג, אָבער עס אויסטיילן. פאַר פרישטיק, למשל, האָט זי אַראָפּגענומען פונעם טיש אויף אַ באַזונדערן טעלער עטלעכע שטיקלעך ברויט, אָנגעשמירט מיט פּוטער, אַ זעמל צו (שוין אָן פּוטער) אָן איי, צי אַ שטיקל קעז, פּאַווידלע און צוויי קלעצלע צוקער.

דער טאַטע האָט דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן. וואָס דאַרפסטו איר צוטיילן? — האָט ער געפרעגט — גיב איר אַרײַן אין קיך דאָס ברויט, די פּוטער, דעם צוקער און נאָך, וואָס ס'איז דאָ און זי וועט זיך שוין אַליין נעמען, וויפל זי דאַרף. אָבער ניין, האָט ביילטשע געזאָגט, אַזוי ווי זי טוט, פּירט מען זיך און די הויפּטזאַך — זי גיט איר גענוג.

איינע פון די מיידלעך האָט געהייסן סטאַכאַ. זי האָט גאָר שיין געזונגען. איין מאָל, געדענק איך, האָט זי געוואַשן די ווענט אין קיך. דאָס איז געווען אין אָוונט. זי האָט דערביי געזונגען אויף פּויליש דאָס תּפיסה־ליד „סלושאַי!":

וויִ שוואַרצע מחשבות ביים מסור אין זינען
איז פינצטער פון טיף־האַרבסט די נאַכט.
נאָך שוואַרצער פאַר איר
איז די תּפיסה, דער בנין,
וואָס שטייט ווי אַ דמיון פאַרטראַכט.
עס גייען אום רונד און אַרום איר די וועכטער
און ס'ציט זיך דער לאַנגזאַמער שריי,

---

* פּויליש — זאָל פעלע צורוימען.

ווי עמעצער שרייט אונטער מעסער ביים שעכטער:
סלושאַי, סלו—שאַ—אַי!

כאַטש הויך איז די וואַנט אַרום פינצטערן מויער,
די שלעסער — געגאָסענער שטאָל;
כאַטש אַלץ איז פאַרזונקען אין אומעט און טרויער
מען הערט נישט קיין מענטשלעכן קול. —
און דאָך איז די תּפיסה נאָך ווייט נישט געשטאָרבן.
דו, וועכטער, פאַרדרעמלט נישט זיי,
נישט גלייב, אַז אין תּפיסה שלאָפט רויִק אַ קרבן
סלושאַי, סלו—שאַ—אַי!

אַט שטייט דער פאַרהאַפטער ביים פענצטער, דעם הויכן,
דער קאָפּ ביי דער גריל שטאַרק פאַרטראַכט.
די ברענענדע אויגן פון פּנים דעם בלייכן,
פאַרזונקען אין חושך פון נאַכט.
ס'איז שטיל... נאָר עס שרייט ווען נישט ווען אויס אַ שפּאַרבער,
עס הערט זיך אַ הונט־בילעריי
און ס'ציט זיך דער ניגון, דער טרויעריק־האַרבער
סלושאַי, סלו—שאַ—אַי!

נישט טעג און חדשים, נאָר יאָרן און יאָרן
זיץ איך דאָ אין תּפיסה פאַרשמידט.
מיין האַרץ איז אַן פרייהייט צעווייטיקט געוואָרן...
ניין! ליידן מער קען איך שוין ניט!
אַט דאָרט הינטער וואַנט, איז די הייליקע פרייהייט,
און דאָ נאָר — אַ שפּיז אָדער בליי!
„אָ, פינצטערע נאַכט, דו באַווייז מיר דיין טרייהייט!!"
סלושאַי, סלו—שאַ—אַי!

אַ שפּרונג און אַ פאַל... גיכע טריט... אַ געראַדער...
אַ קנאַק און אַ בליאַסק און אַ שאָס!...
אַ מענטש האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זיין ברודער
און פרעגט אים, און פרעגט אים: פאַר וואָס?
עס הערט זיך דעם שטאַרבנדנס לעצטע יללה:
„אָ! פרייהייט! אָ, לעבן!... פאַרביי!..."
עס ענטפערט אויף דעם נאָר אַ שימף און אַ קללה,
סלושאַי, סלו—שאַ—אַי!

עס האָט דורך דעם וואָלקן די בלייכע לבנה
געגעבן פון הימל אַ בליק
און ווי אַ פאַרצאָגטע, פאַרוויינטע אַלמנה
באַהאַלטן דאָס פּנים צוריק.
און ווידער אין תּפיסה איז אַלץ, ווי געשטאָרבן,
און ס'יאָמערט דאָס קול אויף דאָס ניי;
ווי עמעצער קלאָגט אויף דעם קבר פון קרבן
סלושאַי, סלו—שאַ—אַי!!

ייִדיש: ש. אַנ־סקי[32]

דער טאַטע האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער טיר צווישן דער קיך און קאָ־רידאָר און גוט זיך איינגעהערט אינעם געזאַנג. ער איז געשטאַנען מיטן שטענדיקן פּאַפּיראָס צווישן די פינגער, זייער פאַרטראַכט און מיט אַ זייטיק אָנגעבויגענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געפילט דעם גאַנצן טרויער פון דעם געפאַנגענעמס טראַגעדיע אונטער די קראַטעס, וואָס רייסט זיך צו פרייהייט און פאַלט צוליב דעם אַ דער־שאָסענער אויפן טראָטואַר. אָבער נאָך מער איז ביים טאַטן וויכטיק געווען דאָס שיינע געזאַנג. סטאַכע האָט געהאַט אַ קאָנטראַלט און אַז זי האָט אָנגעהויבן זינגען, האָט זי אָפּגעזונגען שעהען. דער טאַטע האָט געקענט דערפאַר אַוועקגעבן אַלץ. ער פלעגט זאָגן, אַז ער וואָלט נישט געקענט וווינען מיט קיין פרוי, וואָס קען נישט זינגען. ביילטשע, האָט ער געהאַלטן, קען יאָ. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן סאָפּראַן און פלעגט אויך אָפט ביים טאָן עפּעס זינגען לאַנג און הויך אַזעלכע לידער, ווי לערמאָנטאָווס „קאַזאַטשיאַ קאָליבּיעלנאַיאַ פּיעסניאַ",* „וויכאָזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו",** אַ סך אַנדערע רוסישע לידער, ווי „טשאַיקאַ",*** „קראַי דאַליאָקי".**** דאָס זענען אַלץ פּראַכטיק־שטימונגדיקע לידער, און ביילטשעס שטים פלעגט זיך צעקלינגען איבער דער גאַנצער שטוב, אָבער מיר, גנענדל און איך, זענען עפּעס נישט שטאַרק נתפעל געוואָרן פון איר געזאַנג, און האָבן אַפילו אין דער שטיל אַ ביסל חוזק געמאַכט און געפּרוּווט נאָכמאַכן אירע הויך קלינגענדיקע טענער. און ווען מע דאַרף דאָס טאָן מיט אַן איינגעהאַלטן קול, אַזוי אַז נאָר מיר זאָלן עס הערן, איז עס גאָר נישט לייכט צו טאָן.

דערפאַר איז איטקע געווען אַ זינגערין. צו איר האָט דער טאַטע אַ מאָל פאַרבעטן שניאורן זי אויסצוהערן. פון זיין מבינות האָט ער שטאַרק געהאַלטן. משה שניאור, דער דיריגענט פון וואַרשעווער יידישן פאָלקסכאָר, איז געווען אַן אמתער באַהעמשטשיק. תמיד האָט מען אים געזען רייכערן די פּאַפּיראָסן און קיין מאָל נישט געטראָפן אים עסן. דערפאַר פלעגט ער כסדר טרינקען שטאַרקע גלעזלעך טיי. זיין פּנים האָט אויסגעזען אַשיק גרוי, ווי דער רויך פון זיינע אייביק קאָפּטשענדיקע פּאַפּיראָסן, אין וועלכן ער איז שטענדיק געזעסן איינגעהילט, ווי אין אַ נעפּל. דער גאַנצער הולך זיינער האָט עדות געזאָגט אויף אַן אָריגינעלער פּערזענלעכקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטן מוזיקאַליש אויער. ווי באַוווּסט, האָט שניאור געגעבן וווּנדערלעכע קאָנצערטן, נאָך דעם ווי ער האָט פאַראייניקט ליאָווס און זיין אייגענעם כאָר אין איין גרויסן, אימפּאָזאַנטן כאָר. איך האָב געקענט עטלעכע זיינע זינגערס, פלעגן זיי מיר דערציילן, ווי ס'איז שניאורן תמיד אָן שוועריקייטן אָנגעקומען אַרויסצופישן פון צווישן אַזאַ מחנה זינגערס, דעם יעניקן, וואָס האָט געפעלשט אַ טאָן, ווי ער וואָלט געהאַט אַ קאָמערטאָן אין זיין אויער. און געהאַט האָט ער גאָט־געבענטשטע זינגערס אין זיין כאָר. איך פלעג גאָר פאַרכאַפּט ווערן פון זייער זינגען ביי זיך אין שטוב. איין כאָר־מיטגלידערין זיינע — וואָס איז געווען

* רוסיש — קאָזאַקיש וויגליד.

** רוסיש — כ'גיי אַרויס אַליין אויפן וועג.

*** רוסיש — מעווע.

**** רוסיש — ווייט איז דאָס לאַנד.



דאָס הויז וווּ יצחק-מאיר ווייסענבערג
איז געבוירן געוואָרן אין זשעלעכאָוו, פּוילן, 1878.

י.מ. ווייסענבערג אין דער יוגנט.

יצחק-מאיר ווייסענבערג אין עלטער פון פניף און צוואַנציק און דרייסיק יאָר.



י.מ. ווייסענבערג-עקסליבריס אויף פּאָסטקאַרטל פון פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה.

געשאַנק פון ד״ר א.א. ראַבאַק.



י.מ. ווייסענבערג־עקסליבריס.

דאָס הויז אויף זשרודלאַנע־גאַס נומ׳ 2 אין זשעלעכאָוו,
ווו וויסענבערג האָט געוווינט
און דער שטיין פון וואַנען עס פליסט קוואַלוואַסער
(זשרודלאָ) לעבן דעם הויז.

אויבן, פון לינקס: א. קוואַטערקאָ, גאָלדע סאָבעלמאַן און טביה גראָל.
אונטן: די זעלבע און דער ערשטער פון לינקס: יאַנקל סאָבעלמאַן,
ווייסענבערגס אַ יוגנטפריינד
(פאָטאָגראַפיע פון 1961).

אַ גאַס אויפֿן נאָמען פֿון י. מ. ווייסענבערג אין זיין געבורט שטעטל זשעליכאָוו, פּוילן

ספּעציעל צו דער „מאָרגן־פֿרייהייט")

פֿון **א. קוואטערקא**

וואַרשע, יולי 5. — (לופֿט־פּאָסט). — איך קום נאָר וואָס פֿון זשעליכאָוו, דאָס געבורט־שטעטל פֿון דעם שרייבער י. מ. ווייסענבערג, וואו דער שטאָט־ראַט האָט איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע פייערלעכע זיצונג אין אָנדענק פֿון דעם שרייבער.

די זשורלאַדינע גאַס האָט צו דער געלעגנהייט געקראָגן דעם נאָמען: י. מ. ווייסענבערג.

אויף דער פייערלעכער זיצונג האָט דער פֿאָרשטייער פֿון דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די אידן אין פּוילן געלייענט אַ רעפֿעראַט וועגן ווייסענבערג'ן. צווישן די געסט אויף דער טריבונע האָט זיך געפֿונען אַ געוועזענער שטאָטישער ראַטמאַן פֿון זשעליכאָוו, פֿאַר דער מלחמה, יאַנקל סאָבעלמאַן, ווייסענבערג'ס אַ יוגנט־חבר.

נאָטיץ

אין דער מאָרגן־פֿרייהייט
וועגן גאַס אויף
ווייסענבערגס נאָמען
(ניו־יאָרק, יולי 9, 1961).

פֿון רעכטס: **יצחק־מאיר ווייסענבערג, לאה און פֿישל בימקאָ.**

י.מ. ווייסענבערג,
פון דער צייכענונג פון חנוך גליצענשטיין.

אַ גרופּע שרייבערס אין די צוואָנציקער יאָרן אין וואַרשע:
1. י.מ. ווייסענבערג, 2. ד״ר י.ב. צפּור, 3. יואל מאַסטבוים,
4. ש.י. לאָנדינסקי, 5. ישראל שטערן, 6. פישל בימקאָ,
7. אברהם זאַק, 8. יהושע פּערלע.

ש. אַנסקי לייענט דעם דבוק פאַר אַקטיאָרן און שרייבערס.
זיצן פון לינקס: מרים אָרלעסקאַ, פרידאַ בלומענטאַל, דוד הערמאַן, זרובבל, נח נאַכבוש, ש. אַנסקי, פּאָלאַ וואַלטער, מתתיהו קאָוואַלסקי, מרים ווײַדע, פרוי פון דוד איינהאָרן, ד״ר מ. ווייכערט, בועז קאַרלינסקי, שטייען: י.מ. ווייסענבערג, ה.ד. נאָמבערג, י מ. נײמאַן, הערץ גראָסבאַרד, בער ראָזען, שמואל שעפּטל, קאַדיסזאָן (זון), שלום טאַנין, חיים שניאור, מרדכי מאַזאָ, בעלאַ בעלערינע, יוסף טונקל דוד איינהאָרן און יעקב גערטנער.

אַ נייטאָרין און האָט אַרויסגענומען אַרבעט אַהיים, אַ „כאַלופּניצע" — אַז זי האָט אָנגעהויבן זינגען מיט איר טיפן קאָנטראַלט, האָט מען געקענט אויסגיין פון תּענוג. כ׳האָב נאָך אַנדערע געקענט פון שניאורס כאַר, וואָס מיט יעדער טאָן זייערן האָט מען זיך געקענט אַנטציקן ביז צום פאַרגעסן זיך אויף וועלכער וועלט מ׳איז. דאָס זענען געווען די אַרבעטער־מיידלעך פון וואַרשע, וואָס פלעגן שווער אָפּאַרבעטן אַ גאַנצע וואָך אין קלאָגעדיקע באַדינגונגען. דערפאַר איז עס געווען יעדן שבת־צו־נאַכטס אַ מוז צו גיין אין אָפּערע, אויף דער גאַליאָרקע, פאַרשטייט זיך, ווו מע האָט געקענט באַקומען בילעטן צו 50 גראַשן. און מע האָט אַזאַ הנאה געהאַט, אַז דאָס האָט געסטײַעט אויף אַ גאַנצע וואָך אויסצוזינגען — ביים שטעפּן אויף דער מאַשין אָדער פּרעסן — די פאַרשידנסטע און קאָמפּליצירטסטע אָפּערעס פון אַ ווערדי, אַ ביזע, אַ גונאָ, אַ וויוואַלדי, וואָס מע האָט גוט געקענט פון אויסנווייניק, ווייל מ׳האָט זיי געהערט יעדע וואָך, ווי דער ליבער שבת איז געקומען.

כ׳געדענק, ווי שניאור איז טאַקע געקומען אַ ווינטער־אָוונט אויסהערן איטקען, ווייסענבערגס שוועגעריז. זי איז גראַד געלעגן אויף דער אָטאָמאַנע און אָנגעהויבן זינגען ליגנדיקערהייט. שניאור איז געזעסן אויף אַ שטול, ביים טיש, קעגן איבער איר. געזונגען האָט זי פאַר אים אַ פּויליש ליד א״נ „פּזשי קאָמינקו".*

שניאור האָט זיך לאַנג און אויפמערקזאַם איינגעהערט אין איר שטים און גע־בעטן, זי זאָל איבערזינגען דאָס זעלבע.

דער רעזולטאַט איז געווען: יאָ, זי קען זינגען.

דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז זי דאַרף זיין אויף דער בינע. נאָר ווייל איטקע האָט עפּעס נישט קיין חשק געהאַט דערצו — האָט ער געבעטן קומען שניאורן צו האָבן זיין באַשטעטיקונג.

זי איז אָבער סיי ווי קיין זינגערין נישט געוואָרן.

נאָך איין צופעליקן זינגער האָט ווייסענבערג געוואָלט מאַכן פאַר אַ פּראָ־פעסיאָנעלן זינגער. דאָ האָט ער שוין אָבער אַרומגעאַרבעט מעשים אַריינצופירן יענעם אין דער טעאַטער־וועלט. דאָס איז געווען אַ ייד פון אַדעס, וואָס פלעגט אַרומגיין איבער די וואַרשעווער הייף זינגען און מען האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון די פענצטער נדבות, ווי מע האָט זיך אין יענע צייטן נוהג געווען.

ער פלעגט אָפט זינגען דאָס טרויעריקע ליד „טשאַיקאַ" און, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט געפיל און אויך אַ וווּנדערלעכן באַריטאָן — איז ביי מיין טאַטן געוואָרן יום־טוב אין דער וואָכן, ווען אָט דער ייִד פלעגט קומען פון צייט צו צייט אויף אונדזער הויף זינגען.

בכלל, אַז ער האָט דערהערט דורך די פענצטער פון אונדזער פּאַרטער־וווינונג אַ גוטן זינגער, צי אַ פידל־שפּילער — פון די וואָס פלעגן אַרומגיין איבער די הייף — פלעגט ער זאָגן:

— „גיב דעם אָרעמאַן אַ נדבה".

---

* פּויליש — ביים קאַמין.

איז עס אָבער געווען אַ גרימפּלער, פלעגט ער זאָגן: „פאַרמאַך די פענצטער, איך קען נישט פאַרטראָגן דעם בעטלער!"

וועגן בעטלערס בכלל פלעגט מען אים הערן דערמאָנען אין שטוב, אויב ער האָט געזען איינעם שטיין אויף דער גאַס מיט אַן אָנטבלויזטן, אָפּגעשניטענעם פוס אָדער האַנט. אויף דער ערד איז געווייינטלעך געלעגן זיין היטל, איבערגעקערט און ער פלעגט אויסרופן: „וואַרפטס אַריין אַ נדבה אַן אָרעמער, וויסטער קאַליקע". אַזאַ בילד האָט, ווייזט אויס, אויף ווייסענבערגן געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. ער האָט גערעדט דערוועגן מיט געמישטע געפילן: ער האָט באַדויערט, וואָס אַזאַ קאַליקע איז באַעוולט, ווייל זיין לעבן איז זייער באַגרענעצט און ער מוז זיך אָפּזאָגן פון אַ סך פאַרגעניגנס, וואָס זענען פאַר אַנדערע מענטשן יאָ צוטריטלעך, ער אָבער שטייט אַן „איבערגעלאָזטער אונטער אַ וואַנט, אַן אויסגעשפּיגענער". פון דער צווייטער זייט האָט עס אים אָבער שטאַרק געאַרט, וואָס דער שווער־באַעוולטער פונעם גורל באַ־דויערט גאַרנישט אַזוי פיל דאָס פעלן פון זיין גליד, ווי זיין גרעסטע דאגה איז גאָר, אַריינצוקריגן וואָס מער גראָשנס, אַרויסשטעלנדיק גראָד דעם אָפּגעשניטענעם גליד, ווי אַ רעקלאַמע פאַר בעסערער פרנסה.

דעם אָדעסער ייִד האָט ווייסענבערג איין מאָל אַריינגערופן צו זיך אין שטוב און אָנגעהויבן אים אויפקלערן, אַז ער מאַכט פון זיך אַ תּל, ווייל זיין שטים וועט שנעל קאַליע ווערן פון זינגען אויף די הייף, זומער און ווינטער, און אַז ער וויל אים בעסער איינאָרדענען אַ קאָנצערט אין ליטעראַטן־פאַראיין, ווו ער וועט קענען האָבן פון די פאַרקויפטע בילעטן מער הכנסה פון איין אָוונט, ווי ער קלייבט צוזאַמען אַ גאַנץ יאָר אויף די הייף. האָט אים יענער געענטפערט, אַז ער האָט גאַנץ שיין פרנסה און אַז ער איז געוווינט צו זינגען אויף די הייף, דערקעגן צום אויפטרעטן אויף קאָנצערטן איז ער דווקא נישט געוווינט.

אָבער ווייסענבערג האָט אויף אַזאַ פאַרתּכלעווען פון זיין טאַלאַנט און אויף דער געפאַלנקייט פון דער בעטלערישער פּראָפעסיע בשום אופן נישט געקענט באַשטיין און האָט אים אַזוי לאַנג צוגערעדט, ביז יענער האָט שוין איין מאָל צו־געשטימט און צוגעזאָגט אַז יאָ — ער וועט אויפטרעטן מיט אַ קאָנצערט אין ליטעראַטן־פאַראיין. „האָב איך דאָך אָבער נישט קיין אָוונט־אָנצוג" — האָט ער געטענהט.

— דערוועגן דאגהט נישט — האָט ווייסענבערג געזאָגט — איך וועל אייך דאָס באַזאָרגן.

און אַזוי איז געווען. ער האָט געדונגען דעם גרויסן זאַל אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף אַן אָוונט, אַ שבת־צו־נאַכטס, געשאַפט אים אַן אָוונט־אַנצוג, לאַקירטע שיך, אַ ווייס העמד, און אַלץ איז געווען פיקס־און־פאַרטיק.

איז יענער אָבער פּראָסט און פשוט נישט געקומען צום באַשטימטן אָוונט און איז בכלל נעלם געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט.

ווייסענבערג האָט גאָר קיין רו נישט געהאַט צוליב דעם, אָבער ביילטשע פלעגט אים זאָגן, אַז דער ייִד האָט אַ בעטלערישע מענטאַליטעט און צו דעם סאָרט

לעבן איז ער געווינט, אַזוי אַז ער קען זיך נישט אָנשטרענגען און מיט אַ מאָל זיך אַריינפּאַסן אין אַן אַנדער וועלט, און — „לאָז אים געמאַך, איטשע־מאַיאַ״.*

ס׳איז לייכט צו געבן אַ זאָג אַפּ: לאָז אים געמאַך. ווייסענבערגן איז אָבער געגאַנגען אין לעבן אַרויסצוציִען אַ דימענט פון דער בלאָטע. דער דימענט האָט זיך אָבער בשום אופן פון דער בלאָטע נישט געלאָזט אַרויסשלעפּן און יאָרן שפּעטער האָט מען אים נאָך אַלץ געזען אַרומגיין איבער די הייף און אַפילו מיט אַ פּאַרגרעסערטן „אַנסאַמבל״: ער האָט אין דער צווישנצייט חתונה געהאַט און די משפּחה האָט זיך פאַרמערט מיט עפּעס אַ פינף קינדערלעך און ער פלעגט אַרומגיין מיט זיי אַלע, אויך מיטן ווייב, זינגען איבער די הייף. זיין שטים איז שוין טאַקע נישט מער געווען די זעלבע, נאָר היפּשלעך אָפּגעבליאַקעוועט, אָבער דערפאַר האָבן אַלע זיינע קינדערלעך געהאַט שיינע שטימעלעך, און אויך זיין ווייב, אַזוי אַז ער איז געוואָרן גאָר אַ גוטער בעל־פּרנסה, ווייל די מטבעות פלעגן אַלע מאָל נעמען פאַלן ברווח פון אַלע פענצטער פון די וואַרשעווער הייף, אַזוי גיך, ווי זיי האָבן נאָר פאַרענדיקט זינגען אַ ליד.

אויך אין רוסלאַנד, בשעת דער מלחמה האָב איך אים געטראָפן. דאָס איז געווען אין קאָקאַנד, אוזבעקיסטאַן. מע האָט אים שוין דאָרט געזען איינעם אַליין. די משפּחה איז אומגעקומען ביי היטלערן. זינגען האָט ער שוין טאַקע מער נישט געקענט, איז ער געשטאַנען מיט אַ פּאַטעפאָן און געשפּילט יעדעס מאָל אַן אַנדער פּליטע. ס׳האָט זעלטן ווער אַ מאָל אים צוגעוואָרפן אַ פּאָר קאָפּיקעס, ווייל ווער האָט דען אין יענער צייט געהאַט צו געבן נדבות? אַלע זענען דאָך אַליין געווען בעטלערס, יעדנפאַלס האָבן זיי אויסגעזען ווי בעטלערס. צווייטנס, איז אויך נישט געווען פאַר וואָס, ווייל ווי קומט דער פּאַטעפאָן צו זיין אַמאָליק זינגען?

נישט נאָר אין אוזבעקיסטאַן, נאָר אַפילו שוין צוריק זייענדיק אין פּוילן, נאָך דער שוידערלעכער פאַרניכטונג־מלחמה, האָב איך אים אויך נאָך געהערט איין מאָל, אויף אַ לאָדזשער הויף, זינגען. די וואַרשעווער יִידישע הייף זענען געווען אויסגעגליכן מיט דער ערד, איז ער געקומען קיין לאָדזש מיט דער רעשט שארית־הפּליטה. ער האָט שוין אָבער דעמאָלט נישט מער געזונגען, נאָר געגרילצט. דאָך האָט זיך נאָך געמערקט, וויפל געפיל אַפילו זיין גרילץ פאַרמאָגט. אַ מטבע האָט שוין זעלטן ווער אַראָפּגעוואָרפן דער גרויער, קליינער געשטאַלט, וואָס האָט אומבאַהאָלפן געוואָלט נאָך ציִען דעם אויפמערק אונטן, אינעם הויף.

וויפל טרויער אַזאַ שריד־החרב פון אַ ברוויזנדיקן עבר האָט אָנגעוואָרפן — איז איבעריק צו שילדערן.

אַן אַ שיעור לעבעדיקייט פלעגן אָפּט פאַרמאָגן די אויפטריטן פון פאַרשידענערליי פאַרווײלערס, וואָס פלעגן קומען מיט כּל־מיני אינסטרומענטן אויף די אַמאָליקע וואַרשעווער הייף. אָפּט פלעגן קומען גאַנצע אָרקעסטערס מיט אַלע מיגלעכע באַוועגלעכע אינסטרומענטן; פאַרשידענע קונצן־מאַכערס: פײַער־שלינגערס, שפּיזן־שטעכערס — און וואָס נישט? און מחנות קינדער, אויך דער־

* ביילטשע האָט אים גערופן איטשע־מאיר, האָט עס געקלונגען, ווי „איטשע־מאַיאַ״.

וואַקסענע, פלעגן זיי נאָכגיין פון הויף צו הויף, כדי זיי נאָך אַ מאָל צו הערן און צו זען.

ווו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען?

צו אונדז אין שטוב איז אויך אַריינגעקומען דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער היפּנאָטיזירער, וואָלף מעסינג.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן אים זיין בן־עיר מאיר ברוקאַזש: „געשטאָרבן דער פענאָמען וואָלף מעסינג" —

. . . די אַלע וועלכע האָבן געזען זיינע פּסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן, זענען געוואָרן דערשטוינט פון זיין טאַלאַנט. ס'האָט זיך ממש נישט געגלייבט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ מענטש, מיט אַזעלכע פעיִקייטן. ס'איז דאָך טאַקע וווּנדער איבער וווּנדער, וואָס אַ מענטש דרינגט אַריין אין אייערע געדאַנקען, פילט אויס נישט אַרויסגעזאָגטע פאַרלאַנגען אייערע. . . .
בלייבן גלייכגילטיק צו זיינע עקספּערימענטן איז נישט מעגלעך געווען. נישט אומזיסט האָט ער צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פיל גרויסע פערזענלעכקייטן. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַלבערט איינשטיין, זיגמונד פרויד, גאַנדי, סטאַלין א"א. . . .
אין מיין באַגעגעניש מיט אים האָט זיך דער גרעסטער טייל פון אונדזער שמועס געדרייט אַרום אונדזער געבוירן־שטאָט, און דער גרויסער טראַגעדיע, וועלכע עס האָבן דורכגעלעבט די פּוילישע יידן. איך האָב געפילט, אַז טיף אין דער נשמה טראָגט ער אַ גרויסן ווייטיק. ער האָט דערציילט וועגן זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, וועגן זיין לערנען אין דער באַוווסטער וואָלאָזשינער ישיבה, וועגן זיינע גאַסטראָלן אין פאַרשידענע לענדער, זיינע באַגעגענישן מיט גדולי־הדור. . . .
מעסינג האָט געפונען זיין צווייט היימלאַנד אין ראַטן־פאַרבאַנד. די רעגירונג פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער פעדעראַלער סאָוועטישער רעפּובליק האָט אים צוגעטיילט דעם ערן־טיטל: „פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק".
דער נאָמען וואָלף מעסינג וועט נישט פאַרגעסן ווערן! ערע זיין אָנדענק![33]

און אָט, ווי מיר האָבן אים געזען, ביי אונדז אין שטוב:

ד"ר וואָלף מעסינג איז געווען אַ הויכער און האָט געטראָגן אַ לאַנגע, געקרייזלטע פאָלקע האָר, ווי די היפּיס, וואָס האָט זיין אויסזען אין יענע טעג צו־געגעבן נאָך מער „כישוף", ווייל דעמאָלט האָט מען אַזעלכס נישט געזען. ער האָט געקענט היפּנאָטיזירן און באַווייזן אויסטערלישע קונצן, אותות־ומופתים, און דער עולם האָט זיך צוגעקוקט מיט אָפענע מיילער. ער פלעגט אויספירן ספּיריטואַליס־טישע סעאַנסן פאַר אַ גרעסערן עולם (אויך אין ליטעראַטן־פאַראיין) ווי פאַר אַ קלענערן עולם, ד"ה אין אַ פּריוואַטער וווינונג. גאַנץ אָפט האָט ער דאָס געטאָן ביי אונדז אין שטוב, ווו ער איז גיך געוואָרן אַ היימישער מענטש.

אים איז אויך געפאַלן געוואָרן ביילטשעס קאָכן. דאָך האָט ער קריטיקירט איר „אָנגעברענטע זופּ", ווייל זי מאַכט זי צו „אַריסטאָקראַטיש", צו העל, הייסט עס. זיין מאַמע דערקעגן, פלעגט גוט אָנברוינען דאָס מעל אויף דער פאַטעלניע צו דער זופּ און אַזוי האָט זי געהאַט אַ בעסערן געשמאַק און אויסזען, אַזוי ווי אַן אָנגעברענטע

זופ דאַרף טאַקע זיין, האָט ער געטענהט.

מעסינגס „כישוף" איז אים דער טאַטע מוחל געווען, אָבער פאַר זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט האָט ער אים יאָ גערן געהאַט. און כאַטש דער טאַטע פלעגט אים אַלע מאָל כאַפּן ביי דער האַנט און אויפוויזן, ווי אַזוי ער באַווייזט זיינע מופתים — האָט ער אים געהאַט געשענקט אַ בוך מיט אַ דעדיקאַציע, וואָס האָט זיך געלייענט, אַן ערך:

„מעסינגן, וואָס פאַרמאָגט אַ קינסטלערישע נשמה און קען זיך אַנטציקן, ווי אַ קינד".

דאָס דאָזיקע בוך האָט מעסינג — צוליב דער דעדיקאַציע — מיטגעפירט אויף זיין פליטה קיין רוסלאַנד, בשעת דער אָקופּאַציע פונעם מערבדיקן טייל פון פּוילן דורך די נאַציס. ער האָט מיר דערציילט דערוועגן אין ביאַליסטאָק, ווו כ'האָב אים געטראָפן אויף אונדזערע וואַנדערוועגן סוף 1939. דאָס איז אפשר אויך אַ סימן פון זיין קינדערישקייט, צו כאַפּן מיט זיך אַזאַ חפץ, אַנשטאָט לעבנס־נייטיקע זאַכן, כדי צו האָבן מיט וואָס צו דערהאַלטן דאָס חיות אין אַזאַ צייט.

מעסינג פלעגט צווישן אַנדערע קונצן מאַכן כל־מיני טריקן מיט קאָרטן: אָט איז אַ פּעשל קאָרטן געווען אין זיין האַנט און אָט איז עס שוין געלעגן אויף אַ קלאָש, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. דאָס איבערוואַרפן די קאָרטן פון זיין האַנט אויפן טיש אַרויף האָט מען נישט געזען, אַחוץ עפּעס ווי אַ זילבערנעם פאָדעם, וואָס האָט אַ צי געטאָן כהרף־עין פון זיין האַנט צום טיש.

אַ צווייטע קונץ: ער האָט גענומען אַ ביסל מטבעות פון פאַרשידענע יאָרן, אין אַ מענערהוט אַריין, אויסגעדרייט זיך מיט דער פּלייצע צו די פאַרזאַמלטע, האַלטנדיק דעם הוט פון הינטן — אַזוי אַז ער זאָל נישט קענען זען, הייסט עס — און געהייסן עמעצן פון די פאַרזאַמלטע אַרויסנעמען איינע פון די מטבעות. דערנאָך האָט ער אָנגעזאָגט די מטבע גוט צו באַהאַלטן אין דער האַנט, אַזוי אַז ער זאָל זי נישט קענען זען און אַליין איז ער אַרויס אין קאָרידאָר, אויך צוליב דעם זעלבן טעם. ער האָט אָנגעזאָגט זיך צו פאַרשרייבן דאָס יאָר פון דער מטבע, וואָס מע האַלט אין דער האַנט און איז שפּעטער אַריינגעקומען און געהייסן צוריק אַריינוואַרפן די מטבע אינעם זעלבן קאַפּעליוש, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף זיין רוקן — ווידער אַ מאָל, כדי ער זאָל נישט קענען זען — און אויסמישן זי מיט די אַנדערע מטבעות. ערשט דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן זוכן, וועלכע דאָס איז געווען און אַרויס־גענומען די זעלבע מטבע, וואָס יענער האָט געהאַט געהאַלטן אין דער האַנט. ער האָט געהייסן דעם עולם אַ קוק טאָן אויף דעם פאַרנאָטירטן יאָר — עס שטימט!

פון וואַנען קען ער דאָס וויסן?! — האָבן זיך די פאַרזאַמלטע נישט געקענט גענוג אָנוווּנדערן.

דאָ האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז מעסינג זאָל נאָך אַ מאָל מאַכן די זעלבע קונץ און ער אַליין וועט אַרויסנעמען אַ מטבע.

גוט. ער הייסט אים אויסקלייבן איינע. דער טאַטע נעמט זי אָן דורך אַ נאָזטיכל. ער לייגט זי אַנידער אויפן טיש. שרייבט אַראָפּ דאָס יאָר. און ווען מעסינג קומט שוין

צוריק אַריין, שאַרט ער די מטבע פון טיש צוריק אַריין אינעם קאַפעליוש מיט אַ מעסער.

מעסינג זוכט, זוכט, ער טאַפּט אויס אַלע מטבעות — ער קען זי נישט געפינען!

גוואַלד, וואָס איז דאָס? — ווערט שוין מעסינג אומרויִק און נערוועז — פאַר וואָס קען ער עפּעס דאָס מאָל נישט געפינען?!

— פשוט, האָט דער טאַטע געזאָגט, ווען מעסינג הייסט דאָס טאָן — און זאָגט אָן צו באַהאַלטן „גוט" די מטבע — און נאָך דערצו, ווען ווייבער טוען דאָס, האַלטן זיי די מטבע וואָס שטאַרקער אין דער האַנט, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל זי אַ מאָל נישט זען, און וואָס מער זיי באַהאַלטן זי אין דער האַנט, אַלץ מער ווערט זי אָנגע־וואַרעמט, און אַ דאַנק דעם געפינט ער זי. ער פילט דעם אונטערשיד צווישן די קאַלטע און דער אָנגעוואַרעמטער מטבע. אַזוי אָבער, ווי דער טאַטע האָט דאָס געטאָן, האָט זי זיך נישט באַוויזן אָנצוּוואַרעמען און מעסינגן איז נישט געלונגען צו באַווייזן די קונץ פון וויסן, וועלכע מטבע דער טאַטע האָט געהאַט אַרויסגענומען.

אַוודאי איז עס אַ גרויסע פעיִקייט פון מעסינגן — האָט דער טאַטע צוגעגעבן — צו קענען דעם „נס", צי אַנדערע נסים באַווייזן, ווייל אַ דאַנק זיין אויסער־געוויינטלעכער פילעוודיקייט אין די פינגער, קען ער דערטאַפן די קוים וואַרעמערע טעמפּעראַטור פון דער איינער מטבע צווישן די אַנדערע. אויך איז זיין פעיִקייט באַשטאַנען אין דער זעלטענער פלינקייט — און דערפון זאָגן עדות די קונצן מיט די קאַרטן, וואָס אַט זעט מען זיי אין זיין האַנט און איידער מע גיט אַ פינטל מיטן אויג, זענען זיי שוין אויפן טיש.

אין איינעם פון זיינע סעאַנסן האָט מעסינג געהייסן פאַרשטעקן ערגעץ אַ שפּילקע (מאַלע ווו מע קען ערגעץ פאַרשטעקן אַ שפּילקע אין אַ שטוב) בשעת ער וועט זיין אין צווייטן חדר.

ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען, האָט ער אָנגענומען פאַרן פולס דעם, וואָס האָט געהאַט פאַרשטעקט די שפּילקע — און אַזוי האָט ער אים אַרומגעפירט פון ווינקל צו ווינקל איבער דער גאַנצער שטוב. צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן איטקען און געזאָגט, אַז ער קען די שפּילקע נישט אַרויסנעמען, ווייל זי וועט דאָך נישט וועלן ער זאָל צוגיין זי זוכן דאָרט, ווו זי איז פאַרשטעקט געוואָרן...

עס איז געוואָרן אַ געלעכטער צווישן עולם און אַ פאַרחידושטקייט גלייכ־צייטיק. וואָס איז? — דער, וואָס מעסינג האָט אים אַרומגעפירט איבער דער שטוב, האָט געהייסן איטקען פאַרשטעקן די שפּילקע אינעם זוים פון איר קלייד, ווו מעסינג האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז ווייטער טאָר ער נישט זוכן...

פון וואַנען האָט ער דאָס געקענט וויסן, אַז די שפּילקע געפינט זיך גראָד דאָרט? דאָס האָט דער טאַטע אַזוי אויסגעטייטשט: דער, וואָס מעסינג פירט אים, פון אָרט צו אָרט, האַלטנדיק אים ביים פולס, רעאַגירט דערויף, ווו אַהין מעסינג פירט אים, ד"ה: איז ער ווייט פונעם אָרט, ווו די שפּילקע געפינט זיך — קלאַפּט זיין פולס נאָרמאַל, און דערנענטערט זיך מעסינג צום אָרט, ווו זי איז פאַרשטעקט געוואָרן — הייבט יענעמס פולס אָן צו קלאַפּן אַ ביסעלע האַסטיקער, און דאָס איז אַ סימן פאַר מעסינגן, אַז ער געפינט זיך אויפן ריכטיקן אָרט.

צוליב די דאָזיקע פּעיִקייטן מעסינגס, האָט אים דער טאַטע נישט אַוועק־געמאַכט מיט דער האַנט, נאָר אין זיינע נסים און אין זיין כּישוף האָט ער נישט געגלייבט. און ער פלעגט אים עפּעס כּסדר קאַליע מאַכן דאָס כּישוף־מאַכערײַ מיטן אויסגעפינען יעדעס מאָל דעם טריק. מעסינג האָט געהאַט גענוג עגמת־נפש פון די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען דעם טאַטנס, נאָר האָט זיך נעבעך נישט געקענט ווערן קעגן זיי.

ביי אונדז איז געווען אַ הון אין שטוב — איז זי אויך געוואָרן מעסינגס מעדיום. ער האָט די הון אויך פאַרהיפּנאָטיזירט און זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט איר געהייסן: שטיין אויף איין פיסל, אויף דעם אַנדערן, אַראָפּגיין פון גאַזאָמעטער אין קיך, ווו זי איז געשלאָפן, עלעהיי אויף אַ גזשענדע. זי האָט געקענט אַרומוויקלען אַרום דעם גאַזרערל פונעם גאַזאָמעטער די הינערשע פינגער, ווי אויף אַ הינערשטאַנג.

די מעשׂה, פאַר וואָס די הון האָט „געוווינט״ אין שטוב איז אַזאַ: ביילטשע האָט געהאַט געקויפט אַ לעבעדיקע הון אויף פּסח. דער טאַטע האָט זי אָבער בשום אופן נישט געלאָזט שעכטן. איז זי געבליבן אין שטוב און האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו די מענטשן, אַזוי ווי איר אָרט וואָלט טאַקע דאָרט געווען פון תּמיד אָן. יעדן פאַרטאָג פלעגט זי אַראָפּשפּרינגען פונעם גאַזאָמעטער אין קיך און זיך אַריינגיין אין צימער, ווו די באַלעבאַטים זענען געשלאָפן. זי פלעגט אַרויפשפּרינגען אויפן בעט (אַלע מאָל אויפן טאַטנס זייט און קיין מאָל נישט אויף ביילטשעס) און אים וועקן, ער זאָל זי אַרויסלאָזן אויפן הויף. און ער פלעגט יעדן פאַרטאָג זיך אויפהייבן פון זיין גע־לעגער און גיין איר עפענען די טיר אין דרויסן אַרויס. דאָרט פלעגט זי זיך ברייט צעפאָכען די פליגלען אין דער פרימאָרגנדיקער פרישער לופט, קלייבן קערנדלעך, אַרומשפּאַצירן און, אָפּזײַענדיק אין דרויסן עטלעכע שעה, פלעגט זי — ווען אַלע זענען שוין געהאַט אויפגעשטאַנען — צוריק אַריינקומען אין שטוב אַריין. פאַר נאַכט פלעגט זי זיך צוריק אַרויפשפּרינגען אויף איר „גזשענדע״, דעם גאַזאָמעטער, איבערצושלאָפן די נאַכט.

אַזוי איז זי אַנגעגאַנגען אַ גאַנצן זומער, ביז זי איז איין פרימאָרגן מער נישט צוריקגעקומען.

„נו, וואָס איז עפּעס די הון נאָך אַלץ נישטאָ צוריק?״ — האָט מען זי אָנגעהויבן זוכן איבער אַלע דריי גרויסע הייף פון עלעקטראַלנע 14. נאָך אונדזערע לאַנגע זוכענישן — דער טאַטע, גנענדל און איך, אין אַלע מיגלעכע פאַרבאָרגענע ווינקלען פון די דריי הייף — האָט מען ענדלעך געפונען אין אַ לאַנגן, שמאָלן פינצטערן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צום דריטן הויף, נישט די הון, נאָר אַ בינטל פאַר־בלוטיקטע פעדערן.

און דאָ האָט מען זיך משער געווען, אַז עפּעס שרעקלעכס איז געשען: אַ הונט האָט זי צעריסן לעבעדיקערהייט און געהאַט אַ גוטן מאָלצייט יענעם פרימאָרגן.

פאַר אונדז, און ספּעציעל פאַרן טאַטן, איז דאָס געווען אַ שטיק יום־כּיפּור, נישט נאָר יענעם טאָג, נאָר אויך לאַנג נאָך דער טרויעריקער געשעעניש. ווער ווייס, צי ער האָט נישט אין דער שטיל באַדויערט וואָס ער האָט די הון נישט געלאָזט

בעסער שעכטן, איידער אַז זי זאָל אומקומען מיט אַזאַ משונהדיקן טויט. נאָר ווער האָט זיך דען געקענט ריכטן, אַז די הון וועט האָבן אַזאַ ביטערן סוף, נאָך דעם טאַטנס אַרויסווייזן אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פאַר די הינערשע באַדערפענישן און נאָכן מציל זיין זי פונעם שוחטס חלף.

אַז ביילטשע פלעגט אונדז ביידע, גנענדלען און מיך, אַ מאָל שיקן אין שעכטהויז שעכטן אַ הון (דער טאַטע האָט נישט געוווּסט דערפון) האָט גנענדל נישט געקענט קוקן, ווי מע שעכט דאָס עוף און איז אַלע מאָל געבליבן שטיין אין דרויסן. זי האָט נישט געוואָלט צוקוקן, ווי די אָרעמע הון — שוין מיט אַן איבערגעשניטענעם גאָרגל — פּאַטשט נאָך נעבעך אַלץ מיט די פליגלען. דער טאַטע האָט זי זייער געלויבט דערפאַר, ווען כ'האָב דאָס איבערדערציילט מיט אַ צייט שפּעטער.

דערקעגן צו אַ קאַץ — וואָס האָט זיך אַ מאָל געוואָלט אַריינקריגן צו אונדז דורכן אָפענעם איבערלופט־פענצטער פאַר טאָג, ווען מ'איז נאָך געשלאָפן — האָט ער געכאַפּט אַ שטיק האָלץ, ווען ער האָט זי דערשפּירט אינעם שלאָף.

געזאָגט האָט מעסינג, אַז אַ מענטש, וואָס ער קען, צי אַ פריינד האָט ער נישט קיין חשק צו היפּנאָטיזירן. איך ווייס, אַז ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוּווט ביילטשען פאַרהיפּנאָטיזירן, און קיין מאָל איז גאָרנישט געוואָרן דערפון. ביילטשע האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז אויף אַ שטאַרקן כאַראַקטער ווירקט נישט קיין היפּנאָז.

מיר, גנענדל און איך, האָבן געהאַט אַ לערערין רחלע כמיעל (אַחוץ איר איז אויך אונדזער לערערין שפּעטער געווען העלען לאַדינסקי). רחלע כמיעל איז נאָך אַליין אויך געווען אַ סטודענטין אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. מיר האָבן זי אַלע ליב געהאַט ס'לעבן. זי איז געווען זייער אַ האַרציק מיידל, נישט קיין באַזונדערס שיינע, אָבער אַ ביז גאָר סימפּאַטישע און לעבעדיקע נאַטור. אין שטוב איז זי געווען נישט נאָר אַ לערערין, נאָר אַ נאָענטער פריינד, און זי פלעגט אָפט קומען אַריינצופאַלן — מיטן ווייסן סטודענטן־היטל און דאַשיקל חנעוודיק אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ — גלייך נאָך די קלאַסן.

פאַר מעסינגן — האָט זי געזאָגט — האָט זי מורא און פלעגט זיך טאַקע אַלע מאָל אויסבאַהאַלטן, ווען זי האָט נאָר געהערט אים אָנקומען. אָבער אין שטוב האָט מען חושד געווען, אַז זי איז געווען פאַרליבט אין אים און בלויז געמאַכט אַזעלכע ווייבערישע שטיקלעך. מעסינגן אָבער איז אונדזער לערערין נישט געלעגן אין זינען. אויך נישט איטקע, וואָס אין איר האָבן זיך כמעט אַלע מענער פאַרליבט. איטקעס נאַטור איז אים נישט געפאַלן, ווי ער האָט דאָס אָפן געזאָגט. ביי אים זענען נישט געווען קיין פאַרבאַהאַלטענע שטיק. איין מאָל איז ער געפאָרן אין אַ דראָשקע, אין וועלכער ס'איז אויך געפאָרן קאַגאַנאָווסקיס געוועזענע פרוי. זי האָט באַוווּנדערט זיין גרויסן, דימענטענעם רינג און אַפילו אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אַזאַ רינג וואָלט זי אויך זייער געוואָלט האָבן.

ווי דער „משוגענער מעסינג" האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ כאַפּ אַראָפּגעטאָן דעם רינג פון זיין פינגער און אים אַ וואָרף געטאָן פון דער דראָשקע אַרויס אויפן סאַמע מיטן וועג.

דערמיט האָט ער איר געוויזן, אַז עס איז אים נישט קיין שאָד דער רינג, און אַז

אַזעלכע אַנצוהערענישן געפעלן אים גאָרנישט...

אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן ביי אונדז אין שטוב: „דער משוגענער מעסינג". איך ווייס נישט, צי ער איז טאַקע געווען משוגע צוליב אַזעלכע, צי ענלעכע האַנדלונגען, נאָר קיין מיושבער, ד"ה אַ בעל־תּכלית וואָלט זיכער אַזאַ נאַרישקייט נישט אָפּגעטאָן.

און מאָדנע, אַז אַזעלכע אָריגינעלע טיפּן האָבן זיך אָפּט גרופּירט אַרום ווייסענבערגן. איינער, זיינס אַ נאָענטער פריינד, מיטן נאָמען יענקל טענענבוים, וואָס איז געווען „סטאַרשי פעלדשער" און האָט געוווינט אין שעדלעץ, פלעגט אָפּט אים קומען באַזוכן. ער האָט געהאַט אַ שטוב מיט קינדער, אַלע מיידלעך, נאָר איין זון פאַר אַ צושמעלץ. יענקל טענענבוים איז גראָד געווען אַ בעל־פּרנסה. דאָך איז ער אויך נישט געווען אַזוי „גלאַטיק". ווען ער פלעגט נאָר קומען קיין וואַרשע, פלעגט ער שלאָפן ביי אונדז. אין דער פרי, ווען ער פלעגט זיך אויפהייבן פונעם שלאָף און זיך אָוועקזעצן אויפן קראַוועגדזש * פונעם בעט זיך אָנטאָן — און האָט שוין געהאַלטן ביי די שיך און זאָקן — פלעגט ער נעמען אַ שקאַרפּעטקע אין דער האַנט אַריין, אַריינשטעלן אין איר אַ פויסט און מיט דער צווייטער האַנט פלעגט ער זי איבעררוקן פונעם שפּיץ פון די פינגער, ביז צו דער פּיאַטע און צוזינגען זיך דערביי אַ וואַלס. אַזוי האָט ער געקענט אָפּזיצן שעהען, — זינגען דעם וואַלס און רוקן די שקאַרפּעטקע אַהין און צוריק, אַהין און צוריק — מסתּמא כּדי זי זאָל זיך אויסלופטערן.

ער איז געווען זייער מוזיקאַליש. איז טאַקע געווען אַ מחיה אים צו הערן. אלא די שקאַרפּעטקע — נו, מילא.

אַלע זיינע טעכטער, אַרום אַכט, האָבן געקענט זינגען. איינע, די ייִנגסטע, האָט אַפילו געלערנט געזאַנג אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, און אַזוי ווי זי האָט נישט געקענט אַהיימפאָרן קיין שעדלעץ יעדן טאָג נאָך די לעקציעס, האָט זי אויך געוווינט ביי אונדז. ווי אַזוי מיר האָבן דאָס געקענט באַווייזן פּאַרמאַגנדיק אין גאַנצן דריי צימערן — ווייס איך נישט. זי — אויך אַ רוזשקע — פלעגט אָפּט שטיין ווינטער ביים קאַכלענעם אויוון, געדענק איך, און זינגען, פּראַקטיצירן, הייסט עס. דער טאַטע אוןביילטשע פלעגן זי אָפּט מיטנעמען אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף אַן אָוונט, צי אַ באַל. געדענק איך אַ מאָל, ווי זי האָט אויסגעדריקט איר שרעק ביים מאַכן זיך דעם „מייק־אַפּ" — זי פלעגט זיך מאַכן אַ שוואַרץ חן־פּעפּערל, וואָס איז געווען אין דער מאָדע אין די צוואַנציקער יאָרן, — עס זאָל נאָר עמעצן פון די שרייבערס נישט איינפאַלן צוצוגיין און איר געבן אַ וויש אָפּ אָט דאָס פּעפּערל. „ביי דער חברה שפּילט אַ ראָלע?" — האָט זי געפרעגט, נישט האַלטנדיק די שרייבערס, ווייזט אויס, פאַר קיין צו גרויסע דזשענטלמענער.

אַ שטיקל צייט האָט זיך ביי אונדז אויפגעהאַלטן חנה־מלכּה, יחיאל לערערס שוועסטער — זי האָט זיך געהיילט די ציין אין וואַרשע, וואָס דאָס האָט געדויערט דריי חדשים, איז זי ביי אונדז געשלאָפן. כ'געדענק ווי זי איז געזעסן אין די ווינטער־

* פּויליש — ברעג.

אָונטן ביים אויוון און ממש געשלונגען מיט די גרויסע בלויע אויגן (די גאַנצע לערער־משפחה איז געווען בלויאויגיק) יעדעס וואָרט וואָס זי האָט געהערט פון די מענטשן, וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי אונדז. אַנדערע זשעלעכאָווער, טאַקע יחיאל לערער, שלמה ברייכנסקי און אַ זשעלעכאָווער אַפּטייקער, שודריך, וואָס האָט געהאַט די אַפּטייק אויף קאָזשע־גאַס, פלעגן זיך אויך צוזאַמענקומען ביי אונדז. דעמאָלט האָט דער טאַטע ליב געהאַט צו דערציילן מיט בענקשאַפט זיינע דער־מאָנונגען פון פאַרשידענע זשעלעכאָווער כאַראַקטערן און ס'פלעגן זיך אויסשיילן פאַר די צוהערערס גאַנצע בילדער פון דעם מערקווערדיקן שטעטל. אַ מאָל האָבן חנה־מלכּה און איר שווער — יחיאל לערערס פרוי — אויך דערציילט וועגן זשעלעכאָווער געשעענישן און מענטשן; גערעדט וועגן די שיינע מיידלעך, און חנה־מלכּה האָט עפּעס אָנגערופן איין מיידלס נאָמען, אַז זי איז די שענסטע אינעם שטעטל. דער טאַטע האָט נישט מסכּים געווען מיט איר. ער האָט געזאָגט, אַז זי איז טאַקע שיין, אָבער זי איז אַ פּראָדוקט פון בלויז תּאווה. אירע געזיכטשטריכן זענען גראָבע. נישטאָ די צאַרטקייט פון ליבע ביים באַשאַפן זי.

קעגן איבער אונדז האָט געוווינט, אויף אַן ערשטן שטאָק, הענעך ערליך. זיין פרוי האָט געהאַט אַ יאַטקע אויפן פּלאַץ מיראָווסקי און ער אַליין האָט געשריבן לידער, געדרוקט אין ווייסענבערגס אינזער האָפענונג און געמישט זיך מיט דער ליטעראַרישער סביבה. דערפאַר האָט מען אים אין ליטעראַטן־פאַראיין גערופן „דער לירישער קצב״. ער פלעגט זיין אַן אַריינגייער ביי אונדז. אָפט פלעגט ער פאַרבעטן ווייסענבערגן מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע שרייבערס צו זיך אויף אַ „הוליאַנקע״. זיין פרוי איז געווען וויניקער באַהעם פון אים. זי, אַ גאַנץ פּראַקטיש ווייבל, איז געווען די סוחרטע און געפירט ס'געשעפט, די יאַטקע, כאָטש אַליין האָט זי געהאַט געענדיקט אַ גימנאַזיע. די יאַטקע האָט זי אָבער איבערגענומען בירושה פונעם טאַטן אירן.

איין מאָל האָט ערליך פאַרבעטן די גאַנצע חבֿרותא, פון אונדז אַרויף צו זיך. דאָס ווייב האָט עפּעס קנאַפּ וואָס געהאַט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש און דער עולם איז געזעסן אַ הונגעריקער.

האָט אָבער איטקע דערשנאַפּט אַ גאַנצע געבראָטענע הון ביי זיי אין שלאָף־צימער אויפן פענצטערברעט. זי האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַרויסגעלקחנט די גאַנצע הון און נאָך עפּעס אַ שטול דערצו, געדענק איך, האָט עמעצער פון די מענער מיטגענומען פון ערליכס שטוב (ווייל דער עולם איז שוין דעמאָלט געווען מסתּמא אַ גרעסערער, ווי ביי אונדז זענען געווען שטולן). די גאַנצע כאַליאַסטרע איז געלאָפן איבערן הויף פון דאָרט אַריבער צו אונדז און איטקע מיט דער געבראָ־טענער הון אין דער האַנט האָט געקוואַקעט איבערן גאַנצן הויף, ווי אַ הון טאַקע, און ס'איז געווען לעבעדיק און לוסטיק. חבֿרה האָט זיך מער משׂמח געווען פון אַזאַ אָפּגעטוענעם שפּיצל, ווי פון דעם גוטן „פּרעס״ גופא.

דער העלד פון טאָג איז ווידער געווען איטקע.

ערליכס פרוי איז אויך געווען אַן אייפערזיכטיקע. ווען זי פלעגט זיך באַקלאָגן אויף איר מאַנס פלירטעווען מיט אַנדערע מיידלעך — האָט ווייסענבערג איר אַ מאָל

גערעטן צו לעשן די אייפּערזוכט מיט קאָזעמילך.

דאָס האָט ער איר געזאָגט, ווייל ער האָט פּיינט געהאַט אייפּערזוכט. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ מיאוסער אייגנשאַפט, וואָס עס פאַרמאָגן זי מענטשן, וואָס קענען נישט באַוואונדערן, קענען נישט ליב האָבן, און „מענטשן אָן באַוואונדערונג זענען טאַלאַנטלאָז, קליינקעפּלדיק און שמאַלהאַרציק". יעדער מענטש פאַרמאָגט דאָך אָבער אָט די אייגנשאַפט אין אַ קלענערער, צי גרעסערער מאָס — איז וויכטיק, לויט אים, צו קענען זי קאָנטראָלירן און נישט לאָזן זיך אין גאַנצן באַהערשן פון איר.

אין דעם פּרט זענען אי ער, אי ביילטשע, געווען גאַנץ טאָלעראַנט. אין וויסענבערגן האָט זיך געהאַט אַ מאָל פאַרליבט אַ סטודענטין. אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אים צו זען — האָט זי אַ מאָל אַריינגעשיקט אַ קינד צו אונדז אין שטוב, פרעגן אויף וויסענבערגן. זי האָט דעם קינד געהייסן איבערגעבן, אַז אַ סטודענט וואַרט אויף אים.

האָט ביילטשע געפרעגט:

— אַ „סטודענט אין אַ ספּודניצע?"

אָדער, ווען מיר האָבן שוין שפּעטער געוווינט אין ראַדאָשטש און קיין גרויסע פאַרווייליונגען זענען דאָרט נישט געווען, איז זיך דער טאַטע אַ מאָל איבער־געגאַנגען שפּאַצירן מיט מיינס אַ חברטע, גראָד אַ זשעלעכאָווערין, וואָס האָט אויך דאָרט געוווינט און מיר פלעגן געוויינטלעך אַלע צוזאַמען גיין שפּאַצירן. ווען ער איז דאָס מאָל צוריקגעקומען פונעם שפּאַציר מיט דער חברטע מיינער, האָט אים ביילטשע געפרעגט: „נו, איטשע־מאַיאַ, ווי איז דיר עפּעס צוגעגאַנגען די ראַנדעוווּ?"

— גאַנץ גוט, האָט ער געענטפערט.

ביילטשע האָט אים אָבער יאָ געוואָרנט פאַר... שאַנטאַזש, דהיינו, אַז אַזאַ מיידל קען אַ מאָל אויסניצן דעם פאַקט, וואָס וויסענבערג גייט מיט איר שפּאַצירן אויף צום באַרימען זיך און מאַכן אַ גוואַלד, אַז כאָטש מי־יודע וואָס און דערווייל פאַרפלעקן זיין נאָמען.

— „גיי שוין, גיי" — האָט ער איר די רייד אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: וואָס דיר קען איינפאַלן...

דאָ האָב איך זיך שוין אַריינגעמישט און געפרעגט דעם טאַטן, ווי מ'קען אייגנטלעך וויסן, ווי אַזוי אַן אַנדערער וועט רעאַגירן אויף געוויסע דערשיינונגען און סיטואַציעס, אָדער ווי אַזוי קאָן מען בכלל קענען אַן אַנדערן? האָט ער געענט־פערט, אַז אויב מ'קען זיך — קען מען אַ צווייטן.

דער טאַטע האָט ליב געהאַט צו מאַכן „הוליאַנקעס" ביי זיך אין הויז. פלעגן זיך ביי אונדז גאַנץ אָפט צוזאַמענקלייבן שרייבערס, אַקטיאָרן און מאַלערס, און די שטוב האָט ביי אַזעלכע געלעגנהייטן באַקומען אַ יום־טובדיקן גלאַנץ: ליכטיק, אַ ווייס געדעקטער טיש מיט כּל־מיני מאכלים, וואָס ביילטשע איז געווען אַ בריה זיי צוצוגרייטן. גנענדלען און מיר — האָט דער טאַטע אָנגעזאָגט ביילטשען, זי זאָל אונדז געבן צו פאַרזוכן פון אַלע מינים אָנגעגרייטע פּאַטראַוועס, כּדי מיר זאָלן נישט דאַרפן שטרעקן די הענטלעך אויפן טיש אַרויף שפּעטער, ווען די געסט וועלן זיין.

און אָנגעריכטן האָט ער געהייסן כּיד־המלך. אַזוי האָט ער זיך געפירט. וויפל ער האָט נאָר פאַרמאָגט געלט — פאַר אַזוי פיל האָט ער געהייסן איינקויפן כּיבוד, נאָך וואָס זיינע קעשענעס זענען געבליבן אויסגעליידיקט פון אַ גראָשן, און ווען נישט דאָס, וואָס געוויינטלעך בלייבן איבער אַ סך עסנס נאָך אַ „ביבקע" — וואָלטן מיר נישט געהאַט אַפילו דאָס ערשטע אָנבייסן אויף צו מאָרגנס. ווען ס'פלעגט בלויז קומען סתם אַ גאַסט, אַן איינצלער, צי עטלעכע געציילטע, האָט ער געהייסן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין שטוב, אַרויפשטעלן אויפן טיש. וואָס שייך דערלאַנגען אויפן טעלער פאַר יעדן איינעם גאַסט — האָט ער אָנגעזאָגט — דאַרפן די פּאַרציעס זיין אַלע גלייך אַן ערך, אַזוי פאַר די געסט, ווי פאַר די אייגענע און חס־ושלום נישט געבן אַ מער חשובן גאַסט אַ שענער חלק אָדער אַ גרעסערס און אַ ווייניקער חשובן — אַן ערגער חלק.

די שטוב פלעגט זיין אויסערגעוויינטלעך יום־טובדיק און דערוואַרעמט בשעת אַזעלכע „ביבקעס". די געסט, און דער טאַטע ספּעציעל, פלעגן נאָכן אויסטרינקען אַ ביסל פון די גוטע ווייגען, קריגן אַ באַזונדערס געהויבענע שטימונג. דער טאַטע פלעגט אַ מאָל רעדן, אָבער אָפט שווייגן, נאָר דאָס פּנים און די אויגן האָבן אָפּגע־שפּיגלט אַ זעלטענע געלייטערטקייט פון זיין געמיט. אַנדערע פלעגן שמועסן, וויצלען זיך, זינגען. ער—פלעגט זיך איינהערן און שווייגן אַזוי פאַרגעניגיק, ווי די נשמה וואָלט זיך אים געטובלט אין לויטערער מתיקות.

פאַר גוט געזאַנג האָט ער געקענט פאַרפאַלן ווערן. איטקע, אחוץ דעם, וואָס זי איז געווען אַ שיינקייט האָט זי פאַרמאָגט אויך אַ סך מעלות צום פאַרוויילן דעם עולם. זי האָט זעלטן שיין געזונגען, ווי שוין געזאָגט, געטאַנצט, געשפּילט אויף אַ מויל־האַרמאָשקע, געווען אַ לעבעדיקע נאַטור און אויך אַ מייסטער אויף צום פלירטעווען. זי פלעגט זינגען די פאַרשידנסטע לידלעך אי אַלטע, אי נײַע: פון וואָדעווילן און אָפּערעטע־טעאַטערס, וואָס זי פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן. איין מאָל האָט זי געזונגען אַזאַ ליד אַן ערך:

מיין ליבער יאַהאַן,
איך שרייבע דיר איין בריפליין:
ווען דו נאָך האַוזע קאָמסט,
וויר ווערדעןביידע לאַכען
ביי אונזערן ביידען קינדערן
די האָכצייט מאַכען.
. . . .

קלאַרע סעגאַלאָוויטש האָט איר צוגעהאָלפן זינגען, אויסצײַענדיק די אָרעמס מיט טעאַטראַלע זשעסטן, ווי צום אַרומנעמען יאַהאַנען. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט אויך געזען די אָפּערעטע...

איטקע האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, אַז עס שטימט נישט: ווייל די דאָזיקע סצענע — האָט זי צו מאָרגנס דערציילט — קומט גאָר פאָר ביי אַ בריוו־שרייבן: אַ פרוי זינגט דאָס ליד זיצנדיק אָנגעבויגן איבערן שרייבטישל.

גנענדל איז געווען פּשוט פאַרליבט אין איטקען און זי האָט ממש געשלונגען

מיט די אויגן יעדן זשעסט אירן און יעדן באַוועג. נאָר איך האָב אַ מאָל באַיקאַטירט די הוליאַנקעס, ווייל דער טאַטע האָט מיך נישט גענומען גראָד יענעם טאָג מיט אַ דראָשקע צום ציינדאָקטער, יאַשקע ליפּשיץ, אויף אַרלע־גאַס. דאָס איז אַ שכנותדיקע גאַס פון עלעקטאָראַלנע, אָבער צום דענטיסט האָב איך ליב געהאַט צו פאָרן מיט אַ דראָשקע — אפשר ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר די ווייטיקן, וואָס דער דענטיסט פאַרשאַפט, און דאָס איז שוין געוואָרן ביי מיר אַ טראַדיציע. נאָר ווייל דער טאַטע האָט נישט אַלע מאָל געוואָלט נאָכקומען מיינע פאַרלאַנגען, ווי דעם דאָ דערמאָנטן, צי קויפן מיר אַ שלאָפּליאַלקע אָדער אַ הוידלקע, האָב איך פּראָטעסטירנדיק אַ סך אַנגעווירן פון די ווונדערלעכע אָוונטן מיט די אַלע אינטערעסאַנטע מענטשן און זייער אופן פון פאַרוויילן זיך אין דער גאָר געהויבענער שטימונג ביי אונדז אין שטוב. צווישן אַנדערע פלעגט אויך אָפט קומען משה באַרנשטיינס געוועזענע פרוי, די שיינקייט מינאַ, וואָס האָט מיט איר בלאָנדן קאָפּ און איר שיינער געשטאַלט פאַרלויכטן די שטוב, אפרים קאַגאַנאָווסקי מיט דער פאַרפּיעשטשעטער גרימאַסע, וואָס האָט זיך כּסדר נאָר געקוקט אויף זיינע אָפּגעפאַסטע געמזענע שטיוועלעך. ער האָט געהאַט צו טאָן מיטן מאָגן און פלעגט זיך שפּייזן מיט פייגן און... שוואַרצער קאַווע; ס'זענען געקומען ה.ל. זשיטניצקי, יהושע פּערלע מיט דער פרוי, יעקב ווייסליץ, זשאַק לעווי, מנחם קיפּניס און זימרה זעליגפעלד, מאַזאַ און די אַרלעסקאַ, פעליקס רובינליכט, עוזר וואַרשאַווסקי, יחיאל לערער, שלמה שיינבערג, מנשה אונגער, קאַליאַ טעפּער און נאָמבערג מיט זיין שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, יאַדזשע, וואָס האָט געקענט אָן אַ שיעור יידישע פאָלקס־לידער, אַזעלכע ווי:

איך זיץ און קוק אַרויס דורכן פענצטער,
פון קוימען גייט אַרויס אַ רויך.
איך האָב מיך פאַרליבט אין אַ גנבֿל,
פון וויינען האָב איך שוין קיין כּוח.
. . . .

דאָס פאָלקסליד האָט זי געזונגען און אַ סך אַנדערע ליבעלידער, ווי „דיין שיינע פיגור, דיין איידעלע נאַטור" און וועגן פאַרראַטן פון חתנים און פאַלשקייטן פון חברטעס; פון דער געטריַיער מאַמען און גנבימלעך „שומעראַנע" און נאָך און נאָך, אַזעלכע „מאַראַלישע" לידער.

געזונגען האָט יאַדזשע זייער האַרציק. גֿעהאַט אַ קאָנטראַלט. נו, איז שוין גאָרנישט צו באַשרייבן, ווי דער טאַטע פלעגט זיך איינהערן אין איר געזאַנג, קוקנדיק מיט אַ ביסל אַרויסשטאַרצנדיקע, אָבער זעלטן מילדע אויגן. ער האָט זייער ליב געהאַט פאָלקסלידער און דערצו נאָך פון אַזאַ זינגעריןן! דאַכט זיך, ווען עמעצער קומט צו גיין און לייגט אים פאַר אַ שטוב מיט גאָלד, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון הערן זי זינגען — וואָלט ער אויף אַזאַ טויש נישט באַשטאַנען.

אויף איינעם אַזאַ אָוונט האָב איך געהאַט אויסגעדריקט מיין מבֿינות אויף געזאַנג אומגעפּרעגטערהייט. כ'האָב געזאָגט אַ פרוי, איינע פון די געסט, וואָס האָט אויך געהאָלפן מיטזינגען מיט אַלע פאַרזאַמלטע, אַז זי קיין סאָלאָ וואָלט נישט

געקענט זינגען. כ'בין נישט זיכער, צי כ'האָב שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט אַזוינס „סאָלאָ", נאָר געזאָגט האָב איך עס איר, ווייל ס'איז מיר נישט געפאַלן איר זינגען. די פרוי האָט זיך פאַרלוירן אויף אַ מינוט, און איך האָב שפּעטער דער־פאַר ווידער געקריגן אַ פּסק פונעם טאַטן.

אַ מאָל איז שלום אַש געקומען אויף אַזאַ „ביבקע". דאָס איז געווען חנוכּה. ס'איז געווען אַ פולע שטוב מיט געסט און אַ פולער טיש מיט פאַרשידן עסנוואַרג. נאָר די געפילטע פיש האָבן אַשן צום בעסטן געשמעקט. ער האָט באַמערקט, אַז חוץ וואָס ביילטשע האָט געגעבן צום טיש פיש — האָט זי נאָך געהאַט אַוועקגעשטעלט אַ פולע פילימיסקע אויפן פענצטערברעט, זיי זאָלן נישט זויער ווערן. קיין „פרידזשעס" זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען און די פאַראַפּעטן זענען געווען ברייט, אַזוי אַז מ'האָט דאָרט געקענט אַנשטעלן אַ סך עסנוואַרג. האָט זיך אַש אויפגעשטעלט פונעם טיש מיט זיין טעלער אין דער האַנט, צוגעגאַנגען צו דער פילימיסקע, וואָס אויפן פענצטער און זיך אַנגעלייגט נאָך אַ שפּאָרע פאַרציע, צוריקקומענדיק צום טיש מיט אַ ברייטן שמייכל, ווי איינער רעדט: איך ווייס, וואָס ס'איז גוט.

ווען דער עולם האָט זיך שוין געהאַט אַנגעוויילט צו דער זעט און ער האָט אַנגעהויבן ביסלעכוויַיז אַהיימצוגיין, איז אויך אַש אַוועקגעגאַנגען, און איבער־געלאָזט חנוכּה־געלט בלויז מיר — דער ייִנגערער . . . — אַ זילבערנעם דאָלאַר. דאָס איז ביי מיר געווען אַ גוואַלדיקע זאַך: אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר, און נאָך דערצו פון זילבער!

טרינקען האָט דער טאַטע נישט געקענט. אויב ער איז געווען שיכּור — איז ער געוואָרן פּשוט קראַנק. דעמאָלט האָט ער נישט געוואָלט זיך לייגן אין בעט אַריין, נאָר אויסגעצויגן זיך אויף דער גאָלער פּאָדלאָגע. די ערד ציט אַרויס דאָס שיכּרות, פלעגט ער זאָגן. אַזוי איז ער אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט קרעכצנדיק, ווי אַ פאַר־וווּנדיקטער. דאָס צוקוקן, ווי דער טאַטע ליגט אויף דער גאָלער פּאָדלאָגע האָט אונדז פאַרשאַפן גרויס עגמת־נפש, אָבער אויף צו מאָרגנס איז ער געווען אין גאַנצן אין אָרדענונג.

איטקע האָט אַ מאָל געבערענגט אירס אַ פריינדין, וואָס האָט אויך געקענט גאָר גוט זינגען. עס האָט נישט לאַנג גענומען, ווי זיי ביידע האָבן אָנגעהויבן זינגען דאָס אוקראַיִנישע ליד „ווזיאַוו בי יאַ באַנדורו".* נו, נו, איז שוין דעם טאַטנס גליק גאָר נישט געווען אָפּצושאַצן, אַזוי האָט ער אָנגעקוואָלן פון אַזאַ מין דועט; איטקע — אַ מעצאָסאָפּראַן, און איר פריינדין — אַ קאָנטראַלט. נאָך מער האָט ער אָבער געקוואָלן פון דער צווייטערס שטים. אין „באַנדוראַ" זענען די נידעריקע טענער גאָר פאַרכאַפּנדיק. דערביי איז גראָד געשטאַנען חיה־הינדע לעווי, ווייסענבערגס אַ תּלמידה. אָבער זי האָט מען אין גאַנצן נישט אַרויסגעזען, ווייל . . . זינגען האָט זי נישט געקענט, און „וואָס פאַר אַ פרוי איז מען שוין מישטיינס געזאָגט, אויב מ'קען נישט זינגען?"

---

* אוקראַיִניש — איך וואָלט גענומען די באַנדורע.

אין אַ צייט אַרום איז דעם טאַטן מיט אַ מאָל געגעבן אַ פאַל איין אויפצוגעבן זיין גאַסטגעבעריַי, ד״ה אַפּצוזאָגן די וואָס וווינען ביי אונדז (און עסן, נאַטירלעך, צוזאַמען מיט אונדז). איז ער פריִער צוגעגאַנגען צו רוזשקען טענענבוים און איר געזאָגט, אַז ער קען זי מער נישט האַלטן, ווייל עס גייען אויף אים איצט שווערע צייטן, און דערנאָך דאָס זעלבע צו איטקען. מילא רוזשקע האָט זיך געקענט אַן עצה געבן, האָט עס זי פאַרדראָסן, אָבער זי איז אַוועק. איטקע אָבער מיטן קינד האָט נישט געהאַט וווּ אַהין צו גיין און זי האָט דעמאָלט אָפּגעוויינט אַ טאָג צוליב דעם. אויך ביים טרינקען איר טעגלעכע טיי מיט מילך, געדענק איך, האָט זי געוויינט.

דער סוף איז געווען, אַז זי איז יאָ געבליבן מיט אונדז.

אין יענער צייט האָט זיך דער שטיַיעראַמט, אָדער גראַבסקי — ווי מע פלעגט דעם אַמט רופן אויפן נאָמען פונעם פּוילישן פינאַנץ־מיניסטער — פאַרלייגט אויף אונדז, פאַר די נישט־באַצאָלטע פּאַדאַטקעס (שטיַיערן). פּאַדאַטקעס און גראַבסקי זענען געוואָרן סינאָנימען. מ׳האָט אונדז געזאָלט צונעמען אַ טייל פונעם מעבל, דער עיקר, דעם טיש פון שטוב. איז יוסף רובינשטיין געפאַלן אויף אַ המצאה: ער וועט אַרויסדרייען אַ פוס פונעם טיש און אים מאַכן פאַר אַ קאַליקע. גערעדט און געטאָן. איז ער געקומען ווען דער טאַטע איז גראָד נישט געווען אין שטוב, אַרויסגעדרייט איין פוס און אים באַהאַלטן אין קעלער, אונטער אונדזער דירה. דעם טיש האָט ער אונטערגעשפּאַרט מיט אַ שטויס ביכער. ווען מ׳איז פונעם שטיַיעראַמט געקומען אים נעמען און דערזען, אַז ס׳איז נישט כּדאַי — זענען די טרעגערס אַוועק מיט גאָרנישט. אַזוי איז דער טיש אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון גראַבסקיס הענט. אָבער ווען דער טאַטע איז אָנגעקומען פון גאַס און דערזען דעם אויפטו, האָט ער אַן אומצופרידענער געזאָגט אויף רובינשטיינען: „וואָס אַ ליטוואַק קען איינפאַלן!״

איטקע האָט זיך געהאַט פאַרשריבן אויף אַן אַקושעריע־קורס, געוואָלט זיך מאַכן זעלבשטענדיק. דער קאָפּ צום לערנען איז ביי איר גראָד נישט געווען קיין צו גוטער. אָבער, אַזוי ווי זי האָט געהאַט גרויס מזל צו מענטשן — צו מענער ווי צו פרויען — האָט זיך אויך אויף דעם אַקושעריע־קורס געפונען אַ דאָקטאָר, וואָס האָט אַוועקגעגעבן לאַנגע שעהען פון זיין טיַיערער צייט כּדי צו זיצן מיט איר, מיט איטקען, און איר אַריינשטופּן די לערע אין קאָפּ אַריין, זי זאָל קענען באַלייגן דעם עקזאַמען. דער זעלבער דאָקטאָר האָט זיך אין איר שטאַרק פאַרליבט און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, אָבער זי האָט אים אָפּגעזאָגט און — נישט נאָר אים. זי האָט געהאַט זעלטענעם חן אי ביי ייִדן אין די אויגן, אי ביי קריסטן. די קריסטן האָבן זי גערופן „פּיענקנאַ עסטערקאַ״.* עס זענען געווען אַ סך קרבנות. כ׳געדענק אַ בילד־שיינעם, שלאַנקן יונגן־מאַן מיט שוואַרצע האָר און טונקל־בלויע אויגן, וואָס פלעגט אַריינקומען צו אונדז, ווייל ר׳איז געווען „שטערבלעך״ פאַרליבט אין איטקען. געהייסן האָט ער בייטשמאַן, נאָר איטקע האָט אים גערופן „ניעוויאַדאָמסקי״.** ער

---

* פּויליש — די שיינע אסתרקע.

** פּויליש — דער אומבאַוווּסטער.

האָט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע און זי אַרויספאָדערן אַהין. ווייל ער האָט אָבער קיין וויזע נישט געקריגן, האָט ער באַשלאָסן זיך צו שמוגלען אויף דער שיף. הכלל, ער האָט זיך געשמוגלט אין אַ פּאַס, אָבער איז נישט דערפאָרן. ער איז ערגעץ אויפן וועג — אין מיטן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן — דערשטיקט געוואָרן זיצנדיק אינעם פּאַס. דאָס געוויסן האָט עפּעס איטקען נישט צו שטאַרק געפּייניקט צוליב דעם, הגם זי איז פון נאַטור געווען גאָר אַ גוטע.

נאָך איין קרבן איז געווען אַ לערער, וואָס איז געווען אין איר פאַרליבט לאַנגע יאָרן. איין מאָל האָט ער „געבעטן איר האַנט״, און נאָכן באַקומען אַן אָפּזאָג, איז ער אַהיימגעפאָרן און אויף דער באַן באַקומען אַ האַרצאַטאַק און איז געשטאָרבן. כ׳ווייס נישט, צי ווייל ער האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ, צי ווייל ר׳האָט זיך אַזוי שטאַרק גענומען דעם אָפּזאָג צום האַרץ.

און הגם איטקע האָט געהאַט אַזוי פיל הצלחה, האָט זי פון דעסט וועגן אין משך פון אפשר צען יאָר צייט געזאָגט, אַז זי איז אַלט פיר און צוואַנציק יאָר...

דער טאַטע האָט אַחוץ צו פערד, געהאַט אַ שוואַכקייט צו הינט. איז ביי אונדז אין שטוב געווען ממש אַ גאַנצע „פּשאַרניע״. ער פלעגט יעדעס מאָל ברענגען אַ גרויסן הונט פון גאַס, ווען ס׳פלעגט זיך מאַכן ווינטערצייט, אַז אַ הונגעריקער, היימלאָזער הונט פלעגט אים נאָכגיין. ער פלעגט אָבער נישט אויסזאָגן, אַז דאָס איז אַ היימלאָזער הונט, ווייל ביילטשע וואָלט אים אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט פאַר מורא, אַז ער איז נישט קיין געבאָדענער. האָט דער טאַטע איין מאָל געזאָגט, ווען ער האָט אַזאַ הונט געברענגט אַהיים, אַז ער האָט אים גענומען פון די בראָקס, זיינע פריינד. מיר האָבן געגלייבט, און כּדי אים היימיש צו מאַכן — האָבן מיר, גנענדל און איך, כסדר גערופן: „בראָק, בראָק״, צו זען צי ער ווערט פריילעך ביים דערהערן זיין באַלעבאָס׳ נאָמען. דער הונט האָט אָבער נישט רעאַגירט. — נישט ער האָט זיך אומגעקוקט, נישט ער האָט געדרייט מיטן עק פאַר פרייד... האָבן מיר געטראַכט: ער איז דאָך סוף־כּל־סוף נאָר בלויז אַ הונט, מוז ער דען וויסן, ווי אַזוי זיין באַלעבאָס הייסט?

איין מאָל, אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט, האָט דער טאַטע מיטגעפירט מיט זיך פון גאַס אַ ווייסן פּשוטן הונט. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „רעקס״, הגם ער איז גאָר געווען אַ געוויינטלעכער הונט און נישט קיין ראַסאַוועס. ער איז ביי אונדז פאַרבליבן שוין אַלע יאָרן.

דעם דאָזיקן הונט האָט ווייסענבערג באַשריבן אין זיין שפּעטערדיק 10־בענדיק ווערק אין דער טיפער אייביקייט. ער האָט אים געניצט, ווי אַ סימבאָל, ווי אַ פאַרשטייער פון די פלעבייער: די פּשוטע אַרבעטער אינעם קאָמונאַלן צוזאַמענלעבן, וואָס די פירערס האָבן זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן אינעם צוקונפטיקן גן־עדן, אויב זיי וועלן צוטראָגן צום בשותּפותדיקן בויען פונעם סאָציאַליסטישן שטאַט.

האָט אים אָבער ביילטשע געזאָגט: איטשע־מאיר, דער הונט הייסט דאָך „רעקס״, וואָס דאַרף מיינען גראָד דאָס פאַרקערטע פונעם פּשוטן פאָלק, מוזסטו דאָך אים געבן אין דיין ווערק אַן אַנדער נאָמען, אויב דו ווילסט אים, ווי אַ פאַרשטייער פונעם אַרבעטער־קלאַס. מע וועט דאָך נישט פאַרשטיין דיין כּוונה, אויב דו

רופסט אים „רעקס״. ווייסענבערג האָט אָבער בשום אופן נישט געלאָזט זיך איבער־צייגן, ווייל, ווי ער האָט געקענט אונדזער הונט, איז ער געוועזן נישט קיין ראַסאַ־ווער הונט, נאָר אַ פּשוטער, און אָט דעם פּשוטן הונט האָט ער געמיינט אַריינצו־פירן ווי אַ סימבאָל אין זיין ווערק. אלא מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „רעקס״ — איז ער דאָך נישט שולדיק, וואָס זיין נאָמען איז נישט קיין ריכטיקער. דער עיקר, דער הונט אַליין איז גראָד דער, וועמען ער מיינט צו געבן, ווי אַ פאָרשטייער פון די פּשוטע מאַסן.

דאָס זעלבע איז אויך געוועזן מיט זיינס אַ קורצער דערציילונג, וואָס ער האָט געהאַט פריִער אָנגעשריבן און זי אָנגערופן „מאַלגאַשאַ״. באַשריבן האָט ער אויך דאָרט אַ הונט, נאָר אַ נאָמען האָט ער אים געגעבן פון אַ מענטש. האָט אים ביילטשע געזאָגט: איטשע־מאַיאַ, מאַלגאַשאַ איז דאָך אַ נאָמען פון אַ מיידל און נישט פון קיין הונט, קענסטו אים נישט געבן אַ הינטישן נאָמען, נאָר דווקא אַ מיידלשן?

— ניין, ער קען נישט. דער נאָמען מאַלגאַשאַ געפעלט אים בעסער פאַר דעם באַשריבענעם הינטל (—מיט גרויס ליבשאַפט און קענטעניש פון דער הונט־פּסיכאָלאָגיע—) און אַזוי איז עס געבליבן.

איך, ווידער, האָב „דערקראַצט״ יעדעס מאָל עפּעס אַ קליין הינטעלע פון דער גאַס און עס אויך אַהיימגעברענגט. האָב איך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן — רייניקן נאָך זיי, אָפּהיטן, זיי זאָלן נישט צעררייסן די פירהאַנגען אין שפּיל וכדומה. ס׳האָט מיר גאָר קיין רו נישט געגעבן. איין מאָל האָב איך, גייענדיק אין שול אַריין, דערזען אַ הינטל אויף דער לעשנע־גאַס. וואָס טוט מען דאָ? — האָב איך געטראַכט — ווען כ׳וועל צוריקגיין פון שול, וועט דאָך שוין דאָס הינטל נישט זיין. ס׳וועט דען שטיין און וואַרטן אויף מיר? האָב איך עס מיטגענומען אין שול אַריין. דאָרט האָט עס מיר אין משך פון די עטלעכע שעה פון מיין זיצן אויף די לעקציעס, געגעבן גענוג קאָפּ־פאַרדרייעניש, ווייל מ׳האָט מיך יעדעס מאָל אַרויסגערופן פון קלאַס, כ׳זאָל זען, וואָס עס האָט „אָפּגעטאָן״ . . . פון ביילטשען האָב איך אויך נישט געהאַט קיין מנוחה, ווייל אין שטוב האָט זיך קיין שטויבעלע נישט געטאָרט געפינען. דאָס בעטגעוואַנט, למשל, האָט זי געהאַלטן פאַר נייטיק צו לופטערן אויך ווינטערצייט. פלעגט זי עס אַרויסלייגן אויף שטולן אויפן הויף און מיך געהייסן שטיין אין דרויסן און עס היטן, מע זאָל עס נישט צוגנבענען.

נאָכן אָפּשטיין אַ שטיקל צייט, איז מיר אָבער נימאס געוואָרן אַזאַ שמירה, האָב איך אָנגעהויבן הוסטן מיט אַ ספּעציעלן הייזעריקן קריי, ווי פון אַ הוילן פאַס אַרויס. דאָס האָב איך געקענט טון נישט דווקא, ווען כ׳האָב געדאַרפן הוסטן, נאָר צו יעדער צייט, ווען ס׳האָט זיך מיר נאָר פאַרגלוסט. דער דאָזיקער „ספּעציעלער״ הוסט איז מיר פאַרבליבן נאָך פון די קינדער־יאָרן, ווען כ׳האָב געהאַט אַ קרופּ.

ווי דער טאַטע האָט דערהערט מיין ברוסטהוסט, און אפשר אויך ביילטשע — האָט מען מיך באַלד געהייסן צוריק אַריינגיין אין שטוב און אַזוי בין איך אויס־געלייזט געוואָרן פון אַזאַ לאַנגווייליקער מיסיע, ווי שטיין אין קאַלטן דרויסן און קוקן אויפן בעטגעוואַנט.

ווען מ׳פלעגט פון דער היגיענע־אָפּטיילונג קומען אויף די וואַרשעווער הייף

מיט גאַנצע קעסלען צו דיסאינפיצירן די שטובן, האָט מען — בלויז איבער־טרעטנדיק די שוועל פון אונדזער שטוב — אַלע מאָל געקענט הערן: „טוטאַי ניע־מאַ פּאָטזשעבי״.*

איך האָב אָבער געהאַט טענות אויסצושטיין און פאַרלאַנגען נאָכצוקומען צוליבן הינטל, פוןביילטשעס זייט. נאָר ס׳איז ווערט געווען, ווייל די קליינע הינטלעך — ווען זיי שפּילן זיך און באַלעווען אַרום — האָבן זיי טויזנט חנען.

די איינציקע ביי אונדז אין שטוב, וואָס האָבן זיך באַמיט אָפּצוהיטן כשרות, אַזוי צו זאָגן, זענען געווען גנענדל און איך. עס האָט זיך באַקומען ביי אונדז אַ פּאָר־קערטע דערשיינונג, ווי אין דעם רוב ייִדישע היימען: דאָרט זענען די עלטערן געווען רעליגיעז און די קינדער אַפּיקורסים און ביי אונדז זענען גאָר די קינדער געווען די רעליגיעזע. פלעגט טרעפן, אַז דער טאַטע פלעגט מיר געבן שינקע צו עסן, ווייל כ׳בין געווען אַ מאַגערע און בלאַסע. איך האָב דאָס אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן, פלעג איך זיך אָוועקשטעלן ביים פענצטער, מכלומרשט אַרויסקוקן און עסן, און ביסלעכווייז אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער צו שטיקלעך שינקע. אויפ־געגעסן האָב איך בלויז דאָס ברויט.

אַז עס פלעגט קומען ערב־פּסח פלעגן מיר, גנענדל און איך, גוט האַלטן אַן אויג אויף ביילטשען, זי זאָל נאָר נישט אַריינברענגען אין שטוב אַריין קיין חמצדיקע פּראָדוקטן. אַז זי האָט געקויפט זאַלץ, למשל, צי עפּעס אַנדערס, פלעגן מיר זי איבערפרעגן, צי ס׳איז פּסחיקס — און זי פלעגט אַרויס פון די כלים צוליב אונדזער „שמירה״. דעם סדר האָט דער טאַטע אָפּגעריכט בלויז איינעם, צוליב טראַדיציע, אָבער דערפאַר מיט אַלע פּיטשעווקעס. דעם צווייטן סדר האָט ער שוין נישט געוואָלט אָפּריכטן.

איין יום־כיפור האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל זיכער פאַסטן. איך פלעג נישט יעדן יום־כיפור פאַסטן. איז אָבער געווען אויף יום־טוב אָנגעגרייט אַזאַ שיינע ברוינע, גלאַנציקע אייער־חלה, אַז זי האָט פאַרשמעקט די שטוב און איך האָב זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה: זאָל איך, אָדער זאָל איך נישט פאַרזוכן די חלה, וואָס האָט אַזוי געלאַקט.

אָבער איך האָב יאַקאָש גובר געווען דעם יצר־הרע און האָב באַשלאָסן: נישט. דאָס איז געווען ערב־יום־כיפור, נאָכן פאַרפאַסטן. זענען אָבער געקומען צו גיין צום טאַטן עטלעכע שרייבערס, מיט אַ פּראָפּאָזיציע מע זאָל מאַרגן אַלע אַרויספאָרן קיין אָטוואָצק צו איטקען. זי האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעצויגן אַהין און פּראַק־טיצירט אָקושעריע, נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס, און גאָר מצליח געווען.

פאָרן קיין אָטוואָצק — האָב איך געטראַכט — איז דאָך עפּעס אַ וואָזשנע זאַך. אָבער ווי אַזוי פאָרט מען דאָס עפּעס אין יום־כיפור? בין איך שוין ווידער געשטאַנען פאַר אַ נסיון. הכלל, ס׳איז מיך נישט געווען מקנא צו זיין יענעם אָוונט, ווייל ס׳איז מיר גאָר נישט לייכט געווען צו באַשליסן: יאָ פאָרן? — נישט פאָרן?

נישט פאָרן — איז שווער געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ נייַער דערפאַרונג. פון

* פּויליש — דאָ איז נישטאָ קיין באַדערפעניש.

דעם איז מיר אַלע מאָל געווען שווער זיך אָפּצוזאָגן, ווייל איך פלעג פאָרן אויף אַלע שול־אויספלוגן אַפילו מיט אַ פאַרשוואַלענער נאָז פון אַ קאַטאַר, וואָס כ׳פלעג קריגן יעדן פרילינג און האַרבסט. דער לערער זאַלצמאַן האָט מיר געוואָלט פאַרווערן מיטצופאָרן; געמאָסטן מיר די טעמפּעראַטור און מיך אַרומגערינגלט מיט דער גרעסטער באַזאָרגטקייט — אָבער ער האָט מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון אַזאַ פיל־צוזאָגנדיקער הנאה, ווי אַן אויספלוג. דער טאַטע פלעגט מיך אויך וועלן אָפּהאַלטן פון פאָרן מיט אַזאַ נאָז, אָבער דאָס האָב איך נישט דעם טאַטן און נישט דעם לערער זאַלצמאַן געקענט נאָכגעבן.

און יאָ פאָרן קיין אָטוואָצק? — גוואַלד, ווי פאָרט מען דאָס אין אַזאַ הייליקן טאָג, ווען אַפילו די פיש ציטערן אין וואַסער, ווי די באָבע פעסע פלעגט אונדז זאָגן.

דער סוף איז אָבער געווען: איך פאָר!

גנענדל איז געווען שטאַרקער און איז געבליבן אין שטוב.

און אויב איך פאָר — מעג איך דאָך שוין עסן די שמעקעדיקע חלה אויך. ס׳הייסט עסן האָב איך טאַקע נישט געטאָרט, נאָר עבירה גוררת עבירה.

אַז דער טאַטע זאָל פאַסטן יום־כּיפּור איז קיין רייד נישט געווען. „ניע פּאָסטאַי, ניע גנבאַי״, פלעגט מען אים אָפּט הערן זאָגן אין שטוב, אויך ביי אַ סך אַנדערע געלעגנהייטן.

ווי עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין אַ פאָלקס־תּענית, צוליב אַ נאַציאָנאַלן חורבן — האָט ער יאָ געפאַסט. ווען די אַראַבער האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן אָנגעהויבן זייערע טעראָריסטישע אָנפאַלן אויף די ייִדישע יישובים אין פּאַלעס־טינע, און ווען ס׳איז אַ געוויסן טאָג דערקלערט געוואָרן אַ תּענית אין 1929, צוליב די פּאָגראָמען פון די פאַנאַטיש־רעליגיעזע אַראַבער אויף די ייִדן אין חברון, האָט דער טאַטע יענעם טאָג געפאַסט. יענעם טאָג זענען אַלע ייִדישע געשעפטן אין פוילן געווען געשלאָסן. האָט ער דערציילט, אַז אויף דער גאַס האָט אים אַ פּאָליציאַנט געפרעגט, וואָס ס׳איז די סיבה, וואָס די ייִדישע געשעפטן זענען עפּעס פאַרמאַכט. האָט ער אים דערקלערט, אַז דאָס איז אין פּראָטעסט צוליבן חורבן אין חברון, און אַז דאָס ייִדישע פאָלק דריקט דערמיט אויס סאָלידאַריטעט די געליטענע פונעם פּאָגראָם.

דער פּאָליציאַנט האָט אויסגעהערט און אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכעלע:

— „אַ אָד טילו ניע ופּושטשאַיאָן?...״ *

דערויף האָט ער געענטפערט:

— „טעגאָ יאַ יוזש ניע וויעם״.**

געוווּסט האָט ער יאָ, אַז זונטיק, למשל, ווען אַלע געשעפטן האָבן געמוזט זיין פאַרמאַכט — האָבן ייִדישע שפּייז־סוחרים אַריינגעלאָזט קונים דורך דער הינטערטיר, נאָר דעם פוילישן פּאָליציאַנט האָט ער דאָס נישט געוואָלט צוגעבן. לויט דעם ענטפער וועט אפשר דער פּאָליציאַנט טראַכטן, אַז דאָס אַריינלאָזן דורך

---

* פויליש — און דורך דער הינטערטיר לאָזן זיי נישט אַריין?

** פויליש — דאָס ווייס איך שוין נישט.

דער הינטערשטער טיר איז אפשר נישט אַזאַ אָפטע דערשיינונג, ווייל ווען עס וואָלט יאָ געווען, וואָלט דאָך דער, וועמען ער האָט דאָ געפרעגט, אויך געוווסט דערפון.

אויף די אוקראַיִנער, וואָס זענען אויך נישט קיין קליינע שונאי־ישראל, האָט ווייסענבערג געזאָגט, אַז הײדאַמאַקעס האָבן קיין שכל נישט צו קיין פּאָליטיק. אין זיין „די ׳טריזוב׳*־אינטעליגענץ ביי יידן און אוקראַיִנער" (אונטערן אַלגעמיינעם קעפל „דער טעות פון די אוקראַיִנער") שרייבט ער וועגן דער אַנטלאָפענער אוקראַיִנער אינטעליגענץ פון זייער לאַנד — נאָך דעם ווי רוסלאַנד האָט עס פאַר־כאַפּט. ער זאָגט, אַז די אַנטלאָפענע קיין פראַנקרייך האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי וועלן אויסקעמפן פרייהייט פאַר זייער פאָלק, רעכענענדיק דערויף, אַז פוילן וועט דאַרפן אַ פאַרזיכערטע גרענעץ קעגן רוס פון זייער זייט, פון אונטער דער פּאַריזער בריק אָפּער ... (דאָרט האָט די אַנטלאָפענע אוקראַיִנער אינטעליגענץ גענעכטיקט). „הײדאַמאַטשינע האָט קיין שכל נישט צו קיין פּאָליטיק". זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי וועלן צוקריגן אַן אַלייִרטן צו זייער קאַמף פאַר באַפרײַונג, אפשר פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, אָדער פוילן. נאָר קיינער פון די אייראָפּעיִשע מלוכות קען פּאַגראָמשטשיקעס קיין האַנט נישט אויסשטרעקן, שרייבט ער. ווען זיי וואָלטן שׂכל געהאַט זיך אָפּצושאָקלען פון פּעטלורען און יענעמס „פרייהייט", כאָטש אַ שטיקל צייט פאַרן שוואַרצבאַרד־פּראָצעס און דערקלערן, אַז זיי מיט אים האָבן קיין שייכות נישט — ניצנדיק באַדאַי דעם אויסרייד, אַז פּעטלורע איז נישט זייערער, ווייל זײַענדיק כמיעלניצקיס אַן אייניקל, קען ער נישט שטאַמען פון קיין ריינער „הײדאַ־מאַטשינע", אַ סימן, דער נאָמען כמיעלניצקי איז נישט קיין ריין הײדאַמאַקישער — וואָלטן זיך די אייראָפּעיִשע לענדער מיט זיי אַ ביסל גערעכנט.

ווייל זיי האָבן זיך אָבער פון פּעטלורען נישט אָפּגעזאָגט, נאָר ריינגעוואַשן זיין נאָמען און זיין „פרייהייט"־באַוועגונג, זיינע פּאָגראָמען, האָט זיך קיינער אויף זייער שטרעבונג צו באַפרײַען זייער פאָלק פונעם סאָוועטישן באַגנעט, נישט געוואָלט אומקוקן, זעצט ווייסענבערג פאָר.

> און אָט דאָס נישט אָפּשאָקלען זיך, האָט זייער מיט שאַנד באַדעקט לאַנד אויך באַדעקט זיי, און צעבראָכן ליגט איצט זייער „פרייהייט"־באַוועגונג, ווייל זי איז זייער און זיי פּעטלורעס...
> ... עס דאַרפן פיל וואַסערן אָפּשווימען, אַז אַפילו אַ פאַראינטערעסירטע מלוכה אין דער „פרייהייט"־באַוועגונג זאָל עס קענען טאָן כאָטש אין אַ ווינקל, אָדער אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען גנבים טרעפן זיך...[34]

דאָס זענען אייגנטלעך די אופנים פון ווייסענבערגס שטיין אויף דער וואַך פונעם פּרעסטיזש פון דעם ייִדישן פאָלק: אי ער האָט עס געוואָלט באַשיינען אין די אויגן פון די אומות־העולם, אי ער האָט געמאָנט און געשטראָפט.

* טייטש: אוקראַיִנישער עמבלעם. די אַנטלאָפענע אוקראַיִנער אינטעליגענץ האָט זיך קאָנצענטרירט אין יענער צייט אַרום איר צייטונג „טריזוב", ניצט דאָס ווייסענבערג ווי אַ באַגריף: „טריזוב־אינטעליגענץ".

„אינזער האָפֿענונג"

ווייסענבערג האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן די צוויי־וועכנטלעכע אויסגאַבע פֿאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, אינזער האָפֿענונג, רעדאַקטירט פֿון אים אַליין. דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 15טן יאַנואַר 1926.

אָט די אויסגאַבע האָט געזאָלט הייסן „אויף די חורבות". דער צוועק איז געווען דער זעלבער ווי פֿון די פֿריערדיקע ליטעראַרישע אויסגאַבעס און ווייסענבערג דערקלערט אין זיין פֿאָרוואָרט צום 1טן נומער: „מיר שאַפֿן" —

הערנדיק די אַלע ניגונים, וואָס די צוגעשטאַנענע צו דער יידישער ליטעראַטור זינגען אַריין אין איר, טראַכט זיך נישט איין מאָל: גיט אַן אַרגאַן, און די חפצהלעך וועלן אַוועקגעטריבן ווערן פֿון איר, ווי דאַרף אַ כּישוף. אָט די באַשיידענע צוויי־וועכנטלעכע קליינע אויסגאַבע „אויף די חורבות" זאָל עס זיין דער כּישוף. ער באַזיצט דעם כּוח פֿון אמתן טאַלאַנט, וואָס אין פֿאַרגלייך מיט אים וועט זיך אַרויסזען דער דלות, בלייכקייט און טאַנדייט־שטיק פֿון די, וועמ עס איז נאַר אַ „פֿעדער־שמירער". דער דאָזיקער כּישוף „אויף די חורבות", וועט אויך שטיין אויף דער וואָך פֿון אַלע דערשיינונגען אין אונדזער ליטעראַטור־מערקל און, ווי דאַרף אַ רעפֿלעקטאָר וועט דאַרף אים אַלץ באַלויכטן ווערן. עס וועלן מער נישט זיין, נישט קיין חפצהלעך, נישט קיין תּנועהלעך, מען וועט נישט רעדן תּמעוואַטע פּרום, מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן צו גאָט, ווי מען טוט ביז היינט אין די אַלע בלעטלעך, אָדער זשורנאַלעכלעך. טראָץ דעם, וואָס אונדזער „אויף די חורבות" וועט היפּש לייסטן ווערטן פֿאַר אונדזער יידישער ליטעראַטור, וועט ער נאָך אַלע נייע דערשיינונגען אין איר גוט רעווידירן. קומט אַהער מיט מיר, אַלע מיינע חברים, לאָמיר פֿאַרטרייבן די אַלע עקרים, בעזדיעטניקעס, פּרוכטלאָזיקייטן, און שטעלט אייך מיט מיר אין איין ריי.[35]

ווייסענבערג רעדט אין דער ווייטערדיקער טייל פֿון זיין פֿאָרוואָרט „וועגן יידישער אָרטאָגראַפֿיע":

איך זאָג אייך דעם אמת: כּל־זמן די מויער איז געווען קיילעכדיק און פֿאַרמאַכט, האָב איך נאָר געקלערט וועגן ברעכן זי, און דערווייל בין איך אָפּגעקומען דערמיט. זענען אָבער. . . מ. . . און מ. . ., ווען זיי זענען נאָך געווען אין קיִוו, געוואָרן „רעפֿאָרמירער" פֿון אונדזער שפּראַך. און איך טראַכט מיר איצט: וואָס פֿאַר אַ גליקלעכע אידעע גאָט האָט עס זיי צוויי־ביידע צוגעשיקט, כּדי די פּויליש־יידישע אָרטאָגראַפֿיע זאָל קענען באַפֿרייט ווערן פֿון אירע קייטן, דערמיט וואָס זיי האָבן געמאַכט דעם ערשטן איינבראָך אין דער אָרטאָגראַפֿיע בכלל... אין דער היסטאָריע פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון דער פּויליש־יידישער, רומעניש־ייד., גאַליציש־ייד. און אונגאַריש־ייד. אָרטאָגראַפֿיע, וואָס זייערע אַלעמענס זענען איין דיאַלעקט, וועלן דאַרפֿן אָט די צוויי לייט געבענטשט ווערן... די נעמען פֿון זיי צוויי־ביידע בלייבן אַלזאָ, אין דער דאָזיקער מערקווערדיקער היסטאָריע, פּונקט ווי די נעמען פֿון דתן ואבירם, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום די יידן אין דער מדבר...[36]

אינעם זעלבן, ערשטן, נומער פֿון אינזער האָפֿענונג איז אויך דאָ אַן „אָפֿענער

בריוו״ פון ווייסענבערגן א״נ „די שריט פאַר דער יידישער ליטעראַטור״, ווו ער זאָגט צוו״א:

די „אויף די חורבות״ מיינט נישט די מיטאַרבעטונג פון אַזעלכע, וואָס וואָלטן איר אַחוץ זייער פּאָפּולאַריטעט גאַרנישט געקענט געבן צום געווינס פאַר דער ייד. ליטעראַטור.

„אויף די חורבות״ קען זיך פאַרגינען צו זיין גוט. זי האָט אונטער זיך אַן אייגענעם אוצר פון ווערק, וועלכע באַטרעפן אין זייער גוטסקייט אַזוי פיל, וויפל די גאַנצע יידישע נייע ליטעראַטור, אַנהייבנדיק פון מענדעלען, וויל איך וואָגן צו זאָגן. . . . צו דינסט פון דער קליינער, מאַטעריעל אָרעמער אויס־גאַבע „אויף די חורבות״ שטייען אַזאַ צאָל, נאָך קיין מאָל אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכטע, נייע שריפטן:

— מיינע אייגענע ווערק — 100 דרוקבויגן,

יחיאל לערער — 40, ש. ברייסקי — 40, ש. קאַרנבלום — 20,

חיים פלאַקס — 15, אַברהם הערש לאַדזשער [פלאַקסער] — 10.[37]

ס׳איז אויך דאָ אַן „ערקלערונג״:

ווי דער לעזער זעט פון פאָרוואָרט, האָט אונדזער זשורנאַל געזאָלט הייסן „אויף די חורבות״. . . . אָבער אין די לעצטע טעג פאַרן דערשיינען פון אינזער האָפענונג, האָב איך מיך מישב געווען. מען דאַרף נישט פאַרצווייפלען אַפילו אין די סאַמע ערגסטע טעג. ווי זאָגט אַחד־העם: אַז אַ לאַנד איז חרוב קען מען עס בויען, אַ פאָלק נאָר, אַז ס׳איז חרוב — איז קיין האָפענונג נישטאָ. און איך, גלייבנדיק אין פאָלק, איז פאַר מיר אַליין דער דאָזיקער נאָמען „אויף די חורבות״ געווען אַ קעגנזאַץ צו מיין גלויבן. חרוב זענען נאָר די קולטור־גיטער, אָבער איך גלייב נישט אין חורבן פון פאָלק. כאָטש אַ סך פון אונדזערע וואָרט־פירער, טרייסט־ברענגער, וואָלט מען געדאַרפט דערווייטערן פון דער יידישער מחנה. מיט מיין גאַנצן גלויבן און טיפסטן באַוווסטזיין טראַכט איך — לאָזט אונדזער פאָלק בלינדערהייט, אומוויסנדיקערהייט, מיט זיינע אייגענע חושים, אַן פאַלשע און אומגעטרייע וועג־ווייזער, עס וועט זיך דערשלאָגן צו אַ ליכטיקן ברעג. עס וועט נאָך קומען דערצו, אַז זיין באַטייליקונג אין וועלט־קאַראַכאָד צווישן די אַלע פעלקער וועט ווערן נישט קיין אונטערשטעליקע און ס׳וועט אָפּגעווינען צוריק ביי דער וועלט דאָס אַלץ, וואָס די וועלט האָט דערפון צוגענומען. און אָט טאַקע פאַר דעם דאָזיקן גלויבן מיינעם שטימט נישט מיט מיר צו טראַכטן וועגן חורבות, אַפילו ווען אונדזער קולטור ליגט צעשמעטערט. טאַקע צעשמעטערט, אָבער דאָס איז נישט קיין פאַלגע, נישט קיין פוילער שפּראָץ פון אונדזער אינערלעכקייט, נישט קיין שוואָם אויפן קערפּער פון בוים, ווייל דאָס אינעווייניקסטע פוילט, נאָר די אומגליקלעכקייט פון אונדזערע פירער. און דאַדאַרך האָב איך אַפילו ביי איצטיקער צייט. . . פונדעסטוועגן נישט געוואָגט אַרומצוטראָגן זיך מיטן וואָרט חורבות. איך זאָג: אַז דער מענטש איז דאָ איז אַלץ דאָ. אַלץ קען ווערן צוריקגעבויט. גלייבנדיק אין אונדזער פאָלק איז נאָך גרויס „אינזער האָפענונג״.[38]

און אינזער האָפענונג האָט דער זשורנאַל געהייסן.

אינעם זעלבן „אָפענעם בריוו״, „די שריט פאַר דער יידישער ליטעראַטור״, דערקלערט אויך ווייסענבערג:

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די צייט איז אַ שווערע, . . האָב איך מיין

אונטערגעגומענעם פלאַן פאַר איר [דער ליטעראַטור], מיט גרויס מי און שוועריקייט פאַרט דאַרכגעזעצט, כאַטש אין דער גאַנצער גרויס, ווי איך האָב געפלאַנט איז עס מיר נישט געלונגען.

האָט טאַקע ווייסענבערג אין זיין אינזער האַפענונג געגעבן שאַפונגען פון יונגע טאַלענטירטע דיכטערס און פּראָזאַיִקערס. מ׳האָט אויף יענע שפּאַלטן געקענט זען די געטלעכע געזאַנגען פון

יחיאל לערער* — „תּהילים פאַר אַן איינזאַמען״, „שטילקייט אין שטורעם״, „ברונעמס אין פעלד״.

מנשה פרענקעל — „אבו כאַסאַן״, אַ פּראַקטיקע דערציילונג.

אינזער האַפענונג האָט אויך באַקענט דעם ייִדישן לייענער מיט די גרויסע קונסטווערק פון די אומות־העולם. אויף זיינע שפּאַלטן האָט מען געקענט זען די וווּנדערלעכע איבערזעצונגען פון ד״ר א. אייסען, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסערע ייִדישע דיכטער־איבערזעצערס. ער האָט מיט אַ זעלטענער געטריישאַפט צום אָריגינאַל איבערגעזעצט דעם אומפאַרגעסלעכן, באמת מאָנומענטאַלן „טהענאַטאָפּסיס״ פון וויליאַם קולען בראַיאַנט. לייענענדיק די אַ עפּאָפּעע וועגן טויט — ווערט עפּעס לייכטער דאָס שטאַרבן... אויך איז דאָ אין אינזער האַפענונג אייסענס איבערזעצונג פון לאָגפעללאָס „קערפיו״ א״א.

נחום אייבעשיץ — איבערזעצונגען פון פרידריך נישטעס עקצע האָמאָ, פּאָעמעס פון ציקל דיאָניזאָס דיפעראַמבן א״א; „לודוויג וואַן בעטהאָווען (צום 100סטן יאָרצייט)״, עסיי, און „צו בעטהאָווען״, ליד, אויך צום מוזיק־גיגאַנטס 100סטן יאָרצייט.

ח. ליבערמאַן — איבערזעצונג פון הערמאַן העססעס אויפזאַץ, „דער דיכטער״, וואָס העססע האָט אָנגעשריבן (צו זיין 50־יאָריקן געבורטסטאָג).

אַהרן בעקערמאַן — איבערזעצונג פון אַלפרעד פערלעס אָפּשאַצונג, „דאָס פּריוואַט לעבן פון דער שיינער העלענע (אַ בוך פון דזשאָן ערסקין)״.

י. וויגדאָראָוויטש — איבערזעצונג פון טשעכאָוס „דאָס נישט־געזעצלעכע״.

אויך זענען דאָרט געווען מייסטערס־עסייִסטן און קריטיקערס, ווי

י. וואָגמאַן, וואָס זיין קריטיק איבער אַן אַנדערנס קונסטווערק איז אַליין קונסט פון דער העכסטער מדרגה, ווייל מע האַלט זיך אין איין אָנפילן מיט דערהויבנקייט לייענענדיק זיינע עסייען: „וויספּיאַנסקי און זיין מיסטיק (צו זיין 20סטן יאָרצייט)״, „מאָריס מעטערלינק, דער דיכטער און דענקער״, „וולאַדיסלאַוו סטאַניסלאַוו ריימאָנט״, „מאַקסים גאָרקי״.

צו אָט דער עסיי איז געגעבן אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע אינזער האַפענונג, ווי זי דריקט אויס צופרידנקייט, „וואָס צום 60סטן געבוירן־טאָג פון גאָרקין איז איר געלונגען צו געבן די בעסטע אָפּשאַצונג פון דער גאַנצער פּרעסע, וואָס מאַכט מעגלעך דעם לעזער צו דערקענען דייטלעך קלאָר דעם גרויסן גייסט פון גאָרקין״.

---

* יחיאל לערערס לידער האָט ווייסענבערג אין זיינע ליטעראַרישע אויסגאַבעס געגעבן מיט גרעסערער שריפט.

ד. אַבאַרבאַנעל — „הענריק איבסען און זיין שאַפן (צו זיין 100־יאָריקן געבוירן־טאָג)", „סטאַניסלאַוו פּזשיבישעווסקי — זיין לעבן און שאַפן", „געאָרג בראַנדעס".

ראָבערט מעריסמאַן — „דאָס דערוואַקסענע ווונדערקינד, א. לוצקי", „דער שטאַמלער", „שאַרפזיניקע אַקראָבאַטיק, אַנשטאָט שעפערישער קריטיק", „יוסף ראָלניק", „מאַני לייב", „משה קולבאַק", „עוזר וואַרשאַווסקי" א"א.

די לעצטע איז גאָר אַ נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון וואַרשאַווסקיס טאַלאַנט בכלל און די שמוגלאַרס בפרט. דערויף האָט די רעדאַקציע אינזער האַפענונג געגעבן פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„די רעדאַקציע איז נישט מסכים מיט דעם אויטאָרס אויפפאַסן וואַרשאַווסקין. מיר ווילן אָבער קיינעם, וואָס האָט געדאַנקען און קען עמפּינדן, נישט לייגן קיין וועטאָ אויף זיינע מיינונגען. מעגלעך, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צווייטע באַהאַנדלונג וואַרשאַווסקין פון ווייסענבערגן".

לעאָ קעניג — „דער דיכטער, וואָס קען נישט לאַכן"; „משה נאַדיר".

משה נאַדיר — „עס דיר נישט אָפּ ס'האַרץ, שלום אַש".

מרים ב. יאָסעם — „עלזאַ לאַסקער־שילער, די יונגע דייטשע ליריק".

פאַנאַיט איסטראַטי — „אַ וויזיט ביי גאָרקין" (איבערזעצונג).

מרדכי אָלעי — „ליטעראַטור און שונד", „וועגן אונדזער שפּראַך".

י. ר. ברינמאַן — „א. אייסענס איבערזעצונג פון רובאַיאַט פון אָמאַר קאַיאַם (לויט פיטזדזשעראַלד)", „חיים ליבערמאַנס ליטעראַרישע סילועטן", „משה לייב האַלפּערן", „דער גאָלדענער קוקוריקו! פון ז. ווײַנפּער".

ש. באַלסאַם — „ברוך שפּינאָזאַ, דער פּיאָנער פון פרייען געדאַנק".

ז. פייגין — „מענדעלע מוכר ספרים (צום 10טן יאָרצייט)".

ישראל שטערן — „שלום עליכם (צו זיין 10טן יאָרצייט)".

מ. ב. שטיין — „אין פייער און אין בלוט פון ק. ח. היישעריק".

ה. ערליך — „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

א. מ. זילבערמאַן — „ריינער מאַריאַ רילקע".

אַ. קאָרד — „לודוויג וואַן בעטהאָווען (צום 100סטן יאָרצייט)".

מ. ראַקאָווסקי — „די מאָדערנע אירלענדישע ליטעראַטור".

ד"ר א. גליקסמאַן — „מאַרקעס".

חיה עלבוים — „רייזע־בילדער".

ד"ר איזידאָר אַבראַמאָוויטש — „די וועגן, וואָס פירן צו באַנקראָט אין דער יידישער ליטעראַטור".

לאַהטשע האַלפּערן — „אַכטונג אייראָפּע! (צום שוואַרצבאַרד־פּראָצעס)".

דערצו איז פאַראַן אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע:

„די אויטאָרין פון דעם בריוו איבערן שוואַרצבאַרד־פּראָצעס ווערט געבעטן אין רעדאַקציע אַריין".

ש. ט. בוים — „פון דער יידישער גאַס (פאַרשטייענדיקע וואָלן צום סיים, סענאַט)".

י. מ. ווייסענבערגס עסייען, פּאָלעמיק, דערציילונגען און פּיעסעס.*

אחוץ די דאָ אויסגערעכנטע, זענען די פּראָזע־שאַפֿונגען און פּאָעזיע פֿון מײַנסטנס יונגע טאַלאַנטן געווען ברייט פּאַרטרעטן אין אינזער האָפֿענונג. נישט אַלע ווערן דאָ אויסגערעכנט, ווײַל דאָס וואָלט פֿאַרנומען צו פֿיל אָרט. ס'זענען דעריבער אָנגעגעבן בלויז די נעמען פֿון די באַטייליקטע מחברים:
שמעון האָראָנטשיק, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, יחזקאל קייטעלמאַן, שׂרה בירנבוים, שלמה קאָרנבלום, שלמה ברײַנסקי, חיים פלאָקס, ח. שפּערקאַ, אַ. ה. פלאַקסער, שלמה שײַנבערג, י. ראַפּאַפּאָרט, נפתּלי גראָס, י. אַשענדאָרף, יעקב פּאַט, יוסף ראָלניק, מ. שולשטיין, ש. זאַראָמבּ, מנשה אונגער, ירחמיאל נייבערג, ש. מאָרוויל, ז. פּיעטרושקאַ, חיה־הינדע לעווי, טוביה ווינער, נ. פּערסקי, מ. נאָטיטש, ז. קורלענדער, גינע קליין, יצחק אָרי בערגער, ש. דאָן, א. ווערטהיים, פייגל פּוזשיצקי, מ. גראָדזיצקי, מ. גר, אַהרן קאַוואַ, משה מילער, האָרי דאָמבּ, הרב י. זלאָטניק, ש. מאָראָוויטש, ירחמיאל שטייגמאַן, י. ב. ציעכאַנאָווסקי, נח וויטאַל, אַברהם זאָנשיין, ב. פרידמאַן, ח. פלאָטעק, מ. מאַזיאַ, העניע טאָנדאָווסקאַ, אַברהם פּאַליוואַ, ש. פּיזעל, ח. בורשטין־האַנדעלסמאַן, דוד קליינמאַן, וו. בלאַדי, העניך ערליך, שמואל סענדזשין, אַ. וואָלאָשקי, מ. אוזערפּאַטער, ע. פּ. שטראַטען־שטערנבערג, אַ. רוסקאָלענקער, י. סאַרנאַ, יוסף גאָלדהאַבער, מ. גראָבער, א. ריעזשיק, נ. האַלער, ח. וויסאַצקי, ד. פלאָטעק, י. ערליך, יצחק גאָלדמאַן, ב. באַרנשטיין, י. בערגמאַן, שׂרה עפּלבוים, שׂרה טענענבוים, מ. רובין, יצחק פרידמאַן, אסתּר בערמאַן, רבקה פליישער, יצחק ווײַנטרויב, א. ל. גרינבלאַט, אליהו גאָלדבערג, אַהרן גרינבוים, מ. ליבלינג, ז. רובין, י. מ. לעוו, אַ. פּאַלמאַן, א. י. ד., דוד קופּער, י. ב. שפּאַנצער, ש. י. האַרענדאָרף, פּנחס גרמיזה, אַ. ליפּאַ, מ. גאָלדבערג, מ. עלין, ה. בזשוסטאָווסקי, ברוך ווײַנריב, א. ראָטשטיין, יצחק פּערלאָוו א"א.

צום 29סטן און 30סטן נומער אינזער האָפֿענונג זענען אפֿילו דאָ ספּעציעלע ליטעראַרישע בײַלאַגעס פּאַר בלויז פּאָעזיע פֿון אַ גאַנצער ריי נײַע נעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי:
זשאַק ספּאַרטאַנין, נ. הייפּערמאַן, רחל האַלטער, נ. קראַוועצקי, ברכה קאַראַב־צינסקי, א. ב. יאַבלאָנקע, י. יאַנאָוער, נ. שטערנבערג, ב. טערקעל א"א.

צווישן די דאָזיקע זענען אָפּגעדרוקט אָן אַ נאָמען פֿונעם מחבר די סאָנעטן: „דאָס לעבן", „פֿאַר וואָס?", „ניי־יאָר־מאָטיוון".

די רעדאַקציע גיט דערבײַ אַזאַ מודעה:

„מיר בעטן דער פּאָרפאַסער זאָל זיך אָפּרופֿן. דער נאָמען און אַדרעס זענען אונדז פֿאַרלוירן געוואָרן, נאָר די לידער זענען געבליבן פֿון דעם אומבאַקאַנטן".

צו דער ליטעראַטור־בײַלאַגע פֿון נומ' 30 אינזער האָפֿענונג איז דאָ ווייסענ־בערגס אַ דערקלערונג צו די ספּעציעל פֿאַרעפֿנטלעכטע צוגאָב־לידער:

---

* אַ רשימה איז אָנגעגעבן ווייטער, צוזאַמען מיט ווייסענבערגס ווערק. זען ביבליאָגראַפֿיע I.

אַ פּאָר ווערטער

דעם ברייטן יידישן לעזער האָב איך איבערצוגעבן, אַז ער זאָל נישט קוקן, ווי אויף גלאַט „לידלעך" אויף די, וואָס ווערן געדרוקט אין דער ביילאַגע פון אינזער האָפענונג.

איך מאַך דעם לעזער אין דעם נישט שולדיק, וואָס ער קוקט מיט אַזאַ ביליקייט אויף לידער־אויסגאַבעס. איך גיי אַפילו אויך נישט איין אויף די סברות, וואָס ווערן אין די אַנדערע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן, נישט בלויז אין דער יידישער, דיסקוטירט: אַז דער ווערט פונעם ליד איז היינט אין אַלגעמיין געפאַלן, ווייל גאָר ווייניק איז די וועלט היינט פּאָעטיש. בכן, ס'איז אַ צייט פון גרויסער טעכניק, פון האַנדל־וואַנדל, מיט איין וואָרט — אַ צייט פון האַסט און לויף אָן רו. בכן — — ס'איז פאַרגאַנגען יענע צייט, ווען מיט אַ ליולקע אין מויל האָט זיך אַן עלטער געוואָרענער פאָטער ביי גויִם, ווי ביי יידן, געקענט פאַרגינען אַנידערצוזעצן ביי אַ ספר, אָדער בוך און גוט מעיין זיין אין עין־יעקב, אָדער אין שילערן; אַז אויך די וויל־האָבנדיקע דאַמע האָט געהאַט אַ שטיל צניעותדיק אַריסטאָקראַטיש שטוב־לעבן מיט אַ בינטל בלומען אין אַ בוך... בכן, אַז אויך די יוגנט איז צוגעפּאַסט צו דער היינטיקער צייט. מען זיצט נישט מער איבער ווערטערס ליידן, נאָר מען לויפט... מען גייט... ספּאָרט — דאָס איז, דער עיקר, פּרוכט פון אונדזער צייט; מען דאַרף זיין פאַרהאַרטעוועט, אויך די מאַשין איז פון שטאָל — מיט איין וואָרט: דער מענטש איז דער אויס־דריקער פון זיין צייט. אַפילו טענץ — זענען זיי אויך מאַשינען־אַרטיק. אַ טשאַרלסטאָן־טענצער שאָקלט זיך צוזאַמען מיטן מיידל פּונקט, ווי צוויי קעגנאיבערדיקע אויפגעשטעלטע פּזשענזשינעס...* נישטאָ דער אַמאָליקער וואַלס, וואָס אין זיין מעלאָדיע האָט זיך געהערט אַזוי פיל ראָמאַנטיזם; זיינע טענער האָבן טרויעריקלעך־זיסלעך אַרויסגעדרונגען אין דער נאַכט אַריין דאָרך דעם אָפענעם פענצטער פון אַ יידישער חתונה־שטוב. ווער שמועסט נאָך, אין אלול־נעכט; ווי פיין, מיט אַ לאַנגזאַמען טעמפּאָ, האָט זיך געוויקלט דער ריטעם כמעט מיט אַ פאַרנעפּלטקייט... יאָ! — נישטאָ מער קיין פּאָעזיע אַפילו אין די טענץ, . . . ס'איז דאָדאָרך אַ פעסטער אָנשפּאַר די היינטיקע צייט פאַר די אַלע, וואָס זאָגן זיך אַרויס, אַז זי איז נישט מסוגל צו קיין פּאָעזיע, ס'איז דער אָנהייב פון דער ענד מיט איר... איז דאָך, דאַכט זיך, די זאַך באַגרינדעט, ד"ה געענדיקט מיט דער פּאָעזיע. וואָרן וואָס האָט נאָך אַזוי פיל קראַפט ווי דאָס געזעץ פון דער צייט? אָבער שאַ'ט... ס'איז נאָר באַגרינדעט פאַר נאַראָנים און אויך סך־הכּל־מאַכערס, וואָס געפינען זיך אין יעדער צייט, וואָס זענען אויך נאַראָנים, נאָר מיט אַ לאָגיק... די מעשה איז, וואָס די צייט אַליין איז אויך נאָר צייטלעך... ס'איז דאָך גאָר פּשוט: מענטשן מיינען, אַז אַלץ, וואָס דעם מענטשנס גייסט שאַפט איז נישט מער, ווי דאָרך דעם געזעץ פון דער צייט. אַדרבא, זאָלן מענטשן אָפּלעבן טרוקן אַ געוויסע צייט, און ענגלישע „ליידיס" זאָלן זיך נישט אָנכאַפּן מיט לייב און זעל און אפשר אויך מיט אמתער באַהאַרצטקייט אין „קופּיטיע בובליטשקי".** דער נאָר קוקט אַרויף ווי אויף אַ מאָדע, — נאָר „מאָדע" איז נישט עפּעס אַנדערס, ווי אַ טיפער פאַר־

---

* פּרוזשינעס.

** רוסיש — קויפט בייגעלעך.

לאַנג פֿון אַראָפּוואַרפֿן דאָס אַלטעגלעכע, דאָס גראָע. וואַרט, זאָלן מיר נאָר
לעבן אַ שטיקל צייט אָן פּאָעזיע, מיר וועלן זען, ווי אַזוי די מאַשינען מיט דער
גאַנצער טעכניק אין איר צייט וועלן אונדז נישט פּאַרמיאָוסט ווערן... „כּי
נפשנו [ונפשנו] קצה בלחם הקלוקל"... — און נישקשה, מיט דער רעליגיע
איז עס נאָך אויך נישט אַזוי פּשוט. אויב מענטשן וועלן נישט געפֿינען קיין
אַנדערע פֿאָרמען אין וואָס אויסצוגיסן זייער אוממיטלבאַרן דראַנג נאָך
פּאָעזיע, פֿון פּשוטן הונגער נאָך מאָמענטן אין וועלכע מען ווערט פּאָעט, וועלן
זיי די צייט אויך איבערקערן... די רעליגיע צוריק אויפֿלעבן, כאָטש אין איר
פּרימיטיווער רייַנקייט — וועט מען פֿייערן געצן, וועט מען טאַנצן
אַרום פֿרוייען, וועלן זיך בילדן קרייזלעך פֿאַר אַרגיעס, ווייל פּאָעט צו זיין איז
ביי יעדן מענטש אַ באַדערפֿעניש, פּונקט ווי צו לעבן.
נו, געוויס גערעכנט ווערן פּאָעזיע, דעם ברייטן ליבן יידישן לעזער רעקאָ־
מענדיר איך די לידער פֿון אונדזערע ביילאַגעס, וואָס זענען פּאָעזיע אין זייער
תּוך, נישט אין „אַנשטעל" פֿון ווערטער, ווי עס זענען געוועזן אַ שטיק צייט די
לידער פֿון דער חד גדיא, דאַרף וועלכע לעזער האָבן אַנגעהויבן אין אַלגעמיין
אויסצומיידן לידער... [39]

אָן אַנדער וואַריאַנט, וואָס ווייזט ווייסענבערגס קעגנערשאַפֿט צו אַלץ, וואָס
איז מעכאַניש, טעכניש און אויסרעכענונג, געפֿינט מען אין זיין אויבן דערמאַנטן
מאמר „דער טעות פֿון די אוקראַינער":

...מיר האָבן דערגרייכט די גרעסטע שטופּע פֿון אויטאָמאַטישקייט אין
אונדזער לעבן. אַוועק מיט אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט שטעלן אונטער קיין
ציפֿערן, נישט סדרן, נישט טאָן לויט אַ פּראָגראַם, אָדער פּלאַן. אַלץ, וואָס נישט
דאָס, הייסט — מיט ביטול — סענטימענט. דאָך מאַכט זיך אַ מאָל, חכמים זיצן
אָפּ בייזאַמען וואָכן, חדשים איבער איין בשותּפֿותדיקן פּלאַן — און עס ענדיקט
זיך מיט אַ ריין פּאַרפּירעניש, אָן אַדאַרכפֿאַל פֿון אַלע ציפֿערן אַרום און אַרום,
אַ צעלעכצונג פֿונעם פּראָגראַם, אָדער פּלאַן, ווי פֿון אַ פֿעסל, וואָס איז אַ טאָג
געשטאַנען אויף דער זון און עס צעשיט זיך אין באַזונדערע קלעפּקעס. זאָל
דאָס אמת זיין, אַז אונדזער לעבן פֿאַרמאָגט נאָך פֿאַרבאָרגענע ווינקעלעך,
וועלכע מען קען מיט דעם ציפֿער־כּלי־זיין נישט אַטאַקירן, נישט איינמעמען און
אַפֿילו נישט אַריינשיסן אין ציל?... אָדער איז דער מענטש נאָך אַלע זיינע
קונצן, נישט קיין גאָר גרויסער בעל־שכל, כאָטש קיין סודות, פֿאַרבאָרגענע
כּוחות רינגלען אונדז נישט אַרום?... — דער גאַנצער סוד — דאָס לעבן טוט
זיך זיינס אין דער שטיל, אונטער אונדזערע אויסרעכענונגען, וואָס האָט אויך
אַ רעכענונג, נאָר נישט דעם, וואָס מענטשן ווילן נעמען אויף זייער רעכן־
ברעטל (סטשאָטניק...) נישט וועלנדיק אָננעמען, אָדער נישט דערגרייכנדיק
צום אמת, צום געזעצלעכן אמת, אָן זייער מאָס... — מעגלעך, אַז דאָס לעבן
איז נאָך געוויס טיף, אָדער דער מענטש — געוויס נאַריש און פֿלאַך.[40]

אינעם פּאָלעמישן עסיי „ווער מיט ווען?" זעט ווייסענבערג פֿאָרויס דעם
היינטיקן מצב פֿון יִדיש־לייענער און במילא פֿון דער יִדישער שפּראַך. ער זאָגט
דאָרט, אַז מיר וועלן דעם יִדיש־לייענער אָנווערן, פֿאַרטרייבן צוליב דעם סאָרט
ליטעראַטור וואָס מע דערלאַנגט אים, אַזוי אַז ער וועט אָנווערן דעם חשק צו
לייענען יִדיש און וועט במילא זוכן לייענשטאָף אין אַ פֿרעמדער שפּראַך.
אין יענער צייט האָבן זיך אין די ליטעראַרישע בלעטער באַוויזן אין אַ ריי

נומערן, 18, 19, 20 א״א, נאָטיצן וועגן אַ שרייבער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געזאָלט גרינדן אַ „וועלט־בונד פון יידישע שריפטשטעלער" מיט פאָרשטייערס אין די גרעסערע צענטערן איבער דער וועלט, און אין נומ׳ 43 האָט זיך געפונען אַן אויפרוף:

„יידישע שרייבער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!"[41]

קאָמענטירט ווייסענבערג די דאָזיקע לאָזונג מיט אַ מכלומרשטער באַרעכטיקונג, און ווייזט אויף דערביי דעם אומזין פון אַזאַ מין איינפאַל. די „באַרעכטיקונג" איז געשריבן אין איראָנישן טאָן, ווי ער טוט דאָס אָפט בשעתן קריטיקירן באַגאַנגענע אומגלייכקייטן:

ווער מיט וועמען?

כּדי דאָס אָרגאַניזירן זיך זאָל זיין מיט דערפאָלג — מוזן די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן אַ געניטן פּלאַן מיט פעסטע געזעצן.

... דער עיקר איז, אַז די אידעע איז אַ צוגעטראָפענע און אַז זיי [די וואָס האָבן דעם פּלאַן געבוירן] האָבן גוט דערשפּירט דעם מאָמענט, די באַדערפענישן פון די אַלע וואָס קענען און מעגן זיך אָרגאַניזירן. ס׳איז אַ „קינד" פון דער צייט. דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער זעט זיין רעטונג אין „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך" און אויך דער שרייבער, דער קינסטלער דאַרף עס זען. . . .

— וואָס הייסט? וועלן אַלע פרעגן — ווי קומט קונסט מיט אָרגאַניזירן זיך, צי וועט דען דאַרך דעם איין בוך ווערן אָנגעשריבן אַ בעסערס? ווער איז געווען אָרגאַניזירט: ניטשע, דאָסטאָיעווסקי, . . . ? צי דער כּוח פון אָרגאַניזאַציע האָט זיי געגעבן דעם טאַלאַנט? און אין די צייטן פון האָמערן, ווען עס איז נאָך גאָר נישט געווען באַקאַנט דאָס פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירן זיך, האָט ער דען נישט געקענט אָנשרייבן איליאַדאַ, אָדיסעאַ? און סערוואַנטעס, זייענדיק גאָר אַ געפלאָגטער אין אַ געפאַנגענלאַגער — זיין דאָן קיכאָט, לאַנגפעללאָ: הייאַוואַטהא, און נאָך און נאָך אַזעלכע גאונים, און אָן אָרגאַניזאַציע?

מען זאָגט אויך, אַז געטע האָט אפילו נישט חתונה געהאַט, כּדי ער זאָל נישט האָבן דאָס ווייב פאַר אַ שותּף צו זיין קאָפּ, און דאָ גאָר אָרגאַניזאַציע?...[42]

און כּדי מען זאָל נישט מיינען, אַז „שרייבער, פאַראייניקט אייך" איז געווען אַ שפּאַס, דערקלערט ווייסענבערג פאַר וואָס די דאָזיקע שרייבערס מעגן זיך יאָ פאַראייניקן:

ערשטנס זענען די אַלע אויסגערעכנטע גאונים פון פריִער, שוין נישטאָ. אינדיווידואומען קענען זיך טאַקע נישט אָרגאַניזירן. מיר האָבן היינט דעם סאַמע, סאַמע דורכשניטלעכן טיפּ שרייבער, וואָס זיי אַלע זענען אַזוי ענלעך איינס אויף דאָס אַנדערע, אַז ווען זיי צעשרייבן זיך אַלע גלייך אין איין טאָג (און דאָס טרעפט אָפט), הערט איר פון זיי אַלע, ווי איין געזשומזשעריי פון פליגן. . . . אַפילו קיין איינע נישט גרעסער איינע פון דער צווייטער — ווען איר זאָלט אפילו קוקן דאַרך אַ טעלעסקאָפּ — מיט קיין הונדערטסטל מילימעטער. ס׳איז דאַדאַרך אַלץ גלייך, איין גרייס, איין טיף און אפילו איין שניט, אַזוי אַז די מורא

פאַר אינדיווידועלקייט, פאַר נישט קענען זיך אָרגאַניזירן איז אין גאַנצן פאַרשווונדן; דאָ קענען קיין שום שפּיצן נישט אַרויסשטעקן העכער; קיין צעטרייסלונגען נישט פאַרקומען, וואָס דאָס זאָל פאַרשאַפן, אַז עס זאָל האַלטן שטענדיק אין איין אויפפירן און איבערפאַרמירן; אויך די ערד וואָלט נישט געקענט אַרויסהייבן נייע בערג און בילדן פּלאַכקייטן, ווען זי האָט נישט אין זיך קיין פייער. פּרוּווט געפינען איינעם צווישן די אַלע, וואָס ווילן זיך אָרגאַניזירן, אַז ער זאָל קענען אָנשרייבן כאָטש צוויי שורות מיט אַזאַ דאָרכ־נעמענדיקער איבערלעבונג, ווי דאָסטאָיעווסקי, אָדער מיט אַזאַ ליידנשאַפט ביז געפּייניקטקייט. איבער די אַלע טעמים טאַקע האָבן אונדזערע דערגרייכט צו דער מדרגה פון יאָ קענען זיך אָרגאַניזירן. דער צווייטער טעם פאַר וואָס זיי דאַרפן זיך אָרגאַניזירן איז טאַקע דער וווקס פון דער יידישער ליטעראַטור. איך מיין, אַז אויך דאָ ווילן די געשריבענע שורות נישט קענען באַטראַכט ווערן, ווי אַ שפּאַס.

ווייל מען קען דאָך דאָ אויך פרעגן: אויב דער שרייבער פון זיי זאָגט אַליין, אַז קיין אינדיווידוּמען זענען ביי אונדז נישטאָ, נאָר אַ סאַמע, סאַמע דאַרכשניטלעכער טיפּ פון שרייבער, וואָס ווען אַלע צעשרייבן זיך גלייך אין איין טאָג, שטייט פאַר די אויערן, ווי אַ געזשומזשעריי פון פליגן, אַזוי גלייך זענען זיי איינער צום אַנדערן, און ווי באַוווּסט — הייסט וואַקסן, כ'מיין לויטן באַגריף פון וואַקסן, אַז נאָר עפּעס שטייגט אויף מיט עפּעס העכער פון דאָס וואָס ס'איז נידעריק — אויב דאָס איז אָבער נישטאָ, נאָר אַלץ גלייך, נידעריק, פלאַך כמעט... און טייל מאָל נאָך ערגער — דהיינו: אויב עס פעלט פּשוט דאָס נייטיקע געזעץ פאַר באַדערפעניש צום שרייבן... טאָ ווי קען זשע דאָ שוין זיין אַ רייד פון וואַקסן? וואַקסן גאָר? פון וואָס, פון נישט דערהייבן זיך, נאָר אָרגאַניזירן? — קען מען דאָך אַזוי פרעגן —

איז עס טאַקע אַ פראַגע — אפשר גאָר אַ פעסטע — נאָר אַז מיר ווילן נעמען אין אַכט, אַז מיר האָבן שוין באַלד קיין לעזער סיי ווי סיי נישט, ווערט דאָס אומגליק פון פלאַכער ליטעראַטור במילא אויס. . . .

ווי אַזוי האָבן מיר דעם לעזער פאַרלוירן? פאַרשטייט איר מיך, אין די מלחמה־יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן צו באַקן „ליטעראַטור“. נו, האָט דער לעזער אונדז אָנגעהויבן אַרויסצושטעקן אַ צונג. „זאַנוול רימער“, ווייסט ער שוין, דער לע־זער, אַז ער שפּילט אויף אַ פידל און וויל חתונה האָבן... און אַנדערער ווידער באַוווּסטער שרייבער האָט אים שוין אויך גענוג מכבד געווען מיט 20 ביכער און אים צוגעפּיפן אַ לידל „נאָ שוויענטעגאָ יאַנאַ“... * נאָך אַ גרעסערער האָט אים שוין געגעבן 26 ביכער, וואָס 22½ פון זיי מעג מען אויך אויף דעם רעכענונג פון דעם לעזער צופייפן דאָס זעלבע לידל . . . און ווייטער וואָס עס גייט — „פּלעיאַדע“, „כאַלאַסטרע“ און ענדיקט מיט „וואַרשעווער שריפטן“, איז אויך צום גוטן... אָט די אַלע הונדערטער ביכער זענען אַריין אין די ביבליאָטעקן און פון דאָרט אַרויסגעשטופּט דעם לעזער. . . . נאָר קהל איז פאַרפּליכטעט צו קויפן איין „אתרוג“, איז דער איינציקער קאָנסומענט די ביבליאָטעק... אָט דאָרט טאַקע אין דער שראַנק שטייען די עטלעכע הונדערט „אתרוגים“ מיט פאַרדאַרטע „פּיטומס“ — דער לעזער גייט זיי פאַרביי ווי פאַר אַ משוגענער שוואָם.

---

* פּויליש — אויפן הייליקן יאַן.

אַט פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן דעם לעזער, איז דאָס לעצטע ערגער ווי דאָס האָבן אַ פלאַכע ליטעראַטור, וועלכע זשומזשעט, זשומזשעט און גאָרנישט...
און מיר קענען האָפן, אַז אויך דאָס נײַע דור לעזער מיט וועלכן די יידישע פאָלקס־שול טרייסט אונדז, וועט אויך פון אונדז אַנטלויפן . . . דער לעזער . . . פון דער יונגער שול וועט געפינען אַ שראַנק מיט עטלעכע הונדערט פאַרדאַרטע „פּיטומס", וועט ער זוכן פון מאַנטיק ביז דאָנערשטיק. ער וועט דאָרט געפינען גאַנצע 20 בענדער „נאַ שוויענטעגאָ יאַנאַ", גאַנצע 26 פון וועלכע נאָר 3½ (דינערע) האָבן אַ זכות צו שטיין אין אַ ביכער־שאַנק. ווייטער וועט ער געפינען די גאַנצע פאַרוועלקטע מלחמה־„ליטעראַטור" מיט אַלע קוויטשעס, דזשאַזן און דערנאָך בלייבן שטיין פאַר די „וואַרשעווער שריפטן", נישט קענען אַריבער... דאָס לעצטע איז אַ קלאָץ, וואָס אַפילו די יינגסטע פיס וועלן אים נישט אַריבערטאַנצן. ער וועט מוזן אָפּנייגן, אָפּנייגן, . . .
ווו וועט מען נעמען אַ מיטל אויך צו דערהאַלטן דעם „יידישיזם", . . .
בשעת די „יידישע ליטעראַטור" וועט האָבן דאָס גרעסטע חלק אין דעם, וואָס דער יידישער לעזער אַנטלויפט פון יידיש...
דאַדאַרף איז אָן שום ספק — אָרגאַניזירן זיך.
אָבער:
ווער מיט וועמען?
איך גלייב, אַז ס'איז דאָ אַ פּלאַן, אויך די איניציאַטיוו — . . .
דאָ איז ווייניק אַ פּלאַן, ווייניק — איניציאַטיוו, מען דאַרף אויך האָבן אַ געפיל פאַר איינשטעלן אַ כאָר, אַז ער זאָל שפּילן... [43]

ווייטער עצהט ווייסענבערג וואָסערע שרייבערס און כּלל־טוערס אַריינצונעמען, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם פּלאַן, מיט וועלכע אופנים, אַז עס זאָל אַזוי אָרום גיין

ווייטער און ווייטער, וואָס אַ מאָל ברייטער, ביז אַלע די דערשפּירן, אַז „בלעמס אייזל" האָט געעפנט דאָס מויל... וואָרן נאָר דעמאָלט גיט מען געלט אויף ליטעראַטור...
אַריינצונעמען צווישן די שרייבערס פון דער ליטעראַטור, ס'הייסט אין דער אָרגאַניזירונג פון איצט, דאַרפן זיי נאָר נישט הערשעלעך און למען השם אויך נישט היישעריקן, ווייל ערשטנס האָבן זיי אויף אָן אמת טאַלאַנט... און צווייטנס קענען זיי צו גאָרנישט מער ניצן, ווי תמימותדיקע קועלעך, גרייט צום אויסמעלקן גאָר זיי... אָבער פונדעסטוועגן אַ כּלל־טוער, . . . זאָל אַ קוק געבן אויף די צוויי, וועט אים אַ שמייכל אָננעמען: ער האָט שוין נישט פאַר וועמען זיך צו שרעקן, נאָר פאַר אַזעלכע צוויי שאינו־יודע־לשאולס... [44]

צווישן אַנדערע, וועמען ווייסענבערג ראָט יאָ אַריינצונעמען, רעקאָמענדירט ער אויך איינעם, וואָס איז זייער נישט עכט אין זיינע לידער, און אויב ער איז אַזאַ גוטער אימיטאַטאָר, זאָגט ער, קען יענער קיין שלימזל נישט זיין, ווי הערשעלע און היישעריק. אַ סימן מובהק, אַז

ער האָט אָנגעהויבן לעצטנס צו שרייבן אַרבעטער־לידער... דאָס איז אויך נישט מסתמא פון נאַרישקייט וועגן.

פאַר דער דאָזיקער עכטקייט זיינער קען זיך אַ כלל־טוער מער דערשרעקן, ווי פאַר הערשעלעס אַ קאַפּיטל תּהילים...
(כ'האָב געענדיקט, ליבער לעזער, איך האָב נאָר געוואָלט בלויז אָנווייזן די הויפּט־שטריכן אין דער אָרגאַניזירונג צום פאַרפלאַכן די יידישע ליטעראַטור, אַלס מיטל יידיש צו העלפן אָפּרוימען פון דער ייד. גאָס.)[45]

אין אינזער האָפענונג איז אויך פאַראַן אַ רובריק פאַר כראָניק, ווו עס ווערן דערמאָנט פאַרשידענע פאַרדינסטפולע קינסטלערס און זייערע ווערק.

אין דעם קריטישן מאמר א"נ „געדאַנקען וועגן ביכער, טעאַטער און רעזשי", דערמאָנט ווייסענבערג דאָס בוך בריוו וועגן אסתּר־רחל קאַמינסקי, געזאַמלט דורך מאַרק טורקאָוו. ער לויבט די אויסגאַבע, אָבער ווידער באַדויערט ער דאָס פעלן פון קולט פאַר מענטשן, וואָס זייערע לייסטונגען אויף קונסטגעביטן דאַרפן אָפּגעשאַצט ווערן און ווערן נישט אָפּגעשאַצט, ווייל דאָס, די בריוו וועגן אסתּר־רחל קאַמינסקי, איז דאָס איינציקע מאַטעריאַל, וואָס איז געבליבן פון אַ קינסטלערין, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן אירס געאַרבעט פאַרן טעאַטער און דערמיט געדינט דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער, ווי פון דעם יידישן פאָלק.

ווייסענבערג מאַנט דאָרט אַ ספּעציעלע ברייטערע אָפּשאַצונג. עס פעלט אַ בוך וועגן אסתּר־רחלס אינערלעכע איבערלעבונגען ווי איינע פון אונדזערע גרעסטע טעאַטער־פיגורן, ווייל פון די פאַמיליע־בריוולעך, וואָס זי האָט געשריבן, וואַרעמע און ליבע צו אירע קינדערלעך — קען מען נאָך נישט וויסן, וואָס אסתּר־רחל קאַמינסקי שטעלט מיט זיך פאָר, שרייבט ער.

און אַ צווייטן שבח גיט ווייסענבערג אָפּ שמואל לעהמאַנען, וואָס האָט פאַר זיין אייגן (ירושה־) געלט, 20,000 רובל, געזאַמלט גנבים־לידער, אַרומגעפאָרן אַליין איבער די שטעטלעך צווישן דעם פאָלק (אַט ווי מ'זאַמלט היינט, למשל, יידישן פאָלקלאָר אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן). די לידער מיט נאָטן — אַ פּראַקטיקע אויסגאַבע — האָט ער אויך אַליין אַרויסגעגעבן צוקריגנדיק טאָפּלט די סומע פון זיינעם אַ שוואָגער פאַר דעם צוועק און מע הערט נישט, ווער דער דאָזיקער אומגע־ווינטלעכער זאַמלער איז געווען. נישט ער ווערט דערמאָנט, נישט ער האָט געקריגן אַ דאַנק פאַר אַריינלייגן זיין געלט און אַרויסווייזן אַזאַ ליבע צו דער ליטעראַטור. די אָפיציעלע זאַמלערס, אַז זיי האָבן עפּעס געדאַרפן, האָבן זיי געשיקט „ווי צום גרייטן צום אוצר פון שמואל לעהמאַן": האָבן זיך בלויז געהייסן „שפּייזן און מאַכן אַנטרינקען פון יענעמס 'לאַגל'..."[46] און דער פאַקטישער זאַמלער איז — פאַר זיין גאַנצער מי און אַריינגעלייגטע קאָלאָסאַלע סומעס געלט — געבליבן אַנאָנים, שרייבט ווייסענבערג.

דאָ קומט ווידער צום אויסדרוק זיין פאַרדראָס פאַר וואָס מע שאַצט נישט אָפּ די, וואָס פאַרדינען אָפּגעשאַצט צו ווערן.

אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָט ווייסענבערג געלאָזט הערן זיין פּראָטעסט קעגן די אַלע, וואָס געניסן פון דעם קינסטלערס מי און שאַפונגען, אין דער צייט ווען דעם קינסטלער אַליין קומט מען אָפּ מיט שהי־פּהי. דערפון נעמט זיך אויך זיין טענה צום אומיושרדיקן באַהאַנדלען דעם שרייבער מצד די פאַרלעגערס. פאַר אַ

כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל ברענגט ער דעם פאַל, ווי שלמה קאָרנבלום איז באַהאַנדלט געוואָרן: דער פאַרלעגער האָט אים באַצאָלט „האָנאָראַר" פאַר זיין ווערק געלייטערטע מיט... סחורה אויף אַ פאַלטן. דערצו האָט די מאַטריצן קאָרנבלום געלאָזט מאַכן פאַר זיין אייגן געלט.

ער איז נישט דער איינציקער, וועמען עס האָט געברענט די דאָזיקע עוולה. בעטהאָווען האָט אויך געצאָרנט קעגן די „מוזיק־פּאַראַזיטן", די אויסניצערס פונעם מוזיקערס מי. שאָופלער, איינער פון בעטהאָווענס פילצאָליקע ביאָגראַפן, שרייבט וועגן בעטהאָווענען:

> ער איז משמעות געווען דער ערשטער פון זיין פּראָפעסיע קעגנצושטעלן אַ ברוטאַלן פּראָטעסט יענע פּאַראַזיטן, וואָס פאַרלאַנגען, אַז דער מוזיקער זאָל זיי אומזיסט דינען מיט זיינע פּראָפעסיאָנעלע אויפטריטן. . . . בעטהאָווען האָט די מוזיק־פּיאַווקעס פאַרשווערט דאָס לעבן.[47]

נאָך זאָגט שאָופלער, אַז „ער האָט באַפרייט דעם מוזיקער פון זיין לאַקיי־פּאָזיציע".

דער 25סטער נומער אינזער האָפענונג האָט געזאָלט זיין דער יובל־נומער און, ווי אַזעלכער — אַ פאַרגרעסערטע אויסגאַבע.

איז אָבער ה. ד. נאָמבערג גראָד דעמאָלט, אין 1927, געשטאָרבן, און דער דאָזיקער פאַרגרעסערטער נומער איז געווידמעט געוואָרן נאָמבערגן.

דאָ פאַרעפנטלעכט ווייסענבערג דעם עסיי „דאָס איינציקע", וווּ ער ברענגט אַרויס די איינציקע טענה וואָס ער האָט געהאַט צו נאָמבערגן: די „אומפאַרגעבלעכע שוואַכקייט פון ווילן זיינעם", ווייל ער איז געווען צו לאַגיש און ניכטערן אויפצונעמען אַ קאַמף צוזאַמען מיט אים, מיט ווייסענבערגן, קעגן דעם פּראָוממרייניקן די יידישע ליטעראַטור.

ער פלעגט נאָמבערגן פרעגן, ווען ער איז אַ סך יאָרן געווען פאָרזיצער פון ליטעראַטן־פאַראיין:

> פאַר וואָס לאָזטטו דעם אַזוי גערופענעם „ליטעראַטן"־פאַראיין זיין די נעסט, וואָס וואָרעמט אויס דעם שונד פאַר דער יידישער ליטעראַטור, די שויס, וואָס געבירט אים, דער אָרעם, וואָס באַשיצט און פלעגט אים? פאַר וואָס זענען פּ... און ס... פאַראיין־מיטגלידער? פאַר וואָס לעגיטימירט ער אונטער דעם שילדל „ליטעראַטן־פאַראיין" פאַלשע ליטעראַטור? פאַר וואָס אָרדנט ער איין פאַרלעזונגלעך פאַר אַלערליי דאַרכפאַרנדיקע קאַריערעסטלעך אַרום דער ליטעראַטור, נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע, וואָס האָבן מיט איר דעם מינדסטן שייכות נישט און הייבן אויף זייער השפעה איבער איר, כדי זי צו פאַרדאַרבן? פאַר וואָס פאַרשטייט מען נישט, אַז פון ליטעראַטור קען מען קיין כיבודים נישט מאַכן? און אויב שוין, אַז ער טוט שוין יאָ דאָס אַלץ — פאַר וואָס וואַרפט ער נישט אַראָפּ פון זיך דעם טיטל „ליטעראַטן־פאַראיין" און רופט זיך נישט אָן אַזוי, ווי עס וואָלט געווען אים אַנטשפּרעכנדיק:
> „לאַבאָראַטאָריע און ליוועראַנט פון שונד פאַר דער ייד. ליטעראַטור, פון געפעלשטע טאַלענטלעך, פון טיילן כיבודים,

פון דערשלאָגן אויסראָטן, די אמתע יידישע ליטעראַטור און אַרויסשטעלן אַזאַ לאַנגע נאָז דער ברייטער יידישער געזעל־שאַפט?״ [48]

נאָמבערג האָט געקענט אַ סך אויפטאָן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט ווייסענבערג געהאַלטן, און הויפּטזאַכלעך פאַר זיך אַליין, ווייל נאָמבערג האָט געדאַרפן אַזאַ שטיל היכל ווו אַהין צו קומען אויסרוען זיין נשמה, פונקט ווי יעדער איינער קינסטלער מוז דאָס האָבן, זאָגט ווייסענבערג.

...ווי לאַנג אַ קינסטלער איז געגליכן צו אַ קינד, האָט ער נייטיק זיין נשמה צו וויגן אין אַזאַ וויגל, ווו די לופט איז אַזעלכע ווי אין אַ היכל. . . .
שטענדיק, ווי אַן איבערגעשראָקענער אויף דעם דאַזיקן געביט... זיין געמיט־צושטאַנד האָט קיין רו נישט געהאַט אין דער און נישט אין דער צווייטער פון זיינעביידע וועלטן [נישט אין דער טרוימערישער און נישט אין דער ניכטערער]. וויפל שיברות־הלב, וויפל ווייטיקלעכע געפּייניקטקייט דאַרף אַזאַ מין צושטאַנד פאַרשאַפן: כף־הקלע, געוואָרפן פון איין וועלט אין דער צווייטער, און פאַקטיש, אין וועלכער מען קומט נאָר, שוין געטריבן ווערן צוריק. וואָרן שטענדיק איז די ערשטע, די טרוימערישע, קעגן דער צווייטער און אַזוי פאַרקערט. נישטאָ נאָך אַזעלכע צוויי ווייטע וועלטן, ווי די צוויי וועלכע נאָמבערג איז באַזעסן ביידע אויף איינמאָל.
און אַזוי האָט נאָמבערג געליטן ווי אַ קדוש פון די צוויי וועלטן זיינע, פון דער טאָפּלטקייט. . . .
איך האָב אים אַלע מאָל פאַרשטאַנען און דאָס קינד אין אים, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ קרבן פון דעם גאַנצן לעבנס־אומזין — [דעם הו־האַ אין וועלכן נאָמבערג האָט געלעבט און די טרוימערישקייט, וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען]. אָט דאָס קינד, אָט די אומבאַהאָלפנקייט אין אים האָב איך געליבט.[49]

און דערפאַר האָט ווייסענבערג רחמנות געהאַט אויף נאָמבערגן, ווי עס איז צו זען פון די שורות:

צי האָט דער דאָזיקער מענטש געוואָלט אַנטלויפן פון זיינע אייגענע לעבנס־פיבערן, אָט דאָס דאָזיקע אמתע גאָטס־וווּנדערלעכע באַשאַפונג?
און אַ רחמנות שניידט דאָס האַרץ, אַז אָט דער דאָזיקער נאָמבערג האָט געלעבט און געליטן טאַקע ווי אַן אומשולדיק און גאַר אומבאַהאָלפן קינד, אָט דער קלוגער קאָפּ. . . .
איך בייג פאַר דיר דעם קאָפּ, קלוגער מאַרטירער, וועמענס אינערלעכקייט עס איז פאַר מיר קלאָר, פאַרשטענדלעך און אויך, ווי פון דיר דאַרכגעווייטיקט. און אָט דאָס טאַקע איז געווען דער סוד דערפון, וואָס וויפל מאָל איך האָב מיך מיט דיר צעקריגט, זענען מיר אַלץ ווידער געבליבן די איינציקע צוויי חברים אין דער גאַנצער ליטעראַרישער משפחה. דאָס איז געווען די זעלבע געהיימע קראַפט, וואָס ווערט מיר ערשט איצט קלאָר — דיין אינערלעכקייט.[50]

אינטערעסאַנט, אַז אויך אויף פּרצן האָט ווייסענבערג רחמנות געהאַט, וואָס דאָס איז צו זען פון זיין עסיי צו פּרצעס צענטן יאָרצייט א״נ „י. ל. פּרץ, דער נישט באַלוינטער״. עס האָט ווייסענבערגן ווי געטאָן פאַר וואָס אַ קינסטלער פון אַזאַ מדרגה און שפּילעווודיקער נאַטור, ווי פּרץ, האָט געדאַרפן אַרבעטן (אין דער

יִדישער גמינע, אין וואַרשע) און אָפּגעבן יעדן טאָג 6 שעה אין משך פון 25 יאָר פון זיין שאַפעריש לעבן.

. . . אָן אַדלער אין געדאַנק, וואָס איז געשפּרונגען איבער די העכסטע שפּיצן בערג און שפּאַצירט איבער די גרויסע לאַנקעס און טאָלן, נאָר מיטן גוף, מיטן „זינדיקן גוף" האָט ער פּאַרט געמוזט גיין אין דער גמינע: 10 — אהין און 4 — צוריק, [51]

שרייבט ווייסענבערג אין דערמאָנטן עסיי.

ביי פּרצן אָבער — וואָס האָט געשטרעבט צו קענען לעבן נישט פון דער ליטעראַטור, נאָר פאַר דער ליטעראַטור — איז עס געווען אַ פראַגע פון פּרנסה. דערקעגן נאָמבערג, וואָס זיין ניכטערקייט, זיין לאָגישקייט האָט אים אונטער־געזאָגט, אַז כּדי צו קעמפן מיטן ליטעראַטן־פאַראיין דאַרף מען האָבן אַ סך כּוחות, פלעגט אַלע מאָל ענטפערן ווייסענבערגן:

„ניע מאָם קויכאַ, איטשע־מאיר,
ניע מאָם קויכאַ".*

אין „דאָס איינציקע" שרייבט ווייסענבערג ווייטער:

. . . אָבער נאָמבערג קען גלייבן אויפן וואָרט מיר, דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, קיין תּקיעת־כּף האָב איך אים נישט געדאַרפט געבן ביים אָפענעם קבר, אַז דאָס צו וואָס ער האָט מיר געהאָלפן שטילערהייט, אַז חבֿרה זאָל נישט וויסן, וועט איצטער, נאָך זיין טויט אויך נישט אַנטשוויגן ווערן, און אין אַ יאָר אַרום, צו זיין ערשטער יאָרצייט, ווען מיר וועלן אים אויף זיין קבר אָפּגעבן אַ גרוס, אַז:
„מיט דער יידישער ליטעראַטור האַלט עס היינט שוין בעסער"... וועט נאָמבערג אַרויסשמייכלען פון זיין געלעגער אַרויס:
„וויל — וויל, ווייסענבערג!..."
און באמת וועל איך זען אויפצושטעלן דאָס, וואָס וועט אים הנאה טאָן אַפילו נאָכן טויט. [52]

אַזוי פאַרענדיקט ווייסענבערג זיין „דאָס איינציקע".

דער 25סטער נומער אינזער האָפענונג, געווידמעט: „דעם אומפּאַרגעסלעכן ה. ד. נאָמבערג", איז פול מיט נעקראָלאָגן פון די פאַרשידנסטע קולטור־אָרגאַני־זאַציעס, אָן אַ שיעור פּריוואַטע מענטשן. פאַראַן אויך אַ נעקראָלאָג פון דער רעדאַקציע:

די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע
אינזער האָפענונג דריקן אויס זייער טיפן
טרויער איבער דעם אומגעריכטן טויט פון

ה. ד. נאָמבערג

ש. שלאָסבערג, מ. ב. שטיין, נ. אייבעשיץ,
ה. ערליך, ז. פּיעטרושקאַ, מ. ערליך, ג. האַלער.

---

* טייטש: כ'האָב נישט קיין כּוח.

ווייסענבערגס אַ נעקראָלאָג (וואָס פאַרנעמט אַ גאַנץ זייטל):

צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק באַדויער איך דעם טויט
פון דעם מענטש און שריפטשטעלער

ה. ד. נאָמבערג

אין טרויער געבליבענער
י. מ. ווייסענבערג.

אַ סך נעקראָלאָגן וואָס האָבן נישט געקענט אַריין אין 25סטן נומער אינזער האָפענונג, זענען געגעבן געוואָרן אינעם 26סטן נומער.

אין יענער צייט האָבן דער שרייבער־פאַראיין און פאַרשידענע יִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אָפּגעהאַלטן זיצונגען און צוזאַמענגעשטעלט פּראָגראַמען צום באַערן דעם פאַרשטאָרבענעם. אויף איינער פון אַזעלכע זיצונגען האָט מען צונויפּ־געשטעלט אַ רשימה פון רעדנערס. מ. איז באַוווּסט געווען, ווי אַ גוטער אָראַטאָר, האָט ער זיך אויך פאַרשריבן צום וואָרט. ווייסענבערג האָט זיך דערויף אויפ־געשטעלט און געפרעגט מ—ן:

— „איר האָט שוין נישט ווו אויסצושיטן אייער זעקל ליגנס, נאָר אויף נאָמ־בערגס קבר?"

ס'איז איבעריק צו באַשרייבן וויפל שונאים ער האָט זיך דעמאָלט פאַרשאַפט מיט אַזאַ אופן פון פּראָטעסטירן קעגן דעם רעדנערס חשק אַרויסצוברענגען די פּאַרטיי־טענדענצן ביי דער געלעגנהייט פון באַערן דעם ניפטר.

אויף שלמה איבן גבירול האָט מען אין זיין צייט געזאָגט, אַז

ער האָט שוין גאָר גוט געקענט די „איידעלע" קונסט צו מאַכן זיך שונאים.
משה איבן עזרא זאָגט וועגן אים אָט דאָס:
„הגם וואָס ס'איז נוגע זיינע אינטעלעקטועלע דערגרייכונגען איז ער געווען אַ פילאָזאָף, האָט דאָך אָבער זיין גרימצאָרן גענומען די אייבערהאַנט איבער זיין פאַרשטאַנד. ער איז נישט געווען ביכולת צו קאָנטראָלירן זיינע עמאָציעס, און ער פלעגט זייער גרינג דערפירט ווערן צום אָפּלאַכן פון גרויסע מענטשן און זיי אונטערוואַרפן צו פאַראַכטונג אין זיינע שריפטן".[53]

ווייסענבערג וואָלט דאָס אָבער אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז זיין, שלמה איבן גבירולס, „דראַנג נאָך יושר און שטרעבונג צו געטלעכער גערעכטיקייט", וואָס האָט אים נישט געלאָזט זיך באַהערשן און נישט זאָגן דעם אמת און אַנטפּלעקן די מענטשלעכע שוואַכקייטן, אויפשטעכן דעם בלאָטער, אַז דער אייטער זאָל אַרויס און אַזוי אַרום געזונט מאַכן דעם געזעלשאַפטלעכן קערפּער.

דער יובל־נומער איז צוליב נאָמבערגס טויט איבערגערוקט געוואָרן צום 27סטן נומער אינזער האָפענונג, אַנשטאָט דעם 25סטן.

צום יובל־נומער אינזער האָפענונג גיט ווייסענבערג דעם עסיי

וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?

ער הייבט אָן אַזוי:

...אַ מענטש זינגט אויס בענקשאַפט: בענקשאַפט נאָך פרייד, בענקשאַפט נאָך שיינקייט, נאָך דערגרייכונג און ענדלעך: בענקשאַפט נאָך בענקשאַפט, די גרויסע בענקשאַפט, וואָס שטייט הויך איבער דער וועלט אין דעם טיפן סוד פון איר עקזיסטענץ, פון אונדזער עקזיסטענץ און אַפילו אויך פון טויט. ... פאַר וואָס שרייבט אַ שרייבער? נישט דערפאַר ווייל ער האָט טאַלאַנט צו שרייבן. אַז ער האָט טאַלאַנט צו שרייבן, קען ער אים פונדעסטוועגן נאָך אײַנוויקלען אין שיפּלאָד אַריין און צום בדיקת־חמץ אים ערשט אַרויסנעמען און שיקן צום פאַרברענען. נאָר ווען שרייבט דען אַ מענטש? ווען ער שרייבט אויס בענקשאַפט, אָדער פרייד אַפילו נאָכן באַקומען אַן אויסגעבענקטע זאַך און נישט געזעטיקטקייט נאָך איר.[54]

ווייסענבערג ברענגט דאָרט עטלעכע ביישפּילן פון צוויי פאַרשידענע מדרגות שעפערישקייט: דער שעפערישקייט פון ברייטן פאַרנעם, וואָס טראָגט אין זיך גוואַלד און דראַנג, און דער קורץ־אָטעמדיקער שעפערישקייט, וואָס איז געגליכן צום בענקשאַפט־געזאַנג פונעם „פויגל, איידער און ביז ער האָט געלייגט די אייער״.

... דער פויגל זינגט נאָר, איידער ער האָט זיין נעסט געבעט און אין דער צייט פון בעטן זי, וואָס פאַלט אויס אין פרילינג. האָט ער נאָר די אייער געלייגט, פאַלט שוין אַ שטילקייט. זיין געזאַנג אין דער נאַטור ווערט אויסגעלאָשן. צוזאַמען מיט דער קוקוס, אַנטשטומען אין וואַלד שווייגט אַלץ. עס הייבט זיך אָן דעמאָלט דער זומער מיט זיין מאַטעריאַליזם: דאָס ברענגען פאַר די קינדער צום קאַרמיען (צעקייעטע קערנדלעך, אָדער ווערעמלעך) צי וואַרטן לאַנגווייליק אויף זייער באַוואַקסן ווערן מיט פעדערן און פליגלען, און דערנאָך דאָס אַרומפליען מיט זיי איבער פעלדער, ווו די יונגע לערנען זיך אַליין עסן און דערפאַרונג. דאַקעגן די בענקשאַפט, וואָס איז געווען ביי די עלטערן פאַר דעם קומענדיקן, איידער זיי האָבן די אייער געלייגט, איז נישטאָ. פאַרלאָשן די שטרעבונג, פאַרלאָשן די בענקשאַפט, פאַרלאָשן דאָס געזאַנג און אַפילו אויך דער פרילינג.

איצטער זאָגט מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס דער פּראָצעס פון געזאַנג ווען דער פויגל זינגט. דאָס גאַנצע פייגעלע, די נאַכטיגאַל צום ביישפּיל, איז עטוואָס גרעסער פון אַ וועלשענער נוס און דאָס פייגעלע האָט אַ הערצל נאָך אַ קלענערס, נאָר דאָך, ווען עס איז איבערגעפילט מיט דער פרייד, אָדער טרויער (וואָרן אַ נאַכטיגאַל זינגט נישט בלויז פריילעך) איז די גאַנצע נאַטור אויף וועלכער דעם פויגלס אויג קוקט דעמאָלט, זיכער אויך איבערגעפילט דערמיט, וואָס אין זיין הערצל גייט אויף. עס פאַלן אַזעלכע זילבערנע שאַרפע קנאַקן פון דעם קליינעם פייגעלעס מיילעכל, אַז עס דאַכט זיך די גאַנצע לבנה־נאַכט איז צעשניטן געוואָרן אין זילבערנע שטיקער. אַ טרויער און אימה, פרייד און, ווי נאָך נישט געהערטע קולות פון אַן אַנדערער וועלט צעגיסט זיך אין אונדזער אַזוי שיינער און דערהויבענער וועלט.

דאָס איז דער פויגל אין דער צייט ווען ער שטרעבט, איז טרויעריק און בענקט נאָך עפּעס.[55]

כדי צו אילוסטרירן דעם דאָזיקן, ד"ה דעם צווייטן סאָרט שעפערישקייט, ברענגט ווייסענבערג ווי אַ ביישפיל דעם פּראָצעס פון דוד איינהאָרנס שאַפן:

...ווייל ער איז אַמגעטרייסטן געבליבן אין פיל הינזיכטן דער זינגער־נאַטור. אַלע פון יענער צייט געדענקען, ווי שיין ער האָט אָנגעהויבן זיינע ערשטע געזאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט איינהאָרנס יעדן נייעם שיר קומט אָן אַ נייער פאַרטאָג. עפּעס אַ נייער ציטער האָט אָנגעהויבן צו דעמערן, אַ בלאַלעכ־קייט און פאַרטראַכטקייט אַריינצוטשיינען אין אונדזער ספּעציעל יידישער ליטעראַטור.
אָבער עס האָט פּאַסירט אַזוי פונקט, ווי מיט דער ערשטער מאָרגנליכט. שפּעטער, ווען דער טאָג הייבט אָן צו ווערן פּראָזאַיִש, האָט זיך די זאַך אָוועק־געשטעלט אַנדערש.
אַ קליין ביכל לידלעך האָט ער אונדז געגעבן, האַרציקע, ווי אַ כלה אין חופּה־טאָג, אויסגעפּאַסטע, ווי נאָך אַ תענית, אויסגעבלייכטע, ווי אַ כלה נאָך קדושה־וטהרה... דאָס איז אייגנטלעך געווען דאָס שיינע אין זיי, אָט די אויסגע־בלייכטקייט, מיט דער עטוואָס שלומערנדיקער פאַרחלומטקייט, ווי אַ פּרינצעסין אין שלאָף, מיט לונאַטיש ליכט אויפן פּנים. אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טאַקע מעגלעך דערפאַר האָבן זיי אפשר קיין כוח נישט געהאַט אַריינצוקלינגען ווייט אין פּראָזאַיִשן טאָג. דאָס איז נאָר געווען אַ דעמערונג, האַלב־אויגן־פאַרמאַכטקייט, חלום, אָבער קיין אַקטיווער כוח דורכ־צולייגן זיך אַ בריק ביזן פאַרנאַכט.[56]

פאַר נאָך איין ביישפּיל פון דעם סאָרט שאַפערישקייט ברענגט ווייסענבערג אַשן:

אַשס צערטלעכקייט האָט זיך ממש געגאָסן איבער די פינגער. די געהנדלטקייט האָט געקאָקעטירט אַפילו מיט דעם נאַכווידעלע, וואָס הענגט אַרויס הינטן פון די מייטקעס. טייל מאָל אַזוי ווייט, אַז דאָרט ווו אַש איז געווען נישט עכט אין דעם, האָט זיך אונדז געדאַכטן, אַז ער לאָזט עס עקסטרע אַרויסהענגען... כדי צו קאָקעטירן דערמיט. מערערע מאָל איז ער אָבער געווען נאַטירלעך מיט דעם דאָזיקן נאַכווידעלע.
אַש האָט געהאַט אַ יוגנט, נאָך ריכטיקער — אַ קינדהייט און נישט קיין מיאוסע, אַ גלאַנציקע, פאַרביילויפנדיקע, שטיפערישע, אָבער קיין מאָן האָט אַש נישט געקענט ווערן און נישט געוואָרן.
זיין ווערלן ווערן אַ מאָן איז שוין אַ „געסטרויעטע" פידל... אומעטום, ווו ער האָט זיך געריסן צום אויפגיין פון דעם דאָזיקן קאָסטיומל זיינעם, וואָס ער האָט מיטגעברענגט פון זיין לויוויטש, זאָל אים גאָט מוחל זיין איבער זיין נישט קלוגער פּאָזע. אָבער חנדלען האָט ער זיך אויך אייביק נישט געקענט. ס'איז נאָר די געוויסע צייט, אין וועלכער דאָס חנדלען גייט אַריין. דאָס איז די פרילינגס־צייט.
אַלס מאָן האָט ער געשריבן ביכער: פאַרן פאָרלעגער, פאַרן דרוקער, בוכ־הענדלער, וואַיאַזשאָר, פאַר דער אייגענער קעשענע, נאָר פאַר איין זאַך נישט — פאַר דער יידישער ליטעראַטור.
אַזאַ אויסגאַנג פאַר אַשן האָט מען בנבואה געקענט זען.
צו פיל איז זיין פרילינגס־גאַב אַפילו געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט רעקלאַמע, מיט זיין שטאַרקן דראַנג נאָך איר, אַז ער זאָל דאָס קענען פאַרוואַרפן, ווען ער

וועט שוין נישט קענען... דאָס שרייבן אפשר יאָ — אָבער די רעקלאַמע נישט!...
יעדעס בוך דאַרף זיין אַ רעקלאַמע. און אַט פון דעם שטאַנדפּונקט קוקט ער אַליין דערויף.
... ער איז אַריין מיט דער שווערלייביקייט אין דער זומער־צייט. און דער זומערדיקער פּעריאָד איז אַזאַ שווערער: עס דאַכט זיך, אַז אַש זיצט אויף אייער. איז דאָך שוין דאָס אַליין אויך לאַנגווייליק. אָבער נאָך ערגער: זיי ווערן אויך קאַליע. ווען ער וואַרפט יעדעס מאָל אַן אַנדערס אויף די שפּאַלטן פון היינט, פאָרווערטס, געשווילט די נאָז.
אַט דאָס איז דער סוף:
פּאַזע, אַנשטעל, אויך געזאַנג, נישט ווייל עס זינגט זיך, נאָר ווייל עס חשבונט זיך.
דאָס איז אַ שלעכט, קאַליע־געוואָרן איי.[57]

* * *

אַפּט האָט מען געהערט ווייסענבערגן דערציילן אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן אין שטוב, ביי אַ סך געלעגנהייטן און מיינסטנס אויף די באַוווסטע „הוליאַנקעס", ווו עס פלעגט זיך געוויינטלעך שאַפן די געהעריקע אַטמאָספער. זיינע באַטראַכטונגען און קאָמענטאַרן זענען אַלע מאָל געווען אָריגינעל און די אַלע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן תּמיד געהאַט פאַר זיי אַן אָפן אויער. פלעגט ער דערציילן פאַרשידענע קוריאָזן וועגן קינסטלערס (אַגב פלעגט ער זיי אָפט באַהאַנדלען אין זיינע פּאַלעמישע שריפטן) וואָס פאַרן פאָלק, אָדער זיינע פּראַקטישע פּירערס און טוערס, וואָלט דעם קינסטלערס אויפפירן זיך געהייסן „קינדערישע שטיקלעך". צוו"אַ האָט ער דערציילט, ווי מעטערלינק האָט פּלוצעם זיך אָפּגעזאָגט פון זיין לאַנד, זיין פאָלק און זיין שפּראַך, הגם ער אַליין האָט דערפון צום מערסטן געליטן.

... וואָרן אַ קינסטלער, אַן זיין פאָלק, אָן זיין מיליע, ווער שמועסט נאָך אָן דער שפּראַך פון זיינע געשטאַלטן, מעגן זיי זיין אַפילו סימבאָלישע, פאַרלירט ער באַלד אַ העלפט פון זיין לעבעדיקן שאַפן...

וועגן דעם פאַקט, האָט ווייסענבערג געזאָגט, איז מען ערשט געוווּיר געוואָרן, ווען דער קיניג אַליין איז אים געקומען איבערבעטן. נאָר דאָס איז געשען ווען צוליב פּאָליטיק האָט מען זיך שוין געשעמט מיטן שלעכטן נאָמען, וואָס מעטערלינקס אַנטלויפן האָט געקענט זיין לאַנד פאַרשאַפן.

בעטהאָווענס טראַציקע און געוואַגטע ענטפערס און רעאַגירן האָט ווייסענבערג זייער באַוווּנדערט, ווי למשל זיין זאָג, אַז פּרינצן (ער האָט געזאָלט שפּילן פאַר איינעם פון זיי און זיך אָפּגעזאָגט) זענען דאָ אַ סך, אָבער בעטהאָווען בלויז איינער. און באמת איז ער טאַקע גערעכט געווען. אַט וויל איך איצט דאָ דערמאָנען יענעם פּרינצס נאָמען און — איך קען נישט. כ'וואָלט געמוזט נאָכקוקן אין די ביכער, אָבער בעטהאָווענס נאָמען איז אַלעמען אַזוי גוט באַוווּסט.
שאָופּלער שרייבט וועגן אים:

בעטהאָווענס בונטאַרישע בלוט וואָלט נישט טאָלערירט די נאָכגיביקייט, די גרייטקייט געהאָרכיק אָנצונעמען די פּאָזיציע, וואָס די געזעלשאַפט האָט

תּמיד אַרויסגעצווונגען אויף דעם מוזיקער. דער שטוטגאַרטער הויף האָט געקענט צווינגען שפּאָרן צו שפּילן פידל אין דער צייט, ווען די אוידיענץ האָט געשפּילט אין קאָרטן; דער זאַקסישער הויף האָט געקענט פאַרלאַנגען פון מאַשעלעסן צו שפּילן פּיאַנאָ בשעתן מיטאָג־עסן, אָבער בעטהאָווען האָט געשטאַמט פון אַ היציקערן גזע. אַ מאָל, ווען ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט ריסן ביים גראַף פאָן בראָון אין באָדען און עס האָט אים געשטערט דאָס צו הויכע קול פונעם גראַף פאָן פּאַלפי אינעם צווייטן צימער — איז ער גלייך אויפגעשפּרונגען פון זיין אינסטרומענט און אויסגעשריגן מיט אַ נאָך העכער קול:

— „פאַר אַזאַ מין חזיר שפּיל איך נישט!" [58]

דיאַגענעס מיט דער אָנגעצונדענער לאָמטער, אין מיטן העלן טאָג, וואָס האָט געזוכט מיט איר אַ מענטש; זיין זיצן אינעם פאַס און זיין הייסן אַלכּסנדר מוקדונען זיך אָפּטראָגן, ווען יענער איז אים געקומען זוכן, און זיין באַפעל אַלכּסנדרן: „רוק זיך אָפּ, פאַרשטעל מיר נאָר נישט די זון" — אָט דאָס מעשׂהלע האָט ביילטשע אָפּט דערמאָנט אין שטוב.

און ביי אונדז, אין אונדזער יידיש־ליטעראַרישער וועלט האָט ווייסענבערג דערמאָנט משה־לייב האַלפּערנס זיצן אָפּגעזונדערט אינעם ניו־יאָרקער ליטעראַרישן קאַוועהויז „ראַיאַל" ביי „זיינס" אַ טישל, אין אַ ווינקל און זיין נישט האָבן קיין עסק מיט קיינעם.

אין זיין סאַטירישן עסיי „אַ טרייסט" שרייבט ווייסענבערג וועגן י. י. זינגערס מיטאַמאָליקן „צוּוואַרפן די ליטעראַטור", זיין אָפּזאָגן זיך פון איר אין די סוף צוואַנציקער יאָרן אין וואַרשע. אויך וועגן נאָמבערגס אַ זאָג אַריין געבן אויף אַ מאָל די „טוערס" הגם ער, „אַ פּראַקטישער מענטש", האָט זיך יאָ אַלע יאָרן געהאַלטן „סטאַטעטשנע".

„אַ טרייסט" איז ווידער געשריבן אין שפּאַסיקן טאָן, ווו דאָס אמתע פּרצוף פון אונדזער וועלטל ווערט אַרויסגעבּרענגט דורך רעדן מכלומרשט מיט די רייד פון דעם זעלבן וועלטלס באַגריפן און אינטערעסן.

און רעדנדיק מיטן מויל פון די טוערס, „ווי קינדעריש" און וואָס פאַר אַ "למך"־דיקע" „נאַראָנימלעך" זיי, די דיכטערס, די שעפערס, זענען מיטן פאַרפירן „ברוגז־לעך", ווי דאָס צוּוואַרפן די ליטעראַטור איז געווען, זאָגט ווייסענבערג:

...ווער קען דען מיט זיי לעבן?...
און נישט נאָר מיט מענטשן שעפער, נאָר מיט גאָט אַליין (ווייל ער איז אויך אַ שטיקל שעפער) וואָלט דען מעגלעך געווען אויסצוקומען, ווען ער וווינט נישט אין הימל? זיין „וינחם ד'"... איז דען נישט דאָס זעלבע קינדערישע „ברוגזל"?...
... דאַדאַרך איז אויך מ... און א... אַרויפגעפאַלן אויף נאָמבערגן...[59]

פאַר זיין מיטאַמאָליקן אַריינזאָגן די טוערס, וואָס דאָס הייסט אויך קינדעריש געמאַכט זיך.

— איין קלייניקייט... מיר האָבן שוין אונדזער געלעגער געהאַט געבעט

אויף סאמע „קונסט", „פאעזי"... „קולטור", „פראגרעס" און „ציוויליזאציאן"... אלץ געקארמעט אים, דער לעזער: נא דיר „דעמא־קראטיזם", „סאלאניזם", „סאציאליזם", „דער מענטשלעכער וואנדל"... און דער לעזער האט שוין געהאט צו אונדז אזא צוטרוי, אז ס'איז געווען גענוג אנידערצושטעלן איין ווארט, ווי צום ביישפיל: „דער פרייהייטס־גייסט"... אז ער זאל קוקן א דערפרישטער, א דערלייטערטער, מיט אויפגעהויבענע אויגן ערגעץ אין דער ווייטקייט אריין... ווי ער וואלט געהערט א פאך פון א הימלישן פליגל, אדער א קלאנג פון דער צוקונפט... ווער שמועסט נאך, אז מיר האבן אנידערגעשטעלט אזא שטייגער פראבלעמאטישן זאץ, ווי: „דער מענטש, די וועלט און די שכינה"... אדער: „די פרייד פונעם קערפער"... צי גאר: „די עקזיסטענץ פון א זעקסטן חוש פון דער אוממיטלבארער אומ־מיטלבארקייט פון אונטערן באוווסטזיין אויף דער שוועל פון דער און יענער זייט"...

אזעלכע גרויסע און ליכטיקע שטערן, ווי מיר האבן שוין געהאט אריינ־געקליבן אין דער ספעציעל „אונדזער ליטעראטור" אריין... און דא פלוצלינג: באך!...

— „טאלאנטלאזיקייט"! — האט ער [נאמבערג] געלאזט הערן וועגן אונדז בכל התפוצות... טאקע, וואס האט ער פון אונדז פארלאנגט: אז מיר זאלן דארכפירן א וועג אין אונדזערס אן ארטיקל, ווו עס זאל זיך דערקענען דער וועג, אויף וועלכן עס האט געטרעטן א גייסטיקע פיזיאנאמיע?... ווו די טריט פון א גייסטיק געשטאלט האבן זיך אפגעצייכנט אין אים?... וואס מיר האבן דען נישט פונקט די זעלבע ווערטער, וואס יענער שרייבער מיט א גייסטיק געשטאלט... אלא יענער האט דאס געשטאלט, וואס גיט זיך איבער דארך ווערטער, מילא האבן מיר די ווערטער אויף איבערצוגעבן אן ארטיקל... [60]

ווייטער רעדט זיך דער כלל־טוער אראפ פון הארץ, אז ער קען נישט פארשטיין, וואס עס האט דא דעם דיכטער, דעם „נארעלע", נישט צו געפעלן, ווייל ער גייט ארום

שטענדיק מיט א פארצארנט פנים און פארקרימטער נאז . . . פונקט, ווי עס וואלט אים פון עפעס געעקלט...

כ'וועל נישט זאגן, אז אלע זענען אזוי... אזא יאר אויף מיר, ווי מיט מאנכע קען מען יא אייניק זיין... ווי זאגט דער דייטש: „לעבן אונד לעבן לאססן"... אבער די זענען נאר צוויי... ס'הייסט געווען וואלטן מער, . . . מען זאל זיי נאר צולאזן. . . . זיי שלעפן זיך נאך . . . מיינענדיק, אז אן אונדזערע טריט הענגט א גאלדענע פאדקאווע...[61]

איינער פון די צוויי, וואס טויגן זיך, טויג זיך גאר גוט. ער פארשטייט אן עסק. אט דער האט זיך געהייסן אנרופן נישט אנדערש, ווי „דער גרעסטער ווארט־קינסטלער", שרייבט וויסענבערג.

...און מיר וואלטן שוין היינט דעם „ווארט־קינסטלער", דעם אפטימיסט, וואס וויינט אויף מיטינגען... געקענט ארויסשטעלן מיט ביירהאנען, אויב נישט נאך העכער... נישט ווי להבדיל די רעקלאמע פון „בזשאזע־פארלאג" ס. . . ן, דעם „יידישן שעקספיר"... אין אמעריקא... נישט, ווי ביי אים, להבדיל, צוליב ביכלעך ס...ס צום לייזן... נישט אויך, להבדיל, ווי אנדערע

פאַרלאָגן צוליבן ביסעלע פּדיון... נאָר צו גאָר העכערע צוועקן... מיר האָבן „קולטור״... און אַז עס וועט נאָך, אם ירצה השם, אַ ליאַדע מאַנטיק־דאַנערשטיק דערגרייכן ביי אונדז דעם „אָלימפּ״... מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף, ווי אַ שיס־ביקסל אין הימל אַריין...[62]

„אַ טרייסט״ איז געשריבן אין דער פאָרעם פון אַן אינטערוויו. פרעגט דער אינטערוויוער ווייטער, וואָס ס'איז מכּוח זינגערן, וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט זיין „באַקאַנטמאַכונג״ וועגן זיין אָפּזאָגן זיך פון דער ליטעראַטור. דערויף האָט אים דער אינטערוויוירטער געענטפערט, אַז זינגער איז טאַקע באַגאַנגען אַ „נאַריש־קייט״... וואָס וואָלט אים געאַרט צו זיין „אַ צוויבער־שטעקעלע״, אַן „עץ־החיימל״ אין דעם ליטעראַטור־„מקדשל״?

דער דיכטער, וועלכער האַלט זיך אויף זיין פּאָזיציע... ער, דער וואָס וויל זיך גאָר נישט אָנהייבן צו „דראַפּען״ אויף אונדזער וועג... ער מיינט, אַז דער אמת וואָס גאָט האָט אים צוגעוואָרפן דער מענטשהייט ווי אַ ממזר, דאַרפן מיר דערציִען אין אונדזער אַנשטאַלט... ווי געפעלט אייך דאָס נאַרעלע... דער דיכטער?...[63]

ווייטער עצהט דער אינטערוויוירטער צו זאָגן זינגערן, אַז ער דאַרף נישט „שעלטן, ווי אַ דיכטער קען, מיט פּאַעטישע משלים״, ווייל דער נביא פּאַרצייטנס, וואָס האָט אויך אַזוי גערעדט און געשאָלטן, „איז אויך נישט קליגער געווען...״

אָט אַזוי האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות זיך אינפאָרמירט דאָרך אַן אינטערוויו, ווי עס זעט אויס די סביבה אין וועלכער זינגערס קריג האָט זיך געדרייט און, וואָס דאָס איז געווען, האָפּנטלעך די וואַרשיינלעכסטע סיבה פון זיין אָפּזאָגן זיך פון דער ליטעראַטור.[64]

ווי שוין אויבן געזאָגט, האָט וויסענבערג געהאַט זיין אייגענע אָרטאָגראַפיע, די פּויליש־ייִדישע, אַנשטאָט דער אָנגענומענער ליטוויש־ייִדישער. די ביכער, וואָס זענען אַרויס אין פאַרלאַג וויסענבערג, ווי אויך זיינע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס ער האָט רעדאַקטירט, זענען געווען געדרוקט מיטן פּויליש־ייִדישן אויסלייג. זיינע טעמים פאַר דעם דאָזיקן נויטווענדיקן בייט טייטשט ער אויס אין אינזער האָפענונג אַזוי:

... איך גלייב באמונה שלמה און נישט מיטן בלויזן גלויבן, נאָר מיט דער קלאָרקייט פון מיין גאַנצער דענקונגס־קראַפט, אַז די ייִדן אין פּוילן, וואָס האָבן זיך געפונען אַרומגערינגלט מיט דער פּוילישער לאַנדשאַפט, האָט זי זיי געגעבן קלאַנג, פאַרב און אַריינגעאָטעמט אַזאַ איידעלן זיפּץ אין די האַרץ־קעמערלעך ביי דעם אויפנעמען די אַרעמקייט, פאַר וועלכער ביי זיי האָט זיך געמוזט אַרויסרייסן אַ צוריק־קלאַנג, אַ צוריק־פאַרב און אַ צוריק־זיפּץ. אַזעלכע שטימונגס־מאָמענטן, אויף אַזוי פיל, וויפל זיי זענען געווען, נישט נאָר האָבן די שטימונגען אין דעם מענטש געזוכט פאַר זיך אויסדרוק און באַשאַפן זיך תּנועות, סיי אין האַלטן זיך, סיי אין רעדן, נאָר פּשוט אויך שפּראַך אויף צום לאָזן זיך איבערגעבן.

איך גלייב, אַז די ייִדן אין ליטע האָבן גראָע ערד, פּינסקער בלאָטעס, זאַמדיקע גלייכן, נישט באַוועלדערט, און געלעבט האָבן זיי אין שכנות מיט די זומפּן,

צווישן וועלכע דער מענטש נישט נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין עליה, נאָר איז פּשוט געווען ביי זיך געפאַלן, אָרעם און שפּל צוליב דער אַרומיקער פּוסטקייט און וויסטעניש און דאָס האָט אים איינגעקאָרטשעט די שפּראַך.
איך גלייב, אַז די יידן דאָ, אין פּוילן, האָבן אַלע מאָל געלעבט אין מער גלאַנץ, סיי וואָס זיי האָבן אים געזען ביי די שכנים און סיי ביי זיך אַליין. די פאַרשידנאַרטיקייט און פילפאַרביקייט האָט געשאַפן מער ניואַנסן אין די פאַר־לאַנגען, במילא פאַרשידנפאַרביקע תאוות, וואָס דאָס האָט ווידער געזוכט אויסדרוק און אַריינגעגאָסן נישט נאָר הייסן אָטעם, פילפאַרביקייט און תאווה אין דער שפּראַך, נאָר טאַקע אויך באַשאַפן שפּראַך פאַר זיך.
איך גלייב, אַז דער „צאַוזשע" פון פינסק איז גראָ און אָרעם, ווי זיין סוקמאַנע; אַז די יידן צווישן דעם גראָען „צאַוזש" האָבן גענאַרפּן מאַכן פון אים און צווישן אים אַ לעבן, האָבן זיי קיין האַניק נישט געלעקט, פון גלאַנץ און תאוות נישט געטראַכט און דאָס האָט ביי זיי נישט נאָר אָפּגעבלאַקירט די שפּראַך, נאָר געטייט אַפילו די באַגריפן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַ גלאַנציקער לעבן.
ס'זענען דאַדאָרך פאַרבליבן ביי זיי נישט נאָר פאַרקילטע, פאַרהאַרטעוועטע ווערטער, נאָר אויך די בצימצומקייט איז זיי געבליבן אין דער שפּראַך, אַזוי גוט ווי אין זייער לעבן.
אונדזערע רבנים אין פּוילן זענען שטענדיק באַוואָרפן מיט אַרבעט פון גטן און נאָך אַנדערע ספּראַוועס, ווי די ניו־יאָרקער „דזשאַדזשעס" פון די איטאַליענער אין איטאַליענישן קוואַרטאַל פון ניו־יאָרק, און אַ ייד אין דער ליטע באַשאַפט נישט אַזוי פיל אומרויִקעס אין זיין לעבן. זיינע פאַרלאַנגען זענען פּונקט, ווי זיין לעבן און זיין לעבן פּונקט, ווי זיין שפּראַך.
און ווילט איר די דאָזיקע אויסשפּראַך אַריינגיסן אין אונדזער ליטעראַטור, דעם סטעמפּל פון זייערע פאַרלאַנגען אַרויפליגן אויך אויף אַנדערע שאַפונגס־געביטן, קענען מיר יידן פון פּוילן דאָס נישט. סיידן אונדזערע פאַרלאַנגען זאָלן ווערן אַזוי גראָ, סיידן אונדזער לעבן זאָל ווערן אַזוי האַרט און קאַלט און דער לוסט, וואָס איז דער פאָטער פון שאַפן, זאָל ווערן טויט, ווי דער טויט וועלכן איר מוזט אומבאַדינגט ברענגען אונדזער ליטעראַטור, פּאָעזיע און אַנדערע שאַפונגס־געביטן.
איך גלייב, אַז אַ מענטש קען נישט אָנהייבן פריִער צו זאָגן „ברעטער", איידער ער ווערט אויס קונסט־פּעִיק. ער מוז זיין אַ ביסל סענטימענטאַלער און זאָגן ברע־ה־טער.
און איך גלייב באמונה שלמה, אַז איר זאָגט ברודער אַרויסרעדנדיק שאַרף דעם מלופן, מוז דאָס זעלבע וואָרט אָפּקלאַפּן מיט דער האַרטקייט אויפן גומען, ווי פון צוויי ברעטער.
איך גלייב, אַז ווער עס פאַרשטייט נישט דאָס אַלץ, דער גלייבט קוים, אַז מיט זיין ווונטש אַריינצופירן די ליטוויש־יידישע אָרטאָגראַפיע אין דעם יידישן ווייכן שאַפן פון דער פּאָעזיע, ווייסט דער נישט, אַז ער וויל די פּאָעזיע טייטן.
ערשט דעמאָלט וועלן מיר קענען רעדן מיט יענעם האַרטן מלופן און דעם וואָרט „ברעטער", אַנשטאָט ברעהטער, ווען די פּאָעזיע אונדזערע וועט זיין טויט.
אָבער איך גלייב באמונה שלמה, אַז די יידן פון דער ליטע וועלן אונדזערע אוצרות נישט אויסוואָרצלען. . . .[65]

אין שטוב, צי אַזוי ביי אַ געלעגנהייט, האָט מען געקענט הערן ווייסענבערגן קאַמענטירן ליטוויש אין אַ וויציקן טאָן. אַזוי האָט ער דערציילט, אַז ס'איז אַ מאָל

אַריינגעקומען אַ גאַסט אין אַ רעסטאָראַן. דער קעלנער, אַ ליטוואַק, האָט דעם גאַסט געפרעגט, וואָס ער וויל באַשטעלן צום עסן:

חאַלעמיטקעס, צי חאַלאַנקעס?

דער גאַסט, אַ פּוילישער ייִד, קוקט אים אָן:

„מיט וואָס עסט מען דאָס?"

און דער קעלנער האַלט אין איין איבערחזרן, צי ער וויל חאַלעמיטקעס, אָדער חאַלאַנקעס?

האָט דער גאַסט בשום־אופן נישט פאַרשטאַנען, אַז ער פרעגט אים, צי ער וויל עסן חלה מ י ט קעז, אָדער חלה אָ ן קעז.

אַ צווייט מאָל — האָט ווייסענבערג דערציילט — ווי אַ מאַן, אַ ליטוואַק, האָט געהאַט אַ טענה צום ווייב, פאַר וואָס, אַז ווען ער בעט זי זאָל אים געבן צו עסן פיס, גיט זי אים גאָר פיס!

— נו, איז דאָך גוט, זאָגט דער, פאַר וועמען ער האָט זיך באַקלאָגט.

— ניין, זאָגט אָבער דער מאַן, ווי אַזוי איז דאָס גוט, אַז איך וויל פיס, גיט זי מיר גאָר פיס?!

הכלל מע האָט נישט געקענט דערגיין דעם אונטערשיד; געוואָלט האָט ער עסן פיס און זי האָט אים געגעבן פיש. נאָר ווי אַזוי האָט דען דאָס ווייב געקענט פאַרשטיין, אַז אַ „ש" רעדט דער ליטוואַק אַרויס אַזוי ווי אַ „ס", בשעת פיש האָט אַ קורצן קלאַנג, און פיס — אַ צעצויגענעם: פאָנעטיש קלינגען די צוויי ווערטער לגמרי אַנדערש, נאָר דער ליטוואַק רעדט זיי ביידע אַרויס גלייך: קורץ און אָפּגעהאַקט, האַרט.

אויך האָט ער דערציילט, אַז ווען זיין טאַטע, דער זיידע לייביש, פלעגט זיך אַ מאָל איבערווערטלען מיט זיין מאַמען, דער באָבע פעסען, איז ווען זי פלעגט ווערן אויפגערעגט אינעם איבעררעד, האָט זי גענומען רעדן שנעל און פאַרפּלאָנטערן די ווערטער, פלעגט דער זיידע זי אין אַזאַ פאַל אַ פרעג טאָן:

— „אַ, דו רעדסט מיר שוין ליטוויש?"

איך געדענק אַ וויכּוח ביי אונדז אין שטוב צווישן ווייסענבערגן און מאַרק ראַקאָווסקין וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס וואָרט „בוך" דאַרף אַרויסגערעדט ווערן. ראַ־קאָווסקי האָט געהאַלטן אין איין איבערצייגן ווייסענבערגן, אַז „בוך" קלינגט דאָך פאַרט שענער און ריכטיקער.

ווייסענבערג האָט זיך אָבער אַלץ געהאַלטן ביי זיינס, אַז „ביך" קלינגט אַ סך ווייכער און שענער.

בכלל האָט ער געהאַלטן, אַז די פּויליש־ייִדישע אויסשפּראַך איז אַ סך פאָנע־טישער און מוזיקאַלישער, בשעת די ליטווישע ווייסט נישט פון קיין ניואַנסירונג אינעם קלאַנג. רעדנדיק אין נאָמען פון די ליטוואַקעס, האָט ער געזאָגט: „מיר האַקן, ווי מיט ברעטער, אין דער שפּראַך, ווי מיט האַרטע און גלייכע דרענגער. מיר שרייבן מיט אַ 'שאַגאַם מאַרש'־שפּראַך: ראַז, דוואַ!"

די ליטוואַקעס — פון זייער זייט ווידער — פלעגן ווייסענבערגס אָרטאָ־גראַפיע רופן די „זשלעכאַווער אָרטאָגראַפיע" און אַז ער וויל, אַז אַלע ייִדן זאָלן

זיך מיט איר באַניצן. בכלל האָט ווייסענבערג געזאָגט — „אַז מע וויל טשעפּען מיט מיר, טשעפּעט מען זיך צו זשעלעכאָוו".

אין ליטעראַטן־פאַראיין איז אַ מאָל צו אים צוגעקומען מ. ד. ווידרעוויטש, אַ מיטגליד פונעם פאַראיין (אגב בין איך מיט זיין ייִנגסטער טאָכטער נעכען געגאַנגען אין איין קלאַס אין דער פאָלקסשול) און אים געפרעגט, וואָס ער האָט צו די ליטוואַקעס, האָט אים ווייסענבערג געענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— „שיקט מיר צו אַן אַנדערן ליטוואַק, וועל איך אים דערקלערן".

וואָס שייך ניצן, לויט אונדז, נישט־ריכטיקע ווערטער — האָט ווייסענבערג געזאָגט, אַז מען דאַרף האָבן אַ געפיל פאַר שפּראַך. געוויסע אַנגענומענע ווערטער זענען אַפּט — הגם אַנגענומען — דאָך נישט ריכטיק, ווייל זיי דריקן נישט אויס גענוג דעם מיין אָדער דאָס געפיל פון דעם, וואָס מע וויל זאָגן. אַזוי האָט ער קיין מאָל נישט געוואָלט ניצן דאָס וואָרט „באַווייזן", למשל, באַווייזן צו קומען, נאָר אַנשטאָט דעם האָט ער בעסער געניצט „דווינזשען", וואָס איז אַ פּאָלאַניזם (זדאָנזשיטש), נישט האָבנדיק קיין בעסערן עקוויוואַלענט, ווייל באַווייזן — האָט ער געטענהט — באַטייט גאָר ווייזן עפּעס, באַווייזן עפּעס פון קעשענע אַרויס, אָבער בשום־אופן מיינט עס נישט קומען אין צייט.

אין איינעם פון זיינע ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער געהייסן אָנגעבן „וולאַשטשיוואַשטש", אַנשטאָט „וולאַסנאַשטש ווייסענבערגאַ", וואָס דאָס מיינט אייגנטום.

דאָ האָט זיך שוין ביילטשע באַגאַסן מיט אַ שוויס, און אַ פּאַרפּלאָנטעטע פון אויפרעגונג האָט זי זיך באַמיט אים אויסצוטייטשן, אַז „וולאַשטשיוואַשטש" הייסט אייגנשאַפט און נישט אייגנטום, וואָס ער איז אויסן צו זאָגן. ער האָט אָבער געזאָגט: ניין, „וולאַסנאַשטש" דאַרף נישט זיין דאָס וואָרט פאַר דעם באַגריף, נאָר „וולאַשטשיוואַשטש" וואָלט עס געדאַרפט זיין, און אים אַרט נישט, וואָס דאָס ווערטערבוך זאָגט אַזוי און אַלע שפּראַכקענערס זאָגן אַזוי. האָט ביילטשע געזאָגט: כ'וועל דיר ברענגען פּאָלאַניסטן און זאָלן זיי דיך איבערצייגן.

אַזוי האָט זי געטאָן. זי האָט געבעטן קומען לעאָ פינקעלשטיינען, וואָס האָט געאַרבעט אין נאַש פּזשעגלאָנד און איז געווען אַ גלענצנדיקער פּאָלאַניסט, אויך פּראָפעסאָרן און באַגלייבטע פּויליש־קענערס. אַלע האָבן זיי געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס ביילטשע: „וולאַסנאַשטש" איז דאָס וואָרט. האָט ווייסענבערג אָבער געזאָגט, אַז די פּאָלאַניסטן קענען טאַקע גוט פּויליש, נאָר קיין געפיל פאַר דער שפּראַך האָבן זיי דאָך נישט, ווייל „וולאַשטשיוואַשטש" איז פאַרט נעענטער צו אייגנטום, ווי „וולאַסנאַשטש". ביילטשען איז עס ממש געגאַנגען אין לעבן און זי האָט אַרומגעאַרבעט מעשׂים, אַז ס'איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנד צו לאָזן דאָס בוך בכּיוון אָפּדרוקן מיט אַזאַ לעכערלעכן פעלער. אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. ער האָט געהייסן אָוועקשטעלן „וולאַשטשיוואַשטש" און אַזוי איז דאָס בוך — פון דער סעריע, אַרויסגעגעבן אין „פאַרלאַג ווייסענבערג" — אַרויס. בשום־אופן האָט ער בכלל נישט געוואָלט ניצן קיין אַנדער וואָרט, ווי נאָר דאָס, וואָס ער האָט געפילט און געהאַלטן פאַר אַנטשפּרעכנדיקער.

אַזוי אויך ווען ער האָט געהאַלטן אַ רעפּעראַט; אויב ער האָט נישט געפונען פונקט דאָס ריכטיקע וואָרט אויסצודריקן זיין געדאַנק גענוי — האָט ער קיין נאָענטן עקוויוואַלענט, וואָס איז אים גראָד געקומען אויפן געדאַנק, נישט געניצט, נאָר געלאָזט דעם עולם אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז ער האָט יאָ געפונען פונקט דאָס ריכטיקע וואָרט. בכלל האָט ער גערעדט פון דער בינע פונקט, ווי מע שמועסט פּריוואַט מיט אַ מענטש. ס'איז אַ מאָל געווען אַפן אַ זייטיקע טיר פונעם טעאַטער, ווו ער האָט געהאַלטן אַ רעפּעראַט פאַר די יונגע טאַלאַנטן — און דער עולם האָט פאַר־פלייצט דעם זאַל מיט גרויס ענטוזיאַזם — האָט ער דעם שיקיינגל, וואָס איז געווען אַנגעשטעלט אין אינזער האָפענונג, אָנגעוויזן מיטן ווייזפינגער פון דער בינע אַראָפּ, אַז ער זאָל צוגיין צו דער אָפענער טיר און זי צומאַכן.

אינעם פּריוואַטן שמועס, אַז ער האָט נישט אויפן מאָמענט געפונען דאָס ריכטיקסטע וואָרט — האָט ער געטראַכט און געזוכט אינעם געדאַנק און דערביי געמאַכט: „או־וואָ", ווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט פאַר וואָס ער געפינט עס נישט פונקט ווען ער דאַרף עס.

אויף דער זעלבער טעמע — אָרטאָגראַפיע — שרייבט אויך איינער פון ווייסענבערגס תּלמידים, מרדכי אלעי, „וועגן אונדזער שפּראַך":

> אין דער פראַגע וועגן אונדזער יידישער אָרטאָגראַפיע, וואָס דער רעדאַקטאָר פון אינזער האָפענונג האָט אין לעצטן נומער [14] גאָר קלאָר אָוועקגעשטעלט דעם צייכן אויפן פויליש־יידישן דיאַלעקט, וועלכן מיר ווען פאַר קיין פאַל נישט קענען מיט געמאַכטער בלינדקייט פאַרבייגיין, איז פאַר אַלץ נייטיק, אַז די יוגנט זאָל נישט זיין אין דעם טעות אין וועלכן פאַראינטערעסירטע קרייזן ווילן זי אַריינפירן, נעמלעך: אַז דאָס איז בלויז אַ ריין ווייסענבערג־ענין. האַלט! דאָס דאָזיקע ענין פאַרדינט אַנדערש אָוועקצושטעלן דעם טראָפּ! עס האַנדלט זיך אין דעם, צי זאָל אין דער יידישער ליטעראַטור אונטערדריקט ווערן די פרייע ברייטע וואַרעמקייט, דער שטיפערישער לאַך און דער קאָלאָריט פון הונדערטער דורות אייגנאַרטיקייט. און אָט אין דעם גייט עס: צי זאָל מען אָננעמען אַזוי גלייכגילטיק די העגעמאָניע פון דער ליטווישער אויסשפּראַך אין אונדזער ליטעראַטור און געזעגענען זיך מיט דאָס אַלץ און אויך מיט איר אַליין, דען אָן דעם איז נישטאָ קיין שאַפן, אָדער ניין. און אָט דאָ ליגט דער שווערפּונקט: פאַר וואָס קומט עס דאָס אַלץ צו אָפּפערן? ווער פאַרלאַנגט עס אַזעלכעס? און צו אַלעם ערשטן: מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס, וואָס די יידישע מאַסע, איבערהויפּט די פּראָווינץ דאָ אין פּוילן, ווייסט דאָס אַליין נישט און מען האַלט עס נאָר פאַר אַ ווייסענבערג־ענין בלויז. אָט אויף דאָס לעצטע איז ווערט באַזונדער זיך אָפּצושטעלן און קלאָר מאַכן דעם דאָזיקן אומשטאַנד פאַר זיך אַליין.
>
> עס קען זיין, אַז די ליטווישע אויסשפּראַך האָט עפּעס לאָקנדיקס אין זיך פאַר אונדזערע מאַסן דאָ אין פּוילן, אויב זיי נעמען זי מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט צו און עס ווערט נישט פון ערגעץ געהערט קיין באַקלאָגן זיך דערויף. און אָט דעם עפּעס וויל איך ערשט באַטראַכטן אין וואָס ער באַשטייט און וואָס איז דאָס לאָקנדיקע. ערשטנס: די ליטווישע אויסשפּראַך האָט געזעצמעסיקייט, גערעגלטקייט — וואָס דאָס פעלט זייער דער פויליש־יידישער אויסשפּראַך; דהיינו ווי דאָס וואָרט „די", וואָס דינט אין דער פוילישער אויסשפּראַך אי אַלס

אַרטיקל, אי אַלס שם־הגוף; אין דער ליטווישער ווערט קלאָר אונטער־געשיידט: „די" און „דו". אַזעלכע נישט־אָפּגעטיילטקייטן זענען אָבער נישט פרעמד אויך אַנדערע שפּראַכן, און אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָבן זיי געדינט שעקספּירן אַלס די שענסטע ווערטשפּילן. איבעריקנס איז די דאָזיקע מעלה אויך דער גרעסטער חסרון פון דער ליטווישער שפּראַך גופא. אָט די גערעגלטקייט איז פאַר דער שפּראַך אַליין פונקט ווי דער ליטווישער מוסר פאַר זייער ליידנשאַפטלעכקייט: — איינגעפּרעסטקייט, שטייפקייט, מתנגדות, עצירות. פאַר אַ שפּראַך, וואָס איז דער אָרגאַן פון געמיט פאַר יעדן פאָלק, ווי דער בלעטער־רויש פאַר דעם בוים, דער כוואַליע־מירמל פאַרן טייך און איז שטענדיק בבחינת פּראָגרעס אין פאַרנעמען זיך אַלץ ברייטער און אַלץ ווייטער און במילא, אין שטענדיקער אומרו, איז אָט די גערעגלטקייט, פאַרשטייפט־קייט, יעדנפאַלס דאָס זעלבע, וואָס ראַבעספּיערישע רעגלען פאַר דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע.

צווייטנס: זי האָט נאָך אַ מעלה — זי איז וואָרט־אויסדריקלעכער, זי קלינגט (קלאַפּט — די רעד.) האַרטער, מענערישער, זי האָט נישט די צערטלעכקייט, וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן אין דער שפּראַך פון אַן אַש, ווייסענבערג, פּרץ, עוזר וואַרשאַווסקי און שלום־עליכם. — אָבער טאָקע ווייל זי האָט דאָס נישט, קען זי דען זיין די ליטעראַטור־שעפּערין פון אונדזער פאָלק, וואָס איז דאָרך און דאָרך אָנגעשטאָפּט מיט די אַלע אייגנטימלעכקייטן? די צאַרטקייט פון אונדזערע שוועסטער, די ליבע, ווייכע רייד און שמייכלען פון אונדזערע מיידלעך, די בנעימותדיקייט און שטילקייט פון אונדזערע ווייבלעך — די ליטווישע אויסשפּראַך קליידט זיך דאָך אינגאַנצן נישט צו דעם דאָזיקן עלעמענט. נישט נאָר וואָס זי קליידט זיך נישט, נאָר זי פאַרמאָגט דאָך גאָר נישט אין איר גאַנצן רעזערוואָר קיין שפּראַך־שטאָף אָט דאָס אויסצודריקן. — נעמט אַדרבא און דריקט אויס מיט ליטווישער שפּראַך די אַלע שאַטירונגען פון אַ פּוילישן יידס רחמנות, ווי עס האָט זיי י. ל. פּרץ מיט אַ טיפקייט און רייכקייט אין ווערטער־פאַרבן, ווי די שפּילנדיקע כוואַליעס קייגן זון־אונטערגאַנג, אונדז געשילדערט. די העכסטע אַקטאַווע, וואָס מען קען אין ליטוויש דערגרייכן איז — „ער האָט רחמנות באַקומען", אַזאַ שטייגער, ווי זיי זאָגן אין דער ליטע — „ער האָט הונגער באַקומען". ווי איז דאָס אונדזער אופן רעדן, רעדניש־אַרט? ביי אונדז, אויב עס ווערט באַניצט דאָס וואָרט „באַקומען" איז עס „די נכפּה", די „כאָלערע", די „שלאָק" — אַזעלכע טרוקענע, דאָגמאַטישע ווערטער ווערן נאָר באַניצט אין אויסערגעוויינטלעכע פאַלן. אָדער נעמט ביי י. ל. פּרצן זיינע ים־טיפקייטן אין אויסדרוקן פאַר געזאַנג אין זיין „צו נעילה": — „ס'איז געווען נישט קיין וואָלאַך, נישט קיין שטייגער, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס צופּט ביים האַרץ". — אין דער ליטע די העכסטע אַקטאַווע: ער איז „פאַרגאַנגען אין זינגען"... פאַרגאַנגען זאָגט מען ביי אונדז אויף אַ משומד, אָדער אויף אַ צורר, וואָס האָט יידן שלעכטס געטאָן. אַז דאָס איז אינגאַנצן נישט אונדזער רעדניש־אַרט, און אַפילו פאַר אייך נישט קיין שפּראַך, נאָר טשוועקעס געשלאָגן און דאָס, ווילט איר, זאָל זיין די שאַפערין פון אונדזער יידישער ליטעראַטור. — איינס פון די צוויי: אָדער נישט דאָס אָדער יאָ דאָס און אונדזער ליטעראַטור וועט אונטערגיין. אויב ליטעראַטור איז השארת־הנפש, קען זי די נשמה פון אונדזער פאָלק אין אַזאַ אָרעמקייט, אויסגעמאָגערט און אויסגעטרוקנטקייט נישט אַריינגיסן. זיכער בין איך אָבער, אַז אונדזער אַרטיקלען שרייבן און אונדזערע דערווייזונגען זענען איבעריק, ווייל אויב דאָס פאָלק איז לעבנספּעיִק, וועט עס זיך נישט לאָזן איינגליווערן אין אַ קליין ביסל

האַרטע ווערטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דאַרך אַ קליין הייפל מענטשן אין אַ צייט, ווען זיי האָבן אפשר הונדערטער יאָרן געלעבט נאָר מיט דאָגמעס, שטייף און האַרט, ווי אַ מוסרניק קען. און נישט נאָר, וואָס דאָס אָרעמע ביסל ווערטער, נאָר אַפילו די פאָרמען — נישט.

קוקן דערויף, וואָס אין די קליינע שטעטלעך דאָ אין פוילן האָבן זיך מאַנכע יונגע לייט אָנגעהויבן אָנצושטעקן מיט דער דאַזיקער אויסשפּראַך אין רעדן, דאַרפט איר נישט: יעדער נייער „בעזעם" קערט שיין... דאָס איז אַביסל סנאָביזם — קאָקעטירן די, וואָס פירן דאָס אַריין און „צאַצקען" זיך אין דער ערשטער צייט מיט דאָס פרעמדע, מיט דאָס נייע...

מיין פריינד ווייסענבערג דערציילט מיר: ווען ער איז געווען אין ניו־יאָרק און איינער פון די פאַרווערטס־מיטאַרבעטער האָט אים געוואָלט אָנטאָן אַ נחת, האָט ער אים אַרויפגעפירט אויפן דאַך פון דעם „פאַרווערטס־בילדינג" — און אים געוויזן פון דאָנען אַראָפּ, אַז ·דאָס שטיק פלאַץ אויף דער זייט פון „האַדסאָן" (ים־אָדער) האָבן די ערשטע ווייסע אָפּגעקויפט ביי די ווילדע רויטע פאַר עטלעכע קאָלדרעס, פייפלעך און פאַטשערקעס. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען ווייטער אויך אויף יענער זייט „האַדסאָן" שוין אַליין...

איך בין זיכער, אַז מאַנכער נאַרישער יונגער־מאַן שפּיליעט זיך צו די האַרטע „ר" צו דער קלאַפּע (נאָר צוגעשפּיליעט צו דער קלאַפּע... ווייל ער באַניצט זי גראָד אין וואָרט קינד) ווען ער גייט צו זיין באַקאַנט מיידל. און ווערלנדיק זיך אויספיינערן פאַר איר, אַלס אַ באַלעזענער, זאָגט ער איר: חיהלע, „דער קונד" ווײנט... איך בין זיכער, אַז דער רויטער אינדיאַנער האָט זיך אויך אַזוי צוגעטשעפּעט די פאַטשערקעס, וואָס דער ווייסער האָט אים געגעבן, צום אָרעם, ווען ער איז געקראָכן אין דער הייל אַריין צו זיין געליבטער: חיהלע, „דער קונד" ווײנט...

אָבער עס מאַכט נישט אויס: איך בין זיכער, אַז אונדזער פוילישער יונגער־מאַן איז אַזוי ווייך און צעקראָכן, אַז ער ווייסט אַפילו נישט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך: אַז מען וויל אים אַרויסשלאָגן מיט דער דאַזיקער „פאַטשערקע" פון דער זייט „האַדסאָן"... ער איז עס נאָך דערווייל נישט חושד, אָבער איך האָף, אַז עס וועט אים באַלד קלאָר ווערן.

דער זעלבער סנאָביזם קומט אויך פאָר ביי מאַנכן סעקרעטאַרל פון פאַראיין אין שטעטל, ווערלנדיק מיט זיך פאָרשטעלן דעם אויסדרוק פון „פּראָגרעס" און „בילדונג" אין זיין יוגנט. ווער שמועסט נאָך, אַז ער נעמט נאָך פּענסיע אויך אין דעם פאַראיין, דעמאָלט מוז ער דאָך אוודאי זיין אַ „יוגנטלעכער"... דאָס איז דאָס צאַצקען זיך מיט דעם נייעם, אָבער איך גלייב, אַז אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט קען מען זיך נישט לאָזן פאַרפירן, סיי קולטורעל, סיי עקאָנאָמיש, ווי יענע 700 רויטע, וועלכע ווערן היינט קינסטלעך אויפגעהאַלטן פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, פאַר אַ זכר, ווי אין אַ מוזעום און ווייטער זענען אונטערגעגאַנגען מיליאָנען מענטשן מיט אַ באַזונדערער קולטור.

אָבער אַ פלא איז דאָס טויטע פאַרשווייגן פון אונדזער פויליש־יידישער יוגנט אויף דעם פאַקט, וואָס פּעדאַגאָגן פון אונדזערע יידישע שולן דאָ אין פוילן, שול־טוער און שול־אינסטרוקטאָרן האָבן אַריינגעפירט די גוואַלדיקע דיסהאַרמאָניע פון דער אויסשפּראַך אין דער היים, און אין דער שול אין דעם יידישן קינדס מוחל אַריין.

אָט דער העכסט וויכטיקער ענין, מיין איך, איז שוין צייט, אַז ער זאָל באַשעפטיקן די מוחות פון דער עפנטלעכקייט און זי זאָל נישט האַלטן עס בלויז פאַר אַ ווייסענבערג־ענין. [66]

י.מ. ווייסענבערג מיט אַ גרופּע שרייבערס און זייערע משפּחות.
פון רעכטס אויף לינקס: משה אָדאָנער, י.י. שוואַרץ, איזילקע שוואַרץ, (אידענטיטעט אומבאַקאַנט), אסתּר פּאַקס, עמנואל פּאַקס, י.מ. ווייסענבערג, מנחם באָריישאָ און אסתּר לאַנדוי.
ניו־יאָרק, קראָטאָנאַ פּאַרק, בראָנקס, זומער 1922.

י.מ. ווייסענבערג
פון דער צייכענונג פון העניך בר־לעווי.

N. Korzeń: portret I. M. Wajsenberga zakupiony przez Gminę Żyd. w Warszawie

י.מ. ווייסענבערג

פונעם אײלבילד פון נ. קאָזשען.

(די וואַרשעווער יידישע קהילה האָט דאָס בליד אָפּגעקויפט פונעם קינסטלער.)









ליטעראַרישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס
וואָס וויסענבערג האָט אַרויסגעגעבן.

י.מ. ווייסענבערג, זיין פרוי, זיינע תלמידים און פריינד
(וואַרשע, 1928).

ערשטע רייע פון רעכטס: יחיאל לערער, דער סקולפּטאָר פעליקס רובינליכט.

צווייטע רייע: ב. פרידמאַן, מ.ב. שטיין, י.מ. ווייסענבערג, שלמה קאָרנבלום, נחום אויערבעשיץ.

דריטע רייע: שרה בירנבוים, אַ יונגער־מאַן פון גריצע (נאָמען נישט באַקאַנט), א טשעליאַדניצקי, ביילטשע ווייסענבערג, הענעך ערליך.

דריי פּראָמינענטע שרייבערס פון איין תקופה.
פון רעכטס: שלום אַש י.מ. ווייסענבערג, ה.ד. נאָמבערג.



י.מ. ווייסענבערג־עקסליבריס.
די ספריה העירונית אין תל־אביב האָט אין 1954 געשאַפן אַ יידישע אָפּטיילונג
אויף ווייסענבערגס נאָמען.

י.מ. ווייסענבערג

1936, 1937.

ווייסענבערגס צוגאַנג
צו ליטעראַרישע ווערטן

ווייסענבערג האָט אָפּט און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן גערעדט וועגן שרייבערס און זייערע ווערק, וועגן פּראָזאַיִקערס און דיכטערס.

מיט לערמאָנטאָווס „סאָן" * פּלעגט ער זיך גאָר דערלעקטירן:

אין היץ פון טאָג אין טאָל אין דאַגעסטאַנער **
מיט בליי אין ברוסט געלעגן כ'בין באַרוט.
ס'האָט נאָך גערויכערט זיך די טיפע ראַנע,
און טראָפּנווייז געריזלט האָט מיין בלוט.

אויף זאַמד פון טאָל אַליין בין איך געלעגן,
און שפּיצן בערג געוואַקסט האָבן אַרום,
און ס'האָט די זון געברענט די געלע בּרעגן,
געבראָטן מיך — נאָר כ'בין געשלאָפן שטום.

און כ'האָב אין טרוים געזען: אויף ווייטע פלוינען
אַן אוונט־פעסט מיט ליכטער שעמערירט.
און יונגפרויען, באַצירט מיט בלומען־קרוינען,
צעווישן זיך דאָרט רעדן וועגן מיר.

פון זיי בלויז איינע איז פאַרטראַכט געזעסן
און נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט,
ווי ס'וואָלט איר יונגע זעל זיך טיף פאַרגעסן
אין חלום, ווי אין טרויעריקער וואָר.

ס'האָט איר געחלומט זיך: טאָל דאַגעסטאַנער,
אַ טויטער גוף געלעגן איז באַרוט,
אין ברוסט האָט זיך גערויכערט נאָך די ראַנע,
און ס'האָט געטריפט מיט קאַלטן שטראָם דאָס בלוט.

יידיש: ל. פיינבערג[67]

דאָס איז בלויז אַן איבערזעצונג פון דעם וואונדער־שיינעם, טיף־טרויעריק איבערגעלעבטן „חלום".

לערמאָנטאָוו — האָט ווייסענבערג געזאָגט — האָט זיך אַליין נישט דערלעבט — געגנוי ווי ער אַליין זאָגט דאָס פאַרויס אין איינעם פון זיינע לידער, אַז ער וועט פרי אָנהייבן און פרי פאַרענדיקן; ער האָט נביאיש פאַרויסגעזען זיין טויט. אָט אַזוי איז ער טאַקע אומגעקומען, ווי עס זינגט זיך אין זיין „סאָן": געפאַלן אין אַ דועל און געלעגן אין טאָל (ביים פוס פון מאַשוק). ***

---

* רוסיש — חלום.

** אַ געגנט אין קאַווקאַז.

*** אַ באַרג אין קאַווקאַז.

נאָר געפאַלן איז ער, ווייל ער איז גוט דערגאַנגען די יאָרן דעם אָפּיציר מאַרטינאָוו (פּונקט ווי דאָס האָט געטאָן פּיעטשאָרין מיטן אָפּיציר גרושניצקי אין לערמאָנטאָווס אַ העלד פון אונדזער צייט). לערמאָנטאָוו האָט מאַרטינאָוון אָנגערופן אין אַ שמועס און אין די אויגן פון דער היכער געזעלשאַפט „זיעלאַני אָגורעץ״.* מאַרטינאָוו האָט אים צוליב דעם אַרויסגערופן אויף אַ דועל, כּדי צו פאַרטיידיקן זיין „האָנאָר״, ווי ס'האָט זיך געפירט אין יענע צייטן. און אַזוי איז אָוועקגעלייגט געוואָרן רוסלאַנדס איינער פון די גרעסטע פּאָעטן.

ווייסענבערג האָט געטענהט, אַז פּושקין קומט נישט צו לערמאָנטאָוון, וואָס איז אַ סך טיפער און פילט שטאַרקער. פּושקין — האָט ער געזאָגט — איז גראַציעז און שפּילעוודיק מיט די פאַרשידנסטע מאָדולאַציעס און חנען פון דער רוסישער שפּראַך, אָבער ער פאַרמאָגט נישט די מאַכטיקייט פון איבערלעבונג, וואָס לערמאָנ־טאָוו. פּושקינס פּאָעמעס פליסן גלאַטיק, מיט אויסגעמאָסטענער רעגלמעסיקייט, אָן זייטיקע שטרויכלונגען און ריסן, „אָן אומגעריכט סטיכיש ווילדן אַרויסשטויס אין אַ זייט״; לערמאָנטאָווס — לויפן האַסטיק, געטריבן פון אַ גוואַלדיקן אימפּעט, ברויזנדיק און מיטרייסנדיק אַלץ, וואָס אין זיין וועג.

אים וואָלט ער געוויס אָנגעמאָסטן די שעפערישקייט פון ברייטן פאַרנעם, וואָס טראָגט אין זיך גוואַלד און דראַנג, אַ

רייסנדיקע, געטריבן פון אַ שטאַרקן קוואַל, וואָס זינגט זיין גרויסע לייד, זיך נישט אומקוקנדיק אויף אַלץ. דער האַסטיקער שטראָם טראָגט אים, ווי דאָס וואַסער איילנדיק און אייביק, קיין מאָל נישט קומענדיק צו קיין ציל; ווי די באַוועגונג, די זון, וואָס זינגט איר גרויסן דמיון דעם גאַנצן רוים־וועג.[68]

פּונקט אַזוי — פלעגט ווייסענבערג טענהן — זענען די צוויי פּערזענלעכקייטן פאַרשידן. פּושקין, וואָס איז אין זיין יוגנט יאָ געווען עפּעס אַ שטיקל בונטאַר, האָט געהערט צו דער דעקאַבריסטן־באַוועגונג און באַזונגען די פרייהייט, איז שפּעטער געוואָרן מיושבדיקער און שנעל זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „לייטישן״ מיטגליד פון דער נאָבעלער רוסישער געזעלשאַפט. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן שרייבן „שכלדיקע״ פּאָעמעס.

האָט ווייסענבערג אים תּמיד אַקעגנגעשטעלט לערמאָנטאָוון, וואָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטערע פּערזענלעכקייט און שלמותדיקער אין זיין בונטאַרישקייט, נישט בלויז אין די שאַפונגען, נאָר אויך אין זיין אייגענעם לעבן.

לויט ווייסענבערגן מוזן די צוויי זאַכן גיין צוזאַמען: דעם קינסטלערס לעבן מוז זיין אַ ווערק פון קונסט, פּונקט ווי זיין שאַפונג איז אַ קונסטווערק. אַ קינסטלער קען נישט זינגען אָדער פּריידיקן איינס און לעבן אַנדערש „ווייל זיין בלוט זידט פון דעם אומיושר, וואָס ער טרעפט אָן אַרום״. אויף לערמאָנטאָוון וואָלט ער זיכער געזאָגט, אַז זיין „נשמה בענקט נאָך געטלעכער גערעכטיקייט און פולקאָמענקייט״.[69]

און ווייל דאָס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט דערגרייכן — זאָגט ווייסענבערג —

* רוסיש — גרינע אוגערקע.

טרעפן אויך ביים בונטאר אויסבראכן אין ווילדע טאטן און סתם פארדרייטקייטן, וואס לערמאנטאווס לעבן איז פול געווען מיט זיי.

> ווייל אויך ליידן, אויב זיי זענען נאר דא, האבן זיי אויך זייערע קאפריזן, ווי פון א לעבעדיקן מענטש, מיט ווידערשטענדיקייטן, מיט פראטעסטן, מיט גלאט אזוי פארפירענישן, נישט פארויסגעזעענע, מיט פסיכישע פארדרייטקייטן, מיט מיספארשטענדענישן, פון וועלכע די ליידן ברעכן אויס העפטיק און אומטענדענציעז.[70]

האט זיך טאקע לערמאנטאוו אריינגעלאזט אין די פארשידנסטע קארק־ברעכערישע מיליטערישע אוואנטורעס, ראמאנטישע אוואנטורעס, געזעל־שאפטלעכע אוואנטורעס. ער איז געווען בייסיק שארף און א תל געמאכט פון די גלאטיקע נשמהלעך אין זיין נאבעלער סביבה און אזעלכע מיליטערישע פראנטן, ווי מארטינאוו. דעם צאר אליין, ניקאלײַ דעם 1טן, — האט ער אויך נישט געשאנעוועט, און גאר מוטיק אים ארויסגעוויזן זיין קעגנערישע שטעלונג. דער צאר האט זיך אין אים גאנץ גוט נוקם געווען, אים פארשיקט אויף קאווקאז און אים אנגעטאן נגישות מכל־המינים. אבער די אלע שיקאנעס און דאס אנווערן די פריווילעגיעס, וואס א רוסישער אפיציר און אדלמאן האט געניאסן פון זיי אין יענע צייטן אין א ברייטער מאס, האבן לערמאנטאווון נישט געבראכן. דער מאכטיקער צאר האט געקענט באגרענעצן און צוימען לערמאנטאווס פריי באוועגן זיך פיזיש אין זיין ממשלה, אבער לערמאנטאווס ברויזנדיקן גייסט האט ער נישט געקענט צוימען.

וואס שייך די צוויי באוווסטע פראזאיקערס אין דער רוסישער ליטעראטור — דאסטאיעווסקי און טאלסטאי — האט ווייסענבערג ממש פארגעטערט דאסטא־יעווסקין. ער איז געווען ביי אים א הייליקייט. וועגן אים און שעקספירן פלעגט ער זאגן, אז צוויי גרויסע זענען דא אין דער וועלט־ליטעראטור: דאסטאיעווסקי און שעקספיר זענען זשעניען און אלע אנדערע (באגאבטע שרייבערס) זענען טאלאנטן. בלויז רעדן וועגן דאסטאיעווסקין האט מען, לויט אים, אויך געדארפן קאנען. און פארשטייט זיך, נישט מיט קיין אויבנאויפיקייט און פלאכקייט, נאר מיט פאר־טראכטקייט און געוויגענע רייד, אז די צונג זאל נישט פליִען פארויס פארן געדאנק. (דערפון נעמט זיך זיין נישט קענען פארטראגן דאס פלינקע פלאפלען פון דעם שעדלעצער ווייבל וועגן אזא זשעני, ווי דאסטאיעווסקי און זיין פארלאזן צוליב דעם די שטעלע, ווי שוין אויבן אנגעוויזן.)

עס בעט זיך ממש צו פארגלייכן די דאזיקע מיינונג מיט אנדרע זשידס א מיינונג וועגן שאפענען. זשיד זאגט אין זיינס אן עסיי וועגן דעם קאמפאזיטאר, אז אויב א פיאניסט שפילט שאפענען פלינק און גלאטיק — ווי ער וואלט אים געקענט פון אויסנווייניק — איז ער קיין פיאניסט נישט. שאפענען דארף מען קענען שפילן מיט פארטראכטקייט, מיט אימפראוויזאציע, ווייל יעדער טאן זיינער איז אן אומ־דערווארטקייט.

וואס שייך טאלסטאיס שאפונגען, האט ווייסענבערג געהאלטן בלויז פון מלחמה און שלום. דאס — האט ער געזאגט — איז א גרויס ווערק. אבער די רעשט, אפילו

אַנאַ קאַרענינאַ, טויג נישט. פון וואָסקרעסעניע* האָט ער שוין גאָר נישט געהאַלטן. „ס'איז געמאַכטע מאָראַל־פּרעדיקערײַ", פּלעגט ער זאָגן. „מ'קען אָבער זײַן אַ גרויסער שרייבער האָבנדיק בלויז אָנגעשריבן איין גוט ווערק".

בכלל האָט ער טאָלסטאָיען געהאַלטן פאַר אַ פאַזירער פון הומאַניזם, וואָס איז פול מיט אָנשטעל. דאָס פרײַדיקן האָט אָפט נישט געשטימט מיט זײַן ווירקלעכקייט אויף אַ סך געביטן, אײַנשליסנדיק ס'פּלייסן זיך פונאַנדערצוטיילן צווישן די פּויערים זײַנע גיטער. דאָס איז געווען אַ לעבן, געטריבן פון חרטות און כּסדרדיקן באַגיין זינד (לויט טאָלסטאָיען אַליין). און, ווי דאָרט ווו עס שטייט אַ בעל־תּשובה, קען דער גרעסטער צדיק נישט אײַנשטיין — ווייסענבערג האָט געהאַלטן פון אָט דעם תּלמודישן מאמר, ווי שוין אויבן געזאָגט — האָט ער צו אַזעלכע ווידויס, ווי טאָלסטאָיס ווייניק צוטרוי געהאַט. דערפאַר האָט ער געהאַט אומגעהײַערע אָנערקענונג פאַר דער ווידוי פון רוסאָ.

אין איינעם פון זײַנע פּאַמפלעטן האָט ווייסענבערג אַ מאָל געענטפערט מאַלקינען, וואָס האָט אים פאַרגעוואָרפן „קולטורלאָזיקייט":

> און זאָל מיר מאַלקין נישט פאַרשיטן די אויגן מיט קיין קולטור־זאַמד, ווייל אויב איך דאַרף זוכן קולטור — מוז איך אָנקומען צו די ברעגן פון זשאַן זשאַק רוסאָ.

די „קולטור" מוז, ווייזט אויס, זײַן אַ גאָר וואַזשנע געווער קעגן אַ גייסטיק שטאַרקערן אָפּאָנענט, ווייל מע האָט זיך מיט דעם דאָזיקן געווער באַניצט צו באַקעמפן אַזעלכע קעגנערס אין אַלע צײַטן.

אויך פערדינאַנד לאַסאַלן, וואָס אַזאַ אויטאָריטעט, ווי אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט א"א האָבן געהאַלטן פאַר אַ ווונדערקינד, האָט שולצע־דעליטש — וואָס דערגרייכט נישט לאַסאַלס קנעכל און, נאָך אים, אויך אַלע צײַטונגען — פאַרגע־וואָרפן, אַז ער איז אַ האַלב־ווייסער. און מיט דעם דאָזיקן טויטלעכן געווער, וואָס רופט זיך „קולטור", האָבן לאַסאַלס גייסטלאָזע קעגנערס געמיינט, אַז זיי וועלן אים פאַרניכטן מיטן בלויזן — ווי לאַסאַל אַליין שרייבט — אָננעמען „קעגן מיר די געהויבענע האַלטונג פון אַ וויסנשאַפטסמאַן, וואָס קוקט אַראָפּ אויף אַן איגנאָראַנטן האַלב־ווייסער".

דערויף האָט לאַסאַל געענטפערט:

„יעדע שורה, וואָס איך שרייב, שרייב איך אָנגעגורט מיט דער גאַנצער קולטור פון מײַן יאָרהונדערט!" [71]

צו די אַנדערע נעמען פון די רוסישע פּראָזע־מייסטערס — נאָך דאָסטאָיעווסקין — וואָס ווייסענבערג האָט אָפט דערמאָנט מיט באַוווּנדערונג, האָבן געהערט גאָגאָל, גאָרקי און טשעכאָוו.

ער פּלעגט אָפט מאַכן פּאַראַלעלן צווישן צוויי פירנדיקע ליטעראַרישע פּער־זענלעכקייטן. אין דער פּוילישער ליטעראַטור, למשל, האָט ער געזאָגט, אַז יוליוש סלאָוואַצקי שטייגט שאָפעריש איבער אַדאַם מיצקעוויטשן. וועגן סלאָוואַצקין

---

* רוסיש — תּחית־המתים.

פלעגט ער זאָגן, אַז ער האָט נאָך געקענט אומגעהײַער אַ סך לייסטן, לויט זיינע פּאָטענציעלע שאַפערישע כּוחות, אָבער ער איז געשטאָרבן יונגערהייט (פון טובער־קולאָז). געמיינט צו זאָגן, אַז ער האָט נישט געהאַט גענוג צייט אַרויסצוברענגען די קאָלאָסאַלע שאַפונגען, וואָס האָבן אין אים געשפּרודלט ווי אַ מעיָן־המתגבר. ער האָט געזאָגט, אַז סלאָוואַצקיס פיבערדיק שאַפן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, איז געווען אַ סימן, אַז ער האָט געוואָלט באַווייזן פון זיך אַרויסצוברענגען וואָס מער, ווי ער וואָלט געפּילט, אַז ער דאַרף אַניאָגן, ווייל זיין צייט איז קורץ.

ווייסענבערג האָט אָפט דערמאָנט סלאָוואַצקיס לילאַ ווענעדאַ.

אויך האָט ער ממש באַוווּנדערט וויספּיאַנסקין פאַר די גריכישע מאָטיוון, און נאָך מער אפשר פאַר זיין וועסעלע.* ער האָט גאָר קיין ווערטער נישט געהאַט אויס־צודריקן זיין באַוווּנדערונג פאַר דעם דאָזיקן ווערק, וואָס איז אַדורכגעווייטיקט מיט בענקשאַפט. ווי ווייסענבערג דריקט זיך אויס אויף אַזאַ שאַפן,

> קען מען גאָרנישט אַזוי פיל אַרויסדערציילן אין ווערטער וואָס זאָלן רעדן צום שׂכל, בשעת דער וועג דערצו, דאָס אַרויסצווייזן, איז דער וועג פון קלאַנגען, שטימונגען און געמיט־פאַרוויגונגען. [72]

און באמת איז טאַקע די בענקשאַפט פון אַ דורות־לאַנג אונטערדריקט פאָלק, וואָס ווערט אויסגעזונגען פון וויספּיאַנסקין מיט אַזאַ מיסטיש־דערהויבענער געלייטערטקייט — אַדורכגעפלאָכטן מיטן באַטויבנדיקן רעש פון דער חתונה — ממש איבערערדיש. די אויפגעלעבטע היסטאָרישע געשטאַלטן טאַנצן דאָרט אַרום אין אַ כּישוף־וועלט צום אויסגעחלומטן ציל פון באַפרײַונג. דער פיבערדיקער ריטעם פון אָט דער כּישוף־וועלט איז אויך אַדורכגעפלאָכטן מיטן עולמס גאַרונג נאָך זיין אייגן גליק און יעדער יחיד באַזונדער — מיט זיין וועבן דעם חלום — שטרעבט צו זען זיין פּערזענלעכן גליקוווּנטש פאַרווירקלעכט.

און דער סוף: אַלע חלומות ווערן צערונען אינעם בלייכן פאַרנעפּלטן ליכט פון פרימאָרגן. די פאַטריאָטישע בעלי־חלומות בלייבן ליגן אַנמאַכטיק, ווי געבונדן; דאָס ווייסע, ברויזנדיקע פערד — ציט זיך אויס אויף דער פרימאָרגנדיקער, פאַר־נעפּלטער ערד צום שטאַרבן; דאָס אָנגעזאַמלטע מלחמה־כּלי־זיין, די פּיקעס — וואַקלען זיך אין פאַרטאָגיקן גרויען נעפּל און ווערן צערונען. פון דעם גאָלדענעם האָרן — דעם סימבאָל פון באַפרײַונג — בלייבט איבער בלויז... דער שנור.

און אָט פאַר דער אַ דינסטער דיכטערישער פיינפּיליקייט וויספּיאַנסקיס האָט אים ווייסענבערג פאַרגעטערט.

אויך פאַר איסאַק באַבעלן האָט ער געהאַט גרענעצלאָזע באַוווּנדערונג. זיין עסיי „בענע קריק (פון באַבלען)" הייבט ווייסענבערג אָן אַזוי:

> דאָס דערציילטע פון באַבעלן, דעם יידישן שרייבער אין רוסיש, וועגן דער שייקע „נאַליאָטשיקעס"** אין אַדעס פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע — איז

* פּויליש — די חתונה.

** רוסיש — איבערפאַלערס.

גאַרנישט אָפּצושאַצן. אַזאַ גאַלדענעם דערציילער, וואָס זאָל אַזוי כאַפּן דאָס סאַמע וויכטיקסטע פּינטל פון דעם העלדס געמיט און אייגנשאַפט, קומט מיר אויס נישט צו באַגעגענען כמעט. וואָס פאַר אַ געפּרעסטקייט און קאַרגשאַפט אין רעדן. עס זעט אויס, ווי נישט מיט קיין שפּראַך דערציילט אונדז באַבעל וועגן בעניע קריק און זיין שייקע, נאָר מיט דאָ אַ צופּ און דאָרט אַ ריר אויף די סטרונעס פון פאַרשידענע סיטואַציעס און דאָס געמיט שווימט אַליין אַרויס פון זיך זעלבסט. עס ווערט דאָרך די דאָזיקע צופּן און אָנרירן אויף די סיטואַציעס, פּאַרטיק די גאַנצע סביבה אַרום די העלדן און זיי אַליין האָבן נישט, דאַכט זיך, מער וואָס צו טאָן, נאָר ווי לאָזן הערן יעדער זיין סטיכיע, אויסשפּילן זיין מעלאָדיע, לויט די פינגער, מיט וועלכע באַבעל רירט אָן זיינע העלדן.
און ער ווייסט ווי אָנצורירן, אָך, ווי ער ווייסט. איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ מענטש, אַזאַ שרייבער, וואָס זאָל אַזוי וויסן. . . .
ווען מען האָט נישט קיין זינען פאַר באַבעלן, מיינט מען, אַז דער שרייבער איז ווי גאַרנישט אויסן מיט זיינע איינציקע פּעדעם, וואָס ווערן פריִער ווי גאַר־נישט אויסן זייענדיק אַרויסגעצויגן אויף דער ליכטיקער שיין — אָבער האָט מען זינען, זעט מען ווי אַ מייסטער האָט זאַרגפעלטיק קלוג און טייוולאָניש באַהאַלטן געצויגן פּעדעם, אַז מען זאָל זיך אין אָנהייב פון אַ סיטואַציע גאַרנישט ריכטן, נאָר מיטאַמאָל — ס'איז גאָלד . . .
איי, האָט זיך דאָ דער שרייבער געשטעלט העכער מיט טויזנט קעפּ איבער יעדן לעזער, אַפילו קריטיקער, שוין אָפּגערעדט פון פיינשמעקער.
אין זיין פּאַרטייעטקייט איז ער אַזוי ווייט אַוועק, אַז עס שפּילט שוין ביי אים גאַרנישט קיין ראָלע דער איינצלנער טיפּ, נאָר דאָס טיפּנטום, וואָלט איך געזאָגט. ער איז דערגאַנגען צו דער דאָזיקער דינקייט, ווען עס הערן שוין אויף די מענטשן צו זיין אַ באַזונדערער אָפּריס, מיט אַן אייגן פּרצוף, נאָר טענער ווערן פון זיי, וואָס בילדן צוזאַמען אַזאַ און אַזאַ מעלאָדיע. . . . און דער עיקר איז דאָ באַבעלן געגאַנגען פאַרצושטעלן די בענישע וועלט אין באַצוג צום אויסן. זיי זענען אין אייגענעם רעדל נישט אַזוי בולט, ווי אין דער אָפּ־שפּיגלונג צווישן די צוויי וועלטן: בעניע און די חברותא און די צווייטע וועלט, וואָס איז אַרום זיי. אָט דאָס טיפּנטום האָט באַבעל געוואָלט און נישט די איינצלנע טיפּן. . . .
עס שפּילן זיך די צוויי וועלטן, בעניעס מיט דער דרויסנדיקער און די דרויסנדיקע מיט בעניעס, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז . . .
און ער האָט עס גוט אַדורכגעפּירט, עס קומט אים דער גרעסטער יישר־כּוח, באַבעלן. קיין שום היסטאָריקער, אַז ער זאָל שוין אַפילו באַזיצן די נייטיקע מאַטעריאַלן, וואָלט אונדז נישט געקענט געבן צו פאַרשטיין בעניען מיט זיין סוויטע. און אויב אַפילו אַז יאָ, וואָלטן מיִר אָבער נישט געוווּסט די שפּיל זייערע און לוסט פון לעבן. און ווען אַפילו דאָס אויך, וואָלטן מיר אָבער זיך נישט פאַרגעשטעלט די קאַץ און מויז שפּיל צווישן די צוויי וועלטן . . . דאָס איז העכער ווי באַטרעף, מער ווי אַמוזאַנט . . . דאָס איז דער הויכער פאַרשטאַנד פאַר לעבנספרייידיקייט.
דאָך איין חסרון: אַ ביסל צו אָביעקטיוו איז ער אין זיינע סימפּאַטיעס צו די העלדן. נאַטירלעך, ליבן איז אַ זאַך פון קענען, אָבער צו בעניען האָט ער באַוווּסטזיניק אָפּגעשוואַכט זיין ליבע.
בעניעס זשעסט, וואָס איז אַזוי נישט שרייענדיק — דערציילט וועגן מענטשלעכן שטאָלץ און פלעגונג פון פּערזענלעכקייט.
איז ער נישט אַ ריינע נאַטור, האָט ער נישט אַן אויסגעהאַלטענע מאָראַל, ווי

פון שטיין אויסגעהאקט, נאטירלעך, נישט די דרויסנדיקע מאראל? האט ער נישט געגנוג שוווגג אפילו א שונא צו באהאנדלען ריטעריש?
מאראנץ מסרט אין חופה־טאג פון בעניעס שוועסטער, אז היינט, ווען זיי וועלן זיך „אלע" צונויפקומען, זיין שיכור, קען דער קאמיסאריאט ארומרינגלען זיי דאס הויז...
בעניע אבער איז זיך נוקם גאר אנדערש:
„יעסט קאיע שטא זאראבאטאט".*
ווייזט ער מאראנצן מיט א האלבן ווונק, צופארנדיק מיט זיין עקיפאזש און זיין קוטשער צו מאראנצעס טיר... און נאך דעם ווי ער פירט מאראנצן אוועק מיט זיך, אין צוויי שעה ארום, בעניע זאגט שוין דער מאראנצאווע אן א בשורה:
גאוואריאט שטא וואש „פאקאיני" מוזש קאפאל נא מעניא.**
דער מאראנצאווע, ווען עס רייסן זיך איר שוין די קישקעס אפ פון דער בשורה... פארשטייט, אז ער האט אים געהרגעט, דערזעט פלוצלינג מיט אויפגעריסענע אויגן, אז דער מאן איז נישט געשטארבן: אט קריכט ער אראפ פון בעניעס עקיפאזש אן איינגעבויגענער, אפשר מיט צוואנציק יאר עלטער... בעניע האט אים צוריקגעברענגט, נאר א שאטן, נישט קיין מענטש, און אין גאלן קאפ...
ווו האט ער דעם הוט? בעניע האט אים דערטרונקען דעם הוט זיינעם... צווישן די פעלזן פון ים, ווו דאס וואסער קאכט מיט שוים, נאר אים, מאראנצן, צוריקגעברענגט אין גאלן קאפ.
אך, ווי מערדעריש־ריטעריש, נאר פול מיט גרויסמוט־נקמה...
אט אזוי קען א מענטש הרגענען בעניע. . . .
נו, איז ער נישט ווערט, אז מען זאל אים ליבן ווי געהעריק?
נאר באבעל האט זיך נישט נייטיקערהייט, אפגעהאלטן דערפון, ווארן געליבט האט ער אים יא, נאר ער האט עס באהאלטן...
און זיין געצוווּנגענע, קאלטע אביעקטיוויקייט איז א חסרון אין דעם פאל. בעניע וואלט נישט געווען בעניע, איך מיין די העכסטע פערזענלעכקייט אין זיין סביבה, ווען ער וואלט נישט געווען אזוי, ווי באבעל האט אים דערזען. בעניע וואלט נישט געשפירט די ווירדיקייט צו זיך, ווען ער זאל זיין האנט לאזן פרייע אכזריות, כאטש קיינער וואלט אים אין דעם נישט געשטערט. בעניעס כאראקטער איז זיכערקייט, דאקעגן דערשראקנקייט און פאניק ברענגען אכזריות: פיף־פאף, שוין געשאסן, שוין געהרגעט א מענטש.
זיין מאראל איז די שטארקייט, דאס נישט לאזן זיך ארויספירן פון גלייכגעוויכט, דער אויסדויער ביז גאר, . . .
נאך וואס הרגענען, אז ס'איז גראנדיעזער אונטערטעניק צו מאכן די דרויסנדיקע וועלט, וועלכע מוז אננעמען בעניעס אן אקציע בדחילו ורחימו...
„מיין ליבער טארטאקאווסקי, איך שיק ארויס א מענטש מארגן אין דער פרי אויף באלשאיא וואסילקאווסקא דעם און דעם נומ., אז ער זאל געפינען הינטערן טויער 50 טויז. רובל...
דיין בעניע".[73]

* רוסיש — ס'איז דא עפעס וואס צו פארדינען.
** רוסיש — מע שמועסט, אז אייער „גאטזעליקער" מאן האט געגראבן אונטער מיר.

ווייטער דערציילט ווייסענבערג מיט וואָס פאַר אַ גרויסמוט בעניע אָפּעריִרט: ווען טאַרטאַקאָווסקי זאָגט זיך אָפּ נאָכצוקומען בעניעס פאַרלאַנג, איז צו מאַרגנס שוין אַן אָנפאַל אויף יענעמס ביורא, נאָר אַן בלוט־פאַרגיסונג. בעניע אָפּעריִרט נישט ווי אַ „פּאַרך". „ווירקן דאַרף מען בלויז מיט דער אויטאָריטעט" און, טאַרטאַקאָווסקיס אייזערנע קאַסע מיט די געלטער און צירונג „עפנט זיך ברייט" פאַר בעניען.

בעניע, באַקומענדיק פונעם פאַרוואַלטער די ערשטע זאַך פון דער אייזערנער שראַנק, אַ בראַשקעלע, שפּיליעט ער זי, די ערשטע מתּנה, אַרויף אויף דער ברוסט פון דער קאַסירערקע אין קאַנטור... דערנאָך ערשט גייט ער נעמען פאַר זיך.

נאָר אַן אומגליק געשעט. לאָווקע, דער מיטהעלפער, וואָס שטייט אין דרויסן אויף דער וואַך, ווערט פּלוצלינג דאָרט משוגע, שפּרינגט אַריין מיטן קאָפּ אין פענצטער פון קאַנטור און שיסט אויס אויפן פאַרוואַלטער מוגענשטיין, וועלכער פאַלט...

אָבער נישט דאָס האָט בעניע געוואָלט. . . .

און בעניע קומט דערפאַר אין אַזאַ גרימענדיקן כּעס, אַז ער שווערט לאָווקען באַלד אויפן אָרט, אין קאַנטור, נאָך איידער זיי פאַרשווינדן פון דאָרט: „נישט שפּעטער ווי גלייך מיטן דערהרגעטן מוגענשטיינען וועסטו באַגראָבן ווערן".

און צו מאָרגנס, ווען די גאַנצע סלאַבאָדקע שאָקלט זיך מיט אָדעסער סוחרים, באַנקירן און דירעקטאָרן צו מוגענשטיינס לוויה, זעט מען בעניעס בלאָ־געפאַרבטן אויטאָ זיך דאַרכשניידן פאַרביי די מענגע באַלייטער אויפן בית־עולם, . . . קומען אָן דער פערס, פראַים (אפרים) גראַטש און נאָך צוויי, אַנידערשטעלנדיק לאָווקעס אָרון לעבן מוגענשטיינס אָפענעם קבֿר.

טאַרטאַקאָווסקי, וואָס האָט פריִער געהאַלטן מוגענשטיינס מוטער אונטערן אָרעם מיט נאָך איין הער,. . . וואַרפן אָוועק די פרוי און פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם אין גרויס פּאַניק, דערזעענדיק בעניען מיט זיין חבֿרה, וואָס האָבן פון זייער זייט אויך געבראַנגט אַ טויטן...

בעניע האַלט וואָרט... אָט איז די מאָראַל בעניעס, וועלכע איז געוויס די העכסטע אין דער סבֿיבֿה און אין דער סבֿיבֿהס מאָראַלישער אָנשויונג. [74]

ווייסענבערג ברענגט מער ביישפּילן פון בעניעס פיינע האַנדלונגען און ענטפערס, וואָס זענען ווייט פון „גאַסן־כאַראַקטער".

דער סוף איז, אַז די טשע־קאָ* פאַרנאַרט בעניען מכּלומרשט אויפן פּראָנט אַרויס און דערהרגעט אים.

ווייסענבערג „באַדויערט נישט בעניעס טויט", נאָר פאַר וואָס באַבעל האָט „נישט גענוג געליבט זיין העלד".

פאַר וואָס האָט ער אים געלאָזט מיאוס שטאַרבן. מיאוס, ווייל אין אָנמאַכט, מיאוס ווייל עפּעס, ווי אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין בעניען, פּונקט ווי אַ קאַץ פאַרן הרגענען זי. . . .

ער איז דאָך געווען אַזוי באַטעמט, אַריסטאָקראַטיש אין זיין יעדן מאַניר. . . . אַזוי צו זען דעם סוף פון בעניע קריקן (כאָטש ס'איז אמת אַזוי געווען) זעט מען

* טייטש: געהיים־פּאָליציי.

נאָר דאָרך דער אָביעקטיוויטעט צו בײדע „אָביעקטן", אי צום באָלשעוויזם, אי צו בעניע קריקן. יעדנפאַלס איז עס נישט גענוג געליבט אי דעם, אי דעם צד...
דאָס אײגנטלעך פעלט ביי דער ענדע פון דעם עפּאָס בעניאַ קריק וואָס איז געשאַפן דאָרך דעם וווּנדערלעכן באַבעל און בלײבט פאַר אַ מוסטער אין דער היסטאָריע פון דער ליטעראַטור, וואָס הייסט אַזוינס שרייבן.[75]

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע איז אָפּט דערמאָנט געוואָרן דורך ווייסענבערגן און גאָר אָפט רודיאַרד קיפּלינג, פאַר דאָס בוך פון דזשאַנגל, ווי אויך דזשעק לאָנדאָן, אָסקאַר ווײלד און זיין דע פּראָפונדיס. וועגן עדגאַר אַלאַן פּאָו האָט מען אָפּט געקענט הערן רעדן אין שטוב. ביילטשע פלעגט דערציילן, ווי די רעדאַקטאָרן פלעגן וואָרפן פּאָוס דיכטונג אין „קויש" אַריין, ווען זיין מוטער איז אַרומגעגאַנגען איבער די רעדאַקציעס בעטן, מע זאָל אָפּדרוקן איר קראַנקן זונס אַ ליד. אייגנטלעך האָט ער קיין מוטער נישט געהאַט, ווייל ער איז פאַריתומט געוואָרן אין זיין קינדהייט. געהאַט האָט פּאָו אַן אַדאָפּטיר־מוטער, אויך אַ מומע, וואָס איז געוואָרן זיין שוויגער און ער האָט זי גערופן „מוטער". צו איר האָט ער געשריבן דעם סאָנעט „צו מיין מוטער". שפּעטער, ווען ער איז געשטאָרבן, האָט די געזעלשאַפט געלאָזט אַ קלאַנג, אַז פון שיכּרות איז ער אומגעקומען אין אַ פּאַרק. ס'האָט דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט נישט געפּאַסט, פלעגט ביילטשע זאָגן, אַז אַזאַ גרויסער דיכטער, ווי עדגאַר אַלאַן פּאָו, זאָל דאַרפן אויסגיין פון הונגער...

איך האָב גראָד דעמאָלט געהאַט געלייענט וועגן צוויי אונגאַרישע שרייבערס, איינער מיט אַ פּאָפּולערן נאָמען און דער אַנדערער, אַ וויניקער באַוווּסטער. האָב איך דערציילט דעם טאַטן, ווי ער איז אַ מאָל געקומען מיט אַן אָנגעשריבן ווערק צום ערשטן, דעם פּאָפּולערן שרייבער, און אים פאָרגעלייגט ער זאָל אים דערלויבן עס צו פאַרעפנטלעכן אויף יענעמס נאָמען, כּדי דאָס בוך זאָל זיך גוט פאַר־קויפן... יענער איז באַשטאַנען אויף דער טראַנזאַקציע, ווייל ער האָט געגעבן זיין „גרויסן" נאָמען צו אַ באמת טאַלאַנטפול ווערק און אַזוי האָבן זיי בײדע געמאַכט אַ גוט געשעפט...

דער פּאָפּולערער שרייבער פלעגט זיינע אייגענע ווערק שרייבן אויף אַזאַ אופן: ער פלעגט זיך אַנידערזעצן ביי זיין שרייבטיש מיט דער פעדער גרייט אין דער האַנט, אויסלעשן דעם עלעקטריע און זיצן און וואַרטן, ביז די מוזע וועט אים באַהערשן. און אַזוי שנעל, ווי ער האָט דערפילט די מוזע אַנקומען אויף אים — האָט ער אין דער געשווינד געגעבן אַ צינד אָן די עלעקטריע און גענומען זיך צום שרייבן, אָבער די ווערטער פלעגן זיך אים אַראָפּגליטשן פונעם שפּיץ פעדער, און נישט ווערן. אַזוי איז ער אָפּט געבליבן ביי גאָרנישט, און איז געזעסן אַזוי לאַנג ביז ר'האָט געמוזט ווידער אויסלעשן די עלעקטריע, כּדי צו לאָזן זיך ווידער אַ מאָל באַהערשן פון דער געטין — מוזע...

דער טאַטע האָט געשמייכלט. אַזאַ סיטואַציע איז פאַר אים נישט געוועזן קיין נייעס. ער אַליין האָט אָפט דערויף אָנגעוויזן בשעתן רעדן וועגן די צוויי ווערק,

עוזר וואַרשאַווסקיס שמוגלאַרס און שמעון האַראַנטשיקס פּאַרפּלאָנטערטע וועגן, ווי אויך וועגן די אַנדערע ווערק פון יונגע טאַלאַנטן, וואָס האָבן נישט געהאַט דאָס גליק פאַרעפנטלעכט צו ווערן ביז איצט. ווייסענבערג פרעגט, ווי שוין אויבן אָנגעוויזן אין „אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט״ צו האַראַנטשיקס פּאַרפּלאָנטערטע וועגן: „ווער איז שולדיק?״ אין נישט אָפּן מאַכן דעם וועג, אַז די יונגע טאַלאַנטן זאָלן קומען צום וואָרט.

וועגן ווײַלדן האָט ביילטשע דערציילט, אַז ווען ער איז געפירט געוואָרן פונעם געריכט אין תּפיסה אַריין, האָט זיך קיינער פון זיינע פריינד פון דער נאָבעלער ענגלישער געזעלשאַפט — וואָס ער האָט דעמאָלט באַגעגנט אויף דער גאַס, — נישט געגריסט צו אים, נאָך דעם ווי ס׳איז באַוווּסט געוואָרן, אַז ער האָט האָמאָסעקסועלע נייגונגען. ספּעציעל האָבן די דאַמען, וואָס זענען אים ביז דעמאָלט נאָכגעלאָפן — ווי זיי לויפן נאָך יעדן באַרימטן נאָמען — אים שוין אויסגעמיטן מיט שפּאָט. בלויז אַן איין־און־איינציקער פריינד האָט פאַר אים געצויגן דעם הוט, בשעת אַלע אַנדערע נעכטיקע פריינד האָבן אים אויסגעמיטן און אַפילו אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט גאַס, ווען זיי האָבן אים געטראָפן פאַרבייגיין.

באַשרייבט ווײַלד שפּעטער, אין דער תּפיסה זיצנדיק, וואָס פאַר אַ דערמוטיקנדיק און דערהויבן געפיל יענער פריינד האָט אים געגעבן מיט אַזאַ הערצלעכער טוונג, ווי ציִען פאַר אים דעם הוט, ווען אַלע אַנדערע האָבן פון אים געוויכט. געוויינטלעך לויפט די מאַסע אַלע מאָל מיטן שטראָם: אַז מע שרייט „הוראַ״, ווילן אַלע זיין צווישן די הוראַ־שרײַערס. אַז איינער איז „אויפן פערד״ — דרייט מען זיך, פרייט מען זיך אַרום אים. נאָר טאָמער פאַלט ער אַראָפּ פונעם פערד — פליסן זיך אַלע אים נאָך צו צעטראָטעווען מיט זייערע קאָפּעטעס. . . און ווײַלד, דער עסטעט, די היפּער־סענסיטיווע נאַטור, האָט געליטן כּפול־כּפלים די מאָראַלישע ליידן, שוין אָפּגערעדט פון די פיזישע.

די נעמען פון שעלי און קיטס פלעגן דערמאָנט ווערן מיט גרויס פּיעטעט. אויך באָדלער, ווערלען, מאַליער און נאָך אַנדערע קאָריפייען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אין דער העברעיִשער פּאָעזיע האָט ווייסענבערג געשטעלט טשערניכאָווסקין העכער פאַר ביאַליקן. נישט נאָר די שירים, נאָר ביאַליק דער בעל־תּכלית און סוחר איז ווייסענבערגן נישט שטאַרק געווען צום האַרצן: למשל דער פאַקט, וואָס ער האָט מיט שטאָלץ דערציילט, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן אים געשאָנקען אַ גרויסן בריליאַנטענעם רינג, בשעת זיין באַזוך אין אַמעריקע. ער האָט די דאָזיקע געשעעניש געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כּבוד, דערקעגן ווייסענבערג האָט געטענהט, אַז מיטפּירן מיט זיך אַ שווערן בריליאַנטענעם סיגנעט — איז עפּעס נישט אַזוי די טבע פון אַ דיכטער און „הלוואי וואָלט ער געווען אין דער סוחרערײַ אַזוי פיל דיכטער, וויפל ער איז סוחר אין זיין דיכטונג — . . .״

ווייסענבערג איז נישט נתפּעל געוואָרן פון ביאַליקס סאָרט „ליבן דאָס פאָלק״: פונעם כּסדרדיקן „קאָכן נאַציאָנאַלע גערעכטסן אויף זיין האַרץ (ביאַליק האָט נאָר צו טאָן מיט האַרץ)״, האָט ער געזאָגט, און אַז ער

ליבט . . . א ביסל פארפירטערהייט, נישט דארך זיין שולד, נאר עס האט זיך
אים געדאכטן, צוליב זיין קליינעם דיכטערישן מהות, אז מען קען זיך אפקלייבן
אין דער דיכטונג איין עובדה: צו שטיין שטענדיק און ווארעמען הארץ...[76]

דערפאר איז ער מיטגעריסן געווארן פון די שאפונגען בכלל, ווי אויך אויף דער נאציאנאלער טעמע פון שאול טשערניכאווסקי, הגם ער האט זיך בעיקר קונה־שם געווען גראד נישט ווי א נאציאנאלער, נאר ווי א וועלטס־דיכטער און איבערזעצער פון דער אנטיקער ליטעראטור.

פון וואס דער שרייבער דערציילט איז ביי ווייסענבערגן נישט געווען וויכטיק. די עכטקייט פון איבערלעבונג — אויב ס'איז ליבע צום פאלק, אדער וואס ס'זאל נישט זיין — יא.

און טשערניכאווסקין האט ווייסענבערג געגלייבט, ווייל פון יעדער שורה זיינער האט ער געפילט דעם הייסן ווונטש טשערניכאווסקיס און ממש א רעליגיעזע האפענונג, אז אין לאנד פון ישראל וועט נאך אויפקומען א געזונטער דור; אז אין דער צוקונפט וועט זיין געפרוווט פאלק, אין אלע פּייערן, נישט מער לעבן בלויז מיטן הימל, מיטן רוח־הקודש, נאר ס'וועט זיך אויסקעמפן אויך א פעסטן באדן אונטער די פיס, טאקע ווי ביאליק האט געזאגט, אז א פאלק האט נאר אזוי פיל הימל איבערן קאפ, וויפל ערד עס האט אונטער די פיס.

ער האט אין טשערניכאווסקיס שירה בכלל — אויף דער נאציאנאלער, צי אלגעמיינער טעמע — געזען קראפט, וויזיע, אין קעגנזאץ צו ביאליקס, און נאך אנדערע יידישע שרייבערס פלאכער סענטימענטאליטעט, לויט אים.

אט, זענען, בלויז פאר א ביישפיל, צוויי סטראפעס פון טשערניכאווסקיס א ליד, גראד אויף דער נאציאנאלער טעמע א"נ „ראי אדמה":

. . . .
הא לך הטובים בבנינו, נער טהור חלומות,
ברי לב נקיי כפים, טרם חלאת אדמות,
וארג יומם עודו שתי, ארג תקוות יום יבא,
אין לנו טובים מכל אלה. את הראית? ואיפה?

ואת תכסי על כל אלה. יעל הצמח בעתו!
מאה שערים הוד וכח, קדש לעם מכורתו!
ברוך קרבנם בסוד מות, כפר חיינו בהוד...
ראי, אדמה, כי היינו בזבזנים עד מאד![77]

צי שטעלט זיך נישט אפ דאס הארץ אויף א רגע מיט א פארכטיק זיך איינהארכנדיקן ציטער, צוליב דער אנטפלעקונג פון אזא טיף־טרויעריקן אמת, וואס ליגט שוין דורות־לאנג איינגעשלאפן אין אונדזערע בלוטן, ווען מיר קומען צו צו דער שורה:

„ברוך קרבנם בסוד מות, כפר חיינו בהוד..."?
(„געבענטשט איז זייער קרבן,
וואס לייזט אויס דורך טויט־סוד אונדזער וואר...") *

* איבערגעזעצט פון מרדכי יאפע.

פאַר אַזאַ מין פּאַטריאָטיזם, וואָס איז גלייכצייטיק נבואה, און דער עיקר, עכט אויסגעווייטיקט — האָט ווייסענבערג געבויגן זיין קאָפּ, נישט וויכטיק פון וואָס פאַר אַ נאַציע דער דיכטער איז געקומען. און איז דערקעגן נישט נתפּעל געוואָרן פון אָנגעשטעלטע פּאַטריאָטיזמען, אויך נישט פון קיין געמאַכטע ייִדישע פּאַטריאָטיזמען, אַזעלכע, למשל, ווי:

אָ, מיר זאָל עס זיין פאַר אייערע שוואַרצינקע אייגעלעך —
פאַר אייערע כּשרע פּאותלעך,
שלמהלעך, משהלעך, יענקעלעך . . . [78]

אויף די סאָרטן פּאַטריאָטיזמען האָט ווייסענבערג געזאָגט, אַז „דער שרייבער האָט דעם לעזער צום נאָפּל צוגעלייגט נאַציאָנאַלע האָניק־טייגלעך", נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געוואָלט זען דאָס ייִדישע פאָלק אַ געקרעפּטיקטס. זיין פאָלקס פּרעסטיזש אין די אויגן פון די אומות־העולם, זיין גייסטיקער ווילזיין, איז אים שטאַרק אָנגעגאַנגען. ער רופט אויס אין „קונסט און סוביעקטיוויטעט":

זעט, אַלע פעלקער האָבן געשליפן די מוסקולן, שטאַרק געמאַכט זייערע נערוון, פול געמאַכט זייערע פיזישע כּוחות, כּדי גרייט צו זיין צו דעם לעבנסרוף, און נאָר איין אינטעליגענץ [אונדזערע], וועלכע ליגט פאַרשמאַכט, האָט זיך גרייט געמאַכט אויפגענומען צו ווערן אין דעם „גרויסן פעלקער־קראַנקנהויז".
און ווער איז זי, די אינטעליגענץ, וועגן וועלכער מיר שמועסן? נישט די, וועלכע קומט פון יענעם ספּאָרט־פּלאַץ, ווו אַן איבערפלוס פון פיזישע כּוחות, איז זייער נשמה שוין לאַנג פאַרוועלקט געוואָרן. נישט די, וואָס דאָס בלוט זייערס איז נישט נאָר וואָס נישט קרעפּטיק, נאָר געל שוין פון דורות לאַנג? נישט די, וואָס זייער פיזישע קראַפט, אָפּגעלאָזט פון אַלע באַדערפענישן אין לעבן, קען אפילו נישט צווינגען זייער נשמה צו טראַכטן וועגן זיי? נישט די, וואָס האָבן נישט קיין כּוח צו מאַכן אויפבליִען זייער פאַנטאַזיע, פאַרשטעלונגס־קראַפט, בענקשאַפטן, דערהויבענע מאָמענטן — נישט די זענען עס?
אַ סימן, אַז זיי זענען אוועק ווייט פון לעבן די אַלע, וואָס זענען געוואַקסן צוזאַמען מיט דער שוואָם, וואָס האָט זיך אָפּערגעבלייכט פון הינטער דער בית־המדרש־פּאַדוואַלינע און אָנגעפילט זייער אָטעם מיט דעם ריח פון צעפאַלענע קערפּערס — אַ סימן, אַז אַזוי איז עס — אַז אַזעלכע איינע פון די בלייכע פאַנטאַזיעס האָט זיך געוואָלט אַ מאָל אויסמאָלן אַ פּרוי, האָט זי שוין קיין קערפּער־לעכע נישט געקענט פאַרטראַגן. זי, די פאַנטאַזיע, איז שוין צו פיל שפּינוועבס געוועזן, וואָס וואָלט זיך פון אַ קערפּער צעריסן, — נאָר אויך עפּעס אַזוינס, וואָס איז שפּינוועבס: לילית, אַ שדית, וואָס פליט איבער בערג, איבער וועלדער, עפּעס לייכטס און אַן מענטשן־פּיס, נאָר אַזעלכע, פון וועלכער שלמה המלך פלעגט יעדן אין דער פרי דערקענען די טריט פאַר זיין בעט . . .
אָבער אויך די דאָזיקע איז שוין די בעסטע, דען די איבעריקע פאַנטאַזיעס זענען שוין גאָר געשרומפּענע, לאַנג איינגעשטילטע אין טיפער פאַרגליווערונג, ווי די פליגן טיף האַרבסט אין אַ ווינקל. — . . .
אַ צעקאַליעטשעטער, קאַליעגעמאַכטער פון די טיפע, פאַרדרייטע אונטער־ווינקלעך צום בית־המדרש, קען שוין זיין אַכצנטער דור אויך נישט געהיילט ווערן.[79]

ווייסענבערג האָט בכן געגלייבט, אַז עכטע קונסט — נישט וויכטיק אין וואָס פאַר אַ פאָרעם, רעאַליזם, צי פאַנטאַזיע — קען נאָר קומען פון אַ פיזיש און גייסטיק קרעפטיקן קינסטלער. וועגן מענדעלען, למשל, זאָגט ער אין דעם עסיי „ביים לעבן און נאָכן טויט פון אונדזערע גרויסע גייסטער״:

. . . ער בילדעט זיך און וואַקסט דערווייל נאָך מער אונטער — און שפּעטער ווערט ער פונקט, ווי די אַלינע (אַלשינע) וועלכע, אויב זי וואַקסט אונטער אַ דאַך, זעצט זי אים אַרויס, כּדי די צווייגן אין דער הויך צום ליכטיקן, פרייען הימל אַרויפצושיקן. נישט דאָס קליינע זומער־פלאַנצל, דאָס ווייכע אַן האַלץ, וואָס קען זיך באַגניגענען די וואָרצלען צו האַלטן אין בלומען־טעפּל, און די בלעטלעך פאַרצוימט פון דרויסן דורך דער גאַרדין איבערן פענצטער, איז ער. זיין לעבן אַ פאַר־און־אַכציק יאָר, זיין גלייכע און שטאַרקע פיגור, ביז אין דער טיפער עלטער אַריין, זאָגן עדות, אַז ער איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער בוים.[80]

אויך די טעמע, צי איז זי נאַציאָנאַל אָדער אוניווערסאַל, האָט ביי ווייסענבערגן קיין ראָלע נישט געשפּילט. ער האָט גאָר געהאַט אַן אַנדער מאָס פאַר שאַפערישקייט. שעקספּירס געדאַנקען פלעגט ער אָפט ציטירן מיט באַוווּנדערונג, צוו״אַ פלעגט מען אים הערן איבערחזרן:

„ס'איז נישטאָ דער זון, וואָס זאָל נישט וואַרטן אין דער שטיל אויף זיין טאַטנס טויט״. און דערביי האָט ער זיך שטאַרק איינגעקוקט אין דעם, צו וועמען ער האָט עס געזאָגט, צי יענער האָט זיך טאַקע איינגעהערט אין דעם טיפן אמת פון אַזאַ געוואַגטן געדאַנק.

און נאָר אַזעלכע שאַפערס (ס'זענען דאָ מדרגות, פאַרשטייט זיך) האָבן אים אַנגעפּילט מיט באַוווּנדערונג און פאַר אַזעלכע האָט ער געהאַט אומבאַגרענעצטע אַנערקענונג און צוטרוי.

אַגב איז דער דאָזיקער געדאַנק נישט אָריגינעל שעקספּיריש, ווייל זיין שורש שטעקט נאָך אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע צוריקגייענדיק צום מיטאָס פון עדיפּוס, און נאָך אין דער תּקופה — צום גריכישן פילאָסאָף עפּיקטעטוס פון 1טן י״ה נ״ק.

דערפאַר, האָבנדיק אַזאַ אומאָפּפרעגלעכן גלויבן אין גרויסן קינסטלער, גרויסן וויסנשאַפטלער — ווייל הויכע וויסנשאַפט איז אויך קונסט — האָט ער נישט געוואָלט גלייבן די קלאַנגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן דערגיין אין די סוף־דרייסיקער יאָרן וועגן קנוט האַמסונס שענדלעכן אונטערשטיצן מאַראַליש היטלערן. ווייסענבערג האָט געטענהט, אַז ס'איז אוממיגלעך, אַז דער מחבר פון וויקטאָריאַ זאָל זיך אַנשליסן אין היטלערס „אידעען״.

וואָס שייך די פּראָזאַיקערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און די קלאַסיקערס, האָט ער געהאַט געשריבן:

וועגן י. ל. פּרץ

וועגן פּרצן שרייבן איז שווער, ער איז דאָס, וואָס מאַלערס ווייסן, אַז דאָס איז די שווערסטע טייל צום אַרויסברענגען. מאָלן צום ביישפּיל אַ גאַס, אָדער אַ

שטח נאָר פון דער גאַס — דאַרף מען זיין נאָר פּינקטלעך אין דער באַאָבאַכטונג פון דאַס, וואָס די גאַס פאַרמאָגט ממשותדיקע געגנשטאַנדן; די שטימונג פון דער גאַס איז שוין נישט דער גאַס׳, נאָר דעם מאָלערס. אַזאַ שטימונג ווערט אַריינגעהאַרכט אין איר, אַ וואָסערע עס האָט דער מאָלער. פּרץ אָבער האָט נישט קיין געגנשטאַנדן, זיין שרייבן האָט נישט קיין חומר. ער איז שפּיל, שיין (פאַרב איז צו גראָב צו זאָגן אויף פּרצן). ער איז נאָר די שיין פון קאָליר, ווי צום ביישפּיל דאָס ליכט אין דער לופט, וואָס באַקומט ערשט די שיין לויט דעם פּלאַץ אָדער געגנשטאַנד, וואָס דאָס ליכט רירט אָן. פּרץ איז בלויז שטימונג. פּרצן קען מען נאָר געבן נישט פון די האַרטע מאַסיווע זייטן פון זיין שאַפן, נאָר פון דעם ליכט, וואָס רוט אין דעם שאַפן. פּרץ איז אינגאַנצן שטימונג, אינגאַנצן שפּיל, אינגאַנצן שיין — דאָס איבעריקע, אויף וועלכן די שיין שפּאַרט זיך אָן, איז דער טפל. מען קאָן נישט זאָגן, אַז אין דער שיין פאַלט נישט אַריין אויך דער קאָליר פון דעם געגנשטאַנד, וואָס ער טראָגט מכלומרשט פאַר אונדז פאַר. אַנדערש וואָלט עס אפשר קיין שאַפן נישט געווען, ווייל אַ געוויסע האַרמאָניע, צוניפגיסונג, מוז ליגן אין דעם אָביעקט, וואָס דער שאַפער קלייבט אים אויס אַלס „כלי" אַזוי צו זאָגן, אין וואָס, אָדער אויף וואָס ער גייט אויסגיסן זיינע שטימונגען, זיינע איבערלעבונגען, ס׳הייסט זיין געמיט. אָבער ביי וועלכע שרייבער דער אָביעקט שפּילט אַ גרויסע, אָדער קלענערע ראָלע, ביי פּרצן איז דער אָביעקט גאָרנישט מיט גאָרנישט... ווען אַ מאָלער זאָל אונדז קענען מאָלן אַ גאַס בלויז פון דער לופט איבער דער גאַס, גאָרנישט צורירנדיק זיך מיט דעם פּענדזל צו די שטיינער פון ברוק, אָדער די ווענט פון די מויערן — דאַן וואָלט עס געווען אַ גוטער פאַרגלייך מיט פּרצעס שאַפן...

ווילט איר נעמען „מענדל דלות" — נעמט אים מיט פאַרגעניגן. מיט הענט אָבער, אויב איר וועט אים גיין נעמען, וועט איר קיין מאָל נישט צו אים צו־קומען. ווייל קיין גוף האָט מענדל דלות סיי ווי סיי נישט... מענדל איז נאָר בלויז דער אָביעקט, וואָס פּרצעס אידעע וועגן שיינקייט, גוטהאַרציקייט, רחמנות, איבערגעגעבנקייט און אַהבה, וועלכע ברענגט צו לוסטיקייט, צו פּרצעס לוסטיקייט — שפּאַרט זיך אָן אויף אים, אויף מענדלען. אָבער אים, מענדלען אַליין, טשעפּעט נישט, גייט נישט צו מיט קיין הענט צו אים...

ווילט איר ווידער נעמען „אַ כעס פון אַ יידענע" — איז ווידער דאָס זעלבע. אים, פּרצן, געפעלט דאָס שפּיל פון דעם מאַמע־געפיל, וואָס קען איר גובר זיין אפילו, ווען זי האַלט שוין פאַרלייגט דעם שטריק אויפן האַקן... „אוי, דאָס קינד פאַלט אַרויס פון וויגל..." — שפּרינגט זי פּלוצלינג צוריק אַראָפּ פון טיש, פאַרגעסנדיק, ביי דעם קינדס אויפזעצן זיך, אָן אַלץ, וואָס זי האָט דאָ ערשט געוואָלט מאַכן... און — „נאַ" — שטופּט זי עס די דאַרע ברוסט אין מויל אַריין — „אפילו הענגען לאָזט עס נישט"...

און, כ׳לעבן, עס לייענט זיך די דאָזיקע איינע צייל דאַרך טרערן פון פרייד, גערירט דאַרך דער דאָזיקער אַזוי רירנדיקער לעבנס־דערשיינונג... דאָס איז די טיפסטע פילאָזאָפיע — אַרויסגעזאָגט אין איין בליץ פון שאַרפער אַנטפּלעקונג, פּונקט ווי מען וואָלט אויפגעדעקט אַ שטיק פאָרהאַנג פון פאַר־באָרגנסטן לעבנס־ווינקל. גוואַלד, וויפל פרייד ס׳איז דאָ אין לעבן!... — שרייט דאָס דאָזיקע בילד אַרויס פון יענע שורות, אַז מען מוז וויינען און לאַכן... און אפילו די מעשה פריִער, ביז דעם דאָזיקן מאָמענט, צי ווייסט ווער, אַז ווי שיין זי איז נישט געשילדערט און ווי לעבעדיק, איז זי נישט מער ווי צו באַשאַפן די רעאַלע מעגלעכקייט, די אַנטוויקלונג צו דעם דאָזיקן איינעם

גערדאַנק... צוליב דעם דאָזיקן איינעם ליכטיקן אויפבליץ, וואָס באַלייכט מיט
אַ גרויסער בליציקער פריילעכקייט דעם גאַנצן האָריזאָנט פון אונדזער לעבן,
האָט עס פּרץ אָנגעשריבן אָט די גאַנצע מעשה...
אָט אַזוי איז אונדזער גרויסער, דער גרעסטער פאַר אונדז אַלע און איבער
אונדז אַלע, פּרץ... מיר האָבן נאָך זיינע גרויסקייטן גאָר נישט — ליידער
גאָר נישט געשאַצט...
ביי פּרצן האָבן מיר אַ שאַץ־קאַמער מיט אבנים־טובות פאַר קינדער און קינדס־
קינדער, ווו אַלע אונדזערע קומענדיקע דורות וועלן האָבן מיט וואָס זיך צו
פאַרווונדערן און די אויגן צו בלענדן מיט שיינקייט.
דאָס איז ביי פּרצן דער עיקר:
ליכט, שפּיל, גלאַנץ, שטראַלנדיקער גייסט.
— אַ כּישופמאַכער געווען דער פּרץ.
אונדזער ליבער כּישופמאַכער.[81]

אויך איז ווייסענבערגס אָנטציקונג פאַר שלום־עליכמען געווען גרויס. צו שלום־עליכמס יאָרצייט האָט ווייסענבערג אין 1918 פאַרעפנטלעכט אין אַ קיעווער זאַמלהעפט אַן אַרטיקל וועגן אים, וואָס הייבט זיך אָן מיטן גייסט פון האַמלעטס פאָטער, ווי עס גיט איבער מ. קיטאַי אין די ליטעראַרישע בלעטער.[82] דאָס איז געווען בשעת זיין באַזוך אין אוקראַינע אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין 1918.

זיין עסיי, „ביים לעבן און נאָכן טויט פון אונדזערע גרויסע גייסטער", וואָס איז אָנגעצייכנט פאַר פיר גרויסע שרייבערס, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט צו יענער צייט אָנגעווירן — מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, פרוג — הייבט ווייסענבערג אָן מיט מענדעלע מוכר־ספרים. דאָס איז אַ דורכדרינגלעכער פּסיכאָ־אַנאַליז, קען מען זאָגן, וואָס ווייזט מענדעלען פון קינדווייז אָן, ווי אַ יתום, ביז זיין טיפער עלטער.

אין משך פון זיין גאַנץ לעבן איז דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור באַעוולט און דערנידעריקט געוואָרן אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען און אין דער סביבה, ווו ס'איז אים אויסגעקומען אויסצוּוואַקסן. ווייסענבערג ווייזט אָן אין זיין עסיי, ווי מענדעלעס סענסיטיווע און שטאָלצע נשמה האָט אַזוי ווייטאָגדיק געליטן, ביז זי איז איינגעשרומפּן און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, אַזוי אַז ער האָט פאַר אַלעמען געהאַט אַ געפיל פון ווידערווילן און שפּאָט. לעבנדיק אין דער סביבה און ליידנדיק פון איר, האָט דאָס „אויסגעבילדעט אין אים דעם גרונט־טאָן פאַר זיינע אומגעהייער רייכע מאַטעריאַלן, דעם גרונט־טאָן — סאַרקאַזם".

ווייטער זאָגט ווייסענבערג אין שייכות מיט מענדעלעס לעבן און פּערזענלעכקייט, אַז ווי שוואַך און יונג מען איז נאָך —

מוז מען זיך שוין אַליין אַ לעבנס־וועג שניידן, אָבער דאָס קען מען נישט אָן אַ
געוווּגנדער דאָזע פאַרביטערונג, וואָס איז צו דער דאָזיקער צייט דער גוטער
מלאך, וועלכער היט ביי דער זייט, דער באַגלייטער אויף דעם שטיין־שפּיציקן
וועג, און איז דער כּוח פון דער ווידערשטאַנדס־פעיִקייט צו יעדן מכשול,
אָבער וואָס ווערט דאָך אויך צום באַדויערן, שפּעטער, דער משחית, וואָס

קרימט אויס דאָס אייגענע אינעווייניקסטע געפיל פון חשק, גליק און ליבשאַפט פאַרן אַרומיקן לעבן. . . .[83]
אָ, מענדעלע, האָסט געהאַט אַ ברענענדיק, ליידנשאַפטלעך האַרץ פון דער פריסטער יוגנט, און עס איז פאַרסמט פון דעמאָלט אָן, אַז עס זאָל דאָס גאַנצע לעבן דערנאָך שפייען מיט ביטערן סאַרקאַזם.[84]

וועגן מענדעלעס ווערק אין אַלגעמיין זאָגט ער, אַז:

מענדעלע האָט אַ שטיק פאַרשימלטן, מיט מאָך פאַרפוילטן, דאָך אַראָפּגעריסן פון איבער אונדזערע פאַלקס־קעפּ, און מען האָט מיט אַ מאָל דערזען, ווי דאָרטן ראַיען זיך אַלערליי מיאוסע באַשעפענישן, ווי, נישט צו גלייכן, אין אַ נעסט פון ווערעם.[85]

פאַרן בעסטן ווערק מענדעלעס האַלט ווייסענבערג די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות.

וויפל שטעכונג פילט מען אין האַרץ, וויפל פייער צינדט זיך דאָרט אָן, האָבנדיק אַזאַ קאָמפּאַניע אויפן אויג? אָט דאָס איז דער סוד פון הויכן גייסטס ליידן און פון שעפערס שאַפן. דאָס איז אויך דער סוד פון אויסברענען אים דעם מאַרך אין די ביינער. מענדעלע ליידט ווייטער און פאַרפאַלן, — ער וועט שוין אַזוי דאָס גאַנצע לעבן ליידן, ווייל זי, די וועלט, וועט זיך איבער דעם שטיקל צייט נישט ענדערן. און אַזוי ווי זי איז, האָט ער זי פיינט, קען ער זי נישט אָנקוקן, פילט ער אַן עקל צו איר. און דאָס איינציקע זיין האַרץ צו קילן, די גליִענדיקע קוילן, אויף וועלכע ער שטייט פריִער אליין און וויל זיי דערנאָך וואַרפן די שולדיקע אין די קעפּ אַריין — איז, לאָזן די גיפטיקע פעדער שפּאַצירן איבערן פּאַפּיר. . . .
דערהויפּט וואָס מענדעלען אַרט שטענדיק, וואָס איז זיין אַנגעווייטיקסטער פונקט — איז די צוייפּנימדיקייט, דאָס צביעות, דאָס וואָס ער רופט אָן אין אַזוי פיל ערטער פון זיינע ווערק „ממזריש", „שפּיצלדיק", „קלוג־ממזריש". . . . און וואָס אים האָט אָממערסטן געברענט זיין לייב און האַרץ, איז אים אָבער נישט באַשערט געווען צו אַנטרונען ווערן, ביז אין זיינע סאַמע לעצטע טעג. און נאָך מער, אויף זיך אַליין לאָזן אָפּשפּילן אַ קאָמעדיע פון „קלוג־ממזרישקייט", עפּעס פונקט ווי אַ פאַטאַלע קראַפט וואָלט געאַרבעט אין דעם, אַז דער ווילן פון מענטש מיט העכערן גייסט, זיינע שענסטע געפילן, ריינסטע ווונטשן זאָלן פאַרלעצט ווערן — און טייל מאָל איז ער נאָך אַזוי טיף, צום באַדויערן, אַז דאָס, קעגן וואָס ער קעמפט דאָס גאַנצע לעבן, מוז ער אַליין מיט אַ געבראָכנקייט אין האַרץ, דורך עפּעס אַ פאַטאַלער געשעעניש, אָננעמען... אַ לעבן, ווי ביטער דו ביסט און פאַלש ווי די קאָרט! די שטרענגסטע גייסטער קענסטו באַשטראָפן. . . . און איך מיין, אַז מען וועט נאָך וועגן מענדעלען אַ סך, אַ סך שמועסן. איך מוז דערווייל שפּאָרזאַם זיין; עס וואַרטן נאָך שלום־עליכם, פּרץ, פרוג. וועגן דעם לעצטן, אויף וויפל איך וועל נאָר קריגן אויסצוגן איבער אים. און דערהויפּט שלום־עליכם, וועגן וועלכנס לעבן איך האָב צו דערציילן זייער אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן און וועלכע איך וועל ביי דער ערשטער געלעגנהייט באַלויכטן.[86]

ווייסענבערג האָט דאָ אויך אפשר געמיינט צו דערציילן וועגן שלום־עליכמס פלאָגן זיך אַ גאַנץ לעבן אין געיעג נאָכן כּשר פאַרדינטן האָנאָראַר פאַר זיין

שאַפערישער אַרבעט; ווי די זעלבע „קלוגיטשקע" סוחרים — אויף אַן אַנדער קאָנטינענט און אונטער אַנדערע אומשטאַנדן — האָבן אויך זיין גרויסן גייסט אויס־געניצט פאַר רויש און פלויש, פאַר הילכיקער רעקלאַמע, פאַר דערפאָלגרייכע ביזנעס, אָבער אים, דעם שאַפער איז מען אָפּגעקומען מיט אַ שמעק טאַבאַק. ער האָט אפשר געמיינט צו דערציילן, ווי דעם מײַסטערס גרויסע דראַמעס זענען געשאַצט געוואָרן דורך די מאַסגעבנדיקסטע רעזשיסאָרן פונעם יידישן טעאַטער אין שלום־עליכמס צייט, באָריס טאָמאַשעווסקי און יעקב אַדלער, און פאַרזיגלט געוואָרן מיט אַן אָראַפּרייסנדיקער רעצענזיע פונעם פּרעסע־קיניג אַב. קאַהאַן. און אַז כאָטש דאָס פאָלק האָט שלום־עליכמען אָפּט געטראָגן אויף די הענט, האָט ער פון דעסט וועגן פון זיינע גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען און פון זיין רום אויף קיין פרנסה פאַר דער משפחה נישט געהאַט. דערפאַר האָבן די פאַרלעגערס זיינע אָראָפּ־גענומען די גאַנצע סמעטענע און אים בלויז צוגעטיילט אַ ביסל זויערמילך, און דאָס — אויף אַ פאַרוואָסערטע. ווייסענבערג האָט מסתמא געוואָלט דערציילן, וויפל אונדזער גרויסער שלום־עליכם האָט זיך אָנגעפּלאָגט פיזיש און מאָראַליש אין משך פון זיין צו קורץ לעבן; ווי זיין גאָב פון גאָט איז אויסגעניצט געוואָרן דורך כל־מיני שפּעקולאַנטן פאַר זייערע אייגענע גרויסע פּראָפיטן.* און ער — אַ קראַנקער, אַ פאַרצערטער פון טובערקולאָז און פאַרדראָסן — איז כסדר געשטויסן געוואָרן פון די דאָזיקע „קלוגיטשקע" פּראָטעזשירערס זיינע און איז פריצייטיק פאַרשטויסן געוואָרן אין קבר אַריין.

אָט אַ די טרויעריקע קאַפּיטלעך פון שלום־עליכמס לעבן, „די זייער אינטערע־סאַנטע עפּיזאָדן" האָט אפשר ווייסענבערג געמיינט צו דערציילן.

פון די אַנדערע פּראָזאיקערס אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט וויי־סענבערג אַחוץ זיינע דערצויגלינגען, עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק, יחזקאל קייטעלמאַן א"א אָפּט דערמאָנט לשבח א. מ. פוקסן און דער נסתּר. וועגן בערגעלסאָנען האָט ער געזאָגט, אַז ער

> איז טיף און אַ גרויסער פּסיכאָלאָג מיט אַ באַאָבאַכטונג אַ גאַנץ שטרענגער, אָבער זיינע טיפן, זיינע העלדן טראָגן אַריין ווייטן, קרעמפּן אין לעבן אַריין און קורטשען זיך צונויף בשעת זיי קומען אין אַ לעבנסבאַרירונג. אַזוי איז דער הויפּט־העלד פון אַרום וואָגזאַל, וואָס איז נישט פעיִק צו „מאַכן אַ לעבן" און אַזוי איז די הויפּט־העלדין פון נאָך אַלעמען, וואָס קען אויך נישט „מאַכן קיין לעבן".[87]

וואָס שייך אַש׳ס שאַפונגען, האָט ער געהאַלטן בלויז פון זיין אַ שטעטל און נאָך עטלעכע קלענערע זאַכן. ווען ער האָט געשאַפן אַ שטעטל האָט ער נאָך געקענט שרייבן — פלעגט ווייסענבעג זאָגן, נאָר ווען ער האָט אָנגעהויבן „שמירן" די גרויסע ראָמאַנען — איז ער פאַרוואָסערט געוואָרן, און נאָך מער: דאָס זענען אָפּט געוועזן טענדענצווערק. אין די מוטער, למשל, שפּילט ער אויף די אויבנאויפיקסטע

---

*) זען: מאַי פּאַדהער, שלום־עליכם/מיין פאָטער שלום־עליכם/ פון מארי וועיף־גאָלדבערג, ניו־יאָרק, שאָקען בוקס, 1968.

רחמנות־געפילן פון דער גאַס׳ געשמאַק, וואָס גאָלדפאַדען האָט איר אַ נאָמען געגעבן משה ת. . . . אַש האָט דאָ אויסגעקליבן אַ סענטימענט, וואָס רעדט שטאַרק צום האַרץ: אַ צוועלף־יאָריק מיידעלע, וואָס איז נאָך אַליין נעבעך אַ קינד, דאַרף שוין טראָגן די קלענערע קינדער אויף אירע הענט און זיין אַ „מוטער" צו זיי. און ווייל משה ת. . .׳ „לעבן איז טאַקע אָנגעזאַפּט מיט אַזעלכע רחמנות־בילדער", געדענקט ער נישט, אַז דער שרייבער האָט עס נישט עכט און

מיט אַ מיטליידנדיק האַרץ אים אונטערגערוקט, נאָר איינגענעצט זיך דערביי די אויגן מיט שפּייעכץ, אַבי נאָר אַז אים, משה ת. . . ן אָנצורעגן און אַפּעלירן צו זיינע, . . . אמתע טרערן . . . אַזוי זענען אַשס ביז היינטיקן טאָג נאָר גאַנצע 16 ביכער „געשמירטע" פון די 19, וואָס ער האָט דערווייל.[88]

ווייסענבערג זאָגט, אַז דער צוקונפטיקער קריטיקער מיטן אמתן עמפּינדלעכן אויג — וואָס וועט קומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ווען אונדזער היינטיקע וועט שוין זיין היסטאָריע —

וועט אַשס גאַנצן וואַלד אויסבראַכן און איבערלאָזן וועט ער נאָר די סאַמע דינסטע „כאַינקעס", וואָס שטייען אין אָנהייב, אין „זאַגאַיניק" (אין יונגן וועלדל) איידער אַש איז אין וואַלד אַריינגעפאַרן . . . [89]

אין שרייבער און זייערע ווערק דערציילט ווייסענבערג, אַז אַש האָט שוין געהאַט אויפגעפירט זיין גאָט פון נקמה אין לענינגראַדער טעאַטער און אַרויס־געגעבן אַ ביכל אויף דייטש אין בערלין, שפּעטער אויף פראַנצויזיש, אויף ענגליש און טוענדיק אַלץ, כּדי צו זיין איבערגעזעצט אין די אייראָפּעיִשע שפּראַכן, האָט ער געהאַט מער שאַנסן פאַר אַנדערע ייִדישע שרייבערס — וואָס זענען אַן אַן ערך באַדייטיקער, לויט ווייסענבערגן, ווי טאַקע שמעון האָראָנטשיק און עוזר וואַרשאַווסקי, אָבער אָן אַשס פעיִקייטן צו לאָזן די וועלט הערן וועגן זיך, — אַז זיין נאָמען זאָל דערגיין צו די גויים, צו דער אינטערנאַציאָנאַלער ליטעראַטור (געמיינט צו דער זשורי פון דער העכסטער ליטעראַרישער אויסצייכענונג, דעם נאָבעל־פּריז).

פאַר וואָס ער האָט פאַרט זיין ציל נישט דערגרייכט — טייטשט דאָס ווייסענ־בערג אויס דערמיט וואָס, למשל, אַשס שבתי צבי איז אַ „פאַראַד־ווערק". און:

ליבט וויקטאָריאַ ביי קנוט האַמסון, איז עס די ליבע, ווי ביי אַלע פעלקער — און ליבט „מטות" די „יאַטישע טאָכטער", איז עס עפּעס נאָר ספּעציפיש ייִדישס מיט „טשאָלנטער" אונטערן פענצטער און אַן „אינדיק" פון „לויוויטשער יאַריד". ס׳איז עפּעס אַזוינס, וואָס נישט אַלע פעלקער ליבן אַזוי און דער עיקר, דאָס מאַטעריאַל איז הומאָרעסקע־מאַטעריאַל און האָט דאַדאַרך ברייט און ווייט נישט געקענט אימפּאָנירן. . . . דעסגלייכן „עס האָט נישט געלוינט" — גייט ביי גאָרקין אין „אַדנאַזשדי אָסעניו"* אַ באָסיאַק ** גנבענען אַ ברויט און טרעפט זיך צוזאַמען מיט אַ מיידל און — ביי אַשן טרעפט זיך דער יונג, וואָס

* רוסיש — אַ מאָל, אין האַרבסט.

** רוסיש — טרעמפּ.

גייט גנבענען עפּל, אויך צוזאַמען מיט אַ מיידל, נאָר ס'איז עפּעס נישט דאָס. ביי אַשן דערטאַפּט דער יונג „עפּעס ווייכס", „וואַרעמס" און „גוטס" און ביי גאָרקין קאָרטשעט זיך אַ וועלט מיט אַ ביטערן פאָרוואָרף דער סאָציאַלער אָרדענונג.[90]

וועגן דער בונט פון די שוואַכע, ווי אַש האָט געצילט צו וועלטלעכקייט, זאָגט ווייסענבערג, אַז „אַש האָט איבערגעשפּרייזט מיט איין פוס אין דער 'וועלט־לעכקייט' און אַרויס מיטביידע פון לעבעדיקן לעבן". בכלל גיט ווייסענבערג אין שרייבער און זייערע ווערק אַן אַרומנעמענדיקן פּאָרטרעט פון אַשן, וואָס איז פול מיט סאַטירישן הומאָר — הגם געשריבן אין ערנסטן און אויסגעהאַלטענעם טאָן. ער בעט זיין פעדער צו האַלטן גלייכוואָג, ווי דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל: ער זאָל נישט נכשול ווערן, נישט מגזם זייןביים אונטערשאַצן אָדער דערשאַצן אַשן. דאָס איז אַ דורכדרינגלעכער כאַראַקטער־שטודיום פון אַשס גאַנצן ציל־באַוווסטן לעבנסגאַנג.

ווייסענבערג זאָגט דאָרט צוו"א:

> אַ געוויסע הייך האָט אַש דערמאַלט [נאָכן לאָזן זיך איבערזעצן אין אַנדערע שפּראַכן און אויפגעפירט ווערן אויף דער רוסישער בינע] געהאַט דערגרייכט, און זעט — אַש האָט געטראָפן דעם וועג צוריק... וואָרן וויפל מאַכט זיך ביי אונדזערע „גדולה־דערגרייכער", אויב זיי זענען נאָר נישט אַזוי גרויס און אַזוי פיל פערזענלעכקייט וויפל אַש איז, טרעפן זיי שוין נישט צוריק צו זייער אָרט... מען זאָגט, אַז אין דער הייך שווינדלט דער קאָפּ, און נאָר גבורים, וואָס זענען אַזוי גרויס און ברייט אין זיך, אַז אומעטום, ווו זיי קומען, זענען זיי נאָך אַלץ נישט אויסער זיך... אָט די מעגן זיך יאָ אויפהייבן. נאָר זיי זענען זעלטענע, זעלטענע — אַזעלכע, ווי איינשטיין.[91]

מיט ווייסענבערגס זאָגן: „אַש האָט געטראָפן דעם וועג צוריק", מיינט ער אַשס פעיִקייט צו פאַרשטיין, אַז זיין ציל אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור קען נישט דערגרייכט ווערן און זיין פאַרלאָזן צוליב דעם אייראָפּע און פאָרן קיין אַמעריקע, „צו די אַמעריקאַנער יידן".

דאָרט האָט אים אַב. קאַהאַן, דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון פאָרווערטס, באַלד אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, פאַרשטייענדיק, אַז פון אַזאַ פּרוכטיקן שרייבער — און נאָך דערצו אַזעלכן, וואָס פאַרשטייט ווי אַזוי צו שאַפן זיך און במילא דער צייטונג, ווו ער אַרבעט, רעקלאַמע — קען זיין ביזנעס פּראָפיטירן. נאָר נישט אַזוי דירעקט זאָגט עס ווייסענבערג. ער שילדערט דאָס מיט פאַקטן, פּסיכאָלאָגישע עפעקטן, וואָס אַש האָט אויף זיי געשפּילט און קאַלקולירט זיין יעדן צוג. דערביי גיט ער אים אָפּ אַלע שבחים, וואָס אַש איז אויסן געוועזן צו באַקומען. דאָס איז בכן, אַ גאָר אינטערעסאַנטער, גאָר אייגנאַרטיקער אופן פון ווייזן אַ מענטש אינעם שפּיגל פון זיינע אייגענע האַנדלונגען און מאַניפּולאַציעס.

אין דער יִדישער דיכטונג האָט ביי ווייסענבערגן משה־לייב האַלפּערן, פאַרשטייט זיך, פאַרנומען דאָס חשובסטע אָרט. ער איז דער לייב אין דער יִדישער פּאָעזיע — ווי זיין נאָמען איז. אויך פלעגט ער רעדן מיט גרויס הנאה וועגן משה

נאַדירן, דעם פולן מיט שעלמישע חנעז, וועגן קולבאַקן, מאַני לייבן, מאַנגערן און זיין תלמיד יחיאל לערער — וועמען ווייסענבערג האָט געפּלעגט און אַריינגעפירט אין דער יִדישער ליטעראַטור, ווי שוין געזאָגט.

דעם נאָמען י. י. שוואַרץ האָט מען אים אָפט געהערט דערמאָנען. אויף אים האָט ווייסענבערג געזאָגט, אַז ער האָט מורא, אַז ער וועט באַרימט ווערן ערשט נאָכן טויט, ווען עס וועלן שוין זיין אַנדערע צייטונגסלייט און רעדאַקטאָרן, וואָס וועלן שוין קיין בייז האָרץ אויף אים נישט האָבן פאַר זיין קריטיקירן זיי און אויפ־ווייזן זייער אומיושר. ווייסענבערג זאָגט צוו״א אין:

אַ פאַרקערטע וועלט, אַז מען קוקט אין וואַסער

. . . י. [י.] שוואַרץ האָט אַ טענה, אַז זיי, די ליטעראַרישע „קיבעצאַרניע״, די פּרעסע, האָבן אים שלעכטס געטאָן. זיי האָבן אים פאַרשטויסן, פאַרלייקנט. וואָס זשע האָט ער געוואָלט, געמיינזאַמס? . . .
מען דערציילט, אַז אַ נאַיִוער מענטש, און אפשר אַ פויער גאָר, איז פאַרביי־געגאַנגען מיט אַ חלה אונטערן אָרעם ביי אַ טייך, און אַצינד ערשט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן פאַרפילאָזאָפירט זיך אין פראַצעס פון דער פאַרקערט־קייט . . . אָט גייט ער, דאַכט זיך, דער פויער, מיט די פיס אַראָפּ און אין וואַסער קומט גאָר אויס, אַז ער גייט מיט די פיס אַרויף . . . אַ פאַרקערטע וועלט, ווו אַלץ שטייט פאַרקערט, די ביימער הענגען אַראָפּ . . . — האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס.
ווען אים האָט זיך צוליב זיין פאַרטראַכטקייט אַרויסגעגליטשט די חלה אין וואַסער און פיש־מחנות זענען אָנגעלאָפן אויף איר אין איין רגע, האָט ער זיך ווידער געטראַכט: אָ וואָ, פאַר וואָס איז דאָס נישט פאַרקערט, עס וואָלט דאָך געדאַרפט אויסקומען, אַז זיי זאָלן לויפן אַוועק . . .
צוליב דעם דאָזיקן נישט פאַרשטיין, איז דער נאַיִוער מענטש געשפּרונגען אין וואַסער אַריין מאַכן אָרדענונג . . .
ה׳ שוואַרץ, איר וועט דערטרונקען ווערן, ווי יענער נאַיִווער מענטש. די פּרעסע איז אַ טייך. געדענקט, אַז איר עלעמענט איז וואַסער, און איר — אַזעלכער, וואָס דאַרף אָטעם . . .
און אָט פון דעם שטאַנדפּונקט קומען מיר צו אַ שטיקל וועג אינעם פאַרשטיין פון נישט־פרידלעכן לעבן.
י. [י.] שוואַרץ זעט אין דער פּרעסע זיך אָפּשפּיגלען אַלץ פאַרקערט און איבערגעדרייט . . . נאָר צו אַ חלה לויפן די אַלע, וואָס לעבן אין איר, דווקא אין אַ נישט־פאַרקערטער ריכטונג . . .
און דער שרייבער איז דורכויס נישט גערעכט, ער פירט אַרויס פיגורן אין דעם דאָזיקן בוך זיינעם. די פיגורן זענען דאָרך און דאָרך פּרעסע־מענטשן און, ער זאָגט אויף זיי, אַז זיי פאַרשטייען דאָס, וואָס ער פאַרשטייט. אויף אַב. קאַהאַנען זאָגט ער, אַז ער דרייט איבער שעקספּירן. ער שפּיגלט אים, הייסט עס, אָפּ פאַרקערט, מיט די פיס אַרויף, הענגט אים, ווי וועש אויף אַ בוידעם, מיט די אַרבלען אַראָפּ . . . און ער ברענגט נאָך ציטאַטן, וואָס אַב. קאַהאַן זאָגט . . . פאַרגעסט, אַז ס׳איז אַ טייך. . . .
און אָט, ברידער, אָט אַזוי זעט אויס די געשיכטע. י. [י.] שוואַרץ שפּרינגט אין

טייך אַריין מאַכן אָרדענונג... נו, פאַרדינט ער דען נישט דעם האַס פון אַלע, די נישט־אָנערקענונג? און איז דען אַ וווּנדער, וואָס די פּרעסע־לייט אָנערקענען אים נישט? וואָרן ווער האָט די חלה אין דער האַנט, ווער האָט זי — ער, צי אַב. קאַהאַן? און צו וועמען זאָלן די העכט אין טייך פליִען? ווונדערט זיך אָבער י. [י.] שוואַרץ פאַר וואָס די העכט לויפן דאָ אויך נישט פאַרקערט... אַוועק, ס׳הייסט צו שוואַרצן... ער וויל באַווייזן שטותערייען פּונקט ווי צו באַווייזן מ . . . ן קלוגשאַפט אויף צו ווערן אויס אַנגעשטעלטער רעצענזענט. עס איז איבעריק! ווייל אַפילו מיין באָבע, וואָס איז שוין אַלט געווען הונדערט און דריי יאָר בשעת זי איז געשטאָרבן, האָט נאָך פאַרן טויט געזאָגט צו איר יינגסטן זון: „אוי, קוק פון וואַנען דאָס רעדעלע דרייט זיך״... און דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען פון אַלטקייט האָט זי שוין אַ העלפט פון דער ברכה, וואָס מען זאָגט אין דער פרי, געהאַט פאַרגעסן, אָבער דאָס געדענקט.[92]

ווייטער דערקלערט ווייסענבערג שוואַרצן, ווי ער האָט נישט קיין שאַנס ביים לעבן באַרימט צו ווערן, אַזוי לאַנג

ווי איר האָט די אַלע פעדער־שפּריצערס אַנגעטרעטן אויף אַ הינער־אויג און ווי לאַנג אויך זיי קענען מורא האָבן, אַז איר זאָלט עס מאָרגן נאָכאַמאָל נישט איבערחזרן — . . .
אויף דער גאַס זאָלט איר זיך גאָרנישט סומך זיין, אַז זי וועט פאַרטרייבן פון אייך אַלע, וואָס טוען אייך ווי. די גאַס האָט ליב צו זען וואָלקעס * און גאַנץ אָפט, ווי צוויי הענער דורסן זיך ביז טויט, ביז איינער בלייבט נישט ליגן פאַר אירע אויגן בלאָ...[93]

שרייבערס, אָנפאַנגערס און אויך אַזעלכע מיט אָנערקענונג, פלעגן אָפט קומען פאַרלייענען פאַר ווייסענבערגן זייערע שאַפונגען, געוואָלט האָבן זיין סמיכה. אויך ווייל ס׳זענען געווען אַ סך בעלנים צו דרוקן זיך אין זיינע ליטעראַרישע אויס־גאַבעס. ער פלעגט אָפט אויסהערן מיט פאַרמאַכטע אויגן און דער פאַרלייענער האָט זיך נישט איין מאָל געפילט באַליידיקט טראַכטנדיק, אַז זיין שאַפונג ווירקט גאָר ווי אַ שלאָפמיטל... אַ מאָל פלעגט אַזאַ איינער איבערפרעגן גאַנץ שטיל:
— ה׳ ווייסענבערג, איר שלאָפט?...
אָבער ווייסענבערג איז נישט געשלאָפן. פאַרקערט, אַזוי האָט ער זיך בעסער איינגעהערט. אָפט פלעגט ער בעטן דעם פאַרלייענער איבערצוחזרן אַ געוויסע שטעלע אָדער שורה.

ווען דער פּראָזאַיִקער בנימין טייטלבוים האָט באַזוכט פּאַריז און וואַרשע אין 1933, האָט עוזר וואַרשאַווסקי, וואָס איז צו יענער צייט געווען אין פּאַריז, ווי איבערן געזאָגט, אים מיטגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוול צו ווייסענבערגן. טייטלבוים, דעמאָלט נאָך אַן אָנפאַנגער, האָט געוואָלט האָבן ווייסענבערגס מיינונג וועגן זיין שרייבן. ער האָט אים דערויף פאַרגעלייגט צו לייענען פאַר אים זיינס אַן אָנגע־שריבענע דערציילונג. טייטלבוים האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט. ווייסענבערג האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט:

* טייטש: קאַמפן.

— „יונגער־מאַן, גוט לייענען וועט ניִשט העלפן און שלעכט לייענען וועט ניִשט קאַליע מאַכן".

טייטלבוים האָט אָנגעהויבן לייענען פריִער דעם פּראָלאָג, דערנאָך די דערציילונג, האָט אים ווייסענבערג געפרעגט:

— „און וואָס איז דאָס, אַ מכּה אויפן הויקער? — וואַרפט אַוועק, לייענט די זאַך".

און „די זאַך" איז אים זייער געפעלן געוואָרן. פון דעמאָלט אָן פלעגן זיי זיך אָפט טרעפן.

אַ מאָל איז געקומען ר. פּאַרלייענען זיינע לידער. נאָכן אויסהערן האָט ווייסענבערג געזאָגט:

— און ס'טויג אין דר'ערד.

אַ צווייט מאָל איז געקומען צו אים, געדענק איך, עפּעס אַ ברונעטער ווילנער יונגער־מאַן מיט זיינס אַ פריינד פאַרלייענען פאַר אים צוויי לידער.

ער האָט געלייענט. ווייסענבערג האָט געהערט. דערנאָך האָט ער אים איבער־געפרעגט: איר קענט שוין וואָס איר האָט אָנגעשריבן פון אויסנווייניק, זע איך. און באַלד ווידער געפרעגט:

— וואָס האָט אייך באַוויגן צו שרייבן די לידער?

יענער האָט זיך ניִשט געריכט אויף אַזאַ פראַגע און טאַקע ניִשט געהאַט דעם ענטפער.

אָבער ווייסענבערג האָט ניִשט געדאַרפן דעם ענטפער. די דאָזיקע פראַגע איז געווען אַ סימן, אַז דער שרייבער האָט ניִשט געהאַט קיין באַדערפעניש צו שרייבן און אַז במילא טויגן ניִשט די לידער, ווייל:

> שרייבן דאַרף נאָר דער, וואָס טראָגט אין זיך גוואַלד און דראַנג און איך קוק בעסער אָן דעם מענטש: וואָס טראָגט ער אין זיין טיפער עקזיסטענץ, אויף דער דנוי פון זיין נשמה. [94]

כּדי צו וויסן, צי אַ ווערק טויג אָדער ניִשט, האָט ער ניִשט געדאַרפן איבער־לייענען דאָס גאַנצע בוך. ער פלעגט האָבן גענוג עטלעכע זייטלעך פון דער מיט אַרויסגעכאַפּט, כּדי צו קענען אַרויסגעבן אַ מיינונג, ווי אַן ענגלישער כאָר־דיריגענט און מוזיקער, פּראָפ. וו. אַ. בוללי, וואָס האָט בשעתו אָנגעפירט מיט אַ כאָר אין קאַנאַדע, פלעגט זאָגן: „וואַן בייט אָף די טשערי — ענד ווי נאָו, האַו סוויט, אָר סאַור איט איז". *

כ'האָב דעם טאַטן אַ מאָל דערציילט וועגן אַ געוויסן דיכטערס אַ ליד, געשריבן אין די צייטן פון שפּאַנישן בירגערקריג. ער האָט דאָרט אַזעלכע שורות (אָן ערך):

> ווען איך וועל האָבן אַ זון,
> וועל איך אים אַ נאָמען געבן הישפּאַניע.

> דערויף האָט ער געענטפערט:

---

* ענגליש — איין ביס פון דער קאַרש און מיר ווייסן ווי זיס אָדער זויער זי איז.

— „נו, איז זאָל ער זיך נעמען אַ ווייב און חתונה האָבן...״

ווייסענבערג פלעגט אַלע מאָל זאָגן, אַז ס'איז נישט וויכטיק דער „וועגן וואָס״, נאָר דער „ווי אַזוי״ מע שרייבט.

„צי שמועסט דער זעלבער פון 'פּראָמעטעוס', צי פון 'גייסט, דער מלך', צי גאָר 'אַ געזאַנג פון ליבע און האַס צום יידישן פאָלק' — ...״, איז לויט אים נישט וויכטיק, ווי ער זאָגט אין „וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?״:

יאָ „פּראָמעטעוס״, נישט „פּראָמעטעוס״, —
וואַרף אַוועק אַלץ, וואָס גאַווערט. ...
זוך נאָר דאָס קול.
הער דיך איין אין די טריט, אַפילו, אין דעם שאָרך פון די זילבער קלינגענדיקע שטיינדלעך.
אומעטום, וווּ דו הערסט קיין קול נישט, איז עס גאַווער, אָדער וויסטקייט פון אַ נעסט, וווּ אַ מאָל איז אַ פויגל געזעסן. [95]

כ'האָב אים אַ מאָל געהאַט איבערגעלייענט עפּעס אַ זעקס—זיבן זייטלעך פון טעאָדאָר דרייזערס ראָמאַן סיסטער קערי: די שטעלע, ווי אַזוי הירסטווּד באַגנבעט די פירמע, וווּ ער איז אָנגעשטעלט ווי אַ פּאַרוואַלטער. ס'האָט זיך אים געמאַכט אַ מאָל אַ גאָר אומגעריכטע געלעגנהייט צו נעמען צען טויזנטערס פון דער זיכער־קאַסע, וואָס איז איין אָוונט צופעליק אָפן געלאָזט געוואָרן, נאָך דעם ווי אַלע באַאַמטע האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט דעם „אָפיס״.

ווייסענבערג האָט אויסגעהערט — ווי אַזוי דרייזער שילדערט דעם נסיון, וואָס דער העלד הירסטווּד איז פאַר אים געשטעלט געוואָרן, און זיין אינערלעכן קאַמף ביים דעצידירן:

יאָ, אָדער נישט צו נעמען דאָס געלט — און, האָט דרייזערן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— „ער ווייסט נישט, וואָס אַ מענטש פילט ווען ער גנבעט״ — האָט ער געזאָגט.

און שוין, טעאָדאָר דרייזער איז שוין אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. אויך האָב איך אים אַ מאָל געהאַט פאָרגעלייענט אַ פראַגמענט פון ריימאָנטס כלאָפּי:* דאָס בילד, ווי יאַגנע שאַרט זיך אַרויס אין אָוונט פון שטוב און גייט מיט אַנטעקן —ביידע שווייגנדיקע — אַוועק ווייט אין פעלד אַריין. אָדער ווי זיי ביידע, אַנטעק און יאַגנע גייען אַ מאָל, האַרבסט, לענד אין לענד לעבן אַ שווער־אָנגעלאָדענעם וואָגן הייפּטלעך קרויט, נאָר וואָס אַראָפּגענומען פון פעלד. פון דעם דאָזיקן פראַגמענט איז ער גאָר באַגייסטערט געוואָרן, פּונקט ווי דער ווונדערלעכער פּישוף פון אַ ים מיט געפילן און רעיונות, וואָס די צוויי פאַרליבטע זענען געווען איבערגעפילט מיט זיי — וואָלט אויך אויף אים געפאַלן.

זעט אויס, אַז ער האָט דאָ, אין דעם שווייגנדיקן געזאַנג פון ליידנשאַפטן דערהערט „דאָס קול״, וואָס ער האַלט, אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין אַ ווערק.

---

* פּויליש — פּויערים.

ער זאָגט אין דער זעלבער עסיי „וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?":

...וואָרן באמת לעזט מען נישט די ווערטער, נאָר דאָס קול פון דעם בוך. דאָס קול, וואָס שרייט אַרויס, אָדער זינגט אַרויס פון בענקשאַפט. . . .
דאָ, ווּ ס'איז דאָ אַ קול דערשיינט די פּערזענלעכקייט פון שרייבער: פּרעכטיק מאַיעסטעטיש, פול טאַקט, שיינע רייצנדע גלוסטיקייט, פיינע מאָס, גאָט־זעליקייט, ליכט, פאַרב, מיט איין וואָרט — אַ נשמה, וואָס דו קריגסט זי ליב, ווייל זי טריפט פון אירע ליפּן אַרויס, פון איר גאַנצן גוף דעם האַניק פון דער נאַטור, דעם סאַמע איידלסטן, וואָס איז אַפילו פאַר בינען נישט צוזאַמענ־צוקלייבן און, דאָך, דער דאָזיקער מענטש קען עס יאָ באַווייזן. ער און נאָר דער קען זיך אויך מיט איינמאָל געבן אַ הייב אויף צו געטלעכעליידן.
אָבער דאָס זענען די, וואָס טראָגן אין זיך דעם אייביקן נשמה־הונגער און נישט־געזעטיקטקייט נאָך די אַלע זאַכן, אָדער וואָס זייער נשמה בענקט נאָך געטלעכער גערעכטיקייט און פולקאָמענקייט. . . .
דאָס קול געהערט שוין גאָט אַליין, גאָט און דעם, וואָס שאַפט.[96]

ווייסענבערגס בליק
אויף אַנדערע קונסטגעביטן

אויך וועגן פילאָסאָפן פלעגט מען אָפט הערן דעבאַטירן ביי אונדז.

די נעמען פון סאָקראַטעס, ניטשע און זיין ווערק זאַראַטוסטראַ, שפינאָזאַ, שאָפּענהויער, דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען מיט יעדן אין קריג, און זיין פּעסימיסטישער פילאָסאָפיע, האָט מען אָפט געהערט אין שטוב. אויך אָטאָ וויינינגער איז דערמאָנט געוואָרן, וואָס ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין די ליבע און דאָס ווייב און ספּעציעל מיט געשלעכט און כאַראַקטער, ווו זיין טעאָריע איז באַזירט אויפן צוזאַמענהאַנג פון סעקס און כאַראַקטער און ער זעט אין יעדן מענטשלעכן באַשאַף אַ קאָמבינאַציע פון מענלעכע און ווייבלעכע עלעמענטן. דער מאַן איז די פאַרקערפּערונג פון אַלע גוטע און דערהויבע אייגנשאַפטן, בשעת ווען די פרוי איז אַריינגעטאָן בלויז אָדער אין סעקס אָדער אין רעפּראָדוצירן זיך. אין זיין אויסגעשפּראָכן אַנטיפעמיניסטישער פילאָסאָפיע האָט ער געגלייבט נאָר אין דער מוטער. ווען די פרוי ווערט אַ מוטער איז זי איבערגעגעבן, עכט געטריי, און אַפילו פעיִק זיך מקריב צו זיין.

ס׳האָט אויסגעזען, אַז ווייסענבערג האָט וויינינגערן געגלייבט צוליב אָט דער באַהויפּטונג — די מוטער אין דער פרוי. און אַליין האָט ער צוגעגעבן, אַז די מדרגות פון דער פרויס ליבע גייען אַזוי: „אויפן ערשטן אָרט קומט דאָס קינד, דערנאָך קומט זי און אַ מאָל אויך דער מאַן...״

דער זעלבער וויינינגער איז אָבער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, נאָכן פאַרפיקסירן זיין פּעסימיסטישע פילאָסאָפיע, ווייל ער האָט פאַר דער וועלט, וואָס דער מענטש האָט פאַר זיך באַשאַפן, נישט געזען קיין שום תקומה, און אין זעלבסטמערדער האָט שוין ווייסענבערג נישט געגלייבט. ער האָט געזאָגט, אַז נאָר אַ שוואַכער כאַראַקטער נעמט זיך דאָס לעבן, און אַז דאָס איז אַ שוואַכקייט און נישט קיין העלדישקייט, ווי אַנדערע טייטשן דאָס אויס, אַז מע דאַרף האָבן כּוח אַליין זיך אומצוברענגען.

און אָט וואָס ווייסענבערג זאָגט וועגן אַן אַנדער פילאָסאָף, אַ יידישן, פון אונדזערע צייטן, וואָס זיין פילאָסאָפיע רופט ער אָן „קינאָמאַטאָגראַפישע ביכער״.

אין דער אָפּהאַנדלונג, אונטער אָט דעם נאָמען טאַקע, זאָגט ווייסענבערג צוו״אַ:

> ער [ט.] ווייסט, צ״ב, אַז עס איז געווען אַ פּלאַטאָ אויף דער וועלט, האָט ער געזאָגט, אַז דער אמתער פילאָזאָף שטייט צווישן וויסן און נישט וויסן, צווישן אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. ער ווייסט אויך, אַז „פּרץ האָט אידענטיפיצירט די יידישע עקזיסטענץ מיט אידעאַליזם״. נאָך ווייסט ער, אַז דאָס וואָס ס׳איז שוין דאָ, בענקט שטענדיק נאָך דאָס, וואָס ס׳איז נאָך נישטאָ. נאָר נישט מיט אַזעלכע פּשוטע ווערטער זאָגט ער דאָס...[97]

און ווייסענבערג גיט עטלעכע אויסצוגן פון ט־ן, דערווייזנדיק, אַז דעם געדאַנק פון זיינע לאַנגע מטושטשע זאַצן מיט שטאַרק אינטעליגענטישע ווערטער קען מען זאָגן אין עטלעכע געציילטע ווערטער בלויז, וואָס וואָלטן אַ סך פאַרשטענדלעכער געווען, און דהיינו: אַז דער מענטש בענקט שטענדיק נאָך דעם, וואָס ער האָט נישט און קוים האָט ער דאָס דערגרייכט, הייבט ער אָן ווידער צו בענקען נאָך דעם, וואָס ער האָט פריִער געהאַט. און ווייסענבערג גיט צו:

און דאָס אַלץ, וואָס ט . . . זאָגט, איז אַ גרויסער אמת. — „אַז די מענטשן זוכן שטענדיק, וואָס זיי האָבן נישט", האָט אויך מסתמא געזאָגט פּלאַטאָ, אַפילו אויך סאָקראַטעס און אפשר אויך שפּינאָזאַ און ניטשע, אפשר אויך קאַנט און העגעל. און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אויך שאָפּענהויער און נ״א דענקער. איבעריקנס, מען דאַרף זיך מער נישט שטיצן אויף אַזעלכע גרויסע אויטאָריטעטן. אויך קליין און גרויס זאָגן היינט דאָס זעלבע, אַזוי אמת איז דאָס, און ט . . . האָט חלילה אויך נישט געזאָגט עפּעס אַנדערש, ווי די אַלע אויסגערעכנטע.
טאָ וואָס זשע איז דאָס שלעכטס וואָס איז דאָ אָנצווווענדן קעגן דעם בוך? אַדרבה, ער האָט דאָך זיי, די אַלע גאונים, פּאַרסעקורירט און דאָס וואָס עס זאָגן היינט גרויס און קליין דאָס זעלבע, האָבן זיי דאָך אָבער נישט צוגעגעבן צו דעם „די פעלזן פון ים", דער „בבל־טורעם", די „נעפּלען פון מיסטעריעז" און דער עיקר נישט אַריינגעשטעלט עס צו זיך אין בוך אַריין.
נאָר פונדעסטוועגן איז דאָך דאָ עפּעס אָנצוווענדן. שוין גאַנץ לאַנג, דערציילט מען, איז געווען איינער, ר׳ שלום פּראָפּינאַטאָר האָט ער געהייסן. דער דאָזיקער איז געווען אַ ייִד, אַ גביר און געהייסן שפּאַנען דאָס פערד און וועגעלע. ער האָט אַ טאַכטער אויסצוגעבן, וועט ער פאָרן באַקוקן אַ חתן. ס׳איז געווען זומער, די לאַנקעס און די וועלדער שמעקן, הייסט ער בלייבן שטיין פאַר אַ וואַלד, ער וועט דאַווענען מינחה.
ער שטייט אויס שמונה־עשרה, קוקט זיך אַרום, — דער גוי איז פאַרפאַלן געוואָרן, נישטאָ, נאָר ער אַליין מיטן וועגעלע. ערשט ווען נישט ווען, קומט דער גוי אַרויסצולויפן פון וואַלד מיט אַ פריש בייטששטעקל, נאָר וואָס אָפּגעשניטן פון וואַרצל.
— ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג — פרעגט ר׳ שלום.
— אָט, אַ . . . — ווייזט אים דער גוי.
— נאָך אַ בייטששטעקל — הייבט ער אים אָן זידלען — לויפט מען אין דער מיט וואַלד אַריין אַזש. דאָ אין עק קריגט מען עס נישט? . . .
— און נאָך וואָס — פרעגט דער גוי תּמעוואַטע — פאַרסטו אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין נאָך אַ „בייטששטעקל", צי קריגסטו עס נישט ביי זיך?
ר׳ שלום פּראָפּינאַטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.
דאָס איז אַזוי אמת, אַז ר׳ שלומס פורמאַן האָט עס געזאָגט אָן „טראַנסצענ־דענטאַל", אָן „קוויזאַליטעט" [ט — ס ווערטער] — און נישט אַריינגעשטעלט עס צו זיך אין בוך.
„אַ, אַרעמע מענטשהייט, שטענדיק ווערסטו נאָר זוכן דאָס וואָס דו האָסט נישט".
איין מעלה אָבער: דאָס בוך לייגט אַוועק דעם „אַרעמען יונג" ווייסענבערג און דאָס האָבן די פריִערדיקע גאונים נישט געטאָן. [98]

און אָט וואָס ווייסענבערג זאָגט וועגן קריטיק און קריטיקערס אין אַ בריוו צו שמואל ניגער:

זשעלעכאָוו, 5/VII

ליבער און געשעצטער פריינד ש. ניגער,

איך דאַנק אייך פאַר אייער ווערטן בריוו. איך בין ביז היינט נישט געווען אין דער היים און האָב דעם בריוו נישט געהאַט געלייענט. נאָר איצט פרייט מיך זייער, וואָס איך קען אייער ווונטש דערפילן. פאַרשטייט זיך, אַז איך שרייב אייך מיטן גאַנצן האַרץ, וואָס נאָר איר זאָלט נישט פאַרלאַנגען. איך וויל אייך שרייבן וועגן וואַרשעווער ליטעראַרישע נייעס, איך וויל אייך שרייבן וועגן מיר, און אַנדערע, אויב איר דערלויבט, אויך וועגן אייערע אַרטיקלען איבער מיר. מיר איז זייער אָנגענעם צו קענען רעדן מיט אַ מענטש אָפנהאַרציק, נאָר ווי — אַז עס זאָלן נישט זיין קיין קנייטשן אין דער אָפנהאַרציקייט, און אַזוי האָף איך טאַקע, זאָל זיין ביי אונדז, ווייל אַנדערש קען איך נישט. איך פיל מיך אָבער דערפאַר אַליין שוין פאַרפליכטעט צו רעדן מיט אייך אָפנהאַרציק, ווייל איר האָט נישט קיין מורא אַזעלכעס צו פאַרלאַנגען — איר ווילט זיך אָנקוקן אויג אויף אויג מיטן אמת? ליבער גוטער פריינד, איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, אַז ביי היינטיקער שווערער צייט, איז שווער צו געפינען אַ ביישפּיל צו אייך. און מעג אייך מיין מיינונג זיין אַפילו, ווי נישט קיין „מי יודע וואָס" — דאָך איז עס געוואָגט פון אייער זייט. און אַז עס איז יאָ אַזוי, פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט אַליין האָט איר שוין פאַרדינט, אַז יעדע נישט פּינקטלעכע אָפנהאַרציקייט צו אייך, זאָל קענען גערעכנט ווערן פאַר אַ זינד. און איך מיין, אַז איך וועל אייך קיין זינדיקער נישט זיין, און אַלץ, אַלץ, וואָס איך האָב געטראַכט און וואָס איך טראַכט וועגן אייך, וועל איך עס זאָגן. איך וועל אייך אין אַלגעמיין זאָגן מיין בליק וועגן קריטיקער, נישט נאָר וועגן אייך אַליין. צווישן זיי, קריטיקער, און קינסטלעריש געזעענעם לעבן הענגט ווי אַ מחיצה אַ שטענדיקע פאַרהאַנג, אויף וועלכער עס שלאָגן זיך אָפּ שאָטנס און באַוועגונגען פון דעם, וואָס קומט פאָר הינטער דער פאַרהאַנג — און אָט די שאָטנס און באַוועגונגען אָבסערווירן די קריטיקערס און דרינגען פון דעם אַרויס דאָס, וואָס דאַרט טוט זיך, אָדער בעסער געזאָגט: זיי זעען עס „שוואַרץ אויף ווייס"... און אָט אָ דאָ ליגט דער שרעקלעכער תהום צווישן דער קריטיקער־וועלט און דער קינסטלערישער. זיי זעען אַלץ שוואַרץ אויף ווייס און בלייבן דערפאַר שטיין פאַרגאַפט, אָדער נישט פאַרגאַפט — גלייך דאָ וואָלט שוין געווען די הויפּט־סטאַנציע. וואָרן אַזוי שמועסן זיי דאָך טאַקע וועגן די בילדער און אַלע איינצלהייטן, בשעת דעם קינסטלער דינט דאָס בילד נישט מער, ווי אַלס קוק־לעכל צום אַדורכקוקן אין די לעבנס־סודות, וואָס זעען זיך דורך דאַנען באַשיינפּערלעכער, און באַאיינפלוסן אים, אַזוי אַז זיי ברענגען אים צו דער מדרגה פון דערגרייכן צו שטילער וועלט־אַנטפּלעקונג... וואָרן מען דאַרף געדענקען, אַז סוף־כל־סוף, איז דאָס לעבן און מענטשן נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג, ווי אַן אַנטפּלעקונג אויף אַ מינוט פון עפּעס כאַאָטיש, וועלכעס מיר קענען אַנדערש נישט זען, נאָר סיידן, ווען עס שפּאַרט אַרויס פון זיך געבירטן און לעבנס, ווי אַ שלאַקס־רעגן וואַסער־בלעזלעך — און דאָס אויך נאָר כדי בולטער אַרויסצושטרייכן די קאַנטן פון פאַרן „זיין" און פון נאָכן „נישט־ווערן", און כדי צו אַקצעפּטירן דאָס אָרט, וווהין שעקספּירס געדאַנק האָט אַזוי פייניקלעך זיך אַנגעשטרענגט: „זיין אָדער נישט זיין?" זיין, אָדער נישט זיין — איז ביי אים נישט געווען קיין פראַגע אין ענגן זינען: עקסיסטירן, אָדער נישט, וואָלט קיין גרויס ווייטיק נישט געמאַכט, ווען נאָך דעם זאָל זיך נישט נאָכשלעפּן אַ נאָך־ווידל פון „פאַרן זיין" און „נאָכן זיין" — אָט דאָס

סודותדיקע דערשטיקט אונדז. און איך האַלט דעריבער דאָס לעבן אַליין און די מענטשן פאַר אַ גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס דאָס לעבן און מענטשן וויקלט אַרום. און אָט פון דעם שטאַנדפּונקט שמועסנדיק — איז ווו אַהין די קונסט געווענדט, דאַכט זיך, אַז צו דעם אָרט ווו עס פלעכטן זיך די סודות פונעם לעבן! סיי ווען זי שמועסט וועגן שיינקייט, סיי וועגן די פלאָנטערנישן פון לעבן. און איך האַלט, אַז דער מענטש איז אַרומגעוויקלט און טאָג מיט נאַכט געשטויסן פון טויזנטער ווירקונגען, און אַליין איז ער נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. און אַזוי טוט ער און אַזוי לויפט ער — נאָר ווי אַזוי דאָס ווערט געמאַכט, ווי אַזוי דאָס טוט זיך און ווי אַזוי עס שפּילן אים דעמאָלט אונטער טויזנטער פאַרבאָרגענע פעדעם, מיט וועלכע ער איז צוזאַמענגעוועבט, און וועלכע זענען אפשר מער ציל, מער זאַך (אין ציל גלייב איך נישט) איידער ער אַליין — אָט אָ דאָס, אָט די אַלע בלינדע קרעפטן זענען דער קונסטס אויפגאַבע (איך מיין נישט צום דערקלערן, נאָר צום אָנווייזן זיי). און פאַר וואָס העלפט די קריטיק נישט אַריינדרינגען דאָרט אַהין, אין יענע פאַרבאָרגענע ערטער, נאָר שטעלט זיך אַנידער: דאָס בילד איז גרויס, דאָס בילד איז שיין, דאָס בילד איז פּרעכטיק!... און אויב איר וועט שוין אַפילו צולייגן: מיט זיין טיפן קוק נעמט ער אַרום גאַנצע עפּאָכעס, ער האָט אונדז געגעבן דעם אַלטן דור און דעם נייעם דור, דער קינסטלער באַשאַפט וועלטן, אַ שטול צו מעשה־בראשית... ווי גוט און ווי שיין עס איז עס צו זען מיט די אויגן, ווי דער קינסטלער זעט, און נאָך דאָרט אַזעלכע שיינע פּראָזן — נו איז וואָס זשע ווערט דערפון? איר ווייסט, אַז איבער דער קליינער צייט פון בלעמס שטיין אויפן באַרג, ווערט מיר קלאָר דער גאַנצער מהות פון אַ גאַנץ יידיש פאָלק און טראָגט מיך אַריבער צו דער שכינה, דאָרט ווו עס איז אויסגעגאָסן אַן אייביק גרויס ליכט און וועלכעס שיינט שוין נאָך דעמאָלט אַראָפּ אויף דעם והיה באחרית הימים פון ישעיה הנביא? אָט שטייט אַ מענטש אויפן באַרג און זאָגט מיר עפּעס, און דאָס זאָגן איז אַזוי, אַז עס ווערן פאַר מיר אָפן אַלע וועלטן און איך זע שוין עד סוף כל הדורות, און אין דעם איינעם מאָמענט ווערט פאַר מיר קלאָר, אַז ווען איך זאָל דעמאָלט לעבן, וואָלט איך שוין נאָך דעמאָלט געקענט אויסשרייען: „ייד, דו וועסט לעבן אייביק!...” און ווייסט איר פאַר וואָס, ליבער פריינד, ניגער, איך וואָלט מיט אַזאַ זיכערקייט שוין דעמאָלט געקענט דאָס זאָגן? ווייל איך ווייס נישט וועלכער סוד איז טיפער און דערהויבענער, צי דער וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעהילט די יידן, צי דער, וואָס הילט אַרום די וועלט און איר עקסיסטענץ. און דער מענטש האָט נאָר איין קליינקייט געטון, וועלנדיק אַריינדרינגען אין דער צוקונפט פון אַ פאָלק, האָט פון אַ שפּאָלט צו אים אַ שלאָשק געטון דאָס אייביקלעכע, און ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען. און איך מיין, אַז נישט צופעליק האָט ער געביטן די ערטער. אום צו קוקן אין דער אייביקייט, מוז מען זיבן מאָל דערהויבן ווערן, ערשט דעמאָלט קוים קאָן מען זיך באַהעפטן מיט איר, כדי צו זאָגן עפּעס וועגן איר.

ליבער פריינד, ווי איך זע, האָט אונדזער שמועס זיך פאַרצויגן און אַ ביסל אַרויס פון די גרענעצן. איבער דעם האַק איך אָפּ, און אגב איז שוין שפּעט אויך און מיך גלוסט איצט אָפּצולייגן אונדזער געשפּרעך אויף אַ צווייט מאָל, ווי איך וועל אייך ווייטער שרייבן. קיין ענטפער בעט איך דערווייל נישט, ביז וואַנען איך וועל אייך וועגן אַלץ אויספירלעך שרייבן, ווי איר האָט פאַרלאַנגט.

אייער,

י. מ. ווייסענבערג.[99]

נישט געקוקט דערויף וואָס ווייסענבערג האָט (ווי ס'איז צו זען פון דעם בריוו טאַקע) נישט געהאַט קיין זייער געהויבענע מיינונג וועגן אונדזער קריטיק בכלל, האָט ער אָבער לעאָ קעניגן געהאַלטן פאַרן ערלעכסטן ייִדישן קריטיקער אין זיין צייט. ער האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין פשטות, פאַר זיין נישט מאַכן קיין שום זשעסטן פון קולטור־אַנשטעל, נישט געקוקט דערויף (און אפשר טאַקע דערפאַר...) וואָס ער איז געווען אַ הויך־קולטורעלער מענטש. מיט אים פלעגט ווייסענבערג פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ אין משך פון אַ סך יאָרן. בשעת איך האָב אין 1954 באַזוכט לעאָ קעניגן אויפן הדר־הכּרמל, אין חיפה (נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט פאַרלאָזט זיין לאַנגיאָריק וווינאָרט, לאָנדאָן) האָט ער מיר געוויזן אַרום 100 בריוו פון ווייסענבערגן. זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם ירושלימער אוניווערסיטעט.

צום באַנד גורלות, וואָס לאָכן גיט ווייסענבערג צו די פאָלגנדיקע שורות:

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט

צוליב דער וואָרטלאָזיקייט און געפאַלנקייט
פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק,
פאַרוועך איך די אַלע, וואָס דרייען זיך
היינט אַרום איר צו פאַרדינען צוואַנציק
זלאָטעס פון שרייבן איבער מיינע ביכער.
צוליב דעם זעלבן טעם פון וואָרטלאָזיקייט
שטעל איך אויך ש. ניגערן (אַפילו אונטער אַ נייעם
פסעוודאָנים) דעם דאָזיקן פאַרבאָט.
אַז אויסנאָם פאַר לעאָ קעניג, וואָס איז באַרופן
אין אונדזער צייט צו זאָגן און זאָרגן וועגן
דעם יידישן בוך.

דער אויטאָר. [100]

לעאָ קעניג האָט געהאַט אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַפּאַטאַשוס אין פוילישע וועלדער א״נ „ווו איז אַפּאַטאַשו?״, וואָס ווייסענבערג האָט געהאַט חשק צו קאָמענטירן דערויף. האָט ער אינעם זעלבן נומער, אין דער רובריק „ביכער און מענטשן״ פון אינזער האָפענונג געגעבן דעם ענטפער:

אָט דאָ איז... אַפּאַטאַשו

וואָס קען מען צוגעבן צו לעאָ קעניגס איבערבליק איבער אין פוילישע וועל־דער?
איך שטעל דאָס זעלבע ווערק נאָך נידעריקער, ווי דער אויטאָר פון „ווו איז אַפּאַטאַשו?״ איך האַלט, אַז דאָס ווערק האָט נישט פאַרדינט דעם פאַר־העלטענישמעסיקן יראת־הכבוד און די מאָסן וואָס דער ה׳ לעאָ קעניג טראָגט דערביי פאַר. און כאָטש דאָס אַרטיקל איז שוין לאַנג געשריבן, אין 22סטן יאָר,

און עס וואָלט אפשר גענוג געווען צו ברענגען נאָר בלויז ציטאַטן דערפון, האָב איך דאָך געגעבן דאָס גאַנצע אַרטיקל, ווייל זאָלן די וואָס גלייבן נאָך ביי היינטיקער צייט אין אויפריכטיקייט, נישט האָבן קיין חשד, אַז כ׳האָב מיר געוואָלט מאַכן די געלעגנהייט אַרויסצונעמען די זאַצן וועגן דעם אַרטיקל, וועלכע זאָגן צום שלעכטסטן וועגן דעם בוך, און האָב מיך אַזויערנאָך נישט ערלעך באַניצט, ווייל דאָס איבעריקע, דאָס זאַכלעכע האָב איך פאַרבאָרגן און נאָר די פראַזע געכאַפּט. איך האָב דאָס אַרטיקל געגעבן אינגאַנצן קודם, נאָר מיין וואָרט לייג איך צו, און דאָס איז אָט וואָס:

אָפּאַטאָשון זע איך נישט האָבן קיין וואָרצלען אין דער ערד פון דער קונסט. ער קומט אויף דעם דאָזיקן פעלד אָנצופליִען, פליט ער איבער אַלץ, כאַפּט, שמעקט פון אַלץ, ער אַליין וואַקסט אָבער נישט אַרויס פון איר און במילא קען אויף אים גאָרנישט וואַקסן. אויף דעם פעלד פון דער קונסט זענען נישטאָ קיין פליִענדיקע געוויקסן, נאָר איינגעוואָרצלטע. אָפּאַטאָשו האָט נישט געשלאָגן קיין אייגענע זאַפּטן, ווייל ער האָט קיין אייגענע וואָרצלען נישט געהאַט און איז געווען געצוווּנגען דאַדאָרך נאָר צו וועלן שלאָגן מיט יענעמס זאַפּטן. ער איז נישט מער, ווי קאָמבינירער פון פאַרטיקייטן (הגם באַרירט עס דאָ לעאָ קעניג אויך, און ווייזט גאַנצע שטעלן פון וואַנען אָפּאַטאָשו האָט גענומען, אָבער ער רעכנט עס אים „לשבח"). פאַר אָפּאַטאָשון גילט נישט דער שאַפונגס־קוואַל, נאָר די גאַלעריע פון שאַפונגען. אויף זייערע ביוסטן שטעלט ער זיך אַנידער, פונקט ווי די „ראָב" ביי עדגאַר [אלאן] פּאָו אין צימער, און אויב יענע האָט נאָר בלויז צוגעטאַקעוועט מיט איר ר־ר־ר־א צו פּאָ׳ס אַלע פון דער טיף אויפגעהויבענע געדאַנקען, פּרוּווט אָפּאַטאָשו נאָך אַריבערשרייען די אַלע ביי וועמען ער נעמט און „ראַנדזשען" אַליין אויף אייגענער האַנט, נישט אַפילו צוטאַקעווען, — אָבער ר־ר־ר־אַ בלייבט נישט עפּעס אַנדערש, ווי ר־ר־ר־א . . . ווייל פון דעם וואָס ברענגט זיינע געדאַנקען פון זיין אינערלעכער טיף, ביז דעם, וואָס מאַכט נאָר פון אויבן אויף ר־ר־ר־א, דערקענט מען אַ נפקא־מינה. און אויב ס׳דערקענט זי נישט די גאַס, דערקענען אָבער די, ווער עס האָט אַן אויער פאַר דאָס וואָס עס הייסט אינערלעכקייט און פאַר דאָס וואָס הייסט אויבנאויפעדיקייט.

איך גיי נישט אַריבער איין מינדסטן קלאַנג, וואָס זיין האַרץ־ליידיקייט, אָדער איבערגעפילטקייט זאָל מיר נישט אָפּקלינגען מיט זיין גאַטונג און זיין קוואַל פון וואַנען ער שלאָגט, צי פון דער ליידיקייט אָדער פון דער אינערלעכער איבערגעפילטקייט. אָפּאַטאָשו איז געקומען אין דער ליטעראַטור אַריין, האָט אַרויסגעלאָזט אַ הויך ליידיק ווידערקול, ווי אין אַ פּוסטער אַטעליע. דאָס קול האָט נישט געטראָגן אין זיך קיין „בראשית" און ס׳איז נישט געקומען קיין „ברא".

פון דעם ערשטן ראָמאַן פּערדס־גנבים ביז היינט זע איך נאָר דאָס קאָפּירן. די טיפן פון פּערדס־גנבים האָבן נישט מער די ליכטיקייט וואָס אַשס טיפּן אין זיינע ערשטע פרילינגס־זאַפטיקע נאָוועלן. זיי שפּיגלען נישט מיט יענעם ליכט, נאָר זענען נאָכגעאָטעמט נאָך אַשס אָטעם, אָבער מיט גרויקייט אַרויס־געקומען, . . .

אָבער אָפּאַטאָשו אין זיינע ווייטערדיקע שרייבעכצן ווערט ער שוין געטראָגן פון אַ געמאַכטן פּאַטאָס. נישט האָבנדיק קיין אמתן שאַפונגס־כּוח, גיט ער אַ צעלאָז אַ געיעג, פאָרט ער מיט ווערטער, ווי אַ ווינט וועלכער וויל אַלע דעכער אָפּרייסן, און וואָס אָרט עס וועמען די שיינע יידן, וועלכע ווערן געברענגט אין פּוילישע וועלדער און זיי זענען אָנגעבלאָזן, אַז שיטן זיי מיט

גרינגוווערטלדיקע געשפּרעכן וועגן אַלעם שיינעם, וועגן אַלעם גוטן, וואָס זיי האָבן נאָר געזען, געהערט, און אַפּאַטאַשו לייגט זיי אַריין אין די מיילער אַריין צום רעדן? כ׳לעבן נאָך מרדכיס רעוואָלוציאָנערישקייט, פּויליש־פּאַטריאָטישקייט, שיין־יידישקייט, אין רבינס הויז־איינגייערישקייט, פאַרערער און „סימפּאַטיקער״ פון בערעק יאָסעלעוויטשעס העלדישקייט, באַטייליקטער אין ליבעס־וואַקכאַנאַליעס און זייענדיק אַליין שוין אַ פאַרליבטער מיט זיין אַכצניעריקייט און אין דער ערשטער ליבע, בלייבן פונדעסטוועגן ביי אונדז אין מוח איבער נאָר מרדכיס געגלאַנצטע שטיוועלעך און דאָס געהאַקטע קאַפּאָטקעלע אויף וועלכן די אַלע „איבערלעבונגען״ און „דאַרכגייעניש״ זענען אויפגעהאַנגען אויף אַ קנעפּל...[101]

ווי דערפון איז צו זען, האָט ווייסענבערג געגעבן אינעם זעלבן נומער אינזער האָפענונג, פּריִער — איידער ער גיט צו זיין בליק אויף אַפּאַטאַשון — לעאָ קעניגס קריטישע אָפּהאַנדלונג מיט נישט בלויז די נעגאַטיווע מיינונגען פונעם קריטיקער וועגן אַפּאַטאַשון, נאָר אויך די פּאָזיטיווע. אַזוי האָט ער זיך געפירט, ווי שוין אויבן אָנגעוויזן. אַפילו ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אָנפאַלערישע אַרטיקלען פון אַנדערע שרייבערס אויף אים, האָט ער זיי פריִער איבערגעדרוקט אין זיינע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און ערשט דערנאָך געגעבן זיין ענטפער. אַנדערש אָבער, ווייל ווייט נישט מיט קיין „ריטערלעכער נקמה״ — אויב כ׳זאָל מיר אויסבאָרגן אַן אויסדרוק פון ווייסענבערגס עסיי „בענע קריק״ — האָבן די אַרטיקל־שרייבערס באַהאַנדלט ווייסענבערגן.

ווייסענבערגס אינטערעס און באַוווּנדערונגס־פעיִקייט פאַר אמתער קונסט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו ליטעראַטור. ער האָט זי פאַרמאָגט אין אַ באַדייטיקער מאָס אויך פאַר אַנדערע געביטן פון קונסט, ווי טעאַטער, מאָלעריי, מוזיק, אויך נאַטור, מענטשן און אַ סך דערשיינונגען פון דעם לעבן וואָס רינגלט אונדז אַרום.

אין אַ בריוו פון פּאָלעניץ צו ש. ניגער האָט ער אַ מאָל אַזוי געשריבן:

> ...(גלייבט מיר, איך זיץ איצט אויף אַ דאַטשע און די זון שיינט פּונקט נאָך אַ רעגן, זענען די טראָפּנס, וואָס הענגען אַראָפּ פון די ביימלעך אַ סך שענער) [פאַר זיינס אַ דערציילונג וואָס ער האָט געהאַט צוגעשיקט ניגערן].

דעם יידישן טעאַטער האָט ווייסענבערג געהאַט אַ סך פאַרצוואָרפן, אָבער ער האָט דאָרט אויך געפונען פּאָזיטיווע דערשיינונגען. אין „דאָס יידישע טעאַטער און זיין הויקער״, שרייבט ער צווו״אַ:

> אָנגעהויבן האָט דאָס יידישע טעאַטער, ווי אַ גאַנץ שיינער בעל־הבית. אַזאַ וואַרעמע קינדער־וויג, ווי גאָלדפאַדען איז געווען, האָט די היסטאָריע פון טעאַטער ביי קיין שום פאָלק נישט געהאַט.[102]

ווייסענבערג האָט געהאַט אַ סך באַוווּנדערונג פאַר רודאָלף זאַסלאַווסקי, מאָריס שוואַרץ, זיגמונט טורקאָוו, דינה האַלפּערין, אַלאַ לילית און אַנדערע אַקטיאָרן, ועל־כּולם פאַר דער מאַמען פון יידישן טעאַטער — אסתּר־רחל

קאַמינסקי. פֿון איר איז ער געווען גאָר באַגייסטערט. ווען זי איז געשטאָרבן, האָט ער לכּבוד איר אָנגעשריבן דעם נעקראָלאָג־עסיי:

צום טרויער נאָך אסתּר רחל קאַמינסקי

דער גרויסער און באַשיידענער מוטער פֿון יידישן טעאַטער איז נישט באַשערט געווען קיין אַריכת־ימים. זעקס און פֿופֿציק יאָר איז זי אַלט געווען און זי איז אַוועק אין דער אייביקער רו. אַז מען וויל אָבער נעמען אין דעם אמתן באַטראַכט, האָט זי פֿון די 56 יאָר אין משך פֿון די 30 יאָר, טאָג ביי טאָג דאָרך רעפּעטיציעס און אין אָוונט אויף דער סצענע, געלעבט גאָר אַ לעבן פֿון פֿרעמדע העלדן, מגולגל געוואָרן אין זיי אַריין. האָט זי, הייסט עס, קיין 56 יאָר אַוודאי און אַוודאי אויך נישט געלעבט. ס'איז וויל יענעם אַרטיסט, אָדער אַרטיסטין, וואָס קענען זיך אין די העלדן פֿון זייערע ראָלן נישט איינלעבן. ס'איז וויל די רעצענזענטן, ניגערן און מייזלען. אָט די אַלע, האָב איך מורא, וועלן לעבן לענגער ווי 56 יאָר. אסתּר רחל אָבער, אָך, מיט וואָס פֿאַר אַ האַרציקייט זי האָט געשפּילט און וויפֿל ווייטאָגן זי האָט איבערגעלעבט אין דער הויקעריין פֿון גאָרדינס פּיעסע. און אין וועלכער העלדין דען נישט? דרייסיק יאָר האָט זי געבויט און געשאַפֿן דאָס טעאַטער, זי מיט איר זעליקן מאַן אַברהם קאַמינסקי, נשמתם עדן. זיי זענען געקומען, ווי פּראָסטע מענטשן פֿון פֿאָלק, אָן אַ דיפּלאָם אין קעשענע, נישט גערעדט פֿון „באַלקאָנען" אַראָפּ, נאָר פֿון דער נידער, שטייענדיק צווישן פֿאָלק. און אָך ווי דאָס האַרץ טוט וויי, ווי אונטער דער עגלה האָט זיך געגעבן אַ שיט אַ „האַלאַטע", ווי יענגאַלקעס פֿון אַ בוים, ווי אַ סטאַדע ווילד געוואָרענע, אָדער צעשראָקענע פֿי. איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָט זי אַוודאי אַ צענטויזנט־קעפּיקער המון אויסגעשפּיגן מיט אַזאַ אימפּעט, אַרויפֿשטופּנדיק זי אויף די ווענט פֿון דער עגלה. אָבער אָך, הינטן איז גאָר גרוים געווען. גאַנץ בעל־הבתּיש איז זיך נאָכגעפֿאָרן האַרט אונטער דער עגלה, ווען זי איז געווען קעגן קראַשינסקיס גאָרטן, אַ פֿאָרגנדל ברויט . . . און אונטער דעם פֿאָרגנדל איז נאָכגעגאַנגען אַ יידל מיט איינגעשמירטע פּאָלעס ביז צו דער באָרד אַרויף, מיט אַ זעקל געשאָכטענע גענדז, פֿון וועלכע דאָרך די לעכערלעך פֿון זעקל האָט געטריפֿט דאָס בלוט און עס האָבן אַרויסגעשטאַרט ווייסע גענדזענע פֿעדערלעך. ס'איז געווען גענוג פּלאַץ אויף אַלץ . . . קיינער האָט נישט געשטופּט די האַלאָטע אויף דער עגלה אַרויף, נאָר דאָס האָבן געזאָרגט די אָרדענונג־האַלטער פֿון פֿאָרנט אַזוי, וועגן דעם וואָס הינטן טוט זיך. פֿאָרנט זענען געגאַנגען קרענץ, קרענץ, קרענץ. קיין מענטשן האָט מען נישט געזען, נאָר פֿאַרטייען . . .

זאָל אונדזער מוטער־האַרציקע אסתּר רחל אונדז מוחל זיין און נעמען אין אַכט, אַז אין אונדזער גאַנצן קולטור־לעבן פֿירט זיך נישט קיין בעסערע אָרדענונג, אפֿשר נאָך אַן ערגערע.

איר טיפֿסטער פֿאַרערער, וואָס פֿילט דעם שאָדן.

י. מ. ווייסענבערג.[103]

די דאָזיקע עטלעכע שורות ווייזן וויפֿל יִראת־הכּבֿוד ווייסענבערג האָט געהאַט פֿאַר דעם גרויסן ווונדער — אסתּר־רחל קאַמינסקי.

און עס האָט אים ווי געטאָן דאָס פֿעלן פֿון פּיעטעט; פֿאַר וואָס זיין פֿאָלק

ווייסט נישט פון קיין דרך־ארץ פאַר זיינע פאַרדינסטפולע מענטשן און ווייסט נישט פון אָפּגעבן דעם לעצטן כּבוד איינעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט. ער אַליין פלעגט אַלע מאָל אַראָפּנעמען דעם הוט, ווען ס'איז אים אָקעגנגעקומען אַ קריסטלעכע לוויה און פלעגט נאָכגיין די פיר טריט אַ בר־מינן, ווען נאָר ער האָט געזען אַ לוויה.

ער האָט אסתּר־רחלען נישט באַצייכנט מיט אַזעלכע נעמען: „די יידישע עלעאָנאָרע דוזע", צי „סאַראַ בערנאַרד", ווי ס'פלעגט זי רופן די סטאַניסלאַווסקי־טרופּע און אַנדערע.

ער האָט בכלל נישט ליב געהאַט די דאָזיקע פאַרגלייכונגען מיט גרויסע, אָנגענומענע נעמען. אסתּר־רחל קאַמינסקי איז אסתּר־רחל קאַמינסקי, און דאָס איז זי און נאָר זי אַליין. יעדע גרויסע שפּרודלדיקע קראַפט איז אייגנאַרטיק אין איר מין. און צוליב דעם, גלייב איך, האָט ער נישט געדאַרפן די סאָרטן פאַרגלייכן מיט אַן אַנדער גרויסער קראַפט, כּדי דאָס זאָל זיין די מאָס פאַר איר גרויסקייט. שוין אָפּגערעדט פון אייבערפלעכלעכע פאַרגלייכן, וואָס דאָס איז געווען די מאָדע אַ געוויסע צייט אין דער וואַרשעווער ליטעראַרישער וועלט; ווען ס'פלעגט זיך אַזוי לייכט געבן אַ פאַרגלייך סוצקעווערן — צום יידישן פּושקין, הגם זיי זענען טאַקע ווירטואָזן פון זייערע באַזונדערע שפּראַכן; ש. בערלינסקין — צום יידישן טאָל־סטאָי אין וואַרשע. אַגב האָט מען יחיאל לערערן פאַרגליכן צום יידישן ראַבינ־דראַנאַט טאַגאָרע.

האָט ווייסענבערג באַוואונדערט אסתּר־רחלס פּשטות און באַשיידנקייט, וואָס איז ביי אים ווידער געווען אַ באַשטעטיקונג פון איר שאַפערישער פּאָטענץ, ווייל דער אמתער גרויסער טאַלאַנט — האָט ער געטענהט — איז נישט ווי דער, צי יענער „גרויסער". ער איז גרויס, ווייל ער האָט אייגנס, און ער דאַרף נישט זיין ווי אַ צווייטער. דאָס איז נוגע אויך דעם שרייבער און יעדן קינסטלער, אויף וואָס פאַר אַ געביט דאָס זאָל נישט זיין. אויך האָט ער געזאָגט, אַז דער אמתער קינסטלער בכלל, ווי דער אַקטיאָר בפּרט, דאַרף נישט קיין אַנשטעל, קיין פּאָזע און חנדלעך; באָמבאַסטישע רייד און איבערגעטריבן שרײַעדיק שפּילן טעאַטער (אויף דער בינע און אויך אין פּריוואַטן לעבן) ביי יעדער געלעגנהייט און 24 שעה אין מעת־לעת...

און אסתּר־רחל האָט פאַרכּישופט מיט איר לעבן אויף דער בינע, אין קעגנזאַץ צו דער באָמבאַסטישער שרײַעדיקייט פון דער גאָרדין־תּקופה אין יענער צייט, וואָס זי איז דאָך געווען אַ פאַרגייערין דערפון. דער גאָרדין־רעפּערטואַר איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַן אויפבלי אינעם יידישן טעאַטער, ווייל אויך אויף דער רוסישער און פּוילישער בינע פלעגט מען דעמאָלט אויפפירן גאָרדינען.

ווייסענבערג פלעגט אָפט רעדן וועגן אסתּר־רחלס גרויסע אויפטוען פאַרן יידישן טעאַטער, וואָס זי און איר מאַן אַברהם־יצחק קאַמינסקי האָבן ממש אויפ־געשטעלט בידיים. אסתּר־רחל האָט דאָך די ערשטע אָפּגעוואָרפן די אָנגענומענע שטייגער־ראָלן פונעם רעפּערטואַר און דערנענטערט דאָס יידישע טעאַטער צום אייראָפּעיִשן ניוואָ, טוענדיק דאָס גראָד אין מאַמע־לשון. צו איר אויפטו געהערט אויך דאָס צונויפשטעלן אַ גרופּע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון

פֿאָלקס־מיידלעך און פֿאָלקס־בחורים, גלייך פֿון די וואַרשטאַטן אַרויס, ווייל קיין פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן און קיין טעאַטער־קולטור איז נאָך אין יענע טעג נישט געווען ביי ייִדן. די צונויפֿגעזאַמלטע אַקטיאָרן (און בתוכם די גרינדערין אַליין) האָבן נישט נאָר קיין טעאַטער־קולטור, נאָר בכלל קיין קולטור, צי בילדונג — נישט געהאַט. דאָס אַרומוואַלגערן זיך אויף די טורנעען פֿון שטעטל צו שטעטל אין די שווערסטע באַדינגונגען, מיט די קלומיקעס אין די הענט, כּדי צו קענען געבן פֿאָר־שטעלונגען, ווו נאָר מיגלעך, און לסוף דאָס אויפֿבויען פֿונעם ייִדישן טעאַטער־בנין אויף אַבאַזשנע נומ׳ 1 דורך אַברהם־יצחק און אסתּר־רחל קאַמינסקי — וואָס האָט טאַקע געטראָגן דעם נאָמען „קאַמינסקיס טעאַטער״ — האָט זיי ביידע אַוועק־געשטעלט ווי די גרונטלייגערס פֿונעם ייִדישן טעאַטער.

האָט ווייסענבערג, ווי אַנדערע קונסט־ליבהאָבערס, ביז גאָר אָפּגעשאַצט אַזאַ ערנסטע באַציִונג צו דער בינעקונסט — און ער האָט באַקעמפֿט די אַנדערע טענדענצן, וואָס האָבן זיך נאָך אסתּר־רחלס טויט אַריינגעכאַפּט אויך אין דעם דאָזיקן געביט פֿון קונסט. ער האָט באַקעמפֿט דעם קאָמערציאַליזם, די ביליקע האָפּקעס אין „סקאַלאַ״־טעאַטער אויף דזשעלנע־גאַס, און ענלעכע טעאַטערן, וואָס האָבן געליפֿערט שונד, און די צייטונגען האָבן געשמירט שרײַעדיקע רעצענזיעס און רעקלאַמירט אויך דאָס פֿאַר „גוטער סחורה״, אַבי מע זאָל — די הויפּטזאַך — „מאַכן קאַסע״.

אין „דאָס ייִדישע טעאַטער און זיין הויקער״ רעדט ווייסענבערג פֿונעם באַרג־אַראָפּ פֿונעם ייִדישן טעאַטער, אָנווייזנדיק אויף די, וואָס האָבן עס געשלעפּט צום גרונט.

אין דער נאָך־אסתּר־רחל־תּקופֿה האָבן די אַקטיאָרן שוין אָפּט אָנגעהויבן זיך אַליין שפּילן, ד״ה שפּילן די ראָלע פֿון „אַקטיאָרן״, און דערצו — „קולטורעלע אַקטיאָרן״. עס האָט זיך דעמאָלט באַקומען גאָר אַן אַנדער קראָפֿטן־צוזאַמענשטעל. פֿריִער זענען דאָס געווען רויע, אומגעבילדעטע, אָבער עכטע, באַרופֿענע טאַלאַנטן. שפּעטער זענען צווישן די אמתע טאַלאַנטן געווען אויך די צופֿעליקע בינעמענטשן וואָס זענען אַ דאַנק זייערע פֿעיִקייטן פֿון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער — און נישט דווקא אַ דאַנק זייער טעאַטראַלער באַגאַבטקייט — געוואָרן פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן.

אין „וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?״ שרייבט ווייסענבערג:

> . . . וויפֿל דרייען זיך אַרום ביי אונדז אַזעלכע קוואַליפֿיצירטע, באַשטימטע און פּראָפֿעסיאָנעלע?
> נאָר אַזוי ווי בענקשאַפֿט איז נישט קיין פּראָפֿעסיע, צום ביישפּיל: אַזוי ווי איובס ווייטאָגן זענען נישט פּראָפֿעסיאָנעל, אַזוי ווי זיין פֿיין־אויסגעלייטערטקייט, וואָס ווערט פּונקט אַזאַ הויכע אינסטאַנץ ווי די געטלעכקייט, איז אויך נישט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע, אַזוי פּונקט איז טאַלאַנט נישט קיין פּראָפֿעסיע.[104]

און אַט קעגן די טאַלאַנלאָזע פּראָפֿעסיאָנאַלן — אַזוי אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אַזוי אינעם ייִדישן טעאַטער — האָט ווייסענבערג געקעמפֿט און דערפֿאַר האָט ער אין אַ געוויסן צייטאָפּשניט פֿון זיין לעבן זיך פֿאַרנומען אויך מיט

זוכן צווישן די פּשוטע פֿאָלקסמענטשן עכטע טאַלאַנטן פֿאַר דער ייִדישער בינע. די יעניקע, וואָס האָבן זיך געפּלייסט צו קולטורעוועז און שפּילן די ראָלע פֿון ... אַקטיאָרן, זענען נישט ווערט געווען ביי אים קיין שמעק טאַבאַק, ווי ער פּלעגט זיך אויסדריקן.

דער יונג אומגעבראַכטער, דורך די נאַציס, נאָוועליסט יוסף סמאָליאַזש האָט אונדז געהאַט איבערגעגעבן, ווי ער איז בייגעווען אַ מאָל ביי אַ סצענע הינטער די קוליסן פֿון טעאַטער אין לאָדזש. בשעתן צוזאַמענשטעלן און צונויפּקלאַפּן די דעקאָראַציעס, האָט דער מאָנטירער (וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַן אַקטיאָר, ווי ס'פּלעגט אָפֿט טרעפֿן אינעם ייִדישן טעאַטער) געדאַרפֿן אַ צווענגל אַרויסצוציִען אַ טשוואָק. האָט ער זיך געוואַנדן צום געהילפֿס־ייִנגל: „דערלאַנג מיר יענעם אייזערנעם אינסטרומענט", אַנשטאָט צו זאָגן פּשוט: דערלאַנג מיר דאָס צווענגל. דאָס ייִנגל האָט אָבער בשום־אופֿן נישט געקענט פֿאַרשטיין וואָסער „אינסטרומענט" ער זאָל דערלאַנגען, ווייל ס'זענען דאָרט געלעגן אַ סך מכשירים, וואָס יעדער איינער האָט זיין נאָמען: אַ צוואַנג, אַ האַמער, אַ זעג, אַ שרויפֿנציִער אד"גל. איז ער געשטאַנען, געקוקט און איבערגעפֿרעגט, „דאָס, צי דאָס אַנדערע זאָל ער דערלאַנגען?"

נאָר יענער האָט בשום־אופֿן נישט געוואָלט אַראָפּנידערן פֿון זיין קולטורעלער הייך און באַניצן אַזאַ פּראָסט וואָרט, ווי „צווענגל", ווייל דאָס וואָלט נישט געווען גענוג „אינטעליגענט" פֿאַר אַ קולטורעלן ייִדישן אַקטיאָר... און היות ער איז גראָד טאַקע געשטאַנען הויך, ווייל אויף דער לייטער, האָט ער כּסדר אַראָפּגעוויזן מיטן ווייזפֿינגער: „יענעם, אָט אַ יענעם אייזערנעם אינסטרומענט" וויל ער.

ווייסענבערג איז, אויסהערנדיק אַזאַ מין זאַך, זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ לאַנג־דויערנדיק שטיקנדיק געלעכטער. ער פּלעגט נישט לאַכן אויף אַ קול נאָר אַ קוועטש און אַ קוועטש, ווי ער וואָלט געזיפֿט דאָס געלעכטער דורך די ציין, איינגעהאַלטן, אָבער מיט שטאַרקער הנאה.

אויך דאָס אַסימילירן זיך מצד די פּויליש־ייִדישע אַקטיאָרן — דאָס באַמיִען זיך צו רעדן ליטוויש — האָט געהערט צו די „קולטורעלע" דערגרייכונגען.

איך האָב אַ מאָל געזען ראובן זיגעלבוימען, דעם ייִנגסטן פֿון די זיגעלבוים־ברידער, איינרעזשיסירן מיט קינדער פֿון דער ביאַליסטאָקער ייִדישער שולע אַ נומער צום סוף־שוליאָר־קאָנצערט. ער אַליין שטאַמט פֿון אַ שטעטל אין קאָנגרעס־פּוילן, ווו מע רעדט אַ פּוילישן ייִדיש. נאָר אַזוי ווי ליטוויש איז מער „אינטעליגענט", האָט ער שטאַרק זיך באַמיט צו רעדן צו די קינדער ליטוויש.

נו, פּלעגט ער זיך, ווי געוויינטלעך, פֿון צייט צו צייט „פֿאַרעטשיפּעטשען" (ווי מע פּלעגט דאָס רופֿן אין אונדזערע פֿאָלקסשולן) און „אַריינבראָקן" אַ זאַץ, צי עטלעכע ווערטער מיטן פּוילישן דיאַלעקט, וואָס האָט זיך אים אַליין גערעדט, בשעת „ליטוויש" האָט ער אויך געקענט רעדן (ווי ביאַליק האָט אַ מאָל געזאָגט: „העברעיִש קען איך רעדן, נאָר ייִדיש רעדט זיך אַליין"). קינדער ווייסן נישט פֿון קיין גליקן (ביאַליסטאָקער האָבן, ווי באַוווּסט, געהערט צו דער ליטוויש־רעדנדיקער ספֿערע) האָבן זיי — דערהערנדיק די אַריינגעמישטע ווערטער מיטן פּוילישן

דיאַלעקט — אַרויסגעשאָסן יעדעס מאָל מיט אַ געלעכטער און דער רעזשיסאָר האָט זיך באַגאָסן מיט אַ הייסן שווייס...

משה קנאַפּהייס דערציילט אין זײַנע „זכרונות וועגן י. מ. ווײַסענבערג" צוו"א:

ווײַסענבערג האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן צו שאַפֿן אַ נײַעם טיפּ ייִדיש טעאַטער, אַ טעאַטער אָן פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וואָס שפּילן פֿאַר געלט און שפּילן אַלץ, וואָס מען הייסט זיי.

„ווי אַזוי קען דער אַקטיאָר, וואָס האָט נעכטן געשפּילט שונד, ווערן היינט צוגעלאָזן צו אַ קינסטלערישער ראָלע? דער אַקטיאָר וועט עס טאָן מיט אַ רויִק געוויסן, ווײַל ער שפּילט דאָך פֿאַר געלט..." — [האָט ווײַסענבערג געזאָגט].

ס'איז געווען אַ קילער אַלולדיקער אויפֿדערנאַכט. מיר זענען געגאַנגען אויף דער פֿראַנצישקאַנער־גאַס. אין איינעם אַ הויף אויף אַ הויכן שטאָק האָט זיך געפֿונען דאָס צימערל וואָס מ'האָט אָפּגעדונגען צו פּירן פּרובן. ווײַסענבערג האָט פֿאַר מיר פֿונאַנדערגעוויקלט אַ פֿאַרכאַפּנדיק בילד, זײַן חלום וועגן אַ הויך־קינסטלעריש ייִדיש פֿאָלקס־טעאַטער, ווי אַרויסצוהייבן, ראַטעווען דאָס ייִדישע פֿאָלקס־טעאַטער פֿון זומפּ־פֿאַרקויפֿטקייט און געבן עס אַ קינסטלערישן תּיקון, ס'זאָל דינען דער קונסט און דעם פֿאָלק.

אין פּלאַן איז געווען פֿאַרגעזען צו שטעלן פּיעסן נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך קיין מאָל נישט געזען די ליכטיקע שײַן, וואָס דאָס פּראָפֿעסיאָנעלע טעאַטער האָט זיי נאָך קיין מאָל נישט געשפּילט; אָדער זיי זענען אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורך די טעאַטער־דירעקטאָרן, אָדער קיין מאָל דורך זיי נישט באַטראַכט געוואָרן אויפֿצופֿירן.

צו דער מערסטער טייל פּיעסן, וואָס די טעאַטערן האָבן אויפֿגעפֿירט, האָט ווײַסענבערג געהאַט אַ קנאַפּן צוטרוי.

— „קיין אמתע קונסט דאַרף מען דאָרט נישט זוכן, ווײַל מען וועט זי נישט געפֿינען. טעאַטערן שטעלן פּיעסן צוליב געשעפֿט, פֿאַרדינסט. זיי זענען פֿון פֿאַרויס אויסגערעכנט צו ציִען עולם. טאָ ווו קען דאָ זײַן אַ רייד וועגן קונסט? דאָס האָט מען אָמווײַניקסטן אין זינען".

צום ערשטן מאָל האָט געזאָלט געגעבן ווערן ווײַסענבערגס אַ דראַמע דער לוין פֿון ליבע, אַ לעבנס־בילד אין דרײַ אַקטן. מיר האָבן אים אײַנגעלאַדן אין דער סטודיע און מיט גרויס פֿאַראינטערעסירונג אויסגעהערט זײַן פֿאָרטראָג וועגן טעאַטער און קונסט־פּראָבלעמען. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פּרובן, מ'האָט אײַנגעשטעלט און גענומען שטודירן די ראָלן. רעזשיסירט האָט ווײַסענבערג אַליין. ער איז געווען מיטגעריסן צוגלײַך מיט די יונגע שפּילער, אַליין געמאַכט די פּראָיעקטן פֿאַר די דעקאָראַציעס.

די סצענע פֿון ערשטן אַקט האָט פֿאָרגעשטעלט אַ פֿראַגמענט פֿון אַ קליינשטעטלדיקן מאַרק, האַלבע נאַכט, אין אַן אָפֿן פֿענצטער זיצט אַ מיידל און זינגט פֿאַרבענקט.[105]

וועגן דינה האַלפּערן האָט ווײַסענבערג אויך געשריבן מיט באַגײַסטערונג, נאָך איר אויפֿטרעטן אין דער הויפּטראָלע פֿון דער כּישוף־מאַכערין פֿון גאָלדפֿאַדען'ען, באַאַרבעט און מאָדערניזירט פֿון איציק מאַנגער.

אַלאַ לילית, געדענק איך, האָט ווײַסענבערג אַ מאָל פֿאַרבעטן אויפֿצוטרעטן נאָך זײַנס אַ רעפֿעראַט פֿאַר יונגע טאַלאַנטן. אויך זשאַק לעווי איז דעמאָלט אויפֿגעטרעטן. דאָס איז געווען אַנאַנסירט אין אינזער האָפֿענונג:

טעאַטער „סקאַלאַ״, דזשעלנע 1

שבת דעם 14טן סעפּט., 4 נאָך מיטאָג אַ גרויסער אַרויסטריט פון דער שרייבער־גרופּע אַרום אינזער האָפענונג, אין וועלכן ס׳נעמען אָנטייל י. מ. ווייסענבערג, יחיאל לערער, מ. ב. שטיין, שרה בירנבוים, נ. אייבעשיץ, ה. פלאַקסער, מ. מילער, נ. שטערנבערג, פּ. באַרנשטיין, ש. מאַראָוויטש. מיט געזאַנג און פאָלקס־לידער באַטייליקט זיך די פאָלקס־קינסטלערין אַלאַ לילית און מיט רעציטאַציעס דער באַליבטער אַרטיסט זשאַק לעווי.[106]

אַלאַ לילית האָט געהאַט אַ פאַרשידנאַרטיקן רעפּערטואַר. זי האָט געשפּילט יעדע ראָלע מיט געטריישאַפט צום געגעבענעם טיפּ. און דער טיפּאַזש איז געווען ביי איר אַ רייכער — פון אַ קינדער־ראָלע, ביז אַ גנבים־ראָלע. צוו״א האָט זי אויך געהאַט אין איר רעפּערטואַר אַ ליד פון מרדכי געבירטיג וועגן אַ יתום, וואָס זיין חבר זינגט עס:

כ׳האָב, ישראל, פאַר דיר קיין מורא,
שלאָג מיך נאָר, פּרוביר,
קוים דערוויסט זיך נאָר מיין טאַטע,
איז אָך און וויי צו דיר.
. . . .

און דעם זינגערלס טאַטע, אַ כהן, קען נישט אַריינקומען צום אָבל אין שטוב אַריין, זיך אָננעמען פאַרן געשלאָגענעם, פאַרן זינגערל, ווייל ביים חבר:

„שטאַרבט אָוועק זיין קראַנקער טאַטע,
אוי, האָט ער אַ גליק״.

אַלאַ ליליתס זינגען, איר טאַנצן, דעקלאַמירן, פייפן און יעדן באַוועג, יעדן זשעסט אויף דער בינע, האָט ווייסענבערג ממש באַוווּנדערט.

נאָך דעם, ווי לילית האָט געהאַט פאַרענדיקט איר רעפּערטואַר, איז ווייס־ענבערג אַרויף אויף דער בינע און איר אָפּגעדאַנקט מיט אַ בוקעט בלומען. ער האָט אַרויסגעוויזן דערביי גרויס צופרידנקייט.

אין דער ליטעראַרישער כראָניק פון אינזער האָפענונג, וואָס איז אויך געווען די כראָניק פון קונסט בכלל, איז געווען די פאָלגנדיקע רעצענזיע:

דאָס נייע פּראָגראַם, וואָס ווערט געשפּילט איצטער אין „אזאזעל״, ווערט באַזוכט מיט צופרידנקייט דורכן פּובליקום. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּירער פון „אזאזעל״ זענען איצט אַרויף אויף דער געהעריקער ליניע, ווי עס פאָדערט דער כאַראַקטער פון אַזאַ פאַרוויילונגס־אָרט. דער עולם פילט זיך לייכט און לאַך־פעיִק. ער פאַרגעסט זיך אין די צוויי שעה פון פאַרוויילונג און געניסט דאָס פאַרגעניגן צו זיין אַ ווילע זאָרגלאָז. די אַרטיסטנס זענען שיין און רייצנד אין לייכטער, געשמאַקער קליידונג, גראַציעז אין זייער קאָקעטעריע. די נומערן, וואָס זיי פירן אויס, ברענגען כסדר דאָס פּובליקום צום לאַכן (וועגן דעם זעט שוין דער ה׳ גאָדיק צו זאָרגן). אַ רעכט גוט יאָר רעכט זיך אויס דער דעפּוטאַט רייכמאַן אין דעם נומער, וואָס שטעלט פאַר דאָס גיהנום מיטן גן־עדן. דער דעפּוטאַט, וואָס האָט געזינדיקט מיט דער „אוגאָדע״ מוז נעבעך גיין אין גיהנום אַריין, ווּהין עס ווערן אָפּגעשיקט אויך

כּלל־טוער און צייטונג־שרייבער און אַפילו די פּיינע לילית אין דער ראָלע פון אַ חסידישער טאַכטער, וואָס קען קיין וואָרט יידיש נישט און דער גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש איז דער קינאָ, אויף וועלכן זי פּרעגט אַפילו ביי די טויערן פון גיהנום... און מלאכי־חבלה נעמען זיך אַזוי אַדאָרך מיט אירע „אייגלעך״, וואָס זי וואַרפט אין טאַשן־שפּיגעלע אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּודער־פּוכל אויפן גאָמבעלע, אַז זיי פאַרלירן זייער שליטה און דער סאַמע שׂר פון גיהנום וויל זי נאָר פאַרבעטן צו זיך אין הימל אַריין... עס איז אויך שיין און גראַציעז די פריילין גאַזעל (מיט אַ קליינעם אויסנעם אין דעם נאַגנדיקן ליד „איך וויין, וואָס איך וויין״). זי דערשיינט אין דעם נומער „דער אַמעריקאַנער פעטער״ גאָר אַן אַנדערע, טעמפּעראַמענטפולע פריילעכע און מיט גלענצנדע קערפּערלעכע באַוועגונגען. דער „אזאזעל״ האָט דאָס מאָל אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון זיין אויפגאַבע, פאַרדינט פאַראינטערעסירונג און דער עיקר, מען קען גוט פאַרברענגען די צוויי שעה, וואָס מען איז דאָרט.[107]

אָבער אין אַ פריערדיקן נומער אינזער האָפענונג לייענט מען אין „נאָטיצן און כראָניק״:

„אזאזעל״ מאַכט צו טייער בילעטן, ער האָט צוויי אויפגאַבעס: אַראָפּלאָזן פון די פרייזן און אַרויסוואַרפן די גראָע נומערן פון פּראָגראַם, דעמאָלט וועט עס זיך שפּילן גאָר באַטעמטער אי פאַרן עולם, אי פאַר די „אזאזעל״־שפּילער. אויך צו דער מוזיק קען מען אַנווענדן דאָס זעלבע סיסטעם: אַרונטערציִען אונטער איר אַן אַנדערע מוזיק־פּאַטשעוועקע און די ערשטע אַרויסשאָקלען... עס איז אָבער נישט אַזוי לייכט, ווען די מוזיק וויל דווקא געבן אייגענע קאָמפּאָזיציעס, אַנשטאָט צו נעמען גרייטע, לייכטע, גראַציעזע וואָדעוויל־ און אָפּערעטקע־מוזיק. כ׳לעבן עס וואָלט אויך נישט געשאַט צו נעמען פון דעם טאַנץ אין דער ערנסטער פּאָוסט־אָפּערע, אָבי נאָר נישט אונדזער אייגענעם ערנסט... פאַר אונדזער ערנסט קען אַ קלאָץ אָנהייבן צו גיין אין דער לופטן, אַזוי זאָל ער נישט קענען איינליגן און געדולדיק צוהערן...[108]

און אין 11טן נומער פון דער זעלבער אויסגאַבע געפינט זיך אַ טעאַטער־נאָטיץ וועגן אַ ווייטערדיקער פאַרשטעלונג פונעם „אזאזעל״ א״נ „אַן באַציִונג״:

מיט דעם נאָמען קען מען אָנרופן דאָס דריטע פּראָגראַם, מיט וואָס נאָך אַ לענגערער אָפּוועזנהייט דער „אזאזעל״ האָט פאָרגעשטעלט זיין ווייטערדיק „זיך אַנטוויקלען״.
צום פּובליקום קענען קיין פּרעטענציעס נישט זיין... דאָס פּובליקום איז געקומען, באַזעצט דעם צירק און מיט ליבשאַפט — וואָס דער „אזאזעל״ האָט זיך דערוואָרבן פון 2טן, טיילווייז פון 1טן פּראָגראַם — געוואַרט, געוואָלט הערן עפּעס אַן אָריגינעל שלאַגער־לידל, ווי צ״ב דעם „אזאזעל־שימי״, וואָס איז זייער פּאָפּולער געוואָרן. איז אָבער „אין . . . . ה . . . . אַריין אַ דיבוק . . . ״ און עפּעס אַזאַ שלעפּעריקער, אַז ס׳האָט גאָר געצויגן אַ גענעץ טאָן... ווען נישט דאָס, וואָס מען האָט אָנגעהויבן פייפן, וואָלט מען גאַנץ פיין זיך געקענט אויסשלאָפן.
נישט 2—3 פאַלקסלידלעך האָט מען דערוואָרט פון „אזאזעל״, נישט דעם מאָנסביל אין דער ווייבערישער שלאָף־קופּקע, וואָס ניאַנטשעט אַ קינד און ציטערט, ס׳זאָל אים נישט נאָס מאַכן.
קורץ: צו וולגאָר פאַר דער קליין־קונסט־בינע.[109]

און אַט וואָס ווייסענבערג זאָגט וועגן אונדזער רעזשי אין „געדאַנקען וועגן רעזשי״:

נישט אין זעלבן וועג פון אונדזער טעאַטער איז אַוועק זאַסלאַווסקיס טרופּע. זי שפּילט און מאַכט נישט קיין מו־ו־ו... ה . . . ס מו־ו! אי דער אויסוואַל פון די פּיעסעס איז ערדיש, אי דאָס שפּילן. אַז מען קען נישט צייכענען, איז מען געצוווּנגען צו געבן „פוטוריסטישע״ ליניעס — גיי קאָנטראָליר מיך... רוף מיך קנאַק־ניסל. אַז מען קען נישט רעזשיסירן, פּילט מען זיך אַמבעסטן אין אַ דיבוק, אין ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק... מען דאַרף קיין טיפּ נישט אַרויס־ברענגען (אַפילו דער מיראַפּאָלער צדיק איז ווייט דערפון) גענוג דער מ־ו־ו... „מיסטיציזם״ (ספּעציעל ה . . . ס) וואָס פאַרענטפערט אַלץ.

אַראָפּ פון וועג איז נאָר זאַסלאַווסקי. ער מאַכט נישט קיין מו־ו־ו... נישט אַזעלכע שטיק זוכט ער, וואָס פילן אָן די סצענע מיט אַ ווירוואַר פון געשעענישן. יידן אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען זאָגן אַקדמות, ווי אונטער אַ קאָמאַנדע: אַ צי די הענט „פּראַוואָ״, אַ צי — „לעוואָ״, אַלע גלייך אין איין שאָס... „זאַלפּאַם״... (אין קדוש השם). ווו האָט וו . . . אַזוי געזען זאָגן אַקדמות?... ער האָט אפשר אַ טעות און פאַרטוישט שיר־היחוד אויף אַקדמות?...

אַט קאַלעקעשאַפּט! נישט די פּיעסע איז מחויב צו האָבן אַ לעבעדיקן העלד, נאָר העלדן, אַבסטראַקטע יידישקייט און אַבסטראַקטע געשעענישן, און נישט די רעזשי איז מחויב אַרויסצוברענגען אַ טיפּ. צו וואָס? אַבסטראַקטע יידן, אַב־סטראַקטע בערד, אַבסטראַקטע קליאַטשעס, אַבסטראַקטע „חתן־כלה־שפּיל״, אַבסטראַקטע חופות (דער עיקר חופות אַ סך) מיט אַבסטראַקטע ביידלעך, מיט אַבסטראַקטע פאַרבלאָנדזשענישן אויפן פעלד, צו וואָס? מיט אַבסטראַקטער בענקעניש נאָך ארץ־ישראל, מיט אַבסטראַקטע פּאָגראָמען, אַבסטראַקטע קאָזאַקן מיט אַבסטראַקטע הויזן... און אַבסטראַקטע „יידישקעס״...

איז קומט זאַסלאַווסקי געבן טיפּן, העלדן: אַן אוריאל אַקאָסטאַ, אַ טוביה דער מילכיקער. ווער ווייסט צי אונדזער פאַרשוינדעוועטע סביבה וועט אים דאָס מוחל זיין.

צו וואָס אַריינפירן אַ „נייעס״ בשעת עס לעבט זיך אַזוי גוט אין דעם ווו מען דאַרף גאָרנישט, נאָר מו־ו־ו (ספּעציעל ה...ס) אונטערגעשמירט מיט אַ ביסעלע מיסטיציזם... און אַ היפּש ביסל „מטלטלין יידישקייט״, ווי: שופרות, ליכט, חופות, טליתים אד״גל.

זאָל דער עולם רעאַגירן, אַז די שווינדלער מיט גייסט זאָלן נישט אויסברענגען אויף אים דאָס אַלץ... [110]

ס׳פלעגן אַריינקומען צו אונדז פאַרשידענע אַקטיאָרן פון כלערליי טרופּעס, אַנסאַמבלען אין וואַרשע און גאָר אָפט דער וואַנדערנדיקער אַקטיאָר פון גאַליציע, דער וואַגאַבונד, זשאַק לעווי. ער פלעגט אַרומפאָרן אויף טורנעען איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, איז ער פאַרפאָרן אַ מאָל אויך קיין זשעלעכאָוו, ווו ווייסענבערגס מוטער, די באָבע פּעסע, האָט געוווינט. ער איז נאַטירלעך, געגאַנגען זי זען און פאַרפירט מיט איר אַ שמועס. ער איז שפּעטער צוריקגעקומען מלא־שימחה פון דער הנאה, וואָס ער האָט געשעפּט מיט גאַנצע עמערס בשעתן אויס־טענהן זיך מיט איר. ער האָט איבערגעגעבן מיט אַ פול מויל זאַפּט, ווי פאָלקס־טימלעך און אינטערעסאַנט זי רעדט און דערציילט. זי האָט אים צוו״א געזאָגט, אַז

איטשע־מאירל האָט קליינערהייט געהאַט אַ גמרא־קעפּל און דער רבי אין זיין חדר האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיכער אויסוואַקסן אַ רב. האָט זי געהאַט שפּעטערע יאָרן הארצווייטיק פון איטשע־מאירס אַנטוישן אירע האָפענונגען, ווייל ער האָט — נישט געקוקט דערויף, וואָס ס׳קעפּל איז געווען גוט — דאָך קיין רב נישט געוואָלט ווערן. ער איז גאָר געוואָרן אַ שרייבער, און איז אַוועק אויפן „קרומען וועג״. דאָס וואָס ער איז נישט נאָר קיין רב נישט געוואָרן, נאָר נאָך אויסגעוואַקסן אַן „אַפּיקורס״ — האָט זי גאָר מורא געהאַט צו ברענגען אויף די ליפּן.

וויסענבערגס מוטער איז נישט די איינציקע, וואָס האָט זיך אַנטוישט אין איר געראָטענעם זון. מ׳דערציילט, אַז אויך ריימאָנטס עלטערן האָבן געהאַט אַ סך הארצווייטיק, וואָס זייער זון וולאַדיסלאַוו סטאַניסלאַוו איז געווען אַזאַ לא־יוצלח. דער עלטערער זון איז כּמעט געוואָרן אַ דאָקטער, וולאַדיסלאַוו האָט אַפילו די עקזאַמענס אַריינצוטרעטן אין מיטלשול נישט געקענט מאַכן. האָט דער טאַטע זיינער געוואָלט מאַכן אים כאָטש פאַר אַן אָרגאַניסט אָדער, לפּחות, פאַר אַ שניידער, נאָר וולאַדיסלאַוו האָט זיך גאָר פאַרנומען מיט שרייבעריַי... און אַנטאָקאָלסקיס עלטערן פלעגן זיך זייער אַכזריותדיק באַציִען צו זייער זונס „פּוסטע חלומות״ און געוואָלט עס פון אים אַרויסשלאָגן מיט כּוח. טאָמאַס מאַנס עלטערן האָבן אין גאַנצן אויפגעגעבן דאָס באַמיִען זיך צו מאַכן אַ „לייט״ פון זייער טאָמאַסן, צוליב זיין „אומ־פעיִקייט״, ווייל ער האָט גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו לערנען פון קינדווייז אָן און פלעגט אַהיימברענגען פון דער שולע בלויז שלעכטע צייגענישן. האָבן זיי פאַר אים באַשטימט זיין אָרט אין לעבן: ער וועט שטיין אינעם טאַטנס קראָם. דער טאַטע פונעם באַגאַבטן סאָוועטיש־יִדישן מאָלער, מאיר אַקסעלראָד, האָט גאָר געטרעטן מיט די פיס און צעריסן די בילדער, וואָס זיין זון האָט געמאָלן, ווייל ער האָט אויך געוואָלט, אַז ער זאָל ווערן אַ דאָקטער, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. אַזעלכע פאַלן זענען דאָ אָן אַ שיעור.

זשאַק לעווי פלעגט פון דעמאָלט אָן — נאָך זיין ערשטן צוזאַמענטרעף מיט וויסענבערגס מוטער — גאַנץ אָפט זיך אַראָפּכאַפּן קיין זשעלעכאָוו. עס האָט אים כּסדר געצויגן נאָך צו הערן דער באָבע פעסעס מלא־חן דערציילן.

אויך פלעגט אַריינקומען צו אונדז יעקב וויסליץ, נח נאַכבוש פון דער ווילנער טרופּע, מרדכי מאַזאַ, דער דירעקטאָר פון דער טרופּע, און מרים אָרלעסקאַ, וואָס האָט דאָרט געשפּילט די הויפּטראָלעס. וויסענבערג האָט געהאַט אַ סך פאַר־שטענדעניש פאַר אירע ליידן אין פּערזענלעכן לעבן, ווייל זי איז געווען זייער אַ סענסיטיווער מענטש און האָט צוליב דעם שטאַרק געליטן האָבנדיק אָפט אויס־צושטיין גראָבקייטן, וואָס זי האָט שווייגנדיק אַראָפּגעשלונגען. ווי באַוווסט, ליידן סענסיטיווע מענטשן אָן אַ ערך מער פאַר די אומסענסיטיווע. אָבער ווי אַן אַקטריסע איז זי געווען אַן אויסדרוק, שטייף, ווי זי וואָלט בשום־אופן נישט געקענט אַרויס פונעם אייגענעם „איך״ און איינלעבן זיך אין דער ראָלע פון דער העלדין. אייגנטלעך האָט זי תּמיד געשפּילט זיך: אַן אַריסטאָקראַטקע — האָט זי זיך געזען ווי אַ פּרעמדקערפּער, נישט צום אַסימילירן זיך, ווי נישט אין אָט דער סביבה וואָלט געווען איר אָרט. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי אַליין וואָלט כּסדר אין זינען

געהאַט אַט די מחיצה, במילא איז אויך איר לשון אויף דער בינע געווען אומ־נאַטירלעך, ווי אויך דאָס לשון פון איר העלדין וואָלט געווען נישט אירס. מרים אַרלעסקאָ איז געווען די אַנטדעקונג פונעם רעזשיסאָר דור הערמאַן.

האָט ווייסענבערג זי נישט געטרייסט מיט קיין רייד — נישט אויסגערעדט און נישט אויסגעטייטשט די אומשטאַנדן — הגם ער פלעגט אין אַנדערע פאַלן קענען געפינען זייער איבערצייגנדיקע טרייסטווערטער און אויסטייטשן דעם ליידנדיקן די סיטואַציעס וואָס האָבן זיך געשאַפן, עס זאָל אים לייכטער זיין זיי צו פאַרדייען און מיט זיי שלום צו מאַכן. אין דער אַרלעסקאָס פאַל האָט ער געשוויגן, אָבער מיט וויפל פיינקייט ער האָט לאַווירט — פילנדיק אַלע אירע נשמה־פיינען — איז געווען צו באַוווּנדערן.

אַברהם באַראַבאַן באַשרייבט, למשל, אין שייכות מיט דער אַ אייגנשאַפט ווייסענבערגס, אין „שרייבערס״, ווי דער רעדאַקטאָר פון אַגודישן זשורנאַל דגלנו פלעגט אים געבן אַ נומער פון זיין אויסגאַבע. און אַזוי ווי ער האָט איבערגעפרעגט דעם רעדאַקטאָר, אויב ער האָט דאַרט עפּעס נישט פאַרשטאַנען — ער האָט געמוזט אַרבעטן אויף פּרנסה, און לערנען, ווי אַנדערע קינדער, האָט ער נישט געקענט — האָט דער רעדאַקטאָר געעצהט זיין טאַטן: ר׳ יעקב, מ׳דאַרף דאָס יאַטל אַריינגעבן אויף שליסקע אין דער ישיבה!

> מיין טאַטע קוקט אים אָן שטאַר און שטיקט אין זיך זיין אויפגעוועקטן פאַרדראָס. זיינע אויגן זענען איבערגעצויגן מיט אַ פייכטקייט. מיר דאַכט זיך, אַז זיין געלע באָרד איז שוין ווידער נאַס פון טרערן. ווייסענבערג קומט אָן אין דעם מאָמענט, ווי אַ מלאך־הגואל:
> אַ גוט־מאָרגן אייך, ר׳ יאַנקעלע! וואָס זיצט איר עפּעס אַזוי פאַרזאָרגט? און ער גיט צו מיט אַ לייכט־וויצלדיקן טאָן: — מסתמא האָט איר נאָך נישט געלעזן מיין נייעם נומער אינזער האָפענונג...
> צו ווייסענבערגן האָט מיין טאַטע אַ ספּעציעלע סימפּאַטיע און גרויס דרך־ארץ. ער פילט אין אים דעם פאָלקס־מענטש, דעם „אייגענעם״, און ס׳איז פאַר אים אַ כּבוד, אַז ער רעדט צו אים. ער איז אָבער צו אים נישט דרייסט און געפינט נישט אויפן מאָמענט וואָס אים צו ענטפערן. ווייסענבערג פילט דאָס און פאַר־לויפט אים דעריבער די רייד, ער ווענדט זיך צו האָראַנטשיקן, וועלכער שמועסט פונקט דעמאָלט צעפלאַמט מיטן מאָלער טיקאָטשינסקי:
> — שמעון, גיב ר׳ יאַנקעלען דעם לעצטן נומער!
> אויף מיין טאַטנס פּנים איז איצטער קאָנטיק עפּעס אַ שלווה, אַ צופרידענע רויִקייט ווי ער וואָלט זאָגן: כּדאַי צו לעבן אויף דער וועלט, אַפילו אָרעם און קראַנק, אַבי זוכה זיין צו זען שרייבערס און תּלמידי־חכמים! ער קוקט דורך די אַלטפרענקישע שפּאַקולן מיט פאַרטיפטער ערנסטקייט אין די בלעטער פון אונזער האָפענונג, ווי ער וואָלט אַריין אין אַ נייער וועלט.[111]

אויך האָב איך ווייסענבערגן געהערט אַ מאָל טרייסטן אַ פאַרליבט מיידל. זי איז געווען אַ בילד שיינקייט און זייער אַ לעבעדיקע נאַטור, וואָס צוליב דעם האָט מען זי גערופן „די משוגענע פלאַרקע״. נאָר ווען זי האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין ט. — פלעגט זי אַריינפאַלן אין שטאַרקע דעפּרעסיעס.

כ׳געדענק, ווי פלאַרקע איז אַ מאָל געהאַט אַרויפגעקומען אין ביוראָ, ווו איך

האָב געאַרבעט, אויך זוכן אַרבעט. ווען זי איז נאָכן אינטערוויו מיטן פּראָוואַלטער — אַוועק, האָט ער אַזש אָפּגעבלאָזן פון דער היץ, וואָס איז אים באַפאַלן קוקנדיק אויף אַזאַ שיינקייט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זי אָנגעשטעלט. ווי האָט ער דען געקענט אָפּזאָגן?... אָבער ווי גיך זי איז אַריין אויף דעם פּאָסטן, אַזוי גיך האָט זי אויך אַוועקגעפלאַטערט פון דאָרטן. געזאָגט האָט פלאָרקע, אַז וואָס זי פאַרדינט דאָ, האָט זי פּונקט גענוג אויף קליינגעלט פאַר די סטרוזשעס פאַרן עפענען איר דאָס טויער.

אין אירע לאַנגע בענקשאַפטן נאָך ט־ן פלעגט זי אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר וויסענבערגן, פול מיט ביטערקייט און אַנטוישונג, פאַר וואָס ער האָט זי פאַרלאָזט. און וויסענבערג פלעגט איר דאָס לייכטער מאַכן און זיך באַמיט איר צו דערווייזן, אַז זי האָט דאָך פריִער איבערגעלעבט שיינע צייטן מיט אים, און אַז „מ'דאַרף זיין דאַנקבאַר אַפילו פאַרן בלויזן מיראַזש, וואָס די ליבע שענקט אונדז".

ער האָט איר אויך געעצהט, אַז אַ מיידל דאַרף אַלע מאָל האָבן צוויי „פאַרערערס", אַזוי אַז ווען איינער פאַלט אָפּ, און ער פאַרלאָזט דאָס מיידל, איז איר אַ סך לייכטער צו נעמען דעם אַפּראַנט, און די טראַגעדיע זעט אויס צו זיין אַן אַן ערך קלענער, ווען זי האָט באַלד אַ צווייטן נאָענט, אין וועמען זיך אַנצוהאַלטן מיטן געדאַנק און איבערגיסן טיילווייז די בענקשאַפטן אויף אַן אַנדערן אָביעקט. דער בלויזער פאַקט, וואָס מע גייט דערווייל אַרויס און פאַרברענגט — ווען אַפילו נישט מיט דעם אויסגעבענקטן מאַן — אַבסאָרבירט שוין אַ סך פון דער צייט, וואָס ווערט אַנדערש אַוועקגעגעבן בלויז אויף די מחשבות וועגן דעם, וואָס האָט פאַרלאָזט.

פלאָרקע פלעגט אויסהערן, אויסהערן, וואָס ער רעדט אין איר אַריין, בשעת זי איז געזעסן אינעם ליטעראַטן־פּאַראַיין — ווו זי פלעגט אויך זיין אַן אָפּטע איינ־גייערין, נישט מחמת זי איז געווען אַ שרייבערין, צי אַן אַקטריסע, נאָר ווייל זי האָט פאַרברענגט אין יענע קרייזן — און עס האָט אויסגעזען, אַז אויפן מאָמענט האָבן וויסענבערגס רייד אַ ביסל געלינדערט אירע ליידן.

כאָטש פלאָרקע איז קיין אַקטריסע נישט געווען, פלעגט מען זי אויך אַ מאָל זען אויף די בינע־ברעטער אַנטייל נעמען ווי אַ סטאַטיסטין — למשל טאַנצן מיט אַ וואַלגערהאַלץ וכדומה — אין טעאַטער־„האַפּקעס". און אַזוי פלעגט זי — צווישן אַרומפלאַטערן דאָ און דאָרט, אַרומהאָפּסלען מיט איר אומרויִקן טעמפּעראַמענט — אָפּט זיך אַריינלאָזן יענע טעג אין לאַנגע, ייִאושדיקע נאָסטאַלגיעס.

שרייבערס, זשורנאַליסטן פלעגן האָבן פריַיען אַריינגאַנג אין די טעאַטערס, פלעגן זיי אָפּט און אפשר צו אָפּט, דאָס אויסניצן. וויסענבערג אָבער, נישט. אַז מיר, גנענדל און איך, פלעגן אים בעטן דערלויבעניש צו גיין פריי אין טעאַטער (ער האָט געדאַרפן בלויז אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער צום אַדמיניסטראַציע־דירעקטאָר, אויב ס'איז געווען, למשל, קאַמינסקיס טעאַטער, מע זאָל אונז אַריינלאָזן) — האָט ער אונדז בעסער געגעבן געלט אויף בילעטן. דאָס איז אויך געווען אַ פּרינציפּ ביי אים, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, ווי אַנדערע שרייבערס „פּרעסעלייט" קומען אין ייִדישן טעאַטער אַריין מיט די „גראַב־גפּאַשעטע ווייבער" און זיי אַליין — „פליישׁ־געפּילט און אויסגעקיילעכדיקט" אין זייערע פּאַלטאָנעס, פאַרלאַנגען זיי

„אַ בילעט אין דער ערשטער שטולרייע", האָט ער געזאָגט אין שייכות מיט אַזאַ פּירעכץ. דער טעאַטער־דירעקטאָר האָט עס געמוזט טאָלערירן, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ שלעכטער רעצענזיע צו מאָרגנס אין דער פּרעסע...

דער טעאַטער־דירעקטאָר, וואָס איז דאָס רוב אויך נישט פון קיין העכערער קוואַליטעט ביי אונדז — ווי די וועלכע עס האָבן ביי אים געוואָלט אויס־ברענגען זייערע גיריקייטן — האָט זיך קיינמאָל נישט גענומען דעם מוט, אַז ער זאָל נישט מוזן פאַלן זיבן מאָל אין טאָג כּורעים פאַר דער פּרעסע; האָט נישט אַרויסגעהאַנגען פאַר דעם געלט, וואָס ער גיט אויס אויף איר, בעסער גרויסע אַפישן אויף אַלע ווינקלען שטאָט.

וועגן דעם בילעטער פון קאַמינסקיס טעאַטער, אַרנאָלד, פלעגן אַרומגיין וויצן אין ליטעראַטן־פאַראיין. ווי אַ טעאַטער־אָנגעשטעלטער איז אים אויסגעקומען אַהיימצוקומען יעדע נאַכט שפּעט (נאָך דער פאָרשטעלונג), האָט מען דערציילט, אַז ער פלעגט דעם סטרוזש, וואָס האָט אים געעפנט דעם טויער, דערלאַנגען די האַנט אַנשטאָט 10 גראָשן. אין וואַרשע פלעגט זיך פירן, אַז מע האָט געגעבן דעם סטרוזש אַ מטבע פאַר עפענען דעם טויער עמעצן אַריין־ אָדער אַרויסצולאָזן נאָך עלף ביי נאַכט.

* * *

ווען ווייסענבערג פלעגט זיך פאַרטראַכטן, האָט ער געהאַט אַ טבע אַרויסצו־שטופּן די ליפּן אַ ביסל פאָרויס אַזוי, אַז ס'האָט זיך געפורעמט פון זיי אַ רערל אָדער ער פלעגט האַלטן זיין רעכטע האַנט נאָענט צו דער נאָז און יעדעס מאָל אַרויסרוקן דעם ווייזפינגער, אַ לייכטן שנעל טאָן די נאָז איין מאָל, אַ צווייטס און אַזוי עטלעכע מאָל נאָך אַנאַנד.

אין אַ פאַרטראַכטער פּאָזע האָט אים אַ מאָל דער באַרימטער סקולפּטאָר חנוך גליצענשטיין געצייכנט. דאָס איז געווען אין 1917, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל אין וולאָצלאַוועק. די צייכענונג האָט טאַקע די דאָזיקע דעדיקאַציע:

„חנוך גליצענשטיין ווייסענבערג'ן צו ערשטען בעקאַנטשאַפט אין וולאָצלאַוועק 20/6 1917".

זיי האָבן געשמועסט ביי אַ טישל אין אַ קאַוועהויז. אין ווייסענבערגס געזעל־שאַפט איז געווען טאַטשיאַ אַרצישעווסקי, די גרינדערין פון קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל" אין וואַרשע. זעענדיק אים זיצן אַ פאַרטראַכטן, האָט גליצענשטיין אים גענומען צייכענען און די צייכענונג האָט זיך באַקומען גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר ווייסענבערגס געמיט. טאַטשיאַ איז אויך געווען אויפן בליד. זי זיצט מיט אַ רויז אין דער האַנט און איז געצייכנט פון פּראָפיל מיט אַלגעמיינע שטריכן בלויז.

דאָס בילד איז ווערט געווען אַ פאַרמעגן. עס איז הענגען געבליבן אין אונדזער ביאַליסטאָקער צימער. גנענדל האָט עס מיטגענומען מיט זיך אויפן וועג אַנטלויפנדיק פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק צו די סאָוועטישע געביטן אין 1939, נאָך דעם ווי די סאָוועטן און די נאַציס האָבן צעטיילט צווישן זיך פּוילן; די ערשטע האָבן צוגענומען די מיזרחדיקע געביטן, ווי באַוווסט, און די צווייטע — די מערבדיקע. דאָס צימער אין ביאַליסטאָק האָבן מיר באַקומען אַ דאַנק זעליק אַקסעלראָדן, וואָס

איז דעלעגירט געוואָרן פון מינסקער שרייבערהויז צו פאַרזאָרגן די „זאַפּאַדנע״* שרייבער־פּליטים פון פּוילן און זייערע משפּחות מיט דירות און אַנדערע נויט־ווענדיקייטן, ווי אויך מיט מיגלעכקייטן צו דרוקן זיך אין די סאָוועטישע אויסגאַבעס. שפּעטער, ווען יידן האָבן אויך פון די מיזרחדיקע געביטן אָנגעהויבן לויפן טיפער קיין רוסלאַנד — ווען די זעלבע נאַציס האָבן אויך די סאָוועטישע געביטן פאַרכאַפּט — איז שוין קיין צייט נישט געווען אַראָפּצונעמען אַפילו דאָס בילד פון דער וואַנט און עס איז געבליבן אין די דייטשע לאַפּעס, פּונקט ווי דאָס גאַנצע ייִדישע האָב־און־גוטס. פאַרבליבן איז בלויז אַ פאָטאָגראַפיע פון דער דאָזיקער זעלטן קינסטלערישער צייכענונג, וואָס כ'האָב צום גליק בשעתו געלאָזט מאַכן.

אויף דער פאָטאָגראַפיע איז דאָ בלויז ווייסענבערג, אָן טאַטשיאַ אַרצישעווסקי. מ'קען אָבער דאָך נאָך זען אירע קאָנטורן.

ווייסענבערג האָט זייער טײַער געהאַלטן גליצענשטיינס בלייבן מיט זיין פאָלק, מיטן ייִדישן פאָלק, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען באַרימט ביי די אומות־העולם, אַנדערש ווי דער וועלט־באַרימטער אַנטאָקאָלסקי וואָס אחד־העם האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט אויסגעוויילט צו פאַראייביקן אין זיינע פּלאַסטישע ווערק דעם מאַנאַך נעסטאָר, ווי אָן אָפּגעזונדערטע וועלטפיגור אַנשטאָט דעם ווילנער גאָון, הגם אַנטאָקאָלסקי און דער גאָון זענען ביידע אָפּ־שטאַמיקע פון דער זעלבער היימשטאָט — ווילנע.

אמת, אחד־העם האָט אָנערקענט די פאַרקערפּערונג פון ייִדישן גייסט, אַפילו אין קריסטלעכן לבוש פון אַלע סקולפּטורן אַנטאָקאָלסקיס. ווי באַוווסט, האָט מאַרק (מרדכי) אַנטאָקאָלסקי כמעט אויפגעגעבן דאָס שאַפן אויף ייִדישע טעמעס בשעת זיין שטודירן אין די וועלט־צענטערס פון קונסט. ער האָט דעמאָלט געשאַפן די באַרימטע קונסטווערק אויף קריסטלעכע און אַלגעמיין וועלטלעכע טעמעס, ווי „קריסטוס״, „נעסטאָר דער פּינקס־שרייבער״, „סאָקראַטעס״, „מעפיסטאָפעל״ און אַנדערע. נאָך זיין צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד, שוין ווי אַ סקולפּטאָר וואָס זיין רום איז ווייט אַריבער די גרענעצן פון זיין היימלאַנד, האָט ער געשאַפן זיינע מאָנומענ־טאַלע ווערק „איוואַן דער גרויזאַמער״, „פּיאָטער דער גרויסער״ א״א.

נישט געקוקט אויף זיין אויסערגעוויינטלעכער באַרימטקייט אין גאַנץ מערב־אייראָפּע און אין רוסלאַנד, איז אַנטאָקאָלסקי שטאַרק קריטיקירט געוואָרן אינעם זעלבן רוסלאַנד פאַר זיין ייִדישן אָפּשטאַם, בשעת די פּאָגראָמען האָבן אָנגעהויבן צו בושעווען אין די 80ער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער האָט דעמאָלט פאַרלאָזט רוסלאַנד און געלעבט אָן אָפּגעזונדערט, איינזאַם לעבן אין פּאַריז, און דעמאָלט האָט ער זיך אויך צוריק אומגעקערט צו זיין ייִדישער טעמאַטיק. אין יענער תקופה האָט אַנטאָקאָלסקי געשאַפן די מאַרמאָר־סקולפּטור „שפּינאָזאַ״. אויך האָט ער אַרויסגעהאָלפן אַ סך ייִדישע סקולפּטאָרן אין זייער אַנטוויקלונג.

הגם אַנטאָקאָלסקי האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אַרויסגעוויזן חרטה

---

* רוסיש — מערבדיקע.

אויפן פאַרבלאַנדזשעטן אין זיינע רומפּולע קינסטלערישע דערגרייכונגען, איז דאָס אָבער קיין מאָל נישט געווען חנוך גליצענשטיינס גאַנג. און דערפאַר האָט אים ווייסענבערג געשאַצט אַזוי הויך. גליצענשטיינען האָט ווייסענבערג געווידמעט זיין עסיי „קונסט און סוביעקטיוויטעט" און וועגן אים האָט ער אָנגעשריבן אַן עסיי „צו וואָס?"

אין „צו וואָס?" נעמט זיך ווייסענבערג שטאַרק אָן גליצענשטיינס עוולה צוליב פּאָולאָס סוחריש און ווייבעריש־קליינלעכן באַהאַנדלען דעם גרויסן קינסטלער, בשעת ער האָט געמאָלן נח פּרילוצקיס פּאָרטרעט. ער קען נישט אַריבערגיין איר אָנרופן גליצענשטיינס „נביא": „דער בעטלער", מיטן צוועק צו דערנידעריקן דעם מייסטער דורך מינימיזירן זיין גרויס ווערק.[112]

אַ סך קינסטלערס האָבן ווייסענבערגן געוואָלט מאָלן צוליב זיין זעלטן אָריגינעל, כאַראַקטערפול פּנים. דער קינסטלער יעקב אַדלער האָט אַ סך מאָל אים פאַרגעלייגט צו מאָלן מיטביידע טעכטער, אָבער ער האָט זיך קיין מאָל נישט גענומען די צייט צו פּאָזירן, הגם ער האָט יאָ געטראַכט, און אַפילו צוגעזאָגט אַדלערן דאָס צו טאָן.

דער מאָלער נ. קאַזשען האָט געמאַכט אַן איילפאַרטרעט פון ווייסענבערגן, וואָס די יִדישע קהילה אין וואַרשע האָט אָפּגעקויפט.

ווייסענבערג פלעגט נישט איין מאָל דערמאָנען די ברידער זיידענבייטעל, דעם מאָלער־צווילינג. אפרים און מנשה זיידענבייטעל פלעגן אָפט אַריינקומען צו אונדז אויף עלעקטאָראַלנע. כ'געדענק די צוויי הויכע, שלאַנקע, יונגע מענער, ביידע גלייך געוואַקסן, ווי די שלאַנקע סאָסנעביימער. אויך פלעגט דער מאָלער קאַטליאַר אָפט אַריינקומען. ער האָט געהאַט געמאַכט אַ צייכענונג פון מיר, אַ קינד נאָך, מיט דער קאָקאַרדע אויפן קאָפּ.

חיים האַנפּט האָט אַ מאָל באַליידיקט ווייסענבערגן, ווי אַ יִנגל, האָט אים ווייסענבערג צוריק באַליידיקט און זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן צווישן זיך. האַנפּטן איז עס געגאַנגען ממש אין לעבן נישט צו דערלאָזן צו קיין ברוגז און די פריינד פלעגן טענהן צו ווייסענבערגן: אוי, זייט נישט ברוגז מיט אים, צו וואָס טויג דאָס? האָט ווייסענבערג איין מאָל געטראָפן האַנפּטן צופעליק אויף דער גאַס, און אים געפרעגט:

— „גייסט אויף ליאַדעס?"

האַנפּטן האָט זייער דערפרייט אַזאַ אומমיטלבאַרקייט און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין „זשעמיאַנסקע", אַ באַוווּסט קאַוועהויז אין וואַרשע. ווייסענבערג האָט באַשטעלט איין פאַרציע ליאַדעס און זי צוגערוקט האַנפּטן. האָט ער געמיינט, אַז אפשר איז ווייסענבערג פאַרקילט, דער האַלדז טוט אים ווי און ער טאָר קיין ליאַדעס נישט עסן. ווען האַנפּט האָט געענדיקט, אַליין, האָט ווייסענבערג צוגערופן דעם קעלנער, באַצאָלט און זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס. דאָרט האָט ער האַנפּטן געזאָגט: „זעסט, אַזוי בעט מען איבער אַ סמאַרקאַטש".

האַנפּט איז געווען יִנגער פאַר ווייסענבערגן מיט דריי און צוואַנציק יאָר. אָבער נישט אין דעם איז עס ווייסענבערגן געגאַנגען, נאָר אין דעם אופן פון

באַליידיקן, און נאָך דערצו, ווען דאָס איז געקומען פון אַזאַ אָנגעזעענעם קינסטלער, ווי חיים האַנפט איז געווען. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין מאַלעריי. האַנפט איז געווען אונטער דער השפעה פון מאַרק שוואַרץ, וואָס האָט, ווי גליצענשטיין, אַרויסגעברענגט אין זיינע קונסטווערק די ביבלישע עקזאָטיק. אויסגעצייכנט האָט זיך האַנפט מיט זיינע באַרעליעפן געהאַמערטע אין קופּערבלעכן. די דאָזיקע פאָרעם פון קונסט האָט אין יענע יאָרן פאַרנומען גאָר אַ חשוב אָרט צווישן אַנדערע קונסט־פאָרמען. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ באַנייַונג פון אַ פאַרלאָזטן, אַ פאַרגעסענעם קונסטגעביט; דאָס איז געווען די אַלט־יידישע קונסט, וואָס איר מקור איז אפשר נאָך אין די סיריש־ביבלישע צייטן.

ווייסענבערג האָט אויך געלויבט די דעמאָלט יונגע קינסטלערין אסתּר קאַרפּ. כ׳געדענק אירס אַן אַקוואַרעל־בילדל: עטלעכע בלימלעך אין אַ גלעזערן קלאָשל. ער האָט גערעדט וועגן די שטענגלעך אינעם וואַסער, וואָס זייערע קאָנטורן זענען צעפלאָסן, און זייער ריכטיק געזען דורכן אויג פון דער קינסטלערין.

וועגן שאַגאַלן האָט ער געזאָגט: „כ׳האָב מורא, אַז ער האָט מער פאַרבן, ווי מאַלעריי".

מאַלעריי, האָט ווייסענבערג געזאָגט, איז אַ געביט אין דער קונסט, וואָס ווערט דורכן עולם צום ווייניקסטן פאַרשטאַנען. צום בעסטן פאַרשטייט ער מוזיק. זי ווירקט אוממיטלבאַר. אויפן צווייטן אָרט שטייט ליטעראַטור און אויפן דריטן — מאַלעריי.

ער פלעגט אָפט אַריינקומען צו זיין פריינד איטשע וואַגמאַן, אויף דזשעלנע־גאָס. ער איז געווען אַ קונסט־מעצענאָט און אויך געשריבן וווּנדערלעכע עסייען וועגן אַ ריי גרויסע שרייבערס ביי ייִדן און אַנדערע פעלקער. ער האָט זיך געדרוקט אין אינזער האַפענונג און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אַ מאָל, ווען כ׳בין אויך אָנגעקומען צו וואַגמאַנען, אַ ביסל שפּעטער, האָט מיך דער טאַטע באַלד צוגעפירט צו צוויי איילבילדלעך וואָס זענען געהאַנגען אין וואַגמאַנס גאַסטצימער. ביידע זענען געווען פּייסאַזשן. איינס האָט געהאַט אַ וועג, אַ הייזל, וואַסער, דערביי ביימער, און איז געווען געמאָלן מיט שטאַרקע פאַרבן און סימעטרישע ליניעס. דאָס צווייטע איז געווען אַ פעלד מיט אַ גרויסן סטויג היי. דער הויפּטטאָן איז געווען געל, געדענק איך.

דער טאַטע האָט מיך געפרעגט, וועלכס בילדל ס׳געפעלט מיר בעסער. ס׳איז מיר געפעלן, דעם אמת זאָגנדיק, דאָס פעלד, דאָס פעלד, און אַחוץ וואָס ס׳איז מיר געפעלן בעסער האָב איך אויך פאַרשטאַנען, קענענדיק זיין געשמאַק, אַז דאָס פעלד מיטן סטויג היי געפעלט אויך אים בעסער. ווייס איך אָבער נישט פאַר וואָס עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער חשק צו טאָן צו להכעיס און איך האָב געזאָגט, אַז דאָס בילדל מיטן הויז, דאָס סימעטרישערע, געפעלט מיר בעסער...

פאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע איז דאָס מאָל געווען זייער אַנטוישט אין מיין מבינות און ער האָט עס מיך באַלד אויפן אָרט געלאָזט וויסן.

אָבער — געזאָגט איז געזאָגט, און איך האָב שוין נישט געפּרוּווט אַנדערש מאַכן און אים זאָגן מיין אויפריכטיקע מיינונג, אויף מעשׂה־עקשן...

די זאָרג פאַרן יונגן טאַלאַנט

ווייסענבערג האָט געהאַט דערציילט וועגן דער פאַרוואַנדלונג פון אַ טאַלאַנט, וואָס האָט צוליב שטערונגען נישט געהאַט די מיגלעכקייטן צו קומען צום אויסדרוק.

עס איז אַ מאָל געקומען — האָט ער דערציילט אַן אויטענטישע געשעעניש — אַ גרופּע מאָלערס אין שטעטל אַריין מאַכן געמעלן פאַר אַ קלויסטער. זיי האָבן דאָרט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן זומער, ווייל די ווענט און דער סופיט האָבן געזאָלט באַדעקט ווערן מיט די הייליקע בילדער.

אין משך פון דער צייט האָט איינער פון דער גרופּע, אַ יונגער מאָלער, זיך פאַרליבט אין אַ קריסטלעך מיידל פון יענעם שטעטל. ווען די אַרבעט איז שוין געווען פאַרענדיקט סוף זומער, איז די גאַנצע גרופּע מאָלערס צוריקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין. דער איינער אָבער, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרליבט, איז נישט מיטגעפאָרן, ווייל ער האָט זיך נישט געקענט צעשיידן מיט זיין געליבטער, און זי — פון איר זייט — האָט אים שטאַרק צוגערעדט צו בלייבן אינעם שטעטל. איז ער דאָרט געבליבן און מיט איר חתונה געהאַט.

מיט מאָלעריי האָט ער זיך נישט פאַרנומען ספּעציעל, ווייל ער איז געווען פאַרוואָרפן און אָפּגעריסן פון זיין סביבה. איז אים איינגעפאַלן צו פּרוּוון צוזאַמענ־צושטעלן אַ וואָגן, וואָס זאָל זיך באַוועגן נישט מיטן כּוח פון וואַסער, צי ווינט אָדער דורך פערדסקראַפט, און ער האָט אָנגעהויבן גאָר מאַנטירן אַן אויטאָמאָביל, וואָס מ׳האָט וועגן דעם נאָך אין יענע צייטן נישט געהערט, הגם דער עקספּערי־מענטאַלער פּראָצעס פון דער דאָזיקער דערפינדונג האָט זיך געצויגן איבער אַ יאָר־הונדערט. שוין אין 1769 האָט ניקאָלאַ זשאָזעף קיניאָ צוגעטראַכט אַ דריי־רעדערדיק וועגעלע, געטריבן דורך דאַמף, און איז אַרויסגעריטן דערמיט אויף די פּאַריזער גאַסן, פאַרטויבנדיק פאַריז מיטן קאָפּ־אַראָפּרייסנדיקן טערעקאַטשען פונעם וועגעלע, און מ׳האָט אים דעמאָלט אַרעסטירט פאַר שטערן די עפנטלעכע רו.

אָבער צום מאָלער־דערפינדער, וואָס איז געזעסן אינעם קליינעם שטעטל, זענען די אַלע וויכטיקע אויפטוען אין דער גרויסער וועלט נישט דערגאַנגען און ער האָט אויף אייגענער האַנט עקספּערימענטירט, אַריינגעטראַכט אינעם ענין, מאָנטירט, און פונאַנדערגענומען טיילן וואָס ער האָט צוגעטראַכט, און אַזוי זענען אַוועק גאַנצע 30 יאָר, ביז ער האָט ענדלעך צוזאַמענגעשטעלט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך געווען צו אַן אויטאָמאָביל־וואָגן, וואָס האָט זיך קוים געקענט רירן פון אָרט מיט אַ פאַרטויבנדיקן טראַסק און געפּילדער.

אין משך פון די לאַנגע 30 יאָר האָט זיך דער פּראָצעס פון דערפינדונגען גערוקט פאָרויס, און אַלע מאָל זענען אויפגעקומען נייע נעמען פון ענגלאַנד, האָלאַנד, אַמעריקע, מיט וואָס אַ מאָל פּערפעקטערע דערגרייכונגען, ביז מע האָט שוין געהאַט אויסגעפונען דעם אויטאָמאָביל.

ווייסענבערג האָט עס אַזוי אויסגעטייטשט: דער מאָלער איז געווען אַ

שעפערישע נאַטור און האָט צוליב די שטערונגען זיין טאַלאַנט נישט אויסגעניצט אויפן געביט, ווו ער איז געווען טאַלענטירט (מאַלעריי) האָט ער געמוזט זוכן ווו זיינע פעיִקייטן אַנצווענדן און זיי זענען געקומען צום אויסדרוק אין אַן אַנדער פאָרעם. — ווייל ער האָט זיך ווי אַ קינסטלער נישט געקענט אויסלעבן, זענען ביי אים 30 יאָר פאַרשפּאַנדירט געוואָרן אויף אַ נישט מער ניצלעכער דערפינדונג צו יענער צייט.

יוסף פרידמאַן פון לאָדזש, ווייסענבערגס אַ הייסער חסיד, האָט דערציילט דורך וואָס פאַר אַ צופאַל דער גרויסער סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי איז געוואָרן אַזוי וועלט־באַרימט מיט זיינע מאָנומענטאַלע ווערק וואָס דערציילן פון טיפע מענטשלעכע עמאָציעס. ווי אַזוי ער, אַנטאָקאָלסקי, פלעגט — נאָך ווי אַ רעליגיעזער יונגער־מאַן — זיצן גאַנצע טעג אין זיין געבורטשטאָט ווילנע און קלעפּן פון ליים פערדלעך, הינטלעך, און קיין שום כּוח אין דער וועלט האָט אים נישט געקענט אָפּרייסן דערפון. אויך האָט אים נישט געקענט אָפּהאַלטן דערפון דער געדאַנק, אַז ער איז דערמיט עובר אויף אַ חטא, אויפן לא תעשׂה לך פסל וכל תמונה. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז ס'זאָל אים קענען אָפּרייסן דער בליק, פול מיט ביטול, פון זיינע עלטערן צוליב זיין „נאַריש מאַכן זיך מיטן קלעפּן ליאַלקעלעך מישטיינס געזאָגט, פונקט ווי אַ קינד".

באַראָן דוד גינצבורג באַשרייבט אין דער אילוסטרירטער מאָנאַטשריפט פאַרן מאָדערנעם ייִדנטום אָסט אונד וועסט, אין זיין אַרטיקל „דער גרעסטע יידישע בילדהאוער",* וואָס פאַר אַ שטויס אַ צופעליקער מענטש האָט געגעבן אַנטאָקאָלסקין אין דער ריכטונג פון זיין אַנטוויקלונג ווי אַ קינסטלער. אָט דער מענטש, אַן ערדמעסטער, אַן איבעריקער בילדונג, וואָס האָט געהאָט אַ קנאַפּע ידיעה אין קונסט — האָט זי אָבער געפילט און פאַרשטאַנען מיט אַלע זיינע חושים. אַ שיכּור — איז ער אָבער אויך פון דער קונסט געווען פאַרשיכּורט. ער, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געפונען אין די דלד אמות פון קינסטלער, האָט כּסדר אַריינגערעדט אין אַנטאָקאָלסקין:

> דו ביסט אַ קינסטלער, דו ביסט אַ קיניג פון דער נאַטור, דו ביסט צו גוט פאַר דער מלאָכה. [אַנטאָקאָלסקי איז געווען אַ האַלצשניצער.] דו זאָלסט שאַפן, שאַפן אונטער דער אינספּיראַציע פון דער מוזע. אַנטלויף פון דעם לאַנד צום טעמפּל פון דער קונסט. קוק זיך נאָר צו צו די מענטשן אַרום, זיי קענען גאָרנישט, זיי ווייסן גאָרנישט, אָבער דו, דו זאָלסט וויסן וואָס פאַר אַן עשירות דו טראָגסט אין זיך. [113]

ווייטער באַשרייבט באַראָן גינצבורג, ווי אַזוי אַנטאָקאָלסקי, אַנגעגורט מיט דערמוטיקונג פון אָט דעם פריינד, האָט זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַריין. דאָרט האָט ער שוין אַנגעטראָפן אויף אַנערקענטע קונסט־מבינים און קונסט־ליבהאָבערס, ווי די באַראָנעסע פאָן ראַהדען, וואָס צו איר האָט ער זיך דערשלאָגן אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון דער פרוי פונעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר

* דייטש — סקולפּטאָר.

נאַזימאָוו. זיי האָבן אויך געזען אין אַנטאָקאָלסקין, וואָס דער אַנאָנימער קונסט־מבין האָט אין אים דערזען.

אַנטאָקאָלסקי האָט אָט דעם באַגייסטערטן אַנטפּלעקער — מיט אַזאַ גוואַלדיקן חוש און אַזוי פיל ליבשאַפט פאַר שיינקייט — מער קיין מאָל נישט געזען.

אַ טאַלאַנט, האָט ווייסענבערג געזאָגט — שפּאַרט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער מוז קומען צום אויסדרוק. אַ סך יונגע שפּראָצונגען ווערן צעריבן אויף צופעליקע וועגן צוליב שטערונגען וואָס זיי טרעפן אָן. און ער דערציילט אין דעם שוין אויבן דערמאָנטן „אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט" צו די פאַרפלאָנטערטע וועגן פון שמעון האָראָנטשיק:

מיט אַ יאָר 12—13, אָדער מער צוריק, האָט אַ גאַליציאַנער בחורל . . . אָנגעשריבן אַ לאַנגע, גרויסע פּאָעמע, ווו עס ווערט מיט דער העכסטער שטימונג און איינזאַמאַרטיקייט איבערגעגעבן די ליבע פון איינער, אַ שמשס אַ מיידל צו אַ יינגל. איז געקומען . . . . נ . . . „ זיך דערבאַרעמט איבער אים און, אַזוי צו נישט געמאַכט פון אונטער דער האַנט אַוועק, אַז ס'איז פון יענעם קיין שריד־ופליט נישט געבליבן: אַז יענער האָט אַוודאי פאַר גרויס קרענקונג זיך געלאָזט צו דער חופה פירן, ווי גאָט האָט געבאָטן, און ווי טאַטע־מאַמע האָבן געהייסן און געבליבן דאָרט ערגעץ אַ „פאַרחלומטע קאַליקע" אויפן גאַנצן לעבן . . .[114]

און נאָך אַ פאַל:

אין משה זילבורגס פאַרלאַג אין קראָקע איז, אין דער זעלבער צייט ווען ער האָט אַרויסגעגעבן אויך זיין חודש־זשורנאַל, דערשינען אין אַ באַזונדער ביכל אַ גרויסע דערציילונג, ווו דער העלד איז אַ יינגל, אַ שניידער, מיט אַ פיינער, טיפער בענקשאַפט נאָך איינער, אין וועלכער ער איז פאַרליבט. עס גייט דערביי אָדאָרך אַ גאַנצע לעבנס־געשיכטע פון דער העלדין, זייער אַ טראַגישע, די גאַנצע סביבה פון דיביידע און דערביי איז אַלץ אַזוי שטימונגס־פול איבער־געגעבן, אַז עס איז קיין צווייפל נישט, אַז דער וואָס האָט דאָס געשריבן איז אַ גרויסער, האַרציקער שרייבער און וואָלט אונדז געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן לעבנס און פאַסירונגען. אָבער קיינער האָט זיך די מי נישט געגעבן וועגן אים נאָכצופרעגן און, אויב ער האָט ערגעץ נאָך שריפטן, וועט ער פאַרפאַלן ווערן מיט זיי.[115]

אויך וועגן חיים פלאַקס' „דימענטלעך" שרייבט דאָרט ווייסענבערג, ווי שוין אויבן געזאָגט, אַז זיי וועלן פאַרלוירן גיין פאַר דער יידישער ליטעראַטור, ווייל קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זייער שאַפער. ער באַדויערט אַזעלכע פאַלן, ווייל:

אפילו מאָן, וואָס, אַז מען זייט אים איין מאָל, וואַקסט ער זיבן מאָל אומגעזייט, אויב מען שניידט אים נאָך איידער ער צעבליט זיך, ווערט ער אויך פאַרטיליקט [116]

צוליב דעם האָט ער געזאָרגט דערפאַר, אַז פאַר דער יידישער ליטעראַטור זאָלן אַזעלכע טאַלאַנטן נישט פאַרלוירן גיין, און האָט געשאַפן אַן אייגענע ליטעראַרישע טריבונע, דעם פאַרלאַג ווייסענבערג און די פּעריאָדישע אויסגאַבעס:

יודישע זאַמעלביכער
דער שטראַם
אינזער האָפענונג
דער קריטיקער, **און** דער נייער קריטיקער.

אין פאַרלאַג ווייסענבערג, וואָס האָט זיך אַ צייט אויך גערופן קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „האָפענונג", שרײַבער פאַרלאַג „האָפענונג" און פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, זענען אַרויס אַחוץ ווייסענבערגס ווערק:*

עוזר וואַרשאַווסקי— שמוגלאַרס
שמעון האָראָנטשיק— פעלדבלומען
שמעון האָראָנטשיק— פאַרפלאָנטערטע וועגן
יחיאל לערער— תהילים־געזאַנגען
שלמה קאָרנבלום — די פרוי וואָס מיר באַגעגענען
ק. ח. היישעריק— אין פייער און אין בלוט
מ. ב. שטיין— ערד און הימל
שלמה ברײנסקי— די ליבע פון אַ משוגענעם
חיים פלאַקס— לידער אין פּראָזע.

דער ציל פון שאַפן דעם קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג „האָפענונג" ווערט אין אינזער האָפענונג **אַזוי דערקלערט:**

1) **דער ציל פונעם גרינדן דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג איז דאָרכ־צוזיפּן די יידישע ליטעראַטור, דאָס זאַמד אין איר אויסצורייניקן, די פּערל איר צו שענקען.**

2) **יעדער וואָס האָט טאַלאַנט האָט אַן אָפענע טיר צו דעם פאַרלאַג.**

3) **דער פאַרלאַג וועט נישט אַרויסגעבן קיין בוך צוליב דער פּאָפּולערקייט פון שרייבערס נאָמען, אויב דאָס בוך האָט נישט קיין ווערט פאַר אונדזער ליטעראַטור.**

4) **דער פאַרלאַג וועט געבן די ברייטסטע אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויק־לונג פון נייע זיך באַווייזנדיקע טאַלאַנטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.**

5) **צווישן די וויכטיקסטע צילן פון דעם פאַרלאַג איז אויך צו געפינען יידישע קריטיקער, מענטשן שטאַרקע אין גייסט, וואָס ווילן נישט נושא־פנים זיין, ווי עס האַנדלט זיך אין זייער פּערזענלעכן ווילזיין; נישט זוכן די פריינד־שאַפט פון שרייבער, כדי זיי זאָלן הסכמירן זייער זיין אין דער ליטעראַטור, נאָר די, וואָס האָבן באמת אַ פאַרשטענדעניש פאַר גאָטס פונק און במילא דאַרפן זיי נישט זיין אָפּהענגיק פון שרייבערס פריינדשאַפט און נישט בעטלען קיין באַרעכטיקונג, וואָס צוליב דעם קומט אַרויס דער ליטעראַטור דער גרעסטער שאָדן, ווי דער, צו וועלכן מיר זענען אין אונדזער צייט דערגאַנגען. דער קומענדיקער קריטיקער וועט זיין דער, וואָס וועט קענען דעם דאָזיקן שאָדן באַזייטיקן, און דאָס זענען אונדזער פאַרלאַגס צילן.** [117]

---

* זיי זענען אָנגעגעבן ווייטער אין דער אַלגעמיינער רשימה פון ווייסענבערגס ווערק.

אָבער נאָך איידער ווייסענבערג האָט געגרינדעט דעם פאַרלאַג ווייסענבערג און אַרויסגעגעבן די ליטעראַרישע זשורנאַלן, האָט ער אויך געזאָרגט, ווי ווייט מיגלעך פאַר די שרייבער־אָנפאַנגערס, וואָס דאָס איז צו זען פון אַ טייל בריוו זיינע. אין איינעם פון זיי, למשל, וואָס איז געשריבן פון זשעלעכאָוו צו ש. ניגער ווענדט ער זיך מיט דער בקשה:

... איך וויל אייך בעטן צום סוף וועגן דעם, וואָס מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, משה מינקוס, ער האָט אָפּגעדרוקט אויך אַ ביכל ביי גיטלינגען, האָט אייך צוגעשיקט אַ פּאָעמע „מיין שטעטל", צי קענט איר נישט שרייבן אייער מיינונג וועגן דער זאַך. איך האָב זי געלעזן נישט אין גאַנצן, נאָר די לעצטע העלפט, און האָב אים אַליין געהייסן זי אייך צושיקן.

ד. ז. [118]

אין אַ צווייטן בריוו שרייבט ער צו ניגערן פון פאַלעניץ:

... און אָט וואָס נאָך איך האָב צו אייך אַ ביטע, ליבער פריינד ניגער, איך האָב מיך באַקענט מיט אַ יונגן מאַן, אַ גרויסן טאַלאַנט, אַן אָנפאַנגער, ראַדין הייסט ער, און איך לייג אייך דאָ צו זיינס אַ לידל. איך בעט אייך טאַקע, אַז ספּעציעל וועגן דעם לידל זאָלט איר מיר שרייבן. מיך אינטערעסירט ער זייער שטאַרק, און דאָס וואָס איך שיק אייך איז אַ שוואַכערס פון זיינע אַנדערע, וועלכע ער האָט אַחוץ דעם, אָבער יענע זענען ווייניקער באַאַרבעט. איך רעכן אויף אייער אויפמערקזאַמקייט, וואָרן אַזעלכע יונגע לייט איז אַ שאָד, אַז זיי זאָלן זיך אַרומבלאָנקען.

ד. ז. [119]

און אַ דריטע ענלעכע ווענדונג צו ניגערן:

... אַ געוויסער מינקוס, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ביכל אַלטוואַרג, וווינט היינט אין זשעלעכאָוו און האָט אייך צוגעשיקט אַ פּאָעמע. ער בעט מיך אייך צו דערמאָנען וועגן איר. שרייבט מיר, איך בעט אייך, אַ מיינונג, ווייל איך מיין, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט אים.

אייער בעסטער פריינד,
י. מ. ווייסענבערג. [120]

אַ תּלמיד זיינער, שלמה בריינסקי, אויך זיין בן־עיר, באַשרייבט אין „איטשע־מאיר ווייסענבערג און זיין משפּחה" מיט וויפל פאָטערלעכער ליבע און וואַרעמקייט ווייסענבערג האָט אַרומגערינגלט יעדער שאַפערישע נאַטור:

. . . האָט דאָך ווייסענבערג דעם זומער פון 1923, ווען יחיאל [לערער] האָט אים געלייענט די ערשטע לידער פון די תּהילים־געזאַנגען — פּשוט אים נישט געלאָזט צוריקפאָרן קיין זשעלעכאָוו און אים חדשים געהאַלטן ביי זיך אין שטוב, ער זאָל אויפשרייבן אָט דאָס ביכל. אפשר האָבן אַנדערע, די זאָגערס און די וואָס האָבן געפירט די גראַנדע געהאַט אַזאַ סאָרט באַציִונג צו יונגע שרייבער? [121]

אויך דערציילט דאָרט בריינסקי וועגן ווייסענבערגס אויסערגעוויינטלעכער באַציִונג צו אים גופא. אין „אַ בריוו פון ארץ ישראל" שרייבט ער:

געערטער ווייסענבערג!

. . . מיין גאַנצע האָפענונג לאָז איך אויף אייך. איך גיי אייך נישט מאַכן קיין קאָמפּלימענטן, נאָר איך גלייב, אַז איר פאַרמאָגט די ערלעכסטע באַציִונג צו דער ייד. ליטעראַטור און איך וויל אייך פרעגן, צי זענען טאַקע פאַראַן עפּעס מעגלעכקייטן, מיינע אַ זאַך זאָל אָנקוקן אַ מאָל די ליכטיקע שיין? כ׳וואָלט געוואָלט פון אייך הערן אייער מיינונג. איך שיק אייך טאַקע אויף מיינע אַ דערציילונג, וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן. לערער וועט זי אייך איבערגעבן. בכלל בעט איך אייך זייער, ווייסענבערג, אַז איר זאָלט מיר שרייבן וועגן די מעגלעכקייטן צום אַרויסגעבן. טייל מאָל דאַכט זיך מיר, אַז מיט מיין אַוועק פון פוילן האָב איך אָפּגעריסן די מעגלעכקייטן, אַז עס זאָל ווען עס איז דערשיינען מיינס אַ ווערק. און דעמאָלט טוט אַלץ אַזוי ווי ביז גאָר. כ׳וואָלט געוואָלט פון אייך הערן עפּעס אַ וואָרט. אין דער דערציילונג איז פאַראַן אַ געוויס אָרט, ווו עס ווערט געשילדערט אַ חלום, אַן אויסדרוק, וועלכן איך לאָז איבער צו אייער דעציזיע. איך בעט אייך זייער מיר צו ענטפערן. איך גלייב, אַז מיין בריוו איז אפשר אַ ביסל אומגעלומפּערט. אָבער גלייבט מיר, אַז אַלץ קומט פון האַרץ און איך האָף, אַז איר וועט עס פאַרשטיין.

איך אַרבעט און פאַרדין נישט שלעכט, נאָר די אַרבעט איז נישט קיין זיכערע. היינט איז זי דאָ און מאָרגן קען זי שוין נישט זיין. בכלל איז די לאַגע היינט אין ארץ ישראל אַ זייער שווערע.

בלייבט מיר האַרציק געגריסט — — —

מיט אַכטונג,

ש. בריינסקי

הרצליה 7—11, 1926. [122]

דער אינזער האָפענונג איז פון 16טן נומער אָן נישט מער אַרויס אין אונדזער דירה אויף עלעקטאַראַלנע־גאַס. די דירה האָט ווייסענבערג פאַרקויפט פאַר 150 דאָלאַר, אויך צוליב דעם ווייל ס׳זענען נישט געווען מער קיין מיטלען אַרויסצו־געבן דעם זשורנאַל וואָס איז, ווייזט אויס, פאַר אים וויכטיקער געווען, ווי צו האָבן אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ.

דעמאָלט, סוף 1926, האָט ווייסענבערג געדונגען אַ דירה אויף מוראַנאָוו נומ׳ 14 וו. 42, וואָס איז באַשטאַנען פון זייער אַ גרויס צימער אויף אַ 4טן שטאָק. די באַלעבאַטים זענען געווען יתומים: אַ בחור, אַ סטודענט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט און צוויי שוועסטער זיינע. איינע פון זיי האָט נאָך אויך שטודירט, דאָס לעצטע יאָר. אויך אין דעם איינעם צימער פלעגט ווייסענבערג אָפּט אויפ־נעמען פריינד, ווו מע פלעגט זיך נישקשהדיק פאַרווילן. די יונגע באַלעבאַטים זיינע פלעגן אויך זיין פאַרבעטן אויף אַלע „ביבקעס״.

מ. ב. שטיין באַשרייבט אין „די מאַסקע״, ווי אַזוי די ליטעראַרישע גרופּע — ווייסענבערג־אַנהענגערס, האָט אויפן מוראַנאָוו־פּלאַץ ביי ווייסענבערגן זיך געגרייט צו פּראַווען פורים:

. . . פאַר דער ליטעראַרישער גרופּע איז ווייסענבערגס שטוב, אַן עלטערע באַלעבאַטים און מיט וויכער מיידלשקייט געווען אַ ליב צוזאַמענקונפט־אָרט און מיר זענען דאָרט געזעסן, אַפילו ווען ווייסענבערג איז נישט געווען אין דער היים. אויסער דעם האָט ווייסענבערג געהאַט הנאה פון אַ חברישער

„הוליאנקע" ביי זיך אין שטוב, פון מכבד זיין און אויפנעמען פריינד, באקאנטע. זיינע ארויסשטארצנדיקע באקנביינער האבן דעמאלט פארלוירן זייער שארפ־קייט. זיי זענען געווארן ווי קיילעכדיק, ארומגעהובלעוועט. מיר האבן נישט געדארפט זוכן קיין בעסער ארט פאר פראווען פורים.

ווייסענבערגן אליין האבן מיר דעם גאנצן פורים־טאג נישט געזען. איבער־געקלערט האבן מיר אבער נישט. מיר האבן אים געקענט און פארשטאנען, אז ער לויפט זיך שאפן געלט פארן פורימדיקן אוונט, און קומען אהיים וועט ער א באלאדענער מיט פלעשער שנאפס, מיט הערינג, ווורשט און מיט זיין ספעציעלער רויקייט וועט ער זיך נעמען אלץ אליין צוגרייטן. טאמער וועט אים עמעץ ווערן העלפן, וועט ער גרינגשעצנדיק שמייכלען, ווי א טאטע, ווען א קינד, וואס האט קוים כוח זיך צו רירן, כאפט אן עק פון א שווערער משא און „העלפט" זי שלעפן. האבן מיר געווארט, געלאפן ארויף און אראפ און דער בלאנדער, בלוי־אויגיקער יחיאל לערער, מיט די פארראויטלטע אויגן־הייטלעך, ווי אויסגעוויינטע, אויסגעהילימטע, האט אויסגעזען, ווי עס וואלט אים לייכטער געווארן נאכן אויסוויינען זיך, און זיין בלאנדקייט האט געקריגן עפעס פון א זוניקן הימל נאך א רעגן.[123]

משהל בארנשטיין האט פון א קראנקן צאן, וואס ער האט פארלאזט, מיט א מאל באקומען א שטארק אנגעשוואלן פנים, געדענק איך. ער האט שוין דעמאלט געוואלט גיין צו א דענטיסט. א וויזיט האט אין יענע צייטן געקאסט 2 זלאטעס, אבער ווייסענבערג האט אים געזאגט, אז אויב ס׳געשווילעכץ איז אזוי גרויס, מוז עס זיין א שטארקע אינפעקציע און ס׳קען זיין א קאמפליצירטער ענין. ער האט אים צוליב דעם געעצהט צו גיין צו א ספעציאליסט, וואס האט שוין גערעכנט 10 זלאטעס פאר א וויזיט און, ווייל ביי משהלען האט זיך אויך נישט „איבערגעגאסן", האט אים ווייסענבערג געגעבן די 10 זלאטעס און בשום־אופן אים נישט געלאזט גיין צו קיין אנדערן, ווי נאר צו דעם מומחה.

אין דער מוראנאווער דירה האט א מאל זומערצייט, דורכן אפענעם פענצטער אריינפארבלאנדזשעט א פויגל. אויך ער האט — ווייזט אויס — דערפילט דעם באלעבאס׳ גאסטפריינדלעכקייט, ווייל ער איז געווארן א גאנץ אפטער און אפילו א טעגלעכער גאסט. נישט נאר דאס: ער איז געווארן אזוי היימיש מיט דער דאזיקער שטוב און מיט די מענטשן, אז ער פלעגט פיקן פון די טעלערס דאס עסן, וואס איז געשטאנען אויפן טיש — ווייסן קעז, צי צופן מיטן שנאבל פונעם לעבל ברויט. בכלל האט דער פויגל אלץ געטאן פריי און אומגעשטערט — איבערגעפלויגן זיך איבער דער שטוב פון איין עק ביזן צווייטן, ארויס־ און אריינגעפלויגן דורכן גרויסן און ברייט־געעפנטן פענצטער אד"גל. ביילטשען האט עס אוודאי יא נערוועז געמאכט צוליב דער פארשטערטער ריינקייט, אבער זי האט נישט געקענט העלפן, ווייל דאס וואלט געווען קעגן דעם טאטנס רצון. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דער פויגל פלעגט שוין אפילו קומען צו פליִען יעדן פארנאכט נעכטיקן אויך. ווילסט דא שלאפן? — האט זיך דער טאטע געטראכט — מהיכא־תיתי. א פענצטערעם איז דא — שלאף. פלעגט זיך דער פויגל דארט איבערדרימלען די נאכט און חלומען זיינע פויגלשע חלומות במנוחה.

אזוי איז עס אנגעגאנגען וואכן לאנג.

איין מאָל אָבער האָט דער טאַטע דערשפּירט אין שלאָף, ווי פונעם דערביי־יִקן דאַך טשאַיעט זיך אַ קאַץ צום פויגל. דאָס איז געווען דער לעצטער שטאָק און דאָס ברייטע פענצטער האָט אַרויסגעקוקט צו די דעכער פון דער אָפּיצינע אויף רעכטס. זומערצייט פלעגט מען דאָס פענצטער לאָזן אָפן אויך ביי נאַכט, די לופט זאָל זיין פריש.

דעם טאַטנס בעט איז געשטאַנען קעגן איבער דעם פענצטער, און ווי נאָר ער האָט דאָס דערשפּירט אין שלאָף — ווי שטיל אַ קאַצס טשאַיען זיך זאָל נישט זיין אין אַזאַ פאַל — איז ער אין איין אויגנבליק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט, נישט מיט ווייניקער פלינקייט פון דער קאַץ און איז שוין געשטאַנען ביים פענצטער און אַ כאַפּ געטאָן די קאַץ ביי דער פעל אויפן קאַרק.

נו־נו, עס איז שוין די קאַץ נישט געווען מקנא צו זיין, ווייל דאָ האָט דאָך דאָס גוטע אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבערן שלעכטן; דער פויגל איז ניצול געוואָרן און די קאַץ — מילא קעץ האָט ער דאָך פיינט געהאַט — האָט ער נישט לאַנג געטראַכט, און זי אַ וואָרף אַרויס געטאָן פון פענצטער. און וואָס מיט איר איז דאָרט געשען — האָט אים שוין נישט געאַרט. מיגלעך, אַז זי איז אַראָפּפאַלנדיק שטיין געבליבן אויף אַלע פיר פיס, ווי מע זאָגט, אַז דאָס איז דער קאַצס טבע: ווו מע זאָל זי נישט וואַרפן — בלייבט זי שטיין אויף אירע פיר פיס; און מיגלעך, אַז נישט. דאָס איז אים קנאַפּ אָנגעגאַנגען. די הויפּטזאַך: דאָס אומשולדיקע, סימפּאַטישע באַשעפעניש איז אָפּגע־ראַטעוועט געוואָרן און די עקלדיקע, כיטרע בריאה — וואָס פאַרגנבעט זיך שטילערהייט און טשאַטעוועט צו באַפאַלן אַן אומבאַהאָלפן, גאָט־די־נשמה־שולדיק באַשעפעניש, און אַריינצושטעקן דערין די רויב־חיהשע נעגל און ציין — האָט געהאַט אַ פאַרדינטן סוף.

„צום ווייניקסטן דיכטעריש איז די קאַץ. דאָס איז אַן אומסימפּאַטיש באַ־שעפעניש. ווען די נאַכטיגאַל זינגט ביי ליבע, די קאַץ אין זעלבן פאַל ווײנט״, פלעגט ער זאָגן.

אַזוי ווי מיר האָבן שוין מער נישט געהאַט אונדזער דירה אויף עלעק־טאַראַלנע־גאַס, האָט מען געמוזט דינגען אַ צימער פאַר דער רעדאַקציע. ס'זענען געווען אין משך פון דער צייט עטלעכע דערווייליקע אַדרעסן: אויף מילע 15, נאַלעווקי 34, מאַרשאַלקאָווסקע 131, שוויענטאָיערסקע 38 און אויף דזשעלנע 11 וו. 11, וואָס איז געווען — נאָך עלעקטאַראַלנע 14 — דער סטאַבילסטער אַדרעס פון אינזער האָפענונג.

און אָט ווי י. בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי] באַשרייבט יענע צייטן* אין די אויבן דערמאָנטע זכרונות צו ווייסענבערגס 21סטן יאָרצייט:

> ... מיין ערשטע סטאַנציע אין וואַרשע איז געווען דזשעלנע 11, אויפן לעצטן שטאָק — אין רעדאַקציע אינזער האָפענונג. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון אַ צימערל ד' על ד', ווו עס זענען געווען אָנגעוואָרפן ביכער און זשורנאַלן און אויפן טיש מאַנוסקריפּטן און קאָרעקטורן. . . .

* מיר האָבן שוין צו יענער צייט נישט געוווינט אין וואַרשע.

ווייסענבערג האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. ער האָט מיך זייער האַרציק אויפגענומען, אויף וואָס איך אַליין האָב מיך נישט גערעכט. סוף־סוף ווער בין איך? איך בין דאָך דעמאָלט אַלט געווען ערשט ביי די צוואַנציק און דאָ אַזאַ „ברוך הבא", ווי פון אַ גלייכן מיט אַ גלייכן. אָפּגעדרוקט האָב איך געהאַט סך־הכל 3 לידער אין אינזער האַפענונג. . . .

אמת אויך, אַז מיר האָבן זיך שוין געהאַט באַקענט אין לאָדזש אויף מסיבות ביי זיינע נאָענטע פריינד (צימערמאַן, ראַטבאַרד א"א) אָבער דאָס אַלץ, האָב איך געהאַלטן, איז נישט גענוג פאַר אַזאַ באַגעגעניש. . . איך האָב געמיינט, ווי געווייינטלעך, אַז איך קום ווי אַ תּלמיד, ווי אַ חסיד צו אַ רבין — און נאָך אַ שמועס און אפשר אַן עצה, וועלן מיר זיך געזעגענען און פּטור. . .

ווען ווייסענבערג האָט געהערט נאָך וואָס איך בין געקומען קיין וואַרשע, האָט ער מיר צוגעגעבן מוט און געזאָגט: „ציעכאַנאָווסקי, איר בלייבט דאָ. איר דאַרפט פאַר גאַרנישט זאָרגן. איין זאַך, וואָס איר מוזט זיך שאַפן, איז אַן אָרט צום שלאָפן, ווייל דאָס האָב איך אַליין נישט אין וואַרשע. איך וווין אין אָטוואָצק — עסן וועט איר מיט מיר". . . .

צו מאָרגנס איז ער מיט מיר געגאַנגען אין עטלעכע דרוקערייען, בכדי מיר צו שאַפן אַרבעט און — האָט נישט געפונען. נאָמבערגס זון, וואָס האָט געהאַט אַ דרוקעריי, האָט מיר יאָ געוואָלט געבן אַרבעט, אָבער דער דרוקער־פאַראיין איז נישט באַשטאַנען. . . .

ווען איך האָב געזען, אַז איך וועל קיין אַרבעט נישט באַקומען, האָב איך נאָך צוויי טעג געוואָלט פאַרלאָזן וואַרשע. ווייסענבערג האָט אָבער נישט געלאָזט: „עס איז נישטאָ קיין שום געזעץ אויף דער וועלט", האָט ער געזאָגט, „אַז אַ מענטש דאַרף דווקא זיין אַ זעצער". . .

זעקס וואָכן בין איך געווען צוזאַמען מיט ווייסענבערגן און כמעט ווי אויף זיינע קעסט, און ווען עס האָט זיך אַ מאָל געמאַכט, אַז ווייסענבערג האָט פאַרמאָגט אויף אַן „אמתדיק מיטיק" פאַר אונדז ביידע, זענען מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן, דווקא אין אַן ערשטקלאַסיקן. שבת האָט ער מיך אַרויסגעפירט אויף דער „ליניע" צו זיינעם אַ פריינד, אַ מעצענאַט און מיך איבערגעלאָזט ביי אים. אַליין איז ער אָוועק קיין אָטוואָצק.ביים איבערלאָזן מיך דאָס ערשטע מאָל ביי אַ דעמאָלט פאַר מיר פרעמדן מענטש, האָט ער מיך געטרייסט, אַז באַלד קומט אַהער אונדזער חברה. . . און איך וועל נישט בלייבן אַליין.

עס זענען טאַקע באַלד אָנגעקומען יחיאל לערער, שרה בירנבוים, נחום אייבעשיץ און נאָך אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי ווייסענבערגן, און מיר האָבן דאָרט פאַרברענגט אַ גוטן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אַ מאָל אין אַ זונטאָג־אָוונט זענען מיר: ווייסענבערג, יחיאל לערער, משהל באַרנשטיין, נחום אייבעשיץ, חיים שפּערקאַ (אַ פּראָזאַיקער־מיטאַרבעטער אין אינזער האָפענונג, וועלכער האָט זיך פּונקט געפונען אין וואַרשע) איך און נאָך איינער — אַריין אין אַ „מלעטשאַרניע" * אויף דזשיקע־גאַס, אויף „שאַדלע" (זויער־מילך) מיט קאַרטאָפל. נאָכן פאַרברענגען דאָרט אַ שטיקל צייט אין אַ געהויבענער שטימונג, זענען מיר אַרויס שפּאַצירן, און שפּאַצירנדיק זענען מיר פאַרקראָכן אויף אַ בית־עולם. ביז מיר האָבן זיך פון דאָרט אַרויסגעקראָגן, איז שוין געווען נאָך חצות. צום גליק האָט איינער פון דער חברה געהאַט אַ שליסל

* פּויליש — מילכגעשעפט.

צו אַ וווינונג, וועמענס באַלעבאַטים זענען געווען אויף זומער־וווינונג, און מיר זענען דאָרט אַריין איבערנעכטיקן.

די וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. אין איין שטוב זענען געשטאַנען צוויי בעטן און אין דער צווייטער — אַ סאָפע. אַריינקומענדיק האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן: ווער מיט וועמען זאָל זיך לייגן... האָט ווייסענבערג געפסקנט, פיר זאָלן שלאָפן אין די בעטן. ער, שפּערקאָ און איך אויף דער סאָפע. דערביי האָט ער געמאַכט אַ פּלאַן, לויט וועלכן שפּערקאָ זאָל שלאָפן ביי דער וואַנט, איך, ווי אַ שמאָלער אין דער מיט, און ווייסענבערג אין עק.

און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. ליגנדיק צווישן שפּערקאָ און ווייסענבערגן האָב איך זיך אויסגעצויגן, אַז כ'בין נאָך שמעלער געוואָרן, ווי כ'בין... איך האָב מיט מיין אויסציִען זיך געוואָלט מאַכן פּלאַץ פאַרביידע. מיר זענען נאָך געלעגן אַ סך צייט וואָך און געשמועסט, ביז דער טאָג האָט שוין אַריינגעקוקט דורך די פענצטער. די אויגנלעפּלעך האָבן זיך מיר גענומען קלעפּן און איך בין איינגעשלאָפן, און אפשר אויך זיי — פּלוצעם:

— באַץ!

איך עפן די אויגן: ווייסענבערג ליגט אויף דער ערד. זעט זיך אויס, אַז אין שלאָף האָב איך פאַרגעסן, אַז איך דאַרף זיין שמאָל... דערזעענדיק, וואָס עס איז געשען, בין איך געבליבן ליגן אין איין ציטערניש — נישט איין מאָל האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיט ווייסענבערגן איז שווער אויסצוקומען, ער איז אַ כּעסן, האָב איך זיך געשראָקן, אַז ער וועט ווערן אין כּעס אויף מיר... איך האָב צוריק פאַרמאַכט די אויגן: זאָל ער כאַטש מיינען, אַז איך שלאָף... אויך שפּערקאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט און געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. צום סוף האָט ער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס איך — פאַרמאַכט די אויגן. און אַזוי, ליגנדיק וואָך מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָבן מיר געוואַרט אויף אַ רעאַקציע מצד ווייסענבערגן...

ווייסענבערג האָט אָבער זיך גאָרנישט געמאַכט פון גאַנצן ענין. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און אָנגעהויבן שפּאַנען אַהין און צוריק איבערן צימער און אונטערגעפייפן אַ ניגונדל.[124]

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער אָפּטימיזם ביי אים אין אַזעלכע באַדינגונגען?

אין דער יוגנט איז אפשר זיין אָפּטימיזם (געקוקט מיט אונדזערע אויגן) געווען אַ באַרעכטיקטער.

זיין מאָטאָ איז געווען:

„יעדער מענטש און אפילו יעדעס מינדסטע לעבעדיקע באַשעפעניש האָט מער שאַנסן צו זיין פריילעך, ווי אומעטיק".

ווי אַזוי טייטשן מיר אָבער אויס זיין אָפּטימיזם אין די שפּעטערע יאָרן, ספּעציעל אין די אויבן באַשריבענע באַדינגונגען — נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבן פאַר זיך דעם סאָרט לעבן, ווייל ער האָט געקענט האָבן אַ לעבן אין לוקסוס?

איז אפשר דער ענטפער דערויף זיין זאָג: „נאָר אַ קינד און אַ גאון לאָזן זיך פאַרפירן פון פריילעך..."

און די פריילעך האָבן געמיניעט און געלאָקט זיין קינסטלערישע נשמה מיט גענוס־צוזאָגן פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, וואָס פאַרן פראַזאַישן מענטש מיינען

זיי גאַרנישט. ער אָבער האָט געצויגן זיין פרייד און געשעפּט זיינע הנאות פון גאָר אַנדערע מקורים. אין „קונסט און סוביעקטיוויטעט״ זאָגט ער:

קונסט איז דאָס, וואָס דערפאַר האָט געוואַכט וועמענס האַרץ פון דער פּריסטער יוגנט אָן, וועמענס האַרץ האָט זי געפונען אין יעדן קלאַנג, אין יעדן אָטעם־צוג, אין די שטילסטע נעכט, וועמענס האַרץ עס האָט זי געפונען אין דער פאַרחלומטקייט פון פרימאָרגן, און אין אַלגעמיין דעמס האַרץ, וואָס האָט דערפילט אַ הייסן שטראָם בלוט זיך איבערגיסן פון איין קלאַפּאָן אין דעם צווייטן, ווען עפּענענדיק די אויגן אין דער פרי, און אַ קוק טוענדיק אין דער טיפקייט און בלויקייט פון הימל, האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ שיינער טאָג פון לעבן אים שטייט היינט פאָר... [125]

ווייטער שרייבט י. בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי] אין די זעלבע זכרונות:

בכדי צוצוגעבן דעם אַרעמען מאַלצייט אַ זין, פלעגט ער [ווייסענבערג] זאָגן: „אַ שרייבער, אויב ער וויל זיין ערלעך צום שרייבן, מוז ער זיך קענען אָפּזאָגן פון אַלץ... ער דאַרף זיך קענען מקריב זיין פאַר דער ליטעראַטור. ער דאַרף 24 שעה אין מעת־לעת זיין אַ שרייבער. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז די גאַנצע צייט דאַרף ער טינטלען...״
אגב איז מיר אויסגעקומען צו רעדן וועגן ווייסענבערגן מיט דעם העברעיִשן דיכטער יעקב פיכמאַן ז״ל, בעת איך בין ביי אים געווען וועגן אַן ענין מיט 2 יאָר צוריק. פיכמאַן האָט זיך דאָן באַקלאָגט, אַז ער האָט אַ סך צו טאָן און ער ווייסט נישט, צי ער וועט דאָס אַמאָל ענדיקן... איך האָב אים ביי דער געלעגנהייט דערציילט, וואָס ווייסענבערג האָט געזאָגט, אַז אַ שרייבער דאַרף מען זיין 24 שעה אין מעת־לעת. אויף דעם האָט מיר געענטפערט יעקב פיכמאַן:
„ווייסענבערג איז גערעכט! אָבער איך מוז צוגעבן, אַז 24 שעה איז אויך ווייניק... אגב איז ווייסענבערג גערעכט געווען נישט בלויז מיט דעם — היינט מער ווי אַלע מאָל, פיל איך, אַז ער איז בכלל גערעכט געווען. מען האָט צו פיל פאַרוואַרלאָזט דאָס פעלד פון דער ליטעראַטור. איך האָב ווייסענבערגן פערזענלעך געקענט און נאָכגעפאָלגט זיין קאַמף. נישט איין מאָל האָב איך באַוווּנדערט זיין עקשנות, זיין כּוח צו שטיין איינער אַליין אינעם קאַמף. ער איז געפאַלן ווי אַ העלד און נישט אונטערגעגעבן זיך. ער האָט זיין לעבן מקריב געווען אויפן מזבח פון דער ליטעראַטור. מען האָט אים ליידער נישט פאַרשטאַנען, און אפשר האָט מען אים נישט געוואָלט פאַרשטיין...״ [126]

און משה שולשטיין דערציילט אין „י. מ. ווייסענבערג, מיין ערשטער ליטעראַרישער רבי״:

... צו י. מ. ווייסענבערגן האָבן זיך צו יענער צייט געווענדט נאָך סמיכות יונגע־לייט, אָנפאַנגערס פון גאַנץ פּוילן. ער איז נישט געווען שטרענג צו זיי. ער האָט צוגעצויגן צו זיך. אַ גאַנצער קרייז, אויב נישט אַ מחנה, האָט זיך געזאַמלט אַרום אים. דאָס האָט אים פאַרשאַפט נחת און סאַטיספאַקציע. ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַנטדעקן טאַלאַנטן און ער האָט טאַקע אַנטדעקט אויך. יעדע ליטעראַרישע דערגרייכונג פון זיינעם אַ תּלמיד האָט ער באַטראַכט ווי זיינעם אַן אויפטו. די טרוימערישע און נאָך אַנערקענונג לעכצנדיקע יונגע־לייט האָבן זיך אין אים געניוטיקט.[127]

און וועגן זיין אייגענעם דעביוט דערציילט שולשטיין פריִער, אַז ער האָט געגעבן זיינע עטלעכע לידער אַ חסידישן יונגן־מאַן, אַן איינבינדער, וואָס האָט געקענט וויסענבערגן, אַז ער זאָל זיי אים ווייזן. האָט וויסענבערג אָנגעשריבן דעם איינבינדער אַ בריוול:

„דאָס יינגל ווייזט אַרויס סימנים פון טאַלאַנט. זאָל ער דערווייל אַ יאָר צייט נישט שרייבן. זאָל ער לייענען גוטע ביכער און אין אַ יאָר אַרום צושיקן זיינע לידער".

איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון וויסענבערגס ענטפער, כאָטש נישט געווען אַזוי צופרידן פון דעם וואָס ער הייסט מיך אַרומגיין אַ גאַנץ יאָר פּוסט־און־פּאַסט, נישט איינטינקען די פּען. פון דעסט וועגן האָב איך זיינע עצות אָנגענומען ווי פון אַ „גוטן־ייד", אָדער ווי פון אַ דאָקטער, וואָס פון זיי איז אָפּהענגיק דאָס געזונט אָדער דאָס לעבן פונעם חולה. . . .

מיך איז נישט אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען וויסענבערגס קאַמף מיטן אַלגעמיין־אָנגענומענעם אויסלייג. דער עיקר איז ביי מיר געווען דאָס וואָס ער האָט באַוויליקט צו זיין מיין רבי. . . .

געענדיקט צום יאָר האָב איך צו וויסענבערגן צוגעשיקט עטלעכע לידער. איך האָב שוין אָפּגעוואַרט די דאָטע מיט אַ סך אומגעדולד. איך האָב פון דעסט וועגן די לידער נישט געוואָלט צושיקן מיט אַ צוויי טעג פריִער, נאָר זיין פּינקטלעך און ערלעך. די לידער זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין נאָענטסטן נומער פון וויסענבערגס זשורנאַל. איך האָב אים געזען הענגען אויף די ציימונגס־קיאָסקן פון די יידישע גאַסן אין וואַרשע און יעדער קיאָסק איז געווען מיינער אַ יום־טובדיקער היכל. איך האָב געזען צום ערשטן מאָל געדרוקט מיין נאָמען. . . .

קורץ נאָך דעם האָב איך באַקומען פון וויסענבערגן אַ קאַרטל, אין וועלכן ער האָט מיך פאַרבעטן צו קומען אין רעדאַקציע. דערביי האָט ער מיך טיטולירט: „חשובער הער", פאַר וועלכן איך האָב זיך אַ ביסעלע פאַרשעמט און גלייכ־צייטיק איבערגעלעבט אַ פאַרבאַהאַלטן געפיל פון שטאָלצקייט. מיין טאַטע איז לכתחילה געווען זיכער, אַז דאָס קאַרטל איז אַדרעסירט צו אים, ווייל ס'איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס יינגל זיינס איז דאָס דער „חשובער הער" און נישט ער. ניין, דאָס האָט מען טאַקע מיך אַזוי באַטיטלט און נאָך ווער? —

י. מ. וויסענבערג! געענדיקט צו דער באַשטימטער שעה האָב איך זיך אַוועק־געלאָזט צו דער רעדאַקציע פון אינזער האָפענונג אויף דזשעלנע־גאַס, וווּ ס'איז אויך געווען דער סקלאַד פון ביכער פון וויסענבערג־פאַרלאַג. איך האָב זיך מיט אַ סך אומגעדולד געגרייט צו דער ראַנדעווו. . . .

עס איז געווען אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. יידן אויף דער דזשיקע־גאַס, וואָס האָט געפירט צו דער דזשעלנע, זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרהאַרעוועט, אַריינ־געטאָן אין זייערע ענינים, יינגלעך, וואָס האָבן פאַרהאַנדלט אויף די ראָגן מיט בייגל אָדער פּאַנטשקעס, האָבן אויסגערופן זייערע סחורות, די טראַמוויייען האָבן געגרילצט מיט שאַרפן קלונג — אָבער ווער און וואָס האָט דען איצטער געקענט איבערהילכן מיין יינגלש האַרץ, וואָס האָט געשלאָגן פון עקסטאַז און באַגייסטערונג. איך האָב מיך געלאָזט מיט די טרעפּ אַרויף צו וויסענ־בערגן. . . . און ווען איך דערמאָן זיך אין מיינע ערשטע יינגלשע דיכטע־רישע פּרוּוון, וואָס האָבן אויפגעקנאָספּט אין מיין האַרצן אויף אַ וואַרשעווער יידישן הויף, וואָס עס איז שוין פון לאַנג נישטאָ קיין שפּור פון אים, טראַכט איך וועגן וויסענבערגן ווי וועגן מיין ערשטן ליטעראַרישן רבין.[128]

און אַט וואָס עס דערציילט איין תּלמיד ווייסענבערגס וועגן אַ צווייטן תּלמיד זיינעם. יוסף פּאַפּיערניקאָוו שרייבט אין זיינע זכרונות פון אַ דיכטער, „מיט עוזר וואַרשאַווסקי":

מיט עוזר וואַרשאַווסקין האָב איך זיך באַקענט אין י. 1920/21 אין וואַרשע ביי י. מ. ווייסענבערגן אין שטוב. אויסער אים, וואַרשאַווסקין, האָב איך דאָרט געטראָפן נאָך אַ גרופּע ווייסענבערגס תּלמידים, שרייבער־אָנפאַנגער. וואַרשאַווסקי האָט זיך אויסגעטיילט צווישן זיי און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין שלאַנקייט, דינקייט און בלאַסקייט; מיט זיין געמאָסטענעם טריט און געוויגן וואָרט. ס'איז אויך געווען קענטיק די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, וואָס ווייסענבערג האָט אים געשענקט. די גאַנצע צייט האָט ער אים געהאַלטן אויפן אויג, געצייטערט איבער אים, ווי איבער אַ גאָר געראָטן קינד, וואָס וועט נאָך אַמאָל מרעיש־עולם זיין.
ווי באַשיידן וואַרשאַווסקי איז געווען, האָט ער אָבער אויסגעזען, ווי אַ מענטש מיט אַ סך גלויבן אינעם אייגענעם כּוח. נישט ווילנדיק האָט זיך געשאַפן די דיסטאַנץ צווישן אים און זיינע יונגע קאָלעגן — „ווייסענבערגיאַנער". ס'קען זיין, אַז ווייסענבערגס כּסדרדיק צערטלען און קעכלען אים, האָט אויף אים משפּיע געווען אַזוי, אַז ער האָט צווישן דער יונגער שרייבער־גרופּע אויסגעזען ווי ער וואָלט שוויגנדיק געהאַט פאַר יעדן אַ וואָרט פון ביטול, און אַ בליק פון איינעם, וואָס גרייט זיך צו אַ הויכן שפּרונג.[129]

אויך ב. שלעווין שרייבט וועגן דעם זעלבן, „75 יאָר עוזר וואַרשאַווסקי":

. . . 75 יאָר וואָלט ער איצט, אין 1973 אַלט געווען, דער גרויסער פּראָזע־מייסטער, עוזר וואַרשאַווסקי, דער פאַרגייער פון געזונטן, קערנדיקן, קריטישן רעאַליזם אין אונדזער ליטעראַטור, ווען די נאַצי־האַק וואָלט זיך נישט אַראָפּגעלאָזט אויף זיין יונגן קאָפּ.
אין פרילינג 1919, אַ יונגערמאַן פון 22 יאָר, איז עוזר וואַרשאַווסקי צום ערשטן מאָל געקומען פון אַ קליין פּראָווינץ־שטעטל קיין וואַרשע, איז מיט פאַרכט און יראת הכּבוד אָוועק אָנקלאַפּן אין דער טיר פון זיין רבין, דעם נעאָ־קלאַסיקער י. מ. ווייסענבערג. ער האָט שעמעוודיק געבעטן אים אויסצוהערן לייענען דעם היפּשן מאַנוסקריפּט פון זיין בוך, וואָס האָט דערנאָך געמאַכט געשיכטע אין אונדזער ליטעראַטור — זיין ראָמאַן די שמוגלערס. י. מ. ווייסענבערג, וואָס האָט מיט פאָטערלעכער ליבשאַפט, ווי אַמאָל י. ל. פּרץ, אויפגענומען יונגע, טאַלאַנטפולע שרייבער אין זיין הויז, האָט זיי מקרב געווען, האָט זיך לאַנג, מיט האַלב־פאַרמאַכטע . . . פאַרזשמורעטע אויגן, צוגעהערט צום געדיכטן פּויליש־יידישן דיאַלעקט, וואָס האָט אין זיינע אויערן געקלונגען, ווי מוזיק, האָט זיך פּלוצעם אויפגעשטעלט, גענומען שפּאַנען פון איין עק צימער צום אַנדערן, איז צו און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל און אים געזאָגט: „שרייבט, שרייבט... איר האָט טאַלאַנט!"... און ער אַליין טאַקע, דער מייסטער פון דער יידישער נאָוועלע, האָט אינגיכן געהאָלפן, אַז דאָס בוך זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.
ס'איז אפשר נישט געשען צופעליק, וואָס דער יונגער עוזר וואַרשאַווסקי איז געקומען דווקא צו זיין גרויסן פאַרגייער י. מ. ווייסענבערג. אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע וועלן זיי ביידע פאַררעכנט צו איין שיטה, צו איין שולע — דאָס איז די שולע פון געזונטן קריטישן רעאַליזם.[130]

אין קאַמף מיט גראַפאָמאַניע

ווייסענבערג האָט זיך נוהג געווען לויט זיין צוזאָג אין אינזער האָפענונג: „מיר וועלן ניצלעך זיין דעם ניצלעכן — שעדלעך דעם שעדלעכן".

ווי ער האָט געוואַכט איבער יעדער ניצוץ פון טאַלאַנט און ווי ער האָט גע־קענט באַוווּנדערן און עפּענען ברייט זיין האַרץ און נשמה, אַן שום באַגרענעצונג און אויסרעכענונג פאַר יעדער שאַפערישער נאַטור — אַזוי האָט ער אויך געקענט מיט דער זעלבער אומבאַגרענעצטער קעגנערשאַפט האַסן און באַקעמפן „די קאַריעריסטלעך", די „פּסיידאָ־טאַלאַנטן", וואָס האָבן פון איר מאַיעסטעט, די קונסט, געמאַכט אַ מיטל פאַר רויש און פלויש, פאַר אייגן־רעקלאַמע, „אַבי אין שטוב האָט זיך געקאָכט מיטאָג", ווי ער פלעגט זאָגן — און:

„איך מיין, אַז די וועלט איז דאָך נישט פאַרקויפט אין גאַנצן צו די מ"ט שערי־טומאה און אַ ווילן צו עפּעס שענערס, חוץ דעם האַנדל מיט ביכער, דאַרף נאָך אויך זיין".

האָט ער די סאָרטן שרייבערס, די גראַפאָמאַנען אין דער יִדישער ליטעראַטור בשום אופן נישט געקענט טאָלערירן: נישט געוואָלט קאָמפּראָמיסווען און אָוועק־קוקן פון דעם, וואָס איז אים בלוטיק אָנגעגאַנגען. ער האָט דאָס געהאַלטן אין איין אויפּוויזן — אַ מאָל ערנסט און אַ מאָל אין שפּאַסיקן טאָן — אין זיינע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אויף רעפעראַטן און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

באַטאַשאַנסקי, בשעת אַ באַזוך פון אַרגענטינע קיין וואַרשע אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, איז געקומען אַ מאָל צו אונדז אויף עלעקטאָראַלנע 14. געדענק איך נישט דעם שמועס צווישן ווייסענבערגן און אים. זיינע שוואַרצע, געדיכט־געקרויזלטע האָר, ווי די דרעטלעך און זיין קרעמפּער, ברייטער גוף זענען מיר אָבער יאָ געבליבן אין זכרון. אין יענער צייט האָט מען אין שטוב געהערט דער־ציילן, אַז דער יִדישער שרייבער־פאַראיין האָט געמאַכט פאַר אים אַ באַנקעט, ווי עס פירט זיך ווען אַ שרייבער (אָדער זשורנאַליסט) קומט פון אַן אַנדער מדינה אויף באַזוך. נאַטירלעך, האָט מען ווייסענבערגן, ווי אַנדערע שרייבערס, פאַרבעטן. מע האָט אָבער נישט געגלייבט, אַז ער וועט קומען צו דעם אויפנעם, ווייל זיין באַציִונג צו באַטאַשאַנסקיס שרייבן איז אין די קרייזן געווען באַוווּסט.

ער איז אָבער גראָד יאָ געגאַנגען צו דעם אַ באַנקעט. ווען ער איז אַריינ־געקומען האָט זיך דערהערט אַ פאַרחידושט און צופרידן געשושקערײַ צווישן דעם פאַרזאַמלטן עולם. נו, אויב ווייסענבערג איז שוין יאָ געקומען — הייסט עס דאָך, אַז ער וויל אויך באַערן דעם גאַסט — האָט מען אים אָוועקגעזעצט אויבנאָן, לעבן דעם בעל־שמחה און אים מהנה געווען מיט אַ רעדע לכבוד דעם גאַסט. די אַלע, וואָס האָבן גערעדט פאַר ווייסענבערגן האָבן, ווי עס פירט זיך געווייינטלעך אין אַזאַ פאַל, געלויבט דעם גאַסט מיט כל־המינים שבחים. ווען ווייסענבערג האָט באַקומען דאָס וואָרט, האָט ער גאַנץ געלאַסן אָנגעהויבן גאָר דערציילן וועגן דער יִדישער

קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. אין פלוג האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז דאָס האָט אַ קנאַפּע שייכות צום געגעבענעם אָוונט, און אפשר נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דער גאַסט איז אויך געווען אַן אַרגענטינער תּושב. ער האָט גערעדט בנעימותדיק, מאָלנדיק דאָס לעבן פון די דאָרטיקע ייִדן, אויך פון קולטורעלן אַספּעקט. מיט דער זעלביקער געלאַסנקייט האָט ער אַ פרעג געטאָן:

ווען ס׳זענען קיין אַרגענטינע אָנגעקומען די פּרוויִנץ־הענדלערס, האָט זיך דער גאַנצער ייִדישער יִשוב פון זיי אָפּגעזונדערט. מע האָט זיך מיט זיי נישט געוואָלט מישן: נישט ווייזן זיך מיט זיי אין די זעלביקע עפנטלעכע ערטער, נישט דאַוונען אין דער זעלביקער שול, נישט גיין אין דער זעלבער מיקווה, נישט באַגראָבן אויפן זעלבן בית־הקברות זייערע מתים און בכלל נישט האָבן מיט זיי קיין שום מגע־ומשא, ווייל זיי זענען טמא. אַזוי האָט זיי טאַקע דער ייִדישער יִשוב אין אַרגענטינע אָנגערופן: די טמאים.
פאַר וואָס זשע איז עס אין אונדזער ליטעראַטור אויך נישט דאָס זעלבע ווען עס קומט אַ טמא (אַזאַ וואָס זינדיקט מיט דער פען); פאַר וואָס שטעלט מען אויך נישט קיין מחיצה צווישן אים און דער ליטעראַטור? פאַר וואָס מישט מען זיך ביי אונדז אין דער ליטעראַטור יאָ מיט די טמאים?

די אַ פראַגע געשטעלט, האָט זיך צווישן עולם אָנגעהויבן אַ מורמלען צוליב אַזאַ געוואַגטקייט, ווייל זינט מע מאַכט באַנקעטן פאַר געסט, האָט מען נאָך אַזאַ מין „באַערן" אַ גאַסט נישט בייגעוווינט.

ווייסענבערג האָט — נאָכן פרעגן די אַ פראַגע — זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און איז אַוועקגעגאַנגען.

אָט אַזאַ כּבוד האָט ער אָפּגעגעבן איינעם, וואָס פאַרדינט לויט אים קיין כּבוד נישט.

י. ראַפּאַפּאָרט באַשרייבט דעם פאַל אין „דערינערונגען וועגן י. מ. ווייסענבערג":

...ער האָט אָנגעהויבן פון גאָר וויַיט, פון אַ בלעטל יידיש־אַרגענטינער געשיכטע: וועגן טעאַטער און די טמאים. גערעדט שיין, הגם לאַנגזאַם, קלאָר און געלאַסן ווי אַ גזלן. און מיט אַ מאָל, שנעל ווי אַ בליץ, האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף אויף זיין קרבן, אויף באַטאַשאַנסקין, און מיט עטלעכע ווערטער פאַר־וואַנדלט דעם משל אין אַ נימשל, און אַריינגעשטאָכן דעם גיפטיקן שווערד־שפּיץ גלייך אין האַרצן.
איך געדענק נישט דעם דאָזיקן מערקווערדיקן קער. . . . דאָס איז געווען אַזוי דין, אַזאַ קונציקער טריק!
אַלע האָבן זיך צעלאַכט, . . . (און מיט וואָס פאַר אַ רויִקייט ער האָט זיך געגרייט דערצו!). . . . מען האָט געקוואָלן פונעם שפּיצל פונעם וווּנדער־קינד. און אויך באַטאַשאַנסקי האָט געקוואָלן דערפון. ער האָט, ווי אַלע, אָפּגעשאַצט דעם שאַרפזין און דעם קינדישן מוט, וואָס נאָר ווייסענבערג קען עס פאַרמאָגן. אָט אַזעלכע קינדער מאַכן אַן צרות טאַטע־מאַמע ווען געסט זענען דאָ, אָבער זיי זאָגן אויך אָפּט דעם קעניג, אַז ער איז נאַקעט.
די דאָזיקע רעדע ווייסענבערגס איז לאַנג געווען די סענסאַציע פון יידיש־ליטעראַרישן וואַרשע.[131]

באַטאַשאַנסקי האָט ווייסענבערגן שפּעטער גוט „באַזונגען" דערפאַר אין זיינע

זשורנאַליסטישע אַרטיקלען מיטן ווייל באַקאַנטן נוסח פון אַ געוויסער גרופּע שרייבערס: מיטן נוסח — „אַנאַליטישער אינטעלעקט" און „אינטעלעקטועלער סינטעז", וואָס אַ שרייבער דאַרף דאָס אַלץ האָבן, און ווייסענבערג האָט עס נישט, ווייל „פּיקחות אַליין איז נישט גענוג" אאַ"וו אאַ"וו.

אויך אַנדערע שרייבערס (די וואָס ער האָט אַנגערירט) האָבן אים נישט געשוויגן פאַר זיין אָפן אַרויסגעוויזענער באַציִונג צום שרייבערישן בלאָף און, פאַר זיין נישט וועלן טאָלערירן „נישט די ליפעראַנטן פון סענסאַציאָנעלן שונד און נישט די ליפעראַנטן פון ליטעראַרישן שונד", ווי ער האָט דאָס אַנגערופן.

אַ צווייטער ליטעראַרישער אָוונט איז פאַרגעקומען פאַרן דיכטער מ., וואָס האָט געליטענט פאַר אַ גרויסן עולם זיינע לידער. נאָכן אָפּלייענען איז געפאַלן אַ האָגל מיט אַפּלאָדיסמענטן.

ווייסענבערג איז שטיל זיצן געבליבן אויף זיין אָרט. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט רעאַגירט. יוסף פּאַפּיערניקאָוו, וואָס איז דעמאָלט געקומען מיט ווייסענ-בערגן צום אָוונט, האָט אים געפרעגט, וואָס ס'איז די סיבה פון זיין שווייגן, אין דער צייט ווען דער גאַנצער עולם איז אַנגעשטעקט מיט אַזאַ הייטערקייט, מיט אַזאַ ענטוזיאַזם. האָט ער געענטפערט, אַז „ווען ס'איז פינצטער און מע שטעלט צו אַ שוועבעלע צו אַ גרויסן סטויג היי, פלאַקערט אויף מיט אַ מאָל, מיט אַ פאַר-בלענדנדיק ליכט אַ גרויס, העל פייַער, אָבער עס גיט זיך אויך אַזוי מיטאַמאָליק אַ פאַרלעש, און ערשט דעמאָלט ווערט נאָך פינצטערער..."

אויף איינעם פון די רעפעראַטן וועגן ליטעראַטור און שרייבערס, וואָס ווייסענבערג פלעגט האַלטן, האָט ער אַ מאָל גערעדט וועגן אַשן אינעם לאָקאַל פון די „פאַראייניקטע" אויף לעשנע 47. גערעדט האָט ער וועגן אַשם רב שלמה נגיד. ער האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס איז אייגנטלעך אַ קאָפּיע, אָבער אַ וויניקער געלונגענע פון אַשס א שטעטל. אין שטעטל, האָט ער געזאָגט, איז אַש אַ וואַנדערער און אַן אַנטפּלעקער, וואָס בלייבט פאַרווּנדערט פון יעדער נייקייט וואָס ער טרעפט אָן אויף זיין וועג. דערקענען אין רב שלמה נגיד טרעפט שוין אַש נישט אָן אויף קיין ניי-קייטן וואָס זאָלן פאַרכאַפּן זיין נשמה; אַלץ איז אים שוין באַוווּסט פון פריִער, און אַש איז נישט מער קיין זוכער און קיין אַנטפּלעקער אין אָט דעם בוך. דאָס ווערק איז געקינצלט און אידעאַליזירט. ער האָט געזאָגט, אַז אַש שילדערט דאָרט דעם העלד, וואָס טראָגט שטענדיק אַ היטל מיטן דאַשיק אַראָפּגערוקט נידעריק אויפן שטערן, און דערביי שרייבט ער, אַז יענער האָט אַ הויכן שטערן. „ווי אַזוי קען מען זען דעם הויכן שטערן [האָט ווייסענבערג רעטאָריש אַ פרעג געטאָן דעם פאַרזאַמלטן עולם] אויב דער דאַשיק איז שטענדיק אַראָפּגערוקט איבער אים?"

אין אַ צווייטער אויפלאַגע פון רב שלמה נגיד האָט אַש מער נישט געשריבן וועגן יענעמס הויכן שטערן...

אַ מאָל איז ווייסענבערג קראַנק געוואָרן און געלעגן אין בעט. ס'זענען אים געקומען מבקר-חולה זיין שרייבערס-קאָלעגן, צווישן זיי איינער, עלעגאַנט און אויסגעפּוצט, ווי ער איז תמיד געווען און — צו דער געלעגנהייט — אפשר נאָך מער. נאָכן אָפּזיצן אַ שטיקל צייט און שמועסן, האָט ער דערלאַנגט ווייסענבערגן די

האַנט אויף צום געזעגענען זיך. דערביי האָט אים ווייסענבערג געזאָגט: „א . . ., גיב מיר האַנט תּקיעת־כּף, אַז דו וועסט מער נישט שרייבן . . .״

קלאָר, אַז זיין רעאַגירן אויף די פאַרשידענע אופנים קעגן דעם פּאַראומרייניקן די קונסט, האָט אַרויסגערופן אַ קעגן־רעאַקציע אין דער פּרעסע מצד די יעניקע, וועמען ווייסענבערגס פּיילן האָבן געטראָפן. און נאָך אַזעלכע „אָביעקטיווע״ אָפּשאַצונגען האָבן שוין אַלע אַנדערע אויך אונטערגעכאַפּט און אויך „געשריבן״ וועגן ווייסענבערגן, וואָס זיי ווייסן און — אין אַ סך פאַלן — וואָס זיי ווייסן נישט. אין ערשטן פאַל זענען עס געווען די, וואָס זענען לויט ווייסענבערגן געווען אַ פּרעמדער קערפּער אין דער קונסט, און ער האָט דאָס זיי אָפּן געזאָגט: „נישט דיין וואַסער, און נישט דיינע פיש״. אין צווייטן פאַל זענען עס געווען די, וואָס האָבן גענומען גרייטע „מיינונגען״, ווי פאַרטיקע פּרעפּאַראַטן (פון די, וועמען ווייסענבערג האָט אַרונטערגעריסן) און איבערגעחזרט אומקאָנטראָלירט דאָס שוין פאַרפּיקסירטע. אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען עפּעס אַזוינס, וואָס מע האָט נאָך אפשר קיין מאָל אין דער געשיכטע פון אַ ליטעראַטור נישט געזען אָפּדרוקן אַזעלכע, אָפּט, קליינלעכע פּלאָפּלערייען, אָן אַ זינען און אָן אַחריות, ווי עס האָבן זיך דערלויבט געוויסע יִידישע שרייבערס אויף ווייסענבערגס חשבון. דאָס איז שוין ביי זיי געגאַנגען ווי אַ מיזמור.

אָט איז איין ביישפּיל פון דעם סאָרט, איבערגעגעבן פון זיין תּלמיד שלמה ברייניסקי, אין „איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפּחה״:

> אין דער אמתן וואָלט דער נאָמען פון דעם קאַפּיטל באַדאַרפט זיין: „ווייסנבערגס משפּחה״, ווייל מישטיינס געזאָגט, וואָס האָט אַזאַ מענטש, ווי מיין ווייניקייט צו דערציילן וועגן אָט דעם מייסטער פונעם יידישן וואָרט, נאָך דעם ווי מען האָט שוין אַזוי פיל געשריבן וועגן אים? האָט מען דאָך שוין דער־ציילט אָן אַ שיעור מעשיות און ווילדקייטן וועגן אָט דעם וווּנדערלעכן דערציילער, וועלכער האָט מיט דער לויטערקייט פון אַן אורקוואַל אַ שטראָם געטאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מען געוווּסט צו דערציילן גענוי און מיט אַלע פּרטים, ווי אַזוי ווייסנבערג האָט דערשטיקט אַ קאַץ — באַלד צוגעבנדיק דעם נימשל: איצט וועסטו שוין וויסן, אַז מען טאָר נישט דערשטיקן קיין יונגע זינג־פייגעלעך, טאַלאַנטן בלע״ז. איינער ווידער, שרייבנדיק וועגן ווייסנבערגן, האָט זיך צעשפּרייט ווי אַזוי יענער האָט אַוועק־גערַאַבעוועט ביי יהושע פּערלען זיין נייעם שוואַרצן אַנצוג, וואָס ער האָט זיך גענייט צו דער חתונה, און פּערלע נעבעך האָט געמוזט גיין צו דער חופּה אין אַלטן אַנצוג. און טויזנט־טעמיק גיט ער צו: „אָבער פּערלען האָט נישט געאַרט און ער האָט בכלל נישט געהאַט קיין פאַראיבל איבער דער גאַנצער מעשה, אַזוי געאַכט און געשעצט האָט ער ווייסנבערגס טאַלאַנט״.
>
> יאָ, נאָך אַזעלכע העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטעס — וואָס בלייבט מיר איבער צוצוגעבן? און אויב איך האָב אויפגעשריבן דאָס קעפּל: „איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפּחה״, האָב איך עס געטאָן בלויז צוליב דעם, ווייל איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפּחה זענען אייגנטלעך איין־איינס, פּונקט ווי די צווייגן און דער שטאַם פון אַ פעסט־פאַרוואָרצלטן בוים, פּונקט און אַקוראַט אַזוי ווי עס זענען ווייסנבערגס דערציילונגען, וואָס אַנקערן און וואָרצלען אין דער טיפקייט פונעם יידישן לעבן.[132]

און איציק מאַנגער זאָגט אין זײַן נעקראָלאָג־אַרטיקל א״נ „י. מ. ווייסענבערג״:

. . . די „גימנאַזיע־לערערלעך״ פון דער יידישער ליטעראַטור, אָט די יונגע־לייטלעך מיט ברילן, וואָס האָבן צווישן זיך געפּלאַפּלט אַ פּאָר ווערטער לאַטיין און זיבן ווערטער פראַנצויזיש, האָבן אויף אים געקוקט מיט ביטול, אים די לעצטע יאָרן מבטל געמאַכט, אים, דעם גרויסן פּראָזע־קינסטלער, אפשר דעם אוממיטלבאַרסטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט נאָך שלום־עליכמען. . . .
די „אַלרייטניקעס״ פון דער יידישער ליטעראַטור, אָט די, וואָס האָבן באַלאַנסירט צווישן „קונסט״ און „שונד״, האָבן אים נישט געשווינט. זיי האָבן דאָך געלייענט באַקלס געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע און האָבן גערעדט אינטעליגענטיש. און דער עיקר, זיי זענען געווען אַ סך און ער — איינער.[133]

און ער, ווייסענבערג, האָט געטענהט זיינס: ער איז געניייט געווען צו באַקעמפן די פּאַראומרייניקערס פון דער קונסט,

ווייל די דאָזיקע מענטשן פאַרפּעסטן מיין לופט, מיין שלמות פון אויער, פון באַגריף און פון מיין עמפּינדונג. עס איז ענג צו לעבן אין אַזאַ ספערע, ווייל יעדער דיכטער זינגט איין געזאַנג און פלעכט איין האַרמאָניע מיט איין גאַנצקייט פון אַלע טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען פון לעבן, וואָס רינגלט אים אַרום. און ווו איז מיין האַרמאָניע? ווי קען איך זיין גאַנץ, אַז איך מוז מיט אַזעלכע דיסאָנאַנסן, ווי די . . . לייט . . . גיבן אַריין אין די דערשיינונגען, וועלכע קומען פאַר אַרום מיר, און איך מוז צוזאַמען מיט זיי לעבן אין איין לופט.[134]

ער האָט בכן נישט געקענט זיך לאָזן צעשטערן זיין האַרמאָניע און זיין וועלט פון וואונדער, וואָס אַז איר האָט ער זיך קיין וועלט בכלל נישט פאַרגעשטעלט, און ער האָט צוו״א געזאָגט:

איך ווייס, מיט דער פולסטער איבערצייגונג, אַז איך אַנגאַזשיר מיך איצט אויף אַ בלוטיקער קריג . . .
און פון דעסטוועגן — דעם זאָל אַ שרעק אויסוואַקסן אויפן שטערן, ווער עס האָט מורא פאַר אייך . . . . עפּעס אַ קלייניקייט: די „זיבעטע מלוכה״ וועט זיך צעבייזערן און שיקן מיר דונערן און בליצן אונטערן קנעכל . . .[135]

די הויפּט־טריבונע פאַר ווייסענבערגס קאַמף איז געווען זיין ליטעראַרישע צייטשריפט. פון אירע שפּאַלטן האָט ער מייסטנס געלאָזט הערן זיין שטים פון פּראָטעסט. און ווייל מע האָט אים, ווי געזאָגט, נישט געשוויגן, און אָפט פאַר־שוויגן ..., האָט זיך אַ מאָל באַוויזן אין אינזער האָפענונג אַזאַ דערקלערונג:

אויב דאָס אַנאָנסירן פון אינזער האָפענונג וועט קוועסטיאָנירט ווערן נאָך דעם נומער און די פרעסע וועט אים מער נישט דערמאָנען, אַלץ איינס בלייבט דער איינציקער ווײנגאָרטן אינזער האָפענונג, צו אונדזער אַלעמענס פרייד.
די רעדאַקציע[136]

אין „פאַר וואָס נישט קיינער, נאָר איך?״ פאַרגלייכט ווייסענבערג די ליטעראַטור צו אַ גאָרטן מיט ניצלעכע און שעדלעכע געוויקסן, ווו ביידע האָבן רעכט צו עקסיסטירן. די פראַגע איז בלויז, וועלכע וויל דער גערטנער האָבן.

דאָס שנורגעוויקס — שרייבט ווייסענבערג — האָט ערגעץ אויף אַן אומגעזעען אָרט, אונטער אַ שטיינדל אָדער פּלויט, אַ פּיצל דיניטשקע ווערצעלע, אָבער דערפאַר צעלאָזט עס אַזעלכע בייטשדיקע שנורגעוויקסן, וואָס קלעטערן און וויקלען זיך אַרום די אַנדערע ניצלעכע געוויקסן אינעם גאָרטן. אָן זיי וואָלט עס אַליין נישט געקענט עקסיסטירן, ווייל דאָס קען זיך אויף אייגענע כּוחות אין דער הייך נישט האַלטן, צוליב דער שנירלדיקער דינקייט און וואָלט געמוזט פאַרפוילט ווערן ליגנדיק אויף דער ערד. אָט דאָס שנורגעוויקס פאַרגלייכט ווייסענבערג צום ליטעראַטור־פאַרמיטלער און רופט אים אַן גבאי.

...און דאַדאָרך, אָט צוליב דער פאַראינטערעסירונג, אַז די געוויקסן וואָס זענען דאָ, זאָלן אייביק זיין, וועט מיין האַנט נישט רוען, ביז די ערד פון דעם גאָרטן וועט נישט אין גאַנצן איבערגעדרייט ווערן. . . .
מיר דאַכט זיך טייל מאָל, אַז איך זע פאַר מיר אַן אויסגעבעט פעלד, אויף וועלכן ס'האָבן זיך צעלייגט אין איין פאַרפלעכטונג: די פּרעסע, די כלל־טוער, וואָס זענען במילא שוין אויך אַלע אַנדערע טוער אויף אַלע געביטן פונעם פאָלקס שאַפן, און די אַלע האַלטן זיך אַרום פעסט געבונדן איינער צום צווייטן, פּונקט ווי גאַנצע שטחים קוואַדראַט מיילן פון צעשטעלטע העלצער מיט דראָט־נעץ איבער זייערע שפּיצן, ווי איין גרויסע דראָט־פאַרצוימונג. . . .
אָבער עס וועט גאָרנישט העלפן דאָס רופן. . . . פּונקט ווי דו קענסט זיך אויך נישט אָנרופן צו דער פּרעסע, אַז זי זאָל כאָטש נישט צעשמירן די חכמה פון אַ. . . ס „געשפּרעך" מיטן נאָרוועגישן קעניג, אַז זיין „קליינער" קען שוין די „בייבל", וואָס איז שוין פון לאַנג פאַרזינדיקט דאָרך אונדז אַזוי גוט, ווי דאָרך אַנדערע פעלקער, און האָט שוין נישט איין פאַסקודניאַק געהאָלפן צו רעקלאַמירן זיך, . . .
טייל מאָל דאַכט זיך מיר אויך, אַז איך שטיי פאַר אַ טייך, וואָס איז באַוואַקסן מיט שטשינעס* און אויך שנור־געוויקסן, וואָס אין אים איז שוין נישט איין שווימער דערטרונקען געוואָרן, ווען די געוויקסן האָבן אים די הענט און פיס פאַרפלאָנטערט.
איך שטיי אויפן ברעג און טראַכט, ווי אַזוי דעם דאָזיקן טייך אָפּצורייניקן פּונקט, ווי איך טראַכט אויך אָפּצורייניקן יענץ פעלד פון די העלצער און דראָט־פאַרצוימונגען. . . .
כאָטש קיין מידקייט אין מיין האַנט פיל איך נישט, דאָך יעדע נייע האַנט צו צו מיינער איז געווונטשן.[137]

אַ מאָל פלעגן אים גוטע פריינד וואָרענען און באַמיִען זיך אים אויפצוקלערן, אַז האָבנדיק צו טאָן מיטן מענטש — אַזאַ ווי ער איז — איז גאָר נישטאָ קיין שאַנס צו געווינען אַזאַ קאַמף.

חיהלע עלבוים־דאָרעמבוס האָט מיר געהאַט דערציילט, אַז זי איז אַ מאָל געגאַנגען מיט ווייסענבערגן אויף דער גאַס און זיי האָבן באַגעגנט דעם דיכטער נפתלי גראָס בשעת ער איז געקומען אויף אַ וויזיט פון אַמעריקע. ווייסענבערג האָט אים פאָרגעשטעלט זיין תּלמידה: „איר זעט, דאָס איז מיין יינגסטע שרייבערין". גראָס האָט זיי פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן צו אָונטברויט, און האָט דאָרט פאַרפירט אַ

* טייטש: קוויטשערס.

שמועס מיט ווייסענבערגן אין שייכות מיט זיין קאַמף פאַר אַ ריינער ייִדישער ליטעראַטור, פריי פון שונד. צווישן אַנדערע אַרגומענטן זיינע, וואָס זייער צוועק איז געווען צו דערווייזן ווי אומדאַנקבאַר אַזאַ קאַמף איז — האָט גראָס דערציילט ווייסענבערגן:

„אין אַ העל־באַלויכטענעם עלעגאַנטן לאָקאַל, מיט גרויסע זאַלן און פּראַקטיקער איינריכטונג — טײַערע קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן, זיידענע טאַפּעטן און פּליושענע מעבלען — זענען געזעסן געסט. זיי האָבן קאָנסומירט די בעסטע מאכלים, געטרונקען די טײַערסטע ווײַנען, גערעדט די העפלעכסטע רייד, געשמייכלט די ליבסטע שמייכלען, קאָמפּלעמענטירט איינער דעם אַנדערן, נאָר דאָס אַלץ איז געווען פאַלש.

די קעלנערס האָבן זיך פאַר יעדן טיש פאַרנייגט מיט דער גרעסטער גאַלאַנטקייט און העפלעכקייט און, — דאָס איז געווען פאַלש.

דער באַלעבאָס פונעם לאָקאַל האָט מיט אויפמערקזאַמקייט באַגעגנט יעדן גאַסט און אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד — אויך דאָס איז געווען פאַלש.

אין אַ זייט פונעם זאַל איז געשטאַנען אַן אָרקעסטער און געשפּילט פאַר דעם עולם. זייער שפּילן איז געווען פאַלש. נאָר צווישן די באַטייליקטע אינעם אָרקעסטער איז געווען אַ קליינער, דאַרער פידלער, און ער, דער איין־און־איינציקער האָט — נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן פאַלשן צוזאַמענטשעל אַרום אים — געשפּילט זיין ריינעם, ערלעכן טאָן.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף אויפן זאַל:

— ,פאַלש!'

און דערנאָך האָט זיך געהערט פון דאָ און דאָרט, יעדעס מאָל אַן אַנדער אויסגעשריי:

— ,פאַלש! פאַלש!!'

עס איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע אויפן זאַל צווישן דעם עולם, מיט אויסגעשרייען וואָס אַ מאָל דרייסטערע און הילכיקערע:

— ,פאַלש!! ער שפּילט פאַלש! באַזייטיקט אים פון דער עסטראַדע!!'"

גראָס האָט געענדיקט.

דער מוסר־השׂכּל איז געווען אין גאַנצן קלאָר. ער האָט געוואָרט אויף אַן ענטפער.

ווייסענבערג האָט אַ צייכן געגעבן דעם קעלנער, ער זאָל זיך דערנענטערן מיט דער רעכענונג.

גראָסן האָט ער געענטפערט:

— „איך וועל שטענדיק בלייבן דער קליינער, דאַרער פידלער און וועל שטענדיק שפּילן דעם ריינעם, ערלעכן טאָן..."

ער האָט וויל געוווסט — אַליין אויך קענענדיק דעם מענטש מיט זיינע אייגנשאַפטן — אַז מע וועט אים נישט שווייגן פאַר זיינע געוואַגטע רייד. ער האָט נישט איין מאָל געזאָגט:

„נאָך מיין טויט וועלן זיך דאָס די הינט צעבילן!"

ווייסענבערג האָט גאַנץ אָפט גערעדט וועגן איבסענס העלד, ד״ר שטאָקמאַן, „דער פאָלקס פיינד״.

ד״ר שטאָקמאַן האָט אויסגעפונען, אַז דאָס וואַסער אין די היילקוואַלן אינעם קוראָרט איז פאַרסמט, און אַזוי איז דאָרט די גאַנצע לופט פאַרפּעסטעט. אין אונדזערע טעג איז „פּאָליושאַן״ אַ פּאָפּולערע טעמע. אין ד״ר שטאָקמאַנס טעג האָט מען זעלטן געהערט דערפון, הגם די דערשיינונג איז באַוווּסט נאָך פון לאַנגסטיקע צייטן. ער האָט זיך באַמיט אויף עפנטלעכע אויפטריטן דאָס צו געבן צו פאַרשטיין די געסט, וואָס פלעגן אַהין קומען יעדן זומער זיך קורירן, אַז נישט נאָר וואָס דאָס וואַסער היילט זיי נישט, נאָר עס איז נאָך פאַר זיי שעדלעך. האָבן אַלע דאָקטוירים, וואָס האָבן פון דאָרטן געצויגן גוטע פּרנסה און אַזוי אויך האָטעל־אייגנטימערס, שפּייז־צושטעלערס אד״גל אויפגעהויבן אַזאַ העצערישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן אים, און נאָך זיי אויך דער גאַנצער עולם — דער זעלבער עולם, וואָס זיין געזונט ער, דער איינציקער ערלעכער ד״ר שטאָקמאַן איז אויסן געווען צו פאַרהיטן — אַז ער איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. „וויניק, וואָס דער שקר איז אַליין פאַרדערבלעך, וויל ער נאָך די עפנטלעכע מיינונג געווינען פאַר אַ שותּף צו זיין פאַרדערבלעכ־קייט״, האָט ווייסענבערג געזאָגט. וויפל פאַרעיפּושטע אייער, פאַרפוילטע ציבעלעס, פלעשער — און וואָס אונטער דער האַנט — איז געפלויגן אויפן ד״ר שטאָקמאַן ווען ער האָט זיך נאָר באַוויזן אויף דער גאַס! אויב ס׳וואָלט אים נישט געלונגען ערגעץ ווו, ביי אַן אומבאַקאַנטן אַנהענגער, זיך אויסצובאַהאַלטן, וואָלט דער המון מיט דער גרעסטער סאַדיסטישער הנאה אים געלינטשט...

„מוז זיין, אַז דער שקר האָט אַ גרויסן קרעדיט ביי מענטשן און זיי שטעלן אַלע מאָל אויף אים מער, ווי אויף דאָס גלייכע, גראַדע און גערעכטע״, האָט ווייסענבערג געזאָגט.

נאָך האָט ער געהאַט געשריבן אין אַ בריוו צו ש. ניגער:

> איך בין סיי ווי סיי אַ פּעסימיסט וואָס אַמבעלאַנגען מענטשן אין אַלגע־מיין. . . . גלייבן, גלייב איך נאָר אין אינדיווידוּום׳ען, ס׳הייסט, איך גלייב, אַז דאָס איז די שיינקייט און די גרויסקייט פון די מענטשן. . . . איך גלייב אויך אַפילו נישט אין אינדיווידוּום׳ען, ווייל צוויי, אָדער דריי פּערזענלעכקייטן אין יעדן דור צווישן דער גאַנצער מענטשהייט, זענען זיי דען עפּעס אַנדערש פאַר איר, ווי פּאָקזשיווע? און דער עולם בריט זיך טאַקע אין זיי און אַנטלויפט פון זיי מיט אָפּענע, אויפגעריסענע מיילער פון געשריי, ווי די דאָזיקע וואָלטן זייערע גזלנים געווען. און דעמאָלט אַנטשטייט טאַקע די פראַגע, צי זענען די דאָזיקע צוויי, דריי אויסנאַמען צווישן אַ גאַנצער וועלט פון פלאַכקייט און קליינלעכער באַגריפלעכקייט אַ נאָרמאַלע ערשיינונג?... זיי זענען אפשר טאַקע גאָרנישט נייטיק און ניצלעך אויך? ווער קען דען זאָגן, אַז דער וואָרעם האָט ווייניקער פאַרגעניגן אין זיין זומפּ, ווי דער אָדלער אין זיין שניידן מיט די פליגלען די העכסטע הויכקייט.[138]

האָט ווייסענבערג דאָך גאַנץ גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ שׂכר ער קען דער־וואַרטן און, נישט געקוקט דערויף, האָט ער אַנדערש נישט געקענט לעבן, נאָר ווי זיין געוויסן האָט אים דיקטירט. ער האָט געמוזט זאָגן, וואָס ער טראַכט — אין

וואָרט און אין שריפט — וועגן דער פאַרסמטער לופט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יענער צייט און אירע „דאָקטוירים". ער האָט געמוזט רייניקן, ווי ער דריקט זיך אויס אין „וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?":

. . . אפשר וועט מיר מעגלעך זיין דאַרכצושפּאַלטן דעם געדיכטן וואָלקן אין אונדזער פאַרמיסטיקטער ליטעראַטור און דאַרכן צעברעכן אים זאָל זיך אַרויסזען דער ריינער עטער.[139]

כ'האָב אים אַ מאָל ציטירט היינעס ליד „וואָרענונג":

אַזעלכע ביכער לאָזטו דרוקן!
טײַערער פריינד, דו ביסט פאַרלוירן!
ווילסטו געלט און כּבֿוד האָבן,
מוזטו דיך געהעריק בוקן.

כ'וואָלט דיר קיין מאָל נישט געראָטן
אַזוי צו רעדן פאַר דעם פאָלק,
אַזוי צו רעדן פון די פּאָפּן
און פון די הויכע פּאָטענטאָטן!

טײַערער פריינד, דו ביסט פאַרלוירן!
פירשטן האָבן לאַנגע אָרעמס,
פּאָפּן האָבן לאַנגע צונגען,
און דאָס פאָלק האָט לאַנגע אויערן![140]

ייִדיש: פוו"א.

ווייסענבערג האָט אויסגעהערט און געשמייכלט אויף אַזאַ ווויל אים באַקאַנטן מאָטיוו . . .

און — „אַזעלכע" ביכער האָט ער געלאָזט דרוקן.

זיין אינערלעכער אומרו און זיין שטרעבונג צו גערעכטיקייט האָבן אים נישט געלאָזט זיצן צופרידן און זאָט ווי די יעניקע שרייבערס וואָס פאַרמאָגן נישט דעם דאַזיקן „אומרו און בענקשאַפט נאָך יושר און פולקאָמענקייט" — האָבן עס יאָ געקענט טאָן. אָט ווי ווייסענבערג זאָגט דאָס אויף מענדעלע מוכר ספרים אין זיין עסיי „ביים לעבן און נאָכן טויט פון אונדזערע גרויסע גייסטער":

. . . זיין גייסט געפינט אין ערגעץ נישט קיין צופרידנקייט. אומעטום זעט ער ווייטער אַלץ דאָס בייזע און שלעכטע, און ווי אַ נביא, וואָס קען נישט רוען, זעט ער ווייטער עפּעס צו טון.[141]

דער תּהום, וואָס ליגט צווישן מיטלמעסיקייט, זעלבסט־צופרידנקייט און דעם יחידישן זוכער פון גערעכטיקייט בלייבט, ווייזט אויס, אַן אייביקער. און די דאָזיקע רעאַקציע מצד די ייִדישע שרייבערס, די יעניקע וועמען ווייסענבערג האָט אָנגערירט, איז נאָך איין באַשטעטיקונג דערויף.

אָבער אַזאַ איז די טבֿע פון מענטש, און אַפילו אַ געוויינטלעכע כאַריסטין אין דעם אויבן דערמאָנטן פּראָפּ. בולליס כאָר האָט אויך נישט פאַרשוויגן איר באַגאַבטן דיריגענטס אַ באַמערקונג בשעת אַ כאָר־רעפּעטיציע:

„וועט די דאַמע אין דער דריטער ריי, זעקסטע שטול, אַראָפּנעמען, ביטע, איר דימענט פונעם פינגער אָדער איבערקערן אים אין דער דלאָניע אַריין, אַז איך זאָל קענען אָנפירן מיטן כאָר אומגעשטערט?"

איר רעאַקציע איז געווען:

„איף מיסטער בוללי טהינקס הי איז גאָינג טו בוללי מי אַראָונד, הי איז מיסטעיקען". *

אין רעזולטאַט פון אָט דער מענטשלעכער טבע איז ווייסענבערג פאַרבליבן איינער פון די קאָנטראָווערסיאַלסטע פיגורן אין דער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט. ער איז פון איין זייט באַיובלט און באַצייכנט געוואָרן מיט די העכסטע שבחים, וואָס אַ קינסטלער קען זיך נאָר ווינטשן צו באַקומען און פון דער אַנדערער זייט — האָט מען אים פאַרביליקט, מינימיזירט זיין שפּרודלדיקע, שאַפערישע קראַפט; באַמיט זיך צו פאַרטושן זיין ווערט ווי פון איינעם פון די זיילן פון דער ייִדישער ליטעראַטור; פאַרדרייט פאַקטן (אויך פון זיין פּריוואַטן לעבן); אים געגעבן אין קרומען שפּיגל: געמאַכט זיך אַ לצנותל, אָפט מאָל אַ גאַנץ געשמאַקלאָזס און, לסוף אים פאַרשוויגן, נישט אָן כוונה. עס איז גענוג צו ברענגען עטלעכע קעגנ־זעצלעכע מאמרים, אָדער אויסצוגן בלויז, פון די קרוב צו 800 פּאָזיציעס אין ווייסענבערגס ביבליאָגראַפיע כדי צו זען, ווי ווייט די סתירה איז מער ווי אויפפאַלנדיק. **

* ענגליש — אויב מיסטער בוללי מיינט, אַז ער וועט מיך אַרומפירן ביי די הערנער — האָט ער אַ טעות.

** זען הוספה ב: „י. מ. ווייסענבערג אין שפּיגל פון דער קריטיק".

י. מ. ווייסענבערגס ווערק

איך געדענק אַלע מאָל ווייסענבערגן אַן אומדערמידלעכן אין זיין שאַפערישער אַרבעט, און דערמאָן זיך נישט אַ וועלכן נישט איז צייטאָפשניט, ווו עס זאָל זיין אַן איבעררייס, אַ בלויז אין זיין שאַפן. תמיד פלעגט ער זיצן איבער אַ מאַנוסקריפט, פאַרטראַכט, ווי אַ נישט־דאַיקער: אַ מאָל אַ בייזער, מיט אַ שטרענג צעברויזט פנים ווי דער ים בשעת אַ שטורעם, וואָס וואַרפט און שליידערט זיינע וואַסערן מיט אַ סטיכישער קראַפט.

ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך אים אַוודאי מורא געהאַט אָנצוקוקן אין אַזאַ מאָמענט. ער פלעגט אַרומשפאַנען איבער דער שטוב און אַרויסלאָזן נישט אַרטיקולירטע קלאַנגען אָדער קללות. אַן אַנדערש מאָל האָט זיך אויף איין מאָל דערהערט אַ געלעכטער. גנענדל, צי איך, האָבן אַ מאָל אין אַזאַ פאַל אַריינגעבליקט און געמיינט: אפשר פאַרברענגט ער מיט עמעצן אין אַ פריילעכן שמועס?

נאָר ער זעט אַפילו נישט אונדזער באַווייזן זיך אין דער טיר — און פאַרגייט זיך אין אַ געלעכטער, אַ געשטיקטס, נישט הילכיק, נאָר אין זיך, דערפאַר אָבער פול מיט הנאה, אַז ער קען זיך אַזש נישט באַהערשן: ער פלעגט זיך אויפשטעלן פון שרייבטיש און אַרומגיין איבער דער שטוב און לאַכן.

אַ מאָל ווידער, האָט מען אים געקענט זען אַ געמיטלעכן, אַ צעשמייכלטן. ער פלעגט זיך צוזינגען עפעס אַ מאָטיוו אָדער גאָר צופייפן: און אַ מאָל אין אַ פאַרטראַכטקייט, אָבער אַזאַ רויִקער, מילדער, אַז זיין פנים האָט, דאַכט זיך, איינגעזאַפט אין זיך אַלע שטילקייטן פון דער וועלט.

די דאָזיקע געמיט־צושטאַנדן זענען געווען אָפהענגיק פון די געשטאַלטן און סיטואַציעס, וואָס ער האָט געשילדערט אינעם געגעבענעם מאָמענט. דער טיפאַזש זיינער איז געווען, ווי באַוווּסט, אַ פילפאַרביקער, אַ רייכער. און איז זיין העלד געווען אַ ברוטאַלער — איז ווייסענבערג פאַרקערפערט געוואָרן אין אים און ער האָט געלעבט יענעמס ברוטאַל לעבן: און האָט ער געמאָלן שטילקייט, סובטילקייט — איז ער געוואָרן די האַרף, ווו עס האָבן אויסגעציטערט דעם העלדס דינסטע נשמה־וויבראַציעס. און אויפן פאַפיר האָבן זיך געשאָטן, געשאָטן אותיעלעך, ווי פאַסיקלעך שיף אַראָפ. אויף זיין טיש — שטאַרקע טיי און פאַפיראָסן אָן אַ שיעור.

ווען ביילטשע האָט אים געפרעגט: איטשע, וועלן מיר עסן מיטאָג? — האָט ער געענטפערט: „יאָ". נאָך דעם „יאָ" איז אָבער גאָר קיין שום ענדערונג נישט געקומען. ווי ער איז פריִער געזעסן, אַזוי אויך ווייטער. ערשט ווען ס'איז אַוועק אַ שטיקל צייט — אַ מאָל האָבן עס געקענט זיין עטלעכע שעהען — און זי האָט געזען, אַז ער איז שוין ווייניקער פאַרטאָן אין די מחשבות, האָט זי נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט איר פראַגע, צי וועלן מיר עסן מיטאָג? און דעמאָלט ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייסט נישט פון קיין שום פראַגע מכּוח מיטאָג עסן און פון קיין שום ענטפער.

גאָט זאָל אָבער אויסהיטן פון צושטיין צו אים מיט דער זעלביקער פראַגע בשעת זיין אַרבעטן! דעמאָלט, אַ דעמאָלט איז שוין אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל אין דער שטוב. דער פאַרדראָס — פאַר וואָס מע האָט אים אַרויסגעבערענגט פונעם געמיט, איז געווען אין־לשער.

און אַזוי האָט ווייסענבערג געשאַפן זיינע ווערק.

ווי אויבן געזאָגט, האָט ווייסענבערג דעביוטירט מיט „דער קיטל" און „דור הולך ודור בא" אין 1904. דערנאָך האָבן נאָכגעפאָלגט אַ גאַנצע ריי דערציילונגען. דער מחבר איז באַלד אויפגענומען געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור נישט ווי אַן אָנהייבער, נאָר ווי אַ רייפער שרייבער מיט אַן אייגענעם טאָן און אַן אייגענעם סטיל.

אין 1906 איז דערשינען ווייסענבערגס גרעסערע דערציילונג אַ שטעטל. מיט דעם דאָזיקן ווערק האָט ער זיך באַלד געשטעלט אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ שטעטל איז געווען ניי לויט דער טעמאַטיק (אין יענער צייט) און איז ניי בכלל לויט דער סטרוקטור און אויספאַסונג עד־היום. קיינער האָט ביז ווייסענבערגן נישט געזען דאָס יידישע לעבן און די מענטשן אינעם שטעטל אין אַזאַ ליכט ווי ער האָט עס געזען און געמאָלן.

י. ל. פּרץ איז אין יענע צייטן אַרומגעפאָרן מיט רעפעראַטן וועגן ליטעראַטור, האָט ער צוו"א געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן די צוויי שטעטלעך, אַשס און ווייסענבערגס. ער האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז „אַשס שטעטל איז שיין, אָבער ווייסענבערגס שטעטל איז טיף". פּרץ האָט באַצייכנט ווייסענבערגס ווערק, ווי „אַ גרויסע געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור".

דאָס איז נוגע צוויי פאַרשידענע ווערק מיטן זעלבן נאָמען — „אַ שטעטל", געשאַפן פון צוויי יונגע, נאָענטע חברים, וואָס זענען צוזאַמען אַרומגעפאָרן טאָקע איבער די שטעטלעך אין יענע צייטן.

און בעל־מחשבות האָט פאַרגליכן די דריי שטעטלעך, פּרצעס, אַשס און ווייסענבערגס:

> . . . נאָר אין ווייסענבערגס שטעטל געפינען מיר אַ קאָנפליקט צווישן יונג און אַלט (ווייל עס איז דאָס איינציקע שטעטל פון די דריי, וווּ עס איז פאַראַן לעבן), . . .[142]

אין אַ שטעטל ווערן געשילדערט די נייַע צייטן, די אויפוואַכונג פונעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון 1905, אויך אינעם יידישן שטעטל. די יידישע רעוואָלוציאָנערן — אַליין אויך נאָך קנאַפּ דערפאַרענע אין דער נייַער תורה — מאַכן „אחדות", פירן אָן מיט שטרייקן, שטעלן זיך קעגן דעם אַלטן, איינגעפירטן שטייגער און פירן אַריין „בראָן" (געווער) אַנשטאָט תהילים. דער הויפּטפירער, יעקל סטאָליאַר, באַקומט זיין רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג פון וואַרשע. ווען ס'קומען אַהיים אויף פּסח די „חברים", פרעגט ביי זיי יעקל אויס, וואָס עס הערט זיך דאָרט אין „אונדזער וואַרשע", צי מע האָט עפּעס לעצטנס אַ סך שפּיאָנען אוועקגעלייגט און אַז ווען נישט זיי, אָט די שפּיאָנען, וואָלט ער פאַרשפּאָרט צו זיצן אינעם קליינעם שטעטל און פאַרפאַלגט ווערן פון „פאַנאַטיזם".

— מען „דעמאָנסטרירט?...״, וויל יעקל אויסגעפינען פון די וואַרשעווער.

— פרעגט זיך! און מען זיצט אין די קאַוויאַרניעס און מען האַקט זיך מיט די מיילער, אַז דער רוח נעמט עס!
— און שטרייקן!
— אויך... אַלץ, אַלץ... [143]

היינט ווער שמועסט נאָך, אַז די וואַרשעווער האָבן געברענגט „אַזאַ ניי ליד״, ווי „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט״ — האָט זיך יעקל געטראַכט מיט אַ גליקלעכן שמייכל: „וואָס אַ מאָל גייט עס פאָרווערטס...״.

און האָט זיך געמאַכט אַ גוייִשע רעליגיעזע פּראָצעסיע, וואָס האָט זיך געצויגן און געצויגן פון קלויסטער אַרויס איבערן שטעטל — מיטן הייליקן בילד און אַ גאָלדענער קויל און פענער — ביז העט, ווייט אין פעלד אַריין, איז דאָס גאַנצע שטעטל ייִדן געשטאַנען אויפן באַרג, „ווו מען נעמט געל זאַמד צו דער פאָדלאָגע לכבוד שבת״, און געקוקט און געגאַפט. ווייבער האָבן גאָט געדאַנקט: „זאָל זיין פענער... זאָל זיין אַ האַלץ, אַ שטיין, אַ ביין, אַבי מען זאָל ייִדישע קינדער לאָזן געמאַך״. אָבער די רעוואָלוציאָנערן האָבן נאָכגעקוקט דער פּראָצעסיע — ווי די פענער „קאַשפּערן און פּעלבלען זיך״ — מיט אַן אַנדער מחשבה. זיי האָבן זיך אויך פאַרבענקט נאָך אַ פאָן...

דאָס שטעטל ברויזט און קאָכט מיט געשעענישן איבער געשעענישן און יונגע חברה איז האָפערדיק און ענטוזיאַסטיש. מע פאַרלאָזט זיך גריוועס און מע קריכט אַריין אין די בלויע העמדלעך, און דער הויפּטפירער יעקל סטאָליאַר, לייענט פון באַרג אַראָפּ צום עולם פון אַ פּאַפּיר מיט גרויסע אותיות:

„נידער מיטן קאַפּיטאַליזם!״
„עס לעבע דער סאָציאַליזם!״

און דער גאַנצער עולם כאַפּט עס אונטער מיט אַ „הורא״, „הורא!״

האָט זיך אָבער דער צד־שכנגד, די כּלי־קודש מיט די פאַבריקאַנטן, אויך נישט געלאָזט און די קצבים מיט די פורמאַנעס האָבן געמאַכט איין האַנט, אַז ווו מע וועט פּאַקן אַן „אחדות־מאַן, זאָל מען אים אַ זייט אונטערהאַקן״. האָט מען שוין געזען ייִדן „מיט געשוואָלענע קעפּ און צעהרגעטע פּנימער״ און דעם שניט־סוחר „האָט מען אַ מעסער פאַררוקט אונטערן אָרעם — הלוואַי ער זאָל די נאַכט אויסהאַלטן״.
אָדער:

... אַ געקלאַפּעריי פון העלצער אָן העלצער אויסגעמישט מיט משונה־ווילדע קולות האָט די לופט מיט משוגעת און בהלה אָנגעפּילט. . . און אָט — דער פאָטער. דאָס פּנים בלאָס און צעמישט. פּופּציק העגט שטופּן זיך מיט אים פון טירל אַרויס. דעם זון אויך. מען דערקענט אים שוין קיין פּנים נישט, רויט פאַרגאָסן, אין גאַלן קאָפּ און די האָר טינקען זיך אין בלוט.[144]

אָט אַזעלכע געשעענישן און בילדער, וואָס אַ ייִדיש שטעטל איז נישט געוווינט געווען דערצו, האָבן אַרויסגערופן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די מוחות פון די איינוווינערס.

„האָבן ווייבער אָנגעהויבן צו שעלטן שטילערהייט מיט אָרויפגעלייגטע הענט אויף די מיילער".[145]

און מאַמעס האָבן ביים שלאָפן לייגן אַ קינד עס געשראָקן: „שלאָף, וואָרן איך גיי רופן די שטרייקערס".

פון אַלע מעלות, וואָס אַ שטעטל פּאַרמאָגט, ווי סטרוקטור, שפּראַך, הומאָר, מאַסן־שילדערונגען — וואָס ביי דעם ווערט נישט איין שרייבער נכשול — געהערט דער מאַלערישער אַספּעקט צו די גאָר בולטע. די געשלעגן, די רעליגיעזע פּראָצעסיע, דאָס אָוועקפירן דורך די זעלנערס די רעוואָלוציאָנערן, זענען סצענעס, וואָס ווירקן וויזועל. דאָס זענען בילדער געמאָלן אויף גרויסע לייוונטן מיט אַ ווייטער פּערספּעקטיוו. און אַפילו „די דיסקוסיע" גייט מען דאָרט נישט הערן, נאָר „אָנקוקן":

> . . . איז טאַקע געווען אויף עפּעס אַ קוק צו טון. די לאַנקע אַרום און אַרום איז פאַרגאָסן מיט אַ טוי־זילבערנעם טייך, און אין דער מיט שטייט חברה איינגעטוקט. עס זעט אויס ווי אַ שוואַרצע קופּע; אַ שוואַרצן פלעק האָט די נאַכט דאָ אַרויפגעוואָרפן! און די קופּע שוויגט מיט איינגעבויגענע קעפּ צום סאַמע מיט, פון וואַנען די דיסקוסיע לאָזט זיך הערן. . . . דער עולם איז געשטאַנען אויף די שפּיץ נעגל, מיט אויפגעהויבענע קעפּ און אויסגעצויגענע העלדזער, אַלע צוזאַמענגעגאָסן, באַלייגט אַרום און אַרום, אַז דאָס פעלד איז אַזש שוואַרץ געוואָרן — איין געדיכטע מחנה, איין שוואַרצע שטיל־שווייגנדיקע קופּע — . . .[146]

די נײַע, פרישע האָפענונג־ווינטן הייבן אָן צו בלאָזן אין פרילינג און ווערן איינגעשטילט, ווידער אונטערדריקט אין האַרבסט. שווערע, בלײַענע וואָלקנס רוקן אָן און פאַרדעקן דעם הימל.

דער סוף איז אַ טרויעריק־טראַגישער. טיר־און־לאַדן זענען פאַרהאַקט אינעם שטעטל. אין אַ גראָען, שפּעט־האַרבסטיקן פאַרטאָג פירן זעלנערס אָוועק אויף וועגענער די טויטבלאַסע געבונדענע רעוואָלוציאָנערן. די זעלנערס רייטן נאָך מיט די גאָלע שווערדן. דאָס זעט אויס פון דער ווייטנס, „ווי אַ שוואַרצער, וואָגלענ־דיקער פלעק, וואָס לאָזט זיך ערגעץ וואַנדערן אין דער ווייטער וועלט אַריין. . . ."

אין יענער תּקופה, ד"ה אין אָנהייב פון ווייסענבערגס שרייבערישער קאַריערע, 1904—1916, האָט ער אָנגעשריבן אָן אַ שיעור קלענערע און גרעסערע דערציילונגען. צווישן אַ סך אַנדערע: „צום איידעם אויף קעסט", „אַ טאַטע מיט בנים", „די משוגענע אין דאָרף", „אַ חוב", „אַ מעשה מיט אַ ציג", „חיים אהרן", „געברענגט אַ סוד", „אַ פּאַמניק", „אַ שלעכטע פּרוי", „אַ וואַלד־מיידל", „דריי וועגן", „איינער אַ מענטש", „קריינדעלע", אויב מע זאָל אויסרעכענען בלויז עטלעכע פון די צענדליקער דערציילונגען; די 3־בענדיקע פּאָעמע אסתּר, דראַמעס אין דריי אַקטן, ווי קאַספּער, קנאה און תּאווה און טויטע נעמען נקמה; איינאַקטערס, ווי „דבורהלע", „ר' יואל", „נחת", „אין דערוואַרטונג", די דראַמע־פּאָעמע „אין טאָג פון געריכט" א"אַ. *

*) אַ פולע רשימה איז אָנגעגעבן ווייטער, צוזאַמען מיט ווייסענבערגס ווערק. זען ביבליאָגראַפיע I.

די לעצטע צוויי פּיעסעס ווייזן דעם יִדנס ביטערע מערכה אינעם אַנטיסעמיטישן פּוילן.

ס'איז אוממיגלעך אין די ראַמען פון דער אַרבעט צו געבן אַפילו אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון אַזוי פיל ווערק, וואָס פאָדערן אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. דאָך וועל איך זיך אויף אייניקע פון זיי אָפּשטעלן:

„דור הולך ודור בא" איז אַ דערציילונג מיט אַ סאָציאַלן מאָטיוו. נאָטע, דער העלד פון דער דערציילונג, איז אַ שוסטער, וואָס לעבט אָפּ זיין לעבן אין אָרעמקייט. נישט זעלטן קומט אים אויס צו בעטן אַ הלוואה ביי זיין ברויטגעבער, און נישט זעלטן קומט אויס זיין ווייב מרים צו נעמען אויף באָרג דאָס ברייטל צום אָנבייסן.

אָבער עס טוט זיך נישט אַזוי לייכט ווי עס רעדט זיך. וויפל ספקות, אומדעצידירטע טריט ס'זענען דאָ ביי אַזאַ געלטליַיען זאָגן עדות די שורות, ווי נאָטע טראַכט צו געפינען דעם באַלעבאָס אין שענק:

> . . . ער האָט דאָך נישט געוווּסט ווי צו כאַפּן וואָג: „אַריינגיין, צי נישט אַריינגיין?" ער קלערט, אַז גלאַט אַריינקומען עמעצן זוכן, און גאָרנישט געבן צו לייזן, האָט גאָר קיין פּנים נישט. . . . וואָלט ער געהאַט כאָטש אַ פינף קאָפּיקעס, טראַכט ער, אומזיסט זוכנדיק איןביידע וועסטל־קעשענעס . . . וואָלט ער אַריינגעקומען טרינקען אַ גלעזל ביר.[147]

און דערווייל געכאַפּט אַ בליק, „ביז ער וואָלט דערטאַפּט", צי זיצט דאָרט זעליק, דער באַלעבאָס זיינער. נאָר „טו עפּעס אָן אַ גראַשן ביי דער נשמה, אַזוי פּאַסט נישט... ער וועט זיך אומזיסט נאָך איינריסן דאָס פּנים..." און ווען אַפילו דער באַלעבאָס איז יאָ דאָ, קען ער גראַד זיצן מיט אַ גאַרבער און שמועסן וועגן יוכטן אָדער מיט אַ סוחר און רעדן וועגן עקספּעדיציע, „וועל איך... נאָטע... צוגיין גלאַט פון דער העלער הויט: 'זעליק, איך דאַרף געלט... ניין! עס פּאַסט נישט'".

אַזוי שלאָגט זיך נאָטע מיט דער דעה, ביז ער דרייט זיך אויס און גייט צוריק פון וואַנען ער איז געקומען און מיט דעם זעלבן וואָס ער איז געקומען — מיט ליידיקע קעשענעס, און מיט דער זעלבער געפּאַלנקייט.

נאָך רירנדיקער איז אפשר מרימס געפּאַלנקייט אין דער שילדערונג ווען עס פעלט איר אויס דרייסטקייט צו בעטן נאָך אַ מאָל צום אָנבייסן געבעקס אויף באָרג. די געבעקס־פאַרקויפערין דערפילט דאָס און זי אַליין רופט גאָר צו מרימען און גיט איר דאָס געבעקס מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער דערצו.

און נישט נאָר דאַרף מען ביי נאָטען כּסדר לײַען געלט אויף איבערצושטופּן דעם טאָג, נאָר אַפילו אויף תּכריכים פאַר אים דאַרף מען אויך גיין בעטן געלט אויף באָרג ביי נאָטעס ברויטגעבער. אָבער אויך דאָ זאָגט דער באַלעבאָס נישט אָפּ, הגם עס וועט נישט זיין ווער ס'זאָל אָפּגעבן. דער באַלעבאָס מאַכט זיך דעם חשבון — ווען נאָטעס אַרבעטס־חברים, די געזעלן, קומען בעטן זעקס רובל אויף באָרג צו קויפן תּכריכים פאַר זיין אַרבעטער — אַז חיימל, נאָטעס זון, וועט אָפּאַרבעטן. דור הולך ודור בא.

„דור הולך ודור בא" איז איינע פון אַ סך דערציילונגען ווייסענבערגס, וווּ די

מענטשלעכעליידן ווערן געמאָלן מיט שטילע טענער. צו זיי געהערט אויך „צום איידעם אויף קעסט". דער נאָמען אַליין זאָגט שוין גענוג, און די ערשטע רעאַקציע צו אַזאַ קעפּל וואָלט געווען דעמאָלט — ווען די דערציילונג איז געשאַפן געוואָרן — און היינט אַוודאי, אַז ס'וואָלט שוין גלייכער געווען: צום שווער אויף קעסט. נישט געקוקט דערויף, וואָס מיט צענדליקער יאָרן צוריק איז די באַציִונג צווישן עלטערן און קינדער געווען אַן אַן ערך ענגער און נעענטער, דער גענעראַציע־תהום קלענער — דאָך האָט דער מחבר געאָנט דעם טראַגיזם, דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס עלטערן זעען פאַר זיך ווען זיי מוזן אָנקומען צו קינדער.

און אויב דער יִיאוש איז גרויס צוליב אַזאַ פאַטאַלן ווענד אין איינעמס לעבן, איז אויך דער גאַנצער אַרום, די נאַטור, דער דרויסן, פּונקט אַזוי חושך ביי ווייסענבערגן ווי ס'איז חושך אַזאַ איינעמס געמיט. ווען דער קראַנקער, אַרבעטסלאָזער מנחם אין „צום איידעם אויף קעסט", געפינט אַ שלאָס אָנגעהאָנגען אויף זיין טיר און אַ צווייטער באַלעבאָס האָט „צוגעוואָרפן דעם אויפגאָב" ווען מנחם האָט זיך געוואָלט אַריינציִען אין אַ צווייטער שטוב — האָט דערווייל

אָנגעהויבן נאַכט צו ווערן, דער הימל איז ווי מיט אַ גראָען שימל פאַרקראָכן, אַ דין רעגנדל האָט אָנגעהויבן צו טריפן אויף די שטיינער פון ברוק. די ערד איז געוואָרן וואָס אַ מאָל נאַסער, פינצטערער, די דעכער שוואַרצער . . . אַלץ פון הימל ביז דער ערד האָט זיך איינגעהילט אין אַ נאַסער ברודיקייט, אין אַ שווערן אומעט.

יידן מיט אויפגעשטעלטע קעלנער און אַריינגעלאָזטע קעפּ צווישן די אָרעמס, מיט פאַרשטעקטע הענט אין די אַרבלען האָבן זיך בלאָס שווייגנדיק געשאַרט אין דער בית־המדרש גאַס אַריין. אין די פענצטער האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן צו באַווייזן פייערלעך אַרויסשטראַלנדיק מיט אַן אומעטיק רויטער ליכטיקייט אין דער פייכטער נעפּלדיקער לופט, און מנחם מיט פריידען מיט ביינושן [דער בעל־עגלה] זענען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרזונקען ביי דער פור זאַכן. . . .

— וואָס וועט ווערן? — האָט ביינוש געפרעגט, אויפהייבנדיק זיין אומעטיק שטילן בליק אויף פריידען. . . .

— זאָל זיין ווי גאָטס ווילן, פאַר צו דער טאָכטער. . .

דער וואָגן האָט זיך אַ ריר געטאָן, און פריידע מיט מנחמען זענען נאָכגע־גאַנגען הינטן, מיט שווער אַראָפּגעזונקענע קעפּ, איינגעשרומפּן, צעבראָכן, ווי נאָך אַ לוויה, און די פור האָט זיך געשאָקלט און געשאָקלט. [148]

פריידע זעט, אַז די פיס טראָגן קוים מנחמען נאָכצוגיין נאָכן וואָגן, הייסט זי אים אַרויפקריכן.

. . . און טיף האָט ער זיך אַריינגערוקט מיט די פּלייצעס אונטער די הויך אָנגע־לאָדענע זאַכן און מיט די פיס אונטער זיך. . . .

מנחם האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און דער וואָגן האָט זיך ווייטער געריִרט. דאָס טישל מיט די פיס אַרויף האָט זיך געהוידעט אַ גאַנצן וועג איבער זיין קאָפּ. די רעדער האָבן צוגעסקריפּעט, די כּלים, טעפּ, שיסלען האָבן הילכיק אָפּגעקלונגען פון דער מיט אַרויס און מנחמס געל געזיכט און דער שטערן האָבן זיך געקנייטשט: „צום איידעם אויף קעסט". . . [149]

„די משוגענע אין דאָרף" הייבט זיך אָן שטיל. אַ פורמאַן און זיין „פּאַרשוין" פאָרן ביי נאַכט אויפן לובלינער שאָסיי. דער פּאַסאַזשיר בלאַנדזשעט מיטן בליק איבער דער נאַכטיקער פּאַנאָראַמע און דער ברייטפּלייציקער פורמאַן, יאָסל, דרימלט.

אָבער ווען זיי שטעלן זיך אָפּ ביי צוויי הייזער ביים וועג, וואָס זעען אויס פון דער ווייטנס „ווי צוויי טונקעלע פלעקן" — דאָרט איז שוין גאָר נישט אַזוי שטיל. אַן אַנגעברוגזטע אַלמנה, פעסעלע, די קרעמערקע פון כל־המינים אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, איז אומצופרידן פון די נישט געווונטשענע קונים אין יענעם מאָמענט, און ספּעציעל פון יאָסלען. זי לאָזט זיי אַליין, טאַפּן אין דער פינצטער, ביז זי קומט צוריק מיט אַן אָנגעצונדן לעמפּל. זי קלאָגט זיך פאַר יאָסלען, דעם פורמאַן, „צולייגנדיק אַ האַנט צום הויטיקן פּנים און די דלאָניע פאַרשטעלט די שוואַמען־געבראָטענע ליפּלעך", אַז אַ דיבוק איז אַריין אין איר טאָכטער. פעסעלע האָט איר יינגערע טאָכטער חתונה געמאַכט פאַר איר פאַראַלמנטן איידעם (ווי עס פירט זיך ביי ייִדן...) וואָס איז געבליבן מיט צוויי פיצלעך קינדער.

זי לאָזט יאָסלען מיטן אַנדערן יונגן־מאַן אינעם חדר און אַליין גייט זי אַריין אינעם צווייטן חדר פאַרריגלענדיק די טיר, ווידער פּרוּוון צו פועלן ביי דער טאָכטער, וואָס ליגט אין בעט, אַז זי זאָל זיך שוין אויפהערן „צו מאַכן קינדעריש", אַכט וואָכן נאָך דער חתונה, ווייַ איז צו דער מאַמען... און צי זי ווייסט וויפל קליפּות משחיתים זי באַשאַפט מיט איר עקשנות און אַז די משחיתים וועלן זי אַליין אומברענגען און וואַרפן אין כּף־הקלע. אין צווייטן בעט ליגט שווייגנדיק אַ יונגער־מאַן מיט אַ בלאַס פּנים און אַ שפּיציק בערדל.

ביסלעכווייז גייט די מוטער אַריין אין אַזאַ טראַנס, אַז זי כאַפּט אַ שטריק, רייסט אַראָפּ פון דער טאָכטער דאָס איבערבעט און „לאָזט איר אַראָפּ אַ ריס מיטן טרוקענעם שטריק איבערן ווייכן לייב".

עס ווערט אַ געפּילדער, די קינדער אינעם דריטן בעטל

זענען שוין אויפגעוועקט און זיי צאַפּלען זיך און שרייען ווי יונגע עופעלעך ערב־יום־כּיפּור באַגינען... נאָר פעסעלע טוט דאָס איריקע! — נו, עפּעס גוט געווען?... — קוקט זי אויף דער טאָכטער מיט נקמה־שמייכלענדיקע גיפטיקע בליקן — עפּעס גוט, האַ, ווי מיינסטו?...[150]

דאָ הייבט די טאָכטער אויך אָן צו שרייַען מיטן גאַנצן כּוח, גוואַלד! איבער־שרייַענדיק די קינדערשע קולעכלעך.

דער יונגער־מאַן אין בעט קעגן איבער, האָט נאָכן ערשטן שמיץ אויף דעם ווייבלס לייב אַ ציטער געטאָן,

גלייך דער שטריק וואָלט זיך אים אין לייב איינגעשניטן, נאָר אָט דערהערט ער דעם ווייבלס יאָמערלעך געשריי... און זיינע אויגן און בלאַס פּנים פלאַמען אויף מיט אַ ווילדער נקמה. —

— זאָל זי וויסן וואָס הייסט עקשנות!... — קילט ער זיך דאָס האַרץ — זאָל זי וויסן!...[151]

אין יענער מינוט קען שוין יאָסל מער נישט איינזיצן. ער גיט אַ קריץ מיט די ציין און אַ פּראַל אויף די פּאַרקייטלטע טיר,

און יאָסל וואַרפט זיך אַריין אין חדר ווילד צעטראָגן, די מוטער שפּרינגט אָפּ מיט שרעק, און ער בלייבט שטיין עטלעכע טריט פאַרן בעט.[152]

ער פּרוּווט רעדן צו דבורהן, „די משוגענע אין דאָרף", אָננעמען זיך איר קריוודע.

— דו שייגעץ, לאָבוס! — שפּרינגט אַרויס פון צווייטן בעט דער יונגער־מאַן אין די בלויזע גאַטקעס, ווילד און די פּאות צעפּלאָשעט פאַר שרעק... — דו מחוצף, ביי מיר אין שטוב?...
— ביי דיר. — שפּרינגט יאָסל צו אים צו, אַריינהאַקנדיק, איינע נאָך די אַנדערע, ביידע פויסטן אין פּנים אַריין, און דער יונגער־מאַן פאַלט אויף דער ערד, פאַרגאָסן אין בלוט.
— רוצח! — שרייט פּעסעלע, אָנכאַפּנדיק יאָסלען ביים אַרבל — רוצח, דער־הרגעט אַ מענטש![153]

דאָ שפּרינגט שוין צו דער פרעמדער פּאַסאַזשיר און שטילט איין יאָסלס כעס: וואָס האָט ער צום יונגן־מאַן, אַ מענטש, און פאַרט דער געזעצלעכער מאַן. דערויף ענטפערט יאָסל אָפּטרעטנדיק:

— אַ מענטש איז דאָס? — שמייכלט ער ווילד — אַ ווייך שוועמל, וואָס צעקוועטשט זיך אין דער האַנט!... אַ בלעטל, וואָס ציטערט פון מינדסטן שאָקל!...[154]

ווען זיי געפינען זיך צוריק אין דרויסן דערפילט יאָסל, דער קנאַפּער רעדער, אַ שטאַרקן חשק צו רעדן. און דאָרט וויקלט ער אויף פאַרן פרעמדן די גאַנצע לעבנס־פּאַסירונג, דבורהלעס און זיינע. דאָס איז געוועזן די צערטלעכסטע ליבע און איבער־געגעבנקייט. דערביי ווערט בולט יאָסל דעם פּורמאַנס איידעלע נאַטור און די ריינסטע געפילן וואָס ער האָט געהאַט פאַר דבורהלען. ער שילדערט אַ גאַנצע ריי טרעפונגען מיטן באַליבטן מיידל. ווען זי האָט אים געזאָגט אַ מאָל, אַז אים פאַר אַ ברודער וואָלט זי געוואָלט האָבן, האָט ער געטראַכט, אַז

אַזוינס צו הערן פון אַ פרעמד מיידל, פילט מען ווי דאָס האַרץ ווערט ווייך, צעלאָזט, ווי פּוטער אויף וואַרעם ברויט... שטעלט אייך פאָר:
דאָ, למשל, שטייט מיין פערד, פלעגט זי טייל מאָל צוגיין געבן עס אַ גלעט איבערן רוקן... דאַכט זיך דאָך אַ תענוג, אַז אַ פרעמדער ליובט און גלעט מיין פערד? נאָר צו פיל... און איך האָב אָזש נישט געקאָנט קוקן... די אויגן ווילן זיך עפּעס צומאַכן פאַר גוטסקייט, דריי איך מיך אָוועק און מאַך מיך גאָר קוקן אויפן דאַך... כאָטש עס העלפט נישט, ווייל הינטער די פּלייצעס, ווייס איך, גלעט זי מיין פערד... און אַ ווייך וואַרעם ווינטל, פיל איך, גייט אַדורך אין די ביינער, גלייך נישט דאָס פערד, נאָר מיך גלעט זי דאָס אויפן גאַלן לייב.[155]

אַזוי דערציילט יאָסל ביז עס הייבט אָן טאָגן. דער פרעמדער אויסהערער דער־מאָנט אים דעמאָלט, אַז ס'איז אפשר צייט צו פאָרן צוריק.

יאָ, — ער האָט שוין טאַקע נישט מער וואָס דאָ צו טאָן.

און די דערציילונג פאַרענדיקט זיך מיט אַ „וויאָ!...", שטיל, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן.

„אַ חוב" איז אויך אַ דראַמאַטיש־טראַגישע דערציילונג און ווערט איבערגעגעבן אין דער זעלבער פאָרעם, ד"ה די פּאַסירונגען ווערן דערציילט דורכן הויפּטהעלד ר' מאַטקע, אַ זקן. זיין „גוף — אַן אַלטער שאַרבן צום איינברעכן זיך". ר' מאַטקע קערט זיך אום, נאָך צענדליקער יאָרן גלות־אַפּריכטן, אין זיין שטעטל. — געקומען אַהיים שטאַרבן. די האַרטע באַנק איז זיין געלעגער. עטלעכע אַלטע כאַלאַטלעך — זיין בעטגעוואַנט. נאָך איין אורח צום שלאָפן אויף דער בית־מדרש־באַנק איז זיין צוהערער. אינעם האַלב טונקעלן, ליידיקן בית־מדרש הייבט דער זקן אָן אויפצו־וויקלען די פּאַסירונגען, וואָס זענען פאַרלאָפן אַ לאַנגע, לאַנגע צייט צוריק. און דאָרט ווערט אויפגעדעקט איינע פון די האַרבע געזעלשאַפטלעכע עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דעם יחיד. און, קוים איז עס קהלס דין, איז עס דאָך שוין כשר־וישר און אומאָפּפרעגלעך... האָט זיך פאַרלייגט אַ ר' פּתחיה, אַ גביר, אַ חשוב (וואָרן די ביידע גייען דאָך צוזאַמען...) אויף איין הילפלאָזער משפּחה, ביז ער האָט אַ תל געמאַכט פון איר — צעריבן זי פיזיש און גייסטיק, פאַרטריבן פון שטעטל, אויסגעריסן מיטן וואָרצל. די פאַרפאָלגונגס־באַפעלן האָט ר' פּתחיה געגעבן אין נאָמען פון קהל, דעם פאַנאַטיש־רעליגיעזן קהל, אונטערגעהעצט פון אים גופא... דאָס שטעטל האָט געכאַפּט ביי נאַכט ר' מאַטקעס עלטערן ברודער, דעמאָלט אַן 18־יאָריק יינגל, ביי אַ געפערלעכער זינד מיט ר' פּתחיהס דינסט.

די רעאַקציע פונעם בחור איז געווען שמד, וואָס צו דעם שריט האָבן געטריבן די נגישות און פאַרפאָלגונגען. דער טאַטע פונעם בחור איז פון צרות קורץ נאָך דעם געשטאָרבן: דער יונגערער ברודער, מאַטקע — פאַרטריבן; די מאַמע — איז געבליבן איינע אַליין אין שטעטל מיט איר ווייטיק און חרפּה. דאָס איז געווען דער סך־הכל.

נאָכן איבערגעבן די פּאַסירונגען, וואָס זענען פאַרלאָפן מיט צענדליקער יאָרן צוריק, דורך אַ זקן וואָס האַלט ביים שטאַרבן, ווען אַ באַוואָלער וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן, הייבט זיך דער זקן אויף פון זיין געלעגער, קריגט זיך אַרויס אין דרויסן, זוכט אויס אַ שטיין און וואַרפט אים אין דער פינצטערער חורבה אַריין, וווּ ר' פּתחיה האָט אַ מאָל געוווינט.

ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דאָס אָפּגעטאָן. איז דער זקן צוריקגעגאַנגען צו זיין געלעגער מיט די ווערטער:

„אַצינד, גאָט, אַז איך האָב שוין מיין חוב אָפּגעגעבן, קענסט דו דיינעם שוין נעמען!..." [156]

ווי ס'איז צו זען פון די בלויז עטלעכע געברענגטע דערציילונגען, ליידט ווייסענבערג מיט די שטילע ליידן פון זיינע העלדן און זייער טרויער טריפט אויך אויף אונדזערע געמיטער. מיר פילן דעם אומיושר, די עוולות, וואָס די מענטשן באַגייען קעגן זייערע מיטמענטשן און עס באַפאַלט אַ געפיל פון אָפּהענטיקייט קעגן דער גרויסער אומרעכט אויף אונדזער וועלט. אַזאַ קרבן פון אומרעכט איז אויך די

העלדין פון ווייסענבערגס גרעסערער דערציילונג „קריינדעלע". איר שטום־שרײַענדיקע עוולה, איר אונטערדריקונג, שרייט העכער פאַר אַלע עוולות. זי איז דער הילפלאָזער קרבן פון צוויי בעטלערס־תּקיפים, אַ שוואַרצער און אַ געלער. זי — די אויסגעניצטע אַ גאַנץ לעבן פון צוויי מענטשן־חיות אונטערן פּלויט פונעם בית־עלמין — וויל אויסקויפן „אירע" זינד מיט זאַמלען די אויסגעבעטלטע גראָשנס אויף צום שרייבן אַ ספר־תּורה.

נאָר אויך אפרים תּבואה־הענדלער — אין וועמענס שטוב זי האָט איין מאָל איבערגענעכטיקט, נאָכן אַרויסרייסן זיך פון די צוויי פּאַרגוואַלדיקערס — האָט מיט זיין ווייבס שווייגנדיקער הסכּמה אַכזריותדיק־געמיין אַרויסגעגנבעט ביי קריינדעלען דאָס אָנגעזאַמלטע פּאַרמעגן. ער לייגט איר אַריין בשעת זי שלאָפט, שערבלעך אין דער בעטלער־טאָרבע, אַנשטאָט דעם געלט. און קיין ספר־תּורה — וואָס איז דער חלום פון איר גאַנץ אונטערדריקט לעבן — ווערט נישט געשריבן.

זי רירט זיך פון זינען ווען זי דערזעט די שערבלעך אויפן אָרט פון איר געלט און לויפט אויסהאַקן די שויבן ביים סוחר. ער קומט אַרויס מיט אַ גראָבער שטריק און דערלאַנגט איר שמיץ איבער איר אויסגעדאַרטער פּלייצע. עס ווערט אַן אָנגעלויף פון מענטשן און קינדער. ווען זי פּאַלט אום, הייבן זי נאָך ווייסע־חברהניקעס אָן צו שלעפּן איבער די גאַסן מיט אַ געלעכטער און אַ „הוראַ!" ווייל מיט אַ „משוגענער" — וואָס דען טוט מען?...

קריינדעלע זיצט פון יענעם טאָג אָן אונטערן תּבואה־הענדלערס פענצטער און דאָרט גייט אויס שווייגנדיק, אין שטילער פּיין, איר אַ גאַנץ לעבן פּאַרפּייניקט־„זינדיקע" נשמה. די שוואַרצע נאַכט האָט „איינגעזאַפּט אין זיך איר לעצטן אָטעם־הויך, וואָס איז געבליבן ציטערן אונטער אפרימס פענצטער".[157]

דאָס געוויסן בלייבט זיצן אונטערן באַוווּלערס פענצטער... אַזוי פיל טראַגיזם וואָלט געוועזן גענוג פאַר אַ גאַנצן ראָמאַן מיט אַ סאָציאַלן מאָטיוו. ביי ווייסענבערגן איז ער קאָנדענסירט אין אַ דערציילונג. דער סאָציאַלער מאָטיוו איז ביי אים די קאַנווע פאַר אַ סך שאַפונגען. די מענטשלעכע גיריקייט שלאָגט אָפּט האַרב צוריק דעם וואָס וויל זי אויסברענגען אויף זיינע קרבנות. אין „קריינדעלע" ווייסן מיר נישט, צי זי האָט צוריקגעשלאָגן דעם באַוווּלער. די דערציילונג ענדיקט זיך מיט קריינדעלעס טויט אונטער זיין פענצטער, ווי געזאָגט, אָבער אין אַנדערע דערציילונגען, ווי „אַ מעשה מיט אַ ציג", למשל, שלאָגט זי יאָ צוריק.

די זקנה ביילעשי האָט געהאַט אַ בעסערע עלטער פון איר עלטערער שוועסטער, גיטלשי. דאָך זאָגט זי אָפּ דער עלטערער ווען יענע בעט זיך צו לאָזן זי איבערנעכטיקן אין ווינקל ביי איר הינטערן אויוון. עס רעגנט דאָרט אַריין, זאָגט זי איר, און ווייזט איר די נעץ אין יענעם ווינקל, ווו זי האָט געהאַט מיט אַ מינוט צוריק אַליין אויסגעגאָסן אַ שעפּ וואַסער.

די עלטערע האָט אָפּגעזיפצט און זיך אַרויסגעטאַטשעט פון איר רייכערער שוועסטערס שטוב מיט אַ קרעכץ. און ווייל זי האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן און אויך נישט ווו צו שלאָפן,

האָט זי זיך געלייגט אויף דער גאַס און איז געשטאָרבן איר ערלעכן טויט. . . .
נאָר גאָט זיצט אויבן און קוקט אַראָפּ אונטן. האָט ער אַזאַ מעשה געמאַכט:[158]

און ס'דערציילט זיך, אַז אַ פויער איז געקומען אין אַ מאַרקטאָג אין שטעטל אַריין, געלאָזט זיין געבונדענע ציג ליגן אויפן וואָגן און אַליין איז ער אַריין אין שענק שיכּורן.

די ציג האָט זיך „מיישב געווען, איבערגעריסן די שטרויענע פּלעכטלעך פון אירע פיס" און אַ טאַנץ אַראָפּ געגעבן פון דער פור.

„אַראָפּ, איז אַראָפּ".

אָבער דאָ הייבן זיך אָן ביילעשיס צרות — די שרעק, וואָס האָט גרויסע אויגן. די ציג איז נאָכן אַרומבלאָנדזשען פאַרקראָכן צו איר אויפן בוידעם און געפינענדיק אַ בינטל „גראָכאָווינעס",* האָט זי אָנגעהויבן אַרומרודערן דאָרט.

דאָס בינטל גראָכאָווינעס איז דאָ געלעגן אָנגעגרייט פון דער בעל־הביתטע: — טאָמער וועט זי עס ווען דאַרפן — אַזאַ שטייגער, ווי עס ליגט ביי איר אין קופּערט אַ קנויל באַוול, כאָטש קיין זאַק האָט זי שוין נישט צעריסן פון צען יאָר, . . .[159]

די רייכערע שוועסטער איז שוין געלעגן אין בעט צוגעדעקט מיטן איבערבעט און אַ פאַטשיילעכל אויפן קאָפּ, ווי זי האָט דערהערט דאָס שאָרכן.

„נישט גוט"... — האָט זי זיך אַ טראַכט געטאָן — צייט די שוועסטער איז געשטאָרבן, גייט אָן אימה אַרום אין איר.[160]

אין איין שרעק איז זי אַראָפּגעקראָכן פון בעט, אַרויפגעדרייט העכער דאָס לעמפּל און אַרומגעלייגט זיך מיט איר טויטן מאַנס טלית און ספרים, ווי מיט אַ באַריקאַדע און צוריקגעלייגט זיך אין בעט אַריין: „זאָל זיין ווי גאָטס ווילן איז!... מילא, פאַרפאַלן, אַז די שוועסטער וויל זיך אָן איר נוקם זיין..."

ווען דער ציג איז קאַלט געוואָרן אויפן בוידעם, איז זי זיך אַראָפּגעגאַנגען אונטן, און ס'האָט זיך דערהערט אַ שטויס אין דער טיר אַריין.

די אַלטע איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ ציטער אין די אויגן: „שוועסטערשי, וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?"...

. . . די אַלטע מיטן לעמפּעלע אין דער האַנט שטייט אַ דערציטערטע אין מיטן שטוב, און קוקט און קוקט...

און זי דערזעט אַ ווייס, גרויס אויג מיט אַן אויפגעריסענער ברעם קוקט צו איר אַריין דאָרך דעם אויסגעשניטענעם לעכל אין לאָדן — איז זי אַנידערגעפאַלן אין מיטן שטוב מיט דעם לעמפּעלע אין דער האַנט און איז אויך געשטאָרבן...[161]

די מעשׂה ענדיקט זיך נישט בלויז מיט ביילעשיס טויט. דער פאַנאַטיזם גייט נאָך ווייטער, ווייל די ציג פירט אַרום אַ גאַנץ שטעטל ביי די הערנער. דאָס איז אַ סאַטירע אויפן יידישן פאַראורטל, געשריבן מיט דינעם הומאָר, וואָס האָט גלייכ־

---

* ארבעספּלאַנצן.

צייטיק אַ טיפערן געדאַנק: דאָס אייגענע געוויסן שלאָגט צוריק פאַר באַגאַנגענע עוולות.

צום הומאָר־סאַטירישן זשאַנער געהערט אויך די קורצע דערציילונג „חיים אַהרן".

חנה רויזע, חיים אַהרנס ווייב, פאַלט אַריין אין ברונעם און אַ גאַנץ שטעטל ייִדן שטייט אַרומגעקלעבט אַרום דעם ברונעם און וואַרט ביז עפּעס אַ גוי וועט זיך דער־באַרעמען און קומען זי אַרויסשלעפּן פון דאָרט. איז דאָס אַליין דאָך שוין גענוג טראַגי־קאָמיש — ליגט אָבער חנה רויזעס מאַן, חיים אַהרן, גאָר אין בעט און וואַרט ביז דאָס שטעטל וועט אים אַרויסציִען דאָס ווייב פונעם ברונעם און זי אים אַהיימברענגען.

. . . פון דער טיף האָט מען נאָר געזען אַ קליין פּאַרזעעניש... מיט אַ ווייבעריש קליין פּנימל און אַרויפגעריסענע אויגן אין דער הייך...
פלוצלינג, גיט אַ קום אָן דער גוי מיטן באָסיק:
— „צאָ סטאָיטשע, זשידזשי!...״ * — האָט ער געגעבן אַ נעם אַרום דעם עולם מיט אַ פינקלענדיקן בליק... [162]

אָבער זיי, דערזעענדיק דעם גוי, הייבן אָן ווי די צעפּלאָשעטע הינער אונטער־צושטופּן איין ייִד דעם אַנדערן מיט אַ „געוואַלד, העלפט ראַטעווען..."

דער גוי, אָן אָנגעשטרענגטער, ציט שוין חנה רויזען אַרויף. דער באָסיק גייט שווער, אָבער זי איז שוין אין דער הייך.

ייִדן הייבן אָן צו פלאַטערן מיט די אויגן. עס ווערט אַ געשטרעקערײַ פון הענט איבער הענט, הענט איבער הענט... הענט איבער הענט... די ווייבער האַלטן שוין דעם אָטעם איין... [163]

אַ שטאַרקער קאָנטראַסט צו די דערמאָנטע דערציילונגען איז „אַ טאַטע מיט בנים". דאָס זענען דאָרפישע ייִדן, וואָס גייען איבער די דערפער נייען פאַר די דאָרפסלייט. יעדער טיפּ — דער טאַטע און די צוויי בנים — שפּרודלט מיט געזונטע, כּמעט ברוטאַלע כּוחות און פּרימיטיוון, קינדערישן שכל. דער „טאַפּ צימעס" ווערט דאָרט פאַרשלונגען, נאָכן אַהיימקומען פון דאָרף פּרייטיק פאַרנאַכט, אַז עס בלייבט נישט אין אים „קיין שריד ופליט". און גייענדיק אין דאָרף אַריין חלומט משהלע בריטאַן, ווי „דער פאַכטער וועט דערנאָך געבן אָנבייסן אַ שיסל צוואָריך מיט אַ שטיק שוואַרץ 'אָקריץ' — אַז דער רוח וועט עס נעמען". און אַז ער ווייזט דעם טאַטן „אַ רויטע ווונד פון רוי־פלייש אויף אַ שוואַרצן פאַרבלאָטיקטן פוס", וואָס ער האָט זיך „אָן אַ שטיין אָפּגעכמאַליעט..." — ענטפערט אים דער טאַטע מיט אַ זייטיקן קוק — „אַ כּפּרה פאַר אַ הונט! . . . ייִנגעז זאָלן זיך טאָג און נאַכט אַרומיאָגן".

און אַ צווייט מאָל, ווען משהלע בריטאַן גייט אַזוי אין וועג, חלומט ער, ווי אַז ער וועט נאָר „כאַפּן דעם שניט" פונעם טאַטן, וועט ער איין זונטיקדיקן פאַרטאָג

---

* פּויליש — וואָס שטייט איר, ייִדן!

אַליין אַ גיי אַוועק געבן אין דאָרף אַריין און דאָרט אָפּאַרבעטן אַ גאַנצע וואָך. קיינער וועט נישט וויסן ווו ער איז אַהינגעקומען און די מאַמע וועט אַרומלויפן „ווי פאַרסמט". זי וועט „ברעכן די הענט": אפשר איז איר זון דערטרונקען געוואָרן אָדער נישט־גוטע האָבן אים פאַרשלעפּט ערגעץ אין אַ וויסטן וואַלד און „חתונה געמאַכט מיט אַ קאַלב..." אָבער משהלע בריטאַן וועט קומען צו גיין פּרייטיק פאַרנאַכט פאַרשוויצט, פאַרסאַפּעט און „ווייבער וועלן אים נאַכקוקן, וואָס פאַר אַן איינרייסער (פאַרדינער) פון אַ יונג ער איז..." דער מאַמען וועט ער געבן אַ גיב אַוועק גאַנצע פינף קערבלעך פון זיין פאַרדינסט און אַ מתּנה דערצו. „די מאַמע וועט אים רוקן שיסלען, איינע נאָך דער אַנדערער, און ער וועט זיך מאַכן דעמאָלט פאַר אַן איידעלן, פאַר אַ שטילן, און אַ קליינעם עסער..." [164]

אין דער זעלבער צייט גיט חנה לאה אַ קוק צום אַנדערן בן, דעם ליידיקגייער פנחסל רשע, אויפן געלעגער, ווי ער שנאָרכט מיט זיין געזונט, רויט פּנים,

ווי די ליפּן בלאָזן זיך און ווי די נאָזלעכער הויבן זיך, עפּעס פּונקט ווי אַ גאַנצע פאַרע־מאַשין וואָלט דאָ געאַרבעט — טראַכט זי זיך: רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ נבוזראדן האָסט דו דאָס דאָ אָנגעשיקט אויף מיר?... [165]

פון דעסט וועגן איז זי צופרידן, ווייל ווען דער רשע האָלט פאַרמאַכט די אויגן איז זיך די וועלט מחיה...

און חנה לאה וועט „אַ ליאַדע טאָג אַרויסוואַרפן נאָך אַ בן פון די געדערים אַרויס..." ווי זי באַקלאָגט זיך אויף אירע „נבוזראדן", איז זי פון זעלבן האַמעטנעם מין און עס פּאַסירט (מער ווי איין מאָל) אַז אַזאַ קליינס ווערט ביי איר דערשטיקט. אינעם געזונטן שלאָף שפּירט זי נישט, מיט וואָסער שווערקייט אירס אַן אבער גיט זיך אַ לייג אויפן ניי־געבוירענעם זויגלינג, נאָך דערצו, ווען מע דאַרף עס האַלטן אונטער זיך, אַז די מלכּת־שבא זאָל עס נישט אַרויסכאַפּן פון איר, ווי דאָס פריִער־דיקע עופעלע... דערפאַר ווייל שלמה דער גראַבער קאָפּ זי אָפּגטן, אָבער דערצו דערלאָזט נישט פנחסל רשע, דער עלטערער בן. ביים רב אין שטוב דערלאַנגט ער אַ זעץ מיט דער טיר און אַ געשריי, אַז עס דונערט:

— דו וועסט גטן מיין מאַמען? — טוט ער אַ קנאַק מיט דער פויסט אין טיש אַריין — אַהיים, וואָרים איך האַק דיר אַ זייט אונטער... [166]

אונטער די אַ מגושמדיקע האַנדלונגען און רייד ליגט גראָד אַ שטאַרק געפיל פון איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט.

די קליינינקע דערציילונג „געברענגט אַ סוד" געהערט ווידער צו אַן אַנדער זשאַנער. זי געהערט צו די דערציילונגען אַן אַקציע, כּמעט אָן רייד, אָבער דערפאַר רעדט אַ הייסע ליידנשאַפט, וואָס מיט איר איז אָנגעגליט די גאַנצע אַטמאָספער אין דער דערציילונג.

זי דערציילט פון אַ גאַסט, אַ זעלנער, וואָס איז געקומען אויף אורלויב אַהיים צו זיין עלטערן ברודער און שוועגערין.

...זען זעט ער אויס אין זיין שיינעם, זעלנערישן שינעל מיט די נייע שליפעס,

ווי גאָר אַ גרויסער מאַן, ווי עס וואָלט דער קייסער אַליין געווען: דערצו נאָך איז ער אויך העלדיש, סיי אין זיינע ברייטע אַקסלען און סיי אין זיין מילך־קלאָרן, ריינעם פנים. ווּהין זשע האָבן זיי אים צו לייגן אין זייער ברודיקער שטוב . . . ? [167]

אָט די דאגה איז נאָך געכפּלט געוואָרן צוליב „די געפעסלטע און ספּעציעל געקאָרבטע שטיוול, וואָס מען קריגט זיי נאָר ערגעץ אין די ווייטע מקומות״. אויך איבער דעם סקריפּ, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן ביים גיין און מיכאַלן צוגעגעבן אַ גאָר זעלטענעם סוד. „אָט אַזוי, הייסט עס, לעבט מען אין יענע ערטער...״ ווען דער גאַסט וואָלט דערציילט, ווי אַנדערע זעלנערס טוען דאָס, וועגן שוואַרצן און קאַספּישן ים און ווי דער מיליטערישער „פּאַראַכאָד״ האָט זיך געוויגט איבער די וועלן, „ווי די מחנות שוואַרצע וועלף״, און ווי סוף־כּל־סוף איז די שיף אַריין אין דער „בוכטע״ — וואָלטן אַלע שכנים דאָס אויסגעהערט ווי

אַ הייליקע, פאַרכטיקע מעשה... האָט ער אָבער גאָרנישט דערציילט, מיכאַל, און דאַדאָרך, קען זיין, שוועבט איבער אים נאָך גרעסער און נאָך מוראדיקער דער סוד פון דער ווייטקייט, פון דער פרעמדקייט. [168]

ווּהין זשע וועלן זיי אים לייגן שלאָפן?

איז דעם ברודער איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק, אַז אין שפּייכלער איז דאָ גענוג היי און דאָרט קען אויך זיין אַ גאַנץ גוט געלעגער. און, פּטור אַן עסק, אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ. ער, דער שוואָגער, מאַכט זיך אַוודאי נישט קיין זאָרג דערפון. ער זעט דער שוועגערינס

ברייט, זויבער קלייד און די טונקלקייט פון די פאַלדן, וואָס לאָזן זיך לענגאויס אַראָפּ פון אונטער איר טאַליע, צוזאַמען מיט אירע דראָבנע, ווייבערישע טריט. אָט די דאַזיקע פאַלדן, בשעת זי באַוועגט פלינק מיט אירע טריט, באַקומען עפּעס מיט אַ מאָל אַן אויפגעוואַכטקייט און טאַנצן פונקט, ווי לעבעדיקע, מיט אַ געשווינדער צערודערטקייט, אָפּשפּרינגענדיק און צופאַלנדיק מיט אַ קושן פון די זוימען, אירע טריט. דעמאָלט זאָגט ער איר, ווען זי גייט פאַרביי:
— וואָס דאַרפסטו דען זאָרגן פאַר מיין שלאָפן גיין?...
— אָך... — זאָגט זי.
און די שוועגערין פילט גאָר נישט, ווי זי פאַלט אַליין, ווי פון זיך, צו אים צו. אָבער זי בלייבט שטיין און זאָגט גאָרנישט מער, נאָר, ווי דאָס פנים וואָלט איר מיט אַ מאָל, פלוצלינג, אַראָפּגעזונקען געוואָרן און, ווי זי וואָלט ערגעץ אַריינגעפאַלן, פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן מיט אירע טריט, אַליין נישט וויסנדיק, ווּהין. . . . זי האַלט זיך דעמאָלט זייער שטאַרק איין אין אָטעמען, אַזוי, אַז מען קען גאָר דייטלעך הערן, ווי איר האַרץ קלאַפּט. . . . [169]

„אַ פּאָמניק״ דערציילט וועגן אַ פויערים־פּאָרל, „גוויאַזדע״ און זיין אַלטיטשקע, וואָס האָבן זיך געוואָלט צוגרייטן אַ פּאָמניק* פאַרן שטאַרבן. האָט זיי דער גלח געראָטן, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן צוויי פּאָמניקעס־קרייצן צווישן זייערע פעלדער, ביי די וועגן און ווער נאָר ס'וועט פאַרבייגיין און דערמאָנען גאָטס נאָמען, וועט זייערע

* פּויליש — דענקמאָל.

נעמען שוין אויך דערמאָנען. האָבן די אַלטיטשקע געדונגען צוויי שקצים, שטיינ־קריצערס, אויסצוהאַקן פון שטיין אַט דעם פּאָמניק. זענען אָבער געווען אין שטוב צוויי יונגע שיקסלעך, אייניקלעך, זעכצן און זיבעצן יאָר אַלט, און מיט זיי זענען די שטיינקריצערס געווען מער פאַרנומען ווי מיטן אויסהאַקן די מצבות. די שיקסלעך

. . . האָבן זיך שטיל, מיט שעמעווודיק־אַראָפּגעלאָזטע פּנימער, געלאָזט גיין נאָך די שקצימס אַקסלען, אַוועקשאַרנדיק זיך פון זיידע־באָבעס שטיבל אַוועק . . .
מען האָט זיך געלאָזט גיין אין פעלד אַריין, ווו אַ כראַבאַנשטש* האָט אָנגע־הויבן אַרויסצופליִען אין דער פאַרנאַכטיק־שטילער לופט; דאָרט, ווו אַ פאַרסודעט פייערל האָט אָנגעהויבן שטיל און ווייט אַרויסצושיינען פון אונטער ביימער אַפער . . . און ווייט האָט מען זיך פאַרבלאָנדזשעט, ווי עפּעס וואָלט זיי שטיל פאַרפירט און געצויגן, און מען האָט זיך פאַרזוימט ביז שפּעט אין דער נאַכט . . . [170]

און אַזוי נאַכט נאָך נאַכט. דערווייל הייבן די צוויי אַלטיטשקע אָן אָנצווווערן די לעצטע כּוחות. ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אויסמעלקן די בהמות און זיי שטייען אָפּ ביז האַלבער נאַכט

אויפן הויף און מע־ע־טשען, אַז ס'איז גאָטס רחמנות, עס האָט זיי נישט ווער אַריינצולאָזן אין שטאַל . . .
— טעכטערלעך, קינדערלעך — פלעגט די באָבעשי נאָכרופן — גייט נישט, קינדערלעך . . .
— ס'איז „דושנע" אין שטיבל . . . פלעגן זיי ענטפערן שוין אין דרויסן שטייענדיק . . .
דער אַלטער פלעגט ליגן אין בעטל און קרעכצן פילנדיק, ווי די כּוחות גייען אים אויס, און טאָג טעגלעך האָט ער געזען, ווי די אַרבעט ביי די שקצים שפּאָרט זיך נישט, . . . — און דאָ, דער טויט שטייט זיי שוין הינטער די פּלייצעס. טאָג טעגלעך ווערן די שקצים ערגעץ פאַרפאַלן און ער שטייט מיט אַ טרער אין אויג איבער די שטיינער און באַקלאָגט זיי . . . [171]

ביז די צוויי אַלטיטשקע זענען איין מאָל פאַר נאַכט, זיצן געבליבן אין דרויסן פאַרן פענצטערל אויסקוקן די שקצים. זיי האָבן אויסגעזען „ווי פאַרשטיינערט, צונויפגעטוליעט אינאיינעם אַריין" און דאָרט זענען זיי אויסגעגאַנגען ביים פיַיערדיקן זון־אונטערגאַנג.

די זון איז ווידער אויפגעגאַנגען און אונטערגעגאַנגען און פאַרגעסן וועגן די צוויי אַלטיטשקע אונטערן פענצטער. און אין אַ צייט אַרום האָבן שוין

. . . צוויי יונגע נפשותלעך ביי די מוטערלעך אויף די הענט, געקוקט מיט ליכטיקע אייגלעך דורך די שייבלעך, ווי די צוויי אַלטיטשקע אַ מאָל, — און פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייער הימל מיט אַ ניי שטיק פעלד, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען נישט די „פּאָמניקעס", אָבער —ביידעס קינדערישע נייַע בליקלעך . . . [172]

* פּויליש — זשוק.

„אַ וואַלד־מיידל" איז אַ דערציילונג אויך כמעט אַן אַקציע. שׂרהלע, די העלדין, איז שטאַרק פאַרליבט אין לעאָנען וואָס האָט זי מער נישט אין זינען. ער איז אַוועק אין דער גרויסער שטאָט און געוואָרן גרויסשטעטיש. זי איז געבליבן אין דאָרף און האָט געוואַרט אויף זיין צוריקקומען. דער גאַנצער סוזשעט איז בלויז אויסגעפילט מיט שׂרהלעס ריינער, אידעאַלער ליבע און בענקשאַפט נאָך אים. אירע טעג און שלאָפלאָזע נעכט זענען אויסגעפילט מיט איין געדאַנק: לעאָן. זי גייט אַרום אויף אַלע ערטער, אין וואַלד, פעלד, זיין שטוב, ווו ס'געפינט זיך זיין גוטע שוועסטער — דאָס אַלץ טוט זי מיטן ריינסטן פון די ריינסטע באַגערן — אים צו געפינען.

און ווען ער קומט ענדלעך — קומט אויך איר אַנטוישונג. ער איז נישט געקומען צו איר, נאָר אָפּנעמען רעכענונג פונעם קאַסירער... און זי — דער־קלערט ער איר — האָט ער אַ מאָל געמיינט ערנסט, אָבער היינט איז ער ווייט אַוועק און איז שוין געוווינט צו אַנדערע מענטשן, אַן אַנדער מין לעבן ווי אין דאָרף, און אַז זי וועט זיך נישט פּאַסן צו דער גרויסער שטאָט.

דיך וועט מען רופן „דאָרפישע"... און איך וועל דאָס צוהערן און מוזן שווייגן...
— וועל איך תּמיד גיין הינטער דיר, אַז דו זאָלסט נישט זען, נישט הערן, ווי מען פאַרשעמט מיך... [173]

זי האָט אַ סך אַזעלכע אויסוועגן פאַר אים און פאַר זיך, אָבער ווען זי ווערט ענדלעך געוווּיר, אַז ס'איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן — צופּט זי אָפּ אַלע קעפּלעך פון די בלומען אין איר גאָרטן, פאַרן פענצטער, און פלעכט זיך אויס אַ קראַנץ אויפן קאָפּ. זי בעט זיך אויס ס'געלעגער אויף דער ערד, צינדט אָן פאַרן געלעגער ליכט אין דער פאַרשטאָרבענער מאַמעס לייכטערס, און טרינקט אויס שלאָפגעטראַנק,

דאָ, הינטער דער צוגעמאַכטער טיר און לאָדן, אַז קיין שום זינדיק אויג אין דער וועלט זאָל נישט קענען באַפלעקן איר לעצטן פאַרלאַנג... [174]

„דריי וועגן" איז געשריבן אין דער פאָרעם פון אַ קינדער־מעשׂהלע: דריי שוועסטערלעך, מיאוסע, אָרעמע, איינזאַמע, זענען אַ צווייט מאָל מגולגל געוואָרן אין דריי שיינקייטן מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר, און אַ פּרינץ, דער יונגסטער בן־מלך, איז פאַרטראָגן געוואָרן פאַר זייער שווער. ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין ווייב די איידלסטע פון צווישן די דריי שוועסטער (ווי פּרינצן טוען געוויינטלעך אין די מעשׂהלעך...) אָבער די קינאה פון די אַנדערע צוויי שוועסטער האָט באַוויגן זייער מוטער צו באַניצן אירס אַ שפּרוך, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דאָס יונגע פּאָרל אין צוויי סטאַטועס אין וואַלד.

דאַכט זיך, אַ קינדער־מעשׂהלע, ווי אַזוי פיל אַנדערע מעשׂהלעך. דאָס איז אָבער אַ קינדער־מעשׂהלע פאַר דערוואַקסענע. ס'איז אַ משל מיט אַ נימשל.

ווען דער פּרינץ מיט זיין אויסדערוויילטער איז פאַרשטיינערט געוואָרן, האָט גאָט צוגעפירט די מלאכים צום ראַנד הימל און זיי אַראָפּגעוויזן, וואָס אונטן טוט זיך:

— טו איך דעם מענטש לייד, בין איך זינדיק, טו איך אים גוטס, איז ער זינדיק. ס'איז געוואָרן שטיל אין הימל און מלאָכים האָבן געזען, אַז פון די דריי וועגן דורך וועלכע נשמות קומען אַרויף, זענען נאָר בלויז צוויי אויסגעטרעטן: דער וואָס פירט דורך טרערן און אויף אים גייען אויף די ליידנדיקע, און דער, וואָס דורך בלוט און אויף אים גייען אויף די זינדיקע. דערקעגן, דער מיטלסטער איז אין גאַנצן פאַרוואַקסן...

— לאָזט איבער איין וועג פאַר אַלע — האָט גאָט געזאָגט — דעם פון טרערן...

ווען די זון האָט נאָך אַ מאָל אויפגעשיינט, זענען די דריי שוועסטער שוין צוריק געזעסן און באַקלאָגט זייער גורל: אָרעם, מיאוס און אָפּגעריסן פון לעבן. [175]

וועגן די „דריי וועגן" גיט איבער מ. קיטאַי אַט וואָס:

...ד"ר א. סינגאַלאָווסקי דערציילט: ער איז געווען אין אַ פּענסיאָנאַט צווישן אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן. ס'איז געווען אייגעפּירט, אַז יעדן אָוונט האָבן זיך אַלע געסט צוזאַמענגעקליבן און מ'האָט זיך דערציילט מעשיות. אין איינעם אַן אָוונט האָט ער זיך אויך געפונען אין דער געזעלשאַפט. מען איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל אויך עפּעס דערציילן. ד"ר ס. האָט נאָר וואָס געהאַט איבערגעלייענט ווייסענבערגס „דריי וועגן", וואָס איז געדרוקט געווען מיט עטלעכע וואָכן צוריק. ער האָט עס דערציילט נישט אָנרופנדיק דערביי דעם נאָמען פונעם מחבר. שפּעטער האָט ער פאָרגעלייגט, מען זאָל טרעפן, ווער עס איז דער פאַרפאַסער. צווישן אַ פּאָר צענדליק פּערזאָנען האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זאָגן, אַז דאָס האָט אָנגעשריבן אַ יידישער שרייבער. ס'זענען אָנגערופן געוואָרן נעמען פון דער וועלט־ליטעראַטור. לסוף האָט ער זיי געזאָגט, וועמענס דאָס איז און ביי דער געלעגנהייט אַ ביסל אויסגעשייגעצט פאַר דער פאַרפרעמדטקייט, וואָס עס הערשט אין די העכערע ספערן צום יידישן שרייבער און זיין שאַפן. שפּעטער, דערציילט ד"ר ס., איז מען צו אים געקומען זיך „מתוודה זיין" און אָנגעגעבן פאַרשידענע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען אַט די פאַרפרעמדטקייט. אָבער דאָס האָט שוין אַהערצו נישט קיין שייכות.

אינטערעסאַנט איז, אַז אַ ווערק פון אַ יידישן שרייבער איז פאַררעכנט געוואָרן צו די ווערק פון די גרויסע וועלט־מייסטערס... [176]

ווייסענבערג האָט אין משך פון די יאָרן 1916—1925 געשאַפן די עסייען: „ביים לעבן און נאָכן טויט פון אונדזערע גרויסע גייסטער", „קונסט און סוב־יעקטיוויטעט", „צו וואָס?" אויך האָט ער געאַרבעט איבער עטלעכע גרעסערע דערציילונגען, ווי „קינדער", „אַ רעטעניש", „אייפער און געוויסן" א"א. ער האָט אויך איבערגעזעצט טויזנט און איין נאַכט. דעם ראָמאַן דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג האָט ער, ווי אויבן געזאָגט, געשאַפן אין אָנהייב פון די 20ער יאָרן. אינעם ראָמאַן ווערן הויפּטזאַכלעך געשילדערט צוויי חברים, יינגלעך אינעם איבערגאַנגס־עלטער. דודל איז דער הויפּטהעלד, אַ סענסיטיוו עלף־יאָריק יינגל, מיט זיינע חלומות, און די ענדערונגען, וואָס ער אַנטדעקט אין זיך (פון וואָס

עס נעמען זיך אייגנטלעך די חלומות). עס ווערט געשילדערט זיין סביבה אינעם שטעטל, די שטוב, חברים — דערהויפּט יאָסעלע — זיין נאָענטסטער חבר, און די שטיפעריַיען מיט די חברים, זיינס גלייכן. אויך זיינע זאָרגן, דער טרויער וואָס ער האָט צוליב זיין סענסיטיווקייט געפילט שטאַרקער. די דאגות אין זיין באַליבטן חברס שטוב האָט ער אויך געפילט, הגם ער האָט נאָך דעמאָלט נישט אַלץ געקענט פאַרשטיין. די הויפּט־דאגה — נוסף צו דער נויט — איז אין יענער שטוב די שוועסטער יאָסעלעס, וואָס „איז שוין נישט קיין יונג מיידעלע" און זי האָט כּמעט ווי געהאַט אַ חתן, נאָר ער ווייזט זיך נישט מער. איר אַפּוואַרטן יעדן אָוונט, ער זאָל זיך ווידער באַווייזן ווי מיט דאָ נישט לאַנג צוריק — הגם זי ווייסט, אַז ס'איז כּמעט קיין האָפענונג נישטאָ — איז פּאַטעטיש, ספּעציעל די סצענע, ווען ס'גיט גראָד אַ פּייף טאַקע דודל אונטערן פענצטער אין אַ פּראַסטיקן אָוונט, אים, יאָסעלען, אַרויס־צורופן פון שטוב. פּונקט דעם זעלבן שניידיקן פייף פלעגט איר באַליבטער געבן אין יענע פאַרגאַנגענע גליקלעכע זומער־אָוונטן ווען זי פלעגט אַרויסגיין צו אים אין איר לייכט טיכל פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, און אָפּזיצן מיט אים ביז פאַרטאָג אין דרויסן אויף דער שוועל. פאַרן געבן אַ לויף אַרויס יענעם אָוונט — נאָכן דערהערן ווידער דעם פייף — האָט זי נישט פאַרגעסן „צו רעכט" צו מאַכן איר פריזור און אַ כאַפּ טאָן אויף די אַקסלען דאָס זעלבע זומערדיקע, לייכטע טיכל, הגם דער פראָסט האָט דאַן געשניטן... און שוין איז זי געווען אין דרויסן אונטערן פענצטער. באַלד איז אָבער געקומען איר ביטערע אַנטוישונג:

זי, דערזעענדיק אַזאַ קליינעם, ווי דודל, האָט זי, נאָך איידער זי האָט אים רעכט אַריינגעקוקט אין פּנים, ווער דאָס איז, שוין זיך ווי איינגעשרומפּן. נאָר באַלד האָט זי זיך ווי אַ ווינט אַריבערגעטראָגן ווייטער צו דער אויפגעפּראַלטקייט פון פאַרקאָן, אַרויסצוקוקן אויף דער גאַס, „ווייל עס קען נישט זיין, אַז נישט פון יענעם זאָל זי דאָס האָבן געהערט. אָבער אַ פאַרצווייפלט געשווינד אַרומכאַפּן מיט די בליקן די ליידיקע גאַס האָט איר האָפענונג שוין פאַריאָגט" און דעם לעצטן אָנשפּאַר, דאָס וועלן זיך אָפּראַטעווען, אָפּגעשניטן.

...גלייענדיק פאַר כּעס, איז זי נאָך צוריק צו וועגס צו דודלען צוגעלאָפן. דער אימפּעט האָט אפילו אויסגעזען, אַז זי גייט אים אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש. אין דעם פּאַטש האָט זיך געזאָלט אויסגיסן דער גאַנצער צאָרן פון לאַנג־געגאַרטן, לאַנג־געוואַרטן און נישט צו שטאַנד געקומענעם אויסדרוק.[177]

אָבער לאָהס* האַנט, וואָס האָט זיך מאַכינאַל „אַ כאַפּ געטאָן" אין דער הייך, איז אויך פּונקט אַזוי מאַכינאַל, ווי „פאַרשטיינערט געבליבן" אין דער לופט, בשעת איר פּנים איז געוואָרן פאַרציטערט פון דעם, וואָס זי גייט דאָ טאָן.

— „ווער איז ער? — האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן". אָבער אַלע דריי זענען געשטאַנען בלאַס ווי דער טויט. נאָר יאָסעלע האָט קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— „מיינער אַ חבר..."

---

* זי הייסט לאה, אָבער פון צייט אַז זי האָט געדינט אין וואַרשע, רופט מען זי „גאַטשע".

אַ ווײַלע האָט געדויערט דאָס אָפּפֿאַלן פֿון אָטעם:

— שוין אויך אַ מענטש צום פּײַפֿן... — האָט זי ווי אין אַ צוזאַמענבּרעכונג געזאָגט און, ווי אוממעכטיק צוריק זיך, ווי אַראָפּגעלאָזט, נישט נאָר מיט דער אויפֿגעהויבענער האַנט, נאָר ווי מיטן גאַנצן גוף. מיט איין מאָל איז איר פּנים געוואָרן, „ווי אויסגעלאָשן", און מיט פֿאַרביטערונג האָט זי געזאָגט:

— איך וועל אים שוין מאָרגן צושטעלן אַ „בענקעלע" פֿאַר זײַן מאַמען. ער פּײַפֿט שוין אויך... איך ווייס, נישט־קשה, ווער ער איז. קום אַריין, יאָסעלע, שטיי נישט נעבן אַזאַ פֿאַרשוין, —... [178]

און זיי זענען פֿאַרשוווּנדן איבערלאָזנדיק דודלען אַ פֿאַרחידושטן פֿון דעם אומפֿאַרשטענדלעכן, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעשפּילט פֿאַר זײַנע אויגן.

ווײַטער דערציילט זיך אינעם ראָמאַן וועגן נאָך אַנדערע דערפֿאַרונגען און איבערלעבונגען דודלס.

דאָס בוך ענדיקט זיך מיט אַ צוזאָג פֿון דודלען, וואָס „פּײַפֿט שוין אויך..." (איז נאָך נישט קיין „מענטש צום פּײַפֿן"), צו ווערן דעם „שוין נישט יונגן מיידעלעס" חתן.

די גרעסערע דערציילונג, וואָס ווייסענבערג האָט געאַרבעט איבער איר נאָכן פֿאַרענדיקן דעם ראָמאַן דער איבערגאַנג, איז געווען „קינדער". זי דערציילט פֿון אַ בכבודיקן סוחר, אַן אַלמן מיט צוויי זין, די „קעלבאַסעס" זײַנע, וואָס טוען אים אָן האַרצווייטיק און חרפּות־בושות מיט זייערע פּירעכצן און שפּיצלעך. זיי פֿירן דעם טאַטן זייערן צו פֿאַרשידענע פֿאַרדאַכטן און ספֿקות. אין דער אמתן זענען דאָס אומשולדיקע קאַטאַוועסן פֿון קינדער, יינגלעך, זעכצן—אַכצן יאָר אַלט. אָבער דאָס ווערט דער גוטער טאַטע ערשט געוווּיר צום סוף, נאָך די קינדערס אָפּוויוען אַ זומער מיט שטיפֿערישע שטיקלעך און לאַבוסערײַען, וואָס ברענגען אים צו טראַכטן, אַז אָט קערן זיי אים איבער זײַן וועלט און די וועלט בכלל. דאָס ברענגט דעם גוטן טאַטן אַפֿילו צו שעלטן זײַנע זין, אָבער מיט דער ספּעציפֿיש־ייִדישער קללה, וואָס ייִדישע מאַמעס פֿלעגן זיך מיט איר באַניצן ווי, למשל: „אַ כאָליערע זאָל דיך נישט טרעפֿן", און אין „קינדער" שעלט דער טאַטע: „נישט אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן".

מע שלאָגט זיך אַרום מיט איין באַרוועסן פֿוס און איין באַשוכטן, ווײַל דעם אַנדערן קאַמאַש דאַרף מען זיך דאַך וואַרפֿן אין די קעפּ אַריין. מיט איין האַנט האַלט מען זיך צו די הויזן, זיי זאָלן נישט אַראָפּפֿאַלן און מיט דער אַנדערער דערלאַנגט מען זיך אין די גאָלע קעפּ אַריין. אָדער דער גרעסערער תּכשיט הענגט זיך אָן דער דינסט פֿייגען אויף דער פּלייצע, „אַן אַלט מענטש נעבעך פֿון זעכציק יאָר", און זינגט איר אַ לידל אין די אויערן אַריין, „בכן זי איז טויב..." דער זעלבער תּכשיט איז גאָר אַ „טרופֿע", ד"ה ר'איז געפֿאָרן מיט אַ טרופֿע אונטערוועגנס און געקומען צו פֿאָרן „ווי אָפּגעריסן פֿון דער תּליה", אָן די מלבושים. ער האָט זיי פֿאַרמשכּונט, ווײַל ר'האָט נישט געהאַט אויף קיין פֿורל צוריקצוקומען.

און אָט איז דער „אוצר" דאָ צוריק...

קומען פאַר „אונטערהאַנדלונגען" צווישן דעם טאַטן און זיין תכשיט מיט דער הילף פון אַ „פאַרמיטלער", אַ „קליין שטאָפּעטל, מיט אַ פאַרשמירט נעזל און אַ 'ווײדעלע' הינטן פון די מייטקעס אַרויס".

דער קליינער זאָגט אַריינקומענדיק צו לויפן: אַברהמטשע האָט „דיזאַט" דער טאַטע זאָל אים „דעבן" אַ חלה.

— „אַ דאַנצע?" — פרעגט דער טאַטע און גיט באַלד צו, אַז אַברהמטשעלע איז גאָר נישטאָ הי, און אַז ער „איז אַוועק שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי אַ שטיין אין ים אַריין . . ."

לויפט דאָס שטאָפּעטל אַרויס אים אָנזאָגן: „דער טאַטע האָט דיזאַט, אַז דו ביסט נישטאָ הי".

באַפעלט ער אַריין, אַז „ער איז יאָ דאָ הי", און „ער שטייט דאָ. . ."

און דער טאַטע אים: „איך לאָז אים נישט אויף דער שוועל אַרויף".

דערויף ענטפערט אַברהמטשעלע, אַז אויב דער טאַטע שיקט אים נישט אַרויס אַ חלה, גייט ער זיך שמדן, און אויב ער וועט אים נישט געבן צו עסן, גייט ער אַוועק צו דער „קאַראַלינע" עסן חזיר. הייסט אים דער טאַטע זאָגן, אַז ער ווייסט גאָרנישט, צי וואָלטן גוים געוואָלט אַזאַ פּרי ווי ער, און אַז אויב מע וועט אים געבן חזיר אומזיסט צו עסן — מעג ער עסן . . . דאָס האָט אַברהמטשען ווייכער געמאַכט, ווייל ער האָט שוין געבעטן פּשוט אַ חלה, אָן „סטראַשאַקן".

אָבער ווען דער בכבודיקער, שיינער יִיד איז אַהיימגעקומען מיט אַ שווער הארץ פון יום־טובדיקן דאַוונען אין שול, ווו מ'האָט אים געגעבן מפטיר, און ער האָט דערזען, ווי חושך ס'איז פון מענטשן אַרום זיין הויז, ווי מע וואָלט עס אים געוואָלט צערייסן, האָט ער גערעדט צו זיך אַליין:

מילא, אַז כ'האָב אַ קוק געגעבן, ווי פון אונטערן דאַך, דורך אַ בוידעם־לעבל, קוקט אַרויס דעם עלטערן יונגס אָן אויג, ווי דערשראָקן דאָס איז און דאָס פּנים ווי קאַלך, האָב איך ערשט דערפילט די אמתע נקמה.
„צ'האָט שוין אַ גוטע בראָך נאָך זיך . . . — האָב איך מיר געטראַכט, ווייסט כאַטש איין מאָל, אַז גאָט קען שטראָפן פאַר די פּיין דעם טאַטנס: ווייסט כאַטש, וואָס עס הייסט הפקר אַ וועלט. משומדים זאָלן טאָן אַלץ וואָס עס פאַלט נאָר איין. . . . און איך האָב מיר געטראַכט, פון היינט אָן בלי־נדר, נישט אומצוקוקן זיך אויף זיי, ווי אויף די הינט, אַז מען זאָל זיי אַפילו פירן צו דער תּליה, אַפילו דער 'היצעל'* זאָל זיי אויפכאַפּן" . . .[179]

דער גוטער טאַטע נעמט אויך אַ שטעקן צו זיינע זין, נאָר וואָס פאַר אַ טעאַטער דערפון קומט אַרויס ווען דער עלטערער יונג בעט זיך, דער טאַטע זאָל אים געבן כאַטש איין קלאַפּ:

און איך בין מודה־ומתוודה, אַז כ'האָב דעם יצר־הרע נישט געקענט איינהאַלטן, כ'האָב אים געמוזט צוליב טאָן, און נאַ דיר . . . כ'האָב אים געגעבן . . .
נאָר ס'איז אַ יונג מיט אַ בייזער גבורה, מיט פלייצעס, מיט הענט, אייזן קען עס ברעכן. ער פילט אַזוי מיין קלאַפּ, פונקט ווי פון אַ פליג. און, אַז ער שטעלט

* טייטש: הונטשלעגער.

נאָך אַרויס אַ ברוסט, באַלד נאָכן קלאַפּ, קען מען געהרגעט ווערן לעבן איר גלאַט אַזוי, כאָטש איר רירט זיך גאַרנישט־אָן אָן איר ... אָן אייזערנע וואַנט, אימת־מוות אויף איר אַ קוק צו טון.
פאַרשטייט מען דאָך, אַז דאָ הייבט זיך ערשט אָן די אמתע פאַרשטעלונג:
— נאָך, נאָך, נאָך ... — הייבט ער אָן צו פאַרלאַנגען. ... . איך גיב אַ קוק, ווינקט שוין ביי אים דאָס היטל אויפן שפּיץ קאָפּ, ... עס ווינקען ביי אים די אויערן, יעדעס פּיצעלע לייב אויפן פּנים, אַלץ ווינקט. און ס'איז געוואָרן אַזוי, אַז כ'האָב נישט געדענקט אין וועלכן כּישוף איך געפין מיך, וואָס מיט מיר אַליין טוט זיך. עפּעס אַלץ ווינקט ...
און איך ווייס גאַרנישט ווי אַזוי, פרעגט מיך בחרם, דער שטעקן איז שוין ביי אים אין דער האַנט. ער האָט אים מסתּמא, דורך אַ רוף אַזעלכן, אָדער מיט דעם ווינקען אַריבערגערופן צו זיך ...[180]

„קינדער" איז אַ דערציילונג פול מיט הומאָר און לעבנסלוסטיקער טאַטע־ און זון־שפּיל. דערביי ווייזט דער פאָלקסטימלעכער טאַטע אַרויס פיינקייט און חכמה, טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש, וואָס טאַקע איז אים אויך נישט פרעמד אין די דיאַלאָגן און האַנדלונגען מיט זיינע זין.

„אַ רעטעניש" — איז אַ רעטעניש פאַר אַ פאַרליבט מיידל און איר נאָך שטאַרקער פאַרליבטן חתן, וואָס זי האָט געזאָלט מיט אים חתונה האָבן און ער האָט גאָר לסוף חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. די סיבה, וואָס האָט געפירט דערצו ליגט אינעם מיידל אַליין, אָבער זי איז איר אומבאַוווּסט. דאָס רעטעניש וויקלט זיך אויף ביסלעכווייז און ווערט גאָר בולט פאַרן לייענער, אָבער פאַר דעם מיידל גופא, פאַר דער באַעוולטער בלייבט עס פאַרהוילן — אַ רעטעניש.

די העלדין פון דער דערציילונג, ברכהלע, דערציילט וועגן איר געוועזענעם חתן הערשעלע:

... אין שטאָט איז נישט געווען איין מיידל, וואָס זאָל מיך נישט מקנא זיין. זיינע שוואַרצע אויגן און זיין „שיק", גייענדיק איבער דער גאַס, ווי ער רירט קוים די שטיינער אָן, פאַרמאַגט אַפילו אַ פירשט נישט, און דאָס ציט די מיידלעכס אויגן פון אַלע זייטן.
אויף עלטערע שמועסן צווישן זיך:
— אַברהמס טאָכטערס חתן ...[181]

אַזוי איז געווען פון אָנהייב. אָבער שפּעטער הייבט ברכהלע אָן אויסצוטייטשן יעדן באַוועג, יעדן אומשולדיקן זאָג הערשעלעס, צום שלעכטן, מיט חשד. און זי זעט שוין וואָס פאַר אַ „פויגל" ער איז, אויב ער האָט שוין געהאַט אַ שיקסע אין יעקאַטערינאָסלאַוו, ווען ער האָט געדינט אין מיליטער; און אויב ער קען זי לאָזן שטיין בשעתן שפּאַצירן גיין, ווען ער דערזעט נאָר זעלנערס, און געבן אַ לויף אַריבער צו זיי און „האָקן" מיט זיי אויף רוסיש. זעט זי דאָך, אַז „דער וואָלף ציט אָבער פאַרט אין וואַלד אַריין"; און דאָס לאָטעריע־צעטעלע איז מי־יודע וואָס פאַר אַ געהיים בריוול. און אַזוי כּסדר, ביז עס ווערט חושך פון דער פריִערדיקער ליכטיקייט אין שטוב — וואָס איז געווען בשעת די תּנאים־שרייבן. יעדערער שאַרט זיך איצט אין אַ ווינקל. דער טאַטע זאָגט, אַז ער האָט נישט מער צו וואָס צו לעבן.

די מאַמע הייבט אָן פאַרוואַלקנט צו ווערן, אונטערצוקרעכצן הינטער־ווײלעכץ, פונקט ווי אַ קוואַקע, אַז מען טרייבט זי אַראָפּ פון קײשל אייער און מען לאָזט זי נישט אויסזיצן קיין הינדלעך. [182]

הערשעלע זיצט אַ שטילער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ברכהלע קוקט נישט מער אין זיין זייט אַריין, ווייל:

. . . פונקט ווי דער שפּין זיצט אין ווינקל, און די פליג ראַנגלט זיך אין דער מיט שפּינוועבס, אַזוי זיצט ער אָפּ גאַנצע שעהען שטיליטשקערהייט . . . און וואַרט נאָר, פונקט ווי דער שפּין, צוצוגיין און אַריינצושטעקן זיין נעדעלע דער פליג אין קעפּל אַריין . . . [183]

אָט אַזוי האָט ברכהלע געזען איר לאַגע, ביז ס׳איז דערגאַנגען צום צערייסן די תנאים. דערביי איז זי געווען אַזוי פאַרליבט אין אים, אַז זי האָט קיין מאָל מער נישט געוואָלט חתונה האָבן. און הערשעלע — הגם ער האָט יאָ חתונה געהאַט — האָט ער זי אויך מער נישט געקענט פאַרגעסן.

אין אָנהויב פון די 20ער יאָרן האָט ווייסענבערג אויך געשאַפן די גרעסערע דערציילונג „פינף שרעקלעכע מעשיות“ וואָס ער האָט געדרוקט אין המשכים אין אינזער האָפענונג. אַ טייל פון דער דערציילונג איז געבליבן צווישן זיינע נישט פאַר־עפנטלעכטע מאַנוסקריפּטן. אויך האָט ווייסענבערג דעמאָלט געשאַפן אַ גאַנצע ריי קלענערע און גרעסערע דערציילונגען, סקיצעס און פּייסאַזשן, ווי „נישט דאָס“, „פאַרוואַנדלונג“ א״א; די איינאַקטערס, „אומבאַפרידיקטע ליבע“ און „זעלבסטשוץ“. ער האָט אויך איבערגעזעצט מגילת־רות א״נ „די געשיכטע פון רות“.

אין דער גרעסערער דערציילונג „אייפער און געוויסן“ ווערט געשילדערט אַ יונגער־מאַן, אַ מוזיק־לערער, וואָס קומט אויף זומער־וווינונג און פאַרליבט זיך אין דער באַלעבאָסטעס טאָכטער. זי איז אַ שטיפערקע, אַ לאַכערקע און פלינק, אַז ער קען זי גאָרנישט נאָכיאָגן. ער לייגט איר פאָר צו גיין שפּאַצירן אין וואַלד.

— איך בין שטענדיק גרייט . . . — ענטפערט זי מיט אַ געלעכטערל, וואָס צע־שאָקלט אַזש דאָס האַרץ. . . .
— מיט קאַזשעלקעס, צי אָן? . . . — פרעגט זי.
— פאַר מיינעטוועגן — זאָג איך — זאָל זיין, אַז מיט . . . קענסט אַפילו גיין אויף די הענט אויך . . . אָבי דאָס קליידל זאָל זיך דיר נאָר נישט צו פיל פאַר־שאַרצן . . . וואָרן דעמאָלט — זאָג איך — אַנטלויף איך אַרויס פון וואַלד . . .
— נו, נו . . . — זאָגט זי — ע׳מיר שוין זען, ווי דו וועסט אַנטלויפן.
און אַרויפליייגנדיק דאָס לייכטע טיכל אויף די אַקסלען, שטייט זי שוין גרייט און גיט זיך אַליין אַ צי פאָרויס, נאָך פריִער פאַר מיר, און איך גיי איר נאָך פון הינטן.
— וואַרט, האָסט קיין צייט נישט? . . .
— נו, נו . . . מאַכט זי — מיין מאַמע האָט געוואַרט, האָט זי שפּעט חתונה געהאַט . . .
— און גענוג צייט געהאַט — זאָג איך — צו האָבן אַזאַ כּלי ווי דו . . .
— ביסט אויך גערעכט . . . — זאָגט זי — זאָל איך מיך דעריבער — זאָגט זי — נאָכשלעפּן נאָך דיר? . . . איך האָב ליב, אַז מען שלעפּט זיך נאָך מיר . . .

— האסטו יאָ ליב? — פרעג איך — טאָ וואַרט זשע... און איך גיב זי אַ פּאַק אָן הינטן ביים קליידל...
אָבער אַזוי פלינק ווי אַ פויגל און ראַש, ווי אַ סאַרנע גיט זי זיך אַ ריס־אויס פון מיין האַנט און — גיי, יאָג זיך נאָך איר... נישט נאָר וואָס זי איז פאַרויס, נאָר שוין צען מאָל אַזוי ווייט... [184]

און אַזוי לויפט איר דער יונגער־מאַן נאָך דעם גאַנצן זומער און זי גליטשט זיך אים כסדר אַרויס מיט פאַרשידענע קאַפּריזן, מיט אונטערגעשטעלטע קאַרטן־לייגערינס און פאַרפירענישן, אַזוי לאַנג ביז דער זומער גייט פאַרביי און ער פאָרט צוריק אין שטאָט אַריין, אַ באַליידיקטער און אָפּגענאַרטער.

אָבער ווען ער דערזעט זי, נישט לאַנג נאָך דעם, דורכן פענצטער פון זיין וווינונג און פאַרשטייט, אַז זי איז געקומען אים בעטן פּראָטעקציע אַריינצוקריגן זיך אין טעאַטער ווי אַן אַקטריסע (ווייל אַ מוזיקער האָט באַקאַנטשאַפט אין די טעאַטער־קרייזן) פאַרריגלט ער די טיר פאַר איר. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט אים אַזוי געררייצט מיט איר מיידלשקייט — קען ער דאָך נישט פאַרטראָגן איר כיטרעקייט און דאָס ווילן אים אויסניצן פאַר איר אייגננוץ.

פאַר אַזאַ מין סאָרט איז זיין טיר געשלאָסן.

„אייפער און געווויסן" געהערט צו דעם סאָרט דערציילונגען ווייסענבערגס, ווו דעם מחברס פאַראַכטונג צו גיריקייט, כיטרעקייט קומט צום אויסדרוק. דער יונגער־מאַן, דער מוזיק־לערער, איז אויסן פרייד, שפּיל, רייץ וואָס ער זעט אין די און יענע מאָמענטן. דאָס מיידל, הגם זי פאַרמאָגט דאָס אַלץ אין אַ גרויסער מאָס — איז אינעם יונגן־מאַן נישט פאַראינטערעסירט. אָבער אויסניצן זיין פּראָטעקציע וויל זי יאָ, און דערויף קען ער נישט באַשטיין.

צו די דערציילונגען מיטן זעלבן מאָטיוו — הגם גאָר אַנדערש אין אינהאַלט — געהערט אויך „ווידוי".* דאָרט איז אַ ייִדיש מיידל, שׂרהלע, זיך מתוודה פאַר אַ רעדל ווייבער, אַז זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ שייגעץ. ער האָט איר אַ מאָל פאַרגעלייגט, זי זאָל זיך שמדן „און איך בין געווען גרייט", האָט שׂרהלע געזאָגט.

— „גרייט! — האָבן די ווייבער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שאַרפקייט אין די אויגן. . . .
— נו, ווי אַזוי ביסטו פאָרט ניצול געוואָרן?" [185]

און ניצול געוואָרן איז שׂרהלע בלויז דערפאַר, ווייל ווען דער שייגעץ איז אַ פרייטיק־צו־נאַכטס געקומען זי אַרויסנעמען פון שטוב — און אירע פעקלעך מיט די זאַכן זענען שוין געלעגן גרייט אונטערן פענצטער, מיטצונעמען — האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל אויך מיטנעמען פאַר איין וועגס די חלות מיטן טשאָלנט...

און דער אַ זאָג זיינער האָט זי מציל געווען פון שמד.

אין סוף פון די 20ער יאָרן האָט ווייסענבערג געאַרבעט איבער אַ גאַנצער ריי ווערק, מיינסטנס פון גרעסערן פאַרנעם, ווי דער מאָדערנער שד, אַ סצענישער

---

* די דערציילונג „ווידוי" געהערט צו ווייסענבערגס ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד.

ראַמאַן, וואָס שילדערט דעם פּרעסעמענטש, די פּרעסע: „ווי דער גורל פירט", אַ גרעסערע דערציילונג, וואָס איז לויט דער טעמע און אינהאַלט זייער געוואַגט, ספּעציעל ווען מע נעמט אין באַטראַכט די צייט פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען זי איז אַנגעשריבן געוואָרן.

עס טרעפט זיך דאָרט גאַנץ צופעליק אַ פאַרליבט פּאָרל אויף דער באַן, נאָך דעם ווי זיי האָבן געהאַט „איבערגעריסן" און נאָך דעם ווי זי, די העלדין פון דער דערציילונג, מאַשעלע, האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן. איז די איבערראַשונג פון ביידע געווען אַזוי גרויס, אַז ביי איר, מאַשעלען, „האָבן די ליפּן אויסגעזען, ווי אויסגעלערט פון בלוט און ליידיק פון אָטעם".

נאָך דער צופעליקער באַגעגעניש האָבן זיי זיך אָנגעהויבן זען און יעדעס מאָל האָט מאַשעלע אים, יאַסלען, דערציילט אין המשכים איר טראַגעדיע: ווי זי איז אַריינגעפאַלן, ווייל דער „מאַן" איז נישט נאָר קיין מאַן נישט, נאָר אויך קראַנק אויף טובערקולאָז און ער דרייט זיך אַרום אין שטוב, ווי אַ שטיל, דערדריקט נפש, וואָס וואַגט נישט דעם בליק אויפצוהייבן און קיין קול פון זיך אַרויסצוברענגען. אָבער פאַר דער גאַס און דער משפחה, די שוועגערינס מאַשעלעס דער עיקר, דאַרף ער הייסן „אַ מאַן". מוז מאַשעלע נאָך לעבן צו אַלע צרות פאַרשטעלט אויך, און מאַכן אַן אָנשטעל, הייסט עס. טאָר זי וועגן דער עוולה אירער מיט קיינעם נישט רעדן, און דער איינציקער, וועמען זי קען עס יאָ דערציילן, איז דער געוועזענער און נישט־דערגאַנגענער געליבטער.

די דריי שוועגערינס קומען אָפט באַזוכן מאַשעלען, יעדערע באַזונדער מיט גוטע אָנווייזונגען.

איינע, די עלטסטע, קומט זי לערנען ווי אַזוי איינצואָרדענען די שטוב, אָוועק־שטעלן דאָס מעבל.

— דו זעסט, מאַשעלע, די בעטן?
איך קוק מיך אום אַ צעשטרייעטע. איך ווייס וואָס זי מיינט: פאַר וואָס זיי שטייען נישט צוזאַמען. אָבער וואָס קען איך העלפן?
— ס'איז היינט נישט מאָדערן — דערקלערט זי מיר — אַז איינס זאָל שטיין ביי דער, און איינס ביי דער צווייטער וואַנט... [186]

און מאַשעלע טראַכט זיך, אַז דאָס שטעלן די בעטן נעענטער וועט נישט מינערן די גרויסע ליידיקייט צווישן איר און דעם מאַנס האַרץ. זוכט זי נאָך אַ תּירוץ אין געדאַנק פאַרן „פאַרהאַקטן לעבן" אירן. זי זעט, אַז דאָס לעבן ווערט איר וואָס אַ מאָל ענגער, ווייל אויך די בעטן זאָגן אויס דעם סוד פון איר אומגליק און זי זעט, אַז זי „מוז עס וואָס טיפער פאַרבאַרגן קעגן אָפענער שאַנד..." מאַשעלע ענטפערט דער שוועגערין, אַז זי איז אויסן געווען דאָס צימער זאָל אויסזען גערוימער, „אָט טאַקע די ליידיקייט אין צימער...

— אָבער עס פירט זיך נישט אַזוי... — זאָגט זי מיר".

אויך דער עלטער־פעטער, וואָס קומט צו גאַסט שבת, רופט „אַרויס עפּעס אַזוינס, פאַר וואָס מען קען זיך קיין אָרט נישט געפינען..." מאַשעלע שטעלט כּיבוד, און דער פעטער הייבט אויף ס'גלעזל מיטן אָנגעגאָסענעם ווייִן און ווינטשט:

— „אם ירצה השם...״

דער מאַן בלייבט שטיין אַ פאַרשעמטער און מאַשעלע קערט דעם בליק אָפּ. זי וויל נישט אירע אויגן זאָלן מסרן און וויל

אויך נישט זען דעם אויסדרוק פון „אים״, דעם מאַן, בשעת יענער נעמט ביי אים די האַנט און „קוועטשט״ זי אים שטאַרקער, ווי געוויינטלעך, מיט אַ פשוטער אָנצוהערעניש: „פון היינט איבער אַ יאָר״... [187]

זי וויל נישט זען „דעם געשלאָגענעם בליק״ פון איר מאַן. אָבער דער פעטער ווינטשט אים אָן, ביז עס ווערט אין איר מאַנס האַרץ און אין אירן „אַ קאַצניאַמער... און מען גייט זיך פונאַנדער״.

אָבער נאָכן פעטערס אַוועקגיין

הייבט זיך ערשט אָן דאָס אמתע שווייגן... אַזוינס, וואָס קריכט אין אַ גראָען טאָג דאָרך דער שויב אין שטוב אַריין...
מיר האָבן באַלד, קיין מאָל, נישט געהאַט וואָס צו רעדן, נאָר דאָ, זאָל שוין אַזוינס נישט געבוירן ווערן.
די שטומקייט פון צוויי פאַרוואָרפענע צווישן פרעמדע ווענט.
איך שפּיר, ווי די ברעמען זענען מיר שווער אויפצוהייבן, ווי צוויי וואַגעס.
און, מורא האָבנדיק, אַז איך זאָל קיין זיפץ נישט טאָן, שטיי איך אויף די ערשטע פון פאַרן טיש, אַראָפּצונעמען דאָס קאַרפינקעלע מיט די גלעזלעך. די שטומקייט פון אים, שפּיר איך, ווי פון אַ טויבער, גראָבער וואַנט הינטער מיינע פּלייצעס, אָבער וואָס דריקט מיך מיט איר משא. ער דרייט זיך שוין אויך ערגעץ אין אַ ווינקל, ווייט... [188]

און די בעטן, — האָט מאַשעלע אָנגעהויבן צו זוכן עצות, ווי אַזוי זיי צוזאַמענצורוקן, אַזוי אַז ס׳זאָל אויסקומען צופעליק, אויב נישט, וועט ער זי נאָך חושד זיין, אַז זי מאָנט עפּעס ביי אים. זי מוז דאָס טון, האָט זי געטראַכט, ווייל די צוויי בעטן זענען ווי די צוויי מוסרים און „זייער טרויער, וואָס זיי רופן אַרויס, זײַענדיק געגליכן צו צוויי שטומע, באַזונדערע קברים״, וועקט נאָך רחמנות צו איר, מאַשעלען.

האָט זי אַריינגערופן די סטרוזשקע, ווען דער מאַן איז אַהיימגעקומען פון געשעפט און זי האָט גענומען פּראַטירן די פּאַדלאָגע. ווען די מיט פּאַדלאָגע איז געווען אָפּגעפּוצט, האָט זי געהייסן דער סטרוזשקע איבעררוקן איין בעט אין דער מיט שטוב, כּדי זי זאָל קענען אויספּראַטירן דאָס ווינקל און דערנאָך דאָס זעלבע — מיטן אַנדערן בעט...

אַ צווייט מאָל קומט די מיטלסטע שוועגערין לערנען זי, וואָס צוצוגרייטן צום עסן. און מאַשעלע מוז אויף זיך אַכטונג געבן נישט אַרויסצוזאָגן דעם אַנדערן מיין, וואָס זי לייגט אַריין אין די ווערטער וועגן שפּייז.

דערנאָך קומט די דריטע שוועגערין, די ייִנגסטע. זי ווידער לערנט שוין מאַשעלען, ווי אַזוי זיך צו קליידן מיט געשמאַק, אַז ס׳זאָל זיין צוציִענדיק פאַרן אויג: וועגן די ווייכע סאָרטן שטאָפן, וואָס וויקלען זיך אַרום דער פיגור לויט ווי אַ מענטשלעך אויג באַגערט זי צו זען, און וועגן גלאַנציקן שטאָף, וואָס „שאַרזשעט ווי

בלעך". און אַז אַ מאַטער, ווייכער שטאָף „פלוישט זיך נישט און בלאָזט זיך נישט, ווי ביי אַ גלאַנציקן, נישט ווייכן שטאָף..."

דאָרט ווייסט מען נישט, וווּ איין ווינקל פיגור ענדיקט זיך און, וווּ דאָס צווייטע הייבט זיך אָן... ווייל, אין גלאַנץ, וואָס שלאָגט אָפּ אַרום, שפּיגלט־נאָך די פיגור אין דער ברייט... מען ווייסט נישט וווהין זי פאַרלויפט... און, וווּ ס'איז אַ טונקעלער אָרט און, וווּ עס שלאָגט אָפּ דאָס אַרויסגעהויבענערע העלער...[189]

אַזוי האָט די שוועגערין מאַשעלען געלערנט און האָט אויפגעוועקט אין איר „מיט דער ווייכקייט פון אירע טענער אַזאַ מין באַהאַלטענע ליידנשאַפט", אַז זי האָט געשפּירט, ווי דער קאָפּ איז איר „באַטויבט פון אַ שיכּרות".

און, אַז זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט, האָט זי נאָך, נישט אַנדערש, ווי אָנגעקניפּט מיר די באַקן און געקושט מיך, ווי דער ערשטער, בעסטער לאַבוס... נישט אַנדערש ווי נאָר אין די ליפּן... מיין לאַגע איז געווען, נאָר פון זינען אַראָפּצוגיין. איך בין דאָך איר נאָכגעגאַנגען אונטער דער טיר, פונקט ווי זי וואָלט מיינער אַן „ער" געווען...[190]

מאַשעלעס מאַן לעבט נישט לאַנג. ער האָט דאָך אויך קראַנקע לונגען געהאַט. און אַזוי בינדט זיך אויף דער זייער נישט גלייכער שידוך.

„ווי דער גורל פירט" צייכנט זיך אויס מיט גרויס קענטעניש פון דער פּרויען־פּסיכאָלאָגיע און — ווי געזאָגט — געוואַגטקייט. נאָך דעם מאַנס טויט וואָלט יעדע פרוי שוין אויסגעהאַלטן און געשפּילט די ראָלע נאָך אַ ביסל לענגער, ביז נאָך דער שיבעה לכל־הפּחות. מאַשעלע אָבער נעמט נקמה פאַר איר עוולה, פאַר אָפּגענאַרט ווערן, גראָד ווען דער מאַן איז שוין טויט. אַזוי ווייט, אַז דער געליבטער, וואָס וויל זי נישט לאָזן אַליין אין אַזאַ צייט — דאַרף זי צוימען און אָפּהאַלטן פון פאַרשוועכן דעם געשטאָרבענעמס נאָמען.

אין זיין לעצטן שאַפונגס־פּעריאָד האָט ווייסענבערג צוו"א אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע אין דריי אַקטן דער נייַער מאָרגן. די שיינע טאָכטער פונעם מילנער פאַרליבט זיך אין אַ שייגעץ און אַזוי שטאַרק, אַז זי קען זיך נישט אָפּזאָגן פון אים און גלייכצייטיק קען זי זיך נישט אָפּזאָגן פונעם טאַטן אירן, דעם פרומען ייִד. העפט זי אויס אַ טישטעכל און פלעכט אַריין דערין אירע פאַרבאָרגענע חלומות.

אַ צווייטע דראַמע אין דריי אַקטן האָט ווייסענבערג אין יענער צייט געשאַפן א"נ דער לוין פון ליבע, ווי אויך די עסייען: „וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?", „טראָצקי, סטאַלין און פאָלק", „ווער מיט וועמען?", „אַ שמועס מיט די ליטעראַטור־פּיאָנערן וועגן זייער אויפגאַבע", „די לעצטע זעונג", „בענע קריק", „מאַנטנע וואַסער" און די פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונג די וועלט ווי אַ טרוים.

אין די וועלט ווי אַ טרוים קומען דעם מחבר צו חלום האַמלעט, דער געלערנטער, דער בעל־שם און בעטהאָווען. ער האָט מיט יעדן פון זיי אַ שמועס וועגן עקסיסטענץ אין אירע פאַרשידענע פאָרמען: וועגן גאָט, דער וועלט, משיחן און דעם מענטש. עס ווערן דערמאָנט עטלעכע וועלט־פיגורן: משה, קריסטוס, בודהאַ, דאַרווין, מיקעלאַנדזשעלאָ, שעקספּיר, נעראָ, נאַפּאָלעאָן און ניטשע.

די וועלט ווי אַ טרוים הייבט זיך אָן אַזוי:

תחילת אָוונט האָט נאָך דאָס שטיקל לבנה־שערף אַריינגעקוקט צווישן דיביימער זינקענדיק אין דרום־מערב. דערנאָך איז געוואָרן די נאַכט פינצ־טערער, שטילער און שפּעטער, ווי עמעץ וואָלט אַ כּישוף אַרויפגעוואָרפן אויף דער וועלט — אָפּגעמעקט אַלץ, וואָס לעבט.
איך ווייס נישט וויפל דער זייגער איז געווען; ווען כ׳האָב אַראָפּגעדרייט דעם לאָמפּ און איינגעדרימלט, איז צו מיר געקומען האַמלעט אין אַ נאַכטיק, גע־וועבטן מאַנטל אויפגעהאָנגען אויף די אַקסלען, ווי אין אָוונט־קילקייט. . . .
— מערקווערדיק, — זאָג איך — אַז דער פּרינץ פון דענמאַרק האָט אַפילו אין דענמאַרק קיין מאָל נישט געוווינט.
— מערקווערדיק. — האָט ער אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — אָבער כּדי צו זיין אויף דער וועלט, מוז מען דווקא וווינען אויף איר מיט אַ בעט? [191]

האַמלעט ברענגט אַרויס אין פאַרשידענע פאָרמולירונגען דעם געדאַנק, אַז כּדי צו זיין אויף דער וועלט, מוז מען זיין נישט ווער מע איז, נאָר מע מוז האָבן דער וועלטס אַלזיין, איר אָפּשפּיגלונג; וואָס ווייניקער מע איז, ווער מ׳איז און וואָס מער, ווי די וועלט — דעמאָלט איז מען זי — די עקסיסטענץ.
אויף דער פראַגע, צי זענען נעראַ, נאַפּאָלעאָן געווען אויף דער וועלט — פאַלט דער ענטפער, אַז זייער פאַקטיש זיין — רעכנט זיך נישט. זיי האָבן געמוזט זיין „צו פיל אַזוינס, וואָס איז נישטאָ, . . . צו פיל לעגענדע, אַז עפּעס זאָל זיי קענען פאַרלייקענען״.
דעם מחבר קומט אויס שווער צו „קלעטערן״ אויף דער דינקייט פון אַזאַ געדאַנק, וואָס פאַרלאַנגט אויסערגעוויינטלעכע „פילבאַרקייט און לייכטקייט, אַז ער זאָל זיך נישט איבעררייסן, אָדער גלאַט פאַרלירן״.
ער בעט האַמלעטן פּאָזיטיווערע ביישפּילן.
און האַמלעט זאָגט, אַז „פיזישע ביישפּילן״ קען ער ברענגען,

די אַנדערע ביישפּילן אָבער, וואָס זענען געגליכן נאָר צו טענער, די מוזטו דיר שוין אַריבערפירן נאָר דאַרך דער אייגענער בריק, דאַרך דער אייגענער נעץ, וואָס ליגט ווי אַן אַנבינדונג צווישן דיר און דער גאַנצער עקזיסטענץ. [192]

דער מחבר בעט צו געבן צו אים „צו פאַרשטיין נאָך טיפער״.
— „נאָך פלאַכער, מיינסטו, נאָך פיזישער״, זאָגט האַמלעט.
ס׳קומט פאָר אַ געדאַנקען־אויסטויש, ערטערווייז אַזוי דין און פיין, ווי געוועבט פון שטראַלן און לופט, נישט קיין ווערטער.
מ׳קען לייכט נכשול ווערן ביים פּרוּוון זיי איבערצוגעבן. מע דאַרף אַליין לייענען די וועלט ווי אַ טרוים, כּדי צו דערשפירן די השפּעה פון די פאַר־שטאָרבענע גייסטער אויף דער וועלט; פאַרשטאָרבענע גייסטער, וואָס רעדן אין טערמינען פון אייביקייט, מיט אַ לשון פון אייביקייט, אין אַן אַטמאָספער פון שפּעט־נאַכטיקער שטילקייט. זייערע באַגריפן וועגן עקסיסטענץ, וועלטבאַשאַף, גאָט, מענטשהייט און גערעכטיקייט — פאַלן זיך צונויף.
דער צווייטער באַווייזט זיך אין חלום דער געלערנטער, דער אינזשעניר. ער

אַנטפּלעקט זיך אינעם לייכטן שלאָף פונעם מחבר אויף דער ערד, וואָס הוידעט זיך אין דער פאַרעם פון אַ גלאָבוס — מיט אַ מעסטמאָס אויסצומעסטן, וויפל קוואַדראַט מיליאָן מייל אומענדלעכקייט מען דאַרף האָבן צו פאַרמירן אַ לעבן אויף אַזאַ מאָסע ווי די ערד איז: „עלעהיי וויפל זויערשטאָף דאַרף האָבן אַרום זיך אַ פלעמל פון אַן אַכטער לעמפּל", ווייל מ'איז דערגאַנגען, אַז די ערד ברענט, ווי אַ קנויט, דערציילט ער דעם מחבר אויף ס'ניי. (געמיינט דערמיט, אַז וואָס דער געלערנטער זאָגט, האָט שוין פריִער דער דענקער געזאָגט.)

דעם לענגסטן שמועס האָט דער מחבר מיטן בעל־שם וועגן דער אומענדלעכ־קייט און דער צוועקמעסיקייט פונעם וועלטבאַשאַף. אויך וועגן דעם מענטש און משיחן. דער מחבר פרעגט:

— ווער איז די אומענדלעכקייט? — . . .
— די גאַנצע ערד מיט אַלץ, וואָס איז ערדיש איז איר מאָגן. — . . . אים שפּייזט זי, דערנאָך קערט דאָס אַלץ צוריק אין איר.
— איז זי דער ערדס בלוט־געפעס, וואָס שפּייזט זיך ווידער צוריק פון איר?
— יאָ. איינס שפּייזט זיך פון דעם אַנדערן.
— איז די גאַנצע וועלט־שאַפונג יענער וואָרעם, וואָס באַפּרוכפּערט זיך אַליין פון אייגענעם זוימען?
— ס'איז אַ גלגל החוזר. — האָט ער געענטפערט — כל הנהרים הולכים אל הים, והים איננו מלא. . . . עס ריזלט און רינגלט כסדר אַהין און צוריק. וויפל עס קומט צו, אַזוי פיל קומט אָפּ. בעסער געזאָגט: עס איז איינס — איין קערפּער, איין גוף.
— וואָס פאַר אַן אָרעמע גרענעצן די וועלט האָט באַקומען. און, צו וואָס זאָל איך מתרעם זיין אויף איר רייכקייט און אונדזער געפאַלנקייט, אַז דעם זעלבןביישפּיל פון אונדז זע איך אויך אין איר.[193]

דערויף איז דעם בעל־שמס ענטפער געווען, אַז די וועלט איז טאַקע אָרעם, אָבער קיין אומרעכטן געשעען נישט. דער וועלטבאַשאַף איז גרויס אין זיין איינ־הייטלעכן געזעץ. אַן אומרעכט וואָלט געווען, ווען אַלץ וואָס איז געבוירן געוואָרן, וואָלט זיך געוואָלט אויף אייביק פאַרהאַלטן אויף דער וועלט און דערמיט אָפּהאַלטן דאָס קומען פון אַנדערע אויף אונדזער אָרט, און אַז דאָס איז די מאָראַל פון דער וועלט. דער בעל־שם זעט דעם אָנהייב אינעם סוף און דעם סוף אינעם אָנהייב. ער זאָגט:

...די זון, קענסטו זיין זיכער, ווען זי וועט דאַרף לאַנגן שמעלצן זיך, אויס־דעמפן און אונטער דער ווירקונג פון די ווייטקייטן וועלן אירע דאַמפן אַוועק אין אַנדערע ערטער, וועט זי דאָרט נאָך אַ מאָל געבוירן ווערן.[194]

זיינע געדאַנקען זענען אָבער גאָר נישט קיין דערפרייענדיקע פאַר דער מענטש־הייט. „נישט האזינו און זאת הברכה האָט זיי משה געדאַרפן לאָזן הערן". דער בעל־שם פרעגט, צו וואָס משה האָט געגעבן די מענטשן געזעצן, וואָס זיי זאָלן גלייך פאַרשוועכן, און צי האָט ער געקענט די מענטשנס כוונה מיט ליגנס און „גיריקייט צו בויען זיך אויפן צווייטנס גוף?" אויב ער האָט דאָס געוווּסט, האָט ער נישט געטאָרט זיי צוזאָגן דאָס גוטע, וואָס זיי האָבן אַליין מיאוס געמאַכט.

צו וואָס דאַרף דען דער מענטש פון טאָל אַ וועלט, וואָס איז העכער איבער אים? ווי האָט ער געקענט פון הימלס טוי רעדן פאַר זיי אַן מורא, אַז זיי וועלן דעם הימל אויך אויסמעלקן און איבערלאָזן אים ווי אַ ליידיקע אייטער. ווער שמועסט, אַז דאָס וועט זיך לאָזן טאָן אין דער שטיל, אַז דעם צווייטן זאָל נישט אָנקומען אַ חלק דערפון? [195]

מע טאָר דעריבער די מענטשן גאָרנישט צוזאָגן, ווייל ס'איז גאָר נישט פאַראַן די אָרדענונג, וואָס זאָל זיי העלפן אָפּשאַפן „דאָס געזעץ פון שטופן זיך פאָרויס איינער פאַרן צווייטן". דעריבער זעט דער בעל־שם „זייער וועג נאָר דאָרך אַ טייך פון בלוט".

דער מחבר האָט טיף באַדויערט מיט וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט דעם מענטשנס טראַכטן וועגן זיך, ווי וועגן דער קרוין פון דער נאַטור און זיין אַרומ־טראָגן זיך מיט פלענער וועגן „אַ שור־הבר־צייט און, אַז די גאַנצע וועלט וועט פאַר־וואַנדלט ווערן אין עפּעס גרויס".

דער בעל־שם האָט דאָס צו נישט געמאַכט.

... אין דעם האַסטיקן לויף פאַר דעם לעבנס־וואָגן, וווּ אַלע שטופּן זיך און יעדער וויל זיין פאָרויס, קומען אַזעלכע געדאַנקען אַלס טרייסט אויף די שווערע פאַרברעכנס, וואָס שווערן אַראָפּ פון די אַקסלען פון יעדן לויפער. וואָרן, ווייז מיר, ווער פון אייך האָקט עס נישט אָפּ דעם צווייטן די זייטן וועלנדיק זיך אַרויסשטופן פאָרויס.

זיי, די מענטשן, הייסט דער בעל־שם זאָגן, אַז:

די מענטשהייט האָט זיך אויסגעטראַכט אַ משיח, וואָס זאָל זיי דינען פאַר אַ סימבאָל, ווי ווייט ס'איז געזיכערט זייער הפקרות און, אַז די איידלקייט איז דערווייטערט פון זייער גבול און שטייט געבונדן אויף קייטן. [196]

נאָך הייסט ער זיי זאָגן, אַז אין זייער אויג, וווּ עס טאַיעט זיך די גיריקייט, „ליגט שוין די נעסט פאַר דער אייביקער קללה אויף זיי".

דערפאַר גייט דער בעל־שם באַפרײַען משיחן.

— „צו ברענגען אים צו די מענטשן?" — האָט דער מחבר געפרעגט.

— ניין, אויסצולייזן אים פון זיי. נאָך בבל, וואָס האָט אים געבונדן, זענען שוין געווען הונדערט אַנדערע און זיי האָבן אים אויך נישט עפּעס אַנדערש געטאָן. . . . ער קען נישט מער האָפן, אַז בבלס שקלאַפן זאָלן נישט ווערן קיין הערן, נאָר בלייבן מענטשן. אויך דאָ איז דער זעלבער גלגל החוזר און משיח וועט בלייבן אייביק געבונדן.

דעריבער מוז דער בעל־שם אים באַפרײַען, ווייל משיח איז שוין אַריינגעפאַלן אין ייִאוש. ער מוז דאָס טאָן, ווייל:

דאָס וועט זיין די פאַרדינטע שטראָף פאַר דער וועלט און די דערבאַרעמ־דיקייט איבער דעם אייביק געפּייניקטן. איך שווער דיר, אַז ס'איז מיר טייערער צו פאַרהיטן איין מינוט לויטערקייט פון דער לאַסט פון האָפענונגסלאָזער פּיין, איידער אַ גאַנצע וועלט פרעסערס — פון אַכזריותדיקייט. [197]

דער בעל־שם האָט זיך געקליבן אַװעקצוגיין דורכן פענצטער.

דער מחבר האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס דורכן פענצטער? — ער „מוז נישט גיין אויף דעם וועג, וואָס אַלע גייען" — איז געווען זיין ענטפער. דער מחבר האָט געפילט דעם בעל־שמס גרייטקייט מקריב צו זיין זיך פאַר דער וועלט. „אָבער אַלץ האָט אַראָפּגעלויכטן דער ברוגז פון זיין פּנים; אַ הויכער, אַן איידעלער ברוגז. . . . און איך האָב מיר געווונטשן אייביק אַזעלכע געטלעכע חלומות", האָט דער מחבר געחלומט.

ער האָט געטראַכט נאָכן בעל־שמס פאַרשווינדן, אַז ער האָט פאַר אים אַ סך אַנטפּלעקט יענע נאַכט, און אַז דער בעל־שם „האָט עס אַזוי גענוי גענומען, ווי גאָט אַליין. אויך דער ברוגז זיינער, זעט אויס, ווי פון יהוה'ן".

נאָכן בעל־שם האָט זיך באַוויזן בעטהאָווען און ער האָט אויך געהאַט וואָס צו זאָגן אין שייכות מיט דעם אַלעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן יענע נאַכט:

„לויט דעם כּלל פון אַלץ וואָס ס'איז איז נישט" און אַלץ איז אַזוי אומבאַשטימט, האָט דער מוזיקס געשטאַלט אויך נאָך קיינער נישט געזען, אָבער זי איז

. . . ווייט אין אַלע רוימען אַן אַן אָנהייב, אַן אַן אויסלאָז. קיינער ווייסט נישט צי זי איז אַן עקזיסטענץ, ווייל זי איז אַליין דער אָטעם פון דער וועלט. . . . זי איז אַליין דער דפק פון אַלץ. . . . , ווייל אַלץ איז באַוועגט פון איר טאַקט. [198]

אויפן מחברס פראַגע, ווער די מוזיק איז, האָט בעטהאָווען געענטפערט, אַז זי איז:

האַרמאָניע. זי גרופּירט, ווו מען דאַרף, זי צעלייגט, ווו ס'איז איבעריק. זי צעשיידט און באַהעפט, נעמט אַראָפּ און לייגט צו, אַז עס זאָל זיין אומעטום גלייך, אַז עס זאָל דערהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון מאָס און וואָג און טאַקט. קיין מענטש איז נאָך נישט געשטאָרבן, איידער דער טאַקט ווערט אין אים אומ־רעגלמעסיק, נאָך נישט געבוירן געוואָרן — איידער די אימפּולסן פון זיין מוטערס שויס האָבן זיך נישט מעכטיק אויפגעהויבן. [199]

דער מחבר האָט דערויף געפרעגט, צי די מוזיק איז געווען פריִער פאַר אַלעם, פאַרן וועלט־באַשאַף, און בעטהאָווענס ענטפער איז אויך געווען — פּונקט ווי דעם בעל־שמס — אַז קיין פריִער איז נישט געווען. דער עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמען מיטן גאַרנישט, און — ווי דער בעל־שם — זאָגט בעטהאָווען, אַז איינס רינגלט אין אַנדערן, אָבער דער טאַקט איז דאָ אין דער געקייטלטקייט פונעם כּסדרדיקן רינגלען, אַזוי אַז גאַרנישט האָט געקענט זיין אָן אים און במילא איז מסתּמא די מוזיק דאָס וויגעלע פון דער וועלט.

— ווען די וועלט — האָט ער ווייטער געזאָגט — נישט בלויז די ערד, האָט נאָר דעם ערשטן פּראַטובעראַנץ אָפּגעקילט און אין זיין הייל, וואָס איז געבליבן פאַרגליווערט נישט אויפרייסנדיק, זענען פון באַלקן די ערשטע צוויי טראָפּנס אָפּגעזעצטע פאַרע אַראָפּגעפאַלן צום האַרטן באָדן, האָבן זיי שוין דעמאָלט אָנגעקינדיקט איר דער האַרמאָניעס זיין, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער אַלע וועלטן. [200]

בעטהאָווען דערקלערט נאָך ברייטער, ווי ווייט טאַקט איז האַרמאָניע, וואָס

האָט אויך ליב די גערעכטיקייט, דאָס גלייכע פּאַרטיילן; דאָס וואָס עס שטערט „די טריט פונעם גאַנג — אָפּצושאַפן, דאָס טאַקטפולע אַרויסצוברענגען, די וועלט זאָל זיך נישט צונויפפאַלן, נישט פונאַנדערפאַלן".

בעטהאָווען האַלט, אַז די מוזיק איז „די גרויסע געטלעכקייט, וואָס פּילט איבער אַלע וועלטן".

צוליב וואָס, אויב אַזוי — פרעגט דער מחבר — האָבן די מענטשן נישט געדינט צו איר, נאָר געדאַרפן זוכן אַנדערע געטער?

זיי האָבן יאָ געדינט און דינען נאָך היינט — איז געווען בעטהאָווענס ענטפער. אָבער פּונקט ווי דער בעל־שם, האַלט בעטהאָווען, אַז „דאָס בייז איז נישט אָפּצושאַפן" און אַז „די געשיכטע אין דעם געבורט פון דעם מענטשלעכן מין איז מיאוס פאַרקראָכן". און עס ווען אים נישט העלפן קיין שום געטער, נישט די אַלטע און נישט די נײַע; נישט משה, נישט קריסטוס, נישט מיקעלאַנדזשעלאָ, נישט שעקספּיר. אויך נישט ער, בעטהאָווען. די מענטשן האָבן זיך נאָר בלויז צוגעהערט צו אים אַ קליינע ווײַלע,

> אָבער דערנאָך, אָפּגעווענדט פון דער מוזיק, בלייבן זיי ווייטער איבער אין רשות פון שלעכטס, פּונקט ווי נאָכן קניִען פאַר גאָט. [201]

ווען בעטהאָווען האָט שוין געהאַט צוגעגעבן אויך זיין וואָרט וועגן דעם אָרט, וואָס די מוזיק פאַרנעמט אינעם גרויסן פאַרנעם פונעם וועלטאַל, איז ער אויך אַוועק — און דעם מחברס „חלום איז געווען פול".

צו די הויפּט־ווערק פון ווייסענבערגס לעצטן פּעריאָד שאַפן געהערט דער 10־בענדיקער ראָמאַן אין דער טיפער אייביקייט וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין 1933. דאָס ווערק נעמט אַרום אַ וועלט מיט מענטשלעכע פּראָבלעמען. דער מחבר פירט דאָרט אַריין אַן אַ שיעור כאַראַקטערן און זייערע קאָנפליקטן: באַעוולטע און באַעוולערס, באַשולדיקטע און באַשולדיקערס. ווייסענבערג, דער שופט, הערט זיי אַלע אויס און קומט צו דער מסקנא, אַז קיינער איז לעולם נישט שולדיק — דער גערעכטער און אויך דער אומגערעכטער האָבן סיבות פאַר זייערע האַנדלונגען איןביידע פאַלן.

אייגנטלעך קען מען שוין געפינען דעם שורש פון דער דאָזיקער פילאָסאָפיע: „קיינער איז נישט שולדיק", אין זיין ראָמאַן דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דער־וואַקסונג וואָס ער האָט געשאַפן מיט יאָרן פריִער, פאַר אין דער טיפער אייביקייט. דאָרט, אין דער איבערגאַנג, הייבט אַן עלטער געוואָרן מיידל אויף אַ האַנט אַ פּאַטש צו טאָן אַ קליין ייִנגל פון עלף יאָר, בלויז פאַר זיינס אַ פּייף טון אונטערן פענצטער. דאַכט זיך — אַן עוולה פון איר. דאָך טייטשט דער מחבר אויס און דערווייזט ווי מע קען דאָס מיידל נישט באַשולדיקן דערפאַר, אָנגעבנדיק די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו אַזאַ טאַט: איר פאַרביטערט לעבן, דער עיקר, און אַנטוישונג צוליב אַ לאַנג־אויסגעצאַרטן ווונטש, וואָס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין דער טיפער אייביקייט איז אָבער געגעבן געוואָרן אויף אַ ברייטערער קאַנווע און דער מחבר פירט דאָרט אַדורך אַ גאַנצע גאַלעריע מיט געשטאַלטן און סיטואַציעס.

אַן אָפּהאַנדלונג פונעם קריטיקער יצחק בערנשטיין געפינט זיך אין דער מאָמענט:

די פילאָזאָפיע פון לעבן

(אויפן ראַנד פון י. מ. ווייסענבערגס ניי דערשינען ווערק אין דער טיפער אייביקייט)

אַן אוצר מיט פאַרשטעלונגען, געשעפּט פון קוואַל פון פאָלקסטום און געזען מיט די אויגן פון דענקער. די קאַנווע פאַר אַדורכפירן די אידייען איז די פאָלקס־פאַרשטעלונג — מנהגים, גלויבונגען וועגן דער און יענער וועלט, לעבנס־געשיכטן, געשילדערט אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן. אַלע גרויסע שעפערס פון דער ראָמאַנטישער עפּאָכע האָבן געשעפּט פונעם פאָלקס־ברונעם. ביי אונדז האָבן עס געטאָן מיט באַזונדערער ליבע י. ל. פּרץ און ש. אַנ־סקי אין זייערע ווערק.

ווייסענבערגס ניי דערשינען ווערק אין דער טיפער אייביקייט איז אַ דער־שיינונג אין אונדזער ליטעראַטור, נאַציאָנאַל און יידיש־פאָלקסטימלעך לויט דער פאָרעם און אינהאַלט און דערביי אוניווערסאַל.

אין דער אייביקייט האָט דער מחבר געפונען אָפּרו פאַר זיין טעמפּעראַמענט. ער איז דאָ דער גערעכטיקייטס־מאָנער, אָבער מער סניגור, ווי קטיגור פון די מענטשלעכע שוואַכקייטן. אין בוך הערשט שטילקייט, דיליידנשאַפטן זענען אָפּגעקילט און שטיל פאַרשלייערט. אין יאָר זעקס טויזנט פינף הונדערט האָט מען אים אַראָפּגעשיקט פון דער פמליא של מעלה צו פּסקענען די וועלט זכאי אָדער חייב, און ער נעמט אונטער אַן אויספאָרשונג, ווי אַ ריכטער און אַ רבי, ווי אַ פּסיכאָלאָג־אַנאַליטיקער. דאָס בוך איז רייך אין לעבנס־בילדער און לעבנס־סיטואַציעס, דערביי ווערט יעדע דערשיינונג באַטראַכט פון פאַר־שידענע אָבסערוואַציע־פּונקטן. די דערציילערישע פאָרעם איז באַהויכט פון ביבלישער רויִקייט, די פאָרעם איז אידיליש.

לעבן פאָלקסטום איז דער צווייטער עלעמענט פון ווערק עראָטיק. עס ציט די אויפמערקזאַמקייט, סובטילקייט אין טאָן און אויסגעהאַלטנקייט פון שטילן און גלייכן אָטעם פאַר דער גאַנצער שטרעקע פון בוך.

דאָס בוך איז אַן ערשטער טייל. שווער פאַרויסצוזען די קאָנצעפּציעס אין זייער אַדורכפירונג און די ווייטערע טיילן פון ווערק. ווייסענבערג האָט נישט ליב צו דערציילן פאָרויס.

אָבער שוין אין דעם ערשטן טייל איז דאָ גענוג מאַטעריאַל צו אַנטפּלעקן די פילאָזאָפיע פון ווייסענבערגן אויף אַזעלכע געביטן, ווי ליבע און לעבנס־קאַמף. ווייסענבערג איז אָבער קינסטלער און זיין פאַרציילונג האָט אין זיך גראַציע, נאַטירלעכקייט, פּשטות, שפּיל.

דאָס וועלט־בילד פון י. מ. ווייסענבערגן איז אין זיין טיפסטן תּוך אַן עסטעטיש בילד: דאָס לעבן און זיינע פּאַסירונגען זענען שטרייפן פאַרבן און ליכט, וואָס וויקלען זיך פאַנטאַסטיש. די האַנדלונגען פון די מענטשן זענען מיסטעריעז: יעדער האַנדלט, ווי ער מוז און איז אין תּוך גערעכט פאַר זיך. דאָס שיינע און דאָס גערעכטע — איז ביי ווייסענבערגן איינס און דאָס זעלבע. דאָס עטישע געפיל איז אַ טרייב־קראַפט צו שיין לעבן. אָבער פולע לעבנס־שיינקייט באַדייט דאָס פולע אויסלעבן זיך פון מענטש אין הסכם מיט דער נאַטור. און דעם שטייט אויף דער שטער דער לעבנס־דראַנג פון אַנדערע יחידים, און עס שאַפט

אַפּווייכונגען און קאַליזיעס אין לעבן. ווייסענבערג באַהאַנדלט די אור־פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן. אָבער אַמשטאַרקסטן באַזינגט ער די ליבע. ער זעט די וועלט אויסגעפּילט מיט איר הויך, מיט דעם טריומף־געשריי פון דער ליבע, מיט די שטומע קרעכצן פון נישט אויסגעלעבטער ליבע. די אידיליע פון יידישער אייגנאַרט איז גלייכצייטיק אַן עפּאָס וועגן ליבע און ליידן. כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דעם בוך זענען נישטאָ קיין נעמען. איז עס סימבאָליש: אַזוי זענען זיי די מענטשן אַלע אויף דער וועלט.

* * *

לאָמיר אויף אַ ווײלע אַריינקוקן אין קאַליידאָסקאָפּ פון די לעבנס־געשעענישן וואָס ווערן געשילדערט אין בוך.
אַ יינגל, אַן אידיאָט און עפּילעפּטיקער, איז אַ שווערע לאַסט פאַר דער משפּחה, און די שוועסטער רוימען אים אָפּ אויף אַ ראַפינירטן אופן — בעטן אים אויס אַ געלעגער מיט פיל בעטגעוואַנט, ווען זיי ריכטן זיך, אַז ער וועט באַקומען דעם עפּילעפּטישן אַנפאַל. ס'איז אַ מאָרד מיט פּרעמעדיטאַציע פון שוועסטער ביי שטיל־שווייגנדיקער הסכּמה פון דער מוטער, אָבער די שוועסטער און די מוטער האָבן פיל געליטן, און דער אידיאָט איז דאָך געווען פאַראורטיילט אויף אַ זייער טרויעריק וועגעטירן. צי דאַרף זייער טאַט פאַראורטיילט ווערן? זכּאי, צי חייב? — עס וואָלט געווען אַ טעמע פאַר אַ גאַנצער דראַמע, ביי ווייסענבערגן איז עס אַן עפּיזאָד צווישן צענדליקער אַנדערע, אָבער קורץ און געשליפן געשילדערט.
אַ שמיד ווערט דורך זיין שטיפזון באַליידיקט און פאַרוווּנדעט דורך אַ שטאָך פון אַן עקבויער אין ברוסט. הערט אויס דער שופט ווייסענבערגביידע צדדים, זייערע פאַרבאָרגענע פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון און קומט צום באַשלוס, אַז אַלע ביידע צדדים זענען אומשולדיק.
אַ לץ פירט אַרום אַ שטאָט מיט מענטשן ביי דער נאָז, שרעקט זיי מיט שדים און מתים און דער עולם באַשטייט פון קעלבער. די נאַראָנים בעטן גאָט, מען זאָל זיי אַרומפירן ביי דער נאָז מיט אויסגעטראַכטע מעשיות, אָבער אויך דער באַטריגער, דער לץ האָט זיין מיסיע צו דערפילן אין לעבן. ער לייזט אויס דעם עולם פון טאָג־טעגלעכער גראָקייט און גיט זיי אילוזיעס, וואָס באַרייכערן זייער לעבן.
אָדער אַן אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער סיוזשעט, פאַרזעסענע מיידלעך. אין אַ זומער־פאַרנאַכט קומען צום מחבר זעקס מיידלעך פאַרזעסענע, איינגעהילט אין שווערע טיכער און דערציילן זייער טראַגישן גורל: אַ בעדערס אַ טאָכטער האָט געצויגן צו עפּעס העכערס. זי האָט נישט געקענט זיך דעציידירן, אַז עס זאָלן זי באַרירן גראָבע, שוסטערישע הענט. אין איינער האָט זיך פאַרליבט דער שוואָגער און די שוועסטער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד — האָט זי דערזען דאָס „נישט גלאַטקייט" פון לעבן און איז פאַרבליבן אין אַ זייט איינזאַם. — איין מיידל איז דורך איר חתן אָפּגענאַרט און באַגנבעט געוואָרן אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן. — ביי אַן אַנדערער האָט דעם ווילן חתונה צו האָבן פאַראַליזירט דאָס אַרומרייסן זיך פון די מחותּנים איבערן נדן און איבערן סילוקן. איינע איז אַ בעטלערס אַ טאָכטער, ווייל מען זי נישט. איין מיידל איז פאַרזעסן געוואָרן, ווייל די מוטער האָט אָוועקגעשיקט די שדכנים מיט גאָרנישט, נישט וועלנדיק זיך שיידן מיט דער טאָכטער, פאַר וועלכער זי האָט אָבער אַן אויפהער געזאַמלט אויסשטייער.
אָט איז אַ הויפּט־סיוזשעט פון בוך: אַ מאַן פון דרייצן ווייבער. ער האָט כּסדר

חתונה און אַנטלויפט צו דער ערשטער געליבטער. די גרויסע צאָל אָפּגע־נאַרטע פרויען גיט דעם מחבר אַ מעגלעכקייט אַדורכצופירן קאָנפראָנטאַציעס צווישן די באַוואוּלטע און אויסהערן די סתירהדיקע מיינונגען פון פיל פער־זאָנען וועגן איין און דעם זעלבן געשעעניש, פאַרגלייכן די באַזונדערע מיינונגען מיט דער מיינונג פון הויפּט־שולדיקן, וועלכער איז אין תּוך אַליין אומשולדיק.

אָדער אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער סיטואַציע: אַ מאַנספּאַרשוין, אַ באַליידיקטער צוליב דעם, וואָס אַ פרוי האָט אים אָפּגעוואָרפן, טראַכט אויף איר אויס אין יאָרן אַרום אַ בילבול און באַשולדיקט זי אין גנבה. די איבערלע־בונגען פון די מענטשן ווערן דורך ווייסענבערגן געשילדערט מיט פיל קראַפט און טעמפּעראַמענט.

צו דער העכסטער מדרגה פון גראָטעסק און סימבאָל דערגרייכט דאָס בילד פון קאָרגן זון, וואָס באַגראָבט זיין פאָטער מיט דער הילף פון טרעגער, כּדי נישט צו באַצאָלן דער חברה־קדישא און נייט שפּעטער דעם רבֿ, ער זאָל אים געבן אַ היתּר צו זיצן שיבֿעה בלויז דריי טעג.

אַן אַלטער מאַן רופט צו אַ דין־תּורה פון יענער וועלט זיין פערד־יונג, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט זיין יונג ווייבל, די אַלמנה, וואָס האָט דעם אַלטן פאַרראָטן ביים לעבן און אים געוואָלט סמען.

בילדער פון שטאַרקסטן לעבנס־אימפּעט, סצענעס פון רויען לעבן, וואָס ווערן דערהויבן צוליב זייער כאַראַקטעריסטישקייט און אַלעגאָריע און אין סימבאָל. גאַנצע טיילן פון בוך בעטן זיך מען זאָל זיי אינסצעניזירן. דאָס זענען אוצרות פאַר אַ רעפּערטואַר. זאָלן אונדזערע רעזשיסאָרן זיך פאַרטראַכטן איבער אַזעלכע לעבנס־בילדער, ווי די פּאַרזעסענע מיידלעך און דער קאַרגער זון. דאָס בוך דאַרף איבערגעזעצט ווערן אין העברעיִש און אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן.

עס איז פול דאָס בוך מיט יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע: ציגן, אין וועלכע עס זיצן גילגולים, טויטע, וואָס קומען פון בית הקבֿרות צו פאַרבינדן באַציִונגען מיט די לעבעדיקע מענטשן. מען פירט זיך אויף אַזוי, ווי אין טראַדיציאָנעלן יידישן שטעטל, די העלדן פון בוך בענטשן גשם, פּראַוועון אויפן יידישלעכן שטייגער חתונות און שבֿעה־ברכות־מאַלצייטן. צו די וויכטיקסטע אַקסעסואַרן געהערן די מיקווה און דאָס גיין צו טבֿילה און פאָלקסטימלעכע אָבער־גלויבנס, וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן. טייל מאָל הערט זיך דערביי ביים מחבר דער טאָן פון ראַציאָנאַליסט און סקעפּטיקער, אָבער עס איבערוועגט די באַציִונג ווי צו פאָלקסטום. איבער אַלעם הערשט דער טאָן פון דיסקרעטן הומאָר, וואָס דרינגט אַדורך אַלע סיטואַציעס אין בוך און דערגרייט טייל מאָל צו דער מדרגה פון הויכער קונסט, פאַרבלייבנדיק די מאָס פון מחברס באַציִונג צום לעבן און אויסדרוק פון זיין לעבנס־פילאָזאָפיע.

יצחק בערנשטיין. [202]

א צווייטע אָפּהאַנדלונג איז פאַראַן אין דער מאָמענט א״נ

דאָס פּראָבלעם פון וועלט־דערלייזונג ביי ווייסענבערגן *

די מענטשן טרוימען וועגן אַ צייט, ווען ס׳וועלן קיין עוולות נישט געשען אויף

* זען: הערות נומ׳ 203.

דער וועלט, ווען גליק און פרידן וועלן הערשן אומגעשטערט. די האָפענונג אויף אַ שענער לעבן אין אַ בעסערער וועלט איז אַ יסודותדיקער עלעמענט פון דער מענטשלעכער נשמה. יידן וואַרטן אויף משיחן, און אומגעדולדיק קוקן זיי אויס אויף דעם גרויסן טאָג פון וועלט־דערלייזונג, רעכענען אויס דעם קץ. אָבער דורות גייען אַוועק נאָך דורות און די וועלט־דערלייזונג איז נאָך אַלץ נישט געקומען. פאַר וואָס? ווייל די מענטשן זענען זינדיק — קלינגט די אייביקע תשובה. אין וואָס באַשטייט זייער זינד?

י. מ. ווייסענבערג פּרוּווט צו געבן אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגע דורך דעם מויל פון הימל־מענטש (אין צווייטן באַנד פון אין דער טיפער אייביקייט). דער הימל־מענטש רופט צונויף די מענטשלעכע גרופּע, וואָס פּראַצעסירט זיך פאַר אים, און ער מאַכט זיי אַ פאָרשלאָג זיי זאָלן זיך טוישן אויף איין יאָר צייט מיט זייערע ראָלעס און יעדער זאָל פאַרנעמען דעם אָרט לעבן פון צווייטן. דער פאָרשלאָג ברענגט זיי אַריין אין פאַרצווייפלונג. די גרופּע באַשטייט פון אַ בעל־הביתל, אַ שוסטער און דעם שוסטערס ווייב, פון גנב און זיינע צוויי מיידלעך. (דער גנב ביי ווייסענבערגן איז אַ פּאָזיטיווער העלד. ער באַוואָלט מענטשן ביים פאַרשאַפן זיך געלט, אָבער ער טוט זיי גוטס מיט דעם געלט). עס טענהט דערויף דאָס בעל־הביתל, אַז זיינע גלידער זענען צוגעוווינט צו אַ ווייך געלעגער, צו אינטימקייט און היימישקייט פון זיין שטוב. ווי אַזוי וועט ער קענען וווינען אין דער פינצטערער נאַכט אין אַ וואַלד אַלס גנב? אָבער אויך דער גנב קען ביי זיך נישט פּועלן זיך צו טוישן מיטן בעל־הביתל. דער גנב איז צוגעוווינט צו דער געפאַר און זי גיט אים שטאַרקע עמאָציעס. ער וויל נישט אויסטוישן די בלויקייט פון די נעכט, דאָס ווינטל אין וואַלד אויף אַ פאַר־מאַכטע שטוב, אויף אַ רויכערנדיק לעמפּל און אויף פאַרמאַכטע לאָדנס. דאָס מיידל וויל נישט איינטוישן דעם גנב אויף אַ בעל־הביתל, ווייל דאָס בעל־הביתל איז נישט רירעווודיק. די שוסטערקע ווידער האָט מורא פאַרן גנבס שלעכטן שם. דער הימל־מענטש זעט איין, אַז יעדער לעבט נאָר מיט זיין גליק פאַר זיך און וויל זיך נישט ביינן מיטן צווייטן, נאָר איז נאָך מבטל איינער דעם אַנדערן, און „איינעם ציט צו דער ערד, דעם צווייטן צו דער לבנה, דעם דריטן צום סמבטיון". יעדער וויל משיחן בלויז פאַר זיך אַליין, אָבער נישט פאַר דעם צווייטן. דערפאַר קענען די מענטשן נישט דערגרייכן די צייטן פון משיח.

... אָפּנאַרעריי, גיריקייט און קליינלעכקייט זענען מענטשלעכע אייגנשאַפטן. די בילדער פון אין דער טיפער אייביקייט אילוסטרירן פאַר אונז די געפאַלנ־קייט פון מענטשלעכן מין שוין גאָר איבערצייגנדיק. אויך די שטרעבונג צום סאָציאַלן גליק איז געפאַלן אַלס קרבן פון מענטשלעכער גיריקייט. די בייזע פירערס פון דער געזעלשאַפט ניצן אויס דעם דאָזיקן איידעלן טרוים פון די מאַסן פאַר זייער אייגענעם נוצן. אויך די געפירטע מאַסן זענען באַהערשט פון שלעכטע כוונות. ווייסענבערג מאָלט אין אַלעגאָרישער פאָרעם אַ טראַגיש בילד פון די מענטשלעכע קאַמפן פאַר גליק און פרייהייט: הינט אָרגאַניזירן אַן עקספּעדיציע צום אויסגעטרוימטן ווייטן לאַנד פון „אייביקן פרילינג"... מיט דער עקספּעדיציע פירן אָן אין דער שפּיץ מיט זיינע אונטערהעלפערס — דער כאַרט, מאָפּס און יאַמקע. די „עלטסטע" נעמען צונויף ביי די הינט ביינער, כּדי די עקספּעדיציע זאָל האָבן שפּייז־רעזערוון אויפן וועג. די פּשוטע הינט, די רעקסן, האָבן צונויפגעשלעפּט ביינער און די עלטסטע זענען פעט געוואָרן. די הינטישע עקספּעדיציע האָט ביי יעדע טעלעכע צענדליק דורכגעמאַכטע קילאָמעטער געפונען אַ שפּייז־זאַפּאַס פון „אַנדערטהאַלבן ביינער". דער וועג האָט געפירט דורך שניי־מדבריות צום קאַלטן צפון, ווו „דער שניי־שטורעם

הערט קיין מאָל נישט אויף". אַ העלפט פון די אַנטיילנעמער איז אויסגעפּרוּווירן געוואָרן, פיל זענען געפאַלן פון מידקייט און אויסצערונג. זיי זענען אָפּגענאַרט געוואָרן פון זייערע עלטסטע. אָבער אויך יעדער איינער פון די אַנטיילנעמער אין דער ווייטער עקסקורסיע האָט געטראַכט בלויז, ווי אַזוי צו פאַרכאַפּן דעם בעסטן חלק פון דעם גוטס אין דעם טרוים־לאַנד. בעת דעם פראָסט האָט יעדער געשטרעבט צו פאַרכאַפּן דעם צוויטנס פעל. עס זענען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך צו דריי פעלן פון געפאַלענע הינט. אָבער, ווען די טריט זייערע האָבן זיך גענומען ברעכן פון מידקייט, האָבן זיי אַלע פעלן געמוזט פון זיך אַראָפּוואַרפן און די אייגענע פעל אויך, אין דעם בהלהדיקן אַנטלויפן פון דעם בייזן לאַנד. — אַזוי דערציילט דער צוריק־געקומענער הונט, אַן אַנטיילנעמער אין דער עקספּעדיציע. אָבער אַזוי זעט אויך אויס די עקספּעדיציע פון די מענטשן צום לאַנד פון גליק און פרייקייט. אָבער אויב די מענטשן זענען אַזוי שלעכט, טאָ צו וואָס טרוימען זיי וועגן גוטס און שיינקייט? זייער טרויעריק קלינגט דערויף די תּשובה פון בעל־שם אין ווייסענבערגס וויזיע, אין די וועלט [ווי] אַ טרוים: די שיינע מענטשלעכע געדאַנקען זענען אַ טרייסט פאַר די פאַרברעכנס, וואָס שווערן אַראָפּ פון די מענטשלעכע פּלייצעס. [203]

אין די דרייסיקער יאָרן האָט ווייסענבערג אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן אין דער פאָרעם פון בריוו, געשריבן פון אַ מאַן צו זיין חבר. ער האָט עס נישט פאַרענדיקט. דאָס איז געווען אַ מין זעלטן געלייטערטע דיכטונג אין פּראָזע. און, ווי אויף שובערטס „אומפאַרענדיקטער סימפאָניע" קען מען זאָגן — אויב כ'זאָל זיך באַניצן מיט מילטאָן קראָס' באַצייכענונג וועגן איר — אויך וועגן ווייסענבערגס „אומפאַר־ענדיקט ווערק", אַז „אַ רויִקערע אַטמאָספער וועגט דאָ איבער". „דאָס איז מוזיק פון דער דינסטער שיינקייט. איר צערטלענדיקע שלווה איז אומבאַרירט פון עמאָציאָנעלן קאָנפליקט". ווייסענבערגס ווערק איז געווען אַ וועלט פון סובטיל־קייט און לויטערער שירה, וואָס אפשר נאָר אַ בעל־חלומות קען זיך אַזאַ וועלט באַשאַפן.

אַ טייל פון די ווערק, וואָס ווייסענבערג האָט געשאַפן, האָט ער פון יאָר 1925 אָן אַליין אַרויסגעגעבן.* אין פאַרלאַג ווייסענבערג זענען במשך די יאָרן 1925—1938 אַרויס זיינע 10 בענד.** אַחוץ דעם איז די פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונג די וועלט ווי אַ טרוים, די עסייען קונסט און סוביעקטיוויטעט, שרייבער און זייערע ווערק און זיין איבערזעצונג (פון דייטש) טויזנט און איין נאַכט (1922) אַרויס במשך דער צייט אין זיין אייגענעם פאַרלאַג, ווי באַזונדערע בראָשורן.

אָבער אַ שפּאָרע צאָל ווערק, אַרום 18 בענד, האָבן נישט אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין און וועלן זי שוין קיין מאָל נישט אָנקוקן, צו אונדזער אַלעמענס טיפסטן באַדויערן און ווייטיק. זיי זענען בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1939 פאַרברענט געוואָרן. די 18 בענד האָט ווייסענבערג געשאַפן אין פאַרשידענע פּעריאָדן פון זיין לעבן, אָנהייבנדיק פון 1912. די גרעסטע צאָל

* אין פאַרלאַג ווייסענבערג זענען נאָך פריִער, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַרויס זיינע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און אַנדערע מחברימס ווערק.

** אַ פולע רשימה איז אָנגעגעבן ווייטער. זען ביבליאָגראַפיע I.

חיבורים, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן, זענען — אַחוץ דער פּאָעמע אסתּר, עטלעכע איבערזעצונגען, דראַמעס און דערציילונגען — באַשטאַנען פון זיינע לעצטע יאָרן שאַפן. די 3־בענדיקע פּאָעמע אסתּר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1912 ווי אויבן געזאָגט, האָט ווייסענבערג זיך איבערגעלאָזט צום פאַרעפנטלעכט ווערן ערשט נאָך זיין טויט. דאָס איז געווען זיין ווונטש. „יעדער שרייבער דאַרף זיך איבערלאָזן איין גרויס ווערק אַרויסצוגעבן ערשט נאָכן טויט״, האָט ער געזאָגט. ליידער איז צו דעם נישט געקומען.

די הויפּטהעלדן אינעם ווערק זענען געווען אסתּר און אחשתּרונת. איין סטראָפע, די ערשטע, האָב איך אַז ערך פאַרגעדענקט:

אסתּר

יאָרן ציִען, יאָרן פליִען,
טייכן וואַסער שווימען אָפּ,
נאָר די איין מאָל שוין געשטאָרבן
לעבן קיין מאָל מער נישט אויף.
נאָר די איין מאָל שוין געשטאָרבן,
און זיי קענען מער נישט לעבן,
קומען דאָך מיך מאַנען, בעטן
כ׳זאָל אויף ס׳ניי זיי לעבן געבן. [204]

. . . .

אַ וואַריאַנט פון אסתּר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרויס:

דער קעסל־פּויקער און טאַצן־קלאַפּער

(אַ נישט פאַרעפנטלעכטער פראַגמענט פון דער פּאָעמע אסתּר)

אין דער זעלבער
צייט געוועזן
איז אַ יישוב
נאָנט פון דאַנען,

און אין יישוב —
אַ מפורסם,
איז אַ גרויסער
העלד פאַראַנען.

אחשתּרונת
איז זיין נאָמען,
אויסטערלישעס —
מיינט נישט, איז ער —

נישט קיין מענטש מיט
זיבן שפּיצן,
נאָר אַ פּויק און
טאַצן האָט ער.

און אַ קענדזשער
שוואַרצע האָר,
און צוויי שוואַרצע
אויגן גלאַנצן,

און פאַרליבט ווערט
יעדעס מיידל,
ווען זי זעט אים
איין מאָל טאַנצן.

ווען ער שטעלט
אַוועק זיך טאַנצן,
איז ווען דער יישוב
ברענט אינגאַנצן;

ווען הימל, מערב
זיך ביידע מישן,
וויל ער פון קיין
זאַך נישט וויסן!

ווען ער שטעלט זיך
אין דעם „רעהבל״,
מאַכט אַ וואַרע,
הענט צעשפּרייט;

שטייט אַ ווײלע,
הענט „פּאַדבאַקאַם״;
האַלט דאָס קעפּל
אויף אַ זייט —

און אַ פּיר עס
גיט דער סמיק,
און אַ קלאַפּ צום
טאַקט מוזיק,

און זיין פּיסל
גיט אַ גליטש,
דאָ פּאַרויס און —
דאָ שוין צריק,

אַ צי זיך אויס,
אַ קורטשע איין,
און מיט דעם פּיסל
צו אַ טיפּ —

אויב אַ שלאַנג דאָס
קען באַווייזן,
עמעץ זאָגט אייך —
גלייבט דאָס נישט.

נאָר דאָס אַלץ, דאָס
אַלץ איז נאָר, ווען
מיידלעך ביי דעם
רעדל שטייען —

אַנדערש אָבער
טאַנצט ער נאָך,
בשעת אים טאַנצן
מאַנסבילן זעען.

דען עס איז דער
אחשתּרונת
גאָר אַ גרויסער
טאַנצן־קענער,

אַנדערש, ווי ער
טאַנצט פאַר ווייבער
טאַנצן, טאַנצט ער
פאַר די מענער. —

טאַנצט ער פאַר די
מענער ווען,
דעמאָלט ווייזט ער
וואָס ער קען!

נישט די ווייכקייט,
נישט דער בייג,
נישט צומאָל דער
זעלבער צי, —

אויך דאָס קעפּל
נישט פאַרלייגט,
נישט מיט פּיסלעך
קלאַפּט ער צו . . .

פונקט ווי גאָר אין
עפּעס אַנדערש
וואָלט געלעגן
ערשט זיין מי.

דעמאָלט ווי אין
ווירבל־ווינט
דרייט ער, רעדלט
זיך געשווינד —

יאָגט אַ בליץ,
טראָגט אַ היץ —
דאָ די אויגן
פייער שיסן,

דאָ דעם קאָפּ גאַנץ
הויך פֿאַרריסן,
אַ שפּרונג — ווי ס'וואָלטן
ווער געביסן.

טראָמייטן פּלאַצן,
פּידלען קראַכן
אים באַוועגונג
נאָכצומאַכן.

... פּלוצלינג — — —
האַלט! ס'איז
אויס שוין בעליק,
אויס שוין שטוב,

דער שאול־תּחתּיות
פֿייער־גרוב...
פּונקט, ווי טויזנט
שדים טאַנצן,

פּונקט, ווי טויזנט
בליצן גלאַנצן,
און ער טאַנצן
ווערט נישט מיד.

דאָך דער שטורעם
גייט פֿאַמעלעך
אין אַ ריטמיש
טאַנצן איבער,

פּילסט —
אַ ווינטל לויפֿט
די שטוב דאָ
באַלד אַריבער.

ס'אָטעמט אָפּ
טראָמייט און פּידל,
ריטמיש שוועבט אויך
ער אין רעדל.

באַלד די לופֿט איז
אָפּגערייניקט,
פֿון דונער, בליץ,
שוין אויסגעליידיקט.

ס'לייטערט זיך
דער הימל בלאָ,
קיין פּיצל וואָל־
קנדל נישטאָ...

אַ דערקוויקונג
שיקט דער וועלט
אחשתּרונת
אונדזער העלד:

ווען זיין טאַנצן
רויִק ווערט,
רעגולערער
זיך עס שטעלט...

אָט אַזוי איז
אחשתּרונת
גאָר אַ גרויסער
טאַנצן־קענער,

אַנדערש, ווי ער
טאַנצט פֿאַר ווייבער
אחשתּרונת
טאַנצט פֿאַר מענער.[205]

ווען דאָס אומגליק איז געשען, האָט יצחק בערנשטיין אונדז, גנענדלען און מיך, געטראָפֿן אויף דער גאַס. און דערקענענדיק מסתּמא פֿון אונדזער אומגליקלעכן אויסזען — ווי דאָס חיות וואָלט אונדז פֿאַרלאָזט — אַז עפּעס שרעקלעכס איז געשען, האָט ער אַ שפּרייז געטאָן פֿאָרויס און אויסגעשעפּטשעט: „די מאַמע... ?" ווען מיר האָבן אים געענטפֿערט: ניין, די מאַנוסקריפּטן, איז דער קריטיקער יצחק בערנשטיין — אין יענע מאָרדיקע טעג, ווען וואַרשע איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט פֿלאַמען און הרוגים, ווי אָפּגעברענטע, פֿאַרסמאַליעטע האַלעוועשקעס האָבן

זיך געוואָלגערט אין די גאַסן — געבליבן שטיין און פאַרבראַכן די הענט אויף ווייסענבערגס 18 בענד, וואָס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן איידער זיי האָבן אָנגעקוקט די ליכטיקע שיין, אַ דעשיטערטער און דערשלאָגענער פונעם אומגעהײַערן אומגליק.

י. מ. ווייסענבערג איז געשטאָרבן אין יאָר 1938. עס איז אים אָבער אויך שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז צוזאַמען מיט אים וועלן אָפּשטאַרבן די אַלע נאָך נישט אַרויסגעבערענגטע שאַפונגען. „עס איז נאָך אַזוי פיל אַרבעט דאָ צו טאָן" — האָט מען געקענט לייענען פון זיין שווייגנדיק פּנים. ער האָט די, און ענלעכע רייד נישט גערעדט. ער איז געשטאָרבן ווי אַ מאַן.

וואָלט ער באַוויזן צו טאָן אַלץ לויט זיין פּאַרמעסט? — ווערדליק זיין שאַפע־רישער פּאָטענץ, וואָלטן אים, ווי מיר דאַכט זיך, קיין צוויי לעבנס נישט געסטײַעט. ביילטשע פלעגט אים טאַקע אָפּט זאָגן: איטשע־מאיר, דו וועסט דאַרפן לעבן צוויי הונדערט יאָר...

גרויס איז אונדזער חלק שולד אין דער אומגעהײַערער אבידה, אינעם פאַר־ברענט ווערן פון ווייסענבערגס ווערק. האָב איך דאָך — לויט אונדזער בשותפות־דיקן באַשלוס, גנענדלס און מײַנעם — מיט די אייגענע הענט די 18 בענד אַוועק־געטראָגן פון דער שטוב, כּדי זיי צו באַוואָרענען אויף אַ זיכערערן פּלאַץ (ווו די היטלערישע באָמבעס האָבן, לויט „אונדזער אויסרעכענונג", געהאַט ווייניקער שאַנסן צו דערגרייכן). מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אויף זאַמענהאָף־גאַס נומ' 6. דאָס איז געווען אַ 3־שטאָקיק הויז, און אונדזער דירה — אויפן לעצטן שטאָק. אָבער אונדזער פעטער יצחק זילבערמאַן האָט געוווינט אויף אַן 1טן שטאָק פון אַ 6־שטאָקיקן בנין אויף טוואַרדע־גאַס נומ' 10. האָבן מיר געטראַכט, אַז פאַר די דײַטשע באָמבעס איז אַ שפּילעכל צו צעשמעטערן אַזאַ לפי־ערך קליין הויז, ווי אונדזערס, און דערצו איז דער לעצטער שטאָק — ווו מיר האָבן געוווינט — דער ערשטער געשעדיקט צו ווערן, און מיר וועלן אַפילו נישט האָבן קיין שאַנס אַראָפּ־צולויפן מיט די ווערק, ווען אַ באָמבע זאָל אויף דעם הויז פאַלן. אָבער אויב אַ באָמבע וועט פאַלן אויף דעם פעטער יצחקס 6־שטאָקיקן בנין — וועט נאָך אַלץ זיין צייט צו כאַפּן די צוויי פּעקלעך כּתבים און אַראָפּלויפן מיט זיי בלויז פונעם 1טן שטאָק.

דאַכט זיך געמיינט גוט צו באַוואָרענען די ווערק, און דאָך האָט דער גורל געוואָלט, אַז מיר זאָלן זייער אָפּגעווישט ווערן פון דער וועלט נישט קענען אויס־מײַדן. גראָד איז דעם פעטער יצחקס הויז שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן און געשטאַנען אין העלישע פלאַמען, בשעת ווען אונדזער הייזקע איז גאַנץ שטיין געבליבן!

אַזוי פלעגט אויך טרעפן מיט מענטשן, וואָס זיצנדיק אין איין באַהעלטעניש בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע — האָבן זיי געטראַכט, אַז זיי דאַרפן זיך בעסער אויסבאַהאַלטן אין אַן אַנדער באַהעלטעניש, וואָס דאַרף לויט „זייער אויסרעכענונג" זיין זיכערער, אָבער גראָד אינעם זיכערערן פּלאַץ זענען זיי דערהרגעט געוואָרן.

ביילטשע האָט דאָס גאָרנישט געקענט תּופס זיין. „וואָס הייסט" — האָט זי געפרעגט — „דעם טאַטנס כּתבים זענען פאַרברענט געוואָרן?! די נישט־פאַרעפנט־לעכטע ווערק האָט מען דאָך געדאַרפן היטן, פּונקט ווי די אייגענע פּיס". ווען דאָס איז געשען, האָב איך זיך פאַרמאַכט אין אונדזער שטוב אויף זאַמענהאַף־גאַס און גע־פאַסט צוויי טעג אויפן חורבן פון ווייסענבערגס כּתבים. כ'האָב קיינעם נישט גע־וואָלט זען. גנענדל איז געווען מיט די עטלעכע פריינד וואָס מיר האָבן זיך מיט זיי געהאַלטן צוזאַמען. ווען זי האָט מיך אויפן 2טן טאָג נישט געזען, איז זי אַרויפ־געקומען מיך אַרויסנעמען פון דער שטוב. אָבער אָנקוקנדיק מיין צושטאַנד, האָט זי באַנומען, אַז מ'וועט מיך נישט קענען רירן פון אָרט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ בראָך מוז מען אויסוויינען אַליין. די עטלעכע מענטשן וואָס פלעגן אַרויפ־קומען בשעת ווייסענבערגס קראַנק זיין און אויך נאָך זיין טויט — מישאַ טראַיאַ־נאָוו, יוסף סמאָליאַזש און יבדל לחיים, אברהם סוצקעווער א"א — האָבן אויך נישט געקלאַפּט אין דער פאַרשלאָסענער טיר.

אַגב האָבן זיך אויך צווישן די כּתבים געפונען יוסף סמאָליאַזשס 16 נאָוועלן, וואָס ער האָט אונדז אָנפאַרטרויט אויסצובאַהאַלטן צוזאַמען מיט ווייסענבערגס שריפטן בשעת די שוידערלעכע באָמבאַרדירונגען פון וואַרשע. ער איז געווען זיכער, אַז מיר וועלן ווייסענבערגס כּתבים היטן מער, ווי דאָס אייגענע לעבן. דאָס האָט ער באַשלאָסן צו טון בשעת ער האָט געוווינט אין אַ געדונגען צימער אויף פּאַוויע־גאַס. ער פלעגט זיך אין יענע טעג חכמהנען: היטלער, „סערדצע", קום שוין אַריין, אַבי די באָמבעס זאָלן אויפהערן צו פאַלן.

טלאָמאַצקע 13

אין יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין פלעגן שרייבערס אָפּזיצן גאַנצע טעג אין דער וואַרעם אָדער שרייבן ביי אַ זייטיק טישל. אַנדערע זענען געקומען אין דער פרי און דערוואַרט זיך ביזן מיטאָג־עסן, ווען מע פלעגט אָנהייבן דערלאַנגען אין בופעט־צימער די מאָלצייטן. מ׳האָט דאָרט געקענט באַקומען אַ שיסעלע הייסן באַרשטש פאַר 20 גראַשן וכדומה, וואָס איניקע שרייבערס זענען דערמיט אָפּגעקומען דעם טאָג. אין די נאָכמיטאָגן זענען אָנגעקומען מער שרייבערס און אַקטיאָרן. דעמאָלט האָט מען שוין געזען דעם קעלנער אַרומטראָגן די „אמתע״ מיטאָגן מיט אַ פּערטעלע געענדזנס אָדער אַ קאַרפּנקאָפּ, קאַשעס, פאַרפל, קאָמפּאָטן און קיכלעך, וואָס מאַניע, די קעכין האָט צוגעגרייט און דער קעלנער האָט סערווירט פאַר די קינסטלערס בעלי־פרנסה. צווישן די פול־באַזעצטע טישלעך האָט זיך היימישלעך אַרומגעדרייט די קאַץ „פּיפּי״, וואָס פלעגט אירע אויסגעכאַליעטע גלידער ציִען אין אַ גראַציעזן בויג. די לופט אינעם גרויסן זאַל איז גאָר געוואָרן אָנגעוואָרעמטער אי פון דער פאַרע און די געשמאַקע ריחות, וואָס האָבן זיך געהויבן פון די טעלערס, אי פון די לעבעדיקע שמועסן פון דער פאַרזאַמלטער קינסטלער־משפחה. דעמאָלט האָט מען געקענט זען סעגאַלאָוויטשן מיט נאָך עטלעכע שרייבערס זיצן ביי אַ טישל און שפּילן אין קאָרטן. און האָט ער נישט געהאַט קיין פּאַרטנער, פלעגט ער אַליין זיצן, שווייגן און מישן אַ פּאַסיאַנס. אַן איינזאַמער האָט סעגאַלאָוויטש אויסגעזען צווישן אַזוי פיל קאָלעגן. מע האָט אים כמעט נישט געזען עפענען דאָס מויל. אַפילו די קאָרטנשפּיל איז צוגעגאַנגען ביי אים שווייגנדיק.

ווייסענבערג פלעגט זיך אָפט אַריינכאַפּן אין ליטעראַטן־פאַראיין און דאָרט פאַרברענגען אין שמועס עטלעכע שעהען. ס׳זענען באַרירט געוואָרן פראַגעס אויף פאַרשידענע טעמעס. מאָריצי שימעל, דער דיכטער וואָס האָט באַזונגען דאָס שבתדיקע ליכטבענטשן אויף פויליש, פלעגט אָפט אָנטייל נעמען אין די דעבאַטעס. ס׳פלעגט זיך צורוקן נעענטער און שווייגנדיק זיך איינהערן דער באַגאַבטער דיכטער ישׂראל שטערן וואָס „אין זיין פאַרשמאַלצענער קאַפּאָטע זענען געלעגן טויזנט חנען״, ווי ס׳האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט מאיר האַלפּערן, אַ צווייטער באַהעמע־דיכטער. אין ליטעראַטן־פאַראיין האָט מען שטערנען נישט אַרויסגעזען. ער האָט זיך געשאַרט אין די ווינקלען, ווי אַן אורח אויף אַ פרעמדער חתונה. ווייסענבערגן האָט געאַרט זיין נישט האָבן קיין מוט זיך אַקעגנצושטעלן. ישׂראל שטערן, אַ פאַרטאָנענער אין אַנדערע עולמות, איז אַ צייט לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַרויסשטאַרצנדיקן טשוואָק, דאַכט זיך, אַ פאַרזשאַווערטן דערצו, אינעם שוך, וואָס דערפון איז געוואָרן אַ שטאַרקע אינפעקציע אין זיין פוס. ערשט דעמאָלט האָט זיך שטערן אַרומגעקוקט, אַז מע דאַרף אפשר דעם טשוואָק פון שוך אַרויסציִען... ווייסענבערג האָט אים שטאַרק געמוסרט פאַר אַזאַ מין אָפּגעלאָזנקייט. ער

האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין גאַנגרענעס, נישט אויפֿן מענטשלעכן קערפּער און אויך נישט אויפֿן קערפּער פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

הערשעלע פּלעגט זיך אויך אַרומדרייען אַ שטיל־שטילער אינעם פֿאַראיין.

אויף די סאָרטן שרייבערס כּנגד די אַנדערע, די טויגלעכע, האָט ווייסענבערג געזאָגט, אַז „אונטער די דונערן פֿון רעש הערט מען נישט דאָס שטילע טיק־טאַקען פֿון די קליינע זייגערלעך ..."

הערשעלע האָט געהאַט אַ שפּייזקרעמל אינעם שטעטל הענריקאָוו און פּלעגט אויפֿן וועג איינצוקויפֿן סחורה פֿאַרן געוועלבל, אַריינכאַפּן זיך גאַנץ אָפֿט קיין וואַרשע אין ליטעראַטן־פֿאַראיין צו די שרייבערס. אויך ער איז געווען אַ פֿאַר־חלומטע נשמה, און ס׳איז אין פֿאַראיין אַרומגעגאַנגען אַ וויץ — און אפֿשר איז עס טאַקע אַזוי געווען — אַז ס׳איז אים אַ מאָל צעריסן געוואָרן אַן איבערבעט אין שטוב און די פּעדערן זענען אַרומגעפֿליגן, אַז די לופֿט איז געוואָרן ווייס אַרום, האָט הערשעלע געמיינט, אַז עס שנייעט אַזוי. נאָך האָט מען דערציילט, אַז ער האָט אַ מאָל אויסגעטאָן דעם פּאַלטן און אים אויפֿגעהאָנגען אויף אַ פֿליג, וואָס האָט זיך גראָד געשטעלט אויף דער וואַנט און הערשעלע האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ טשוואָק אין דער וואַנט.

אַ מאָל האָט ער געזאָלט גיין אויף אַ ברית־מילה אין זיין שטעטל הענריקאָוו. דאָס ווייב האָט שוין געוואַרט אויף אים אין דרויסן, ביז זי האָט אים קוים דערלעבט צו זען אַרויסקומען אַן אָנגעטועטנעם צו דער שׂימחה. ס׳איז איר אָבער נישט געפֿעלן זיין קראַוואַט, וואָס איז אים געהאָנגען אויפֿן האַלדז ווי אַן איבעריק צוטשעפּעניש, האָט זי אים צוריקגעשיקט אים איבערבינדן. זי איז געשטאַנען און געוואַרט און געוואַרט אַ פֿערטל שעה, אַ האַלבע שעה — ואיננו. הערשעלען האָט מען אַלץ נישט געזען פֿאַר די אויגן, איז זי שוין אַליין אויך צוריקגעגאַנגען זען, וואָס ס׳איז דאָרט געשען מיטן שלימזלניק אירן. זי האָט אַ קוק געטון — און ער ליגט גאָר אין בעט!

— וואָס עפּעס שלאָפֿסטו איצט אין מיטן דערינען?! — האָט זי געעפֿנט ס׳מויל, גרייט אים צו צעמאַרשטשען. ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען הערשעלע האָט אָנגעהויבן אויפֿבינדן דעם קראַוואַט און אים אויסטאָן, האָט ער שוין אַזוי אויטאָמאַטיש אויך די מאַרינאַרקע אויסגעטאָן, און העמד און הויזן. און, אַז מ׳טוט זיך אויס — לייגט מען זיך דאָך געוויינטלעך אין בעט אַריין שלאָפֿן — האָט ער אַזוי טאַקע געטון...

איציק מאַנגער מיטן אַרויפֿגעלייגטן קאַפּעליוש אויף זיינע געדיכטע קרויזן, וואָס האָבן די צוויי פֿון אַ קאַם נישט אַדורכגעלאָזט, האָט גאָר געצויגן דעם אויפֿמערק אויף זיך מיט זיינע אומדערוואַרטע און איבערראַשנדיקע האַנדלונגען. און ווער האָט נישט באַוווּנדערט דעם געוואַגטן זינגפֿויגל, נישט געקוקט אויף זיינע זידלערייען, זיין אָנרופֿן זאַכן ביים נאָמען און זיינע אומדערוואַרטע מעשׂים?

שלמה־לייב קאַוואַ, אַ שוואַכער אין געזונט, מיט אַן אויסגעשניטענעם שטיק קינבאַק פֿון נאָך אַן אָפּעראַציע, פּלעגט זיצן און דערנעבן האָט אַלע מאָל געוואַכט איבער אים זיין באַחנטע פֿרוי, ווי איבער אַן איינציק, אָפּגעציטערט קינד. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געלעגן אויף אַ קראַנקנבעטל, הגם ער איז

גאָר ווי אַלע אַנדערע פּאַרזאַמלטע געזעסן אויף אַ שטול. דער זאַפּאַס פון אויסטער־לישע, פאַנטאַסטישע מעשׂיות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן האָט זיך קיין מאָל ביי אים נישט אויסגעלאָזט, ווי ביים מינכהאַוזען, דעם דייטשן דערציילער פון גוזמאַדיקע געשיכטעס. קאַוואַס מעשׂיות האָט מען טאַקע אין ליטעראַטן־פאַראיין נישט אַנדערש גערופן, ווי „די מינכהאַוזיאַדע". איז אַלע מאָל געווען אַ קרייז מענטשן וואָס האָבן אים אויסגעהערט. קאַגאַנאָווסקי האָט אַ צייט לאַנג געוווינט אין אַ געדונגענעם צימער איבערן פאַראיין. פלעגט ער זיך עטלעכע מאָל אין טאָג אַראָפּכאַפּן אין לאָקאַל פון די שרייבערס, מיט די אויסגעגלאַנצטע שטיוועלעך און אויסגעגלאַנצטן קאָפּ פעכשוואַרצע, גלאַטע האָר. ער האָט ליב געהאַט צו שאַפן אַרום זיך אַ רעדל אויסהערערס פון זיינע דערפאַרונגען, צווו"א וועגן זיינע יאָרן אין אַדעס, וועגן ביאַליקן און זיין אַדעסער סביבה. עס האָט זיך פאַרגעדענקט איין ספּעציפיש קאַגאַנאָווסקישע הלצה ווי, אַז שרייבערס זענען געקומען פרעגן אויף ביאַליקס שירים און מאַניע ביאַליק, זיין פרוי, האָט געעפנט די טיר, האָט זי געפרעגט (לויט קאַגאַנאָווסקין): „וואָס, אַ שירעם? עס רעגנט דאָך איצט נישט!"

קאַגאַנאָווסקי פלעגט נישט צו פיל מדקדק זיין ביים אָפּמשלען עמעצן, און האָט איינעם געקענט געבן „פּאַרעמלאַזע" ליפּן, ווען יענער האָט גראָד געהאַט שיין געפורעמטע ליפּן, און אַוועקזעצן אים אויף אַ „האַלבער שטול", אָדער געבן איר רויטע, דאַרפישע באַקן, ווען דאָס איז גראָד געווען אַ שטאָטיש מיידל מיט אַן אַליוו קאָלירטער הויט. עס האָט ביי אים נישט געמוזט שטימען מיט דער ווירקלעכקייט, אַבי די הלצה זאָל בלייבן.

אַנדערע שרייבערס פלעגן זיך צורוקן נעענטער צו ביסלעך און ס'האָט זיך געשאַפן אַ רעדל אַרום, כּדי אויסצוהערן ווייסענבערגס שׂיחת־חולין.

שלום אַש איז אַ מאָל געקומען פון אַמעריקע. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט ווייסענבערגן אין פאַראיין, איז ער צוגעקומען און געפרעגט: „איטשע־מאיר, כ'האָב געהערט, אַז דו האַנדלסט מיט ביכער, איז דאָס אמת?" — „יאָ", האָט ווייסענבערג געענטפערט — „ס'איז אמת, און איך האָב געהערט, אַז דו האַנדלסט מיט ליטעראַטור . . . "

ס'האָט אַ מאָל אַ יונגער שרייבער, זיצנדיק אין פאַראיין, איבערדערציילט כּמעט פון אויסנווייניק משה קנאַפּהייסעס ערשטע דערציילונג „קינדער", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בשעתו אין אַ ייִדישער וואָכנשריפט. ווייסענבערג האָט זיך צוגעזעצט און זיך איינגעהערט, און צום סוף איבערגעפרעגט דעם יונגן־מאַן, וועמען ער ציטירט. ווען יענער האָט אים געענטפערט, אַז קנאַפּהייסעס דער־ציילונג, האָט ווייסענבערג אים איבערגעפרעגט מיט אַ שמייכעלע, צי ער געדענקט אַזוי אַלץ, וואָס ער לייענט, פון אויסנווייניק. און ווען יענער האָט אים געענטפערט אַז נאָר גוטע זאַכן פאַרגעדענקען זיך, האָט אים ווייסענבערג אַ פרעג געטון, אַנווייזנדיק אויפן דערביי זיצנדיקן קנאַפּהייס:

— „און איר קענט זיך פאַרשטעלן שעקספּירן מיט אַזאַ פּנימל? . . . "

אינעם ליטעראַטן־פאַראיין האָט מען אַחוץ וועגן קונסט — דער אייביקער

טעמע — גערעדט וועגן פּאָליטיק, קיסרים, מיניסטאָרן, פּאָלקסהעלדן פון פּאַר־גאַנגענע און דעמאָלטיקע צייטן; וועגן הירש לערקערט און זיין העלדישן שאָס; זישע ברייטבאַרד און זיין אויסערגעוויינטלעכער גבורה — „דער שטאַרקסטער ייִד אין דער וועלט". דער פּלוצעמדיקער טויט פון אַ גיבור — וואָס איז געשטאָרבן צוליב אַזאַ קלייניקייט, ווי פון אַ וווּנד פון אַ פּאַרזשאַווערטער זעג — האָט געקלונגען אַזוי סימבאָליש. גערעדט האָט מען אין ליטעראַטן־פּאַראיין וועגן סטיענקאַ ריאַזין וואָס ווערט, ווי ווייסענבערג האָט געזאָגט, דורך די סאָוועטן באַזונגען ווי אַ פּרייהייט־קעמפער; כמיעלניצקי און פּעטלורע; סטאָליפּין, טאַראַס בולבאַ, פּוגאַטשאָוו, יעקאַטערינע די גרויסע, נאַפּאָלעאָן, ביסמאַרק, דעם קייזער ווילהעלם, דעם צאַר ניקאָלײַ און זיין מפּלה דורך די באָלשעוויקעס; פון קאַרל מאַרקס און זיין קאַפּיטאַל א״א.

דאַ האָט זיך לעאָ פינקעלשטיין אָנגערופן: „נו, און וואָס הערט זיך טאַקע מכּוח דער וועלט־אויסלייזונג מצד דעם קאָמוניזם, ,די שטראַלן וואָס קומען פון מיזרח'?"

דערויף האָט ווייסענבערג געענטפערט, אַז „אין דער געשיכטע פון מאַרקסיזם איז אַרויסגעקומען אַ וווּנדערלעכערביישפּיל: ווי אַזוי גייענדיק אויפן וועג פון מאַרקסיזם קומט מען קיין בויבעריק". און אַז:

> מאַרקס האָט אויפגעשטעלט דעם סאָציאַליסטישן שטאַט אָן אַ פונדאַמענט, ווייל די הויפּטזאַך — דעם מענטש — האָט ער נישט געקענט. און נישט קענענדיק דעם מענטש, וואָס דאַרף זיין דער בויער פון סאָציאַליזם און לעבן אין אים — איז די גאַנצע זאַך אָן אַ באָדן. כּל־זמן דער מענטש וועט זיך שטופּן אַריינצוקריגן זיך דער ערשטער אין אַ טראַמוויי, למשל, ווען עס זענען נישטאָ גענוג טראַמווײַען — קען קיין סאָציאַליזם נישט זיין.
> און דערווייל האָט מען געשאָלטן אַלע געטער צו גלייך מיט אַלע נאַציאָנאַליזמען, פאַר אַ מינדסט נעגעלע פון קאָסמאָפּאָליטיזם, און אויפן וועג צום העכסטן אידעאַל פון דער מענטשהייט האָט מען געקרייציקט אי קריסטוסן, אי דעם אַלטן יידישן גאָט נעבעך, און נישט געוואָלט הערן פון קיין גרענעצן צווישן פּאָלק און פּאָלק, שפּראַך און שפּראַך.

ער האָט דערציילט, אַז איינער פון זיינע אָנהענגערס אין סאָסנאָוויעץ, צי בענדין (ווייסענבערג פלעגט אָפט פאָרן מיט רעפעראַטן די לעצטע יאָרן אין יענע געגנטן) האָט אים אַ מאָל געשריבן גאָר אָן ענטוזיאַסטיש קאַרטל וועגן אַ דאָרטיקער 1טער מײַ־דעמאָנסטראַציע און ווי די שיינע, רויטע פאָן האָט געפלאַטערט איבער די, מיט האָפענונג, פאַרהויבענע קעפּ פון די אַרבעטער־מאַסן.

דערויף האָב איך אים געענטפערט: וואָס ניצט די שיינקייט פון דער פאָן, ווען דער פאַנטרעגער טויג נישט?...

ס'איז אַ מאָל געקומען אַן ערלעכער קייסער צו דער מאַכט — האָט ווייסענבערג דערציילט — און ער האָט געוואָלט פירן זיין מלוכה ערלעך, אָן גנבות און אָן קאָרופּציע. האָט ער גערופן דעם חכם, דעם ראַטגעבער, וואָס אין קייסער־לעכן הויף, ער זאָל אים עצהנען, ווי אַזוי צו פאַרהיטן דערפון. האָט דער ראַטגעבער אים געעצהט, מ'זאָל אָוועקשטעלן אַ שומר ביי די מלוכהשע אוצרות, און ער זאָל היטן, אַז קיין גנבות זאָלן נישט געשען.

— ווער זשע וועט היטן דעם שומר?... — האָט דער קייסער געפרעגט.

דערויף, הייסט עס, האָט דער ראַטגעבער שוין קיין עצה נישט געהאַט, ווייל דער שומר איז דאָך אויך אַ מענטש מיט די זעלבע אייגנשאַפטן און אינסטינקטן וואָס די, וועמען ער דאַרף היטן.

און אַזוי, האָט אויך ווייסענבערג געטענהט, אַז אַלע אידעען זענען שיין ביז זיי קומען נישט אין די מענטשלעכע הענט אַריין.

ס'האָט עמעצער געזאָגט — אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט, ד"ר זשיטלאָווסקי — אַז דער שניי, וואָס פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, איז דאָך אַזוי ווייס, און, וואָס עס ווערט פון אים ווען דער מענטש שטעלט נאָר אַוועק אויף אים זיין פוס...

„זעט — [האָט ווייסענבערג אויסגערופן] — האָט דאָך גאָט איין מאָל געזאָגט:
איך האָב אייך געגעבן אַזאַ שיינע וועלט און איר פאַרדאַרבט זי.
איך האָב אייך געגעבן אַ וועלט צום פרעסן און איר פרעסט גאָר זיך אַליין"...

בכלל האָט ער געהאַלטן, אַז מע קען מיט דעם מענטש גאָרנישט מאַכן. אַ גוטע אילוסטראַציע דערצו איז די אַלעגאָרישע שטעלע אין זיין 10־בענדיק ווערק אין דער טיפער אייביקייט, ווו די פשוטע הינטלעך — געמיינט דאָס פאָלק, דעם אַרבעטער־קלאַס — חלומען פון אויפשטעלן אַ קאָלעקטיוו צוזאַמענלעבן, ווו יעדן איינעם וועט זיך לעבן, ווי אין אַ גן־עדן וואָס די פירערס זאָגן זיי צו, און... מיט וואָס דער דאָזיקער שיינער חלום לאָזט זיך אויס.

צו דעם דאָזיקן אויספיר איז ער נישט איין מאָל געקומען, מאַכנדיק אַנאַ־לאָגיעס צו די מענטשלעכע אייגנשאַפטן און פירונגען פון קדמונים אָן. אַז משה רבינו איז נאָר נישט אַזוי שנעל צוריקגעקומען מיט דעם צוגעזאָגטן — האָט זיך דער המון שוין געמאַכט אַ בעסערן גאָט: דאָס גאָלדענע קאַלב... אַרום וואָס אַרומצוטאַנצן, „ווייל דער מענטש ציט אינעם דאָזיקן טאָל אַריין", שרייבט ווייסענבערג אין זיין עסיי „טראָצקי, סטאַלין און פאָלק".

אַזוי האָט ער אויך אָפט געזאָגט, אַז רוסלאַנד וועט צוריקגיין צו פאַנשטשינע. דאָס האָט ער געזאָגט שוין דעמאָלט, אין די סוף 20ער יאָרן, ווען רוסלאַנדס „אייזערנער פירהאַנג" איז נאָך געווען שטאַרק פאַרצויגן מע זאָל נישט קענען אַריינ־בליקן וואָס הינטער אים טוט זיך. מיט זיין אינטויִטיוו פילן זאַכן האָט ער געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן גאַנג פון געשעעענישן נאָך איידער זיי זענען געשען.

ווען מע האָט אין 1930 און 1933 אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן ווייסענ־בערגן, האָט ער אָנגעפרעגט אין סאָוועטישן קאָנסולאַט אין וואַרשע מכּוח האָנאָראַר. דער קאָנסול האָט אים געזאָגט, אַז קיין געלט פון לאַנד שיקט מען נישט אַרויס, אָבער ער קען קומען קיין רוסלאַנד און אויסניצן דעם האָנאָראַר דאָרט אויפן אָרט. ער האָט פאַר ווייסענבערגן געמאָלן זייער אַן אימפּאָזאַנט בילד: אַז ער וועט זיך קענען באַזעצן אין קרים אין אַ ווילע, לעבן אין די בעסטע באַקוועמלעכקייטן און בכבוד גדול. אָבער ווייסענבערג האָט די פּראָפּאָזיציע באַלד אָפּגעוואָרפן. ער האָט אינטויִטיוו געפילט (ווייל געוווּסט וועגן די זאַכן האָט מען נאָך דעמאָלט נישט אויף

דער וועלט), אַז ער וועט דאָרט אַנווערן זיין פרייהייט; אַז מ'וועט צוטראָגן אויף אים מסירות (וואָס איז טאַקע געוואָרן אַזוי פאָפולער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז עלטערן פלעגן מורא האָבן פאַר די אייגענע קינדער, זיי זאָלן זיי נישט מסרן פאַר דער געהיים־פאָליציי). איז ביי וויסענבערגן געווען דער ענין אָוועקגעלייגט. מיר איז אָבער אַ שאָד געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ „גן־עדן" אינעם רויטן מלכות — האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וואָלט יאָ געפאָרן אויסניצן דעם האָנאָראַר און אַז איך וועל אויך גיין צום זעלבן קאָנסול און נאָכפרעגן אויף מער פרטים, ווי אַזוי דאָס אַדורכ־צופירן. אָבער ער האָט מיר נישט געראָטן דאָס צו טאָן, ווייל גראָד אַרום דעם דאָזיקן קאָנסולאַט דרייען זיך דעטעקטיוון, און אַז אויב מע וועט מיך זען אַהיין אַריינגיין עטלעכע מאָל — וועט מיך די פוילישע רעגירונג חושד זיין אין שפּיאָנאַזש.

האָבן מיר בכלל אָפּגעלאָזט דעם גאַנצן ענין.

אין „טראָצקי, סטאַלין און פאָלק", וואָס וויסענבערג האָט אָנגעשריבן אין אָנהייב פון 1928, זאָגט ער, אַז דער פאַקט, וואָס מ'האָט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויסגעשלאָסן טראָצקין פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז זייער באַלערנדיק, און אַז מע מוז נישט וויסן אַלע פרטים, כדי צו קענען פעסטשטעלן דעם הויפּטשטריך. אין דעם דאָזיקן פאַקט, און פון די קאָמפּראָמיסן אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט „נעפּ",* וואָס רוסלאַנד האָט אין יענער צייט איינגעפירט, האָט וויסענבערג געזען רוסלאַנדס אויסשליסן זיך פונעם קאָמוניזם. ער האָט געזאָגט, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פשוט ווי עס דאַכט זיך, ווייל „דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד איז אַרויף אויף דעם וועג, וווּהין דאָס פאָלק האָט אים געשלעפּט" און אַז ס'איז אין פראַנקרייך, מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אויך נישט אַנדערש געשען.

> יאָ, אַלץ געשעט פשוט און גאַנץ זאַכלעך. פון רוסלאַנד האָבן זיי געקענט פאַר־טרייבן דעם אייגנטום־באַזיצער, אָבער נישט דאָס געפיל פאַר אייגנטום. . . .
> די מענטשהייט ציט דערויף. זי ציט אין דעם דאָזיקן טאָל אַריין. וויל סטאַלין נישט זיין דער מענשלעכער געניוס און שלעפּן זי, ווי לעוו טראָצקי אויפן שפּיץ באַרג אַרויף. וויל ער נישט זיין קיין „קינד" און קיין גאון, וואָס דיביידע לאָזן זיך פאַרפירן פון פייערלעך . . . וויל ער נישט געקריינט ווערן מיט דעם טיטול „פאַרפירער", ווי עס ווערן אָפט געקריינט די, וואָס גייען פאָרויס, . . .
> אָבער וואָס אַרט עס דער מאַסע דעמס [טראָצקיס] רייד, וואָס זאָגן גאָרנישט צו — און דעסגלייכן, וואָס אַרט איר דער, וואָס נאַרט זי אָפּ, בשעת דאָס אָפּנאַרן, מיינט זי, גייט אויף דעם רעכענונג פון אַלע אַנדערע זיינס גלייכן, נאָר ער (יעדער איינער פון עולם . . .) וועט כאַפּן דעם טאָפּ פלייש? . . .
> עס האָט אַ מאָל געזאָגט איינער אַ קלוגער: (איך ווייס נישט ווי ער הייסט . . .)
> אַז די מאַסע איז אויך גנביש, פונקט ווי עס זענען אירע „פירער", נאָר די פירער אויף זייער אַרט און די מאַסע אויף איר אַרט . . .
> זיי ווילן זיך איינער דעם צווייטן גענאַרן און אַזוי באַהעפטן זיי זיך . . .
> און אָט, אַלע מאָל וועט מעפיסטאָפעל אַרויסשטעקן דער וועלט אַ צונג. לויט דעם זעלבנס טאַקע באַהויפטונג איז אויך נישט אמת, אַז די מאַסע איז באַשאַפן

---

* קיצור פון נײַע עקאָנאָמישע פאָליטיק.

גענוואָרן צו מעפּיסטאָפּעלס געלעכטער. זי איז נישט אַזאַ נעבעכל... אלא עס טרעפט אַ מאָל אַז דער שלו דערהרגעט זי, האָט זי אָבער נישט געוווסט, אַז דער שלו וועט זי גענאַרן, זי האָט געזען אַ טאָפּ פלייש...
דער פאַקט אָבער פון אויסשליסן די אָפּאָזיציע פון אָפּיציעלן „קאָמוניזם", שטעלט צוריק גלייך דעם מוח פון דער וועלט...
... מיט דעם קאָמוניזם אָבער איז זיכער געענדיקט.
עטלעכע הויף־פּאָעטן אין לאַנד, אָדער געדונגענע אין אויסלאַנד וועט ער [סטאַלין] נאָך קענען „באַגייסטערן" די מוחות.
דער וועלטס מוח אָבער קריסטאַליזירט זיך אויס...
ווער ס'איז שולדיק? — נאַרישקייט: מעפּיסטאָפּעל! דער עולם וויל בעסער פלייש שוין, איידער קאָמוניזם שפּעטער.[206]

דאָס איז געווען— שוין אין יענע טעג — ווייסענבערגס בליק אויפן קאָמוניזם. אויף דער טעמע פלעגט מען אים אָפּט הערן רעדן אינעם פאַראיין פון די שרייבערס.

אין ליטעראַטן־פאַראיין פלעגט אויך אַרויפקומען ד"ר יצחק לייפּונער. ער איז געווען דער דאָקטאָר פון די יִדישע שרייבערס און אַליין אַ באַהעמע־מענטש. ווייסענבערג האָט אים זייער ליב געהאַט פאַר זיין פּשטות און ערלעכקייט. כ'גלייב, אַז פון אַלע דאָקטוירים האָט ער געהאַלטן צום שטאַרקסן פון ד"ר לייפּונער. ער פלעגט אויף זיך זאָגן, אַז ער ווייסט גאָרנישט; איך בין דער האַמער — האָט ער געטענהט צו ווייסענבערגן — און דו [דער פּאַציענט] ביסט די קאָוואַדלע.

און ווייסענבערג האָט אים געפרעגט, ווי די מעדיצין קען זיין פאַרלעסלעך — אויב דאָס איז אויך אַ מאַדעזאַך; זי בייט זיך כסדר, בשעת ווען דער מענטשלעכער אָרגאַניזם בייט זיך נישט. אָט האָבן מיר געהאַלטן אין איין הערן, אַז דאָקטוירים הייסן עסן אַ סך לעבער. שפּעטער האָט מען אויפגעהערט רעדן וועגן דער לעבער און אָנגעהויבן רעדן וועגן קנאָבל, וואָס דאָקטוירים האָבן געראָטן צו עסן אַ סך. מ'האָט טאַקע געקענט זען, ווי אין די אויסשטעל־פענצטער פון יעדער אַפּטייק הענגען גאַנצע קרענצלעך קנאָבל. אָבער אויך וועגן קנאָבל איז אין אַ צייט אַרום שטיל געוואָרן.

אין כירורגיע גלייב איך יאָ; אַז מע שניידט אויף, זעט מען וואָס דאַרט טוט זיך — פלעגט ווייסענבערג זאָגן דעם ד"ר לייפּונער, אָבער אַחוץ דעם איז דער מענטשלעכער אָרגאַניזם אַזוי קאָמפּליצירט, אַז די מעדיצין איז נאָך ווייט נישט דערגאַנגען צום סוד פון זיינע דינסטע געוועבן. און אַחוץ וואָס ס'איז שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין אַזאַ העכסט פּרעציזן אָרגאַניזם ווי דער מענטשלעכער קערפּער איז, מיטן אוניווערס פון זיין צאָל קעמערלעך — זייערע פונקציעס און ווירקונגען — מאַכן זיי נאָך (די דאָקטוירים) אַן אָנשטעל, אַז דער פּאַציענט זאָל מיינען מי־יודע וואָס. דאָס, וואָס די רפואות ווערן געשריבן אין לאַטיין — אַ שפּראַך, וואָס דער עולם פאַרשטייט נישט — איז אויך צוליב דעם, „אַז משה, יאַנקל, חיים זאָלן נישט קענען אַליין צעשטויסן אַ שטיקל ציגל און אויסמישן עס מיט וואַסער...", האָט ער געזאָגט.

ס'איז אַ מאָל דערגאַנגען צו אים אַ דאָקטאָר־ און פּאַציענט־געשיכטע, וואָס איז

געוועזן פונקט אַנגעמאָסטן אויף זיינע איבערצייגונגען.

אין זשעלעכאָוו איז געווען אַ גרויסער גביר מיטן נאָמען יאָסל ברכהס, האָט זיין פרוי זיך אָנגעהויבן אין די שפּעטערע יאָרן אָפּט צו דאָקטערן. מסתמא האָט דער דאָקטער שוין געזען צו געפינען ביי איר מחלות פון כל־המינים. איין מאָל האָט איר דאָקטאָר געזאָגט, אַז זי דאַרף פאָרן קיין טשעכאָטשינעק* נעמען בעדער און אַז דאָרט איז אויך דאָ אַ גוטער דאָקטאָר וואָס קען זי היילן, וועט ער איר מיטגעבן צו אים אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו.

יענער דאָקטאָר איז געווען זיינס אַ פריינד, האָט ער אים אָנגעשריבן וועגן דעם פּאַציענט וואָס ער שיקט אים און האָט דעם בריוו פאַרקלעבט.

יאָסל ברכהס׳ פרוי האָט זיך געמאַכט פאַרטיק אין וועג אַריין און צו מאָרגנס אין דער פרי האָט זי געזאָלט אָפּפאָרן. און ווייל זי איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָס עס שטייט דאָרט אינעם בריוו וועגן איר געזונט — האָט זי דעם בריוו געעפנט און געליינט:

„טייערער קאָלעגע . . .״

צווישן אַנדערע דערקלערונגען אינעם בריוו (וואָס זי האָט גראָד נישט זייער פאַרשטאַנען . . .) האָט זי געפונען אויך אַזאַ באַמערקונג: „איך שיק דיר אַ גוטע קו צום מעלקן . . .״

ווען צו וויסענבערגן איז דערגאַנגען אָט די געשיכטע, האָט ער אָנגעהויבן צו זײַען דורך די ציין ס׳געלעכטער, אַז ער האָט זיך גאַרנישט געקענט באַהערשן.

אָט די געשיכטע האָט ער דערציילט דעם ד״ר לייפונער און זיך ווידער אַ מאָל צעלאַכט און געקוקט צום דאָקטאָר מיט אַ ליבלעכן בליק.

שפּעטער צו האָט מען אים געהערט איבערגעבן זיין באַגלייבטן דאָקטאָר, ווי ער האָט געטראָפן יצחק גרינבוימען אויפן וואַרשעווער הויפּטוואָקזאַל מיט צוויי גרויסע וואַליזעס איןביידע הענט. מיין ערשטער אימפּולס איז געווען — האָט ער געזאָגט — צוצוגיין און אים העלפן טראָגן איינע. כ׳האָב שטאַרק חשק געהאַט דאָס צו טאָן. אָפּגעהאַלטן פון דעם דאָזיקן שריט האָט מיך אָבער דער געדאַנק, אַז ס׳קען זיין, אַז כ׳וועל דערמיט שטעלן גרינבוימען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל אפשר האָט ער נישט געהאַט גראָד אויף צו דינגען אַ דראָשקע און ער וואָלט אפשר נישט געוואָלט דאָס זאָל זיין אויפפאַלנדיק. ביי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע־ און כלל־טוערס וואָלט נישט פּאַסירט, זיי זאָלן אַליין טראָגן זייער באַגאַזש. „ווי ס׳איז געקומען צו קהלישע געלטער, האָבן מייז אַלע מאָל אויפגעגעסן אייזענערע קאַסעס . . .״ — האָט וויסענבערג געזאָגט — אָבער ביי יצחק גרינבוימען, ווייל ער איז אַזאַ קרישטאָלריינע און זעלטן ערלעכע נאַטור — קען דאָס יאָ פּאַסירן. דערפאַר האָב איך אַזאַ דרך־ארץ פאַר אים.

דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט אינעם שמועס אַנדערע שרייבערס און מ׳האָט גענומען אויפמישן אַ קאַפּיטל — יצחק גרינבוים:

גרינבוים איז אין יענע צייטן (ווען וויסענבערג האָט אים געטראָפן אַליין

---

* טשעכאָטשינעק — אַ קוראָרט אין פוילן.

טראַגן זיין באַגאַזש) געווען דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, נאָך דעם ווי פּוילן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה. ער האָט דאָרט, אין סיים, געקעמפט פאַר ייִדישע רעכט אין פּוילן פון יאָר 1919 אָן, און איז באַוווּסט געווען מיט זיינע מוטיקע אַרויסטריטן אין דער דעמאָלטיקער ענדעקישער רעגירונג. די פּוילישע סיים־דעפּוטאַטן זענען אים באַפאַלן מיט זילזולים פאַר זיין אויפדעקן, אַז זעלנערס פון דער פּוילישער אַרמיי האָבן זיך פאַרווײַלט מיט שניידן ייִדישע בערד — אַפּט מיט דער שווערד, מיטרייסנדיק שטיקער פלייש פון ייִדישע פּנימער — און מיט לייגן ייִדן מיט די פּנימער אין דער בלאָטע אַריין „זיי זאָלן וויסן מיט וואָס די פּוילישע ערד שמעקט". די דעפּוטאַטן זענען גרינבוימען אויך באַפאַלן מיט טענות און פאַרוואָרפן, צוליב אַ מכלומרשטער פאַרשווערונג מצד די ייִדן קעגן דער פּוילישער רעגירונג. צו יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ שלום־קאָנפערענץ אין ווערסאַי, ווו מ'האָט געזאָלט לייזן די פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך געשאַפן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער פאַקט וואָס אין פּוילן זענען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען אויף ייִדן אין 1918—1919, גלייך נאָך פּוילנס ווערן זעלבשטענדיק, איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער דאָזיקער שלום־קאָנפערענץ. האָט דאָס די פּאָליאַקן נישט געפּאַסט, וואָס מע פאַרשוואַרצט זיי דאָס פּרצוף ביי די אומות־העולם, וואָס האָבן צוליב אַזאַ שענדלעכער דערשיינונג פאַרלוירן דעם צוטרוי צו די פּאָליאַקן. אויף דער שלום־קאָנפערענץ איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, אַז פּוילן דאַרף אונטערשרייבן אַ טראַקטאַט וועגן רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן אין איר לאַנד.

יצחק גרינבוים האָט דעמאָלט מיט זיין שטאָלצער און ווערדיקער האַלטונג אויף די שטורמישע פּוילישע סיים־סעסיעס, און מיט זיינע לאָגישע באַווייזן צוריק־געשלאָגן די העצערישע אָנפאַלן אויף אים און זיין פאָלק, וואָס ער איז געווען זיין פאָרשטייער.

מאָוריצי שימעל האָט צוגעגעבן, אַז גלייכצייטיק איז גרינבוים אויך געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם ציוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פּוילן.

— „נו, פאַרדינט דען נישט אַזאַ כּלל־טוער — אין אַ וועלט פון גיריקייט און פאַרדאָרבלעכקייט — אונדזער אַלעמענס דרך־ארץ?", האָט ווייסענבערג געפרעגט.

וועקט ער נישט די שענסטע האָפנונגען אין אַ צייט ווען דער מענטש האָט אויפגעהערט גלייבן זיין מיטמענטש און יעדער יחיד באַטראַכט זיך ווי אַן אָנבייסן פאַרן כּלל־טוער — זינט די וועלט איז אַריינגעפאַלן אין אומגליק נאָך דער [ערשטער] וועלט מלחמה? און אַזוי וועט עס מסתּמא גיין אַזוי לאַנג ביז דער מענטש וועט נישט אויסגעלייזט ווערן פון דער נויט־שווערד, וואָס איז געקומען נאָך דער מלחמה־שווערד.

די צוויי אינטערעסן־ספערן — דאָס פאָלק, דער אָביעקט פאַר רחמנות, און זיינע פאַרזאָרגערס — וועלן נאָך אַזוי לאַנג אָנהאַלטן ביז אַלע וועלן זיין זאַט און ס'וועט מער נישט זיין אויף וועמען קיין רחמנות צו האָבן. ערשט דעמאָלט וועט די ביטערע אַנטוישונג, דער אומצוטרוי פון מענטש צו מענטש, פאַר־שווינדן. אַך, ווי גליקלעך זעט פאַר אונדז אויס יענע צייט, וואָס דער נביא ישעיה האָט פאַר אונדז פאָראויסגעזען, אַז דער וואָלף מיטן שעפּס וועלן

צוזאַמען רוען און צווישן כּלל־טוער און פֿאָלקסמענטש וועט נישט זײַן מער קיין סיבה פֿאַר רחמנות.

אַט דאָס איז אין אַלגעמיין געווען ווייסענבערגס באַציִונג צום מין כּלל־ און געזעלשאַפֿטלעכן טוער.* דאָך האָט ער אויסגעטײלט די געציילטע פֿון צווישן דער קאַטעגאָריע, וואָס זייער כּוונה איז טאַקע געווען אַ ריינע, ווי דער דערמאָנטער יצחק גרינבוים און אַנדערע ענלעכע געשטאַלטן.

* * *

אונטערן שרייבער־פֿאַראיין, אויף טלאַמאַצקע 13, האָט זיך געפֿונען דער נאַכט־לאָקאַל „מעטראָפּאָל", מיט מאַלצייטן, געטראַנקען און מוזיק, וואָס הענעך ערליך האָט אים געעפֿנט. קעגן איבער, אויף לעשנע נומ' 2, איז געווען דער אַרטיסטן־פֿאַראיין. פֿלעגן זיך אין „מעטראָפּאָל" צונויפֿקומען אויף אַ גלעזל טיי אַלע אַקטיאָרן, נאָך די פֿאַרשטעלונגען, שרייבערס, מוזיקערס, מאָלערס און סתּם באַהעמשטשיקעס. נאַדאַ קאַרעני איז גאַר אָפֿט אַהין געקומען. זי האָט דעמאָלט געשפּילט אין טעאַטער „נאָוואָשטשי", וואָס האָט זיך אויך געפֿונען נישט ווייט (אויף ביעלאַנסקע־גאַס).

דאָרט פֿלעגט מען אויך אָפֿט זען דעם באַגאַבטן כאָר־דיריגענט שניאור, אייביק קאָפּטשען די פּאַפּיראָסן, וואָס ער פֿלעגט אָנצינדן איינעם אינעם אַנדערן און ביי שטאַרקע גלעזלעך טיי, וואָס נישט איין מאָל איז אים דאָס אַש אַריינגעפֿאַלן דערין.

גנענדל האָט דאָרט געאַרבעט אין קאַנצעלאַריע. ערליך האָט פֿריִער געפֿרעגט דעם טאַטן, וועלכע פֿון זיינע צוויי טעכטער וואָלט זיך, לויט אים, בעסער געפּאַסט פֿאַר אַזאַ אַרבעט, האָט אים דער טאַטע געזאָגט, אַז גנענדל איז מער אָבסער־ווירנדיק און וואָך אויפֿן גאַנצן אַרום. פֿערל איז פֿינקטלעכער. האָט ערליך געגעבן דעם פּאָסטן גנענדלען.

געטאַנצט האָט מען אויך אין „מעטראָפּאָל". פֿלעגן מיר אָפֿט טאַנצן, אויך די אַקטיאָרן, אָבער קיין מאָל נישט די שרייבערס. זיי זענען בלויז געזעסן און אָבסער־ווירט, געשמועסט. משהל באַרנשטיין — ווייל ער איז געווען אַ דראָבנער — האָט זיך אַפֿילו אַרומגעדרייט צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. גנענדל איז געווען אַן אויסנעם אַ טענצערין. אירע פֿיס זענען געווען אַ שם־דבר. אין שייכות מיט זיי, האָט אַ מאָל אַ פּוילישער שוסטער געזאָגט, אַז פֿון הונדערט פּאָר פֿיס ביי קריסטלעכע פֿרויען, קען מען טרעפֿן דריי פּאָר אומנאָרמאַלע און פֿון הונדערט פּאָר פֿיס ביי ייִדישע פֿרויען — טרעפֿט מען דריי פּאָר נאָרמאַלע, און צו דער קאַטעגאָריע געהערן גנענדלס פֿיס. קאַגאַנאָווסקי האָט גאָר געזאָגט, אַז אַזעלכע פֿיס האָט מיסטינגעט.

גנענדל האָט געהאַט די פֿעיִקייט זיך צוצופּאַסן צו יעדן פּאַרטנער, מיט וועמען זי האָט נאָר געטאַנצט. מע פֿלעגט זיך חידושן, ווי אַזוי זי מאַכט דאָס, אַז אויב זי

* אין די איצטיקע צייטן, ווען מענטשן זענען אין אַלגעמיין זאַט און בעסער סיטואירט, האָט די כּלל־ און געזעלשאַפֿטלעכע עסקנות אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער.

טאַנצט מיט אַ הויכן, שלאַנקן פּאַרטנער — איז זי אויך הויך און שלאַנק, און טאַנצט זי מיט אַ קליינעם — זעט זי אויך אויס קליין, צוגעפּאַסט צו זיין גרייס.

אַ מאָל האָט זי איינער פון די געסט פאַרבעטן צו אַ וואַלס. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ געפּלעכט פון פאַרשידענע וואַלסן און זייער לאַנג, אפשר אַ האַלבע שעה. מענטשן האָבן געטאַנצט, און אויפגעהערט ווען זיי זענען מיד געוואָרן. נאָר גנענדלס פּאַרטנער האָט אָפּגעטאַנצט מיט איר די גאַנצע האַלבע שעה, נישט טראַכטנדיק אַפילו גאָר אָפּצולאָזן אַזאַ גוטע פּאַרטנערקע.

ווען דער אָרקעסטער האָט ענדלעך אויפגעהערט צו שפּילן — האָט ער זי צוריק צוגעפירט צו אונדזער טיש אַ פאַרסאָפּעטע. דער טאַטע האָט איר דעמאָלט געזאָגט, זי זאָל מער מיט דעם „משוגענעם" נישט טאַנצן, ווייל ער האָט נישט קיין שׂכל זי אָפּצולאָזן אַ ביסל פריִער, אויב דער אָרקעסטער הערט נישט אויף צו שפּילן.

בכלל האָט ער זייער געהאַלטן פון מאַס און דעריבער נישט געקענט פאַר־טראָגן יעדע איבערגעטריבענע זאַך.

> אַך, ווי גלוסט זיך טייל מאָל צו צעפירן די הענט [— שרייבט ער אין „פּרווון די כּוחות" —], מעג זיין אַפילו אין באַלעם־שפּילן, אַבי צו זען אין זיך נאָך אַן אייגנשאַפט, ווער שמועסט נאָך, אַז זי ווערט דעמאָנסטרירט מיט פיל ספּריט, גראַציע, פלינקייט און טאַקט. טאַקט, גראַציע — דאָס איז סטיל, און סטיל איז נישט נאָר דאָס אויסערלעכע, נאָר די פיזיאָנאָמיע פון גייסט ביי דעם, וואָס באַזיצט אים.[207]

באַשרייבט י. בן־דב [ציעכאַנאָווסקי] ווי אַזוי חברה שרייבערס האָבן זיך צוזאַמענטגעטראָפן אַ מאָל אין לאָדזש ביי שמעיה צימערמאַן אין שטוב און האָבן — נאָכן אויסטרינקען און דערוואַרעמען זיך אַ היפּש ביסל — אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ טענצל:

> ...איך, דער יינגסטער, — האָב זיך צעטאַנצט מיט חסידישן ברען און לעבן זיך געהאַלטן משה בראָדערזאָנען, וועלכער איז אָבער מיד געוואָרן פון האָסטיקן טאַנצן און זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון ראָד. איך האָב אים אָבער צוריקגעשלעפּט. אַזוי עטלעכע מאָל.
> דאָ איז ווייסענבערג צו מיר צוגעלאָפן, מיך אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן און גענומען טרייסלען, שרייענדיק:
> — ציעכאַנאָווסקי, איר ווייסט פאַר וואָס גאָט האָט אייך געגעבן אַזוי ווינציק פרייד? ווייל מיט מער וואָלט איר צעפּלאַצט געוואָרן...[208]

און אַ צווייטער ביישפּיל, ווי ווייט ער האָט געהאַלטן פון מאַס: אין ראַדאָשטש, וווּ מיר האָבן שפּעטער געוווינט, זענען מיר אַ מאָל געגאַנגען באַזוכן פריינד. ביי זיי איז געווען אַ פּלאַץ און אַ נעץ פאַר וואַליבאַל־שפּילן און יוגנטלעכע אין דער משפּחה, האָבן מיר אָנגעהויבן שפּילן. בכלל האָב איך נאָך פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אין מיעדזעשין, באַקומען דעם שם פון אַ גוטער וואַליבאַל־שפּילערין, ווייל כ׳פלעג אָפט „אַריינשיסן גאָלן". אָבער דעמאָלט, אין ראַדאָשטש, האָב איך דערפילט אין מיר אַזאַ איבערפלייץ פון ענערגיע (אפשר אומאויסגעניצטער, ווייל וואָס איז געווען צו טאָן מיט איר אין ראַדאָשטש?) אַז איך בין אונטערגעשפּרונגען,

ווען נאָר דער באַלעם איז געפלויגן אין מיין ריכטונג און אים געגעבן אַזאַ האַסטיקן קלאַפּ צוריק אויפן קעגנערס פעלד, אַז ער איז ווייט אַריבערגעלאָפן די גרענעץ־ליניע און, אין אַזאַ פאַל איז עס געווען אַ קנאַפּער נצחון פאַר מיר, ווי פאַר מיין גרופע, ווייל פאַר קיין „אַריינגעשאָסענעם גאָל" האָט דאָס זיך נישט געקענט רעכענען. און נאָך מער: אונדזער צד האָט פאַרלוירן צוליב דעם די רעכט צום סערווירן. ס׳קען אויך זיין, אַז דער באַלעם איז געפלויגן ווייטער, ווי ס׳האָט זיך געפאָדערט, ווייל דאָס איז געווען בלויז אַ געוויינטלעכע פילקע, וואָס איז אַ סך לייכטער פונעם וואָלייבאָל.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דער טאַטע בשעתן צוקוקן ווי איך קלאַפּ יעדעס מאָל אַזוי איבערגעטריבן צוריק דעם באַלעם — אַרויסגעגעבן זיין פסק: איך קען נישט שפּילן.

אינעם „מעטראָפּאָל" איז צווישן די טאַנצנדיקע געווען איין אָונט אַ נעגער, וואָס איז געקומען קיין פּוילן פון איבערן אָקעאַן, פון די פאַראייניקטע שטאַטן, הייסט עס. איז ער פאַרן וואַרשעווער עולם אין „מעטראָפּאָל" געווען אַ גאַנצע אַטראַקציע. אַלע, ספּעציעל פרויען, האָבן זיך געריסן מיט אים צו רעדן, מיט אים צו טאַנצן, וואָס דערפון איז ער געווען גאָר שטאָלץ ביי זיך. כ׳האָב אויך דער דער־שיינונג אָנגעוויזן דעם טאַטן, וואָס איז אויך גראָד געווען דערביי. איך האָב אים געפרעגט, וואָס מע רייסט זיך אַזוי איבער דעם נעגער, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז דאָך איין שוואַרצער צווישן אַזוי פיל ווייסע — מיינט מען, מי־יודע ווי וויכטיק ער איז און ער שטייט צוליב דעם אין גרויסן.

אַ מאָל זענען מיר, ווייסענבערג, איציק מאַנגער, גנענדל און איך, געזעסן אַ נאָכמיטאָג אין „מעטראָפּאָל". ווו מאַנגער איז געווען, האָט געמוזט זיין משקה אויפן טיש. איז פאַר אים פאַר געשטאַנען אָנגעגאָסן אַ גלעזל און פאַר ווייסענבערגן אַ גלעזל. אויפן טיש איז געשטאַנען די פלאַש. גנענדל און איך האָבן געהאַט קאַווע.

האָט ווייסענבערג אַזוי געזאָגט צו מאַנגערן:

„אַז די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז אַ פּאַרך — וואָס זענט איר, לויז, זיך געקומען פּאַשען אויף איר? און — טרינקט!" — האָט ער צו אים אויפגעהויבן ס׳גלעזל.

זיי האָבן אויסגעטרונקען.

ער האָט אויף ס׳ניי אָנגעפילט די גלעזלעך.

און ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע:

— „אַז די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז אַ פּאַרך — וואָס זענט איר, לויז, געקומען זיך פּאַשען אויף איר? — טרינקט..."

מאַנגער איז דעמאָלט געהאַט געקומען פון רומעניע און זיך באַזעצט אין פּוילן.

ער האָט געטרונקען, דאָס האָט ער נישט פיינט געהאַט... אָבער צי האָט ער אויך דעם טאָסט ליב געהאַט, קען איך נישט זאָגן. ער האָט אָבער געשוויגן אויף אַזאַ מין אויסטערלישן טאָסט, האָט זיך צוגעהערט, געשוויגן און געטרונקען.

ווען מיר זענען געהאַט אַ ביסל אונטערגעזעסן, האָט מאַנגער זיך געוואַנדן צו אונדז:

— „איר ווייסט, מיידלעך, אַז איר האָט אַ גרויסן טאַטן?"

ווייסענבערג האָט דאָס אָוועקגעמאַכט מיט אַן אָפּגעהאַקטן זשעסט פון דער האַנט. די לויב איז אים, גלייב איך, אויסגעקומען אומנאַטירלעך אין יענעם מאָמענט... ער האָט, פאַרשטייט זיך, גאַר שטאַרק געהאַלטן פון מאַנגערס דיכטונג. און באמת איז ער דאָך אפשר פון די ייִדישסטע דיכטערס ביי אונדז, און מיט אַזאַ זעלטענער, אַ ספּעציפיש מאַנגערישער אייגנאַרטיקייט, וואָס שפּילט און שימערירט מיט אַלע ייִדישע חנען, סיי טרויעריק, סיי לצנותדיק.

איין אָוונט זענען מיר געזעסן אין „מעטראָפּאָל" ביי אַ לאַנגן טיש, צוזאַמענגעשטעלט ספּעציעל פאַר אונדז, ווייל עס האָבן זיך יענעם אָוונט גראָד צונויפגעזאַמלט אַ סך קינסטלערס. צווישן אַנדערע איז אויך געווען דער מעטאַל־פּלאַסטיקער שליוניאַק.

מ'האָט באַשטעלט קאָניאַק און שוואַרצע קאַווע, און ווען דאָס געטראַנק האָט אָנגעהויבן אויפצובינדן די צונג — האָט שליוניאַק אָנגעהויבן זיך מתוודה צו זיין פאַר ווייסענבערגן, אַז ער האָט אַ סך פּרויען אויף זיין געוויסן. אַ זעלטן שיינער מאַן איז ער געווען, אַ הויכער מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען און אַן אַליוו קאָלירטער הויט. קלאָר, אַז ער האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג ביי דעם „שיינעם מין" און פּרויען פלעגן אים פשוט נאָכפאָלגן. האָט אים, ווייזט אויס, דאָס געוויסן געפּייניקט פאַר זיינע באַגאַנגענע „חטאים" און ער האָט זיך יענעם אָוונט אַראָפּגערעדט פונעם האַרץ. ווייסענבערג האָט אים אָבער אין גאַנצן פּלאַטשיק געמאַכט מיט עטלעכע ווערטער, אַז אויב ער האַלט ליבע פאַר אַ חטא — דאַרף ער אויפהערן ליב צו האָבן, נאָר ער (ווייסענבערג) זעט נישט מיט וואָס ליבע איז אַ חטא. היינען האָט מען אויך פאַרגעוואָרפן זיינע פילצאָליקע ליבעס, אָבער היינע האָט געזאָגט, אַז אויב ער האָט געהאַט הונדערט ליבעס — איז ער הונדערט מאָל פאַרברענט געוואָרן.

אַן ענלעכן פאַל, להיפוך, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַן אַנדערן פון דער סביבה, וואָס האָט אויך געהאַט אַן אַ שיעור הצלחה ביי פּרויען — און אפשר נאָך מער — האָט אָבער ווייסענבערג יאָ געהאַלטן פאַר אַ חטא, ווייל ביי יענעם איז דאָס געווען אויסניצערישקייט, אַ מאָל אין מאַטעריעלן זינען און דערצו אַן געוויסן.

דעם זעלבן שליוניאַק מיט זיין אויסזען פון אַן אַריסטאָקראַט, וואָס מ'האָט זיך אָנגענומען מיט דרך־ארץ בלויז אַ קוק טוענדיק אויף אים, האָט מען שפּעטער — אין די הונגערטעג בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע, געקענט זען שטיין אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס מיט שקאַרפּעטקעס אין אַ קעסטעלע אויפן טראָטואַר צום פאַרקויפן...

גנענדל, ווייסענבערגס עלטערע טאָכטער
און איר מאַן יחיאל־פּייוול ראָטשטיין
(אוזבעקיסטאַן, 1944).

די ראָטשטיין־משפּחה.
פון רעכטס אויף לינקס: גנענדל, ישׂראליק, יהודיתל, יחיאל־פּייוול און יצחקל
(שוועדן, 1950).

זעליק אַקסעלראָד,
פּערל ווייסענבערגס מאַן,
אומגעבראַכט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, יוני 1941.

זעליק און פּערל אַקסעלראָד
(מינסק, 1940).

פּערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד
נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

גנענדל ווייסענבערג־ראָטשטיין
אין טרויער נאָך איר מאַן יחיאל־פּייוול
(קאַנאַדע, 1952).

י.מ. ווייסענבערגס טעכטער און אייניקלעך.
ערשטע רייע: גנענדל, יצחקל, ישׂראליקל.
צווייטע רייע: פערל, יהודיתל
(קאַלגאַרי, קאנאדע 1954).

פון רעכטס: **פּערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד**
און **יהודיתל ראָטשטיין**, ווייסענבערגס אייניקל
(קאַלגאַרי, קאַנאַדע, 1965).

די אָטוואָצקער ליניע

ראַדאָשטש, וואָס מיר האָבן זיך אַהין איבערגעצויגן עטלעכע יאָר נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט געהאַט פֿאַרקויפֿט אונדזער דירה אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס, ווי שוין אויבן געזאָגט — איז געווען אַ דאַטשעאָרט הינטער וואַרשע. דאָרט האָבן מיר געהאַט צוויי גרויסע צימערן אויף אַן ערשטן שטאָק. די וווינונג איז געווען זייער אַן אָנגענעמע, אַ זוניקע, און ס'האָט געבלאַנקט אויך דאָרט אין יעדן ווינקל, ווי אומעטום, וווּ ביילטשע האָט געוווינט, אַ דאַנק איר זעלטענער באַלעבאַטישקייט. די ווילע האָט געהייסן „וואַנדושאַ". די באַלעבאַטים זענען געווען יידן — אמת, אַסימילירטע ייִדן — און האָבן געהייסן לעווינסאָן. וואַנדושאַ — וואָס די ווילע האָט געטראָגן איר נאָמען — איז געווען זייער איינציק טעכטערל, מיט גרויסע בלויע אויגן. דער טאַטע אירער איז מיט זיי געווען זייער שטאָלץ, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין גרויסע שוואַרצע אויגן, „וואָס אין זיי ליגט דער חותם פֿון צוויי טויזנט־יאָריקן ייִדישן גלות", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

ער איז געווען אַ גאַנץ סימפּאַטישער מענטש, נישט קיין גרויסער חכם, אַן אַמאָליקער אָפֿיציר אין דער פּוילישער אַרמיי, און גאָרנישט קיין ביזנעסמאַן. דערפֿאַר האָט זיין ווייב פֿאַרמאָגט דאָס סוחרישע אָדערל. זי האָט געפֿירט די געשעפֿטן און אים האָט זי בלויז געשיקט איינמאָנען דאָס דירה־געלט. נאָר אַזוי ווי דאָס איז אים געלעגן אין דער לינקער פּאה, פֿלעגט ער מאָנען אָבי יוצא צו זיין און אַהיימקומען מיט גאָרנישט. האָט זי דאָך געזען, אַז זי וועט שוין פֿון אים קיין לייט נישט מאַכן — איז זי אַליין אַרומגעגאַנגען צו די לעטניקעס איינמאָנען דירה־געלט, נאָר ביי די דאָזיקע לאָקאַטאָרן (ביי אונדז) — האָט זי געטראַכט, אַז ווייל דאָס איז אַ שרייבער, איז אפֿשר גלייכער, דער מאַן זאָל רעדן, הגם זי אַליין איז געווען אַן אינטעליגענטע פֿרוי און קליגער פֿאַר אים, געוויס. האָט זי לפּחות אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט זיין אַזוי ווייך און זאָל זיך אָוועקשטעלן אַ ביסל שטרענגער. איז „פּאַן" לעווינסאָן געקומען אַ מאָל, גראָד אַ זונטיק נאָך מיטאָג ווען ביי אונדז זענען געווען צו גאַסט פֿון וואַרשע האַנקע דאָבזשינסקי, כ'גלייב, אַז זי איז שוין דעמאָלט געווען קאַגאַנאָווסקיס פֿרוי (די צווייטע) און חיים האַנפּטס פֿרוי, פֿון אָטוואָצק.

די צוויי יונגע פֿרויען האָבן זיך געמאַכט באַקוועם, זיך אָוועקגעלייגט אויף דער אָטאָמאַנע, און מיט אונדז אַלעמען פֿאַרברענגט אין שמועס, ווי ס'איז אָנגעקומען דער ווירט פֿון הויז, „פּאַן" לעווינסאָן.

נאָך דעם ווייבס אָנזאָג, האָט ער נישט געמאַכט קיין צערעמאָניעס און איז באַלד צוגעטרעטן צום ענין — דירה־געלט. ער איז אַריין אין אַ טראַנס פֿון בייזערן זיך (נישט בלויז „זיין שטרענג") און האָט אַפֿילו אָנגעהויבן צו שרייַען, מע זאָל אים שוין באַצאָלן פֿאַרן חודש דירה־געלט.

די צוויי פֿרויען אויף דער אָטאָמאַנע איז געוואָרן גאָר אומהיימלעך אויף די נשמות פֿון אַזאַ מין ספּעקטאַקל און, ווען זיי וואָלטן אין יענער מינוט געקענט

ערגעץ אַנטרונען ווערן אין אַ מויזנלאָך — וואָלטן זיי זיך דערפילט אויסגעלייזט. אָבער אונזער „ביזנעסמאַן" האָט אָפּגערעדט, וואָס מ'האָט אים אָנגעזאָגט, אָדער בעסער געזאָגט — האָט זיך אָפּגעבייזערט, אָפּגעבייזערט, שטייענדיק ביי דער טיר, און איז נאָך דעם צוגעגאַנגען צום טיש מיט דעם הוט אין דער האַנט (ס'איז געווען ווינטערצייט), זיך אָװעקגעזעצט און געזאָגט: און איצט בין איך אַ גאַסט ביי אייך, ד"ה געקומען בין איך „פּאַ דיעלו" * און אָפּגעזאָגט וואָס כ'האָב געדאַרפן, נאָר די רעשט בין איך שוין דאָ ביי אייך פּריוואַט, ווי אַ פריינד.

און ער איז טאַקע באמת געווען אַ פריינד. האָט מען איינגעגאָסן טיי פאַר אים, ווי פאַר די אַנדערע געסט און מיר האָבן פאַרברענגט גאָר געמיטלעך דעם זונטיקדיקן נאָכמיטאָג, אין שמועס, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביזן בין־השמשות. די צוויי פרויען האָבן זיך שוין איצט מער נישט געקענט באַהערשן, און באַפרייט זייער דערשטיקטן שמייכל — צוליב דעם ווירטס דראַסטישן איבערגאַנג צו אַ נאַטירלעכן פריינדלעכן שמועס, פונקט ווי זיי זענען פריִער געבליבן פאַרציטערטע פון זיין אומגעלומפּערט אַרויסטרעטן.

אויך אַנדערע פריינד פלעגן קומען צו ווייסענבערגן קיין ראַדאָשטש אויף אַ טאָג, צוויי עטלעכע שעה. הענעך ערליך פלעגט אָפט קומען מיט אַ פריינדין, וואָס האָט זייער שיין געזונגען. איר באַליבט ליד איז געווען „פּאַד יאַבלאַניאַן",** אַ נומער פון האַנקאַ אָרדאָנוּוונאַס רעפּערטואַר. כ'געדענק אַ הייסן נאָכמיטאָג, ווען ס'האָט פון ערגעץ אַ שכנותדיקער ווילע געשפּילט אַ פּאַטעפאָן דאָס דאָזיקע ליד. אָרדאָנוּוונאַ האָט געהאַט זייער אַ פּישטשעדיק שטימעלע, אָבער גאָר אָן אייגנאַרטיקס, און די דאָזיקע פּליטע האָט עפּעס יענעם נאָכמיטאָג לאַנג און אומאויפהערלעך געשפּילט (מ'האָט ווייזט אויס, זי אַרויפגעלייגט ווידער און ווידער אַ מאָל אויפן פּאַטעפאָן). ביילטשע האָט מיט אַן אומצופרידנקייט אויסגעדריקט איר מיינונג: „ווער פּישטשעט עס דאָרט מיט אַזאַ בלעכן קולכל?"

זי האָט אָפּנים נישט געוווּסט, אַז דאָס זינגט די אָרדאָנוּוונאַ, ווען יאָ, וואָלט זי נישט געזאָגט, אַז ס'קולכל איז אַ בלעכנס...

איין שבת איז געקומען קיין ראַדאָשטש ערליך מיטן מיידל און מנשה אונגער מיט אַ מיידל. כ'ווייס נישט, צי אונגערס מיידל איז געווען שענער, פון ערליכס, וואָס איז געווען פּשוטער, נישט געשמינקט, און די ערשטע האָט געטראָגן אַ סך קאָסמעטיק. כ'געדענק אָפּילו אירע צוויי שטאַרק אָנגעשמירטע ברעמען אויף אירע אייגענע, אויסגעראַזירטע, ווי די מאָדע איז דעמאָלט געווען. ווייס איך נישט, ווי געזאָגט, צי זי איז געווען שענער, נאָר אַ פריש פּנים — האָבן זיך ביידע מענער געריסן צו „אוכאַזשעווען" נאָך איר. און אַזוי, ווען ס'איז געקומען צו דער הייסער טיי — וואָס ביילטשע האָט דערלאַנגט נאָכן מאַלצייט — האָט אי אונגער, אי ערליך זיך געפּלייסט צו דערלאַנגען דאָס אָנגעגאָסענע גלאָז דעם פרישן מיידל. זיי האָבן ביידע אַ כאַפּ געטאָן דאָס הייסע גלאָז טיי, און פונעם צוזאַמענשטויס פון ביידע

* רוסיש — געשעפטסלעך.

** פּויליש — אונטערן עפּלבוים.

„פֿאַרערערס" הענט האָט זיך די טיי אויסגעגאָסן גראָד אויף דעם אַנדערן מיידלס שויס וואָס איז געזעסן אין דער מיט, און זי אָפּגעבריט. נאַטירלעך האָט מען גענומען לעשן דעם ברי, אַז ס'זאָלן זיך נישט מאַכן קיין בלאָזן, און ס'איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער ביים טיש.

ביידע קאַוואַלירן האָבן זיך געפֿילט שטאַרק שולדיק, ווייל לאַ־די וואָס זיי האָבן אויף ערליכס פֿריינדין אין גאַנצן קיין אַכט נישט געלייגט — האָבן זיי זי נאָך אָפּגעבריט. ווייסענבערג איז אויף זיי שטאַרק בייז געוועזן, נישט אַזוי, ווייל זיי האָבן זי אָפּגעבריט — דאָס האָבן זיי דאָך זיכער נישט געוואָלט — ווי פֿאַרן אַרויסווייזן אַזוי ווייניק טאַקט; זיי האָבן אין גאַנצן איגנאָרירט איין מיידל אינעם געיעג אַרויס־צוווייזן אויפֿמערק דעם צווייטן מיידל. ביי דער סומאַטאָכע פֿון ווישן דעם טיש און פֿאַרכאַפּן דעם ברי — ער זאָל נישט ווערן געפֿערלעך — האָבן אַלע צדדים געשוויגן: די באַעוולטע, די שולדיקע, ווי דער באַשולדיקער. ווייסענבערג, וואָס האָט תּמיד אַכטונג געגעבן דערויף, אַז יעדער גאַסט זאָל גלייך באַהאַנדלט ווערן, האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן אַזאַ לייכטזיניקייט פֿון דערוואַקסענע מענער, ווען אַפֿילו בלויז אַ מאָמענטאַלע.

גנענדל איז נישט געקומען וווינען אין ראַדאָשטש. זי איז געבליבן אין וואַרשע מיט דער מאַמען. איך בין אין ראַדאָשטש געוועזן בלויז איבערן זומער, ווייל ווינטערצייט האָט מען געדאַרפֿן צוריקגיין אין שול אַריין. זענען מיר געוועזן מיט דער מאַמען, וואָס האָט געהאַט איר וווינונג אויף דזשעלנע־גאַס. איך בין אָפֿט געגאַנגען באַזוכן די מומע חנה, וואָס פֿלעגט מיר דערציילן אַלע אירע פּערזענלעכע איבערלעבונגען; זי פֿאַרהאַלט זיך מיט מיר ווי מיט אַ חברטע, פֿלעגט זי זאָגן. זי האָט שטאַרק געוואָלט וויסן, צי דער טאַטע מיינער האַלט זי פֿאַר אַ קלוגע, האָב איך צוגעזאָגט אים צו פֿרעגן, אָבער לויט דעם ענטפֿער וואָס כ'האָב באַקומען, האָב איך אים איר נישט געקענט געבן... וואָס שייך קלוגשאַפֿט בכלל, האָט ער אויף מיין פֿראַגע, ווער ס'איז אַ קלוגער, געזאָגט: דער, וואָס פּירט זיך קלוג. און הומאָר, וויצן? — האָב איך ווייטער געפֿרעגט. — דאָס האָט נישט קיין שייכות. אַז איינער קען זיך וויצלען, זאָגן חכמות, מיינט נאָך נישט, אַז ער איז קלוג. דעסט גלייכן האָט ער געזאָגט, אַז כיטרעקייט ווערט אָפֿט אָנגענומען פֿאַר קלוגשאַפֿט, אָבער מ'קען זיין כיטרע און אַ נאַר, פּונקט ווי מ'קען זיין קלוג און נאַיִוו.

דער מומע חנהס מאַן, דער פֿעטער מרדכי מאַלאַצקי, איז געוועזן טויבלעך, און אַ שווייגער. דעם קאַפּעליוש פֿלעגט ער אַרויפֿזעצן גלייך אויפֿן קאָפּ, אַ האָרעלע נישט אָנגעבויגן רעכטס, אַ האָרעלע נישט לינקס. געגאַנגען איז ער אויך גלייך, ווי אַ ווירע, ערנסט און שטייף. ער איז געוועזן אַ לערער אין די תּרבות־שולן, זייער אַ שטרענגער, מיט אַ חודשלעכן געהאַלט פֿון 500 זלאָטעס. טויבערהייט האָט ער זיך גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע העברעיִשע לערערס אין וואַרשע. זיינע צוויי זין, פּנחס און משה (אין געזעלשאַפֿט האָט ער זיך גערופֿן מיטעק) האָבן געמוזט רעדן אין שטוב מיטן טאַטן, פֿאַרשטייט זיך, רק עברית. ער האָט זיי נישט איין מאָל אַראָפּגעלאָזט אַ פֿײַערדיקן פּאַטש ביים טיש זיצנדיק בשעתן מאָלצייט, פֿאַר מאַכן אַ גרייז.

כ'האָב אַ מאָל אַרויפגעפירט צו די מאַלאַצקיס קאַגאַנאָווסקין. כ'האָב אים צופעליק געטראָפן אויף פּאַוויע־גאַס גייענדיק פון דער רעדאַקציע עקספּרעס. ער האָט געקויפט בלומען און שאָקאָלאַד מיטצונעמען. דעם פעטער מרדכיס שטרענג, ערנסט פנים האָט זיך אויסגעלייטערט און זיך צעשמייכלט פונעם כבוד וואָס אַזאַ וויזיט האָט אים פאַרשאַפט. ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן באַרעדעוודיק, וואָס דאָס פלעגט טרעפן נאָר ווען ער פלעגט האָבן געסט אין שטוב אָדער ביים מאַכן אַ היימיש קערטל חנוכה־צייט, למשל.

בשעת איך בין איבערן זומער געווען אין ראַדאָשטש, האָב איך זיך אויך גע־ריסן קיין וואַרשע, ווייל וויפל קען מען דען גיין שפּאַצירן און באַוווּנדערן די נאַטור — ווי שיין זי זאָל נישט זיין — נאָך דערצו, ווען מ'איז אַ צענערלינג? דער טאַטע האָט דאָס פאַרשטאַנען, אָבער ווייל ס'איז קיין עצה נישט געווען, האָט ער זיך באַמיט מיר צו געבן עפּעס אַ שטיקל צייטפאַרטרייב. ווען ער איז יעדן טאָג געפאָרן קיין וואַרשע, האָט ער געזאָגט כ'זאָל אים צובאַגלייטן צו דער באַנסטאַנציע. דאָרט האָט ער געקויפט פּאַפּיראָסן, מיך מכבד געווען מיט איינעם און מיטגעגעבן עטלעכע אויף שפּעטער. די איינציקע, וואָס ס'האָט זי נישט געשטערט דאָס זיצן אין ראַדאָשטש, איז געווען ביילטשע. זי האָט זיך געקוויקט מיט דער ריינער לופט, און האָט זיך אַפילו געחכמהט: אויב מע פרעגט, פאַר וואָס די לופט אין דאָרף איז פריש — דאַרף זיין דער ענטפער: ווייל דער פויער מאַכט קיין מאָל נישט אויף קיין פענצטער . . .

אַ מאָל האָב איך געדאַרפט אַריינפאָרן אויף אַן אָוונט קיין וואַרשע, וואָס מיינע פריינד פון דער מירלאַסאָוועס מיטלשול האָבן איינגעאָרדנט, אָבער ס'איז נישט געווען גענוג געלט, אַז אויך איך זאָל אַריינפאָרן. האָט ביילטשע געזאָגט: פאַרפאַלן, מ'קען נישט, וועסטו נישט פאָרן. דער טאַטע האָט אָבער געזאָגט, אַז וואָס־וואָס, נאָר פאַרוויילן זיך מוז איך, און אַז אויב איך האָב אַן אָוונט — מוז מען שאַפן דאָס געלט, אַז איך זאָל קענען פאָרן. ער פלעגט יעדן טאָג פאָרן קיין וואַרשע, אין רעדאַקציע אַריין, אויך ווייל ער האָט דאָרט צו יענער צייט אַרויסגעגעבן זיינע ביכער.

אין רעדאַקציע, אויף דזשעלנע 11, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן איינציק לאַנג שמאָל צימער אויף אַ 3טן שטאָק, פלעגט ווייסענבערג אָפּזיצן שעהען און אַדורכ־קוקן צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטן, מאַכן די קאָרעקטור, ענטפערן אויף בריוו.

אויך האָט ער פריִער געהאַט צוגענומען אַ בוכהאַלטערין און אַ יינגל צום דער־ליידיקן די עקספּעדיציע פון דעם זשורנאַל, נאָך יעדן דערשינענעם נומער: פּאַקן און צוטראָגן צו דער פּאָסט, ווי אויך צושטעלן דעם זשורנאַל צו די צייטונגקיאָסקן און אָפּנעמען די חזרה־נומערן. די בוכהאַלטערין איז געווען אַ בילדשיינקייט, מיט גרויסע בלויע אויגן און געדיכטע, לאַנגע ברוינע וויִעס ווי די פּעכערס. זי האָט פאַרלויכטן דאָס רעדאַקציע־צימער מיט איר פּערזענלעכקייט. זי איז געווען זייער אַ רויִקער טיפּ וואָס גאָרנישט, דאַכט זיך, האָט זי געקענט אַרויספירן פון דער גלייכ־וואָג. וועגן איר פלעגט ווייסענבערג זאָגן, אַז זי איז שיין און קאַלט, ווי די מאַטקע באָסקע.

בשעת ער איז אַ מאָל געזעסן ביים איבערקוקן די קאָרעקטע פון אינזער

האַפענונג, איז אַרויפגעקומען ווייסענבערגס תּלמידה, די קינדער־דיכטערין שרה בירנבוים. און ווי זי איז געזעסן ביים זעלבן טיש, האָט זי אויך גענומען אומ־געפרעגט אַ בלאַט קאַרעקטע און אַריינגעקוקט. דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן ווייסענבערגן און ער האָט איר געלאָזט דערוועגן וויסן... שׂרה בירנבוים האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן און האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען. אַ צייט לאַנג איז זי אין רעדאַקציע נישט געקומען. דאָך האָט זי מיט ווייסענבערגן קיין ברוגז נישט געוואָלט פאַרפירן און איז נאָך אַ שטיקל צייט ווידער אַרויפגעקומען.

ווידער האָט זי אים געטראָפן זיצן ביי דער קאַרעקטור און, איידער זי האָט זיך נאָך באַוויזן אַוועקצוזעצן, האָט ער זי געפרעגט: „וואָס זאָגט איר צו דעם ליד, בירנבוים?" און איר דערלאַנגט אַ בויגן קאַרעקטע...

קיין ראַדאָשטש איז אַ מאָל געקומען צו אונדז אַברהם הערש פלאַקסערס זון, אפרים, פון לאָדזש. און ווייל זיין טאַטע איז אויך נישט געווען פון די גרויסע גבירים, האָט ער זיך אַדורכגעשמוגלט אָן אַ באַנבילעט אַזש ביז ראַדאָשטש. ער האָט דאָס נישט באַהאַלטן פון אונדז און דערציילט, ווי אַזוי ר'איז געקומען. אָבער ווייסענבערג האָט פיינט געהאַט אַזעלכע אויפטוען. ער האָט נישט געהאַלטן פון אָפּנאַרן די מלוכה, און האָט עס דעם יונגן־מאַן אויך געזאָגט, אַז ס'איז נישט כּדאַי צו פּטרן די ענערגיע אויף דערגרייכונגען פון דעם סאָרט. בכלל האָט מען געקענט האָבן דעם איינדרוק, אַז ער האָט געהאַלטן פון דינא דמלכותא דינא: דער דין פון מלכות איז דער [ריכטיקער] דין.

מאַרק ראַקאָווסקי האָט אויך געוווינט אויף דער „ליניע", אין אַטוואָצק און איז אויך אָפט, צי אפשר יעדן טאָג אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע. אויף איין מאָל האָט מען אים געזען טראָגן אַ בערעט אויפן קאָפּ. עמעצער האָט אים געפרעגט, וואָס ס'איז די סיבה פון דער דאָזיקער מאָדע זיינער — האָט ער געזאָגט, אַז סטודענטן האָבן הנחה אויף דער באַן, פאָרט ער ווי אַ סטודענט... און כּדי אויסצוזען, ווי אַ סטודענט, דאַרף מען טראָגן אַ בערעט.

ווען ווייסענבערג האָט דאָס געהערט, זענען זיינע קאָמענטאַרן געווען:

„ווען ראַקאָווסקי הערט, אַז אַמען צאָלן אַ האַלבן פּרייז פאַר אַ באַנבילעט — וואָלט ער זיך צומאַרגנס פאַרשטעלט פאַר אַן אַם..."

ביילטשע איז אַ מאָל קראַנק געוואָרן אין ראַדאָשטש, האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז ווידער אַ רעצידיוו פון די גאַלשטיינער־אַטאַקן. דעמאָלט איז געקומען זי זען איטקע פון אָטוואָצק, וואָס ליגט אויף דער זעלבער ליניע, נאָר אַ ביסל ווייטער פון וואַרשע, ווי ראַדאָשטש. זי האָט איר אָנגעברענגט אַ סך פּראָוויאַנט, צו פיל, ווי פאַר אַ חולה, און ביילטשע האָט — נישט געקוקט אויף איר צושטאַנד — אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס און זיך איבערגעגעסן. דערפון האָט זי באַקומען בויכ־ווייטיק. דער טאַטע האָט נישט געוווסט, וואָס עס האָט איר געקענט שאַטן, האָט ער זי אָנגעהויבן אויספרעגן, וואָס זי האָט אַזוינס געגעסן. זי האָט צוו"א געזאָגט, אַז סוכאַרעס מיט פּוטער.

— „אַ — — — אַ — — — אַ — — —, פּוטערל" — האָט דער טאַטע געזאָגט, וויסנדיק, אַז דער דאָקטאָר האָט עס איר פאַרזאָגט ביי די פריִערדיקע אָנפאַלן, און

איצט, הייסט עס, האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַ כאַפּ געטאָן „פּוטערל״.
הכלל, ער האָט ווידער געזען אַרויסצורופן פון וואַרשע דעם זעלבן דאָקטאָר יוסטמאַן, וואָס האָט זי געהיילט בשעת אירע גאַלשטיינער־אַנפאַלן. מיר האָבן נישט אַנדערש געטראַכט ווי נאָר, אַז זי האָט צוריק באַקומען די זעלבע מחלה, אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס מאָל איז עס נישט די גאַל, נאָר אַ בויכטיפוס.

* * *

אין 1930 האָט די וואַרשעווער יידישע קהילה באַשלאָסן אויסצוטיילן אַ פּרעמיע פאַר דער בעסטער יידישער נאָוועלע. ס׳איז געווען אַן ערשטער פּריז פון 800 זלאָטעס, אַ צווייטער פון 500 זל. און אַ דריטער פון 200 זל. די זשורי איז אויס־געקליבן געוואָרן דורכן יידישן פּען־קלוב.

איין פרימאָרגן זענען געקומען צו פאָרן ספּעציעל פון וואַרשע צו אונדז, קיין ראַדאָשטש, צוויי יונגע מענער פון דער קהילה. זיי האָבן געמאָלדן ביילטשען, אַז זיי האָבן געבראַנגט אַ טשעק אויף 800 זלאָטעס, וואָס די יידישע קהילה האָט באַשטימט ווייסענבערגן, — פאַר דער בעסטער נאָוועלע.

דער טאַטע איז גראָד נישט געווען אין דער היים. ער איז דעמאָלט געווען אין לאָדזש. און ביילטשע, — ווי דערפרייט זי איז געוואָרן מיט אַזאַ גוטער בשורה — האָט דאָך נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דאָס אַקצעפּטירן פון דער פּרעמיע. כ׳גלייב, אַז דער טאַטע האָט איר געהאַט אָנגעזאָגט פאַרן אָפּפאָרן — ווייל עס זענען שוין דערגאַנגען צו אים קלאַנגען וועגן דער פּרעמיע, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן — אַז זי זאָל נישט אָננעמען, און די יונגע־לייט זענען, נאָך לאַנגע באַמיִונגען זי איבערצוצייגן, צוריקגעפאָרן מיטן טשעק קיין וואַרשע.

ווען דער טאַטע איז צוריקגעקומען, האָט ביילטשע אָנגעהויבן אַרומצואַרבעטן מעשׂים און אַזש געצאַפּלט פון חשק אַריינצוקריגן אַזאַ סומע, וואָס וואָלט גאַנץ גוט צו נוץ־געקומען אין שטוב, אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט: ניין, ער קען די פּרעמיע נישט אָננעמען, ווייל די אויסגעקליבענע זשורי, די שופטים, זענען נישט קיין מבינים אויף ליטעראַטור.

אַ צווייטע פּרעמיע פון 200 זלאָטעס, וואָס מ׳האָט אים צוגעטיילט פאַר זיינס אַ דערציילונג, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, האָט ווייסענבערג געגעבן אַ גיב אַוועק דעם דיכטער ישׂראל שטערן. ער האָט זייער געהאַלטן פון זיין דיכטונג און ער האָט געוווּסט, אַז שטערן הונגערט אונטער.

פון ראַדאָשטש האָבן מיר זיך אין אַ צייט אַרום איבערגעצויגן קיין אָטוואָצק. מיר האָבן געדונגען אַ דירה אויף מאַניושקי־גאַס נומ׳ 16, ביי אַ פּויער מיטן נאָמען ראַזסלאַנעק. אונדזערע שכנים זענען געווען אַן עלטערער קריסט און זיין טאָכטער, וואָס זענען אויך געווען שטענדיקע איינוווינערס. אין אַ צווייטן בנין, קעגן איבער אויפן זעלבן הויף, האָבן געוווינט נאָר „לעטניקעס״ (די, וואָס קומען בלויז וווינען איבערן זומער, אויף דאַטשע). דאָרט איז אויך געווען אַ גאָרטן. גנענדל האָט זיך צוגעכאַפּט מיט גרויס חשק אים באַאַרבעטן. זי האָט פאַרזייט פון כל־המינים גרינסן און איז גאַנצע שעהען אָפּגעזעסן ביים יעטן דאָס אומקרויט. ראַזסלאַנעק האָט זי

שטאַרק געלויבט דערפֿאַר און געזאָגט, אַז זי וואָלט געווען אַ גוטע פּויערטע. איין מאָל האָב איך זיך אַריינגעשטעלט אין דער וועראַנדע־טיר און אָנגעהויבן זינגען אַ וואַלס, וואָס איז געווען זייער קאָמפּליצירט, און נישט גנענדל, נישט איך האָבן אַ לאַנגע צייט געקענט כאַפּן די מעלאָדיע זיינע. דער טאַטע און ביילטשע האָבן אים אָפּט געזונגען. דער קאָמפּאָזיטאָר פֿון דעם ביז גאָר שטימונגדיקן וואַלס איז געווען אַ זשעלעכאָווער יונגער־מאַן, אַ יוגנטפֿריינד פֿון ביידע. כ'האָב דערמיט געוואָלט איבעראַשן גנענדלען. דערפֿאַר האָב איך זיך אַריינגעשטעלט אין דער אָפֿענער טיר בשעת זי איז געזעסן אינעם גאָרטן. ווען כ'האָב געזען ס'קעפּל אירס זיך אויפהייבן טאַקע פֿון איבער די בייטן אין איר פֿאַרטועקייט אין דער אַרבעט — נישט גלייבנדיק מסתּמא אירע אייגענע אויערן, אַז כ'האָב ענדלעך געכאַפּט די מעלאָדיע — איז מיין טריומף געווען אַ פֿולער.

אין דער אַטוואַצקער דירה האָט וויסענבערג אָנגעהויבן שרייבן זיין 10־בענדיק ווערק אין דער טיפֿער אייביקייט. ער האָט בשעתן שאַפֿן דאָס ווערק זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ווי אַזוי עס אָנצורופֿן: „אין דער טיפֿער אייביקייט" אָדער „פֿון אַלע מאָל פֿאַר אַלע מאָל", און האָט, נאָך לאַנגן יישובֿן זיך, באַשלאָסן צו ניצן דעם ערשטן נאָמען.

די ערשטע קאַפּיטלען פֿון אין דער טיפֿער אייביקייט האָט ער געגעבן צו לייענען גנענדלען. זי האָט זיך זייער אָנציקט מיט זיי. דער טאַטע האָט זי אויך געהאַלטן פֿאַר אַ מבֿין און געזאָגט, אַז מע מעג נישט קענען רעדן וועגן ליטעראַטור און דאָך קענען פֿילן און פֿאַרשטיין ליטעראַטור.

כ'געדענק, ווען מיר האָבן נאָך געוווינט אויף עלעקטאָראַלנע־גאַס און גנענדל איז נאָך געווען זייער יונג — ווי זי האָט זיך געהאַט צוגעכאַפּט צו פּאַנאַיט איסטראַטיס קיראַ קיראַלינאַ. זי פֿלעגט אַפּלייענען גאַנצע נעכט אין בעט ביי אַ ליכט און זיך נישט געקענט אָפּרייסן פֿון דעם דאָזיקן פּראַכטיקן ווערק איסטראַטיס.

נאָר בכלל האָט וויסענבערג געזאָגט, אַז גוטע לייענערס, ד"ה לייענערס — מבֿינים אויף ליטעראַטור, זענען נישט גרעסער אין דער צאָל, ווי גוטע שרייבערס, און אַז ער האָט בלויז צוויי לייענערס, וואָס פֿאַרשטייען אים: איינער איז דער אויבן דערמאָנטער יוסף פֿרידמאַן פֿון לאָדזש און דער צווייטער איז אַ לאָדזשע שוסטער. דאָס איז אַלץ.

אין „קונסט און סוביעקטיוויטעט" זאָגט ער, אַז „די נאַטור האָט דעם סאַלאָן נישט מער פּריווילעגירט אין דער הינזיכט, ווי דאָס דאָרפֿישע שטיבל", ווייל די „גראַנד־דאַמע . . . , ווען זי שטעלט זיך אַוועק טשמאַקען מיט די ליפּן", באַוווּנדערנדיק די סטאַטועטקע, באַקומט נישט פֿון דער סטאַטועטקע איר הנאה און אַז די אַלע פֿיינפֿילערס, טינטלערס און פֿיינשמעקערס קלעבן זיך אַליין צו דאָס בלעטל „קונסט־ליבהאָבערס", „קונסט־פֿאַרשטייערס", צי

הויז־פֿריינד, דילעטאַנטן, וועלכע נעפּען* פֿון אַלץ צו ביסלעך, פּונקט ווי די

---

* טייטש: באַרירן מיט דער צונג.

בין, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס די לעצטע טראָגט עס אַוועק צו זיך אין בינשטאָק, און זיי, די ערשטע, לאָזן עס באַלד אויפן וועג נאָך איידער זיי דוינזשען* צו זיך אַהיימצוקומען.[209]

איבער אין דער טיפער אייביקייט איז ווייסענבערג אָפּגעזעסן לאַנגע שעהען, אָפט האַלבע טעג אָדער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. בשעת ער איז געזעסן און געשריבן, איז אין שטוב געווען אַזאַ שטילקייט, אַז מ'האָט געקענט הערן אַ פליג אַדורכפליִען (ווען זי וואָלט געווען, ווייל ביי ביילטשען האָט מען אין שטוב קיין פליג זיכער נישט געקענט געפינען).

ווען זיין שפּאַצירגאַנג איז שוין געווען געזעטיקט — פלעגט ער גיין שפּאַצירן און, אין אַזאַ פאַל צוגיין צו נחום אייבעשיצן וואָס האָט דעמאָלט אויך געוווינט אין אָטוואָצק. ער איז געווען אַ פאַרקרענקטער און האָט זיך אַלע מאָל קורירט ביי דאָקטוירים. אויפן וועג האָט ווייסענבערג אָפּגעטרעטן ביי חיים האַנפטן וואָס האָט אויך דאָרט געוווינט, און אים מיטגענומען צו אייבעשיצן. ווען זיי זענען צוגעקומען צו זיין שטוב אין אַ הייסן זומער־אָוונט — זענען די לאָדנס געשטאַנען פאַרהאַמערט, דאָס פענצטער אויך. אינעווייניק האָט געברענט דאָס ליכט וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז אייבעשיץ איז דאָ אין שטוב. ווען זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין לאָדן — האָט זיך אָנגערופן אייבעשיצס קול פון דער שטוב אַרויס: „ווער איז דאָרט?" ווייסענבערג האָט אים גערופן אַרויסגיין שפּאַצירן, אָבער אייבעשיץ האָט זיך געוווערט מיט אַלע אַרגומענטן, אַז ער טאָר חלילה־וחס נישט אַרויסגיין ביי נאַכט, די לופט איז צו שאַרף און ער וועט זיך נאָך מער פאַרקילן. דאָס אַלץ האָט ער געזאָגט ביים אַריינלאָזן די געסט אין שטוב אַריין פאַרשטעלנדיק זיך דעם האַלדז מיטן קאָלנער פון שלאָפראָק.

ווייסענבערג האָט דערציילט, אַז אַ שטיקנדיקע, שווערע לופט האָט אַרומגענומען ביים איבערטרעטן די שוועל פון דער שטוב פון די אומצייליקע סלאָיקלעך און פלעשעלעך מעדיצינען — טראָפּנס און מאַשטשן — וואָס אייבעשיץ האָט זיך מיט זיי קורירט אין דער פאַרהאַמערטער שטוב. דאָס האָט אים ערשט אויף אַן אמת קראַנק געמאַכט. ער האָט זיך באַמיט דאָס צו דערווייזן אייבעשיצן און האָט אים געפרעגט, צי ער האָט אַ מאָל באַמערקט אַן אויסגעהוילט אָרט, אַ לאָך אינעם שטאַם פון אַ בוים, און דאָך בליט דער בוים. דאָס איז דערפאַר, ווייל מ'האָט דעם שוואַם, דעם ראַק אינעם בוים אויסגעברענט און דערמיט אים געזונט געמאַכט. וואָלט מען אָבער דאָס פוילעכץ געלאָזט אינעם פאַרמאַכטן שטאַם — וואָלט דער בוים ביסלעכווייז אין גאַנצן צעפוילט געוואָרן. אָבער ער האָט נישט געקענט איבערצייגן אייבעשיצן, אַז די פרישע לופט, וואָס ער האָט פאַר איר אַזוי מורא, וואָלט אים בעסער געטון, ווי די אַלע רפואות און — דער עיקר — ווי די שווערע לופט אין דער שטוב.

ער פלעגט זיצנדיק אין שטוב לייענען, פאַרנעמען זיך מיט איבערזעצונגען, הערן מוזיק, אַמגערנסטן בעטהאָווענען, און פלעגט אַפילו אַ מאָל „איבערקויפן" אַ

---

* ווייסענבערג האָט גענוצט אַנשטאָט „באַווייזן" דעם פּאָלאָניזם „דוינזשען", ווי שוין אויבן אָנגעוויזן.

שרייבער־קאָלעגע מיט אַ טרונק בראָנפן, אַבי יענער זאָל זיצן און הערן בעטהאָווענען, מיינסטנס די הערויקאַ.

אינטערעסאַנט, אַז ער, וואָס איז געווען אַ שוואַכער פּיזיש, האָט גראָד ליב געהאַט שטאַרקע אין גייסט און ברויזנדיקע פּערזענלעכקייטן — אין דער פילאָסאָפיע — ניטשען וואָס ער האָט אים איבערגעזעצט אין יידיש, ווי שוין אויבן געזאָגט; אין דער מוזיק — בעטהאָווענען, און אין דער יידישער ליטעראַטור — ווייסענבערגן. אפשר האָבן אים אימפּאָנירט די שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, פּונקט ווי דעם סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקין, וואָס האָט דאָס אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו סטאַסאָוון:

> אין וואָס קען איך אויסדריקן מיין נשמה, אויב נישט אין מענטשן שטאַרקע, מאַכטיקע אין גייסט, וואָס שטייען אייביק ווי אַ שאָטן פאַר דער מענטשהייט און איר גאַנצער געשיכטע.

צוליבן שוואַכן געזונט האָט אײַבעשיץ אויסגעמיטן צו מאַכן אַ האַסטיקערע באַוועגונג. די בעסטע אילוסטראַציע צו די צוויי קאָנטראַסטן — ווייסענבערג און אייבעשיץ — וואָלט געווען זייער אַ כאַראַקטעריסטישע פאָטאָגראַפיע, פון מיט אַ צייט צוריק אין אַטוואַצק. זי איז, ליידער, צווישן אַזוי פיל אַנדערע פאָטאָגראַפיעס ווייסענבערגס, זיין משפחה און זיינע פריינד, פאַרלוירן געגאַנגען אין די מלחמה־יאָרן — ווער קען וויסן אויף וועלכע אויסגעוואַלגערטע וועגן. דאָס איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ גרופּע שרייבערס, אַ מאָן צען, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן צו באַזוכן ווייסענבערגן אין אַטוואַצק, ווי זיי פלעגן דאָס אָפט טאָן.

יענעם טאָג האָבן זיי, שפּאַצירנדיק, זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן אויף אַ לאַנגן אָפּגעזעגטן שטאַם פון אַ בוים, וואָס איז געלעגן אויף אַן אַנדער הויכן קלאָץ, אַזוי אַז איין עק איז געשטאַנען מיטן שפּיץ גאַנץ הויך אין דער לופט און דער אַנדערער איז געלעגן אויף דער ערד. האָט זיך אייבעשיץ אָוועקגעזעצט רייטנדיק אויף דעם נידעריקסטן עק פונעם שטאַם, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. ווייסענבערג, וואָס האָט נאָך געקענט, ווייזט אויס, טראַכטן פון זיין בריהשקייט און פלינקייט פון אַ מאָל — איז אַרויף אויפן סאַמע הויכן עק שטאַם און דאָרט אויבן געזעסן רייטנדיק. צווישן זייביידע זענען געזעסן, אין אַ שורה רייטנדיק, אַלע אַנדערע שרייבערס פון יענער גרופּע. דער צווייטער נאָך אייבעשיצן איז געזעסן יחיאל לערער, דער דריטער ב. פרידמאַן אאז״וו.

אָבער די „שטיפערישקייטן" זענען שוין געווען זעלטענע אין יענע צייטן. דעם גרעסטן טייל פונעם טאָג פלעגט ווייסענבערג אָפּזיצן איבער זיין 10־בענדיק ווערק, וואָס איז געווען אַ קאָלאָסאַלער פאַרמעסט.

איך האָב אין יענע טעג אים געזאָגט, אַז ס'איז אונדז חשובער צו האָבן אים פאַר אַ טאָטן מיט זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, איידער אָשן מיט יענעמס פאַרדינסטן, הגם זיינע קינדער, וואָס האָבן אַזאַ רייכן און באַרימטן טאַטן ווי שלום אַש, לעבט זיך אַ סך בעסער און לייכטער אויף דער וועלט.

דאָס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן.

אַ צווייט מאָל האָט ווייסענבערג זיך געזעגן מיט די פייגנבוימס, זיינע נאָענטע פריינד. אַ מאָל, געדענק איך, האָט ער — נאָכן אָפּזיצן לאַנגע שעהען ביים שרייבן — געשיקט גנענדלען נאָך פייגנבוימען וואָס ער האָט אים יענעם אָוונט שטאַרק חשק געהאַט צו זען. גנענדל איז צוריקגעקומען, אָבער אָן פייגנבוימען. ער האָט געהאַט ווייִנקעלערס אין אָטוואָצק און פלעגט אָפּט אויך אין די אָוונטן זיין דאָרט באַשעפטיקט, צוליב וואָס ער האָט יענעם אָוונט נישט געקענט קומען. דער טאַטע האָט גנענדלען אָנגעהויבן פאַרצוואַרפן, אַז זי האָט עס נישט אַזוי דערליידיקט, נישט אַזוי גערעדט, נישט אַזוי איבערגעגעבן זיין ווּנטש, ווי מע האָט געדאַרפן, און הויך אויף אַ קול אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנקייט. גנענדל האָט אים צוריק־געענטפערט, און ער האָט צו איר אַלץ גערעדט מיט אַ טענה. צום סוף האָט זי אים אַ זאָג געטאָן מיטן זעלבן טאָן, אַז דאָס, וואָס ער וואַרפט איר אַלץ פאָר, איז בעצם נישט דאָס, וואָס עס אַרט אים, נאָר וואָס ס׳פאַרדריסט אים יאָ, איז וואָס פייגנבוים איז נישט געקומען.

דאָס געזאָגט, איז ער שטיל געבליבן. גנענדל איז דעמאָלט אוועק אָן אָנגע־ברוגזטע זיך לייגן שלאָפן און נישט געוואָלט שוין עסן קיין וועטשערע. ווי דער טאַטע האָט דאָס דערזען, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף שטום־לשון אויפן עסן, וואָס איז געבליבן שטיין אויפן טיש און אויף גנענדלען אינעם בעט, אַז כ׳זאָל עס איר צו־טראָגן, זי זאָל עסן. כ׳האָב געזען, אַז ס׳איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן, זי זאָל נישט אוועק שלאָפן אומגעגעסן.

איין מאָל איז דער טאַטע אַנטשלאָפן געוואָרן אויף דער וועראַנדע. ס׳איז געווען מיטאָגצייט אין אַ הייסן זומערטאָג. ביילטשע איז אויך געזעסן אויף דער וועראַנדע און געהאַפטן אַ טישטעכל. דער טאַטע איז אָפּגעשלאָפן אפשר אַ האַלבע שעה, צי אַ שעה. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען זייער פאַרמאַטערט און האָט פאַרגעוואָרפן ביילטשען, פאַר וואָס ס׳איז איר נישט איינגעפאַלן אים אויפצוּוועקן, נאָר אים געלאָזט שלאָפן אויף אַזאַ הייסער זון. מ׳האָט זיכער געקענט באַמערקן, האָט ער געזאָגט, ווי ער מאַטערט זיך אין שלאָף פון דער היץ און אַז ער קען זיך נישט אויפכאַפּן, האָט אים עמעצער געדאַרפן אויפוועקן.

ס׳איז גראָד אָנגעקומען בנימין טייטלבוים, וואָס איז אין 1933 געקומען אויף באַזוך פון ניו־יאָרק, ווי שוין געזאָגט. ער איז עטלעכע מאָל אין משך פון יענער צייט געקומען צו פאָרן צו אונדז קיין אָטוואָצק זען ווייסענבערגן. אַ מאָל האָט ער פאַרגעלייענט זיינע דערציילונגען פאַר ווייסענבערגן, אַ מאָל פלעגן זיי סתם שמועסן. יענעם זומערדיקן נאָכמיטאָג, ווען מיר זענען געזעסן אויף דער וועראַנדע עטלעכע שעה, געדענק איך טייטלבוימען דערציילן וועגן ניו־יאָרקער שטייגער־לעבן, צוו״א וועגן דער ענגשאַפט אין סאָבווייִ, ספּעציעל אין דער „ראַש־אור״, ווּ מע קען אָפּט דערהערן אַ פּלוצעמדיקן פּאַטש אין פּנים וואָס אַ פרוי דערלאַנגט אַ דערלעבן־שטייענדיקן מאַן... איך האָב אויך געהערט טייטלבוימען דערציילן וועגן דער אַמעריקאַנער מיסחר־וועלט און אויך עפּיזאָדן וועגן האַנדל מיט פערד: ווי דער באַלעבאָס לייגט אַ מאָל אַריין אַ שטיקל זייף דעם פערד אין דער ברייטער קישקע, פונקט איידער מע פירט עס אַרויס אויפן מאַרק צום פאַרקויפן. דאָס פערד

קען נישט איינשטיין אויף אַן אָרט, און רייסט זיך צום לויפן, ווייל דאָס זייף רייסט אין די געדערעם. דאָס איז אַ גוטער באַווייז פאַרן קונה, ווי ענערגיש, לעבעדיק און געזונט דאָס פערד איז...

וויסענבערג האָט אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס און האָט איבער־געפרעגט טייטלבוימען, צי ער וועט אים דערלויבן אויסצוניצן דעם עפּיזאָד פאַר אין דער טיפער אייביקייט וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין שרייבן. טייטלבוים האָט אים געגעבן די דערלויבעניש. אינעם דריטן באַנד פון אין דער טיפער אייביקייט רעדט זיך טאַקע אויף אַ געוויסן אָרט וועגן אַ פאַרגרעסערטער רעפּראָדוקציע פון פערד צוליב פּראָפיט, ווי בכלל וועגן פערד — זיין באַליבט באַשעפעניש — און וויסענבערג שילדערט דאָרט אַ סצענע, ווי אַ סוחר האָט אַרויסגעפירט אַ פערד צום פאַרקויפן, און ווי דער סוחר האָט אים פריִער אַריינגעלייגט אין רעקטום — אַנשטאָט זייף — אַ ציבעלע מיט זאַלץ. אַלץ איינס האָט דאָס פערד נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט און זיך געריסן צום לויפן — פון „איבערפליייץ פון ענערגיע".

איין מאָל איז צו גנענדלען געקומען צו פאָרן, פון וואַרשע קיין אַטוואַצק, איר בחור יעקב קאַמיעניעצקי.* ער האָט זיך אַ ביסל געשראָקן צו באַקענען אַזאַ קומעדיקן שווער, אָבער די שרעק איז אים באַלד איבערגעגאַנגען, ווייל מיט זיין פּנים, וואָס די ערלעכקייט איז געלעגן דערויף, האָט ער באַלד אויסגענומען ביים טאַטן.

דאָך האָט ער זיך בכלל באַצויגן מיט רעזערוו צו בחורים, וואָס זענען געקומען צו זיינע טעכטער — אפשר קומעדיקע חתנים. איך האָב דעם טאַטן צו מאָרגנס געפרעגט (יענעם טאָג בין איך נאָך געווען אין וואַרשע. כ'האָב דעמאָלט באַזוכט אַ סעמינאַר פאַר פרעמדע שפּראַכן און פלעג אַהיימקומען בלויז צום סוף וואָך) מיט וואָס ער האָט דעם בחור מכבד געווען, האָט ער מיך צוריקגעפרעגט:

— „וואָס האָט ער מיר געבראַכט?"

געוויינטלעך איז זיין גאַסטפריינדלעכקייט איבערגעגאַנגען אַלע מאָסן. ער האָט אַלע מאָל ווען מענטשן זענען נאָר געקומען, זיי אויפגענומען בסבר־פּנים־יפות און געהייסן זיי דערלאַנגען אַלץ וואָס ס'איז נאָר געווען אין שטוב, אָבער אין אַזאַ פאַל — נישט.

ביילטשע האָט אים געפרעגט: איטשע־מאַיאַ, ווייזסט גאָרנישט אַרויס קיין אינטערעס, אַז דיינע טעכטער זאָלן חתונה האָבן? האָט ער געענטפערט: „זיי וועלן נאָך חתונה האָבן, זיי וועלן נאָך". ער האָט די זאָרג וואָס אַלע עלטערן האָבן, עפּעס אין גאַנצן נישט געהאַט והאַ־ראַיה, ער האָט גאָר געוואָלט האָבן מיידלעך און נישט קיין יִינגלעך, ווי די מייניסטנס עלטערן ווינטשן זיך צו האָבן.

אין זשעלעכאָוו זענען געווען צוויי שוועסטער, ביידע ביילטשעס פריינד, איינע זעלדע און די אַנדערע פריידל. זי, די יִינגערע, האָט געהאַט אַ סך הצלחה ביי

* יעקב קאַמיעניעצקי איז אומגעקומען ביי היטלערן.

מענער און האָט טאַקע חתונה געהאַט פריִער פאַר דער עלטערער, זעלדען, וואָס איז געווען זייער קאָנסערוואַטיוו, ווי פון דער קיניגין וויקטאָריאַס צייטן. ביז זי האָט נישט געוווּסט אויף זיכער, צי דער בחור פּאַסט זיך פאַר איר יִחוס — און בכלל אַלץ אַרום און אַרום מיט אַלע פּיטשעווקעס — האָט זי זיך נישט געזען מיט אים. ביילטשע פלעגט אָפט איבעררעדן וועגן די צוויי פאַרשידענע טיפּן שוועסטער, ווי איינע איז געווען אַ לייכטערע נאַטור, ווייל זי האָט אַפילו געפלירטעוועט מיט די דייטשן — ווען זייערע גאַרניזאָנען זענען איינגעשטאַנען אין זשעלעכאָוו, בשעת די דייטשע נצחונות אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — בשעת די אַנדערע איז געווען גאַר ערנסט און צוריקגעהאַלטן.

דערויף האָט איר דער טאַטע געענטפערט, אַז די עלטערע האָט אויך געדאַרפן דערווייל פלירטעווען, וואָלט זי אויך חתונה געהאַט ווי איר יִנגערע שוועסטער.

האָט ביילטשע געפרעגט: וואָס הייסט „דערווייל״ פלירטעווען? אַ מיידל קען דאָך נישט אַזוי, וואָלסטו געוואָלט, אַז דיינע טעכטער זאָלן דאָס טאָן?

— איך זאָג זיי דען עפּעס? — האָט ער צוריקגעפרעגט.

— נו, און וואָס וואָלסטו געטאָן ווען זיי ברענגען דיר, למשל, אַ קינד אַהיים „דערווייל״?

— וואָלט איך עס געכאַוועט — איז געווען זיין ענטפער.

דער טאַטע האָט אונדז טאַקע נישט געזאָגט קיין דעות, ווען ס׳איז געקומען צו די סאָרטן זאַכן. כ׳געדענק ווי כ׳בין איין מאָל אַהיימגעקומען שפּעט פון אַן אָוונט, וואָס מיינע שולפריינד האָבן געהאַט איינגעאָרדנט. ס׳איז מיר שרעקלעך אומ־אַנגענעם געווען, וואָס כ׳האָב אים געדאַרפן מטריח זיין פונעם גלעגער, כדי מיר צו עפענען די טיר. ער האָט מיר געעפנט און צוריקגעגאַנגען זיך לייגן שלאָפן, נישט איבערפרעגנדיק קיין וואָרט, בשעת אין אַלע אַנדערע אַספּעקטן פון אונדזער לעבן האָט ער אַלע מאָל אויסגעדריקט זיין מיינונג, ווי: האַלטונג אין אַלגעמיין (טאַקע האָט פאַרנומען גאָר אַ גרויס אָרט), שולע, קליידונג אאז״ו אאז״וו. אַז מיר פלעגן זיך גרייטן צו עקזאַמענס, למשל (און איך פלעג דערביי ווערן גרין און געל) פלעגט ער זאָגן, אַז עקזאַמענס מיינען גאָרנישט — ווען אַ שילער ווייזט יענעם באַשטימטן טאָג וויפל ער קען אָדער קען נישט — בשעת ווען אַ לערער דאַרף נאָך אַ גאַנץ יאָר, שוין קענען זיין תלמיד.

כ׳מוז מודה זיין, אַז ער האָט מיך יענעם אָוונט אין גאַנצן אַנטוואָפנט מיט אַזאַ מאָס פון פאַרשטענדעניש, מיט אַזאַ „נישט־רעאַקציע״, ווייל לאַ־די וואָס ער האָט אַפילו נישט איבערגעפרעגט: „פאַר וואָס אַזוי שפּעט?״ — האָט ער אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַראיבל וואָס כ׳האָב אים אויפגעוועקט און אויפגעהויבן פון געלעגער אין דער שפּעטער שעה.

איך האָב אים געהאַט דערציילט, ווי מיינס אַ חברטע — וואָס האָט געהאַט אַ חסידישן טאַטן, — האָט געדאַרפן אַראָפּנעמען די שיך, ער זאָל זי נישט הערן אַהיימקומען „שפּעט״, אַרום צען־עלף ביי נאַכט. ער האָט דערויף געענטפערט, אַז אויב זי דאַרף זיך אַזוי אַריינגנבענען אין דער שטוב אַריין, דער טאַטע זאָל נישט וויסן, וועט זי שוין גראָד יאָ קומען שפּעט און שפּעטער...

אין אַטוואַצק האָט אויך געוווינט, ווי שוין אויבן געזאָגט, איטקע מיטן מאַן, אַ פידל־שפּילער. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט נאָכן באַזעצן זיך דאָרט. מיט איר צוזאַמען איז אויך געווען אַ שטיפשוועסטער, שׂרה, אַן עלטער מיידל.

פלעגט גנענדל אָפּמשלען דעם טאַטן, ווי אַזוי שׂרה קלייבט זיך צו גיין שפּאַצירן. זי האָט געהאַט אַ טבע צו מאַכן לאַנגע שפּאַצירן איינע אַליין, נאָכן טאָג אָפּבאַלעבאַטעווען אין שטוב: קאָכן, באַקן און דער עיקר רייניקן, פּוצן די שטוב.

דעם קאָפּ שוואַרצע האָר האָט זי געקעמט גלייך, נאָר איין לאָק, פּאָר אַ חנדל, האָט זי געלאָזט אַראָפּהענגען אויפן שטערן. האָט זיך איר איין מינוט געדאַכט, קוקנדיק אין שפּיגל אַריין, אַז ער איז צו פיל געקרייזלט — האָט זי איינגענעצט צוויי פינגער און אים געגעבן אַ קלאַפּ צו צום שטערן, אַז ער זאָל זיין פלאַטשיקער. זי האָט געקוקט, געקוקט אין שפּיגל אַריין און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער לאָק איז ווידער צו פיל צוגעפּלעטשט — האָט זי אים ווידער צעשויבערט, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, דער לאָק זאָל זיין געקרייזלטער. און אַזוי האָט זי דאָס איבער־געחזרט אָן אַ סוף.

ווען זי איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטיק צום שפּאַצירן גיין — איז דערווייל געוואָרן צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט און דעמאָלט איז זי אַרויס פון שטוב, אָן אַנגע־פּודערטע, אַזוי אַז דאָס פּנים איז איר געווען ווייס ווי קרייד, און ווער עס האָט זי באַגעגנט אויפן וועג, האָט זיך דערשראָקן, מיינענדיק, אַז אַ ווייסער מת איז אים אָקעגנגעקומען. (אַזוי האָט זי זיך געפירט נאָך אין זשעלעכאָוו.) עס איז דאָך שוין טאַקע געווען חצות — די שדים־שעה — ווען די מתים קריכן אַרויס פון די קברים. . .

דער טאַטע האָט ביים אויסהערן גנענדלס אָפּשילדערן — ווי שׂרה שטייט אָפּ ביים קרייזלען און צוריק צופּלעטשן דעם לאָק אויפן שטערן — אָנגעהויבן זי‌יען זיין הנאהפול געלעכטער דורך די ציין.

איין מאָל האָט איטקעס פריינדינס אַ שוועסטער (אגב איז די פריינדין געווען איטקעס געוועזענעם מאַנס צווייטע פרוי, וואָס פלעגט פאַרברענגען גאַנצע חדשים ביי איר אין אַטוואַצק) פאַרבעטן אַ יונגן־מאַן צו מאַכן אַ קערטל אין אָוונט. ס׳האָבן געזאָלט שפּילן זי, דער יונגער־מאַן און שׂרה. נו, איז שׂרה אַריינגעגאַנגען אין אַנדערן חדר „זיך שיין מאַכן" און ווען זי איז ענדלעך אַרויסגעקומען צו דער קאָרטנשפּיל, איז שוין קיין זכר פונעם יונגן־מאַן נישט געווען. זיי, נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף דער „דריטער האַנט", האָבן „דערווייל" געשפּילט אין צווייען אַזוי לאַנג, ביז ס׳איז שוין צייט געווען אַהיימצוגיין.

* * *

אין אָנהייב פון די 30ער יאָרן האָט זיך אין וואַרשע באַוויזן אַ שיינער און זעלטן פעיִקער יונגער־מאַן, וואָס האָט זיך גערופן מיטן נאָמען האַנס זאַהל. היטלערס השפּעה האָט זיך שוין אין יענע צייטן אָנגעהויבן שטאַרק פילן און די ערשטע יידישע פּליטים האָבן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען פון דייטשלאַנד קיין פּוילן.

דער דאָזיקער יונגער־מאַן איז שנעל באַוווּסט געוואָרן אין די וואַרשעווער

קינסטלערישע קרייזן. אין ליטעראַטן־פֿאַראיין איז ער געוואָרן אַן אָפטער איינ־גייער. מ׳האָט אים אויך איינגעאָרדנט אָוונטן פֿאַר אַ גרויסן עולם, ווו ער פֿלעגט דערציילן וועגן די פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך מיט אים פּאַרלאָפֿן; וועגן די נגישות און פֿייניקונגען אין דער תּפֿיסה און קאַרצער, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען ווי דער רעוואָלוציאָנערער קריטיקער און שרייבער, האַנס זאַהל. אויף איינעם אַזאַ אָוונט האָט ער אַפֿילו אָפּגעדעקט זיין רוקן און געוויזן די סימנים פֿונעם מעסער, וואָס מע האָט אין אים, האַנס זאַהלן, אַריינגעשטאָכן.

קינד־און־קייט איז פֿאַרכּישופֿט געוואָרן פֿון זיין פּערזענלעכקייט, זיין שיינקייט און אויסערגעוויינטלעכער פֿעיִקייט אויף אַ סך געביטן. אַז פֿרויען זענען אים נאָכ־געלאָפֿן — איז קיין חידוש נישט, אָבער אויך מענער — די שרייבערס און ווייסענבערג בתוכם — זענען פֿון אים געווען באַגייסטערט. ווייסענבערג האָט דעם יונגן־מאַן עטלעכע מאָל פֿאַרבעטן צו זיך קיין אָטוואָצק.

איין מאָל האָט ער פֿאַר אים פֿאַרגעלייענט אַ קאַפּיטל פֿון אין דער טיפֿער אייביקייט, און דער יונגער־מאַן האָט זיך פֿאַרגעשלאָגן דאָס ווערק איבערצוזעצן אויף דייטש, וואָס ער האָט ווירקלעך אָנגעהויבן צו טאָן. ווען ער האָט איבער־געזעצט דאָס ערשטע קאַפּיטל, און ער האָט עס איבערגעלייענט פֿאַר ווייסענבערגן — האָט ער אים אַזש געגעבן אַ קוש אין קאָפּ פֿאַר אַזאַ פֿיינער איבערזעצונג.

אָבער מער האָט דער דאָזיקער באַגאַבטער איבערזעצער גאָרנישט געטאָן דערין. ער איז געווען אַזוי אָנגאַזשירט אין אַן אַ שיעור ענינים, אויפֿטריטן, ראַנדעוווּס, אַז מ׳האָט אים פּשוט נישט געקענט כאַפּן. ער האָט געהאַט, למשל, געבאָרגט אַ מאָל ביי ווייסענבערגן עפּעס 15 זלאָטעס און צוגעזאָגט עטלעכע מאָל אָפּצוגעבן. האָט ער אָבער נישט געהאַלטן קיין וואָרט, ביז ווייסענבערג האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים מער נישט מאָנען, ווייל ס׳איז אונטערן כּבֿוד אויסצוהערן זיינע צוזאָגן, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געהאַלטן, און ער האָט בכלל אויפֿגע־הערט רעדן דערוועגן. דעמאָלט האָט ער אויך אָנגעהויבן שפּירן, אַז עפּעס איז מיט דעם דאָזיקן באַגאַבטן און זעלטן געראָטענעם יונגן־מאַן נישט גלאַטיק.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען געהערט, אַז די פּאָליציי האָט אים אַרעסטירט פֿאַר פֿאַרשטעלן זיך אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען. ער איז נישט געווען דער באַוווּסטער דייטשער שרייבער־רעוואָלוציאָנער, האַנס זאַהל, ווי ער האָט זיך אָנגעגעבן.

איך ווייס נישט וואָס ס׳איז מיט אים געוואָרן, נאָר אין ליטעראַטן־פֿאַראיין האָבן זיך אַלע געוווּנדערט און נישט געקענט פֿאַרשטיין, וואָס ער האָט געדאַרפֿט ניצן אַ פֿרעמדן נאָמען, אויב ער אַליין איז געווען אַזוי באַגאַבט אויף אַלע געביטן. מיט אַזאַ גאַטס גאָב האָט ער דאָך געקענט זיך רופֿן מיט זיין אייגענעם נאָמען און אויך זיין גענוג „גרויס״. (ער האָט אפֿשר געליטן אויף מעגאַלאָמאַניע, ווי מ׳האָט עס שפּעטער אויסגעטייטשט אין פֿאַראיין פֿון די שרייבערס.) אויך האָט מען נישט פֿאַרשטאַנען פֿון וואַנען ער האָט גענומען דעם אַדורכגעשטאָכענעם רוקן, דעם אָנדענק פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס דער אמתער האַנס זאַהל האָט טאַקע געהאַט. נאָך האָט מען געהערט קלאַנגען, אַז ער איז גאָר געווען אַ דייטשער שפּיאָן. אַזוי, צי

אַזוי, דער דאָזיקער יונגער־מאַן איז פאַר אַ סך מיטגלידער פון דער קינסטלערישער סביבה אין וואַרשע לאַנג געבליבן אַ רעטעניש.

אַ מאָל, אין אַ שבתדיקן טאָג, איז דער קריטיקער יצחק בערנשטיין געקומען צו אונדז צו פאָרן צום ערשטן מאָל. ער איז דעמאָלט אָפּגעזעסן מיטן טאַטן אַ גאַנצן טאָג און מ׳האָט געשמועסט. און אַזוי, פאַרברענגענדיק אין שמועס, האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. דער אָוונט האָט גיך אָנגערוקט. מע האָט, הייסט עס, געדאַרפֿן אָנצינדן אַ לאָמפּ, אָבער דער נאַפֿט האָט זיך גראָד אויסגעלאָזט אין שטוב און ס׳איז פּשוט נישט געווען מיט וואָס די שטוב צו באַלייכטן. ס׳האָט זיך באַקומען אַ היפּשלעך אומאָנגענעמע סיטואַציע: אַ גאַסט צום ערשטן מאָל — און מע שמועסט מיט אים אין דער פינצטער...

דער גאַסט האָט זיך אויך מסתּמא געחידושט, און אפשר האָט ער פאַרשטאַנען; אפשר האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה: פאַרלייגן אויף קעראָסין צו קויפן, אָדער נישט? קען זיין, אַז ער האָט נישט געוואָלט שטעלן ווייסענבערגן אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און איז אָנגעגאַנגען מיטן שמועס אין דער פינצטער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע זאַך.

איין זאַך איז אָבער אַ חידוש: פאַר וואָס איז אים נישט איינגעפאַלן אַוועקצוגיין אַ ביסל פריִער און פאַרמיידן די אויסטערלישקייט זאָל קומען אַזוי בולט צום אויסדרוק?

סיי ווי איז די ידידות צווישן זיי געוואָרן אַ שטאַרקע פון יענעם ערשטן מאָל זיך זען, און בערנשטיין פלעגט אָפט קומען זען ווייסענבערגן.

ווען ער איז ענדלעך יענעם אָוונט אַוועקגעגאַנגען — איז דער טאַטע מיט ביילטשען געגאַנגען אים באַגלייטן צו דער באַנסטאַנציע און פון דאָרט אַוועק־געגאַנגען זען די פּייגנבוימס. גנענדל און איך זענען געבליבן אין שטוב. און ווייל ס׳איז געווען פינצטער, אַז מ׳האָט אַפילו די פאַרגעבענע היימאַרבעט, די ווערטער פון די פרעמדע לשונות נישט געקענט „זוברעווען", און דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געקענט טאָן איז זיך לייגן שלאָפן, האָבן מיר אַזוי געטאָן.

האַלבע נאַכט, אַרום צוועלף אַ זייגער, האָט אונדז ביידע אויפגעוועקט אַ וווּנדער שיין שפּילן פון אַ האַרמאָניע. דאָס האָט דער ראַדיאָ געשפּילט אַ לאַנגן, וווּנדערלעכן וואַלס, פון אַ שכנותדיק הויז, ווו ס׳איז שוין געווען עלעקטריע, בשעת ווען אין ראַזסלאַנעקס הויז איז קיין עלעקטריע נאָך נישט געווען.

נו, וואָס איז דאָ צו שילדערן? יענע נאַכט איז אונדז דאָס גן־עדן צוגעבויגן געוואָרן. און אַזוי ווי אַזאַ וואַלס, ווי בכלל יעדער וואַלס, ציט צום טאַנצן — וואָס ס׳איז דאַכט זיך, די ערשטע רעאַקציע, און נאָך בפרט ביי אַזאַ טענצערין ווי גנענדל איז געווען, און נישט אַז צוויי יונגע מיידלעך זאָלן ליגן אין בעט און בלויז זיך צוהערן — איז יענע נאַכט דאָך פאַר אונדז געווען איינע פון די פאַרגעניגנדיקסטע באַלוינונגען.

די שכנים אינעם קעגנאיבערדיקן הויז אויף אונדזער הויף זענען געווען ייִדן. זיי זענען געווען זייער פּראָסטע מענטשן, ספּעציעל די פרוי. אַ מאָל איז צו איר געקומען צו פאָרן אויף דאַטשע אַ שוועסטער, וואָס האָט אויסגעזען פּונקט ווי זי:

פּעטלער, שוואַרץ און קליינגעוויקסיק. האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אַ „לעזשאַק"* אויפן הויף און זיך אַוועקגעלייגט רוען און זיך אָפּברענען — מיט גרויס וויכטיקייט אין יעדער באַוועגונג.

דער טאַטע האָט דאָס צוגעקוקט און געזאָגט: זי מיינט, אַז זי איז אַ שיינע...

דאָרט איז אויך געווען אַ קריסטלעכע פרוי, וואָס האָט געוווינט אין דער צווייטער טייל פונעם הויז. זי איז געווען בלאָנד, הויך, אויך אַ ביסל קיילעכדיק, און אויף איר האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז זי איז יאָ אַ שיינע, אָבער פון דעם סאָרט שיינקייטן, וואָס ווערן שנעל פאַרוועלקט.

איין פרימאָרגן האָט מען דערהערט אַן איבעררופן זיך איבערן הויף, מיט זידלערײַען נישט גראָד פונעם שענסטן סאָרט. דער טאַטע האָט אַרויסגעקוקט דורך דער גלעזערנער ווערענדע־טיר און איך — נאָך אים. און דאָ האָבן מיר געזען די שכנה שטיין אויף איר ווערענדע און אַריבערשרײַען צום אַלטן שכן אונדזערן, וואָס האָט געוווינט אין דער צווייטער העלפט פון אונדזער הויז. וואָס זי האָט געהאַט צו אים פאַר אַ טענה — ווייס איך נישט, נאָר געזידלט האָט זי אים מיט אַלע באַליידיקנ־דיקע רייד, וואָס אַ מאַרק־ייִדענע קען אַנווענדן. זי האָט אים, דעם אַכציק־יאָריקן זקן, אויך פאַרגעוואָרפן נישט מער און נישט ווינציקער, נאָר אַז זיין טאָכטער, די אַלטע מויד, איז כאָטש זיין געליבטע. און דאָס האָט זי אויסגעשריגן אויף אַלע קולות, אַז אַלע זאָלן הערן און דער אַלטער האָט נעבעך געשוויגן אויף די אַלע זילזולים, אַ פאַרשעמטער ביזן ביין, ווייל ווי האָט ער געקענט זי איבערשרײַען און איבערצייגן די שכנים, אַז ס'איז אַ בילבול?

מיר איז די זאַך געוואָרן זייער טשיקאַווע — ווי געוויינטלעך, ווען מענטשן שטעלן זיך אַרום אויסהערן ווי צוויי קריגן זיך — און איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף דער ווערענדע זיך צוהערן.

דער טאַטע האָט מיר אָבער געהייסן תיכּף צוריק אַריינגיין אין שטוב. פאַרשטייסטו דען נישט — האָט ער געפרעגט, אַז דער אַלטער שכן וועט זיך נאָך מער פאַרשעמען ווען ער וועט זען, אַז אַנדערע הערן צו, וואָס זי שיט דאָ אויס אויף אים?

איך האָב זיך געמאַכט כּלא־ידע און אים געענטפערט, אַז איך קוק אויף דער נעסט, וואָס די פייגעלעך האָבן געבויט אין דער הייך אויף אונדזער ווערענדע, און אַז איינס, אַ יונגס איז גאָר אַרויסגעפאַלן ביי נאַכט פון דער נעסט און ס'איז טויט.

דאָס איז טאַקע אַזוי געווען. נאָר צי בלויז דערפאַר בין איך אַרויס אויף דער ווערענדע — איז אַן אַנדער פראַגע, און דער טאַטע האָט געענטפערט: „נו — נו, מע ווייסט שוין...", און מיך אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין, פאַרמאַכנדיק די ווערענדע־טיר.

אין אָוונט איז אַריינגעקומען דער בלאָנדער שכנטעס שייגעצל און געזעסן מיט אונדז אין קיך, ביים טיש, ווו ס'איז גראָד געלעגן אַ גראַשן, מן־הסתּם אַ רעשט פון עפּעס. האָב איך איבערדערציילט דעם טאַטן, ווי אַזוי דאָס שייגעצל האָט אַ כאַפּ

---

* פּויליש — אויסלייגבעטל.

אַוועק געטאָן דעם בליק, ווען ער האָט דעם גראַשן דערזען, מאַכנדיק זיך תּמע־וואַטע, אַז ער האָט אים גאָרנישט באַמערקט ... דער טאַטע האָט אַ זײַע געטאָן מיט געלעכטער, טראַכטנדיק אַוודאי וועגן שייגעצל, אַז דאָס אַוועקכאַפּן דעם בליק איז „מעשׂה גנבֿ".

דער טאַטע האָט ליב געהאַט צו שרייבן אין דער קיך. ס'איז אים מסתּמא געמיטלעכער געווען, כאָטש דאָס צימער איז אויך געווען אַ גרויס און לופטיקס. פלעגט ער זיצן ביים גרויסן פינקלענדיקן לאָמפּ מיט דער ברייטער שיין אויפן קיכטיש און אַרבעטן מיט התמדה איבער אין דער טיפער אייביקייט. דערנעבן איז געווייינטלעך געשטאַנען אַ גלאָז שטאַרקע, שמעקעדיקע טיי. דערויף איז דער טאַטע געווען אַ גרויסער מפונק. זי האָט געמוזט זיין יעדעס מאָל פריש פאַרבריט, ווייל אַז נישט, האָט ער באַלד דערפילט די „פוילקייט" פון דער טיי, וואָס אַז זי שטייט עטלעכע שעה פאַרבריטערהייט — הייבן די טייבלעטער אָן צו פוילן. דערקעגן בלייבט נאָך אַ שטאַרק גלאָז פרישער טיי שטיין אָן אַנגענעמע פאַרוויגונג אין קאָפּ, האָט ער געזאָגט. פּאַפּיראָסן זענען אויך געווען פון די באַדערפענישן פון ערשטן געבראויך. זענען זיי און דאָס אַשנבעכערל אויך תּמיד געשטאַנען אויפן טיש אונטער דער האַנט. אָבער עסן — לאַוו־דווקא... ער האָט אין יענע צייטן זיך געהאַט אָפּגעוווינט כּמעט פון עסן; צי ער האָט נישט געהאַט קיין באַדערפעניש דערפאַר, ווייל ער איז שוין געווען קראַנק, צי ווייל ער האָט זיך ממש טאַקע אָפּגעוווינט, זיך איינרעדנדיק אַז עסן, זיך איבערעסן מאַכט שווער און ס'איז אומגעזונט. קוקנדיק אויף די „וואַרשעווער פרעסערס", ווי מ'האָט זיי גערופן, און ספּעציעל אין מיטעלן עלטער, ווען זיי הייבן אָן צו ווערן אויסגעפּילטער, די בייכער קיילעכדיק און שווער־באַוועגלעך — האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט דערפון און געזאָגט, אַז ווייניקער עסן איז אַלע מאָל געזינטער, ווי צו פיל עסן.

און אַזוי האָט ער וואָס אַ מאָל ווייניקער און ווייניקער געגעסן. אַז ער פלעגט, למשל, אָפּעסן פרישטיק, האָט ער שוין נישט געוואָלט עסן קיין מיטאָג און קיין אָוונטברויט און האָט געטענהט, אַז ער איז נאָך זאַט פונעם פרישטיק. און האָט ער אָפּגעגעסן אָוונטברויט — האָט ער דאָס זעלבע געזאָגט צו מאָרגנס אין דער פרי און ביים מיטאָגן: ער איז נאָך זאַט פונעם נעכטיקן אָוונטברויט.

זיין באַליבט עסן איז אין יענער צייט געווען רייז, גוט איינגעקאָכט אויף מילך, מיט אַ קלעצל צוקער. פּעטס האָט ער אויסגעמיטן, ווי סם. ביילטשע האָט אים דערלאַנגט אַ מאָל, געדענק איך, אַ טעלערל מיט גוט אָפּגעקאָכטע מייערן, וואָס ער האָט גראָד געהאַט חשק צו עסן צום אָוונטברויט. האָט ער אָנגעהויבן פאַרזוכן, צוגעטראָגן עטלעכע מאָל מיטן גאָפּל צו ביסלעך צום מויל, און — אַוועקגערוקט דאָס טעלערל, מיט די רייד:

— „ביילטשו, אַז איך וועל דיך בעטן פּעטס — וועסטו מיר דערלאַנגען אַ טעלער פּעטס, אָבער איך האָב דיך געבעטן מייערן".

די מייערן האָבן טאַקע פאַרשמעקט די שטוב, נאָר זענען געווען צו פּעט לויטן טאַטן. בכלל האָט ער אָנגהויבן בענקען נאָך דער באָבע פּעסעס געקעכץ, וואָס איז געווען איינפאַכער און מאָגערער, אָבער אויך זייער געשמאַק. דער טעם פון אירס אַ

הייס באַבעלע פון גרעטשנמעל, אַרויפגעלייגט אַ שטיקל פוטער פון אויבן, ליגט מיר אַליין אויך נאָך היינט אין מויל. אָבער ביילטשע האָט נישט געקענט קאָכן אויפן זעלבן אופן. זי האָט געשטאַמט פון אַ לגמרי אַנדערער קולינאַרער שולע. איר מאַמע, למשל, פלעגט שוין אין יענע צייטן פרעגלען ווינער שניצלען אויף „צערעס", אַ געוויקסן־פעטס, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ נײַעס. און ווייל דאָס האָט אַ ווייסן קאָליר, פונקט ווי פוטער, פלעגן די ווייבער אין זשעלעכאָוו זי באַרעדן, אַז זיי האָבן אַליין געזען מיט זייערע „אייגענע אויגן", ווי די רעסטאָראַטאָרין האָט געפרעגלט פלייש אין פוטער...

בשעתן ווײַנען אין אָטוואָצק האָט דער טאַטע געקריגן גריפעס עטלעכע מאָל אין משך פון אַ קורצער צייט. ער האָט זיך נישט גענומען גענוג צייט צו לאָזן די גריפעס אויסשטיין, ווייל ער האָט אַלץ „געמוזט" אַריינפאָרן קיין וואַרשע צום דרוקער, צום איינבינדער אד"גל. ער האָט דעמאָלט, אין 1936, אַרויסגעגעבן דעם חודשלעכן ליטעראַרישן זשורנאַל דער קריטיקער און געמאַכט י. ראַפאָפאָרטן פאַר רעדאַקטאָר. אין פאַראיין פון די שרייבערס האָט מען זיך געחידושט, און ווייסענבערג פלעגט אָפט הערן די פראַגע: „ווי אַזוי קענט איר אויסקומען מיט ראַפאָפאָרטן?" זיין ענטפער איז געווען: „מע דאַרף אַ מאָל האָבן אַ זאַק מיט גאַל און ראַפאָפאָרט איז אַ גוטער גאַלזאַק". ער האָט נישט גערעדט צו פיל וועגן דעם ענין־ראַפאָפאָרט, ווען מ'איז צו אים צוגעשטאַנען און געוואָלט הערן עפעס מער. אַנשטאָט רייד האָט ער אַ קנייטש געטאָן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט געוואָלט פון זיך אַראָפוואַרפן עפעס אַ פריקרעקייט.

דאָס טעגלעכע פאָרן אַהין און צוריק און נישט עסן אין צייט, האָט אים זייער אויסגעמאַטערט, האָט ער באַשלאָסן זיך צוריקצוציִען קיין וואַרשע.

צוריק אין וואַרשע

מיר האָבן זיך דערוווּסט אַרײַנגעצויגן אין האָטעל „בריסטאָל", אויף ביעלאַנסקע־גאַס, ביז ס'וועט זיך באַפרײַען אַ צימער אין האָטעל „בריטאַניאַ", אויף נאַוואָליפּיע־גאַס, ווו דער טאַטע האָט באַשלאָסן צו ווױנען.

איך געדענק אַן אָוונט אינעם „בריסטאָל" האָטעל־צימער, כ'בין געלעגן מיט אַ פאַרקילונג. בײַטאָג איז די מומע חנה מיך געקומען מבקר־חולה זײַן און אָנגע־בראַכט מיר „אַמעריקאַנער" רויטע עפּל, די שענסטע, און פּאָמעראַנצן — אויך די שענסטע. זי האָט געהאָפט, האָב איך פאַרשטאַנען, צו טרעפן דעם טאַטן מײַנעם בײַ אַזאַ „כשרער" געלעגנהייט. דערפאַר זענען די פּרוכטן פאַר מיר געווען פון די שענסטע... די מומע חנה האָט ליב געהאָט צו ווײַזן דעם ברייטן זשעסט אין אַזעלכע פאַלן און פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט גאַנצע טעאָריעס, אַז מען האָט טענות צו אַנדערע מענטשן, וואָס זיי האָבן זיך ליב צו לאָזן קאָסטן צוליבן „גלאַק", ס'זאָל קלינגען פון זייער גוטסקייט. איז זאָל זײַן אַזוי, צוליבן „גלאַק", הייסט עס, אַבי ס'איז צום גוטן, האָט זי געטענהט. פלעגט בײַ איר פּאַסירן, אַז דער לעבעדיקער קאַרפּ — וואָס זי האָט געקויפט לכּבוד איר שנור, וואָס איז געקומען אַ מאָל אויף באַזוך פון פּאַריז — האָט געוווּסט אַרײַנצושפּרינגען, בשעת די מומע האָט אים געשאָבן, גראָד אין גאַסטצימער אַרײַן, ווו די שנור איז געזעסן און ווײַזן איר, אַז ער איז נישט קיין טויטער קאַרפּ, נאָר טאַקע אַ לעבעדיקער שבלעבעדיקע... און אַז די מומע חנה האָט אַ מאָל געקויפט אַ מתּנה דעם פעטער פּאַוועלס פרוי, איר שוועגערין, צום 25סטן חתונה־יובל — איז עס געווען אַ רינגל פון לויטערן גאָלד, מיט אַן אַרײַנ־געפאַסטן שטיין, וואָס זי האָט ספּעציעל באַשטעלט. און ווען זי האָט איר דאָס רינגל געבערענגט, האָט זי עס אַנגעטאָן דער שוועגערין אויפן פינגער מיט די ווערטער: „מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָט דיך מײַן ברודער מקדש געווען, און הײַנט — בין איך דיך מקדש..."

די צווייטע שוועסטער דעם פעטער פּאַוועלס, אונדזער מאַמע, פלעגט קומען צו אים נישט מיט די „בעסטע" מתּנות, נאָר אַזוי פאַרברענגען עטלעכע שעה.

ווען דער טאַטע איז יענעם אָוונט אַהיימגעקומען פון גאַס, האָב איך אים דער־ציילט וועגן דער מומע חנהס וויזיט. מיר האָבן זיך נאָכן אָוונטברויט מכבד געווען מיט די שטוב־פאַרשמעקנדיקע פּרוכטן און דערבײַ געשמועסט וועגן פאַרשידנס. דער הויפּט־שמועס האָט זיך תּחילת געדרייט אַרום דעם מאָדנעם צופאַל, וואָס זשאַבאָטינסקי מיט זײַן ערשטן אַדיוטאַנט איז גראָד צו יענער צייט אויך אײַנגע־שטאַנען אינעם זעלבן האָטעל „בריסטאָל", און זײַן אַדיוטאַנט פלעגט גאַנץ אָפט זיך אַראָפּכאַפּן (פון אַ העכערן שטאָק) צו אונדז אויף אַ שמועס. זשאַבאָטינסקי איז געהאַט געקומען אויף אַ רײַ רעפעראַטן קיין וואַרשע. ער איז געווען, ווי באַוווּסט, אַן ערשט־קלאַסיקער אָראַטאָר. דער טאַטע האָט אָפּט, און אויך יענעם אָוונט, גערעדט וועגן זײַן ערלעכקייט.

ער האָט אויך גערעדט וועגן פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן, באַוווּסטע וועלט־

כאַראַקטערן און, פאָלקס-העלדן, אמתע צי פאַלשע, צוו"א וועגן דער אויסטערלישער דערשיינונג ראַספּוטין. ווי אַזוי דער „טאָבאָלסקער מוזשיק" אָדער פערד-גנב, איז אַ דאַנק זיינע ספּעציפישע אייגנשאַפטן און פעיִקייטן דערגאַנגען אַזוי ווייט, ווי ביז צום צאַרישן פּאַלאַץ און אַפילו אים באַהערשט, און דעם צאַר גופא מיט דער צאַריצע געהאַלטן אונטער זיין היפּנאָטישער מאַכט; ווי אַזוי עס האָבן זיך פריִער געטראָגן קלאַנגען צווישן דעם פאָלק, ווען מע האָט זיך געסודעט אין די ווינקלען וועגן דעם „הייליקן אַלטן" און זיינע מופתים, און ווי אַזוי ס'האָבן ביסלעכ-ווייז אָנגעהויבן אַרומגיין גאַנצע לעגענדעס וועגן אים. זיין נאָמען האָט מען אַרויס-גערעדט מיט אַ פאָרכטיקן פּרעפּל, ביז דער לעגענדאַרער נאָמען איז דערגאַנגען צום קייסערלעכן שלאָס. דאָרט האָט ער זיך שנעל באַרימט געמאַכט מיט זיין השפעה. דעם צאַרס איינציקע זונעלע, דער יורש צום טראָן, אַלעקסעי, איז ווי באַוווּסט, קראַנק געווען אויף העמאָפיליאַ, האָבן טאַטע-מאַמע, דאָס צאַרן-פּאָרל, געזען „בפּועל ממש" זיין בעסערונג אַ דאַנק ראַספּוטינס היילונג.

ראַספּוטין האָט אויך אָפּט „געזען חלומות" און „געהערט געהיימע קולות" אין צוזאַמענהאַנג מיט רוסלאַנדס פּאָליטישן לעבן; ווען די רוסישע אַרמיי דאַרף אָנגרייפן, וואָסער טאַקטיק מע זאָל אָננעמען, וועלכע מיניסטאָרן אָפּשאַפן און וועלכע אָנשטעלן. אַלץ איז אויסגעפירט געוואָרן ממש מיט אַ בלינדן גלויבן אין אים. פינצטער זענען די רוסישע מאַסן געווען, און אין עפּעס אַן איבער-מענטשלעכן, געטלעכן כּוח, אין עפּעס אַן אויסלייזער האָבן תּמיד מאַסן ליב צו גלייבן... די געשיכטע איז דאָך פול מיט אַזעלכע שבתי צביס ביי אַלע פעלקער, ווייל מע בענקט נעבעך נאָך אַן אויסלייזער. איז דאָס נישט קיין וווּנדער, וואָס פון די גרויסע עוולות, וואָס די מאַסן ליידן און די נישט-דערפילטע בענקשאַפטן, כאַפּן זיי זיך גאָר שנעל אָן אויך אין פאַלשע נביאים. אין ראַספּוטינען האָט אָבער די אינטעלי-גענץ, די אַריסטאָקראַציע (ביז אַ געוויסער צייט) און דער צאַר בכבודו ובעצמו, אויך געגלייבט. אַז ער האָט געגעבן אַ צייכן מיטן פינגער, זענען אַלע מאַכטיקע מיניסטאָרן געלאָפן און געבייגט זיך, ווי די אָנגעדרייטע מאַריאָנעטן. אַז ער האָט געגעבן אַ ווונק מיט אַ ברעם — האָבן אַלע גענעראַלן און מאַרשאַלן אויסגעגלעט זייערע מונדירן און קאָנטראָלירט, צי זענען ביי זיי די וואָנסעס אויפן אָרט. אויף אַלעמען איז געפאַלן אַ מאַסן-פּסיכאָז. אַלע זענען געווען פאַרבלענדט און יעדן פּיפּס זיינעם, יעדע פאַרויסזאָגונג, האָבן זיי אָנגענומען פאַר הייליקער נבואה און אויסגעפאָלגט מיט בלינדן גלויבן.

ראַספּוטין איז דאָך געווען אַ מערקווערדיקער פאַרשוין — האָט דער טאַטע דערציילט — אַן אויסטערליש גרויסן גוף האָט ער געהאַט, מיט אַן אַסקעטיש פּנים און טיף-היפּנאָטישע אויגן. אין זיי איז געלעגן אַ באַצווינגענדיקער כּוח. אַחוץ דעם האָט ער פאַרמאָגט אַ שטאַרקן ווילן, ער איז געווען כיטרע און, קענענדיק דעם עולמס שוואַכקייטן, האָט ער געוווּסט ווי אַזוי אים צו גענאַרן מיט כּל-מיני קונצנ-מאַכעריַי, וואָס האָט אין עולם-גולמס אויגן אויסגעזען „הייליק". און נאָך האָט ער פאַרמאָגט אַן אויסטערלישע גבורה, ווייל קיין סם און קיין קויל האָט אים נישט גענומען.

אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן פֿאַרנאַכט פֿון יאָר 1916 איז אַ גרופּע פֿאַרשווערערס — די איינציקע געוואַגטע אַפּיקורסים אין דער גאַנצער סביבה פֿונעם צאַרישן הויף — קוים געלונגען ראַספּוטינען אומצוברענגען.

דערציילט אונדז וועגן ראַספּוטינען, האָט זיך דער טאַטע פֿאַרטראַכט. ווער ווייסט, היינט: וועגן דעם גרויסן רוסישן לאַנד, דעם אונטעריאָכטן פֿאָלק און זיין געשיכטלעכן גאַנג; זיינע צאַרן־דעספּאָטן, צי זיינע טרוימער־פּאָעטן? מיר האָבן דעם טאַטן נישט געשטערט אין זיין אַנטשוויגן בלייבן און אים געלאָזט וואַנדערן מיטן געדאַנק.

נאָך אַ לענגערער הפסקה האָט ער גענומען זינגען לערמאָנטאָווס „פּאַרוס״, * זיך איינהערנדיק גוט אין יעדן וואָרט, ווי ס'וואָלט אים אַ שאָד געווען ס'זאָל עפּעס פֿאַרלוירן גיין דערפֿון.

יענער אָוונט איז מיר פֿאַרבליבן אינעם זכּרון מיט זיין געמיטלעכקייט.

גנענדל האָט דעם טאַטן דערציילט, נאָכן פֿאַרענדיקן דאָס ליד, פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען זי קלאַפּט אויס דעם טאַקט פֿון אַ מאָטיוו בלויז מיט די פֿינגער — טרעף איך, וואָס דער מאָטיוו איז, און אויך, אַז ווען זי זינגט אַ מעלאָדיע — טרעף איך פֿון וואָס דאָס ליד דערציילט. דער טאַטע האָט אַ מסכּימדיקן נייג געטון מיטן קאָפּ.

אָבער וואָס שייך מיין „מוזיקאַלישקייט״ בכלל האָט ער איין מאָל געזאָגט, אַז איך קען נישט שפּילן (אויף מאַנדאָלינע) און אַ צווייט מאָל, אַז איך קען יאָ שפּילן. די סיבה פֿון אַזאַ קעגנזעצלעכער מיינונג איז געווען אָפּהענגיק פֿון דעם, ווי אַזוי איך האָב געשפּילט, און אפשר אויך — וואָס געשפּילט. ווען כ'האָב, למשל, געשפּילט אַ רוסישע „טשאַסטושקע״, אָבער מיט אַן אַנדער ריטעם, עפּעס נישט אַזוי, ווי איר איינגעטלעכער ריטעם דאַרף זיין — האָט ער געזאָגט, אַז איך קען נישט שפּילן. אָבער אויב כ'האָב געשפּילט זיינס אַ באַליבטן מאָטיוו פֿון שומאַנען, האָט ער זיך איינ־געהערט, איינגעהערט און געזאָגט, אַז איך קען שפּילן.

אינעם האָטעל־צימער אויף דער וואַנט, האָב איך מיר געהאַט אויפֿגעהאָנגען עפּעס אַ בילדל פֿון אַ פֿילם־אַקטריסע, אויסגעשניטן פֿון אַ זשורנאַל. זי האָט געהאַט זייער רעגולערע שטריכן, אַ בלאָנדע מיט שוואַרצע אויגן. כ'געדענק שוין נישט איר נאָמען, נאָר געהאַלטן האָב איך זי פֿאַר אַ שיינער. ווען דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, האָט ער געזאָגט, אַז זי איז אַ מיאוסקייט, ווייל די רעגולערע, שיינע שטריכן, דאָס שיינע מיילעכל און דאָס געטאָקטע נעזעלע האָבן ביי אים גאָרנישט געמיינט.

און פֿון דעמאָלט אָן, אַז גנענדל האָט אים אַ מאָל געזאָגט, אַז מיר געפֿעלט פּיליפּ האָלמס — אַ דעמאָלטיקער האָליוווד־שטערן — האָט ער געזאָגט:

— „פּערל האָט דאָך ליב מאַזשגאָרן, נישט קיין פּנימער״.

ער האָט גאָר געהאַלטן פֿון אַן אַנדער מין שיינקייט: פֿון אַ פּנים מיט אויסדרוק און אינטערעסאַנטקייט, ווי מאַרעלנע דיטריכס, למשל. גרעטאַ גאַרבאָ איז גאָר

---

* רוסיש — זעגל.

געווען ביי אים אַן אידעאַל פון פרויען־שיינקייט. אויך האָט אים אימפּאָנירט אַזאַ סאָרט זינגען ווי מאַרלענע דיטריכס.

כ׳האָב זי לעצטנס געהערט זינגען דורכן ראַדיאָ: „וועהר העוו אָל די פלאָווערס גאָן?״, * האָט נאָך איר אָפּזינגען דער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ער וואָלט זי בעסער געוואָלט זען שפּילן (אויפן עקראַן) איידער הערן זי זינגען...

דאָס איז אוודאי צוליב איר מענערשטים און איר שווערלעך אַרויסברענגען אַ טאָן. נגינה און אויסדרוק, די ספּעציפישע רעגונג, וואָס איר ליידנשאַפטלעך געדעמפּט געזאַנג רופט אַרויס — האָט ער נישט באַמערקט, ווייל ביים געוויינט־לעכן צוהערער נעמט אויס אַ שיין, גלאַטיק־פליסנדיק שטימעלע, מעג עס אפילו זיין אָן שום אויסדרוק.

נאָכן אויסהערן דעם ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָרס „מבינות״, האָב איך זיך דערמאָנט ווי אַ קאָנטראַסט אין איר אָנהענגער — ווייסענבערג.

ער אַליין האָט אויך גאַנץ אָפּט געפּרוּווט זינגען. קיין שטים האָט ער נישט געהאַט, אָבער אַ געהער און געפיל, אויסדרוק — יאָ. פלעגט מען אים הערן זינגען אין שטוב פּאַסאַזשן פון בעטהאָווענס וויאָלין־קאָנצערט — ער האָט דעם שטורמישן בעטהאָווען פאַרגעטערט, — דאָס כאַראַלע געזאַנג פון די „יידישע שקלאַפן״ פון ווערדיס נאַבוקאָ (הגם ער האָט בדרך־כּלל קיין אָפּערעס נישט ליב געהאַט), פּאַסאַזשן פון טשאַיקאָווסקיס וויאָלין־קאָנצערט און אַנדערע קלאַסישע און סתּם מאָטיוון פון כּל־המינים. לערמאָנטאָווס „סאָן״ האָט מען אים גאָר אָפט געהערט זינגען, היינעס „אַ פרעסטעלע פאַלט אויף די שיינינקע בלומען״ און פאַר־שידענערליי לידער, ווי „וויעטשערני זוואָן״,** „אַ קום שוין שטילער אָוונט״, לידער וועגן באַיקאַל, וואָס איז פול מיט לעגענדאַרע געהיימענישן פון וואַסערגעטער, און איז געהייליקט אין געפאַנגענשאַפט; וועגן די טונקעלע וואַסערן פון דער ריזן־אָזערע אין וויטן מיזרח־סיביר, וואָס איז די עלטסטע, און די טיפסטע אָזערע אויף דער וועלט, און הונדערטער טייכן און ריטשקעס איילן צו אירע ברעגן צו פאַר־זאַרגן מיט אייביקער פרישקייט איר טויזנטער־מיניקע פאַונע און פלאָרע. נאָך אַ פּראַקטיק ווייסרוסיש ליד האָט ער געזונגען, די ווידוי פון אַ הונדערט־יאָריקן בוים, וואָס דערציילט אין אַ שלאָפלאָזער זומערנאַכט זיינע יוגנט־דערמאָנונגען.

שפּעטער צו זענען יענעם אָוונט אַרויפגעקומען גנענדלס צוויי חברטעס, איינע אַ יידיש מיידל, רויזקע, און איינע אַ פּוילישע. די פּוילישע איז געווען אַ פלאַטין־בלאָנדע און די יידישע שאַטען. גנענדל האָט זיי פאַרגעשטעלט פאַרן טאַטן און ער האָט פּאַרטווישט עטלעכע ווערטער מיט ביידע מיידלעך. און כאָטש אים זענען געפעלן מער בלאָנדע פרויען פאַר טונקלהאַריקע — האָט ער קיין סימפּאַטיע צום קריסטלעכן מיידל בכלל נישט געהאַט, ווייל ער האָט באַלד דערפילט, אַז זי איז אַ ביטרע, צו „קלוג״.

* ענגליש — ווו זענען אהינגעקומען אלע בלומען.

** רוסיש — אוונטגלאַק.

מאָדנע, דאָס וואָס ער איז דערגאַנגען בלויז פון רעדן מיט איר עטלעכע ווערטער, האָט געשטימט. דאָס שיקסל, וואָס איז געווען אַ שיינס, האָט טאַקע געוווּסט ווי אַזוי גוט אויסצוניצן אירע פאַרערערס.

דערפאַר האָט ער רויזקען, וואָס איז גאָר געווען שאַטען, אָנגערופן „די בלאָנדע", און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר שפּעטער, ווייל זי האָט גאָר שיין געזונגען, דעם זעלבן אָוונט אינעם האָטעל „בריסטאָל". נו, אויב זי קען שיין זינגען, איז זי שוין בלאָנד אויך...

* * *

דער טאַטע איז אַ מאָל געקומען פון גאַס און האָט דערציילט ביילטשען, אויף וואָס פאַר אַן אומאָנגענעמלעכקייט ער איז געוואָרן אויסגעשטעלט: ער איז גע־גאַנגען אויף דער גאַס און באַגעגנט די שיינע X. ס'איז גראָד געווען אַ הייסער זומערטאָג און ס'האָט זיך געדאַרשטן, האָבן זיי אָפּגעטראָטן אין אַ סאָדע־וואַסער־געשעפט אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס. דאָרט זענען געווען אויך פאַרשידענע קליייניקייטן צום פאַרקויפן — פאַר מתּנות. ווי נאָר דער סוחר האָט זיך אָפּגעקערט — האָט דער טאַטע באַמערקט, ווי זי הייבט אָן אַריינצורוקן עפּעס אַ ציגאַרן־שפּיצל אינעם אַרבל אַריין פון איר זומער־מאַנטל. ער איז ממש נשתּומם געבליבן און אַ דערציטערטער פון אַזאַ מין אומדערוואַרטער זאַך מצד דער שיינער פרוי, איז ער געשטאַנען אין איין שרעק, דער באַלעבאָס זאָל דאָס נאָר נישט באַמערקן. ווי וואָלט ער אויסגעזען און אויך זי אַליין?! אָבער דעם באַלעבאָס פונעם געשעפט איז זיכער נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן אַזאַ מיגלעכקייט, זעענדיק אַזאַ עלעגאַנטע דאַמע און ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף די אויסגעלייגטע זאַכן אויפן בופעט.

דער טאַטע האָט צוגעיאָגט דאָס אויסטרינקען און זיי זענען אַרויס פונעם געשעפט. ער איז אָפּגעגאַנגען מיט איר אַ שטיקל גאַס און זיך אַנטשולדיקט: ער האָט זיך גראָד דערמאָנט — האָט ער געזאָגט — אַז ער דאַרף פּאַפּיראָסן, וועט ער צוריקגיין זיי קויפן און וועט זי אָניאָגן אין עטלעכע מינוט אַרום.

ער איז צוריקגעגאַנגען אין געשעפט, געפרעגט וויפל אַזאַ ציגאַרן־שפּיצל קאָסט און באַצאָלט דערפאַר.

דעמאָלט ערשט איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ: אי ער האָט באַצאָלט פאַר דער גנבה, אי ער האָט אויסגעמיטן מבייש צו זיין X, אי ער אַליין איז אויך נישט געשטעלט געוואָרן אין אַזאַ שענדלעכער פאַרלעגנהייט.

ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט מיט איר אין קיין געשעפט נישט אַריינגעגאַנגען. ער האָט נישט געוווּסט וועגן דער דאָזיקער אויסטערלישער אייגנ־שאַפט, וואָס די פרוי האָט לעצטנס דערוואָרבן, אַלץ צוליב איר בלינד פאַרליבט־זיין, און ווייל ס'האָט זיך איר געדאַכטן, אַז זי מוז נאָר כּסדר ברענגען איר געליבטן מתּנות, און ברענגען אויך זיך אַליין פאַר אַ קרבן אויפן דאָזיקן מזבח. און פאַר אַ קרבן האָט זי זיך טאַקע געבראַכט. אין איר בלִיִענדיקן עלטער איז זי אַוועק פון דער וועלט אַ דערנידעריקטע און אויסגעניצטע. זי איז אויסגעגאַנגען אין איינזאַמקייט

אין דער אָטוואָצקער טובערקולאָז־סאַנאַטאָריע „מרפּא", מיטן נאָמען פון איר געליבטן אויפן טעלעפאָן־טרייבל, וואָס איז איר אַרויסגעפאַלן פון איר אָנמאַכטיקער, אָפּשטאַרבנדיקער האַנט.

איר לוויה האָט אויפגערודערט וואַרשע. עס איז איר נאָכגעגאַנגען דער רבנישער יִחוס וואָס פון אים האָט זי געשטאַמט. איר געליבטער — נישט. ער האָט געוווּסט, אַז ווען ער ווייזט זיך צו דער לוויה, וואָלט מען אים געדורסט אויף אַן אָרט.

אַ מאָל האָב איך דעם טאַטן באַגעגנט אויף ביעלאַנסקע־גאַס, גייענדיק צום האָטעל „בריסטאָל", ווו ער האָט זיך געזאָלט טרעפן מיט עטלעכע מענטשן. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט זיך איבערגעצויגן אין האָטעל „בריטאַניאַ". דאָס איז געווען אין זומער 1937. גנענדל און איך האָבן געוווינט מיט דער מאַמען. ס'איז געווען פאַרנאַכט און איך בין גראָד געגאַנגען מיט אַ פּעקל מיט קליינינקייטן, וואָס כ'האָב געהאַט איינגעקויפט אויפן וועג אַהיימצונעמען. דער טאַטע האָט געזאָגט כ'זאָל מיט אים מיטגיין. איך האָב גראָד נישט געהאַט קיין חשק צו גיין, און ווי כ'האָב אומבאַ־רעכטיקט געטראַכט, בין איך אַפילו נישט געווען אָנגעטאָן ווי פאַרן „בריסטאָל". כ'האָב געטראָגן אַ גראַנאַטן קליידל, געמאַכט, וואָס אַן אמת, ביי זייער אַ גוטער שניידערין, זשוטאַ (דעם מאָלער אַברהם גוטערמאַנס פרוי) אָבער דאָך איז עס פאַרן „בריסטאָל" געווען צו באַשיידן לויט מיר. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן און איך האָב געמוזט גיין.

מיר זענען דאָרט געזעסן ביי אַ טיש מיט אַקטיאָרן: די אַקטריסע אסתּר גאָלדענבערג, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש און אַ געוויסער יונגער־מאַן, פרידמאַן. זיין פאָטער האָט געהאַט אויף נאַלעווקי־גאַס אַ גרויס הורט־געשעפט פון וועש.

בשעתן שמועסן האָט די גאָלדענבערג געזאָגט, אַז איך בין אין גאַנצן ענלעך צום טאַטן, נאָר אַ ביסל שענער, אָבער — האָט זי זיך באַלד באַוואָרנט — איר וועט זיך דאָך נישט באַליידיקן דערפון, ווייסענבערג?

— פאַרקערט, האָט ער געענטפערט, זי דאַרף זיין שענער פאַר מיר.

גאָלדענבערג האָט געפרעגט, צי שרייב איך אויך, האָט דער טאַטע געענטפערט: „קליינערהייט האָט זי אַרויסגעוויזן טאַלאַנט, נאָר איצט שרייבט זי נישט מער. מסתּמא האָט זי נישט קיין באַדערפעניש דערפאַר", און צוגעגעבן: „זי איז דאָך נישט קיין גראַפאָמאַן, וואָס שרייבט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט נישט קיין דראַנג דערצו".

ער האָט דאָס געזאָגט אין שייכות מיט דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט געקריגן אַן אויפגאַבע אין קלאַס: צו דערגאַנצן אַ שטעלע אין שלום־עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס — ווי אַזוי ס'וואָלט אויסגעזען די לוויה פון מאָטלס טאַטן, וואָס דער מחבר האָט נישט געשילדערט.

די אַרבעט האָט געדאַרפט זיין קורץ, האָב איך אָנגעשריבן בלויז זעקס שורות. דער לערער זאַלצמאַן האָט געהאַלטן מיין העפט און אַ צווייטן שילערס העפט, אַברהם זיגעלבוימס, פון אויבן כּדי צו קענען מעלדן דעם קלאַס, אַז אונדזערע אַרבעטן זענען די געלונגענסטע. אָבער איך האָב געזוכט דעם טאַטנס

באַשטעטיקונג, האָב איך אים געוויזן דאָס אָנגעשריבענע און ער האָט געזאָגט, אַז די עטלעכע שורות פֿאַרמאָגן דעם טרויער פֿון אַ לוויה.

אַ צווייט מאָל האָבן מיר געהאַט אָנגעשריבן אַ גרעסערע אַרבעט פֿאַרן קלאַס אויף אַ פֿרײַער טעמע, מײַנע האָט געהייסן „אַ זומערטאָג אין שטעטל". דאָס איז שוין געווען אין דער מיטלשול, און געשריבן אין פּויליש. כ'האָב דאָס געגעבן דעם טאַטן צו לייענען, האָט ער דאָס איבערגעאַרבעט. איך האָב געשילדערט אַ גאַנצן טאָג, פֿון באַגינען ביז נאַכט, האָט ער די נאַכט אויסגעמעקט און זי פֿאַרענדיקט מיטן טאָג; מיט די ווערטער „אי טאַק שען טו אוקלאַדאַ דזשען". (און אַזוי שטעלט זיך דאָ דער טאָג.)

כ'האָב נישט געוווּסט פֿאַר וואָס ער האָט דאָס געטאָן, אָבער די הויפּטזאַך: ס'איז אים געפֿעלן געוואָרן. דער בעסטער סימן איז דאָס, וואָס ער האָט זיך אַליין אַוועק־געזעצט דאָס באַאַרבעטן. אויב אַ זאַך איז אים נישט געפֿעלן, האָט ער נישט געמאַכט קיין צערעמאָניעס, נישט וויכטיק, צי ס'איז זײַן טאָכטערס, צי אַן אַנדערנס. ער פֿלעגט אַ מאָל אַוועקגעבן גאַנצע חדשים פֿון זײַן צײַט און זיצן איבער אַן אַנדערנס מאַנוסקריפּט, אים צו באַאַרבעטן. ס'פֿלעגט אויך פּאַסירן, אַז דער מחבר איז געווען אומצופֿרידן און געטענהט, אַז דאָס איז דאָך שוין מער נישט זײַן חיבור, נאָר ווייסענבערגס, אַזוי פֿיל ענדערונגען האָט ער געמאַכט: אויסגעמעקט און צוגע־שריבן זאַצן, צי איבערגעאַרבעט דעם זאַצבוי. דערויף פֿלעגט אים ווייסענבערג ענטפֿערן, אַז אויך צו פּרצן פֿלעגן יונגע שרײַבערס האָבן די זעלבע טענה: „דאָס איז דאָך שוין נישט מער מײַנס, נאָר אײַערס, ה' פּרץ", פֿלעגן זיי זאָגן ווען ער פֿלעגט אויסבעסערן זייערע שאַפֿונגען בשעתו.

ווי כ'האָב זיך יענעם פֿאַרנאַכט געוועדט קעגן מיטגיין אין „בריסטאָל", האָב איך אָבער דווקא יענעם אָוונט גוט פֿאַרבראַכט. דעם יונגן־מאַן, פֿרידמאַן, האָט אויך, פּונקט ווי דעם טאַטן, ווייזט אויס, נישט געאַרט מײַן צופּעליקער שטאַט, און ער האָט מיך אַפֿילו פֿאַרבעטן צו גיין טאַנצן אין אַ לאָקאַל אויף קראָלעווסקע־גאַס. דאָרט האָט פֿאַרבראַכט די פּוילישע עליטע און מע פֿלעגט קומען אַהין נאָר אין אָוונטקליידער.

מיר האָבן צובאַגלייט דעם טאַטן ביז עק נאַוואַליפּיע, ווו דער האָטעל „בריטאַניאַ" האָט זיך געפֿונען. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אים ווו די גאַסן קאַרמעליצקע־נאַוואַליפּיע קרייצן זיך, און זענען אַוועק נאָך אַ ביסל פֿאַרברענגען. אַזאַ סיטואַציע איז מיר פֿאָרגעקומען באַדויערלעך און אַפֿילו אַ ביסל אומאָנגענעם, צוליב דער מיטאַמאָליקער אַנדערשקייט. ביז אַהער איז עס געווען אַלע מאָל פֿאַרקערט: דער טאַטע פֿלעגט גיין פֿאַרברענגען און איך בין אַהיימגעגאַנגען און אויף איין מאָל איז ער גאָר דער, וואָס דאַרף אַהיימגיין!

דאָס איז אַוודאי די דערפֿאַרונג, וואָס קומט פּלוצעם, ווי אַן איבערבראָך צווישן עלטערן און זייערע אונטערגעוואַקסענע קינדער. עס איז מיר געווען אַ שאָד, וואָס אין דעם מאָמענט איז דער טאַטע עפּעס מינערער פֿאַר מיר, וואָס צו דעם בין איך נישט געווען געוווינט.

ער איז אָבער געווען צופרידן, וואָס איך גיי נאָך פאַרברענגען, און מיר האָבן זיך גאַנץ שטיל געזעגנט.

פון גיין זיך פאַרווײַלן האָט ער גראָד שטאַרק געהאַלטן און ער פלעגט אָפט האָבן הוליאַנקעס ביי פריינד אין וואַרשע אָדער פאַרן קיין לאָדזש אויף נײַיאָר און אויך סתּם אַזוי, עטלעכע מאָל אין משך פונעם יאָר.

ער אַליין פלעגט שוין זיינע באַליבטע אָוונטן נישט איינאָרדענען, ווייל אינעם האָטעל־צימער איז אוממיגלעך געווען דאָס צו טאָן. עס פלעגן אים דאַן קומען באַזוכן פריינד און אַנהענגערס.

כ׳געדענק אַזאַ אָוונט ביי הענעך ערליך אין שטוב. צווישן די געסט זענען געווען אויך צוויי זייטיקע מענטשן, אַ סטודענט און זיין פּראָפעסאָר, וואָס האָט פאַרברענגט אין שמועס מיט גנענדלען. איך האָב גערעדט מיטן סטודענט. מיר האָבן גערעדט פון באַכן, געדענק איך. דער טאַטע איז געזעסן לעבן מיר און זיך איינגעהערט אינעם שמועס.

ווען כ׳בין מיד געוואָרן פון זיצן אויף דער האַרטער שטול — האָב איך אָנגעוויזן מיין מיטשמועסער אויף דער סאָפע, און מיר האָבן זיך אַהין איבערגעזעצט. דער טאַטע האָט ביי דער געלעגנהייט דערזען מיין איבערגעטריבן שמאָלע ספּודניצע, וואָס ס׳איז דעמאָלט געווען די מאָדע. דאָס איז נישט אַדורך אָן זיינע באַמערקונגען: פריִער האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז איך קען זיך פירן, און דערנאָך, אַז די ספּודניצע איז צו אָפּגעפּאַסט און, אַז מע דאַרף איבערלאָזן עפּעס פאַר דער פאַרשטעלונג אויך, און נישט נאָר אַלץ פאַרן אויג, ד״ה אַז אויב אַ קליידל איז אַ ביסל לויזער — איז דאָ אָרט זיך פאַרצושטעלן די פיגור. דערקעגן אויב ס׳איז אַזוי אָפּגעפּאַסט, בלייבט שוין פאַר דעם געדאַנק גאָרנישט מער זיך אויסצומאָלן.

וועגן אַ צווייטן אָוונט האָט מיר גנענדל געהאַט דערציילט, אַז זי איז געווען ביי ווייסענבערגס אַ נאָענטן פריינד, אַ. טשעליאַדניצקי. ווען דער עולם האָט אויסגעטרונקען צו ביסלעך און האָט זיך געהאַט דערוואַרעמט, האָט מען אָנגעהויבן זינגען. צווישן אַנדערע לידער האָבן די פאַרזאַמלטע געזונגען ווייסנבערגס ליד

פאַריתומט

אויף דעם טישל ברענט אַ לעמפּל,
דאָס פייערל איז קליין
און עס גיסט זיך רויטלעך טונקל
אויף די ווענט די שיין.

אין דער שטוב איז שטיל און בענגלעך
און די מאַמע זיצט —
איר שאָטן שטייט אומבאַוועגלעך
אויף דער וואַנט, ווי אויסגעקריצט.

ביי דעם בעט זיצט די מאַמע,
איך דערינען ליג,
שלאָפן האָט זי מיך געלייגט,
נאָר איך ליג און קוק.

און ער טוט זיך נישט קיין ריר,
דער שאָטן, ער שטייט פאַרטראַכט,
און דער זייגער איבער מיר
וויגט איין שטיל די נאַכט.

און אין ווינקל, אויף דער וואַנט,
דאָרטן אויף דעם האָק,
ווי פּאַריתומט, ווי פאַרוויינט
הענגט דעם טאַטנס ראָק.

און דער מאַמעס אויגן קוקן
בענגלעך און פאַרוויסט
צו דעם בעט, וואָס שטייט אַנטקעגן,
נאָר דאָס בעט איז פּוסט.

און איך זע, ווי עס ווערן
דער מאַמעס אויגן פול
און עס קאַפּען, קאַפּען טרערן
אויף איר ברוסט גאַנץ שטיל.

און איך ליג, איך הער מיך איין,
אין דרויסן וואויעט אַ הונט —
עס ציטערט אויף די ווענט די שיין,
אין קוימען זינגט דער ווינט.[210]



ווען מ׳האָט געענדיקט זינגען, זענען אַלע שטיל, גאָר שטיל געבליבן. אַלע האָבן געשוויגן באַהערשט פונעם טרויער, וואָס דאָס ליד האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן. ווייסענבערג האָט געקוקט מיט שטילע בליקן אויפן עולם, אַ צופרידענער פון אַזאַ ווירקונג, אַליין אויך אַ באַהערשטער פון דער אַלגעמיינער שטימונגדיקער אַטמאָספער, וואָס האָט זיך געשאַפן: אַ שטימונג פון שטילן ווײ, אָבער אויך פון יום־טובדיקער דערהויבנקייט.

איך גלייב, אַז אַזאַ מאָמענט איז אייגנטלעך דער לוין מיט וואָס דער אמתער קינסטלער ווערט באַלוינט.

ווייסענבערג האָט אין לאָדזש געהאַט אַ גאַנץ אָנגעזעענע גרופּע פריינד און אַ שפּאָרע צאָל הייסע חסידים. ווען ער פלעגט נאָר קומען — פלעגט ווערן יום־טוב. צווישן זיי זענען געווען: שמעיה און הענע צימערמאַן, אַברהם סאָלאָוויטש, אַבע באַמאַץ, ש. קאַבאַקער, יוסף פרידמאַן, מלך און ראַכטשע ראַטבאַרד, אַ פאַרפאַלק, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט פון קינסטלעכע בלומען און מע האָט עס צוליב דעם גערופן „די בלומען־הענדלערס״, משה בראָדערזאָנס אַ פריינדין, וואָס איז געווען אַ לערערין אין אַ קולינאַרער שולע און חברה האָט זי צוליב דעם גערופן „די קעכין״, און אַ גאַנצע ריי אַנדערע, וואָס זייערע נעמען געדענק איך שוין איצט נישט. די דאָזיקע גרופּע פלעגט ביי דער געלעגנהייט פון ווייסענבערגס קומען, מאַכן איין הוליאַנקע נאָך דער אַנדערער. די שטימונג פלעגט זיין אַ געהויבענע. מע האָט געטרונקען פון די גוטע משקאות, געגעסן און, דער עיקר, געשמועסט ביז שפּעט

אין דער נאַכט אַריין. ווייסענבערגס שמועסן און די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, פלעגן זיינע אַנהענגערס ברענגען צו התפעלות. מיינסטנס פלעגט ער אין יענע נעכט רעדן און אַלע פלעגן זיך צוהערן מיט געשפּאַנטער באַוווּנדערונג. זיי, די עדות פון ווייסענבערגס שיחת־חולין פלעגן זאָגן, אַז ווייסענבערג שבעל־פּה איז נאָך אינטערעסאַנטער, ווי ווייסענבערג שבכתב. גערעדט האָט ער אויף די פאַרשידנסטע טעמעס: וועגן עקסיסטענץ, באַטראַכט דורך דער פּריזמע פון אייביקייט; וועגן דעם מין מענטש, די מאַסע אַקעגן דער פּערזענלעכקייט אין דער געזעלשאַפט; וועגן אמת און שקר און נאָך אַנדערע טעמעס. וועגן אמת האָט ער געזאָגט:

ס'איז נישט פאַראַן גאָר אַזאַ שקר, וואָס מע זאָל אים נישט קענען באַגרינדן, ווי אַן אמת. אָבער איין זאַך בלייבט גילטיק אויף תּמיד: אַן אמת איז אויף אַזוי פיל אמת, אויף וויפל אונטער אים איז דאָ דער מענטש. ווען זאַראַטוסטראַ נידערט אַראָפּ פון באַרג, ווענדט ער זיך צו דער זון מיט אַ פראַגע: „פאַר וועמען וואָלסטו געלויכטן אָן מיר?" אָן דעם מענטש איז אפילו די זון נישטאָ. דאָס אייגענע מוז אויך אָנגעוואָנדן ווערן צום אמת. אייגנטלעך איז אמת אַ זאַך פון געוויסן. און וואָס איז דער אמת אָן דעם מענטש? שפּילט דען אַ ראָלע צו מאַכן אַ שקר פאַר אַן אמת און פאַרקערט, אַן אמת פאַר שקר? פעלן דען לאָגישע באַווייזן אויף אַהין און צוריק? און איז דען מעגלעך אַ זאַך אָן צווייערליי באַדייטונגען, ווי אַ שטעקן אָן צוויי עקן? אמת איז אַ פראַגע נאָר פון דעם מענטש, וואָס שטייט הינטער אים. „אָן מיר, וואָס ביסטו דען, זון?" און לאָגיק — דאָס איז אַוודאי בלאָטע. אַנשטאָט איר איז מער מאָס פאַרן אמת די באַגייסטערונג. און אַזוי נעם איך טאַקע אויף יעדן מענטש. אָט דאָס מוז זיין די מאָס פאַר אַלע אמתן. ווי גאַרנישטיק איז דער מענטש מיט אַלע זיינע אמתן און מיט זיין גאַנצן ביסל לאָגיק, אויב ער אַליין איז דערביי נישטאָ. נישט מער זיכער איז אויך דאָס דרייען זיך פון דער ערד, ווען זי וואָלט נישט געהאַט פאַר איר אויסגאַנגפּונקט די זון און די שטערן; אויך נישט דאָס פאַרן פון דער באַן — אָן דער ערד.

וועגן דעם מענטש, וואָס רעדט רייד וואָס טויגן אים אָדער וואָס „מ'דאַרף" רעדן האָט ער געזאָגט:

וואָס הערט איר אונטער אַזאַ איינעמס ווערטער? — קעפּלדיקייט און אין בעסטן פאַל דאָס געוויכט פון אַ פּערזאָן, ווי אַן אייזהייטל אין די ערשטע לייכטע חשוון־פרעסטלעך; אָדער די זון וועט אויפגיין און עס וועט זיך אַליין צעלאָזן אויף וואַסער, אָדער גאָר צעשיטן זיך און צעקלינגלען פון זיך אַליין ביי דעם ערשטן ריר.

אין דעם שוין אויבן ציטירטן אַרטיקל „י. מ. ווייסענבערג שבעל־פּה", דערציילט אויך י. בן־דב [ציעכאַנאָווסקי] וועגן אַזאַ אָוונט אין לאָדזש:

איך דערמאָן זיך ווייסענבערגס אַ שיחת־חולין, — אויף אַ צוזאַמענטרעף אין לאָדזש ביי שמעיה צימערמאַן אין שטוב. קרוב צו אַ דרייסיק מאַן זענען מיר געזעסן אַרום אַ געדעקטן טיש — שרייבערס, קינסטלערס און סתּם פאַרערערס פון דער יידישער ליטעראַטור און פון ווייסענבערגן. מיר האָבן געשמועסט גרופּנווייז, און פּלוצעם איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער וויכּוח

אַרום... ליבע, אַרום פּאַטאָלאָגישער און „סתּם ליבע". יעדער האָט ציטירט אויטאָריטעטן, כּדי צו באַשטעטיקן זיין מיינונג. איינער אַ יונגער־מאַן האָט זיך דווקא באַמיט צו באַווייזן, אַז ליבע איז נישט מער, ווי דאָס פיזישע צוזאַמענקומען פון אַן „ער" און אַ „זי"...

ווייסענבערג איז געזעסן פאַרטראַכט, ווי דער גאַנצער עניין וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען. דער וויכּוח אַרום טיש האָט זיך פאַרשטאַרקט און עס האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים: פּראָ און קאָנטראַ „ליבע". פּלוצעם רופט זיך אָפּ דער יונגער־מאַן: „נו, לאָמיר פרעגן ווייסענבערגן". און ער האָט תּיכּף אַ פרעג געטון, „פאַרלאַנגענדיק" די הסכּמה אויף זיין מיינונג. ווייסענבערג האָט גיך געענטפערט מיט אַ „יאָ", עס הייסט, אַז ליבע באַטייט נישט מער, ווי דאָס צונויפקומען זיך פון אַ בחור מיט אַ מיידל...

היות ווי נאָכן אַרויסזאָגן זיין „יאָ" האָט ער געמאַכט אַ הפסקה, און היות דער עולם האָט נישט געוווּסט, אַז ווייסענבערג האָט נאָך זיין געדאַנק נישט פאַרענדיקט, איז מען געווען זיכער, אַז דאָס איז טאַקע זיין מיינונג. אויב אַזוי — סאַראַ ווערט האָט שוין די גאַנצע קונסט, די פּאָעזיע מיט שלמה המלך, היינע, בייראָן...

אָבער דאָ האָט ווייסענבערג אָפּגעריסן זיין בליק און ווי דערגאַנצט זיין מיינונג:

— און וואָס איז אַ פידעלע? מער ווי אַ שטיק האָלץ מיט אַ קישקעלע פון אַ בהמה?... און דער טאָן, וואָס דאָס גיט אַרויס?...

דאָ איז דער „בעל־נצחון" אַנטשוויגן געוואָרן. מען האָט געדאַרפט האָבן געדולד, כּדי צו דערהערן ווייסענבערגס סוף־פּסוק...

איין מאָל זענען מיר אין דרייען געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר — ווייסענבערג, פלאַקסער און איך. אַברהם־הערש פלאַקסער איז געווען אַ חסידישער יונגער־מאַן און אַן איידעם אויף קעסט, ביז ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס. און אויב אַזאַ איינער גייט אַראָפּ פון דרך־הישר טוט ער אַלץ, כּדי אָפּצוזוכן פון זיין פריִערדיקן דרך. גייען מיר אַזוי און שמועסן. פּלוצעם פאַלט מיר אַריין אַ זעמדעלע אין אויג. דאָ האָט פלאַקסער אַ טעמע פאַר זיין אָפּזוכן פון די ספרים, און ער טוט אַ זאָג:

— לויטן רמב"ם קומט אויס, אַז יעדער זעמדעלע, וואָס דער ווינט פאַרטראָגט ערגעץ ווו, איז אַ באַשטימונג פון דער השגחה־פּרטית נאָך פון ששת־ימי־בראשית...

דערביי באַמיט ער זיך אויפצווייזן דעם אומזין פון אַזאַ געדאַנק. דאָ האָט אים ווייסענבערג איבערגעריסן:

— „נו, פלאַקסער, ער האָט עס דאָך געמוזט זאָגן, ווייל אויב וואָלט ער עס נישט געזאָגט, וואָלט איך עס דאָך מסתּמא געזאָגט"... [211]

אויך מאַנגערן פלעגט דער לאָדזשער קרייז אויפנעמען מיט באַגייסטערונג און, כאָטש ער פלעגט פאַרשאַפן אַ ביסל צרות, ווען ער פלעגט איבערכאַפּן די מאָס מיטן ביטערן טראָפּן, האָבן עס די לאָדזשער דאָך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כּבוד אים צו האָבן פאַר אַ גאַסט. עס פלעגט דאָרט אַרומגיין אַ וויץ (און נישט איינער) אַז ווען זיי האָבן מאַנגערן פאַר אַן אורח צום שלאָפן — קען מען צו מאָרגנס זען זיין סילועט געצייכנט מיטן פּאַפּיראָסן־אַש אויפן ליילעך. דאָך איז עס ווערט געווען צוליבן גייסטיקן געניס, וואָס ער האָט זיי צוגעשטעלט מיט זיין וויברירנדיק אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט און מיט זיינע גאָר געוואַגטע רייד.

אויף איינעם פון די צוזאַמענטרעפן ביי דער צימערמאַן־משפחה האָט ווייסענבערג געהאַט אַ מאָל אַ לאַנגן וויכוח מיט מאַנגערן. ווייסענבערג האָט געטענהט, אַז

פונקט ווי אויב עס פאַלט אַריין אינעם ים אַ שפּאָן, אַ פרעמדער עלעמענט, שלײַדערט אים און וואַרפט דאָס וואַסער אַזוי לאַנג, ביז עס וואַרפט אים אַרויס, אַזוי קען די קונסט נישט פאַרטראָגן קיין פרעמדן עלעמענט — גראַפאָמאַניע — און זי מוז אַרויסגעשלײַדערט ווערן, ווײַל דער ים איז אייביק און די קונסט איז אייביק.

קונסט אַקעגן חשבון

ייִדישע שרייבערס האָבן זיך איין מאָל אַ פרימאָרגן פאַרזאַמלט אין דער לאָדזשער ליטעראַרישער קאַוויאַרניע „פאָד שקליאַנקאָן“. חברה האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ גרויסן טיש און געטרונקען טיי, געשמועסט. מאיר האַלפּערן האָט אָנגעהויבן צו ניגונען משה־לייב האַלפּערנס באַוווּסטע ליד פון זײַן בוך אין ניו־יאָרק:

אַז דו וועסט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו אין קאַליאַסן פאָרן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

וועסטו נישט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו גיין אויף שטיין און דאָרן —
מאַך זשע שוין די אייגעלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

ווי אַ הונט, אַ פרעמדן וועט מען
דיך פון אַלע טירן טרייבן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

ווּ דו וועסט אַ טאָג פאַרברענגען,
וועסטו נעכטיקן נישט בלייבן —
מאַך זשע שוין די אייגעלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

וועסטו אויף אַ שטיין זיך זעצן,
שלאָגן זיך אַליין אין האַרצן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

וועט די מאַמע רחל וויינען,
אויף דיין גורל, אויף דעם שוואַרצן —
מאַך זשע שוין די אייגעלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

וועט משיח מער נישט קענען
איר געוויין אַריבערטראָגן —
איי־ליו־ליו, ליו־ליו.

וועט ער זיך פון קייטן רייסן,
און דעם קאָפּ אין שטיין זיך שלאָגן —
מאַך זשע שוין די אייגעלעך צו.
איי־ליו־ליו, ליו־ליו. [212]

מאַנגער האָט דאָס באַלד אונטערגעכאַפּט און מיט ייִראת־הכּבֿוד אַ זאָג געטון:
— „ייִדן, לאָמיר זיך אויפשטעלן!“

אַלע פאַרזאַמלטע שרייבערס זענען דעמאָלט אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער אַרום טיש און שווייגנדיק מיט געבויגענע קעפּ אָפּגעגעבן כּבֿוד דעם אייגנ־

אַרטיקסטן און אפשר גרעסטן יִדישן דיכטער, וואָס האָט אַזוי פיל געגעבן דער יִדישער ליטעראַטור און אחוץ עוולה האָט ער גאָרנישט צוריקבאַקומען... ער האָט געלעבט ווי אַ באַוולטער און אַוועק פון דער וועלט צו זעקס און פערציק יאָר, אַ באַוולטער.

אָבער ווייזט אויס, אַז די באַלוינונג וואָס גרויסע קינסטלערס און פערזענ־לעכקייטן באַקומען איז פון גאָר אַן אַנדער מין; פון דעם מין, ווי דאָס דאָ דער־מאָנטע בילד פון די שרייבערס אַרום טיש אינעם לאָדזשער קאַוועהויז, צי די פריִער דערמאָנטע שטימונג, וואָס ווייסענבערגס ליד איז בכּוח געווען צו שאַפן און באַהערשן דערמיט אַ גאַנצן עולם.

ווייסענבערגס באַלוינונג איז אויך נישט קיין אַנדערע.

און אַז מע גיט נאָך צו דעם לעצטן אַקאָרד פון משה־לייב האַלפּערנס אין ניו־יאָרק, זענען שוין איבעריק אַלע אַנדערע רייד:

ווען איך וועל טויט זיין, הויב מיך אויף
און בינד מיך אויף אַ פערד אַרויף,
און לאָז אַזוי מיך טויטערהייט
פון קיינעם נישט אין וועג באַגלייט.
ביז איך וועל טריט ביי טריט אַליין
צעפאַלן זיך אויף גראָז און שטיין.
און דו, וואָס האָסט אָפּגעווייסט
דיין לעבן נעבן מיר אומזיסט, —
פאַרטיליג דעם לעצטן צייכן דאָ
פון דעם, וואָס איז שוין מער נישטאָ.
זאָל זיין, אַז בלויז אַ טרוים פון שרעק
איז דאָ געווען און איז אַוועק.
מיך האָט דאָ קיינער נישט געזען,
איך בין דאָ קיין מאָל נישט געווען.[213]

ביי די אומות־העולם הערט מען אַ מאָל פון באַלוינונגען פאַר אַ פאַרדינסט־פולן קינסטלער מיט אַ ברייטערן פאַרנעם, וואָס ווערט אַ מאַסן־אויסדרוק. אַזאַ פאַל (וואָס איז בכלל פון די זעלטענע) האָט פּאַסירט, ווען דעם פאָלקס טיפסטע פיעטעט איז געקומען צום אויסדרוק צו מאָצאַרטס צווייהונדערטסטן געבוירן־טאָג; דעם אָוונט פון 27סטן יאַנואַר 1956 האָט די גאַנצע באַפעלקערונג פון זאַלצבורג — מאָצאַרטס געבוירן־שטאָט — אָנגעצונדן ליכט אין די פענצטער.

אמת איז אויך, אַז דער זעלבער, נאָכן טויט פאַרגעטערטער, מאָצאַרט האָט געלעבט אין הונגער און קראַנקייט און איז באַגראָבן געוואָרן אין אַן אַנאָנים קבר.

און אָט ברענגט אַ צווייטן ביישפּיל דער קריטיקער יצחק קאַהאַן אין זיין אָפּהאַנדלונג „העברי לאַוסאַן און י. מ. ווייסענבערג":

נישט לאַנג צוריק האָט מען אין די אויסטראַלישע ליטעראַרישע קרייזן אויף אַ פייערלעכן אופן אָפּגעצייכנט די 50סטע יאָרצייט פון דעם אויסטראַלישן פּראָזאַיִקער הענרי לאַוסאַן.ביים צוהערן זיך צו די גרויסע לויב־געזאַנגען האָב איך געטראַכט וועגן לאַוסאַנס בן־דור אין פּוילן, י. מ. ווייסענבערג, וועמענס

35סטע יאָרצייט איז אויסגעפֿאַלן אין דער זעלבער צייט און עס איז אַפֿילו נישט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין וואָרט ווען דעם אין וועלכער ס'איז יידישער ליטעראַרישער אויסגאַבע. איך האָב געזען דעם אונטערשיד ווי אַזוי די אויסטראַליער געדענקען די בויער פֿון זייער ליטעראַטור און דערמאָנען ביי יעדער געלעגנהייט זייערע שאַפֿונגען, זייערע דערגרייכונגען און אויפֿטוען, און ווי ביי אונדז ווערט עס פֿאַרזונקען אין דער פֿאַרגעסנקייט. . . .
פֿאַר וואָס האָב איך גראָד אָנגערופֿן דעם נאָמען ווייסענבערג? ווייל ער האָט מיט דעם אויסטראַליער לאָוסאָן אַ סך געמיינזאַמקייט און גייסטיקע קרובי־שאַפֿט. זיי זענען ברידער אין גייסט, כאָטש איינער האָט דעם אַנדערן נישט געקענט און פֿון אים נישט געהערט.ביידע קינסטלערס זענען געווען בויערס פֿון זייערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן אויף צוויי ווייטע צווישן זיך לענדער און קאָנטינענטן: . . .[214]

און אַ דריטן ביישפּיל ברענגט מאיר שטיקער אין „דרך־המלך פֿון דער יידישער ליטעראַטור״:

אַ היפּש ביסל יאָרן איידער דער אַמעריקאַנער נאָבעל־פּרייז געווינער אוירנעסט העמינגוועי איז „ליטעראַריש״ געבוירן געוואָרן, האָט יצחק־מאיר ווייסענבערג, . . . אין זשעלעכאָוו, שעדלעצער גובערניע, פּוילין, אָפּגעדרוקט זיין דערציילונג „אַ שלעכטע פּרוי״. די דאָזיקע פֿאַרהעלטעניש־מעסיק קורצע דערציילונג האָט באַלד געמאַכט אַ כּשר פֿאַרדינטן רושם אין דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם שאַרפֿן סטאַקאַטאָ־סטיל, שלאָג־פֿאַרטיקן דיאַלאָג און דעם מינימום מאַלערישקייט, מיט וועלכן עס זענען געווען איבער־געפּראַפּט די דערציילונגען פֿון אַן אַנדערן אויפֿגייענדיקן שטערן אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור: שלום אַש.
מיט אַ היפּשע פֿאַר יאָר שפּעטער, ווען דער אַמעריקאַנער העמינגוועי האָט אָנגעהויבן ווערן וועלטבאַרימט, איז עס דער עיקר געווען דערפֿאַר, ווייל זיינע קורצע דערציילונגען האָבן פֿאַרמאָגט די אַלע פֿריִער אויסגערעכנטע מעלות פֿון ווייסענבערגס „אַ שלעכטע פּרוי״. איטלעכס מאָל, ווען די קריטיקערס האָבן געלויבט העמינגוועין, האָבן זיי אונטערגעשטראָכן אין סאַמע פֿאָדער־גרונט פֿון זיינע אָריגינעלקייטן דעם שאַרפֿן שלאָגפֿאַרטיקן סטאַקאַטאָ־סטיל און פֿליסנדיקן דיאַלאָג.
ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט העמינגוועיס באַרימטע דערציילונג „די קילערס״ (די געדונגענע מערדערס), בין איך געווען געפּלעפֿט פֿון דער באַשיינפּערלעכער ענלעכקייט, אין סטיל און פֿאָרעם (פֿאַרשטייט זיך, זיכער נישט פֿון אינהאַלט, פֿון סיפּור־המעשה) צו ווייסענבערגס „אַ שלעכטע פּרוי״.
איך האַלט נישט פֿאַר איבערטריבן צו זאָגן, אַז די יידישע דערציילונג איז אַ היפּש ביסל שטאַרקער און אויך דויערהאַפֿטיקער און אַפֿילו פּסיכאָלאָגיש אמתדיקער און תּוכנדיקער, ווי „די קילערס״. אַז מען זאָל אָוועקנעמען פֿון העמינגוועיס דערציילונג די אָריגינעלקייט פֿון זיינע אויסדרוק־פֿאָרטלען און דעם סטיליסטישן חן וואָלט דער תּוכן פֿאַרבליבן פּוסט און הויל, נישט אַנדערש פֿון טויזנטער אַנדערע דערציילונגען פֿון לאָקאַלן כאַראַקטער. ווייסענבערגס דערציילונג, ווידער, וואָלט געהאַט דעם זעלביקן ליטעראַרישן ווערט און דויערהאַפֿטיקייט, אַפֿילו ווען זי וואָלט געווען געשריבן אין אַן אַנדער פֿאָרעם און סטיל. די עכטקייט און טיף־מענטשלעכקייט וואָלט אויך צוליב דעם אַפֿילו אַ האָר נישט געמינערט געוואָרן.
דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק ווען איך האָב די טעג אויף דאָס ניי

אַריינגעקוקט און געבלעטערט די אַנטאָלאָגיע אָן אוצר פון יידישע דערציי־לונגען (אין ענגלישער איבערזעצונג), וואָס איז דערשינען מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק און איז רעדאַקטירט געוואָרן פון אירווינג האַו און אליעזר גרינבערג. איטלעכס מאָל ווען איך בלעטער די אַנגעפּראַפּטע זייטן פון אָט דער באמת פּראַקטיקער זאַמלונג, פאַרדריסט מיך פאַר וואָס די צוויי צוזאַמענ־שטעלערס האָבן נישט געפונען פאַר נייטיק אַרייצונעמען ווייסענבערגס דער־ציילונג „אַ שלעכטע פרוי", אַפילו בלויז צוליב דער פריִער אַנגעגעבענער סיבה אַליין.[215]

ווען אב. קאַהאַן האָט זומער 1923 באַזוכט וואַרשע און זיך געזען מיט ווייסענ־בערגן אויף איינעם פון די באַנקעטן, איינגעאָרדענט לכבוד קאַהאַנען, האָט ער אים געזאָגט: „ווייסענבערג, אייער וועג איז אַ שווערער, פול מיט שטיינער און דערנער און נאָר אַ בעל־כּוח ווי איר, קען זיך אויף אַזאַ וועג לאָזן".

אין יענע טעג האָט אויך אב. קאַהאַן דערציילט וועגן אַשס איבערגיין פון פאָרווערטס צו די צייט, וואָס דוד פּינסקי האָט אַרויסגעגעבן. (דאָרט האָט אַש באַקומען אַ גרעסערן געהאַלט.) נאָר ווייל די צייט האָט זיך גאָר שנעל פאַרמאַכט, האָט אַש מאָטיווירט, אַז ער קען אָן דעם פאָרווערטס, אָן די ברייטע יִדישע אַרבעטער־מאַסן נישט לעבן... ער האָט טאַקע באַלד אונטערגעשיקט מענטשן און אַליין אויך געקומען צו אב. קאַהאַנען, אַז ער וויל צוריק אין פאָרווערטס.

דאָס יִדישע וואַרשע האָט אָפּט געהערט וועגן אַשס ווערן אַ מאָל אַ ציוניסט, אַ צווייט מאָל אַ בונדיסט, אַ דריט מאָל נאָך לינקער און ווידער אַ מאָל נאָך מער רעכט. אָן אַנדערט מאָל האָט ער פּראָקלאַמירט, אַז ער געהערט צום גאַנצן פאָלק, און ווייסענבערג פלעגט זיינע ווערטער איבערחזרן, ווי אַש האָט זיי אַרויסגערעדט לויט דער קוטנער אויסשפּראַך: דעם גאַנצן „פאָליק" געהערט ער. נאָר בכלל האָט ווייסענבערג געזאָגט, אַז אַש האָט שוין פון לאַנג דערגרייכט די מדרגה פון געהערן צו אַלע און צו קיינעם נישט...

אַש האָט געוווּסט ווי אַזוי צו מאַכן זיך „פּובליסיטי". זיינע לאַנגע ראָמאַנען, וואָס האָבן זיך געדרוקט יעדער איינער צו דריי פערטל יאָר אין פאָרווערטס, וואָס האָט געהאָט אין יענע צייטן אַ טיראַזש פון 200,000 עקזעמפּלאַרן טעגלעך (ווי ווייסענבערג ווייזט אָן אין שרייבער און זייערע ווערק) האָבן אים די „פּובליסיטי" פאַרזיכערט.

ווי ס'האָט אָבער אויסגעזען ווייסענבערגס „קוואַפּען" זיך צו זיין געדרוקט אין דער פּרעסע — ווועלן אפשר אילוסטרירן בלויז אַ פּאָר קליינע ביישפּילן:

ווייסענבערג האָט אַ מאָל געדאַרפן דרינגענדיק, ווי ער האָט געזאָגט, צוגיין אין מאָמענט, און גראָד אין איינעם פון די אומרוִיקע טעג אין וואַרשע, ווען ס'איז אין 1926 אויסגעבראָכן דער קאַמף פאַר מאַכט צווישן יוזעף פּילסודסקי און דעם דעמאָלטיקן פּוילישן פּרעמיער ווינצענטי וויטאָס. די א"ג „סאַנאַציע" האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו רייניקן און געזונט מאַכן פּוילן. פּילסודסקי האָט צוגע־זאָגט צו שטאַרקן די פּוילישע עקאָנאָמיע, די אַרמיי און רייניקן דעם סיים פון אומ־ערלעכע עלעמענטן, פון די „אינערלעכע שׂונאים", נאָך דעם ווי פּוילן האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה באַפרייט פון די אויסערלעכע שׂונאים, וואָס האָבן עס

אַזוי פיל דורות פאַרשמאַכט. די פוילישע אַפּיצירן האָבן אין 1926 געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד און האָבן זיך געוואַנדן צו פּילסודסקין (אין דאָרף סולעיוווקי) ער זאָל זיך אין אים אָנשליסן. פּילסודסקי האָט זיך דעמאָלט געשטעלט בראש פונעם אויפֿשטאַנד און געפֿירט זיין חייל אויף וואַרשע. נאָך זיין אַריבערשפּאַנען די פּראַגער בריק האָט מען געוווּסט, אַז דער נצחון איז זיינער. ער האָט מצליח געווען איינצונעמען די מיליטערישע פעסטונג בעלוועדער און, נאָך אַ גאַנצע ריי געלונגענע צוגן האָט זיך אים איינגעגעבן איבערצונעמען די מאַכט.

גראָד אין יענע טעג ווען די קאַמפּן צווישן די צוויי צדדים, פּילדסודסקי און וויטאָס, זענען אויסגעבראָכן, — ווען אויף די וואַרשעווער גאַסן זענען אָנגעגאַנגען שיסעריַיען און מענטשן זענען געזעסן פאַרשטעקט אין די הייזער, ווייל ס׳איז ממש געווען אַ סכנה אַרויסצוגיין אין גאַס — גראָד דעמאָלט האָט וויַיסענבערג געזאָגט, אַז ער מוז צוגיין אין מאָמענט צוליב עפּעס אַן ענין, וואָס ער האָט געדאַרפט דערלייִדיקן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום בעטן אים, אָפּצולייגן דאָס אויף אַ צווייטן טאָג ווען די קאַמפּן וועלן זיך האָבן איינגעשטילט. מיט וויפל שרעק מיר האָבן זיך אָנגעגעסן איידער מע האָט אים שוין דערלעבט צו זען צוריק — איז זיך לייכט פאַרצושטעלן. אַליין האָט ער דערציילט, אַז די נאַלעווקי־גאַס, וווּ דער מאָמענט האָט זיך געפונען, איז געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן און ער איז געווען דער איינציקער דורכגייער יענעם פאַרנאַכט. געהרגעטע מענטשן האָט ער יאָ געזען ליגן אויף דער גאַס. האָבן מיר געדאַנקט גאָט, וואָס ער היט די עקשנים, ווען זיי ווילן זיך אַליין נישט היטן. וואָס וויַיסענבערג האָט דאָרט געהאַט צו דערלייִדיקן — געדענק איך נישט, ווייל דרוקן זיך אין מאָמענט האָט ער נישט געוואָלט, הגם מע האָט אים דאָס פאַרגעלייגט. ער האָט געטענהט, אַז „פון זינט שניאור האָט דאָרט אַריינגעשטעלט זיין בערדל", וועט ער זיך אין מאָמענט נישט דרוקן. שניאורס אַ ראָמאַן האָט זיך דאָרט געדרוקט אין המשכים און אין יעדן פרייטיקדיקן נומער איז געווען זיינס אַ בילד (מיט אַ באָרד).

וויַיסענבערג האָט איבערגערעדט וועגן שניאורס פראַגמענט „קאַרשן":

> . . . „ווי מען שאָקלט קאַרשן אין גראָז אַריין" . . . ביי קיין קאַרשנבוים האָט עס נאָך נישט פּאַסירט, אין דער פּאָעזיע — יאָ . . . [216]
> אָדער „מאַרגאַריטקעס" — דער אַנאַליז ווי פון אַ זקן אַ ציניקער איבער זיין דרייצניעריקער געליבטער, וואָס האָט „אויגן" און אַ „צאָפּ" — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ . . . און „וועה מאַמע, וואָס טאַטע" — טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ . . . [217]

דעריבער, ווייל דער מאָמענט גיט אַזאַ גראַפאָמאַניע — האָט וויַיסענבערג זיך נישט געוואָלט דאָרט דרוקן.

ער האָט אָבער אויך אין אַנדערע צייטונגען נישט געוואָלט מיטאַרבעטן. ס. דינגאָל האָט אים געהאַט פאַרגעלייגט ער זאָל זיך סטאַביל דרוקן אין דער טאָג, אָבער ער האָט דאָס אויך אָפּגעוואָרפן. ביילטשען איז ממש געגאַנגען אין לעבן — אַ קלייניקייט, אַ רעגולערער געהאַלט פון אַן אַמעריקאַנער צייטונג! מע וואָלט דאָך אויפגעלעבט. אָבער ניין, ער האָט בשום־אופן נישט געקענט באַשטיין אויסצומישן קונסט מיט סענסאַציע און שונד, וואָס ס׳האָט זיך געפאָדערט אין אַ צייטונג לויטן

עולמס געשמאַק. דינגאָל האָט אים גראָד געזאָגט: ווייסענבערג איר דאַרפט זיך נישט צופּאַסן צו דער צייטונג. איר שרייבט זיך אײַערס און מיר וועלן עס דרוקן אַזוי, ווי עס איז. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיין פּרינציפּ.

י. בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי] שרייבט אין די שוין דערמאָנטע זכרונות צו ווייסענבערגס 21סטן יאָרצייט צוו״א:

> אַ מאָדנע זאַך, ביי די שווערע באַדינגונגען וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער נישט מוותר געווען אויף זיינע פּרינציפּן.
>
> איך געדענק, מיר זענען אַ מאָל געזעסן אין רעדאַקציע, אויך שפּערקאַ איז דעמאָלט געווען. איז אַריינגעקומען אַ יונגער־מאַן און האָט פאַרלאַנגט ווייסענבערגס הסכמה אויף איבערזעצן זיינע זאַכן אויף פּויליש. ווייסענבערג האָט גענומען דעם יונגן־מאַן אויפן פאַרהער, אים געפּרוּווט, ווי ווייט ער איז מבין אין זיינע ווערק, און צום סוף מסכים געווען. דער יונגער־מאַן האָט געקוואָלן פון פרייד, און ער פרעגט ווייסענבערגן: „און וואָס ווילט איר דערפאַר?״ דערביי האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים געבן אַן „אַדערויף״. מיר ביידע, איך און שפּערקאַ, קוקן זיך אָן: אָט וועט ווייסענבערג האָבן אַ פּאָר זלאָטעס . . . און דאָ הערן מיר, ווי ווייסענבערג זאָגט: „גאָרנישט. אויב איר וועט עפּעס דערפון האָבן, וועט איר מיר געבן אַ חלק״.
>
> דאָס איז געווען ווייסענבערג!
>
> יאָ, שווערע צייטן האָט ווייסענבערג אַדורכגעמאַכט — און פאַר וואָס? נאָר דערפאַר ווייל ער האָט נישט געוואָלט מיטמאַכן דאָס בייזע שפּיל; נישט געוואָלט העלפן, אַז פּסולת און שונד זאָלן אָנגיין פאַר ליטעראַטור, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:
>
> אַ ריינע ליטעראַטור — אָן שונד . . . און איך ווייס אַזוי גוט ווי עס ווייסן דאָס אַ סך אַנדערע, אַז מען האָט אים נישט איין מאָל פאָרגעלייגט שטעלעס אין צייטונגען מיטן באַדינג, אַז ער זאָל מיטגיין אין שפּאַן . . . אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.
>
> ווי שטאַרק דאַרף מען זיין צו לעבן אין אַזעלכע ביטערע באַדינגונגען, אין דער צייט, ווען ס׳זענען פאַראַן גוטע לעבנס־מעגלעכקייטן פאַר וועלן מוותר זיין אויף אַ פּיצל „איך״ . . .
>
> „שטאַרק ביסטו, איטשע מאיר, שטאַרק!״, האָט אים ה. ד. נאָמבערג געזאָגט, ווען ווייסענבערג האָט געפירט זיין קאַמף און אַרויסגעגעבן דעם אינזער האָפענונג — „מיין גאַנצע אַכטונג פאַר דעם, אָבער עפנטלעך העלפן דיר קען איך נישט . . .״
>
> איז טאַקע ווייסענבערג געשטאַנען איינער אַליין און געהיטן דעם גאָרטן, געפּרוּווט אויסוואָרצלען די ווילדע געוויקסן, וואָס האָבן זיך דאָרט אַריינ־געכאַפּט. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט קענען זיין דער כּלה קוצים מי הכּרם. ליידער איז עס אים נישט געלונגען.[218]

עס איז דעריבער אַ טעות צו טראַכטן, אַז אַ שס קאַריערע איז געווען אַ צופאַל, צי דעסט גלייכן די קאָנסעקווענצן פון ווייסענבערגס גאַנג זענען געווען צופאַל. שוין אין ווייסענבערגס און אַשס פריִע פריינדשאַפט־יאָרן האָבן זיך זייערע וועגן געשיידט, נישט געקוקט דערויף וואָס זיי זענען געווען שטאַרק באַפריינדט אין דער יוגנט. ווייסענבערג האָט, למשל דערציילט, אַז ווען זיי זענען אַרומגעפאָרן איבער

די קליינע שטעטלעך צוזאַמען ווי יונגע שרייבערס, האָט אַש שוין דעמאָלט אַרויס־געוויזן פּראַקטישע נייגונגען. אַזוי, ווען ס'איז געקומען, דאַכט זיך, צו אַזאַ גאַנץ פּערזענלעכן און אינטימען ענין, ווי גיין שפּאַצירן מיט אַ מיידל — האָט אַש אויס־געקליבן אַלע מאָל צו גיין מיט אַ רייך און יִחוסדיק מיידל פונעם געגעבענעם שטעטל, מיט דער אויסרעכענונג, אַז דאָס שטעטל זאָל זיך שושקען: „דער שרייבער אַש פאַרברענגט מיטן אָנגעזעענעם דעם און דעמס טאָכטער...״ ווען ווייסענבערג האָט געוואָלט שפּאַצירן מיט אַ מיידל — האָט ער אויסגעקליבן די, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן, די וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ סימפּאַטישע (נישט אויסגערעכנטע נאַטור) נישט וויכטיק, צי זי איז געווען אָרעם, אָדער רייך: פון יִחוס, צי סתם אַ פּאַלקסמיידל.

ווי עס איז צו זען פון אַשס פּאָרטרעט, וואָס ווייסענבערג מאָלט אין שרייבער און זייערע ווערק, פלעגט אַש נישט מאַכן קיין טריט אָן חשבון און קאַלקולאַציע. ווייסענבערג ווידער, האָט פיינט געהאַט קאַלקולאַציע בתכלית־השׂנאה. פאַרקערט, ער האָט געהאַלטן, אַז קאַלקולאַציע און קונסט זענען ווייט כּרחוק־מיזרח־ממערב. די ריינקייט פונעם אמתן קינסטלער — זיין מאָראַל, עטיק, „דאָס נישט קענען אַריבערגיין אַ צווייטנס עוולה, פונקט ווי די אייגענע עוולה״, איז ביי אים געווען נישט פונאַנדערצוטיילן און אַ קינסטלער קען, לויט אים, גאָרנישט פאַרמאָגן די קאַלקולאַטיווע קוואַליטעטן פונקט, ווי אַ בעל־חשבון קען קיין קינסטלער נישט זיין.

„ווו נשמה, זוכט ער [דער בעל־חשבון] ציפערן און איבער זיי קען מען זיך אַריבערגליטשן. מען דאַרף נישט מער, ווי דעם לעצטן סך־הכּל״, זאָגט ער אין זיין עסיי „קונסט און סוביעקטיוויטעט״.

אינעם זעלבן עסיי זאָגט ער:

... פאַרגעסט נישט למען־השם ... אויף אַ בליק צו טאָן איבער יענעמס [דעם קינסטלערס] אייגן לעבן, ... וואָרן מיר דאַכט, אַז קונסט איז נישט קיין זאַך, וואָס קומט פון אויסנווייניק, נאָר וואָס זיצט אויף אונטער דער אייגענער הויט...

און אַזוי זאָלט איר בודק זיין: ווי לעבט ער פאַר זיך, ווי פאַר מענטשן? אויף וויפל איז ער פעיִק צו נעמען און אויף וויפל גרייט צו געבן. ווי באַגעגנט ער זיך מיט דער באַנאַליטעט, ווי רעאַגירט ער אויף מענטשלעכע ליגנס — און נישט נאָר בלויז מיטן וואָרט, נאָר מיט טאַט און אַפּפערפעיִקייט, — וואָרן דאָס אַלץ, זאָלט איר וויסן, איז קונסט. ...

קונסט איז אויך דאָס, וואָס אין ווערענס האַרץ אַז זי באַזעצט זיך, פאַרנעמט זי מער פּלאַץ, ווי דאָס גרעסטע ווירטשאַפט: דער אייגנטימער קען זיך נישט איינאָרדענען מיט איר אין קיין שטוב, ער טראָגט זיך מיט איר אַרום אין דרויסן איבער וועגן און שטעגן, ערשט דאָרט ווערט אים קלאָר, וואָס פאַר אַ טרעגער ער איז און הייבט זיך אָן איינצואָרדענען מיט איר אונטערן בלויזן הימל...

... ווייזט מיר איינעם פון די אַלע, ... [די בעלי־חשבון] אַז זיי זאָלן נישט אויסטוישן דעם הימל פאַר אַ דאַך?

... קונסט פאָרשטייט דער, וועמענס האַרץ עס האָט אין אַלגעמיין הייס און שטאַרק געליבט, הייס און שטאַרק געליטן, וועמענס עס האָט געשפּירט אַן עוולה, יענעמס אַזוי גוט, ווי זיינע, איז געווען גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין, און

ווי דורך אַ ווילדע קראַפט געווען געטריבן אַפילו דעם טויט אין פּנים אַריין צו קוקן, אַבי זיך אָנצונעמען יענעמס אַ קריוודע, ווייל דאָס איז דער רוף פון לעבן, וואָס אָן דעם איז קונסט קיין קונסט נישט — און אחרי־כל־אלה, אין שטילע מינוטן פון לעבן, צו זיין אַ פאַרטראַכטע נשמה, וואָס בלאָנדזשעט פון אָנהייב אין עד סוף־כל־הדורות... [219]

ווייסענבערג האָט לכן געהאַלטן, אַז דעם קינסטלערס לעבן דאַרף זיין אַ ווערק פון קונסט, פונקט ווי זיין שאַפונג איז אַ קונסטווערק.

אַז מע האָט נישט קיין שאַנסן צו געווינען אָן די קאַלקולאַטיווע אייגנשאַפטן, האָט ער אויך געוווּסט. אין זיין דראַמע קנאה און תּאווה זאָגט ער אין אַ געוויסער סצענע פונעם לעצטן (דריטן) אַקט:

האָב קיין מורא, טאַכטער — לאַנג נאָך איז די נאַכט, און איך און דער טייוול זענען דיין מאַכט; איך גיב פלאַקס און דו דאָס שפּינען — און ווער עס שפּינט, דער מוז געווינען. [220]

דאָך האָט ער געגלייבט און געוואָלט גלייבן, אַז דאָס שענערע און גערעכטערע מוז ענדלעך זיגן און אַז דער לייענער וועט סוף־כל־סוף דערזען דעם אונטערשיד פון אמתער ביז פּסיידאָ־ליטעראַטור, וואָס די פאַלש־געקרוינטע טאַלאַנטן האָדעווען דערמיט דעם לייענער און פאַרדאַרבן מיט זייער גיין האַנט אין האַנט מיט דער פּרעסע, זיין געשמאַק.

... האָבן דען נישט אונדזערע דריי טאָג צייטונגען צוליב קאָנקורענץ איבער, אומשטיינס געזאָגט, נאָך 300 לעזער, אָנגעהויבן נאָכצוטאָן איינע דער צווייטער מיט ליטעראַריש שטרוי אין פּרייטיקדיקע „ליטעראַרישע" זייטן... וועלכע דער לעזער „קייעט" אויף צוזאַמען מיטן פּאַפּיר..., [221]

פרעגט ער אין „מיין ענטפער וועגן דער 'דטער שטייג'".

וועגן אַזאַ מצב האָט געטע געזאָגט:

דאָס „צייטונגס־געשוועסטער",
ווי אַזוי דען זאָל עס זיך פירן,
כּדי די פיליסטער
פאַר די קעפּ אַרומצופירן? [222]

יידיש: פוו"א.

דעריבער איז דער ציל פון ווייסענבערגס פּעריאָדישע אויסגאַבעס און פון דער באַדייטנדיקסטער פון זיי, אינזער האָפענונג, געווען צו פאַרהיטן דעם לייענער פון אַזאַ מין פאַרדאַרבונג.

אויף דער הילע פון אינזער האָפענונג (נומ' 28) איז דאָ אַ לאָזונג: „טייל אָפּ ליטעראַטור פון פאַרטיי און טאָג־פּרעסע". דער זשורנאַליסט — האָט ווייסענבערג געהאַלטן — צווינגט דעם אמת צו קניִען פאַרן שקר „מיט דעם כּוח פון דעםברייטן, גרויסן אָפענעם מויל פון דער 'מאַיעסטעט', די פּרעסע".

דאָס מין זשורנאַליזם, דאָס אַריינקוקן אונטער די קוליסן, דאָס אַריינכאַפּן זיך דאָרך אַ שפּאַרע צו יענעם אין סאַלאָן מיט דער כּוונה אויפצופּראַלן אים טיר און פענצטער צו דער אָנטפּלעקונג פון דער גאַס, געהערט נישט צו די גאָר שיינע אייגנשאַפטן, [223]

זאָגט ער אין דער פֿאָררעדע צום סצענישן ראָמאַן דער מאָדערנער שד. ווי ער שילדערט „אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט" דעם זשורנאַליסט, דעם פּרעסמענטש.

אָבער, ווי וויסענבערג זאָגט, פּילט נישט דער אַלטעגלעכער צייטונגסמענטש זיין זינד, ווייל ער ווערט פון דער געזעלשאַפט נישט אַפּגעשטויסן, און אַז אויב ער איז פון דער געזעלשאַפט טאָלעריַרט, ווערט די דאָזיקע זינד ווי יעדער אַנדערע, גאָר אַ טוגנט. ער פרעגט:

> ווער האָט געקענט פאַרצייטנס האַלטן פאַר אַן עוולה דאָס פאַרברענען קינדער פאַרן גאָט מולך, . . .
>
> דאַדאַרף האָבן אַ סך, זייער אַ סך כאַראַקטערפולע מענער, ווי לאַסאַל א. נ. א. געהאַט אַ נאַטירלעכע פאַראַכטונג פאַר דעם טעגלעכן צייטונגסמענטש, פאַר דעם מין, וואָס רופט זיך צייטונגס־זשורנאַליסט.[224]

אין שטוב האָט מען אים געהערט דערציילן וועגן דער פּערזענלעכקייט פערדינאַנד לאַסאַל, ווי ער האָט זיך געהאַט אָוועקגעשטעלט אויף דער גאַס, כדי אַליין צו פאַרשפּרייטן זיינס אַ צייטונגבלעטל צווישן די דורכגייערס, וועלנדיק פּאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט (לטובת דעם פאָלק) ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין טריבונע צוצוקומען צו דער מאַסע. דאָס איז געווען אין די צייטן פון זיין באַוווסטן פאָלעמישן קאַמף מיט שולצע־דעליטש. ער האָט געהאַט אויף זיין זייט די גאַנצע פּרעסע, וואָס האָט געזידלט און באַשמוצט לאַסאַלן.

> איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין „צייטונג" [שרייבט לאַסאַל], איך בין דאָך געשטאַנען אַליין, נו, איז שוין דעמאָלט נישט געווען קיין ספק פאַר אייך און אייער באַנדע, אַז עס וועט זיך אייך איינגעבן מיך צו באַגראָבן — . . .[225]

וויסענבערגס באַגרינדונג פאַר זיין קעגנערשאַפט צו זשורנאַליזם איז חוץ דעם שוין דאָ אָנגעוויזענעם, אויך דאָס, וואָס:

> . . . אַ נביא קען זיך פאַרגינען צו רעדן ווילד. ער דאַרף נישט די אויבנאויפיקע אויסגעטאָקטקייט, ווען אינעווייניק, אין תוך פון זיין זעונג שלאָגט דער סטיכיש אייביקער אמת, דאָס געזעץ פון אַלע אמתן. קריגט אָבער אַ זשורנאַליסט אַן „אמת", מוז ער אים באַאַרבעטן, אַז דער שקר זאָל פון דאָרט נישט אַרויסקוקן. . . .
>
> און אָט אויף אַזעלכע מינים הענט, דאָס הייסט אויפן יושר און אמת פון זשורנאַליסט, איז איבערגעבליבן דאָס פאָלק פון נביאים.[226]
>
> . . . מיך אַרט אָבער דאָס אייביקע, אַלטע, אמתדיקע וואָרט, וואָס אַ פאָלק פלעגט עס אַ מאָל הערן פון נביאים און היינט פון זשורנאַליסטן.
>
> . . . נישט איך און נישט מיינס גלייכן איז מחויב צו וויסן פון דעם זשורנאַליסטישן שפּרוך: ווילסטו אַ לעבן מאַכן, מאַך דיך ניצלעך. אין קעגנטייל, מיר זאָגן: ווילסטו אַ לעבן מאַכן, גיי האַנדל מיט שטיוול, על־כל־פּנים נישט מיטן שכל פון אַ פאָלק.[227]

אין „קולטור, ליטעראַטור און כלל־טוען" קומט אויך צום אויסדרוק וויסענבערגס פאַרדראָס, וואָס מע ניצט די ליטעראַטור, ווי אַ פיין שילדל צו אַלערליי ענינים. ער הייבט אָן דעם פאָלעמישן עסיי אַזוי:

> זשעלעכאָוו האָט געהאַט אַן אַלטן שמש. ער האָט געלעבט ביז 90 יאָר. נאָך

סוכּות, ווען דער אויוון אין בית־המדרש איז אַרומגעשיילט פון שטיין זומער פּוסט, עס קלייבן זיך צוריק צונויף זיינע געסט, דערהויפּט לאַבוסעס, וואָס הרגענען זיך, דורסן און רייסן דערווייל פון אים שטיקער ליים און וואַרפן זיך אין די קעפּ, האָט דער אַלטער שמש געטענהט: ממזרים, אין דער היים ווערט איר דאָך געפּרווירן, ווי די קאַשטאַנעס, דאָ פאַרמאַגט איר איין שטיקל קהלישן אויוון, רייסט איר אים אַרום, ווייל מען דאַרף מאַכן איינער דעם אַנדערן אַ לאָך אין קאָפּ? [228]

ער זאָגט דאָס אַנטקעגן דער יידישער ליטעראַטור, „דעם איינציקן קהלישן אויוון", וואָס מע רייסט און צופּט אַרום.

אויך פלעכט דאָרט ווייסענבערג אַדורך די טענות זיינע מיט אַזאַ ביישפּיל:

אויף עריוואַנסקי גאַס געפינט זיך אַ געהיים קאָרטן־קלייזל. עס קומט דער „פּזשאַדאָוווניק", ליגט שוין גרייט אַ ייד ביי דער זייט מיט אַ ווייסער באָרד און פּאות מיט אַ פאַרחלשט פּנים אין בעט און די חברה רוקט אַראָפּ דאָס פּעשל אין קעשענע, אָנהייבנדיק זיך צו שאָקלען איבער תּהילימלעך.

— וואָס פאַר אַ צוזאַמענקלויבונג? — פרעגט דער פּזשאַדאָוווניק.

— איי! — דערגרייכט אים אַ קרעכץ פון מיטן תּהילים־זאָגן — דער אַלטער זאָל נעבעך האָבן אַ רפואה שלמה! . . .

— — —

און אויף עריוואַנסקי ליגט דער ייד און קרעכצט און אַ חברה „סראַקערס" — זיצן אַרום און שאָקלען זיך פרום:

למנצח בנגינות מזמור לדוד . . .

— — —

נאָר שאַ׳ט קינדערלעך! ווען אויף עריוואַנסקי כאַפּט מען זיך צו תּהילים און ביי אונדזערע . . . טוער צו אַ בפירושן סיגנאַל: „ליטעראַטור!" טאָ שאַ׳ט! אַז מען קלינגט איז חגא, אָדער עמעץ איז אין וואַלד געפּגרט . . .

— — —

מילא, דוד המלך האָט באַלד צו דעם צוועק אָנגעשריבן דאָס תּהילימל, ווייל ער האָט געזען ברוח־הקודש, אַז אַ מאָל וועט אויף עריוואַנסקי זיצן אַ חברה סראַקערס און וועלן זיך דאַרפן שיצן פאַר „פּאַרשיט" ווערן . . . אָבער האָט ביי אונדז ווער אָנגעשריבן אַ יידישע ליטעראַטור צו דעם צוועק? [229]

אין אינזער האָפענונג געפינט זיך אַן אויפרוף:

„האָב נישט קיין צוטרוי צו לאָזונגען, אינטערוויוען און שרייבערייען אַרום ליטעראַטור, נאָר צום שאַפן זיי".

און צו די שאַפערס פון דער ליטעראַטור רעדט ווייסענבערג אין

אַ שמועס מיט די ליטעראַטור־פּיאָנערן וועגן זייער אויפגאַבע

ער זאָגט, אַז די פּיאָנירן פאַרנעמען איצט דאָס פעלד פון ליטעראַטור. ער ווייזט זיי אָן, אַז זייער אויפגאַבע איז בלויז צו „דערציילן מיט אַ טיף אינערלעך קול" און קיין אָנשטעל, קיין שילדלעך, ווי „מיר נייע", כאָטש זיי זענען פּיאָנירן — דאַרפן זיי

נישט. זיי דאַרפן נישט דעם „זכות" פריִער „ניי" און שפּעטער „פּראָלעטאַריש" צו זיין, ווי די אַנדערע האָבן עס געמוזט זיין.

. . . פאַר אייך שטייט דאָס פעלד אָפן. יענע האָבן די ערד נאָר צעבערגלט, ווי קראָטן. איר קומט (איר זענט שוין דאָ) און פירט דעריבער דאָס אַקעראייזן.
. . . „ניי" און „פּראָלעטאַריש" דאָס זענען די נעמען פון נייע אַקציעס אויף דער בערזע פון שטייגן און פאַלן. . . .
קונסט לערנט דענקען אומפּאַרטייאיש. דאָס איז דער הויפּט־יסוד פאַר וואָס זי איז קונסט . . .
און ווען פאַרקערט — יאָ פּאַרטייאיש: איז דאָס איר הויפּט־יסוד, פאַר וואָס זי איז שוין פּראָקלאַמאַציע . . .
זייערע אידעען־איבערצייגונגען גייט אין דער צאָל, אין דער מאַכט פון דער צאָל פּראָפעסיאָנעלע קרייזלעך, פונקט ווי ענגלאַנד אין דער צאָל פון קאָלאָניעס. יעדער פּאַרטיי איז זיך אַ באַזונדער „רייכעלע". איז אַ שאָד, וואָס היינט דערלויבט מען זיי נישט קיין ביקסן. אויף דער דאַזיקער ליניע זענען זיי שוין היינט — אויפן ווייטסטן עטאַפּ פון סאָציאַליזם . . .
דאַדאַרף טויג נישט, אַז די קונסט זאָל זיין פּאַרטייאיש
אָבער נישט ווייל עס טויג נישט, — די קונסט קען באַלד אָט די דאַזיקע גלייכהייט, וואָס דאַרף ווערן דאַרך מענטשן צוגעטיילט, נישט פאַרטראָגן, סיידן זי זאָל ווערן אויס קונסט. פון אַן אַנדערער אינסטאַנץ, פון אַ העכערער, פון אַ ווייטערער ווי פון מענטשן, מוז זיין איר יניקה וועגן גלייכהייט.

— — —

צו די וואָס קומען פאַרנעמען אונדזער שרייב־פעלד אַצינד, מוז איך נאָך עפּעס זאָגן וועגן דער זעלבער זאַך:
ווען אין דעם אומפּאַרטייאישן דענקען וואָלט נישט געלעגן די שטרעבונג פון אויסגלייכן אַלע עוולות אויף דער וועלט, נאָר פאַרקערט — אין דעם פּאַרטייאישן דענקען וואָלט עס געלעגן ? ? ? — וואָלט איר געמוזט זיין עקסטרע „פּראָלעטאַריש" אין אייער שרייבן! וואָלטן מיר אַלע געדאַרפן זוכן די וועגן אויף איבערצולענקען די קונסט.
אַזוי אָבער — צו וואָס?
צי דאַרף מען דען אויף דער זון אויפהענגען אַ שילדל: מיר, משהן, אָדער חיימען? . . .
מ'דערציילט, אַז די כעלעמער האָבן די לבנה פאַרמאַכט אין אַ פעסל.
און מען דאַרף זיי פרעגן, די פּאַרטיי־פירער: צי איז די זון נישט אַ מאָל אַ צינענער טעלער . . .
כ'האָב מורא, אַז אַזאַ באַגריף האָבן זיי אין דער „פּראָלעטאַריזאַציע" איבער דער קונסט.
כ'וואָלט ספּעציעל געוואָלט הערן, וואָס זאָגן ב. מיכאַלעוויטש און שעפנער?[230]

אויך ליטוואַקאָוון, דעם ספּעציעל ייִדישן „ליטעראַטור־קריטיקער" אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָלט ווייסענבערג געוואָלט פרעגן.

די ליוועראַנטן פון אַזאַ קונסט — נישט. ווייל וואָס קענען סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, די טרעגער פון שטיקעלעך קיִן און אַ ביסעלע נאַפט אין אַ באַנקע, אומשטיינס־געזאָגט וויסן, ווער עס האָט זיי געשלייערט. . . .
צו וואָס שאַפן אַ גלייכהייט אין אַ גלייכהייט? צוויי גלייכהייטן זענען דאָך שוין

איין קרומקייט: אַ רייך אין אַ רייך, בשעת די אמתע פּראָלעטאַרישע קונסט איז די נישט פּראָלעטאַרישע, די אומפּאַרטייִישע.

דערצו נאָך איז די ריינע קונסט אַזוי ריין, אַז זי טראָגט אויף זיך די אומטענדענציעזקייט פון דער זונס שיינען, דעם האָנס קרייען, וואַלדס גרינען און פון וואַסערס רוישן. טראָגט אין זיך די פאַרטראַכטקייט פון דער גאַנצער נאַטור און שטעלט אונדז אַוועק פאַר אַ גרעסערן אוניווערסום, ווי דער פּראָלעטאַריאַט אויף אונדזער גאַנץ ערדל. אין יענעם אוניווערסום אָפּצוטונקען די געפילן איז נישט ווי אין דעם אין וועלכן ב . . . * האָט אָפּגעטונקען דאָס בעל־בתּישע קאַפּאָטקעלע און אַרויס מיט פאַרסאַרגעטע פּאָלעס...

יענער אוניווערסום קען נישט האָסן קיין קלאַס, נאָר דאָס ברוטאַלע, פּונקט אַזוי דעם ברוטאַלן אַרבעטער, ווי דעם ברוטאַלן מייסטער.

ער הייסט נישט צעברעכן קיין אַנדערע עקזיסטענץ צוליב דער אייגענער (די דאָזיקע פילאָזאָפיע איז פאַלש און פאַרשטאַנען אויף דער לינקער זייט...) די תּאווה צו וועלן עקזיסטירן איז נאָר איין זייט, דאָס געשריי אָבער פון פאַרניכטן, צעברעכן אַ צווייטע עקזיסטענץ, איז די צווייטע זייט פון יענעם אוניווערסום. און די צווייטע האָט נאָר איין טענדענץ פאַר אַלע: צו דערהאַלטן אַלץ וואָס עס עקזיסטירט שוין, ביז עס שעפּט זיך גאַנץ אויס און גייט אַליין אַוועק, ווי דער בלאַט פון בוים, ווען ער קען שוין מער נישט לייסטן. נאָר דער מענטש, אָדער חיה מיסברויכט מיט דער ערשטער תּאווה: זעלבסט וועלן עקזיסטירן. ער באַגייט די פאַרברעכנס, בשעת די נאַטור וויל: אַלץ דערהאַלטן. אַפילו מען זאָל איין אַטאָם אויפברעכן (יעדנפאַלס אַ סימבאָל איז עס אַ שיינער) וועט די גאַנצע וועלט אויפגעבראַכן ווערן. אַלע איינצלנע עקזיסטענצן זענען טיילן פון איר עקזיסטענץ.

דאַדאַרף, מיינע ליבע! האָבנדיק אַ העכערע גלייכהייט, דאַרפט איר נישט אַריינפירן אַ גלייכהייט אין אַ גלייכהייט. די קונסט איז פּראָלעטאַריש, נאָר ווען זי איז עס נישט. זי איז פאַר גלייכהייט, נאָר ווען זי איז עס נישט. . . . זי דאַרף עס נישט זיין ספּעציעל, ווייל זי איז עס. דאָס איז איר קוואַל, הויכער אָפּשטאַם פון יענעם הויכן אוניווערסום.

זיין אָבער ספּעציעל — איז עס נאָר אַ פאָדערונג פון בלינדע פּאַרטיי־פירער (אָדער גאָר קליגיטשקע, וואָס מיינען אַ פּלאַקאַטל צו מאַכן פון דער קונסט...) און פאַרשטייען זי אַזוי פיל, וויפל די כעלעמער די לבנה... און נאָר „שמשים" סוראָגאַטן קענען זיי אונטערטראָגן אַזאַ סוראָגאַט.

דאָס הייסט אַראָפּנעמען די קרוין פון דער מענטשלעכער גרויסקייט, געטלעכקייט, דאָס איינציקע גערעכטיקע פעלד, וואָס זי פאַרמאָגט און דאָס אויך צעשטויסן.

ס'איז נישט קיין נפקא־מינה צי אויף פּראָלעטאַרישע, אָדער אויף אַנדערע פּראַשקעס...

דאָס קענען אין תּוך נאָר די, וואָס האָבן דעם אָטעם־הויך נישט פאַרזוכט פון יענעם הויכן אוניווערסום פון וואַנען די קונסט קומט און במילא זענען זיי נאָר „שמשים" פון אַ בלינדער צייט...

צו די אָבער וואָס קומען איצט אין אונדזער ליטעראַטור־פעלד זאָל זיך די קונסט באַווייזן אין אַן אַנדער געשטאַלט.

היט אָפּ דעם אַטריבוט איבער אַלע אַטריבוטן! ווייל דאָס איז זי, די קונסט אַזוי ווי זי איז. נאָר די פּאַרטיי־פירער זענען נישט דערוואַקסן צו זען אים און ווילן

* אַ ייִדישער פּראָזאַיקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

> אַריינפירן אין איר אַ פּראָשעק־פּראַלעטאַרישן אַטריבוט, אַנשטאָט אים. וועגן פרייהייט האָט יענער הויכער אַטריבוט שוין געוויינט און געזונגען נאָך איידער די מאַסע האָט זי פאַרשטאַנען צו וועלן. [231]

דאָס אַלץ האָט ווייסענבערג זיך באַמיט צו דערווייזן, איידער ער האָט נאָך געהאַט אָנגעזאַמלט גענוג דערפאַרונג, ווי אַזוי עס „געווינט דער וואָס שפּינט". און אפשר וואָלט ער, נישט געקוקט אויף דעם עולמס „מבינות" און די כאַראַקטעריסטישע פאַר אים שטריכן — אויב ס'גייט אין געשמאַק פאַר קונסט — סיי ווי געדינט דעם דאָזיקן אידעאַל; און אפשר וואָלט ער דעם דאָזיקן אידעאַל סיי ווי געדינט, ווייל ער האָט „נישט געקענט דערשטיקן אין זיך זאַכן" — ווי ער מאָטיווירט זיין אָנהייבן שרייבן בכלל — וואָס ער זעט יאָ און אַנדערע ווייסן נישט וועגן זיי; און אפשר וואָלט ער סיי ווי געדינט דעם דאָזיקן אידעאַל, ווייל „אַ קינסטלער קען נישט פאַרבייגיין קיין עוולות און ליגנס".

אַ סך אַנדערע טראַגערס פון אידעאַלן — צווישן זיי טאַקע לאַסאַל — האָבן די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דער מאַסע גוט געקענט. ער האָט געשריבן וואָס ער טראַכט וועגן איר — און נאָך געשטיצט זיין נעגאַטיווע מיינונג מיט פאַרשידענע ציטאַטן פון העגעלן, וואָס ער איז געווען זיינער אַ שטאַרקער אָנהענגער, און אויך מיט ציטאַטן פון אַנדערע פילאָסאָפן. ער אַליין אָבער, לאַסאַל, האָט זיך באַמיט די זעלבע מאַסן אויפצוקלערן און דערווייזן זיינע אמתן, וואָס ער האָט געטראָגן פאַר זיי, והאָ־ראַיה, ער האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אַוועקשטעלן זיך אויף דער גאַס, כּדי צו פאַרשפּרייטן זיין בלעטל, ווי דאָס איינציקע מיטל די מאַסן אויפצוקלערן.

ווייסענבערג האָט דאָך דערביי איינגעזען, אַז גאָלדפאַדען איז געווען גערעכט מיטן געבן דעם עולם דעם נאָמען „משה ת.". אין דער רובריק א"נ „ביכער און מענטשן" פון אינזער האָפענונג קלערט ער אויף אין דער סעריע „אַן ענטפער אויפן בריוו פון ה' ברײנסקי", ווי אַזוי גאָלדפאַדען איז געקומען צו אַזאַ טערמין פאַר דער גאַס' געשמאַק:

> . . . דאָס וואָס עס געפעלט דער גאַס האָט ער [גאָלדפאַדען] געשטעמפּלט מיט דעם נאָמען „משה ת . . .'" אַ זאַך. אין דעם וואָרט משה ת . . . איז געלעגן אַן אָנווונק אויף דער גראָב־לייביקייט, אויף דער אונטערשטער טייל פונעם המון־פלייש, אַז יענער פאַסט גאָר קיין זאַך נישט אויף מיטן קאָפּ . . . ער האָט עס נישט גענומען פון דער פאַנטאַזיע און נישט פון בייזוויליקייט, נאָר פון באַשטעטיקונג דאָרך איין פאַקט, וואָס קען זיין גאַנץ מאַסגעבנדיק אויף שטענדיק. ביי גאָלדפאַדענען הינטער דער סצענע האָט געדינט אַ משרת צום שלעפּן די דעקאָראַציעס און צום אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג, און דער משרת, משה האָט ער געהייסן, ליב האָבנדיק גאַנצע טעג צו ליגן אויף אַ טאָרצאָן הינטער די קוליסן, אויסגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ און מיט דעם ת . . . אַרויף, וואָס דערפאַר טאַקע האָבן אים אַלע אַזוי גערופן, נישט אַנדערש . . . האָט גאָלדפאַדען באַמערקט איין כאַראַקטעריסטישן 'שטריך: ווען דער משרת קוקט געשפּאַנט דאָרך די שפּאַרעס פון הינטער די ברעטער צו דער גענעראַל־פּראָבע פון אַ נייער פּיעסע, איז אַ סימן, אַז עס געפעלט אים און די זאַך וועט ביי דער מאַסע שטאַרק אויסנעמען; אויב אָבער דער דאָזיקער משרת האָט אַפילו נישט געוואָלט זיך אומקוקן אין זיין אַפּאַטיש ליגן, וואָס דאָס איז געווען

אַ סימן, אַז עס געפעלט אים נישט, האָט גאָלדפאַדען געוווּסט, אַז זיין געלט און זיין מי איז פאַרלוירן. די פּיעסע איז שוין „אָפּגעשפּילט״. אַזויערנאָך איז משה ת... געווען אין גאָלדפאַדענס אויגן דער באַראָמעטער, דער סימבאָל, די לעבעדיקסטע פאַרקערפּערונג פון דער גאַס און ער האָט זי אויף אַזאַ אַרט טאַקע אויך גערופן משה ת...„ אויף דעם נאָמען פון משרת... עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז עס פלעגט שוין טייל מאָל דערגיין ביז צונויפמישונג פון משה ת... הינטער די קוליסן ביז דער גאַס, אָדער פון איר ביז אים. גאָלדפאַדען פלעגט פרעגן אויף אַ נייער פּיעסע:

— משה ת... געפעלט זי?

די אַרטיסטן, וואָס האָבן געמיינט, אַז ער מיינט דאָס די גאַס, פלעגן ענטפערן:

— ווי אַזוי קענען מיר דאָס וויסן, אַז מאָרגן איז ערשט די ערשטע פאָרשטעלונג.

— ניין — פלעגט גאָלדפאַדען ענטפערן — איך מיין דערווייל אונדזער משה ת...„ דעם „דרויסנדיקן״ משה ת... וועלן מיר ערשט זען מאָרגן ביי דער קאַסע...

אָט אַזויערנאָך פלעגן זיך די אַרטיסטן צעלאַכן צוזאַמען מיטן זייער מילדן און שפּאַסנדיקן גאָלדפאַדען און זיך אונטערהאַלטן גאַנץ געמיטלעך וועגן דעם דאָזיקן צושטאַנד, אַז וואָס עס געפעלט דעם משה ת... פון הינטער די קוליסן, געפעלט עס אויך יענעם „משה ת...״, דאָס הייסט דער גאַס, דעם גאַסן־געשמאַק.

און ס'איז כ'לעבן אַ גאַנץ ווילער באַראָמעטער.[232]

ווייסענבערג האָט אויך דערזען, אַז זיין קאַמף איז צוליב דעם דאָזיקן צושטאַנד — און אין אַכט נעמענדיק די אייגנשאַפטן פון דער מאַסע טאַקע, און די, וואָס דערלאַנגען „משהן״ ליטעראַטור — אַ פאַרשפּילטער.

דער קאַטאַריניאַזש וואָלט נאָך גאַרנישט געמאַכט מיט זיינע גורל־קוויטלעך פאַר די פּויערים און שיקסעס, ווען נישט אַ פויגל ציט זיי אַרויס... און אויך די קאַטאַרינקע שפּילט נישט ביי דער זייט, נאַר... פאַלק — ברודער — דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס אַן אַ שאַרמאַנקע און אַן „אַ פויגל״ — ברודער — וועסטו דערביי גאַרנישט אויפטאָן...,[233]

זאָגט ער אין זיין פּאַלעמישער עסיי „אַ טרייסט״.

אין דער איינלייטונג צו זיין סצענישן ראָמאַן דער מאָדערנער שד גיט ווייסענבערג דעם פאָלגנדיקן „מאָטאָ״:

אָפּט איז די דיכטונג אַ פאַלג פון אומבאַהאָלפנקייט. דאָס וועלן אויסלייזן די וועלט, כאָטש זי דאַרף, נעבעך, אויסגעלייזט ווערן, איז אַ טונקעלער טריב פון שלימזלס...

די וועלט וויל נישט זיין אַנדערש, — וואָס זי וויל יאָ — איז נאָך אַ שטיקל ברויט. טייל מאָל דאַרף זי אויך אַ קנעפּעלע צום העמד!...

דער קאַשטאַן האָט געבליט,
און צייטיק געוואָרן —
די מענטשן לאָז גיין
און שטיל דיר דיין צאָרן.

די רויז האָט פאַרוועלקט,
וואָס געבליט האָט אין זומער —
די ווערעם לאָז גיין
און שטיל דיר דיין קומער.

נעם ברויט און נעם וואַסער
אין לאַגל — און מאַרשיר —
אויב וועלט איז נאָך וועלט,
איז פלאַץ נאָך אין איר.

אַזוי, ווי דאָס לידל קלינגט, וואָלט געדאַרפן זיין מיין איצטיקער קורסיוו. איך האַלט אָבער, אַז יעדער מין שטאַלצער זשעסט איז אַ פאַרברעך און קאָמפּראָ־מיטאַציע פאַר אמתער גבורה. וואָרן באמת איז אַ זשעסט נישט מער, ווי אַן אַרויסדרייען זיך פון אַ סיטואַציע, וואָס דאַרף אים גלייבט דער אייגנטימער, זיין צושויער צו פאַרבלענדן.
דאַדאַרף איז דאָס לידל, ווי שטאָלץ און ברוגז עס זאָל נישט זיין, נאָר אַן אָפּטרעטן, אַן אַרויסדרייען זיך מיט כבוד...
איך האַלט טאַקע מיין איצטיקע צייט פאַר די, וועלכע האָט אין מיין קאַמף נישט געברענגט יענע פרוכטן, וועלכע איך האָב געמיינט. איך האָב אָבער פיל געלערנט אינעם קאַמף און וועל דאָס ניצן צום ווייטערן קאַמף.
איך האָב געלערנט, אַז איך בין איינער אַליין — דאָס האָב איך שטאַרק געדאַרפן וויסן...
איך האָב אויך געלערנט, אַז דאָך האָב איך קיין שותפות נישט געמאַכט, ווייניקער נאָך, ווי מיט די קעגנער, מיט די פריינד — דאָס האָב איך אויך געדאַרפן שטאַרק וויסן...
איך פאַרלאָז איצטער דאָס שלאַכט־פעלד אַן איבעריקן שטאָלץ, נאָר אַזוי ווי אַ פאַרשפּילטער... [234]

דאָך, ווי רעזיגנירט דאָס דאָזיקע זאָל נישט אויסזען, האָט ווייסענבערג אָפּט אין פּריוואַטע שמועסן אויסגעדריקט זיין גלויבן, אַז עס פּירט זיך יאָ אַ רעכענונג ערגעץ ווו. ער זאָגט אין „קונסט און סוביעקטיוויטעט״:

מיר אַלע זענען נישט מער ווי דורכגענגלעך, פאַרבייגייענדע, און נאָר די קונסט בלייבט פעסט און אייביק. . . .
דער פויגל שטאַרבט — דאָס געזאַנג אָבער בלייבט אייביק און אייביק. [235]

און ער האָט פון זיין דרך, פון זיינע פּרינציפּן נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ווי די השגחה וואָלט אויף אים אַרויפגעלייגט די אַחריות צו טראָגן זי ביזן סוף פון זיינע טעג.
און ער האָט זי געטראָגן אומדערשראָקן און געדולדיק. ער האָט אָפּט דער־מאָנט קוטוזאָווס זאָג, בשעת ער האָט געפירט די לאַנגיאָריקע מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען:
„צייט און געדולד, צייט און געדולד.
ווילסטו לעבן אין קריג — ווייס ווי צו שוינען געדולד״.
ווייסענבערג האָט געלייגט נאָך מער טראָפּ אויף דעם וויכטיקן פאַקטאָר, „געדולד אין קריג״. און ער פלעגט נאָך דאָס צעציִען ביים איבערחזרן די ווערטער,

ווי ווערלנדיק צוגעבן דעם דאָזיקן געדאַנק נאָך מער וואָג:

— „אַ, האַ, געדולד — מיין פריינד — ווילסטו לעבן אין קריג, ווייס ווי צו שוינען געדולד. דאָס איז אַ טייער מיטל; וויפל שיינקייט עס ליגט אין כוח פון געדולד, וויפל גאַראַנטירטע זיכערקייט! דאָס איז אַ זען דעם זיג קוקנדיק פון אַ ווייטער דיסטאַנץ״.

געדולד, דאַכט זיך אַזאַ פּאַסיוו, מאַהאַטמאַ גאַנדיש געווער. און דאָך קען מען נישט זאָגן, אַז ער איז געווען פּאַסיוו. שוין בלויז די מאמרים, געשריבן וועגן ווייסענבערגן זאָגן עדות, אַז ער איז געווען דער היפּוך פון פּאַסיוויטעט:

לעאָ קעניג רופט אים אָן „דער גרויסער בונטאַר אין אונדזער יונגער ליטעראַטור״.

בערל מאַרק: „י. מ. ווייסענבערג, דער דינאַמישער שרייבער״.

י. מ. ניימאַן: „י. מ. ווייסענבערג, קעמפער און מאַרטירער״.

ש. י. סימכאָוויטש זינגט אין זיין ליד „א. מ. ווייסענבערג״:

עס האָט דיין וואָרט געשמיסן און געבענטשט,
ס'איז דיין וואָרט געווען ווי הייס־צעגליטער פלאַם:
דו האָסט אויסגעזונגען דאָס געזאַנג פון האַרעפּאַשנעם מענטש,
די גבורה פון זיין יאַדערדיקן שטאַם.

. . . .

צוזאַמען מיטן זקן וואָס וואַרפט אַ שטיין אין עושרס פעלד,
האָסטו אַ שטיין געוואָרפן אין רשעות פון דער וועלט
און ביסט אַוועק צו זיין מיט זיך אַליין,
פון טיפער אייביקייט דערהערן דאָס געוויין.

. . . .[236]

און אָט וואָס ווייסענבערג זאָגט וועגן זיך אַליין:

* *
*

און אפילו ווען מיין האַרץ
וועט זיין שוין אויסגענאַגט
פון שטילן צער,
פון טיפן בענקעניש
און אָפּגעשטעלט וועט זיין זיין קלאַפּן,
און אָפּגעווישט זיין יעדער פאַרלאַנג —
אויך דעמאָלט וועל איך נישט קיין רו געפינען.
ווו די שאָטנס וועלן בלאָנדזשען
אויף וויסטע בערג,
צווישן טאָג און נאַכט,
ווען די זון פאַרגייט,
דאָרט וועט אויך מיין שאָטן בלאָנדזשען,
און מיין לעצטער הויך
וועט אין דער לופטן הענגען
אין אַ שטילער נאַכט.[237]

ערב דער קאַטאַסטראָפע

ווען אין דער טיפער אייביקייט איז געווען פאַרטיק, האָט מען עס געמוזט פאַר אַלעם ווייזן דעם צענזאָר, כדי צו האָבן זיין הסכמה. נאָך דעם ווי ער האָט דאָס ווערק געהאַט איבערגעלייענט, איז ביילטשע אַרויפגעגאַנגען אין וואַרשעווער שטאַטראַט כדי עס פון אים צוריק אָפּצונעמען. ער האָט עס איר צוריקגעגעבן און געזאָגט, אַז ס'איז „כשר", ד"ה מ'מעג עס דרוקן. ביילטשע האָט ביי דער געלעגנ־הייט געזאָגט, אַז זי וואָלט געוואָלט האָבן זיין פּערזענלעכע מיינונג וועגן דעם ווערק, ווי פון אַן אינטעליגענטן לייענער. האָט ער איר געענטפערט, אַז אין דער טיפער אייביקייט איז אַ פּראַקטיקע פּאַבל.

במשך דער צייט וואָס ווייסענבערג האָט געוווינט אינעם האָטעל־צימער האָט ער פאָרגעזעצט זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט. אין מאַגאַזין פונעם האָטעל האָט מען אַפילו געפּאַקט די ביכער אין דער טיפער אייביקייט, באַנד II, וואָס זענען אָנגעקומען פון איינבינדער און פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן אַבאָנענטן.*
ווייסענבערגס סעקרעטאַריז, פריילין וואַלפיש, פלעגט גיין זיי פאַרשפּרייטן. ער איז זייער צופרידן געווען מיט איר אַרבעט, ווייל זי האָט געוווּסט ווי אַזוי צו האַנדלען מיט די לייענער־קונים. אָבער נאָך עטלעכע יאָר האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. זי האָט געהאַלטן ביי חתונה האָבן און מע האָט געדאַרפט זוכן עמעצן אַנדערש אויף איר אָרט. האָט ווייסענבערג געגעבן אַן אַנאָנס אין דער צייטונג, אַז עס ווערט געזוכט אַן אינקאַסענטין. איך געדענק איין פרימאָרגן, ווען עס זענען געקומען אויפן האָטעל־אַדרעס אַ צאָל מיידלעך. ווייסענבערג האָט זיי אינטער־וויוּירט, פאַרשריבן איינצלהייטן און ער האָט זיי געזאָלט לאָזן וויסן נאָכן באַשליסן ווער ס'פּאַסט זיך, לויט זיין איינדרוק, צום בעסטן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. צוו"א איז איין מיידל געקומען מיט איר מאַמען, אָדער בעסער געזאָגט, די מאַמע האָט געוואָלט דורכויס מיטגיין, ווייל דער אַדרעס איז געווען אָנגעגעבן אויפן האָטעל, און ווי וועט דאָס אַ ייִדישע מאַמע לאָזן איר יונגע טאָכטער גיין אין אַ האָטעל אַריין?...

ווען ווייסענבערג האָט זיי, די מאַמע מיט דער טאָכטער, דערזען האָט ער גלייך פאַרשטאַנען דער מאַמעס אומצוטרוי און האָט זיי ביידע באַלד אויף דער שוועל געזאָגט, אַז ער דאַרף נישט מער קיין אינקאַסענטין, ער האָט שוין איינע צוגענומען. איך האָב אים איבערגעפרעגט, פאַר וואָס ער האָט זיי אָפּגעזאָגט, אין דער צייט ווען ער האָט נאָך בעצם נישט געהאַט דעצידירט, ווועמען אָנצושטעלן — האָט ער עס מיר טאַקע אַזוי מאָטיווירט.

---

* דאָס איז געווען בשעת ווייסענבערגס קראַנקייט, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה און ס'איז נישט באַוויזן געוואָרן צו שיקן אַ טייל עקזעמפּלאַרן קיין אויסלאַנד. דערפאַר זענען פאַרבליבן אַזוי ווייניק קאָפּיעס פון צווייטן באַנד אין דער טיפער אייביקייט.

ענדלעך האָט ער איינע אויסגעקליבן, נאָר דאָס מאָל האָט ער געמאַכט אַ טעות, ווייל זי האָט בשום־אופן זיך נישט אויסגעטויגט אַזוי גוט ווי די פריִערדיקע פריילין וואָלפיש און ער איז זייער אומצופרידן געווען פון זיין אייגענעם אויסקלייב; אַז זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו רעדן צו די קונים, אַז ווייניקער געלט איז אַריינגעקומען פאַר די ביכער. (ער פלעגט אויך געבן אויף אויסצאָל.) מיט איין וואָרט — ס'האָט נישט געטויגט, און ער האָט וועגן איר געזאָגט, אַז צוויי ווערטער ווייסט זי צו ענטפערן:

„באָ" און „טאָ".

אויב ער האָט זי, למשל, געפרעגט:

פאַר וואָס האָט יענער נאָך אַלץ נישט באַצאָלט פאַרן בוך?

האָט זי געענטפערט:

„באָ איך האָב אים נישט געטראָפן אין דער היים" (פון פויליש: באָ גאָ ניע זאַסטאַלאַם וודאָמו).

און האָט ער זי געפרעגט:

פאַר וואָס זשע האָט איר נישט אויסגעפונען פריִער, ווען מ'קען יענעם טרעפן אין דער היים?

האָט זי געענטפערט:

„טאָ האָב איך דאָך נישט געהאַט וועמען צו פרעגן" (טאָ פזשעטשעזש ניע מיאַלאַם קאָגאָ זאַפּיטאַטש).

און אַזוי האָט יעדער ענטפער אירער געמוזט האָבן איינעם פון די צוויי ווערטער: „באָ" אָדער „טאָ".

נו, אַז ער האָט געזען, אַז ער וועט נישט קענען אַרויסקריכן פון די תירוצים אירע, האָט ער איר איין מאָל געזאָגט:

„פון אייך וועט דאָך דער מאַן [ווען זי וועט חתונה האָבן] דאַרפן אַנטלויפן קיין פאַריז..."

און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט זיין דערפאַרונג מיט דער צווייטער ביכער־פאַרשפּרייטערין און אינקאַסענטין. אָבער פרל' וואָלפיש איז שפּעטער צוריקגעקומען און געאַרבעט אַ שטיקל צייט פאַר אים.

* * *

כ'געדענק אַ פאַרנאַכט, ווען אַ פרוי איז געקומען אויף באַזוך. זי און איר — צו יענער צייט נאָר וואָס פאַרשטאָרבענער — מאַן זענען געווען גאָר נאָענטע פריינד אונדזערע. דער טאַטע איז אַפּגעזעסן עטלעכע שעה יענעם אָוונט־און זי געטרייסט און איר אויסגערעדט דעם טרויער נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם.

איך האָב דעמאָלט באַוווּנדערט מיט וואָס פאַר אַ מיטלעבן און גלייכצייטיקן טאַקט ער האָט איר די טראַגעדיע אויסגערעדט. כ'האָב געשטוינט אויף דער טרעפלעכקייט פון די ווערטער, אַלע מאָל צום פּונקט און אַזוי איבערצייגנדיק אין די אויגן פון אַן אָבל. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער פרוי איז לייכטער געוואָרן איר אומגליק, אין דער צייט ווען געוויינטלעך העלפן קיין טרייסט־

ווערטער נישט קיין סך. ליידער געדענק איך זיינע רייד נישט. עס איז מיר אָבער יאָ געבליבן זייער ווירקונג.

אַ מאָל האָט יוסף סמאָליאַזש מיטגעבראַכט זיינס אַ פריינדין פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט באַקענען וויסענבערגן, האָט ער איר דאָס צוליב געטאָן. זיי זענען אָפּגעזעסן אַ וואָסער האַלבע שעה און גערעדט. ווען זיי האָבן זיך געזעגנט און אַוועק, האָט וויסענבערג געזאָגט, אַז זי האָט אויף אים קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט און ס׳איז נישט אינטערעסאַנט מיט איר צו שמועסן.

ווען נאָר דער יונגער פּראָזאַיִקער סמאָליאַזש איז געקומען אַ מאָל צו פאָרן קיין וואַרשע פון לאָדזש, איז ער געקומען זען וויסענבערגן. מ׳האָט אַלע מאָל געקענט באַמערקן מיט וואָס פאַר אַ יִראת־הכבוד דער גאַסט איז געזעסן ביים טיש און געשמועסט מיט אים. סמאָליאַזש איז געווען גאָר אַן אינטערעסאַנטער בחור און אַ זעלטענער בעל־שׂכל. וויסענבערג האָט אים אויך פאָרגעזאָגט אַ צוקונפט ווי אַ פּראָזאַיִקער.

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, פלעגט דער טאַטע אָנזאָגן ביילטשען זי זאָל גוט אויסוואַשן און אויסבריִען דאָס גלאָז וואָס דער גאַסט האָט דערפון געטרונקען. דער יונגער־מאַן — האָט ער געזאָגט — האָט קראַנקע לונגען.

דערביי האָט ער נישט געטראַכט צו מאָל, אַז ער אַליין איז שוין אויך דעמאָלט קראַנק געווען אויף דער דאָזיקער אומהיימלעכער קראַנקייט.

ווען מיר זענען געוואָיר געוואָרן, אַז דער טאַטע איז קראַנק, איז שוין געווען צו שפּעט עפּעס צו טאָן כדי אים צו ראַטעווען. דאָס איז געווען אין אַ פרימיטאָג פון מאַרץ 1938. עס איז דעמאָלט געקומען צו אונדז אין האָטעל „בריטאַניאַ״ ד״ר אברהם מילייקאָווסקי (דער אינטערניסט). נאָך דעם ווי ער האָט אים באַטראַכט אַ לענגערע צייט, האָט ד״ר מילייקאָווסקי דערקלערט, אַז דאָס איז טובערקולאָז און אין אַזאַ סטאַדיע, אַז עס איז שפּעט אים צו ראַטעווען, בשעת ווען מיט אַן ערך דריי—פיר חדשים פריִער, ווען דער זעבליקער דאָקטאָר האָט אים געהאַט באַטראַכט — דער טאַטע האָט שוין שטאַרק געהוסט אַ לענגערע צייט — האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז דאָס איז בלויז אַ שטאַרקער בראָנכיט און עס איז גענוג, אַז ער זאָל אַוועקוואַרפן דאָס רייכערן און ער וועט געזונט ווערן.

ווי אַ וויסטער, שווערער דונער פון בלויען הימל, אַזוי אומגעריכט איז פאַר אונדז געווען די ידיעה. מיר זענען נישט געווען צוגעגרייט דערצו, אַז דער טאַטע קען אַזוי האָפענונגסלאָז קראַנק ווערן און צום ווייניקסטן האָט ער אַליין געקענט דערוועגן טראַכטן. זיין זעלטן קרעפטיקער, געזונטער אָרגאַניזם האָט נישט געלאָזט אָנען וועגן אַזאַ מיגלעכקייט. און געשטאַמט האָט ער פון אַ לאַנג־לעבנדיקער משפחה. זיין באָבע פערל, למשל, האָט געלעבט הונדערט און דריי יאָר און זיין מוטער, די באָבע פעסע, האָט געפונען איר טויט אין טרעבלינקע צו דריי און נייַנציק יאָר.

יענעם טאָג, ווען מיר זענען דערגאַנגען ווי עס האַלט, האָב איך אַ גאַנצן טאָג, ביז אין דער נאַכט אַריין געוויינט. פאַרשטייט זיך, נישט פאַרן טאַטן, נאָר אין פאַיע

פונעם האָטעל, ווו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַרצאַגטע זיינע נאָענטע פריינד. דערנאָך אויף דער גאַס און ביי פריינד, ווו איך בין געגאַנגען, כּדי זיך צו פאַרגעסן און אָפּהאַלטן די טרערן: דאָס געשווילעכץ פון די אויגן זאָל אַראָפּ, ווייל סוף־כּל־סוף האָב איך זיך דאָך געדאַרפט ווייזן פאַרן טאַטן, — נאָר אַלץ איינס געגאָסן מיט טרערן דאָרט און אויך צוריק וועגס.

דער טאַטע פלעגט שוין צו יענער צייט ליגן צו ביסלעך. עס האָט אים אַרויס־געשלאָגן אַן אויסערגעוויינטלעך גרויסע געשוויר מיט אייטער אויף דער פּלייצע. דעמאָלט פלעגט שוין קומען דער צווייטער ברודער פון ד״ר מילייקאָווסקי, דער ספּעציאַליסט פאַר הויטקראַנקייטן, וואָס פלעגט דאָס געשוויר באַהאַנדלען. ער האָט געזאָגט איין גוטן מוט, אַז ווען ווייסענבערגן מאַכט זיך אַ געשוויר, איז עס שוין אַ ריכטיקע געשוויר, און נישט סתם קיין געוויינטלעכע. און אין אַלגעמיין האָט די קרענק נישט נאָכגעלאָזט. אַדרבא, זי האָט זיך גיך פאַרערגערט און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך שוין אָוועקלייגט אין בעט אויף גוט.

זיינע פריינד פון לאָדזש פלעגן אָפט קומען. ווען זיי האָבן דערהערט, אַז ווייסענבערג איז אַזוי קראַנק, האָבן זיי אים געראָטן צו גיין אין אַ סאַנאַטאָריע. די וואַרשעווער פריינד האָבן שוין געהאַט אָפּגערעדט מיט דעם הויפּטדאָקטאָר פון דער סאַנאַטאָריע „מרפּא״ אין אָטוואָצק, אַז ער זאָל קומען אַהין. ער וועט באַקומען אַ באַזונדער צימער, כּדי נישט צו זיין אין דער אַטמאָספער פון לונגען־ליידנדיקע. זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז די דאָקטוירים וועלן אים צו רו לאָזן מיטן דאָרטיקן איינגע־שטעלטן סאַנאַטאָריע־רעזשים.

נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ווי גוט ער האָט געוווּסט, וואָס עס הייסט אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־ליידנדיקע קען מען זען פון זיין גרעסערער דערציילונג „ווי דער גורל פירט״, געשריבן מיט אַ צייט צוריק (אין די סוף צוואַנציקער יאָרן) נאָך איידער ער אַליין איז קראַנק געוואָרן אויף דער דאָזיקער אומהיימלעכער קראַנקייט. אָך, ווי בולט מע זעט דאָרט אומעטום דעם גרויליקן שטעמפּל פון די פאַרמשפּטע צום טויט.

מאַשעלע, די העלדין פון „ווי דער גורל פירט״, וואָס איז אַרויסגעפאָרן מיט איר קראַנקן מאַן אין אַ טובערקולאָז־סאַנאַטאָריע, באַקלאָגט זיך:

... כאָטש אַלץ איז זייער שטאָטלעך און זויבער, ציכטיק, האָב איך פון דעסט־וועגן באַלד געכאַפּט, אַז די לופט איז דאָ אַ שטומע...
און, כאָשט צום עסן קומען כּמעט אַלע — דאָך איז יעדער פאַרשלאָסן אין זיין סוד... און כאָטש זיי זעען ווי צום לייטישסטן אויס: אי די האָר פאַרקעמט, אי געראַזירט, אי דעם קראַוואַט אויסגעלייגט, ווי צו אַ באַל... דאָך ליגט אויף יעדן עפּעס, וואָס חתמעט אים...
דערהויפּט ווערט אומהיימלעך דאָס, וואָס די נעזער זענען געל ביי אַלע און די אויגן זענען גאָר אומהיימלעך...
דאָס איז דאָס סאַמע ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן.
נאָר אַז איך בין אָפּגעווען דאָרט עטלעכע טעג, האָב איך שוין געהערט פון אָט דער גאַנצער שטומקייט און סודותדיקייט אַרויס אויפשווימען פאַרשידענע מעשיות...

און, טייַלמאַל ווערט פּלוצלינג איינער נעלם, ער קומט נישט צו זיין עסן...
זיין אָרט ביים טיש בלייבט ליידיק, ווי אַ לאָך, און אַנדערע רירן זיך נישט צו דערצו... נישט נאָר ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט דאָרט צו זיצן, נאָר אַפילו אַ קוק געבן אַהין...
דעמאָלט פילט זיך אַ געפייניקטע שטילקייט אין אַלע אַראָפּגעהאַנגענע קעפּ, פּונקט ווי ביי אַ סטאַדע, וווּ דער „וואָלף" האָט אַרויסגעריסן איינעם...
נאָך אַ זאַך:
אין די ליידיקע שעהען, ווען איך שפּאַציר אַרום אין וואַלד, באַמערק איך אַ סך נעמען געקריצט אין דער קאָרע פון ביימער...
ווער זענען זיי?
צי פון לעבעדיקע מענטשן? און לעבן זיי נאָך?
דער נאָמען איז דאָ, נאָר דער מענטש?...
אַז איך וויל מיר גוט פאָרשטעלן, שפּיר איך עפּעס אַ שאָטן, וואָס הענגט אין דער לופט... און אַרום — אַ פאַרשטומטקייט און לערקייט, ווי נאָך אַ ווידערקול.
— ער, — גלוסט זיך דעמאָלט צו געבן אַ געשריי — לעבן, ווו ביסטו אַנטלאָפן!...
איינער אַזאַ שאָטן האָט אויסגעקריצט:
„יעווטשאַ, פאַרבינד נישט מער דיין האָפענונג מיט מיר — יוליק..."
דערביי קומט נאָך אויף אַ קליינטשיק שטיקעלע אָרט: די דאַטע, דאָס יאָר, און שוין. — ווייטער איז אַלץ שטום...
אַ צווייטע אויסקריצונג זאָגט:
„ווען די בלומען וועלן בליִען, וועל איך שוין זיין טויט..."
דאָס איז שוין גאָר עלנט.
איך קוק אויף דעם נאָמען:
„דאַווטשאַ..."
צו וועמען האָסטו דאָס געזאָגט?...
דאָס איז שוין עפּעס, גלאַט, אין דער וועלט אַריין.
פאַר וועמען האָט זיך דער יונגער יונג אַראָפּגערעדט פון האַרץ?...
וועמען האָט ער זיך דאָס פאַרטרויט —
די שפּיצן ביימער, וואָס שטעקן אין הימל אַריין?...
און עס דאַכט זיך מיר, אַז אַזעלכער איז גאַרנישט געווען אויף דער וועלט — דער נאָמען אַליין איז אויך פאַנטאַזיע...
אָבער די קורצע אויסקריצונג איז דאָך אַן עדות פון עפּעס...
און פאַרט זענען די דאָ געווען מענטשן, וואָס האָבן געלעבט, געהאָפט, געטרוימט, אַפילו אויך געזונגען באַגינען, גלייך מיט די פייגל, און דער עיקר — געטרוימט...
נאָר, ס'איז דאָך ווייניק.
ווי ווייט דאָס אויסקריצן זיך די נעמען דערגייט.
איך האָב באַמערקט, אַז אויף די וועראַנדעס פון יענער געביידע איז נישטאָ קיין איין סלופּיקל, וואָס זאָל נישט זיין באַדעקט מיט די קריצונגען.
אַפילו, די ווענט ביי זיי.
איך האָב אָפּגעוווינט דריי חדשים דאָרט. ס'איז מיר געוואָרן ענג.
מיין מאַן איז געלעגן. ער האָט געהאַט אַ קור פון ליגן אויף דער וועראַנדע, מיט אַ צוגעמאַכט מויל — און — זיך נישט באַוועגן.
שטיל איז געווען דאָס ליגן, ווי פון נישט קיין מענטש, קיין לעבעדיקע זאַך, נאָר

גיכער אַ שוואַם, וואָס דאַרף אין זיך עפּעס אַריינזאַפּן...
דערביי האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע גופל איז איינגעטוליעט און —
אַריינגעהויקערט עפּעס אין איין פּיצעלע דמיונדל, אַזוי גרויס, ווי אַ קליינ־
טשיק קייקעלע...
און שטיל איז געווען אַרום. קיין מינדסט שאָרכל פון אַ בלעטעלע אויף אַ בוים
איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען...
אַזוי איז ער און די איבעריקע געווען אין סודות איינגעהילט בשעתן ליגן, און
איך פלעג עס רופן אין מיר: די „מתים־קור..."
איין מאָל, ביינאַכט, אונטער מיין פענצטער הער איך, ווי איינער זאָגט:
— סולימאַ, דו וועסט מיך אייביק געדענקען, אפילו ווען איך וועל
שטאַרבן?...
— יאָ... — זאָגט זי — און דו וועסט מיך נישט פאַרגעסן, אין קבר אַפילו?...
און אין אַ ווײַלע אַרום זאָגט ער ווייטער מיט אַ שטיל געבראָכן קול:
— אין אַזעלכע לבנה־נעכט וועלן זיך אונדזערע נשמות דאָרט צונויפ־
קומען?...
און ס'איז שטיל געוואָרן אַרום. ס'איז געווען אַזוי האַרצרייסנדיק דאָס וויסן, אַז
צוויי לעבעדיקע מענטשן שמועסן דאָס און ווילן זיך באַזאָרגן מיט ליבע אויף
יענער וועלט, און רעדן דערפון פונקט, ווי פאַר אַן אומפאַרמיידלעכער רייזע...
ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי שטעלן זיך די דאָזיקע מענטשן פאָר ליבע אָן אַ
גוף. עפּעס אַ דמיון מוזן זיי דאָך וועגן דעם האָבן...
נישט קיין לעבן אין אַ וועלט פון גופים וואָלט איך דאָס אָנגערופן, און אַפילו
נישט קיין בית־עולם פון טויטע! נאָר אין אַ וועלט פון לונאַטיקער, וואָס די,
וואָס זענען אין איר ווייסן שוין נישט פון זייערע גופים און הערן נאָר דעם רוף
פון זייערע נשמות אין לבנה־נעכט...
אין גאַנצן פאַרגייסטיקט, ס'איז גאָרנישט קיין לעבן אין אַ וועלט פון קערפּער,
און ס'וועט ביי מיר זיין ריכטיק, אַז מען האָט אַזאַ איינעם געטראָפן פאַרשטעקט
אין אַ שפּיץ פון אַ בוים — גאָרנישט, נאָר גלאַט אַזוי, זיצן מיט פאַרגייסטיקטע
אויגן קעגן דער לבנה...[238]

אַזוי האָט ווייסענבערג געפילט די אַטמאָספער אין אַ טובערקולאָז־סאַנאַ־
טאָריע, ווען ס'האָט נאָך צו אים גופא קיין שייכות נישט געהאַט. ווען ער אַליין איז
קראַנק געוואָרן און מ'האָט אים פאַרגעלייגט אַ טובערקולאָז־סאַנאַטאָריע, האָט ער
געזאָגט: „דאָרט וועל איך שטאַרבן".

אויף פּריוואַט וווינען אין אָטוואָצק האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט געזאָגט,
אַז אין אָטוואָצק איז די לופט אַ שטייענדיקע צוליב דער געדיכטקייט פון די ביימער.
„איך דאַרף" — האָט ער געזאָגט — „אַן אָרט, ווו די לופט זאָל זיך בייטן: ווו דער
ווינט זאָל זי אַלע מאָל איבערמישן און צוברענגען אַ פרישן שטראָם לופט".

נאָר, ווי געזאָגט, האָט שוין דאָס אויך דעמאָלט נישט דעצידירט, אומאָפּ־
הענגיק דערפון, צי דער אויסקלייב איז געווען אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער.

אין די אָוונטן פלעגן זייער אָפט אַריינקומען ש. י. לאַנדינסקי און יצחק
בערנשטיין. העכסט אינטערעסאַנטע שמועסן פלעגט מען דעמאָלט הערן ביי אונדז.
לאַנדינסקי פלעגט אָפט רעדן וועגן אונדזערע נביאים, וואָס האָבן דעם יידישן פאָלק
מיט גוטן אָדער בייזן און אָפט מיט האַרבע שטראָפרייד אָנגעוויזן אויף אַ ריכטיקן,
יושרדיקן און שיינעם וועג צו לעבן, און דאָס פאָלק האָט זיי צוליב זייערע אמתן

פאַרשטיינערט... ווייסענבערג האָט צוגעגעבן: „ס'איז דאָך שוין גוט באַוווּסט, אַז פאַר אַן אמת וואָרט באַוואָרפט אונדזער פאָלק נאָך פון קדמונים אָן, פון בית־ראשון אַזש, מיט שטיינער". זיי האָבן אויך גערעדט פון סאָקראַטעסן. לאַנדינסקי האָט אָנגעוויזן דערויף „ווי הײנטצײטיק זײַן פילאָזאָפיע פון מיט פיר און צוואַנציק יאָר־הונדערטער צוריק איז, פאַר וואָס מע האָט אים דעמאָלט פאַרמשפּט צום טויט". ווייסענבערג האָט דערויף געזאָגט: „ער, סאָקראַטעס, האָט נישט געקענט אַנטלויפן פון דער תפיסה, כאָטש זײַנע תלמידים האָבן אים דאָס אַנטלויפן דערמעגלעכט און צוגעגרייט, און זיי זענען אים געקומען אַרויספירן פון איר. אַזאַ איינער איז דער פּרעסטיזש פון זײַן פאָלק, האָט ער בעסער אויסגעקליבן אויסצוטרינקען דעם סם, וואָס מע האָט אים פאַרגעלייגט, איידער אַנטלויפן. סאָקראַטעס האָט אַנדערש נישט געקענט האַנדלען".

דער דיכטער און פילאָסאָף שלמה איבן גבירול, דער חכם און זוכער פון אמת, וואָס האָט נישט געשאַנעוועט אַפילו די אָנגעזעעענסטע מענטשן אין זײַן דור און סביבה — איז דערמאָנט געוואָרן. די וואָס האָבן זיך געפילט געטראָפן פון דער פייל פון זײַן שאַרפער פען, האָבן אים נישט פאַרשוויגן די עוולה פון מגלה זײַן זייערע חסרונות און פאַר אַראָפּשלעפן פון זיי די מאַסקע. גיך האָבן זיי זיך פאַר־וואַנדלט אין זײַנע שונאים און זענען אים דערגאַנגען די יאָרן אויף אַזאַ אופן, אַז איבן גבירול האָט געמוזט פאַרלאָזן זײַן ווינאַרט סאַראַגאָסאַ און גיין איבער שפּאַניע זוכן אַ מקום־מיקלט ערגעץ אַנדערש.

עס איז אויך גערעדט געוואָרן פון אַנדערע זעלטענע געשטאַלטן מיט וועלכע די מענטשלעכע געשיכטע איז רײַך, און זייערע גייסטער שטראַלן אויס ליכט דורך אַלע דורות. אין יענע שמועסן איז געקומען צום אויסדרוק דאָס אייביקע פּראָבלעם פון דער אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט אַקעגן דער געזעלשאַפט. דער רמז איז געווען אַ בולטער, הגם קיינער האָט אים קאָנקרעט נישט אַרויסגעזאָגט. עס האָט זיך אָבער געמערקט דער אומגעזעענער פּאַראַלעל, דער געמיינזאַמער פאָדעם, וואָס כאַראַקטעריזירט אַלע זעלטענע פּערזענלעכקייטן אין אַלע צייטן.

לאַנדינסקי פלעגט אויך אָפּט זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, דערווייזנדיק וויפל הויכע פּאָעזיע דאָרט איז פאַראַן און, צוגעגעבן מיט באַדויער, אַז דאָס רוב מענטשן זאָגן תהילים נישט פאַרשטייענדיק אַפילו די שיינקייט דערפון. דערביי פלעגט ער ווערן סענטימענטאַל ווי אַ קינד.

לאַנדינסקי האָט צו יענער צייט געהאַט אַ רייזע־ביוראָ אינעם זעלבן האָטעל „בריטאַניאַ". ער פלעגט די אינטערעסאַנטן — ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט אויס־וואַנדערן קיין פראַנקרייך — אויפנעמען פון 11 אַ זייגער פאַר מיטאָג. און יעדן באַגינען פלעגט ער אַראָפּגיין אויפן הויף פונעם האָטעל און אַרומדרייען זיך אַרום דעם בלומענבעט מיט די פילפאַרביקע בלומען — וואָס זענען דאָרט געוואַקסן אין דער מיט פונעם געפלאַסטערטן הויף — אַ פאַרחלומטער און צעזונגענער, ווי גאָר אין אַן אַנדער וועלט. ביילטשע פלעגט צוליב דעם זאָגן, אַז לאַנדינסקי שטעלט מיט זיך פאַר צוויי באַזונדערע מענטשן: איינער איז לאַנדינסקי דער סוחר, דער אָפיציעלער, זאַכלעכער געשעפטס־פירער, און דער צווייטער איז לאַנדינסקי דער

דיכטער, פֿאַרטאָן אין רוחניות און אין דער געפילוועלט, אַזוי אַז ווער עס האָט אים געזען אין די פרימאָרגן־שעהען און אויך שפעטער — אין זיין ביורא — וואָלט בשום־אופן נישט געקענט זאָגן, אַז דאָס איז איינער און דער זעלבער מענטש.

אַ צווייט מאָל פלעגט ווייסענבערג רעדן וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען און מענטשן, אָדער בערנשטיין פלעגט אים שטעלן פראַגעס, וואָס זיין מיינונג איז וועגן פאַרשידענע דערשיינונגען, מענטשן, און ווייסענבערג פלעגט ענטפערן. די דאָזיקע ענטפערס פלעגט זיך בערנשטיין נאָטירן, האַלטנדיק דעם ברוליאָן אויף זיינע קני:עז, פאַרשטעלט מיטן טיש, אַזוי אַז ווייסענבערג זאָל נישט באַמערקן, אַז ער נאָטירט. בלויז עטלעכע פון די נאָטיצן האָב איך פאַרגעדענקט און דאָס אויך, ליידער, נישט גאַנץ. ער האָט עפּעס געזאָגט וועגן דער פרעציזקייט און פּילעווּדיקייט פונעם פידל־שפּילערביים שטעלן די פינגער אויף די סטרונעס און האָט עס אילוסטרירט מיטן קעגנזעצלעכן פּוילישן ווערטל: „פּאַלצע ניע גראַיאָן * — ווי מיין גנענדל זאָגט, ווען אַ מענטש פאַרמאָגט נישט קיין געפיל אין די פינגער און יעדער זאַך, וואָס זיינע הענט טוען, קומט אַרויס אומגעלומפּערט".

וועגן די רעדאַקטאָרן פון נאָש פּשעגלאָנד האָט ער געזאָגט: „ווען איך טראַכט וועגן זייערע גייסטער, דערזע איך זייער דיקפּלייש, וואָס איז צוגעדעקט מיט די הויזן".

וועגן מיינע שרייבערישע פּעיִקייטן אין די צענער־יאָרן האָט ער ווידער עפּעס געזאָגט אין זעלבן נוסח, ווי אין דעם אויבן געבערענגטן שמועס מיט אסתּר גאָלדענבערג.

ער האָט אויך בערנשטיינען געגעבן עפּעס אַ טעאָריע וועגן דער לבנה (לויט זיינע אָבסערוואַציעס) און צוגעגעבן, אַז די אויסרעכענונגען, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די טעאָריע, וועט ער געבן שפּעטער.

ליידער איז קיין „שפּעטער" פאַר אים שוין נישט געווען.

ווייסענבערג האָט די דאָזיקע שמועסן געפירט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, אויפן בויך ליגנדיק. דאָס איז דאָס געזינטסטע ליגן, פלעגט ער זאָגן. אַ חיה ליגט אויך אויפן בויך, און אויף דער חיה דאַרף מען זיך פאַרקוקן, ווייל זי טוט אַלץ לויטן אינסטינקט.

כ'געדענק, אויב כ'האָב אים אַ מאָל זומערצייט געזאָגט, אַז איך גיי זיך אָפּברענען אויף דער פּלאַזשע, האָט ער בשום־אופן נישט געלאָזט, און געזאָגט, אַז ליגן אויף דער זון שעהענווייז איז שעדלעך. אויף מיין ענטפער, אַז דאָקטוירים הייסן נעמען זונבעדער, האָט ער געזאָגט, אַז יעדעס באַשעפעניש — אויב איך האָב באַמערקט — מיידט אַלע מאָל אויס די זון און זוכט פאַר זיך אַן אָרט אין שאָטן. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז ברענען זיך אויף דער זון איז אומגעזונט און אויב מע וויל זיין ברוין, ווערט מען פון דער לופט אַליין אויך אָפּגעברענט, און מע מוז זיך נישט דווקא פרעגלען אויף דער זון.

בערנשטיין, וואָס איז אַריינגעקומען אָפט און געזען, ווי ווייסענבערגס

---

* פּויליש — די פינגער שפּילן נישט.

צושטאַנד פאַרערגערט זיך — האָט זיך אַ מאָל איבערגעבויגן איבער דעם קראַנקן מיט אַ צו בולטן אויסדרוק פון רחמנות אויף זיין פּנים. געדענק איך וויסענבערגס שטומע רעאַקציע. אויף זיין פּנים האָט זיך אַרויפגעצויגן אַ ווידערגעפּיל־גרימאַסע. און כאָטש ער האָט געשוויגן, האָט מען געקענט זען, אַז ער וואָלט גערן אַוועק־געשטופּט בערנשטיינען פון איבער זיין צוקאָפּנס, טראַכטנדיק אוודאי דערביי: וואָס שייך דיין צעגאָסן מיטגעפיל, האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, אַז טרויעריקע זאַכן טראָגן צדיקים אין האַרץ און פריילעכע אויפן פּנים...

אין די שמועסן און אינטערוויוען, וואָס בערנשטיין האָט מיט אים געפירט, האָט אים וויסענבערג אַ מאָל געזאָגט:

— „פאַר וואָס, בערנשטיין, שיקט איר עפּעס איין וואָרט מיטן פּנימל און באַלד שיקט איר נאָך אַ צווייטס מיטן הינטנדל, אַזוי אַז עס זאָל פאַרדעקן דאָס ערשטע מיטן פּנימל?... און אַזוי אַרום שיקט איר נאָר כּסדר אַרויס בלויז קיילעכלעך־ווערטער".

צו יענער צייט האָט בערנשטיין זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער פּרעסע און זייער אָפט פלעגט מען זען זיינע אַרטיקלען אין מאָמענט און היינט. בכלל האָט ער אָנגעהויבן צו גיין אין די דרכים, וואָס זענען וויסענבערגן געווען דערווידער, און דערויף האָט ער אים איין מאָל געזאָגט:

— „בערנשטיין, אויב איר גייט שוין יאָ ווערן אַ גנב, זאָלט איר כאָטש ווערן אַ גוטער גנב, אויב נישט, וועט מען אייך אַלע מאָל אַראָפּפּאַטשן דאָס היטל איבער די אויגן..." *

דעמאָלט האָט ער געראָד אויך געהאַט אָפּגעדרוקט די אָפּהאַנדלונג איבער וויסענבערגס אין דער טיפער אייביקייט א"נ „די פילאָזאָפיע פון לעבן".

ווען וויסענבערג האָט איבערגעלייענט די אָפּהאַנדלונג, האָט ער בערנ־שטיינען געפרעגט:

„וואָס פאַרצוקערט איך מיך אַזוי און וואָס פאַרזיסט איר מיך מיט בלויז סופּער־לאַטיוון?"

יחיאל לערער האָט געשיקט פרעגן צי זיין פריש אָנגעשריבענע פּאָעמע מיין היים געפעלט וויסענבערגן. ער האָט געענטפערט: „יאָ, הגם די פריִערדיקע זאַכן זיינע, ווי די תּהילים־לידער, זענען נאָך בעסער". דער שליח האָט שפּעטער דערציילט, אַז לערער איז געווען גאָר גליקלעך דערמיט, וואָס וויסענבערגן געפעלט זיין לעצטע שאַפונג. אַליין האָט לערער זיך געוואָקלט צו קומען, נישט ווילנדיק צי וויסענבערג וויל עס. ווי באַוווּסט, איז צווישן זיי געווען אַ ברוגז, ווייל לערער — וואָס וויסענבערג האָט אים אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור — איז אויך געוואָרן „ברויט־פאַרקויפט" און איז שפּעטער אַוועק פון אים אַהין, וווּ מ'האָט געקענט האָבן פּרנסה פון שרייבן.

די לאָדזשער פריינד פלעגן וויסענבערגן קומען באַזוכן גאַנץ אָפט. איין מאָל איז געקומען שמעיה צימערמאַנס פרוי. זי האָט זיך זייער באַמיט אים אויפצו־

---

* אַזוי האַנדלט מען מיט אַ „גרינעם", אַ „וויטישן".

מינטערן, און האָט פאַרפירט מיט אים אַ הומאָרפולן שמועס, געמישט מיט אַ ביסל קאָקעטעריע. ס'איז אויפגעשוווּמען די פראַגע — אינטויִציע. ווייסענבערג האָט געזאָגט, אַז אינטויִציע פאַרנעמט אַ גרויס אָרט און אַז פרויען פאַרמאָגן זי אין אַ שפּאַרער מאָס.

פרוי צימערמאַן האָט אים האַלב־פרעגנדיק, האַלב־באַשטעטיקנדיק געזאָגט, אַז זי האָט אויך אינטויִציע, האָט ער איר געענטפערט:

— „איר האָט אַנדערע מעלות...״

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און זי אַליין אויך, הגם אַ ביסל אַנטוישט, ווייל אויב אינטויִציע איז אַזאַ ווילע זאַך — פאַר וואָס זשע זאָל זי אויך דאָס נישט פאַרמאָגן?

דער פאָלקס־זינגער מנחם קיפּניס האָט זיך איין אוונט פונאַנדערגערעדט וועגן זיינס אַן אַדורכגעמאַכטער מחלה, און האָט ווייסענבערגן דערציילט, וואָס פאַר אַ פּאַסירונג ס'איז מיט אים פאָרגעקומען:

„איך האָב מיט אַ מאָל אַנטדעקט עפּעס אַ בערגל אויף מיין בויך. כ'האָב זיך נאַטירלעך, אַ ביסל געשראָקן און באַלד אַרויף צו מיין דאָקטאָר.

ער האָט מיך באַטראַכט פון אַלע זייטן און אויסגעפרעגט אויף מיין אַפּעטיט, ווי איך שלאָף און אויף אַנדערע פונקציעס פון מיין אָרגאַניזם.

לסוף האָט ער מיר אָנגעזאָגט צו זיין אויף אַ שטרענגער דיעטע: נישט עסן קיין הארבע זאַכן: קיין פעפער, קיין הערינג און גאָט זאָל אויסהיטן פון אַלקאָהאָל.

פאַרפאַלן, מען מוז פאָלגן, האָב איך אָנגעהויבן לעבן אויף מאַנע־קאַשקע, מילכיקס און בלויז דעליקאַטע עסנס.

אַזוי איז אַדורך אַ יאָר צייט. איך בין נאָך אַלץ געווען אויף דיעטע און דאָס בערגל איז זיך געווען בערגל. בין איך, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען זען דעם דאָקטאָר פון צייט צו צייט און ער האָט מיך אַלץ געהייסן זיין אויף דער זעלבער דיעטע.

איין מאָל טרעפט זיך אַ צופאַל, איך בין אַריינגעפאַלן אויף אַ הוליאַנקע צו קריסטלעכע אַקטיאָרן, מיינע גוטע פריינד, קאָלעגן, און מען האָט מיך, דעם קראַנקן מענטש, גענומען אין רעדל אַריין.

מע האָט פאַר מיר אָוועקגעשטעלט אַ קעלישיקל און — איך מוז טרינקען! עס וועט מיר גאָרנישט שאַטן, האָבן זיי געשריגן פון אַלע זייטן. פאַרקערט, פון די לייכטע לאַקרעץ־עסנס וועסטו ערשט אויף אַן אמת קראַנק ווערן — האָט מיך איינער גוטברודעריש געוואָרנט. אַ צווייטער האָט ווידער געבריִעט, אַז אים עקלט פון אַלץ, וואָס איז לייכט, ווייך און וואַרעם, און ער וואָלט זיך בעסער געלייגט שלאָפן אונטערן גאָלן הימל אויף אַ האַרטער באַנק אין אַ פּאַרק, איידער אין דער עקלדיקער וואַרעמער ווייכקייט פון אַ בעט!

איך ווידער — פון מיין זייט — האָב מיך געוועהרט מיט אַלע אַרגומענטן און כּוחות קעגן זיי און דעם קליינעם קעלישיקל, וואָס זיי האָבן אַוועקגעשטעלט האַרט פאַר מיין נאָז. עס האָט מיר טאַקע זייער פאַרשמעקט אַ טראָפּן בראַנפן, הלמאַי לייקענען? — אָבער שטאַרבן וויל דאָך קיינער נישט. שיכּורים האָבן אָבער אַן אַנדער לאָגיק, מער הפקרות, און אַנערקענען נישט קיין שום אָפּהאַלטן זיך צוליב שרעק פאַר קראַנק זיין, און זיי האָבן מיך געהאַלטן אין איין צורעדן.

האָב איך אויסגעטרונקען דאָס קעלישיקל און מ׳האָט מיר נאָך אָנגעהויבן אונטערצורוקן פון אַלע זייטן פון דעם, וואָס איז געווען אָנגעגרייט צום פאַרבייסן. דער טיש איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ געזאַלצענער, וואָס האָט מיר פאַרשמעקט דורך דער צענטער וואָנט. האָב איך מיך טאַקע צוגעכאַפּט צו דעם אַלעם און, נאָך דעם איז מיר שוין געווען אַלץ איינס — סיי ווי וועט שוין קיין גוטס נישט אַרויס־קומען פון דעם, וואָס איך האָב היינט אָפּגעטאָן — איז ׳דאַוואַי׳, טרינקען און עסן און לאָזן זיך ווילגיין אויף וואָס די וועלט שטייט!

נאָך דער סעודה האָבן מיך קאַלעגן אָפּגעפירט אַהיים.

איך האָב זיך געזעצט אויפן בעט, געגומען זיך אויסטאָן צום שלאָפן גיין און, גלייב מיר, ווייסענבערג, מיינע מחשבות זענען גאָר קיין הײמלעכע נישט געווען. איך האָב זיך אָוועקגעלייגט אויפן בעט מיטן געדאַנק: ׳מאָרגן וועל איך מסתמא מער נישט אויפשטיין׳.

עס איז אָבער אַדורך די נאַכט, דער טאָג איז געקומען, און איך, דער שיכּור, האָב אויפגעמאַכט די אויגן!

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען: ׳איך לעבן׳ און שנעל אַרויפגערוקט דאָס העמד, כּדי אַ קוק צו כאַפּן אויפן בערגל: צי פון בערגל איז נישט געוואָרן אַ באַרג... און — אָ, וווּנדער! — דאָס בערגל איז גאָר פאַרשוווּנדן!

איך האָב מיך העגדום־פּענדום אָנגעטאָן און אַרויפגעלאָפן אין איין אימפּעט צום דאָקטאָר: זאָל ער מיר אויסטייטשן, וואָס דאָ איז געשען. צי איז עס אַ מאָל נישט ערגער פאַר מיר, וואָס דאָס בערגל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן?... ווער קען וויסן? — האָב איך מיר געטראַכט.

ווי דער דאָקטאָר האָט דערהערט דעם אָנהייב פון מיין ווידוי, — אַז איך האָב געטרונקען אַלקאָהאָל — האָט ער געגומען אַרומלויפן אָן אויפגערעגטער איבער זיין אויפנעם־צימער: איך וועל פאַר אייך נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך. איר האָט געטרונקען — וועט איר אַליין באַצאָלן דערפאַר.

— אָבער, ה׳ דאָקטאָר, דאָס בערגל איז פאַרשוווּנדן...

— וואָס? עס איז פאַרשוווּנדן!?? — איז דער דאָקטאָר צוגעשפּרונגען צו מיר און געגומען אַראָפּ־ און אַרויפּרוקן די ברילן אויף זיין נאָז.

ער האָט אַרויסגעצויגן איין בוך פון דער שורה מעדיצין־ביכער, אויפגעמישט עס אין געאייל און געגומען עפּעס דאָרט זוכן.

ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— ׳טעאָרעטיש — זענט איר אַ טויטער. און פּראַקטיש געגומען — איז געשען אַ נס׳.

אַזוי האָט מיר דערקלערט דער דאָקטאָר.

וואָס זשע האָט זיך אַרויסגעוויזן? אַז דאָס בערגל אויפן בויך איז אַנטשטאַנען צוליב גאַזן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין איין אָרט און טאַקע די שטאַרקייט פון אַלקאָהאָל האָט זיי אויפגעריסן און צעטריבן״.

מיט דער דאָזיקער מעשה האָט קיפּניס גאָר צוגעטראָפן ווייסענבערגן... אויף אַ נס האָפן דאָך אַלע קראַנקע.

* * *

ביילטשע איז אַ מאָל געקומען פון גאַס מיט איינגעקויפטע פּראָדוקטן און דער־ציילט מיט אַ געלעכטער, אַז זי האָט געקויפט זעמל ביי עפּעס אַ „משוגענעם" בעקער, וואָס איז געשטאַנען אויף מילע־גאַס מיט אַ גרויסן קויש פרישע זעמל און געשריגן און געשאָלטן:

— „נאָט, פרעסט אייך אָן און ווערט צעפּלאַצט, 5 זעמל פאַר 10 גראָשן!"

צו יענער צייט האָבן 3 זעמל געקאָסט 10 גראָשן.

ווען דער טאַטע האָט אויסגעהערט איר דערציילן און אָפּלאַכן פונעם בעקער, האָט ער אָנגעהויבן זי פרעגן מיט צעצויגענע ווערטער, אַ פויזע מאַכנדיק נאָך יעדער זילב, וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז זייער בייז:

— ביילטשו, און דו האָסט אויך גע־נו־מען 5 זע־מל פאַר 10 גראָ־שן?! פאַר־שטייסטו דען נישט, אַז ווען איינער שעלט פאַרקויפנדיק זיין סחורה, איז ער שוין גוט צוגעדריקט צו דער וואַנט?! זאָלסט גלייך אַהינגייז, אויף מילע־גאַס און צוריקגעבן דעם בעקער 2 זעמל אָדער צוצאָלן דעם אונטערשיד, אַזוי אַז זאָלסט האָבן געקויפט 3 זעמל פאַר 10 גראָשן און נישט קיין 5!

די וואַרשעווער גאַסן־הענדלערס האָבן תמיד געמאַכט אַ געפּילדער און קיין מאָל נישט אָנגערופן די זאַכן, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט, מיטן ריכטיקן נאָמען. אַזוי אַז ווער ס'האָט נישט געזען, וואָס עס ליגט אויפן וועגעלע, האָט נישט געקענט וויסן, וואָס דער סוחר פאַרקויפט. עפּל האָבן געהייסן „וויין", באַרנעס: „האָניק", די ווייסע קעזלעך: „שמאַנט", אַרבוזן: „אַן עס און אַ טרינק". נאָזטיכלעך, שקאַרפּעטן וכדומה זענען אַלע מאָל געווען „פון אַ באַנקראָט!" ביכער (אויך זיי האָט מען פאַר־קויפט אויפן וועגעלע): „ס'אַ בראָך צו דער יידישער ליטעראַטור, 10 גראָשן אַ בוך!"

טאָ ווי ווייט איז שוין: „פרעסט זיך אָן און ווערט צעפּלאַצט, 5 זעמל פאַר 10 גראָשן"? אָבער ביילטשע האָט געמוזט צוריקגיין און צוצאָלן דעם בעקער פאַר די איבעריקע 2 זעמל.

צו יענער צייט האָט ביילטשע געהאַלטן אין לייענען אַלעקסאַנדער דיומאַס לע שעוואַליע דע מעזאָן רוזש* און זיך גוואַלדיק אַנטציקט דערמיט. דער טאַטע האָט מיך געבעטן איבערלייענען אים אַ קאַפּיטל פון דעם בוך און האָט, נאָכן אויסהערן, בשעתן ליגן אין בעט, אַרויסגעגעבן זיין פּסק:

דיומאַ איז אַ קנאַפּער שרייבער.

אויך האָט ער גערעדט נעגאַטיוו וועגן אַפּטאָן סינקלער, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט גראָד אין יענע צייטן דערגרייכט דעם שפּיצפּונקט פון זיין פּאָפּולאַריטעט.

נאָך דיומאַן האָט ביילטשע גענומען לייענען סטעפאַן זשעראָמסקין, דעם באַוווסטן פּוילישן פּראָזאַיקער, וואָס זיין נאָמען פלעגט אַ סך אָפטער דערמאָנט

---

* פראַנצויזיש — דער ריטער פון רויטן הויז.

ווערן אין פּוילן פאַר ריימאַנטס, וואָס האָט שפּעטער באַקומען צוגעטיילט דעם נאָבעל־פּריז.

ביילטשע האָט איבערדערציילט מיט גרויס הנאה וועגן דער שטעלע פון זשעראָמסקיס פּזשעדוויאָשניע,* ווי אַ פּוילישע פרוי פאָרט אין אַ ברישקע איבער רוסישע גאַסן און דאָס פערד טרייבט אַן אַ רוסישער איזוואָזטשיק.** קומט דאָרט פאַר אַן אויסטויש פון ווערטער צווישן דער פּאַני און דעם קוטשער. זי באַקלאָגט זיך אויף די שלעכטע רוסישע וועגן, וואָס הייסט אויף פּויליש „ברוקי״ און דער רוסישער איזוואָזטשיק, זיצנדיק אויבן אויף דער קעלניע, חידושט זיך: ווי קומט עפּעס, אַז אַ פרוי, די „פּאַני״, זאָל רעדן גאָר פון זיינע הויזן? וואָס הייסט אויך „בריוקי״, אָבער אויף רוסיש.

ווייסענבערג, אויסהערנדיק די דאָזיקע סצענע, האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען „חכמות״, נישט קיין ליטעראַטור.

און ווען ביילטשע האָט געהאַט אָוועקגעלייגט זשעראָמסקיס בוך אויף זיינע ביכער — וואָס זענען געלעגן אָנגעלייגט אינעם האָטעל־צימער ביי דער וואַנט, האָט ער ליגנדיק אין בעט באַפוילן:

— „פּערל, נעם אַראָפּ די פּזשעדוויאָשניע פון מיינע ביכער...״

ווי שוין אויבן געזאָגט, האָט ווייסענבערג בעת זיין קראַנק זיין נישט איבערגעריסן די אַרבעט פון אַרויסגעבן זיינע ווערק ביסלעכווייז. נאָך דעם צווייטן באַנד אין דער טיפער אייביקייט, וואָס איז אַרויס אין 1937, האָט ער געגרייט צום דרוק אַ בוך פּאָלעמיק און אַ בוך דערציילונגען א״נ דערציילונגען פון מיין ערשטן פּעריאָד שאַפן.

בכלל איז אים גאָר פרעמד געווען דער געדאַנק, אַז ער וועט שטאַרבן, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַזוי ערנסט קראַנק, און ער האָט זיך נאָך געקליבן צו באַאַרבעטן זיין 10־בענדיק ווערק אין דער טיפער אייביקייט, ד״ה די 8 בענד, וואָס זענען נאָך געווען אין כּתב־יד, און אויך איבעראַרבעטן זיין דראַמע קנאה און תאווה, וואָס די ערשטע אויפלאַגע איז נאָך מיט לאַנגע יאָרן צוריק, אין 1908 אַרויס, נאָר ער האָט זי בדעה געהאַט צו מאָדערניזירן. אויך האָט ער געהאַלטן אין שרייבן דאָס פרישע ווערק, אַ ראָמאַן אין דער פאָרעם פון בריוו, ווי אויבן געזאָגט.

קורץ פאַר זיין אַרויספאָרן קיין לעגיאָנאָוואָ האָט ער געשריבן אַן אַרבעט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די לעצטע ליטעראַרישע געשעענישן צו יענער צייט. דער נאָר וואָס פּאָפּולער געוואָרענער פּראָזאַיקער בערלינסקי האָט דעמאָלט געמאַכט אַ רושם אין דער יִדישער ליטעראַרישער סביבה אין פּוילן מיט זיין בוך אַ לעבן גייט אויף. ווייסענבערג האָט אָבער געזאָגט, אַז „דאָס [בערלינסקי] איז אַ טאַלענטל פאַר אַ גראָשן״.

די דאָזיקע אַרבעט האָט ער אַליין נישט געשריבן, נאָר דיקטירט, ווייל שרייבן

---

* פּויליש — ערב־פרילינג.

** רוסיש — קוטשער.

וואָלט אים שוין דעמאָלט צו פיל אָנגעשטרענגט. עס פלעגט קומען צו אים יעדן טאָג אַ יונגער־מאַן מיטן נאָמען משה שיף, וואָס האָט געאַרבעט אין „דזשוינט" און אויך ש. מאַרוויל, וואָס פלעגן שרייבן לויט ווייסענבערגס דיקטירן.

פאַרן שרייבן די דאָזיקע אַרבעט האָט ער זיך געהייסן נאָך אַ מאָל איבער־לייענען אַ שטעלע פון אַ לעבן גייט אויף. כ'האָב אים פאַרגעלייענט די לעצטע צוויי קאַפּיטלעך אינעם בוך, דערונטער די שילדערונג, ווי אַזוי אַ ייִדיש ייִנגל קוקט אַריין דורך דער געעפנטער טיר אויף אַ הייליק בילד, וואָס הענגט אויף דער וואַנט איבער אַ ברענענדיק איילקנייטל ביי אַ קריסטין אין שטוב, און די געפילן, וואָס דאָס רופט ביי דעם ייִנגל אַרויס:

דורך דער געעפנטער טיר האָב איך געזען איר קליין שטיבל, אַן אויסגע־קאַלעכטס. ביי איין וואַנט אַ בעטל, אַ גרינער קופערט. אַן איילקנייטל האָט געברענט אין אַ גלאָז פאַר אַ בילד פון אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט, און אַ טרער איז איר געראָנען פון אויג. אויף דער וואַנט ביים בעט איז געהאַנגען נאָך אַ בילד: אַ פאַסטעך מיט אַ העל ליכט אַרום אַ זייד בלאָנדן קאָפּ, מיט בלאָע אויגן, ווי פאַרגנבטע שטיקלעך הימל; אין דער האַנט אַ וואַלד־שטעקן און פאַר אים — אַ סטאַדע שאָף. איין שעפּעלע, אַ קליינס, אַ מידס, האַלט ער אויף דער האַנט און שפּרייזט מיטן בלאָען בליק, וואָס איז צונויפגעגאָסן מיטן הימל אַרום, ווי איינס.
אַלץ איז מיר פרעמד און עס נעמט מיך אַרום אַזאַ נייגער, עס ציט און שרעקט. עס הייבט אָן טונקלען אַרום מיר. דאָס דערמאָנט מיך ווו איך געפין זיך, אַז איך מוז אַהיים.
אַז איך בין צוגעקומען צום נייעם מאַרק און האָב זיך צוריק געפונען צווישן ייִדן, האָב איך זיך ערשט באַזינען וואָס פאַר אַ זינדיקע מחשבות איך האָב געהאַט. איך האָב מיר פאַרגענומען מער אַהין נישט צו גיין.
נאָך צוויי יאָר, האָב איך געטראַכט, און איך ווער בר־מצווה, גיי אַרויס פון טאַטנס רשות. און אַ גרויסע מלחמה שטייט מיר פאָר מיטן יצר־הרע, גאָר אַ גרויסע מלחמה.* [239]

לויט ווייסענבערגן זענען די „געפילן", וואָס די הייליקע בילדער האָבן ביים ייִנגל אַרויסגערופן, נישט איבערצייגנדיק.

ליידער איז אויך די דאָזיקע אַרבעט, וואָס ווייסענבערג האָט געשריבן וועגן אַ לעבן גייט אויף, פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זיינע נישט־פאַרעפנטלעכטע 18 בענד כתבים, בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע.

אין שייכות מיט אַזאַ מאָטיוו, זאָגט ווייסענבערג אין „קונסט און סוב־יעקטיוויטעט":

איר אַלע, וואָס נאָך אַלס קינד, באַגעגענענדיק אַ שטיינערן בילדל ערגעץ אויף אַ פּלאַץ, אָדער אין גאָרטן, האָט איר נישט באַנומען, אַז הינטער דעם ליכט פון דעם בילדס געשטאַלט קנייטשט זיך און קרימט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס וויל

---

* דעם דאָזיקן סוף אינעם בוך האָט אָגב בערלינסקי שפּעטער, בשעת ער האָט געלעבט אַ צייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איבערגעאַרבעט אויפן פאַרלאַנג פון סאָוועטישן פאַרלאַג „דער עמעס", ווו דאָס בוך איז אַרויס. דער „הייליקער" אַספּעקט טאָר זיך אין סאָוועטן־רוסלאַנד נישט געפינען.

אייך גערן וואָס דערציילן אין אַ שפּראַך פון שטומער און פאַרגליווערטער פּאָרעם — איז אַ סימן, אַז איר האָט אויף דער דאָזיקער שפּראַך קיין מאָל נישט געשמועסט, איר אַלע פאַרשטייט קיין קונסט נישט.
איר אַלע, וועלכע האָבן קיין באַגריף נישט, וואָס עס דאַרף זיך אָפּטאָן אין דעם בוזעם פון אַ מענטש, כּדי ער זאָל דערגרייכן צו דער מדרגה פון קענען אויס־קנייטשן אויפן געזיכט אַזאַ קנייטש, און דווקא נאָר אַזעלכן און נישט קיין אַנדערן, און זאָל קענען אויסלייכטן אין אויג אַזאַ ליכט, און דווקא נאָר אַזעלכעס און נישט קיין אַנדערס, איר אַלע פאַרשטייט קיין קונסט נישט.
איר אַלע, וועלכע האָבן נישט דערשפּירט די השפּעה, וואָס אַזאַ בילדל האָט אויף דעם אַרומיקן פּלאַץ און נישט געפילט דאָס געמיט מיט וועלכן איר געשטאַלט פילט אָן די אַרומיקייט — איר אַלע פאַרשטייט קיין קונסט נישט.
און זאָל מיר ווער פון אייך זאָגן, צי פאַרשטייט ער די שפּראַך, וועלכע רעדט נישט, נאָר שיינט, וועלכע שווייגט מיט ליכטיקע אויגן? — אויב נישט פאַר־שטייט איר קיין קונסט נישט.
דען צו וועלכער מדרגה פון איבערלעבונגען מוז מען דערגרייכן, ביז מען קומט צו צו דעם געזעץ פון אָט דעם געוויסן שיינען, און נאָר דאָס און נישט קיין אַנדערס?[240]

לעגיאַנאָווע, די לעצטע סטאַנציע

די וווינונג אין לעגיאַנאָווע, הינטער וואַרשע, ווו דער טאַטע האָט באַשלאָסן צו זיין, זענען געפאָרן דינגען זיינע פריינד טשעליאַדניצקי, ערליך, גאָלדסאָבעל און איך. ער איז באַלד אַרויסגעפאָרן. פאָרן פאָרן האָט ער זיך אַליין איינגעפּאַקט די מאַנוסקריפּטן, וואָס זענען באַשטאַנען פון צוויי גאָר שפּאָרע און שווערע פּעקלעך. ער האָט אויך איינגעפּאַקט די שוין איינגעבונדענע ביכער אין דער טיפער אייביקייט, באַנד II, וואָס זענען געלעגן אין צימער. פאַר זיי, ווי פאַר די נאָך נישט געבונדענע דרוקבויגנס, האָט ער געהייסן דינגען אַן אָרט אין מאַגאַזין פונעם האָטעל (ווו מ׳האָט פריִער געפּאַקט די ביכער) אוועקצולייגן, און נאָר די צוויי פּעקלעך מונוסקריפּטן האָט ער גענומען מיט זיך. ער האָט זיי אַליין געטראָגן איןביידע הענט צו דער דראָשקע, וואָס האָט געפירט צו דער באַן. אַזוי אויך פון דער באַן־סטאַנציע אין לעגיאַנאָווע, צו דער געדונגענער וווינונג אויף באַטאַרעגאָ־גאַס. איך בין דעמאָלט געפאָרן מיטן טאַטן. אַרויסבאַגלייט האָט אים מ. ב. שטיין.

לעגיאַנאָווע האָט אויף אים די ערשטע צייט גוט געווירקט. ער איז געוואָרן פרישער און איז אַפילו די ערשטע טעג אַרומגעגאַנגען אָדער געזעסן אויף דער ווערענדע. נאָר דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. באַלד האָט עס אים אַוועקגעלייגט אויף גוט אין בעט.

יעדן פרימאָרגן פלעגט אַריינקומען צום טאַטן דער פּראַזאַיִקער משה מילער, וואָס האָט אויך געוווינט אין לעגיאַנאָווע און געהאַט געדונגען זיין ראַזורע (פון דעם האָט ער זיך מפרנס געווען) אין דער זעלבער ווילע.

דער טאַטע האָט מיר געהייסן בעטן דעם באַלעבאָס פונעם הויז, אַז ער זאָל נישט באַגיסן די בלומען אונטער זיין פענצטער יעדן פאַרנאַכט, ווייל די פייכטע לופט שאַט אים. אָבער דער באַלעבאָס האָט געזאָגט, אַז ער קען דאָך נישט לאָזן די בלומען אָפּשטאַרבן, נאָך דעם ווי ער האָט אין זיי אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט . . .

איין פרימאָרגן, ווען איך בין געהאַט געקומען צו פאָרן פון וואַרשע, האָב איך באַמערקט, אַז דער טאַטע איז זייער גוט געשטימט און אויפגעלייגט. ער האָט מיר באַלד דערציילט, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט געשפּילט אַ האַרמאָניע און אַ פידל, ווייל דאָ נישט ווייט איז ביי איינעם פון די פויערים־איינוווינערס געווען אַ חתונה. ער האָט זייער ליב געהאַט דאָרפישע מוזיק.

יענעם נאָכמיטאָג האָט ער מיך געבעטן אים פאָרצולייענען זיין פּייסאַזש „אַ זומער־רעגן”. ער האָט זיך פאַרגעניגיק איינגעהערט אין זיין נאַטור־געמעל, ווי ער וואָלט עס נאָך אַ מאָל געזען פאַר די אויגן. איך האָב געלייענט מיט אַ מידקייט, נישט פילנדיק אַוודאי די אויסערגעוויינטלעכע שיינקייט פון יענער נאַטור־שילדערונג. ער האָט מיך דעריבער אין מיטן לייענען אַן אומצופרידענער אַ פרעג געטאָן: „וואָס הערט זיך עפּעס אין דער וועלט פון שלאָף? . . .”

אין אַן אויסערגעוויינטלעכן טעמפּאָ האָט די קרענק פאַרצערט זיין אָרגאַניזם.

איך געדענק, ווען כ׳בין געהאַט צוריקגעקומען פון ביאַליסטאָק נאָך זעקס וואָכן אים נישט זען (ביילטשע איז געפאָרן פאַרשפּרייטן די ביכער אין ווילנע און איך אין ביאַליסטאָק), האָב איך אים קוים דערקענט. זיין ברייט, מיזרחדיק פּנים איז געוואָרן מאָדנע קליין און איינגעשרומפּן.

ביים אָנקומען צו פאָרן, האָב איך געטראָפן גנענדלען אַרויסגיין פון שטוב, אַ פאַרביטערטע, ווייל דער טאַטע האָט זיך געהאַט עפּעס שרעקלעך אויפגערעגט איבער אַ קליינינקייט. דאָס אויפרעגן זיך איז געווען ביי אים אַן אויסדרוק פון בונט קעגן זיין מאַכטלאָזיקייט איבער דער קראַנקייט. איך בין אַריין אין שטוב מיטן געדאַנק אָנצובייזערן זיך אויף אים פאַר זיין אויפרעגן זיך איבער קליינינקייטן, נאָר ווי כ׳האָב אים דערזען, האָב איך קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

און מערקווערדיק, וויפל כּוח פון ווילן ער האָט פאַרמאָגט אַפילו ביי דעם דאָזיקן צושטאַנד! — אַזוי, קראַנקערהייט, האָט ער דורכויס געוואָלט ביי נאַכט בלייבן אַליין אין דער דירה. גנענדלען און מיך האָט ער געהייסן יעדן אָוונט פאָרן אַהיים, קיין וואַרשע, און באַלד אין דער פרי קומען אויף אַ גאַנצן טאָג. ווי מיר האָבן זיך געוועלט קעגן אַזאַ אויסטערלישן איינפאַל — האָט מען אים געמוזט נאָכגעבן. יצחק בערנשטיין האָט אַ מאָל בייגעווינט אַזאַ וויכּוח און ער האָט אונדז געזאָגט: „מ׳דאַרף פאָלגן די גרויסע". דאָך האָבן מיר זיך באַמיט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג — ער זאָל נישט טראַכטן, אַז מיר טוען עפּעס קעגן זיין ווילן — אַז ער זאָל נישט בלייבן אַליין. אויב מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל כאָטש פאַרשליסן די טיר אויף ביי נאַכט, האָט ער דאָס אויך נישט געוואָלט, זאָגנדיק: „אַ גנב וועט קיין מאָל נישט אַריינגיין דאָרט, וווּ עס איז אָפן אַ טיר".

סמאָליאַזש פלעגט תּמיד איבערגעבן, ווי אומרויִק ער איז צוליב ווייסענבערגס דווקא ווילן, קראַנקערהייט, בלייבן אין שטוב אַליין אין די נעכט.

עס פלעגן אָפט קומען צו אים לאַנדינסקי, סמאָליאַזש, טראַיאַנאָוו, דאַן, ערליך, טשעליאַדניצקי, גאָלדסאָבעל, זיין סעקרעטאַרין, וואָלפיש; פון לאָדזש — באַמאַץ, פרידמאַן, סאָלאָוויטש, צימערמאַן און אַנדערע פריינד זיינע.

גנענדלען און מיך פלעגט דער טאַטע פשוט אַרומיאָגן, אַז מיר זאָלן פירן טיש: מכבד זיין די געסט, ווי ער פלעגט זיך נוהג זיין אַלע יאָרן געזונטערהייט. פאַרשטייט זיך, אַז נישט מיר, נישט די וואָס זענען אים געקומען מבקר־חולה זיין, האָבן געהאַט דאָס געמיט דערצו, נאָר עס פלעגט גאָרנישט העלפן. מ׳האָט אים געמוזט פאָלגן און מ׳האָט געמוזט עסן, ווען מ׳האָט אַפילו באמת נישט געקענט עסן.

ביים שמועסן פלעגט אַבע באַמאַץ זיצן מיט אים גאָר נאָענט צוגעבויגן. ער האָט נישט קיין מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך אָנשטעקן. לאַנדינסקי פלעגט אים אַלע מאָל ברענגען די שענסטע פרוכטן און מיט אַ גרויסשטעטישער ברייטקייט. טרוסקאַווקעס, למשל, פלעגט ער אים ברענגען אַ גאַנץ קיישעלע, און פון די שענסטע פרוכטגעשעפטן אין וואַרשע. דאָס איז דעם טאַטן זייער געפעלן געוואָרן, כאָטש ער פלעגט קנאַפּ וואָס טועם זיין דערפון. ער פלעגט שוין דעמאָלט זייער שוואַך עסן. עס איז אים אָבער געווען געפעלן דער ברייטער זשעסט.

אין אַ שמועס מיט הענעך ערליך, טשעליאַדניצקי און גאָלדסאָבעל וועגן דער

ייִדישער ליטעראַטור און זיין קאַמף אין איר, האָט ווייסענבערג געהאַט געזאָגט, אַז ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט ער מאַכן אַ באַל און וועט פאַרבעטן לעאָ פינקעל־שטיינען און יהושע פערלען און אַז זיי איז ער אויך מוחל. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער וועט זיך דינגען אַ גרויסע דירה.

די ערשטע דריי דאָ אויסגערעכנטע פריינד האָבן אים אַ מאָל, אין אַן אינטימען שמועס, פאָרגעלייגט ער זאָל זיי דערלויבן צו געבן אַן אויפרוף צום פאָלק פאַר אַ געלטזאַמלונג, כּדי ער זאָל קענען אַרויספאָרן קיין איטאַליע אין אַ קוראָרט מיט באַרגיקער לופט, ווו ער זאָל זיך היילן. אָבער ווייסענבערג האָט עס גלייך אויפן אָרט אָפּגעוואָרפן. זיי האָבן אים געפּרוּווט איבערצייגן מיטן אַרגומענט, אַז פאַר שלום־עליכמען — ווען ער איז קראַנק געווען, אויך אויף טובערקולאָז — האָט מען געמאַכט אַ פאָלקסזאַמלונג, וואָס אַ דאַנק דעם האָט ער געקענט זיין זומער אין דער שווייץ און ווינטער אין איטאַליע, און אַז ער האָט מער געגעבן דעם פאָלק, ווי דאָס פאָלק קען אים צוריקגעבן. אָבער ווייסענבערג האָט זיי פאַרווערט דאָס צו טאָן.

ער האָט מיר געהייסן אָפּנעמען ביי בערנשטיינען דעם ברוליאָן מיט די נאָטיצן און פאַרצייכענונגען פון זיינע אינטערוויוען מיט אים, כּדי איך זאָל זיי קענען איבערשרייבן. דאָס איז אָבער געווען געשריבן מיט אַזעלכע דראָבנע אותיות, אַז אָפּט האָב נישט איך, נישט ווייסענבערג געקענט איבערלייענען געוויסע פּאַראַ־גראַפן, האָט ער מיר געהייסן אים זאָגן, אַז אַזוי דראָבנע שרייבט איינער מיט באַ־האַלטענע כּוונות.

ווי האָט ער געקענט דעמאָלט וויסן, אַז נישט נאָר דער ברוליאָן — ווו ס׳זענען געווען נאָטירט זיינע געדאַנקען — וועט אָפּגעמעקט ווערן פון דער וועלט, נאָר אויך די מי פון אַ סך שאַפערישע יאָרן זיינע?!

די היטלער־מגפה האָט שוין מיט אירע אייזערנע צוואַנגען געהאַלטן ביים אַרומנעמען אייראָפּע און די פינצטערסטע כּוחות האָבן זיך דערפילט פריי צו ווילדעווען איבער די הילפלאָזע פעלקער. דאָס פייער, געצונדן דורך די דייטשע באַרבאַרן, איז שוין געהאַנגען אין דער לופט, אַזוי אַז ס׳האָט זיך שוין געלאָזט שפירן די אָנרוקנדיקע בראַך. ווייסענבערג האָט אין יענע טעג געטענהט, אַז היטלער וועט סוף־כּל־סוף האָבן אַ מפּלה, אָבער, ביז עס וועט קומען דערצו, וועט ער נאָך שפּרייטן אַ סך אומגליק. געשאָלטן האָט ער היטלערן מיט זיין אייגנאַרטיקער קללה: ס׳זאָל אים טרעפן אַן אונטערגאַנג פאַר אַלע קליינע קינדער.

ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, גלייב איך, — און ווער האָט זיך עס דען יאָ געקענט פאָרשטעלן — אַז עס וועט דערגיין צו אַזאַ טאָטאַלן קאַטאַקליזם? און דאָך קען מען מערקן פון אָט דער שטעלע אין זיין אַ שטעטל די אינטויִטיווע אָנונג און פאָרויספילונג פון אַזאַ מיגלעכקייט:

> שווערער נאָך איז אים געוואָרן אויפן האַרץ, ווען ער איז אַריין אין מיטן מאַרק און אומגעקוקט זיך אויף די שטילע הייזלעך מיט די האַלב־אויפגעלעגטע פענצטער. ער האָט עפּעס דערפילט אַזעלכעס, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט אין זינען געהאַט. אָט דאָרט הינטער דער שטאָט איז אַזאַ שווערע מחנה געלעגן, און דאָ איז אַלץ אַזוי קליין, אַזוי נידעריק, און „אויף ניכטערן שפּייעכץ

> האָלט עס זיך״ . . . אים האָט זיך געדאַכט, אַז יענער מחנה זאָל זיך נאָר פאַרגלוסטן, מאַכט זי אַ געלעכטערל — נישט מער ווי אַ גויִיש געלעכטערל . . . און יעדער איינציקער פון זיי נעמט זיך פון די הייזלעך אַ באָל מיט אַ פּאָר פּוילע שינדלען אונטערן אָרעם און גייט זיך אַוועק זיין וועגס איבערלאָזנדיק אַ ליידיקן פּלאַץ . . . [241]

און אַ ליידיקער פּלאַץ איז זשעלעכאָוו געבליבן פערציק יאָר נאָך דעם, ווי די דאָזיקע שורות זענען אָנגעשריבן געוואָרן, און נישט נאָר זשעלעכאָוו, נאָר גאַנץ פּוילן, גאַנץ אייראָפּע, וווּ נאָר אַ ייִד האָט געהאַט אַוועקגעשטעלט אַ פוס.

מ׳האָט אויך געקענט זען פון ווייסענבערגס מאמר „יידן און פּרנסה״, אַז ער האָט פאָרויסגעזאָגט אַזאַ מיגלעכקייט. —

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, איז די דיסקרימינאַציע קעגן ייִדן געווען, ווי באַוווּסט, גרויס. מע האָט די ייִדן נישט צוגעלאָזט צו קיין מלוכה־אַמט. אין די הויכשולן איז געווען איינגעפירט די פּראָצענט־נאָרמע, דער באַקאַנטער „נומערוס קלאַוזוס״, כּדי ייִדן זאָלן האָבן קנאַפּע שאַנסן צו ווערן פּראָפעסיאָנאַלן. אַזוי זענען פאַר זיי מלאָכה און האַנדל געבליבן דער באַגרענעצטער מקור פון פּרנסה. אַזאַ איז געווען דער צושטאַנד נישט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער. אין „יידן און פּרנסה״ האָט ווייסענבערג באַרירט די פּראַגע און געשריבן אין שייכות מיטן לואי מאַרשאַל־פּלאַן, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ לייזונג פאַר דער דאָזיקער אומגעזונטער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס ייִדן זענען אין איר איינגעקלעמט געוואָרן. דער מאַרשאַל־פּלאַן איז באַשטאַנען אין צונויפזאַמלען די ייִדן און זיי באַזעצן אויף לאַנד, זיי זאָלן זיך קענען באַשעפטיקן מיט ערדאַרבעט. די זוימען פון דער אידעע צו קאָנצענטרירן די ייִדן אויף לאַנד זענען פאַרזייט געוואָרן אין 1926 אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ „געזערד״ אין מאָסקווע. דער האַלבאינדזל קרים איז געווען אין פּלאַן.* די ציוניסטן האָבן געטענהט, אַז די קאָלאָניזאַציע דאַרף זיין אין ארץ־ישראל. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַן אַקציע אין אַמעריקע צו שאַפן פאַר דעם צוועק 15 מיליאָן דאָלאַר. אָבער ס׳איז דערפון גאָרנישט געוואָרן, ווייל מיר ייִדן האָבן די דאָזיקע געלעגנהייט — ווי א. ד. גאָרדאָן האָט געזאָגט, אַז „ייִדן לערנען בלויז פון קאַטאַסטראָפעס״ — נישט אויסגעניצט.

ווייסענבערג שרייבט אין „יידן און פּרנסה״:

> . . . איז דאָס שוין עפּעס ערגערס, ווי דאָס, וואָס די שכנים אונדזערע אין גלות לאָזן אונדז נישט צו קיין פּרנסה. דאָס איז שוין אַ קללה מיט וועלכער מיר שעלטן זיך אַליין.
>
> ס׳איז אמת, אַז אויף ארץ־ישראל טאָר מען נישט לייגן ווייניקער (כ׳וויל נישט זאָגן האָפענונג נאָר) אויפמערקזאַמקייט, ווי אויף קרים. האָבן מיר טאַקע אַלע צוזאַמען און אַלץ איינס אי פאַר ארץ־ישראל, אי פאַר קרים, פאַר ביידע געדאַרפט שאַפן די גרעסטע טעטיקייט אויף צו באַזירן פאַר אונדז די דאָזיקע צוויי פּלעצער און זיך מעגלעך מאַכן אַ צוועקמעסיקע קלענערע, אָדער

* קורץ נאָך דעם האָט די באַזעצונג אויף לאַנדווירטשאַפט געזאָלט זיין אין ביראָבידזשאַן.

גרעסערע נאָרמאַלע באַזעצונג אויף זיי. טוען מיר דאָס נישט, וועט אונדזער גאַנצע ענערגיע, וויפל מיר טוען יאָ, אַוועקגיין נאָר פאַרן „נומערוס קלאַוזוס״. עס וועט אונדז אייביק באַשערט זיין צו אַרבעטן נאָר פאַרן דינגען זיך אין גלות צוליב דעם „נומערוס קלאַוזוס״ (כ׳מיין דעם נומערוס קלאַוזוס אין ברייטערן מאַסשטאַב) אַ קריג אויף אייביק און אָן אַן אויסגאַנג. און מיר וועלן נישט אויפֿהערן צו פייניקן די וועלט מיט דער פראַזע, אַז מען האָט אונדז פיינט, אַז מען איז אונדז נישט דאַנקבאַר פאַר אונדזערע נביאים, וואָס מיר האָבן איר געגעבן, און נאָר איין זאַך, אַז מיר דאַרפֿן גיין אַ גלייכן מענטשלעכן וועג, דאָס וועלן מיר קיין מאָל נישט אין זינען האָבן מיטן גאַנצן כּוח און מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג.

האָט מען שוין אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן, האָבן זיך אונדזערע פּאַרטייען, אַנשטאָט צו אַרבעטן געמיינזאַם און גלייך אויף גלייך, געדאַרפֿן אָנהייבן קריכן גאָר איינער דעם אַנדערן אין די העלדזער אַריין (. . .). [ווייסענבערג באַדויערט]

אַזאַ באַגיין זיך מיט אַן ערשטקלאַסיקער, העכסט־באַדייטנדיקער פֿאָלקס־זאַך, ווו עס האַנדלט זיך נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אין קיום האומה. אפשר איז טאַקע גלייכער אויך, אַז יידן זאָלן האָבן צוויי פלעצער... נישקשה, די געשיכטע איז רייך אין קאַפּריזן. וואָס דאַרף מען זיך נאַריש מאַכן אין רייסערייען און נישט טאָן דאָס וואָס ס׳איז דאָ און וואָס ס׳איז פאַר קיין פאַל נישט שלעכט צו טאָן. [242]

ווי עס איז צו זען פון דעם דאָ געבערענגטן ציטאַט, האָט ווייסענבערג באַדויערט די נישט אויסגענוצטע גינסטיקע געלעגנהייט, וואָס לואי מאַרשאַלס פּלאַן האָט אונדז געגעבן, ווייל איין פּאַרטיי איז געווען פאַר ארץ־ישראל, די אַנדערע פאַר קרים.

ווייסענבערג האָט אויפן קראַנקן בעט דיקטירט זיין צוגעזאָגט פאָרוואָרט צו ש. י. לאַנדינסקיס בוך לידער אין פּאַריז.

אָט איז דאָס פאָרוואָרט:

שוין יאָרן וואַרט איך אויף דער געלעגנהייט, לאַנדינסקיס אַן אָנגעזען ווערק זאָל דערשיינען און איך זאָל קענען עפּעס זאָגן וועגן לאַנדינסקין און זיין שאַפן.

נאָך מיט אַ יאָר 22 צוריק האָב איך געדרוקט אין מיינע זאַמלביכער לאַנדינסקיס לידער, וואָס האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

לאַנדינסקיס ביכל קינדער־לידער איז געווען אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ יידישער שרייבער האָט אָנגעהויבן רעדן מיטן יידישן קינד אויף קינדיש לשון.

אונדזערע כרעסטאָמאַטיע־מאַכער דרוקן נאָך עד־היום, ווי מען גיט מיר איבער, לאַנדינסקיס לידער און גיבן נישט אָן זיין נאָמען. אַ דאגה ביי אונז אַ נאָמען...

זיין צווייט ביכל (פלאַמען, 1920) איז אויך גוט אויפגענומען געוואָרן. טייל לידער זענען געדרוקט אין אַנדערע שפּראַכן. די פּראָלעטאַרישע מאָטיוון זענען דעקלאַמירט געוואָרן אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען.

לאַנדינסקי האָט געהאַט פאַר זיך אַ פרייען וועג פון פרעסע, פּאָפּולאַריטעט, און אויבערפלאַכלעכקייט. פאַר וואָס האָט ער דעם וועג פאַרלאָזט?

מײַן פעסטע פרײַנטשאַפט מיט לאַנדינסקין איז נישט געבונדן מיט זײַנע פריַערדיקע ווערק. די געשיכטע איז אַזוי: דער ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע עקזיסטירט שוין אַן ערך 24 יאָר. ער ציילט ב״ה אייגענע עטלעכע הונדערט מיטגלידער. מיט זייטיקע איינגייער וואַרפן זיך אַדורך אין פאַראיין עטלעכע טויזנט מאָן אַ יאָר. איך האָב אָבער אין משך פון די 24 יאָר זעלטן געפונען אַ מענטש, מיט וועלכן עס זאָל ווערט זיין צו פירן אַ לענגערן געשפּרעך, למשל אויסרעדן אַ זעקס ווערטער. אין לאַנדינסקין האָב איך אָבער געפונען אַ לעבעדיקן קוואַל. איך זיץ מיט אים אָפּ האַלבע שעהען און אַלץ וואָס מיר שמועסן איז נישט גרוי, שאַבלאָן, אַפילו ווען די זעלבע געדאַנקען זענען שוין איין מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן. פרעגט זיך: פון וואַנען נעמט זיך דאָס? איך באַשליס: לאַנדינסקי איז אַ שטאַרקע אינדיווידואַליטעט. זיינע ערשטע לידער, הגם זיי האָבן אין זיך אַ סך אייגנאַרטיקע שיינקייטן, האָבן זיי אָבער אין זיך אַ סך בלאַנדזשעניש. האָב איך געפילט, אַז דער אומרו, וואָס לעבט אין לאַנדינסקין וועט אויסהאַקן פאַר אים העכערע פאָרמען, וואָס זאָלן קענען געבן די גאַנצע ברייט און טיף פון זיין געדאַנק.

אַ טייל פון די לידער, וואָס לאַנדינסקי פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך (אַן ערך אַ 10 דרוק־בויגן), האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו לייענען אין כּתב־יד מיט צוויי יאָר צוריק. איך האָב לאַנדינסקין צוגערעדט אַרויסצוגעבן אַ ביכל לירישע לידער. איך האָב צוגעהאָלפן די לידער מסדר זיין און צוגעזאָגט צו געבן אַן אַפּשאַצונג, וואָס זאָל אויפקלערן דעם יידישן לייענער.

„לאַנדינסקי געהערט אָבער נישט צו די שרייבער, וואָס איילן זיך צום דרוקן. צוויי יאָר זענען אַריבער. לאַנדינסקיס בוך איז נאָך נישט דערשינען. ליידער, האָט זיך מיין געזונט־צושטאַנד פאַר דער צייט אַזוי געענדערט, אַז מיר איז אוממעגלעך מקיים צו זיין מיין גאַנצן צוזאָג. איך בין געווינט אויסצודריקן מיינע געפילן מיט דער פעדער אין מיין אייגענער האַנט. ליידער, דינען מיר נישט מיינע הענט. די דאָזיקע נאָטיצן מוז איך דיקטירן און מיר איז אוממעגלעך זיך אַזוי אויסצודריקן ווי איך וואָלט געוואָלט. מיר איז אוממעגלעך מיטצוזינגען דורך מיין פעדער מיט לאַנדינסקין. אַ געפּרעסטע זאַמלונג פון קורצע מייסטערווערק. קליינע פּערלען. טייל פאַרלאַנגען שטילע האַלב־טונקלקייט, טייל ווילן פינקלען אין דער זון. דאָס זענען לידער, געזונגען אויף אַלערהאַנט־אינסטרומענטן. טייל זענען אויסגעפייפט אויף אַ פּאַסטוך־פייפל, טייל זענען אויסגעשפּילט אויף אַ פידל. איינציקע אויסגעשטורעמט אויף אַ טראָמפּייט, הילכיק, פּראָטעסט־לשון. אַנדערע ווידער אויף אַ זיסן קלאַרנעט, און אַזעלכע פאַראַנען, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַרויסבאַקומען בלויז מיט אַ מיסטישן שופר...

פון דאַנען די מעלאָדישקייט פון לאַנדינסקיס פּערז״.*

איך וואָלט פון גאַנצן האַרצן רעקאָמענדירט די זאַמלונג אונדזערע קאָמפּאָזיטאָרן. אין געבוי און פאָרעם זענען די לידער אָפּט ענלעך צום פאָלקלאָר, צום פאָלקס־ליד. אונטער דער פּשטות ליגן אָבער טיפקייטן.

די לידער זענען געשריבן ס׳רוב אין פּאַריז. עפּעס איז אונדז פראַנקרייך אַזוי

---

* דער פּאַראַגראַף, וואָס איז נישט איינגעצייכנט, נאָר געגעבן אין פּרעמדצייכנס, איז נישט ווייסענבערגס.

יידיש און דאָס יידישע אַזוי פראַנצויזיש. נישט אַזוי די שאָלעכץ, ווי דער מענטש, וואָס זינגט איןביידע.
אין אַ געשפּרעך מיט לאַנדינסקין וועגן גערעכטיקייט, האָט לאַנדינסקי אַזוי פּשוט גערעדט וועגן דעם פּראָבלעם און מיט אַזאַ גלויבן, ווי אַ קינד (אפשר טאַקע דערפאַר איז ער דער ערשטער קינדער־דיכטער), אַז איך האָב זיך געטראַכט: אָט האָב איך אַ ביישפּיל פון איבערלעבן. וואָרום וויסן איז עפּעס אַנדערש און איבערלעבן איז עפּעס אַנדערש.
אַ בוימייסטער, למשל, טראָגט זיך אַרום מיט טיר און פענצטער. עס פעלט אים אַ קלייניקייט: דער פונדאַמענט און די ווענט. דאָס איז טעאָריע. דאָס אָבער, וואָס מאַכט לאַנדינסקין אַזוי זיכער אין זיינע גלויבונגען און פּראָבלעמען, איז די איבערלעבונג. דעריבער זענען נישט נאָר זיינע שטילע לירישע לידער, נאָר אויך זיינע פּראָטעסט־לידער אויפריכטיק, האַרציק, עכט, מיטרייסנדיק... אָבער דאָס איז נאָך אַלץ נישט דער גאַנצער לאַנדינסקי.
איך האָב לאַנדינסקין קענען געלערנט אַלס הויך עטישן מענטש. און ווי איז צו די לאָבוסלעך פון געוויסע צייטונגען, וואָס האָבן זיך דערלויבט צו בילן קעגן לאַנדינסקין. איך זאָג צו לאַנדינסקין: זאָל דיך אויף יידן נישט פאַרדריסן. וואָס איז פאַלק? אַ ווינט, אַ גאַרנישט. עס האָט נישט קיין אויג און קיין אויער פאַר די דערשיינונגען אַרום אים. עס זעט קיין מאָל נישט וואָס פאַר אַ באַדייטונג דער־שיינונגען האָבן פאַר דער צוקונפט. עס האָט נאָר אַן אויער פאַר ווייטע באַרירונגען: יידן זענען אַרויס פון מצרים. פּרעה איז דערטרונקען געוואָרן. מען האָט געבלאָנדזשעט אין דער מדבר. די נסים אָבער, וואָס די טאָג־טעג־לעכקייט וועבט פאַר זיין נאָז, פאַר דעם האָט עס נישט קיין חוש. אמת, נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פירן אַזעלכע חשבונות.
. . . די ראַמען פון קליינע דיכטונגען זענען, לויט מיין מיינונג, צו ענג פאַר לאַנדינסקיס מעגלעכקייטן. די ליניע אין וועלכער לאַנדינסקי גייט, איז אַ ריכטיקע. אַז לאַנדינסקי וועט אין זיינע שאַפונגען ווייטער גיין אין דעם וועג, וועט ער אונז ברענגען אויך גרויסע מייסטערווערק.

א. מ. ווייסענבערג
לעגיאָנאָוואָ, יוני, 1938 [243]

לאַנדינסקי האָט געטראַכט, און אפשר מיט רעכט, אַז ווען ווייסענבערג וואָלט אַליין געווען ביכולת צו שרייבן דאָס פאָרוואָרט — און נישט דיקטירן עס — וואָלט ער מער געזאָגט וועגן זיינע לידער. ער האָט צוליב דעם אויף אייגענער האַנט צו־געגעבן עטלעכע זאַצן, וואָס ער האָט מסתמא נישט געטראַכט אויסצובאַהאַלטן פון ווייסענבערגן. און ווען ער איז געקומען אַ צווייט מאָל, שוין מיטן פאַרטיקן בוך, האָט ער ווייסענבערגן איבערגעלייענט דאָס גאַנצע פאָרוואָרט. ווען ער איז צוגעקומען צו די עטלעכע שורות, וואָס זענען נישט געווען ווייסענבערגס, און ספּעציעל צו די ווערטער: „לוידער דינען מיר נישט מיינע הענט" (צוליבן אָפּגע־שוואַכטן געזונט) האָט זיך אויף ווייסענבערגס פּנים געלייגט זייער אַן אומצו־פרידענע גרימאַסע. קודם־כל זענען אַזעלכע רייד אין גאַנצן נישט געווען אין ווייסענבערגס נוסח. ער האָט אָבער לאַנדינסקין גאַרנישט געזאָגט. זיין פּנים האָט געענוג אויסגעדריקט דעם ווילן אָפּצוּוואַרפן יענע פרעמדע שטעלע, וואָס זי וואָלט זיך נישט געפונען אין זיינס אַ טעקסט, אפילו ווען ער וואָלט בכּוח געווען אים צו שרייבן מיט זיין אייגענער האַנט.

אויף לאַנדינסקיס „מזל" זענען גראַד טשעליאַדניצקי, ערליך און גאָלדסאָבעל געווען דערביי. ס'איז געווען אַ שבת אין דער פרי, ווען זיי זענען אויך געהאַט געקומען זען ווייסענבערגן.

נו, האָבן זיי דאָס באַלד אונטערגעכאַפּט און, לאַנדינסקין האָב איך דעמאָלט נישט מקנא געווען. זיין פאַרדראָס — מסתמא אויף זיך אַליין, פאַר וואָס ער האָט דאָס פאַרוואָרט גראַד געדאַרפן פאַרלייענען פאַר ווייסענבערגן בשעת זייער בייזיין — איז געווען גרויס, אָבער ס'איז געווען שפּעט צו פאַרריכטן דעם נאַיִוון טעות זיינעם, און ער האָט זיך דערפילט, ווי געפאַנגען אין אַ נעץ פון פאַרדאַכט און חשד. זיינע הענט האָבן אָנגעהויבן נערוועז זיך צו טרייסלען. אַזוי האָבן אויך געציטערט די מוסקולן אויף זיין פּנים, און אַלץ אין דער שטוב האָט געשוויגן.

ווייסענבערג האָט באַקומען אַ קאַרטל פון ש. דאַן, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף אורלויב פון זיין בוכהאַלטער־שטעלע. ער איז שוין צו יענער צייט געווען גאָר שוואַך. ער איז אַראָפּ פון בעט, כּדי זיך צו זעצן אַ ביסל אין אַן אָנלענשטול. זיצנדיק האָט זיין גוף אין גאַנצן געציטערט פון שוואַכקייט. נאָר ער האָט געהייסן דאַנ'ען ענטפערן, אַז אין האַרבסט, ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט ער אָנהייבן אַרויס־געבן אַ זשורנאַל, ווו דאַן וועט קענען מיטאַרבעטן.

נישט געוואָלט האָט ווייסענבערג שטאַרבן, און אפילו נישט טראַכטן דערוועגן.

כ'האָב אים אַ מאָל געגעבן צו עסן אַ שוואָמענזופּ, וואָס ער האָט זיך געהייסן אָפּקאָכן, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכטן, אַז דאָס האָט אים פאַרשמעקט. אָבער ווען ער האָט צוגעטראָגן דאָס צווייטע לעפעלע צום מויל — האָט ער די זופּ אָפּגע־רוקט. כ'האָב אים געפּרוּווט צורעדן צום עסן, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט מער. האָב איך אים געפרעגט: ווי אַזוי וועסטו געזונט ווערן, טאַטעשי, אויב דו עסט נישט?

די אַריינגעוואָרפענע פראַגע — איך צווייפל, הייסט עס, אין זיין געזונט ווערן — האָט שוין נישט געטויגט.

אַ מאָל איז געקומען צו אים זיין שוועסטער חמה פון זשעלעכאָוו. זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט דער מוטער, די באָבע פּעסע. האָט ער איר געזאָגט, אַז ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט ער אַראָפּקומען אין שטעטל און איינאָרדענען די מוטער זייערע אַזוי, אַז זי זאָל האָבן אַ באַקוועמע עלטער.

די שוועסטער, אָנקוקנדיק זיין מעמד, האָט טרויעריקלעך אַ זאָג געטאָן: „הלוואי גאָט זאָל דיר נאָר העלפן, דו זאָלסט געזונט ווערן".

ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ געשריי געגעבן אויף איר מיט דער גרעסטער אויפרעגונג: „פּאַסקוסטוואָ, דו!"

אַזאַ אומגעהײַערער דראַנג צום לעבן איז ביי אים געווען „דער טויט איז מיאוס", פלעגט ער אַלע מאָל זאָגן. דאָס קומט אויך בולט צום אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען, און דאָס דערהאַלטן יענעמס לעבן האָט ביי אים געהערט צו דער גרעסטער מיצווה — זאָל עס זיין דאָס לעבן פון אַ מינדסט באַשעפעניש אַפילו.

ער האָט איין מאָל באַמערקט אין בעט ליגנדיק, ווי אַ זומער־פייגעלע האָט זיך פאַרטשעפּעט (מסתמא מיט אַ פּיסל אָדער אַ פליגעלע) אין דער וויטרינע פון

פענצטער אין דער סאַמע הייך. ס׳האָט זיך שוין געמוזט אַ לענגערע צייט מאַטערן אַזוי און געפּלאַטערט מיט די פליגעלעך ביים ווענדן זיך אַפּרייסן פונעם פענצטער. עס האָט אָבער נישט פאַרמאָגט די קראַפט און סוף־כל־סוף וואָלט עס זיך אַרויס־געשלאָגן פון די כוחות. ווי דער טאַטע האָט דאָס דערזען, האָט ער געזאָגט גנענדלען, זי זאָל נעמען „אין דער געשווינד" (זיינס אַן אויסדרוק) די באַרשט און דאָס פלאַטערל אָפּטשעפּען. ער האָט איר דערביי אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל דאָס טאָן מיט דער גרעסטער אָפּגעהיטקייט.

ביי דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט אָבער, האָט גנענדל דאָס זומער־פייגעלע נישט ווילנדיק צעריבן מיט דער באַרשט. ווער פאַרמאָגט דאָס אַזאַ אויסערגע־וויינטלעך געפיל און אַזאַ מאָס אין דער האַנט, כדי אויסצומיידן דאָס, וואָס איז געשען? גנענדל האָט זיך דערשראָקן, נאָר אַ נס, וואָס דער טאַטע האָט דאָס נישט געקענט זען, ווייל זי האָט מיט זיך פאַרשטעלט דאָס פענצטער. ווען נישט דאָס, וואָלט געוועזן „הימל עפן זיך". מיר האָט זי שפּעטער דערציילט, אַז דעם טאַטן האָט זי געזאָגט, אַז דאָס זומער־פייגעלע איז אַרויסגעפלויגן דורכן אָפענעם פענצטער.

דער טעם פון דער באַבע פעסעס געקעכץ איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען. האָט ער אונדז געהייסן זוכן שעפּסנפלייש און גענדזענע קישקעלעך, וואָס די באַבע פלעגט דערפון מאַכן אַ געשמאַקע גריץ. זי פלעגט די קישקעלעך גוט אויסרייניקן; אויס־שאָבן און אויסבריִען מיט אָקרעפּ און נאָך אָנפילן זיי מיט מעל, אַ קאָפּ פעטס, ציבעלע, און דערפון קאָכן אַ האָבערגריץ מיט אַ פּאָר שוועמלעך, אַז „ס׳האָט געהאַט אַלע טעמען", האָט ער דערציילט.

פלעגן מיר זוכן די גענדזענע קישקעלעך, וואָס מ׳האָט אין וואַרשע בכלל נישט געקענט באַקומען און אַפילו אין דער לעגיאָנאָווער יאַטקע האָט מען דאָס אויך נישט געזען, כאָטש דאָס איז געווען אַ קליין אָרט. וואָס שייך דעם שעפּסנפלייש — האָט מען דאָס יאָ געקענט קויפן, אָבער עס האָט עפּעס נישט געהאַט יענעם טעם, וואָס דאָס שעפּסנס פון די זשעלעכאָווער קאַנטן. ס׳האָט אויך געהאַט אַ ספּעציפישן שעפּסן־גערוך. מיט איין וואָרט — עס איז נישט געווען דאָס. דעם קעפיר, וואָס מיר פלעגן אַליין אָנשטעלן אין פלעשער, האָט אויך געפעלט „יענע קליינקייט", וואָס פּראָפעסיאָנעלע קעפיר־מאַכערס ווייסן דעם סוד ווי אַזוי צו שטעלן, האָט ער געזאָגט.

ער האָט מיר געהייסן אָנשרייבן בריוולעך, וואָס איז דעמאָלט געווען אין בריסק כדי צו פאַרשפּרייטן די ביכער, און איז איינגעשטאַנען ביי איר שוועסטער חנה און איר מאַן באַלגלעי — וואָס האָט דאָרט געהאַט אַ פאָטאָגראַפישן אָנשטאַלט — אַז זי זאָל אַהיימקומען, ווייל די פלוימען אויף די ביימער זענען שוין צייטיק געוואָרן און מע קען שוין פּרעגלען איינגעמאַכטס אויפן ווינטער...

מישאַ טראַיאַנאָוו פלעגט אים אַלע מאָל ברענגען ווייסע נאַרציסן. זיי האָבן אַזוי געשטימט מיט טראַיאַנאָווס צאַרטער נשמה. ער פלעגט אָפּזיצן שעהען אַנטקעגן ווייסענבערגס בעט און שווייגן, אַרויסקוקנדיק באַטריבט דורכן פענצטער.

— „טראַיאַנאָוו" — האָט ער אים איין מאָל געזאָגט — „אײַער שווייגן זאָגט מיר מער ווי אַן אַנדערנס רעדן..."

בכלל האָט אויף ווייסענבערגן אַלע מאָל געווירקט מער דער שטילער אומעט, ווי דער רעשיקער.

איין מאָל, דאָס איז שוין געווען צווי וואָכן פאַר ווייסענבערגס טויט, זענען געקומען צו אים טשעליאַדניצקי, ערליך און גאָלדסאָבעל. די לעצטע צווי האָבן זיך געהאַלטן אַ ביסל רעשיק; גערעדט, געפרעגט, ווי געוויינטלעך. טשעליאַדניצקי אָבער איז געזעסן אין גאַנצן שטיל. ווייסענבערג האָט זיך דעמאָלט געפילט בעסער. (דאָס איז געווען די בעסערקייט פון פאַרן טויט.) די טעמפּעראַטור איז געהאַט געפאַלן, דער אַפּעטיט האָט זיך ביי אים פאַרבעסערט, און אַ גרויסע האָפענונג און אַפילו אַ זיכערקייט — אַז אָט ווערט ער שוין געזונט, איז אין אים אַריין. אַ, ווען עס איז באַקאַנט יענע פרייד פון אַ קראַנקן אַן האָפענונג; יענע אומגעריכטע מתּנה, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, די פריידשטראָמען, וואָס הייבן אַן אויף איין מאָל פלייצן און פאַרנעמען דאָס אָרט פון אין־סופיקן חושך אין דער מחשבה און אינעם גוף, וואָס זענען פאַרפייניקט פון ספקות און יִיאוש!...

האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און גערעדט — כ'וואָלט געזאָגט, מיט אַ מין באַרימערײַ — אַז אָט איצט ווערט ער שוין געזונט.

טשעליאַדניצקי אָבער, זעענדיק זיין גרויסע פאַרענדערונג, האָט געקוקט אויף אים און געשוויגן.

אין אַ מינוט אַרום האָט ווייסענבערג אים געפרעגט: „וואָס שווייגט איר אַזוי, טשעליאַדניצקי?”, און אַזאַ רירנדיקע ווייכקייט איז געווען אין דעם קול, ווי ער וואָלט גאָר טשעליאַדניצקין געוואָלט טרייסטן...

נאָר טשעליאַדניצקי האָט אויף דערויף נישט געקענט ענטפערן.

אים אַליין, ווייסענבערגן, געדענק איך אויפן בית־הקברות מיט אַ יאָר פריִער, צו נאָמבערגס צענטן יאָרצייט, ווי ער איז געשטאַנען פון דערווייטנס אַ שטיל־טרויעריקער און געקוקט צו נאָמבערגס קבר, בשעת אַלע אַנדערע האָבן אַרומ־גערינגלט זיין מצבה.

די בעסערונג האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, און עס איז געקומען דער לעצטער עטאַפּ: נידעריקע טעמפּעראַטור, מאַכטלאָזיקייט.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַלט 60 יאָר, אָבער לויט די אָנגעגעבענע דאַטעס: 1881־1938 קומט אויס, אַז ער איז בלויז אַלט 57 יאָר. דאָס נעמט זיך דערפון, האָט ער געזאָגט, וואָס ווען ער איז געשטאַנען צום פּריזיוו, האָט אים אַ מיליטערישע קאָמיסיע געשאַצט די יאָרן און אַזוי האָט מען אים פאַרשריבן: געבוירן: 1881. אין דער אמתן איז ער אָבער געבוירן געוואָרן אין 1878.

דעם לעצטן טאָג, דאָס איז געווען פרייטיק, דעם 12טן אויגוסט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך צולייגן ביי טאָג שלאָפן, ווייל ביי נאַכט וועט ער דאַרפן, אַז כ'זאָל אויפזיין ביי אים. די פריִערדיקע נאַכט האָט ער שוין אויך געהאַט אַ שלעכטע.

דעם זעלבן פרייטיקדיקן פרימאָרגן בין איך געהאַט אַרויסגעגאַנגען פאַר דער פאָרטקע פון דער ווילע און האָב דערזען ליגן אַ טויטע הון. דאָס האָט מיר עפּעס אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. ס'איז געווען אַ שלעכטער סימן. נאָר פון דעסט וועגן האָב איך אויף דעם, וואָס איז געקומען, נאָך אַלץ זיך נישט געריכט.

ביי נאַכט, דאָס איז געווען אַרום 11 אַ זייגער — און איך האָב זיך נאָך אַרומגע־דרייט אַרום טאַטן און דער ווירטשאַפט (גנענדל איז שוין געהאַט צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע) האָב איך, צוגייענדיק צום אָפענעם פענצטער אין דער קיך, אַרויסגעקוקט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין — און האָב בפירוש געהערט עפּעס אַ געהיימע־נישפול שעפּטשען פון דרויסן: „פערל...", ווי עמעץ וואָלט מיך גערופן צו אַ גרויסער געשעעניש.

די זעלבע נאַכט האָט גנענדל אין וואַרשע זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון שלאָף, דאָס איז געווען אַרום 3 אַ זייגער. זי האָט געטראַכט האַלבוואַך, האַלב פאַר־שלאָפן: „וואָס וועט זי טאָן, פערל? זי האָט דאָך דאָרט נישט קיין ליכט אָנצוצינדן, און ווו וועלן מיר נעמען שוואַרצע קרעפּע?..."

דער טאַטע האָט מיך אַריינגערופן פון קיך. ער האָט זיך געוואָלט אויפזעצן אויפן בעט און האָט שוין נישט געקענט. ער האָט זיך געהייסן געבן עסן. די אייער־קיכלעך און ווייסן קעז האָט ער עפּעס מאָדנע געשלונגען ווי אין געאײַל. דערנאָך האָב איך אים געגעבן האָבערגריץ, וואָס איז געווען אָפּגעקאָכט און געשטאַנען אָנגעגרייט אויפן טיש. ביים פאַרזוכן זי, האָט ער געזאָגט:

— „די עסנס זענען אַלע זייער גוט, נאָר איך קען זיי נישט עסן". אין אַ ווייל אַרום האָט ער געפרעגט:

— „וואָס איז דער טיש אַזוי ליידיק? — עסן און טרינקען זאָל זיין אויפן טיש"

— און מיך געפרעגט:

— „וואָס ליידיקסטו מיר אויס די וועלט?"

קיינער איז דערביי נישט געווען, נאָר איך אַליין.

אויפן טיש זענען געשטאַנען עטלעכע ראָזע גלאַדיאָלן. די בלומען האָט ער זייער ליב געהאַט. ער האָט זיך אַלע מאָל אָנטציקט מיט זייער ראָזער פאַרב אין עטלעכע טענער. אַ בוקעט איז אים נישט געפעלן, נאָר עטלעכע איינציקע בלומען אויפן טיש. אַ בינטל פרילינג־בלימלעך, געלע „לייבנציין" פלעגט ער יאָ ליב האָבן.

זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען:

„צי האָב איך די מענטשן צו פיל אמת געזאָגט?"

באַלד האָט ער זיך אָנמאַכטיק אַנידערגעוואָרפן אויפן בעט. שפּעטער צו האָב איך געהערט אַ רוישן ביי אים אין האַלדז, ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּעס געקאָכט און געבלעזלט. האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז מסתמא אַזאַ גרויסער צופלוס פון פלעגמע, וואָס בולגאַטשעט אַזוי ביים אָטעמען. אין דער אמתן איז דאָס שוין געווען גסיסה, „די טרויעריקע כּלי־זמר", נאָר איך האָב דאָס נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, און אפשר נישט געוואָלט פאַרשטיין. דאָס ערשטע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי אַ גוסס, און דאָס איז געווען ביי מיין אייגענעם טאַטן.

ער איז געלעגן אויף דער לינקער זייט. איך האָב אים שטיל צוריקגערופן פון זיין אָנטרונען ווערן:

— טאַטעשי, טאַטעשי...

ער האָט פון אַ דערווייטערטער וועלט אָנגעשטעלט אויף מיר די אויגן און מיך אָנגעקוקט אַ לענגערע ווייל מילד און אומבאַוועגלעך.

אָבער באַלד האָט דער מלאך־המוות אים אָפּגעקערט זיין בליק פון מיר, און האָט אים אויך אַ גלייך אויס געגעבן די ביינער, ווי צום סאַלוט דעם טויט, און אים אַוועקגעלייגט אויסגעצויגן אויפן רוקן.

פּאָר טאָג, ווען דער ערשטער זונשטראַל האָט זיך געוועקט, האָט ער באַשיינט דעם שוין קאַלט ווערנדיקן קערפּער פון יצחק־מאיר ווייסענבערג.

זיין תּלמידה, די קינדער־דיכטערין שׂרה בירנבוים, האָט אָנגעשריבן אָט די עלעגיע צום אָנדענק פון י. מ. ווייסענבערג:

אין מיטן זומער

אין מיטן זומער פאַרן שניט
געקומען איז מיט שטילע טריט
דער טויט.
ווי האַרבסטיקער רעגן
געקלאַפּט אין דיין שויב:
— עפן, עפן, כ׳בין אַ טויב!
מיינע פליגל זענען נאַס,
דער שטורעם האָט מיין נעסט צעשטערט.

די ווערבע טרויערט איבער מיט
און בייגט איר קאָפּ צו דר׳ערד:
— לאָז מיך נעכטיקן די נאַכט,
כ׳האָב אַ בשורה דיר געבראַכט,
אַ בשורה פון דיין שענסטן טרוים:
פאַלשע תּורות שווענקט אָפּ דער מבול,
עכטע טובלען זיך אין רוים.

דו האָסט געגלייבט.
דאָס פענצטער אויפגעמאַכט.
האָט דער טויט אַריינגעפלאַטערט
און ביי דיר אַ נעסט געמאַכט... — — — —

און אין דער לופט האָט אַלץ דער טרוים
תּפילהדיק געשעפּטשעט:
— פאַלשע תּורות
שווענקט אָפּ דער מבול,
עכטע — טובלען זיך אין רוים.[244]

ביים פרישן קבר, האַרבסט 1938.
פון לינקס: גנענדל, ווייסענבערגס טאָכטער
און די טאָכטער פון אַבע באָמאַץ,
ווייסענבערגס אַ לאָדזשער פריינד.

די אַנטהילונג פון דער מצבה אויפן קבר פון י.מ. ווייסענבערג.
וואַרשע 1951.

דאָס פּרעזידיום פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד
פון די ייִדן אין פּוילן.

דער פאָרזיצער דריקט אויס ביי דער
אַנטהילונג די טיפסטע אַכטונג צום גרויסן ייִדישן שרייבער
יצחק־מאיר ווייסענבערג.

די דעלעגאַציע פון דער רעדאַקציע פאָלקס־שטימע.



קרענץ פון פאַרשידענע דעלעגאַציעס צו דער אַנטהילונג פון דער מצבה אויפן קבר פון י.מ. ווייסענבערג.

צום צוואָנציקסטן יאָרצייט פון י.מ. ווייסענבערג
אויפן גענשער בית־עולם.
ערשטע רייע פון רעכטס אויף לינקס: מאַרק ראַקאָווסקי, פּסח בינעצקי, בער
מאַרק, משה זאַלצמאַן, ס. פישגרונד, הערש סמאָליאַר, און לייב אָליצקי.
צווייטע רייע: אפרים קאַגאַנאָווסקי, י. פעלהענדלער,

ביים קבר פון י.מ. ווייסענבערג.
פון לינקס: ב. מאַרק, א. קאַגאַנאָווסקי און ל. אָליצקי
(וואַרשע, 1958).

יצחק־מאיר ווייסענבערגס מצבה,
געשטעלט געוואָרן אין 1951 לויטן פּראָיעקט פון חיים האַנפט.

מאַרגן, זונטיק, דעם 30־טן סעפּטעמבער קומט פאָר אויפן גענשער בית־עולם אין וואַרשע די אַנטהילונג פון דער מצבה אויפן קבר פון יידישן פאָלקס־שרייבער

י. מ. ווייסענבערג.

אויפן בילד אונטן — די מאַרמאָר־פּליטע פון דער מצבה, וואָס איז געשטעלט געוואָרן דורך דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן

אויפשריפט אויף דער מאַרמער־פּליטע פון ווייסענבערגס מצבה:

ער איז געקומען פון פאָלק
און געשריבן פאַרן פאָלק.

געשטעלט דורך דער
הויפּט־פאַרוואַלטונג
פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן
פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן.

הוספה א

אפּקלייב פון י. מ. ווייסענבערגס קאָרעספּאָנדענץ



[1]



[2]



[3]



[4]



7/XI

בונד = אַרכיוו

ליבער גענאָסע ראָזען!

בונד - אַרכיוו

[illegible]

י. מ. ווײַסענבערג.



[6]


ווארשע 9/III

ליבער חבר ניגער.

[illegible]

י. מ. ווייסענבערג

[7]


ליבער חבר ניגער.

[illegible]

י. מ. ווייסענבערג

[8]

ליטעראטן-פאנד

אגודת הסופרים והעתונאים היהודים
כלומאצקא 13/4

פעראיין פון יודישע ליטעראטן און זשורנאליסטן
ווארשא, טלאמאצקע 13/4
טעלעפאן 234-21

ווארשא, דעם 13/4 1922

אין
"י. ל. פרץ-שרייבער-פעראיין",
ניו-יארק.

ג. ח. ח.!

הירמיט בעפולמעכטיגן מיר צום חבר י. א. ווייסענבערג, מיטגליד
פון אונזער פארוואלטונג, צו באריכטן וועגן דער טעטיקייט און
צושטאנד פונם "ליטעראטור-פאנד", צו פארקויפן אונזערע אויסגאבן,
פארטרעטן אונז, מאנען געלט פאר אונזער אינסטיטוציע, ווי אויך
אונז צו רעפרעזענטירן אין אמעריקא.

מיט חבר-גרוס

פאר דער פארוואלטונג:

פארזיצער [signature]
סעקרעטער [signature]

פעראיין פון יוד. ליטעראטן און זשורנאליסטן — ליטעראטור-פאנד

[9]

TOWARZYSTWO WYDAWNICZE — צענטראל — פארלאגס-געזעלשאפט

CENTRAL

Sp. z. o. o.

מ.ב.ה.

RACH. CZEKOWY w P. K. O. Nr. 3791.

RACHUNKI BIEŻĄCE:
w BANKU HANDLOWYM w Warszawie, Tłomackie
w BANKU KUPIECKIM Łódzkim w Warszawie

Adres telegr.: „CENTRMERKAZ". Telefon 61-63.

הויפט-פארקויף
פון די אויסגאבן
ראזענקראנץ און שריפטזעצער
ווילנע.

Warszawa, 23/III 1922
Nowolipki 7.

איך באשטעטיג דעם אויך דערפון נישט צו געבן די שריפטן
פון ה' ווייסענבערג ווי אויך דעם פאלקס פארלאג דערקעגן נישט מעהר
די שריפטן. דאס פולע אייגנטום געהערט דעם מחבר אליין.
די מאטעריאלן האבן מיר איבערגעגעבן ה' ווייסענבערג שוין פריער ווארט

[signature]

[10]


White Star Line
S.S.

געערטער פרײַנד לעווין

בונד - ארכיוו

איך שיק אײַך דאָ אַ טייל פון מײַן
לעצטע אונטערשריפטן וועגן, נאָך און
[illegible] ניט געדרוקט, וועלכע
אין [illegible] וואָס
געדרוקט אין [illegible] וואָס מ'האָט ניט אויפגע-
נומען אין „היום“, וואָס איך וועל [illegible] און
איך [illegible] און [illegible].
[illegible] די [illegible] , וועל איך [illegible]
[illegible] פון דעם
[illegible] וואָס איך שיק אײַך [illegible]
[illegible] מיר [illegible] דאָלאַר
[illegible] שיקן 100 דאָלאַר [illegible] מיר אַרויס:
מיט פרײַנדלעכן גרוס. [illegible]

[illegible]

I. M. Wajsenberg
WARSZAWA
(POLAND)
UL. ELEKTORALNA Nr. 14.

[illegible]

ליבער פריינט [illegible]

[illegible]

„רעפערענטן-קלוב" ביי דער רעדאַקציע „אינזער האָפענונג" וואַרשע

ציר קו ליאַר

צו אַלע פריינט און סימפּאַטיקער!

נאָך אַ לענגערער פאַרברייטונגס-אַקציע בעת די זומער-חדשים האָבן מיר איצט אָן מיט דאָפּלטע כּחות אַ ברייטע רעאָרגאַניזאַציע-אַרבעט אויף אַלע געביטן פון אונזער טעטיקייט אַרום דעם קאַמף פאַר אַ ענדגילטיקער ליטעראַטור-ריי ניגונג, וועלכע נעמט אַרום ערשטנס אונזער פאַרלאַגס-וועזן, וואָס האָט דעם צוועק צו געבן דעם לעזער אמת-קינסטלערישע ווערק און וואָס וויל זיך באַציען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און ליבע צו יונגע שאַפונגען; צווייטנס אונזער זשורנאַל („אינזער האָפענונג"), וועלכער קעמפט שוין דריי יאָר קעגן ערוואַקס און פעלשונג אין דער ליטעראַטור, כּדי זי זאָל נישט פאַרנעמען ווערן דורך שונדיסטן און מעקלערס, וואָס ניצן אויס די דעזאָריענטאַציע פון ברייטן עולם פאַר זייער גינסטן.

דאָס אַלץ האָבן מיר מיט אונזער ביזהייניקער טעטיקייט אויפגעדעקט און באַוויזן פון איין זייט, פון דער צווייטער — צוגעצויגן נאָר די, וועלכע האָבן טאַלאַנט, סיי וואָס זענען שוין באַקאַנט, סיי וואָס דאַרפן ערשט פאַרגעשטעלט ווערן דער עפנטליכקייט.

כּדי צו דעם ציל, צו פאַרטרייבן דעם שונד פון באַסערן לעזער פאַרשטאַרקן מיר איצט אונזער אויפקלערונגס-טעטיקייט צווישן די ברייטע לעזער-מאַסן: ערשטנס דורך געזונטער, נישט-פאַרקויפטער קריטיק, ווי אויך שיינע, קינסטלערישע שאַפונגען, און צווייטנס — דורך פאָרלעזונגען און רעפעראַטן.

צוליעב דעם לעצטן ווערט ביי אונז געשאַפן אַ ספּעציעלער רעפערענטן-קלוב, וועלכער וועט אָנפירן מיט אונזער אויפקלערונגס-טעטיקייט איבער אַלע שטעט אין לאַנד. מיר ווענדן זיך דעריבער צו אַלע אונזערע פריינט און סימפּאַטיקער ווי אויך צו סתם-לעזער, זיך צו באַמיען וועגן איינאָרדנונגען פון אַזעלכע פאָרלעזונגען אין זייערע ערטער, ווי אויך שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט אונזער רעפערענטן-קלוב.

מיט אייערע פלייסיקע צוגרייטונגען פון אַזעלכע פאָרלעזונגען, יעדער אין זיין אָרט, וועט איר אונזער זאַך העלפן ברענגען דעם געווינטשטן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג און אַזוי אַרום פאַרמערן די שאַנסן פון אונזער זיכערן זיג.

שוין צו דער אַרבעט!

רעדאַקציע „אינזער האָפענונג"

וואַרשע, סעפּטעמבער 1929.

אַדרעס פאַר בריוו:

Redakcja „INZER HOFENUNG" dla „REFERENTN-KLUB", WARSZAWA, DZIELNA 11 m. 11

WARSZAWA Dzielna 11-11.


ווארשע דעם 8/IV 27

[15]

SPÓŁDZIELNIA WYDAWNICZA
„HOFENUNG"
WARSZAWA
Marszałkowska 131. Tel.
Konto czek.: P.K.O. 14531.

קאָאָפּעראַטיווער פערלאַג
„האָפֿענונג"
װאַרשע
מאַרשאַלקאָװסקאַ 131, טעל.
.14531 .פ.ק.אָ

POCZTÓWKA

Wielmożny
J. G. Ciechanowski
Łódź
Cymera 11

[16]

88199

39/29.062

פ׳ פ. גראובארד,
ווארשע.

אויגוסט 13, 1939.

זייער חשובער פריינד,

פ׳ פינחס קאן האט אונדז איבערגעגעבן פארן מאנוסקריפטן־אפטייל פון ייִוואָ דעם כתב־יד פון דער נאך נית פובליקירטער דראמע פון י.מ. ווייסענבערג ז״ל „דער בעפעהל פון ליבע״. מיר זאגן אייך ארויס אונדזער דאנק פאר דער דאזיקער ווערטפולער שענקונג, וואלטן אבער וועלן האבן גענויערע אינפארמאציעס וועגן איר – וועגן דער צייט, ווען זי איז אנגעשריבן געווארן, ווען איז זי אויך איבערגעגעבן געווארן צום פארעפנטלעכן, צי איז ווייסענבערג געווען גלייכגילטיק, וואס זי ווערט נית אפגעדרוקט ובדומה. ווי אייך איז מן הסתם באקאנט, איז איינע פון אונדזערע אספיראנטור־ארבעטן פארן טערמין טורנוס געווען ספעציעל אפגעגעבן דער טעמע „י.מ. ווייסענבערג און זיין שאפן״.

ארויסקוקנדיק אויף אייער ענטפער, פארבלייבן מיר
מיט די בעסטע גרוסן
אין נאמען פון אוספיר־ביורא

זר/רב

הוספה ב

י. מ. ווייסענבערג אין שפיגל פון דער קריטיק*

בעל־מחשבות (ד״ר א. עליאַשעוו)

י. מ. ווייסענבערג

I

עס איז נאָך קיין פינף יאָר נישטאָ, זינט י. מ. ווייסענבערג איז אַריינגעטרעטן אין דער ליטעראַטור. . . . זיין ערשטע גרעסערע דערציילונג איז געווען ״דור הולך ודור בא״. . . .

די טעמע איז אייגנטלעך נישט ניי, און דאָך האָט ווייסענבערג אויסגעדריקט אין דער דערציילונג עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרנעמט דאָס האַרץ און די פאַנטאַזיע. אים האָט זיך איינגעגעבן צו כאַפּן די באַוועגלעכע ליניעס פון איינער פון די טויזנטער באַנאַלע לעבנסוועלן און דאָס קלאָר און מיט אַ קינסטלערישן טאַקט אויסצומאָלן אין דעם טאָן פון אַ דערציילונג. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אָריגינעלע שפּראַך, אַ נאַטירלעכקייט אין דיאַלאָג, אַ געפיל פאַר די קאָלירן און די שטימונגען פון אַ יידישער נאַכט. אַ זיכערע פעדער, בעת ער שילדערט אין איינע צוויי שטריכן די פיגור און די טבע פון מענטשן.

. . . מיט אַ ווונדערלעכן רעאַליזם באַשרייבט י. מ. ווייסענבערג די לעצטע מינוטן פון נאָטעס לעבן. . . . דערביי געפינט ער ווערטער און בילדער, וואָס זענען פאַר אים נאָך נישט געווען געברויכט. דאָס כאַרכלען פון דער גסיסה רופן אַן נאָטעס חברים אַרבעטער ״די טרויעריקע כּלי־זמר״. ״ווי אַ פריש געפאַנגען פישל זוכט וואַסער, אַזוי רייסט זיך נאָטע נאָך אַ קאַפּעטשקע לופט, דערנאָך אַ שטאַרקער און לעצטער כאַרכל. . . און נאָטען איז אויסגעגאַנגען די נשמה״. . . .

איך האָב זיך בכיוון לענגער אָפּגעשטעלט אויף ווייסענבערגס ערשטער אַרבעט, כּדי צו ווייזן, ווי גאָט־געבענטשטע טאַלענטן הייבן אָן. זיי קומען מיט אַן אייגענער שפּראַך, מיט אַן אייגענעם אופן אויסצודריקן און אויסצומאָלן דאָס, וואָס האָט פאַרנומען זייער האַרץ און פאַנטאַזיע. זיי האָבן שוין כּמעט אַלע נויטיקע פאַרבן, כּמעט אַ פאַרטיקע טעכניק. . . .

II

. . .ווייסענבערג איז אַ רעטעניש פאַר זיין ביאָגראַף. און איך צווייפל שטאַרק,

---

*) די אָפּהאַנדלונגען זענען דאָ געגעבן מיט קלענערע און אויך גרעסערע קירצונגען. פאַר צאָל זייטן זען: ביבליאָגראַפיע „ציטירטע ווערק״.

צי וועט זיין ביאָגראַפיע אונדז געבן אַ מאָל אַן ערקלערונג, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אים זיין טאַלענט.

און ווייסענבערג איז אַ גרויס טאַלענט, אפשר די גרעסטע האָפענונג אונדזערע. אין משך פון פינף יאָר האָט ער זיך געוויזן פון פיל זייטן. און איטלעכע זאַך זיינע טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַ זעלבשטענדיקן קינסטלער. דאָ ציט ער אונדז צו דורך די אָריגינעליטעט פון זיינע טעמעס, דאָ פאַרוווּנדערט ער אונדז מיט דער לעבעדיקייט פון דיאַלאָג, מיט דער טיפער ליידנשאַפטלעכקייט פון זיין טאָן, מיט דעם געפיל זיינעם פאַר די שטומע, שיינע נאַטור. ער מעג אָפן זאָגן אויף זיך: איך בין אַ קינסטלער, און קיין זאַך, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו קונסט, איז מיר נישט פרעמד. פון די צוויי בענדלעך פון "שימינס פאַרלאַג", קען מען זען, ווי רייך און פילזייטיק איז מ. א. [אַזוי] ווייסענבערג.

זיין דערציילונג "אַ שלעכטע פרוי" איז איינציק אין דעם אַרט לויט דער אָריגינעליטעט פון דער טעמע. רבקהלע, די העלדין, איז אַ טיפּ פון שלעכטסקייט. ווייסענבערג האָט פון דער דאָזיקער רבקהלע באַשאַפן אַ וווּנדערלעך לעבעדיקן סימבאָל פון אַן "אשה רעה", אויף וועלכע שלמה המלך זאָגט, אַז זי איז ביטערער פאַר טויט. און נישט קוקנדיק אויף מאַנכע פעלערן אין דער טעכניק, טרעט אַרויס ביי ווייסענבערגן דער טיפּ אַזוי קלאָר, אַזוי שאַרף, דאָס פון היינט אָן קען מען דרייסט פאַרבייטן די פאַרשטעלונג שלעכטסקייט מיט ווייסענבערגס רבקהלע. דער נאָמען וועט מער אויסטייטשן ווי דאָס וואָרט. . . .

אין "אַ טאַטע מיט בנים" זעען מיר פאַר זיך ווידער אַ נייעם ווייסענבערג. אַ הילכיקע קלינגענדיקע וועלט פול מיט מגושמדיקע כּוחות און ברענענדיקע זונען־שטראַלן שילדערט ער אונדז דאָ. . . . געזונטע, יאָדערדיקע יידן עם־הארצים מיט פאַרגרעבטע מוחות און דאָך מיט אַ שלל שטאַרקע ליידנשאַפטן און געפילן.

. . . ווען איר וועט זיך . . . גוט צוקוקן צו אַשס יאָדערדיקע יידן, וועט איר באַמערקן, אַז זייער יאָדערדיקייט שמעקט אַ ביסל מיט גוזמא, אַז פון זייער כּוח, גראָבקייט און פּויסט־קנאַקעריי שמעקט עפּעס מיט די גראָזן פון ראָמאַנטיזם. עס איז דאָ דערין אַ סך געקינסטלטעס. . . . ביי ווייסענבערגן אָבער איז די יאָדערדיקייט אָן עכטע. . . . "דער טאַטע מיט בנים" זענען דער בעסטער באַווייז דערפאַר.

צוגלייך אָבער איז די דערציילונג אַ מוסטער פאַר ווייסענבערגס הומאָר. ער פאַרמאָגט אַ מאָדנעם, מגושמדיקן געלעכטער, וואָס קיינער פון די היינטיקע שרייבער פאַרמאָגט דאָס נישט. ווייסענבערגס געלעכטער הערט זיך חוץ אין "אַ טאַטע מיט בנים" אין זיין "מעשה מיט אַ ציג", אין זיין "שמערל און בערל". . . .

אין זיינע דראַמאַטישע סצענעס "דבורהלע" און "ר' יואל" ווייזט זיך ווייסענבערג אַרויס אַלס אונדזער קינפטיקער דראַמאַטיקער. וווּנדערלעך קלאָר טרעטן אַרויס די טיפּן, . . .

און ווילט איר זיך איבערצייגן, אַז ווייסענבערגן איז נישט פרעמד אַ טיף געפיל און אַן אויסגעצייכנטע טעכניק צו דער מאָדערנער שטימונגס־מאַלעריי, — טאָ לייענט זיין דערציילונג "אין דער שטיל", וועלכע איז פול פון אַ מיסטישער פּאָעזיע,

וועלכע איז די שטילקייט אַליין, די שטילקייט פול פון ליידנשאַפטן, בענקענישן, סודות און טויט.

מען קאָן... זען... די גרונט־ליניען פון זיין פילזייטיקן רייכן טאַלאַנט.

III

...דאָס אָבער, וואָס צייכנט אים אויס אַלס איינעם פון אונדזערע ערשטע שרייבער, איז די טיפע ליינדשאַפטלעכקייט פון זיין טאָן. קיינער חוץ ווייסענבערגן האָט נישט אַריינגעבראַכט אין זיינע ווערק אַזאַ ליידנשאַפטלעכקייט, ווי ער. ער פילט ברייטער און טיפער ווי אַלע זיינע חברים. אין ליבע ווי אין האַס איז ער שטאַרקער פון זיינע עלטערע חברים נאָמבערג און אַש. . . . ער גיסט זיך אינגאַנצן צונויף מיט זיינע העלדן. און ווען ער טרעט יאָ אַרויס הינטער זיין ווערק, — זעט מען פאַר זיך אַ מענטשן מיט אַ טיפן, ברייטן, גוטן הומאָריסטישן בליק אויפן לעבן. צווישן אונדזערע היינטיקע נאָוועליסטן איז ער דער אָביעקטיוווסטער, און כּמעט דער איינציקער, וואָס איז פאַנאַטיש פאַרליבט אין דער קונסט.

מעג מאַנכער לעזער שאָקלען מיטן קאָפּ — מיר אָבער דאַכט זיך, אַז מיט ווייסענבערגן הייבט זיך אָן אַ נייע תּקופֿה אין אונדזער קינסטלערישער ליטע־ראַטור. . . . ביז היינט פעלט דער יידישער ליטעראַטור דער גרויסער ראָמאַן, די גרויסע דראָמע, דאָס ווערק פון גרויסן סטיל. און אויב איינער פון די היינטיקע שרייבער וועט דאָס אַ מאָל געבן, וועט דאָס געוויס זיין — ווייסענבערג.

אין אַ קורצער צייט פון פינף יאָר האָט ער עס געבראַכט אַזוי ווייט, דאָס ער וועקט אין אונדז די שענסטע און בעסטע האָפענונגען פאַר דער יידישער ליטעראַטור.[1]

ש. ניגער

א. מ. ווייסענבערג

איטשע מאיר ווייסענבערג . . . האָט זיך באַוויזן אויף דער יידיש־ליטעראַרי־שער בינע אין אַ צייט פון ליכטיקע טרוימען און אַליין איז ער אויך געווען איינע פון אונדזערע גרעסטע האָפענונגען.

א. מ. ווייסענבערג איז, אַזוי ווי יונה ראָזענפעלד, געקומען פון וואַרשטאַט, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער אַזוי ווי ראָזענפעלד, נישט אַריינגעטאָן זיך דוקא אין אַרבעטער־קאַמף. ער האָט געשריבן קינסטלעריש, נישט קיין „פּראָלעטאַרישע" דערציילונגען. ער האָט אוודאי נישט אויסגעמיטן קיין סאָציאַלע מאָטיוון, ער האָט געמאָלן אויך די אַרבעטער־סביבה (דאָס שטעטל), . . . אָבער זיין הויפּט־טעמע איז געווען דער מענטש, נישט דער קלאַס. און ער האָט געשיל־דערט דעם מענטשן ווי ער איז, נישט ווי דער דיכטער וואָלט וועלן, אַז ער זאָל זיין. להיפּוך צו דעם האַלב־ראָמאַנטישן פּרצן, . . . איז ער געווען אַן אויס־געהאַלטענער רעאַליסט. אַ רעאַליסט, וואָס דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון לעבן

און וואָס דעקט זיי אויף פאַר אונדז מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער פרישקייט, קלאָרקייט און קרעפטיקייט.

פרישקייט, קלאָרקייט און קרעפטיקייט זענען גלייך אין אָנהייב געווען די כאַראַקטער־שטריכן פון ווייסענבערגס שרייבן.

ער איז געווען נישט קיין פאַרחלומטער מאָלער, ווי שלום אַש, נאָר דער סקולפּטאָר פון וואָרט.

בעת יונה ראָזענפעלד האָט וואָס ווייטער, אַלץ קלאָרער געוויזן, אַז ער איז אַ ״בינטל נערוון״, האָט אונדז ווייסענבערג איבעראַשט מיט זיין מוסקולהאַפטיקייט.

מיר זענען געווינט געווען צו אַ אידייען־ליטעראַטור, צו דער קונסט פון שטימונגען און גריבלערייען; אין ווייסענבערגן האָבן מיר דערפילט אינסטינקט.

און אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור, זענען מיר נאָך מער דערפון נתפעל געוואָרן, און ווייסענבערג איז אויפגענומען געוואָרן בתופים ובמחולות. . . .

די קינסטלערישע רייפקייט, וואָס האָט זיך געפילט אין אים גלייך אין אָנהייב, האָט נישט געפירט דערצו, אַז ער זאָל בלייבן שטיין אויף איין אָרט. פאַרקערט, ער האָט תחילת געוויזן סימנים פון אַנטוויקלונג און וווקס. זיין ליטעראַרישער האַריזאָנט האָט געהאַלטן אין איין ברייטער ווערן. צו די פיגורן, וואָס זענען בולט געווען ווי באַרעליעפן, זענען צוגעקומען שטימונגס־מאָלערייען; וווּ־נישט־וווּ האָט אויפגעלויכטן אַ שמייכל פון הומאָר; מגושמדיק און שטאַרק אין ״דער טאַטע מיט די בנים״ [״אַ טאַטע מיט בנים״], האָט ווייסענבערג אין אַ סעריע אייגנאַרטיקע פאָלקס־מעשיות, געוויזן, אַז ער קען זיין שטיל און איידל.

עס האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז דער שטראָם פון זיין שאַפן, אַ שטראָם, וואָס פליסט פון טיפע אונטערערדישע פאָלקס־קוואַלן, וועט וואָס ווייטער ווערן אַלץ ברייטער און מעכטיקער.

ער איז אָבער נישט בלויז נישט ברייטער געוואָרן; ער האָט אָנגעהויבן אויסצוטריקענען. . . .

ווייסענבערג האָט נישט געקאָנט גיין באַרג־אַראָפּ. ער איז געווען ווי דער אויפגעקומענער גביר, וואָס האָט נישט קיין שטאָלץ צו זיין אַ שטילער יורד. ער האָט אומאָנגענעם געטומלט. נישט איינגעהאַלטן זיך אויפן שפּיץ באַרג, האָט ער געוואָרפן שטיינער אין די, וואָס זענען דאָרט געבליבן. ער האָט נישט געקענט באַהאַלטן זיין פאַרדראָס, נישט געקענט דערשטיקן אין זיך דאָס געפיל פון קנאה. . . .

ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַן אייגענעם פאַרלאַג, מיט אייגענע טאַלאַנטן, מיט אַן אייגענעם יידיש, מיט זיין אייגענער יידישער ליטעראַטור, מיט אַ פּריוואַטער, זשעליכאָווער אָרטאָגראַפיע.

ער האָט זיך איינגערעדט, אַז די יידישע ליטעראַטור — דאָס איז ער. . . .

האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ פון די לויב־געזאַנגען — און ער האָט זיך געשטעלט אויפגאַבן, וועלכע זענען געווען איבער זיינע כוחות?

האָט אים אויסגעפעלט לעבנס־דערפאַרונג? איז זשעליכאָוו געווען נישט קיין

גענוג טיפער קוואַל פאַר אַ דיכטער?

איז שולדיק געווען, ווי אַנדערע מיינען, זיין פרימיטיוו־רעאַליסטישער קונסט־מעטאָד?

איז אינסטינקט אַליין טאַקע נישט גענוג פאַר אַ קינסטלער? עס איז נויטיק בילדונג, איינגעבוירענע אינטעליגענץ. איז ווייסענבערגס אינטעלעקטועלער כּוח געווען אפשר צו שוואַך אויפצוהייבן זיין גרויסן טאַלאַנט? כּל זמן ער איז געווען פריש, האָט ער נישט געדאַרפט קיין שותּפים; דערנאָך אָבער האָט אים געדאַרפט קומען צו הילף קולטור, באַוווּסטזיין. זיין טאַלאַנט איז אַנגעוויזן געווען אויף זיך אַליין, האָט עס נישט געטויגט...

גראָד אין די לעצטע יאָרן האָט ווייסענבערג אָנגעהויבן קומען צו זיך. עס האָט זיך געדוכט, אַז עס עפּענען זיך אין אים נייע קוואַלן. ער האָט אָפּגעדרוקט דעם ערשטן טייל פון זיין נייעם ראָמאַן אין דער טיפער אייביקייט. ער האָט געמאַכט אַ פּרווו צו שאַפן אַ נייע פאָרעם פאַר דעם אַלטן מוסר־ספר. ער איז פון רעאַליזם איבערגעגאַנגען צו פאַנטאַסטיק, און מאָמענטנווייז האָט זיך געדוכט, אַז עס איז דאָ אַ זין אינעם איבערגאַנג....[2]

לעאָ קעניג

י. מ. ווייסענבערג

דער פּוילישסטער אפשר פון אַלע פּויליש־יידישע שרייבער איז ווייסענבערג געווען. מיט זיין טעמאַטיק — דעם פּויליש־יידישן שטייגער, מיט די טיפן און מאָטיוון, וואָס ער האָט געשריבן, און נאָך מער: דער פּוילישסטער צוליב זיין פאַנאַטישער כּמעט איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט דעם פּוילישן ייִדנטום, דער פּויליש־יידישער ליטעראַטור, דעם פּויליש־יידישן יידיש...

... ער האָט געגלויבט און געפילט (און זייער ריכטיק), אַז אַ קינסטלער קען גוט און ווערטפול מאָלן און באַשרייבן נאָר דאָס לעבן, אין וועלכן ער איז איינגעוואָרצלט, פון וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן.

ווייסענבערג וואָס האָט אַזוי . . . געקעמפט מיט די „ליטוואַקעס" — מיט אַט די האַלבע אינטעליגענטלעך און בעלי־דיקדוק, מיט אַט די דריטל און פערטל טאַלאַנטן, וואָס מיינען אַז זיי קענען אַלץ און פאַרשטייען נישט ווי אָרגאַניש מען דאַרף זיין צוזאַמענגעבונדן מיט יעדער קינסטלערישער טעמע, מיט יעדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, איז אַליין בטבע געווען דוכט מיר, אַ האַרטער ליטוואַק.

שוין זיין פּנים איז נישט געווען דאָס פּנים פון אַ פּוילישן ייד. עפּעס סלאַוויש־אַזיאַטישעס איז געווען אין די שטריכן פון זיין פּנים. . . .

וואָס איז נאָך פיל וויכטיקער און כאַראַקטעריסטישער, אויך אין זיין אופן שרייבן, אין זיין סטיל איז ער געווען, קאָן מען זאָגן, מער רוסישער ווי פּוילישער ייד. נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסער ליבשאַפט און אַכטונג צו פּרצן און אויף דער גרויסער דירעקטער השפּעה וואָס פּרץ האָט אויף אים געהאַט, געהערט אָבער ווייסענבערג מער צו מענדעלעס „חדר", ווי צו פּרצעס.

ווייסענבערג איז שטענדיק אַכזריותדיקער, מענטשלעכער, דירעקטער און האַרטער צוגעגאַנגען צו אַ טעמע, באַשריבן אַ שטיק לעבן, ווי דער רוב פּויליש־יידישע קינסטלער און שריפטשטעלער.

ווייסענבערג האָט נישט געהאַט, אָדער זיכער ווייניק געהאַט פון אָט דעם, דאַכט זיך, כאַראַקטעריסטיש פּויליש־יידישן סענטימענטאַליזם — פאַלשן אָדער אמתן פּאַטאָס. אויב עס איז אמת די גענעראַליזאַציע, אַז דאָס פּוילישע יידנטום האָט מער "לחלוחית", איז מער פּאָעטיש, ווי דאָס רוסישע יידנטום, דאַן איז אמת, אַז ווייסענבערג, אָט "דער פּוילישסטער פון אַלע פּויליש־יידישע שרייבער" איז בטבע טעמפּעראַמענטאַל געווען אַ "ליטוואַק", אַ רוסישער ייד.

דאָס פּוילישע יידנטום איז טעמפּעראַמענטאַל חסידיש, דאָס רוסישע — ראַציאָנאַליסטיש־מתנגדיש. און ווייסענבערג אַלס קינסטלער איז געווען אַ מתנגד, נישט קיין חסיד, נישט קיין ראָמאַנטישער רעאַליסט, ווי דער רוב פּויליש־יידישע דערציילער און נאָוועליסטן.

פּאַטאָס און ליריזם זענען קינסטלערישער חסידיזם, קאָן מען זאָגן. סאַטירע און פּלאַסטיק זענען קינסטלערישער מתנגדיזם...

און ווייסענבערג אין זיינע בעסטע דערציילונגען איז קודם־כל אַ פּלאַסטישער רעאַליסט.

עס איז נישט קיין איינפאַל און נישט קיין צופאַל: קיינער פון די היינטיקע יידישע שריפטשטעלער איז אַזוי נישט קינסטלעריש קרוביש מיט ווייסענבערגן ווי דווקא דער רוסישער קרעפטיקער דערציילער — איסאַק באַבעל.

* * *

עס איז שוין אַ סך מאָל געזאָגט געוואָרן:

ווייסענבערג האָט געשריבן — . . . ווי אַ סקולפּטאָר האַקט זיינע פיגורן — מיט אַ האַמער און סטאַמעסקע אין די הענט; און נישט מיט רוח־הקודשדיקע פּאַר־גלאַצטע אויגן און אַ גענזענער פעדער, ווי ער וואָלט אפשר אַליין געזאָגט.

ער האָט אַטאַקירט אַ טעמע, און נישט געמאַכט פאַלשע שטיק, נישט "געדרייט זיך אויפן קאָרעק", נישט געהנדלט זיך מיט געזאַלבטע טעמעס...

ער איז געווען, קאָן מען זאָגן, אַ מענלעכער קינסטלער — ווייסענבערג איז געווען "נישט ציוויליזירט", ווי עס איז "נישט ציוויליזירט" אַ רוס לגבי אַ פּאָליאַק; אַ רוסישער ייד לגבי אַ פּוילישן ייד.

וואָס איז ציוויליזאַציע, אויב נישט אויך די פעיִקייט צו מאַכן פשרות און קאָמ־פּראָמיסן, די פעיִקייט צוצופּאַסן זיך און לאַקירן זיך עלעגאַנט און באַקוועם?...

אָבער אויב אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז ציוויליזאַציע אַ נויטיקער און געזונטער עלעמענט, איז עס אָבער נישט די אייגנשאַפט פון אַן אמתן קינסטלער, פון אַ שריפטשטעלער פון באַרוף.

ווען אַ שריפטשטעלער, אַ קינסטלער, איז דורכויס ציוויליזירט און מאַכט שטענדיק קאָמפּראָמיסן מיט דעם לעזער און מיט דעם לעבן אַרום, איז דאָס דער בעסטער באַווייז, אַז ער האָט נישט וואָס צו זאָגן, אַז זיין סאָציאַלער און

קינסטלערישער געוויסן איז צו שוואַך און ער איז נישט אינטערעסאַנט, ער לערנט נישט און ווייזט נישט.

ווייסענבערג איז געווען "נישט ציוויליזירט" רוי, אַ שטיק פּרימיטיוו, נישט דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען "נישט געבילדעט", ווי מיר הערן אָפֿט. נאָר ווייל ווייסענבערג האָט נישט געהאַט די פֿעיִקייט און האָט פֿיינט געהאַט בתכלית השנאה אָט די פֿעיִקייט צו פּרעטענדירן, מאַכן אָנשטעלן און פֿאַזירן צו זיין דאָס, וואָס מען איז נישט.

ווייסענבערג האָט געקאָנט זיין ראַפֿינירט, אָבער נישט ציוויליזירט.

ער האָט דאָס נישט געקאָנט, ווייל ער האָט צו פֿיל געפֿילט און געגלייבט אין זיינע אייגענע נאַטירלעכע כּוחות, ווייל עס איז געווען געגן זיין "נישט פּױלישער" נאַטור. און ער האָט אָט די ספּעציפֿישע "ציוויליזאַציע-פֿעיִקייט" באַקעמפֿט אַפֿילו ביי די עלטערע און יינגערע קאָלעגן זיינע, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, ווייל ער האָט געגלייבט אין זייערע שעפֿערישע פֿעיִקייטן.

ווייסענבערג איז געווען נישט ציוויליזירט, ער איז געווען צו באַדייטנד אַלס קינסטלער, ער זאָל זיך לאָזן פֿאַנגען אין דער גאָלדענער שטייג, אין וועלכער אַזוי פֿיל קינסטלער יידישע און נישט-יידישע — ווערן דערשטיקט, שעפֿעריש אימ־פּאָטענט.

* * *

...און אָט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן ווייסענבערגס אַלס מענטש און קינסטלער, מאַכן אונדז קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, פֿאַר וואָס ווייסענבערג איז געווען דער גרויסער "בונטאַר" אין אונדזער יונגער ליטעראַטור.

ער האָט נישט געקאָנט צופּאַסן זיך, ער האָט נישט געקאָנט פּשרות מאַכן. עס איז געווען געגן זיין קינסטלערישן געוויסן און דערווידער זיין נאַטור.

ער איז געווען צו עכט אַלס קינסטלער, און ער איז געשטראָפֿט צי געבענטשט געווען מיט דעם "אומרו" (ער וואָלט נישט ליב געהאַט ווען איך זאָג "הייליקער אומרו") און ער האָט געמוזט קעמפֿן געגן דער "קאַזיאָנשטשיזנע", די פּסיידאָ־טאַלאַנטן, און דער נישט-אויפֿריכטיקייט, מחלות, פֿון וועלכע אַלע ליטעראַטן ליידן און געגן וועלכע עס מוזן אויפֿשטיין די ווייסענבערגס און קעמפֿן.

ער האָט אָפֿט געקעמפֿט ווילד, נישט נאָר ציוויליזירט, נאָר אַפֿילו ווי אַ "באַר־באַר"...

אָבער בכלל גענומען איז זיין קאַמף געווען נויטיק: נויטיק און ניצלעך, ווי זיינע פֿאָזיטיווע שאַפֿונגען.

אויב עמעצער האָט רעפּרעזענטירט דאָס געוויסן פֿון דער יידישער ליטע־ראַטור פֿאַר די לעצטע פֿאַר צענדליק יאָר — איז דאָס מער ווי עמיץ אַנדערש געווען ווייסענבערג.

און יידישע שרייבער האָבן זיך צוגעהערט צו ווייסענבערגן, אַפֿילו ווען ער האָט זיי ווי געטאָן.

און זיין קאַמף וועט נאָך ברענגען פּרוכט! [3]

י. ראַפּאָפּאָרט

די דרייפאַכע טראַגעדיע

(ווייסענבערג דער קינסטלער, דער קעמפער, דער מענטש)

די יידישע קריטיק וועט נאָך האָבן אַ סך אַרבעט ביים אונטערפירן דעם דריי־פאַכן ווייסענבערג־סך־הכל: פון קינסטלער, פון קעמפער, פון מענטשן. אויב די דאָזיקע אַרבעט איז ביז איצט געווען באַשווערט צוליב שנאה און פּרעזענלעכע פניות, וועט זי פון איצט אָן זיין באַשווערט דורך דעם שולד־קאָמפּלעקס, וואָס האָט ארומגעכאַפּט אַ גרויסן טייל פון יענע קרייזן, וועלכע ווייסענבערג האָט צום מיינסטן און צום שאַרפסטן באַקעמפט.

אַן אַבסאָלוט־אָביעקטיווע און רויִקע אָפּשאַצונגס־אַטמאָספערע איז בכלל אַ זעלטנקייט אין דער געשיכטע פון באַדייטנדע, אָדער אַפילו בלויז מינימאַל־ווערט־פולע ליטעראַרישע דערשיינונגען, אָבער אין פאַל ווייסענבערג איז די דאָזיקע אָביעקטיוויטעט און רויִקייט רעדוצירט געוואָרן ביז אַ מינימום: פון איין זייט אָפּ־שפּעטער און טאָטאַלע פאַרניינער, און פון דער צווייטער — הייסע חסידים און שריים־כאַפּער.

אויב פריִער האָבן אַריבערגעוויגן און געפירט דאָס רעדל די ערשטע, וועלן איצט זיכער נעמען אויבערהאַנט די צווייטע: ערשטנס, האָבן זיי צוגעקריגן אַ שטאַרקן פאַרבינדעטן — דעם טויט, און צווייטנס וועלן איצט קומען צום וואָרט די־יעניקע, וועמען ווייסענבערג האָט צום מערסטן באַקעמפט און פאַראַכטעט, — . . .

די אַרבעט אונטערצופירן אַן אָביעקטיוון סך־הכל פון דער דרייפאַכער ווייסענבערג־דערשיינונג, וועט דעריבער זיין אַ שווערע און לאַנגזאַמע, אַ להבאדיקע. . . .

* * *

די קינסטלערישע אינטויִציע, דער קינסטלערישער אינסטינקט, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם פענאָמען פון קינסטלערישן שאַפן — ווי בכלל פון שעפע־רישן גייסט, — אָבער עס זענען נישטאָ קיין גרויסע קינסטלער אָן גרויסער אינטע־לעקטועלער קראַפט, אָן גרויסע לאָגיש־אַנאַליטישע און סינטעטיזירנדע פעיִקייטן.

אויב די אינטויִציע גיט דעם קינסטלער זיינע פליגל, גיט אים זיין אינטעלעקט די אויגן, צו זען וווהין צו פליִען. אויב דער קינסטלערישער אינסטינקט רייסט אין תהומות, גיט דער אינטעלעקט דאָס ליכט — זיי צו באַלויכטן.

ווייסענבערג איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ גרויסער דאָזע קינסטלערישער אינטויִציע, מיט ברויזנדן קינסטלערישן בלוט, אָבער אָן דעם זיווג פון אינטעלעקטועלן רעגולאַטאָר, פון אַנאַליטישער טיפקייט און סינטעטיזירנדער ברייטהאָריזאָנטיקייט. . . .

ווייסענבערג האָט זיך נישט געקענט באַפרידיקן מיט שלייפן אַ גאַנץ לעבן גלעזלעך, וואָס זאָלן אימיטירן די בריליאַנטלעך, וועלכע זענען אים געשאָנקען

געוואָרן כמעט בהיסח הדעת מצד זיין קינסטלערישער אינטויִציע; ער האָט געבענקט און זיך געריסן צו גרויסעס, געלאָקט דורך די פאַרנעפּלטע וויזיעס פון זיין בלינדער, אינטעלעקטועל־נישט־באַהעלטער קינסטלערישער אינטויִציע. אָט־די טראַגעדיע פון נישט האָבן די געהעריקע מיטלען אויף צוצוקומען צו די געאָנטע וויזיעס, צו די געגאַרטע טיפענישן, איז די דרייפאַכע טראַגעדיע פון דער דריי־פאַכער דערשיינונג ווייסענבערג: אַלס קינסטלער, אַלס קעמפער, אַלס מענטש — ווייל די דאָזיקע אומבאַוווסטזיניק־דורכגעלעבטע טראַגעדיע . . . האָט געלייגט דעם שטעמפּל נישט נאָר אויף ווייסענבערגס קינסטלערישן שאַפן, נאָר אויך אויף זיין קאַמף, אויף זיין דערשיינונג אַלס פּערזענלעכקייט.

* * *

. . . און דערפון — די גערייצקייט, די בולטע אומגערעכטיקייט, דער להכעיס־עלעמענט, וואָס האָט אין ווייסענבערגס קאַמף געשפּילט אַ גרויסע ראָל. נישט קענענדיק קלאָר אַנאַליזירן און בולט אויפווייזן די פעלערן פון אַ שלום אַש, פון אַ אָפּאַטאָשו; נישט קענענדיק בולט אויפווייזן די פאַלשקייטן פון דער לויב־קריטיק, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרקערטער פוריע: צעטראָטן יעדע אָביעקטי־וויטעט פון אורטייל, פאַרלייקנט די מעלות פון די באַקעמפטע קעגנער, געכאַפּט דעם ערשטן־בעסטן גראַפאָמאַן און אים געקרוינט אַלס גאון, אַלס ערשטן פון די ערשטע. . . .

ער איז געווען אַן עכטער קעמפער לויטן אינסטינקט, אָבער דעם דאָזיקן גרויסן קאַמפס־טעמפעראַמענט האָט געפעלט דער זיווג פון ברייט־האָריזאָנטיקן אינטעלעקט. . . .

* * *

אַז ווייסענבערג איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, אַ טיפּ פון אַ דענקער, אַן אָריגינאַל, וועגן דעם קענען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. . . .

אין זיין בראָשור וועגן קונסט (ווי אויך אין זיין פילאָזאָפישער בראָשור) זענען פאַראַן וווּנדערבאַרע פּרטים, וואָס די אינטויִטיווע בליציקייט זייערע איז אַזוי שטאַרק, אַז זיי מאַכן ליכטיק אַפילו די געוויינטלעכע טונקלקייט פון ווייסענבערגס סטיל. (אַזאַ שטעל איז, למשל, זיין דעפיניציע פון רעאַליזם). אין פּריוואַטן שמועס פלעגט ער קאָנען פּלוצלינג אַרויסזאָגן אַזעלכע אינטערעסאַנטע, עכט־אָריגינעלע מיינונגען וועגן שעקספּירס האַמלעט, אַז מע פלעגט בלייבן איבערראַשט. אָבער די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט פון ווייסענבערגס פּערזענלעכקייט, וואָס איז געשטיצט געווען אויף אַ נישט־דורכשניטלעכער אינטויִציע, פלעגט — צוליבן מאַנגל פון אַ אינטעלעקטו־עלער קאָנטראָל, פון אַן אַנאַליטישן אָנשפּאַר — אָפט דעגענערירן ביז צו געדאַנק־לעכן ווילדגראָז, ביז צו אומפאַראַנטוואָרטלעכע וואָרט־קאַפּריזן. . . .[4]

ל. קעניג

וואָס איז דער מער מיט ווייסענבערג׳ן?

צו ווייסענבערג׳ס 50 יאָריקן יובילעי

... די פראַגע — וואָס הערט זיך מיט ווייסענבערגן? וואָס טוט ער? וואָס וויל ער? וואָס בונטעוועט ער זיך? ווערט אָפט אַרומגערעדט צווישן אונדזערע שרייבער.

און ווי עס איז די טבע פון שרייבער, פאַרענטפערט יעדער פון זיי די פראַגע ווי אים לוינט, ווי אים פּאַסט, דאָס הייסט לויט דער מיינונג, וואָס ווייסענבערג האָט וועגן אים, וועגן דעם שרייבער.

ווייס דער שרייבער, אַז ווייסענבערג האַלט נישט פון אים — און ווייסענבערג איז אָנגעפאַלן אויף אַ סך פון אונדזערע שרייבער — אַזוי ענטפערט ער:

— כ׳ווייס דאָרטן, אַ געשעפּט ווייסענבערג. אַ מאָל געהאַט טאַלאַנט, קרענקט דאָס אים און ער פאַלט דערפאַר אָן אויף אונדזערע נייע טאַלאַנטן.

אַנדערע, ווידער, וואָס זענען חושד, אַז ווייסענבערג האַלט יאָ אַ ביסל פון זיי, פּרוּוון אים פאַרטיידיקן:

— עפּעס איז ער דאָך אויסן, ווייסענבערג... ער איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט... אא״וו. . . .

* * *

און אין דער אמתן איז די פּראָבלעמע ווייסענבערג איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אין אונדזער ליטעראַטור. באַזונדערס פאַר די, וואָס אינטערעסירן זיך מער מיט דער פּסיכאָלאָגיע, מיט די וועגן פון שאַפן, ווי מיט באַזונדערע און פאַרענדיקטע שאַפונגען.

וואָס זשע איז דער מער מיט ווייסענבערגן? מיט וואָס איז זיין קינסטלערישער גורל אַנדערש פון די אַנדערע יידישע שרייבער פון זיין צייט? מיט וואָס איז ער אַ ״פּראָבלעמע״?

אָט לאָמיר זען אָקאָרשט:

ווייסענבערג, זאָגט מען, האָט אויפגעהערט שרייבן. ער איז אַ מאָל געווען איינער פון אונדזערע בעסטע יינגערע שרייבער. און היינט שרייבט ער שוין מער נישט, אָדער, אויב ער שרייבט שוין יאָ, איז עס זידל־פּאַמפלעטלעך. . . .

איז אָבער די פראַגע, וואָס קיינער שטעלט זי ביי אונד נישט: פאַר וואָס טוט ער אַזוי? וואָס האָט אים אָפּגעשטויסן פונעם גלאַטן שליטוועג, אויף וועלכן עס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט דער רוב פון זיינע קאָלעגן־שרייבער, וועלכע זענען נתגלה געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור, אַלס ״גרויסע״ טאַלאַנטן אין דער זעלבער צייט, ווי ער? וואָס האָט געשטערט ווייסענבערגן צו ווערן ביי אונדז אַ בכבודיקער קלאַסיקער? טאַלאַנט האָט ער געהאַט, דעם זכות אבות פון גוטע זאַכן, וואָס ער האָט . . . אָנגעשריבן — אַוודאי — פאַר וואָס זשע איז ער איצט נישט דער ״סטאַר״, ווי אַנדערע אין די פאַרשידענע פּאָפּולערע און ווייניקער פּאָפּולערע יידישע אויסגאַבעס?

וועט מען מיר דערויף ענטפערן: ער שרייבט איצט נישט; ער קען איצט נישט שרייבן.

איז אָבער דער ענטפער נישט קיין אויפריכטיקער: ווייל וויפל פון אונדזערע אָנגעענומענע "לעבעדיקע קלאַסיקער" קענען עס יאָ שרייבן, שרייבן עס יאָ נייע זאַכן, אינעם אמתן זין פונעם וואָרט?

האָבן זיך אַ סך פון אונדזערע שרייבער אויף אַן אמת אַנטוויקלט? איז נישט זייער רוב געבליבן שטיין ביי די פּאָטאַלע פּערציקער יאָרן? גייען זיי דאָס רוב נישט אַרום צווישן אונדז, ווי פאַרשוועכטע קדושים, וואָס שפּייזן זיך מיטן חסד פון זייער יוגנט?

און זענען נישט דער רוב פון אונדזערע אָנגענומענע שרייבער — און נישט נאָר אונדזערע — בלויז ווי קאַטערינקעס, וועלכע האַלטן אין איין איבערחזרן די מאַטיוון, די לידער מיט וועלכע זיי האָבן אַ מאָל אויסגענומען ביי די יידישע לעזער און קריטיקער. וואָס זשע האָט נישט דערלאָזט ווייסענבערגן צו ווערן ביי אונדז אַזאַ "הייליקע קאַטערינקע"?

ווי אַנדערע מיט זייערע מאָטיוון, וואָלט זיך דאָך אויך ווייסענבערג געקענט בכבודיק אויסלעבן זיינע ליטעראַרישע יאָרן מיט אומענדלעכע וואַריאַציעס אויף זיינע "אַ טאַטע מיט בנים", "די משוגענע אין דאָרף" און אַנדערע פון זיינע אַמאָליקע מייסטער־ווערק.

יאָ — וועט מען מיר זאָגן — איר זענט אפשר אין דעם פּרט אַ ביסל גערעכט — אָבער ווייסענבערג האָט קיין קולטור נישט. ער איז נישט געבילדעט. דערפאַר איז עס.

וואָלט איך דערויף ענטפערן אַמעריקאַניש: "יו מעיק מי קולטור?" טאַלאַנטן האָט די יידישע ליטעראַטור, אָבער נישט קיין קולטור. ווען דער רוב יידישע שרייבער וואָלטן געהאַט קולטור, וואָלטן זיי זיך אַנטוויקלט און נישט געבליבן שטיין דאָס רוב ביי די יאָרן, ווען קולטורעלע שרייבער און זייערע טאַלאַנטן ווערן רייף. מיר ווייסן פון יידישע שרייבער, וואָס האָבן נישט מער קולטור, ווי ווייסענבערג, און זיי פאַרנעמען ביי אונדז מיט רעכט דעם ליטעראַרישן אויבנאָן און זיי זענען נישט געבליבן שטעקן, ווי אַ בייז אָנשיקעניש אין די נאַלעווקעס, ווי ווייסענבערג. און אַחוץ דעם, דאַרף מען קולטור אויף צום איבערחזרן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די ערשטע יוגנט־געדאַנקען?

ס'איז גענוג, אַז מע האָט טאַלאַנט, אָדער מ'האָט אַ מאָל געהאַט טאַלאַנט. און אפילו ווייסענבערגס שונאים, וועלן מוזן צוגעבן, אַז ווייסענבערג האָט . . . געהאַט טאַלאַנט, און אַ סך.

* * *

וואָס עס פעלט ווייסענבערגן, איז נישט אַזוי בילדונג און קולטור — מען קען, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אָן די זאַכן זיין אַ דערפאָלגרייכער, פּראָדוקטיווער שרייבער — ווי אַ ביסל גאַלאַנטערי, אַט דאָס, וואָס אַן אַלטער רוסישער שרייבער (רעשעטניקאָוו, דאַכט זיך) האָט אָנגערופן "פאַריקמאַכערישע ציוויליזאַציע".

אים פעלט אַ ביסעלע ברילִיאַנטין, אויסערלעך פּאָליטור. און אָט דער חסרון מאַכט אים הינטערשטעליק; אָדער ריכטיקער, אָט דער חסרון לאָזט אים נישט ווערן אָט דער "דערפּאָלגרייכער שרייבער", וואָס לעבט מיט דער גאַנצער וועלט בשלום.

אינטעליגענץ, נישט געשולטע, נאָר אינטויִטיווע, האָט ווייסענבערג דווקא אַ סך. דאָס קען מען זען אי פון זיינע ווערק, אי ווען מען באַקענט זיך מיט אים פּערזענלעך. מען ווערט אַ סך מאָל איבערראַשט פון ווייסענבערגס ראַפינירטקייט אַלס קינסטלער און אַלס מענטש. (און נישט איך אַליין האָב געהאַט אָט דעם געפיל). איך וואָלט געראָטן אַלע אונדזערע עסטעטן און אינטעליגענטן צו לייענען דווקא ווייסענבערגס "קריטישע" אָנפאַלערישע אַרטיקלען, וועלן זיי נישט איינמאָל דערשטוינט ווערן פון די פיינע, דינע דעפיניציעס פון קינסטלערישע פּראָבלעמען, וועלכע ווייסענבערג ברענגט אַרויס. . . .

זיין אינטעליגענץ אויף אַ סך אינטעליגענטן און קונסט־מבינים געזאָגט געוואָרן.

אָבער אָנשטעל, פּאָליש (לאַק) פעלט אים יאָ! אָט די אויסערלעכע פאַבריק־מאַכערישע קולטור, וועלכע איז אַזוי באַקוועם און ניצלעך אינעם היינטיקן לעבן, און באַזונדערס צווישן קינסטלער און שרייבער.

ווי זשע קומט עס, וואָס ער האָט זיך די קונץ נישט אויסגעלערנט, ווי אַ סך אַנדערע קליינשטעטלדיקע בחורים מיט טאַלאַנט און אָן טאַלאַנט? און ווי מיר ווייסן פון דערפאַרונגען, איז דער פּוילישער ייד גיכער מסוגל זיך אָנצושטעקן מיט דער אויבערפלעכלעכער אייראָפּעיִשקייט, ווי דער רוסישער, צי דער ליטווישער ייד.

ווי זשע קומט עס, וואָס אָט דער קערנדיקער פּוילישער ייד, ווייסענבערג (און ער איז, ווי באַוווסט, שטאָלץ מיט זיין פּוילישקייט) האָט זיך נישט געקענט אָנשטעקן מיט אָט דער פּסעוודאָ־קולטור, וועלכע ווערט אָפט ביי אונדז און איבעראַל פאַר־ביטן פאַר אמתער קולטור און בילדונג? דערויף ענטפער איך: ווייסענבערגס טאַלאַנט, זיין צו גרויסער טאַלאַנט האָט אים נישט געלאָזט זיך און אַנדערע אָפּנאַרן.

וואָרום, וואָס איז טאַלאַנט, אמתער טאַלאַנט, אויב נישט אַ שטאַרקער חוש פאַרווירקלעכקייט, פאַרן לעבעדיקן לעבן?

און ווייסענבערגס טאַלאַנט איז צו גרויס . . . ער זאָל זיך קענען באַנוגענען מיט אָנשטעלן, מיט די האַלבקייטן, מיט וועלכע עס נערט זיך און די וועלט דאָס רוב קינסטלער און שרייבער אין אַלע שפּראַכן און ליטעראַטורן.

* * *

ווייסענבערגס "אומגליק" איז, וואָס ער האָט אַ צו גרויסן טאַלאַנט. זיין טאַ־לאַנט, דאָס הייסט, זיין חוש פאַר ווירקלעכקייט, איז צו קרעפטיק, צו קערנדיק־ערדיש, ער זאָל קענען מרוצה ווערן מיט דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן קאָנווענציאָנאַליזם, מיט וועלכן עס לעבן און "שאַפן", אַזוי צו זאָגן, דאָס רוב קינסטלער און שרייבער, יידישע און נישט־יידישע.

* * *

. . . די יידישע ליטעראַטור איז געווען זיין אידעאַל, זיין יום־טוב, זיין קודש־קדשים.

. . . ער איז איינער פון די וואַרצלדיקסטע, קערנדיקסטע טאַלאַנטן אין אונדזער ליטעראַטור. . . .

ווייסענבערג האָט אַ ריזן־טאַלאַנט. ער איז דער סקולפּטאָר אין דער יידישער ליטעראַטור. אונדזער קריטיק האָט שוין אָנגעוויזן אויף זיינע אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייטן פון אַ פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן צו זיך קיין גלייכן אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווי קיין אַנדערער ביי אונדז קען ווייסענבערג מיט ווערטער אויסקלעפּן, אויספּורימען אַ ליטקע, אַ קניה, אַ גוף, אַ קערפּערלעכע באַוועגונג. . . . [5]

נח פּרילוצקי

דאָס רעטעניש ווייסענבערג

1

אין אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט דרייסיק יאָר צוריק אין איינעם אַ וואַרשעווער זאַמלביכל האָב איך שוין פאָר־מולירט, אין וואָס עס איז, לויט מיין מיינונג, באַשטאַנען דער הויפּט־כּוח פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן, שטאַרקן און פולבלוטיקן טאַלאַנט, און מיט וואָס ער האָט גענומען באַלד ביי די ערשטע ליטעראַרישע שריט זיינע.

ווייסענבערג איז געווען דער ערשטער פּלאַסטיקער־סקולפּטאָר — אין דער יידישער בעלעטריסטיק און האָט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור אונדזערער פאַרנומען דאָס אָרט וואָס איז ביז אים געווען פריי — געוואַרט, עס זאָל קומען דער אויסדערוויילטער אויסצופילן עס. . . .

שטעל, צוגאַנג, נאָגיר פון מאָדעלירן שפּראַך — אַלץ איז געווען אייגנס און ניי. . . .

2

. . . פאַרוואָס איז די וועלט שיין און דאָס מענטשלעכע לעבן פול מיט צרות און אומגליק? פון וואַנען נעמט זיך אַזוי פיל שלעכטס צום באַשעפעניש, וואָס הייסט מענטש? וואָס איז די וועלט, וואָס איז דער מענטש, און וואָס איז גאָט? וואָס איז דער יש, און וואָס איז דער ציל זיינער? "איז נישטאָ קיין גרענעץ צווישן רעאַלן זיין און חלום?". . . — די און ענלעכע פילאָזאָפישע שאלות האָבן געפּייניקט דעם פאַר־פאַסער פונעם "בעל־תשובה", און ער האָט זיי געוואָלט נישט אַנדערש ווי באַלייכטן און פאַרענטפערן אין בעלעטריסטישער פאָרעם.

די עובדא האָט איבערגעשטיגן ווייסענבערגס כּוחות. די מעגלעכקייטן פונעם אינטעלעקט זענען דאָ געווען פיל שוואַכער פון זיינע באַדערפענישן און אַספּיראַציעס, און דער טיף פון די שעפערישע פעיִקייטן — בכלל קנאַפּ צוגעפּאַסט צו אַ טעמאַטיק מיט דאָמינירנדיקן פילאָזאָפישן אינהאַלט. . . .

פון ווייסענבערגס שפּעטערדיקע ביכער איז קאַנטיק, אַז ער האָט געלייענט אויף טעמעס, וואָס זענען אים אַזוי טיף אָנגעגאַנגען. אָבער פון דעם ביסל, וואָס ער האָט אויף דעם פעלד געפונען אויף יידיש, האָט ער זיך נישט פיל געקאָנט אויסלערנען.

ס'איז געווען אַליין פאַר זיך אַ פּאַראַדאָקס, אַז דער מענטש מיטן געלענק צו דענקען נאָר מיט בילדער האָט זיך געכאַפּט צו חקירות, וואָס פאַרלאַנגט אַ גוט אויסגימנאַסטיקירטן, לאַנג און סיסטעמאַטיש מיט אַבסטראַקציעס געפּיילטן און געשאַרפטן מוח.

מיט דער ערודיציע פון אַן אַנאַטאָל פראַנס וואָלט זיך ווייסענבערגן מסתמא איינגעגעבן אַ געוויסע מאָס סינטעז פון ספּעציפיש דענקערישן תמצית מיט ריין פּלאַסטישן לבוש. אַן אומבאַהאָלפן דענקען מיט אַ פּרימיטיוון אויטאָדאַקט מיט איבערוואָג פון אומקלאָרער אינטויִציע, איבער אויסדריקלעכן וויסן איז נאָר עלול צו צעברעכן דעם קינסטלער.

כ'האָב אַ מאָל באַמערקט אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון מאָמענט ווייסענבערגס אַן אַרטיקל וועגן קונסט. ס'איז געווען געשריבן שווער, געפּלאָנ־טערט, קלעפּיק, ווי ער וואָלט געדרייט שטריק פון געדיכטן האַלב אויסגעטריקנטן און האַרטלעך געוואָרענעם פּעך. פּלוצלונג האָבן דאָרט אַ בלאַנק געטאָן עטלעכע שורות — פאַרבלענדט, און כ'האָב געשטוינט, אויף וואָסער הויך דער געדאַנק האָט געגעבן אַ פלאַטער אַרויף און מיט וואָסער דורכזיכטיקייט ער האָט זיך אויס־געצייכנט. און באַלד דערנאָך האָסטו קאָנסטאַטירט מיט פאַרדראָס אַ קייקל אַראָפּ צו געפּלאָנטערטקייט, נעפּלדיקייט און באַנאַלקייט.

ס'וואָלט כּדאַי געווען דורכצופירן אַ גענויעם אַנאַליז פון ווייסענבערגס בראָ־שור די וועלט ווי אַ טרוים — די גאַנצע פילאָזאָפיע זיינע, דערלאַנגט אין וויזיעס און דיאַלאָגן צווישן דעם מחבר מיט האַמלעטן (. . . מיטן בעל־שם, מיט בעטהאָווענען).

ווו־נישט־ווו דאַרט דאַכט זיך דיר צו פאַרנעמען אַ מין סטיליסטיש ווידער־קול פון „בן המלך והנזיר".

איינצלנע אויסדרוקן און אַפילו לענגערע פאַרלוימדונגען פאַרהאַלטן אויף זיך דעם בליק דיינעם — זיי זענען אינטערעסאַנט, . . .

אַ שטייגער:

— „צי הייסט דען נישט ביים שטיין לעבן דאָס זעלבע, וואָס ביי אונדז הייסט טויט? . . .

— צי זענען מיר דען באַשאַפן געוואָרן, אַז מ'זאָל אונדז דערפאַר באַצאָלן? צי קאָנען אַפּהענגיקע וועלן מער, ווי דאָס, וואָס מע מאַכט מיט זיי? אַז דו ווערסט נישט וועלן באַשאַפן ווערן, צי וועסטו קאָנען?? און אויב נישט פאַרלוירן ווערן — איינהאַלטן זיך? . . .

— . . . דו מוזט זיין נישט דו כּדי צו זיין אויף דער וועלט, מוזט האָבן איר אַלזיין, איר אַפּשפּיגלונג, דו מוזט זיין זי אין אַלע הינזיכטן. ערשט דעמאָלט ביסטו דו. אָבער נישט דו, נאָר זי: ווען דו שפּיגלסט זי אָפּ אין דיר, ערשט דעמאָלט ווייס

איך פון דיין עקזיסטענץ. דו ביסט איינע פון די בריות [ברירות], וועלכע די עקזיסטענץ האָט זיך אויסגעקליבן צום געבן זיך צו דערקענען דורך איר. נאָר דו טאָרסט נישט זיין אַלס דו. און וואָס ווייניקער דו ביסט אַלס דו און מער אַלס זי — אַלץ מער ביסטו. דעמאָלט ביסטו זי — עקזיסטענץ...

— . . . צו וואָס דאַרף דען דער מענטש פון טאָל אַ וועלט, וואָס איז העכער איבער אים? ווי האָט ער (משה רבינו) געקאָנט וועגן הימלס־טוי רעדן פאַר זיי (פאַר די יידן) אַן מורא, אַז זיי וועלן דעם הימל אויך אויסמעלקן און איבערלאָזן אים ווי אַ ליידיקע אייטער. ווער שמועסט, אַז דאָס וועט זיך לאָזן טאָן אין דער שטיל, אַז דעם צווייטן זאָל נישט אָנקומען אַ חלק דערפון...

— . . . די מענטשהייט האָט זיך אויסגעטראַכט אַ משיח, וואָס זאָל איר דינען פאַר אַ סימבאָל, ווי ווייט ס'איז געזיכערט איר הפקרות, און אַז די איידלקייט איז דערוויטערט פון זייער גבול און שטייט געבונדן אין קייטן...[?]

אָבער דאָס זענען אַלץ פליטערלעך, פאַראייניזאַמט אין אַ וואַלד פון שפּליטערס. . . .

ווייסענבערגס טראַגעדיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז נישט געווען אַ מבין אויף זיך אַליין.

אמונה אין זיך האָט אים נישט געמוזט פעלן נאָך אין די יונגע יאָרן, אַניט וואָלט ער נישט געווען אַזוי גרינג געפונען דעם וועג פון ווערקשטאַטל צו דער ליטעראַרישער כּהונה. אָבער דער גיכער סוקסעס, וואָס איז אים אָנגעקומען אין פולן זין פון וואָרט אַן מי (אָט ווער ס'וואָלט דרייסט געקאָנט איבערחזרן וועגן זיך דעם באַרימטן זאָג: "געקומען, דערזען, מנצח געווען!"), האָט טראַנספאָרמירט די געדאַכטע אמונה אין איינבילדונג.

ווייסענבערג האָט זיך מיט דער צייט איינגערעדט, אַז אַלץ, וואָס ער שרייבט איז דער גרעסטער גראַד פון שלמות, און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אים אַרויספירן פון דעם טעות: די איינבילדונג האָט ביי אים אַטראָפירט דאָס מסוגלניש צו קוקן מיט אָפענע אויגן אויף זיך אַליין — ער האָט אָנגעווווירן יעדן קאָנטראָל איבער זיינע אייגענע מעשים, — און פון דער צווייטער זייט, זיך גאַרנישט געמאַכט פון ווּעמענס־ס'איז מיינונג, באַצויגן זיך מיט ביטול צו אַלע קאָלעגן (מיט די טאַלענטירטע בראש) — אויסן פאַלשן גלויבן, אַז נאָר ביי אים שטייט איין די גאַרע קינסטלערישע קדושה, דאָס גאַרע מענטשלעכע און שריפטשטעלערישע ריינקייט, ערלעכקייט און אומאייגננוציקייט. . . .

ווּעמען אַלץ איז ווייסענבערג אין זיין לעבן נישט באַפאַלן! אָבער זעלטן ווער פון די אַטאַקירטע און באַליידיקטע וואָלט אים נישט מוחל געווען במחילה־גמורה דאָס, וואָס ער האָט אין די אָפּטמאָל מאַניאַקישע פּאָלעמיקעס, פּאַמפלעטן און פּאַשקווילן פאַרגעסן יעדע מאָס און יעדע גרענעץ, ווען נאָר מ'וואָלט קאָנען פועלן ביי דעם פאַרביסענעם איש־מלחמה, ער זאָל מינדעסטנס אין זיין קינסטלערישן שאַפן אָפּהיטן זעלבסט־דיסציפּלין, מאָס און גרענעץ, די דאָזיקע קאַרדינאַלע באַדינגונגען פון פּלאַסטישער קונסט, וואָס איז גאַרנישט אַן פאָרעם, אַן קנאַפּקייט, אַן קאָנדענסירטקייט. . . . [6]

יצחק גאָלדקאָרן

י. מ. ווייסענבערג — צו דער טיפער אייביקייט

ווייסענבערג האָט נאָך אַלץ נישט געקריגן זיין פולע אָפּשאַצונג אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער בלייבט ער צוליב דעם נישט אונדזער גרעסטער פּראָזע־מייסטער? פלאַכע לייענערס און שרייבערס זעען אין אים אַ טאַלאַנט, אַ "רעאַליסטישן שרייבער", דעם מחבר פון "דור הולך ודור באָ". אָבער ווי הימל־הויך האָט זיך ווייסענבערג דערהויבן איבער אָט דעם רעאַליזם! און גראָד איז "דור הולך ודור באָ" נישט פון די שטאַרקסטע, אַפילו צווישן די ריין רעאַליסטישע דער־ציילונגען — אַזעלכע ווי "אַ טאַטע מיט בנים", "אַ שלעכטע פרוי", "מזל טוב" און אַנדערע. אמת, אויך אין די שילדערונגען באַווייזט זיך אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער, וואָס ברענגט אַריין לעבן, פאַרב און דינאַמיק אין יעדן חומר צו וועלכן זיין ווונדערלעכע שעפערישע האַנט רירט זיך נאָר צו. "ויפח באפיו נשמת חיים"... די לעבעדיקייט פון זיינע טיפּן איז אומפאַרגלייכלעך אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער ווייסענבערג האָט זיך אויסגעפיקט פון דער רעאַלער שאָל. ער האָט געשאַפן זיינע מייסטערווערק — דעם "פּאַמניק", "אין דער שטיל", "געברענגט אַ סוד", "אַ וואַלד־מיידל", "איינער אַ מענטש", "ווי דער גורל פירט" און אַנדערע. אָט די און אַנדערע געניאַלע שאַפונגען, פּערל פון פּערפעקציע, שטעלן אַוועק זיין שעפער נישט נאָר אַלס גרעסטן יידישן קינסטלער, נאָר אויך אַלס איינעם פון די גרעסטע פון אַלע פעלקער. . . .

די אויבן דערמאָנטע דערציילונגען זענען אָנגעלאָדן מיט וויזיע און עס ווייעט אין זיי אַ הויך פון עפּעס אייביקס. דאָס מענטשלעכע רעאַלע גיסט זיך צוזאַמען מיטן מיסטיש־איבערנאַטירלעכן. עפּעס אַן אָפּשיין פון גוואַלדיק אומענדלעכס, קאָסמישס, וואָס אונדזער פילן און פאַרשטעלונגס־כּוח קען נאָר אומקלאָר אויפ־נעמען... אָט אַזאַ בילדל פון זיין מאָנומענטאַלן "פּאַמניק", ווי די צוויי אַלטיטשקע גייען אויס: ". . . און איינס פון דאָס אַנדערע, זיי פון דער זון און די זון פון זיי, האָבן זיך נישט געקאָנט מיט זייערע לעצטע בליקן אָפּרייסן". — ווייסענבערג האָט עראָטיש עלעקטריזירט די נאַטור, די אַטמאָספערע אין זיין "געברענגט אַ סוד", ווו "אַ רויטע סודותדיקייט האָט די שטילקייט פון דער וועלט איינגעהילט". און ווי לאַנג די ערד וועט זיך דרייען אַרום דער זון, און דער מענטשן־מין אַרום דער ערד — וועט לייכטן אָט די פאַנטאַסטישע שקיעה־זון, וואָס דער קינסטלער האָט אָנגעצונדן. אין אָט דער דערציילונג — און נישט נאָר אין דער — ווערט פאַרווישט די גרענעץ צווישן רעאַלן און אומבאַשטימטן. דער לייענער הערט אויף צו "געניסן" — ער ווערט פאַרטראָגן הויך צו אַ פלאַטאָנישן "קאַטאַרסיס" אָדער פאַרזונקען אין אַ דאָסטאָיעווסקישן תהום. מען מוז זייער פיל זיך פלאָנטערן צווישן דעטאַליסטישע קליינלעכקייטן ביי באַלזאַקן, ביז מען קומט צו אַזעלכע טיפקייטן, געדאַנקלעכע שאַרפקייטן און געפיל־ווירבל־שטראָמען, ווי אין זיין "ווי דער גורל פירט", "איינער אַ מענטש", וכדומה. ביי ווייסענבערגן בליצט אָפט אויף דאָס אומגעריכטע, אינטויטיוו־

זעעוודיקע און גראַנדיעזע פון שעקספיר, באַלזאַק און דאָסטאָיעווסקי. איך צווייפל, אויב ס'איז פאַראַן אין דער וועלט־ליטעראַטור נאָך אַזאַ ערדיש־ליידנשאַפטלעכע און עטעריש־מיסטישע געשטאַלט, ווי זיין "וואַלד־מיידל"; די טוי־פערלדיקייט פון האָמער און די דעמאָנישע פּאַסיע פון שעקספּיר. דער דיאַלאָג פון דעם וואַלד־מיידל מיט דער טרעפעדקע פאַרמאָגט אַזאַ דערהויבן טראַגישן פּאַטאָס, אַזאַ הימנישקייט, וואָס איז אפשר אומפאַרגלייכלעך. און אין גאַנצן איז אָט די געשטאַלט אומשטערבלעך — צווישן לאורע, בעאַטריטשע, דזשוליע און וויקטאָריע.

* * *

ווייסענבערגס מאַנגל אין . . . בילדונג, זיין "אומפּאַליטקייט" איז געוואָרן די "אַכילעס־פּיאַטע", וווהין פילע האָבן געצילט זייערע פיילן. אָבער אין קעגנזאַץ צו אַכילעסן, האָט עס אים נישט געשאַדט; פאַרקערט, ער האָט זי געהאַט אין פּיאַטע... דאַכט זיך, אַז מען קען אויף אים אָנווענדן דריידענס ווערטער וועגן שעקספּירן: "די וואָס באַשולדיקן אים אין אומגעבילדעטקייט, גיבן אים אַ גרעסערן לויב: ער איז געווען נאַטירלעך געלערנט; ער האָט נישט געדאַרפט די ברילן פון ביכער, כּדי צו לייענען די נאַטור; ער האָט געבליקט אינערלעך און זי דאָרט געפונען." . . . —

אין ווייסענבערגס בלייבן אין זיין אָרעמער מיליע איז אויך, למען האמת, געווען אַ שמץ אייגענע "שולד"; זיין קינסטלערישער — אפשט אין גראָטעסקע פאַרמען זיך אויסדריקנדיקער אייפער, זיין ממש רעליגיעזן דינען דער קונסט. און אויב ס'איז אמת, אַז "אין התורה נקנית אלא למי שממית עצמו עליה" — האָט ווייסענבערג זיין תּורה קונה געווען, ווייל ער האָט זיך פאַר איר מקריב געווען.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר בלויז נאָך איין פאַל אַזאַ: משה־לייב האַלפּערן. שוין בעל־מחשבות, אָט דער פיינער קונסט־אויפנעמער, האָט אָנגעוויזן אויף ווייסענבערגן אַלס דעם קינסטלער, וואָס "גאַרנישט קינסטלערישס איז אים נישט פרעמד". זיינע פיל שטרויכלונגען האָבן אים נישט געבויגן, נאָר ענדגילטיק איינגעבראָכן. אַז אַזאַ גייענדיקער אמת האָט ס'גאַנצע לעבן געמוזט פירן אַ דראַמאַטישן געראַנגל אין אַן עולם השקר — איז פאַרשטענדלעך. נאַטירלעך, האָט ער אָפט אין זיין אמתדיקייט געבלאָנדזשעט, פאַרפּלאָנטערט זיך אויף עגאָצענטרישע זייטנוועגן; אָבער אין תּוך איז ער שטענדיק געווען דער אידעאַלער גערעכטער.

אין אָט דעם מאַנגאַלישן פּנים . . . האָט "געוווינט" די פיינסטע נ אַ ט י ר ל ע כ ע אינטעליגענץ. . . .

י. ראַפּאַפּאָרט, אונדזער קריטיקער בה' הידיעה . . . שאַצט אים מבֿיניש און אַלזייטיק — אָבער ער דערשאַצט אים נישט. מילא, די קליקע ע"ה האָט אים נישט דערשאַצט צוליב "פּאָליטיק" און נישט באַנומען זיין גרויסקייט; אָבער אויף ראַפּאַפּאָרטן איז יאָ אַ חידוש. — עס איז אמת, . . . אַז אָט דער גוואַלדיקער סטיליסט האָט געקענט זיין . . . האַמעטנע ביים אָנשרייבן עטלעכע געלעגנהייטלעכע שורות. אמת, אָבער דאָס איז נישט אַזוי וועזנטלעך. דער קינסטלער, וואָס זיין אַטריבוט איז געווען גאונות, האָט שפּעטער באַפליגלט און אינספּירירט, געקאָנט

אָנשרייבן דאָס שענסטע, טיפסטע און מעכטיקסטע אין דער יידישער שפּראַך. און נישט גראָד בלויז אין זיין אייגנטלעכן זשאַנער. אויך זיינע עסייען, געדרוקטע אין אינזער האַפּענונג . . . געהערן, לדידי, צו די שענסטע און טיפסטע אין אונדזער ליטעראַטור. . . .

יאָ, אינטויִציע, גרויסע אינספּיראַציע איז אַ ריז, וואָס שפּרייזט מיט מייַלן־טריט, בעת די קליינטשיקע מענטשעלעך פּויזען מיט זייער לאָגיק אין פּעטיט.

* * *

...איך האָב נישט איצט פאַר זיך דעם ערשטן באַנד פון זיין . . . גרויס ווערק — אין דער טיפער אייביקייט. ווי ס'זאָל נישט זיין — ווייסענבערג און זיין ווערק געהערן זיכער צו דער טיפער אייביקייט. זיין "סטאַטוס" אַלס דער אויסערגעוויינט־לעכסטער קינסטלער אונדזערער — דאַרף און וועט, סוף־כל־סוף, אַלגעמיין אָנער־קענט ווערן.

אויך ווייסענבערג דער מענטש, דער מאַרטירער־קנאי פאַר זיין אמת, מוז באַקומען זיין תּיקון. ווי אַ געבענטשטער, פּרעכטיק־ווילדער וואַלד־טייך האָט ער זיך פון ערגעץ־ווו גענומען און ווונדער־געפּישופט מיט זיין אורשיינקייט און אור־כּוח.

און ווי איגנאָרירט מען האָט אָט די שיינקייט! — נחמן מייזיל, איינער פון די קולטור־מעקלערלעך און ליטעראַרישע "סטאַק־קיפּערס", מיט וועלכע מיר זענען אַזוי "רייך", האָט אַ מאָל איבערגעגעבן אין זיינעם אַן אינטערוויו מיט אַפּאַטאַשו, יענעמס אַ "לייכטע הלצה" וועגן מייסטער: — "... ער פּאַקט פון אַלטע קאַסטנס..." יאָ, ווייסענבערגס "אַלטע קאַסטנס" וועלן אייביק בלייבן פריש. די "נייע קאַסטנס" פון אַנדערע באַגאַבטע, אָבער מיטלמעסיקע שרייבערס — וועלן זיך פאַר־וואַנדלען אין פּרוכנע...

זאָלן ליטעראַרישע "פּשטלערס" — "איזם"־עטיקעטן־פאַבריקאַנטן — זיך אויפ־הערן גריבלען אין די עסטעטישע "סוגיות", אין קאַלט־טרוקענע טעאָריעס: — וואָס ס'איז קונסט?

מישט אויף אַ בלעטל ווייסענבערג!

יאָ, טיפע אייביקייט — דאָס איז דער עולם הבא פון די אויסדערוויילטע, עכט־שורשדיקע גרויסע קינסטלערס; און ווייסענבערג — זיין לעבן און שאַפן געהערט צו דער טיפער אייביקייט.[7]

י. ראַפּאַפּאָרט

י. מ. ווייסנבערג דער דערציילער

1881־1938 [1878־1938]

...ווייסנבערג און אַש זענען געווען די סאַמע בולטע טאַלאַנטן אין דער יידישער ליטעראַטור אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. און הגם אַש האָט אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע מיט גאַנצע פיר יאָר פאַר ווייסנבערגן, . . . דאָך

האָט ווייסנבערג אָנגעהויבן צו נעמען אויבערהאַנט איבער אַשן אין דער אָפּשאַצונג פון אונדזער ליטעראַרישער קריטיק.

...וואָס שייך דעם גרויסן ראָמאַן, איז ער געווען איבער ווייסנבערגס כּוחות, בעת אַש האָט . . . אין דעם דאָזיקן געביט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן אָרט סיי ביי אונדז, סיי אין אויסלאַנד.

אמת, סיי אַשעס דראַמעס, סיי זיינע ראָמאַנען זענען נישט תּמיד דורך אַלעמען געלויבט געוואָרן, — פאַרקערט, מע האָט זיי אָפּט שטאַרק קריטיקירט (סיי בעל־מחשבות, סיי ש. ניגער, . . . סיי אַנדערע), אָבער נישט געקוקט דערויף, איז אַשעס מאַטעריעלער און מאָראַלישער דערפאָלג געוואַקסן נישט מיט יעדן טאָג, נאָר מיט יעדער שעה, . . .

...אַרויסגערוקט אויבנאָן אַ דאַנק דעם קינסטלערישן אינסטינקט, אָבער פאַר־בליבן קולטורעל אָפּגעשטאַנען, האָט ווייסנבערג באַשלאָסן, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ פאַרשווערונג מצד די אינטעליגענטן, וואָס גייען צום ציל נישט נאָר מיט טאַלאַנט, נאָר מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט ביכערדיקן וויסן, פון הינטנאָרום — "שמור לי ואשמור לך". און ער איז אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן דער דאָזיקער אומגערעכטיקייט שוין נישט נאָר צוליב דעם געפיל פון אייגענעם באַוואוסט זיין נאָר צוליב דעם געפיל פון באַליידיקט זיין פאַר דער געליבטער, דורך די אַשעס געשענדעטער ליטעראַטור, וווּ זיי זענען אַריינגעדרונגען נישט אַ דאַנק זייער טאַלאַנט, נאָר אַ דאַנק סוחרישע שפּיצלעך און חברישן "שאַכער־מאַכער". . . .

* * *

ווייסנבערג האָט געקוקט אויפן יידישן לעבן מיט ריין־קינסטלערישע אויגן. אין דעם זע־פעלד פון זיין קינסטלערישן אויג פלעגן אַריינפאַלן קליינע אויסשניטן פון דער ענג־יידישער ווירקלעכקייט, — זיי פלעגן זיך אָבער אויספורעמען אונטער זיין קינסטלערישן בליק אין קליינע קרישטאָלן פון קונסט. די טעכניק פון די דערציי־לונגען זיינע איז נישט תּמיד אָן פעלערן, אָבער אַפילו אין די שוואַכסטע פון זיי פילט זיך די זיכערקייט און לייכטקייט פון אַ געבוירענעם וואָרט־קינסטלער, פון אַ געבוירענעם רייך־באַגאַבטן שרייבער מיט אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן פון קינסטלערישע מיטלען. ווייסנבערג קאָן זיין גראָב־נאַטוראַליסטיש, ווי אין דער דערציילונג "דער טאַטע מיט די בנים" ("אַ טאַטע מיט בנים"), און מילד, ליריש, ווי אין "די משוגענע אין דאָרף"; ווייסנבערג קאָן זיין הומאָריסטיש און איראָניש, ווי אין דער "מעשה מיט אַ ציג" און אין פּרעכטיקן "חיים־אהרן", און ער קאָן דערגרייכן עכטן טראַגיזם ווי אין "דער חוב" ("אַ חוב") און אין "דור הולך ודור בא".

ווי אַ באַווייז פאַר ווייסנבערגס קינסטלערישער פילעוודיקייט קען דינען דער חוש פאַר מאָס, וואָס דער דאָזיקער "סאַמאָראַדאָק" (וואָס איז פאַרבליבן ביז צו לעצט אומגעריכט פון דער קולטור) ווייזט אַרויס אויף די סאַמע גליטשיקע שיפּועים פאַר אַ יידישן שרייבער פון אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט.

לאָמיר נעמען, למשל, די פאַר ווייסנבערגס טאַלאַנט שטאַרק כאַראַקטע־ריסטישע דערציילונגען: "דור הולך ודור בא" און "צום איידעם אויף קעסט". . . .

דער העלד פון ווייסנבערגס דערציילונג, "דור הולך ודור בא", נאַטע, וואָס זוכט אַרום דעם באַלעבאָס, כּדי צו באַרגן ביי אים געלט, וואָלט ביי אַנדערע פּראָלע־טאַרישע שרייבער אַריין אין שענק, ווּ נאַטע געפינט סוף־כּל־סוף דעם באַלעבאָס, און מיר וואָלטן בייגעוווען ביי זעליקס גראָבן אָפּזאָג צו געבן דעם נויטבאַדערפטיקן אַרבעטער געלט אויף באָרג. עס בעט זיך דאָך ממש אַזאַ קאָנפראָנטאַציע צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל! דער אַרבעטער גייט אויס פאַר אַ גראָשן! דער באַלעבאָס זיצט אין שענק און וויל דעם הונגעריקן אַ גראָשן נישט באָרגן! אָבער ביי ווייסנ־בערגן פאַרפעלט נאָטען מוט אַריינצוגיין און בעטן אין שענק ביים באַלעבאָס געלט. . . .

נישט ווייסנבערג האָט דאָ געזוכט דעם קלאַסנקאָנפליקט, און נישט ער וויל דאָ באַטאָנען די הכנעהדיקייט פונעם אַרבעטער. ער שילדערט בלויז אַ פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון אַ מענטשן (. . . .)

ביי פּראָלעטאַרישע שרייבער, ביי וועמען די אַרבעטער־דערציילונגען זענען געווען אַן אידעאָלאָגיש געווער אין קאַמף, וואָלט זעליק זיך געווען אָפּגעזאָגט צו געבן זעקס רובל אויף נאָטעס לוויה־הוצאות (כּדי צו באַטאָנען בולטער דעם קלאַסנ־קאַמף צווישן די זעליקס און די נאָטעס), אָבער ביי ווייסנבערגן ווערט אפילו זעליקס ווייב מילדער און זי גיט בלויז אַ צי זעליקן פאַרן ארבל, אַזאַ מין שטילע בקשה, נישט צו געבן, אַ סימבאָלישער אָפּווער, ווייל אָפן נישט לאָזן געבן אויף תּכריכים קאָן נישט דאָס יידישע קליינשטעטלדיקע ווייבל. . . .

ביי די טיפּישע דערציילער פון קלאַסנקאַמף אין יידישן לעבן, וואָלט די דער־ציילונג געווען צוגעשפּיצט געוואָרן אין דער פאָרעם פון צוזאַמענשטויסן: נאָטע גייט אַריין אין שענק און באַקומט נישט קיין הלוואה; נאָטעס חברים קומען צו זעליקן אין שטוב בעטן אַ הלוואה אויף נאָטעס לוויה־הוצאות און דאָס ווייב לאָזט זעליקן נישט געבן קיין געלט; ביי ווייסנבערגן האָט זיך די דערציילונג צוגעשפּיצט אינערלעך, אין דער פאָרעם פון אַ פּסיכאָלאָגישער דערדריקטקייט: נאָטעס אָרעמקייט צעפרעסט אים אינערלעך, ער האָט שוין גאָר נישט קיין מוט אַריינצוגיין בעטן אַ הלוואה, . . .

די פּראָלעטאַרישע שרייבער וואָלט זיך געווען געדאַכט, אַז די דערציילונג ווערט שטאַרקער אַ דאַנק דעם מער בולטן אונטערשטרייכן די עוולות און די אַכזריותן; ווייסנבערגן מיט זיין דינעם געפיל פאַר מאָס, איז אינסטינקטיוו געווען קלאָר, אַז נאָטעס טראַגעדיע וועט בולט ווערן נישט אַזוי דורך זעליקס צו גרויסער אַכזריות, ווי גראָד דורך דער גרויסער דערדריקטקייט פון זיין פּסיכישן צושטאַנד. די שטילע טענער פון ווייסנבערגס דאַזיקער דערציילונג שרייען העכער, ווי די געשוואָרענע פּראָלעטאַרישע שרייבער; מיר זעען און שפּירן נאָטען טיפער און אינטימער.

און ווי גוט עס האַרמאָנירן די דאָזיקע שטילע טענער פון סאָציאַלער פּיין מיט דער ליריק פון נאָטעס פאַמיליע־סצענעס.

און ווי גוט עס איז, וואָס נאָטע גייט נישט אַוועק אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן אַן פרישטיק (ווי דאָס וואָלט געטאָן נישט איין "סאָציאַלער" שרייבער ביי אונדז); און

ווי גוט, וואָס די געבעקס־הענדלערקע זאָגט זיך נישט אָפּ צו געבן נאָטעס פּרוי, מרים, קרעדיט, — פאַרקערט, זי רופט זי אַליין צו און גיט איר נאָך אַ קאָמפּלימענט. די דאָזיקע שטילע סצענע, מרימס אומזיכערקייט . . . שילדערט איר לעבנס־טראַגעדיע בעסער, שטאַרקער און — דער עיקר! — אינטים־איבערצייגנדיקער, ווי דאָס וואָלט געווען געטאָן דער גראָבער אָפּזאָג פון דער הענדלערקע.

לייענט מען די סצענעס מיט דער הענדלערקע און דערנאָך דעם לעצטן פרישטיק אין שטוב, גיט מען אַ טראַכט: אָט דאָס איז באמת די לעצטע סעודה, אַ טרויעריקע, אָבער נישט לויטן נייעם, "סאָציאַלן" שאַבלאָן.

. . . אים [ווייסנבערגן] האָט אינטערעסירט נישט דאָס, וואָס דאָס יאָר 1904 האָט פאַרלאַנגט, נאָר דאָס, וואָס עס האָבן פאַרלאַנגט די פילעווודיקע דורכן לעבן איבער־געשראָקענע נשמות פון נאָטע און מרים.

מיטן זעלבן שטילן, שווייגעוודיקן פּאַטאָס פון ליידן זענען פול די בעסטע שטעלן פון דער דערציילונג "צום איידעם אויף קעסט". . . . די שטילע סצענע פונעם אַרויספאָר צום איידעם אויף קעסט, ווי צום בית־עולם, זענען פול מיט קינסטלערישער קראַפט, באַזונדערס די נסיעה צום איידעם, ווען מנשה ווערט שוין פאַרוואַנדלט אין אַ שטיקל טויטע זאַך, צווישן דעם גאַנצן איבעריקן טויטן אינווענטאַר. . . .

נאָך די דאָזיקע לירישע, מיט טיפן געמיט אָנגעפּילטע דערציילונגען, איבער־ראַשט אונדז אויפן ערשטן בליק אַזאַ דערציילונג, ווי "דער טאַטע מיט די בנים", וואָס איז אַ מוסטער פון עקסטרעמען נאַטוראַליזם.

די דאָזיקע דערציילונג האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אין אונדזער ליטעראַטור. ערשטנס האָט זי איבערראַשט מיטן נייעם טיפּ יידן, וואָס ווייסנבערג מאָלט דאָרטן, — יידן מיט לגמרי טעמפּע קעפּ, אָבער דערפאַר מיט קערפּערס, וואָס זענען פול מיט כּוחות און מיט קינדישע נשמות, אָדער ריכטיקער: מיט נשמות פון קינדישע ווילדע. און צווייטנס האָט זי איבערראַשט מיט דער פּלאַסטישקייט פון איר פאָרעם. ערטערווייז דאַכט זיך אונדז, אַז די דאָזיקע דערציילונג איז נישט אָנגעשריבן, נאָר אויסגעהאַקט פון שטיין.

סיי די דאָזיקע פּלאַסטישקייט, סיי דער דאָזיקער נאַטוראַליזם זענען געווען נאָך ניי אין אונדזער ליטעראַטור, און ווייסנבערג איז אַ לאַנגע צייט געווען פאַר אַ סך — דער מחבר פון "דער טאַטע מיט די בנים", הגם לויט דער האַרציקייט פון טאָן און דער פּסיכאָלאָגישער טיפקייט שטייט "דור הולך ודור באַ" אַ סך העכער פאַר "דער טאַטע מיט די בנים". די דאָזיקע לעצטע דערציילונג איז אינטערעסאַנטער פון ליטעראַריש־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט: ווי אַזוי האָט אויסגעזען אונדזער ליטעראַטור אין 1904, ווען מיט אַזאַ דערציילונג האָט מען נישט נאָר געקאָנט פאַר־נעמען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, נאָר אויך זי (די ליטעראַטור אונדזערע) איבערראַשן . . .

אָבער דערביי מוז מען אויפמערקזאַם מאַכן אויפן פאָלגנדיקן: אַפילו אין דעם דאָזיקן מוסטער פון נאַטוראַליזם האָט ווייסנבערג אַריינגעטריפט ליריזם און צאַרטקייט, הגם פון אַ ספּעציפישן, כּמעט שטומען מין. . . .

ווייסנבערג, . . . מאַלט אַפּילו די גראָבע ווירקלעכקייט אונדזערע מיט אַ באַזונדערער צאַרטקייט. און גראָד אין דעם־אָ באַשטייט איינער פון די כאַראַק־טעריסטישע שטריכן פון ווייסנבערגן דעם קינסטלער: ער קאָן פון דער צאַרטסטער ליריק אַריבערגיין צום גרעבסטן נאַטוראַליזם, אָבער אויך אין דעם דאָזיקן גראָבן געפינט ער אויפבליצן פון צאַרטקייט, און אַ מאָל אויך אירע לעבעדיקע קוואַלן, ווי, למשל, אין "די משוגענע אין דאָרף". ווי צאַרט עס איז דער גראָבער בעל־עגלה פון דער דערמאָנטער דערציילונג!

. . . דאָס איז . . . אַ ליבע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט טראַגיש אויפן סאַמע פּראָסטן באַנאַלסטן יידישלעכסטן אופן, און סיי די דאָזיקע געשיכטע פון ליבע, סיי די דאָזיקע טראַגעדיע רירן אונדז נאָך היינט, מיט פינף און פערציק יאָר שפּעטער נאָך איר דערשיינען אין דרוק (1905). דער דאָזיקער בעל־עגלה איז אַ שטומע, אָבער אַן ערלעכע נשמה, וואָס ווייס נישט פון קיין חכמות, אַפילו אַ צאַרטע (אויף איר אַרט), און אָן שום ספק אַן אַדעליקע. . . . די טרערן פון דעם דאָזיקן גיבור, ווען ער וויינט צוזאַמען מיטן געליבטן מיידל, הערנדיק די טרויעריקע געשיכטע וועגן איר מוטערס פּלאַן זי חתונה צו מאַכן מיטן פאַראַלמנטן שוואָגער, ווירקט נישט אויף אונדז צעקראַכן־סענטימענטאַל, נאָר טראַגיש. . . . דער דאָזיקער בעל־עגלה געהער צו יענע פּראָסטע יידן, וואָס זענען נישט שטאַרק אין תורה, וואָס זענען נישט באַזונדערטס פרום אין טראַדיציאָנעלן זין, אָבער מיט זייערע מאָראַלישע וואָרצלען זענען זיי טיף פאַרוואָקסן אין פאָלקס־עטאָס, אין ספּעציפישן באָדן פון דער פאָלקס־עטיק, און אין די וויכטיקסטע מאָמענטן לעבן זיי לויט איר, זיי אָטעמען מיט איר. ער איז אויפגערעגט פון דעם פּלאַן פון זיין געליבטער מיידלס מוטער, ער וועט אָבער נישט גיין קעגן די כּללים פון אָנשטענדיקער אויפפירונג, ווי זיי זענען אָנגענומען ביים פאָלק, ווי זיי זענען איינגעוואָרצלט אין אים גופא, נישט ווייניקער ווי אינעם פאָלקס־קאָלעקטיוו. . . .

אין דער דאָזיקער דערציילונג איז ווייסנבערגס ליריזם געצפּלט אויף זיין דראַמאַטישערליידנשאַפטלעכקייט: די סצענע צווישן דער מוטער, דער טאָכטער, דעם מאַן און דעם בעל־עגלה איז דראַמאַטיש שטאַרק, פול מיט העכסטן, כּמעט סצענישן טראַגיזם. און אויך דאָ האַלט זיך דער יונגער . . . שרייבער אויף דער הויך פון זיין קינסטלערישן געפיל פון מאָס.

דער אריינפיר צו דער גרויליקער סצענע איז ווי אַ מחברישער רעמאַרק אין דער פּיעסע. און די סצענע גופא איז ווי אַן איבערדערציילונג פון אַ דראַמע, אָבער אַן איבערדערציילונג, וואָס האָט נישט פאַרלוירן די דראַמאַטישע מעלות.

די דערציילונג "דער חוב" [אַ חוב?] געהער צו ווייסנבערגס יענע דערציי־לונגען, ווו דער טראָפ געפינט זיך אויף זיינע טראַגישע מאָטיוון.

אויב די דערציילונגען "דור הולך ודור בא" און "די משוגענע אין דאָרף" זענען אָנגעלאָדן ביז די ראַנדן מיט ליריזם, מיט לידער אין פּראָזע, איז "דער חוב" פול מיט דראַמאַטישער האַנדלונג — די דאָזיקע דערציילונג בעט זיך ממש אויף דער סצענע. (דער טראַגיזם פון "דער משוגענער אין דאָרף", הייבט זיך אויף פון אַ לירישן הינטערגרונט).

די דאָזיקע דערציילונג רירט אָן אַ ווונד אין יידישן לעבן און אין דער יידישער געשיכטע, — אַ ווונד, וואָס אונדזער בעלעטריסטיק האָט זיך ווייניק צוגערירט צו איר: דאָס איז די ווונד פון אומטאָלעראַנץ אין יידישן לעבן, די ווונד פון פאַנאַטישן דרוק אויף דער פערזענלעכקייט. איך וואָלט די דאָזיקע ווונד פון אונדזער טראַדיציאָנעלן לעבן געווען אָנגערופן: דער שפינאָזע־ און אַקאָסטאַ־מאָטיוו. וויפל גרויסע און פראָסטע יידן מיר האָבן פאַרטריבן אָדער פאַרלאָרן צוליב אונדזער דאָגמאַטישער ענגקייט. "דער חוב" איז די געשיכטע פון אַ דורכשניטלעכער יידישער פאַמיליע, וואָס איז פיזיש און מאָראַליש אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם טעמפן פלייס פון האַרצלאָזער פרומקייט, אין בעסטן פאַל, און פון געוויסנלאָזער צביעות, אין ערגסטן. די דאָזיקע פשוטע דערציילונג איז אָנגעלאָדן מיט גרויסן פאַטאָס פון צאָרן קעגן אומגערעכטיקייט. און עס איז רירנדיק די געהיימע, הייליקע פאַר־בונדנקייט מיטן יידנטום מצד דעם פון אונדז פאַריאָגטן משומד, וועלכער גייט צום תהילימל, וואָס איז באַהאַלטן אין אַן אויסגעהוילטן בוים, און גיסט אין אים (אין תהילימל) אויס זיין האַרץ; און ווי רירנדיק ער בעט רחמים זיין ברודער (ביי זיין ארון־קודשל אין בוים), וואָס ווערט באַעוולט דורכן זעלבן באַעוולער וואָס ער, נישט נאָכצוטאָן זיין ביישפיל אין אַ מינוט פון כּעס, מעג ער זיין ווי גערעכט...

דעם זקנס דערציילונג וועגן דער לאַנג־פאַרגאַנגענער צייט, וועגן לאַנג געשטאָרבענעם באַעוולער, איז פול מיט אַזאַ געדיכטן טרויער, מיט אַזאַ זינדיקן צאָרן, ווי די דאָזיקע עוולה וואָלט געשען אָט ערשט נעכטן. די עוולה, וואָס איז נישט באַצאָלט געוואָרן מיט נקמה, הערט נישט אויף צו פאָדערן באַצאָלונג, און דער אַלטער (אויף דער שוועל פון קבר), וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט אין היימישן שטעטל נאָך אַ לאַנגן גלות, וואַרפט אַ שטיין אין האַלב־צעשטערטן הויז פון לאַנג־פאַרשטאָרבענעם באַעוולער פתחיה, באַפרידיקנדיק אַזוי אַרום מיטן דאָזיקן סימבאָלישן אַקט פון נקמה זיין באַליידיקט געפיל פון גערעכטיקייט. דער דאָזיקער אַקט פון נקמה איז נישט קיין קינדישע טאַט, נישט קיין קינסטלעכע, אומנייטיקע צוטראַכטעניש פון מחבר. ווייסנבערג ווייזט זיך אַרויס, אַ דאַנק דעם דאָזיקן סוף פון דער דערציילונג, ווי אַ דורכדרינגלעכער פסיכאָלאָג פון מענטשלעכע ליידנ־שאַפטן: יענער, וואָס קען זיי נישט סובלימירן, מוז זיי אומבאַדינגט באַפרידיקן, זאָל זיין אַפילו בלויז סימבאָליש, כּדי צו באַפרייען זיך פון זייער אַלצפאַרצערנדיקן פייער. אויב דער דאָזיקער אַלטער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער נקמה־ליידנשאַפט, וואָס האָט אַלץ אין אים צעפרעסן ביים לעבן, וויל ער כאָטש רויִק שטאַרבן.

לויט דער טעמאַטיק געהער די דאָזיקע דערציילונג צו די באַדייטנדיקסטע ביי ווייסנבערגן, הגם לויט דער אויספירונג איז זי ווייט נישט פון די בעסטע ביי אים.

אָבער די דאָזיקע דערציילונג גיט ווייסנבערגן אַ מעגלעכקייט אַ גלאַנץ צו טאָן מיט פסיכאָלאָגישער דורכדרינגלעכקייט, וואָס דאָס איז איינע פון זיינע שרייבערישע מעלות.

אַזעלכע דערציילונגען ווי "אַ מעשה מיט אַ ציג" און "חיים אהרן" ווייזן אונדז ווייסנבערגן לגמרי פון אַ נייער זייט: ווייסנבערג דער ליריקער, ווייסנבערג דער

טראַגיקער, ווייסנבערג דער טיפער פסיכאָלאָג פאַרמאָגט, ווייזט זיך אַרויס, אויך אַ דינע איראָניע און אַ גוטן הומאָר.

. . . "חיים אַהרן", פון אָנהייב ביזן סוף (דער מהלך איז, אמת, זייער אַ קליינער), בלייבט אַ פּרט פון דער ווירקלעכקייט, וואָס באַקומט אַ סימבאָלישע באַדייטפולקייט. דאָס איז שוין נישט קיין פאַנטאַסטישע סאַטירע קעגן מענטשלעכע און יידישע שוואַכקייטן, נאָר אַ קליינינקע טראַגעדיע פון עפּעס אַ חנה רייזע [רויזע] ווערט דערהויבן צו אַ סימבאָל. די גאַנצע פּראַקטישע הילפלאָזיקייט פון יידישן לעבן טרעט אַרויס פאַר אונדז בולט אין דער געשטאַלט פון חיים אַהרנען . . .

* * *

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז ווייסנבערגס עראָטיק. קיינער ביי אונדז האָט אַזוי פיין נישט באַהאַנדלט די דאָזיקע טעמע, ווי ער, ווייסנבערג. צוויי בולטעביישפּילן פאַר דעם זענען די דערציילונגען "געברענגט אַ סוד" און "ווי דער גורל פירט". . . .

"געברענגט אַ סוד" איז אַ קליינע דערציילונג, אָבער געשריבן הערלעך און דין. . . .

מע רעדט אין דער דערציילונג כמעט ווי גאָרנישט, עס קומט גאָרנישט פאָר, נאָר אין דער גאַנצער דערציילונג פילט מען די אָנוועזנקייט פון אַ סוד, וואָס ווערט אויסגעוועבט מיט פיינע, דינע קלאַנגען און קאָלירן.

הײנט דער לעצטער אַקאָרד פון דער דערציילונג:

"אַ רויטע האָט זיך אין יענעם פאַרנאַכט די זון אַראָפּגעלאָזט ווייט הינטער יענעם פאַרקאָן און האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער סטויג היי . . . אַ רויטע סודות־דיקייט האָט די שטילקייט פון דער וועלט איינגעהילט".

אַזאַ שעלמיש־איידעלע עראָטישע דערציילונג איז אין דער יידישער ליטעראַטור אפשר גאָר נישטאָ קיין צווייטע.

מע דאַרף זי אין גאַנצן לייענען, כדי צו דערשפּירן איר אַטמאָספער.

* * *

ווייסנבערגן, ווי כ'האָב שוין געזאָגט אויבן, דאַרף מען נעמען אין דער ליטעראַריש־היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, אויב מיר ווילן פאַרשטיין ווי געהעריק יענעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין אונדזער ליטעראַטור.

. . . וואָס שטעלן פאָר מיט זיך זיינע בעסטע דערציילונגען אין פאַרגלייך מיט דער מייסטערשאַפט פון דוד בערגעלסאָנען, וואָס האָט געקלאַפּט אין די טירן פון דער יידישער ליטעראַטור בלויז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער נאָך ווייסנבערגס דעביוט, און מע האָט אים, דוד בערגעלסאָנען, לאַנג נישט געוואָלט אַריינלאָזן? ווי פּרימיטיוו עס איז ווייסנבערג נישט נאָר אין פאַרגלייך מיטן אויסגעוואַקסענעם רייפן בערגעלסאָן, נאָר אַפילו אין פאַרגלייך מיט דער טעכניק פון י. י. זינגער און י. אָפּאַטאָשו. . . . [8]

יעקב גלאַטשטיין

אין תוך גענומען

אַרום ביכער, מענטשן און זאַכן

א. מ. ווייסענבערג׳ס „געקליבענע ווערק״

די ״געקליבענע ווערק״ פון א. מ. ווייסענבערג, וואָס זענען דערשינען אין איין באַנד, אין דער ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק,ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָט דאָך זיכער עמעצער געקליבן און געוויילט די באַזונדערע דער־ציילונגען, איין־אַקטערס און די קאַפּיטלעך פון אַ שטעטל, אָבער מיר ווייסן נישט ווער ס׳איז געווען דער רעדאַקטאָר, אָפּקלייבער און צוזאַמענשטעלער פון דער דאָזיקער אַרבעט און ס׳ווערט נישט געזאָגט, ווער ס׳איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם בילד, וואָס מיר קריגן פון מחבר, לויט די ניינצן גרעסערע און קלענערע זאַכן אין דער זאַמלונג פון איבער 300 זייטן. מיר ווייסן דערפאַר נישט, צו וועמען מיר זאָלן אַדרעסירן אונדזערע טענות, סיידן צום ציקאָ ביכער־פאַרלאַג, וואָס איז די אַלגעמיינע פאַרלאַג־מאַרקע פון גוטע עטלעכע צענדליק ביכער. איז דאָס אַ גרויסער שאָד, ווייל אַ צוזאַמענשטעלער און רעדאַקטאָר פון ווייסענבערגס שריפטן אין איין געקליבענעם באַנד, טאָר נישט זיין קיין אַנאָנים, נאָר ער מוז זיין אַ מענטש מיט אַ נאָמען, וואָס מ׳זאָל צו אים קענען האָבן פּרעטענזיעס פאַר דעם אופן ווי ער האָט פאַרגעשטעלט דעם קלאַסיקער איטשע מאיר ווייסענבערג. אויב איך פאַרשטיי ריכטיק דעם זין פון אַזאַ ביבליאָטעק, מיינט מען דאָך קודם־כל אויפצולעבן אַ קינסטלעריש געשטאַלט, וואָס די צייט האָט אַ ביסל פאַרטונקלט. ביי די שווערקייטן אונדזערע אַרויסצוגעבן יידישע ביכער בכלל און אַזעלכע פּינוס־אַרבעטן בפרט, דאַרף מען דאָך זיין ספּעציעל פאָרזיכטיק, ווייל יעדער טעות וואָס ווערט איצטער באַגאַנגען, איז ממש פאַטאַל. מען וועט אים שווין אפשר קיין מאָל נישט פאַרריכטן און דער אמת ליגט באַגראָבן אין אַרכיוון, וואָס ווער ווייס ווען אַן אַמביציעזער ליטעראַטור־פאָרשער וועט זיך נעמען דערצו און אים אויסגראָבן.

ס׳איז דערפאַר ממש אַ באַליידיקונג, וואָס מען זאָגט נישט אויס ווער ס׳האָט זיך צוגעריררט צו ווייסענבערגס קינסטלערישן פאַרמעגן, ווי דאָס וואָלט געווען פּיעטעטנע אַרבעט, בעת אַן ערנסטער פאַרלאַג האָט געמעגט לכתחילה באַשטיין דערויף, אַז בלויז מענטשן מיט חתימות, וואָס האָבן דעקונג, זאָלן טאָן אַזאַ פאַ־ראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, כּדי די זאַמלונג זאָל באַקליידט ווערן מיט פאַרדינטן כבוד און הויכער אַחריות. ווייסענבערג האָט זיך אַבסאָלוט פאַרדינט, אַז מען זאָל אים קינסטלעריש צוריקשטעלן און אויפשטעלן מיט אַ סך פאָרזיכטיקייט און אויך מיט פּיעטעט ווי צו איינעם פון די ראשונים, וואָס האָט אַזוי הויך געטראָגן די פאָן פון קינסטלערישער ווערדע, אַז ער האָט אַזש מקריב געווען עלעמענטאַרע סאָציאַלע פאַרבינדונגען און נישט גענומען אין אַכט פּשוטע מענטשלעכע עמפּינדלעכקייטן.

די אָפּגעכאַפּטע אַרבעט, וואָס איז אַנאָנים אָפּגעטאָן געוואָרן, דערזעט מען גלייך, ווען מען עפנט אויף דאָס בוך און מען לייענט איבער די ״ביאָגראַפישע

נאָטיצן״, וואָס דינען ווי דער אַריינפיר צו דער זאַמלונג. די הקדמה פון 28... שורות איז פּאַקטיש אָפּגעשריבן פון זלמן רייזענס לעקסיקאָן, וואָס איז, כּידוע, דער־שינען אין 1926. איך זאָג פּאַקטיש, אָבער באַדאַרפט וואָלט איך זאָגן אינגאַנצן, ווען נישט די פּיפּיקע אויסשטרייכונגען, וואָס דער אומבאַקאַנטער אַריינפירער האָט געמאַכט, כּדי צו פאַרדעקן די טאַנדעט־אַרבעט. זלמן רייזענס לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור איז אַ מאָנומענטאַלע אַרבעט און כ׳האָב שוין אַ מאָל, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם וואַנדאַליזם און פּלאַגיאַט, וואָס ווערט ביי אונדז אָפּגעטאָן, אונטער דעם מענטעלע פון ערנסטער זאַמלונג־אַרבעט. ס׳איז זיכער קיין עוולה נישט, ווען מען באַנוצט זיך מיט דער אינפאָרמאַציע און דאַטן, וואָס זלמן רייזען האָט צונויפגעזאַמלט. דאָס איז אַזאַ פאַרשערישער צייט־פאַרשפּאָר, וואָס איז ממש נישט אָפּצושאַצן. אָבער זלמן רייזען האָט אויך אין זיין צייט און פאַר זיין צייט כאַראַקטעריזירט און אַפילו קריטיקירט און קינסטלעריש געשאַצט די העלדן פון זיין לעקסיקאָן. ס׳איז פּשוטער און פלינקער אויך דאָס צו־צונעמען ביי אים, אָן אַ דאַנק אַפילו און אָן דער מינדעסטער אָנערקענונג, אַז נישט נאָר באַנוצט מען זיך מיט זיין אינפאָרמאַציע נאָר אויך מיט זיינע קריטישע מיינונגען, וואָס פאַר זיי איז נישט דער אינפאָרמאַטיווער לעקסיקאָן פאַראַנטוואָרט־לעך, נאָר זלמן רייזען, וואָס האָט מסתמא געגוג געאַרבעט אויף זיינע טרעפלעכע, קורצע און עסענצהאַפטיקע כאַראַקטעריסטיקעס.

אָבער ווי גוט ס׳זאָלן נישט זיין די דאָזיקע קריטישע באַמערקונגען, וואָס דער לעקסיקאָן־צוזאַמענשטעלער האָט געגעבן, טאָרן זיי אָבער נישט באַטראַכט ווערן ווי מיינונגען לעולם ועד. אַזוי טוט מען אין מיטל־שולן; אַזוי שעפּן יונגע סטודענטן זייער וויסן, ווען זיי שרייבן אָפּ טעקסט־בוך מיינונגען פאַר אַ קלאַס־קאָמפּאָזיציע. אָבער ס׳איז חלשות ווען מען הויבט אָן זען דעם עפּידעמישן כאַראַקטער פון טאַנדעט. מען נעמט אויף זיכער און מען פוילט זיך אַליין דורכצואַקערן די געזאַמלטע ווערק פון אַ קלאַסיקער, כּדי מען זאָל קענען זאָגן וועגן אים אַן אייגן וואָרט, ווען מען שטעלט אים פאַר פאַר אַן עולם. אָט די פאַרטאַטשנע אַרבעט מוז אָפּגעשאַפט ווערן. א. מ. ווייסענבערג האָט זיך ביי אַן ערנסטן פאַרלאַג פאַרדינט, אַז מען זאָל וועגן אים שרייבן אַ וואַגיקע און אָריגינעלע אָפּהאַנדלונג, זעכצן יאָר נאָך זיין טויט.

אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן געפינען מיר אַזאַ אָפּשאַצונג פון ווייסענבערגס טאַלאַנט: ״זיינע געשטאַלטן זענען פון שטיין אויסגעהאַקט און דערביי זענען זיי פול מיט לעבן און באַוועגונג. אַ רעאַליסט דורך און דורך, מיט אַ שאַרף אויג פאַר דער קאָנקרעטער, ממשותדיקער וועלט, מאָלט ער מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט די פּרטים פון די זאַכן, דערפון אָבער ליידט זעלטן די גאַנצקייט פון דעם בילד, וואָרעם ער ווייס אויך דערביי צו געבן דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, אַ זעלטענע קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט, וואָס איז פאַראייניקט מיט אַ שטילן, פאַר־באָרגענעם, אָבער טיפן ליריזם און אַזוי ווו.״

אַזוי רעדט זלמן רייזען וועגן א. מ. ווייסענבערגן. אַזוי האָט ער זיך גענומען די מי אים אָפּצושאַצן אָדער צו קאָנדענסירן עקזיסטירנדיקע קריטישע מיינונגען, כּדי

לעבעדיקער צו מאַכן די ריין־ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע דאַטן. קומט דער אַנאָנימער צוזאַמענשטעלער פון א. מ. ווייסענבערג'ס געקליבענע ווערק און ער "שאַצט" אויף זיין "אייגענעם שטייגער" אַזוי אָפּ די ווערק פון איטשע מאיר ווייסענבערג:

"ווייסענבערגס געשטאַלטן זענען ווי פון שטיין אויסגעהאַקט און דערביי זענען זיי פול מיט לעבן און באַוועגונג. ער איז אַ רעאַליסט מיט אַ שאַרף אויג פאַר דער קאָנקרעטער, ממשות'דיקער וועלט, וואָס ער האָט פּאַראייניקט, מיט אַ שטילן, טיפן ליריזם".

די געשיקטע פאַרקירצונג קאָן ניט באַהאַלטן, אַז די אָפּשאַצונג איז וואָרט און וואָרט אַנטליִען פון זלמן רייזענס לעקסיקאָן. דער לייענער האַנדלט גאַנצע צוויי מציאות: מען דרוקט פאַר אים איבער ווייסענבערגן און זלמן רייזענס לעקסיקאָן. כ'גלויב קוים צי דאָס איז דער צוועק פון דער ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק. מיר דאַכט זיך, אַז אַן ערנסטער צוזאַמענשטעלער פון אַזאַ רעספּעקטאַבלער ביבליאָטעק האָט זיך באַדאַרפט רייסן צו זאָגן אַן אייגן וואָרט, אויף דעם סמך פון דעם, וואָס ער האָט אַליין אָקאָרשט איבערגעלייענט — אויב ער האָט טאַקע געלייענט און נישט בלויז געשלעפּט פון גרייטן.

טאָמער וועט מען פון דעם אַלעם דרינגען, אַז איך בין געווען אין כּעס בעת איך האָב געשריבן מיינע ווערטער, וועט מען בפירוש זיין גערעכט, ווייל איך האַלט אַז ס'איז געקומען די צייט צו מאַכן אַ סוף צו אַזאַ אומאַחריותדיקן צוגאַנג, וואָס ווערט נאָך ביי אונז געשליירט, ווי שוין געזאָגט, אין אַ מענטעלע פון הייליקייט. אויב ס'קלעקט אויף אַרויסגעבן אַזאַ זאַמלונג, מעג מען שוין אויך אויסזוכן אַ רעדאַקטאָר מיט אַן ערנסטער באַציִונג צו אַזאַ אַרבעט, און ניט אַ בחיפּזונדיקן איבערשרייבער, וואָס פאַרשטייט אַפילו נישט ווי נייטיק ס'איז צו געבן אַ לעבעדיקן אַריינפיר צו די געקליבענע ווערק פון אַ יידישן קלאַסיקער, וואָס איז געווען איינער פון אונדזערע אומרוִיקסטע קינסטלער־פּערזענלעכקייטן.

ווייסענבערג איז געווען אַ שטומער מענטש, וואָס זיין שטומקייט האָט פון אים קינסטלעריש אַרויסגעברילט. דער כּעס זיינער איז תּמיד געווען אַ גערעכטער, אָבער לגבי זיין כּעס איז ער געווען זיין אייגענער מהר"ל, וואָס האָט דעם צאָרן אַנגעגורט מיט קדושה און אים אַפילו געגעבן אַ שם המפורש אונטער דער צונג, אָבער דער כּעס איז אַוועק און געהאַקט קעפּ. פון וואַנען איז צו דעם זשעליכאָוועער באַלמעלאָכע געקומען אַזויפיל בענקשאַפט נאָך קינסטלערישער פּרישות און אַזויפיל אויפריכטיקע שנאה צום געכאַליעטן שרייבערישן קאַריעריזם? אין אים, אין דעם פּראָלעטאַריער, האָט געלעבט אַ גרויסער אַריסטאָקראַט פון דער פּען. אים האָט גערייצט וואָס זיינע יונגע־חברים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף ברייטע וועגן און זענען אַוועק פון אים. ער האָט דערשנאַפּט, אַז זיי האָבן עפּעס אָנגעווירן, אין קינסטלערישן געמיט און אין אומפּסולתדיקער יוגנטלעכער ערלעכקייט, וואָס האָט זיי געפירט צוזאַמען, אויף די ערשטע שרייבערישע וועגן.

איטשע מאיר ווייסענבערגן, דעם ערלעך־שטומען, האָבן גערייצט די גלאַטיקע רייד, וואָס האָבן זיך גיכער און פלינקער דערשלאָגן צו פּאָפּולאַריטעט. ער איז

געוואָרן אַ גענעראַל אָן סאָלדאַטן, נאָר פון סאַמע אָפיצירן, וואָס מיט זיי איז ער געגאַנגען אין מלחמה, ער איז אַוועק צום עקסטרעם פון זיין "טאַטע מיט די בנים" און געגאָסן פולע עמערס זודיקן כּעס אויף דער סטאַטעטשנער קינסטלערישקייט, וואָס איז אַרויס פון דעם קליינעם, ערלעכן יידישן שרייבער־געסל, און געוואָרן אַלץ ענלעכער אויף וועלט־ליטעראַטור, פאַרלירנדיק דעם פּורעם פון דער ערשט־טריטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געפונען דעם וועג צו פּרצן.

ווייסענבערגן האָט פאַרדראָסן אַ גרויס פאַרדראָס, אין אים האָט געזוירן די אייביקע רעוואָלוציע פון דעם ביטערן אָרעמאַן־אַריסטאָקראַט אַנטקעגן אַנגע־נומענקייט אין די הויכע פענצטער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז קלוגע "ליטוואַקעס" האָבן אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דער יידישער ליטעראַטור און אַפילו גענומען געפּאַגען אַזאַ פּוילישע נשמה ווי שלום אַש. ער איז אַוועק צו פּוילישער דיאַלעקט־אויסלייגעכץ, כּדי וואָס מער אונטערצושטרייכן די אָפּזונדערונג פון קיניגרייך פון יידישן וואָרט.

אין דעם אָפּקליִיב פון ווייסענבערגס ווערק פעלט לחלוטין די אומרויִקע פּערזענלעכקייט ווייסענבערג. ס׳פעלט זיין פּאַמפלעטיסטישער גייסט און אימפּעט, זיין אומגעשטילטער כּעס. ער קומט אַרויס ביי דער גאַנצער פולבלוטיקייט פון זיינע "פאַרגרעבטע" מענטשן, אַן עמאַסקולירטער קינסטלער, אַ שטילס, אַ פליג אויף דער־וואַנט־ניט־טשעפּענדיקס.

...ס׳האָט געמעגט געגעבן ווערן, אויף אַ קריסטאַליזירטן אופן, אַ ברייט בילד פון דעם קעמפנדיקן קינסטלער, קעגן די זשורנאַליסטישע ליטעראַטן פון זיין דור. די גאַנצע פּערזענלעכקייט פון ווייסענבערגן איז נייטיק, ...

ער איז געווען אַ גרויסער פּאָעט. זיין שטאַרקע יידישע פּראָזע האָט פאַרמאָגט אַזויפיל איינגעבוירענע געמאָסטנקייט, אַז ס׳איז געווען אַ וואונדער ווי אַזוי אַזאַ געלערנטער און אומפעלערדיקער צמצום האָט געקענט קומען צו אונדז — אַן איינגעבוירענער. ס׳איז כּדאַי צו לייענען אַזאַ קליינע דערציילונג ווי "אַ מעשה מיט אַ ציג". ווייסענבערג האָט עס געוואָלט אָנשרייבן מיט אַ חוזק־פּעו, אָבער דער חוזק האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט און ס׳איז געוואָרן דערפון מאַטע־מאַטיק פון מוזיק. די גאַנצע זאַך טאַנצט עלעגאַנט: ווייסענבערגס צוויי שוועסטער, די טויטע, די אויף טויט־דערשראָקענע און די ציג טאַנצן צוזאַמען און איינע נאָך דער אַנדערער.

אין זיין דערציילונג "אַ פּאַמניק" פאַרגליווערט ער די אַלטקייט פון אַ פּויער מיט אַ פּויערטע, אין אַ סטאַטוע פון זעלטענער צערטלעכקייט, און אַנטקעגן דער דאָזיקער אַלטקייט שטיפט די אומגעצאַמטע יוגנט פון צוויי יונגע שיקסלעך. ווייסענבערג שלעפּערט איין זיידע־באָבע מיט אַ ריטם, וואָס איז פאַר זיין צייט געווען אַ זעלטנהייט. אַש איז אין אַזעלכע מאָמענטן געוואָרן ווייך ווי פּוטער און ער איז געפּאַנגען געוואָרן פון דיניטשקן פידעלע — פּאָעזיע אין פּראָזע, בעת ווייסענבערג האָט אין אַזעלכע פאַלן געשפּילט די מענלעכע וויאָלאָנטשעל.

זיין "שלעכטע פּרוי" איז אַ שטודיע אין קרענקלעכקייט, וואָס ווערט אַרויס־געבראַכט מיט דעם שווערדיק־פּוילישן דיאַלאָג, פון מוזיקאַלישע קללות, וואָס איז

ווי גוט־געשפּילטער באַלעם, היין און צוריק געוואָרפן און געטראָפן אין דער זיבעטער ריפּ.

אָבער ס'זענען פאַראַן אויך אומנייטיקע, ווערטלאָזע און אומבאַטעמטע זאַכן אין דער זאַמלונג, אויפן חשבון פון אַ סך ווייסענבערגס בעסערע זאַכן, און דער עיקר פעלט דער תּמצית פון זיין פּאָלעמיק און זיין אומגעהובלעטע אימפּעטיקע קריטיק, וואָס ווייזט, אַז ווייסענבערג האָט ביי זיין גאַנצער שאַרפקייט פאַרמאָגט אַ סך עכטן קינסטלערישן געשמאַק.

אָבער מער פון אַלץ פעלט אַ גוטער אַריינפיר. די עטלעכע סקאַרבאָווע און אָפּגעשריבענע שורות זענען אַ באַליידיקונג פאַר די געקליבענע ווערק פון דעם קינסטלער א. מ. ווייסענבערג, וואָס גוטע צען פון די ניינצן קורצע און לענגערע זאַכן זענען נאָך היינט מייסטערווערק. נישט נאָר דער אינהאַלט נאָר דאָס לשון איז נאָך לעבעדיק, מחיהדיק־פריש, דערפרישנדיק און דער טראַגישער ווידערקול פון לעבעדיקע יידישע געזאַנגיקע מיילער. [9]

אלחנן צייטלין

לשון זאָל זיין!

צי דאַרף אַ יידישער שרייבער קענען שרייבן

צו דער שפּראַך פון ווייסענבערגס פּאַמפּלעט.

. . . מען דאַרף זיין אַן אַטלעט כּדי צו קענען אַריבערטראָגן די יסורים וואָס מען האָט ביז מען קריכט אַרויס פון איין איבערגעלייענט זייטל! (ע"פּ רוב באַשטייט יעדעס זייטל פון איין זאַץ).

רבונו של עולם! נישט שוין־זשע דאַרף מען גאָר קיין רחמנות נישט האָבן אויף יענעמס צייט און, דער עיקר, אויף יענעמס ציין? . . .

ס'איז אייגנטלעך זייער שווער צו ברענגען דאָ באַזונדערע ציטאַטן, כּדי צו אילוסטרירן די שפּראַך, ריכטיקער: די שפּראַכלאָזיקייט פונעם פּאַמפּלעט, ווייל מען וואָלט געדאַרפט ציטירן דעם גאַנצן פּאַמפּלעט אַזוי ווי ער גייט און שטייט. נישטאָ דאָרט כּמעט קיין איין זאַץ קיין ריכטיקער. קיין בשר־ודם'דיקער. . . .

מיט אַזאַ לשון, מיט אַזעלכע דיבורים, וואָס ציִען זיך ווי פּעך. שטויסט מען נאָר אָפּ דעם לעזער.

קייען שטרוי איז קיינער קיין בעלן נישט. [10]

אוריאל ווײַנרײַך

י. מ. ווײַסנבערגס ניט־דערשאַצט שטעטל:

וועגן באַפרײַען אַ מײַסטערווערק פון זײַן מחברס ביאָגראַפיע *

מיט פינף און פופציק יאָר צוריק איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעגאַנגען איטשע־מאיר ווײַסנבערגס לענגערע דערציילונג, אַ שטעטל. דאָס ווערק האָט גלײַך געמאַכט אַ רושם; עס איז אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, און די קריטיק האָט ניט געזשאַלעוועט קיין שבחים דעם מחבר. אָבער די טיפע מײַסטערישקייט פון דער דערציילונג האָט מען דערבײַ פאָרט נישט דערשאַצט. די סענסאַציאָנעלקייט פון ווײַסנבערגס ליטעראַרישער ביאָגראַפיע, די רײַסיקייט פון אַנדערע ווערק זײַנע, האָבן אָפגעצויגן די מערקונג אויף זיך; און די פּאָליטישע בינדונגען פון זײַן טעמע האָבן געפירט צו דעם, מען זאָל אָנווענדן אויף זײַן דערציילונג מער פּאָליטישע איידער ליטעראַרישע מאָסן.

קיין פרטימדיקן אַנאַליז פון ווײַסנבערגס אַ שטעטל האָבן מיר עד־היום ניט. די כּוונה פון דעם אַרטיקל איז דעריבער אַרויסצוהייבן געוויסע סטיל־ און קאָמפּאָזיציע־שטריכן פון דער דערציילונג, וואָס מען האָט ביז איצט, דאַכט זיך, ניט דערזען, און וואָס וואָלטן געדאַרפט גענויער דאָקומענטירט ווערן אין אַ מאָנאָגראַפיע. איך באַטראַכט מײַנע הײַנטיקע אויספירן ווי אַ בײַשפּיל פון דעם אַלטן כּלל, אַז אַ מאָל דאַרף מען זיך באַפרײַען פון מחוץ־ליטעראַרישע קריטעריעס בכדי צו דערזען די אמתע, ריין ליטעראַרישע מעלות פון אַ שטיק ליטעראַטור, דעם קינסטלערישן פּלאַן און זײַן דורכפירונג.

I

איינער פון די בולטסטע סימנים פון ווײַסנבערגס אַ שטעטל איז דער אומאויפהערלעכער, קיין איין מאָל ניט איבערגעריסענער גאַנג פאָרויס פון דער צײַט. ניטאָ קיין בליקן אויף צוריק, קיין אָנשוווּם פון זכרונות, קיין הפסק פאַר אַ סטאַטישער באַשרײַבונג פון פיזישע פאַקטן אָדער פון פּירעכצן, וואָס קענען זײַן שייך צו אַלע יאָר, ניט נאָר צו דעם יאָר וואָס ווערט דאָ באַשריבן. די איצטיקייט פון ווערב, טאָמער ווערט זי באַנוצט, איז אויך נאָר אַ מיטל צו פאַרפאַמעלעכן אויף אַ מינוט דעם גאַנג פון דער צײַט, צו געבן אַ מעגלעכקייט נעענטער אײַנצוקוקן זיך אין עפּעס אַ קלייניקייט — אָבער נישט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַן אייביקן אמת. זעלטן ווען די גראָדע ליניע פון צײַט האָט אין זיך אַ קנייטש פון אַ "דערווײַל"־זאַץ; בדרך־כּלל קײַטלט זיך אַ בילד מיט אַ בילד, פאַרבונדן דורך "און", "דעמאָלט", "שפּעטער", "באַלד אויף מאָרגן", און ענלעכע אַדווערבן און קאָניונקציעס.

---

* אַ ביסל אַ קירצערן נוסח פון דער אַרבעט האָב איך געלייענט בײַ דער קאָנפערענץ פאַר ייִדיש־פאָרשונג אין ניו־יאָרק, דעם 10טן אַפּריל 1958. איך בין דאַנקבאַר דער רעדאַקציע פונעם נײַעם לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור פאַר דערלויבן מיר אַרײַנצוקוקן אין אירע ניט־פּובליקירטע ביבליאָגראַפישע זאַמלונגען. עס איז כּדאַי צו פאַרצייכענען, אַז זומער 1961 איז אין דער ניו־יאָרקער ייִדישער פרעסע געווען אַ ידיעה, אַז אין זשעלעכאָוו האָט מען אַ נאָמען געגעבן אַ גאַס נאָך י. מ. ווײַסענבערגן.

וואָס פאַר אַ מעכטיקע ספּרונזשינע באַוועגט עס די דערציילונג? די ספּרונזשינע איז ניט קיין פּשוטע, נאָר אַ דרײַיִקע: און די דרײַיִקייט איז דער ערשטער מייסטערישער סטרוקטור־פּרינציפּ פונעם "שטעטל", וואָס אויף אים וויל איך זיך אָפּשטעלן.

די האַנדלונג שפּילט זיך אָפּ, קען מען זיך אָנשטויסן, אין יאָר 1905. זי הייבט זיך אָן פאַר פרילינג, פאַר פּסח פון דעם דאָזיקן רעוואָלוציע־יאָר; און זי לאָזט זיך אויס טיף אין האַרבסט. אין פאָדערגרונט שטייט די דיאַלעקטיק פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג גופא, וואָס זי איז עס די הויפּטטעמע פון דער דערציילונג. . . . אומאָפּהענגיק פון דער היסטאָרישער פּינקטלעכקייט פון דעם בילד, האָבן אָט די אַנטוויקלונגען אַן אינעווייניקסטן האַפט, דער סדר פון געשעעניש האָט זיך זיין אייגענע איבערצייגעוודיקייט, אַפילו ווען ס'וואָלט קיין מאָל אַ יאָר ווי 1905 ניט געווען.

פּאַראַלעל צו דער געזעלשאַפטלעכער סכעמע שטייען ביי ווייסנבערגן נאָך צוויי אַנדערע: דער גאַנג פון פרילינג ביז שפּעט האַרבסט, און פון ערב־פּסח ביז נאָך שימחת־תּורה. פרילינג הייסט: דאָס אייז וועט באַלד פּלאַצן, און דער טייך וועט זיך צעגיסן, און וועט פאַרטראָגן פלויטן און ברעטער אין דער ווייטער וועלט; די זון נעמט שיינען מיט אַ "שטילער, אויפריכטיקער ליכטיקייט", און פענצטער בלישטשען מיט אַ נײַעם חן. האַרבסט הייסט: די נאַכט פאַלט געשווינדער צו, ווערט קילער; דער מאַרק ווערט איינגעשלאָפן; דער סטרוזש בענקט נאָך אַ פּעלץ; דאָס פעלד הילט זיך איין אין בלעטער ווי אין אַ געל טויטנקלייד; די צווייגן ווערן נאַקעט און קרעכצן אין ווינט. סאַראַ אויסגעצייכנטער משל עס איז דער בייט פון די צייטן אויפן גאַנג פון דער רעוואָלוציע, איר אויפבלי און אָפּבלי אין משך פון איין יאָר! אָבער ווייסנבערג איז ניט פון יענע סימבאָליקערס, וואָס רוקן אונדז דעם נימשל אין פּנים. פאַרקערט: ער זוכט גאָר צו באַהאַלטן די סליאַדן פון דער משלדיקייט. וועגן באַלדיקן אייזגאַנג, למשל, קומט צו רייד אין אָנהייב, לאַנג איידער מיר ווייסן עפּעס וועגן דעם "געזעלשאַפטלעכן פרילינג"; און די פּראַקטיקע באַשרייבונג פון דעם פוילישן האַרבסט געפאַלט נישט סימעטריש, צום סאַמע סוף, נאָר אַ ביסל "מלעיל", ווו זי פּלאָנטערט זיך ניט מיטן אָסיען פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג. נישט ווייניקער בריהש איז אַריינגעפירט די דריטע סכעמע: דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג פאַלט זיך צונויף מיט פּסח, דער קריזיס מיט זיינע פּאָגראָם־פּחדים — מיט די ימים־נוראים. אָבער אַריינגעפירט ווערט דער פּאַראַלעליזם דיסקרעט ביז גאָר. ניטאָ קיין איין וואָרט וועגן קיין חג־החרות, און די געשרייען וועגן לית דין ולית דיין קומען יום־כּיפּור־צייט נאָר. . . פון די הענער, וואָס פון זיי פליִען עס די פאַרבלוטיקטע פעדערלעך. — דריי באַזונדערע ספּרונזשינעס באַוועגן די דערציילונג: צום אַקטיווסטן, די רעוואָלוציע; און פּאַסיווער, אויטאָמאַטישער — דער קאַלענדאַר פון איין זייט, דער לוח פון דער אַנדערער. יעדערע מיט איר אייגענעם פּלאַן, דאָך מייסטעריש סינכראָנאַזירט מיט די אַנדערע, און אין ערגעץ ניט איבערסכעמאַטיזירט.

להיפוך צו דער איינהייטלעכקייט פון דער ריכטונג אין וועלכער עס גייט ביי

ווייסנבערגן די צייט — רק און רק פֿאַרויס — געפֿינען מיר אַ שלל מיט וואַריאַציעס אין אַן אַנדער אויסמעסטונג, וואָס מיר וואָלטן געקענט אָנרופֿן די „פּערספּעקטיווישע“. דער פֿאָקוס פֿון דער באַטראַכטונג — אָט פֿאַרשאַרפֿט ער, אָט פֿאַרווישט ער זיך. ווי אַ פֿילמיר־אַפּאַראַט אויפֿן עקראַן פֿון דער פֿאַנטאַזיע גיט ער אונדז אַ הייב אויף צו כאַפּן אַ פֿויגלבליק פֿון דער ווייטנס און באַלד לאָזט ער אונדז צושוועבן נאָענט און אַ קוק טאָן אויף די קלענסטע פּרטימלעך.

די דערציילונג הייבט זיך אָן אין בית־מדרש, און דער פֿאָקוס איז תּחילה אַ נוליקער, אַ מאַקסימאַל פֿאַרווישטער:

> פֿאַרן עמוד און אין די הענגלייכטער ברענען ליכט, און די ליכטפּלעמלעך טוקן זיך אין רויך פֿון די פּאַפּיראָסן, און בלישטשען אַרויס ווי פֿון אַ נעפּל, וואָס האָט זיך צעלייגט אונטערן בעליק.

דער ערשטער בליק נעמט, הייסט עס, אַריין נאָר פֿלעקן ליכט און פֿינצטערניש. איצט, אין דער צווייטער פֿאַזע, הייבן זיך אָן צו פֿאַרשאַרפֿן די קאָנטורן, און מען זעט שוין איינציקע ליניעס:

> דער עולם איז רעדלעכווייז פֿאַרשמועסט. דער מיטלסטער אין רעדל רעדט און אַלע אַרום לייגן די אויערן צו מיט אָנגעבויגענע קעפּ און פֿאַרקנייטשטע שטערנס.

מיט עטלעכע שורות ווייטער ווערט דער פֿאָקוס נאָך שאַרפֿער מיט אַ קאַרב: עס קומט צו קלאָרער, און אַנשטאָט ליניעס פֿון רוקנס זעען מיר שוין, אין דער צווייטער פּערספּעקטיווישער פֿאַזע, פּרטים פֿון פֿיזיאָנאָמיעס.

> די חברה קצבים, יידן מיט פֿליישיקע, רויטע פּנימער, מיט פֿוטערנע היטלען אויף די קעפּ, איבער די אויערן אַראָפּגערוקט און מיט גרינע גאַרטעלעך אויף די דיקע, פֿאַרפֿעצטע קאַפּאָטעס, האָבן זייער באַזונדערן טיש... די אויגן פֿינקלען אָפּער פֿון אונטער די טיפֿע היטלען...

בהדרגה נעמען זיך פֿון דעם עולם אַרויסשיילן יחידים, אָבער ניט תּיכּף די העלדן פֿון דער דערציילונג: פֿריִער, פֿאַרבייגייענדיק, הערן מיר פֿון עפּעס אַ יעקל ברעסקער און אַ נחום האַמלער, אַז זיי וועלן קומען באַלד נאָך פּסח; און ווידער טונקען זיי זיך אונטער אין דער ניט־דיפֿערענצירטער מאַסע: מיר ווייסן ניט, צי זענען זיי טאַקע געקומען. ערשט ביי אַ צווייטן גראַד פֿאַרשאַרפֿונג דערזעען מיר אַ פֿאַרשויִן, וואָס בלייבט שוין אין פֿאָקוס אויף ווייטער: יעקל סטאָליער, דער פֿירער פֿון די אחדות־לייט.

און אַזוי וואַרייִרט דער פֿאָקוס אַהין און צוריק, בשעת די צייט און די האַנדלונג האַלט אין איין גיין פֿאָרויס, ביים קלימאַקס ווערט די אַקציע אַזוי האַסטיק, אַז דער דעליקאַטער אָבסערוויר־אַפּאַראַט קען אַזש ניט תּופֿס זיין די געשעענישן, און עס נעמען פֿאַרבייבליצן אויפֿן גראַמאַטישן עקראַן אָפּגעריסענע פֿלעקן — זאַצן אָן ווערבן. די עובֿדא צו קאָנסטרויִרן פֿון זיי אַ כּוללדיק בילד פֿאַלט שוין אויפֿן לייענער.

> ... אַ געקלאַפּעריי פֿון העלצער אָן העלצער, אויסגעמישט מיט משונה־ווילדע

קולות, האָט די לופט מיט משוגעת און בהלה אָנגעפילט . . . און אָט — דער פאָטער. דאָס פנים בלאַס און צעמישט. פופציק הענט שטופן זיך מיט אים פון טירל אַרויס. דער זון אויך. מען דערקענט אים שוין קיין פנים נישט, רויט, פאַרגאָסן; אין גאַלן קאָפּ. און די האָר טרינקען זיך אין בלוט. [אינטערפּונקציע לויט אויסג׳, וואַרשע 1930].

אין דער ווילדער בהלה ווערט דערשאָסן אַ מענטש, אָבער ערשט מיט אַ פּאָר זייטלעך שפּעטער כאַפּט זיך דער מבולבלער צוקוקער, וואָס דאָ איז געשען: און ערשט ביים צוריקטראַכטן ווערט קלאָר, אַז ווען ״דער הויכער יונג איז אַריין אין שטוב, געכאַפּט עפּעס פון איבערן קוימען״, איז עס געווען אַ רעוואָלווער, און דער ״איין צוויק אונטערן האַר־ץ״, וואָס חיים־יאָסעלעס שווער האָט דערפילט איידער ער איז געבליבן שטיין ״אַן אָפּגעקאָכטער״, דער צוויק איז עס געווען די קויל, וואָס איז אים אַריין אין דער ברוסט.

צום סוף פון דער דערציילונג מאַכן מיר דורך אַ פאַרווישונג פון פאָקוס, וואָס איז דער היפוך פון דער פאַרשאַרפונג אין אָנהייב. אויך דער לעצטער צוזאַמענשטויס קומט פאָר אין בית־מדרש. דער רב מיט זיינע מקורבים ווילן זאָגן תהילים, יעקל מיט די שוסטעריונגען פאָדערן קעמפן מיט ״בראָו״, ד״ה מיט געווער. אָבער ווידער אַ מאָל גערעט ווייסנבערגן אויסצומיידן אַ צו סכעמאַטישע סימעטריע, און די ענדגילטיקע אויסבלייכונג ווערט אָפּגעלייגט אויף אַ סצענע שפּעטער. קיין יחידים־העלדן זעט מען שוין ניט — נאָר עפּעס אַ צופעליקער פויער פאַרענטפערט זיך נאָך פאַרן זשאַנדאַר — און דער קלאַנג פון רייד ווערט באַלד אויך פאַרשטומט: דער אָפיציר מאַכט שוין נאָר מיטן קאָפּ צו די זעלנערס. די לעצטע קלאַנגען זענען פון שווערדן אין די שיידלען, פון פאָדקעוועס און שפּאָרן אויף דער בריק. די שאַרפע ליניעס פון פערד און זאָטלען פאַרווישן זיך אַפילו, עס בלייבן שוין נאָר קאָנטורן פון אַראָפּגעלאָזטע קעפ און פאַרהאַקטע לאָדנס. די גאָלע שווערדן בליצן אָפּ, דער גראָער מאָרגן־נעפל פאַרהילט די סאָלדאַטן און זאַפּט זיי איין אין זיך, און צו לעצט בלייבט ניט מער ווי ״אַ שוואַרצער וואָגלענדיקער פלעק״. אַנטקעגן דער איינריכטונגדיקער גראָדער ליניע פון צייט־באַוועגונג שטייט אַן איידל געכוואַליעטע בויגן־ליניע פון טעמפּאָ און בליקשאַרפקייט: די סובטילע שפּאַנונג צווישן די צוויי ליניעס באַשטימט דעם ריטעם פון דער דערציילונג.

אַ דריטער סטרוקטור־סימן פון דעם מייסטערישן ווערק — אפשר דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער — איז די גלייכוואָג, וואָס ווייסנבערג האַלט איין אין דער באַשרייבונג פון מאַסע און יחיד. ווער זענען די העלדן פון דער דערציילונג? פאַראַן דער פירער פון די אַרבעטער, יעקל סטאָליער; פאַראַן אויך אַ צווייטע פירער־פיגור, איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער. נאָר דער הויפּהעלד איז — דאָס שטעטל גופא. די פאַרשוינען זענען יחידים, אָבער כאַראַקטעריזירט ווערן זיי אָפּט — אַ מאָל אויסשליסלעך — מיט פּאָך־עפּיטעטן: יעקל סטאָליער, איטשעלע קאַמאַשן־מאַכער, עוזר גאַרבער, יאָסל זייפן־זידער, זעליק שינדער. נאָך איידער מיר קענען די העלדן, קריגן מיר שוין, אויף די ערשטע פּאָר זייטלעך, אַן אַריינבליק אין דעם עקאָנאָמישן געבוי פון שטעטל, זיין קאָנצענטרירונג אויף שוסטערײַ,

זיין איבערגאַנג צו אַ מין מאַסן־פּראָדוקציע אויף וואַרשעווער באַשטעלונגען. די קרעמערס זענען פּאַרטאַן, גרייטן אַלץ אויף יום־טוב — איין קליינקייט, "וואָס אַ שטעטל דאַרף אַלץ". דער ערשטער זאַץ פון דער דערציילונג איז בכלל אָן אַ סוביעקט — "דער עולם", און נאָך מיט אַ פּאָר זאַצן ווייטער זענען מיר, ווי "דער עולם איז רעדלעכווייז פאַרשמועסט". ניט מענטשן שמועסן אין רעדלעך, און ניט רעדלעך שטייען, נאָר דער עולם, אונדזער העלד, שטייט אַ פאַרשמועסטער, רעדלעכווייז. דער עולם קוקט און גאַפט, און ביי איין געשלעג זעט די קופּע מענטשן אויס ווי איין גרויסע חיה מיט טויזנטער רירעוודיקע גלידער. דער עולם לעבט מיט זיין אייגענעם פולס, ער שפּאַנט זיך אָן און רוט זיך אָפּ. ביי אַ גרויסער פּראָצעסיע זעען מיר, ניט אַז אַלע קניִען, נאָר אַז אַלץ קניט. בהסכם מיט דער פּערסאָניפיקאַציע פון דעם עולם שטייט די "דעפּערסאָניפיקאַציע" פון טוונגען דורך זאַצן אָן פּערזענלעכע סוביעקטן. די ווערבאַלע סובסטאַנטיוון פונעם מישקל "געריידעריַ, געשעפּטשעריַ, געזינגעריַ, געשלעגעריַ", וואָס ווייסנבערג האָט אַזוי ליב, קאָנצענטרירן אין זיך נאָך מער, ווי סתם אַן אינפיניטיווע אַקציע לשמה, ריינע טוונג אָן אַ טוער. ניט אַ' הייבט אָן שלאָגן ב'ן, נאָר עס ווערט אַ געשלעגעריַ. ניט דער אָדער יענער שרייט געוואַלד, נאָר "געוואַלד! איז אַ געטומל געוואָרן און אַ גע־שטרעקעריַ פון הענט צום יִדן אויפן טיש".

ביים נעמען דעם "עולם" פאַר אַ העלד און באַהאַנדלען אים ווי אַ כּמו־אָרגאַניזם מיט אַלע זיינע "גלידער", שטייט אַ שרייבער אין אַ גרויסער סכנה פון סכעמאַטישן סאָציאָלאָגיזם. ווייסנבערג באַלאַנסירט אָבער מיט דער גרעסטער בריהשאַפט דעם "עולם" קעגן זיינע באַשטייטיילן, און אַנשטאָט סאָציאָלאָגיע קומט אַרויס — קונסט. די דריי מעכטיקע ספּרונזשינעס וואָס טרייבן די דערציילונג — די רעוואָלוציע, דער קאַלענדאַר און דער לוח — מאַכן שווער פאַר יחידים מיט זייערע פּריוואַטע מאָטיווירונגען אַרויסצושטאַרצן, און די מענטשן בלייבן טאָקע אין באַרעליעף. אָבער אַ רעליעף איז פאַראַן. דער קלאַסנקאַמף גייט אויף אַ קלאַסישן דרך, אָבער דווקא די דראַמאַטישע הויכפּונקטן זיינע ווערן יחידיש און מענטשלעך. די כּלי־קודש זענען איין צד מיט די פאַבריקאַנטן, אָבער ר' עוזר גאַרבער, דער פאַבריקאַנט, שטייט אין טלית־און־תּפילין און טענהט זיך אויס מיט יעקלען וועגן דער ביטערער דאָליע פון דעם געפּלאָגטן אַרבעט־געבער; דודל ראַזנצווייג, דער אַדוואָקאַט און איינגייער ביי נאַטשאַלסטווע, געהערט צום פאַבריקאַנטן־צד לויט זיינע קלאַסן־אינטערעסן, אָבער די קינאה צו יעקלען, וואָס פירט דין־תּורות און מעסט אויס רעוואָלוציאָנערע גערעכטיקייט די יִדן און יִדענעס אויף זיין אייגענער אַחריות, איז נאָך וויכטיקער. און ווען דודל האָט זיך, בעת דער ירידה פון דער פאַבריקאַנטן־מחנה, געפילט פּאַריתומט, פלעגט ער "זיך צורוקן צו וועלכן עס איז פון די אַחדות־לייט און דערציילן אים פון די' צייטונגען און לויבן די ביאַליסטאָקער שטרייקערס און די באַקוער שריפות — ביז אין טאָג אַריין"; וואָרעם דער מענטשלעכער עלנט איז רעאַלער ווי די קלאַסן־געטריישאַפט. פּונקט אַזוי איז די פּערזענלעכע קאָנקורענץ צווישן יעקלען און איטשעלען ממשותדיקער איידער יענער סטאַנדאַרד־קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג —

דער פּאָליטישער פּאַרמעסט צווישן בונד און פּ. פּ. ס. וועגן דעם, ווער עס וועט פּאַרטייִש אָרגאַניזירן דאָס שטעטל.

דאָס וויכטיקסטע מיטל, מיט וועלכן ווייסנבערג היט זיך אויס פון דער סכּנה פון פּאָליטישער פּאַרמלדיקייט, איז דער הומאָר. ביי סטראַטעגישע געלעגנהייטן אין גאַנג פון דער דערציילונג דערמאָנט ער אונדז אין דער יונגקייט, שיִער ניט דער קינדערישקייט פון די קעמפערס, אין דער קליינשטעטלדיקייט און דער אומ־צייטיקייט פון זייער קלאַסן־באַוווסטזיין. אין וועלכע שטרייקערס איז מען זיך נוקם? אין יענע, וואָס ביי זיי אין שטוב זענען קיין שטאַרקע טאַטעס ניטאָ. ביי דער גאַנצער סטיכישער מעכטיקייט פון דער באַוועגונג, באַמערקט אַ פאַרשווין אין דער דער־ציילונג, וואָלט געווען גענוג ״איין גוייש געלעכטערל״ און אויפן אָרט פון שטעטל בלייבט אַ ליידיקער פּלאַץ. חברה פאַרלאָזט זיך גריוועס, מען קריכט אַריין אין די בלויע העמדלעך, מען פאַרבענקט זיך נאָך אַ פּאַן. מען נעמט איבער נאָר די שאָלעכץ פון דעם בונדישן נוסח, מען גייט ״אַנקוקן״ אַ דיסקוסיע, מען וווּנדערט זיך אויף די ״אַלטע געמיינע שטרייקן״, מען פאַרשטייט ניט אַזעלכע ווערטער ווי ״חברים״, ״פאַרטיידיקן זיך״, און די שבועה איז נאָך ניט קיין הימען, נאָר אַזוי אַ ניי, שיין לידל. ווען מען אַרעסטירט יעקלען, ווי רעאַגירט די בעל־הביתטע? אַז ער איז געבליבן שולדיק פאַר פּאַפּיראָסן; און ווען מען דערציילט דעם שווער, אַז זיין חיים־יאָסעלע איז צעבלוטיקט געוואָרן, כאַפּט ער זיך אַרויס: ״אוי ווי, באַלד אין דער פריי?״ אַזוי מאָלט ווייסנבערג די גרויסע מענטשלעכע קאָמעדיע.

די הומאָריסטישע און אינדיווידואַליזירטע באַהאַנדלונג פונעם קלאַסנקאַמף פּאַסט זיך גלאַטיק אַריין אין דעם גרויסן רעאַליסטישן פּלאַן פון ווייסנבערגס דער־ציילונג, וווּ די פּרטים פונקציאָנירן ניט לשם זייער אייגענער וואָכעדיקייט, און אויך ניט ווי סימבאָלן — קליפּות פון עפּעס אַ העכערער מעטאַפיזישער סיסטעם, נאָר ווי פולבלוטיקע פאַקטן וואָס זענען פאַראייניקט דורך אַ לעבעדיקן, דערוועלטיקן קינסטלערישן פּרינציפּ. וואָס מער איר לייענט ווייסנבערגס אַ שטעטל, אַלץ מער זעט איר, ווי יעדער פּרט פון סטיל און קאָמפּאָזיציע איז דאָ אויף אַן אָרט.

II

. . . די קריטיק אָבער, כאָטש זי האָט געהאַט צו זאָגן וועגן שטעטל אַ סך גוטס, האָט עס ווי אַ ליטעראַריש קונסטווערק פאָרט ניט דערשאַצט. שוין דאָס אַליין, וואָס מיר האָבן ניט קיין קריטישע אַרבעטן, וואָס זענען אָפּגעגעבן נאָר דעם ווערק אַליין, איז אַ סימן דערפון. און אין די פאַראַנענע אַרבעטן, וואָס זייער טעמע איז ווייסנ־בערג בכלל, זעט זיך אָן ניט אַן אונדזער דערציילונג כּפי זי פאַרדינט עס. נאָך אַ סימן פון דער ניט־דערשאַצונג איז דאָס, וואָס אַפילו די בעסטע אַרויסגעבערס האָבן גענומען די דערציילונג און זי אומשולדיק געקירצט. די אויסגאַבע פון דער ל. מ. שטיין־ביבליאָטעק, למשל (ניו־יאָרק, 1954), האָט זיך דערלויבט, אין אַ באַנד פון 310 זייטן, צו געבן פון שטעטל נאָר ״קאַפּיטלען״ (אין אָריגינאַל זענען בכלל קיין קאַפּיטלען ניטאָ, דערביי האָט מען דעם גאַנצן קלימאַקס פון דער דערציילונג אויס־געשניטן און חרוב געמאַכט די גאַנצקייט פון דער קאָמפּאָזיציע). די מאָטיוון זענען

דאָ זיכער געווען ריינערע, אָבער דער קינסטלערישער היזק איז געווען אַ גרעסערער, איידער אין דער סדום־"קירצונג", וואָס ש. קליטעלניק האָט דורכ־געפירט אין מאָסקווע אין 1933 — אַרויסלאָזנדיק, "צוליב אידעאָלאָגישע און מעטאָדישע טעמים", ווי ער זאָגט, אַלע שטעלן ווו עס קומט צו רייד וועגן בונד.

די סיבות פון דער ניט־דערשאַצונג זענען פאַרשיידענע.

קודם־כל האָט ווייסנבערג דאָ געשריבן אויף אַ טעמע, וואָס צו איר איז געווען שפּירעוודיק ניט נאָר דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר אין דער ייִדישער קריטיק, נאָר בכלל יעדער גיזעלשאַפטלעך באַוווסטזיניקער קריטיקער — ד"ה פּאָקטיש יעדער איינער. ווייסנבערגס העלדן זענען, ווי ב. י. ביאַלאָסטאָצקי זאָגט, . . . "מער יאַטן ווי רעוואָלוציאָנערן: מער 'בונטיק' ווי 'בונדיש' — סתּם זיי בונטעווען זיך!" ווי באַלד אַזוי איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ בונדישער קריטיקער קען ניט זיין אין גאַנצן באַפרידיקט פון דער הומאָריסטישער דיסטאַנץ, פון וועלכער דער מחבר באַטראַכט זיינע אָביעקטן. שאַרפער קומט די אומצופרידנקייט אַרויס אין דעם עקסטרעמער־מאַרקסיסטישן, בעצם אַנטי־קינסטלערישן לאַגער — אין דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער קריטיק. "ווייסנבערג", שרייבט מ. ליטוואַקאָוו אין אַריינפיר צו דער קיִעווער אויסגאַבע פון 1930, "איז טאַקע אַ קבצנים־שרייבער, אַ פלעביי . . . [אָבער] אַזוי ווי ער איז ניט דורכגעדרונגען מיט אַן אויסגעפורעמטן קלאַסן־באַנעמען [פון] די געשעעענישן פון דער רעוואָלוציע פון 1905[טן] יאָר, פילט זיך ביי אים אָפּט אַ פאַרבאָרגן ביטול־שמייכעלע צו דעם גאַנצן קאַמף פאַר אָרגאַניזאַציעס און פון אָרגאַניזאַציעס". און עס לאָזט זיך אויס, אַז זיין רעאַליזם איז "כמעט אַ נאַיִווער", ווייל . . . "פאָרעם און אינהאַלט זענען ענג פאַרבונדן". און קליטעלניק באַשולדיקט ווייסנבערגן אין 1933, אַז אין אַ שטעטל איז ער "געבליבן שטעקן אין די ראַמען פון די פאַקטן", רחמנא־ליצלן. אומצייטיק, טענהן זיי, די פאַלשע קריטיקערס, איז גאָר ניט די באַשריבענע אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר איר באַשרייבער.

אַ צווייטע סיבה פאַר דער ניט־דערשאַצונג פון ווייסנבערגס אַ שטעטל איז דער פאַרגלייך מיט שלום אַשס ווערק וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען. שולדיק איז ווייסנבערג אַליין — ער האָט דאָך דערקלערט מלחמה אַשן מיט דעם, וואָס ער האָט צוויי יאָר נאָך אַשן אַרויסגעלאָזט אַ בוך מיט דעם זעלביקן טיטל. אמת, דווקא דער פאַרגלייך האָט געדאַרפט העלפן דערזען, אויפן פאָן פון אַשס שווערהאַנטיקע, גראָב־חושימדיקע און נודנעוואַטע סענטימענטאַליטעטן, וואָס פאַרכלייעז זיין ביכל, די סובטילע אויספירונג און קלאַסישע געמאָסטנקייט פון ווייסנבערגס קונסט־ווערק. אָבער אונדזער קריטיק, אַ דורכגעדרונגענע מיט גיזעלשאַפטלעכקייט, האָט פאַרזען די פאָרעם־פּראָבלעם און האָט זיך אַנשטאָט דעם פאַרקוקט אויף דער סאָציאַלער זייט פון דער טעמע. און פון זינט ניגער, און דער עיקר בעל־מחשבות אין זיין באַרימטן עסיי וועגן "דריי שטעטלעך", האָבן איינגעפירט די מאָדע פון פאַר־גלייכן ווייסנבערגן מיט אַשן, האָט מען זיך פון דעם קאָנטראַסט צווישן אַשס בעל־הבתּישקייט און ווייסנבערג[ס] פּלעבעיִשקייט שוין ניט געקענט באַפרייען.

אַ דריטער שטער ביים דערשאַצן אַ שטעטל איז דאָס התנהגות פון אונדזער קריטיק, אַז — אַחוץ לויפיקע רעצענזיעס — שרייבט מען כמעט ניט וועגן

באַזונדערע ווערק, נאָר וועגן גאַנצע שרייבערס אויף אַ מאָל. און באַלד ווי מען נעמט שאַצן ווייסנבערגן דעם גאַנצן שרייבער, גיבן זיך אַ וואָרף אין די אויגן די רייסיקערע טעמעס און די מער נאַטוראַליסטישע באַהאַנדלונג זייערע אין אַנדערע ווערק פון אים, דעם ייִדישן איבערזעצער פון 1001 נאַכט. . . . און אַזוי פאַרשיידנ־דיק זענען די ״דריי ווייסנבערגס״ — דער ליריקער, דער הומאָריסט, און דער נאַטוראַליסט — אַז ״איבער אַלע זיינע אויפטוּונגען״, קלאָגט זיך ב. י. ביאַלאָס־טאָצקי, ״זעט זיך . . . ניט קיין פאָדעם וואָס פאַראייניקט עס, און עס זעט זיך ניט קיין קלאָרע קינסטלערישע אידעע״. . . . ״אין נויט און אין איינזאַמקייט״, שרייבט בער י. ראָזען (פאַרטרעטן, ב״א 1952), ״צעקריגט מיט כמעט דער גאַנצער ליטעראַ־רישער סביבה, האָט ער פון זיינע זאַמלביכער אַרויסגעשאָלטן און לעבעדיקע פאַסן געשניטן פון יענע אַלע, וואָס האָבן זיך זאָט און זעלבסטצופרידן באַזעצט אין דער טאָגפּרעסע און אויסגעטוישט די אידעע פון אַ ייִדישער ליטעראַטור אויף אַ גוטן מיטאָג. . . .״

דער גרעסטער מיכשול ביים דערשאַצן ווייסנבערגן איז געווען דווקא די הייך פון זיין דערגרייכונג — כּפי זיין אָפּשטאַם. ווייסנבערג איז ביז די דערוואַקסענע יאָרן געווען אַ בעל־מלאכה אין זיין שטעטל זשעלעכאָוו, דערנאָך אין לאָדזש און אין וואַרשע. . . . מיט אַזאַ ייִחוס איז שוין געבליבן, אַז ווייסנבערג איז ״פּרימיטיוו״ (ביאַלאָסטאָצקי), ״קרעפּטיק״ (ניגער), עכט, און עס איז געווען גענוג ליטעראַרישער נס — אייגנטלעך ליטעראַטישער נס — אַז אָט דער ״זשעלעכאָווער פויער״, דער ווייסנבערג מיט דער מענטאַליטעט פון אַ ייִשובניק (ראָזען), זאָל דערגרייכן אַפילו די מדרגה. אָבער סובטילקייט פון קאָמפּאָזיציע, פון פּערספּעקטיוו? קלאַסישע געמאָסטנקייט? אויף דעם האָט מען זיך שוין ניט געקענט ריכטן אַפילו ביי דעם וווּנדערקינד, און ממילא — האָט מען עס ניט געפונען. און ווייל בעל־מחשבות האָט אים, מן־הסתם, איבערגעשאַצט ווי אַ שרייבער מיט רופן אים ״אפשר די גרעסטע האָפענונג אונדזערע״, געפינען שפּעטערדיקע קריטיקערס ווי י. ראַפּאַפּאָרט (אויסגעריסענע בלעטער, מעלבורן, 1951) פאַר נייטיק צוריק איינצושטעלן אַ פּראָפּאָרץ, צו ווייזן, ווי די ייִדישע ליטעראַטור איז אַרויסגעוואַקסן פון יענער התחלהדיקער נאָך־פּרץ־סטאַדיע, ווען ווייסנבערג האָט געקענט זיין ״די גרעסטע האָפענונג״. און אַזוי, לויבנדיק ווייסנבערגן, איז מען אים מזלזל; מען מאַכט פון אים אַ ״געוועדליקטע גרויסקייט״ (גלאַטשטיינס אַ טערמין) — ער איז גרויס ווערדליק זיין צייט — און די מייסטערישע מעלות פון איין דערציילונג . . . בלייבן ווייטער ניט דערשאַצט. . . . [11]

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

י. מ. ווייסענבערג

1881־1938 [1878־1938]

צום דערשיינען פון י. מ. ווייסענבערגס געקליבענע ווערק דורך דער ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק, ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק.

1

. . . אַ טאַלאַנט וואָס קומט און פלייצט ווי אַ קאָכיקער שטראָם. אַזוי האָט מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק ש. ניגער, אין זיין אינטערעסאַנטן עסיי איבער ווייסענבערגן, געשריבן:

„ווייסענבערג פריידיקט נישט קיין לעבן, און קיין גלויבן. דעם קינסטלערס זאַך איז נישט פריידיקן דאָס גוטע און דאָס שיינע, נאָר עס שאַפן; און ווייסענבערג שאַפט עס. פון זיין גאַנצן וועזן אַליין ווייעט מיט לעבן, און מיט גלויבן אין לעבן. אין זיינע ווערק, אין זייער בוי און שניט פילט זיך אַ געזונטקייט און עפּעס אַ געבאָרענע, מוסקולהאַפטיקע קרעפטיקייט".

און אַזוי איז ווייסענבערג מיט דער ברכה פון „גבורה" אַוועק אויף זיין וועג. ער איז געגאַנגען עקשנותדיק, טראָציק. אָבער באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז נישט אַלץ איז ביי ווייסענבערגן פון איין בוי, און נישט אַלץ איז ביי אים פון איין שניט. מען האָט באַלד געזען, אַז ווייסענבערג צעטיילט זיך אייגנטלעך אויף דריי טיילן, און נישט אַלע מאָל קומט דער געוווּנטשענער סינטעז, די דרייַיקייט זיינע צו פאַראייניקן. ווייסענבערג איז, אחוץ זיין גבורה, ליריש און מילד, ווי אין זיין „דור הולך ודור בא". ער איז מילד און ליריש אין זיין „עולם התוהו", און אין זיין „נישט באַשערט", אויך אין אַנדערע שאַפונגען. דערביי האָט זיך אויך דערהערט ווייסענבערגס געלעכטער. אַזאַ מאָדנער, נאַקעטער הומאָר — נישט אַזוי פאָלקסטימלעך, ווי שלום־עליכמס געלעכטער, נאָר אַ געלעכטער מיט אָפענע ציין. אַזוי איז זיין געלעכטער אין די „צוויי באָבעשיס" („די באָבעשיס אָפּהיטן"), וועלכע ווילן איינהיטן די אומשולד פון זייער איניקל, אַ יונג מיידל; אַזוי איז דער הומאָר פון דער דערציילונג „חתונה מאכן", אַזוי די מאָפּאַסאַנישע „שיינע גיטל" און אַנדערע דערציילונגען. זיין הומאָר איז אויך געווען אַ ביסל צו אַנעקדאָטאַריש, און נישט אַזוי פאַרוואָרצלט אין דער סביבה, ווי, למשל, שלום־עליכמס הומאָר.

סטיכיע, הומאָר, באַהאַלטענע לירישע מילדקייט און אויסער דעם, אויך אַ מענדעלע מוכר ספרימדיקע באַהעפטקייט מיט דער נאַטור. . . .

אָבער די זאַכן, די דערציילונגען, וואָס ער האָט געשאַפן . . . וועלן . . . זיין אַן אייביקער „פאָמניק" (דער נאָמען פון זיינער אַ דערציילונג) נאָך אים, נאָך דעם ברייטפּלייציקן איטשע־מאיר, דעם פאָלקסייִד (אויב נישט פאָלקסשרייבער), . . .

2

איך האָב ווידער אַ מאָל, נאָך לאַנגע יאָרן געלייענט ווייסענבערגן. זיין שפּראַך

האָט מיך אויף ס'ניי פאַרכאַפּט, כאָטש זי איז אָפּט צי אַרטיק, צי לאָקאַל. זיינע נאַטור־שילדערונגען האָבן אויף מיר אַנגעווייעט אַ לירישן אומעט. ער איז ווונ־דערלעך ווען ער גיט אַ וויילע זיך אַ ריס אָפּ פון מענטשן און ער גיט אַ קוק אויף דער נאַטור. ער דערמאָנט אָן מענדעלען אָבער ער בלייבט אין זיין אייגענעם פעלד. . . .

איך זע, ווייסענבערג רייסט שטיקער, גאַנצע שטיקער פון לעבן, אַזוי ווי פון אַ באַרג. ער ברענגט ווינציק טיפן און נאָך ווינציקער געשטאַלטן. . . .

קומט זיין דערציילונג "אַ שלעכטע ווייב" [אַ שלעכטע פרוי]; קומט פייגעלע פון "דאָס לעבן"; קומען אויך אַנדערע אין זייערע פּוסטריט; . . . קומט שרהלע פון "חתונה מאַכן"; קומען די חברה־לייט פון דער גרעסערער דערציילונג "קינדער"; קומט שרהלע פון "די באַבעשיס אַפּהיטן". קומען נאָך און נאָך.

און דאָ קומט דער יצר־הרע, די זינדיקע. ביי ווייסענבערגן אין זיינע דער־ציילונגען באַווייזט זיך דער יצר־הרע גאַנץ אָפט. שפּרינגט דער שיינער גביר אַראָפּ פון בוידעם, וווּ ער איז געווען מיט דער דינסט; דרייט זיך אַרום מיט פייגעלען אַברהמטשע, וואָס האָט צו טאָן מיט דער אשת־איש, קומען די שוואַרצע, די געלע, די אַרומשלעפּער פון דער דערציילונג "קריינדעלע".

. . . די צוויי אַלטע פון דער דערציילונג "אַ פּאַמניק" ווערן צוזאַמענגעוואַקסן אין זייער זיקנה, בלייבן פאַרגליווערטע ביים פענצטער, און צוויי יונגינקע קינדערלעך ווערן גלייך געבוירן אין הויז. אין אַט דער שטאַרקער, קורצער דער־ציילונג איז אויך דאָ שטאַרקער געלעכטער, כאָטש די מעשה איז צו אַנעקדאָטיש. ווייסענבערגס הומאָר בכלל ווערט נישט גענוג פאַבולע, נישט גענוג מעשה. . . .

3

אַז איך טראַכט איבער דער דערשיינונג איטשע־מאיר ווייסענבערג, קום איך צום געדאַנק, אַז איבער אַלע זיינע אויפטוּונגען, איבער אַלע זיינע אַנגעוואָרפענע שטיקער טאַלאַנט, זעט זיך אָבער נישט קיין פאָדעם וואָס פאַראייניקט עס, און עס זעט זיך נישט קיין קלאָרע קינסטלערישע אידעע. . . .

און אַ קינסטלער מוז האָבן אַ קינסטלערישע אידעע אין זיך, ער מוז האָבן יענעם וווּנדערלעכן שם המפורש, וואָס באַהעפטעט און פאַרבינדט און מאַכט גאַנץ.

. . . טאַלאַנט אַליין איז נישט גענוג. דאָס דאַרף סובלימירט ווערן דורך קינ־סטלערישער רייפקייט. ביי ווייסענבערגן זעט מען דעם "ווי אַזוי", אָבער נישט דעם קינסטלערישן "פאַרוואָס"?

. . . איך האַלט דעריבער, אַז ווייסענבערג איז נישט געווען אַזוי אוממיטלבאַר ווי מען האָט געמיינט, נאָר ער איז פּראָסט און פּשוט געווען פּרימיטיוו. . . .

ביי ווייסענבערגן זענען נישטאָ קיין געשטאַלטן, און די טיפּן וואָס זענען דאָ ווערן צווישן זיך נישט פאַרבונדן. איך קען ביי אים נאָר איין מענטשן וואָס איז ענלעך צו געשטאַלט. דאָס איז "קריינדעלע", אָט יענע יתומה, די געפּאַלענע, אָרעמע פרוי, וואָס פאַלט אַריין צו בעטלער און צו פאַרגוואַלדיקער. . . .

ביי ווייסענבערגן רייסט זיך אַרויס די אידעע פון "אַ דור גייט, אַ דור קומט",

דאָס לעבן לעבט. אָבער אויך אָט די אידעע ווערט ווייטער נישט געפירט און וואַקסט נישט געגוג.

ביי ווייסענבערגן האָט זינד געקענט זיין זיין קינסטלערישע אידעע, דער יצר־הרע ביי די מענטשן. אָבער אויך די אידעע דאַרף דערהויבן ווערן. דער זינד־אַנעקדאָט טאָר נישט נעמען די אויבערהאַנט. סע דאַרף ווערן פאַבולע, פאַסירונג, איבערלעבונג. קיין אמתער סינטעז פון די אַלע אָנגעצייכנטע מאָטיוון ביי ווייסענ־בערגן האָט זיך אויך נישט געשאַפן.

איך קוק אויף ווייסענבערגס מענטשן און איך זע: זיי לאָזן זיך דערקענען. וואָרעם ווייסענבערג איז ממש ווונדערלעך, ווען ער גיט איינס־צוויי אַ שילדער־אָפּ זיינעם אַ העלד. מיט אַ פּאָר שטריכן טוט ער עס. נאָר זיינע שטריכן זענען מער סימנים צו דערקענען ווער דער פּאַרשוין איז, ווי צו דערהייבן אים דורך שילדערונג צו געשטאַלט. ווייסענבערג גיט ווונדערלעכע סימנים, דאָס איז אמת. . . .

4

. . . ווייסענבערגס רויש, . . . רוישט נאָך היינט אין זיינע ווערק אַזוי רוישיק און פריש ווי אַמאָל. זיין "משוגענע אין דאָרף", זיין "קריינדעלע" און אַנדערע פון זיינע מענטשן דרייען זיך נאָך אַלץ אַרום ביי אונדז און מיר דערקענען זיי גאַנץ גוט, ווערדליק ווייסענבערגס סימנים.

ווייסענבערג האָט אַריינגעוואָרפן אַן ערדישקייט אין אונדזער ליטעראַטור, אַ צאַפּלעניש, אַ באַוועגלעכקייט. ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ געזונטע גופיקייט. אַפילו י. אָפּאַטאָשוס אַ פערד גנב איז דוכט מיר אַ נאָכגאַנג נאָך ווייסענבערגן. . . .

אין ווייסענבערגס ווערק זענען דאָ פּרעכטיקע שטיקער, פּרעכטיקע בילדער. צווישן די ווערק, וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט, וויל איך נישט דורכלאָזן "אַ שרפה" און "זעלנער". דאָס זענען אַלץ שטיקער לעבן, וואָס אָטעמען אין דער ליכטיקייט פון דער זון. . . . [12]

ב. מאַרק

צום אָנדענק פון יצחק־מאיר ווייסענבערג

— אַ וואָרט אויף זיין קבר אויפן יידישן בית־עולם אין וואַרשע —

. . . ווייסענבערג איז געווען פאַר עקסעלאַנס אַ רעאַליסט. אָבער זיין רעאַליזם איז נישט רוי, נישט גרוי, נישט פאַראיינפאַכט. אין ווייסענבערגס טריי בילד פון פּשוטע, געזונטע יידן מיט זייער פשוטע נשמות ליגט אַ ים מיט פּאָעזיע, אַ שפע פון שיינקייט, ליגט נישט זעלטן אויך אַ טיפע אויפטרייסלענדיקע דראַמע, . . .

ווייסענבערג האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם דינאַמישן טאָן. אַליין אָרגאַניש אַ דינאַמישער טייל פון האָרעפּאַשנעם פאָלק אין די שטורמישע רעוואָלוציע־צייטן, איז אויך זיין שרייבן־נוסח דינאַמיש, הן אין דער

קאָנסטרוקציע, הן אין דער פאַבולע, הן אין די האַנדלונגען פון זיינע העלדן, הן אין זיין נאַטור־געמעל. אַלץ ביי אים איז אין באַוועגונג, אין האַסטיקער אַנטוויקלונג, אַלץ וואַקסט אַן שנעל צו אַ קולמינאַציע־פונקט, אַלץ ברויזט, קאַכט, וואַקסט אָדער פאַלט טראַגיש. און איבער דעם אַלעם יאָמערט אַ דראַמאַטישער טאָן, און איינ־צייטיק איז זיין סטיל ווי פון פעלז אויסגעהאַמערט, פלאַסטיש און קאָנדענסירט; נישטאָ כמעט קיין איבעריק וואָרט, אַלץ איז קאָנצענטרירט און שטרעבט צום ציל. . . .

און איבער אַלץ איז ער געווען גרענעצלאָז טריי דעם קינסטלערישן וואָרט, בחוש געפילט זיין גרויסן באַטייט. דערפון נעמט זיך דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך בלב־ונפש אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַמף, . . . אין אַ קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף פאַר דער ריינקייט און ערלעכקייט פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן, פון דער יידישער ליטעראַרישער סביבה, פאַר איר דירעקטער נאָענטקייט צום שורש, צום פאָלק. אַוודאי איז ער באַגאַנגען טעותים אין דעם דאָזיקן קאַמף, אַוודאי איז ער באַגאַנגען אין דער ליידנשאַפט פון פאָלעמיק, עוולות לגבי וויכטיקע שעפער פון יידישן קינסטלערישן וואָרט, אָבער דאָס איז ביי אים געווען אַ פועל־יוצא פון זיין פאַנאַטישער ליבשאַפט צו יידיש און יידישער ליטעראַטור, און אויך אַ רעזולטאַט פון זיין כאַראַקטער, וואָס האָט נישט געקענט און אויך נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום פשרה.

אינעם לעצטן עטאַפּ פון זיין לעבן און שאַפן האָט ער געגאַרט צו קאָנסטרויִרן עפּעס גרויס', אַן עפּאָס עלעהיי אַ טויזנט און איין נאַכט, וואָס זאָל אַרומכאַפּן אַלע עיקר־פּראָבלעמען פון מענטשלעכן זיין, אַ מין קינסטלעריש־פילאָזאָפישע קווינטעסענץ פון לעבן און פון קאָסמאָס.

. . . דאָס אייביקע זענען זיינע דערמאָנטע רעאַליסטישע, קרעפטיקע, דינאַמישע, פאָלקסטימלעך־טיפע נאָוועלן און דערציילונגען, וועלכע דערהייבן זיך ערטערווייז ממש צו אַ באַלזאַקישער מדרגה. פון אָט דער ווייסענבערגישער פען טויכט אויף אַ געזונטער יידישער פאָלקס־מענטש מיט אַ פעסטן גוף און עמפינדלעכער נשמה.

עס קלינגט אַרויס פון ווייסענבערגס ווערק דאָס קוואַליקע קול פון דעם זאַפטיקן יידיש־לשון פון די פּוילישע יידן, פון דער טיפער פּוילישער פּראָווינץ, דאָס פאַרברייך און קלאַנגפול, האַרציק, טויזנט־חניק און ענערגיש לשון, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוילישן ייד.

פריצייטיק איז אַוועקגעקומען איטשע־מאיר ווייסענבערג. ער איז נאָך גע־שטאָרבן מיט אַ "נאָרמאַלן", "גליקלעכן" טויט, אויף אַ בעט, צווישן זיין פאָלק, באַ־גלייט צו אייביקער רו דורך מאַסן זיינע אָנהענגערס. . . .

זיינע ווערק האָט מען געלייענט אין געטאָ. זיין אָנדענק זענען געווען געוויד־מעט אָונטן אין די פאַרחושכטע צימערן פון די פאַרעקשנטע געטאָ־יידן, וועלכע האָבן געזוכט טרייסט און מאָראַלישע שטאַרקייט אין ווייסענבערגס ווערק, אַזוי גוט ווי אין אַנדערע שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. זיינע געדרוקטע ביכער זענען פאַרצוקט געוואָרן דורך פלאַמען צוזאַמען מיט די לעבעדיקע קערפּערס פון

זיינע לייענער אין די גרויליקע חדשים אַפּריל־מאַי־יוני 1943. . . .

איצט לייענט מען זיין געדרוקטע ירושה ווי פרומע יידן פלעגן לייענען סליחות און קינות פון אַמאָליקע צייטן. מיר לייענען זיינע ביכער און זוכן אין זיי נישט נאָר אַ בילד פון אַ פּאַרשניטן, אויסגעבערענט און אויסגעשאָסן לעבן, נישט בלויז קינסטלערישן געניוס, נאָר אויך אַ מאָראַלישן אָנלען, אַ שטראַל אין דער צוקונפט. זיינע ווערק זענען אַ שטאַרקער אַרגומענט קעגן די פאַרלייקענער פון אונדזער שפּראַך און קולטור, פון אונדזער נאַציאָנאַלער וויטאַליטעט, אַ שטאַרקער אַרגו־מענט קעגן די אַלע, וועלכע מיינען, אַז יידישע ליטעראַטור איז געווען בלויז אַ צופעליקע דערשיינונג און איז איצט אַן אומניצלעכע זאַך, אָדער וואָס האַלטן, אַז זי איז אַ געטאָ־שאַפונג.

נישט קיין געבויגענע, הכנעהדיקע, געבראָכענע, פּחדנותדיקע יידישע נשמות און יידישע גופים אָנטפּלעקט ווייסענבערג, נאָר פעסטע און וויטאַלע, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין דערווירקלעכקייט. און אויב עס זענען ביי אים פאַראַן אויך קריכערס, ערד־פויזנדיקע, מאָראַליש־פאַרדאָרבענע, פּאַראַזיטן, צופעליקע רענעגאַטן — זענען זיי אַ פּראָדוקט פון אַן אומנאָרמאַלן לעבן־סדר, פון טראַגישע לעבנס־פּלאָנטערן, פון אַ פאַרקריפּלענדיקער דערציִונג און פון אַ דורותלאַנגער באַדנלאָזיקייט.

פאַר דעם רעאַלן בילד פון דעם פּוילישן ייד זענען מיר שולדיק אייביקע דאַנק־באַרקייט ווייסענבערגן.

. . . זאָלן די פּאָזיטיווע שטריכן פון יצחק־מאיר ווייסענבערגס עקשנותדיקן כאַראַקטער און זיין סוביעקטיוו ערלעכער געראַנגל פאַר אַ ריינער יידישער ליטע־ראַטור — דינען אונדז אַלס ביישפּיל און דערמוטיקונג אין דעם שווערן אָנשטרענג, וואָס שטייט אונדז נאָך פאַר.[13]

י. פריילין

שמועסן וועגן ליטעראַטור
א. מ. ווייסנבערג, אברהם ליעסין

געקליבענע ווערק,

ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

מען דאַרף נישט מיד ווערן צו דערמאָנען וואָסער געהויבענער און חשובער אויפטו ס'איז אַרויסצוגעבן די געקליבענע ווערק פון שרייבערס אַזעלכע, וואָס זענען שוין פאַררעכנט פאַר קלאַסיקערס אין דער יידישער ליטעראַטור.

. . . וועגן דעם, אַז דאָס וואָס מ'קלייבט שוין יאָ אָפּ, אַז דאָס זאָל אַריין אין אַ בוך פון געקליבענע ווערק אָן גרייזן, אָן האַלב און פערטל זאַצן, אָן קאָמעס און פּונקטן, וואָס זענען צעוואָרפן איבער די זייטן פון די געקליבענע זאַכן, צעוואָרפן צופעליק כמעט ווי זאַלץ און פעפער, וועגן דעם ענין זענען דאָך שוין קיין געשמאַקן

נישטאָ, איז פאַר וואָס זאָל אַזאַ בוך ווי א. מ. ווייסנבערגס זיין אַזוי פאַרמשפּט, זיין אַזוי אונטערגעוואָרפן דעם גרייזן־גזר?

ווייסנבערג האָט אַזוי געשריבן? קען זיין. דאַרף מען אים רעדאַגירן און אים געבן נישט ווי ער האָט געשריבן נאָר ווי ער האָט געדאַרפט שרייבן, ווי מען מוז שרייבן יידיש. . . . אפשר האָט ווייסנבערג זיך נישט געקענט אַרויספלאָנטערן פון זאַץ? מעגלעך, אַ סך גרויסע שרייבערס ביי אונדז און אַפילו ביי די אומות העולם קענען זיין גאַנץ גרויסע קינסטלערס, קענען ווי ווייסנבערג האָבן באַשאַפן „געשטאַלטן (וואָס) זענען ווי פון שטיין אויסגעהאַקט" און קיין ריכטיקן זאַץ, ספּעציעל אַ מער קאָמפּליצירטן זאַץ, האָבן זיי נישט געקענט אָנשרייבן. מיר באַגעגענען אויך היינט שרייבערס צווישן אונדז, וואָס קענען פיין דערציילן, פיין מאָלן, גאָר גוט כאַראַקטעריזירן מענטשן, אָבער קיין בריוול קענען זיי נישט אָנ־שרייבן ווי עס דאַרף צו זיין, קיין ריכטיקן, קלאָרן זאַץ ווייסן זיי נישט ווי אַזוי אָנצו־שרייבן. איז וואָס מיינט עס? מיינען מיר דען דערמיט צו זאָגן, אַז זיי זענען נישט קיין גוטע שרייבערס? ניין! זיי דאַרפן בלויז עמעצן, וואָס זאָל זייער שרייבן קאָרע־גירן, אַ חוץ רעדאַגירן, אויב נויטיק. פאַרוואָס נישט אויך קאָרעגירן, אַזעלכע שרייבערס ווי ווייסנבערג? און טאַקע איצט, בעת מ'גיט אַרויס זיינע געקליבענע ווערק, איצט איז די צייט און דער חוב אים צו קאָרעגירן. צו וואָס און פאַר וועמען איבערלאָזן די אומבאַהאָלפנקייטן אין זיין שפּראַך, און זיינע זאַצן.

פאַרוואָס? צוליב וואָס האָט מען אַדורכגעלאָזט אַזעלכע זאַצן, צוליב געטריי־קייט צו ווייסנבערגס סטיל, אויב דאָס איז בכלל סטיל? . . .

איך וויל דאָ איבערחזרן, עמפאַטיש איבערחזרן: ווייסנבערגס געקליבענע ווערק מעגן זיין און זענען אָפּט קינסטלעריש פון אַ גאָר פיינער מדרגה. . . . אָבער די זאַכן, וואָס זענען . . . אָפּגעקליבן און אַריינגעגעבן געוואָרן אין דעם באַנד, די זאַכן האָבן געדאַרפט און געמוזט אַדורכגיין אַ געהעריקע, אויפמערקזאַמע רעדאַקציע. . . . [14]

ש. מענדעלסאָן

„. . . ווען ווייסנבערג האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע נאָוועלן, איז ער אויפגע־נומען געוואָרן מיט פרייד. פּרץ האָט אין זיין טאַלענט געגלייבט, מיט דעם יונגן ווייסנבערג שטאָלצירט.

מיט וואָס האָט ווייסנבערג אַזוי פיל באַגייסטערונג און אָנערקענונג אַרויס־גערופן? האָט דאָך שוין די יידישע ליטעראַטור דעמאָלט פאַרמאָגט אַזעלכע געניאַלע שריפטשטעלער ווי מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ; אַזעלכע מייסטער ווי נאָמבערג, אברהם רייזען!

ווייסנבערג איז דער ערשטער גרויסער נאַטוראַליסט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געשילדערט לעבעדיקע, פולבלוטיקע, געזונטע געשטאַלטן פון יידישן לעבן. אין זיינע ווערק שפּאַצירן אַרום שטאַרקע פיגורן. נישט צעבראָכענע, דערשלאָגענע מענטשן, וועלכע פויזשען אויף דער ערד און זוכן אַן

אַרעמע מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן און איבערצוקומען דעם ביטערן דלות. ער האָט אויך נישט געשילדערט אין קיין ראָמאַנטישער פאָרם דאָס יידישע שטעטל פון 19טן יאָרהונדערט.

ווייסנבערגס שטעטל פאַרמאָגט שוין סאָציאַלע קאָנפליקן. אין ווייסנבערגס נאָוועלן איז פאַראַן אַ בולטע פאַרטיילונג צווישן אָרעם און רייך. נישט נאָר גיט דער גרויסער מייסטער אַ שילדערונג פון האָפענונגסלאָזן דלות (ווי מענדעלע מוכ״ס), נאָר ער גיט אויך דעם בונט, פּראָטעסט פון די באַעוולטע. ווייסנבערגס העלדן טראָגן אין הארצן שטאַרקן צאָרן קעגן דעם צביעות און רשעות פון די רייכע. עס שטייען קעגן זיך צוויי וועלטן — מענטשן פון האַרעוואַניע, וועלכע זענען אויפ־געשטורעמט קעגן דער פאַלשקייט און האַרצלאָזיקייט, וואָס זיי זעען ביי די גבירים, און פון דער אַנדערער זייט — מענטשן פון ווילטאָג, וועלכע זענען נאַקעט אַכזריותדיק לגבי די ערשטע.

ווייסנבערג האָט נישט געוויזן די פאַרביטערטע מענטשן דעם אויסוועג פון זייער פּיין, אָבער ער האָט, ווי אַ גרויסער קינסטלער, אַרויסגעבראַכט זייער מעכטיקן כּעס, זייער שטורעמדיקן צאָרן.

ווייסנבערג איז געווען אַ מייסטער פון געשטאַלט. זיינע טיפּן זענען פּרעכטיק געמאָלן. זיי זענען געמאָלן קלאָר, בולט און שאַרף. יעדע פיגור לעבט, איז אונדז נאָענט און באַקאַנט. זיינע שילדערונגען זענען שטיקער לעבעדיקע ווירקלעכקייט.

ווייסנבערגס שפּראַך איז פאָלקסטימלעך, יאָדערדיק און שטאַרק. נישטאָ ביי אים קיין מאָל קיין איבעריק וואָרט. יעדער זאַץ אַ בילד. יעדע באַצייכענונג — פּינקטלעך. מען פילט, אַז דער דיכטער האָט צוגעקליבן נאָר די נייטיקסטע און בילדלעכסטע אויסדריקן. דעריבער איז ער אין בליפּעריאָד פון זיין שאַפן געווען אין שטאַנד די קירצסטע נאָוועלע אין אַ מייסטערווערק צו פאַרוואַנדלען („אַ חוב״, „אַ מעשה מיט אַ ציג״ און אַנדערע).

ווייסנבערג האָט זייער אַ סך געשריבן אין משך פון די לעצטע יאָרן. ער האָט איבערגעלאָזן כּתבים, וועלכע זענען נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אין זיין לעצטן ראָמאַן אין [דער] טיפער אייביקייט באַרירט ער נײַע טעמען, נײַע פראַגן. ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דעם גורל פון דער וועלט, איבער די טעג פון מענטשנס לעבן — שווערע אַנגעווייטיקטע פראַגן.

ווייסנבערג האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אריינגעבראַכט אַ רייע באַ־דייטנדיקע שריפטשטעלער (עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק און אַנדערע). אונטער זיין אויפזיכט האָבן די דאָזיקע שרייבער געשטעלט די ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור. בכלל האָט ער אַ סך אויפמערקזאַמקייט, צייט און ליבע געווידמעט יעדן אָנפאַנגער, יעדן, ביי וועמען ער האָט געזען שפּראָצונגען פון טאַלענט.

דאָס דאָזיקע ביכל איז אַ באַשיידענער אָנדענק פאַר איינעם פון די גרעסטע יידישע שריפטשטעלער. זאָל עס דינען ווי אַן אָנרעגונג נאָך מער און טיפער זיך צו באַקענען מיט י. מ. ווייסנבערגס שאַפן.[15]

משה נאַדיר

איטשע מאיר ווייסענבערג

איך געדענק נישט צוליב וואָסער סיבה מיר האָבן זיך אויסגעמיטן אין דעם יאָר (1924), ווען ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין אַמעריקע.

שוין נאָך זיין שטעטל און "אַ טאַטע מיט בנים" האָב איך צו אים געהאַט אַ באַזונדערע אַכטונג. בעת ער האָט אין די ליטעראַרישע קאַפּייען פון ניו־יאָרק גענומען קלינגען מיט "איטשע מאירס משוגעתן" און ווי דער שטייגער איז פון אַ קינסטלער, וואָס גייט נישט מיט "דער כיתה און מיט דער שיטה" איז ער געווען אומ־באַשיצט קעגן יעדן איבערפאַל פון דער "מינדלעכער קריטיק" (וועלכע איז אָפט אומפּאַראַנטוואָרטלעכער ווי די געשריבענע), האָב איך זיך אָנגענומען זיין קריוודע — כמעט "אויף אויסנווייניק". נישט ווייסנדיק אַקוראַט מיט וועלכע ווינט־מילן אייגנטלעך אונדזער ליטעראַרישער דאָן־קיכאָט שלאָגט זיך. . . .

* * *

טעם ווייסענבערג: עפּעס אַ גראַזיקע פלאַנץ, מיט אַ סך אויל און נוס־פעטקייט, נאָר ביטערלעך. אפשר אַ ווילדער גרינער טייטל, מיט אַ מאָדנער קער אַזאַ האַרטער, נאָר דווקא די קער איז געשמאַקער פונעם טייטל אַליין, נאָר קיין האָניק נאָגסטו דערפון נישט אַרויס, ווען דו שטעלסט זיך אויפן קאָפּ!... רעטעך־טעם. בוריקע־טעם — אַן ערד־פּרי, נישט פונעם ווייַנשטאָק און נישט פונעם בוים... דער ריס־אַרויס איז שטענדיק אַ פרישער. ער ציטערט אויף די וואָרצלען און די ערד גיסט זיך פון די ווילדע וואָרצל־האָר!

מיט אַ טשוואָק — יאָ, מיט אַ טשוואָק טאָקע, מיט אַ לאַנגן, ריזיקן זעלבסט־אויסגעשמידטן טשוואָק — אַ טשוואָק אַזוי גרויס כמעט ווי אַן אַקער־אייזן, נאָר אַן "די קרומע שאַרף־קאַנטן, פאַרשטייט עץ מיך", אַן "דעם כיטרען גלאַנצעלע וואָס סע גלאַנצט ביי זיי, ווי באַ אַ נקבה די נעגעלעך" — . . ., זיך איינגעשפּאַנט צווישן צוויי פרייע, גרינע דישלעס פון טאָג־און־נאַכט און... געאַקערט דעם גאָרטן! מיט דער נאָז פשוט געאַקערט. מיט די הענט געגראָבלט. מיט די ציין די גרודעס צעביסן. מיטן טשוואָק די איינגעוואַקסענע שטיינער איבערגעקערט. נאָר דאָס וווּנדער איבער וווּנדער! — קיין שוויס האָט זיך ביי דעם פּען־גיבור נישט געגאָסן. קיין שווערן אָטעם, קיין פרייך האָט מען נישט געהערט... טרוקן ס׳לייב — ווי אַ ביין. דער אָטעם — רעגלמעסיק און נאָרמאַל, דער פּולס — פעסט און פּינקטלעך, און דער גאָרטן אַליין? וואָס בליט אין דעם . . ., פּרימיטיוון אויבס־גאָרטן זיינעם? אַן אומבאַקאַנטע צויבער־פּירה. די קער איז אָנגעפּילט מיט סם פון זיין האַרץ, נאָר דער סם איז געשמאַק און קרעפּטיקנד. דער טעם איז איבערהויפּט געוועגדט אַן דער ריינקייט פון אייער געשמאַק: אויב אייער אַפּעטיט איז אַ ריינער, אַן ערדישער, וועט איר פון ווייסענבערגס ווילדער פּרוכט אַרויספּילן אַלע טעמים פון ברויט און וואַסער און זאַלץ, וואָס אַלץ־אין־איינעם איז דאָס האָניק פאַרן גוף. טיפע זעטיקונג,

וויטאַמין־פולע נערונג. פול פאַרן אויג און אויער. אַ פּלאַסטישע זעטיקונג ווי פון איינעם פון די וווּנדער אינעם גרענד־קעניאָן.

איטשע מאיר ווייסענבערג כאַפּט פון דער ערד אַ שטיק בלאָטע אַרויס, מיט זיין הייסן קאַפּריז, מיט זיין הייסער תאוה צום לעבן גיט ער דאָס אַ טרוקן־אויס — איינס און צוויי, גיט דאָס עטלעכע פליאַסקע אין הינטן און אין פּנים אַריין און — זע! פאַר דיר שטייט אַ לעבעדיק נפש... אַ נפש חי און עס אָטעמט און עס שרייט און עס גוואַלדעוועט — נישט אַליין גוואַלדעוועט עס, נאָר מיט ווייסענבערגן אינ־איינעם... ביידע אינאיינעם מאַכן אַזאַ געוויש, אַז דיר דאַכט זיך, אַז אַן אַרמיי גייט, אַז אַ שלאַכט קומט אָן, מיט צעוויקלטע פאַנען...

וויבראַציע? אַז דו לייענסט ווייסענבערגן האָסטו ס׳געפיל, אַז ס׳בעבט שאָקלט זיך, די ווענט דרינדזשען... אַן ערד־ציטערניש ערגעץ — צו אַלדע גוטע יאָר? ניין, אַ מעכטיק געשריי פון אַ באַסאָ פּראָפונדאָ!... אַ שאגת ארי — אַ לייב שרייט, אַז... היינט איז נישט מאָנטיק און נישט דינסטיק און נישט פרייטיק און נישט שבת, נאָר... שבת־הגדול!...[16]

מרדכי אַלעי

י. מ. ווייסענבערג...

(צו די צונויפגעזאַמלטע שריפטן ווירקלעכקייט, רעאַלע קרעפטן — ערשטע צוויי בענדער. פאַרלאַג ווייסענבערג, וואַרשע)

מ׳איז געוווינט געווען ווייסענבערגן צו באַצייכענען אַלס קינסטלער פון געזונטן טיפּ, ביי וועלכן עס שפּירט זיך אַזש ״רוי פלייש״, ווי ניגער האָט זיך אַ מאָל אויסגעדרוקט. איך מיין אָבער אַז ווייסענבערגן, ווי קיין אַנדערן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט מען אַמווייניקסטן פאַרשטאַנען. מ׳האָט זיך אַנטציקט מיט זיינע פּלאַסטישע בילדער, מיט דער וואַרקייט פון די העלדן און מיטן הומאָר, וואָס פליסט פון זיי: מ׳האָט זיך אַנציקט מיטן ליכט, מיט דער קוואַליקער פרישקייט, וואָס ציט אַדורך זיין גאַנץ שאַפן, ביי וועלכן ״מ׳רוט אָפּ״, ווי שרייבער אַליין זאָגן אָפּט. אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, אַז ווייסענבערג האָט זיך מיט זיין שאַפן עפּעס מתחייב געווען, — אַז קיינער נישט, ווי ער, איז מיט זיין שאַפן געקומען עפּעס אַנט־פּלעקן און אַנטפּלעקן אַזעלכעס, וואָס איז דאָס אייגנטימלעכע פון זיין ״איך״, דער אינהאַלט פון זיין געמיט.

נישט קיין קינסטלער פון רוי פלייש איז ווייסענבערג, נאָר דווקא פון דער ריינסטער מענטשלעכקייט.

ביי קיין שום אַנדערן זענען נישט פאַרגעשטעלט די העלדן אַזוי עכט מענטש־לעך און מיט אַזאַ ריין געפיל. דען ביי ווייסענבערגן איז בכלל נישט וויכטיק די פאַרוויקלטע סיטואַציע, די אינטריגע: וואָס קלאָרער, וואָס איינפאַכער — זעט מען בחוש — באַמיט זיך דער שרייבער איבערצוגעבן אונדז דאָס, וואָס ליגט פּרעסנדיק אויף זיין געמיט און וואָס ער האָלט עס פאַר הייליק און וויכטיק אונדז אַרויסצוגעבן.

ווען מיר נעמען אַדורך די קלענערע, ווי די גרעסערע דערציילונגען פון די צוויי בענדער, זעען מיר, אַז ווייסענבערג האָט געגעבן זיין שאַפן אַ הויכן עטישן אינהאַלט. ער האָט אונדז אַנטפּלעקט די סאָציאַלע באַציִונג אין דער געזעלשאַפט פון שטאַרקן צום שוואַכן. אַזוי זעען מיר עס אין "קריינדעלע", "דור הולך ודור באָ", "צום איידעם אויף קעסט", "אַ חוב", אַ שטעטל און אַנד. פון איין זייט זעען מיר מענטשן איידעלע, דורך־ארצדיקע, אָבער זייער שוואַכע, הילפלאָזע און פאַרלאָזטע פון גאָט און לייטן. און פון דער צווייטער זייט שטייען מענטשן האַרטע, אַן מיטגעפיל צו יענעמס ווײי, אַן סענטימענט פאַר יענעמס הייליקייט, אייגננוציק, גראָב, צביעותדיק ביז גאָר — און דאָס זענען די מאַכט־האָבער. אַזוי גייט עס אַדורך כמעט אין אַלע דערציילונגען פון די צוויי בענדער. און די אַלע העלדן פון די דאָזיקע דער־ציילונגען זענען בעצם איין און דער זעלבער העלד — איין ליידנדיקער, אָרעמער מענטש אין אַלע זיינע פאַרשידענע גורלות, און ווייסענבערג פאַרלאָזט אים שוין נישט מער. ער באַגלייט אים מיט אַ שטילן רחמנות און מיט סאַרקאַזם פאַר זיינע פייניקער. און דאָרט, ווו דער העלד אַליין איז צו שוואַך, צו איידל, צו שטום, רופט זיך דער שרייבער פאַר אים אָפּ. אַזוי רופט ער עס אויס די ביטערע ווערטער פון "קריינדעלע", ווען אַן אויסגעטאַרגעטע לאָזט מען זי ליגן אַ האַלב־טויטע אין גאַס: "מאַמע, כ׳גיי צווישן יידן"... ער שוינט זיי נישט, די פייניקער; זיי זענען אים קלאָר מיט יעדן זייער פאַרבאָרגן כוונהלע — נאָך קלאָרער פון זיינע אייגענע ליידנדע. אַ טיפע פאַראַכטונג, עקל און האַס טראָגט ער צו זיי נאָך. אָט זעען מיר אין שטעטל, ווי אַ גאַנצע עדה — קעגן צוויי איינצעלנע ריינע, לויטערע אידעאַליסטן ווילן ציִען זייער גראָבן נוצן פון דער ניי־אַנטשטאַנענער לאַגע, וואָס אין גרונט פאַרשטעלן זיי זי. אַלץ מיינט נאָר זיך, אַלץ וויל עפּעס פון דער חתונה געניסן. עס פאַרפולט אונדז מיט שׂנאה און כּעס, דען האַרט נעבן זיי שטייען צוויי ריינע, איידעלע, וואָס נאָר יענעמס גוטס איז זייער ווּנטש, דעם כּללס וווּל — זייער נאַיִווער חלום און גלויבן — און זיי ווערן פאַרשיקט פון דער מאַכט, אויסגעשפּאָט, . . . פון די זעלבע געמיינע לייט, וואָס האָבן זיי צוערשט אויסגענוצט פאַר זיך.

אָט אַזוי איז דער גורל פון אַלע העלדן: אַנמעכטיק, הילפלאָז ביים לעבן, שטום אַן יעדן פּראָטעסט אויפן גורל און שוואַך, ווי שעפּעלעך לייגן זיי די קעפּ אונטערן חלף. דען, די וועלט איז צו פיל מיט שלעכטס, אַז גוטס, ערלעכס, אויפריכטיקס און איידלס זאָל קאָנען האָבן אַן אָרט.

נאָר איין נקמה־נעמער איז דאָ צווישן די העלדן — יענער אַלטער, וואָס שטייט אויף ביינאַכט פון הינטערן בית־מדרש־אויוון און צאָלט אָפּ "אַ חוב", אַריינ־וואָרפנדיק אַ שטיין אין דער חורבה פון זיינע אַמאָליקע פאַרפאַלגער. אויך אַזאַ נקמה איז נישט קיין טאַט פון מענטשן שטאַרקע, — עס איז אָבער אַ באַווייז פון אַן אומגעוויינטלעכער שׂנאה געטראָגן דורך אַ גאַנץ לעבן, וואָס קאָן נישט אָפּשטאַרבן ביז עס נעמט נקמה און דאָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש — און אפשר אַמכאַראַקטעריסטישסטן — פאַר ווייסענבערגס שאַפן.

די דערציילונג איז די שענסטע און די רייפסטע לויט איר פאָרעם און רייכן אינהאַלט. די פּלאַסטיק — אַ זעלטענע, די שטימונג — אַן אימפּולס, ווו — און

אינטערעסאַנט — מען הערט פון אַלטנס רעדן דעם שרייבערס אייגענע פערזענ־לעכע שפּראַך, וואָס באַווייזט, אַז דער שרייבער האָט זי אַמטיפסטן איבערגעלעבט דען, וואַרשיינלעך איז איר מאָטיוו דער הויפּט־מאָטיוו אויך פון ווייסענבערגס אייגן געמיט, וואָס האָט אים גערופן און פאַרפּליכטעט זיין קינסטלערישן שאַפן. [17]

י. מ. ניימאַן

י. מ. ווייסענבערג, קעמפער און מאַרטירער

(ביאָגראַפישע נאָטיצן)

... זיינע [ווייסענבערגס] ווערק זענען דערשינען אין אייניקע אויסגאַבן. פון זיין לעצט ווערק אין דער טיפער אייביקייט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען צען בענדער, זענען צוויי דערשינען און אין מאַנוסקריפּט זענען פאַרבליבן נאָך אייניקע בענדער.

זיינע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּויליש, רוסיש, דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש און אַנדערע שפּראַכן.

ער האָט אויך איבערזעצט אויף יידיש טויזנט און איין נאַכט. . . .

ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ער געווען אינמיטן קאַמף, — פאַרהעצט פון קעגנער און באַיובלט פון באַגייסטערטע פריינד.

מענטשן זענען שוואַך, און זיי ענטפערן, ווי מען גריסט זיי, און זיי מעסטן מיט דער מדה כנגד מדה. עס איז אָבער דאָ אַן אַנדער מאָס, אַ מער אָביעקטיווע, אַן אייביקע.

און דער אורטייל פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע וועט מעסטן י. מ. ווייסענבערגן מיט אַ מאָס, וואָס מעסט נישט לויט קליינלעכע טאָג־קאַמפן.

און דער אורטייל וועט זיין: עס איז געשטאָרבן איינער פון די קלאַסיקער פון דער יידישער־ליטעראַטור, אַ פונדאַמענטן־בויער, אַ מייסטער פון דער נאָוועלע.

ער איז פון די ווייניקע שרייבער, וואָס האָבן געשאַפן אַ נוסח, אַ שולע, און באַאיינפלוסט אַ ריי שריפטשטעלער.

ער האָט דער ערשטער אַריינגעבערענגט דעם מאָטיוו פון קרעפטיקייט און אַ געזונטן ריאַליזם.

אַ גרויסער פּלאַסטיקער; אַ גרויסער פאָרמער.

אָבער אונטער דער שאָל פון ריאַליזם האָט זיך, ווי אַ בלויער פאָדעם דורך זיין שאַפן אַדורכגעצויגן דאָס העכערע, דאָס צאַרט־דיכטערישע.

דער טיפּישער פאָלקס־מענטש האָט מיט אַ רירנדיקער צאַרטקייט אויך גע־שילדערט דאָס רעליגיעזע, ווי דעם "בעל־תשובה", "מזל־טוב" און אַנדערע ווערק, ווו ער האָט דאָס פאָלקסטימלעכע דערגרונטעוועט ביז צום שורש און פאַרפיינערט.

אין זיין שאַפן איז דאָ אַ יידיש אור־געפיל: דער קאַמף פאַר יושר, ער האָט געשילדערט דעם טראַגישן גורל פון ליידנדיקן מענטש, וואָס ווערט אויסגעלאַכט און אויסגענוצט דורך די מעכטיקע.

שטייענדיק אויפן באָדן פון ריאַלן און ווירקלעכן, האָבן זיינע העלדן אַ הויך

פון העכערן, אַ הינטער־גרונט פון אייביקן.

אַ מענטש פון קאַמף איז ער געווען; ווען ער האָט געהאַסט, האָט ער געהאַסט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה, ריקזיכטלאָז, ביז צו דער עקסטרעמסטער שאַרפ־קייט; ווען ער האָט געליבט האָט ער געליבט מיט ערפאַרכט, מיט באַוואונדערונג, מיט אַנטציקונג.

מען דאַרף אורטיילן אַ מענטש, לויט זיינע שפּיצן־לייסטונגען.

און אַ פאַקט איז, אַז י. מ. ווייסענבערג, שטייענדיק אין ליטעראַרישן קאַמף און אָפט בלאָנדזשענדיק, — האָט דאָך אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור אַן עוזר וואַרשאַווסקי אַ האַראַנטשיק, אַ יחיאל לערער און אַנדערע.

ער האָט געהאַט אַ וואָך אויג פאַר אַ טאַלאַנט, אין וועלכן ער האָט געגלויבט.

אַלס שריפטשטעלער איז י. מ. ווייסענבערג, אַ רעפּרעזענטאַנט. אין אַלע אַנטאָלאָגיעס פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע מעגלעכע שפּראַכן, פאַרנעמט י. מ. ווייסנבערג אַ בכבודיק אָרט.

כל זמן עס וועט זיין אַ יידישע ליטעראַטור, וועט דער נאָמען י. מ. ווייסענבערג לייכטן אין איר.

י. מ. ווייסענבערג איז געווען אומרו אין פולן זין פון וואָרט, און עס פּאַסט נישט פאַר אים דער אויסדרוק: "זאָל אים די ערד גרינג זיין", וואָרום דער אומרו איז ער, און אויך אין שויס פון דער ערד וועט ער פערמענטירן און אַרויסרופן בלום און בליִונג. דער אומרו איז ער געווען, און אַ שטיק לעבעדיקער פאַרוואָרף איז ער געווען און אַ שטיק געוויסן איז ער געווען.

ער איז געווען די אָפּאָזיציע פון איר קעניגלעכער מאַיעסטעט, די יידישע ליטעראַטור.

ער איז געווען ווי אַ טראַגישער סימבאָל פונעם פאָלקס־טאַלאַנט וואָס שפּראָצט אויף און ווערט דערשטיקט צוליב די טראַגישע באַדינגונגען און דאָך רייסט ער זיך אַרויס און זיגט.

מיטן טויט איז דער פענאָמען ווייסענבערג נאָך נישט געשטאָרבן.

זיינע ווערק, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן און איבערהויפּט זיין לעצט ווערק אין דער טיפער אייביקייט וועט ווייטער אינטריגירן, באַאומרויִקן, און בלייבן אַ גיגאַנטישער פאַרמעסט.

ער, דער אַן־פּשרה׳דיקער, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע ערדישע גיטער אין זיין דאָן־קיכאָטישן ריטערלעכן קאַמף פאַר אַ יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געזען אין זיין וויזיע.

פאַרן קבר פון אַ קלאַסיקער, פון אַ מייסטער, — בויגן די קעפּ נישט בלויז פריינד, נאָר אויך קעגנער. די ליטעראַרישע אַלעע אויפן גענשער בית־עולם, ווו עס רוען י. ל. פּרץ, אַנ־סקי און ה. ד. נאָמבערג, שליסט איין י. מ. ווייסענבערגן — ער געהערט צו זיי, אין די רייען פון די גרעסטע אין אונדזער שריפטטום.

וואָרום ער האָט זיך אָפט, אינמיטן געראַנגל, דערהויבן צו די העכסטע רעטענישן פון מענטשלעכן לעבן — צו דער מיסטעריע, צום גורל.

ער האָט געשאַפן אייביקע ווערטן אין דער יידישער ליטעראַטור. און ווען מיר

ערן זיין אַנדענק, ערן מיר צוגלייך די יידישע ליטעראַטור, אין וועלכער ער בלייבט אויף אייביק פאַרשריבן מיט גאָלדענע אותיות.[18]

מיילעך ראַוויטש

פון מיינע באַגעגענישן
איטשע מייער ווייסענבערג

(1881 זשעלעכאָוו, זינט 1904 אין וואַרשע, קורצע רייזע קיין אַמעריקע, געשטאָרבן סאָף 1938)

פיר און דרייסיק יאָר, פון דעם יאָר 1904 ביזן יאָר 1938, האָט אין יידישן וואַרשע עקזיסטירט אַ מאָדנע איין־מענטש אינסטיטוציע און איר נאָמען איז געווען איטשע מייער ווייסענבערג. אָף דעם, אָדער אָף יענעם אופן — אייביק איז עפּעס געווען צו טון מיט ווייסענבערגן. דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ניי בוך מיט דערציי־לונגען און מען האָט געדאַרפט נעמען שטעלונג דערצו, ווייל ווייסענבערג האָט אַלע מאָל געשריבן אַנדערש, אויך דעמאָלט ווען ער האָט שוין קימאָט נישט געקענט שרייבן קיין בעלעטריסטיק. און עסייען האָט ער דאָך קיינמאָל נישט געקענט שרייבן כאָטש געשריבן האָט ער זיי אין אַ גרויסער מאָסע. דאָ האָט ווייסענבערג רעדאַגירט אַ נייעם זשורנאַל, דאָ האָט ער אַנטדעקט אַ נייעם טאַלאַנט, . . . דאָ האָט ער ערגעץ געמאַכט אַ סקאַנדאַל. דאָ איז ער קראַנק געוואָרן און דאָס געוויסן פון אַלע זיינע הונדערט קעגנער, וואָס נישט זיי זענען געווען זיינע קעגנער, נאָר ער זייער קעגנער, האָט זיך גערירט . . . דאָ האָט ער באַ עמיצן גענומען געלט און האָט אים נאָך דערצו אָנגעשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס. און אינמיטן דערינען איז ער גאָר געשטאָרבן, כאָטש אַ קאָנסטיטוציע האָט ער געהאַט פון אַ ריז, נישט לויטן אויסזען, נאָר אינעווייניק. פונדרויסן האָט ער אויסגעזען ביינערדיק און מאָגער און נישט גרויס געוואַקסן. אָבער שוין אַז ער האָט דיר געגעבן די האַנט, האָסטו געפילט אין דיין האַנט, אַז ווייסענבערג האָט אַ קויעך פון אַן אייזערנער מאַשין.

אַ מאַנגאָליש אויסזען האָט ער געהאַט און אַ ווינטצעשמיסענע הויט, אַרויס־שטאַרנדיקע און קליינע אויגן און ער האָט אַ ביסל געשטאַמלט, אָט אַזוי ווי אַ פּויער שטאַמלט, רעדט וואָרט באַ וואָרט, אַ רענדל אַ וואָרט, ווייל מע דאַרף זיין פאַר־זיכטיק מיט אַ וואָרט, מע דאַרף זיך צען מאָל באַרעכענען איידער מען זאָגט אַרויס אַ וואָרט. און אַז ער האָט געזאָגט אַ וואָרט, וואָס איז אים אַליין עפּעס נישט געפעלן געוואָרן, האָט ער עס באַלד צוריקגעכאַפּט, און אַז ער האָט געזאָגט אַ וואָרט, וואָס איז אים אַליין שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ כיכיקענדיקן געלעכטער אין זיך אַריין.

ווייסענבערג איז געווען אַ פּוילישער און ער האָט פון זיין פּויליש־יידישקייט געמאַכט אַ גאַנצן צימעס. קיינעם האָט ער נישט אינטערעסירט און ער האָט אים יעדן אָנגעוואָרפן און געשטופּט אין מויל אַריין. . . . ווייסענבערג האָט נישט נאָר נישט געוואָלט פאַרגעסן זיין זשעלעכאָווער דיאַלעקט, נאָר ער האָט אים נאָך

קעסיידער פאַרטיפט מיט אויסגעטראַכטע ווערטער. . . . און ער האָט נאָך אינסיס־טירט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אָננעמען זיין אָרטאָגראַפיע און אויך זיין אויפן פון אַרויסריידן ווערטער. עפּעס האָט געבורזשעט אין אים און ער האָט נישט געוווסט געניי — וואָס. נאָך פּערעצעס כסידישער ראָמאַנטיק, נאָך אַשעס ערדישער ראָמאַנטיק, נאָך נאָמבערגס צעריסענע נעשאָמעס, איז ער געקומען אין דער ליטעראַטור מיט עמעסן נאַטוראַליזם, עמעסן ברוטאַלן אינסטינקט־נאַטוראַליזם. אַלס אַנטידאָט איז דאָס גוט, אָבער בלויז פון דעם קען קיין ליטעראַטור נישט לעבן. און אַגעוו איז טאַקע ווייסענבערג אַליין אויך געווען אַ שטיק מיסטיקער. איז ער בייז געווען נישט נאָר אַף דער וועלט אַרום זיך, נאָר אויך אַף דער וועלט אין אים אַליין. צו פיל פּלאַנטערס האָט דאָס לעבן און די ליטעראַטור אַף אים אַרויפגעוואָרפן און קיין אינטעלעקטועל שערל די אַלע פּלאַנטערס דורכצושערן איז נישט געווען. נו, האָט ער זיך אַזוי 34 יאָר געפּלאָנטערט, ביז דער טויט האָט שוין אַלע פּלאָנטערס אַרום אים אויפגעפּלאָנטערט.

גערעכטיקייט און עמעס איז געווען דאָס, צו וואָס ער האָט געשטרעבט, אָבער ער האָט געוואָלט, אַז אַלע עמעסן זאָלן זיין זיין אייגנטום און ער אַליין דער שויפעט פון אַלע גערעכטיקייטן. איז דער וועג געווען אַ שטייניקער און שווערער און ער איז קיינמאָל אין ערגעץ נישט דערגאַנגען. . . . היינט אינדערפרי האָט ער געקענט אָפזאָגן אַן אָנבאָט פון אַ צייטונג צו דרוקן זיינעם אַ ראָמאַן (און זיי זיינען פּאַמפּלעטן געווען זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען אין דער לעצטער צייט — נישט קיין ליטעראַטור) און באַקומען דערפאַר אַ ביסל געלט, און היינט נאָכמיטאָג האָט ער געקענט פון אַן אָרים באָכערל פון אַ פּאַרוואָרפענער פּראָווינץ צונעמען די לעצטע פינף זלאָטעס פאַר אָפּדריקן אין זיין צייטשריפט אינזער האָפענינג [אינזער האָפּענונג] דעם יונגן מאַנס אַ דורכויס גראַפאָמאַניש לידל. . . . ערגעץ ווו אין דער טיף פון זיין כאָטש אַזאַ פּראַסטער, דאָך אַזאַ קאָמפּליצירטער נעשאָמע, האָט געשטעקט די איבערצייגונג פון עפּעס אַ מיסיע, וואָס ער האָט מיט לאָגיש מענטש־לעכע ווערטער קיינמאָל נישט געקענט דעפינירן. . . . [19]

בנימין טייטלבוים

איטשע מאיר ווייסנבערג

(שטריכן צו זיין כאַראַקטער)

...ווייסנבערג איז דאָ זיך אַליין געטריי געבליבן. פריִער האָב איך אים לחלוטין נישט אינטערעסירט, נישט מיט מיינע דאַלאַרן און נישט מיט מיינע אַמעריי־קאַנישע יחוסן. איצט אָבער, נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט מיין שרייבן, האָט ער שוין געקראָגן צו מיר באַציִונג. ער האָט שוין געהאַלטן פאַר נייטיק מיך צו וואָרענען קעגן די איינפלוסן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר שעדלעך! ער האָט שוין געזוכט אויסצושפּרייטן איבער מיר זיינע פליגל, וועלכע זענען זיכער געווען ערלעך אין זייער תּוך, און מיך שיצן פון געשעדיקט ווערן.

מילא, דעם שמייכל, וואָס זיין וואָרענונג האָט ביי מיר אַרויסגערופן, האָב איך

דאכט זיך ווי געהעריק פארבארגן פון זיין שארף, דורכדרינגלעך, קאלמיקיש כיטרע אויג. ער האט דאכט זיך נישט געאנט אפילו אז איך באטראכט די דאזיקע וואָרענונג פאר איבעריק, אז איך האלט זיך ווייט נישט פאר דעם הילפלאזן יינגעלע, וועמען מען קען מיט א וויש איבערן נעזל אראפפירן פון וועג! אבער די פאטעטישקייט פון ווייסנבערגס זארג, זיין מורא, זיין וועלן מיך שיצן, אט די פאטעטישקייט האט מיך גערירט און איך וועל זי קיין מאל נישט פארגעסן!

איך האב שוין דענצמאל געוווּסט פון דער קלוגער תורה, אז ווייסנבערגס ארומפירן זיך מיט יונגע שרייבער איז צוליב זייער קעשענע... איז מיר דעריבער קשה געווען וואס מיין קעשענע איז אים אזוי פרעמד. און לויט אלע לאגישקייטן, וואלט ער דאך גיכער געדארפט וועלן ביי מיר נהנה זיין איידער ביי די ארעמע, אפגעריסענע, הונגעריקע פראווינצער יונגעלייט, וואס קומען ווערן שרייבערס. נאך אלעמען בין איך דאך פארט געווען אן אמעריקאנער און עס וואלט גארנישט געווען אזא עוולה ווען ער רירט מיך מיט עפעס אן! בפרט נאך אז ער האט מיך "אפגע־קויפט" מיט זיין "האלטן" פון מיר, מיט זיינע ווארעמע ווערטער, וואס ער האט מיר געזאגט, נאכדעם ווי איך האב געלייענט פאר אים די אנדערע העלפט פון דער דערציילונג און, דער עיקר, פאר זיינע אמת מייסטערהאפטע אנווייזונגען, וואס ער האט מיר, . . . געגעבן וועגן ליטעראטור בכלל און וועגן דעם אופן פון פארשטיין מענטשן און זיי געשטאלטן אין ווארט! אט, פאר די אלע גוטע זאכן, וואלט דאך גארנישט געווען אזוי אויסערן וועג ווען ער זאל געווען זיך וועלן, אין זיין גרויסער נויט, באניצן א מאל מיט מיין קעשענע! צום סוף האט זיך שטענדיק, ווען נאר מיר האבן זיך באגעגנט אין ליטעראטן־פאראיין, און דאס איז געווען ווינציקסטנס דריי מאל א וואך אין לויף פון צען חדשים, אפגעשפילט די זעלבע סצענע.

ווייסנבערג, מיט דער טעקע אונטערן ארעם, איז אריינגעקומען אין פאראיין, צוגעקומען צו מיין טישל, ווו איך בין געזעסן און געווארט אויף אים, אפגעכאפט דעם אטעם, דערנאך האט ער ארויסגענומען פון דער טעקע א שטיקל דאר, ראזעווע ברויט, א מאל, א מאל, בלויז אין זעלטענע טעג אויך א שפיצעלע דארן ווורשט, זיך געהייסן געבן א גלאז טיי מיט איין שטיקל צוקער און זיך גענומען עסן זיין מיטאג מיט אזא ווונדערלעכער מנוחה, גלייך גאנץ ווארשע וואלט געווען זיין אייגן! קיין איין מאל האב איך ווייסנבערגן נישט געקאנט באוועגן ער זאל זיין מיין גאסט און עסן מיט מיר מיטאג! און די צייט פון מיטאג עסן איז געווען די צייט ווען מיר האבן זיך ביידע געקאנט זען און פארברענגען א שעה צוויי צוזאמען!

די ערשטע צייט האב איך צוליב דעם איבערגעלעבט פיינלעכע מינוטן! אט זיץ איך ביי א מענטשלעך מאלצייט, זופּ און עוף און קאמפאט, און לעבן מיר זיצט א פריינד, וואס איז מיר אזוי נאנט, סיי אלס קינסטלער און סיי אלס עכטער, ... מענטש, עסט זיין דאר שטיקל שווארץ ברויט און וויל מיינס נישט אנרירן! איך האב אבער אין גיכן איינגעזען אז איך דארף אויף ווייסנבערגן קוקן אנדערש ווי אויף אן אנדער מענטש אין אזא לאגע. אן אנדערער וואלט זיכער געלאזט וויסן, אז ער ליידט, אז אים איז שלעכט און אז ער פארדינט מיטלייד, אויב נישט מיט־הילף! ער אבער, ווייסנבערג, עס זאל אים דאס גאר געווען ארן מיין עוף מיט מיין זופּ! און

נישט נאָר מיין מאַלצייט האָט אים נישט אינטערעסירט, נאָר אויך די פעטע מאָל־צייטן פון די אַלע שרייבערס, די אַלע פען־מענטשן, וואָס ער האָט אַזוי פיינט געהאַט, האָבן אויך נישט עקזיסטירט פאַר אים! אויך זיי האָט ער נישט מקנא געווען זייערע טעפּ פלייש. און נישט פאַר דעם האָט ער זיי פאַרהאַסט! די פּערטלען גענדזנס האָט ער פאַרגינען מיטן גאַנצן האַרץ. ער האָט זיי נאָר פיינט געהאַט און זיי פאַרהאַסט פאַר די קאָמפּראָמיסן און פאַר דער אַרבעט, וואָס זיי טוען כּדי צו האָבן די טעפּ מיט פלייש. און דאָס אַלץ כאַטש ער האָט אַזוי געהונגערט, ווי נאָך קיין שרייבער ביי אונדז האָט נישט געהונגערט!...[20]

יעקב רייזפעדער

י. מ. ווייסענבערג

(אויף זיין פרישן קבר)

...איך האָב ווייסענבערגן אַ ביסל נעענטער געקענט און איך האָב נישט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם גורל פון דעם דאָזיקן גרויסן, פאַרדינסטפולן יידישן שריפטשטעלער, וואָס איז געווען ביי אונדז מער ווי סתם אַ שרייבער — אַ קינסטלער, אַ גלענצנדיקער נאָוועליסט, נאָר וואָס איז אויך יאָרן לאַנג געווען אַ מוסטער, אַ שולע פאַר יונגע יידישע בעלעטריסטן.

דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר אַ שרייבער, ווען ער האָט די זכיה צו ווערן ביים לעבן אַ קלאַסיקער. דאָס איז כּמעט ווי אַ מאָנומענט פאַר אַ שרייבער ביים לעבן. נאָך אַ גרעסערע דערגרייכונג איז עס געווען פאַר ווייסענבערגן, ווייל ער האָט זיינע שאַפונגס־כּוחות געשעפּט פון זיין אייגענער פאַרבאָרגענער גייסטיקייט און פון די טיפענישן... פונעם לעבן, נישט פון קיין געגנאַשטער ליטעראַרישער קולטור...

ווייסענבערג האָט געהערט צו די ערשטע בויער, צו די ערשטע אַרכיטעקטן פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. מען פלעגט ווייסענבערגן בנשימה אחת דערמאָנען נאָך פּרצן און אַשן. און די דאָזיקע ליטעראַטור־פּאָזיציע, אין סאַמע אויבן אָן, וועט שוין ווייסענבערג אייביק פאַרנעמען, צי עס שמעקט יאָ, אָדער שמעקט נישט פאַרשידענע ווינטמאַכער און פּסיידאָ־קינסטלער.

נאָר ביי אונדזער הפקרות האָט עס געקענט געמאָלט זיין, אַז קאַרליקעס, וואָס האָבן קינסטלעריש נישט דערגרייכט צו זיין קנאַכל, האָבן אים אין פאַרשידענע צייטן באַוואָרפן מיט שמוץ, ווען ער האָט זיי געפּרוווט זאָגן אַן אמתדיק וואָרט וועגן דעם צווייפלהאַפטן ווערט פון זייער שרייבעריי.

... דער אמתער כּוח פון ווייסענבערגן איז געלעגן אין זיינע מייסטער־האַפטע נאָוועלן, אין די פּערלדיקע זאַכן: "די משוגענע אין דאָרף", "דאָס וואַלד־מיידל", "דער טאַטע מיט בנים", "אַ מעשה מיט אַ ציג", "דער בעל־תּשובה" און אין נאָך אַ גאַנצע ריי... נאָוועלן זיינע, ווי אויך אין אַ טייל פון זיינע שפּעטערדיקע ברייט־פאַרמאַסטענע זאַכן, למשל, די גרויסע, שטאַרקע פּאָעמע אסתּר....

זיין צוואַנציק־יעריקער ליטעראַטור־קאַמף האָט געהאַט אין זיך נישט ווייניק שאָטן־זייטן, אָבער זיין כוונה איז געווען אַן ערלעכע. ער האָט פיינט געהאַט בתכלית השינאה אַלע פוסטע כלים, די ווינד־מאַכער אין דער יידישער ליטעראַטור, די, וואָס פוצן זיך אין פרעמדע פעדערן און זאָגן אומעטום אַ דעה. די דאָזיקע לייט האָט ער איין מאָל דערקלערט אַ קאַמף און ער האָט זיך פון דעם דאָזיקן קאַמף נישט מער צוריקגעצויגן.

. . . אַ סך עוולות זענען אים אויך געשען מצד חברים שרייבער. נאָך מער פון די, וואָס טאַנצן אַרום דער ליטעראַטור, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה.

נישט אַלץ איז געווען אין אָרדענונג!...

. . . און אונדזערע ליטעראַטור־"אַפּוטרופּסים" האָבן זיך געמאַכט נישט וויסן.

נאָר נישט דאָ איז דאָס אָרט און נישט איצט איז די צייט צו רעדן וועגן די עוולות.

פונדעסטוועגן איז זיין קאַמף געווען ווייט פון הוילע אָפּרעכענונגען און סתם אַמביציע. אפילו זיין עקשנות איז געווען פון אַ העכערן מין. איך וואָלט געזאָגט, אַז וויסענבערג האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון דער עקשנות פון הייליקע, וואָס קעמפן ביז דאָס לעצטע פאַר זייער אמת. ... [21]

מ. קיטאַי

י. מ. ווייסענבערג

II

... איך האָב געפילט צו ווייסענבערגן אַ געוויסע התקרבות שוין מחמת דעם אַליין, וואָס יעדער אָפּאָזיציע דערוועקט געוויסע סימפּאַטיעס, ווי אויך דער אינטע־רעס צו דער פּערזענלעכקייט פון איינעם פון אונדזערע בעסטע שרייבער. איך האָב אויך געהאַט צו אים אַ דאַנקבאַרקייט־געפיל דערפאַר, וואָס ער האָט מיר כסדר צו־געשיקט זיין זשורנאַל אינזער האָפענונג, וואָס נישט אַלע האָבן דערצו זוכה געווען. מען דערציילט, אַז אַנדערע שרייבער האָבן עס ביי אים נישט געקאָנט באַקומען אַפילו פאַר געצאָלט...

* * *

סוף יאָר 1934 איז אין אַ פרייטיק־נומער פון מאָמענט געווען מיינער אַן אַרטיקל וועגן ווייסענבערגן, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דרייסיק־יעריקן יובל פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. ווייסענבערג האָט תיכף פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין דער רעדאַקציע, אין וועלכן ער שרייבט קאַטעגאָריש, אַז ער וויל נישט קיין שום יובלס. ער באַוואָרנט זיך דערביי אויף אַן עכט ווייסענבערגישן שטייגער: מען זאָל נישט מיינען, אַז ער שרייבט דעם בריוו, ווייל ער וויל יאָ אַ יובל־פייערונג, שרייבט ער אויסדריקלעך, אַז ער וויל דאָס בשום אופן נישט...

אויף מאָרגן, שבת, איז ביי אַ קאָלעגע אין שטוב פאָרגעקומען אַ שמחהלע לכבוד ווייסענבערגן. מען האָט מיר שוין פריִער געהאַט איבערגעגעבן, אַז וו. איז אויף מיר צעקאָכט. איך האָב זיך געריכט אויף צו כאַפּן פון אים די אמתע גאָב. בעת ווייסענבערג איז אַריינגעקומען, האָב איך מיך איינגעקאָרטשעט אויף מיין שטול. ווייסענבערג האָט זיך באַגריסט, און בעת ער איז צוגעקומען צו מיר, האָט ער זיך פונאַנדערגעשמייכלט מיט אַ קינדערישן שמייכל און אַ זאָג געטון גוטמוטיק:

האַ, קיטאַי, איר מאַכט אייך יובלס?...

... עמעצער פון די קאָלעגן האָט דערציילט וועגן אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ ענגן קרייז, אַ מין ליטעראַרישן קלוב פאַר געציילטע. וועגן דעם זענען אַרויס־געזאָגט געוואָרן פאַרשידענע השערות און מיינונגען. שפּעטער איז ווייסענבערג צוגעגאַנגען צו יענעם און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל אומבאַדינגט נישט פאַרגעסן אַריינצונעמען אינעם קלוב י. מ. ניימאַנען. ניימאַן האָט מיט אַ געוויסער צייט פריִער פאַרעפנטלעכט אין היינט אַ באַגייסטערטן אַרטיקל איבער ווייסענבערגס גרויס ווערק אין דער טיפער אייביקייט, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט באַקענט אין כתב־יד. . . . [22]

א. נ. שטענצל

י. מ. ווייסנבערג

1

י. מ. ווייסנבערג איז דער סימפּטאָם פון אונדזערע מעגלעכקייטן און אונדזערע שטרויכלענישן: אין זיין לעבנס־אַרבעט ווי אין זיין אויסצערעניש ליגט דער אמת פון אונדזער גורלדיק לעבן, . . .

מיט זיין שטעטל הייבן מיר אָן שפּירן געפּעסטיקטן באָדן אונטער אונדזערע אומרויִקע פיס ! זיין סטיל איז אויפגייענדיקער זוימען, מיט ערד פאַרוואָרצלט, פּול־געזויגן מיט אַטמאָספערע. ס'איז אונדזער ערשטע אייראָפּעיִשע, אָבער אייגענע, קולטור־פלאַנץ, ווייל נישט אַזוי פיל אייראָפּעיִשקייט — ס'איז נאַטירלעך געוואַקסן (נישט הדסים "קולטיווירט" אין פלאַנץ־הייזער אונטער גלאָז־שויבן). . . .

ער איז נישט חזניש־סקאַרבאָווע מער, נישט מליציש־נוסחדיק, ער איז אַפילו נישט איבערגעטריבן פאָלקסטימלעך — מיט ווייסענבערגן הייבן מיר אָן אויפסניי, אַ פריש בלאַט אין אונדזער ליטעראַטור! אָן פאַרוועלקטן שטאַם־בוים, אָן אַ פאַר־געלטן אַלטן יחוס־בריוו — . . .

. . . דאָס טראַגישע פון לעבן נעמט ער אויף מיט שטילע געהיימענישן טיף אין זיך. י. מ. ווייסנבערג האָט קיין רענדל נישט אויסגעביטן, — . . . און דערפאַר איז ער גאַנץ געבליבן! גאַנץ נאָך מיט דער נאַטור, מיט אַלע זיינע האַנדלונגען — . . .

ווי דאָס לעבן, ווי די קונסט איז זיין אייגן לעבן און זיין קונסט גורלדיק. אַלץ דער ערשטער אין אונדזער ליטעראַטור, הייבט ווייסנבערג אָן צו זען די טראַגיק פון די חפצים און די מענטשלעכע פאַרבונדנקייט מיט זיי; די מיסטעריע פון די דומם־

דיקע זאכן, וואס נאר ליכט און שאטן איז זייער עקזיסטענץ. . . .

נישט סאציאלאגיע, נישט טענדענץ — די סטיכיע פון מידות אוןליידנשאפטן לאזט ער אויסקעמפן אינעם הארעפאשנעם מענטש; . . . ווייסנבערג האט אין זיך נישט נאר דאס קלאסישע פון דער יידישער ליטעראטור, ער האט אין זיך די בלוטיקע אורשפרינגלעכקייט פון די גריכן, און זייער צוגאנג צום מענטשלעכן אינסטינקט איז די קראפט פון זיין פלאסטישן געשטאלטן און פארמען. און ווען ער ווערט סאטיריש האט ער אין זיך זייער קאלטע אכזריותדיקייט. נישט נאר אין זיין שטעטל, די עפאפעע פון שטעטלישן העראיזם פון 1905 יאר. אין דעם קליינעם מעשהלע פון "די ציג" ["א מעשה מיט א ציג"] אפילו לאכט ער דען נישט ווי עפעס א ווילדער סאטיר? דאס איז ווייל ער האט זיך דערגראבן צום שורש פון מענטשלעכן שלעכטס און פחדנותדיקייט, צביעות און חניפה — ער קען די מאריאנעטע־מענטש, וואס באוועגט זיך אויף דעם דינעם שנירעלע, וואס הייסט עקזיסטענץ, און ער, ווייסנבערג, דער שעפערישער, דער מיטבאטייליקטער אין מעשי־בראשית, ווייסט דאס שנירעלע קונציק צו ציען, און לאזן אויפטאנצן דעם מענטש אין זיין שפיל פון "זיין אדער נישט זיין". ביי אים איז מאסע נאך אינסטינקט, קאלעקטיווקייט פון האס און ליבע — פון בלוט! ס'איז באוועגונג פון בלוט, אפפלוס און צופלוס, ריטעם און הארמאניע: אן אויפברויזנדיקער ים וואס כוואליעט און שוימט. א, די געשלעגן ביי אים אין שטעטל זענען ווי פאר דער שטאט טראיא! בלוטיק ווילד אויף מעסער־שטעך, "א גאנצע שטאט אויסצושעכטן", סאציאלער קאמף, קלאסנקאמף, ווערט בלוטיק מענטשלעך, ווערט העראיש און לעכערלעך. דערמאנען זיינע שטעטלישע יונגען נישט אין איאקסן און אכילעסן? א, אז דאס ארעמע יידישע שוסטער־מעסער, דער שטעטלישער סטאליארסקע דלאט האט נאך געקענט ווערן אזוי ווילד, אזוי אורטימלעך, קען מען דאך נאך באמת גלייבן, אז דורכן לעכל פונעם שניידערשן נעדעלע קען מען אריינקומען אין הימל אריין! יא, אז נאך הונדערטער, הונדערטער יארן געפאלנקייט און נידערגעשלאגנקייט דער "על חרבך תחיה" האט געקענט ווערן אין יידישן שטעטל א פאקט, איז דאך נאך א באשיינפערלעכע מעגלעכקייט, אז דער "ונהיה ככל הגוים" איז נישט נאר אינעם אסימילירטן זין און אז ס'איז נישט נאר א לעגענדע; אז קינדער פון א פאלק נאך אזוי פיל באליידיקונגען און דער־נידערונגען, מאטערנישן און יאגענישן, האבן נאך כוח מיט פעלקער באגלייך אזוי העראיש און בלוטיק טייל צו נעמען אין דער דערלייזונג פון דער וועלט — אזא פאלק וועט שוין בלייבן שטיין אויף די אייגענע פיס! ווייסנבערגס שטעטל איז נייער פעסטער באדן פאר אונדזערע וואקלדיקע פיס, "קרקע־בתולה"־ערד, . . . דאס איז ווייסנבערגס מייסטערהאפטע פראזע אין דער יידישער ליטעראטור. מיט מענדעלען, פרצן, שלום עליכמען, מיט אונדזערע ערשטע רייע קלאסיקער וואלט דער זכר פון אונדז נישט אפגעמעקט געווארן, אונדזער געדעכעניש וואלט קיין מאל נישט אויפגעהערט — דער "קדיש", דער "אל מלא רחמים", דער "מי שברך" וואלטן אייביק פארהילכט די ליידיקע בתי־מדרשים און פוסטע שולן — —

פון ווארשטאט אבער איז ווייסנבערג געקומען, פון אונדזערע הארעפאשנע פאלקס־כוחות — די יידישע ליטעראטור, די שפחה, האט אים פאר אונדזער טיר

אונטערגעוואָרפן, ער איז דער סימפטאָם פון אונדזערע קומענדיקע מעגלעכקייטן. ער איז די צוזאַמענגענומענע אָנשטרענגונג פון אונדזער מאָדערנער קולטור, אָן אָנהייב פון אַ נייעם ״טאַטע מיט בנים״.

. . . ער ברויך קיין פרושים, פונקט ווי ער גופא איז נישט מער קיין פרוש. זיין נוסח איז אַ נייער אָנהייב, אַ סינטעטישער — זיין הגדה האָט אין זיך די שטרענג־קייט פון הלכישקייט, פעסט און פרעציז. דאָס געזונטע קלאַפּן פון האַרץ, פון בלוט־געקרייז איז זיין עפּיש־ברייטער ריטעם.

. . . קיין מאָל ווערט ער נישט ראָמאַנטיש, ער שטעלט נישט אָן, ער מאַכט נישט קיין ״שטיק״; ער איז אויך נישט פלאַטאַניש לגבי דעם לעבן, ווייל ער איז צו האַרעפּאַשנע און געזונט; יאָ, ער איז טיף מיסטיש! ווייל איז דען נישט די נאַטור דאָס גרעסטע מיסטעריום? ער באַוווּנדערט איר סודותדיקייט און איז תמימותדיק, ער גלייבט אין איר הייליקונג און שטייט שטיל פאַר אירע ווונדער. ער האָט אין זיך די עטישע פשוטע גוטסקייט, דערפאַר דאָס נישט־סענטימענטאַלע, דערפאַר דאָס נישט טרערן־ווייכע.

י. מ. ווייסנבערג גייט אַריין אין אונדזער דור־דורותדיקייט, ווייל ער האָט קיין מאָל קיין אָנשטעל נישט געמאַכט, קיין ״פרומע שטיק״. זיין מענטשלעכע קלוגקייט, זיין זיך קענען לעכערלעך מאַכן איבער מענטשלעכער שלעכטיקייט, זיין נישט אַריענטאַלישע פּאַטעטישקייט איז דער טויזנט־יאָריקער קולטור־אונטערשיד פון אונדזער יידישער גייסטיקייט, אָבער ער איז אין זיין סאַטירע, אַפילו, ביבליש תמימותדיק און ריין. ווי שטאַרק און ערלעך זיינע שטעטלישע געשטאַלטן זענען דאָס — פּאַטריאַרכן פאַר נייע פרישע דורות! — אַז ס׳איז אַ פרייד פון דאָרטן צו שטאַמען, דאָרטן אונדזער יחוס־בריוו צו זוכן —

אין זיין שטעטל שטייט פריש פאַרוואָרצלט אונדזער אַלטער שטאַם־בוים, אַ צעבליטער מיט פרישן גלויבן, אַ צעצווייגטער מיט זאַפטיק־האַרבע פרוכטן ווי ער גופא איז, אָן ריקזיכט, אָן קאָמפּראָמיס, אָן אונטערגעדאַנק. ווייסנבערג איז דער סימפטאָם פון אונדזערע גורלדיק־שווערע, באַגרענעצטע אַפילו, אָבער דאָך נייע לעבנס־מעגלעכקייטן, מיט באַרעכטיקונג פאַר אונדזער ווייטערן קיום. . . .

אין אונדזער ליטעראַטור האָט ווייסנבערג דאָס קילע שמייכעלע אַריינגע־ברענגט; און נישט קיין שיף־הנאהדיקס איז עס, נישט קיין פאַהיבלדיק־שאָדן־פריידיקס — יאָ, ס׳האָט אין זיך דאָס רציחישע פון זיך אַליין מקריב־זיין צו קענען, יעדן נסיון קאַלט אין די אויגן אַריינצוקוקן.

. . . ניין, ווייסנבערג האָט נישט אָפּגעזאָגט קיין רבנן־קדיש אויפן יידישן קבר, אַ פ״נ־מצבה אויפגעשטעלט מיט גאָלד־געליישטע אותיות און אַנטלאָפן אין דער וועלט אַריין ווי די אויגן נאָר זאָלן טראָגן, ווייסנבערג האָט זיך נישט אויפגעעפנט אַ פענצטער (״נאָך אייראָפּע!״), אַז בשעת שבעה־זיצן זאָלן אַריינקומען ״שמעקעדיקע דופטן״ אינעם פאַרעיפּושדיקן יידישן קעלער.

יאָ, ווייסנבערגס קעלער־שטוב איז אויף אייראָפּעיִשן באָדן און ״עיפּוש״ איז נאַטירלעכע אַטמאָספערע — . . .

און י. מ. ווייסנבערג האָט געשאַפן די פרעציזקייט פונעם דיאַלאָג, די אויסגע־

צירקלטע אויסגעשניטנקייט פון כאַראַקטער־פּראָפיל. י. מ. ווייסנבערג האָט געשאַפן דעם יידישן רעאַליזם.

זאָלן נאָר זיינע נאָכפאָלגער נישט נאָר די פּרעציזקייט און די מייסטערלעכ־קייט פון אים האָבן אויסגעלערנט, די קאַלטע אויסגערעכנטע מוסקל־באַוועגלעכ־קייט, נאָר אויך די וואַרעמע צוריקגעהאַלטנקייט און דעם שטילן ציטער פון האַרץ, די דערבאַרעמונג איבערן מענטש און די גוטסקייט איבער אים און צו אים — ווייל ער איז דער סימפּטאָם פאַר אונדזערע מעגלעכקייטן, די אויסגעהאַלטנקייט, וואָס האַלט אויס! דער גורל פון אונדזער לעבן און אונדזער יידיש־מענטשלעכע, ווייע־דיקע און ווייטערדיקע עקזיסטענץ. אָ, זיין שווער לעבן, פול מיט קאָנפליקטן — אַ ליידנשאַפט אָן קאָמפּראָמיסן — ס׳איז דער סימפּטאָם פון אונדזער שווערן וועג פול מיט שטרויכלענישן — —.[23]

ישראל שטערן

דער אומפּראַקטישער

...באַטראַכט איר ווייסענבערגס אַ העלד איז זיך אייך שווער פאָרצושטעלן וואָס מען קאָן דאָ צוגעבן. נאַטירלעך קאָן אָט דער נאָוועלן־פאַרשוין ווערן אַ נפש פון אַ ראָמאַן. די סיטואַציעס וועלן זיך וויקלען און פאַרוויקלען. די האַנדלונגען וועלן זיך לייגן קלאַפּטער. שטיקער פאַרב וועלן אויף שטיקער פאַרב זיך בערגלען. און דאָך וועט דער כאַראַקטער נישט ווערן באַשטימטער, ווי ער איז ביי ווייסענבערגן.

דאָס איז נישט אַ גאָלע השערה. ס׳זענען דאָ באַווייזן. זינט ווייסענבערגס ערשטע דערציילונגען האָבן מיר צוגעקריגן אַ ריי ראָמאַנען, באַזונדער פון דער אַזוי־גערופענער ווייסענבערג־שולע, וואָס אין זיי טרעפן מיר דעם אייגענעם, לאָמיר אָנכאַפּן, מגושמדיקן טיפּ. לייענט איר און דערמאָנט זיך וואָס אַ מאָל מער אין דעם "טאָטן מיט די בנים", עס זענען צוגעקומען דעקאָראַטיווע אָרומיקייטן, אויסגעברייטערטקייט אָדער פאַרענדערט פונעם אָנעקדאָט; אָבער אין דער מגושמדיקער געשטאַלט גופא האָט מען קיין שום נייעס נישט אַנטדעקט.

אָדער זיין "שלעכטער פּרוי" — דאַרף מען נאָך אַ מער דאַנקבאַרן סוזשעט פאַר אַ ראָמאַן? אָבער וואָס אַ שטייגער וואָלט אייך אַ ראָמאַן געוויזן אין דער דאָזיקער שלעכטער פּרוי אַזוינס וואָס דאָ זעט איר עס נישט? מער שלעכטס? אוממעגלעך. ווייל דאַן וואָלט שוין אויפגעהערט די צוויי־ און ס׳וואָלט אָנגעהויבן די פּיר־פיסיקייט: ערגער זיין קען סיידן אַ ווילדע קאַץ, אַ משוגענער הונט. נאָר גלייכ־צייטיק, ווי נישט געגוזמאָוועט מען האָט דאָ, ווי נישט געביליקט, ווי נישט געשוואַרצכאַראַקטערט! און אויך — וויפל הומאָר!

און נישט נאָר בנוגע פיגורן. דאָס נעמלעכע איז אויך ווען אין קאָן שטייען קינסטלערישע אידייען און סימבאָלן. איר געדענקט זיין "פּאָמניק", אין אָט דעם קליינעם, אָבער אידעאַל שלימותדיקן קונסט־ווערק איז, אָגב, אויך אַ ליבע פאַראַן,

און אַן אָנשטרענגונג לאָזט זיך דערפון מאַכן אַ גרעסערער ראָמאַן. נאָר צי וואָלט מען דערפון עפּעס געווונען? גאָרנישט! אַן וואַקלענישן קענען מיר ערב־זיין, אַז דער מעטאַפיזישער געדאַנק פון דער שעדעווער נאָוועלקע וואָלט נעלם געוואָרן: ענטוועדער ער וואָלט אַרונטערגעשווומען אונטער וואַלקנס און מיר וואָלטן אים אין גאַנצן נישט אַרויסגעזען, אָדער דורך ברייטן דערציילן וואָלט ער זיך צו פיל אויפ־געגנאַקעטיקט און וואָלט אונדז אויפגעהערט רייצן...

י. מ. ווייסענבעג, דער אַרטיסטישער פּזרן האָט אויף קליינע שטחים גרויסע פאַרמעגנס צעשאָטן.

שטאַרק פּראַקטיש איז עס נישט. און גערעכט, ווייזט אויס, זענען די קלוגע לייט, וואָס פלעגן טענהן, בעת ס'איז געקומען צו רייד וועגן ווייסענבערגס צרות:

— ער איז זיך אַליין שולדיק!

אַוודאי, אויף אונדזער געבענטשטער, אמתער, גערעכטער וועלט זענען די אומפּראַקטישע שטענדיק די שולדיקע... „ [24]

ווייסנבערג דער קלאַסיקער !

יצחק מאיר ווייסנבערג איז איינער פון די הויפּט־רעפּרעזענטאַנטן פון אַ דור שריפטשטעלערס פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. . . .

ער איז געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן ווי אַ מין אחר אין תּלמוד, אָדער ווי זשאַבאָטינסקי אין ציוניזם. . . .

זיין נאָמען פאַרבלייבט אָבער איינגעקריצט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ווי איינער פון די הויפּט־זיילן פונעם דריטן ליטעראַריש־שעפערישן דור.

יצחק מאיר ווייסנבערג פאַרבלייבט שוין צווישן די קלאַסיקער פון יידיש.

חנן . [25]

משה שימעל

דער פּרינץ פון זשעלעכאָוו

אין שטעטל זשעלעכאָוו איז געקומען אויף דער וועלט אַ פּרינץ. . . . אין דער מלוכה פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך דערהערט דאָס קול פון דעם ערשטן גרויסן רעאַליסט.

דער רעאַליזם איז אייגנטלעך אַן אויסדרוק פון כּעס, פון וועלן אויפווייזן דעם שמוץ און די פאַרברעכערישקייט פון דער וועלט און פון דער געזעלשאַפט. דער רעאַליזם אין דער קונסט איז דער נאַקעטער אויסדרוק פון פּראָטעסט. דער רעאַליזם איז אָבער גלייכצייטיק דער אויסדרוק פון אַ טיפער, באַהאַלטענער בענק־שאַפט פון אַן אַנדער לעבן, וואָס זאָל זיך גאַנצלעך אונטערשיידן פון דער גאַנצער רעאַליטעט, וועלכע דער קינסטלער געשטאַלטיקט אין זיין ווערק. דעריבער טאַקע

קען מען מיט רעכט זאָגן, אַז דער רעאַליזם וואַקסט אַרויס פון די לבנהדיקסטע לויטערקייטן, וואָס פילן אויס דעם קינסטלערס נשמה.

אויך ווייסענבערגס רעאַליזם דריקט אויס זיין גרויסע, אומענדלעך גרויסע בענקשאַפט צו אַ ניי לעבן, וואָס עקזיסטירט בלויז אין די בלויקייטן פון חלומות. די ברוטאַליטעט פון ווייסענבערגס שטעטל איז אַ פּראָטעסט קעגן דער יידישערווירקלעכקייט, אַ פּראָטעסט, וואָס פאָדערט נייע, יידישע פאָלקס־פאָרמען.

דער רעאַליסט ווייסענבערג איז אָבער געווען צוגלייך אַ גרויסער פאַר־חלומטער פּרינץ, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסלעך פון זשע־לעכאָוו מיט אַן אַנדערער, אינערלעכסטער רעאַליטעט, וואָס איז ווייט געווען פון די צעקרומטע פּלויטן און איינגעפאַלענע קוימענס פון זיין שטעטל. ס'אַראַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע! דער רעאַליסט ווייסענבערג, וועלכער האָט זיך אַרומ־געטראָגן איבער דער וועלט מיט זיין גרויסן, טיפן חלום וועגן אַ ניי, אַנדער לעבן, האָט געמוזט מיטלעבן די רעאַליטעט פון זיינע העלדן.

ווי גאָרקי האָט ער זיך געמאַטערט, מיט דעם אונטערשיד בלויז, וואָס ער האָט אויף קאַפּרי קיין פּאַלאַץ נישט געהאַט.

דער גורל האָט אים צוגעשמידט צו דער זשעלעכאָווער אַטמאָספערע און האָט אים נישט דערלויבט אויף קיין איין מינוט אַוועקצורייסן זיך פון דעם יידישן האָרע־פּאַשנעם לעבן און פון דער יידישער גרוילהאַפטער נויט. און דאָך איז ער געווען אַ פּרינץ. אונטער זיינע אָפּגענוצטע מלבושים האָט געקלאַפּט דאָס שטאָלצע, איינ־זאַמע האַרץ פון אַ גרויסן, פאַרחלומטן דיכטער. ער איז אָבער געווען צוגעשמידט צו אַ פרעמדער רעאַליטעט און נישט צו זיין דיכטערישער רעאַליטעט. ער האָט געגעסן דאָס אָרעמע ברויט פון זשעלעכאָוו, אָבער מיט זיין שטאָלצער, איינזאַמער נשמה האָט ער געוואַנדערט איבער די מילכוועגן פון דער אייביקייט. אָך, ס'אַראַ פּאַראַדאָקס! דער רעאַליסט ווייסענבערג האָט זיין אייגענע רעאַליטעט נישט געהאַט.

דאָס האָט אפשר גורם געווען, וואָס ווייסענבערג איז געווען אַן אייביקער לײדנשאַפטלעכער אָפּאָזיציאָנער, ווייל די רעאַליטעט פון יידישן ליטעראַרישן לעבן איז אים געווען אָרגאַניש פרעמד, און ער האָט זי געוואָלט אויפ'ס כּוח איבערגע־שטאַלטיקן מיט זיין מאָס און לויט זיינע חלומות. דאָס איז אָבער געווען אומ־מעגלעך, ווי אוממעגלעך עס איז אַראָפּצוברענגען די לבנה מיט די שטערן אויף אונדזער זינדיקער, ברוטאַלער ערד. דער גרויסער רעאַליסט ווייסענבערג איז געווען אַ פאַנטאַסט. די דאָזיקע פאַנטאַסטישקייט זיינע האָט געשאַפן אַ טיפן אָפּגרונט צווישן דעם עקזיסטירנדיקן יידישן ליטעראַרישן לעבן און צווישן אים, דעם אומפאַרבעסלעכן פּראָטעסטאַנט און טרוימער. ער האָט אַלץ אַוועקגעגעבן אויף דעם מזבח פון זיין חלום: די מעגלעכקייט צו קומען צום וואָרט אין די עקזיסטירנדיקע יידישע ליטעראַרי־פּאָזיציעס און די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע פון אַ קלאַסיקער. . . .

און דאָך האָט דער דאָזיקער ווייסענבערג ביי אַלע, ביי אַלע וואָס האָבן אים באַגעגנט, און וואָס האָבן געהאַט דעם כּבוד צו קענען אים נאָענט פּערזענלעך,

דערוועקט גרויס רעספעקט און אַ גרויסע ליבשאַפט. עס האָט פון אים געשטראַלט דער פלויד פון אַן אמתן, גרויסן קינסטלער, פון אַן איינמאַליקער דערשיינונג, פון אַ שטערן, וואָס צינדט זיך אָן מיט אַ גוואַלדיקן פייער און איז נישט פאַרלעשבאַר, ווי די אייביקייט אַליין.

ווייסענבערגס טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אין זיין לעבן קיין אייגענע פּערזענלעכע רעאַליטעט נישט געהאַט. אפילו די באַשיידענע רעאַליטעטן פון אַ גרויסן, פאַרדינסטפולן שריפטשטעלער האָט ער נישט געהאַט. ער האָט נישט געהאַט קיין אַרבעטס־צימער, ער האָט נישט געהאַט די ברייטע עפנטלעכקייט, וואָס זאָל אַרומינגלען זיין גרויסע, דערהויבענע איינזאַמקייט מיט וואַרעמע, צערטלעכע געפילן.

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, מוז מען פעסטשטעלן, אַז נישט איין גרויסער שרייבער הייבט אָן זיין לעבן אייגנטלעך נאָכן טויט. אין פאַל ווייסענבערג איז עס אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט באַשטעטיקט.

ערשט נאָך זיין טויט קומט אויף זיין גרויסע, טיפע רעאַליטעט, עס ווערט פאַר־ווירקלעכט זיין חלום. ער הייבט אָן צו וואַקסן און אַריבערוואַקסן אונדזער סביבה. ער האָט אַנטפּלעקט אין דער פולער שיינקייט אַ סך אוצרות פון פאַלקסזשעני. דער שטאַלצער, איינזאַמער, גרויסער ווייסענבערג הייבט אָן זיין אמתדיק לעבן.[26]

מ. ב. שטיין

ווייסענבערג דער באַזינגער פון סטיכיע

ווייסענבערגס שאַפונג פון דער ערשטער דערציילונג אָן, צייכנט זיך אויס מיט סקולפּטאַרישער אויסגעהאַמערטקייט. יעדעס בילד איז פון שטיין, דערצו מיט שטילער פאַרטראַכטקייט און טיפן טרויער. אין דער טיפער אייביקייט אָבער — איז שוין דער טרויער פון מין מענטש, איבער זיין אומבאַהאָלפנקייט; איבער זיין נישט קענען זיך באַפרייען פון גורל, וואָס לאַסטעט אויף אים.

פון אייביק אָן מאַטערט דעם דענקנדן מענטש דאָס פּראָבלעם: צי דער מענטש איז פריי אויסצוקלויבן דאָס גוטע און שלעכטע; צי איז דער מענטש אַ בעל־בחירה צי נישט. אָט דאָס פּראָבלעם האָט געמאַטערט די מוחות פון פילאָזאָפן, קינסטלער און רעליגיע־פירער. אויב נישט קיין בחירה, איז דאָך שכר ועונש אַן אומ־גערעכטיקייט? מען קען דאָך נישט באַשטראָפן דעם, וואָס איז נישט שולדיק און באַלוינען דעם, וואָס האָט עס נישט פאַרדינט? האָט מען געחקרנט, געזוכט אַן אופן צו פאַרבינדןביידע קעגנגעזעצטע עקן. יעדער פילאָזאָף מיט זיין שיטה און יעדער רעליגיע־פירער לויט זיינע דאָגמעס.

אַנדערש איז אָבער צוגעגאַנגען צו דער פראַגע דער פרייער קינסטלער. ער איז שוין נישט געווען געבונדן פון קיין שום דאָגמעס, קיין שום סיסטעמען האָבן אים שוין דעם פרייען לויף נישט געשטערט. שכר ועונש, צדיק און רשע, איז אים שוין נישט אין וועג געשטאַנען. מער האָט מען געוואָלט דערגרונטעווען די סטיכיע

אין מענטשלעכן לעבן, די פאַרשקלאַפונג פון ווילן צו די אייזערנע נאַטור־כּוחות.

האָט דאָסטאָיעווסקי אין ברידער קאַראַמאַזאָוו אין זעלבן קערפּער געזען דעם געזעלטן און אומגערעכטן; דעם אויסוואורף און דעם צדיק. עס האָט געזאָטן זייער בלוט, און דאָס איז באַרעכטיקונג פאַר זייערע מעשׂים. טאָלסטאָי ווייטער אין קריג און פרידן וויל האַמעווען די סטיכיע. דער נאַפּאָלעאָנישער לויף ברענגט צו מפּלה, נאָר דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד, דאָס פאַרברענען מאָסקווע האָט געברענגט דעם נצחון.

ווייסענבערג, אויף וויפל עס לאָזט זיך אָפּשאַצן לויט דעם ערשטן באַנד, זעט אין דער סטיכיע דעם מקור פון אַלעם גוטן. דאָס שיינע אין לעבן איז דאָס שפּיל. "מענטשן פּלאָנטערן זיך אין די געשעענישן, פּונקט ווי סטענגעס אין קאַלירן, דער הימל איז צו ערנסט, עס פעלט אים אַ ביסל שפּיל".

טרויעריק איז אָבער דאָס שפּיל און מיט ווייסענבערגס ספּעציפישן שטילן טרויער פירט ער אונדז אַריין אין לעבן, ווייזט פרייד און תאווה, אומגליק און לייד און מען קען — קיינעם נישט באַשולדיקן. יעדער איז לויט זיך און זיינע תאוות גערעכט און אַדרבה, ווען עס וואָלטן קיין תאוות, קיין אויסברוכן נישט געווען, וואָלט ערשט די וועלט געווען "ווי דער הימל צו ערנסט".

באַלד אין אָנהייב שילדערט ווייסענבערג אַ פאַרברעכן. . . .

עס איז אַ קנויל פון פאַרפּלאָנטערנישן, וואָס האָבן אומגליק און פאַרוויסטונג אַרויסגעריסן [אַזוי] אין וועלכע אָבער קיינער איז נישט שולדיק נאָר תאווה, סטיכיע, דאָס קאַכעדיקע לעבן, וואָס וואָלט אָן דעם קיין לעבן נישט געווען.

די מעשׂיות אינטערעסאַנטע, ביז גאָר, געפּרעסט מיניאַטורמעסיק און ביל־דעריש, זענען אָבער נישט דער עיקר. עס גייט דאָ אין ווייסענבערגס טאָן. די שטיל־קייט, די געלייטערטקייט, וועלכע הייבט אויף, די אין תּוך קליינקייטן, צו סימבאָלן פון מענטשלעכער פּיין. קיינער טוט נישט קיין שלעכטס ווייל ער וויל עס טון, נאָר ווייל ער מוז. ער זעט קיין אַנדער אויסוועג נישט און די אומבאַהאָלפנקייט דריקט, וואַרפט אָן דעם טרויער וואָס עס האָט דער פויגל איידער ער בויט אויף זיין נעסט, ווען ער זעט מכשולים, שטורעמס, שפּאַרבערס, וואָס לויערן, און קיין אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן איז נישטאָ.

דעמאָלט נאָר זינגט דער פויגל און ווייסענבערג זינגט דאָס שטילע, האַרציקע, טרויעריקע און געמיטלעכע ליד, וועלכעס שטעקט אָן מיט זיין טרויער, ווי דעם פויגלס געזאַנג וואָס איז אַלע יאָר דאָס זעלבע און יעדעס מאָל איז עס ניי. פון אדם הראשונס צייטן ביז אין דער טיפער אייביקייט, אַזוי איז דאָ ווייסענבערגס געזאַנג.

נישט דער וואָס, איז וויכטיק נאָר דער, ווי אַזוי. דער סוזשעט איז נאָר די ראַם, וואָס זאָל דעם דיכטער האַלטן אין צוים. ער זאָל זיך נישט פאַרלירן אין לאַבירינטן פון גאָלע אַבסטראַקציעס. העכסטנס איז דער סוזשעט נאָר ווי דאָס שטעקעלע אין דער האַנט ביים דראָט־גייער: ער זאָל קענען האַלטן דאָס גלייכגעוויכט. דאָס עיקרשטע איז דעם דיכטערס וועלט, זיין געמיט און וואָס זינגט אַרויס פון אים און עס ווערט פאַר אונדז אַנטפּלעקט ווייסענבערגס וועלט, און מיר קומען אַריין אין כּישוף־פּאַלאַץ פון דער סטיכיע, ווו פרייד און לייד גייען געפּאַרט, תאווה און

שטורעמס הויזן און עס ווערט פאַרזייט גליק און אומגליק.

און ווייסענבערג וואָס האָט אין די פּריִערדיקע ביכער צום מייִנסטן געזען מענטשלעכע רשעות, גייציקייט, אויסניצונגס־זין, די גאַמע פון פּיין איז ביי אים געווען אַן אַרויסגערופענע צוליב אַ צווייטן מענטש און ער האָט יענעם דעריין באַשולדיקט, ווערט איצט דער פאַרטיידיקער פון מין מענטש און פון זיינע שוואַכקייטן — גורל. אַן אויסלייטערונג און ממילא אַ העכערער שטאַפּל.

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש:

ווייסענבערג ווערט פון אַלע זייטן פאַרשריגן אַלס מחרר ריב ומדין און ער דווקא פּרעדיקט אין בוך צו שאַפן אַ געזעלשאַפט פון "רודפי־שלום".

ער איז אַליין מיטגעריסן געוואָרן פון דער אויסגעלייטערטקייט פון זיין קאָנפּעראַנסיע: דער הימלסמאַן. די וועלט האָט אַן אַנדער פּנים געקריגן, זי איז אויפגעהויבן געוואָרן ביז צום בלויען דיכטער־חלום, וואָס איז דער חלום פון דער אייביקייט. [27]

ראשי־תיבות און קירצונגען

צײַטשריפֿטן

א״ה	אינזער האָפֿענונג
ד״ט	דער טאָג
ד״מ	דער מאָמענט
ד״ק	דער קריטיקער
ד״ש	דער שטראָם
ל״ב	ליטעראַרישע בלעטער
פֿ״ש	פֿאָלקס־שטימע
פֿא״ש	פֿרײַע אַרבעטער־שטימע

נעמען

אל״ז	אברהם ליעסין־זאַמלונג
דפ״ז	דוד פינסקי־זאַמלונג
ימוו״ז	י. מ. ווייסענבערג־זאַמלונג
פוו״א	פערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד
שנ״ז	שמואל ניגער־זאַמלונג

פֿאַרשידענע

א״ד	אָן דאַטע
א״נ	אונטערן נאָמען
אנ״א	אָרט נישט אָנגעגעבן
ב׳	באַנד
בב׳	בענד
בע׳	בערך
דצ״א	דאָס ציטירטע אָרט
דצ״וו	דאָס ציטירטע ווערק
הפֿ׳	העפֿט
זמ	זאַמלונג
ט״ב	טאָגבלאַט
ייא״ב	יידישע אַרבעטער־באַוועגונג
י״ג	יאָרגאַנג
ייוואָ	יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט—ייוואָ
ינ״א	יאָר נישט אָנגעגעבן
מ״ק	מאָנטרעאָל, קוויבעק
נומ׳	נומער
ננ׳	נומערן
פֿ״ג	פֿאַרלאַג
פֿ״שט	פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע
רעפֿ׳	רעפֿערענץ
שפּ׳	שפּאַלט

הערות

אויב אַ מקור איז נישט אָנגעגעבן, מיינט עס, אַז ס'איז אונדז נישט געראָטן צו געפינען די פּובליקאַציע, ווו די שאַפונג איז געדרוקט געוואָרן. אויב אין דער רעפערענץ פעלט איינער אָדער עטלעכע פּרטים, מיינט עס, אַז זיי זענען נישט פאַראַן אין דער פּובליקאַציע, אָדער אַז מיר האָבן די פּובליקאַציע נישט געזען. אַ טייל פון ווייסענבערגס קאָרעספּאָנדענץ איז געגעבן אין טעקסט. זען: רעפערענץ צו הערות: I. קאַפּיטלען 1־18. אַן אַנדער טייל קאָרעספּאָנדענץ איז געגעבן אין הוספה א. זען: רעפערענץ צו הערות: II. הוספה א.

I. קאַפּיטלען 1־18

1 **י. מ. ווייסענבערג,** "צום אָנדענק מיין פריינט . . ." **אין** דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג, **באַנד II, וואַרשע: קאָאָפּעראַטיווער פערלאַג "האָפענונג", 1927, אויף דער צווייטער זייט פונעם שער [ווידמונג].**

2 **י. ראַפּאָפּאָרט,** "דערינערונגען וועגן י. מ. ווייסענבערג", **אין** זוימען אין ווינט, **בוענאָס איירעס: אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, תשכ"א 1961, זז' 311־12.**

3 **י. מ. ווייסענבערג, בריוו צו [ש.] ניגער, וואַרשע 8/VI [ינ"א], יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט—ייִוואָ, אַרכיוו, ניו־יאָרק, שמואל ניגער־זאַמלונג.**

4 **א. מ. ווייסענבערג,** "מיין ליבע פרוי מאַליע . . ." **"אַ וואַלד־מיידעל", אין** שריפטען, **דריטעס בוך, וואַרשאַ: פערלאַג "וועלט־ביבליאָטעק", תר"ע, ז' 4 [ווידמונג].**

5 **י. מ. ווייסענבערג,** "קונסט און סוביעקטיוויטעט", **אין** יודישע זאַמעלביכער, **רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפּור, דריטעס בוך, וואַרשאַ: ווייסענבערג־פערלאַג, תרע"ח 1918, ז' 20.**

6 **שלמה ברייענסקי,** "יחיאל לערער — ביאָגראַפישע שטריכן", **זשעלעכאָווער** בולעטין, **פּאַנאַמאַ, נומ' 13, מאַי 1968, ז' 27.**

7 **[י. מ. ווייסענבערג],** "ווייסענבערג־פערלאַג 'יודישע זאַמעלביכער'", **אין** יודישע זאַמעלביכער, **רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפּור, ערשטעס בוך, וואַרשאַ: ווייסענבערג־פערלאַג, תרע"ח 1918, זז' 77־78 [באַקאַנטמאַכונג].**

8 **י. בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי],** "י. מ. ווייסענבערג (זכרונות צו זיין 21טן יאָר־צייט)", **פריַיע אַרבעטער־שטימע, ניו־יאָרק, אָקט' 1, 1959, ז' 6.**

9 **י. מ. ווייסענבערג, פּאָסטקאַרטל נומ' 2, צו [ש.] ניגער, וואַרשאַ, 20/11, 920[1], ייִוואָ, אַרכיוו, נ. י., שנ"ז.**

10 **י. מ. ווייסענבערג, פּאָסטקאַרטל נומ' 7, צו [ש.] ניגער, וואַרשאַ, 27/11, 920[1], ייִוואָ, אַרכיוו, שנ"ז.**

11 **י. מ. ווייסענבערג, בריוו צו ש. ניגער, וואַרשע, 13/12, 1920, ייִוואָ, אַרכיוו, שנ"ז.**

12 **כיל אַראָנסאָן (אַראָן),** "עוזר וואַרשאַווסקי און זיַין סביבה", **אין** בילדער און

געשטאַלטן פון מאַנפאַרנאַס, פאַרוואָרט פון מאַרק שאַגאַל, פּאַריז: דרוקעריי "א־בע־סע", 1963, ז' 71.

[13] דצ"ווּ, ז' 70.

[14] דצ"ווּ, ז' 72.

[15] **י. מ. ווייסענבערג**, בריוו צו ד. פּינסקי, וואַרשע [א"ד], ייִוואָ, אַרכיוו, ניו־יאָרק, דוד פּינסקי־זאַמלונג.

[16] **י. מ. ווייסענבערג**, בריוו צו ש. ניגער, וואַרשא, 27/IV, 20[19], ייִוואָ, אַרכיוו, נ. י., שנ"ז.

[17] **י. מ. ווייסענבערג**, "אַ רייד וועגן יובילעומס", אינזער האָפענונג, לייטונג: י. מ. ווייסענבערג, וואַרשע, העפט 27, אַפּר' 1, 1928, זז' 92־94.

[18] **י. מ. ווייסענבערג**, בריוו צו [ד"ר ש.] פאַקס, וואַרשא, 20/XI, 1922, פּערל ווייסענבערג־אַקסעלראַד־זאַמלונג, מאָנטרעאָל, קוויבעק.

[19] **ווייסענבערג**, "קונסט און סוביעקטיוויטעט", אין יודישע זאַמעלביכער, דריטעס בוך, ז' 20.

[20] **י. מ. ווייסענבערג**, "צים 'ליטעראַרישן סקאַנדאַל'", דער שטראָם, ליטע־ראַרישע לייטונג: י. מ. ווייסענבערג, וואַרשא [ערשטער י"ג] No. 1 [אַפּר', 1924], ז' 6.

[21] **י. מ. ווייסענבערג**, פּאָסטקאַרטל צו [שמעון] האראַנטשיק, וואַרשע, 25/7, 923[1], ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, זאַמלונג "ייִדישע שרײַבער", רעפערענץ 3.

[22] **י. מ. ווייסענבערג**, בריוו צו [שמעון] האראַנטשיק, וואַרשע, 5/XI, 23[19], ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, בריוו נומ' 114172, זאַמלונג "ייִדישע שרײַבער", רעפ' 3.

[23] **י. מ. ווייסענבערג**, בריוו צו [שמעון] האראַנטשיק, וואַרשע [א"ד], ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, בריוו נומ' 114173, זאַמלונג "ייִדישע שרײַבער", רעפ' 3.

[24] **י. מ. ווייסענבערג**, "אַנשטאָט אַ פאַרוואָרט, I דער גורל פין ידישן ביך; II ווער איז שילדיק?; III". אין פאַרפלאָנטערטע וועגן. אָדער צווישן די חורבות פון ידישן לעבן [פון] שמעון האראַנטשיק, רעדאַקטירט און אַ פאַרוואָרט פון י. מ. ווייסענבערג, וואַרשע: פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, תרפ"ד 1924, זז' IV־V.

[25] **י. פּ. גרינבערג**, "ווי איז דער אמת?", דער שטראָם, וואַרשא, ערשטער י"ג, No. 2, מאַי 2, 1924, זז' 9־10.

[26] **א. בעקערמאַן**, "די אביעקטיוויטעט פונעם קריטיקער", דער שטראָם, וואַרשא, ערשטער י"ג, No. 4, מאַי 15, 1924, זז' 11־13.

[27] **י. מ. ווייסענבערג**, "אַ שפּיל מיטן טויט אָדער די מעשׂה האַראַנטשיק", אינזער האָפענונג, וואַרשע, הפ' 22, ווזשעשען [סעפּטעמבער] 30, 1927, זז' 44־47.

[28] דצ"ווּ, ז' 48.

[29] **ווייסענבערג**, "אַ שפּיל מיטן טויט אָדער די מעשׂה האַראַנטשיק", א"ה, הפ' 23, אָקט' 17, 1927, זז' 48־50.

[30] **ווייסענבערג**, "אַ שפּיל מיטן טויט אָדער די מעשׂה האַראַנטשיק", א"ה, הפ' 24, נאָוו' 5, 1927, זז' 58־59.

[31] **י. מ. ווייסענבערג** "אָפענער בריוו", א"ה, וואַרשע, הפ' 11, אָקט' 1, 1926, זז' 29־30.

[32] **גאָלץ מילער**, "סלושאַיו!", ייִדיש: ש. אַנ־סקי, אין 60 פאַלקסליעדער מיט נאָטען, געזאַמעלט פון מ. קיפּניס, צווייטע אויפלאַגע, וואַרשא: פערלאַג א. גיטלין [ינ"א], זז' 69־71.

[33]**מאיר ברוקאַזש,** "געשטאָרבן דער 'פּענאָמען וואלף מעסינג'", פֿאָלקס־שטימע, וואַרשע (?־)197.

[34]**י. מ. ווייסענבערג** "די 'טריזוב'־אינטעליגענץ ביי יידן און אוקראַינער", א"ה, הפ' 24, ז' 48.

[35]**[י. מ. ווייסענבערג],** "פאָרוואָרט. מיר שאַפֿן", א"ה, וואַרשע, הפ' 1, יאַנ' 15, 1926, זז' 3־4.

[36]"וועגן יידישער ארטאגראפיע" [פון] די רעדאַקציע, א"ה, הפ' 1, יאַנ' 15, 1926, ז' 4 [פאַקטיש געשריבן פון ווייסענבערגן].

[37]**י. מ. ווייסענבערג,** "די שריט פאַר דער ייד.[ישער] ליטעראַטור (אַן אָפֿענער בריף)", א"ה, הפ' 1, זז' 25־26.

[38]**[י. מ. ווייסענבערג],** "ערקלערונג", א"ה, הפ' 1, ז' 2.

[39]**י. מ. ווייסענבערג,** "אַ פּאָר ווערטער", אינזער האָפענונג, **וואַרשע, הפ' 30,** ליטעראַטור ביילאַגע צו נר. 30, פעב', 1929, זז' 1־3.

[40]**י. מ. ווייסענבערג,** "דער טעות פֿון די אוקראַינער", א"ה, הפ' 24, ז' 44.

[41]**י. י. זינגער,** "יידישע שרייבער פֿון אַלע לענדער פאַרייניקט אייך!", ליטעראַרישע בלעטער, **פערטער י"ג,** No. 43, **וואַרשע: פאַרלאַג ב. קלעצקין,** אָקט' 28, 1927, ז' 829.

[42]**י. מ. ווייסענבערג,** "וועער מיט וועמען?", א"ה, **וואַרשע, הפ' 26, פעב'** 1, 1928, זז' 69־70.

[43]**דצ"ו,** זז' 70־75.

[44]**דצ"ו,** זז' 77־78.

[45]**דצ"ו,** ז' 78.

[46]**באַזירט אויף** י. מ. ווייסענבערג, "געדאַנקען וועגן ביכער, טעאַטער און רעזשי", א"ה, וואַרשע, הפ' 28, מאַי 25 [1928], זז' 87־90.

[47]**Robert Haven Schauffler,** *Beethoven, the Man Who Freed Music,* Garden City, N. Y.: Doubleday, Doran & Co., Inc., 1934. © 1929, זז' 32־33. [ציטאַט איבערגעזעצט פֿון פוו"א].

[48]**י. מ. ווייסענבערג,** "דאָס איינציקע... (איבער נאָמבערגן)", א"ה, **וואַרשע,** **הפ' 25, דעצ' 15,** 1927, זז' 5־6.

[49]**דצ"ו,** זז' 2, 4.

[50]**דצ"ו,** ז' 5.

[51]**י. מ. ווייסענבערג,** "י. ל. פּרץ, דער נישט באַלוינטער", אונדזער פֿאָלקסצייטונג, **וואַרשע, אַפּר' 17,** 1925.

[52]**ווייסענבערג,** "דאָס איינציקע... (איבער נאָמבערגן)", א"ה, הפ' 25, ז' 7.

[53]**שמואל ווינער,** "שלמה איבן גבירול, דער גרויסער פּאָעט און פילאָזאָף אין דער 'גאָלדענער עפּאָכע', אין שפּאַניע, צו זיין 900סטן יאָרצייט — 1069־1969", אין וועגווייזער פֿאַר דורות, **ניו־יאָרק: איקוף,** 1971, ז' 24.

[54]**י. מ. ווייסענבערג,** "וואָס איז אזוינס טאַלאַנט? (געווידמעט דעם יובילעי־נימער 'אינזער האָפענונג' נימ' 27)", א"ה, הפ' 27, ז' 1.

[55]**דצ"ו,** זז' 2־3.

[56]**דצ"ו,** זז' 3־4.

[57]**דצ"ו,** זז' 5־6.

[58]Schauffler, *Beethoven, the Man Who Freed Music,* ז' 32. [ציטאַט איבער־געזעצט פֿון פוו"א].

[59]**י. מ. ווייסענבערג,** "אַ טרייסט", א"ה, **וואַרשע, הפ' 29, אָקט' 15, 1928,** זז' 54־55.

[60]**דצ"ו,** זז' 55־56.

[61]**דצ"ו,** ז' 59.

[62]**דצ"ו,** זז' 60־61.

[63]**דצ"ו,** ז' 61.

[64]**דצ"ו,** ז' 69.

[65]**י. מ. ווייסענבערג,** "אויפקלערונג צי דער מעלדונג" [וועגן יידישער אָרטאָ־גראַפיע], א"ה, **וואַרשע, הפ' 14, נאָוו' 15, 1926, זז' 28־30.**

[66]**מרדכי אֶלעי,** "וועגן אונדזער שפראַך (באַמערקונגען)", א"ה, **וואַרשע, הפ' 15, דעצ' 1, 1926, זז' 6־11.**

[67]**מ. יו. לערמאָנטאָוו,** "אַ חלום", אין אַנטאָלאָגיע רוסישע פּאָעזיע, יידיש: ל. פיינבערג, ניו־יאָרק: קאָמיטעט פאַר "רוסישער פּאָעזיע" מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד, 1950, ז' 53.

[68]**ווייסענבערג,** "וואס איז אזוינס טאלאנט?",א"ה, הפ' 27, ז' 4.

[69]**דצ"ו,** ז' 9.

[70]**י. מ. ווייסענבערג,** "(אַן ענטפער אויף דעם בריוו פין ה' בריינסקי)" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, **וואַרשע, הפ' 19, אַפּר' 15, 1927, ז' 46.**

[71]**פערדינאַנד לאַסאַל,** "די וויסענשאַפט און די אַרבייטער", איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן, "באַסט אַ־שולצע [אַזוי] אָדער קאַפּיטאַל און אַרבייט", איבער־זעצט פון א. א. ראבאק, אין געקליבענע שריפטען, **ניו־יאָרק: קראַפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט, 1916, ז' 417.**

[72]**ווייסענבערג,** "(אַן ענטפער אויף דעם בריוו פין ה' בריינסקי)" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, הפ' 19, ז' 49.

[73]**י. מ. ווייסענבערג,** "בענע קריק (פין באבעלן), אַן אויסשעפּנדיקע אָפּהאַנד־לונג", א"ה, **וואַרשע, הפ' 31, סעפּט' 15, 1929, זז' 2־3.**

[74]**דצ"ו,** זז' 3־4.

[75]**דצ"ו,** ז' 4.

[76]**י. מ. ווייסענבערג,** "אַן ענטפער אויפן בריוו פין ה' בריינסקי" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, **וואַרשע, הפ' 18, פעב' 15, 1927, ז' 27.**

[77]**שאול טשרניחובסקי,** "ראי אדמה", אין שירים, **ירושלים ותל־אביב: שוקן, תש"ך, ז' 252.**

[78]**ווייסענבערג,** "אַן ענטפער אויפן בריוו פין ה' בריינסקי" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, הפ' 18, ז' 29.

[79]**ווייסענבערג,** "קונסט און סוביעקטיוויטעט", אין יודישע זאַמעלביכער, **דריטעס בוך, זז' 25־26.**

[80]**י. מ. ווייסענבערג,** "ביים לעבען און נאָכ'ן טויט פון אונדזערע גרויסע גייסטער", אין יודישע זאַמעלביכער, רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. **צפור, ערשטעס בוך, וואַרשא: ווייסענבערג־פערלאַג, תרע"ח 1918, ז' 62.**

[81]**י. מ. ווייסענבערג,** "וועגן י. ל. פרץ", דער שטראַם, **וואַרשא [ערשטער י"ג, No. 1 [אַפּר' 1924], זז' 8־9.**

[82] **מ. קיטאַי,** "י. מ. ווייסענבערג", ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, פּופצנ־טער י"ג, No. 42 (753), נאָוו' 11, 1938, ז' 698.

[83] **ווייסענבערג,** "ביים לעבען און נאָכ'ן טויט פון אונדזערע גרויסע גייסטער", אין יודישע זאַמעלביכער, זז' 60־61.

[84] דצ"וו, ז' 60.

[85] דצ"וו, ז' 62.

[86] דצ"וו, זז' 65־66, 68.

[87] **י. מ. ווייסענבערג,** בריוו צו ש. ניגער, זשעלעכאוו, 13/XII [ינ"א], ייִוואָ, אַרכיוו, נ. י., שנ"ז.

[88] **ווייסענבערג,** "(אַן ענטפער אויף דעם בריוו פון ה' ברייִנסקי)" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, הפ' 19, זז' 46־50.

[89] דצ"וו, ז' 48.

[90] **י. מ. ווייסענבערג,** שרייבער און זייערע ווערק, וואַרשע: פאַרלאַג ווייסענ־בערג, Druk. "Wiedza", 1932, ז' 21.

[91] דצ"וו, ז' 23.

[92] **י. מ. ווייסענבערג,** "אַ פערקערטע וועלט, אַז מען קיקט אין וואַסער" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, וואַרשע, הפ' 6, אַפּר' 1, 1926, זז' 23־26.

[93] דצ"וו, זז' 27־28.

[94] **ווייסענבערג,** "וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?", א"ה, הפ' 27, ז' 7.

[95] דצ"וו, זז' 8, 10.

[96] דצ"וו, זז' 7, 9, 11.

[97] **י. מ. ווייסענבערג,** "קינאָמאַטאָגראַפישע ביכער", א"ה, הפ' 18, ז' 31.

[98] דצ"וו, ז' 32.

[99] **י. מ. ווייסענבערג,** בריוו צו ש. ניגער, זשעלעכאוו, 5/VII [ינ"א], ייִוואָ, אַרכיוו, נ. י., שנ"ז.

[100] **י. מ. ווייסענבערג,** "אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט", אין גורלות, וואָס לאַכן, באַנד VI, וואַרשע: פערלאַג ווייסענבערג, 1931, ז' 3.

[101] **י. מ. ווייסענבערג,** "אָט דאָ איז... אַפּאָטאָשו" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, וואַרשע, הפ' 9, מאַי 15, 1926, זז' 26־28.

[102] **י. מ. ווייסענבערג,** "דאָס יידישע טעאַטער און זיין הויקער", א"ה, וואַרשע, הפ' 30, אַפּר' 15, 1929, ז' 99.

[103] **י. מ. ווייסענבערג,** "צים טרויער נאָך אסתר רחל קאַמינסקי", א"ה, הפ' 1, יאַנ' 15, 1926, זז' 19־20.

[104] **ווייסענבערג,** "וואָס איז אַזוינס טאַלאַנט?", א"ה, הפ' 27, ז' 2.

[105] **משה קנאַפּהייס,** "זכרונות וועגן י. מ. ווייסענבערג", זשעלעכאווער בולעטין, שיקאַגאָ, צווייטער י"ג, נומ' 7־8, יולי־אויג', 1950, אב־אלול תש"י, זז' 104־105.

[106] "טעאַטער 'סקאַלאַ'", אינזער האָפענונג, הפ' 31, סעפּט' 15, 1929, ז' 16 [אַנאָנס].

[107] **[י. מ. ווייסענבערג],** "ליטעראַרישע כראָניק", א"ה, וואַרשע, הפ' 8, מאַי 1, 1926, זז' 30־31.

[108] **[י. מ. ווייסענבערג],** "נאָטיצן און כראָניק", א"ה, וואַרשע, הפ' 3, פעב' 15, 1926, ז' 31.

[109] [י. מ. ווייסענבערג], „אַן בעציאונג", א"ה, הפ' 11, אָקט' 1, 1926, ז' 32.

[110] ווייסענבערג, „געדאַנקען וועגן ביכער, טעאַטער און רעזשי", א"ה, הפ' 28, זז' 94־95.

[111] אברהם באראבאַן, „שרייבערס (דערציילונג)", פונקען [הפ'] 1, חולון: ליטעראַרישער קרייז „פונקען", 1967, זז' 12־13.

[112] י. מ. ווייסענבערג, „צו וואָס?", אין יודישע זאַמעלביכער, רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפור, דריטעס בוך, וואַרשא: ווייסענבערג־פערלאַג, תרע"ח 1918, זז' 65־66.

[113] **Baron David Günzburg,** "Der grösste jüdische Bildhauer", *Ost und West,* II. Jahrg., Heft 11, Berlin: Davis Trietsch und Leo Winz, Nov. 1902. [ציטאַט איבערגעזעצט פון פוו"א].

[114] ווייסענבערג, „אַנשטאַט אַ פאָרוואָרט", אין פאַרפלאַנטערטע וועגן. אדער צווישן די חורבות פון ידישן לעבן [פון] שמעון האראַנטשיק, ז' III.

[115] דצ"וו, ז' IV.

[116] דצ"וו, ז' V.

[117] „פון קאָאָפּעראַטיוון פערלאַג 'האפענונג'" [פון] רעדאַקציע „אינזער האָפענונג", א"ה, הפ' 19, אַפּר' 15, 1927, זז' 1־2 [באַקאַנטמאַכונג] [פּאַקטיש געשריבן פון ווייסענבערגן].

[118] י. מ. ווייסענבערג, בריוו צו [ש.] ניגער, זשעלעכאָוו שעדלעצער גובערניע [א"ד], ייִוואָ, אַרכיוו, נ. י., שנ"ז.

[119] י. מ. ווייסענבערג, בריוו צו [ש.] ניגער, פּאַלעניצע, דעם צווייטן טאָג חל המועד [א"ד], ייִוואָ, אַרכיוו, שנ"ז.

[120] י. מ. ווייסענבערג, פּאָסטקאַרטל צו ש. ניגער, זשעלעכאָוו, מאָנטאָג [א"ד], ייִוואָ, אַרכיוו, שנ"ז.

[121] שלמה ברײַנסקי, „איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפחה", אין מענטשן פון זשעלעכאָוו, רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו, בוענאָס־איירעס: צענטראַל־פאַר־באַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, 1961־תשכ"א, ז' 165.

[122] שלמה ברײַנסקי, „אַ בריוו פון ארץ־ישראל", א"ה, הפ' 15, דעצ' 1, 1926, זז' 24־25.

[123] מ. ב. שטיין, „די מאסקע", דאָס וואָרט, תל־אביב (?־־)19.

[124] בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי], „י. מ. ווייסענבערג (זכרונות צו זיין 21טן יאָר־צייט)", פא"ש, ז' 6.

[125] ווייסענבערג, „קונסט און סוביעקטיוויטעט", אין יודישע זאַמעלביכער, דריטעס בוך, ז' 20.

[126] בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי], „י. מ. ווייסענבערג (זכרונות צו זיין 21טן יאָר־צייט)", פא"ש, ז' 6.

[127] משה שולשטיין, „י. מ. ווייסענבערג, מיין ערשטער ליטעראַרישער רבי", אין געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן, פּאַריז: קאָמיטעט פון פריינד און בוך־קאָמיסיע ביים פאַראייניקטן סאָציאַלן פאָנד אין פּאַריז, תשל"א 1971, זז' 13־14.

[128] דצ"וו, זז' 13־16.

[129] יוסף פּאַפּיערניקאָוו, „מיט עוזר וואַרשאַווסקי, זכרונות פון אַ דיכטער", לעצטע נייעס, תל־אביב, 1949, זז' 6־7.

[130] ב. שלעווין, „75 יאָר עוזר וואַרשאַווסקי", ישראל־שטימע, תל־אביב, אויג' 8, 1973, ז' 4.

[131] **ראַפּאָפּאָרט,** "דערינערונגען וועגן י. מ. ווייסנבערג", **אין** זוימען אין ווינט, **זז'** 331־32.

[132] **בריינסקי,** "איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפחה", **אין** מענטשן פון זשעלעכאָוו, **ז'** 152.

[133] **איציק מאַנגער,** "י. מ. ווייסענבערג", דער וועקער, **ניו־יאָרק, אָקט'** 1938, **ז'** 8.

[134] **י. מ. ווייסענבערג,** "**אין כבוד פון פּילסודסקין**", א"ה, **וואַרשע, הפ'** 10, **סעפּט'** 1, 1926, **ז'** 27.

[135] **י. מ. ווייסענבערג,** "**דער פינסטערער בלאָף**", א"ה, **וואַרשע, הפ'** 13, **נאָוו'** 1, 1926, **ז'** 26.

[136] "**אויב דאָס אַנאַנסירן פון זשורנאַל** אינזער האָפענונג **וועט קוועסטיאָנירט ווערן...**" [**אָן טיטל**] [**פון**] **די רעדאַקציע,** א"ה, **הפ'** 3, **פעב'** 15, 1926, **אויף דער לעצטער זייט פון דער הילע [פאַקטיש געשריבן פון ווייסענבערגן].**

[137] **י. מ. ווייסענבערג,** "**פאַרוואָס נישט קיינער, נאָר איך?**",א"ה, **הפ'** 29, **אָקט'** 15, 1928, **זז'** 5־7.

[138] **י. מ. ווייסענבערג,** בריוו צו [**ש.**] **ניגער, זשעלעכאָוו,** 28/V [**ינ"א**], **ייוואָ, אַרכיוו,** נ. י., **שנ"ז.**

[139] **ווייסענבערג,** "**וואָס איז אונדז טאַלאַנט?**",א"ה, **הפ'** 27, **ז'** 7.

[140] **Heinrich Heine,** "Warnung", **אין** *Werke,* herausgegeben von Paul Stapf, erster Band, Basel und Stuttgart: Birkhäuser, 1956, **זז'** 394־95. [**ציטאַט איבערגעזעצט פון פוו"א**].

[141] **ווייסענבערג,** "**ביים לעבן און נאָכ'ן טויט פון אונדזערע גרויסע גייסטער**", **אין** יודישע זאַמעלביכער, **ערשטעס בוך, ז'** 65.

[142] **בעל־מחשבות,** "**דריי שטעטלעך** (**פּרץ, אַש און ווייסענבערג**)", **אין** געקליבענע ווערק, **ניו־יאָרק: ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס,** 1953, **ז'** 279.

[143] **י. מ. ווייסענבערג,** "**אַ שטעטל**", **אין** ווירקליכקייט (**1־טער באַנד**), **וואַרשע: פאַרלאַג ווייסענבערג,** 1925, **ז'** 87 [**זען ביבליאָגראַפישע איינסן** 7, 11, 12, 40, 45, 72, 101, 206, ביבליאָגראַפיע I].

[144] **דצ"וו, ז'** 158.

[145] **דצ"וו, ז'** 114.

[146] **דצ"וו, זז'** 116־17.

[147] **י. מ. ווייסענבערג,** "**דור הולך ודור באַ**", **אין** ווירקליכקייט, **פ"ג ווייסענבערג, ז'** 58.

[148] **י. מ. ווייסענבערג,** "**צים איידעם אויף קעסט**", **אין** דערציילונגען פון מיין ערשטן פעריאָד שרייבן, **וואַרשע: פאַרלאַג ווייסענבערג,** 1938, **זז'** 89־90.

[149] **דצ"וו, זז'** 90־91.

[150] **י. מ. ווייסענבערג,** "**די משיגענע אין דאָרף**", **אין** דאָס בוך פון ליעבע, **באַנד** IV, **וואַרשע: פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב,** 1930, **ז'** 66.

[151] **דצ"וו, זז'** 65־66.

[152] **דצ"וו, ז'** 67.

[153] **דצ"אַ.**

[154] **דצ"וו, ז'** 68.

[155]דצ"ו, זז' 72־73.

[156]י. מ. ווייסענבערג, "אַ חוב", אין דערציילונגען פֿון מיין ערשטן פּעריאָד שרייבן, ז' 48.

[157]י. מ. ווייסענבערג, "קריינדעלע", אין ווירקליכקייט, פ"ג ווייסענבערג, ז' 49.

[158]י. מ. ווייסענבערג, "אַ מעשׂה מיט אַ ציעג", אין גורלות, וואָס לאַכן, באַנד VI, וואַרשע: פערלאַג ווייסענבערג, 1931, ז' 83.

[159]דצ"ו, ז' 85.

[160]דצ"אַ.

[161]דצ"ו, ז' 86.

[162]י. מ. ווייסענבערג, "חיים אהרן", אין גורלות, וואָס לאַכן, זז' 76־77.

[163]דצ"ו, ז' 77.

[164]י. מ. ווייסענבערג, "אַ טאַטע מיט בנים", אין דערציילונגען פֿין מיין ערשטן פּעריאָד שרייבן, ז' 94.

[165]דצ"ו, ז' 97.

[166]דצ"ו, ז' 109.

[167]י. מ. ווייסענבערג, "געבּרענגט א סוד", אין גורלות, וואס לאַכן, ז' 252.

[168]דצ"ו, ז' 253.

[169]דצ"ו, זז' 255־56.

[170]י. מ. ווייסענבערג, "א פּאַמניק", אין גורלות, וואס לאַכן, ז' 50.

[171]דצ"ו, זז' 50־52.

[172]דצ"ו, ז' 53.

[173]י. מ. ווייסענבערג, "אַ וואַלד־מיידל", אין שטאַרקער פֿין טויט, באַנד V, וואַרשע: פערלאַג ווייסענבערג, 1931, ז' 60.

[174]דצ"ו, ז' 68.

[175]י. מ. ווייסענבערג, "דריי וועהגן", אין שטאַרקער פֿין טויט, פ"ג ווייסענבערג, זז' 13־14.

[176]קיטאַי, "י. מ. ווייסענבערג", ל"ב, נומ' 42 (753), ז' 699.

[177]י. מ. ווייסענבערג, דער איבערגאנג פון קינדהייט צו דערוואקסונג, באַנד II, וואַרשע: פאַרלאג "קולטור־ליגע", 1930, ז' 32.

[178]דצ"אַ.

[179]י. מ. ווייסענבערג, "קינדער", אין דאס בוך פון ליעבע, ב' IV, פ"ג ש. גאָלדפּאַרב, ז' 22.

[180]דצ"ו, זז' 25־26.

[181]י. מ. ווייסענבערג, "אַ רעהטעניש", אין דאס בוך פון ליעבע, פ"ג ש. גאָלד־פּאַרב, זז' 107־08.

[182]דצ"ו, ז' 114.

[183]דצ"ו, ז' 121.

[184]י. מ. ווייסענבערג, "אייפער און געוויסן", אין דאס בוך פון ליעבע, פ"ג ש. גאָלדפּאַרב, זז' 137־38.

[185]י. מ. ווייסענבערג, "וידוי" [דער מקור איז אונדז נישט באַקאַנט. דער ציטאַט איז גענומען פון אַן איבערגעשריבענעם טעקסט].

[186]י. מ. ווייסענבערג, "ווי דער גורל פיהרט", אין גורלות, וואס לאַכן, ז' 175.

[187]דצ״וו, ז׳ 177.

[188]דצ״וו, ז׳ 178.

[189]דצ״וו, ז׳ 192.

[190]דצ״וו, ז׳ 196.

[191]**י. מ. ווייסענבערג,** די וועלט ווי אַ טרוים, וואַרשע: פאַרלאַג ווייסענבערג, Druk. “Wiedza”, תרצ״ב, 1932, זז׳ 5־6.

[192]דצ״וו, זז׳ 8־9.

[193]דצ״וו, זז׳ 17־18.

[194]דצ״וו, ז׳ 28.

[195]דצ״וו, זז׳ 30־31.

[196]דצ״וו, ז׳ 33.

[197]דצ״אַ.

[198]דצ״וו, ז׳ 34.

[199]דצ״וו, ז׳ 35.

[200]דצ״וו, ז׳ 36.

[201]דצ״וו, ז׳ 38.

[202]**יצחק בערנשטיין,** ״די פילאָזאָפיע פון לעבען (אויפן ראַנד פון י. מ. ווייסענבערג׳ס ניי דערשינען ווערק אין דער טיפער אייביקייט)״, דער מאָמענט, וואַרשע, נומ׳ 42, פרייטאָג, פעב׳ 18, 1938, ז׳ 6.

[203]**[?],** ״דאָס פּראָבלעם פון וועלט־דערלייזונג ביי ווייסענבערג׳ן״, דער מאָמענט, וואַרשע, נומ׳ 217, פרייטאָג, סעפּט׳ 16, 1938, ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, אַרטיקל נומ׳ 88210, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפּ׳ 3 [ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן צו געפינען דעם נאָמען פונעם מחבר פון דער געגעבענער אָפּהאַנד־לונג].

[204]**י. מ. ווייסענבערג,** ״יאָרן ציִען, יאָרן פליִען, טייכן וואַסער שווימען אָפּ...״, אין אסתּר, פּאָעמע, 3 בענד, 1912 [אויסצוג. נישט פאַרעפנטלעכט].

[205]**י. מ. ווייסענבערג,** ״דער קעסל־פּויקער און טאַצן־קלאַפּער (אַ נישט־פאַרעפנטלעכטער פראַגמענט פון דער פּאָעמע אסתּר)״, פּאַרויס, וואַרשע, דריטער י״ג, נומ׳ (45) 17, פרייטאָג, אויג׳ 4, 1939, ז׳ 1.

[206]**י. מ. ווייסענבערג,** ״טראָצקי, סטאַלין און פאָלק״, א״ה, הפ׳ 26, פעב׳ 1, 1928, זז׳ 26־28.

[207]**י. מ. ווייסענבערג,** ״פּריוון די כּוחות״ [רובריק] ביכער און מענטשן, א״ה, הפ׳ 8, מאַי 1, 1926, ז׳ 29.

[208]**י. בן־דב [ציעכאַנאָווסקי],** ״י. מ. ווייסענבערג שבעל־פה [אויגוסט 1938־אויגוסט 1962)״, אייגנס, רמת־גן, אויג׳־סעפּט׳, 1962, ז׳ 10.

[209]**ווייסענבערג,** ״קונסט און סוביעקטיוויטעט״, אין יודישע זאַמעלביכער, דריטעס בוך, ז׳ 22.

[210]**י. מ. ווייסענבערג,** ״פּאַריתומט״, כתב־יד. ״בונד״־אַרכיוו, ייִדישע אַר־בעטער־באַוועגונג א״נ פראַנץ קורסקי, ניו־יאָרק, י. מ. ווייסענבערג־זאַמלונג.

[211]**בן־דב [ציעכאַנאָווסקי],** ״י. מ. ווייסענבערג שבעל־פה (אויגוסט 1938־אויגוסט 1962)״, אייגנס, ז׳ 10.

[212]**מ. ל. האַלפּערן,** ״אַ נאַכט״ XI, ״אַז דו וועסט באַצאָהלען, ברודער...״ [אָן טיטל], אינעם בוך אין ניו־יאָרק, ניו־יאָרק: ״ווינקל״, 1919, זז׳ 257־58.

213 **האַלפּערן**, "אַ נאַכט", "ווען איך וועל טויט זיין, הויב מיך אויף..." [אָן טיטל], **אינעם בוך** אין ניו־יאָרק, ז' 304.

214 **יצחק קאַהאַן**, "העברי לאָוסאַן און י. מ. ווייסענבערג, פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו", אין "שמועסן" מיט אויסטראַלישע שרייבערס, מעלבורן, 1976, ז' 65.

215 **מאיר שטיקער**, "דרך המלך פון דער יידישער ליטעראַטור", פּאַרוועררטס, ניו־יאָרק, זונטיק, יאַנ' 18, 1976, סעקציע M, ז' 4.

216 [**י. מ. ווייסענבערג**], "אַ שמיעס מיטן דיכטער ז. שניאור (איבערגע־ניטשעוועט פֿון דעם אינטערוויו אויפֿן 'מאָמענט' 273 און 274 ווי אויך פֿון 'אינזער עקספּרעס')", א"ה, הפ' 30, אַפּר' 15, 1929, ז' 97.

217 **דצ"וו**, ז' 96.

218 **בן־דוב [ציעכאַנאָווסקי]**, "י. מ. ווייסענבערג (זכרונות צו זיין 21טן יאָר־צייט)", פּא"ש, ז' 7.

219 **ווייסענבערג**, "קונסט און סוביעקטיוויטעט", אין יודישע זאַמעלביכער, זז' 18־21.

220 **י. מ. ווייסענבערג**, קנאה און תאוה און אַנדערע ערצעהלונגען, וואַרשע־ניו־יאָרק: פּערלאַג פּראַגרעס, תרע"א 1911, ז' 100.

221 **י. מ. ווייסענבערג**, "מיין ענטפער וועגן דער '7טער שטייג'", א"ה, וואַרשע, הפ' 32, אָקט' 1, 1929, ז' 15.

222 [**Johann Wolfgang von Goethe**], "Sprüche" 170, "Das Zeitungs-geschwister . . ." [אָן טיטל], אין *Goethes Werke*, Hamburger Ausgabe, Band I, fünfte Auflage, Hamburg: Christian Wegner, 1960, ז' 332. [ציטאַט איבער־געזעצט פון פוו"א].

223 **י. מ. ווייסענבערג**, "פּאַרעדע", אין דער מאָדערנער שד, סצענישער ראָמאַן, באַנד III, וואַרשע: פּערלאַג ש. גאָלדפאַרב, 1930, ז' 7.

224 **דצ"וו**, זז' 7־9.

225 **לאַסאַל**, געקליבענע שריפטען, ז' 416.

226 **ווייסענבערג**, "אין כּבוד פון פּילסודסקין", א"ה, הפ' 10, ז' 24.

227 **דצ"וו**, ז' 23.

228 **י. מ. ווייסענבערג**, "קולטור, ליטעראַטור און כלל־טיען", א"ה, וואַרשע, הפ' 12, אָקט' 15, 1926, ז' 29.

229 **דצ"וו**, זז' 29־31.

230 **י. מ. ווייסענבערג**, "אַ שמיעס מיט די ליטעראַטור־פּיאָנערן וועגן זייער אויפגאַבע", א"ה, הפ' 27, אַפּר' 1, 1928, זז' 12־16.

231 **דצ"וו**, זז' 16־18.

232 **ווייסענבערג**, "אַן ענטפער אויפן בריוו פון ה' ברייננסקי" [רובריק] ביכער און מענטשן, א"ה, הפ' 18, זז' 23־25.

233 **ווייסענבערג**, "אַ טרייסט", א"ה, הפ' 29, ז' 59.

234 **י. מ. ווייסענבערג**, "איינלייטונג", אין דער מאָדערנער שד, פ"ג ש. גאָלד־פאַרב, זז' 5־6.

235 **ווייסענבערג**, "קונסט און סוביעקטיוויטעט", אין יודישע זאַמעלביכער, ז' 25.

236 **ש. י. סימכאָוויטש**, "א. מ. ווייסענבערג", **אינעם בוך** אין שעה פון תפילה, מאָנטרעאָל: קאָמיטעט, ביי דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, 1958, ז' 57.

[237]**י. מ. ווייסענבערג**, "און אפילו ווען מײַן האַרץ...", אין ערצעהלונגען און בילדער, וואַרשוי: פערלאַג א גיטלינ'ס פאָלקס־ביבליאָטעק, תרע"ב. 1912, ז' 158.

[238]**ווייסענבערג**, "ווי דער גורל פּיהרט", אין גורלות, וואס לאַכן, זז' 213־17.

[239]**שלמה בערלינסקי**, אַ לעבן גייט אויף, מינכען: "באַפרייונג", 1948, ז' 123.

[240]**ווייסענבערג**, "קונסט און סוביעקטיוויטעט", אין יודישע זאַמעלביכער, זז' 22־23.

[241]**ווייסענבערג**, "אַ שטעטל", אין ווירקליכקייט, פּ"ג ווייסענבערג, זז' 135־36.

[242]**י. מ. ווייסענבערג**, "יידן און פּרנסה", א"ה, וואַרשע, הפ' 16, דעצ' 15, 1926, זז' 22־23.

[243]**י. מ. ווייסענבערג**, "פּאַרוואָרט", אינעם בוך אין פּאַריז, פון ש. י. לאַנ־דינסקי, וואַרשע, 1938.

[244]**שרה בירנבוים**, "אין מיטן זומער, דעם אָנדענק פון י. מ. ווייסענבערג", אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס־איירעס, פּערטער י"ג, נומ' 11־12 (39־40), נאָוו' דעצ' 1956, ז' 5.

הערות: II. הוספה א

אָפּקלייב פון י. מ. ווייסענבערגס קאָרעספּאָנדענץ

[1]פּאָסטקאַרטל צו רעדאַקציע [נישט אָנגעגעבן וואָסער רעדאַקציע], זשעלעכאָוו, שעדלעצער גובערניע, 22/1 [אַרום 1913], ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ, אַרכיוו, ניו־יאָרק, שמואל ניגער־זאַמלונג.

[2]פּאָסטקאַרטל צו [ש.] ניגער, זשעלעכאָוו, דעם 12/VIII [ינ"א], ייִוואָ, אַרכיוו, שנ"ז.

[3]פּאָסטקאַרטל צו ש. ניגער, זשעלעכאָוו [א"ד], ייִוואָ, אַרכיוו, שנ"ז.

[4]פּאָסטקאַרטל צו ראַזא, זשעלעכאוו, 9/IX [ינ"א], "בונד"־אַרכיוו, יידישע אַרבעטער־באַוועגונג א"נ פראַנץ קורסקי, ניו־יאָרק, י. מ. ווייסענבערג־זאַמלונג.

[5]פּאָסטקאַרטל צו ראַזא, זשעלעכאוו, 7/XI [ינ"א], "בונד"־אַרכיוו, ייא"ב א"נ פראַנץ קורסקי, ימוו"ז.

[6]פּאָסטקאַרטל צו צבי קאַהן [כהן], וואַרשאַ 3/I, 18[19], ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, בריוו נומ' 88198, זאַמלונג "ייִדישע שרײַבער", רעפ' 3.

[7]פּאָסטקאַרטל צו [ש.] ניגער, וואַרשאַ 9/V [ינ"א], ייִוואָ, אַרכיוו, נ. י. שנ"ז.

[8]פּאָסטקאַרטל צו [ש.] ניגער [אנ"א, א"ד], ייִוואָ, אַרכיוו, שנ"ז.

[9]פּעראייַן פון יודישע ליטעראַטען און זשורנאַליסטען, בריוו צום "י. ל. פּרץ־שרייבער־פּעראייַן" אין ניו־יאָרק, וואַרשאַ, דעם 13, 4, 1922. געחתמעט פון י. גרינבוים, פּאַרזיצער: ח. אײַך, סעקרעטאַר, פּערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד־זאַמלונג, מאָנטרעאָל, קוויבעק.

[10]פּאַרלאַגס־געזעלשאַפט "צענטראַל", התחייבות, וואַרשע, 23/VII, 1922, געחתמעט פון ב. שימין, פּוו"א זמ.

[11]בריוו צו [ד"ר שמואל] פּאַקס, פון דער שיף White Star Line אויפן וועג פון די פ"שט קיין אייראָפּע, 22/IX, 922[1], פּוו"א זמ.

[12]פּאָסטקאַרטל צו [אברהם] ליעסין [אנ"א, א"ד], "בונד"־אַרכיוו, ייא"ב א"נ פראַנץ קורסקי, נ. י., ימוו"ז.

[13]בריוו צו [אברהם] ליעסין, וואַרשע, דעם 7/IV, יג״א, ייִוואָ, אַרכיוו, נ. י., אברהם ליעסין־זאַמלונג.

[14]״רעפּערענטן־קלוב״ ביי דער רעדאַקציע אינזער האָפענונג, צירקוליאַר, וואַרשע, סעפּט׳ 1929, פּוו״א זמ, מ״ק.

[15]פּאָסטקאַרטל צו ציעכאַנאָווסקי [י. בן־דוב], וואַרשע, דעם 8/II, 27[19], פּוו״א זמ.

[16]קאָאָפּעראַטיווער פערלאַג ״האָפענונג״, פּאָסטקאַרטל צו I. G. Giecha-nowski [י. בן־דוב] [ציעכאַנאָווסקי], 1927, Warszawa, 30. V — 4. VI, פּוו״א זמ.

[17]אויספּיר־ביוראָ [פון ווילנער ייוואָ], בריוו צו פּ. גראובאַרד, וואַרשע, אויג׳ 13, 1939, ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, בריוו נומ׳ 88199, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפּ׳ 3.

הערות: III. הוספה ב

י. מ. ווייסענבערג אין שפּיגל פון דער קריטיק

[1]**בעל־מחשבות (ד״ר א. עליאשעוו)**, ״י. מ. ווייסענבערג״, אין געקליבענע שריפטען, ערשטער באַנד, ווילנא: פערלאַגס־בוכהאַנדלונג שלמה שרעבערק, 1910, זז׳ 203־12.

[2]**ש. ניגער**, ״א. מ. ווייסענבערג״, דער טאָג, ניו־יאָרק, אויג׳ 19, 1938.

[3]**לעאָ קעניג**, ״י. מ. ווייסענבערג״, היינט, וואַרשא, 31־טער י״ג, נומ׳ 211, פרייטיק, סעפּט׳ 9, 1938, ז׳ 7, ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, אַרטיקל נומ׳ 88206, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפּ׳ 3.

[4]**י. ראַפּאָפּאָרט**, ״די דרייפאַכע טראַגעדיע (ווייסענבערג דער קינסטלער, דער קעמפער, דער מענטש)״, פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, פרייטיק, סעפּט׳ 23, 1938, ז׳ 5.

[5]**ל. קעניג**, ״וואָס איז דער מעהר מיט ווייסענבערג׳ן? צו ווייסענבערג׳ס 50 יאָריגען יובילעי״, די צוקונפט, ניו־יאָרק (ב׳ 37, נומ׳ 7), יוני, 1932, זז׳ 352־54.

[6]**נח פּרילוצקי**, ״דאָס רעטעניש ווייסענבערג״, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, ניו־יאָרק, נאָוו׳ 4, 1938, זז׳ 4־5.

[7]**יצחק גאָלדקאָרן**, ״י. מ. ווייסענבערג — צו דער טיפער אייביקייט״, פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, נאָוו׳ 1, 1958, ז׳ 6.

[8]**י. ראַפּאָפּאָרט**, ״י. מ. ווייסענבערג דער דערציילער 1881־1938״ [1878־1938], די צוקונפט, ניו־יאָרק (ב׳ 55, נומ׳ 6), יולי־אויג׳ 1950, זז׳ 313־18.

[9]**יעקב גלאַטשטיין**, ״א. מ. ווייסענבערג׳ס געקליבענע ווערק״ [סעריע] אין תוך גענומען, אַרום ביכער מענטשן און זאַכן, אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, Vol. XXXV, נומ׳ 1084, פרייטיק, נאָוו׳ 26, 1954, א׳ כסלו, תשט״ו, זז׳ 19־20.

[10]**אלחנן צייטלין**, ״לשון זאָל זיין!״, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, צווייטער י״ג, No. 41, פרייטיק, פעב׳ 13, 1925, ז׳ 3.

[11]**אוריאל ווײַנרײַך**, ״י. מ. ווײַסענבערגס ניט־דערשאַצט ׳שטעטל׳: וועגן באַפרײַען אַ מײַסטערווערק פון זײַן מחברס ביאָגראַפיע״, די גאָלדענע קייט, תל־אביב, נומ׳ 41, 1961, זז׳ 135־43.

[12]**ב. י. ביאַלאָסטאָצקי**, ״י. מ. ווייסענבערג 1881־1938 [1878־1938], צום דערשיינען פון י. מ. ווייסענבערגס געקליבענע ווערק דורך דער ל. מ. שטיין

פאַלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק״, די גאָלדענע קייט, תל־אביב, נומ׳ 21, 1955, זז׳ 211־16.

[13] ב. מאַרק, ״צום אָנדענק פון יצחק־מאיר ווייסענבערג, אַ וואָרט אויף זיין קבר אויפן יידישן בית־עולם אין ווארשע״, יידישע שריפטן, ווארשע, דרייצנטער י״ג, נומ׳ 8 (135), אויג׳ 1958, זז׳ 1, 7.

[14] י. פריילין, ״א. מ. ווייסענבערג, אברהם ליעסין, געקליבענע ווערק, ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס״ [רובריק שמועסן וועגן ליטעראַטור, אונדזער וועג, ניו־יאָרק, אָקט׳ 1954, זז׳ 18־19.

[15] ש. מענדעלסאָן [אריינפיר], אין י. מ. ווייסענבערג פאַר יוגנט, וואַרשע: פאַרלאַג ״קינדערפריינד״, 1938, זז׳ 3־4.

[16] משה נאַדיר, ״איטשע מאיר ווייסענבערג״, דער האַמער, ניו־יאָרק, XI Vol., No. 9, סעפּט׳ 1938, זז׳ 29־30.

[17] מרדכי אָלעי, ״י. מ. ווייסענבערג (צו די צונויפגעזאַמלטע שריפטן ווירקלעכקייט, רעאַלע קרעפטן — ערשטע צוויי בענדער, פאַרלאַג ווייסענבערג, וואַרשע)״, אויפגאַנג, צווייטער י״ג, העפט אַכט, וואַרשע: פאַרלאַג א. שקליאַר, יוני, 1929, זז׳ 49־51.

[18] י. מ. ניימאַן, ״י. מ. ווייסענבערג, קעמפער און מאַרטירער (ביאָגראַפישע נאָטיצן)״, היינט, וואַרשא, 31־טער י״ג [האַרבסט], 1938.

[19] מיילעך ראַוויטש, ״איטשע מייער ווייסענבערג״ [סעריע] פון מיינע באַגעגענישן, די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, 1942.

[20] בנימין טייטלבוים, ״איטשע מאיר וויסנבערג (שטריכן צו זיין כאַראַקטער)״, אין המשך, זאַמלבוך, 1, רעדאַקציע קאָלעגיע: ב. דעמבלין, בעריש ווינשטיין, ל. טרייסטער, ניו־יאָרק, 1939, זז׳ 239־41.

[21] יעקב רייזפעדער, ״י. מ. ווייסענבערג (אויף זיין פרישן קבר)״, אונדזער עקספרעס, וואַרשע, פרייטיק, אויג׳ 19, 1938.

[22] מ. קיטאַי, ״י. מ. ווייסענבערג״, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, פופצנטער י״ג, No. 42 (753), נאָוו׳ 11, 1938, זז׳ 698־99.

[23] א. נ. שטענצל, ״י. מ. ווייסנבערג״, יידיש, לאָנדאָן־ווייטשעפּל: דרוקעריי י. נאַראָדיצקי, 1942, זז׳ 72־78.

[24] ישראל שטערן, ״דער אומפּראַקטישער״, דער מאָמענט, וואַרשע (מאָרגן־אויסגאַבע), נומ׳ 193A, אויג׳ 19, 1938, זז׳ 8־(?), ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, אַרטיקל נומ׳ 88204, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפ׳ 3.

[25] חנן, ״ווייסנבערג דער קלאַסיקער!״ אונדזער לעבן, ביאַליסטאָק, נומ׳ 189, מאָנטאָג, אויג׳ 15, 1938, ז׳ 4, ייִוואָ, ווילנער אַרכיוו, אַרטיקל נומ׳ 88203, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפ׳ 3.

[26] משה שימעל, ״דער פּרינץ פון זשעלעכאָוו״, היינט, וואַרשא, 31־טער י״ג, נומ׳ 193, פרייטיק, אויג׳ 19, 1938.

[27] מ. ב. שטיין, ״ווייסענבערג דער באַזינגער פון סטיכיע״, דאָס נייע וואָרט, וואַרשע, נומ׳ 108, אַפּר׳ 30, 1937.

ביבליאָגראַפיע

ווייסענבערגס ווערק זענען פּובליקירט געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגעס. טייל דערציילונגען, עסייען און פראַגמענטן פון זיינע ווערק זענען אַרויס אין פאַרשידענע פאָרמען: אין ביכער, צוזאַמען מיט אַנדערע שאַפונגען, אָדער ווי אַן איינצלנע דערציילונג, צי עסייען אין בוכפאָרעם. דאָ ווערן אָנגעוויזן בלויז די ביבליאָגראַפישע איינסן פון אַזעלכע שאַפונגען, וואָס זענען אַרויס באַזונדער ווי אַ בוך, צי אַ בראָשור און וואָס זענען אויך אַרייַן אין אַ פּעריאָדיקע אָדער אין אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע מחברים, אָבער נישט אין ווייסענבערגס ביכער, ווו ס׳זענען צונויפגענומען בלויז זיינע שאַפונגען. אַן אויסנעם איז ״נישט קיין פאַררעדע״ אין באַנד ווירקליכקייט, פערלאַג ווייסענבערג, 1925 (נומ׳ 24) וואָס איז אויך אַרויס באַזונדער ווי אַ בראָשור א״נ שרייבער און זייערע ווערק (נומ׳ 190). נישט אַלע ווייסענבערגס שאַפונגען, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע צײַטונגען און פּעריאָדיקעס, זענען אָנגעגעבן אין דער ביבליאָגראַפיע. פולערע אינפאָרמאַציע איז דאָ געגעבן (אויב נאָר די מקורים זענען אונדז באַוווּסט) ביי פאַרשידענע זעלטענע, מיינסטנס עלטערע, אויסגאַבעס, אָבער נישט ביי הייַנטצײַטיקע פּעריאָדיקעס. אויב די צאָל זייטן פון אַן אַריינפיר צו אַ בוך איז איינגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער צאָל זייטן, ווערט עס געוויזן אין קאַנטיקע קלאַמערן.

I. י.מ. (א.מ.) ווייסענבערגס ווערק

(כראָנאָלאָגישע רשימה)

א. ביכער

1 די משוגענע אין דאָרף. ווילנא: פערלאַג ״די וועלט״, 1907, 24 זז׳.

דאָס איז אַ דערציילונג, אָבער איז אויך אַרויס באַזונדער, אין בוכפאָרעם.

זען נג׳ 71, 199, 209.

2 שריפטען. ווארשא: פערלאַג ״וועלט־ביבליאָטעק״, תרס״ט, 152 זז׳.

3 ———. ווארשא: פערלאַג ״וועלט־ביבליאָטעק״, תרס״ט, 152, 8, 79 [80, 80, 79] זז׳.

3 ביכער אין 1 ב׳. דריטעס בוך — תר״ע.

אויפן טאָוול: שימינ׳ס גרויסע ״וועלט־ביבליאָטעק״.

מזל־טוב! (אַ בילד); דבורהלע (אַ בילד [איינאַקטער]); אַ שלעכטע פרוי, אַ טאַטע מיט בנים, בעריל און שמעריל, דער בעל־תשובה (אַ מעשה), דור הולך ודור בא (ערצעהלונג), צום איידעם אויף קעסט, חנהלע; ר׳ יואל (אַ בילד [איינאַקטער]);

אין דער שטיל, אַ מעשׂה מיט אַ ציעג, אַ וואַלד־מיידעל, די זון (פּאָעמאַ), מיין פריינד׳ס ליעבע.

4 ______. וואַרשאַ: פערלאַג וועלט־ביבליאָטעק, תרס״ט, 152, 8, 79 [80, 80, 79] זז׳.

3 ביכער אין 1 ב׳. [צווייטעס בוך] — פ״ג ב. שימין: דריטעס בוך — פ״ג וועלט־ביבליאָטעק, תר״ע.

5 ______. וואַרשאַ: פערלאַג וועלט־ביבליאָטעק, תרס״ט, 152, 8, 79 [80, 80, 79] זז׳.

אויף דער הילע: געזאַמעלטע שריפטען. שימין׳ס גרויסע ״וועלט־ביבליאָטעק״, תרע״א. 2־טעס בוך — 4־טער באַנד; 3־טעס בוך — 20־טער באַנד.

6 ______. וואַרשאַ: פערלאַג וועלט־ביבליאָטעק, תרס״ט־תר״ע [10/09/־09/1908].

3 ביכער אין 2 בב׳.

אויפן טאַוול: געזאַמעלטע שריפטען.

7 אַ שטעדטיל. וואַרשע: פערלאַג ״פּראָגרעס״, Lidski, Wittenberg & Co., תר״ע [1909/10], 76 זז׳.

זען אויך נג׳ 11, 12, 40, 45, 72, 101, 206.

8 שריפטען. יהודה שטיינבערגס חסידישע מעשׂהלעך און ערצעהלונגען. ערשטער באַנד. וואַרשאַ: פערלאַג ״וועלט־ביבליאָטעק״, תר״ע.

פֿאַרן אינהאַלט — זען נומ׳ 3.

9 ______. דריטעס בוך. וואַרשאַ: פערלאַג ״וועלט־ביבליאָטעק״, תר״ע, 79 זז׳.

אַ וואַלד־מיידעל, די זון (פּאָעמאַ), מיין פריינד׳ס ליעבע.

10 קאַספּער (אַ שפּיל אין דריי אַקטן). וואַרשאַ: פערלאַג ״פּראָגרעס״, 1910, 85 זז׳.

זען אויך נומ׳ 58.

11 אַ שטעדטיל. וואַרשאַ: פערלאַג ״פּראָגרעס״, Lidski, Wittenberg & Co., תר״ע 1911, 76 זז׳.

זען אויך נג׳ 7, 12, 40, 45, 72, 101, 206.

12 ______. וואַרשאַ: פערלאַג ״פּראָגרעס״, תר״ע 1911, 76, 85 זז׳.

אויפֿן רוקן: שריפֿטען 2.

אַנטהאַלט אויך קאַספּער [דראַמע אין דריי אַקטן]. אַ שטעדטיל און קאַספּער זענען 2 ביכער אין 1 ב׳.

13 שריפטען. וואַרשאַ: פערלאַג וועלט־ביבליאָטעק [ינ״א], 152, 8, 79 זז׳ [אומרעגולערע פּאַגינאַציע].

אויפן טאַוול: ביבליאָטעק מאָדערנע יודישע ליטעראַטור.

14 קנאה און תאוה (**א שפּיל אין דריי אקטן). ווארשע־ניו־יארק: פערלאַג „פראָגרעס״, 1911, 101 זז׳.**

זעז אויך נג׳ 15, 57.

15 קנאה און תאוה און אַנדערע ערצעהלונגען. **וואַרשע־ניו־יאַרק: פערלאַג פּראגרעס, תרע״א 1911, 174 זז׳.**

קנאה און תאוה [**דראַמע אין דריי אַקטן]; אַ זומער־טאג, א חוב, פון פייער אין וואסער, א דערטרונקענער, די משוגענע אין דארף [דערציילונגען].**

״א זומער־טאג״ איז שפּעטער איבערגעארבעט געוואָרן, און איז אַריין אין ב׳ דערציילונגען פון מיין ערשטן פעריאָד שרייבן, **א״נ ״אַ זימער־רעהגן״.**

זען נומ׳ 33.

זען אויך נג׳ 14, 57.

16 געקליבענע שריפטען. **ערשטער באַנד. ווילנא: פערלאַג־בוכהאנדלונג שלמה שרעבערק [ינ״א], 222 זז׳.**

I. סקיצען: 1) אַ פאַמניק, 2) די באַבעשי׳ס אַבהיטען, 3) חיים אהרן, 4) אַ גנבה, 5) דער לעהרער גרינשטיין. II. ערצעהלונגען: 1) קריינדעלע (איהר לעבען), 2) קריינדעלע (איהרע אידעאַלען), 3) דער אַרימער יונג, 4) דאַס לעבען, 5) פון רבינ׳ס שטוב, 6) אַ חתן ווערען, 7) איינער אַ מענטש.

17 ערצעהלונגען און בילדער. **וואַרשוי: פערלאַג א. גיטלינ׳ס פאָלקס־ביבליאָטעק, תרע״ב. 1912, 160 זז׳.**

I חתונה מאַכען, II אַ שׂרפה, III די שענע גיטעל, IV זעלנער, V אַ יונגע אלמנה, VI דער קיטעל, VII נישט בעשערט, VIII דריי שוועסטערלעך, IX איינגעשרומפּן, X פייגעלע, XI אין עולם התוהו, XII אַבגעשטויסען [דערציילונגען]; XIII אין ערוואַרטונג, אַ דראַמאַ אין איין אַקט; XIV ליעדער.

18 שריפטען. ערצעהלונגען (**נייע זאמלונג)... וואַרשא: פערלאַג ״ביכער פאר אלע״, 1914, 156 זז׳.**

״פרעמיע צום ׳מאמענט׳ אין יאהר 1914״.

19 געזאמעלטע שריפטען. 3 **אפּטיילונגען. ניו־יאָרק: ליטעראַרישער פערלאַג, 1919, 152, 8, 79 [80, 80, 79] זז׳.**

איבערגעדרוקט פון דער ״וועלט־ביבליאָטעק״ אויסגאַבע, וואַרשא, 1909.

20 דור הולך ודור בא (**ערציילונג). ליבוי: פארלאג ״די צייט״ (אוניווערסאַל־ביבליאָטעק נומ׳ 1), תר״פ, 27 זז׳.**

דאָס איז אַ דערציילונג, אָבער איז אויך אַרויס באַזונדער, אין בוכפאַרעם.

זען נג׳ 70, 106.

21 א שלעכטע פרוי און אנדערע ערצעהלונגען. **וואַרשע (דרוקעריי וועג־מייסטער), 1921, 160 זז׳.**

22 א שלעכטע פרוי און אנדערע דערציילונגען. וואַרשע: פאַרלאַג "די צייט", 1922 [נישט נומערירטע] 160 זז'.

אַ שלעכטע פרוי, אַ יונגע אלמנה, חתונה מאַכען, די באַבעשיס אַבהיטען; אין ערוואַרטונג, אַ דראַמע אין איין אַקט; קליינע שטעטלעך, די ערשטע רייזע, אַ חוב.

23 ———. וואַרשע: פאַרלאַג "די צייט", 1922, 80 זז'.

או. געקליבענע ווערק, אַרויסגעגעבן אין פערלאַג ווייסענבערג, וואַרשע, 1925־1938.

24 ווירקליכקייט (1־טער באַנד), 1925, LXII, 193 זז'.

1. נישט קיין פאַררעדע, 2. אַ שטעטל, 3. קריינדעלע, 4. דור הולך ודור בא.

"נישט קיין פאַררעדע" איז שפּעטער אויך אַרויס באַזונדער ווי אַ בראַשור א"נ שרייבער און זייערע ווערק.

זען נומ' 190.

25 רעאַלע קרעפטן (2־טער באַנד), 1925, 229 זז'.

1. אַ טאַטע מיט בנים, 2. אַ שלעכטע פרוי, 3. אַ חוב, 4. צים איידעם אויף קעסט. 5, דער בעל־תשובה (אַ מעשׂה), 6. מזל־טוב (אַ בילד); 7. אין טאָג פון געריכט (דראַמע־פּאָעמע, איינאַקטער), 8. זעלבסטשיץ (אַ בילד), 9. דבורהלע (אַ בילד [איינאַקטער]).

רעאַלע קרעפטן און דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג זענען אַנגעגעבן ווי באַנד II, און רעאַלע קרעפטן אַנטהאַלט צום טייל די זעלבע שאַפונגען וואָס דערציילונגען פון מיין ערשטן פעריאָד שרייבן. די סיבה איז נישט באַוווסט (מיגלעך, אַז ווייסענבערג האָט בדעה געהאַט מיט דער צייט אַרויסצוציִען רעאַלע קרעפטן פון דער סעריע ביכער, אַרויסגעגעבן אין "פערלאַג ווייסענבערג").

26 דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג, ראָמאַן. באַנד II. וואַרשע: קאָאָפּעראַטיווער פערלאַג "האָפענונג", 1927, 216 זז'.

אין פערלאַג ווייסענבערג זענען אויך אַרויס טייל ביכער א"נ קאָאָפּעראַטיווער פערלאַג "האָפענונג", שרייבער פערלאַג "האָפענונג" און פערלאַג ש. גאָלדפאַרב.

זען אויך נג' 27, 35, 90, 197.

27 ———. העפט 1. וואַרשע: קאָאָפּעראַטיווער פערלאַג "האָפענונג", 1927, 46 זז'.

פראַגמענט פונעם ראָמאַן דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג.

28 דער מאָדערנער שד. סצענישער ראָמאַן. איינלייטונג: י. מ. ווייסענבערג. פאַררעדע: דער אויטאָר. באַנד III. וואַרשע: פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, 1930 [2, 5], 271 זז'.

29 דאָס בוך פון ליבע, **דערציילונגען. באַנד IV. וואַרשע: פערלאַג ש. גאָלד־פאַרב,** 1930, 191 **זז׳.**

קינדער, די משיגענע אין דאָרף, אַ רעהטעניש, אייפער און געוויסן.

30 שטאַרקער פון טויט, **באַנד V. פערלאַג ווייסענבערג,** 1931, 68, 14, 83 **זז׳.**

אַ וואַלד־מיידל, דריי וועהגן [דערציילונגען]: דער לויף פון ליבע (דראַמע אין 3 אַקטן).

"דריי וועהגן" איז אַן איבערגעאַרבעטער נוסח פון "דריי שוועסטערלעך".

זעט נומ׳ 73.

31 גורלות, וואָס לאַכן, **באַנד VI. פערלאַג ווייסענבערג,** 1931, 256 **זז׳.**

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט: אַפּגעשטויסן, אין דער שטיל, חנהלע, אַ פּאַמניק, אַ סוד, זעלנער, חיים אהרן, אַ מעשה מיט אַ ציעג: ר׳ יואל (אַ בילד [איינאַקטער]): אַ גנבה, דער לעהרער גרינשטיין, קליינע שטעהטלעך, ווי דער גורל פיהרט, געבערענגט אַ סוד.

32 אין דער טיעפער אייביקייט [**ראָמאַן**]. **ערשטער באַנד. וואַרשע [פאַרלאַג ווייסענבערג].** "Druk. "Pośpiech, 1937; **צווייטער באַנד [וואַרשע: פאַרלאַג ווייסענבערג].** "Druk. "Grafia, 1937, 512 **זז׳.**

אין דער טיעפער אייביקייט **איז אַ** 10**־בענדיקער ראָמאַן. ס׳זענען אַרויס בלויז 2 בענד. 8 בענד אין כתב־יד זענען פאַרברענט געוואָרן בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע אין סעפּטעמבער** 1939.

זעט נומ׳ 221.

33 דערציילונגען פון מיין ערשטן פעריאָד שרייבן. **פאַרלאַג ווייסענבערג,** 1938, 168 **זז׳.**

1) אַ זימער־רעהגן, 2) אַ דערטרינקענער, 3) דער בעל־תשובה, 4) אַ חוב, 5) דור הולך ודור בא, 6) צים איידעם אויף קעסט, 7) אַ טאַטע מיט בנים; 8) דבורהלע (אַ בילד [איינאַקטער]); 9) נישט בעשעערט..., 10) בערל און שמערל; 11) אין דערוואַרטונג, אַ דראַמע אין איין אַקט.

דאָס בוך האָט געזאָלט הייסן דערציילונגען פון מיין ערשטן פעריאָד שאַפן, **אָבער אַרויס איז עס א״נ** דערציילונגען פון מיין ערשטן פעריאָד שרייבן, **ווייל הגם ווייסענבערג האָט דאָס בוך צוגעגרייט צום דרוק, איז עס שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן פון זיינע וואַרשעווער פריינט צו ווייסענבערגס שלושים.**

זעט אויך נומ׳ 15.

2אַ. געקליבענע ווערק, **באַנד V-I. וואַרשע: פאַרלאַג "קולטור־ליגע",** 1930־1931. **איבערגעדרוקט פון דער סעריע** געקליבענע ווערק, **וואַרשע: פערלאַג ווייסענבערג,** 1925־1938.

34 ווירקלעכקייט. **באַנד I, 1930, 190 זז'.**

1. אַ שטעטל, 2. קריינדעלע, 3. אַ שלעכטע פרוי, 4. מזל־טוב [דערציילונגען].

דער באַנד איז אַנדערש צונויפגעשטעלט ווי באַנד ווירקליכקייט **אין "פערלאַג ווייסענבערג".**

35 דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג. **ראָמאַן. באַנד II, 1930, 216 זז'.**

זען אויך נג' 26, 27, 90, 197.

36 דער מאָדערנער שד. **סצענישער ראָמאַן. באַנד III, 1930.**

37 דאָס בוך פון ליבע. **דערציילונגען. באַנד IV, 1930.**

38 שטאַרקער פון טויט. **באַנד V, 1931.**

39 געקליבענע ווערק. **פאָרוואָרט פון מ. ליטוואַקאָוו. קיעוו: קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג "קולטור־ליגע" (ביבליאָטעק יידישע שרייבער), 1930, 240 זז'.**

40 אַ שטעטל. א דאַר גייט אַוועק אַ דאַר קומט. **צונויפגעשטעלט און באַאַרבעט פאַר דער שול, מיט אַ פאָרוואָרט פון ש. קליטעלניק. מאָסקווע: פאַרלאַג "עמעס", 1933, 112 זז'.**

זען אויך נג' 7, 11, 12, 45, 72, 101, 206.

41 י. מ. ווייסנבערג פאַר יוגנט **[אריינפיר]: ש. מענדעלסאָן. וואַרשע: פאַרלאַג "קינדערפריינד", 1938 [2], 56 זז'.**

[:] "און אַפילו ווען מיין האַרץ..." [ליד]; אַ טאַטע מיט בנים, אַ חוב, נישט באַ־שערט, אַ מעשה מיט אַ ציג [דערציילונגען, געקירצט].

42 געקליבענע שריפטן **(קורצע כאַראַקטעריסטיק פון זיין שאַפן): ד. ספּאַרד. וואַרשע: פאַרלאַג "יידיש בוך", 1950 [6], 207 זז'.**

אַ שטעטל, דור הולך ודור באַ, צום איידעם אויף קעסט, אַ חוב, אַ טאַטע מיט בנים, די משוגענע אין דאָרף; ר' יואל (אַ בילד [איינאַקטער]); אַ גנבה, אַ מעשה מיט אַ ציג, אַ שלעכטע פרוי.

43 געקליבענע ווערק. **דערציילונגען (ביאָגראַפישע נאָטיצן): [אַנאָנים]; [קורצע] ביבליאָגראַפיע. ניו־יאָרק: ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, 1954 [2], 310 זז'.**

אַ טאַטע מיט בנים, מזל טוב (אַ בילד), דער בעל־תשובה (אַ מעשה), דור הולך ודור באַ (דערציילונג), די משוגענע אין דאָרף (דערציילונג), אַ פּאַמניק, פון רבינס שטוב, די באָבעשיס אַפּהיטן, דער אָרעמער יונג, צום איידעם אויף קעסט, חנהלע; ר' יואל (אַ בילד [איינאַקטער]); אין דער שטיל (דערציילונג), אַ מעשה מיט אַ ציג, אַ גנבה; דבורהלע (אַ בילד [איינאַקטער]); קריינדעלע 1. איר לעבן, 2. אירע אידעאַלן, אַ שלעכטע פרוי, קאַפּיטלעך פון "אַ שטעטל".

44 ———. **צוזאַמענגעשטעלט, פאָרוואָרט פון פערל ווייסנבערג. באַנד I. שי־**

קאגא: אַרויסגעגעבן פון יצחק־מאיר ווייסנבערג קאַמיטעט דורך די זשעלע־באווער לאנדסלייט איבער דער וועלט, תשי״ט 1959 [XXII], 355 זז׳.

ווי דער גורל פירט, אַפּגעשטויסן, אין דער שטיל, געברענגט אַ סוד, אייפער און געווייסן, קינדער, אַ רעטעניש, דער לערער גרינשטיין; אין טאָג פון געריכט (דראַמע, פּאָעמע, איינאַקטער), זעלבסטשוץ (אַ בילד); אַ שטעטל.

45 אַ שטעטל (פראַגמענטן). בוענאָס איירעס: צווישאַ שלום־עליכם מיטלשול, 1960, 26 זז׳.

זעז אויך נג׳ 7, 11, 12, 40, 72, 101, 206.

נאָך דער רשימה פון ״ביכער״ זעז אויך די ווײַטערדיקע ביכער: נג׳ 46, 47, 51, 53, 190, 191, 192, 198, 199, 201, 202, 214, 215, 216, 221, 222, 223, 224, 225.

ב. רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן ביכער און צײַטשריפטן

46 יודישע זאַמעלביכער. רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפּור. 4 ביכער. וואַרשאַ: ווייסענבערג־פערלאג, תרע״ח 1918. יעדעס בוך צו 80 זז׳.

בוך 1, 2, 3, 4 זענען 4 ביכער אין 1 ב׳.

אַרויס אין 3 אויפלאַגעס.

47 ______. רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג. וואַרשאַ: ווייסענבערג פערלאג, 1920, 382 זז׳.

48 דער שטראָם. וואכענשריפט פאר ליטעראטור, קריטיק, טעאטער, קינא, הומאר און סאַטירע. ליטעראַרישע לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשא, ערשטער י״ג No. 1־5 [אַפּר׳, 1924]־מאַי 29, 1924.

49 אינזער האָפענונג. צווייוועכנטליכער (ליטעראַרישער) זשורנאַל. לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, העפטן 1־32. יאַנ׳ 15, 1926־אָקט׳ 1, 1929; נומ׳ 1, 1932.

דער לעצטער נומער איז אַרויס ווי אַ חודשניק.

50 דער קריטיקער. צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיק. רעדאַגירט דורך י. ראַפּאַפּאָרט ביי דער נאָנטער מיטאַרבעט פון י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, יאַנ׳ 1, 1936; פעב׳ 1, א״נ דער נייער קריטיקער. צייטשריפט . . . . ; אַפּר׳ 2, 1936, א״נ דער קריטיקער. חודש־זשורנאַל. . . . רעדאַגירט פון י. מ. ווייסענבערג. No. 1־4, 1936.

51 פאַרפלאָנטערטע וועגן. אָדער צווישן די חורבות פון ידישן לעבן [פון] שמעון האראנטשיק. רעדאַקטירט און אַ פאָרוואָרט פון י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע: פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, תרפ״ד 1924 [x], 280 זז׳.

ווייסענבערג האָט רעדאַקטירט אַנדערע ביכער וואָס זענען אונדז נישט באַקאַנט. די ביכער פון אַנדערע מחברים, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, זענען אַנגעגעבן אינעם טעקסט. זעז קאַפּיטל ״די זאָרג פאַרן יונגן טאַלאַנט״.

ג. ווייסענבערגס איבערזעצונגען

52 שיר־השירים [פּרטים נישט באַקאַנט].

53 טויזנט און איין נאַכט. פאַרוואַרט פון שלמה שיינבערג. 5 העפטן. וואַרשע: ווייסענבערג פערלאַג. Druk. Piment i Szwaba, 1922, 216 זז'.

אין ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ איז אָנגעגעבן 6 העפטן.

54 "חלום און בעשייד" [פון] ד"ר זיגמונד פרויד. פרייע איבערזעצונג. אינזער האָפענונג. צווייוועכנטליכער זשורנאַל. לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, העפט 2, פעב' 1, 1926, זז' 23־27; הפ' 3, פעב' 15, 1926, זז' 14־18; הפ' 4, מערץ 1, 1926, זז' 24־27.

55 "דאס ליד פון קאבזאר (פון אוקראַיניש). פלאַגיאַטירט ביי ה. גאָלדבערג". א"ה, הפ' 3, פעב' 15, 1926, זז' 11־13.

56 "די געשיכטע פון רות". א"ה, הפ' 4, מערץ 1, 1926, זז' 3־10.

ד. ווערק אין פאַרשידענע אויסגאַבעס

ד1. דראַמעס

57 "קנאה און תאוה" [דריי אַקטן]. טעאַטער־וועלט. וואַרשע, נומ' 6־17, 09/1908.

אַרויס באַזונדער ווי אַ בוך און אויך אין אַ פעריאָדיקע.

זען ננ' 14, 15.

58 "קאַספּער" [דריי אַקטן]. יוגנט שטימע, וואַרשא, 1910.

אַרויס באַזונדער ווי אַ בוך און אויך אין אַ פעריאָדיקע.

זען נומ' 10.

59 "אין טאָג פון געריכט (דראַמע, פּאָעמע, איינאַקטער)". יודישע זאַמעלביכער. רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפור. צווייטעס בוך. וואַרשא: ווייסענבערג־פערלאַג, תרע"ח 1918, זז' 52־79.

60 "זעלבסטשוץ (אַ בילד)". דער שטראָם. וואכענשריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק, טעאַטער, קינא, הומאר און סאַטירע. ליטעראַרישע לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשא [ערשטער י"ג], No. 1 [אַפּר' 1924], זז' 2־5.

61 "אימבעפרידיקטע ליבע (דראַמע [איינאַקטער])". אינזער האָפענונג. וואַרשע, הפ' 2, פעב' 1, 1926, זז' 3־12.

62 "אין דערוואַרטונג. דראַמע אין איין אַקט". אונדזער שטימע. צווייוואָכנשריפט. רעדאַקציע: רפאל אַלעווסקי, פאול טרעפּמאַן, דוד ראָזענטאַל. דריטער י"ג, נומ' 20. בערגן־בעלזן: צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער בריטישער זאָנע, כ"ה אייר תש"ז 1947, זז' 32־35; נומ' 23, ער"ה, תש"ח 1947, זז' 37־40.

ד2. לידער און פּאָעמעס

63 ∵ "און געלאָפען בין איך געררייצט אין די גאַסען..." ערצעהלונגען און בילדער. וואַרשוי: פערלאַג א. גיטלינ'ס פאָלקס־ביבליאָטעק, תרע"ב. 1912. זז' 155־57.

64 ∵ "און אפילו ווען מיין האַרץ..." ערצעהלונגען און בילדער, ז' 158.

65 "אין הערבסט". ערצעהלונגען און בילדער, ז' 159.

66 ∵ "דאָס פּנים בלאָס ווי קרייד..." ערצעהלונגען און בילדער, ז' 160.

67 "יאָרן ציען, יאָרן פליען, טייכן וואַסער שווימען אָפּ..." אסתּר. פּאָעמע. 3 בענד, 1912 [אויסצוג. נישט פאַרעפנטלעכט].

זען אויך נו' 68, 223.

68 "דער קעסל־פּויקער און טאַצן־קלאַפּער (אַ נישט פאַרעפנטלעכטער פראגמענט פון דער פּאָעמע אסתּר)". פּאַריס. זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קולטור. וואַרשע, דריטער י"ג, נומ' (45) 17, פרייטאַג, אויג' 4, 1939, ז' 1.

זען אויך נו' 67, 223.

ד3. דערציילונגען

69 "דער קיטעל". די יודישע ביבליאָטעק. אַ זשורנאַל פיר ליטעראַטור, געזעלשאַפט און עקאָנאָמיע. וואַרשא: רעדאַגירט און הערויסגעגעבען דורך י. ל. פּרץ, 1904.

70 "דור הולך ודור בא". די יודישע ביבליאָטעק, 1904.

זען אויך נו' 20, 106.

71 "די משוגענע אין דאָרף". דאָס יודישע וואָרט. צייטשריפט פאַר ליטעראַטור, וויסנשאַפט, קריטיק און געזעלשאַפטלעך לעבן. רעדאַגירט פון א. רייזען. קראָקוי, 1905.

זען אויך נו' 1, 199, 209.

72 "אַ שטעדטיל". דער וועג. ביילאַגע. וואַרשע, 1906.

זען אויך נו' 7, 11, 12, 40, 45, 101, 206.

73 "דריי שוועסטערלעך (ערצעהל.)". בלומען. אַ זאַמלבוך. רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיום שריפטשטעלער [אנ"א; ינ"א], שפ' 9־20.

זען אויך נומ' 30.

74 "אַ טאַטע מיט בנים (ערצעהלונג)". ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען. פריי ביהנע פאַר ליטעראַטור און קונסט. רעדאַגירט דורך ש. גאָרעליק, א. ווייטער און ש. ניגער. ווילנא, 4טע העפט, מאַי, 1908, זז' 5־24.

75 "אַ מעשׂה מיט אַ ציעג". ליטעראַרישע זאַמלונג. רעדאַגירט פון ה. ד. נאָמבערג. ווילנא, 1908, זז' 3־9.

76 "די באַבעשי'ס אַבהיטען (ערצעהלונג)". יודיש. אַ זאַמעל בוך. רעדאַגירט פון י. ל. פרץ. וואַרשא: פערלאַג "פראָגרעס", תר"ע, זז' 85־90.

77 "דער בלינדער אהרן".

78 "חיימל".

79 "בונעם פעלדשער".

80 "וידוי".

81 "צו הקפות".

82 "אַ רעקרוטניק".

די דערציילונגען נומ' 77, 78, 79, 80, 81, 82 זענען אָנגעגעבן פון אַן איבערגעשריבענעם טעקסט פון אויסגאַבעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער ספריה העירונית, תל־אביב. די מקורים זענען ביים איבערשרייבן נישט אָנגעגעבן געוואָרן.

83 "בערעק פאַד קאַצקעס (לויט אַ יידישער לעגענדע)". הײַנט. וואַרשא (?־־)19.

84 "ניגונים" [מקור נישט באַקאַנט].

אַ פראַגמענט איז פאַראַן אין העברעיִשער איבערזעצונג.

זען נומ' 199.

85 "וואָס קאָן טרעפען" [מקור נישט באַקאַנט].

פאַראַן אין פראַנצויזישער איבערזעצונג.

זען נומ' 208.

86 "זעלנער". שול־ביבליאָטעק. קיעוו: "קיעווער פאַרלאַג", 1919.

87 "אַ הייסער שבת־טאָג". יודישע זאַמעלביכער. רעדאגירט דורך י. מ. ווייסענבערג. וואַרשא: ווייסענבערג־פערלאג, 1920, זז' 7־20.

88 "מאַלגאָשאַ". דער מאָמענט. וואַרשע (?־)192.

89 "געבערענגט אַ סוד (נאָוועלע)". אינזער האָפענונג. לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, הפ' 1, יאַנ' 15, 1926, זז' 5־9.

90 "פראַגמענט" [פונעם ראָמאַן דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג]. א"ה, הפ' 7, אַפר' 15, 1926, זז' 7־22.

זען אויך נו' 26, 27, 35, 197.

91 "נישט דאָס". א"ה, הפ' 10, סעפּט' 1, 1926, זז' 8־18.

92 "פינף שרעקלעכע מעשׂיות (דערציילונג)". א"ה, הפ' 19, אַפר' 15, 1927, זז' 28־36; הפ' 20, מאַי 2, 1927, זז' 24־33; הפ' 21, יוני 1, 1927, זז' 43־50.

93 "פערוואַנדלונג (דערציילונג)". א"ה, הפ' 29, אָקט' 15, 1928, זז' 74־81.

94 "אייפער און געוויסן". א"ה, הפ' 30, אַפר' 15, 1929, זז' 10־58.

95 „אַ דערטרונקענער". היינט. וואַרשאַ, 31־טער י״ג, נומ׳ 205, פֿרייטיק, סעפּט׳ 2, 1938, ז׳ 5.

96 „אָפּגעשטויסן". דער מאָמענט. וואַרשע, נומ׳ 237, זונטאָג, 16טער אָקט׳, 1938.

97 „די באָבע און דאָס אייניקל (דערצעהלונג)" [„די באָבעשיס אָפּהיטן"]. ד״מ, נומ׳ 12, פֿרייטאָג, 13טער יאַנ׳, 1939.

98 „חתונה מאַכן". ד״מ, נומ׳ 123, זונטאָג, 18טער יוני, 1939.

99 „דער אָרימער יונג (דערצעהלונג)". ד״מ, נומ׳ 134, פֿרייטאָג, 30טער יוני, 1939 (סוף זונטאָג).

100 „אַ הייסער שבת־טאָג". אַנטאָלאָגיע פֿון דער יידישער פּראָזע אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות (1914־1939). צונויפֿגעשטעלט: י. י. טרונק, אהרן צייטלין. ניו־יאָרק: ציקאָ־ביכער־פֿאַרלאַג, 1946, זז׳ 247־60.

101 „פֿראַגמענטן פֿון שטעטל". לאָמיר קינדער לערנען. בלעטלעך פֿון אַ כרעסטאָמאַטיע. העפֿט 11־12. לאָדזש: אויסגאַבע פֿון צ. ק. פֿון די יידן אין פּוילן, בילדונגס־אָפּטיילונג, 1947, זז׳ 2־6.

אַ שטעטל איז אַרויס באַזונדער ווי אַ בוך, אין זאַמלונגען, ווי אַ ביילאַגע צום ט״ב דער וועג און אין פֿראַגמענטן.

זען אויך ננ׳ 7, 11, 12, 40, 45, 72, 206.

102 „אַ מעשה מיט אַ ציג". פֿריי ישׂראל. תּל־אָביב, סעפּט׳ 22, 1949 [געקירצט].

103 ______. לעצטע נייעס. תּל־אביב, אויג׳ 14, 1953, זז׳ 4־5.

104 „חנהלע (דערציילונג)". דאָס וואָרט. תּל־אביב, פֿרייטיק, אויג׳ 14, 1953, זז׳ 4־5.

105 „אַ פֿאַרביסענער (דערציילונג פֿון די קינדער־יאָרן)". סביבה. רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. ניו־יאָרק, נומ׳ 20, אלול, תשכ״ו סעפּט׳ 1966, זז׳ 8־15.

אַרויס אויך פֿריִער. די דערציילונג געהערט צו ווייסענבערגס ערשטן שאַפֿונגס־פּעריאָד.

106 „דור הולך ודור בא". פֿאָלקס־שטימע. וואַרשע, נומ׳ 123 (1813), 1958, זז׳ 5־6.

זען אויך נג׳ 20, 70.

107 „דער בעל־תּשובֿה (אַ מעשה)". די צוקונפֿט. ניו־יאָרק (ב׳ 85, נומ׳ 3), מערץ, 1979, זז׳ 94־97.

ה. עסייען, קריטיק און פּאָלעמיק

108 „פֿאָרוואָרט". יודישע זאַמעלביכער. רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפּור. ערשטעס בוך. וואַרשאַ: ווייסענבערג־פֿערלאַג, תּרע״ח 1918, זז׳ 1־3.

109 „ביים לעבען און נאָכ׳ן טויט פֿון אונדזערע גרויסע גייסטער". יודישע זאַמעלביכער. ערשטעס בוך, זז׳ 57־68.

110 „ווייסענבערג־פּערלאַג ,יודישע זאַמעלביכער״. יודישע זאמעלביכער. ערשטעס בוך, זז׳ 77־78 [באַקאַנטמאַכונג].

גשריבן פון ווייסענבערגן.

111 „קונסט און סוביעקטיוויטעט״. יודישע זאמעלביכער. רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפּור. דריטעס בוך, תרע״ח 1918, זז׳ 16־29.

זעז אויך נג׳ 191, 202.

112 „צו וואָס?״ יודישע זאמעלביכער. דריטעס בוך, זז׳ 54־66.

113 „רעקרוטען פון פּ. בימקאָ (קריטישע אַבהאַנדלונג)״. יודישע זאמעלביכער. רעדאַגירט דורך י. מ. ווייסענבערג און י. ב. צפּור. פירטעס בוך, תרע״ח 1918, זז׳ 77־79.

114 [וועגן שלום־עליכמען. ליטעראַרישער זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן צו שלום־עליכמס יאָרצייט פון אַ גרופּע ייִדישע שרייבערס]. קיעוו, 1918.

115 „אין קעסעלגרוב פון דוד איגנאַטאָוו״.

אָפּהאַנדלונג איבער דעם בוך אין קעסעלגרוב. דערמאָנט אינעם בריוו צו ד״ר ש. פּאַקס פון 22/IX, 1922[1].

זעז הוספה **א** נומ׳ [11].

116 „אומנאַרמאַלקייט אין ליטעראַטור־קרייזן״. ניי־יידיש. ניו־יאָרק, אויג׳־סעפּט׳, 1922, ז׳ 39־41.

117 „אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט. I דער גורל פון יידישן ביך; II ווער איז שילדיק?; III״. פארפלאנטערטע וועגן. אָדער צווישן די חורבות פון יידישן לעבן [פון] שמעון האראנטשיק. רעדאַקטירט און אַ פאָרוואָרט פון י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע: פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, תרפ״ד 1924, זז׳ X-I.

118 „צים ,ליטעראַרישן סקאַנדאַל״. דער שטראַם. ליטעראַרישע לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשא [ערשטער י״ג], No. 1 [אַפּר׳, 1924], זז׳ 5־7; ערשטער י״ג, No. 2, מאַי 2, 1924, זז׳ 12־13.

119 „וועגן י. ל. פּרץ״. ד״ש [ערשטער י״ג], No. 1 [אַפּר׳, 1924], זז׳ 8־9.

120 „דאס פאלק איז קינדעריש, די אינטעליגענץ — פּראַקטיש״. ד״ש, ערשטער י״ג, No. 3, מאַי 8, 1924, זז׳ 5־6.

121 „י. ל. פּרץ, דער נישט באַלוינטער״. אונדזער פאָלקסצייטונג. וואַרשע, אַפּר׳ 17, 1925.

122 „ערקלערונג״. אינזער האָפענונג. לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, העפט 1, יאַנ׳ 15, 1926, ז׳ 2.

אָן נאָמען פון מחבר.

123 „פאָרוואָרט. מיר שאַפן״. א״ה, הפ׳ 1, זז׳ 3־4.

אָן נאָמען פון מחבר.

124 ״וועגן יידישער ארטאגראפיע״ [פון] די רעדאקציע. א״ה, הפ׳ 1, ז׳ 4.

פֿאַקטיש געשריבן פֿון ווייסענבערגן.

125 ״צים טרויער נאך אסתר רחל קאמינסקי״. א״ה, הפ׳ 1, זז׳ 19־20.

126 ״די שריט פאר דער ייד.[ישער] ליטעראטור (אַן אָפענער בריף)״. א״ה, הפ׳ 1, זז׳ 25־26.

127 ״די זארג פארן פאלק (געווידמעט דער גרויסער יידישער פערזאַמלונג פין לעצטנס אין בערלין אין ציזאַמענהאַנג מיטן אַרויסטריט פין ד״ר פּאַול נאַטאַן)״. א״ה, הפ׳ 3, פעב׳ 15, 1926, זז׳ 21־31.

128 ״נאַטיצן און כראָניק״. א״ה, הפ׳ 3, ז׳ 31.

געשריבן פֿון ווייסענבערגן.

129 ״אויב דאָס אַנאָנסירן פין זשורנאַל אינזער האָפענונג וועט קוועסטיאָנירט ווערן...״ [אָן טיטל] [פון] די רעדאַקציע. א״ה, הפ׳ 3, אויף דער לעצטער זייט פון דער הילע.

פֿאַקטיש געשריבן פֿון ווייסענבערגן.

130 ״אַ פערקערטע וועלט, אַז מען קיקט אין וואַסער״ [רובריק] ביכער און מענטשן. א״ה, הפ׳ 6, אַפּר׳ 1, 1926, זז׳ 23־28.

131 ״ווענדונג צו דער ליט.[עראַרישער] גרופע ביים ליט.[עראַטן]־זשור.־[נאַליסטן]־פאראיין אין וואַרשע״. א״ה, הפ׳ 6, זז׳ 34־36.

132 ״מאַי״ [מעדיטאַציע]. א״ה, הפ׳ 8, מאַי 1, 1926, זז׳ 3־4.

133 ״פריוון די כוחות״ [רובריק] ביכער און מענטשן. א״ה, הפ׳ 8, זז׳ 29־30.

134 ״ליטעראַרישע כראָניק״. א״ה, הפ׳ 8, זז׳ 30־31.

געשריבן פֿון ווייסענבערגן.

135 ״אָט דאָ איז... אָפּאַטאָשו״ [רובריק] ביכער און מענטשן. א״ה, הפ׳ 9, מאַי 15, 1926, זז׳ 26־28.

136 ״אין כבוד פין פילסודסקין״. א״ה, הפ׳ 10, סעפּט׳ 1, 1926, זז׳ 18־27.

137 ״דער מענטש בליהט״. א״ה, הפ׳ 10, זז׳ 28־32.

138 ״קוריאזן און שטריכן. אַ ביסל עטיק״. א״ה, הפ׳ 10, זז׳ 33־34.

אָן נאָמען פֿון מחבר.

139 ״אָפענער בריוו״. א״ה, הפ׳ 11, אָקט׳ 1, 1926, זז׳ 29־30.

140 ״אָן בעציאונג״. א״ה, הפ׳ 11, ז׳ 32.

אָן נאָמען פֿון מחבר.

141 ״קולטור, ליטעראַטור און כלל־טיען״. א״ה, הפ׳ 12, אָקט׳ 15, 1926, זז׳ 29־32.

142 ״דער פינסטערער בלאָף״. א״ה, הפ׳ 13, נאָוו׳ 1, 1926, זז׳ 25־30.

143 "אויפקלערונג צי דער מעלדונג". א"ה, הפ' 14, נאָוו' 15, 1926, זז' 27־31.
ווענן יידישער אָרטאָגראַפיע.

144 [אַן ענטפער אויף ש. ברייינסקיס בריוו]. א"ה, הפ' 15, דעצ' 1, 1926, זז' 25־27.

145 "יידן און פרנסה". א"ה, הפ' 16, דעצ' 15, 1926, זז' 17־26.

146 "מיין ענטפער צים בריוו פין ה' ברייינסקי". א"ה, הפ' 17, יאַנ' 1, 1927, זז' 23־26.

147 "אַן ענטפער אויפן בריוו פין ה' ברייינסקי" [רובריק] ביכער און מענטשן. א"ה, הפ' 18, פעב' 15, 1927, זז' 23־29.

148 "קינאמאַטאָגראַפישע ביכער". א"ה, הפ' 18, זז' 31־32.

149 "פין קאאפעראטיוון פערלאג 'האפענונג'" [פון] רעדאַקציע "אינזער האָפענונג". א"ה, הפ' 19, אַפר' 15, 1927, זז' 1־6 [באַקאַנטמאַכונג].
פאַקטיש געשריבן פון ווייסענבערגן.

150 "(אַן ענטפער אויף דעם בריוו פין ה' ברייינסקי)" [רובריק] ביכער און מענטשן. א"ה, הפ' 19, זז' 45־50.

151 ______. [רובריק] ביכער און מענטשן. א"ה, הפ' 20, מאַי 2, 1927, זז' 49־51.

152 "אַ בריוו אין רעדאקציע" [פון] ד"ר מעריסאָן בשותפות מיט י. מ. ווייסענ־בערג. א"ה, הפ' 21, יוני 1, 1927, זז' 57־60.

153 "(אַן ענטפער צי ה' ברייינסקיס בריוו)" [רובריק] ביכער און מענטשן. א"ה, הפ' 21, זז' 60־64.

154 "אַמעריקע אַן אַ קאָפּ". א"ה, הפ' 22, ווזשעשען [סעפּטעמבער] 30, 1927, ז' 2.
צום עניין סאַקאָ און וואַנצעטי.

155 "מיין בליק איבער מ. גראָסן". א"ה, הפ' 22, זז' 18־23.

156 "44 חתימות". א"ה, הפ' 22, זז' 38־41.

157 "אַ שפיל מיטן טויט אָדער די מעשה האַראַנטשיק". א"ה, הפ' 22, זז' 42־49; הפ' 23, אָקט' 17, 1927, זז' 44־53; הפ' 24, נאָוו' 5, 1927, זז' 57־62.

158 "דער טעות פין די אוקראַאינער". א"ה, הפ' 24, זז' 43־45.

159 "די 'טריזוב'־אינטעליגענץ ביי יידן און אוקראַאינער". א"ה, הפ' 24, זז' 46־53.

160 "דאָס איינציקע . . . (איבער נאָמבערגן)". א"ה, הפ' 25, דעצ' 15, 1927, זז' 2־7.

161 "טראָצקי, סטאלין און פאלק". א"ה, הפ' 26, פעב' 1, 1928, זז' 25־28.

162 "וועער מיט וועמען?" א"ה, הפ' 26, זז' 68־78.

163 "וואס איז אזוינס טאלאנט? (געווידמעט דעם יובילעי־נימער 'אינזער האָפענונג' נימ. 27)". א"ה, הפ' 27, אַפּר' 1, 1928, זז' 1־11.

164 "אַ שמיעס מיט די ליטעראַטור־פּיאָנערן וועגן זייער אויפגאַבע". א"ה, הפ' 27, זז' 11־20.

165 ״אַ רייד וועגן יובילעומס״. א״ה, הפ׳ 27, זז׳ 92־95.

166 ״אַן ענטפער פון י. מ. ווייסענבערג״ [יחיאל לערערן]. א״ה, הפ׳ 27, ז׳ 96.

167 ״די לעצטע זעהונג״. א״ה, הפ׳ 28, מאַי 25 [1928], זז׳ 1־24.

168 ״געדאַנקען וועגן ביכער, טעאַטער און רעזשי״. א״ה, הפ׳ 28, זז׳ 87־95.

169 ״פאַרוואָס נישט קיינער, נאָר איך?״ א״ה, הפ׳ 29, אָקט׳ 15, 1928, זז׳ 1־7.

170 ״אַ פראַגע בויגן פאַר אַ פראַגע בויגן I״ [רובריק] בראַכוואַרק [פון] די רעדאַקציע (אָן נעמען). א״ה, הפ׳ 29, זז׳ 41־46; ״דער ציעל און די דערגרייכונג II״ [פון] די רעדאַקציע (אויך אָן נעמען), זז׳ 46־48; ״אַ קאָמענטאַר פון אַ ליד לכבוד אָפּאַטאָשון III, זז׳ 49־50; ״דער אָריגינאַל אַליין: יוסף אָפּאַטאָשו א. לעיעלעסן, ניו־יאָרק״ [פון] די רעדאַקציע, זז׳ 50־51.

פאַקטיש געשריבן פון ווייסענבערגן.

171 ״אַ טרייסט״. א״ה, הפ׳ 29, זז׳ 52־69.

172 ״פריילעכע נייעס פין אַ נייעם קורס אין דער כּלל־טיערײ״. א״ה, הפ׳ 29, זז׳ 92־94.

אָן נאָמען פון מחבר.

173 ״אַ פאָר ווערטער״. א״ה, הפ׳ 30, ליטעראַרטור ביילאַגע צו נר. 30. פעב׳ 1929, זז׳ 1־3.

174 ״מ. קולבאַקס געזעגענען זיך מיט דער ׳טלאָמאַצקע 13׳״. א״ה, הפ׳ 30, אַפּר׳ 15, 1929, זז׳ 70־72.

175 ״אַ משל״. א״ה, הפ׳ 30, זז׳ 77־80.

176 ״אינזער רעדאַקציע בעגריסט (אַ ביסל שפּעהטליך, אָבער גאַנץ צייטליך...)״ [רובריק] בראַכוואַרק. א״ה, הפ׳ 30, זז׳ 81־85.

177 ״אַ קלאָג צו אינז כּלל־טיער. אַ פּראָטעסט״. א״ה, הפ׳ 30, זז׳ 85־88.

אָן נאָמען פון מחבר.

178 ״אַ שמיעס מיטן דיכטער ז. שניאור (איבערגעניטשעוועט פין דעם אינטערוויו אויפן ׳מאָמענט׳ 273 און 274 ווי אויך פין ׳אינזער עקספּרעס׳)״. א״ה, הפ׳ 30, זז׳ 88־98.

אָן נאָמען פון מחבר.

179 ״דאָס יידישע טעאַטער און זיין הויקער״. א״ה, הפ׳ 30, זז׳ 98־100.

180 ״פאַרוואָס איך שרייב נישט אין דער פּרעסע״. א״ה, הפ׳ 31, סעפּט׳ 15, 1929, ז׳ 1.

181 ״בענע קריק (פין באַבעלן) אַן אויסשעפּנדיקע אָפּהאַנדלונג״. א״ה, הפ׳ 31, זז׳ 2־4.

182 ״אַ ליטעראַרישע באָהעמע, אָדער הפקרות?״ א״ה, הפ׳ 32, אָקט׳ 1, 1929, זז׳ 1, 15.

183 "מיין ענטפער וועגן דער 'לטער שטייג'". א"ה, הפ' 32, ז' 15.

184 "איינלייטונג". דער מאדערנער שד. סצעניש ער ראָמאַן. באַנד III. וואַרשע: פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, 1930, זז' 5־6.

185 "פאַרעדע". דער מאדערנער שד, זז' 7־11.

186 "אַנשטאָט אַ פאַרוואָרט". גורלות, וואס לאָכן. באַנד VI. וואַרשע: פערלאַג ווייסענבערג, 1931, ז' 3.

187 "מאַנטנע וואַסער". אינזער האָפענונג. וואַרשע, נומ' 1, 1932, זז' 3־4.

באַנייטע חודשלעכע אויסגאַבע פון אינזער האָפענונג נאָך אַן איבעררייס פון דריי יאָר.

188 "איבער ז. שניאור. אַ ביכער־רייזע. שמועס 1; (קריטיק אין שמיעס)". א"ה, נומ' 1, 1932, ז' 7.

189 "כלל־טיער און ליטעראַטור" [פון] י. מ. וו. [י. מ. ווייסענבערג]. א"ה, נומ' 1, 1932, ז' 8.

190 שרייבער און זייערע ווערק. וואַרשע: פאַרלאַג ווייסענבערג, "Druk. "Wiedza, 1932, 50 זז'.

זען אויך נומ' 24.

191 קונסט און סוביעקטיוויטעט. וואַרשע [פאַרלאַג ווייסענבערג], "Druk. "Wiedza, 1932, 14 זז'.

עסיי, וואָס איז אויך אַרויס באַזונדער ווי אַ בראָשור.

זען נג' 111, 202.

192 די וועלט ווי אַ טרוים. וואַרשע: פאַרלאַג ווייסענבערג, "Druk. "Wiedza, תרצ"ב 1932, 39 זז'.

193 "אָפענע רייד". דער קריטיקער. צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיק. רעדאַגירט דורך י. ראַפּאַפּאָרט ביי דער נאָנטער מיטאַרבעט פון י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, יאַנ' 1, 1936, זז' 1, 10.

194 "ווער האָט דיך געמאַכט טרויעריק?" דער קריטיקער. חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיק. רעדאַגירט פון י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, No. 1־4, אַפּר' 2, 1936, זז' 1־2.

195 "וועגן דער פערזאָן פון קורט קאַטשן". ד"ק, No. 1־4.

196 "פאַרוואָרט". אין פּאַריז, פון ש. י. לאַנדינסקי. וואַרשע, 1938.

ו. ווערק אין איבערזעצונג

(די רשימה איז גרופירט לויט שפּראַכן)

197 ווייסנברג, י. מ. "בין המצרים (ספור) 1". עברית מ. טשודנר. היום. עתון יומי

מדיני וספרותי. וורשה, שנה ראשונה, No 194, יום א׳ אלול תרפ״ה, כ״א אוגוסט 1925, ז׳ 3.

בין המצרים איז דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג, וואָס איז צום ערשטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין העברעיִשער איבערזעצונג, אין המשכים. דער־מאָנט אינעם פּאָסטקאַרטל צו ליעסינען [א״ד].

זען הוספה א, נומ׳ [12] און אויך ביבליאָגראַפישע איינסן 26, 27, 35, 90. ביבליאגראפיע I.

198 ווייסנברג, י. מ. כתבים נבחרים. עברית: ש. מנדל. הקדמה י. מ. תל־אביב: ״אופק״, תש״ד, 256 זז׳.

העיירה, דור הולך ודור בא, על שולחן חתנו, קריינדלה, החוב, מעשה בעז, האב והבנים, ״מזל טוב!״, אשה רעה [דערציילונגען].

199 ויסנברג, י. מ. המשוגעת בכפר. סיפורים. תרגם מאידיש אברהם לוינסון. סידרת ספרים ערוכה בידי ד״ר עזריאל קרליבך. תל־אביב: ״ספרון״, ידיעות אחרונות [ינ״א], 64 זז׳.

המשוגעת בכפר, הביא סוד, המורה גרינשטיין, גניבה, מזל טוב, עיירות, ניגונים (קטע).

זען נומ׳ 84.

זען אויך נו׳ 1, 71, 209.

200 ווייסנברג, י. מ. ״מעשה בעז (15 שנים למותו)״. הדור. תל־אביב, יום ו׳ ג׳ באלול תשי״ג, 14, 8, 53[19].

201 Вайсенберг, И. М. Рассказы. Скритико-биографическим очерком О. Рапопорта. Перевод: М. Рапопорт и О. Рапопорта. Выпуск 8-ой. Шанхай: Еврейские Писатели, 1943, XYII, 135 стр.

Сумасшедшая в Деревне, Долг, Поколение сменяет поколение, К зятю на хлеба, История с козой, Хаим Арон, Маленькие местечки, Отец и его ребята.

202 Wajsenberg, I.M. *Sztuka i Objektywność.* Warszawa.

זען אויך נו׳ 111, 191.

203 Vajsenberg, Jicchok Mejer. "Otec a synové". *Rozinky a mandle.* Výbor z jidiš povidek. Přeložil Jakub Markovič. Praha: Odeon, 1968, זז׳ 164-74.

204 Weissenberg, I.M. "Mazel Tov", Translated by Irving Howe and Eliezer Greenberg. *A Treasury of Yiddish Stories.* Edited by Irving Howe and Eliezer Greenberg. New York: Meridian Books, Inc., 1960, © The Viking Press, Inc., 1953-54, זז׳ 295-97.

205 ______. "Father and the Boys". Translated by Isaac Rosenfeld. *A Treasury of Yiddish Stories,* זז׳ 297-307.

206 ______. "*A Shtetl*". Translated by the editor. *A Shtetl and Other Yiddish Novellas*. Edited, with introductions and notes, by Ruth R. Wisse. New York: Behrman House, 1973, זז' 29-78.

זעז אויך נג' 7, 11, 12, 40, 45, 72, 101.

207 ______. "The Tale of a Goat". Translated by Yoachim Neugroschel. *Jewish Dialog*. Toronto, Hanukah 1974, זז' 42-43.

208 Veissenberg, Itzhoc Meyer. "Ce qui peut advenir". *Anthologie des conteurs yidisch*. Les prosateurs étrangers modernes. Traduite du yidisch par L. Blumenfeld. 2e édition. Paris: F. Rieder et Cie, 1922, זז' 225-34.

זעז נומ' 85.

209 Weissenberg A. [I.M.] "Die Widerspenstige". *Aus einer stillen Welt*. Erzählungen aus der modernen jüdischen Literatur. Ins deutsche übertragen und eingeleitet von Theodor Zlocisti. Band II. Berlin: Winz & Co., 1910, זז' 51-78.

זעז אויך נג' 1, 71. 199.

210 Vaisenberg, I.M. "Una familia". *Cuentos judios*. Traducción del idisch, prólogo y notas de Salomón Resnick. Buenos Aires: Editorial Juveniud, 1920, זז' 175-97.

211 Weissenberg, Jitschok Meïr. "Vader en Zonen". *Meesters der Jiddische Vertelkunst*. Bijeengebracht en uit het Jiddisch vertaald door L. Fuks. Amsterdam: J.M. Meulenhoff, 1959, זז' 124-36.

ווייסענבערג איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין יאַפּאַניש [פּרטים נישט באַקאַנט].

ז. כּתב־ידן

212 **״פּאַריתומט״ [ליד]. ״בונד״־אַרכיוו, יידישע אַרבעטער־באַוועגונג א״נ פֿראַנץ קורסקי. ניו־יאָרק, י. מ. ווייסענבערג־זאַמלונג.**

213 **״נחת״. איינאַקטער.**

דערמאָנט אין פּאָסטקאַרטל צו רעדאַקציע [נישט אָנגעגעבן וואָסער רעדאַקציע]. זשעלעכאָוו, שעדלעצער גובערניע, 22/I [אַרום 1913].

זעז הוספה א, נומ' [1].

214 טויטע נעמען נקמה. **דראַמע. דריי אַקטן.**

דערמאָנט אין פּאָסטקאַרטל צו ש. ניגער, זשעלעכאָוו [א״ד].

זעז הוספה א, נומ' [3].

215 דער בעפעהל פון ליבע. **דראַמע. דריי אַקטן.**

דער מאַנוסקריפּט איז פאַר דער מלחמה איבערגעגעבן געוואָרן דעם ווילנער ייִוואָ, לויט דעם בריוו פון פ. גראובארד, וואַרשע, אויגוסט 13, 1939.

זען הוספה א, נומ' [17].

216 די פּרויען־קייטן. **דראַמע. דריי אַקטן.**

פאַראַן אַן אַנדער וואַריאַנט אין דער פאָרעם פון אַ דערציילונג.

217 **"ווי אַזוי אַ טייך קאַן ברענען" [דערציילונג].**

פאַראַן אַ צווייטער וואַריאַנט מיטן נאָמען "אין מיטן".

218 **"פאַר וואָס מען טאָר אַ כלה נישט לאָזן אַליין אין חופּה־טאָג" [דערציילונג].**

219 **"טשאַטשקעס". דערציילונג.**

220 **"אַ רייזע פון אַ מאָלער" [פּייסאַזש].**

די שאַפונגען נומ' 216, 217, 218, 219, 220, האָט ווייסענבערג איבערגעלאָזט ביי ד"ר שמואל פאַקס בשעת זיין באַזוכן ניו־יאָרק אין 1922. פּערל ווייסענבערג־אַקסעל־ראָד־זאַמלונג, מאָנטרעאַל, קוויבעק.

ח. גווילין נשׂרפין ואותיות פורחות באויר

כתב־ידן וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן בשעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע אין 1939

(גרופּירט לויט דעם פאָרנעם פון די ווערק)

221 אין דער טיפער אייביקייט. **ראָמאַן. 8 בענד.**

די ערשטע 2 בענד פון דעם דאָזיקן 10־בענדיקן ראָמאַן זענען אַרויס אין 1937.

זען נומ' 32.

222 דער נייער מאָרגן. **דראַמע. דריי אַקטן, 1927־1929.**

223 אסתּר. **פּאָעמע. 3 בענד, 1912.**

זען אויך נג' 67, 68.

224 **[?] ראָמאַן, געשריבן אין דער פאָרעם פון בריוו, 1935־1938 (נישט פאַרענדיקט).**

225 **פּאָלעמיק. איין באַנד, 1930־1936 (צוגעגרייט צום דרוק).**

226 **דערציילונגען, בערך 1916־1925.**

227 **עסייען, קריטיק, 1930־1938.**

228 **איבערזעצונגען, בערך 1918־1925.**

II. ציטירטע קאָרעספּאָנדענץ

אינעם טעקסט און אין הוספה **א**

אַרכיוו־מקורים

1 ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ. אַרכיוו, ניו־יאָרק, שמואל ניגער־זאַמלונג [בערך 1913]־1920.

2 ———. דוד פּינסקי־זאַמלונג [בע׳ 1920].

3 ———. אברהם ליעסין־זאַמלונג [בע׳ 1922].

4 ———. ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפערענץ 3, 1918־1939.

5 ״בונד״־אַרכיוו, יידישע אַרבעטער־באַוועגונג א״נ פראַנץ קורסקי. ניו־יאָרק, י. מ. ווייסענבערג־זאַמלונג [בע׳ 1913־1925].

6 פּערל ווייסענבערג־אַקסעלראָד־זאַמלונג. מאָנטרעאָל, קוויבעק, 1922־1929.

III. ציטירטע ווערק

אינעם טעקסט און אין הוספה **ב**

(אַלפאַבעטישע רשימה)

1 אַלעי, מרדכי. ״וועגן אונדזער שפּראַך (באַמערקונגען)״. אינזער האָפענונג. צווייוועכנטליכער זשורנאַל. לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע, הפ׳ 15, דעצ׳ 1, 1926, זז׳ 6־11.

2 ———. ״י. מ. ווייסענבערג (צו די צונויפגעזאַמלטע שריפטן ווירקלעכקייט, רעאַלע קרעפטן. ערשטע צוויי בענדער. פאַרלאַג ווייסענבערג, וואַרשע)״. אויפגאַנג. חודש־שריפט פאַר ליטעראַטור און קונסט. צווייטער י״ג, העפט אַכט, וואַרשע: פאַרלאַג אַ. שקליאַר, יוני 1929, זז׳ 49־51.

3 אַראָנסאָן, כיל (אַראָן, כיל). ״עוזר וואַרשאַווסקי און זיין סביבה״. בילדער און געשטאַלטן פון מאָנפּאַרנאַס. פאָרוואָרט פון מאַרק שאַגאַל. פּאַריז: דרוקעריי ״אַ־בע־סע״, 1963, זז׳ 70־73.

4 באַראַבאַן, אברהם. ״שרייבערס (דערציילונג)״. פונקען. זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קולטור [הפ׳] 1. חולון: ליטעראַרישער קרייז ״פונקען״, 1967, זז׳ 10־13.

5 ביאַלאָסטאָצקי, ב. י. ״י. מ. ווייסענבערג 1881־1938 [1878־1938]. צום דערשיינען פון י. מ. ווייסענבערגס געקליבענע ווערק דורך דער ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק״. די גאָלדענע קייט. תל־אביב, נומ׳ 21, 1955, זז׳ 210־16.

6 בירנבוים, שׂרה. ״אין מיטן זומער. דעם אָנדענק פון י. מ. ווייסענבערג״.

אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער. חודש־שריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער און פילם. בוענאָס איירעס, פערטער י״ג, No. 11-12 (39-40), נאָוו׳ דעצ׳ 1956, ז׳ 5.

7 בן־דוב, י. [ציעכאַנאָווסקי]. ״י. מ. ווייסענבערג (זכרונות צו זיין 21טן יאָר־צייט)״. פרייע אַרבעטער שטימע. ניו־יאָרק, אָקט׳ 1, 1959, זז׳ 6-7.

8 ______. ״י. מ. ווייסענבערג שבעל־פה (אויגוסט 1938-אויגוסט 1962)״. אייגנס. רמת־גן, אויג׳־סעפט׳ 1962, ז׳ 10.

9 בעל־מחשבות. (ד״ר א. עליאַשעוו.) ״י. מ. ווייסענבערג״. געקליבענע שריפטן. ערשטער באַנד. ווילנא: פערלאַגס־בוכהאַנדלונג שלמה שרעבערק, 1910, זז׳ 203-12.

10 ______. ״דריי שטעטלעך (פּרץ, אַש און ווייסענבערג)״. געקליבענע ווערק. ניו־יאָרק: ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, 1953, זז׳ 262-79.

11 בעקערמאַן, א. ״די אביעקטיוויטעט פונעם קריטיקער (מכוח ש. ניגערס אַרויס־טריט קעגן די ׳פערפלאָנטערטע וועגן׳)״. דער שטראָם. וואכענשריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק, טעאַטער, קינא, הומאר און סאַטירע. ליטעראַרישע לייטונג: י. מ. ווייסענבערג. וואַרשא, ערשטער י״ג, No. 4, מאַי 15, 1924, זז׳ 11-13.

12 בערלינסקי, שלמה. אַ לעבן גייט אויף. מינכען: ״באַפרייונג״, 1948.

13 בערנשטיין, יצחק. ״די פילאָזאָפיע פון לעבן (אויפן ראַנד פון י. מ. ווייסענ־בערג׳ס ניי דערשינען ווערק אין דער טיפער אייביקייט)״. דער מאָמענט. וואַרשע, נומ׳ 42, פרייטאָג, פעב׳ 18, 1938, ז׳ 6.

14 [?] ״דאָס פּראָבלעם פון וועלט־דערלייזונג ביי ווייסענבערג׳ן״. דער מאָמענט. וואַרשע, נומ׳ 217, פרייטאָג, סעפּט׳ 16, 1938. ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ. ווילנער אַרכיוו, ניו־יאָרק, אַרטיקל נומ׳ 88210, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפ׳ 3.

ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן צו געפינען דעם נאָמען פון מחבר פון דער געגעבענער אָפּהאַנדלונג.

15 ברוקאַזש, מאיר. ״געשטאָרבן דער ׳פענאָמען וואָלף מעסינג׳״. פאָלקס־שטימע. וואַרשע (?-)197.

16 בריינסקי, שלמה. ״אַ בריוו פון ארץ־ישראל״. אינזער האָפענונג. וואַרשע, הפ׳ 15, דעצ׳ 1, 1926, זז׳ 21-25.

17 ______. ״איטשע מאיר ווייסנבערג און זיין משפחה״. מענטשן פון זשעלע־כאָוו. רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו. הקדמה פון שמעון גובערעק. בוענאָס איירעס: צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, 1961-תשכ״א, זז׳ 152-65.

18 ______. "יחיאל לערער — ביאָגראַפישע שטריכן". זשעלעכאָווער בולעטין. פאַנאַמאַ, נומ' 13, מאַי 1968, זז' 25־31.

19 גאָלדקאָרן, יצחק. "י. מ. וויסענבערג — צו דער טיפער אייביקייט". פרייע אַרבעטער שטימע. ניו־יאָרק, נאָוו' 1, 1958, ז' 6.

20 גלאַטשטיין, יעקב. "א. מ. וויסענבערג'ס 'געקליבענע ווערק'" [סעריע] אין תוך געגומען. אַרום ביכער, מענטשן און זאַכן. אידישער קעמפער. ניו־יאָרק, XXXV Vol., נומ' 1084, פרייטיק, נאָוו' 26, 1954, א' כסלו, תשט"ו, זז' 19־20.

21 [Goethe, Johann Wolfgang von], "Sprüche" 170. "Das Zeitungsgeschwister . . ." [אָן טיטל]. *Goethes Werke.* Hamburger Ausgabe. Band I. Fünfte Auflage. Hamburg: Christian Wegner, 1960, ז' 332.

22 Günzburg, Baron David, "Der grösste jüdische Bildhauer". *Ost und West.* Illustrierte Monatsschrift für modernes Judentum. II. Jahrg., Heft 11, Berlin: Davis Trietsch und Leo Winz, Nov., 1902.

23 גרינבערג, י. פ. "ווי איז דער אמת?" דער שטראָם. וואָכענשריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק, טעאַטער, קינאָ, הומאָר און סאַטירע. ליטעראַרישע לייטונג: י. מ. וויסענבערג. וואַרשע, ערשטער י"ג, No. 2, מאַי 2, 1924, זז' 9־10.

24 האַלפּערן, מ. ל. "אַ נאַכט" XI. "אַז דו ווייסט באַצאַהלען, ברודער..." [אָן טיטל]. אין ניו־יאָרק. ניו־יאָרק: "ווינקל", 1919, זז' 257־58.

25 ______. "אַ נאַכט". "ווען איך וועל טויט זיין, הויב מיך אויף..." [אָן טיטל]. אין ניו־יאָרק, ז' 304.

26 Heine, Heinrich. "Warnung". *Werke.* In vier Bänden. Herausgegeben von Paul Stapf. Basel und Stuttgart: Birkhäuser, 1956. Erster Band. זז' 394-95.

27 ווײַנרײַך, אוריאל. "י. מ. וויסנבערגס ניט־דערשאַצט 'שטעטל': וועגן באַפרײַען אַ מײַסטערווערק פון זײַן מחברס ביאָגראַפיע". די גאָלדענע קייט. תל־אביב, נומ' 41, 1961, זז' 135־43.

28 ווינער, שמואל. "שלמה איבן גבירול, דער גרויסער פּאָעט און פילאָזאָף אין דער 'גאָלדענער עפּאָכע' אין שפּאַניע. צו זיין 900סטן יאָרצייט 1069־1969". וועגווייזער פאַר דורות. עסייען. ניו־יאָרק: איקוף, 1971, זז' 21־37.

29 זינגער, י. י. "יידישע שרייבער פון אַלע לענדער פּאַרייניקט אייך!" ליטעראַרישע בלעטער. אילוסטרירטע וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט. פערטער י"ג, No. 43, וואַרשע: פאַרלאַג ב. קלעצקין, אָקט' 28, 1927, זז' 829־30.

30 חנן. "וויסנבערג דער קלאַסיקער!" אונדזער לעבן. ביאַליסטאָק, נומ' 189.

מאָנטאַג, אויגוסט 15, 1938, ז׳ 4. ייִוואָ. ווילנער אַרכיוו, נ. י., אַרטיקל נומ׳ 88203, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפ׳ 3.

31 טייטלבוים, בנימין. ״איטשע מאיר ווייסנבערג (שטריכן צו זיין כאַראַקטער)״. המשך. זאַמלבוך 1. רעדאַקציע־קאָלעגיע: ב. דעמבלין, בעריש ווײַנשטיין, ל. טרייסטער. ניו־יאָרק, 1939, זז׳ 228־46.

32 טשרניחובסקי, שאול. ״ראי אדמה״. שירים. ספרי מופת לבתי־ספר יוצאים לאור בהשתתפות בית הספר הריאלי העברי בחיפה ובעריכתו. ירושלים ותל־אביב: שוקן, תש״ך, ז׳ 252.

33 לאַסאַל, פערדינאַנד. ״די וויסענשאַפט און די אַרבייטער״. איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן. ״באַסט א־שולצע [אַזוי] אַדער קאַפּיטאַל און אַרבייט״. איבער־זעצט פון א. א. ראבאק. געקליבענע שריפטען. ניו־יאָרק: קראַפּאָטקין ליטע־ראַטור געזעלשאַפט, 1916.

34 לערמאָנטאָוו, מ. יו. ״אַ חלום״. אנטאלאגיע רוסישע פּאָעזיע. יידיש: ל. פיינ־בערג. ניו־יאָרק: קאָמיטע פאַר ״רוסישער פּאָעזיע״ מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד, 1950, ז׳ 53.

35 מאַנגער, איציק. ״י. מ. ווייסענבערג״. דער וועקער. ניו־יאָרק, אָקט׳ 1, 1938, ז׳ 8.

36 מאַרק, ב. ״צום אָנדענק פון יצחק־מאיר ווייסענבערג. אַ וואָרט אויף זיין קבר אויפן יידישן בית־עולם אין וואַרשע״. יידישע שריפטן פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. וואַרשע, דרייצנטער י״ג, נומ׳ 8 (135), אויג׳ 1958, זז׳ 1, 7.

37 מילער, גאַלין. ״סלושאַי!״ יידיש: ש. אַנ־סקי. 60 פאָלקסליעדער מיט נאָטען. געזאַמעלט פון מ. קיפּניס. צווייטע אויפלאַגע. וואַרשא: פערלאַג א. גיטלין [ינ״א], זז׳ 69־71.

38 מענדעלסאָן, ש. [אַריינפיר]. י. מ. ווייסנבערג פאַר יוגנט. וואַרשע: פאַרלאַג ״קינדערפריינד״, 1938, זז׳ 3־4.

39 נאַדיר, משה. ״איטשע מאיר ווייסענבערג״. דער האַמער. קאָמוניסטישער חודש־זשורנאַל. ניו־יאָרק, Vol. XI, No. 9, סעפּט׳ 1938, זז׳ 29־31.

40 ניגער, ש. ״א. מ. ווייסענבערג״. דער טאָג. ניו־יאָרק, אויג׳ 19, 1938.

41 ניימאַן י. מ. ״י. מ. ווייסענבערג, קעמפער און מאַרטירער (ביאָגראַפישע נאָטיצן)״. היינט. וואַרשא, 31־טער י״ג [האַרבסט], 1938.

42 סימכאָוויטש, ש. י. ״א. מ. ווייסענבערג״. אין שעה פון תפילה. לידער. מאָנטרעאָל: קאָמיטעט, ביי דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, 1958, ז׳ 57.

43 פאַפּיערניקאָוו, יוסף. ״מיט עוזר וואַרשאַווסקי. זכרונות פון א דיכטער״. לעצטע נייעס. תל־אביב, 1949, זז׳ 6־7.

44 פרילוצקי, נח. ״דאָס רעטעניש ווייסענבערג״. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט. ניו־יאָרק, נאָװ׳ 4, 1938, זז׳ 4־5.

45 פרייליך, י. ״א. מ. ווייסענבערג, אברהם ליעסין. געקליבענע ווערק. ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק ביים אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס״ [רובריק שמועסן וועגן ליטעראַטור. אונדזער וועג. ניו־יאָרק, אָקט׳ 1954, זז׳ 18־19.

46 צייטלין, אלחנן. ״לשון זאל זיין! צי דאַרף אַ יידישער שרייבער קענען שרייבן. צו דער שפּראַך פון ווייסענבערגס פאמפלעט״. ליטעראַרישע בלעטער. וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט־פראַגן. וואַרשע, צווייטער י״ג, No. 41, פרייטיק, פעב׳ 13, 1925, ז׳ 3.

47 קאַהאַן, יצחק. ״העברי לאָוסאָן און י. מ. ווייסענבערג. פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.״שמועסן״ מיט אויסטראַלישע שרייבערס. מעלבורן, 1976, זז׳ 65־69.

48 קיטאַי, מ. ״י. מ. ווייסענבערג״. ליטעראַרישע בלעטער. וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט. וואַרשע, פופצנטער י״ג, No. 42 (753), נאָוו׳ 11, 1938, זז׳ 698־99.

49 קנאַפּהייס, משה. ״זכרונות וועגן י. מ. ווייסענבערג״. זשעלעכאָווער בולעטין. שיקאַגאָ, צווייטער י״ג, נומ׳ 7־8, יולי־אויג׳ 1950, אב־אלול, תש״י, זז׳ 90־100.

50 קעניג, ל. ״וואס איז דער מעהר מיט ווייסענבערג׳ן? צו ווייסענבערג׳ס 50 יאָריגען יובילעי״. די צוקונפט. ניו־יאָרק (ב׳ 37, נומ׳ 7), יוני, 1932, זז׳ 352־55.

51 ______. ״י. מ. ווייסענבערג״. היינט. וואַרשאַ, 31־טער י״ג, נומ׳ 211, פרייטיק, סעפּט׳ 9, 1938, ז׳ 7. ייִוואָ. ווילנער אַרכיוו, נ. י., אַרטיקל נומ׳ 88206, זאַמלונג ״ייִדישע שרײַבער״, רעפ׳ 3.

52 ראַוויטש, מיילעך. ״איטשע מייער ווייסענבערג״ [סעריע] פון מיינע באַגעגענישן. די פּרעסע. בוענאָס־איירעס, 1942.

53 ראפאפּארט, י. ״די דרייפאכע טראגעדיע (ווייסנבערג דער קינסטלער, דער קעמפער, דער מענטש)״. פרייע אַרבעטער שטימע. ניו־יאָרק, פרייטיק, סעפּט׳ 23, 1938, ז׳ 5.

54 ______. ״י. מ. ווייסנבערג דער דערציילער, 1881־1938״ [1878־1938]. די צוקונפט. ניו־יאָרק, ב׳ 55, נומ׳ 6, יולי־אויג׳ 1950, זז׳ 312־18.

55 ______. ״דערינערונגען וועגן י. מ. ווייסנבערגן״. זוימען אין ווינט. בוענאָס־איירעס: אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, תשכ״א 1961, זז׳ 311־61.

56 רייזפעדער, יעקב. ״י. מ. ווייסענבערג (אויף זיין פרישן קבר)״. אונדזער עקספּרעס. וואַרשע, פרייטיק, אויג׳ 19, 1938.

57 Schauffler, Robert Haven, *Beethoven, the Man Who Freed Music.* Garden City, N.Y.: Doubleday, Doran & Co., Inc., 1934, © 1929.

58 שולשטיין, משה. "י. מ. ווייסענבערג, מיין ערשטער ליטעראַרישער רבי". געשטאַלטן פאַר מיינע אויגן. עסייען, פּאָרטרעטן, דערמאָנונגען. פּאַריז: קאָמיטעט פון פריינד און בוך־קאָמיסיעביים פּאַראייניקטן סאָציאַלן פאָנד אין פּאַריז, תשל"א 1971, זז' 11־16.

59 שטיין, מ. ב. "ווייסענבערג דער באַזינגער פון סטיכיע". דאָס נייע וואָרט. וואַר־שע, נומ' 108, אַפּר' 30, 1937.

60 ______. "די מאסקע". דאָס וואָרט. תל־אביב (?־־)19.

61 שטיקער, מאיר. "דרך המלך פון דער יידישער ליטעראַטור". פאָרווערטס. ניו־יאָרק, זונטיק, יאַנ' 18, 1976, סעקציע M, ז' 4.

62 שטענצל, א. נ. "י. מ. ווייסנבערג". יידיש. לאָנדאָן־ווייטשעפּל: דרוקעריי י. נאַראָדיצקי, 1942, זז' 72־78.

63 שטערן, ישראל. "דער אומפּראַקטישער". דער מאָמענט. וואַרשע, נומ' 193A (מאָרגן־אויסגאַבע). אויג' 19, 1938, זז' 8(־?). ייווא. ווילנער אַרכיוו, נ. י., אַרטיקל נומ' 88204, זאַמלונג "יידישע שרייבער", רעפּ' 3.

64 שימעל, משה. "דער פרינץ פון זשעלעכאָוו". היינט. וואַרשא, 31־טער י"ג, נומ' 193, פרייטיק, אויג' 19, 1938.

65 שלעווין, ב. "75 יאָר עוזר וואַרשאַווסקי". ישראל־שטימע. תל־אביב, אויג' 8, 1973, ז' 4.

זוכצעטל פֿון נעמען

אויב בלויז דער פֿאַמיליע־נאָמען פֿון אַ פּערזאָן געפֿינט זיך אינעם טעקסט, אָבער אינעם זוכצעטל איז אויך זיין ערשטער, צי מיטל־נאָמען אָנגעגעבן — ווערט ער געוויזן אין קאַנטיקע קלאַמערן. אַן אויסנעם זענען באַוווּסטע היסטאָרישע פּיגורן, פֿילאָסאָפֿן, און קינסטלערס אין דער ייִדישער און נישט־ייִדישער וועלט וואָס אויב זייער ערשטער, צי מיטל־נאָמען איז נישט פֿאַראַן אין טעקסט, ווערט ער אויך אינעם זוכצעטל נישט אָנגעגעבן אָדער ער ווערט געגעבן אַן קלאַמערן.

אויב אַן ערשטער, מיטל־ צי פֿאַמיליע־נאָמען ווערט געוויזן אינעם טעקסט אין קאַנטיקע קלאַמערן — ווערט ער אויך אינעם זוכצעטל אַזוי געוויזן.

אויב אַ צונאָמען, סיי אַ ייִדישער און סיי אַן אָנגענומענער נאָמען פֿון אַ פּערזאָן געפֿינט זיך אינעם טעקסט אָדער ערגעץ אַנדערש (אין די אילוסטראַציעס, הוספות, הערות, צי ביבליאָגראַפֿיע) — ווערט ער אינעם זוכצעטל געוויזן אין קיילעכיקע קלאַמערן. דאָס איז אויך נוגע אַן אינפֿאָרמאַטיווער באַמערקונג.

א

א. י. ד., 93
אַבאַרבאַנעל, ד., 92
אַבראַמאָוויטש, איזידאָר, 92
אברבנאל, א., 55
אַדלער, יעקב, 160
אַדלער, יעקב פּ., 132
אוזערפּאַטער, משה, 3, 93
אולינאָווער, מרים, 35
אונגער, מנשה, 81, 93, 240
אחד־העם, 90, 159
איבן גבירול, שלמה, 103, 291
איבן עזרא, משה, 103
איבסען, הענריק, 35, 92, 182
איוב, 149
איוואַן דער גרויזאַמער, 159
אייבעשיץ, נחום, 91, 102, 152, 170, 246־47
אייזענבערג, א., 55
אייזענבערג, ח., 22
אייזענבערג, י. ח., 55
איינהאָרן, אהרן, 35
איינהאָרן, דוד, 40, 105
איינשטיין, אַלבערט, 72, 134
אייסמאָנד, יוליאַן, 55
אייסען, א., 91־92
איסטראַטי, פּאַנאַיט, 92, 245
אַלבערג, אַלטע־שׂרה, 18, 24
אַלבערג, ליפּיש, 18
אַלעי, מרדכי, 92, 113
אַלעקסעי, 258
אַנטאַקאָלסקי, מאַרק (מרדכי), 155, 159, 163־64, 247
אַמאַר קאַיאַם, 92
אַנ־סקי, ש., 67, 216
אַפּאַטאָשו, יוסף, 144־46
אַפּענשלאַק, י., 35
אַקאָסטאַ, אוריאל דא, 154
אַקסעלראָד, זעליק, 158
אַקסעלראָד, מאיר, 155
אַראָנסאָן (אַראָן), כיל, 39, 41
אָרדאָנעוונאַ, האַנקאַ, 240
אָרדענגאַ (פּריץ), 7
אָרלעסקאַ, מרים, 81, 155־56
אַרנאָלד, 158
אַרצישעווסקי, טאָטשיאַ, 158־59
אַש, מאַטילדע, 40
אַש, שלום, 7, 11, 40, 51, 59, 82, 92, 105־06, 114, 132־34, 145, 177, 186, 228, 247, 271־72, 274־75
אַשענדאָרף, י., 93
ר' אשרל, רבי, 7

ב

ב־ן, 55
ב. צ., 35
באַבעל, איסאַק, 120־24
באַדלער, 125
באַטאַשאַנסקי, יעקב, 175־76
באַך, 264
באַלגלעי [באָריס], 308
באַלגלעי, חנה, 308
באַלסאַם, ש., 92
באַמאַץ, אַבע, 265, 301
באַקל, הענרי, 179
באַראַבאַן, אברהם, 156
באָריישאַ, מנחם — זע מנחם
באָרנשטיין, ב., 93
באָרנשטיין, מינאַ, 81
באָרנשטיין, משה (משהל) — זע שטיין, מ.ב.
באָרנשטיין, פּ., 152

בודהאַ, 210
בוים, ש.ט., 92
בולבאַ, טאַראַס, 229
בוללי, וו. א., 137, 183-84
בורשטין־האַנדעלסמאַן, ח., 93
בזשוסטאָווסקי, ה., 93
ביאַליק, חיים נחמן, 33, 125-26, 150, 228
ביאַליק, מאַניע, 228
ביזע, 69
בייטשמאַן, 83
בייראָן, 108, 267
בימקאָ, פ. (פישל), 35
ביסמאַרק, 229
בירזאָווסקי, א., 35
בירנבוים, שׂרה, 93, 152, 170, 243, 311
בלאָדי, וו., 93
בלעם, 98, 143
בן־דב, י. [ציעכאַנאָווסקי], 37, 93, 169, 170, 172, 236, 266, 274
בעטהאָווען, לודוויג וואַן, 91-92, 100, 106-07, 210, 214-15, 246-47, 260
בעל־מחשבות (ד"ר א. עליאַשעוו), 186
בעל־שם טוב, 210, 212-15, 220
בעקערמאַן, אהרן, 55, 58, 91
בערגמאַן, י., 93
בערגעלסאָן, דוד, 132
בערגער, יצחק אַרי, 93
בערלינסקי, שלמה, 148, 297, 298*
בערמאַן, אסתּר, 93
בערנאַרד, סאַראַ, 148
בערנשטיין, יצחק, 216, 218, 223, 253, 290, 292-93, 301-02
בראָדערזאָן, משה, 236, 265
בראַון, גראַף פאָן, 107
בראַיאַנט, וויליאַם קולען, 91
בראַנדעס, געאָרג, 92
בראַק, 84
ברוין, י., 55
ברוקאַזש, מאיר, 72
ברייטבאַרד, זישע, 229
בריינסקי, שלמה, 32, 78, 90, 93, 165-67, 178, 281
ברינמאַן, י. ר., 92

ג

גאָגאָל, 119
גאַדיק, וולאַדיסלאַוו, 152
גאַזעל, ראָזאַ, 153
גאָלדבערג, אליהו, 93
גאָלדבערג, גאָלדע (פלימעניצע), 21
גאָלדבערג, י., 35
גאָלדבערג, מ., 93
גאָלדבערג, מאַטעס (פלימעניק), 21
גאָלדבערג, פייגעלע (פלימעניצע), 21
גאָלדבערג, ר., 55
גאָלדהאַבער, יוסף, 93
גאָלדמאַן, יצחק, 93
גאָלדסאַבעל, 300-01, 307, 309
גאָלדענבערג, אסתּר, 262, 292
גאָלדפאַדען, 133, 146, 151, 281-82
גאָלדפאַרב, ש., 56, 62, 165
גאַליליי, 57
גאַנדי, מאַהאַטמאַ, 72, 284
גאַרבאָ, גרעטאַ, 259
גאָרדאָן, א. ד., 303
גאָרדין, יעקב, 147-48
גאָרקי, מאַקסים, 41, 91-92, 119, 133-34
גוטערמאַן, אברהם, 262
גונאָ, 69
גיטלין [א.], 11, 166
גילבערט, שלמה, 35
גינסבערג, אַרנאָלד — זע אַרנאָלד
גינצבורג, באַראָן דוד, 163
גלאַטשטיין, יעקב (דיכטער), 27
גלאַטשטיין, יעקב (לערער), 27
גליצענשטיין, חנוך, 158-61
גליקסמאַן, א., 92
גנעסין, א. נ., 35
געבירטיג, מרדכי, 152
געטע, 96, 276
גר, מ., 93
גראַבסקי, וולאַדיסלאַוו, 83
גראַבער, מ., 93
גראָדזיצקי, מ., 93
גראָס, נפתלי, 93, 180-81
גרינבוים, אהרן, 93
גרינבוים, יצחק (איציק), 47, 233-35
גרינבלאַט, א. ל., 93
גרינבערג, אליעזר, 272
גרינבערג, י. פ., 35, 55, 58
גרינפאַרב, דוד, 35, 55
גרמיזה, פנחס, 93

ד

דאָבזשינסקי, האַנקאַ, 239
דאָבזשינסקאַ, שׂרה, 55
דאַמב, האַרי, 93
דאַן, ש., 93, 301, 307
דאַנילעוויטש, הירש — זע הערשעלע
דאָסטאָיעווסקי, 10, 96-97, 118-19
ד'אָר, א. ל., 55
דאַרווין, 210
דוד המלך, 278
דוזע, עלעאָנאָראַ, 148
דיאָגענעס, 107
דיומאַ, אַלעקסאַנדער, 296
דיטריך, מאַרלענע, 259-60
דינגאָל, ס., 273-74
דינעזאָן, יעקב, 11

דן, יהודה, 35
דרייזער, טעאָדאָר, 138
דתן ואבירם, 89

ה

האַו, אוירווינג, 272
האַלטער, רחל, 93
האָלמס, פֿיליפּ, 259
האַלער, ג., 93, 102
האַלפּערן, דינה, 146, 151
האַלפּערן, לאהטשע, 92
האַלפּערן, מאיר, 226, 269
האַלפּערן, משה לייב, 92, 107, 134, 269, 270
האָמיניס, פֿיליוס, 35
האַמסון, קנוט, 35, 128, 133
האָמער, 96
האָנענבערג, ש., 35
האַנפֿט, חיים, 160־61, 239, 246
האַראָנטשיק, שמעון, 33, 35, 39, 54־57, 60־64, 93, 125, 132־33, 156, 164־65
האַרענדאָרף, ש. י., 93
הומבאָלדט, אַלעקסאַנדער פֿאָן, 119
היטלער, 63, 71, 128, 224־25, 249*, 251, 302
היינע, 183, 238, 260, 267
הייפֿערמאַן, נ., 93
היישעריק, ק. ח., 92, 98, 165
העגעל, 141, 281
העמינגוועי, אוירנעסט, 271
העסע, הערמאַן, 91
הערמאַן, דוד, 156
הערשעלע, 35, 98־99, 227

ו

וואַגמאַן, י. (איטשע), 91, 161
וואָיטשיקעוויטש, ש., 54
וואָלאָשקי, א., 93
וואָלטער, 49
וואָלפֿאָוויטש, נ., 55
וואַלפֿיש, חוה, 285־86, 301
וואַסערמאַן, יאַקאָב, 35
וואַרשאַווסקי, עוזר, 31־32, 35, 38־41, 55, 57, 81, 92, 114, 125, 132־33, 136, 165, 174
וויגדאָראָוויטש, י., 91
ווידרעוויטש, מ. ד., 112
ווידרעוויטש, נעכע, 112
וויוואַלדי, 69
וויטאַל, נח, 93
וויטאָס, ווינצענטי, 272־73
וויילד, אָסקאַר, 124־25
וויינטרויב, יצחק, 93
וויינינגער, אָטאָ, 140
וויינפּער, ז., 92
וויינריב, ברוך, 93
וויינרייך, מאַקס, 55
ווייסליץ, יעקב, 81, 155
ווייסענבערג, ביילטשע (פֿרוי), 17, 19־20, 22־24, 27, 29־31, 45־46, 48־49, 52־53, 66, 68, 70, 71*, 72, 75־77, 79, 82, 84־86, 107, 112, 124־25, 168, 185, 224־25, 239־40, 242־46, 248־50, 253, 255־56, 261, 273, 285, 287, 291, 296־97, 301, 308
ווייסענבערג, יעקב (ברודער), 19
ווייסענבערג, לייביש (מאַטעסעס) (פֿאָטער), 3־6, 10, 17, 31, 111
ווייסענבערג, מאַליע (פֿרוי), 12־17, 19, 25, 223, 241, 257, 262
ווייסענבערג, פעסע (מוטער), 1־2, 4־5, 8, 10, 19־21, 28, 31, 87, 111, 154־55, 255, 287, 307, 308
ווייסענבערג, פערל (פוו"א) — זע ווייסענבערג־אַקסעלראָד, פערל
ווייסענבערג, פֿייגעלע (שוועסטער), 5, 31
ווייסענבערג־אַקסעלראָד, פערל (טאָכטער), 1־3, 9־10, 14־15, 19־29, 31־33, 36, 43, 45־46, 50־52, 63, 66, 68־69, 71, 73, 75־82, 84־87, 112, 124, 137־38, 144, 146, 148, 150־51, 156־61, 168, 175, 180, 183, 185, 189, 220־21, 223־25, 230־32, 235־38, 240־42, 245, 247־50, 252־57, 259־60, 262־65, 273, 276, 285־88, 292־93, 296־98, 300־02, 307־11
ווייסענבערג (־גאָלדבערג), חמה (שוועסטער), 21, 24, 307
ווייסענבערג (־ראָטשטיין), גנענדל (טאָכטער), 1־3, 9־10, 15, 19־29, 36, 46, 50־53, 68, 75־76, 79־80, 84, 86־87, 157־58, 160, 185, 223־25, 235־38, 241, 244־45, 248־51, 253, 259־60, 262, 264, 292, 301, 308, 310
ווילהעלם II, קייזער, 229
ווילנער גאון, 159
ווינאָגראַד, חיסדא — זע חיסדא
ווינער, טוביה, 93
וויסאָצקי, ח., 93
וויספּיאַנסקי, סטאַניסלאַוו, 91, 120
וויקטאָריאַ, קיניגין, 250
וועיף־גאָלדבערג, מארי, 132*
וועצערמאַן, בערל, 18
וועצערמאַן, העליע, 18
וועצערמאַן, מאַניע, 18
וועצערמאַן, פֿאַליע, 18
וועצערמאַן, פֿייגעלע, 18־19
וועצערמאַן, פֿראַניע, 18
ווערדי, 69, 260
ווערטהיים, א., 93
ווערלען, 125
ווערפֿעל, 35

זאהל, האַנס, 251־53
זאַלצמאַן, גרשון־העניך, 26־27, 50, 87, 262
זאַנשיין, אברהם, 93
זאַסלאַווסקי, רודאָלף, 146, 154
זאַראַמב, ש., 93
זיגעלבוים, אברהם, 262
זיגעלבוים, ראובן, 150
זיידענבייטעל, אפֿרים, 160
זיידענבייטעל, מנשה, 160
זילבורג, משה, 164
זילבערמאַן, א. מ., 92
זילבערמאַן, חנה — זע מאַלאַצקי, חנה
זילבערמאַן, יעזשיק, 25
זילבערמאַן, יצחק, 12־14, 224
זילבערמאַן, מאַליע — זע ווייסענבערג, מאַליע
זילבערמאַן, מאַרילאַ, 25
זילבערמאַן־משפּחה, די, 12
זילבערמאַן, סעווערק, 25
זילבערמאַן, פּאַוועל, 25־26, 257
זילבערשטיין, ביינעש, 55
זינגער, י. י., 107, 109
זלאַטניק, הרב י., 93
זעליגפֿעלד, זימרה, 81
זשאַבאָטינסקי, זאב, 257
זשיד, אַנדרע, 118
זשיטלאָווסקי, חיים, 230
זשיטניצקי, ה. ל., 35, 81
זשעראָמסקי, סטעפֿאַן, 296־97

ח

חיסדא (פּעטער), 17

ט

טאַגאָרע, ראַבינדראַנאַט, 124, 148
טאָלסטאָי, 35, 118־19, 148
טאָמאַשעווסקי, באָריס, 132
טאַנדאָווסקאַ, העניע, 93
טאַרעס העניר, 44
טורקאָוו, זיגמונט, 146
טורקאָוו, מאַרק, 99
טייטלבוים, בנימין, 40־41, 136־37, 248־49
טיקאָטשינסקי, ישׂראל, 156
טענענבוים, י., 35
טענענבוים, יענקל, 77
טענענבוים, רוזשקע, 77, 83
טענענבוים, שׂרה, 93
טעפּער, קאַליאַ, 36־37, 81
טערקעל, ב., 93
טראַיאַנאָוו, מישאַ (פּסעוודאָנים פֿון משה טראַיאַנאָווסקי), 225, 301, 308
טראָצקי, לעוו, 210, 230־31
טשאַיקאָווסקי, 260
טשאַרני, דניאל, 40
טשעכאָוו, 91, 119
טשעליאַדניצקי, א., 264, 300־01, 307, 309
טשענסטאָכאָווסקאַ, שושנה, 35
טשערניכאָווסקי, שאול, 125־26
טשערניעצקי, 15

י

י. ג., 35
יאַבלאָנקע, א. ב., 93
יאַנאָווער, י., 93
יאַסעלעוויטש, בערעק, 146
יאַסעם, מרים ב., 92
יאַפּע, מרדכי, 126*
יאַקובאָוויטש, ראַזאַ, 35
יוסטמאַן, ד"ר, 244
יוריס, ש., 46
יעקאַטערינע די גרויסע, 229
יעקב אבינו, 8
ישעיה הנביא, 143, 234

כ

כמיעל, רחלע, 76
כמיעלניצקי, באָגדאַן, 88, 229

ל

לאָוסאָן, העניר, 270־71
לאָנדאָן, דזשעק, 124
לאַנדינסקי, העלען, 76
לאַנדינסקי, ש. י., 35, 290־92, 301, 304־07
לאַנגפֿעללאָ, 91, 96
לאַסאַל, פֿערדינאַנד, 119, 277, 281
לאַסקער־שילער, עלזאַ, 92
לוצקי, א., 92
ליאָוו, לעאָ, 68
ליבלינג, מ., 93
ליבערמאַן, חיים, 91־92
לידסקי, י., 42
ליטוואַקאָוו, מ., 279
לייפונער, יצחק, 232־33
לילית, אַלאַ, 146, 151־53
ליעסין, אברהם, 55
ליפּאַ, א., 93
ליפֿשיץ, יאַשקע, 81
לעהמאַן, שמואל, 99
לעוו, י. מ., 93
לעווי, זשאַק, 81, 151־52, 154־55
לעווי, חיה־הינדע, 82, 93
לעווינסאָן [איגנאַץ], 239
לעווינסאָן, וואַנדושאַ, 239
לעקערט, הירש, 229
לערמאַנטאָוו, מ. יו., 68, 116־18, 259־60

לערער, יחיאל, 24, 32-33, 55, 77-78, 81, 90-91, 135, 148, 152, 165-68, 170, 247, 293
לערער (פֿרוי), 78
לערער (-ברײנסקי), חנה-מלכּה, 32, 77-78

מ

מאַזאַ, מרדכי, 81, 155
מאַזיאַ, מ., 93
מאַין ריד, 60
מאַלאַדאָווסקי, קאַדיאַ, 36
מאַלאַצקי, חנה, 12, 14-15, 241, 257
מאַלאַצקי, מרדכי, 241-42
מאַלאַצקי, משה (מיעטעק), 241
מאַלאַצקי, פּנחס, 241
מאַליער, 125
מאַלקין, ד. ב., 119
מאַן, טאָמאַס, 155
מאַנגער, איציק, 135, 151, 179, 227, 237-38, 267-69
מאַני לייב, 92, 135
מאָצאַרט, 270
מאַקוס, איטקע, 22, 46, 66, 68-69, 74, 76, 78, 80, 82-84, 86, 243, 251
מאַקוס, שמעלקע, 22, 251
מאַקוס, רוזשקע, 22-23, 46, 83
מאַראַוויטש, ש., 93, 152
מאַרוויל, ש., 93, 298
מאַרטינאַוו [ניקאָלײַ], 117-18
מאַרק, בערל, 284
מאַרקיש, פּרץ, 40
מאַרקס, קאַרל, 229
מאַרשאַל, לואי, 303-04
מאַשעלעס [איגנאַץ], 107
מולך, 277
מוקדון, אַלכסנדר, 107
מייזיל, נחמן, 147
מיכאַלעוויטש, ב., 279
מילײַקאָווסקי, אברהם, 287
מילער, משה, 93, 152, 300
מילשטיין, ד״ר, 55
מינכהאַוזען, 228
מינקוס, משה, 37-38, 166
מיסטינגעט, 235
מיצקעוויטש, אַדאַם, 119
מיקעלאַנדזשעלאָ, 210, 215
מירלאַסאָוואַ, 242
מנחם, 51
מעטערלינק, מאָריס, 91, 106
מענדעלע מוכר ספרים, 90, 92, 128, 130-31, 183
מענדעלסאָן, שלמה, 55
מעסינג, וואָלף, 72-77
מעריסמאַן, ראָבערט, 92
משה רבינו, 210, 212, 215, 230

נ

נאַדיר, משה, 92, 134-35
נאַדלער, אברהם, 30
נאַדלער, אהרן, 20, 30
נאַדלער, ביילטשע — זע וויסענבערג, בײל-טשע
נאַדלערס, די, 18, 23
נאַדלער (פֿרוי), 17, 256
נאַדלער, פריידל, 30
נאַדלער, שׂרה, 251
נאַזימאָוו, גענעראַל-גובערנאַטאָר, 163-64
נאַזימאָוו (פֿרוי), 163-64
נאַטיטש, מ., 93
נאַכבוש, נח, 155
נאַמבערג, הערש-דוד, 11, 40, 46-47, 52-53, 55, 64, 81, 100-03, 107-08, 170, 274, 309
נאַפּאָלעאָן I, 210-11, 229, 283
ניגער, שמואל, 11, 37-38, 42, 56-60, 141-44, 146-47, 166, 182
ניטשע, פרידריך, 91, 96, 140-41, 210, 247
נייבערג, ירחמיאל, 93
ניימאַן, י. מ., 284
ניעוויאַדאָמסקי — זע בייטשמאַן
ניקאָלײַ I, צאַר, 118
ניקאָלײַ II, צאַר, 229, 258
נסתּר, דער, 132
נעסטאָר דער פּינקס-שרײַבער, 159
נעראָ, 210-11

ס

ס. וו., 35
סאָלאָוויטש, אברהם, 265, 301
סאָקראַטעס, 140-41, 159, 291
סאַרנאָ, י., 93
סוצקעווער, אברהם, 148, 225
סטאַלין, 72, 210, 230-32
סטאָליפּין, 229
סטאַניסלאַווסקי, פּיאָטער, 148
סטאַסאָוו, וולאַדימיר, 247
סימכאָוויטש, ש. י., 284
סינגאַלאָווסקי, א., 201
סינקלער, אַפּטאָן, 296
סלאָוואַצקי, יוליוש, 119-20
סמאַליאַזש, יוסף, 150, 225, 287, 301
סעגאַלאָוויטש, ז., 47-48, 226
סעגאַלאָוויטש, קלאַראַ, 80, 262
סענדזשין, שמואל, 93
סערוואַנטעס, 96
ספּאַרטאַנין, זשאַק (פּסעוודאָנים פֿון יצחק גאַלדקאָרן), 93

ע

עדיפּוס, 128

עלבוים, חיה (חיהלע) — זע עלבוים־דאַרעמבוס, חיה
עלבוים, שׂרה, 93
עלבוים־דאַרעמובס, חיה, 92, 180
עלין, מ., 93
עפיקטעטוס, 128
עפלבוים, שׂרה, 93
ערדבערג, מירל, 35
עריק, מאַקס, 34
ערליך, הענעך, 78, 92־93, 102, 235, 240־41, 264, 300־01, 307, 309
ערליך, י., 93
ערליך, מ., 102
ערליך (פֿרוי), 78
ערנסטער, דער, 55
ערסקין, דזשאָן, 91
ערענבורג, איליאַ, 40
עשׂו, 8

פּ

פּאָו, עדגאַר אַלאַן, 124, 145
פּאַט, יעקב, 93
פּאַליוואַ, אברהם, 93
פּאַלפֿי, גראַף פֿאַן, 107
פּאַפּיערניקאָוו, יוסף, 35, 55, 93, 174, 177
פּוגאַטשאָוו, יעמיליאַן, 229
פּוזשיצקי, פּייגל, 93
פּושקין, 117, 148
פּזשיבישעווסקי, סטאַניסלאַוו, 92
פּיאָטער דער גרויסער, 159
פּיזעל, ש. (שפּעטער באַקאַנט ווי ש. אַפּטער), 93
פּילסודסקי, יוזעף, 272־73
פּינסקי, דוד, 42, 272
פּיעטרושקאַ, ז., 93, 102
פּלאַטאָ, 140־41
פּלאַטעק, ד., 93
פּלאַטעק, ח., 93
פּעטלורע, 88, 229
פּערלאָוו, יצחק, 93
פּערלע, יהושע, 35, 54, 66, 81, 178, 302
פּערלע (פֿרוי), 66, 81
פּערלעס, אַלפֿרעד, 91
פּערסקי, נ., 93
פּרילוצקי, נח, 160
פּרילוצקי, פּאַולאַ, 160
פּרעה, 306
פּרץ, י. ל., 11, 13־14, 22, 39, 48, 61, 101־02, 114, 128־31, 140, 174, 186, 216, 263

פֿ

פֿאַלמאַן, א., 93
פֿאַקס, אסתּר, 45*, 49
פֿאַקס, עמנואל, 49
פֿאַקס, שמואל, 45, 48־49
פֿאַרבאַ, אַלעקסאַנדער, 35
פֿאַרענבערג [קאַרל], 42
פֿיכטוואַנגער, ליאָן, 35
פֿוקס, א. מ., 132
פֿיטזדשעראַלד, עדוואַרד, 92
פֿייגין, ז., 92
פֿייגנבוים, 248, 253
פֿיינבערג, ל., 116
פֿיכמאַן, יעקב, 172
פֿיליוס האַמיניס, 35
פֿינקעלשטיין, לעאָ, 112, 229, 302
פֿלאַקס, חיים, 35, 55־56, 90, 93, 164־65
פֿלאַקסער, אברהם־הערש (לאָדזשער), 90, 93, 152, 243, 267
פֿלאַקסער, אפרים, 243
פֿלאַרקע, 156־57
פֿליישער, רבקה, 93
פֿרוג, שמעון־שמואל, 130־31
פֿרויד, זיגמונד, 72
פֿרידמאַן, ב., 35, 93, 247
פֿרדימאַן, יוסף, 163 245, 265, 301
פֿרידמאַן, יצחק, 93
פֿרישמאַן, דוד, 33, 39
פֿרענקעל, מנשה, 91

צ

צדוק (לערער), אַלוף מרדכי, 24
צווייג, סטעפֿאַן, 35
צוקערמאַן, הוגאָ, 34*
צייטלין, א., 35
צייטלין, הלל, 33
צימערמאַן, הענע, 265, 293־94
צימערמאַן־משפּחה, די, 268
צימערמאַן, שמעיה, 170, 236, 265־66, 293, 301
צינבערג, ישׂראל, 10
ציעכאַנאָווסיק, י. ב. (בן־דוב, י. [ציעכאַנאָווסיק]) (י. ג.) — זע בן־דב, י. [ציעכאַנאָווסקי]
צפור, י. ב., 34־35

ק

קאַבאַקער, ש., 265
קאַגאַנאָווסקי, אפרים, 11, 22, 47, 76, 81, 228, 235, 239, 242
קאַגאַנאָווסקי, רעגינע, 22, 76
קאַהאַן, אב., 43־44, 55־56, 132, 134־36, 272
קאַהאַן, יצחק, 270
קאַהאַן [כהן], צבי, 35
קאָווע, אהרן, 93
קאָווע, שלמה־לייב, 227־28
קאַזדאַן, שׂפֿרה, 26
קאַזשען, נ., 160

קאַטליאַר, 160
קאַמינסקי, אברהם־יצחק, 147־49, 157־58
קאַמינסקי, אסתּר־רחל, 99, 146־49, 157־58
קאַמיעניעצקי, יעקב, 249
קאַנט, 141
קאַראַבצינסקי, ברכה, 93
קאַראַלניק, א., 64
קאַרד, א., 92
קאַרנבלום, שלמה, 55, 90, 93, 100, 165
קאַרעני, נאַדאַ, 235
קאַרפּ, אסתּר, 161
קוטוזאָוו, 283
קולבאַק, משה, 92, 135
קופער, דוד, 93
קורלענדער, ז., 93
קיטאַי, מ., 130, 201
קיטס, 125
קייטעלמאַן, יחזקאל, 93, 132
קיניאַ, ניקאַלאַ זשאַזעף, 162
קיפּלינג, רודיאַרד, 124
קיפּניס, מנחם, 81, 294־95
קליין, גינע, 93
קליינמאַן, אפרים, 55
קליינמאַן, דוד, 93
קנאַפּהייס, משה, 151, 228
קעלערמאַן [בערנאַרד], 35
קעניג, לעאַ, 92, 144־46, 284
קראַוועצקי, נ., 93
קראַס, מילטאָן, 220
קריסטוס, 159, 210, 215, 228־29

ר

ראַדין, 166
ראַהדען, באַראָנעסע פאָן, 163
ראַוויצקי, פּ. ב., 35
ראַזסלאַנעק, 244, 253
ראַזענבערג, שלמה, 35
ראַטבאַרד, מלך, 170, 265
ראַטבאַרד, ראַכטשע, 170, 265
ראַטשטיין, א., 93
ראַלניק, יוסף, 92־93
ראַמאַנאָוו, פּרינץ אַלעקסעי — זע אַלעקסעי
ראַספּוטין, 258־59
ראַפּאַפּאָרט, י., 7, 93, 176, 256
ראַקאָווסקי, מאַרק, 92, 111, 243
רוביז, ז., 93
רובין, מ., 93
רובינליכט, פעליקס, 28, 81
רובינשטיין, יוסף, 83
רוסאָ, זשאַן זשאַק, 119
רוסקאַלענקער, א., 93
רחל, די מאַמע, 269
ריאַזין, סטיענקאַ, 229
רייזען, אברהם, 11
רייזפעדער, יעקב, 35
ריימאַנט, וולאַדיסלאַוו סטאַניסלאַוו, 91, 138, 155, 297
רילקע, ריינער מאַריאַ, 92
ריס, פערדינאַנד, 107
ריעזטשיק, א., 93
רמב״ם, 267

ש

ש. (ב. א.), 44
שאַגאַל, מאַרק, 40, 161
שאָופּלער, ר.ה., 100־06
שאַטאַן, מ., 35
שאַפּען, 118
שאַפּענהויער, 140־41
שבתי צבי, 133, 258
שוּבערט, 220
שוואַרץ, י. [י.], 135־36
שוואַרץ, מאַריס, 146
שוואַרץ, מאַרעק, 161
שולצע־דעליטש, הערמאַן, 119, 277
שולשטיין, משה, 93, 172־73
שומאַן, 259
שטייגמאַן, ירחמיאל, 93
שטיין, מ. ב., 81, 92, 102, 152, 165, 167־68, 170, 235, 300
שטיקער, מאיר, 271
שטערן, ישראל, 92, 226, 244
שטערנבערג, נ., 93, 152
שטראַטען־שטערנבערג, ע. פ., 93
שיינבערג, שלמה, 7, 35, 54־55, 81, 93
שילער, 94
שימעל, מאָוריצי (משה), 226, 234
שיפער, י., 47, 51
שיף, משה, 298
שלאַסבערג, ש., 102
שלום־עליכם, 27, 92, 114, 130־32, 179, 262, 302
שליוניאַק, יוסף, 238
שלמה המלך, 127, 267
שלעווין, ב., 174
שניאור, ז., 40, 273
שניאור, משה, 68־69, 235
שעלי, 125
שעליובסקי [משה] יודל, 36
שעפּנער, ב., 279
שעקספּיר, 108, 114, 118, 128, 135, 142, 210, 215, 228
שפּאַנצער, י. ב., 93
שפּאַר [לוי], 107
שפּינאָזאַ, ברוך, 92, 140־41, 159
שפּערקאַ, חיים, 93, 170־71, 274

באַמערקטע דרוקפעלערן

זאָל דער לייענער נישט האָבן קיין פאַראיבל פאַר א טייל אותיות־ און צייכנס־״עמבריאָנען״, ווי אויך צו מאָל פאר די בלויזן אין די ווערטער, פאַר דער אומאיינהייטלעכקייט אין די נ־קודות און אַנדערע אומפּערפעקציעס. צוליבן מצב פונעם ייִדישן דרוקוועזן אין אונדזערע מקומות, האָבן זיי זיך, צום באַדויערן, נישט געלאָזט אויסמיידן. דאָס וועט אפשר שטערן דעם עסטעטישן געשמאַק פונעם לייענער.

זייט	שורה	פון אויבן	פון אונטן	דאַרף זיין
XXiii	1	″ ″		דאָזיקער
2	15	″ ″		אָנגעצונדענער
69	3	″ ″		יעדן
76	15	″ ″		היפּנאָטיזירן
79	5		″ ″	יום־טובדיק
128	3	″ ″		קרעפּטיקן
177	14		″ ″	דערקעגן
177	18		″ ″	אַשס
201	9		″ ″	1925־1916
233	7		″ ″	אייזערנע
236	19		″ ″	צוזאַמענגעטראָפן
258	1	″ ″		און
258	3	″ ″		גנב
258	4	″ ″		ווי
258	16		″ ″	אַריסטאָקראַטיע
263	9		″ ″	ביסל
342	9		″ ″	ווייסנבערג
377	10	″ ″		ליטעראַטור־״אפּוטרופּסים״
377	5		″ ″	ווייסענבערג
404	6		″ ″	27
409	7	″ ″		קרייד...״
415	9	″ ″		לכבוד אָפּאַטאָשון!!!״.
430	1	″ ″		פעלט ז